STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01940

AM HA-TOYRE

Benjamin W. Hendles

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עם התורה

אייביגקייטס און צייט פּראָבלעמען

געקליבענע מאמרים

פון

הרב בנימין זאב הענדלעס

ועד להוצאת ספר „עם התורה"

ניו יורק

תשכ״א

הכתבת:
RABBI BENJAMIN W. HENDLES
860 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

Printed in the United States of America by
BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.
BROOKLYN, N. Y.

אין אומתנו אומה
אלא בתורתה
(רבנו סעדי׳ גאון).

געקליבענע מאמרים

ארום די ענינים:

- אגודת ישראל
- נצחיות ישראל
- ציוניזם און תורה-יהדות
- מדינת ישראל און תורה-אידענטום
- אידישקייט אין אמעריקא
- חורבן און הצלה
- באציאונגען מיט דייטש-עמלק
- גדולי תורה און אגודת ישראל מנהיגים

ומכתבים מגדולי ישראל

לזכר ולדראבון עולם

מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה על אבדן מולדתי וכל משפחתי בווארשה, שעלו על המוקד על קדושת שמו ית׳ בהכליון האיום של עמנו, בידי הגרמנים הארורים ימח שמם, באייראפא

בני בכורי, בבת עיני, הגדול בתורה, ביר״ש ובחסידות **יהודא ארי׳**
(תלמידו של הגאון ר׳ מנחם זעמבא הי״ד)

ואשתו כלתי הצנועה **פייגא** לבית מעלמאן, ממצוינות מורות בית יעקב

בתי היקרה והצנועה **רחל צירקה**, מדריכה בבנות אג״י.
בני המצוין והמופלג בתויר״ש **ישראל צבי**

בתי היקרה והחביבה **חי׳ אסתר**, תלמידת בית יעקב.

ואם הבנים ז״ר החשובה והכשרה מנב״ת
מרת **בלומה שיינדיל** בת דו״ח הרה״ח ר׳ **אברהם יצחק** העגדלעס ז״ל

יזכרם אלקינו לטובה עם שאר הקדושים וצדיקי עולם
וינקום לעינינו נקמת דם עבדיו השפוך.

מ צ ב ת נ צ ח

ל ז כ ר

אדוני אבי מורי ורבי, ת"ח מובהק, צדיק וחסיד,

כש"ת **מנחם מענדיל** ז"ל

בהרה"ג והרה"ח הר"ר **ארי' ליב** ז"ל

מתלמידיו המובהקים של בעל החידושי הרי"מ זצ"ל

נפטר בגיטו וורשה בחורף שנת תש"ב.

אמי מורתי הצדיקת מנב"ת

מרת **חי' אסתר** בת הר' **משה אהרן** ז"ל

נפטרה בש"ט ט"ו אלול שנת תרפ"ד בוורשה.

ת נ צ ב " ה

ו ל ז כ ר

אחותי הצנועה מרת **מינדל** ובעלה הרה"ח ר' **ישכר הכהן פיוטרקובסקי**

אחותי הצנועה מרת **קריינדיל רבקה** ובעלה הרה"ח ר' **מאיר מענדעלזאן**

אחי הרה"ח ר' **אברהם יצחק** ורעיתו מרת **רחל צירקה**

גיסתי הצנועה מרת **מינדל** אשת אחי המנוח הרה"ח ר' **ידידי'** ז"ל

ו י ו צ א י ח ל צ י ה ם

שנרצחו ונהרגו בפולניא בימות השואה ע"י ממשלת זדון האשכנזים ימ"ש

ה' ינקום דמם ותנצב"ה

מוקדש

למזכרת ידידות

ולמצבת עולם

יכתב ויזכר בספר שמו של אוהבי ידידי וחביבי,
גברא יקירא, אוהב ותומך תורה, רחים ומוקיר רבנן,
ואשר זכה לבנות בית נאמן בישראל, דור ישרים מבורך הי"ו
העסקן הציבורי ואגודאי מסור ונלהב

הר' צבי מאיר זילברברג ז"ל
מקליוולנד

בנו החביב של ידידי המרומם הרב הגאון המפורסם וכו'
כש"ת **אברהם בנימין** זילברברג שליט"א, רב בפיטסבורג

אשר נלקח מאתנו בדמי ימיו באופן כה טראגי ופתאומי
אור ליום ג', י"ט טבת, תש"ך.

אהבתו אלינו, מימי נעוריו ועד יומו האחרון, לא ימיש מזכרוננו.

יהי זכרו ברוך לנצח

ת נ צ ב " ה

תוכן הענינים

מכתבי תהלה XIII
הקדמה XVII
מבוא 5

אגודת ישראל

פופציג יאָר זינט האַמבורג 31
45 יאָר זייט קאַטאָוויץ 35
גדולי ישראל און אגודת ישראל (ערשטער מאמר) 41
גדולי ישראל און אגודת ישראל (צווייטער מאמר) 47
גדולי ישראל און אגודת ישראל (דריטער מאמר) 53
גדולי ישראל און אגודת ישראל (פירטער מאמר) 59
וואָס איז און וואָס וויל אגודת ישראל 67
ודבר ה׳ מירושלים 70
גרויסע אויפגאַבען אין אַ גרויסער שעה 75
וואָס ערוואַרטען מיר פון דער פירטער קאָנפערענץ 78
ויעשו כלם אגודה אחת 82
ישנו עם אחד 86
חילוקי דעות אין אגודת ישראל 90
אַ וויכוח מיט צווייפעלהאַפטע כוונות 96
אל נא אחי תרעו 102
נאָך דער קאָנווענשאָן 108
פאַרגעסט נישט דעם עיקר 112

נצחיות ישראל

ווער איז אַ איד 117
מיר זענען יאָ אַן עם הנבחר 124
תשובה שטימונגען ביי דער אידיש־וועלטליכער אינטעליגענץ 130
ולמות לא נתנני 133
פסח — ספירה — שבועות 136
אידישקייט און וועלטליכקייט 141

ציוניזם און תורה יהדות

אפשר שוין צייט פאַר אַ חשבון הנפש (ערשטער מאמר) 149
אין ליכט פון דערפאַרונגען (צווייטער מאמר) 153
ווי ווייט עס קאָן דערגיין (דריטער מאמר) 159
נאָר ניט קיין בלבול המוחות (פירטער מאמר) 166
ענטפער צו קריטיקער פון אגודת ישראל 172
דער אייגענער פראָנט פון אגודת ישראל 177

נייע אָפּענסיווע פאַרן ציוניזם 181
ציוניזם אָדער יהדות 187
אַ „פול און גאַנץ" אידיש לעבען 193
קאַפּיטעל ט"ו... 199

מדינת ישראל און תורה־אידענטום

געראַנגעל פאַר אידישקייט (ערשטער מאמר) 207
וואָס רעליגיעזע אידען פאָדערן פון דער ישראל רעגירונג (צווייטער מאמר) 211
די טענות פון רעליגיעזע אידען אין מדינת ישראל (דריטער מאמר) 215
ווי רעליגיעזע אידען זעען די לאַגע אין מדינת ישראל (פירטער מאמר) 219
תורה־אידישקייט דער יסוד פון ישראל (פינפטער מאמר) 222
צו דער ערעפנונג פון ישראל פאַרלאַמענט 226
יאָ זאָגער, זענען מיר ניט 228
אונזער אָנטייל אין דער רעגירונג און אונזערע פאָדערונגען 231
וועגן נאַציאָנאַלען הימן פון מדינת ישראל 234
ווער עס פירט דעם קאַמף 237
וואָס מען זעט אין ארץ ישראל 243
באַמערקונגען אַרום די כנסת וואַלען 248
אַרום דעם רבנות הראשית 253
זיי מעגען... 260
פאַלשע אַלאַרמען און אמת'ע העברת הדת 264
די טראַגעדיע פון מאַראָקאַנער אידענטום 268

אידישקייט אין אַמעריקא

אַמעריקאַנער אידען מוזען ווייטער שמידען די גאָלדענע קייט 277
אַמעריקא מוז ווערען דער ארסענאַל פאַר אידישקייט 279
אָרטאָדאָקסישע יוגענט — אונזער צוקונפט 282
תורה יוגענט און איר אחריות 285
היינט קומען מיר צום וואָרט 288
פאַר ישראל און קדושת ישראל 291
אַ פאַראייניגטער תורה פראָנט 294
די אָרטאָדאָקסיע און יו. דזשי. עי. 297
ווער זענען די מנהיגים אין דער אידישער אַמעריקא 301
דער ניט־אידישער „אידישער קאָנגרעס" 304

חורבן און הצלה

דער ס. אָ. ס. פון דער זינקענדער אידישער שיף אין פוילען 313
דאָס אידישע אַמעריקא איז נישט הפקר 315
נאָכאַמאָל וועגען פעקלעך קיין פוילען 318
וואָס מיר מוזען איצט טאָן פאַר אידען אין פוילען 321

מעשי ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה 324
אין שעה פון אומגליק ניט פאַרלירען דעם גלויבען 329
אומפאַראַנטוואָרטליכקייט אָדער פאַרברעכען 331
לאָמיר זיי ראַטעווען 335
ראַטעווען און האָפען 338
דער אידישער חורבן און אונזער צוריסענקייט 342

באַציאונגען מיט דייטש-עמלק

קיין מגע ומשא מיט עמלק׳ן 347
דער שידוך מיט עמלק׳ן 350
רעאַל פאָליטיק אָדער מאָראַל 357
צוואַנציג יאָר און שוין פאַרגעסען 362

גדולי תורה און אגודת ישראל מנהיגים

דער גדול הדור (צו דער הסתלקות פון בריסקער רב זצ״ל) 369
רבי יעקב ראָזענהיים (צו זיין 90־טען יום הולדת) 375
דער אמת וועגען קאָצק 380
הקדוש ר׳ אלכסנדר זושא פרידמאן ז״ל 382
ר׳ מרדכי דובין — מאַרטירער פון דער אגודה 384
שווייגען . . .
(צו דער ערשטער יאָרצייט פון הר״א קירשבברוין ע״ה) 387
דערקלערונג וועגען דר. יעקב ישראל דע האַן 389
דר. יעקב ישראל דע האַן ז״ל (צווייטע דערקלערונג) 392

מכתבים מגדולי ישראל

מאת האדמו״ר מגור זצ״ל, בדבר התחזקות היראים וחיזוק האגודה 397
מאת האדמו״ר מגור זצ״ל, בדבר התחזקות
ליהדות החרדית באמריקה 398
מאת האדמו״ר מגור זצ״ל, בדבר התחזקות לאחב״י
פליטי חרב באירופא 399
מאת בעל החפץ חיים זצ״ל, לעסקני אגודת ישראל בווארשא 400
מאת האדמו״ר מגור זצ״ל, בדבר רשת החנוך „חורב״ בפולניא 402
מאת הגאון ר׳ חיים עוזר זצ״ל,
בדבר רשת החנוך „חורב״ בפולניא 403
מאת הגאון ר׳ מנחם זעמבא זצ״ל,
בדבר רשת החנוך „חורב״ בפולניא 404
מאת ועד הרבנים בווארשא
בדבר רשת החנוך ׳חורב״ בפולניא 406
להגאון ר׳ מאיר שפירא זצ״ל, בדבר צוואת ר״א קירשבברוין ע״ה 408

מאמרים באנגלית — בסוף הספר 48 — 1

מכתב עוז

של

ועד הכבוד להוצאת ספר „עם התורה"
מגדולי תורה ומנהיגי ישראל שליט"א

בעזהי"ת

קול אומר קרא

לפני יותר מיובל שנים נתיסדה — ע"י גאוני וצדיקי הדור הקודם — הסתדרות **אגודת ישראל**. המטרה היתה לארגן את כל החרדים לדבר ה', כדי בכחות מאוחדים לחזק ולבצר את חומת הדת והאמונה. להגן על הדבקים בד' ובתורתו, — בהוה ובעתיד, על האבות ועל הבנים, — נגד אלה שקמו מצדדים שונים ובסיסמאות שונות לעקור ח"ו מאתנו יסודי הדת ועקרי האמונה.

ועבודה קדושה זו גדלה והצליחה מאד, בעזה"י. דגל התורה, כמסורה לנו מסיני, נישא ברמה ע"י מאות אלפי חרדים בכל קצוי הארץ. דבר ה' נשמע בגאון ע"י שומרי תורה בכל מקום ובכל זמן שצריך הי' להשמע. הוסרה מעלינו האפוטרופסות של חפשים שונים לדבר בשמנו. הדור הצעיר גודל וחונך לתורה ותעודה, וממשיך ללחום במאבק נגד כל אלה הרוצים להרום חומת הדת.

העבודה הנשגבה וההיסטורית הזאת נעשתה בדרכים ואופנים שונים, כפי הצורך וצו השעה והזמן. חלק גדול של העבודה הענקית הזו, ואמצעי כביר להצלחתה, היתה ע"י שופר העתונות, נאומים, חוברות וכדומה.

אחד ממיוחדי שרידי הבנאים של אגודת ישראל בפולין, ובשנים האחרונות באמריקה, הוא ידידנו הדגול, גברא רבא ויקיר ערך, הרב ר' **בנימין זאב הענדלעס** שליט"א. הרב הענדלעס, הנהו אחד ממנהיגי היהדות החרדית הנאמנים והנלהבים, והוא ספרא רבה, גדול המחשבה ובעל הגיון נפלא, ונואם בחסד עליון. ובמעלותיו הדגולות האלה הוא עבד, עובד ועומד במלחמתה של תורה ויהדות נאמנה, ומסר עשרות ממיטב שנותיו לטובת בנינה של אגודת ישראל והת-פתחותה. והוא אחד מהמיוחדים בתנועה העולמית של אגודת ישראל, שמפיו ומפרי עטו מוציא ומביא את דבר ישראל סבא להמונים רחבים במחנה ישראל.

ידידנו הרב בנימין זאב הי"ו, איתמחי גברא ואיתמחו דבריו, בעסקנותו כבר הגיע לשנות הבינה, שזה יותר מארבעים שנה דבריו נשמעים ומתקבלים בתוך מחננו, ובכל חוגי היראים והשלמים. וכדי שיהיו דבריו נשמרים — בבחינת דברים שצריכים גם לדורות — הננו חושבים לנכון ומועיל מאד שהדברים שהוא פירסם במשך השנים יוכנסו ויודפסו בספר, כדי שרבים יקראו וילמדו דבר אגודת ישראל בקשר לשאלות שונות שעמדו ועומדים על הפרק. בשעה זו שבלבול מוחות וטשטוש גבולין נורא שוררים בעולמנו, שכמוה לא היתה אולי לעולמים, — ראוי ונכון שישמע וישונן קול חוצב להבת אש התורה והדת בנוגע לשאלות השונות שעלו על הפרק בחיי אומתנו, ושרבים מהם עדיין לא ירדו.

בימינו אלה ישנם הרבה, אפילו מאלו הנמנים על מחנה החרדים, אשר — ע"י שיטופי הזמן והמאורעות וע"י עתונות החולנית ומנהיגים תועים ומתעים — נתפסים בדעות ובהשקפות שונות זרות אשר לא מהררי קודש יסודתם.

צו השעה וחוב קדוש, לכן, להזעיק ולעורר, להפעיל ולעודד את לבות בני ישראל הנאמנים, לשמור על דרך עץ החיים, לשאוב ממקורות מים חיים, וללכת בעקבי הצאן בדרך המלך שהורונו רבותינו הגדולים קדושי עליון זי"ע.

ויהי רצון ונזכה ליעוד הנבואי של ומלאה כל הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים, אכי"ר.

ועל זה בעה"ח

בחודש אשר ישועות בו מקיפות, שנת תשכ"א.

(—) אברהם יפה'ן
(ר"מ בית יוסף)

(—) יעקב יצחק הלוי רודרמאן
(ר"מ נר ישראל)

(—) אברהם יהושע העשיל
(אדמו"ר מקאפיטשיניץ)

(—) יצחק הוטנר
(ר"מ ר' חיים ברלין)

(—) אליעזר בהרה"ג רב"צ זילבר
(אב"ד דסינסינעטי)

(—) ישראל שפירא
(אדמו"ר מבלוזוב)

(—) חיים מרדכי קטץ
(ר"מ ישיבת טלז)

(—) מנחם מענדיל יוסף זאקס
(ר"מ חפץ חיים)

(—) יעקב קמנצקי
(ר"מ תורה ודעת)

(—) מרדכי שלמה פרידמאן
(אדמו"ר מבאיאן)

(—) משה פיינשטיין
(ר"מ תפארת ירושלים)

מהגאון מרן ר' אהרן קוטלר שליט"א

בעזה"י כ"ב סיון תשכ"א.

מע"כ ידידי הרב הנכבד ומאד נעלה, חכם וסופר, כביר פעלים לתורה ודת קדשנו, מהו"ר **בנימין זאב הנדלס** שליט"א.

שלו' וברכה!

שבעתי רצון לשמוע כי כמ"ע מכין לדפוס את כתביו המכילים מאמרים ונאומים בענינים הנוגעים לתורה וליהדות, בידעי כי מנעוריו ועד עתה הנהו מראשי הלוחמים לביצור חומת הדת במסירות רבה ובהשכל ודעת, ורכש את אמונם של גדולי ישראל מנהיגי היהדות החרדית בפולני'. — וודאי הרבה מן הדברים שנאמרו לשעתם ערכם רב גם להווה ולדורות, ומביע את השקפת התורה וגדולי' בענינים הכלליים העומדים על הפרק בכל עת.

יישר כחו וחילו לאורייתא, ויזכהו השי"ת לעמוד על משמרתו לאורך ימים טובים ויזכה לראות בהרמת קרן התורה וישראל במהרה.

ידידו עוז מוקירו ומכבדו כרום ערכו ומברכו בהצלחה רבה בבריות גופא ונהורא מעליא וכטו"ס,

אהרן קטלר

מכתב תהלה

ממורנו רבי יעקב רוזנהיים שליט״א

נשיאה של אגודת ישראל העולמית

ב״ה תל אביב, בחדש כסלו התש״כ.

שמועה טובה מארץ מרחק באה אלי, והיא שמועה טובה שתדשן עצם.

ידידי היקר הרה״ג מהור״ר בנימין זאב הענדלעס שליט״א מניו־יארק הודיע לי שמתכונן להוציא לדפוס ממבחר מאמריו שכתב במשך עשרות שנים על אגודת ישראל, על מהותה ועל התפתחותה, ועל הגדולים שעמדו בראשה מעת ייסודה.

הרב הענדלעס הוא ממיסדי אגודת ישראל בארץ פולניה, הוא השמיע בקהלת ורשה שנים רבות את דבר אגודת ישראל. ואחרי שבעה״י זכה לבוא לפני שנות השואה לארצות הברית, היה שם ממנהיגי האגודה הראשונים, עמד תמיד בשורה ראשונה והיה שם תמיד המעורר הגדול שקרא את ההמונים תחת דגל האגודה.

וכן הוא, שהנו מנושאי דגלה של התנועה העולמית, מוכשר במיוחד מאד מאד להודיע ברבים את האמת הגדולה הטמונה באגודת ישראל.

ואני אומר לו נ״י שיישר כחו וחילו לאורייתא להביא את מחשבתו הטהורה מכח אל הפועל. ואני משוכנע שרבים — וביחוד הדור הצעיר — יהנו מטוהר דבריו ומעושר רעיונותיו. וששפרו יהי׳ אוצר נחמד לכל מי שמבקש את דבר אגודת ישראל האמיתי.

אני תפלה שיזכה לראות מהרה את הופעת ספרו שיהי׳ לכל תנועתנו לכבוד ולתפארת.

ובזה הנני בברכות רבות על ראש ידידי נ״י

אוהבו הנאמן הכותב מתוך הערצה רבה,

(—) יעקב רוזנהיים

הקדמה

בעזרת השי"ת.

כל ימי גדלתי בין חכמים. פון מיינע פריעסטע יוגענט-יאָרען בין איך געווען, און זיך באַמיט צו זיין, נאָענט צו גדולים וחכמים בתורה. געוואָלט זיי זעען, הערען און פון זיי לערנען. ווייל אַזוי האָבען מיר איבערגענומען מאבותינו ואבות-אבותינו, אַז אַ איד וואָס וויל וויסען און פאַרשטיין וואָס איז תורה, און וואָס עס זענען די דרכי התורה והשם, קאָן ער עס נאָר באַוווייזען דורך זיין נאָענט, דבוק און מקושר צו גדולי תורה, וועלכע האָבען איבערגענומען בקבלה פון גדולים מדור הקודם, און יענע פון זייערע רביים, און אַזוי עד למשה, אדון הנביאים און רבן של כל ישראל, שקבל את התורה מפי הגבורה. **משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים לנביאים, ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה.** און אַזוי ווייטער מדור לדור ועד היום הזה, צו די גדולי התורה ומאורי האומה אין אונזערע דורות.

אַזוי געפינען מיר אין ספרי פ׳ עקב:

ולדבקה בו, וכי האיך אפשר לו לאדם לעלות במרום ולהדבק בו והלא כבר נאמר כי ה׳ אלקיך אש אוכלה הוא וכו׳, אלא הדבק בחכמים ובתלמידים ומעלה אני עליך כאלו עלית למרום ונטלה וכו׳.

און דאָס רעכענט זיך פאַר אַ מצוה עשה פון די תרי"ג מצות אין דער תורה, ווי עס ווערט געברענגט אין די ראשונים גדולי הפוסקים:

רמב"ם — פרק ו׳ מהלכות דעות, הלכה ב׳:

מצות עשה להדבק בחכמים ותלמידיהם כדי ללמוד ממעשיהם כענין שנאמר ובו תדבק, וכי אפשר לאדם להדבק בשכינה, אלא כך אמרו חכמים בפירוש מצוה זו הדבק בחכמים ותלמידיהם וכו׳. וכן צוו חכמים ואמרו והוי מתאבק בעפר רגליהם ושותה בצמא את דבריהם.

ספר החינוך — מצוה תל"ד, להדבק ביודעי התורה:

שנצטוינו להתחבר ולהתדבק עם חכמי התורה כדי שנלמוד מהם מצותיה הנכבדות, וירונו הדיעות האמתיות בה שהם מקובלים מהם, ועז"נ ובו תדבק. ונכפל הצווי במק"א שנא׳ ולדבקה בו ואז"ל וכי אפשר לו לאדם לידבק בשכינה וכו׳, אלא הדבק לת"ח ותלמידיהם כאילו נדבק בו ב"ה וכו׳. שורש המצוה נגלה הוא כדי שנלמוד לדעת דרכי הש"י. ונוהגת מצוה זו בכל מקום ובכל זמן בזכרים וגם הנקבות מצוה עליהן ג"כ לשמוע דברי חכמים כדי שילמדו לדעת את ה׳. ועובר ע"ז ואינו מתחבר עמהם לקבוע בלבו אהבתם ומשתדל בטובתם ותועלתם בעתים שיש ספק בידו לעשות, כן מבטל עשה זה וענשו גדול מאד כי הם קיום התורה ויסוד חזק לתשועת הנפשות, שכל הרגיל עמהם לא במהרה הוא חוטא. והמלך שלמה אמר הולך את חכמים יחכם, ורז"ל אמרו הוי מתאבק בעפר רגליהם.

* * *

די אגודת ישראל באוועגונג, איז נתיסד געוואָרען דורך די גדולי התורה ושרי היראה פון לעצטען דור. זיי האָבען זי געגרינדעט און זיי האָבען גערופען די חרדי'שע אידען זיך איינצושליסען אין דעם איחוד ואיגוד של יראים ושלמים בתורתם ובאמונתם.

צווישען די בני לוי שבדורנו, וועלכע האָבען זיך געשטעלט צו אָט דער עבודת הקודש, אונטער די גדולי התורה און מנהיגי ישראל, בעת זייער רוף אין דער מחנה ישראל: מי לד' אלינו, האָב איך אויך געהאַט די גרויסע זכי' צו זיין בין הראשונים.

איך באַטראַכט עס פאַר אַ באַזונדערען גאָר-גרויסען זכות, וואָס צו מיין השתתפות אין אגודת ישראל, סיי אין עסקנות בפועל און סיי אין דער אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלערישער אַרבייט, בין איך דירעקט צוגעצויגען געוואָרען אויפן פאַרלאַנג פון רבינו הגדול והקדוש מרן מגור זצוק"ל וזי"ע.

אין פאַרלויף פון העכער פערציג יאָר, האָב איך, בעזרת השי"ת, געטראָגען ציגעל, אַמאָל גרעסערע און אַמאָל קלענערע, צו דעם הייליגען בנין: אגודת ישראל. געטראָגען זיי אויף אַלע געביטען, אין אַלע צייטען, אין אַלע אומשטענדען, און אין אַלע מקומות. זייט דער אַנטשטייאונג פון דער אגודת ישראל באַוועגונג, און איר פּאַקטישער אָרגאַניזירונג ביים סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָב איך מיך שוין באַטייליגט אין אַלע אַקטיוויטעטען, קאַמפּען, געראַנגלען און דערגרייכונגען פון דער באַוועגונג, און אין איר ענטוויקלונג און אריינדרינגונג אין די ברייטסטע קרייזען פונם רעליגיעזען אידענטום. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו רעפּרעזענטירען די אגודת ישראל במשך יאָרען אַלס איר פּרנס אין דעם ועד-הקהלה פון דער עיר ואם בישראל — וואַרשאַ. און אויך געהאַט די זכי' זיך צו באַטייליגען אין אַלע פיער כנסיות גדולות, (אין יאָר תרפ"ג און תרפ"ט אין ווינן, אין תרצ"ז אין מארינבאד, און אין תשי"ד אין ירושלים עיה"ק תובב"א).

* * *

איך ווייס מך ערכי הדל והשפל, אָבער ווי ווייט מיינע מענשליכע כחות האָבען דערגרייכט, האָב איך מיך שטענדיג באַשטרעבט צו זיין ערליך און בלי נגיעה עצמית ופני' צדדית, ווי עס איז דער דרך התורה, דער דרך האמת, און ווי מיר האָבען עס געזעען ביי די גדולי התורה וצדיקי האמת. אַ וודאי קאָן אַן אדם פשוט נישט זאָגען, אַז ער איז ביכולת צו דערגרייכען צו אַזעלכע מדרגות. אָבער ווי טייטשט דאָס הגה"ק הרבי ר' בונם פון פּשיסחא זצ"ל דעם מאמר חז"ל (תדבא"ר פ' כ"ה): **...שכל אחד ואחד מישראל חייב לומר מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי אברהם יצחק ויעקב** וכו', ווי קאָן דאָס אַ מענש זיך פאַרמעסטען אפילו צו טראַכטען צו דערגרייכען די מדרגות פון די אבות העולם? נאָר **יגיעו** מיינט מלשון **נגיעה**. מען דאַרף מתפלל זיין און זיך מייגע זיין, צו האָבען כאָטש אַן אָנריר אין זייערע גרויסע מעשים.

אייביג און אומעטום, ביי יעדען פאַל און ביי יעדען פּראָבלעם, האָב איך **זיך תמיד באַמיט צו האָבען פאַר מיינע אויגען און מחשבות, נאָר די מטרה**

און די טובה פון אגודת ישראל און דעם תורה׳דיגען כלל ישראל, און זיך ניט געדעכענט מיט קיין שום זייטיגע, און אפילו פערזענליכע, מאָטיווען אָדער אינטערעסען. ווי דער גאון רבי מאיר שמחה הכהן זצ״ל מדווינסק, איז מפרש דעם פסוק:

כי יהיה להם דבר בא אלי (יתרו). פירוש, הדבר בא אלי בלא השקפה על האנשים כלל ורק הדבר בעצמו ולכן כתוב בלשון יחיד. והוא כי הוא דן בלי משא פנים כלל.

עס איז ניט קיין סוד. עס איז גלוי וידוע פאַר יעדען וואָס האָט נאָר אַן אַנריר מיט עסקנות בצבור, אַז דאָס שטיין יאָרען אינם קאָך פונם געזעל־שאַפטליכען לעבען איז ווייט ניט מסוגל צו דערהאַלטען דעם מענשענס פערזענליכע ריינקייט און ערליכקייט. אַמאָל געשעט די הכשלה בשוגג און אַמאָל במזיד. אַמאָל קאָן מען ניט עומד בנסיון זיין, און אַמאָל־גאָר שטעלט דער שטן פאַר די השחתה אַלס אַ דבר טוב ומועיל. און אויב אַ מענש אין עסקנות האָט די סייעתא דשמיא נאָך יאָרען־לאַנג צו בלייבען ריין מיט זיין געוויסען כלפי אלקים ואנשים, קאָן ער עס נישט צושרייבען זיינע אייגענע כחות און זכותים, נאָר דעם זכות פון זיינע גרויסע משלחים די גדולי וקדושי ישראל, וועלכע האָבען זיין עסקנות פאַרלאַנגט און אים מעודד געווען און נגעגעבען התחזקות אין זיינע שיטות, אין זיינע דרכים און אין זיינע האנדלונגען.

דאָס התעסקות אין כלל אַרבייט פון אגודת ישראל, דאַרף מען זעען אַלס אַן עבודת הקודש צו וועלכער מען דאַרף צוגיין מיט ערנסט און כובד־ראש. און בעיקר, מיט ערליכקייט, ריינקייט און זיך מתכוון זיין לשם שמים. איך האָב דאריבער, בעזר השם, שטענדיג געזאָגט און געשריבען, נאָר דאָס וואָס איך האָב לדעתי געהאַלטען פאַר ריכטיג, פאַר ערליך און לטובת הענין. און דערביי זיך קיינמאָל ניט אומגעקוקט, צי דאָס וועט יאָ אָדער ניט וועמען־עס־איז געפעלען. אפילו בעת איך האָב זער גוט געוואוסט, אַז אַזעלכעס העלפט ניט צו ווערען „פּאָפּולער״, און דאָס איז אויך ווייט ניט מסוגל צו „פערזענליכען״ ערפאָלג...

אויב איך האָב זיך יאָ מיט וועמען גערעכענט, איז עס געווען די בני תורה ויראי השם, וועלכע וואַרטען — אין דער היינטיגער צייט פון פעלשונגען פון אַלע ווערטען און באַגריפען, און אפילו פון זיוף התורה והלכה — אויף אַ וואָרט וואָס זאָל אויסגעטייטשט ווערען לאמתן של דברים, לויט די השקפות און דעת־תורה פון די גדולי התורה.

* * *

דאָס שאַפען דעם איחוד עולמי פון תורה־אידען, איז געווען אַ היסטאָ־רישע נויטווענדיגקייט, און אַן עפּאָכע־מאַכענדע געשעעניש אין אידישען, און ביחוד אין אידיש־אָרטאָדאָקסישען, לעבען. די גרינדונג פון דער אגודת ישראל אַלס אַן אַלוועלטליכע באוועגונג, האָט אריינגעברענגט ביים רעליגיעזען אידענטום אַ נייע ערא פון תורה׳דיגען באַוואוסטזיין פאַר זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּהענגיקייט. זי האָט באַפרייט דאָס תורה־אידענטום פון דעם אַרויפ־געצוואונגענעם אַפּוטרופּסות פון די כל׳ערליי חפשים און חפשיות, פון דעם

אזוי-וויטאַגליכען „גלות ביי אידען", און זיי פאַרוואַנדעלט אין אַן אָרגאַניזירטען תורה'דיגען כלל ישראל, וועלכער רעפּרעזענטירט זיך אליין, זיינע אינטערעסען און געברויכען.

בעת חפשיות'דיגע כחות פון אַלערליי שאַטירונגען, און מיט כל המינים פרעמדע שיטות און ניט-אידישע השקפות, האָבען זיך אָרגאַניזירט און געוואָרען אקטיוו אינ'ם אידישען לעבען, אַלס ציבור'דיגע כחות און השפעות, איז געווען, און געמוזט זיין, די הוראת-שעה און חובת הזמן, אויך פאַר תורה-אידען, מאמינים ויראי ד', זיך מאחד זיין צו אַ תורה'דיגען כח-הרבים, בכדי צו קאָנען דערהאלטען דעם תורה'דיגען דרך החיים.

אויך דאָס אוועקשטעלען גדולי ישראל בראש דער אגודת ישראל, איז געווען אַן עפענטליכער אַקט פון **החזרת עטרה ליושנה**. דאָס אָרגאַניזירטע יהדות-החרדית האָט דערמיט אונטערגעשטראָכען, אַז אידיש לעבען, און בפרט אידיש צבור לעבען, דאַרף רעגולירט ווערען לויט די חוקי התורה און דת משה וישראל; און דערמיט מאַניפעסטירט לעיני כל, אַז **עם ישראל** איז אַן — **עם התורה**, וואָס דאַרף זיין אונטערגעוואָרפען — **דעת התורה**.

* * *

די אגודת ישראל אין דער וועלט, און במיוחד אין אייראָפּא, און גאַר-ספּעציעל אין פּוילען, איז טאַקע אויסגעוואַקסען צו אַ ריזיגען כח און צו ווירקענדען און דעמאָנירענדען פאַקטאָר, פון אַ תורה'דיגען כלל ישראל פאַר תורה-יהדות און פאַר אַלע עניני וצרכי-הכלל.

די ראָל אָבער פון אַן אָרגאַניזירט אומאָפּהענגיק וועלט-אידענטום פון שומרי תורה ומצות אין דער אגודת ישראל, איז ווייט ניט פאַרענדיגט. די פּראָבלעמען און די סכנות פאַר דערהאַלטען דאָס אידישע פאָלק אַלס דאָס **עם התורה**, זענען היינט ניט וויינינגער ווי אַמאָל, בשעת איר התיסדות מיט העכער פופציג יאָר צוריק. פאַרקערט גאַר. מיר לעבען היינט, — נאָכ'ן מורא'-דיגען און אומפאַרשטעלבארען חורבן ישראל, און נאָך דער אנטשטייאונג פון דער מדינת ישראל, — אין אַ תקופה פון אומפארגלייכליכע נסיונות און הסתרת-פּנים. דער בלבול המוחות און טשטוש הגבולין איז אַזאַ גרויסער, אַז אפילו ערליכע אידען, תמימים ומאמינים, זענען אויך באדראָט מיטגעריסען צו ווערען פון די שטופי הזמן והענינים, וועלכע פארפולען דאָס אידישע לעבען און די אידישע הערצער און מוחות.

דאריבער זעט זיך דער געדאנק פון אונזערע גדולי ומנהיגי ישראל פאַר אַן איגוד ואיחוד הכחות של החרדים לדבר ד' ותורתו, היינט נאָך בולט'ער, נויטיגער און דרינגענדער ווי ווען-עס-איז אין פריערדיגע זמנים.

* * *

נאָך דעם גרויסען און שוידערליכען חורבן ושממה וואָס עס האָט געטראָפען אונזער עם ישראל, און גאַר במיוחד דאָס אייראָפּעאישע אידענטום, מיט אַלע אירע מבצרי התורה ועבודה, יראה וחסידות, וועלכע זענען במשך

דורות געוועזן דאָס האַרץ און נשמה פון אידען און אידישקייט, — איז יהדות־התורה געבליבען מאוים׳דיג פאַראַרימט ובמתי־מעט. עס זענען אומגעקומען די גרעסטע, שטאַרקסטע און איינגעפונדעוועןדסטע תורה און יהדות צענטערן, וקהלות הקודש שמסרו נפשם על קדושת שמו יתברך. און מיט זיי אויך די אדירי התורה וקברניטי האומה, וועלכע האָבען געפירט, געלערנט און מכריע געוועזן אין אַלע שאלות ובעיות שעלו על הפרק בחיי עם ישראל, און געוויזען דעם דרך התורה אשר נלך בו.

אין אַט דער גרויליכער צייט איז דעריבער דער חוב פון אונז, שארית ישראל שנשארו נאמנים לד׳ ותורתו, זיך צו האַלטען פעסט און עקשנות׳דיג אין די דרכי־היהדות, וועלכע די גדולים וקדושים האָבען אונז געלערנט. איבער׳חזר׳ן זייערע רייד, מעמיק זיין אין זייערע שיטות און דעת־תורה, און מדמה זיין מילתא למילתא פאַר אַלע אקטועלע שאלות און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פאַר וועלכע דער **עם התורה** שטייט בזמננו אלו, בכל ארצות הגולה ובארצנו הקדושה.

אַ צאָל פון מיינע פריינט, צווישען זיי גדולים בתורה, תלמידי חכמים ואנשי מעשה, האָבען מיך דעריבער צוגערעדט צונויפצוזאַמלען מיינע מאמרים, וועלכע איך האָב פאַרעפענטליכט אין פאַרשידענע צייטען, (לדאבוני איז מיר כמעט גאָרניט געבליבען פון מיינע מאמרים אין די צייטען קודם החורבן), וואָס אין זיי קומען צום אויסדרוק די שיטות פונם יהדות־התורה און די השקפות פון אגודת ישראל, — לויט ווי מיר האָבען געלערנט, פאַרשטאַנען און מקבל געוועזן ביי די גדולי ומאורי ישראל, — און זיי אַרויסגעבען אין אַ ספר־פאָרם.

עס איז אָן ספק פון גאָר־גרויסער וויכטיגקייט, אַז דאָס אַלעס וואָס מיר האָבען געהערט און געלערנט מרבותינו הגדולים, זאָל באַקאַנט ווערען אין די ברייטסטע קרייזען, ובכל החוגים, פונם יהדות־הנאמנה. בפרט פאַר די יונגערע און אונטערוואַקסענדע דורות בני תורה ויראי השם, וועלכע האָבען ניט געהאַט די זכי׳ צו זיין נאָנט צו זיי, די גאוני ישראל וצדיקי הדור הקודם, און לערנען מפיהם. זאָלען זיי ווייניגסטענס האָבען די געלעגענהייט צו הערען זייער דעת־תורה און לערנען זייערע דרכים, מפי כתבם.

* * *

מיט׳ן אַרויסגעבען דעם קובץ מאמרים „**עם התורה**", זענען מיר זיך אויך מתכוון צו שטעלען אַ **מצבת־קודש** פאַרן גאַנצען גרויסען קרייז און סביבה אין דער אַלטער אַמאָליגער היים, אין וועלכער מיר זענען מגודל און נתחנך געוואָרען, און אין וועלכער מיר האָבען זיך אויסגעלעבט רוב משנותינו.

זאָל דאָס זיין מצדי, אַ קליינער און באַשיידענער צושטייער צו דעם אייביגען און הייליגען אָנדענק פאַר דעם מיליאָניגען אידישען ישוב אין פּוילען, און פאַר דער ריזיגער אידישער קהלת ישראל הקדושה אין וואַרשא, וועלכע האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם גרעסטען, שטאַרקסטען און אַקטיווסטען צענטער פאַר תורה און יהדות אין דער אידישער וועלט.

— פאר אלע מקדשי־מעט, בתי כנסיות, בתי מדרשים און בתי חסידים; פאר אלע בתי־חינוך, ישיבות, חדרים און בית־יעקב׳ס.

— פאר אלע גאונים, אדמורי״ם, רבנים, תלמידי־חכמים, חסידים ואנשי מעשה; פאר אלע מנהיגים, עסקנים און חברים פון דער אגודת ישראל באוועגונג אין אלע אירע טיילען, אפצווייגונגען און גרופען; פאר אלע נאנטע, אוהבים וידידים, וואס מיט א טייל פון זיי איז געווען נפשי קשורה בנפשם.

— און פאר דעם גאנצען קוואלענדיגען און הייליגען אידישען לעבען אין דעם אזוי־ווארימען און אזוי־הארציגען אידיש־לומדישען און חסידישען פוילען, וואס האט געשפרודעלט מיט אזויפיל תורה און חכמה, חסידות און יראת שמים, דעת און פקחות, באוואוסטזיין און באשטערבונגען פאר יהדות הנאמנה והמסורתית. און בתוכם, אויך פאר מיין גאנצער משפחה היקרה העדינה והחשובה, פון וועלכער איך בין, בעוונותי הרבים, געבליבען בדד וגלמוד.

פאר זיי אלע, וועלכע זענען אומגעקומען און פארשניטען געווארען — דורך די רשעים ארורים, די בלוטיגע דייטשע עמלקים, ימח שמם וזכרם — בתוך כל אחינו בני ישראל, הקדושים והטהורים, שנהרגו נשחטו ונשרפו על קדושת שמו יתברך ויתעלה.

אלה אזכרה ונפשי עלי אשפכה...

את אלה המזבחות זכור ואלה עקדות תראה, והנחם ושכך אף וכלה חמה ותשבית שוד ושבר מעמך.

* * *

אז איך קוק צוריק אויף מיין לעבען, אויף אלע אפגעלאפענע יארען, דערזעה איך, לדאבוני הרב, מיין קליינעם און ארימען גייסטיגען באגאזש וואס איך האב מיר אנגעקליבען. משמשתי את כל כלי ואין. וויניג תורה, וויניג עבודה, און גאר־וויניג מעשים טובים. בלייבען בלייבט מיר בלויז מיין ארבייט פאר אגודת ישראל, אין וועלכער איך האב עוסק געווען ברצינות ובאמונה כל ימי חיי, מיום עמדי על דעתי ועד היום הזה. זה חלקי מכל עמלי.

האדמו״ר הקוה״ט מרן מגור זצ״ל, האט אמאל געזאגט: **די האר זענען שוין ווייס, ווען עס וועט קומען די צייט פאר אפגעבען דין וחשבון, וועל איך זאגען, אז איך האב געטאן פאר אגודת ישראל.** ער זי״ע, דער אדם גדול וקדוש שבדורנו, וועלכער האט אנגעצונדען דורות און וועלטען גאנצע מיט אש דת קודש פאר תורה, חסידות און עבודת השם, האט דערמיט אונטערגעשטראכען, און אונז געלערענט, אז דאס טהון פאר דער אגודת ישראל איז בזמננו פון די געהויבענסטע עבודות הקודש. פאר אזא אדם עני בדעת ועני ממעש כמוני, זענען זיינע הייליגע ווערטער א געוואלדיגע התחזקות. ויהי רצון ותהי׳ עבודתי ועסקנותי באגודת ישראל זכותי בזה ובבא.

* * *

ואני תפלה, אַז די דאָזיגע זאמלונג פון מאמרים, אונטערן נאָמען: **עם התורה**, וועלכע זענען געשריבען געוואָרען לכבוד ד׳, תורתו ואמונתו, און פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אונזערע הייליגסטע קניני וקדשי האומה, וועלען זיין בבחינת **דברים היוצאים מן הלב ונכנסים אל הלב** — וועלען ביימראָגען צו באגייסטערן און אינספירירען וואָס-ברייטערע אידישע קרייזען צו ארבייט פאַר תורה-יהדות, און צום אָפּוועך-קאַמף געגען די אַלע מכשולים און מכשולים וואָס שטייען אויפן וועג פונ׳ם **עם התורה** צו דערפילען זיין ג-ט׳ליך שליחות, להגדיל כבוד שמים, כבוד תורתנו הקדושה וכבוד ישראל.

ויהי רצון לפני אדון כל ונזכה במהרה בימינו להרמת קרן ישראל סבא, ולישועת ישראל השלמה והאמיתית בביאת גואלנו הצדק, אמן.

בנימין זאב הענדלעס

נ׳יו־יורק, בחודש שניתנה בו התורה, תשכ״א.

לטוב ולברכה יזכר כבוד ידידי ורב חביבי הרב ר׳ **יחיאל הלוי עלבוים** שליט״א בעד עזרתו בסידור ובעריכת הספר. וכן תשואות חן לאהובי וידידי ר׳ **יוסף פרידנזון** הי״ו בעד עצותיו והערותיו היעילות. יהי שכרם כפול מן השמים להתברך בכל מילי דמיטב.

ואלה יעמדו על הברכה

רחשי תודה, הכרה והוקרה, אביע בעד עידודם ועזרתם להופעת ספר הנוכחי,
לאוהבי הנאמנים וידידי הדגולים, ה״ה:

הרב ר׳ יצחק מאיר הכהן לוין שליט״א, מירושלים עיה״ק
מגדולי היחס והמעש, קברניט תנועתנו ומראשי׳ מיום הוסדה, יושב ראש ועד הפועל ויושב ראש ההנהלה של אגודת ישראל העולמית.

ר׳ אהרן גודמאן שליט״א, מלונדון
מראשי התנועה ולוחם אמיץ בעד כל קדשי עמנו רבות בשנים, יושב ראש ועד הפועל העולמי של אגודת ישראל באייראָפא וחבר להנהלת התנועה העולמית.

ר׳ שבתי פרענקעל שליט״א, מניו־יורק
מותיקי עסקני אגודת ישראל הנאמנים, מופלג ומופלא, איש תבונות, נדיב ושוע ומוקיר תורה ולומדי׳.

ר׳ צבי הירשל רובינשטיין שליט״א, מטורונטו
מטובי וחשובי עסקני תנועת אגודת ישראל בקנדה, נדיב ורב פעלים המפורסם בפזרונו למען מוסדות התורה והחסד.

ר׳ עקיבא זילברברג שליט״א, מפיטסבורג
אברך כמדרשו, עסקן ציבורי נעלה ואגודאי נאמן, יקר רוח ונדיב לב, עושה ומעשה לתורה ותעודה.

ישלם להם ד׳ כפעלם הטוב ויתברכו ממעון הברכות במיטב הברכות, ויזכו להמשיך בעבודתם הפורי׳ מתוך בריאות מעליא, נחת והרחבה, למען אגודת ישראל, כלל ישראל, וקדשי ישראל.

הטיבה ה׳ לטובים

הנה מקום אתי לקבוע ברכה מיוחדת ומשולשת
לרעיתי החשובה והצנועה, המשכלת והעדינה,
מרת **צפורה פייגא** תחי׳
בת ר׳ ישראל ומרת מלכה ציוני ע״ה
בת בתה של הגאון הגדול
ר׳ אליעזר דון־יחייא זצ״ל אבד״ק **לוצין**
שעומדת בסגולותי׳ ובמדותי׳ התרומיות לימיני
ולעזרתי בחיי הפרטיים והציבוריים

יאריך ד׳ ימי׳ ושנותי׳ בטוב ובנעימים
עד כי יבוא ינון.

מבוא

דאס אָרט פון אגודת ישראל אינ׳ם פוילישען אידענטום

מיט אונזערע יעצטיגע שורות, האָבען מיר זיכער ניט בדעה צו שרייבען די געשיכטע פונ׳ם מזרח־אייראָפּעאישען רעליגיעזען אידענטום. און אויך נישט די געשיכטע פון דער אגודת ישראל באַוועגונג, וועלכע איז געוואָרען אין אונזער לעצטען דור, דער גרעסטער מכשיר און משפיע פאַר אויפלעבונג און התחזקותביים תורה־אידענטום אין די אייראָפּעאישע מדינות.

דאָס שרייבען אַזאַ געשיכטע און געבען אַ בילד, אפילו אין קורצע שטריכען, פון אָט דעם וואונדערליכען אידענטום און בליענדער אידישקייט, דאַרף געטאָן ווערען באַזונדער, און אין אַ פיל גרעסערן און אויספירליכערן פאַרנעם. אַזאַ אַרבייט איז קובע ברכה לעצמה.

אָבער ווייל אין אונזערע מאמרים ווערט זעהר פיל, און אפשר גאָר הויפטזעכליך, באַרירט די מזרח־אייראָפּעאישע ישובים, זייערע תורה־אידען, זייערע תורה־גדולים, און זייער תורה־יהדות, האַלטען מיר פאַר וויכטיג דאָ צו עפענען כאָטש אַ קליין פענסטערל, דורך וועלכען מ׳זאָל זיין ביכולת על־כל־פנים אַ בליק כאַפּען אויף אָט יענע אידען און זייער אידישקייט, זייער אויפבלי און זייערע מסירת־נפש׳דיגע אָנשטרענגונגען פאַר דערהאַלטען תורה און יהדות. און דערביי אויך אויף דער אגודת ישראל באַוועגונג, וואָס מיט איר אָרגאַניזירטער זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּהענגיקייט איז זי געוואָרען אַזאַ גרויסער און אומשאַצבאַרער גורם פאַר החזקת התורה והדת ביי אידען בכלל און פאַר די אונטערוואַקסענדע דורות בפרט.

מיר רעדען און דערמאָנען אָמיינסטען דעם אידישען ישוב אין פוילען, דערפאַר ווייל מיר קומען פון דאָרטען, — און מיר זענען פאַקטיש קיינמאָל פון דאָרט נישט אַוועק, אפילו בעת מיר זענען אין אַמעריקא. מיר האָבען דאָרט געלעבט און געווירקט, ממילא איז עס אונז מער און נאָענטער באַקאַנט. אָבער עס דאַרף זיין קלאָר, אַז אַלעס וואָס מיר דערמאָנען איז חל אויף גאַנץ מזרח־אייראָפּא און אירע אידיש־אָרטאָדאָקסישע קיבוצים. אַלעס וואָס איז פאָרגעקומען אין פוילען איז געווען אין אַ גרויסער מאָס ענליך צו אַלע אַנדערע שכנות׳ע מדינות. אין פוילען איז עס געווען אויף אַ גרעסערן פאַרמאַט, ווייל דער אידישער ישוב דאָרט איז געווען, בכמות ובאיכות, אַ גרעסערער און שטאַרקערער. און ממילא איז ער געוואָרען דער מוסטער און טאָן־געבער פאַר אַלע אַנדערע קלענערע און שוואַכערע אידישע ישובים.

מיר האַלטען אַזאַ קורצען איבערבליק פאַר זעהר וויכטיג, ספּעציעל אין אונזער יעצטיגער צייט. ווען, בעוונותינו הרבים, עס זענען יענע גרויסע אידישע ישובים, און יענע הייליגע אידישקייט, הרוב געוואָרען און פולשטענדיג אומגעבראַכט געוואָרען דורך

די שוידערליכע משחיתים פון דייטש־עמלק ימ״ש, און פאַר נייער דורות אידען הויבט עס שוין באַלד אָן אויסצוזעען ווי עפּעס לעגענדאַרישעס פון אַ ווייטער אַמאָליגער געשיכטע.

פאַר אונז איז עס דאָך ערשט דער נאָנטסטער נעכטען. ערשט איז עס דאָך געווען פאַר אונזער אַלעמענס אויגען. מיר אַליין האָבען דאָך מיטגעלעבט מיט יענע וואונדערליכע אידען, מיט יענע פאַרהייליגטע תורה־ריזען, און מיט יענער גלאַרייכער יהדות־הנאמנה. און נאָר דורך דער פלוצלינגער קאטאסטראָפע דורך דער דייטשער אומפאַרגלייכליכער אכזריות איז דער חורבן בית ישראל געשעען, און דער גרויסער אידישער ישוב מיט זיין לעבעדיגער און שפּרודלדיגער אידישקייט איז אַזוי מורא׳דיג פאַרשניטען געוואָרען.

זאָלען די קהלות הקודש שמסרו נפשם, בחייהם ובמותם, בעד קדושת שמו יתברך, ובעד תורתו ואמונתו; זאָל די אגודת ישראל מיט אַלע אירע גדולים, מנהיגים, עסקנים און חברים אין די אלפים ורבבות; זאָלען זיי אַלע שטיין אייביג פאַר אונזערע אויגען, דינען פאַר אַ מוסטער פאַר אונז און פאַר אונזערע נאָכקומענדע דורות, וואָס עס מיינט יהדות, און וואָס עס מיינט אַרבייט און מסירת־נפש פאַר יהדות.

* * *

דאָס פוילישע אידענטום איז, אין פאַרלויף פון די לעצטע הונדערטער יאָר, זיך צעוואַקסען אַלס די גרעסטע מעטראָפּאָליע אין דער אידישער וועלט. אויך אין גייסטיגען זין איז ער געוואָרען דער וויכטיגסטער און וואַגיגסטער צענטער פאַר תורה און יהדות. אין די גאַר־לעצטע דורות, מיטן צעשפּרייטען זיך און אויפוואוקס פון חסידות, איז דער גרויסער אידיש־פּוילישער קיבוץ געוואָרען דער צענטראַלסטער פונקט פונ׳ם רעליגיעזען וועלט־אידענטום. תורה און עבודה, יראת שמים און חסידות, זענען געוואָרען די גייסטיגע חיונה פון די ברייטסטע אידישע מאַסען; אידישע שטעט און שטעטלעך זענען פול געוואָרען מיט תורה און אידישקייט; ישיבות גדולות וקטנות זענען וואָס־אַמאָל מער נתרבה געוואָרען; בתי מדרשים און בתי חסידים זענען געוואָרען מלא וגדוש מיט תלמידי־חכמים און בני תורה, מיט חסידים ואנשי מעשה; תורה־חינוך פאַר יוגענט און פאַר תינוקות של בית רבן, איז געווען דער ערשטער און וויכטיגסטער חוב פאַר יעדען יחיד און פאַר יעדען צבור; רבנים, גדולים בתורה וביראה, זענען געווען אין אַלע מקומות די ראשי ומנהיגי העדה; און חסידישע אדמורי״ם, מפורסמים בתורה ובצדקות, זענען געווען די משפיעים און עיני־העדה.

אַזוי איז זיך צעוואַקסען, בכמות ובאיכות, דער אידישער ישוב אין פוילען. ער איז במשך דער צייט געוואָרען דער גרעסטער, שטאַרקסטער און אידישסטער ישוב אין דער וועלט. און ביים תורה׳דיגען כלל ישראל, איז ער געוואָרען ממש דער תלפיות, דער — תל שכל פיות פונים בו.

אזוי איז עס געגאַנגען צייטען און צייטען לאַנג. במשך דורות האָט זיך אַזוי דאָס אידישע לעבען געפירט אויף אירע פעסטע, נאָרמאַלע און איינגעפונדעוועטע יסודות. אידען האָבען געלעבט מיט תורת משה ומסורת אבות במעשיהם ובמחשבותיהם, און מיט אמונת השם ברוחם ובנשמתם. אַזוי לאַנג ווי עס איז געווען — עולם כמנהגו נוהג.

אין די לעצטע צייטען אָבער האָט זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אַן איבערברוך אינ׳ם גייסטיגען מצב פונ׳ם אידישען לעבען. במשך דעם לעצטען דור־צוויי האָבען זיך

אַריינבאַקומען אין דער אידישער מחנה אָרגאַניזירטע גרופּען מיט פרעמדע אידעען, געבויטע אויף וועלטליכע יסודות; מיט השקפות ניט־אידישע, אשר לא שערום אבותינו ואבות־אבותינו, אָבער דערפאַר לאָקענדע און פאַרפירערישע, האָבען זיי אַריינגעברענגט אַ צומישעניש אין די אידישע פאָלקס־רייען; מיט לאָזונגען וועגען אידישער „אויפלעבונג", „באַנייאונג" און „רענעסאַנס", נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, הומאַנישע און קולטורעלע, האָבען זיי אָנגעפאַנגען מיטרייסען מיט זיך טיילען פון אידישע מאַסען, און ספּעציעל יוגענטליכע. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פּראָצעס פון גייסטיגער ירידה, פון באו פריצים ויחללוה.

איינזעענדיג די אויפגייענדע סכנות פאַר יהדות־התורה, האָבען די גדולי ישראל געפילט דעם אחריות פאַר אָפּשטעלען די פרצות בחומות בית ישראל. דאַמאָלס האָבען די גדולי התורה און מנהיגי הדור צוזאַמענגענומען די מחנה ישראל, וועלכע זענען געבליבען גאַנץ בתורתם ובאמונתם. פאַר החזרת העטרה ליושנה. זיי האָבען מיסד געווען די אַלוועלטליכע תורה־באַוועגונג אגודת ישראל, מיט אירע מטרות: שטיין על המשמר לחזק ולבצר את בית ישראל סבא; דערהאַלטען דעם עם ישראל אַלס דעם עם התורה; און געגענשטעלען זיך און אָפּשלאָגען די פּרואוּוען פון די, וועלכע ווילען דאָס עם הקדוש והנבחר פאַרוואַנדלען אין אַ ככל הגוים בית ישראל. זיי האָבען זיך געווענדעט צום כלל ישראל מיט'ן רוף: מי לה' אלינו!

* * *

דער דאָזיגער רוף פון די רעליגיעזע מנהיגים איז דערהערט געוואָרען. נישט בלויז דערפאַר ווייל אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען זיך שטענדיג צוגעהערט צו די רייד פון זייערע מנהיגים, נאָר אויך דערפאַר ווייל דער דאָזיגער רוף האָט געענטפערט אַ נאָגענדיגען באַדאַרף פון דער דאַמאָלסטיגערווירקליכקייט. וואָרים יעדער האָט געפילט ווייטאָגליך די אָפּהענדיגקייט, וועלכע איז געקומען פון מאַנגעל אין אָרגאַניזאַציע, פון פעלען פון אַ פאַראייניגטען ווילען אויסגעדרוקט אין מעשים.

איז דאַריבער דער רוף פון די גדולי ישראל צו אָרגאַניזירען זיך אין אגודת ישראל געקומען ווי אַ נויטווענדיגער דבר בעתו, און האָט אָפּגעקלינגען אין יעדענס האַרץ און מוח.

אין אַ קורצער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסצוטיילען די אָרגאַניזאַציאָנאַלע פאָרמען. א וודאי זענען זיי אין דער התחלה געווען עטוואָס שלאַבעריג, די אַרבייט פון אומערפאַרענע אָנהויבערס — זענען דאָך אונזערע אָרגאַניזאַטאָרען און עסקנים, שרייבער און רעדנער, געקומען פונ'ם בית המדרש, פון שטיבעל, און פון דער ישיבה, וואו מען האָט זיך ניט אָפּגעגעבען מיט אַזעלכע חיצונות'דיגע פאָרמעלע ענינים, — אָבער דערפאַר איז די טעטיגקייט אין יענע בראשית־יאָרען פון אגודת ישראל געווען דורכגעדרונגען מיט חסידישען התלהבות, מיט יוגענטליכען ברען, מיט חרדת־הקודש־צוגאַנג ווי צו אַן עבודת הקודש, וואָס עס איז באמת געווען.

מיר האָבען זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט און אין קאַמף מיט עכטער באַגייסטערונג, מיט איבערגעגעבענהייט און מיט שעפערישער לעבענס־פרייד. ווייל, — ערשטענס, האָבען מיר שטענדיג אויסגעפאָלגט די פאַרלאַנגען פון אונזערע רביים און תורה מנהיגים; צווייטענס, האָבען מיר אויך אַליין פאַרשטאַנען די נחיצות פון דער

דאָזיגער יהדות־אַרבייט; דריטענס, האָט עס אונז געגעבען אַ געפיל פון פערזענליכער סאַטיספאַקציע פון צבור׳דיגער צוגעהעריגקייט.

מיר האָבען געפילט דעם שטאָלץ פון זיין אַ טייל פון אַ גרויסען, אָרגאַניזירטען, דינאַמישען כוח פונ׳ם עם התורה. און יעדער איינער פון אונז האָט עס באַטראַכט אַלס זכי׳ צו האָבען דאָס רעכט צו זאָגען: אויך איך האָב עפּעס בייגעטראָגען דערצו. אויך איך האָב אַ חלק אין די פירות פון אָט דער עבודת הקודש, אין די דערגרייכונגען פון אָרגאַניזירטען אין אגודת ישראל תורה׳דיגען צבור.

* * *

די רעזולטאַטען און פירות פון אָט דער התלהבות׳דיגער אַרבייט, זענען געווען בעזרת השם, גאָר אָנזעעוודיגע אויף אַלע געביטען פון אידישען לעבען. זיי זענען געווען בולט און ממשות׳דיג, אָבער עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס זענען נישט געווען נראים לעין, און דאָך פון גרויסער וויכטיגקייט. נעמליך, די אַלגעמיינע אַטמאָספערע, דאָס אינערליכע באַוואוסטזיין פון זעלבסטווירדע, די גייסטיגע צופרידענקייט פון שעפ־רישקייט, דאָס פאַרבונדען זיין ברוחניות, סיי מיט גדולי ישראל פון פאַרשידענע ישובים און שיטות, סיי מיט חרדי׳שע אידען, ווידער פון פאַרשידענע לענדער און לעבענס־שטייגערס.

דאָס אַלעס האָט אַרויפגעלייגט דעם חותם אויפ׳ן גאַנצען מזרח־איירָאָפּעאישען אידענטום, און האָט זיך אויך געלאָזט פילען אין שוין פון פריער אָרגאַניזירטען מערב־איירָאָפּעאישען אָרטאָדאָקסישען אידענטום. דאָס אַלעס (היינט קען מען דאָס אָפּשאַצען פון אַ היסטאָרישער פערספעקטיווע, ווען צו אונזער גרויסען בראָך, איז עס געוואָרען היסטאָריע) האָט איבערגעאַנדערשט דעם מהות פונ׳ם רעליגיעזען אידענטום, אין מזרח ווי אין מערב, און האָט אויך געבראַכט גרויסע ממשות׳דיגע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטען.

לאָמיר אָנצייכענען בלויז אייניגע פון זיי:

פאליטישע באפרייאונג

אין דער צייט — נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — פון קאָנסאָלידאַציע פון אַנדערע, נישט־רעליגיעזע שטרעמונגען און פאַרטייען, מיט אָרגאַניזאַציעס, פרעסע, רעפּרעזענטאַנץ — איז דאָס רעליגיעזע אידענטום געווען צושפּליטערט צוליב זיין דיפערענציאַציע, ד. ה. פאַרשידענקייט צווישען חסידים, מתנגדים, בעלי בתים, שטיבעל־אידען און שוהל־אידען, חסידים פון פאַרשידענע רביים און שיטות. דורך דעם האָט געדראָט, אַז אַנדערע זאָלען פאַרכאַפּען די פירערשאַפט, — וועלכע איז ביז דאַמאָלס געווען אין די הענט פון גדולי התורה והחסידות, ווי באַזונדער זיי זאָלען ניט האָבען געווען.

די דאָזיגע געפאַר איז געווען אַ גאַנץ קאָנקרעטע. אין גאַליציען און אויף די קרעסען האָט זיך דאָס איינגעגעבען די ציוניסטען, און אויך אַסימילאַנטען און סאָציאַליסטען. אָבער אויך אין קאָנגרעס־פּוילען האָט געהאַלטען דערביי.

פרעמדע האָבען אָנגעהויבען צו ווערען די ראשים און פני פונ׳ם אידישען ציבור. האָט מען געדאַרפט רעדען, האָבען אַנדערע גערעדט — אויך פאַר אונז רעליגיעזע אידען, און געגען אונז. מיר זענען געווען שטים. אָן אַ פרעסע, אָן אַ רעפרעזענטאַנץ, וואָס זאָל אַנטשפּרעכען אונזער צאָל און וואָג. אָן געהעריגער השפעה, געהעריגע — לויט אונזער נומערישען און גייסטיגען כח.

איז געקומען די אגודת ישראל און געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין אידישען לעבען. האָט אַראָפּגעוואָרפען דעם יאָך פון „גלות ביי אידען". האָט געבראַכט די גרויסע עמאַנציפּאַציע פאַר׳ן אָרטאָדאָקסישען צבור פון פרעמדע אפּוטרופּסים.

שפּעטער, ווען מיר האָבען געוואונען אונזערע פּאָזיציעס, אין פּאַרלאַמענט, אין די קהלות, אין די שטאָט־ראַטען, אין חנוך, אין עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטליכע געביטען, אומע־טום, — איז עס באַטראַכט געוואָרען ווי זעלבסטפאַרשטענדליך.

אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדליך, און נישט אַזוי לייכט און פּשוט אין אָנהויב. איידער מיר האָבען זיך פאַרמאָסטען, און געוואונען דעם קאַמף. די אָרגאַניזירונג פון רעליגיעזע אידען אין אגודת ישראל האָט געבראַכט דעם דאָזיגען רעזולטאַט, אָבער די אָרגאַניזירונג און די פאַראייניגונג פון רעליגיעזע אידען — איז גאָר נישט געווען לייכט.

שוועריגקייטען און שטערונגען

די פאַרשידענקייטען צווישען נוסחאות, צווישען חסידים אַליין און צווישען חסידים און אַנדערע, זענען געווען באַריערען שווער אַריבערצושפּרינגען. דער טבע׳דיגער אינדי־ווידואַליזם פון פרומע אידען איז נישט געווען גרינג אַריינצושפּאַנען אין דיסציפּלין פון אַן אָרגאַניזאַציע, און אַרומנעמען אין ראַמען פון אַ פּאַרטיי. אַ חוץ דעם זענען די מאָדערנע מיטלען — פרעסע, רעדעס, פּאַרלאַמענטאַרישע פּראָצעדור, אָרגאַניזאַציאָנעלע מעטאָדען — געווען פרעמד, און שווער צו אַקצעפּטירען ביים פרומען אידענטום, אפילו בלויז אַלס מיטלען.

דאָן — דער קאַמף פון געגנער. מיט פאַרלוימדונגען און זלזולים.

און דאָס נישט־פאַרשטיין אין דער אייגענער מחנה. און די חשדים פון טייל אָרטאָדאָקסישע שיכטען צו עסקנים און צו עסקנות.

דאָס אַלעס זענען געווען מכשולים און שוועריגקייטען — וואָס עס האָט גענומען אַ סך אמונה אין היילגקייט פון דעם רעיון פון אגודת ישראל, און אַ סך מסירת נפש, עס בייצוקומען. ווי ביי יעדער הייליגער זאַך. ווי עס שטייט ביים בנין בית המקדש בימי עזרא ונחמיה: הבונים בחומה, והנשאים בסבל עמשים, באחת ידו עשה במלאכה ואחת מחזקת השלח (נחמיה ד׳ – י״א).

אָבער טראָץ דעם קאַמף געגען די מהרסי היהדות האָט אגודת ישראל געבויט: חנוך, הרבצת תורה אין ברייטסטען פאַרנעם; חזוק הדת אויף אַלע געביטען; זעלבסט־שטענדיגע פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ; און אַפילו זעלבסטשטענדיגע פינאַנסיעלע אינס־טיטוציעס — די אָרטאָדאָקסישע קאָאָפּעראַטיווע באַנקען און גמילת חסדים קאַסעס.

ענדערונג אין מהות

אגודת ישראל האָט איבערגעאַנדערשט דעם כאַראַקטער פון די אָרטאָדאָקסישע אידען. נישט מער קיין געשטאַלט־לאָזע מאַסע פון שפּליטערן און ברעקלעך, נאָר אַן אָרגאַניזירטער צבור. אָרגאַניזאַציע האָט אין דעם פאַל נישט געמיינט בלויז אויסערליכע פאָרמען, נאָר אַן אינערליכע ענדערונג אין מהות. דאָס באַוואוסטזיין, אַז מען געהערט צו אגודת ישראל האָט געשטאַרקט דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פון יעדען קבוץ און פון יעדען יחיד, און זייער פּרעסטיזש און חשיבות אין באַציאונג מיט און מצד אַנדערע.

דאָס געפיל פון געהערען צו אַ וועלט־באַוועגונג פון הונדערטער־טויזענדער אידען, מיט גדולי התורה און חסידישע מנהיגים בראש, האָט דערהויבען די זעלבס־ווירדע פון די באַזונדערע גרופּען און יחידים. האָט געשטאַרקט זייערע הענט אין בויען און טאָן אויף פאַרשידענע געביטען פון אידישקייט. דאָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסע דערציערישע באַדייטונג — פאַר יונג און אַלט.

דערציערישע באַדייטונג

איבערגעגעבענע און אַנערקענטע רעליגיעזע פּעדאַגאָגען האָבען געריכטעט די דערציערישע השפּעה וואָס וואָלען האָבען אויף קינדער. ווען אַ קינד ווייסט, אַז הונדערטער טויזענדער אידען אידענטיפיצירען זיך מיט אגודת ישראל, ד. ה. מיט תורה, מיט יראת שמים — דורך ווילען אויף אַן אגודת ישראל ליסטע, איז דער איינפלוס פונ׳ם חנוך־שטאַנדפּונקט אומגעהויער.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיגקייט, און דער אָרגאַניזירטער כח, פון אגודת ישראל, אַלס חנוך־פאַקטאָר האָט זיך אַנגעזעען באַזונדער א) אין צעירי אגודת ישראל, ב) אין בנות אגודת ישראל, ג) אין די יסודי התורה חדרים, ד) אין די בית יעקב שולען.

די תורה־יוגענט אין צעירי אגודת ישראל האָט באַקומען מער שטאַלץ און מער צוזאַמענגעהעריגקייט מיט׳ן רעליגיעזען כלל, און מיט רעליגיעזע מנהיגים. צעירי אג״י האָט זיך געשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אָרטאָדאָקסיע. און די יוגענט האָט אַ סך געוואונען אין דאָזיגען געראַנגעל: זעלבסט־באַוואוסטזיין, מסירת נפש־געפיל פאַר תורה און יהדות, ענגערע פאַרבונדענקייט מיט די רעליגיעזע מנהיגים, אויך מיט אַזעלכע וואָס זי וואָלט נישט געהאַט קיין נאָענטערע שייכות מיט זיי אָן אגודת ישראל.

די השפּעה פונ׳ם חפץ חיים צי פון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי אויף דער חסידישער וועלט, אָדער די השפּעה פונ׳ם גערער רבי׳ן אויף דער ליטווישער, אָדער דער איינפלוס פון, יבדל לחיים, רבי יעקב ראָזענהיים צי דר. יצחק ברויער אין מזרח אידענטום, און די השפּעות פון גדולי ישראל און פון מזרח־אייראָפּעאישע חרדים אויפ׳ן מערב־אידענטום, וואָלט געווען אוממעגליך אָן די צינורות פון אגודת ישראל.

די „חורב״ באַוועגונג און די „יסודי התורה״ מוסדות האָבען געגאָסען פיל פון

דער אָרגאַניזאַציע, פינאַנסיעלע שטיצע, פּראָגראַמאַטישע שיטה, און איינהייטליכען סדר הלמוד, דורך דער חנוך צענטראַלע פון אגודת ישראל.

די אגודת ישראל איז געווען דער יסוד און שטיצפּונקט פון בית יעקב שולען, און פון׳ם בית יעקב סעמינאַר אין קראָקאָ. דאָס זעלבע איז נוגע בנות אגודת ישראל, וועלכע איז געווען אי אַן ארויסשפּראָץ פון בית יעקב אי אַ צווייג פון אגודת ישראל.

אגודת ישראל האָט באַווירקט דעם חנוך — וואָס דאָס איז סוף סוף דער עיקר — דירעקט און אומדירעקט. דירעקט — די אגודת ישראל, אירע פירער און עסקנים די בכל אתר ואתר, זענען געווען די גרינדער, טוער און אויסהאַלטער פון די חנוך־אינסטיטוציעס. אומדירעקט — איז דער עצם עקזיסטענץ פון דער אגודה, און איר טעטיגקייט אויף פאַרשידענע געביטען, געווען אַן ערציערישער פאַקטאָר פאַר תורה און כבוד התורה.

אטמאספערע און קלימאט

אַ חוץ דעם האָט אגודת ישראל מיט איר פּרעסע, מיט אירע פאַרזאַמלונגען, און מיט איר גאַנצען אויפקלערונגס־אַפּאַראַט, געשאַפען אַ גינסטיגע אַטמאָספערע פאַר רעליגיעזען אויסלעבען זיך. אגודת ישראל האָט געשאַפען אַ קלימאַט, אין וועלכען ישיבות, חדרים, בית יעקב׳ס, תורה אידישקייט בכלל האָט געקענט בליען און גדייען.

געוועגליך זאָגט מען, אַז אין די פריערדיגע יאָרען איז געווען בעסער בנוגע אידישקייט. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אמת. אַ וודאי זענען פאַרצייטיגע אידען געווען בעסער און שטאַרקער אין אידישקייט. אָבער דער חכם מכל אדם האָט שוין געוואָרענט דערפאַר: אל תאמר מה היה שהימים הראשונים היו טובים מאלה, כי לא מחכמה שאלת על זה (קהלת ז׳ — י״א). דער פאַקט איז, אַז: קיינמאָל פריער אין דער געשיכטע פון פוילישען אידענטום איז נישט געווען אַזוי פיל למוד התורה — פון חינוך הבנים והבנות, אַזאַ שטאַרקער וואוקס פון ישיבות, פון חסידות, פון קהל׳ישער טעטיגקייט, פון אָרטאָדאָקסישער עסקנות, ווי צווישען די צווי וועלט־מלחמות.

אוודאי איז עס ניט געווען בלויז דורך אגודת ישראל. אָבער די אגודת ישראל איז געווען פון די הויפּט מיט־בויער, און האָט ווי געזאָגט, געשאַפען די אַטמאָספערע, די סביבה און דעם איניציאַטאָרישען ברען פאַר אַט דעם וואוקס. די אגודה האָט געבילדעט די אָרגאַניזאַציאָנאַלע ראַמען און דעם אידעאישען חוט השדרה פאַר דעם תורה־אידענטום.

פירערשאפט

אגודת ישראל איז געווען דער קריסטאַליזירונג־פּונקט סיי פאַר די בעסטע כשרונות אויף פאַרשידענע געביטען, פאַר אַלע שעפערישע כוחות אין דער רעליגיעזער מחנה, און סיי פאַר השקפה׳דיגער קלאָרקייט אין שטעלונג צו די פּראָבלעמען, באַדערפנישען און נויטען פון דער צייט.

איינע פון די אינטערעסאנסטע ערשיינונגען איז געווען דאָס אויפשטעלען די אָרגאַניזאַטאָרישע פירערשאַפט פון דער תורה־מחנה. אין גאָר קורצע יאָרען האָט זיך פון זיך אַליין אויסגעבילדעט ממש אַן אַרמיי פון עסקנים, שרייבער, רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרען. און דאָס מיט גרויסע פעהיגקייטען און ערשט־קלאַסיגע כשרונות. און מען דאַרף נישט פאַרגעסען, אַז די פירערשאַפט אין די פרייע באַוועגונגען איז געלעגען אין הענט פון מענשען מיט וועלטליכע בילדונג, מענשען מיט אוניווערסיטעט דיפּלאָמען און פּאָליטישע שולונג, און מיר זענען געקומען פון די ישיבות, בתי־מדרשים און שטיבלעך, וואו פון די אַלע וועלטליכע זאַכען איז ניט געווען קיין זכר. אָבער במשך אַ קורצער צייט האָבען מיר גלייך איבערגענומען די גאַנצע „חכמה״ און „מלאכה״ פון געזעלשאַפטליכער און פּאָליטישער עסקנות, אפשר נאָך בעסער, געשיקטער און שאַרפער ווי זיי, די חפשים, מיט אַלע זייערע דיפּלאָמען און לאַנג־יאָריגער געשולטקייט און פּראַקטיק.

די אייגענע שליחי־צבור פונ׳ם תורה־אידענטום אין פּאַרלאַמענט, אין די שטאָט־ראַטען, אין די קהלות, און אומעטום ווי די אָרטאָדאָקסיע איז געווען פאַרטרעטען, האָבען מיט זייערע הויכע קוואַליפיקאַציעס, פּאָליטישע רייפקייט און דיפּלאָמאַטישען טאַקט, געשאַפען כבוד און אָנזעהן דעם תורה־אידענטום און דעם אידענטום בכלל. און דאָס איז געוואָרען די שטאַרקסטע פּראָפּאַגאַנדע וואָס האָט באַוויזען און באַרעכטיגט, אַז דאָס יהדות־התורה דאַרף מער ניט קיין פרעמדע „אפּוטרופּסים״ און געדונגענע „מליצי יושר״, נאָר דאַרף זיין זעלבסטשטענדיג אָרגאַניזירט, און נאָר זי אַליין דאַרף זיך פאַרטרעטען אין אַלע אירע אינטערעסען און געברויכען.

די פּאָליטישע ליניע פונ׳ם רעליגיעזען אידענטום

וואָס איז געווען די שיטה פון דער אגודת ישראל רעפּרעזענטאַנץ אין פּוילישען פּאַרלאַמענט ?

דער ענטפער איז אין צוויי ווערטער : העלפען אידען.

צוליב דעם איז ווייניגער געוויכט געלייגט געוואָרען אויף עפענטליכע רעדעס און מער אויף שטילע השתדלות׳ן.

מ׳האָט נישט געטראַכט וועגען אויסערליכע עפעקטען נאָר וועגען פּאָזיטיווע רעזולטאַטען. דאָס הייסט נישט, אַז די אגודה־דעפּוטאַטען זענען נישט אויפגעטראָטען אין סיים און די סענאַטאָרען אין סענאַט. זיי האָבען יאָ געהאַלטען רעדעס, און זייער שטאַרקע און דרייסטע. אָבער זיי האָבען געוואוסט, אַז דערמיט, צי דערמיט אַליין, וועלען זיי נישט אַ סך דערגרייכען. זיי האָבען געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז איינע פון די וועגען, און ניט דווקא דער ווירקזאַמסטער, צום ציל.

דערמיט איז בולט געווען אַ אונטערשיד צווישען דער פּאַרלאַמענטאַרישער טאַקטיק פון דער אגודה און די אַנדערע, בעיקר, די ציוניסטען.

די ציוניסטישע דעפּוטאַטען, הויפּטזעכליך פון יצחק גרינבוים׳ס גרופּע (די גאַליציאַנישע דעפּוטאַטען האָבען זיך נישט אונטערשיידען אַ סך פון די אָרטאָדאָקסישע אין פּאָליטישער טאַקטיק), האָבען געזוכט דעמאָנסטראַציעס, זיי האָבען געוואָלט דעמאָנסטרירען

דעם „נאַציאָנאַלען שטאָלץ" אין סיים, וואָס האָט, לויט זיי, זיך אויסגעדרוקט אין שאַרפע אָפּאָזיציאָנעלע רעדעס. די אגודה־דעפּוטאַטען האָבען נישט געברויכט דערמיט דעמאַנ־סטרירען זייער „נאַציאָנאַלען שטאָלץ", צי זייער אידישקייט. זייער גאַנץ וועזען, זייער געדאַנקענגאַנג, און זייער אויסערליכקייט, בנוגע די רבנים, — די זיידענע קאַפּאָטע מיט'ן גאַרטעל און די סאַמעטענע יאַרמעלקע און באָרד און פאות — האָבען נישט איבערגעלאָזט קיין שום ספק וועגען זייער אידישקייט, אויף דער טריבונע און אומעטום. די רעדעס, באַהויכט מיט ווירדע, זענען נישט געווען די איינציגע סימנים פון זייער „נאַציאָנאַלען שטאָלץ".

זיי האָבען אויך נישט געמאַכט פון „אָפּאָזיציע" קיין עיקר היהדות — הגם זיי זענען זער אָפט געווען אין אָפּאָזיציע, צוליב'ן מצב, און צוליב דעם אַנטי־סעמיטיזם, און בעיקר ווייל אַזוי האָבען דיקטירט די אידישע אינטערעסען. דאַגעגען האָבען זיי, די ערליכע שליחי־צבור, אַ סך צייט און ענערגיע געווידמעט צו פערזענליכע השתדלות'ן ביי די פאַרשידענסטע רעגירונגס־פאַקטאָרען. אויף דעם אופן האָט מען געקענט, און מ'האָט דערגרייכט מער. דער מאַנדאַט און פּרעסטיזש פון זיין אַ דעפּוטאַט צי אַ סענאַטאָר האָט צוגעגעבען די דאָזיגע השתדלות'ן פאָרם און וואָג. זיי זענען געווען מענשען מיט גרויסע מעלות און גרויסען פאַרנעם, אַלע געווייקט אין תורה, ס'רוב אויך אין חסידות.

געגנערישע צייטונגס־שרייבער און רעדנער האָבען דעמאָלט פאַרשריגען „שתדלנות" אַלס „נישט־פּאַסיג" צי „נישט ווירדיג"... אַזאַ צוגאַנג איז אין אמת'ן געווען נישט־באַגרינדעט, שעדליך, און פון דער פּערספּעקטיווע פון דער חורבן־געשיכטע — קאַטאַס־טראָפאַל!

מ'האָט זיך פאַר'שכור'ט מיט דער אילוזיע פון „קעמפען" מיט באָמבאַסטישע רעדעס און פּראָוואָצירענדע צייטונגס־אַרטיקלען, בעת דער שונא האָט געהאַט די מאַכט, געשאַרפט דאָס מעסער, און מאָביליזירט דאָס גאַנצע חיה'שע אכזריות צו דערדריקען, פייניגען און מאָרדען אידען!

בנוגע ארץ ישראל, אין די באַציאונגען מיט דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט, האָבען די ציוניסטען דווקא יאָ אָנגעווענדעט שתדלנות. — הגם דאָרט אין ארץ ישראל, זענען די אידישע רעכט, געווען באַגרינדעט אויף ספּעציעלע אינטערנאַציאָנאַלע טראַק־טאַטען און די ענגלישע הערשאַפט איז נישט געווען מער ווי אַ מאַנדאַט־מאַכט, און נישט קיין אָרטיגע שטאַטליכע רעגירונג. אָבער אין חוץ לארץ האָט מען גע'פּסל'ט שתדלנות, און מ'האָט זיך פאַרטויבט מיט'ן אייגענעם קינסטליכען געטומעל, וואָס האָט אויף'ן שונא נישט געמאַכט קיין איינדרוק (סיידען אים געמאַכט נאָך ווילדער!) און האָט בייגעטראָגען צו זעלבסט־אָפּנאַרעריי און פאַרבלענדניש — אויף דער שוועל פון אָפּגרונט...

חנוך אין צענטער

אין געוויסע ענינים זענען די אגודה־דעפּוטאַטען געווען אַמייגסטען טעטיג. למשל וועגען דעם לעגאַלען סטאַטוס פונ'ם רעליגיעזען חנוך. די פּוילישע רעגירונג, אָנווענדענדיג דאָס געזעץ וועגען צוואַנג־שול, האָט פאַרלאַנגט פון די רעליגיעזע שולען

דאָס לערנען פון אַ גאַר ברייטען פּראַגראַם פון למודי חול. דאָס האָט געדאַרפט געשען אויפ׳ן חשבון פון למודי קודש. אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען באַטראַכט יעדע שעה פון פאַרמינערונג פון למוד פון תורה, יעדען טאָג פון בטול תורה, — צוליב׳ן געזעץ — פאַר אַ פאַרמעסט אויף די סאַמע יסודות היהדות, און האָבען געקעמפט געגען דעם. זענען דאָך די גאונים און צדיקים פון גאַנץ פוילען, מיט׳ן חפץ חיים, גערער רבי׳ן, בעלזער רבי׳ן, רבי חיים עוזר, זיך צונויפגעקומען אין אַ גרויסע אסיפה אין ווארשא און געגאַנגען צום פרעמיער בארטעל פועל׳ן נישט אויפצוצווינגען קיין פליכט פון קענען פויליש אויף די מלמדים פון למודי קודש און אנדערע געפּלאַנטע גזירות.

דעם קאַמף פאַר׳ן מאַקסימאַלען תורה׳דיגען תוכן פונ׳ם רעליגיעזען חנוך, און דערביי באַפעסטיגען דעם חנוך אין לעגאַלע ראַמען, האָבען אָנגעפירט די אָרטאָדאָקסישע דעפּוטאַטען. עס האָט גענומען אונצעליגע השתדלות׳ן, מעמאָראַנדומס, אינטערווענצען, כדי דאָס צו דערגרייכען. דערמיט איז דער תורה־חנוך זיך צעוואַקסען אין גאַר ברייטען פאַרנעם.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע פראַגען, ווי גזירה געגען דער כשר׳ער שחיטה, זונטאַג־רו, זענען די אגודיסטישע שליחי־צבור געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון קאַמף.

אין אחדות-גייסט

נאָך איין אייגענשאַפט פון דער אגודה־פּאָליטיק אין פאַרלאַמענט איז געווען די שטרעבונג אָנצוהאַלטען, אָדער ווידער־אויפצושטעלען, דעם אידישען אחדות. ווי טיף עס זענען געווען די חלוקי דעות אין יסודות׳דיגע ענינים פון יהדות צווישען דער אגודה און פרייע, ווי ווייט עס איז געווען דער מרחק אין לעבענס־שטייגער, אין דענקען און טאָן צווישען חרדים און חפשים, האָט אָבער די אגודה געהאַלטען, אַז כלפּי חוץ קען געשאַפען ווערען אַ פאַראייניגטער פראָנט. ווייל דער פּאָליאַק איז אַ שונא פון אַלע אידען, און רודפ׳ט אַלע אידען, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי און ריכטונג.

זאָל דאריבער דאָ פאַרצייכענט ווערען דער היסטאָרישער אמת, אַז די אגודת ישראל האָט קיינמאָל נישט געבראָכען דעם אידישען אחדות כלפּי חוץ. די אגודה איז געווען אַ טייל, און אָפט דער איניציאַטאָר, פון פאַראייניגטע אידישע וואַל־בלאָקען צום סיים און סענאַט, צו די שטאָט־ראַטען. די אגודה׳שע דעפּוטאַטען זענען געווען באַטייליגט אין אַ. ג. „אידישע קאָלאָ״, די פאַראייניגונג פון די אידישע פאַרלאַמענטאַריער — ביז אַנדערע, בפרט יצחק גרינבוים, האָבען געבראָכען דעם דאָזיגען אחדות.

אין דער זעלבער תקופה האָט די אָנפירערשאַפט פון אגודת ישראל, אין אונצעליגע ווענדונגען, געפּרוּווט שאַפען אַ פאַראייניגטען צענטראַל־קאָמיטעט פון אַלע אידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס לגבי אויסערליכע ענינים. די דאָזיגע באַמיאונגען האָבען זיך אָנגעשטויסען אין געגנערשאַפט פון דער ציוניסטישער פירונג אונטער דר. משה קליינבוים, (היינט סנה, דער קאָמוניסטישער פירער אין ישראל).

די אחדות־באַמיאונגען זענען געמאַכט געוואָרען אונטער די אָנווייזונגען פון גדולי ישראל און פון די דעצידירענדע אינסטאַנצען אין דער באַוועגונג. די אינערליכע

חלוקי דעות דאַרפֿען אויסגעקעמפּט ווערען אין די קהלות, — האָט די אגודה געהאַלטען, — כלפּי חוץ דאַרפֿען אידען זיך פאַרטיידיגען און שיצען געאייניגט.

דאָס איז געווען די פּאָליטישע שיטה פון אגודת ישראל אין פּוילען.

די אגודה פּאַרלאַמענטאַריער

די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּרעזענטאַנץ פון אגודת ישראל האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איר אָנזעען, ממש מסולתה ושמנה פון׳ם פּוילישען אידענטום. איר פּרעסטיזש און וואָג איז געווען גאָר גרויס — וואָס עס זאָל נישט האָבען געווען איר צאָל, — צי אַ מנין אין יאָר 1922, צי בלויז 2 אין 1938. רבנים גדולי התורה, ראשי ישיבה, ראשי הקהל, חסידים ואנשי מעשה, ערנסטע עסקנים און פּאָליטישע אויסגעשולטע פּאַרשטייער, רעדנער און טוער. נעמען וואָס שיינען מיט זייער פאַרשידענפאַרביג ליכט — יעדער מיט זיין אייגענטימליכען ליכט. לאָמיר זיי בלויז דערמאָנען, כדי צו האָבען אַ שטיקעל באַגריף וואָס עס האָט געמיינט אַ אגודה דעפּוטאַט צי סענאַטאָר (לויט א״ב):

ר׳ יצחק בוימינגער, קראָקא; ר׳ משה דייטשער, קראָקא; הרב ר׳ משה אלי׳ האלפּערן, לאָדזש; ר׳ יעקב טראָקענהיים, ווארשא; הרב ר׳ אהרן לעווין, ריישא; ר׳ ליב מינצבערג, לאָדזש; ר׳ אשר מענדעלזאָן, לאָדזש; הרב ר׳ אברהם צבי פּערלמוטער, ווארשא; ר׳ פייביל סטעמפּעל, קראָקאָ; ר׳ אליעזר סירקוס, זגיערז; ר׳ אלי׳ קירשבראָין, ווארשא; הרב ר׳ מאיר שפּירא, לובלין.

אַזוי האָבען די שליחי־ציבור פון׳ם יהדות־התורה פאַראייניגט אין זיך די מעלות, און די איבערגעבענקייט און ערנסקייט, פון אַמאָליגע אידישע שתדלנים, פון׳ם בעסטען און ריינסטען סאָרט, מיט די מעלות פון מאָדערנע פּאַרלאַמענטאַרישע פאַרשטייער.

די הדרכה פון גדולי התורה

עס דאַרף באַמערקט ווערען, אַז אַ חוץ די דעמאָקראַטישע אינסטאַנצען פון דער אגודה, וועלכע האָבען באַהאַנדעלט די פּאָליטישע פראַגען, און אָנגעצייכענט די ריכטליניען פאַר די פּאַרלאַמענטאַרישע פאַרשטעער, האָבען די דערציִדירענדיגע השפּעה געהאַט די רעליגיעזע מנהיגים, די פירער פון מועצת גדולי התורה, ווי דער גערער רבי זצ״ל, רבי חיים עוזר זצ״ל, וועלכע האָבען זייער אַקטיוו זיך באַטייליגט אין די ערנסטע שאלות פון דער פּאָליטישער טעטיגקייט.

די אבסאָלוטע און אומצווייפעלהאַפטע ערליכקייט און אויפריכטיגקייט פון די גדולי תורה, און זייער כלל־ישראל־צוגאַנג, האָבען אַזוי באַאיינדרוקט אויך אַ טייל אַנדערע אידישע דעפּוטאַטען, אַז אין די לעצטע יאָרען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די דאָזיגע השפּעה אויך איבערגענומען געוואָרען דורך אָט די נישט־אָרטאָדאָקסישע פּאַרלאַמענט מיטגלידער. דאָס איז אויך געווען אַ פּועל יוצא דערפון וואָס דער אַנטי־סעמיטיזם האָט אין דער דאָזיגער תקופה זיך קאָנצענטרירט בעיקר אויפ׳ן רעליגיעזען פראָנט. ווי דער געפּלאַנטער פאַרבאָט פון כשר׳ער שחיטה, פריער נאָך דאָס געזעץ פון צוואַנג זונטאָג־רו, וועלכער האָט געצילט אין שומרי שבת, און אַנדערע.

די אגודה האָט איר השתדלות אויסגעברייטערט, אין געהיים, אויך אויף אויס־לאַנד. מ׳האָט דורך שריט ביי אויסלענדישע רעגירונגען, בעיקר אין ענגלאַנד און אַמעריקא, אויסגעאיבט אַ דרוק אויף דער פּוילישער רעגירונג זי אָפּצוהאַלטען פון אַנטיסעמיטישע שריט. פיל דערפון איז דורכגעפירט געוואָרען דורך די באַציאונגען — און ווענדונגען — פון די גדולי התורה.

החזרת עטרה ליושנה

דאָס זעלבסטשטענדיגקייט אין פּאָליטישער טעטיגקייט פון׳ם תורה־אידענטום, אָרגאַניזירט אין אגודת ישראל, איז מחוץ דער עצם וויכטיגקייט פון׳ם גוף הענין, אויך געווען אויף דעם געביט אַ מעין החזרת עטרה ליושנה. ווי אַמאָל פאַרצייטענס, במשך דורות, זענען די שליחי צבור פון׳ם עם ישראל אויך כלפי חוץ געווען רבנים גדולי ישראל, און בעלי־בתים פרנסים ערליכע אידען, האָט די אגודה געשטערעבט, און אין אַ גרויסער מאָס דורכגעפירט, דאָס זעלבע אויך אין אונזער צייט.

שליחו של אדם כמותו, איז אַ כלל אין די דברי חז״ל. דער אויסדרוק ווערט אויך געברויכט אין דעם זין, אַז אַן אמת׳ער שליחו של אדם קאָן נאָר זיין אויב ער איז כמותו, אַן אָפּשפּיגלונג פון׳ם משלח. ווי עס איז באַקאַנט דער אויסדרוק פון חידושי הרי״ם זצ״ל, בעת מען האָט זיך געוואָלט בזמנו סומך זיין אויף אַ השתדלות אין אַ דת־ענין אויף אַ מענש וואָס איז פּערזענליך ניט געווען איבערגעצייגט אין דעם, האָט דער חידושי הרי״ם ניט מסכים געווען, זאָגענדיג: „אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה״, זיך ניט סומך זיין אויף איינעם וואָס די זאַך איז פאַר אים ניט קיין — תשועה.

אונזערע הייליגע חכמים ז״ל רעדען זער גרויס איבער געוויסענהאַפטע שליחי־צבור, שליחים נאמנים. „אין לך חביב לפני המקום כשליח נאמן לשולחיו״. און אַ שליח נאמן הייסט: „שליח שמשתלח לעשות מצוה ונותן נפשו כדי שיצליח בשליחותו״. ער, דער שליח נאמן, דאַרף פאַר זיינע אויגען האָבען נאָר דאָס שליחות און די משלחים.

מען האָט געמוזט אַן עק מאַכען מיט דער פּוסטער איינרעדעניש, אַז בכדי צו זיין אַן ערפאָלגרייכער יוצא ונכנס ביים גוי׳אישען מלכות, מוז מען פריער ווערען אַליין אַ חצי־גוי... מיט אונזערע רעליגיעזע בחירי העם, האָבען מיר באַוויזען גראָד דעם היפך. דווקא אַ פרומער איד, און אַמאָל גאָר אַ גדול בתורה וביראה, מאַכט מער רושם אויף די אומות העולם, און זייערע ווערטער, היוצאים מן הלב, ווערען אויפגענומען מיט מער ערנסט און רעספּעקט. ווי האָט אַמאָל זיך אויסגעדרוקט אַ פּוילישער רעגירונגס־פירער: ווי קאָנען מיר אים, יצחק גרינבוים׳ען, (בעת זיינס אַן אַרויסטריט געגען זונטאָג־רו) נעמען ערנסט אַז ער מיינט צו פאַרטיידיגען דעם אידישען שבת און שיצען די אידישע שומרי שבת, בעת ער אַליין דרייט זיך אַרום שבת אין סיים עפענטליך מיט אַ ציגאַר אין מויל...

די הייליגע חז״ל האָבען אונז געגעבען אַ לערע אויף דורות, און אַ לייכטענדען ביישפּיל פון שליח צבור וואָס איז ראוי צו פאַרטרעטען דעם עם התורה:

ר׳ אבהו כי הוה אתי ממתיבתא לבי קיסר נפקי מטרוניתא דבי קיסר ומשריין ליה רבה דעמיה מדברנא דאומתיה בוצינא דנהורא בריך מתייך לשלם (סנהדרין י״ד).

דאריף זאָגט דער מהרש״א: לפי שההנהגה הצריכה לנו בגלות צריכה בשתים, הא׳ ההנהגה על פי התורה והשנית הנהגה ע״פ המלכות, ורבי אבהו תרווייהו הוה איתנהו ביה, שהיה בעל תורה גם שהיה קרוב למלכות וקרוב לבי קיסר, וז״ש לו רבה דעמיה דהיינו בתורה ומדברנא דאומתיה נגד הקיסר.

ברויזענדע אידען

די אגודת ישראל איז געווען די אַרענע, דער באָדען און די סביבה, וואו עס זענען אויפגעקומען און האָבען געווירקט וואונדערליכע געשטאַלטען פון אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין פוילען. שטראַלענדיגע אידען, פלאַקערנדיגע נשמות, וואָלטען אויסגעברענט אין ענגע קליינלעך, און וואָלטען אויסגעלאָשען געוואָרען פון מאַנגעל אין לופט און שטח. די אגודת ישראל האָט זיי געגעבען דעם שוואונג און די מעגליכקייטען, אין וועלכע זייער אינדיווידואַליטעט איז געקומען צום שעפערישען אויסדרוק, און איז פאַר זיי געוואָרען דער מקום להתגדר בו. אָן דער אגודה וואָלטען פיל טאַלאַנטען פאַרלוירען געגאַנגען, פערזענליכקייטען וואָלטען פאַרטרונקען געוואָרען אין גראַקייט פון ענגען קרייז און דלית־אמות׳דיגער טאָג־טעגליכקייט.

די אגודת ישראל האָט זיי געגעבען דעם פעסטען באָדען, דאָס גרויסע פובליקום, די ברייטע ראַמען און דעם כח הרבים פאַר זייער אייגענעם אינערליכען פייער. זיי זענען געווען די כחות וואָס האָבען אינספּירירט און סטימולירט די פּאַסיווע עלעמענטען, און טיילמאָל אפילו די פירערשאַפט גופא.

דאָס זענען געווען אידען וואָס זייערע נשמה־סטרונעס זענען געווען שטענדיג געשפּאַנט, אייביג פילבאַר אויף די מינדעסטע וויברירונגען אין דער אידישע וועלט, וואָס האָבען תמיד אָפּגעענטפערט אויף געשעענישען, דערשיינונגען און אַרויסרופען. די דאָזיגע אידען האָט אַלעס „געאַרט״. זיי זענען נישט געווען גלייכגילטיג צו גאָרנישט און קיינעם. און אויב זיי האָבען עפּעס אונטערגענומען צו טאָן איז מיט ברען, מיט פלאַקער און מיט פייערדיגער התלהבות.

זיי האָבען איינגעזאַפּט אין זיך, פון הייליגע ספרים, און פון לעבעדיגע רביים און גדולי תורה, השקפות און דעות, שיטות און מדות, און האָבען אָפּגעענטפערט גליענדיג, מיט׳ן גאַנצען ברען פון זייער האַרץ. זיי האָבען אַריינגעגעבען פאַרמעסט און טרייבקראַפט אין דער אגודה, און געווירקט אַז די באַוועגונג זאָל זיך שטענדיג באַוועגען.

מיר רעדען דאָ נישט דוקא פון באַוואוסטע מנהיגים און עומדים בראש, נאָר פון פשוטע אידען פון דער שורה, צווישען וועלכע עס זענען געווען גאָר אינטערעסאַנטע טיפען און ליכטיגע געשטאַלטען, וואָס האָבען באַלעבט די אַלע לאַנדעס־קאָנפערענצען, כנוסים און כנסיות גדולות; זיי האָבען אַריינגעבראַכט שוואונג אין אַלע טעטיגקייטען און זענען געווען אַ ברכה פאַר אונזער באַוועגונג. ווייל זיי האָבען פאַרמאָגט טיפען גלויבען אין דער הייליגקייט פונ׳ם רעיון האגודה און עכטע מסירת נפש אים צו פאַרווירקליכען.

אגודיסטישע פרעסע

עס איז נישט געווען קיין אַנדערע אָרטאָדאָקסישע פּרעסע ווי פון אגודת ישראל. די פּרעסע פון אגודת ישראל, די טאָגצייטונגען — צוערשט „דאָס אידישע וואָרט", דערנאָך „דער איד" און צום סוף „דאָס אידישע טאָגבלאַט" — און די פּעריאָדישע אויסגאַבען ווי „דגלנו", „דרכנו", „אָרטאָדאָקסישע יוגענד בלעטער", „רעליגיעזע אַרבייטער שטימע", „בית יעקב זשורנאַל", „דער פלאַקער", „עכאָ זשידאָווסקע" (אין פּויליש), און פיל אַנדערע וואָכען און חודש צייטונגען, זשורנאַלען און פּעריאָדישע אויסגאַבען, זענען געווען דער מעכטיגער אויפקלערונגס-אַפּאַראַט כלפי פנים, און דער וואָרט-זאָגער כלפי חוץ.

עס איז איבעריג אונטערצושטרייכען די שעדליכקייט און די סכנות פון דער פרייער פּרעסע פאַר אידישע אידען און פאַר תורה-אידישקייט. זיי, די פּרעסע מיט זייערע כופרים'דיגע שרייבער, שיטות און טענדענצען, זענען געוואָרען די גרעסטע גורמים פאַר אָפּרייסען אידען פון די דרכי התורה והמסורה, און זיי „פּאַרוועלטליכען". די אגודת ישראל פּרעסע איז געווען אַ שוץ-וואַנט געגען זיי און זייערע שעדליכע השפּעות. די אגודה פּרעסע, האָט דערפילט אַ זער וויכטיגע און דעצידירענדע ראָל אין געשטאַלטונג פון דעם געדאַנקענגאַנג פון רעליגיעזע אידען; אין פאַרטיידיגונג געגען אַנגריפען; אין אויסדרוקען די השקפות פון די גדולי התורה; און אין אויספאָרמען דעם דעת הקהל.

די רעליגיעזע אידען האָבען אַ דאַנק אגודת ישראל צוריקבאַקומען זייער שטים און זייער זיכערקייט, און געלאָזט הערען דאָס אָריגינעלע און אמת'ע תורה-וואָרט אין דער אידישער און אין דער ניט-אידישער וועלט.

כדי אָפּצושאַצען די פאַרדינסטען פון דער אגודה אויף דעם געביט דאַרף מען געדענקען, אַז קיין שום אַנדערער רעליגיעזער צבור האָט נישט באַוויזען צו שאַפען אַן אָרטאָדאָקסישע פּרעסע פון אַנזעעוודיגער באַדייטונג און השפּעה.

אַיינהייטליכער רשות

אַנדערש ווי אין מערב (און אמעריקא) זענען די פאַרשידענע מוסדות פאַר חנוך און יהדות, און אפילו אויפן ווירטשאַפטליכען געביט, יאָ געווען אין פּוילען אַן אינטעגראַלער טייל פון אגודת ישראל.

די „חורב" צענטראַלע, דער קרן התורה, די יסודי התורה מוסדות, און אויך די זומער-קאָלאָניעס אין דלוגאָשאָדלע און אַנדערע, זענען געווען אידענטיש מיט אגודת ישראל.

די בית יעקב שול-נעץ מיט'ן לערערין-סעמינאַר אין קראָקאָ בראש, און אפילו זייער צענטראַלע, זענען געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון אגודת ישראל.

אויך די לעגאַלע אינסטיטוציעס זענען געווען, סיי דורך די זעלבע עסקנים, סיי דורך אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען, אַ חלק פון דער אגודה. אַזוי אויך די

פאַרשידנאַרטיגע ארץ ישראל-טעטיגקייטן, פאַר׳ן ישוב הישן ווי פאַר׳ן ישוב החדש. אפילו די אָרטאָדאָקסישע בענק זענען געווען ענג פאַרבונדען מיט דער אגודת ישראל.

עס איז נישט געווען קיין סך און אָפגעזונדערטע רשויות, נאָר אַן איינהייטליכער און פול-פאַרביגער סיסטעם.

דאָס דאָזיגע האָט זיך אַרויסגעוויזן בולט אין חינוך.

אגודת ישראל — איין גרויס בית חנוך

איינע פון די הויפט-געביטען פון דער טעטיגקייט פון אגודת ישראל אין פוילען איז געווען חנוך. די איניציאַטיוו, די גרינדונג, די דערהאַלטונג און די אָנפירונג פון רעליגיעזן שול-וועזן איז געווען אין די הענט, אין די טרייע הענט, פון דער אגודת ישראל. דער חנוך אין אַלע זיינע שאַטירונגען, אין אַלע זיינע שטאַפּלען און מדרגות — אין לאָקאַלען סעקטאָר ווי אין לאַנד-צענטראַלעס, איז געטראָגען געוואָרען דורך דער אגודה אַלס באַוועגונג, און דורך די אגודה עסקנים און פאַרשטעער אַלס נושאים בעול.

דאָס איז געווען אַ ריזיג בנין. פאַרשידנאַרטיג און ברייטצוגיג, אָבער מיט איין ציל און איין נשמה — אָן-פשרה׳דיגע, שלימות׳דיגע תורה-דערציאונג. דער אַרכיטעקט פון דעם בנין איז געווען אגודת ישראל.

מ׳האָט זיך נישט פאַרענגט בלויז אין אַ געוויסען טיפּ חדרים פאַר אַ ספּעציפישען טיפּ קינדער פון אַ באַגרעניצטען קרייז. דער צוועק איז געווען אויסשפּרייטען תורה-חנוך איבער גאָר ברייטע, די ברייטסטע, שטחים פונ׳ם אידישען פאָלק אין פוילען.

דער חנוך איז געווען דער יסוד היסודות; די מויער געגען אַסימילאַציע און אָפּטריניגקייט; דער שוץ געגען עם-הארצות און הפקרות. דאָס איז געווען פאַר אגודת ישראל דער בבת-עין פון קיום האומה, פאַר וועלכען מען דאַרף אויפּברענגען מסירת נפש, און — מען האָט אויפּגעבראַכט.

דער חנוך איז געווען סיי אָרגאַניזאַציאָנעל, סיי אידעאיש, סיי אין אַלגעמיינעם גייסט און אַטמאָספערע, אַ באַשטאַנד-טייל פון אגודת ישראל, איר וויכטיגסטער באַשטאַנד-טייל. און אומגעהויער פיל צייט און ענערגיע פון דער באַוועגונג איז געווידמעט געווען פאַר חנוך.

די רעזולטאַטען זענען געווען אימפּאָזאַנטע. דער רעליגיעזער חנוך האָט זיך צעוואַקסען אין צאָל און באַדייטונג, — די באַדייטונג איז געווען נאָך פיל גרעסער ווי די צאָל, הגם אויך אין כמות איז דאָס געווען גאָר אַנזעעוודיג.

אָט זענען די ציפערן אָפיציעלע אַרויסגעגעבען דורך דעם מרכז „חורב״, די חנוך-צענטראַלע פון אגודת ישראל אין פוילען:

א) „חורב״, ווארשא, פאַר קאָנגרעס פוילען און גאַליציע: 250 „יסודי התורה״, חדרים און תלמוד תורה מוסדות מיט 36.481 תלמידים. 159 ישיבות גדולות וקטנות, מיט 13.164 תלמידים.

ב) „חורב״, ווילנא, פאַר פויליש ליטא און די „קרעסען״: 150 בתי ספר, מיט 18.000 תלמידים.

ג) ועד הישיבות ווילנא: 78 ישיבות גדולות וקטנות, מיט 6.000 תלמידים.
ד) בית יעקב: 250 שולען מיט העכער 38.000 תלמידות.

ה) גימנאַזיום׳ס פאַר טעכטער, איינע „חבצלת״ אין ווארשא, אַ צווייטע „יבנה״ אין גראָדנא, און אַ דריטע אין לאָדזש. אויך אַ לערער־סעמינאַר פאַר מחנכים אין ווארשא, און דעם באַרימטען בית יעקב סעמינאַר פאַר לערערינ׳ס אין קראָקאָ.

אין סך הכל אַ חינוך אַרבייט פון קרוב 120.000 תלמידים. מחוץ שיעורי־ערב, שיעורי שבת, זומער־קאָלאָניעס און ערהאָלונגס־פּלעצער.

פאַרשטייט זיך, אַז חדרים צי יסודי התורה אין פוילען זענען געשטאַנען אויף אַ הויכען ניווא, און זענען געווען גאָר אינטענסיווע תורה מוסדות, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעקומען בני תורה, תלמידי־חכמים און אפילו גדולים בתורה.

די ציפערן נעמען אַרום בלויז די מוסדות התורה, וועלכע זענען געווען דירעקט אונטער דער אָנפירונג און אין די פאָרמעלע ראַמען פון דער אגודה. אָבער דער רעלי־גיעזער חנוך אין פוילען בכלל, איז געווען אונטער דער אומדירעקטער השפעה פון דער אגודת ישראל און געגאָסען פון איר הילף, ווי למשל, בנוגע דער לעגאַלער פראַגע אין שייכות מיט די שול־געזעצען, צי בנוגע דאָס אַרויסבאַקומען סובווענציעס ביי די שטאָט־ראַטען און קהלות, און בעיקר האָט דער רעליגיעזער חנוך בכלל, געבליט אין דעם אַלגעמיינעם קלימאַט וואָס די אגודת ישראל האָט געשאַפען.

וואָרים אין תוך גענומען איז די אגודת ישראל געווען איין גרויסער בית חנוך פאַר תורה און פאַר יהדות, פאַר יונג און פאַר אַלט.

דערנענטערונג פון איזאלירטע קבוצים

אגודת ישראל האָט געמוזט אַריבערשפּאַנען די גרעניצען פון באַטרע־פענדע לענדער. אגודת ישראל אַלס וועלט־באַוועגונג, מיט די כנסיות גדולות, מיט די כלל־ישראל׳דיגע טעטיגקייטען, האָט צונויפגעבראַכט שומרי תורה פון פאַרשידענע מדינות. זיי נאָענט געמאַכט, זיי אָרגאַניזירט און פאַראייניגט. די אגודה האָט דורכגע־בראָכען די וואַנט פון איזאָלאַציע פון די באַזונדערע און אָפּגעטיילטע אידישע קבוצים, און געבראַכט צו אַ געגענזייטיגע, געבענשטע השפעה און שותפות׳ע אַרבייט.

חרדים לדבר ד׳, און גאוני התורה וצדיקי הדור, פון אַלע מדינות, פון אַלע חוגים, פון אַלע נוסחאות, און איבער אַלע קאָנטינענטען, האָבען זיך פאַרשטענדיגט, זיך צונויפ־געדעט, און זיך פאַרשטאַנען. אַ דערנענטערונג פון הערצער, פון מחשבות, און פון רצונות, פון אַלע וועלכע האָבען געשטרעבט צו דערהאַלטען שלימות׳דיגע יהדות פאַר זיך, פאַר׳ן כלל און פאַר דורות הבאים.

רעוואלוציע אין קהלות

די קהלות אין פוילען זענען געווען רעליגיעזע קהלות, — הגם זיי האָבען אריינגענומען געזעצליך און פאקטיש אַלע אידען אָן אויסנאַם. דער אָפיציעלער נאָמען איז געווען „אידיש רעליגיעזע קהלה״. זייערע פונקציעס, טעטיגקייטען, קאָמפעטענצען, זענען אויך געווען בעיקר רעליגיעזע, הגם זיי זענען געווען גאָר ברייטע.

און דאָך איז עס געווען אַ פּאַראַדאָקס, אַז די אָנפירונג פון די דאָזיגע קהלות, בפרט אין די גרעסערע שטעט, איז געווען אין די הענט פון די פרייע, פריער אַסימי־לאַנטען פון דער אַסימילאַציע, שפּעטער, אַסימילאַנטען פון די ציוניסטען און נאַציאָנאַ־ליסטען. די אָרטאָדאָקסישע אידען זענען נישט געווען רעפּרעזענטירט אנטשפּרעכענד, נישט אנטשפּרעכענד צו זייער צאָל און כח און נישט אנטשפּרעכענד צום כאראקטער און די אויפגאַבען פון די קהלות.

עס וואָלט אונז פאַרפירט צו ווייט אָפּצושילדערן דאָ וואָס די קהלה האָט באַדייטעט אין פוילען. דאָס איז געווען אַן איינציגאַרטיגע קערפּערשאַפט וואָס האָט נישט געהאַט איר גלייכען אין קיין שום אַנדערן אידישען ישוב, נישט אין מערב און אויך נישט אין אַנדערע מדינות אין מזרח, אַ חוץ אין ליטע צווישען די צוויי וועלט־מלחמות.

די קהלה איז געווען די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַהם פאַר אַלע אידען אין דער שטאָט, מיט מלוכה־רעכט אַרויפצולייגען שטייערן, און מיט גאָר ברייטע קאָמפּעטענצען אויף פאַרשידענע געביטען. ווער עס האָט געהאַט די דעצידירענדע השפּעה אין דער קהלה דער האָט געהאַט די דעצידירענדע השפּעה אין אידישען לעבען. און די דאָזיגע השפּעה האָט אָנגעהויבען איבערצוגיין אין ניט־רעליגיעזע הענט.

דאָ האָט אגודת ישראל פאַראורזאַכט ממש אַן איבערקערעניש.

אגודת ישראל האָט אָנגעפירט מיט די דעמאָקראַטישע קהלה־וואַלען פון אַ צענ־טראַלען פונקט. די פּראָפּאַגאַנדע און די אויפקלערונג איז געפירט געוואָרען אויף לאַנד־פאַרנעם. דער פאַרמעסט איז נישט געווען פאַר איינצעלנע קאַנדידאַטען, חברות, גרופען, נאָר פונ׳ם גאַנצען אָרגאַניזירטען רעליגיעזען צבור אין פוילען. און דער רעזולטאַט פון אַט דעם קאַמף איז געווען גאָר גרויס. די אגודת ישראל האָט געוואונען פאַר׳ן רעליגיעזען אידענטום די השפּעה וואָס עס איז אים געקומען. אין משך פון אַ קורצער צייט זענען די ראשי הקהל און אָנפירער פון די גרעסטע קהלות אין פוילען, ווי ווארשא, לאָדזש, לובלין, קאליש, און פיל אַנדערע גרויסע און קלענערע קהלות, געווען די פאָרשטייער פון אגודת ישראל און די שליחי־צבור פונ׳ם תורה־אידענטום.

דער דאָזיגער פאַקט האָט אַריינגעבראַכט אַ פונדעמענטאַלע ענדערונג אין די קהלות, און ממילא אין גאַנצען אידישען לעבען.

דאָס געוואונען די השפּעה אין די קהלות דורך אגודת ישראל האָט ארויפגעלייגט זיין חותם אויפן גאנצען אידישען לעבען אין די שטעט און שטעטלעך, בפרט אין די גרויסע צענטערן ווי ווארשא, לאָדזש א.ד.גל.

ווארשא איז געווען די מטרופולין של יהדות אין אייראָפּא. עס האט זיך דאָרט קאָנצענטרירט נישט בלויז א צאָלרייכע אידישע באפעלקערונג, נאָר אויך א

צבור פון תורה און אמונה, פון אינטענסיוון יהדות'דיגען לעבענס־שטייגער, פון חסידות און לומדות, פון רוחניות'דיגע כוחות וואָס האָבען געשפייזט א וועלט א גאנצע, נישט בלויז איבער גאנץ פוילען, נאָר אויך ווייט ווייט איבער אירע גרעניצען.

מען פלעגט ריידען וועגען „אידישע מאסען". אָבער דאָס איז ווייט נישט ריכטיג. נישט געווען קיין מאסע, וואָס דאָס מיינט א געשטאלטלאָזע און פארבלאָזע צוזאמענגעלאָפענער עולם. ניין, נישט דאָס איז געווען דאָס פוילישע אידענטום. עס איז געווען סיי א צבור, סיי אינדיווידואליטעטען. יעדער יחיד איז געווען אן עולם מלא פאר זיך. יעדער יחיד האָט פארמאָגט פערזענליכקייט, זעלבסטשטענדיגקייט און אָריגינאליטעט אין דענקען און טאָן. און דערביי איז עס געווען א צבור. דאָס הייסט, א עדה אידען מיט א צד השווה פון תורה און אמונה, פון טיפער איינגעוואָרצעלטקייט אין יהדות, מיט כלל'דיגע אייגענטימליכקייטען, וואָס האָבען געצויגען זייער יניקה פון מצוות און דינים, מסורה און מנהגים, אויסגעפאָרעמט אין יאָרהונדערטער מסירת נפש פאר אידישקייט.

אויב מען האָט געזאָגט „אידישע מאסען", איז עס געווען א פרעמד געוויקס. אונזערע עלטערן האָבען אזוי נישט גערעדט. מיר האָבען געוואוסט פון א צבור, פון א קהלה קדושה, פון א עדה קדושה.

זיכער איז שוין געווען נאָנט צו דער ווירקליכקייט די אנדערע מאָדערנע באצייכענונג. מען פלעגט זיך ווענדען „צום אידישען פאָלק" אין פוילען. עס קלינגט אפשר עטוואָס איבערטריבען, אָבער עס איז געווען א אידיש פאָלק אין פוילען.

דער אידישער קבוץ האָט פארמאָגט אלע אייגענשאפטען פון א פאָלק — נאָך מער איידער א פאָלק מיט אן אייגענע טעריטאָריע. עס האָט עקזיסטירט נישט בלויז אן אינערליכע רוחניות'דיגע וועלט, פול מיט תוכן און מיט מיין, נאָר אויך א אידישע סביבה און א אידישער קלימאט, וואו יהדות איז געוואָקסען און זיך אנטוויקעלט אין דער ברייט און אין דער טיף.

עליי און הכשרה

א באזונדער קאפיטעל איז געווען דער דראנג פון אָרטאָדאָקסישע אידען, ובפרט פון דער יוגענט, קיין ארץ ישראל. דער דאָזיגער דראנג איז וואָס אמת סטימולירט געוואָרען אין א גרויסען טייל, דורך דער שווערער עקאָנאָמישער לאגע פון אידען אין פוילען, און דורך די רדיפות און נגישות פון דעם אנטיסעמיטישען פוילען לגבי אידען, אָבער דער דראנג קיין ארץ ישראל איז אין אמת'ן געקומען אלס פועל יוצא פונ'ם אינערליך־טיפען חבת הארץ געפיל ביי יעדען רעליגיעזען איד. דער דאָזיגער דראנג איז אָבער איינגעצוימט געוואָרען אין דאָפעלטע אייזערנע קלעשטשעס. ערשטענס, אין דער קליינער צאָל סערטיפיקאטען, ד. ה. אריינפאָר־ערלויבנישען קיין ארץ ישראל, וואָס עס האָט צוגעטיילט די ענגלישע מאַנדאטאָר־מאכט פאר אידען בכלל. צווייטענס, דער גאָר קליינער פראָצענטזאץ, וואָס דער ציוניסטישער פאלעסטינא־אמט האָט צוגעשניטען פאר די רעליגיעזע עולים פון אגודת ישראל. נישט מער ווי 6 פראָצענט, שוין פאר אגודת ישראל מיט אלע אירע צווייגען, ווי צעירי אגודת ישראל, פועלי אגו"י און בנות אג"י.

די קאנדידאטען אויף עולים פון אגודת ישראל זענען געווען אין די טויזענדער. מצד דער אגודה זענען צוגעגרייט געוואָרען ספּעציעלע ערטער, וואו זיי האָבען דורכגעמאכט די פאָרגעשריבענע „הכשרה”, ד. ה. די פיזישע צוגרייטונג אלס פעלד־ארבייטער און בעלי־מלאכה.

דאָס איז געווען אן אידעאליסטישע יוגענט, דורכגעדרונגען מיט תורה און אמונה, און פון אָט דעם קוואל האָבען זיי געשעפּט זייער חיבת הארץ צום ארץ האבות. ניט קיין קליינע גורמים צום אויפלאקער פאר עלי' קיין ארץ ישראל, זענען אויך געווען די וואַרימע כרוזים פאר ישוב ארץ ישראל און די אָפטע נסיעות קיין ארץ ישראל פונ׳ם גערער רבי׳ן און אנדערע גדולי ישראל זצ״ל. דאָס איז געווען א מעכטיגע באוועגונג, וועלכע האָט בלויז אין א קליינער מאָס געפונען איר פארווירקליכונג אין עלי' קיין ארץ ישראל. עס וועט אויך זיין אינטערעסאנט צו דערמאָנען, אז אָט די פירטע עלי' וואָס האָט געברענגט טויזענדער פרומע עולים קיין ארץ ישראל, איז מצד די ציוניסטישע פירער באגעגענט געוואָרען מיט ביטול און געגנערשאפט, און זיי האָבען איר גערופען מיט שפּאָט „די נאלעווקי עלי'”...

היינט שטייען זיי, יענע עולים, אין די פאָדערשטע רייען פון דעם קאמף פון אגודת ישראל פאר אידישקייט אין ארץ ישראל, פאר בנין הארץ ברוח התורה, פאר חנוך עצמאי, געגען אנטי־רעליגיעזער צוואנג, און פאר אלע רעליגיעזע רעכט און הצטרכות׳ן. היינט זענען זיי דער אוואנגארד אינ׳ם קאמף פאר דערהאלטען די קדושת הארץ און קדושת ישראל.

אידישקייט אידענטיפיצירט מיט אגודת ישראל

ווי ווייט דער חותם פון אגודת ישראל האָט זיך איינגעקריצט אין גאנצען לעבען פון פוילישען אידענטום, קען דינען פאָלגענדער, אפשר זייטיגער, פאקט:

די באצייכענונג פאר א שלימות׳דיגען, באוואוסטזיניגען רעליגיעזען איד בכלל, איז אין די לעצטע יאָרען געוואָרען, אין מויל פונ׳ם המון: „אן אגודה׳ניק”, — אפילו ווען דער באטרעפענדער יחיד האָט געמעגט זיין אויסער דער אגודת ישראל, אָדער גאָר א געגנער.

ווען עס איז אויפגעקומען דאָס ליכט פון חסידות זענען חסידים באטראכט געוואָרען פאר עפּעס אויסנאמענדיגע יוצא־דופנ׳דיגע אָפּנויגער און נייעס־אריינברענגער, — אָבער מיט דער צייט האָט דער עולם יעדען אידען מדקדק במצוות במהדרין אָנגערופען „חסיד”, הגם דער איד האָט גאָר געמעגט זיין אַ פארברענטער מתנגד. די דערשיינונג האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט ביי דער אגודת ישראל. אין תחילת האָט מען באטראכט די אגודיסטען פאר עטוואָס מאָדערנע, מענטשען מיט אידעעס וועגען אָרגאניזאציע, מיט צייטונגען און פארלאמענטארישע מעטאָדען. אָבער די ארבייט און די פּאָזיציע פון דער אגודה האָט איר געוואונען די אנערקענונג מבפנים ומבחוץ, וואָס איז באשטאנען אין דעם וואָס יעדער אָרטאָדאָקסישער איד איז מן החוץ באצייכענט געוואָרען — אן „אגודה׳ניק”, אלץ איינם צו וואָסער ריכטונג ער האָט געהערט.

וואָס מיינט עס?

דאָס מיינט, אז די אקטיווע אינטענסיווע אידישקייט איז פארקערפּערט און סימבאָליזירט געוואָרען דורך אגודת ישראל. דאָס מיינט, אז יהדות אין מעשים, יהדות אין ממשות׳דיגער אָרגאַניזירטער טאט, איז דורכ׳ן פאָלק געוואָרען אידענטיפיצירט מיט אגודת ישראל.

און ריכטיג אזוי, ווייל די אגודת ישראל איז געוועזן דער אויסדרוק פונ׳ם פאראייניגטען יהדות החרדית מיט אן איינהייטליכען געשלאָסענעם ווילען.

דערמיט איז אויך צוריקגעוואונען געוואָרען די הנהגה פאר די גדולי התורה, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער באוועגונג, אלס איר העכסטע דעצידירענדע אינסטאנץ, די מועצת גדולי התורה. און די רעפּרעזענטאנץ כלפי חוץ איז איבערגעגעבען געוואָרען די אמת׳ע שליחי של אדם כמותו, די אָרטאָדאָקסישע פאָרשטעער אין פּארלאמענט, קהלות, שטאָטראַטען און — אומעטום.

גדולי תורה בראש פון אגודת ישראל

לויט די החלטות פון די גדולי ישראל, די מיסדים פון אגודת ישראל, איז געשטעלט געוואָרען בראש דער אגודה־באוועגונג א מועצת גדולי התורה, בכדי אז אלע וויכטיגע און פּרינציפּיעלע ענינים העולים בחיי עם ישראל, זאָלען דעצידירט ווערען לויט׳ן דעת תורה און דורך גדולי תורה.

דער רוב־רובו פון גדולים מפורסמים זענען, ווי איבעראל, אויך אין פּוילען געווען מיט און בראש פון דער אגודת ישראל. און אלע וויכטיגע און יסודות׳דיגע פראגען זענען געשטעלט געוואָרען פאר די גדולי תורה און דורך זיי באשלאָסען געוואָרען.

דאָס נשיאות פון דער מועצת גדולי התורה איז באשטאנען פון די דריי בארימטסטע און אנערקאַנטסטע גדולי ומנהיגי הדור אין אונזער צייט, דער בעל חפץ חיים, האדמו״ר מגור, און רבי חיים עוזר גראָדזענסקי. און צו דער מועצה האָבען געהערט אלע גדולי רבנים, אדמורי״ם און ראשי ישיבה מפורסמים. צווישען זיי האָבען זיך געפונען אזעלכע תורה־אויטאָריטעטען, גאוני ומאורי ישראל, ווי: רבי יוסף ענגעל; רבי מאיר אראק, מ׳טאַרנא; רבי ברוך בער, מקאמעניץ; רבי יצחק זעליג מאָרגענשטערן, אדמו״ר מסאָקאָלאָוו; רבי ירוחם, ממיר; רבי אברהם מנחם שטיינבערג, מבראָדי; רבי איסר זלמן מעלצער, מסלוצק־קלעצק; רבי מרדכי יוסף ליינער, אדמו״ר מראדזין; רבי יעקב קלאצקין, מלובלין; רבי משה בצלאל אלטר, מגור; רבי שמעון שקאָפּ, מגראָדנאָ; רבי מאיר דן פּלאצקי, מאסטראווא; רבי דוד באָרנשטיין, אדמו״ר מסוכוטשוב; רבי יעקב מאיר בידערמאן; רבי אלחנן וואסערמאן, מבאראנאָוויטש; רבי מנחם זעמבא; רבי מנחם מענדיל אלטר, מקאליש; רבי יוסף קאליש, אדמו״ר מאמשינאָוו; רבי אהרן וואלקין, מפּינסק; רבי מאיר שפּירא, מלובלין; רבי משה פרידמאן, אדמו״ר מבאָיאן־קראָקאָ, זכר צדיקים לברכה, און אנדערע גדולים וואָס קומען מיר נישט אין דעם מאָמענט אין זכרון.

דאָס איז געווען די קרוין, די כתר תורה, פון דער אגודת ישראל באוועגונג. דאָס איז אָבער געווען בעיקר די העכסטע אָנפירענדיגע און דעצידירענדיגע אינסטאנץ, וועמענס וואָרט איז געהערט געוואָרען מיט יראת הכבוד און איז אויפגענומען געוואָרען מיט חרדת־הקודש דורכ'ן גאנצען אָרגאניזירטען יהדות־החרדית.

דער חותם פון אגודת ישראל

דער חותם פון אגודת ישראל האָט זיך געמערקט אויף דער אלגעמיינער רעליגיעזער סביבה, און אויך אויף יעדען ווינקעל, פרט און אינהאלט אינ'ם רעליגיעזען לעבען. די אלע דערשיינונגען פון רוחניות'דיגער — אָבער נישט אבסטראקטער, נאָר גאָר ממשות'דיגער אידישקייט, — האָבען באקומען פאראייניגענדע און צוזאמענגעבונדיגע ראמען דורך אגודת ישראל.

דאָס תורה־אידענטום אין פוילען איז, דורך אגודת ישראל, אויפגעברויזט געוואָרען מיט א קוואל פון פרישקייט און באנייטקייט; הגם עס זענען באנוצט געוואָרען אויך מאָדערנע אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמען און תכסיסים, אָבער דערביי האָט מען שטרענג פרעזערווירט דאָס אלטע אבות'דיגע און דאָס אייביג מסורת'דיגע; אמת, עטוואס חדש, אָבער א חדש מלא ישן.

דער שבת און יום טוב, די שטיבלעך און בתי מדרשים, די חדרים און ישיבות, די בתי־חינוך פאר מיידלעך, די מוסדות פאר חזוק הדת, — דאָס אלעס איז נישט געווען מער קיין צוברעקעלטע פונקטען און אָפגעזונדערטע גרופען, נאָר האָט באקומען דורך דער אגודת ישראל קאָאָרדינאציע און איינהייטליכקייט. א פאראייניגטער און אָרגאניזירטער צבור, מיט א געמיינזאמען און פעסטען ווילען, מיט אן אנטשלאָסענקייט און ציל־באוואוסטקייט. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו פילען אלס שותפים. א שותפות'ער גורל, א שותפות'ער רצון און א שותפות'ע שטרעבונג. דאָס האָט געמאכט דאָס רעליגיעזע אידענטום אין פוילען פאר א ווירקענדען פאקטאָר און וואקסענדיגען כוח. דאָס האָט זיי געמאכט פאר דעם שעפערישסטען צבור אין דער תורה־וועלט.

ווער עס געדענקט א שבת, א יום טוב אין דער עיר גדולה של חכמים ושל סופרים — ווארשא; ווער עס האָט געזעען דעם אָנבליק פון דער דאָרטיגער נאלעווקי אָדער גזשיבאָוו געגענט אין א שבת פרי; ווער עס האָט אמאָל מיטגעדאווענט א שבת אין נאלעווקי 19 שטיבעל מיט זיינע 700 מתפללים נשואים און 400 מתפללים בחורים, דער האָט געקענט האָבען א ציור וואָס עס האָט געמיינט א גאנצער איד, א גאנצער שבת, גאנצע אידישקייט, און א שלימות'דיג אידיש לעבען. דער האָט געקענט זעען בחוש ובעין וואָס עס מיינט קדושת ישראל, קדושת התורה און קדושת החיים.

דער שבת איז געווען ווי א פענסטער דורך וועלכען צו דערזעען דעם תוכן און מהות פונ'ם פוילישען תורה־איד. זיין אינעווייניגסטע רייכקייט, זיין שלימות, זיין ברייטקייט און זיין טיפקייט. זיין עשרות פון שכל, געפיל און באוואוסטזיין, זיין אוצר פון דעת, רגש און שמחה.

דער שבת איז געווען א יום שכולו שבת, א שבת מעין עולם הבא. דער שבת איז געווען א פועל יוצא פונ׳ם אידענ׳ס ששת ימי המעשה. דער שבת האָט קלאָר באוויזען, אז אויך די ימי המעשה זענען ביים איד ניט געווען כולו חול, ווייל פון כולו חול איז שווער מיטאמאָל איבערצוגיין צו אזא כולו קודש. דער דערוואַכען האָט געצויגען צום שבת. דער גאנצער חול איז געווען בבחינת הכנה צום קודש.

דער שבת איז געווען א קלאָרע אָפשפיגלונג פונ׳ם אידענ׳ס לעבען בכלל, וואָס איז געווען נאָר ווי א פרוזדור פון עולם הזה צו עולם הבא. אלע זיינע ליידען און דורכגייענישען זענען אויפגעפאסט געוואָרען ווי א דורכגאנג צום יום שכולו טוב. אלע זיינע טאָג־טעגליכע זאָרגען און מלחמת־החיים פאר זיין פיזיש־חומריות׳דיגען עקזיסטענץ, זענען נאָר געווען ווי א דרך־אגב׳דיגער דורכשטופּ צו זיין נשמה׳דיגער שטרעבונג צו א וועלט פון העכערס, שענערס, הייליגערס און הימלישערס. א טונקעלער היינט וואָס פירט זיכער צו א ליכטיגען מאָרגען.

ווי טיף דער גלות האָט באשווערט און דערדרוקט דאָס לעבען, אָבער דעם אידענ׳ס טיפערער רגש פון צער איז געווען איבער׳ן גלות השכינה. דער גאנצער גלות פון די דאָזיגע אידען איז געווען בעיקר א פועל יוצא פונ׳ם שכינתא בגלותא.

מיט׳ן כח פון דער דורות׳דיגער איינגעוואָרצעלטער אמונה האָט מען געהייליגט אפילו דאָס וואָכענדיגע לעבען. מען האָט דערהויבען די ערד צום הימעל און מען האָט אראָפּגעברענגט דעם הימעל צו דער ערד. ווי טייטשט דער הייליגער קאָצקער רבי זצ״ל: השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם, דעם שמים צו דערהאלטען פאר א שמים דאָס געהער צו השי״ת, אָבער דעם הארץ צו פארוואנדלען אין א שמים, דאָס איז געגעבען געוואָרען לבני אדם. די ערד צו פארהימלען, דאָס איז דער בני אדמ׳דיגער חוב.

עולמנו חשך בעדנו

אונזער וועלט איז פארפינסטערט געוואָרען. ווען עס שטייען אויף אין אונז די געשטאלטען פון דער אזוי נאָנטער, און דאָך אזוי וויטער, פארגאנגענהייט, — פילען מיר, אז וועלטען גאנצע זענען אומגעבראכט געוואָרען. יעדער איד איז טייער, און יעדער אומגעקומענער איז פון די קדושים, אָבער די מיט וועלכע מיר האָבען נאָנט מיטגעלעבט, מיטגעליטען, און זיך מיטגעפרייט, זענען נישט קיין ציפער, אָדער אבסט־ראקטע באגריפען, נאָר אונזער אייגענע וועלט. מיט זייער אומקום איז אומגעקומען א טייל פון אונז, איז אונטערגעגאנגען א גרויסער באשטאנד־טייל פון אונזער נשמה־לעבען. ווייל נישט קיין אָפּגעזונדערטער אינזעל איז דער איד. ער איז א חלק פון א סביבה, פון א קאָלעקטיווען גייסטיגען אָרגאניזם, פון א רוחניות׳דיגער וועלט. און אויב די וועלט איז אומגעבראכט געוואָרען איז אויך א שטיק פון אונז אליין מיט־אומגעבראכט געוואָרען.

אויך דאָס וואָס איז אונז געבליבען איז אויך פון דאָרט. דאָס וואָס מיר טראָגען אין זיך, און וואָס מיר זענען, איז א טייל פון דאָרטען, פון דער אונטערגעגאנגענער וועלט. מיר קוקען מיט די אויגען פון דעם אמאָליגען אזוי־גרויסען

תורה־אידענטום, און טראכטען מיט זייערע מחשבות און טערמינען. דרכנו דרכיהם ומחשבותינו מחשבותיהם. אונזער וועזען איז א טייל פון זיי, פון זייער ליכט, וואָס שיינט אין אונז. אונזער היינטיג גייסטיג פארמעגען איז א ירושה־חלק פון אָט דעם אונזערן אמאָל, וואָס איז געוועזן געהייליגט ביי זייער לעבען און געהייליגט ביי זייער אומקום, ביי זייער מות קדושים.

יעצט איז פון דעם אלעס גאָרניט געבליבען. די דאָזיגע גרויסע און הערליכע אידישע וועלט איז מער ניטאָ. זיי זענען מער נישט פאראן, יענע טייערע אידען מיט דיווארימע הערצער און אָפענע מוחות, וועלכע זענען געוועזן דורכגעדרונגען מיט אזא אחריות פאר זיך, פארן כלל און פאר דורות. אלעס איז דורך דעם פינסטערן דייטשען מחבל פארטיליגט געוואָרען. ניטאָ מער דער תפארת און גבורה שבישראל. ניט די גבורה׳דיגע אידען און ניט די תפארת׳דיגע יהדות.

נישט אויפגעשטאנען איז אונז א ירמיהו הנביא, און נישט אויפגעקומען פאר אונז קיין איכה. נישט באקלאָגט איז געוואָרען אונזער אומגליק און נישט באוויינט — אונזער בראָך. על בית ישראל ועל עם ה׳ כי נפלו בחרב, בלייבט אונז נישט מער ווי אויסצודריקען אונזער אָפגרונט־טיפער ווייטאָג, און אונזער פלאמענדיגען צער און צאָרן אין דעם הייליגען רוף, מאָנונג און תפלה:

ארץ ארץ אל תכסי דמם, ואל יהי מקום לזעקתם, עד ישקיף וירא ה׳ משמים, וינקום נקמתו ונקמת עמו ונקמת תורתו ונקמת דם עבדיו אשר שפכו דמם כמים. כהבטחתנו ביד אבי חוזה הרנינו גוים עמו כי דם עבדיו יקום ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו.

אפריון נמטי׳ לכבוד יקירי וידידי מאז דר. **הלל זיידמן** הי״ו בעד שרותו בידיעותיו, בכתיבתי דפים אלה להיסטורי׳ של היהדות החרדית המאורגנת בפולני׳, יתברך בכט״ס.

אגודת ישראל

- פופציג יאָר זינט האַמבורג
- 45 יאָר זייט קאַטאָוויץ
- גדולי ישראל און אגודת ישראל (ערשטער מאמר)
- גדולי ישראל און אגודת ישראל (צווייטער מאמר)
- גדולי ישראל און אגודת ישראל (דריטער מאמר)
- גדולי ישראל און אגודת ישראל (פירטער מאמר)
- וואָס איז און וואָס וויל אגודת ישראל
- ...ודבר ה׳ מירושלים (דער וועלט כינוס פון תורה־אידענטום)
- גרויסע אויפגאַבען אין א גרויסער שעה
- וואָס ערוואַרטען מיר פון דער פירטער קאָנפערענץ
- ויעשו כלם אגודה אחת
- ישנו עם אחד
- חילוקי דעות אין אגודת ישראל
- אַ וויכוח מיט צווייפעלהאפטע כוונות
- אַל נא אחי תרעו
- נאָך דער קאָנווענשאָן
- פאַרגעסט נישט דעם עיקר

פופציג יאָר זינט האַמבורג

פארביי שוין אַ יובל יאָרען זינט גאוני התורה וקדושי ישראל האבען געלייגט דעם אבן־הפנה פאַר דער אָרגאַניזירונג פונם אַלוועלטלעכען יהדות החרדית.

מיט פופציג יאָר צוריק, אין יאָר תרס״ט, האָבען זיך אינעם שטילען קוראָרט האַמבורג ביי פראַנקפורט־אַם־מיין, צוזאַמענגעטראָפען עטלעכע גרויסע יחידים — יחידי סגולה — פון יענער צייט, און זיך פאַרטראַכט וועגען דעם גייסטיגען מצב ביי אידען איבער דער וועלט. די הויפט־גורמים פאַר זייער צוזאַמענטרעף זיינען געווען די שינויים וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען אינם לעבען פון די אידישע מאַסען. אינם אידישען לעבען האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען שעדלעכע השפעות פון אויפקו־מענדע באַוועגונגען געבויטע אויף ניט־אידישע יסודות, און זיינען עלול געווען צו פאַר־פירען אידישע מאַסען און פאַרפעלשען דאָס אָריגינעלע אידיש לעבען און אינהאַלט.

נאָר יחידים זיינען זיי געווען, אָבער אַזעלכע יחידים וואָס זיינען געווען די אויטאָ־ריטעטסטע מנהיגים פונם תורה־אידענטום; יחידים, וואָס לבם ועיניהם של ישראל האָבען צו זיי אַרויפגעקוקט און געוואַרט אויף זייער וואָרט און פירערשאַפט; יחידים, וואָס תורה־אידען מארבע פינות העולם האָבען זיי אָנערקענט אַלס גאוני התורה ושרי היראה און געוואוסט, אַז אַלץ וואָס זיי טראַכטען און טוען איז אויסשליסלעך פאַר החזקת התורה והאמונה און להרבות כבוד שמים.

דאָרט אין האַמבורג האָבען זיך געטראָפען אַזעלכע וועלט־באַרימטע מורי ומאורי ישראל, ווי דער גאון הדור רבי חיים סאָלאָווייטשיק פון בריסק, דער קדוש ישראל האדמו״ר מגור, דער גדול פון מינסק רבי אליעזר ראַבינאָוויטש, דער גאון רבי אליעזר גאָרדאָן פון טעלז, דער גאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנע, דער באַרימטער פראַנקפורטער רב רבי שלמה זלמן ברויער, און די איניציאַטאָרען פון דער אסיפה דער באַוואוסטער רבי יצחק אייזיק הלוי, בעל „דורות הראשונים״, און רבי יעקב ראָזענהיים שליט״א. עס האָבען זיך אויך משתתף געווען פערזענלעכע שליחים פון דעם גאון רבי דוד פרידמאַן פון קאַרלין און פון האדמו״ר מליובאַוויטש זי״ע.

פאַר די אויגען פון די דאָזיגע מנהיגי ישראל איז געשטאַנען דער מצב היהדות פון יענער צייט, און נאָך מער דער עתידו של ישראל, וואָס איז געשטעלט געוואָרען אין סכנה דורך די פאַרשידענע חפשיות׳דיגע באַוועגונגען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען קונה שביתה זיין אין דער אידישער מחנה, און ווערען אַ געפאַר פאַר אַראָפּפירען דעם כלל־ישראל פון די דרכי החיים אין וועלכע אידען האָבען געלעבט מיום היותם לעם ישראל.

און בכדי צו קאָנען זיך געגענשטעלען די הסתה והדחה׳דיגע באַוועגונגען האָבען די גדולי ישראל אין האַמבורג באַשלאָסען, אַז דער איינציגער וועג איז דאָס שאַפען אַן איגוד פון תורה׳דיגען וועלט־אידענטום, וואָס זאָל ווערען אַ פאַרפאַנצערטער כוח פאַר פאַרפעסטיגען די יסודי האמונה והדת אין אידישען לעבען, און זיין בכוח צו וועהרען זיך געגען די פרואוון פון די וואָס ווילען זיי צעשטערען.

און דאָרט איז געלייגט געוואָרען דער יסוד פאַר אַן — אגודת ישראל העולמית.

* * *

מיט פופציג יאָר צוריק האָבען דאָס געקאָנט פאַרשטיין און פאָראויסזען נאָר גדולי ישראל. מען האָט געדאַרפט דערצו זיין אין אַ מדרגה פון: חכמים הרואים את הנולד. און נאָר גאוני התורה וצדיקי הדור, מיט זייער ווייטען בליק און מיטן כוח התורה, האָבען עס געקאָנט פאָראויסזען.

מיר היינט דאַרפען דערצו שוין ניט זיין קיין רואים את הנולד. היינט, בזמננו אלו, איז אַלץ אַזוי קלאָר און בולט, אַז מען טאַפּט עס אָן מיט דער האַנט. מיר לעבען אין אַ צייט וואו אַלע איינגעפונדעווטע יסודות פון אידענטום ברעכען זיך; אַלע טויזענט־יעריגע קדשי האומה ווערען נתחלל; כופרים, אָפענע און פאַרמאַסקירטע, טרעטען ברגל גאוה ובוז אויף אַלע אונזערע קניני האומה; און דעות כוזבות והשקפות משובשות רעדען ארויס אפילו פון אזעלכע וואָס פרעטענדירען נאָך צו רופען זיך דתיים.

צי דאַרף מען אין אַזאַ זמן האָבען דערצו „חכמים הרואים את הנולד"?

און פון דער אַנדערער זייט, ווידער, אין אַזאַ תקופה מיט אַזעלכע סכנות פאַר העברת־הדת, קאָן דען זיין אַן אַנדערע עצה ווי פאַראייניגען אַלע געבליבענע שלמים בתורתם ובאמונתם; צונויפזאַמלען אַלע ערלעכע און פרומע אידען, זיי אָרגאַניזירען כאיש אחד ובלב אחד, און אויסשמידען פון זיי אַ כוח בעד ה', תורתו ואמונתו.

דאַרף מען דערצו היינט זיין „חכמים"? איז אונז געבליבען אַן אַנדערער וועג?

* * *

אין האַמבורג האָבען די גדולי ישראל באַשלאָסען:

„הוחלט להקים ועד זמני אשר מושבו יהיה בפרנקפורט, ואשר יוטל עליו לעשות את ההכנות ליסודה של הסתדרות דתית עולמית, להכין הצעה לתקנות, לדאוג לאמצעים הכספיים, ולקרא לועידה עולמית של היהדות החרדית".

אַלס רעזולטאַט פון דער האַמבורגער אסיפה איז געקומען דער וועלט־כינוס אין קאַטאָוויץ אינם יאָר תרע"ב. אין קאַטאָוויץ האָבען זיך שוין באַטייליגט מחוץ באַרימטע גדולי תורה ובראשם דער גאון ישראל רבי חיים בריסקער, אויך הונדערטער עסקנים און אָרטאָדאָקסישע מנהיגים פון אַלע אידישע ישובים איבער דער וועלט.

און דאַן זענען געקומען די כנסיות גדולות, אין וועלכע עס האָבען זיך באַטייליגט כמעט אַלע גדולי תורה ומנהיגי ישראל, און טויזענטער עסקנים פון אַלע רעליגיעזע קרייזען און קיבוצים מכל קצוי עולם.

די ערשטע כנסיה הגדולה — אין יאָר תרפ"ג, די צווייטע — אין יאָר תרפ"ט, ביידע אין וויען. די דריטע — אין יאָר תרצ"ז, אין מאַרינבאַד. און די פערטע — אין יאָר תשי"ד, שוין אין ירושלים עיר הקודש.

* * *

די פאַראייניגונג פונם אַלוועלטלעכען יהדות החרדית אין „אגודת ישראל" איז געשאַפען געוואָרען ווי אַ שוץ־וואַנט געגען די וועלכע האָבען זיך פאַרמאָסטען איינצוברעכען די חומות בית ישראל; ווי אַ דאַמבע געגען די כוואַליעס וועלכע האָבען געוואָלט פאַרפלייצען דאָס טויזענט־יעריגע איינגעוואָרצעלטע אידישע לעבען, אויסגעבויט אויף יסודות פון דת ואמונה; און ווי אַ געגען־כוח געגען די מזייפים ומהרסי הדת.

און נאָך קיינמאָל איז דער אָנגריף אויף תורה־יהדות נישט געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי אָפען ווי אין אונזער צייט. און ממילא האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ נחיצות פון אַ ציבור׳דיגען כוח התורה ווי אין אונזערע טעג.

עס איז אומפאַרשטענדלעך, און באמת למעלה מן ההשגה, ווי אַזוי עס טרעפען זיך נאָך היינט טיילען פון פרומע אידען, און אפילו איינצעלנע גדולי תורה, וואָס זעען ניט איין די דרינגענדע הוראת־שעה פאַר מאחד זיין אַלע תורה־אידען אין אַן אגודה אחת, וועלכע זאָל זיין בכוח ווייטער גאַנץ האַלטען דאָס בית ישראל סבא.

זיכער האָבען מיר גאָרנישט בדעה צו זאָגען אַז אַלץ אין דער אגודת ישראל איז אַזוי פערפעקט און בשלימות אַז מען קאָן ניט געפינען קיין חסרונות. אָבער די אַלע שוואַכקייטען זיינען ניט אין דער אידעע און אין עצם רעיון, נאָר אין דער הנהגה און אין די מענשען וועלכע פירען איר, וועלכע זיינען סוף־כל־סוף ניט מער ווי מענשען. ווען אַלע חוגים פון ערלעכע אידען זאָלען זיך אָנשליסען אין דער אגודת ישראל, וועט מען לייכט געפינען די נויטיגע תיקונים, וועלכע זיינען מער אָרגאַניזאַציאָנעלע ווי אידעאָלאָגישע.

ווי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט דער גערער רבי זצ״ל אין זיינעם אַ בריוו, בעת עס האָט אים ווער געשריבען קריטיק אויפן חשבון פון אגודת ישראל, שרייבט ער:

„... והנה כל זה אם מצד האגודה כבר נתקיימו התקנות שהושם עליהם. ונאמן עלי הדיין שאחרי מישוש כל כלי האגודה לא נמצא מאום נגד דתי תוה״ק, אך בענין ההנהגה שלא הי׳ כדבעי או מצד פניות וכבוד, והנה מזה אין נקי אפילו בקדשי הקדשים״.

אין זיין באַוואוסטען בריוו צום קירכנדאָרפער רב ר׳ אשר לעמיל שפיצער זצ״ל אין יאָר תרפ״ב, שרייבט דער גערער רבי זצ״ל:

„... כי כאשר לפעמים בעשותי חשבון הנפש אני מוצא נוחם בזה שהנני מסייע להחזקת האגודה, שהוא חזוק הדת היהודית במדינתנו. אמנם כי ישנם איזה חסרונים שיכולים להמנות, כי כן הוא בכל מפעל טוב, ואין אומרים בקרו גמל רק בקרו טלה, וגם מנורה שעשה שלמה המלך הכניסו אלף פעמים לכור וכו׳. כי אפשר לתקן הכל אם יש רק במה לתקן״.

עס איז דעריבער דער אחריות׳דיגער חוב פון יעדען ירא ושלם ניט צו שטיין אין אַ זייט און זוכען חסרונות, נאָר זיין אינעווייניג און העלפען בויען. און אויב עס זיינען פאַראַן חסרונות, זיי אָנוויזען מבפנים און זיי מתקן זיין מיט געמיינזאַמע כוחות.

* * *

במשך די פופציג יאָר זינט דער גרינדונג פון דער אגודת ישראל העולמית, איז דורך איר אויפגעטאָן געוואָרען גראַנדיעזעס, סיי בכוח און סיי בפועל.

ווען מען זאָל וועלען אויסרעכענען בפרטות אַלץ וואָס איז דורך אגודת ישראל, געשאַפען געוואָרען, דאַרף מען דערצו שרייבען גאַנצע ביכער. עס איז אוממעגלעך צו געבען אַ גאַנץ בילד וואָס די אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע האָט באַוויזען אויסצובויען, דערהאַלטען און פאַרפעסטיגען אין יהדות־התורה.

פאַרצייכענען און פעסטשטעלען קאָן מען אָבער יאָ, אַז מיטן שאַפען די אגודת ישראל, האָט מען צוריק דערהאַלטען דאָס אידישע לעבען אין זיין תוכן און אייגענאַרט, פאַרוואַנדעלט דאָס תורה־אידענטום אין אַ ווירקענד־לעבעדיגען פאַקטאָר און באַוויזען לעיני כל, אַז עוד ישראל סבא חי.

עס איז זיך פשוט שווער פאָרצושטעלען ווי וואָלט אויסגעזען דאָס אידישע לעבען אָן אגודת ישראל. וואָס פאַר אַ צורה וואָלטען געהאַט תורה־אידען און תורה־אידישקייט ווען די גדולי תורה נעמען נישט צוזאַמען דעם שה פזורה ישראל און שאַפען פון אים דעם ציבור׳דיגען וועלט־כוח. ווייל נאָך קיינמאָל ווי אין אונזערע טעג איז תורה ודת, אידיש

לעבען און אידישע הנהגה, נישט געווען אַזוי באַדראַט. נאָך קיינמאָל איז נישט געווען אַזאַ שטאַרקער און אָפּענער פּאַרמעסט אָפּצורייסען אידען פון אמונה, תורה און מסורה.

און ווער זאָל, און ווער איז בכוח, צו ברענגען דאָס אמת־אידישע וואָרט צו דער אידישער וועלט, אויב נישט אַ פאַראייניגטער אידישער תורה־ציבור? ווער איז ביכולת צוריק צו דערוועקען אידישע הערצער און נשמות און זיי מקרב זיין לאביהם שבשמים, אויב נישט אַן אָרגאַניזירטער תורה־כוח פון יראים וועלכע זיינען געבליבען גאַנץ אין זייער אמונת השם? אדרבה. ווער, אויב נישט ישראל סבא אין — אגודת ישראל?

* * *

דאָס איז געווען האַמבורג. דאָס האָבען פּאַראויסגעזען די גאוני התורה פון אַמאָל. און דאָס זעען די גדולי התורה אויך פון היינט.

די גדולי התורה אין ארץ ישראל זיינען לעצטענס אַרויסגעקומען מיט אַ רוף צו אַלע יראים, אַז זיי זאָלען זיך אין דער שווערער שעה מאחד זיין און שאַפען דעם צענטראַלען פאַראייניגטען כוח למען ה׳ ותורתו אין דער — אגודת ישראל. און איצט טוען דאָס די גדולי התורה צוזאַמען מיט הונדערטער רבנים ותלמידי חכמים מפורסמים אין אמעריקע.

די גדולי ישראל אין ארץ ישראל רופען:

„התלכדות כל היראים והחרדים לדבר ה׳ לאגודה אחת היא צורך השעה והדור, אשר בה תלוי קיומו ועתידו של עם התורה בשעת הרת עולם זו. כשזקוקים אנו לרחמי שמים״.

„עמדו ועומדים פורקי עול תורה ומלכות שמים וקשרו קשר לחלל כל קודש ומעבירים על דת תוה״ק, שעלי׳ באו באש ובמים אבותינו הקדושים, ורוצים לערטל את עמנו וארצנו הקדושה מקדושתם״.

„צו השעה לכנס ולארגן את כל שומרי תורה מכל קצוי הארץ ולהפכם לכח צבורי אדיר, עצום ומכריע ולעמוד על משמר התורה והמסורה״.

„התאחדו, התארגנו תחת דגלה של „אגודת ישראל״, העומדת תחת מרותה של מועצת גדולי התורה״.

און די גדולי תורה ורבני ישראל אין אַמעריקע רופען:

„בשעה גורלית זו לעמנו, שעה שכחות ענקיים של הרס וחורבן מסתערים על מבצרי האומה וקדשי׳, אנו יוצאים בעקבות הרועים, גדולי התורה והיראה מדורות שעברו, בקריאה נלהבה אל אחינו בני ישראל החרדים להתאגד ולהתאחד באגודה אחת, בכדי להגן בכחות מאוחדים בעד כבוד ה׳ תורתו ואמונתו״.

„היום ביותר מוטל עלינו חוב קדוש להקים כח תורני מאורגן כלל ישראלי מכל שומרי תורה ומאמינים בה׳, כדי לבצר חומת בית ישראל נגד אלה שרוצים להבקיעה, ולעמוד נגד מזייפי התורה השונים הרוצים ליצור מושגים זרים בקשר לעם ישראל, מהותו וקיומו״.

„הננו קוראים לכן לכל אחד ואחד משומרי תורה ומצוות וחרדים לדבר ה׳ ולהתאחד יחד עם כל יראי ה׳ תחת דגל ׳אגודת ישראל׳, אשר מטרתה לעמוד על משמר החזקת קדושת חיי ישראל. ואשר פתרון הבעיות החשובות הוא בסמכות חכמי התורה, ודעת התורה היא הקובעת״.

אַזוי ווי אַמאָל אַזוי אויך היינט. דער רוב־רובם פון גדולי התורה והיראה שטייען מיט „אגודת ישראל״. די חכמי התורה זעען דעם באַדראַטען מצב פון אמת׳ער יהדות, און געפינען די איינציגע הצלה נאָר אין אַן אחוד־הכוחות פון אידען, וועלכע ווילען לעבען און ממשיך זיין זייערע דורות בדרך התורה הכתובה והמסורה לנו מימות עולם.

די „אגודת ישראל״, וועלכע איז נתיסד געוואָרען דורך די אויטאָריטעטסטע גדולי התורה פון אַמאָל, האָט אויך די סמכות פון די גדולי התורה פון היינט. עס איז דעריבער זיכער, אַז תורה־אידען, בכל מקום שהם, וועלען הערען די רופען פון די גדולי ישראל, און וועלען געבען די מעגלעכקייט, אַז דאָס אָרגאַניזירטע תורה־אידענטום זאָל זיין בכח צו דערהאַלטען דעם עם ישראל אין זיין אָריגינעלען תוכן און אין זיין היסטאָרישען צביון אַלס דעם — ממלכת כהנים וגוי קדוש. („דאָס אידישע וואָרט״, טבת, תשי״ט)

פינף און פערציג יאַר זייט קאַטאָוויץ

45 יאָר טיילט אונז אָפּ פון קאַטאָוויץ.

פונ׳ם יאָר — תרע״ב, — ביז היינט — תשי״ז.

מיט פינף און פערציג יאָר צוריק, זענען אין דער שטאָט קאַטאָוויץ, ביי דער פוילישער גרעניץ, געלייגט געוואָרען די יסודות פאַר דער שאַפונג פון אַ זעלבסטשטענדיג־אָרגאַניזירט אַלוועלטליך רעליגיעז אידענטום.

אין יאָר תרע״ב, צוויי יאָר בעפאָר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָרט אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער גרינדונגס־צוזאַמענקום פאַר אַן אגודת ישראל עולמית.

שוין אין יאָר תרס״ט, האָבען זיך אין דעם קור־אָרט האַמבורג, ביי פראַנקפורט ד׳מיין, פאַרזאַמעלט גדולי ישראל, וועלכע האָבען נאָך ערנסטע באַהאַנדלונג פונ׳ם געזעלשאַפטליך, פּאָליטיש און גייסטיגען מצב ביים וועלט־אידענטום, מחליט געווען דאָס איינרופען די קאַטאָוויצער אַסיפה פונ׳ם און פאַר׳ן יהדות החרדית.

אין די דאָזיגע היסטאָרישע און עפּאָכע־מאַכענדע כינוסים, האָבען זיך באַטייליגט באַרימטע גדולי התורה און מנהיגי ישראל, וועלכע האָבען מיט זיך רעפּרעזענטירט דעם רוב מנין ורוב בנין פונ׳ם תורה־אידענטום איבער דער וועלט אין יענער תקופה.

צווישען די פאַרזאַמעלטע גדולי ישראל, האָבען זיך געפונען אַזעלכע גדולי הדור ווי: הרב ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, בריסקער רב; האדמו״ר מגור; הרב ר׳ אליעזר ראַבינאָוויטש, דער גדול פון מינסק; הרב ר׳ אליעזר גאָרדאָן, טעלזער רב; הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנע; הרב ר׳ שלמה זלמן ברייער, פראַנקפורטער רב; און הרב ר׳ יצחק אייזיק הלוי, בעל דורות הראשונים. דער גאון ר׳ דוד פרידמאַן פון קארלין און דער לובאַוויטשער רבי, זענען געווען פאַרטרעטען דורך זייערע פּערזענליכע שליחים. די „מועצת אגודת החרדים בגאליציה״, איז געווען פאַרטרעטען דורך הגאון ר׳ נחום ווײדענפעלד דאָמבראָווער רב, און הרב י׳ ראַפּאַפּאָרט טשאָרטקאָווער רב. די „התאחרות הקהלות בהונגריה״, דורך איר נשיא ר׳ אברהם פרענקעל.

נאָך אַ רייה רבנים און עסקנים מפורסמים האָבען זיך באַטייליגט, און צווישען זיי: הרב ר׳ אליהו עקיבא ראַבינאָוויטש, פּאָלטאַווער רב; הרב ר׳ ישעיה פירשט, רב אין וויען; הרב ר׳ ישכר דוב גרויבאַרט, בענדינער רב; הרב ר׳ יחזקאל ליבשיץ, קאַלישער רב; הרב ר׳ מענדיל לנדוי, זאַווערטשער רב; הרב ר׳ פנחס כהן, רב אין אַנשפּאַך, א. א. און להבה״ח מורנו ר׳ יעקב ראָזענהיים, וועלכער איז, צוזאַמען מיט הר״ר יצחק אייזיק הלוי, געווען די רוחי החיים אין דער אָרגאַניזירענדער באַוועגונג.

אויפן רוף פון די גדולי התורה זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו דער קאַטאָוויצער גרינדונגס־כנסיה, אין די טעג י״א־י״ג סיון תרע״ב, צוויי הונדערט און אַכט־און־צוואַנציג שליחי־צבור פונ׳ם תורה־אידענטום, צווישען זיי באַרימטע רבנים און פירענדע עסקנים פון די מדינות: פוילען, רוסלאַנד, ליטע, ארץ ישראל, דייטשלאַנד, רומעניע, אונגאַרן, ענגלאַנד, עסטרייך, גאַליציע, שווייץ, פראַנקרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, בעלגיע, האָלאַנד, אויסטראַליע, דענעמאַרק און אַמעריקע.

זיי, די באַרימטע מנהיגים פון דער תורה־וועלט, האָבען אין קאַטאָוויץ —

במעמד כל העדה הקדושה — געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר אַן אָרגאַניזירטען, זעלבסט־שטענדיגען און כלל־ישראל׳דיגען כח פונ׳ם תורה־אידענטום פאַר תורה־אידישקייט.

זיי, די מורי ומאורי ישראל, האָבען דאָרט געלייגט דעם אבן שתיה פאַר דער — אַלוועלטליכער אגודת ישראל.

* * *

אַלס פועל־יוצא פון די גרינדונגס־אסיפות, אין האַמבורג און אין קאַטאָוויץ, איז אַרויסגעקומען די ערשטע כנסיה הגדולה. לויט דער החלטה, האָט זי געדאַרפט איינגערופען ווערען אין יאָר תרע״ד. אָבער צוליב דעם אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה, איז די כנסיה הגדולה, ערשט צושטאַנד געקומען מיט קרוב אַ צענדליג יאָר שפּעטער, אינ׳ם יאָר תרפ״ג אין וויען.

די וועלכע האָבען עס געהערט מפי השמועה ומפי הכתיבה, און אפילו די — היינט שוין יחידי סגולה — וועלכע האָבען געהאַט דעם גרויסען זכות און זכיה זיך פערזענליך צו באַטייליגען אין דעם דאָזיגען ריזיגען כנוס לשם שמים, קאָנען זיך קוים פאָרשטעלען און באַגרייפען, און ווער שמועסט נאָך געבען אַ ציור, פון דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דער דאָזיגער קאָלאָסאַלער עפענטליכער מאַניפעסטאַציע פון קידוש שם שמים ברבים.

וואָס האָט מען דאָרט געזעהן? וואָס האָט מען דאָרט דורכגעלעבט, און וואָס האָט זי מיט זיך פאָרגעשטעלט, די ערשטע כנסיה הגדולה?

איז עס געווען אַן אסיפה, אַ קאָנפערענץ, אַ קאָנגרעס? עס וואָלט געווען פשוט לעכערליך איהר מיט אַזעלכע באַצייכנונגען פאַרצושטעלען.

גאָר עפּעס אַנדערש איז דאָרט געשעהן. און גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש האָט מען דאָרט געזעהן, געפיהלט און דורכגעלעבט.

עס איז געווען אַן אויפבראויז אין דער אידיש־רעליגיעזער וועלט. אַן אויפשטורם אין אַלע ערליכע, פרומע און אידיש־פילענדע הערצער. עס איז געווען די גרעסטע עפענטליכע מאַניפעסטאַציע פון אידישען ווילען און שטרעבונג פאַרן דערהאַלט פון אָריגינעלער אמת׳ער יהדות.

הונדערטער רבנים, אדמורי״ם, ראשי־ישיבות און מורי־הוראה בישראל, דעו רוב רובו של גדולי ישראל ואדירי התורה מכל קצוי ארץ, האָבען זיך פאַרזאַמעלט; הונדערטער עסקנים זקני־העדה און מנהיגים פונ׳ם יהדות־החרדית איבער דער גאַרער וועלט; טויזענטער געסט יראים ושלמים מארבע פנות העולם, זענען זיך צוזאַמענגעפאָרען; און אַלע מיט דעם איינציגען ציעל און הייליגער מטרה לטכס עצה פאַרן בדק בית ישראל סבא. צו געפונען עצות, אופנים און דרכים, צו פאַרפעסטיגען, פאַרשטאַרקען און פאַרטיעפען תורה־יהדות ביים עם התורה.

אַזאַ כנסיה לקדש את שמו יתברך, מיט אַזאַ פאַרנעם, מיט אַזאַ געהייליגטער התלהבות, און מיט אַזאַ קדושה׳דיגער התרוממות עילאה, איז ניט באַקאַנט אין דער אידישער געשיכטע. זיכער ניט אין די לעצטע דורות.

ווי אַמאָל ביים הר הכרמל, אונטער דער הנהגה פון אליהו דער נביא השם, האָט זיך ווידער געשטעלט, די מחנה השכינה אונטער דער הנהגה פון די עיני העדה, די גאוני וקדושי ישראל, מיט זייער התלהבות׳דיגען אויסרוף: ה׳ הוא האלקים.

* * *

קאַטאָוויץ האָט, מיט 45 יאָר צוריק, געלייגט די יסודות פאַר דער שיטה און אידעאָלאָגיע פון דער אגודת ישראל.

פיער כוונות, פיער גרונד־מאָטיווען, האָבען דעצידירט און געבערענגט צו דער אידעע פון אַן אָרגאַניזירטען רעליגיעזען כלל ישראל, און צו דער גרינדונג פון דער אַלוועלטליכער אגודת ישראל. און דאָס זענען געווען —

ערשטענס: די געפאַר פון פאַרשפרייטונג פון דעות כוזבות צווישען אידען, דורך די פאַרשידענע ניי־אַנטשטאַנענע און אָרגאַניזירטע מפירי הברית און מחריבי הדת. און די געפאַר אַז חפשיים זאָלען מאָנאָפּאָליזירען דעם כלל ישראל. ווערען די אַליין וואָרט־זאָגער פונ׳ם אידענטום, און אויך פונ׳ם רעליגיעזען אידענטום.

צווייטענס: צוזאַמענגעמען און פאַראייניגען תורה־אידען איבער דער וועלט. שאַפען אַ זעלבסשטענדיגע רעפּרעזענטאַנץ, וועלכע זאָל, כלפי פנים און כלפי חוץ, פאַרטרעטען דאָס תורה־אידענטום, און וועלכע זאָל גאַנץ אומאָפּהענגיג ברענגען צום אויסדרוק די מיינונגען, השקפות און דעת תורה פונם אָריגינעלען אַלטען און אייביג־נייעם סיני יהדות, איבער אַלע און וועגען אַלע כלל־ישראל ענינים.

דריטענס: ווידער אַמאָל באַנייען אַ קימו וקבלו, קימו מה שקבלו כבר, אַז אין אומתנו אומה אלא בתורתה; אַז די תורה איז דער יסוד אויף וועלכען עס בויט זיך און האַלט זיך דער גאַנצער בנין פון אידען און אידישקייט. די תורה, איז דער מיטעל־פונקט אַרום וועלכען עס גרופּירט זיך דאָס אידישע לעבען אין אַלע זיינע פאַזעס. פונקט ווי אַמאָל האָט זיך דער משכן ה׳ געפונען אין מיטען, בתוך העדה, און אַלע אידישע שבטים האָבען זיך גרופּירט אַרום איהם, אַזוי מוז אויך היינט, און אויף אַלע אייביג־קייטען, זיך געפונען דער ארון ברית ה׳ אַלס דער צענטראַלער פונקט אַרום וועלכען עס זאָלען זיך קאָנצעטרירען אַלע אידען, און אַלץ וואָס עס געשעט אינם אידישען לעבען.

און פירטענס: בכדי צו פּראָקלאַמירען, להיות גלוי וידוע, אַז די פעלשער פון דער אמת׳ער און אָריגינעלער אידישקייט, שטעלען מיט זיך ניט פאַר דאָס אידענטום; אַז דאָס עם ישראל, איז ניט סתם אַ גוי בין הגוים, נאָר אַ ישראל בין העמים, אַן עם הנבחר און אַן עם סגולה, וואָס האָט זיין אמונה, זיין תורה, זיין קדושה, זיינע אָריגינעלע דרכי החיים און זיין אייגענעם אחרית הימים; און אַז אַלע אַטריבוטען און באַגריפען אויף וועלכע חפשיות און חפשיים ווילען „איבערבויען" אונזער פאָלקס־לעבען, זענען פרעמדע און צוגעטראָגטע, אשר בדו מלבם ואשר לא שערום אבותינו ואבות אבותינו. און ניט אויף זיי האָט זיך געבויט, און ניט אויף זיי קאָן זיך בויען, אונזער אידישער קיום. דער יסוד און סוד פון אונזער המשך, דערהאַלט און אייביגקייט איז געווען, איז און בלייבט לכל ימות העולם: קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל חד הוא.

דאָס איז דער שיעור, וועלכען די גדולי התורה האָבען אין קאַטאָוויץ, געלערנט — להלכה ולמעשה — מיטן כלל־ישראל.

* * *

דאָס נחיצות פאַר דער שאַפונג פון אַזאַ תורה־פראָנט פאַר תורה־יהדות, איז געווען גאָר דרינגענד, ווייל די סכנות זענען געווען גאָר גרויסע און באַלדיגע.

פעלשער און פאַרלוימדער האָבען זיך געמעהרט אין דער אידישער מחנה; מיט פאַלשע לערעס, פרעמדע אידעאָלאָגיעס און ניט־אידישע קולטורען, האָט מען אָנגעהויבען צו פאַרפולען די אידישע מוחות; מיט פריצות און פריקת־עול, האָט

מען אָנגעשטעקט גרויסע טיילען פונם אידענטום; מיט צייטונגען, ביכער און ספרים חיצונים, וועלכע זענען פול מיט סתירה און הריסה צום אידישען באַגריף פון אמונת השם, תורת משה און קדושת ישראל, האָבען זיי, פאַרפלייצט די אידישע מאַסען; דורך וועלטליכע שולען, חדרים מתוקנים (לייען: מסוכנים) און תחכמוני׳ם, האָבען זיי אַרויסגעריסען אידישע קינדער פון די ערליך־אידישע בתי־חינוך און ישיבות. די שטאַרק־אָרגאַניזירטע און גוט־פינאַנסירטע פּראָפּאַגאַנדע מאַשין פון די חפשיים למיניהם איז געוואָרען אַן אמת׳ע געפאַר, אַז זיי זאָלען באַאיינפלוסען וואָס אַמאָל מער אידישע קרייזען. און בפרט די נישט־געענוג אָריענטירטע יוגענט, און זיי אָפּרייסען און פאַרפרעמ־דען פון יסודות׳דיגער און מסורת׳דיגער יהדות.

די געפאַר האָט זיך נאָך מעהר פאַרשטאַרקט, ווען עס האָבען זיך באַוויזען געוויסע טיילען — הגם קליינע — פון רעליגיעזע אידען, וועלכע זענען געוואָרען שותפים פון די „נאַציאָנאַלע״ חפשיים, און דאַדורך פאַרגרעסערט דעם בלבול־המוחות אין דער אידישער וועלט. און דורך זייער צולייגען אַ האַנט, האָבען זיי, די אַזוי־גערופענע „נאַציאָנאַל־רעליגיעזע״ גורם געווען, אַז די מחנות פון געפעלשטער יהדות, זאָלען באַקומען מעהר אָנהאַלט אינ׳ם אידישען לעבען, און פאַרפירען אַפילו טיילען פון שומרי דת, וועלכע קאָנען ניט אַזוי לייכט מבחין זיין בין תכלת לקלא אילן...

אַט די לויערענדע סכנות, האָט מען זיך געמוזט געגענשטעלען. מען האָט געמוזט געפינען וועגען און אופנים, פאַר צוריקשטעלען דאָס אידישע לעבען אויף אירע אמת־אידישע יסודות; פאַר פאַרפעסטיגען די עיקרי ויסודי הדת והאמונה; און פאַר אָרגאַניזירען דאָס תורה־אידענטום אין אַ פעסטען און אומאָפּהענגיגען פאַקטאָר אין אַלע צרכי ישראל.

און דאָס אַלעס צו דערגרייכען איז נאָר מעגליך געוואָרען דורך אַן אחוד הכוחות פון אַלע יראים איבער דער וועלט.

דאָס האָבען די גדולי ומנהיגי ישראל געזעהען פאַר דער הוראת־שעה, און דאָס האָט זיי דיקטירט, מיט 45 יאָר צוריק, צו דער התיסדות פון אגודת ישראל.

* * *

עס האָט זיך באַלד באַוויזען, אַז די גדולי התורה זענען געווען די חכמים הרואים את הנולד.

תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבען זיך באַוויזען די ווירקענדע כוחות פונ׳ם פאַראייניגטען רעליגיעזען צבור אין אַלע אידישע וועלט־צענטערן.

תיכף האָבען זיך געזעהען די השפעות פון דער אגודת ישראל בכל עניני הכלל.

רעליגיעזע אידען אין אַלע מדינות, האָבען זיך מאַגד און מאַחד געווען; דער „לך כנוס את כל היהודים״, איז געוואָרען די פּאַראָלע פון שומרי תורה ומצוות איבער דער גאַרער וועלט; געפיהלען פון אויפלעבונג, פון זעלבסטשטענדיגקייט און באַ־וואוסטזיניגקייט, האָבען דורכגעדרונגען יעדען תורה־איד אַלס יחיד און דעם תורה׳־דיגען כלל־ישראל אַלס גאַנצער; דאָס פרומע אידענטום האָט אויפגעהערט צו זיין אַ שדה־הפקר פאַר חפשיים און חפשיות; אידען מאמינים ושומרי דת, זענען געוואָרען אַ ווירקענדער כוח אין יעדען ישוב באַזונדער, און אַלע צוזאַמען האָבען געשאַפען אַ רעפּרעזענטאַנץ פאַרן אָרטאָדאָקסישען כלל ישראל, די — אגודת ישראל העולמית.

די דריי כנסיות גדולות, וועלכע זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין די יאָרען:

תרפ״ג, תרפ״ט און תרצ״ז, האָבען קלאָר באַוויזען דאָס גרויסע פּאַרטרויען און די הייליגע התלהבות וואָס די רעליגיעזע אידישע מאַסען איבער דער וועלט — ממש מקצה העולם ועד קצהו — האָבען געפּיהלט און אַרויסגעוויזען צו דער אגודת ישראל. און זיי, די כנסיות גדולות, האָבען אויך געוויזען, אַז אַלע גדולי הדור, אַלע גאוני וקדושי ישראל, — מיט נאָר איינצעלנע יחידים אַלס אויסנאַם — געפינען זיך בראש פון אגודת ישראל, און גיבען איר זייער הסכמה, אויטאָריטעט, הדרכה און דעת־תורה.

* * *

כדי צו קאָנען זיך שאַפען כאָטש אַ קליינעם באַגריף, וואָס דאָס אָרטאָדאָקסישע וועלט־אידענטום, האָט באַוויזען אויפצוטהון מיט זיין אחוד־הכחות, דאַרף מען זיך באַקאָנען, כאָטש מיט די ראשי־דברים פונ׳ם ריזיגען אויפשוואונג פון תורה־יהדות אין אַלע אידישע ישובים, ובפרט אין די גרעסערע אידישע צענטערן, אין די יאָרען פון תרע״ח ביז תרצ״ט. דאָס זענען די יאָרען צווישען דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז דעם צווייטען וועלט־מבול.

אַלע עקזיסטירענדע ישיבות, מוסדות התורה והחינוך, זענען במשך פון די 22 שלום־יאָרען פאַרגרעסערט און פאַרשטאַרקט געוואָרען; נייע גרויסע צאָלען חינוך מוסדות זענען געשאַפען געוואָרען; אַ ריזיגע באַוועגונג פון בית יעקב, וואו צענער־טויזענטער אידישע מיידלעך האָבען באַקומען זייער כשר׳ן יהדות־חינוך; סעמינאַרען פאַר בני תורה און יראי־השם אַלס קוואַליפיצירטע מנהלים, מורים און מדריכים; בית יעקב סעמינאַרען פאַר פרומע לערערינס און ערציער; טאָג־צייטונגען, וואָכען און חודש זשורנאַלען, און פעריאָדישע אויסגאַבען, ריינע פון יעדען פסולת, וועלכע האָבען געלערנט און געפּלאַנצט טראַדיציאָנעלע אידישקייט; אייגענע שליחי־ציבור אין די קהלות, און רעפּרעזענטאַנטען אין די שטאָט און שטאַאט מלוכה־אינסטאַנצען; אייגענע עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס, באַנקען, גמילת־חסדים קאַסעס, קאָאָ־פּעראַטיוון א. א. וו.

אַלעס וואָס אַ לעבעדיגער און ווירקענדער אידישער צבור דאַרף, האָט דאָס תורה־אידענטום אויסגעבויט פאַר זיך און פון זיך. מיט אייגענע כוחות און מיטלען און דורך אייגענער איניציאַטיוו און פירערשאַפט.

דאָס אַלעס, דער גאַנצער גראַנדיעזער בנין־היהדות המסורתית, האָט זיך געבויט דירעקט אָדער דורך מיטווירקונג פון דער אגודת ישראל און איהרע עסקנים די בכל אתר ואתר, און מיט דער דערמוטיגונג און מאָראַלער אונטערשטיצונג פון דער אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג.

אָבער דאָס וויכטיגסטע און באַדייטענדסטע דערביי, איז געווען:

— דאָס קלאָרע באַוואוסטזיין, דאָס פעסטקייט און אינערליכע איבערצייגונג, וואָס עס האָט אַרומגענומען די רעליגיעז־אידישע מחנה, פאַר זיין באַפרייאונג פון דער אַרויפגעצוואונגענער פירערשאַפט פון די וועלכע האָבען זיך געשטעלט פאַר זייער מטרה, צו איבעראַנדערשען די אידישע צורה, תוכן און נשמה, און פאַרוואַנדלען דאָס עם הקודש אין ככל־הגוים בית ישראל.

— דאָס באַוואוסזיין און איבערצייגונג, פאַר באַפרייען זיך פון דעם שענדליכען „גלות ביי אידען״.

* * *

מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען, אַז אַזאַ קאָלאָסאַלע אַרבייט — פיזישע, פינאַנ־סיעלע און גייסטיגע — און אַזעלכע דערגרייכונגען, קומען ניט אָן לייכט. בפרט נאָך, אַז שטערונגען און מכשולים האָבען ניט געפעהלט מכל הצדדים.

דער קאַמף פאַר דער דערוואָרבענער זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּהענגיקייט איז געווען, אַ האַרטער, אַ פאַרביסענער און גאַר גאָר אַ שווערער. און אויב די אַנשטרענגונגען זענען געוואָרען געבענשט מיט הצלחה, איז עס געשעהן נאָר אַ דאַנק:

— אַ דאַנק, דעם עקשנות'דיגען ווילען און הייליגער התלהבות פון די ברייטס־טע מאַסען פון די יראים וחרדים לדבר ד' ותורתו.

— אַ דאַנק, דאָס אידעאָלאָגישע באַוואוסטזיין און פעסטקייט אין פרינציפּען פון די עסקנים און מנהיגים.

— און אַ דאַנק, די הדרכה און דעת תורה פון די גדולי ישראל, וועלכע זענען, לויט די יסודות פון אונזער באַוועגונג, די פוסקים און מכריעים אין אַלע פרינציפּיעלע פּראָבלעמען, וועלכע זענען נוגע דעם תורה'דיגען כלל ישראל.

און ווען דאָס אַלץ איז פאַרהאַן, אם יש בך כל המדות הללו, אַז מ'האָט ריינע און ערליכע כוונות, און הייליגע לשם־שמים'דיגע רצונות, פאַר להרבות כבוד התורה וכבוד שמים — און ביי דעם יהדות־החרדית אין אגודת ישראל, איז עס געווען אין דער פולער מאָס — האָט מען זוכה געווען צו דעם וואָס יעדער מענש און די גאַנצע בריאה דאַרף האָבען: צו — סיעתא דשמיא.

* * *

זאָלען מיר שומרי תורה, היינט מיט 45 יאָר שפּעטער, זיך ערנסט פאַר־טראַכטען מיט אַלעם אַרום דער שאַפונג פון אגודת ישראל, און זאָלן מיר זיך גאָר ערנסט, ובכובד ראש, פאַרטראַכטען וועגען דעם מצב היהדות הנאמנה היינט צו טאָג, נאָכ'ן שוידערליכען חורבן האומה, און נאָכ'ן אויפקום פון אַ זעלבסטשטענדיגער מדינת ישראל אונטער דער ממשלה פון חפשיים.

און דאַמאָלט, אויב מען טראַכט ערליך און אחריות'דיג, בלייבט און מוז בלייבען איין מסקנא. און דאָס איז:

— היינט מער ווי אַמאָל, נויטיגט זיך דאָס תורה־אידענטום אין אַ פאַראייניגטען פראָנט פון אַלע אידען, וועלכע ווילען בלייבען גאַנץ בתורתם ובאמונתם.

— היינט מער ווי אַמאָל, איז קלאָר, אַז יעדע צושפּליטערונג און סעפּעראַטיס־טישע קלייזעל'דיגקייט מצד יראים, ברענגט אַן אָפּשוואַכונג אין די כוחות פון תורה־אידען, און איז גורם ממילא צו אַ פאַרשטאַרקונג פאַר חפשיים וחפשיות בכל תפוצות ישראל און אין ארץ ישראל.

— היינט מער ווי אַמאָל, מוז דאָס פרומע אידענטום איבער דער וועלט, האָבען אַן איינהייטליכע רעפּרעזענטאַנץ, וועלכע זאָל זיין באַרעכטיגט, קאָמפּעטענט און אויטאָריטאַטיוו צו ברענגען צום אויסדרוק די השקפות פונ'ם עם התורה.

— היינט מער ווי אַלעמאָל, ווערט קלאָר, אַז אויב מען וואָלט נישט געשאַפען אַן אגודת ישראל מיט 45 יאָר צוריק, וואָלט מען איר געדאַרפט, און געמוזט, שאַפען היינט אין אונזערע טעג.

(ד. א. ו. סיון, תשי"ז)

גדולי ישראל און אגודת ישראל

(ערשטער מאמר)

אין אונזערס אַ פריערדיגען מאַמר וועגען אגודת ישראל האָבען מיר געשריבען איבער דער גרינדונגס־אסיפה אין קאַטאָוויץ, אין יאָר תרע״ב, און איבער דער ערשטער כנסי׳ הגדולה, וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין יאָר תרפ״ג, ביי וועלכע עס איז דורך די גדולי ישראל געלייגט געוואָרען די יסודות פאַר אַ פאַראייניגטען כוח פונם תורה־אידענטום, דורך שאַפען די אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג.

איצט ווילען מיר זיך, צום עיקר, אָפּשטעלען וועגען די מיינונגען פון די גדולי התורה איבער דער דרינגלעכקייט פון אַן אָרגאַניזירט יהדות־החרדית איבער דער וועלט.

מיר האַלטען פאַר זייער וויכטיג, אַז די מיינונגען פון די גדולי התורה וצדיקי הדור — משיירי אנשי כנסת הגדולה — וועלכע מיר האָבען געהאַט די גרויסע זכיה צו האָבען אין אונזער דור, ולהנות מאור תורתם וקדושתם, זאָלען ווידער־אַמאָל געהערט ווערען. בפרט איז עס וויכטיג פאַר אַלע אידען שומרי תורה ומצוות, וועלכע זיינען ניט אַזוי נאָענט באַקאַנט מיט די ענינים. און גאָר דרינגענד־וויכטיג איז עס פאַר אונזערע אונטערוואַקסענדע דורות. זיי דאַרפען וויסען וואָס מנהיגי ישראל האָבען געטראַכט, געזאָגט און געשריבען, איבער דער וויכטיגקייט פון אגודת ישראל, אַלס די רעפּרעזענטאַנץ פונם יהדות המסורתית והנאמנה.

אָבער אַפילו די וועלכע זיינען יאָ באַקאַנט, שאַדט אויך ניט איבערצו׳חזר׳ן און צו האָבען אין זכרון דאָס באַקאַנטע און באַוואוסטע. ווי דריקט זיך אויס דער גרויסער בעל מוסר און מקובל ר׳ משה חיים לוצאַטי זצ״ל אין זיין הקדמה צום „מסילת ישרים״: „החיבור הזה לא חברתיו ללמד לבני אדם את אשר לא ידעו אלא להזכירם את הידוע להם כבר ומפורסם אצלם פרסום גדול וכו׳ אלא שמפי רוב פרסומם וכנגד מה שאמתתם גלויה לכל, ההעלם מהם מצוי מאד״.

* * *

מיר האַלטען דאָס פאַר וויכטיג איבער נאָך אַ טעם.

חילוקי־דעות זיינען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. און אַפילו ביי תורה־אידען און ביי עניני דת והלכה. אין דעותיהן של בני אדם שוות, שטעלען שוין פעסט חכמינו ז״ל.

און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אויך שוין בעת דער התיסדות פון דער אגודת ישראל, האָבען זיך געטראָפען יחידים גדולים, וועלכע האָבען זיך ניט משתתף געווען אין איר גרינדונג. עס האָט זיך ביי וועמען געקאָנט נעמען פון ניט געהעריג אָפּשאַצען דעם באַדראָטען מצב פון אידישקייט; צי פון ניט באַגרייפען אין דער טיפקייט דעם כלל־ישראל׳דיגען מצב און היקף; צי פון נעמען זייערע וואוין־ערטער אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט; אָדער אַמאָל פון גרויסע חששות און זהירות וועגען יעדען מין חדשות, אַפילו נאָר אין פאָרם. אַזעלכע יחידים, איינער דאָ און איינער דאָרט, האָבען טאַקע זיך געטראָפען. זיי האָבען זיך ניט מיטבאַטייליגט ביים שאַפען דעם איחוד עולמי פונם תורה׳דיגען כלל ישראל.

מען מוז אָבער פעסטשטעלן, אַז דער רוב־רובו פון אַלע גאוני התורה, פון אַלע צדיקי וקדושי הדור, זיינען יאָ געווען דערפאַר. און ניט בלויז געגעבן זייערע הסכמות און ברכות, נאָר געווען די איניציאַטאָרען און אירע מיסדים. און אויב די אגודת ישראל איז זיך צעוואַקסן אין אַזאַ ריזיגען און ווירקענדען כוח, וואָס האָט אַרומגענומען הונ־דערטער־טויזענטער שומרי תורה ומצוות איבער דער גאַרער וועלט, איז עס געווען צו פאַרדאַנקען די גדולי הדור, זייער אויטאָריטעט און השפעה ביים רעליגיעזן אידענטום.

זאָל אָבער זיין נאָך קלאָרער פעסגעשטעלט: ניט נאָר האָט אגודת ישראל געשטעלט גדולי תורה בראש פון איר באַוועגונג אַזוי, אַז קיין שום וועזענטלעכע און פּרינציפּיעלע ענינים זאָלען ניט דעצידירט ווערען אָן זייער דעת תורה, — וואָס אויך מיט דעם איז זי די איינציגע אין אידיש־געזעלשאַפטלעכען לעבען, — נאָר די גאַנצע באַוועגונג, הורתה ולידתה, איז געשאַפען געוואָרען דורך די גדולי תורה. ערשט זיי האָבען גערופען תורה אידען זיך איינצושליסען אין דער באַוועגונג, בכדי מיט פאַראייניגטע כוחות דורכצופירען די געשטעלטע מטרות פאַר החזרת עטרה ליושנה, פאַר צוריקבריינגען שלטון התורה אין אידישען לעבען, און פאַר דער ווידער־פּראָקלאַמירונג פון מלכות ש־די ביים עם ישראל.

אידען מאמינים בד׳ ותורתו, מכל קצוי ארץ, האָבען דעם רוף דערהערט, און אין די מאַסען זיך איינגעשלאָסען אין דער אגודת ישראל וועלט באַוועגונג.

* * *

און נאָך אַ קאַפּיטעל, צוליב וועלכען מיר שרייבען די דאָזיגע מאמרים.

עס איז ניט קיין סוד. פאַראַן היינט אַזעלכע אין דער רעליגיעזע מחנה, וועלכע ווילען אָוועקשטעלען די אגודת ישראל און איר אידעאָלאָגיע, ווי עפּעס אָן אָפּנויג פון אמת׳ער חרד׳ישער אידישקייט, און מען זוכט נאָר אין איר חסרונים און פגמים. פאַראַן אַזעלכע אין דער תורה־וועלט, וואָס אָנשטאָט מאחד זיין דעם שארית ישראל סבא, וועלכער איז נאָך געבליבען, בחסדי השי״ת, נאָך דעם גרויסען חורבן, און פון זיי שאַפען אַ וויר־קענדען כוח געגען די מהרסי הדת, — שאַפען זיי גאָר פּירודים און התרחקות צווישען די יראים זעלבסט. מען שטעלט מחיצות צווישען איין תורה־איד מיטן צווייטען; מען טיילט אָפּ אידישקייט לויט מדינות און שטעט; מען איז מבטל אַנדערע שומרי תורה ומצוות, און אַפילו גדולי ישראל. און אַזוי נאָך שוואַכט מען אָפּ תורה־אידען אַלס אַ ציבור׳דיגען וועלט־כוח און השפעה. און מ׳גיט גאָר דאַדורך, ניט־פאַרשטייענדיג, חיזוק צו די חפשיות׳דיגע לאַגערען. פאַר זיי, די חפשיים, איז נאַטירליך אַ גרויס געווינס דער פּירוד בין הדבקים אין דער תורה׳דיגער מחנה.

* * *

דאַריבער איז עס פון גרויסער וויכטיגקייט, אַז עס זאָל זיין באַקאַנט פאַר אַלע, ווער זיינען עס די גדולי התורה, וועלכע זיינען געווען די מיסדים פון אגודת ישראל. און עס איז וויכטיג, אַז עס זאָל איבערגע׳חזר׳ט ווערען, נאמרה ונשנית, ווי אַזוי גדולי ישראל, אשר מפיהם אנו חיים, האָבען אָפּגעשאַצט איר נחיצות.

זייער חות דעת, איז ריינער דעת־תורה וואָס איז געווען גילטיג בעת זיי האָבען עס געזאָגט, און אויך היינט, אפשר נאָך מער ווי אַמאָל. עס איז קלאָר, כאור השמש בצהרים, אַז צו דער פאַרשטאַרקטער הסתה והדחה וואָס מען באַצווינגט מיט איר די אידישע וועלט, און די דעות כוזבות ומשובשות, מיט וועלכע מען פאַרפּלייצט די אידישע מוחות, איז פאַראַן נאָר איין עצה: צוזאַמענגעמען אַלע אידען, וועלכע זיינען געבליבען

נאמנים בתורתם, באמונתם ובקדושתם, בכל מקום שהם, און שאַפען פון זיי אַ ציבור׳־דיגען כוח. וועלכער זאָל זיין ביכולת זיך געגענשטעלען די אַלע רוחות רעות פון כפירה און הריסה, וועלכע בושוועון לעצטענס אַזוי שטאַרק אין דער אידישער וועלט, אין די תפוצות ווי אין ארץ ישראל.

* * *

מיר ווילען אָבער דערמיט ניט זאָגען, אַז אַלץ וואָס עס ווערט געטאָן היינט. אין אונזער אגודת־ישראל באַוועגונג, איז אַלעמאָל פולשטענדיג אין הסכם מיט אירע יסודות און פרינציפּען. עס איז אָן שום ספק, אַז די לעצטע יאָרען מיט זייערע גרויסע און צעט־רייסעלענדע געשעעענישען — אַזוי דער שוידערלעכער חורבן בית ישראל, און אַזוי די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, — איז דאָס אידישע לעבען אַרויס פון זיינע נאָרמאַלע רעלסען, פון זיינע איינגעוואָרצעלטע הנהגות. און סוף־כל־סוף, איז די אגודת ישראל אַ באַוועגונג, וועלכע שטייט איינגעוואָרצעלט אינם אידישען לעבען און אין די אידישע מאַסען, און עס איז ממילא לייכט־פאַרשטענדלעך, אַז אויך זי, די אגודת ישראל באַוועגונג, זאָל ווערען טיילמאָל מיטגעריסען פון געשעעענישען אינם אידישען פאָלקס־לעבען. און ניט אַלעמאָל איז עס שטרענג אין דער ליניע, וועלכע מיר האָבען פאַר זיך געהאַט אָנגעצייכענט בשעת דער התיסדות פון אונזער באַוועגונג, און בעת די ערשטע צענדליגער נאָרמאַלע יאָרען פון איר עקזיסטענץ.

דאָס האָט אָבער אַבסאָלוט ניט צו טאָן מיט דער באַוועגונג גופא, מיט דעם עצם וויכטיגקייט פון איר עקזיסטענץ און איר באַדייטונג פאַרן תורה־אידענטום. פאַרקערט, וואָס מער עס ווייזען זיך שוועריגקייטען און נסיונות, ווייזט זיך ערשט בולט׳ער דאָס נחיצות פון אַן אָרגאַניזירטען תורה׳דיגען כלל ישראל. ווען גדולי ישראל האָבען אין נאָרמאַלע צייטען געזען די נויטיגקייט פון אַן אחוד היראים אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, ווייזט זיך עס טויזענט־פאַך מער און שטאַרקער אין אַבנאָרמאַלע צייטען, ווען נסיונות פילען אָן דאָס אידישע לעבען אומעטום, יעדען יחיד און דעם גאַנצען כלל.

די שוועריגקייטען טאָרען ניט אָפּשרעקען, נאָר אדרבה, ברענגען צו התחזקות און צו פאַרטאָפּעלטער עקשנות. דער גאַנצער אידישער קיום און דער קיום פון תורה ואמונה, איז צו פאַרדאַנקען די אייגענשאַפטען אונזערע פון טראַציגקייט, קשיות־עורף און להכעיס׳־דיגקייט די אַלע רודפים און רדיפות, וועלכע אונזער עם ישראל האָט געהאַט אויסצו־שטיין פון די שונאי ורודפי ישראל בכל דור ודור. און די זעלבע אייגענשאַפטען מוזען מיר היינט אָנווענדען געגען אונזערע שונאי ורודפי הדת משה וישראל.

אויך היינט, שטייען בראש פון אונזער באַוועגונג די אָנערקענטע גדולי התורה. און אַלע וויכטיגע פּרינציפּיעלע ענינים ווערען דורך זיי דעצידירט. און אויב אין געוויסע טאַטען אין דער אגודת ישראל באַוועגונג, און אַמאָל אויך אין די אויסטייטשונג פון איר אידעאָלאָגיע, באַווייזען זיך אַמאָל סימנים פון ניט־פעסטע האַנדלונגען, דאַרף עס, און מוז עס, ברענגען צו תיקונים. אַלע, וועלכע זיינען געטריי די אָריגינעלע יהדות־פּרינצי־פען, אויף זיי ליגט אַ חוב צו שטעלען זיך נאָענט און אַקטיוו אין דער אגודה־לייטונג, און זיין על המשמר פאַר ברענגען די תיקונים, אָרגאַניזאַטאָרישע און אידעאָלאָגישע.

* * *

ביים דעם ערשטען וועלט־צוזאַמענפאַר פונם יהדות־התורנית — די ערשטע כנסי׳ הגדולה — וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ווין, ד׳־י״ב אלול, תרפ״ג, האָט מען געזען דעם מסלתה ומשמנה פונם רעליגיעזען אידענטום איבער דער וועלט. אַן אמת׳ע

אָפּשפּיגלונג פונם תורה׳דיגען כלל ישראל. קרוב טויזענט שליחי־ציבור פון חרד׳ישע עדות און קהלות הקודש, צווישען זיי הונדערטער רבנים, גאונים און אדמורי״ם מפורסמים, און עסקנים מצויינים, תלמידי־חכמים, חסידים ואנשי מעשה, ממש מארבע פנות העולם. טויזענטער געסט, ערלעכע און פרומע אידען, וועלכע זיינען זיך פון דער וועלט צוזאַמענ־געפאָרען, בכדי צו האָבען די זכיה זיך משתתף צו זיין אין דעם גרויסען און היסטאָ־רישען כנוס לשם שמים.

מיר זיינען ניט בכח אויסצורעכענען אַלע וויכטיגע משתתפים אין דער כנסי׳ הגדולה. אָבער עס איז דאָך וויכטיג, לכל הפחות, צו פאַרצייכענען אייניגע נעמען, און בתוכם, נעמען פון די באַרימטסטע און אָנערקענסטע גדולי הדור און קדושי ישראל וואָס מיר האָבען געהאַט דעם זכות זיי צו האָבען אין אונזער צייט, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין דער כנסי׳ הגדולה און דאָס זיינען:

הבעל חפץ חיים, אדמו״ר מגור, רבי חיים עוזר גראָדזענסקי מווילנא, הרבי משאָרט־קאָוו, רבי משה מרדכי עפשטיין מסלובודקה, רבי אליהו קלאצקין מלובלין, רבי מאיר אטלס משאַוועל, רבי מאיר דן פּלאָצקי מאוסטרובה, הרבי מסוקולוב, רבי אהרן באַקשט מסובאלק, רבי משה בצלאל אלטר מגור, רבי יהודא ליב צירלסון מקישונוב, רבי יוסף ליב בלאָך מטעלז, רבי ליב רובין מווילקאָמיר, ר׳ אלחנן וואַסערמאַן מבאַראַנאָוויטש, הרבי מוויזניץ, רבי יעקב מאיר בידערמאַן מווארשא, רבי קלמן וועבער מציכוסלובוקיי, הרבי מראַדזין, רבי ברוך הורוויץ מאַלעסקאָט, רבי מנחם זעמבא מפּראגא, הרבי מסטריקאָוו, רבי שלמה זלמן ברייער מפראַנקפורט, רבי אהרן כץ מנייטרא, רבי אליהו לאפּיאַן מקעלם, רבי חנוך צבי הכהן לעווין מבענדין, רבי דוב ריטער מראָטערדאַם, רבי מאיר שפירא מסנוק, רבי איסר זלמן מעלצער מסלוצק, רבי אייזיק שער מסלובודקה, הרבי מסלאנים, רבי אברהם צבי פערלמוטער מווארשא, רבי אהרן לעווין מסאמבור, רבי ישעי׳ פירסט מווין, רבי ניסן נחום מבגדד א. אַ.

און זאָל דאָ, ביי דער געלעגענהייט, פאַרצייכענט ווערען, אַז צווישען די עסקנים מפורסמים האָט זיך שוין דאַמאָלט אַרויסגעהויבען דער איש רוח החיים פון דער גאַנצער אָרגאַניזירענדער באַוועגונג, און וועלכער האָט געהאַט אַזאַ אומבאַגרענעצטען פאַרטרויען מצד אַלע קרייזען אין אגודת ישראל, און ספּעציעל ביי גדולי ישראל, וועלכע האָבען אים מסמיך געווען צו שטיין בראש התנועה, אונזער נשיא, מורנו הר׳ יעקב רוזנהיים פון פראַנקפורט ד׳מיין, איצט בארצנו הקדושה. ד׳ יאריך ימיו ושנותיו בטוב ובנעימים עד כי יבוא ינון שמו.

* * *

במשך דער עקזיסטענץ פון דער אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג, זיינען פאַרעפענט־לעכט געוואָרען אומצייליגע בריו און רופען פון גדולי התורה ומנהיגי ישראל איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער נאָר אַ צאָל פון זיי קענען מיר דאָ פאַרעפענטלעכען.

דער רוף פון גאון רבי חיים סאָלאָווייציק זצ״ל מבריסק

לבבות כל בעלי רגש מלאים חפץ ועז שיסתדרו שלומי אמוני ישראל להסתדרות כללית. עוד לפני עשר שנים כאשר הותרו האגודות והכנסיות מצאו כל גדולי ישראל נחיצות גדולה לאחד ולאגד את שלומי אמוני ישראל ועלתה במחשבה ליסד אגודה בשם כנסת ישראל, ואחרי כן חוץ למדינה בשם „אגודת ישראל״. והתעוררות גדולה היתה אז במדינה, ואולם עכובים ומכשולים רשמיים לא נתנו להאגודה להתפתח בשום אופן.

עתה, אשר אין מעצור ועכוב כלל מצד החוקים, ולרגל המהפכה ושנוי הסדר והמשטר — לאור החופש כל מפלגה מתאחדת על פי השקפתה, ותסיסה גדולה נהיתה במחנה ישראל,

הגיעה השעה לשלומי אמוני ישראל, שהם רוב מנין האומה, להתחאד יחד לטובת עמנו ותורתנו. כל לב מבין יבין כי נחיצות התאחדות היא ממש כאויר לנשימה, בכח האחדות יש בידינו לפעול גדולות למען הגיע אל המטרה אשר נציב לנגד עינינו: לשמור על קנינינו הרוחניים תורת ד׳ היא נשמת אפינו על פי מסורת אבות שהנחילו לנו אבותינו מדור דור, להפיץ תורה ודעת ויראת ד׳ בין שדרות עמנו, ולפתור ברוח התורה את השאלות השונות אשר תעלינה על הפרק בחיי כלל עמנו. ועתה עומדות על הפרק שאלות ככליות העומדות ברומו של עולם היהדות, הלא הן:

הנהגת הקהלות והמוסדות העירוניים והצבוריים, ועל אחינו הקרובים בדעה להתאחד יחד בנוגע עצם הנהגת הקהלות שיתיסדו כתורה וכפי רוח ישראל סבא. וכן להשפיע על הבחירות מהקהלות והמוסדות שיובחרו האנשים הראוים למשמרתם וישמע קול שלומי אמונים המסורים לתורתנו ולכל קדשי עמנו.

עלינו לשמור מכל משמר את קדושת השבת, יסוד כל התורה כלה, על כן עלינו לעמוד על המשמר כאשר תתברר שאלת חובת השביתה יום אחד בשבוע לעוזרים ופועלים בפבריקאות ובתי מסחר — להגן על עניני הדתיים והחמריים שלא תהא שביתה יום ראשון חובה לשובתי שבת, בכדי שלא יגרום הרוס לשמירת השבת ולעניגים הכלכליים.

לזאת חובתנו הראשונה להסתדר ולהתאחד בכל עיר ועיר להשפיע על המועצות ועל הבחירות וליסד קבוצות מקומיות וכשתתאחדנה הקבוצות לגליליות ולמרכז כפי התקנות שתסדרנה בעזר ד׳.

אל תחמיצו נא אחינו בדעה, הזדרזו בדבר הגדול הזה והסתדרו. ויהי נועם ד׳ עליכם ופועל ידכם ירצה סלה.

הכו״ח בחדש אייר עזר״ת

(—) חיים הלוי סאָלאָווייציק, **בריסק**

דער זעלבע רוף איז שפּעטער פאַרעפענטלעכט געוואָרען מיט די חתימות פון די פאָלגענדע באַרימטע גדולי ליטא:

אברהם דובער כהנא שפּירא, קאָוונא
איסר זלמן מעלצער, סלוצק
אליהו אהרן בהגאון רמ״א מיליקאָווסקי, חרקוב.
אלי׳ ברוך קאַמיי, מיר פלך מינסק
אלי׳ מאיר פייוועלזאָן, קופּישאָק
אליעזר ראַבינאָוויץ, מינסק
זלמן סנדר כהנא שפירא
חיים הלוי סאָלאָווייציק, בריסק
חיים עוזר גראָדזענסקי, ווילנא
יצחק ראבינאָוויץ, פּאָניעוויעזש
ישראל מאיר הכהן, ראדין
ליב רובין, ווילקאָמיר
מאיר אטלס, שאוויל
משה מרדכי עפּשטיין, סלאָבאָדקא

דעם גרויסען רושם וואָס די קאַטאָוויצער אסיפה האָט אַרויסגערופען ביי די גדולי הדור, זעען מיר פון די אייניגע אָפּרופען וואָס מיר וועלען דאָ פאַרעפענטלעכען.

הגאון רבי רפאל שפירא זצ״ל, ראש ישיבת וואלאזין

חברה „אגודת ישראל״ לדעתי הוא ענין רם ונשא מאד, סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה. הן כנוס לצדיקים וליראי ה׳ טוב להם ולעולם בכל העתים והזמנים, על אחת כמה וכמה בדורנו זה, אשר בעונותינו המרובים נתרבו מחבלי כרם ה׳ צבאות להשפיע בחזקה על החינוך של תינוקות של בית רבן שיהי׳ לפי רוחם משחית ומחבל ר״ל. ואם חלילה לא יתאחדו ולא יתאגדו יראי ה׳ וחושבי שמו לעמוד בפרץ — רעדה תאחזנו לשער מראש את תמונת הדור הבא. איום ונורא ה׳ ירחם.

וע״כ חוב קדוש ונמרץ מוטל על כל מי שיראת ה׳ נגעה בלבבו להחיש להתאגד להאגודה הקדושה הזאת, וגדול כח רבים אשר ימשכו אחריהם, בעזר ה׳ גם את אלה אשר הנם פוסחים על שתי הסעיפים, לשוב ולקרב את לבבם לאביהם שבשמים בתשובה ונחת ושלום כדרך תוה״ק אשר כל נתיבותיה שלום והדברים ארוכים בזה.

ועל גדולי וראשי ישראל הרבנים היושבים על מדין בכל אתר ואתר החובה והמצוה לעורר את הלבבות ולזרז את יראי ה׳ שיתנו את ידם ולבבם להאגודה הקדושה. איש לרעו יאמר חזק ונחזק להרבות חברים וליסד סניפים ולבא בחליפת מכתבים עם המרכז. ה׳ יהיה בעזרנו כי נזכה לעשות גדולות ונצורות להרמת קרן התורה והיראה. וכאשר יקוים בנו „אז נדברו

יראי ד׳ איש אל רעהו״ כן יקוים בנו במהרה בימינו כל נבואת הנביא: הנה אנכי שולח לכם וכו׳ והשיב לב אבות וגו׳.

רפאל בהגאון מוה״ר ליב שפירא ז״ל

הגאון רבי מאיר שמחה הכהן זצ״ל פון דווינסק

ב״ה יום ג׳ ל״ו למטמונים לפ״ק דווינסק.

מכתב הועד הגיעני. והנה בכל חפץ לבבי בחרותי להיות חבר ליראי ד׳ שלומי אמוני ישראל ולהיות נמנה בעת כנוס לצדיקים. אך בריאותי הדלה ונסיבות שונות יפריעו אותי להוציא חפצי לאור, וד׳ יהי׳ בעזרם להטיב לדת קדשינו להוסיף דעת ד׳ ותורתו בישראל.

החותם ברגשי כבוד להנמנים לדבר מצוה

(—) מאיר שמחה כהן חונה פ״ק הנ״ל

הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל פון ירושלים עיה״ק

בעזהי״ת ירושלים עיה״ק תובב״א, אור ליום ד׳ מ״ד לספירה ברכתים לפ״ק.

קול הקורא חוצב להבות אש לשום לב אל המצב הנראה לעינינו לכל עבר ופינה בגשם ורוח ולחשוב מחשבות בעצה לקיום דת קודש ועם קדוש — הגיע לידי. והנה מיום זכיתי לעלות אל הקודש לא עלתה על דעתי לצאת מן הקודש, גם מן ערכי ידעתי, בכל זאת אמרתי עם לבי גם ברכת הדיוט בל תהי קלה, והנה כבר אבינו הזקן בפתיחתו לברכה אמר „האספו, הקבצו״, ורועינו רבינו אמר בפתוח פיו לברכה „ויהי וכו׳ בהתאסף ראשי עם״. ורבותינו חכמי המשנה ז״ל אמרו כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעלם. ובימים הנוראים אנו אומרים בתפילתנו ויעשו כולם אגודה אחת וכו׳. ובכן תיכון ברכתי ותפלתי: יהי נועם ד׳ עליהם לתקנם בעצה טובה ולהמציא להם חברים אנשי אמת אנשי חיל להקים דת על תלה ואוהבי שלום ודעתם נוחה ורוממתם לכבוד שמים בלי שום פניה, וזכות הרבים תעמוד להם להתקיים בהם מקרא שכתוב שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול ויזכו לעשות חיל בתורה ומצוות ומעש״ט עד ביאת גואל צדק בב״ש.

כעתירת לב ונפש ד״ש כמעכ״ת המחכה לישועה קרובה.

(—) יוסף חיים זוננפלד

האדמו״ר מבאיאן זצ״ל

בעזהי״ת מ״ב למב״י תרע״ב, באָיאַן.

אחדש״ה,

לנכון הגיענו מכתבם הנדפס וקראתי ברגש את הנאמר בו. ומה מאד ינעם לי בהודעי אשר רוח ה׳ התנוסס בקרבם, והתאחדו כאחד בלב אחד לדאוג ולדרוש עצה ותושי׳, לכונן עמודי הדת לחזק אשיותי׳ ולשתול חיזוק האמונה בלבות צעירי אחב״י אשר מצב הזמן דורש כזאת במאד מאד.

יהי נועם ה׳ עליהם ומעשה ידיהם יכונן. והנני להודיעם כי גם אנחנו מיסדי אגודת יראים במחוזינו ידינו תכון עמם וברעיונם הנשגב, וברצות ה׳ גם אנחנו נקוה להתאחד ולקחת חבל עמם בעת אסיפתם, וד׳ יגמור בעדינו לטובה.

והנני הדו״ש וטובתם מוקירם כ״א כערכו הרם,

(—) יצחק במוהר״ר אברהם זצ״ל

(ד. א. ו., חשון, תשי״ח)

גדולי ישראל און אגודת ישראל

(צווייטער מאמר)

די אגודת ישראל, די אָרגאַניזירטע וועלט־באַוועגונג פונם יהדות־התורה, האָט באַלד ביי איר גרינדונג, און ביזן היינטיגען טאָג, אַוועקגעשטעלט די גדולי התורה אַלס אירע וועג־ווייזער, וואָרט־זאָגער און מנהיגים. און דערמיט האָט זי פּראָקלאַמירט, אַז דאָס אידישע פאָלק — דאָס עם התורה און עם הסיני — מוז אין זיין לעבען און הנהגה געפירט ווערען לויט חוקי התורה ויסודי הדת, און דאָס קאָן נאָר געשען דורך דעם דעת־תורה פון גדולי תורה. אַלע אַנדערע באַוועגונגען אין אידישען לעבען, — מעגען זיי זיך אויך רופען רעליגיעזע — מוזען פאַרלירען זייער יהדות־קאָנסעקווענץ, און מוזען זיך אַראָפּגליטשען פון אמת׳ן דרך התורה והאמונה, ווייל זייער הנהגה, זייערע פּאָליסיס און השקפות ווערען געפירט און דעצידירט דורך זייערע אָפּיס־מאַשינען, און ווערען דיק־טירט דורך אָרגאַניזאַציאָנעלע, פינאַנסיעלע און פּאָליטישע חשבונות, און שטייען נישט אונטער דער דירעקטער השפעה פון גדולי תורה ויראה.

* * *

מיר גיבען דאָ איבער די ווערטער פון די גאוני וקדושי ישראל אין זייער אייגענער שפּראַך, אין אָריגינעלען לשון הקודש. מיר ווילען ניט משנה זיין ניט זייער תוכן און ניט זייערע כוונות, ווייל זייערע ווערטער און געדאַנקען זיינען כולו קודש, און דאַרפען געלייענט און געלערנט ווערען מיט עיון און מיט טיפען ערנסט.

הגאון רבי יוסף ענגעל זצ״ל

ב״ה יום ג׳ הברכה מא״ה ברכו״ת לפ״ק קראקא.

אל כבוד האלופים והקציני׳ נדיבים ושועים אנשי השם היראים והשלמים העומדים בראש הועד הזמני לאגודת ישראל, בק״ק פראנפורט א.מ.

את הצעתכם לספר התקנות של אגודת ישראל השגתי לנכון. והנני בזה להודיעכם כי עברתי בין בתרי׳ בשומת לב ולא מצאתי בם מגרעת. והאמת כי לדעת פרטי התקנות והסדרים הנחוצים בדיוק הגמור אי אפשר כלל בלי משא ומתן בזה פא״פ בהכנסיה הגדולה הראשונה שתהיה בזה אי״ה מכל המדינות שידונו ע״ז כפי עניני כל מדינה ומדינה והתייחסותן זו לזו, ואך אז אפשר שיבוררו ויתלבנו הדברים הדק היטב.

אשר כבודכם הרם מבקשים השתתפותי בעבודתכם החשובה, נא תמחלו א״פ לפרש בפרטיות את הפעולה אשר תדרשו ממני, והנני עומד הכן בל״נ אי״ה לכל אשר תשאלו בכל יכולתי. הלא כה דברי ידידכם החותם בהוקרת כבודכם וערככם הרם והנשא ומברככם בקבלת החג הבע״ל בשמחה.

(—) הק׳ יוסף ענגיל

האדמו״ר מלובאוויטש זצ״ל

ב״ה יום ב׳ כ״ו אייר תער״ב לפ״ק, לובאוויטש.

אחדשה״ט. מכתב כבודו צירוף הקול־קורא נכון הגיעני. ובכל לב הנני חפץ להשתתף בחברתכם, חבורה הקדושה, לעיין ולפקח בדבר הענין הרם והנשא התיסדות „אגודת ישראל", אשר הדבר מצד עצמו יקר ונעלה אצלי מאד, ואני רואה היטב גודל נחיצותו, ואם בעזרתו יתברך יתייסד על בסיס נאמן ועל התנאים הדרושים למטרת האגודה, יש בזה תקוה גדולה בעזרתו יתברך להרמת מצב אחינו בני ישראל.

אבל לדאבון לבי הזמן אשר הגבילו אל האספה עומד לנגדי, ובאמת הנני מצטער מאד על זה שאין ביכולתי להשתתף עמהם בהאספה. אבל מה אעשה אשר להזמן הזה המוגבל מהנמנע הוא לבוא כנ"ל. ואבטח בהנאספים הנכבדים יחיו אשר יכירו אמיתתי וידונוני לכף זכות. ועם זה ארשה לעצמי לבקש להודיעני מתוצאות האספה, ומעומק לבי הנני מברכם שיצליחו במלאכתם ופועל ידם ירצה ד' להרמת קרן אחינו בני ישראל הרוחני והחומרי.

והנני ידידו אמת מוקירו ומכבדו כרום ערכו הנעלה

(—) שלום דובער

הגאון רבי חיים ברלין זצ"ל

עזרי מעם ה' א' לסדר ראשי ישראל הם ויחי"ו במטמונים, ורב שלום בוניך לפרט, ירושלים עיה"ק תובב"א.

נתכבדתי בנועם יקר הצעתם הרמה והנשאה, לשית עצות להרמת קרן ישראל ותורתו הנתונים בסתר המדרגה בדור האחרון הלזה. וענותם תרבני להשתתף עמהם בועד אספתם הנכבדה, ובכל לבי ונפשי הייתי רץ כצבי למנות עם אספה רוממה ונכבדה זו, יברכם ה'. אמנם מה אעשה כי חדלה ממני היכולת לנסיעה למקום האספה לקטוביץ כי זקנתי ושבתי וכבר עברו עלי שנות הגבורות בעזהי"ת ולא ככחי אז כחי עתה, גם עוסק אני ברפואות ל"ע, ונמנע ממני העונג הלאה להמנות עם חברותא קדישתא בכנסיה נאה ומפוארה כזו לשם שמים. והמקום יהא בעזרם ויתקנם בעצה טובה מלפניו ית"ש, להרים קרן היהדות על דגלה, וזכות אבותינו תהא מסייעתם וצדקתם עומדת לעד ושמותיהם יהיו נזכרים לדור דורים וכשמש בגבורתו יהיו מזהירים ומצדיקי הרבים ככוכבים, כברכת נפש אחד אחוז באהבה לכל יראי ה' וחושבי שמו ותורתו המוקיר פעלם ומכבדם כרום ערכם ומברכם במעולה שבברכות המצפה לישועה.

(—) חיים ברלי"ן

הגאון רבי מאיר אריק זצ"ל

בעזהי"ת.

לנכון הגיעני מכתבם אודות „אגודת ישראל" ושמחתי מאד לראות כי לא אלמן ישראל וברוך ה' כי לא השבית לנו גואלים. יראי ה' אוהבי ישראל באמת אשר מגמתם לקבץ כחות נפזרים של אחינו הנאמנים לה' ולתורתו ולאגדם בקשר של קימא והיא תפעל רב, אשר אקוה כי יצמח מזה רב טוב לבית ישראל. וצר לי כי מחמת תשות כחי ל"ע ועוד מכמה טעמים אין בכחי עתה להרים פעמי למסעות. אבל מרחוק חבר אני לכל אשר יראוך ולכו בכחכם זה והושעתם את ישראל ויהי ה' עמכם להצליח דרכם, דרך האמת והתורה אשר התוו למו.

וה' יהי' בעזרכם לקבץ נדחי ישראל, כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם כנפש המצפה לישועה

(—) הק' מאיר אריק

הגאון רבי יצחק יעקב מפאנעוויעזש זצ"ל

בעז"ה מ"ג בעומר תער"ב (פאָנעוויעזש).

שמחתי מאד לקראת הבשורה כי סכ"ס עלתה בידם בעזהית"ש להחל התיסדות האגודה שנחיצותה גדולה מאד, כאמרם ז"ל כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם. והנני מודיעם בזה כי נכון הנני בל"נ לבא ויואילו נא להודיעני את המועד בדיוק.

החותם ברגשי כבוד אליהם ומצפה לישועת ה'

(—) יצחק יעקב בהרש"ל ראַבינאָוויץ אב"ד בפה

האדמו"ר מסוכטשוב זצ"ל

חבר אני לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך,

כשמן בעצמותי וכטל של תחיה הי' לי מכתב קריאתם לאספת קאַטאָוויץ. מי יתן לי אבר כיונה הייתי מועף ביעף להיות נמנה עמכם בדבר מצוה רבה זו, אבל בעוה"ר נתקיים בנו הנני סך דרכך בסירים ומועקה במתנינו... אבל כעת הנני מוכרח לשים מחסום לתשוקתי ולהסתפק במה שהנני עמכם ברוח, והנני עומד על המצפה להקשיב קשב את תוצאות האסיפה וברצות הש"י כל אשר תמצא ידי לצאת לישע האגודה בכל כוחי בעזהי"ת בל"נ אעשה.

יתן הש"י וחפצו יצליח בידינו לאגד את כל אחב"י ויהי' לאחדים לעבדו שכם אחד ויתקיים

בנו „ועשיתם אגודה אחת התקינו עצמיכם לגאולה" (סדר פ' ויחי), הנני הדור"ש וידיד נאמן לכל הולך תמים מצפה להרמת קרן ישראל כל הימים

(—) שמואל בהגה"ק מחור"א זצללה"ה חופ"ק

הגאון רבי משה מרדכי עפשטיין זצ"ל

נתכבדתי במכתב הזמנה מכבוד הועד מפרנקפורט לבא לאספה הכבודה והרוממה ובכל חפצי להיות נטפל לעושי המצוה הרבה לבנות בית מרכזי לקדושי ישראל ועניניו הרוחניים לעשות חטיבה אחת משלומי אמוני ישראל, לדאבון לבבי לא יכולתי למלאות, באשר מכתב ההזמנה הגיע לידי במוצאי חג השבועות.

אכן אם לא יכולתי להשתתף בגופי אכן ברוחי הנני משתתף עמם, ואברך ברוך שהחיינו לעת הזאת, אשר נדברו יראי ה' איש אל רעהו. מה נכבד היום אשר הטיבו עיני העדה לראות את החורבן הנורא בענינים הרוחניים על בנינו ובנותינו מדור הצעיר אשר הלכו בדרך מרחוק ואת אשר חלילה עתיד להוולד אם לא נקדם פני הרעה.

תחזקנה ידיכם גבורי החיל, הרימו נס התורה והיראה, העבודה והמדות אשר למענה מסר ישראל ומוסר בכל עת את נפשו, ואז תראו בעזר ד' כי הרבה את אשר אתנו. ואך באשר יראי ה' מפוזרים ומפורדים המה, על כן באה עלינו הצרה הגדולה ההרס והכפירה אשר פרץ פרצים בחומת ישראל וקיומו. ואם אך יתרכזו ויתאחדו הכחות בעזר ד' תעשו וגם תוכלו. ואם כי בכל מקום ומדינה יפעלו על פי התכלית היאות לפי הרוח והסדרים השוררים בה, כי כאשר לכל חולה ינתן רפואות שונות לפי המחלות השונות, כן לכל מקום נחוץ פעולה והנהגה אחרת, ולא דבר שטוב ומעיל ומבריא לחיי הרוחניים במדינה זו יועיל ויתקן במדינה אחרת.

אכן אף על פי כן הדגל לחזק את הדת ולגדל דור ישראל על ברכי התורה כל מקום לפי הנחוץ יאחד את כל ישראל מסביב למשכן הזה יחנו, וה' יופיע על עצתם ויתקנם בעצה טובה ונתבשר בשורות טובות. הכ"ד המקוה לישועת ישראל בכלל ובפרט.

אור ליום א' יוד סיון תער"ב לפ"ק פה סלאָבאָדקאָ

(—) משה מרדכי עפשטיין

הגאון רבי מאיר אטלאם זצ"ל

ב"ה יום ועש"ק ר"ח סיון תער"ב לפ"ק, שאַוול.

נתכבדתי מאת רומע"ל כתר"ה לאספת קאַטאָוויץ, אשר אין לתאר עד כמה טוב ונחוץ אספה כזאת להתיעץ איך ובמה שיהי' באפשר להרים קרן התורה והיראה בעמנו המתמוטט בעוה"ר ד' ירחם. ובכל חפץ לבבי ונפשי נכספתי להמנות לדבר מצוה רבה הזאת, אך מפני סבות שונות לא אוכל לבוא ליום הוגבל, והנני נכון לקיים ולקבל כפי האפשר בל"נ ככל אשר יוחלט באספתם הרוממה, והשי"ת יהי' בעזרת הדואגים והמבקשים עצות במה להטיב מצב עמנו. ויהי נועם ה' עליהם ויזכו לראות בתשועת ישראל ובהרמת קרן התורה והדת בכל מפלגות עמנו כחפץ וכתשוקת כל שלומי אמוני ישראל ובתוכם הנני המוקירם ומכבדם כמעלת ערכם הרם.

(—) מאיר אטלס חופ"ק הנ"ל

האדמו"ר מסוקולוב זצ"ל

ב"ה ערב חג השבועות פה סאקלוב.

מאד עלז לבי בראותי כי החל רוח ה' לפעם בין גדולי עמנו להתחיל לחשוב להטיב מצב חיי עמנו, מכש"כ הנערים שלא נתפתחו עיניהם הבורחים מאתנו הלאה אשר ע"ז דוה לבב ואשר ע"ז הרעשתי פה במדינתנו זה איזה זמן מדוע אנו מחרישים הלוא אין העת לחשות בראותינו אשר כמעט כל הבירה דולקת ח"ו אולי יתעשת לנו ה' ממרום בכינוסנו יחד . . . בכן בראותי אשר רוח והצלה מתנוצץ לנו ממקום אחר ומטים כולם שכם אחד לדבקה בו אמרתי ב"ה, והנני מברך ומתפלל כי אספותכם תהי' כנסיה לשם שמים ויפתח לכם השי"ת שערי רצון להשיב שבותו.

מאד אני מצטער שלא קבלתי הידיעה איזה שבועות מקודם, ועתה אין באפשרות עוד לנסוע על כן מבקש להודיעני תומ"י תוצאות האספה לכל פרטיה ודקדוקיה. והשי"ת יהי' עם פיכם בעת הטיפכם ועם ידיכם בעת מעבדיכם כעתירת ידידכם דורש שלומכם

(—) יצחק זעליג מאָרגענשטערן אבד"ק סוקולוב

הגאון רבי אליהו הלוי פון פרוזשאן זצ"ל

ב"ה יום ג', כ' אייר נתבר"ך, פריזנא.

נתעוררתי לקול קריאתם, קריאה של חובה, לקיום התורה לבוא לאספת מוקירי תורה ומצוה להתאחד יחד לאגודת ישראל, לבקש עצה ותחבולה לשמור כרם התורה, אשר בעו"ה כבר עלה עליה הכורת, להשתדל בכל האפשר למנוע השועלים מחבלי כרמים לבל יחבלו שארית ישראל ולמצוא דרך לסקל אבני נגף מדרך התורה.

מי זה הרואה נמנים לדבר מצוה גדולה כזו הנוגע לקיום דתנו ותורתנו ולא יהיה נמנים עמהם ? ואם חולה פרטי לא יאמר נואש וכל עוד נשמתו בו לא יחדל מלעשות לעולם אף דבר היותר רחוק ואם אך זיק אחד תקוה נשקפה לקיום חייו, מכש"כ דבר הנוגע לחולי כל העם כולו אשר דתנו ועמנו מפרפרים בין החיים ומות רוחני, אין אדם רשאי להתעלם מלנסות דבר לעשות להציל נפשות ישראל. גם אנכי בטח אם לא יעמדו לי מונעים מן הצד הנני נכון בל"נ לבוא אל יום הנועד, גם אשתדל בע"ה לעשות נפשות לאגודה כזאת כפי האפשר לפי המקום.

ה' יברך אגודתכם לעשות חיל ולהרים קרן התורה ולהעמידה בקרן אורה ולהטיב מצב עמנו בחומר וברוח וכלנו נזכה לראות בתשועת ישראל כחפץ מוקירי התורה ונפש אחד דואג ונאנח מכאב המצפה לישועה

(—) אליהו הלוי

הגאון רבי דוד הלוי הורוויץ זצ"ל

ב"ה יום ד' ל"ו למב"י בעת"ר סטאניסלאוו יצ"ו.

האח ! מה טובו דבריכם ומה נעמו, מה עמקו מחשבותיכם בהולידם רעיון כביר ונעלה כזה שבאגודת ישראל. מה גדלו מעשיכם לפעול פעולה כה כבירה לעשות אגודה אחת. אשריכם ומה טוב חלקיכם, הלואי והי' חלקי עמכם להשתתף בעבודתכם עתה בעת התיסדותה. חבל, כי לא אוכל לקחת חבל באסיפתכם בקאַטאָוויץ למרות תשוקת נפשי, כי הטרדות במילי דמתא בעירנו הגדולה יסובבוני ולא יתניגו לצאת מקיר העיר וחוצה. ולכן הנני שולח לכם את ברכתי יה"ר שתשרה שכינה במעשה ידיכם וחפץ ד' בידכם יצליח במהרה בקרוב לתפארת עמנו ובתוה"ק. בנפש מוקירם ומכבדם ברגשי כל.

(—) דוד הלוי איש הורוויץ אב"ד פה והגליל יע"א

האדמו"ר מהוסיאטין זצ"ל

ב"ה ערב חג העצרת תער"ב, הוסיאַטין.

את מכתב־הקריאה קראתי בשום לב ורבת שבעה נפשי ענג בראותי כי העיר ה' את רוח שלומי אמוני ישראל להקהל תחת דגל תורת קדשינו מאור עינינו לקרוא לאחינו החרדים מכל ארצות פזוריהם לבוא לעזרת ד' בגבורים ולהלחם בעוז נגד השטף הנורא הפוער פיהו לבלי חוק לבלע ח"ו את יתר פליטתנו. מה יפה ונהדר המראה הגדול והקדוש הזה, ולולא טרדות החג הבע"ל אז בחדוה באה גם נפשי בסודם. אך עתה מוכרח אנכי למלאות את ידי אחד מאנ"ש... מדבר בשמי והוא ילוה אל יתר מלאכי אגודתנו אי"ה.

ויהי נעם ה' עליכם לברך את חילכם ואת פועל ידכם ירצה כתקות הדו"ש

ברגשי כבוד ויקר,

(—) ישראל במו"ה מרדכי פייבש

הגאון רבי יעקב מאיר פון ארץ ישראל זצ"ל

קבלתי המכתב חוזר שבו כבודכם כבדתם אותי לבוא אל האספה שתהיה בעיר קאטוביץ ביום י"א וי"ב סיון הבע"ל להרמת כבוד תורתנו הקדושה. נכספה וגם כלתה נפשי, לרוץ כאיל להתחבר יחד עם מעלתם, אך משרתי לא תרשני לצאת ממקומי.

יה"ר הא־ל ישלח עזרו מקודש וחפץ ה' בידכם יצלח אמן.

יום ל"ב לעומר ש' תער"ב לפ"ק. ברגשי כבוד ויקר,

(—) הצב"י יעקב מאיר

ראש הרבנים דארם צובה

ארם צובה ט״ו סיון תער״ב לפ״ק.

נתכבדתי ביקרת מכתבם, ושמחתי עברה כל גבול בראותי מחשבותיהם הגדולות לייסד הסתדרות כללית לשמור משמרת כלל ישראל ולהשתמש ביסודות וצעדים המחיים ומחזיקים ומפרים לעם ישראל ולרוחו ותעודתו בהוה ועתיד. ה׳ עמכם גבורי החיל. עשו והצליחו. תחזקנה ידיכם.

מסיבת רחוק המקום ומרבית ההוצאות לא נוכל לבוא אני או הרבנים והחרדים להאספה היסודית גם לו היה זמן (המכתב הגיעני באיחור), אך אנכי ורבים ונכבדים מעדתי נכונים הננו לעבוד בלב ונפש להגדיל את חוג מטרת אגודת ישראל בכל יכלתנו אשר כל אוהבי קיום עם ישראל באמת יעבדו בזה, כי אורייתא וישראל חד הוא. בטח כי האספה באה ונהיתה ויסודי ההסתדרות באו לידי גמר, ואנכי מחכה להתכבד בהחלטותיה ותוצאותיה.

ומה טוב, איפוא, להיות האגודה משימה לב לעבוד ראשונה בחנוך ילדי ישראל במזרח שרות היהדות והמאור שבתורה עוד חי בקרבם ועל נקלה ישמר ויתחזר, אך נחוץ עתה עבודה מידית, כי אם חלילה נאחר המועד מי יודע אם נוכל להושיע אז חלילה.

והנני מאחל לכבודם הצלחה בדרכם דרך הקודש, יהי נועם ה׳ עליהם ומעשה ידיהם יכונן, אמן. הדורש שלומכם באהבה רבה וכבוד בערכם הרם,

(—) הצב״י חזקיה שבתי ס״ט

ראש הרבנים בארם צובה הנקובה בשם אלעפא

הגאון רבי יעקב דוד רידב״ז זצ״ל

ב״ה פעה״ק צפת ת״ו ר״ח סיון שנת תרע״ב.

הקול קורא הגיע לידי אתמול ואין בכדי שיעשה לבוא לזמן המוגבל, ואם הגבילו לזמן אחר אשר יהיה באפשרות לאחר קבלת מכתבכם ליסע, אתאמץ בכל עוז ובל״נ ליסע בע״ה, כי ידעתי מאד נחיצות הדבר. — ידידם מבורכם,

(—) יעקב דוד רידב״ז

אויסצוגען פון עטלעכע באַגריסונגען, וועלכע זיינען געהאַלטען געוואָרען דורך גדולי־ישראל ביי דער ערשטער כנסיה הגדולה:

האדמו״ר רבי ישראל מטשורטקוב זצ״ל

הקב״ה ברך את בני ישראל בברכות ככוכבי השמים וכחול אשר על שפת הים. כל רוח שאינה מצויה יכולה לפזר את גרגירי החול לארבע רוחות השמים, מפני שכח הגרגיר הפרטי חלש הוא מאד. לא כן הוא עם כוכבי השמים. המאורות הגדולים מושכים אליהם את הקטנים ועל ידי כח המושך הזה הולכים גם הקטנים במסלותם. המאורות הגדולים הם חכמי הדור וגדוליו, הם צריכים למשוך אליהם את כל העם, הם צריכים להשתדל לטובת העם להורות לו הדרך ילך בה. רק באופן כזה יכול העם הנצחי להתקיים, ללכת לבטח דרכו ולהגיע אל היעוד המקווה. על ידי אחדות גמורה של כל המשתתפים בהכנסיה הגדולה ופעולות ומעשים גדולים להרמת קרן התורה יכולים להצמיח הישועה של כלל ישראל.

הגאון רבי יהודה ליב צירלסון זצ״ל

בכל תקופה נמצאת אש זרה המביאה את בני אהרן לשרפת נשמה וגוף קיים. וכשאש זרה פורצת במחנה ישראל, העצה היחידה לגדור בעדה היא אגודת ישראל להבעיר שלהבת אש קודש במחנה ישראל ולהתגבר על האש הזרה. המיסד ראשון של אגודת ישראל היה משה רבנו ע״ה. מרדכי הצדיק ראה את אש זרה בזה שהיהודים נהנו מסעודתו של אותו רשע וקרא לכנסיה גדולה „לך כנוס את כל היהודים״. גם כיום כשאש זרה שורפת כל כך הרבה נפשות מישראל התרופה לכך „לך כנוס״ כנסי׳ גדולה למצוא דרכים לכבות התבערה.

הגאון רבי מאיר דן פלאצקי זצ"ל

מדבר בשבח אגודת ישראל והכנסיה הגדולה שאיחדה מחדש את האברים הפזורים של יהדות התורה, ומביע שמחתו על התפתחותה של אגודת ישראל שהפכה לתנועה עולמית של יראים וחרדים.

הגאון רבי קלמן וועבער זצ"ל

מלחמתה של אגודת ישראל למען התורה אין לכנות בשם פירוד ומחלוקת. הרצון החזק לבלי לוותר על ההשקפה הדתית אין בו משום התבדלות, ואילו הוותרנות בשטח הדת עלולה לסכן את כל הקודש לנו. וגם במחלוקת קרח ועדתו לא נכנס משה רבנו ע"ה בפשרות וותורים. הוא מוחה אפוא נגד כל אלה המאשימים את אגודת ישראל בפירוד.

הגאון רבי אליהו קלאצקין זצ"ל

בעהי"ת

תועלת התיסדות חברת „אגודת ישראל", אך למותר הוא לבאר. באשר אחת הסבות של ירידת קרן התורה והיראה היא מה ששלומי אמוני ישראל הסכינו להיות למרמס רגלי האנשים אשר לקחו להם משרת אפטרופסות של האומה הישראלית ואשר האנשים ההם חרצו משפט כי אין להאורתודוכסים זכות הקיום, בהיותם משוללי רצון, אנרגיה וכשרון להגן על עניניהם. ולזאת תקוה רבה נשקפת מיסוד מרכז ובנין במה, להשמיע את דברינו בקהל ואשר יראי ה׳ יתאגדו יחד לטכס עצה, להרים קרן ישראל.

ואולי לפי שעה נפגוש מעצורים ואולי גם התנגדות לא לבד מאלה החפצים להיות סמוכים על שלחן אחרים ולהיות מושפעים מרוחם, אך גם מאלה אשר חיי ישראל ותורתו הם חיי רוחם ונשמתם, מצד חסרון ידיעה והבנה לדעת ולהבין תועלת הענין, אך ימים יבואו ויוכחו לדעת את הטוב הצפון בזה בעז"ה.

הנה אך למותר גם לדבר מנחיצות התחזקות התרבות הישיבות בכמות ואיכות, בתי אולפנא הנועדים בעד אלה אשר יקדישו עתותיהם ללימוד תוה"ק וללון בעומקה של הלכה, באשר התורה היא סמא דחיי ומרפא לנפש. וביותר להתאמץ להרים קרן התורה והיראה בקרב העם, כי גם תלמידי הישיבות הלא מושפעים לפעמים מרוח קטב הנושב בחוץ ומהזרם השוטף. ולזאת נחוצה לנו התאגדות והסתדרות ותכסיסי מלחמת־מגן בעד קיומנו וחיי רוחנו ולכלכל דבר לפי הזמן. — וכאשר הרה"ג הצדיק מוהר"ש רפאל הירש זצ"ל וסיעתו הצליחו במפעלם ועלתה בידם — על ידי אמצעים מתאימים למצב המקום, להשיב אלינו את הנדחים שאינם מעלים ארוכה, וכאשר במערכת הקרב נחוץ לפעמים להשתמש בכלי נשק האויב, עד"ה „בתחבולות תעשה לך מלחמה", במלחמת הגנה בקמים על חיי רוחנו ונפשנו.

... וחלילה לנו, איפוא, לעמוד מרחוק ולפטור עצמנו בטענת היאוש, שהוא בכלל מה שאמרו „כל המתיאש כאלו שופך דמים" ו„גם מתרפה במלאכתו אח הוא לאיש משחית". ויש תקוה כי אנשי האגודה בכל עיר ועיר ישפיעו גם על אלה החרדים שמחוץ לחברה בעניני כשרות ושמירת ש"ק וכדומה, באשר אין כוח הרב דמתא יפה לפעול מה שיוכלו לפעול אנשי אגודה במשטר וסדרים, ותשועה ברב יועץ.

חזקו ונתחזקה וד׳ יהיה בעזרנו כי נזכה לעשות גדולות ונצורות להרים קרן ישראל ותוה"ק.

אליהו קלאצקין, חופ"ק לובלין

(ד. א. ו. כסלו, תשי"ח)

גדולי ישראל און אגודת ישראל

(דריטער מאמר)

פון די מיינונגען פון די גדולי התורה פון פאַרגאַנגענעם דור, זעט מען דאָס גרויסע נחיצות וואָס זיי האָבען געזען אין אגודת ישראל, אַלס אַ וועלט־באַוועגונג פאַר אָפּהיטען, פאַרפעסטיגען און שיצען די חומות בית ישראל סבא.

באַלד ביי דער גרינדונג פון דער אגודת ישראל באַוועגונג, האָבען זיך געוויזען פאַרשידענע שוועריגקייטען אין אָרגאַניזאַציאָנעלען און אין וועזענטלעכען זין.

דאָס חרדישע אידענטום איבער דער וועלט, איז ווייט ניט געווען מעור אחד. קודם כל זיינען געווען גרויסע אידישע ישובים וואו עס האָט פולסירט אַ פולבלוטיג אידיש לעבען; אידישע מיליאָניגע קיבוצים וואו תורה, יראת שמים און חסידות האָבען דאָמי־נירט דאָס אידישע לעבען; ריזיגע תורה־צענטערען וואו אלפים ורבבות פון אידישער יוגענט, בנים ובנות, זיינען דערצויגען געוואָרען על ברכי התורה והאמונה; אידישע צענטערען ווי גדולי תורה זיינען געווען די פאַקטישע מנהיגים פון יהדות החרדית. צו דער זעלבער צייט האָבען זיך געפונען אַנדערע מדינות וואו די תורה קבוצים זיינען געווען קלענערע, וויניגער דאָמינירענדע, און מיט אַ קלענערע השפעה אין אידישען לעבען.

אויך די דרכי החיים אין די פאַרשידענע לענדער זיינען ניט געווען איבעראַל די זעלבע. אין די אידישע תפוצות הגולה, האָבען אין משך פון די הונדערטער יאָרען, זיך אַנטוויקעלט יעדער קיבוץ באַזונדער אויף זיין אייגענעם שטייגער מיט זיינע מנהגים, מיט זיינע חומרות און גדרים, און מיט זיין אייגנאַרטיג לעבען. אמת, אַלץ איז געפירט געוואָרען על פי התורה דורך זייערע רבנים און מנהיגים, אָבער דאָך איז דאָס פרומע אידישע לעבען געווען פאַרשידענאַרטיג, ולא הרי זה כהרי זה.

פון דעם אַלעם האָט מען באַדאַרפט מאַכען אַ חטיבה אחת, אַ געשלאָסענע וועלט־באַוועגונג. און מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז חז״ל זאָגען, אַז יעדער נפש מישראל איז אַן עולם מלא, איז דאָס אַוודאי חל אויף יעדען רעליגיעזען איד. אידען, שומרי תורה ומצוות, זיינען ניט גרייט אַזוי לייכט מוותר צו זיין אויף זייער דרך החיים, וועלכען זיי האָבען געלערנט פון זייערע גדולים און איבערגענומען מדורי דורות.

אָבער טראָץ דעם אַלעם, האָבען די גדולי הדור געהאַלטען, אַז די אַלע שוועריג־קייטען און מיינונגס־פאַרשידענהייטען די בכל אתר ואתר, דאַרפען ניט אָפּשרעקען און טאָרען ניט אָפּהאַלטען פון שאַפען אַ גרויסע, פאַראייניגטען און צעמענטירטען כוח פון תורה־אידען פאַר תורה־יהדות איבער דער גאַנצער וועלט.

* * *

אינם היינטיגען מאמר הערען מיר ווייטערע מיינונגען פון גדולי ישראל, און עס איז באַלערענד צו זען ווי אַזוי יעדער איינער פון די גדולי תורה, יעדער אויף זיין אייגענעם לשון און כאַראַקטער, האָבען זיך צונויפגעטראָפען צו דער זעלבער אידעע, — די אידעע פון אגודת ישראל.

האדמו״ר מטשורטקוב זצ״ל

ב״ה

מעת החל רעיון „אגודת ישראל׳ להתפרסם בעולם, מעת נודע לנו אחרי האספה בקאַטאָוויץ, כי גדולי העסקנים אשר בפראַנקפורט מתעמלים בעצת גדולי הרבנים היראים לברוא כוננויות, לאסוף כל שלומי אמוני ישראל תחת דגל אחד, כששמענו זאת שמח לבנו, כי זה כמה ערגה נפשנו לראות אגודה משותפת בכחות ראשי העם היראים ומדברנא דמתא די בכל אתר ואתר, אשר יעבדו שכם אחד לאחוז בעמודי התורה לבל יתפלצו מרוחות הזמן החפשיות הסוערות עליהם. ומה תגל נפשנו הפעם עוד ביותר בהודענו, כי במשך הזמן רכשו לנו הרבה מגדולי הרבנים והצדיקים מרוסיא ופולין לחברי הועד של „אגודת ישראל״, וכי תקות ראשי הועד הנכבד חזקה, שבעזר ה׳ תהיה כל מטרתם להטבת מצב ישראל בדרך התורה והיראה, לפי הנחיצות הדרושה ביותר במקומות פזוריהם של ישראל בארצות גלותם, ועפ״י התכנית אשר יתוו למו חברי מועצת גדולי התורה אשר להוועד.

לכן הננו בזה להודיעם כי גם ידי תכון עמהם להיות חבר ליראי ד׳ ולהתאגד באגודה אחת עם שומרי תורה החרדים לדבר ד׳. ותקותי חזקה בד׳ כי גם החרדים במדינתנו ישתתפו באגודת ישראל בחומר וברוח ויתבוננו בנחיצות הענין בפרט בזמן הזה. לאשר בהתאסף יחד ראשי העם גדולי שבטי ישורון תחת כח מאוגד כאחד יוכלו להגביר חילים להיטיב מצב ישראל בחומר וברוח על פי דרכי התורה והיראה.

ואולם כאשר לפלגות דרכי הנהגות המדינות השונות בנוגע להטבת מצבם הפנימי, שונות ומרוחקות מאד, ובלתי אפשרי להנהיג תכנית אחת שוה לכל המדינות. לכן בזאת אאות להכנס לחברתם, באופן שכל מדינה ומדינה תתנהג באפייה וצביונה המיוחדים על פי חכמת ההנהגה אשר יסדרו למו חברת מועצת גדולי הרבנים של אותה מדינה ולא תהי׳ ההנהגה הפנימיית של חברי מדינה אחת תלויה בחברי מדינה אחרת והנהגתה הפנימיית, וגם בפעולות הטובות אשר חושבת „אגודת ישראל״ לעשות בתעמולתם בארצנו הקדושה, שהיא נקודת לב של כל הארצות ומשוש לבות כלל ישראל, תהיינה הפעולות נעשות דווקא בצירוף הסכמת גדולי הרבנים והיראים שבארצנו הק׳. ובאופן זה יהיו בטוחים כל שלומי אמוני ישראל כי כל המעשים והעובדות והפעולות הטובות שהאגודה חושבת לעשות בכח אדיר של כללות חרדי ישראל יהי׳ הכל כך בדרך שיסללו למו גדולי הרבנים היראים ואז ילכו לבטח דרכם והאגודה הנכבדה תתרחב ותפרוש כנפי׳ במלוא רוחב כל הארץ ותתכונן לעד, עד׳ יקום לנו המורה לצדקה ונזכה לראות מהרה בהשפך רוח ד׳ על כל הארץ ויטו כולם שכם אחד לשמור חוקי ד׳ ותורותיו לעשות ככל המצווה עלינו וירומם קרן ישראל ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצון קונם ובזכות זה יזכו לגאולה וישועה כתקותי ותקות כלל ישראל.

הכ״ד המוקירם ומכבדם כערכם הנעלה

(—) ישראל במהו״ר דוד משה זצ״ל

האדמו״ר מבאבוב זצ״ל

ב״ה ג׳ תולדות תרע״ד באבוב יע״א.

יקרת מכתבם מיום ח״י מנ״א לנכון הגיעני, ולאשר חשבתי כי תשובתי איננה נחוצה מיד לזאת לא מהרתי להשיב. וכעת נתעוררתי על ידי איש וו״ח הנודע למשגב ידידי הרה״ג מהרמ״ש נ״י מקראקא להחיש תשובתי, לכן באתי הלום לפרש שיחתי, כי יקרה האגודה בעיני עד מאוד ומה נעים גורליכם כי עלה בידכם לאחד אנשי שם יקרי ערך ממדינות שונות ובתוכם גם אלה אשר עד הנה ישבו בד בבד מפוזר ומפורד בין העמים במדינות אשר כהה שמש היהדות, והאגודה הזאת הפיחה התעוררות ורגש חם בלב כל אלה הישרים בלבותם והיו לגוף אחד לדאוג לטובת אחב״י. ובכל מדינה ומדינה מקום אשר יראי ד׳ הבינו כי לפי מהות המדינה תקוה טובה נשקפה לחיזוק הדת לתת יד עם האגודה טוב ונכון הדבר וזכות הרבים יעמוד להם ויברך ד׳ חילם ופועל ידם ירצה.

ובנוגע למדינת גליציה דעתי כי נחוץ מאוד ולא סגי בלאו הכי רק שיתאספו הצדיקים אשר יראי ד׳ ותושבי שמו ינהרו אליהם וכי יהי׳ להם דבר שופכים לב ונפש לפניהם, ומי כהחכם יודע מחסורם ברוח וגשם יותר מהם, והמה מרכז כלל ישראל שומרי תורה ומצוה, ומן האסיפה הזאת יצא דבר משפט אם עלולה מדינתנו לבוא בברית האגודה ואופני תהלוכות האגודה כפי הצורך במדינתנו. וכאשר חפץ ד׳ בידם יצליח לעשות האסיפה, מוכן גם אנכי ברצ״ה לחוות דעי בתוכם והמקום ירחם את פליטת עמו ישראל ויתרומם קרן תוה״ק.

ובזה הנני דורש שלומם וטובתם ומכבדם כערכם הרם

(—) הק׳ בן ציון האלבערשטאם

הגאון רבי אהרן וואלקין זצ"ל

...אם כי כמה סגולות ומעלות טובות מנו חכמים לכל אגדה וכנוס, כשאך יסודתם בקודש — יתר שאר ויתר עוז להאגודה הרוממה „אגודת ישראל", שלא ללמד על הפרט, לאחד ולחבר סוג אנשים ידועים לבד, יצאה, אלא ללמד על הכלל כולו יצאה, לאגד בקשר אמיץ את זקני העם, חכמיו וסופריו, וכל איש ישראל יחד, לקרב את לבותיהם זה לזה ולהשיב לבצרון את כלל ישראל. הלא כה היא בספרות האגודה, בהרצאה הרשמית באספת קטבויץ: „לא חבורה אצל חבורות אחרות חפצים אנחנו ליסד כעת כו' המושג המסורתי של כלל ישראל — אומה שלמה היה וקימה רק ע"י תורתה נשמתה המארגנת אותה — אותו חפצים אנחנו להשיב לתחיה ע"י „אגודת ישראל".

...ברם „עם שלם דומה לאיש אחד", וכשם שגוף האדם מחולק לאברים שונים, רחוקים או קרובים אל הלב, מרכז כח החיוני, המשפיע חיים לכל חלקי הגוף, כך הגוף הגדול, הנקרא „עם", מחולק לאברים שונים, מפלגות וכתות שונות, הקרובות או רחוקות אל מרכז האומה, רוחה, תורתה ואמונתה; וכשם שבגוף האדם האברים הרחוקים מן הלב מדרגת חומם נמוכה, מסבת רחוקם ממרכז החום, ונקפאים הם בנקל מהשפעת הקור, כך גם המפלגות הרחוקות ממרכז החיוני של האומה נמצאים במצב קר להיהדות. אולם ע"י הקשר והחבור שיש להאברים עם המרכז יכולים גם הרחוקים להתקיים והגוף ישאר גוף שלם ובריא. אך בהתעורר תנועה חזקה, ע"י התלהבות העם כולו, בכח רעיון אדיר וקדוש, שיקיף את כל השדרות הרחבות, יש תקוה להחזיק חום נפש גם באברי האומה הרחוקים, הקשורים עוד עם המרכז בחוטים דקים, ובהשפעת הזרם הכללי מאחדות כל שלומי אמוני ישראל יבוא בם הרוח ויחיו.

הוא הדבר אשר שמענו מההרצאה האופיציאלית, דברים כהויתם: „לעורר לתחיה את גוף כלל ישראל, להחזיר לו את נשמתו שנשדדה ממנו זה כמאה שנה ולסגל את האברים כולם למכשירה הנאותים של הנשמה". שע"י הקשור הכללי עם זקנים שבדור נוכל כולנו להחזיק מעמד ובכח הקשר הזה להתחזק ולהתאמץ ע"י התאחדות הכחות, בהתעוררות הרעיון של האגודה הרוממה, בכח הכללי הזה להשפיע זרם חיים וחום מוסרי לכל בני עמנו.

...וכזאת הוא גם פעולת והגנת הצדיקים שבדור, כי רוב העם מחסרון ידיעתם יחסר להם ההרגש להכיר את הטורפים העומדים עלינו ועל תורתנו לכלותנו מעל פני האדמה, כאשר הורנו הנסיון שנתרבו מאד המזיקים שנעצו בנו צפרניהם המלאים ארס ואין מי מרגיש עד היכן הדברים מגיעים. אך ורק זקנינו ומאורנו, אשר ברכם ה' בחוש מיוחד, לידע ולהכיר ולראות את הנולד מפעולותיהם ומעשיהם, יכולים להגֵן על האומה כלה ולהביא ברכה לכל בית ישראל.

...האותיות האלה מדברי חז"ל גם כשהם לעצמם בלי כחל ושרק ובלי פירושים ובאורים יתרים מחכימות למדי עד היכן מגיעה הנחיצות להתאחד ולהתאגד יחד עם גדולי ישראל באגודה אחת. נתחזק נא, אפוא, כלנו לרומם את הבנין הגדול של כלל ישראל וה' יהי' בעזרנו.

(—) אהרן וואלקין החופ"ק אמסטיסלאוו

הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל

בשם היהדות החרדית בפולין יש לי הזכות לברך את הכנסיה הגדולה. ההסתדרות של אגודת ישראל בפולין היא כיום הגדולה והחזקה ביותר שבהסתדריות הארציות של אגודת ישראל, והיא מונה שש מאות סניפים ומאות אלפים חברים. עניה השפה להביע את ערך השעה הגדולה של פתיחת הכנסיה הגדולה הראשונה. אנו מאושרים, שזכינו סוף־סוף לשעה גדולה והיסטורית זו. אין די מלים בפי למסור מה שמאות אלפי לבבות מרגישים בשעה זו. הרעיון הגדול של אגודת ישראל לאחדות החרדים מכל העולם הולך ומתגשם, חלומנו במשך שנים לראות את הקומה השלמה של היהדות החרדית מתגשמת לעינינו בכנסיה גדולה זו.

הכנסיה הגדולה היא דמות דיוקנו של הרעיון הנשגב לראות את כל ענקי הרוח של היהדות, כל גדולי הדור וצדיקיו, כל אישי התורה הנודעים לשם מכל חלקי העולם נותנים יד ומשתתפים ביצירה הגדולה להחזיר עטרה ליושנה, עטרת התורה בראש כלל ישראל.

השעה הגדולה צלצלה והננו כולנו כאן. השאלות העקריות שעל הכנסיה הגדולה לטפל בהן: חנוך הדור הצעיר; ישוב ארץ ישראל ברוח התורה, ומצב היהדות בגולה. יהי רצון שהכנסיה תהי' גדולה ממש, שיצאו ממנה מעשים גדולים למען ה' ותורתו. אנו מחכים לקדוש השם על ידי הכנה"ג שרוח התורה ישוב לפעם בלב כל יהודי. ברוך המקדש שמו ברבים.

* * *

האדמו"ר רבי יוסף קאליש מאמשינאוו זצ"ל
(ביי דער צווייטער כנסיה הגדולה אין תרפ"ט)

איך וויל זיך משתתף זיין מיט עטליכע ווערטער לכבוד דער כנסי׳ הקדושה, און לכבוד די עדה הקדושה וואָס איז פאַרזאַמעלט אין דער כנסי׳.

פון אונזער אייגענער כנסי׳ אין פוילען, איז באַקאַנט ווי ווייט דער שם שמים ווערט נתקדש פון אַזאַ כנסי׳. וועגען דעם תוכן פון דער גאַנצער כנסי׳ קאָן מען זאָגען עדות: "כלך יפה רעיתי, מום אין בך". לכבוד דער הייליגער כנסי׳ האָבען זיך דאָ פאַרזאַמעלט די בעסטע פרומע אידען פון אַלע לענדער. מען האָט ביז יעצט אויך געוואוסט, אַז די אגודה איז שיין און גוט, יעצט האָבען מיר געזעען, דאָס אויך ומום אין בך.

עס האָבען זיך דאָ צונויפגעזאַמעלט אידען פון אַלע מקומות און געהאַלטען עצות אויף קבלת מלכות שמים, און צו דינען דעם אויבערשטען. מען האָט אַ סאַך גערעדט וועגען צוציהען נאָך אידישע נשמות, וואָס זענען דערווייל ווייט פון דער הייליגער כנסי׳ און פון דער אגודת ישראל.

איך וויל וועגען דעם זאָגען אַ פּאָר ווערטער וואָס איך האָב געהערט פון גדולים, פון מיין טאַטען ז"ל, אַז אין אַ צייט ווען דורות פאַלען אַוועק איז די עצה, אַז עס זאָל זיין ויראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך ויראו ממך. אין אַ צייט ווען קיין ווערטער פועלן שוין נישט צוציען פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, איז די עצה מען זאָל זיך אַליין מקדש ומטהר זיין, מען זאָל אויף זיך נעמען די תורה, וועט זיין ויראו ממך. די יראה וועט קומען פון דיר.

עס האָבען זיך דאָ ב"ה פאַראייניגט בלויז איידעלע אידען, דאַרף מען געדענקען, אַז דער זין פון דער גאַנצער כנסת הגדולה איז געווען שהחזירה עטרה ליושנה. אויך אונזער אַרבייט דאַרף זיין נאָר מחזיר זיין די עטרת התורה ליושנה. יעדער איד דאַרף דאַריבער זעען דאָס אַלע ביי זיך אין שטוב זאָלען נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים. "ואיש כי יקדיש את ביתו קודש לד׳". אַ איד דאַרף קודם כל זעען, אַז זיין שטוב זאָל זיין הייליג, וועט זיין — ויראו ממך, וועט די יראה קומען פון דיר.

אין די תפלות פון די ימים נוראים בעטען מיר צווערשט: ובכן תן פחדך ד׳ על כל מעשיך, און דערנאָך: — ויעשו כולם אגודה אחת. פון די דאָזיגע הייליגע ווערטער פון די אנשי כנה"ג, זעט מען, אַז אן אגודה אחת קאָן מען נאָר זיין דורך קבלת מלכות שמים. ווען עס וועט זיין "ויראו ממך", ווען די יראה וועט אַראָפּשיינען פון יעדען איד, וועט ממילא זיין "ויעשו כולם אגודה אחת".

רוף פון גדולי תורה אין פוילען

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבען די רבנים און גדולי התורה אין פוילען אַרויסגעגעבען אַ שטאַרקען רוף צו "אחינו בני ישראל השלמים ונאמנים עם ה׳ ותורתו" פאַר אָרגאַניזירען אַן אגודת ישראל.

אַט זענען אייניגע אויסצוגען פון דעם אויפרוף:

"... ועתה הנשב בחבוק ידים? בשעה שאש הכפירה וחלול הקדוש אכלה בכל קצות עמנו; בשעה שהחוטפים וחומסי נעורינו הנם מאורגנים ומאוחדים ועומדים שלובי יד וזרוע נגד שארית הפלטה היהודים החרדים ושומרי הדת; בשעה שמכריזים בפומבי כי כל מגמתם היא לבנות את חיינו הצבוריים על יסודות מודרניים, ולהיות ככל הגוים בית ישראל, העת לחשות?"

"חובתינו בתור רבני ישראל לקרוא בקול רם "הי׳ לא תהי׳". ובכל מאמצי כוחנו הננו חייבים לעורר בלי הרף על הסכנה הצפוי׳ לתורתנו ולדתנו אם לא נבקש תרופה בעוד מועד".

"והרפואה היותר בדוקה נעלה הננו רואים רק בהתאחדותנו ובהתארגנותנו גם אנו. כי מה שלא יעשה הפרט יעשה הכלל, השואפים בכל נפשם להרמת קרן התורה והיהדות הן בארצות הגולה והן בארצנו הקדושה, כי רק מאגודה כזאת נוכל לקוות מעשים גדולים, ורק בהסתדרות כזו אשר תקח כל היהודים החרדים תחת כנפי׳, ותקשרם בקשר של קיימא נוכל להיות בטוחים שתרים את קרן התורה, תחזק את היהדות, תשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם".

"ולכן, אחים יקרים, אם באמת ובתמים הנכם חפצים שחיי עמנו הצבוריים יבנו על יסודי התורה הכתובה והמסורה; אם בכל לב הנכם רוצים שבניכם ובנותיכם אל יעזבו אתכם ואת אביכם שבשמים; ואם מגמתכם ושאיפתכם האמתית היא להרים דגל התורה הכתובה והמסורה

גם על הרי יהודה וירושלים, אז אחת היא העצה היעוצה לכם, מאת רבניכם דורשי טובתכם, עזבו איש איש את קרירות הרוח שבכם, התאחדו לאגודה אחת חי׳ וכבירה. אגודה אשר נשמתה תהי׳ התורה הקדושה, גידי׳ ועורקי׳ תהיינה המצוות הקדושות האלקיות. הקריבו איש איש מכם קרבן מעט מעתו וממאודו והבו חומר ולבנים לבנין הקדוש הזה״.

„היהדות החרדית אשר במדינות וארצות שונות כבר הכיר בנחיצות הזאת, וכבר התאחדו והתארגנו להסתדרויות ארציות בשם „אגודת ישראל״, גם במדינתנו נתיסדה „אגודת שלומי אמוני ישראל״ למטרה קדושה זו עפ״י קריאת ראשי גדולי התורה הצדיקים והאדמ״ורים, וכולם יחד התרכזו להסתדרות עולמית „אגודת ישראל״, ובכל יום ויום נוספות רבבות חברים להסתדרות עולמית הזאת, גם אנחנו בל יפקד מקומנו מלהיות חברים ליראי ד׳ ולעושי רצונו״.

אויף דעם דאָזיגען פייערדיגען רוף פאַר „אגודת ישראל״, זיינען פאַראַן 531 חתימות, פון כמעט אַלע רבנים און גדולי ישראל אין פוילען. צווישען זיי געפינען זיך:

האדמו״ר מגור; רבי יצחק זעליג מרגנשטרן, הרבי מסוקולוב; הגאון ר׳ מאיר יחיאל הלוי, הרבי מאוסטרובצה; הגאון ר׳ יואב יהושע מקינסק; הגאון ר׳ איסר זלמן מלצר מסלוצק; רבי שמעון קאליש, הרבי מסקרנוביץ; רבי פנחס מנחם יוסטמן, הרבי מפילץ; הגאון ר׳ שמעון שקאָפּ מבריינסק; הגאון ר׳ מאיר דן פלאצקי מאוסטרובה; הגאון ר׳ אליהו קלצקין מלובלין; דער גאַנצער ועד הרבנים מווארשא; רבי יוסף קאליש, הרבי מאמשינאָוו; הגאון צא״י מייזלש מלאסק; הגאון ר׳ דוד טעמקין מפיעטרקוב; רבי ירמי׳ קאליש, הרבי מאפאלא; הגאון ר׳ שמואל ליב ז״ק מביאלא; הגאון ר׳ יהודא ליב גורדון מלומזה; הגאון ר׳ שאול זילברמן מוויערושאָוו; הגאון ר׳ דוד הלוי הורוויץ מסטאַ־ניסלאַוו; הגאון ר׳ מאיר שפירא מגלינא; רבי קלונימוס קלמוש, הרבי מפיאסעצנא; רבי נח נפתלי, הרבי מקוברין א. א.

רוף פון רבנים און גדולי תורה אין סלאָוואַקיי

אין חודש תמוז, תרפ״ג, צוויי חדשים בעפאָר דער ערשטער כנסי׳ הגדולה, האָבען די גדולי רבנים אין דער סלאָוואַקיי אַרויסגעגעבען אַ קול־קורא, וואו עס ווערט מיט די וואָרעמסטע ווערטער געוואָרפען דאָס חרד׳ישע אידענטום זיך איינצושליסען אין די רייען פון אגודת ישראל. אייניגע שטעלען פון זייער ווענדונג גיבען מיר דאָ:

„זה יותר מי״ב שנים התאספו בעיר קטוביץ ראשי אלפי ישראל, מוריו ומדריכיו, הרבנים הגאונים, גדולי התורה והיראה ומנהיגי ישראל עסקני הצבור הי״ו מכל תפוצות הגולה ויועצו יחדו וכלם כאיש אחד, פה אחד ולב אחד הסכימו וגמרו ויסדו את אגודת ישראל. כנוס לצדיקים הנאה להם ונאה לעולם. אשר יסודתו בהררי קודש של חיי כלל ישראל, להגדיל תורה ולהאדירה, לרומם את קרנה ויחד עם זה להשתדל לטובת הכלל בעזרתו ית׳ ולפתור ברוח התורה המסורה בידינו את כל השאלות אשר תעלינה על הפרק בחיינו הכלליים, הרוחנים והחומריים. אז נדברו יראי ה׳ ובראשם גדולי הצדיקים והרבנים מכל ארצות פזורינו ונתנו את ידם לעבודת הקודש לגדור את הפרצות ולבנות את הנהרסות בחומת בית ד׳ ולחזק את אשיותיה״.

„ולמן היום ההוא ועד היום הזה כבר נודע בשערים טיבה ויצא טבעה של „אגודת ישראל״ בכל העולם, וכל מעשיה ופעולתי׳ נחתכים ע״פ הוראתה והכרעתה של „מועצת גדולי התורה״ העומדת בראשה. ורבים וכן שלמים, שלומי האמונים בישראל התקבצו על דגלה ויתאזרו עוז להלחם בעד כל היקר והקדוש לישראל ברוח ישראל סבא בפני כל הקמים עלינו מבית ומחוץ ולכלותנו ח״ו.

„לזאת הננו פונים אליכם, אחינו בני ישראל החרדים על דבר ד׳ ועם קדושיו נאמנים, וקוראים אתכם להכנס לתוך מערכות אגודת ישראל ולהתחבר אליה בלב ובנפש חפצה״.

„התקבצו על דגל ה„אגודת ישראל״ ושחדו מכחכם להמפעל הנשגב של התאחדות כללית של כל שלומי אמוני ישראל המיוסדת על בסיס התורה והיראה, והעתידה להחזיר עטרת היהדות החרדית לישנה, בעזרתו ית׳״.

„באו נא לעזרת ד׳ בגבורים! כל הירא ד׳ והחרד אל דברו אל נא יפקד מקומו בין חברי האגודה! התאחדו נא איש איש במקומו ויסדו קבוצות מקומיות ל„אגודת ישראל״; עושו חושו ותעוררו לכבוד ד׳ ותורתו!״

אויף דעם אויפרוף זיינען גע׳חתמ׳ט אין נאָמען פון דער „הסתדרות ארצית של אגודת ישראל בסלובקיה״ רבי אברהם אהרן כ״ץ ראבדק״ק נייטרא, יושב ראש; רבי שמואל דוד אונגאר, אבדק״ק טירנוי, רבי אליעזר פאנפעדער פון פרעשאָוו און רבי עזריאל פאַפּפּענהיים פון פרעשבורג אַלס סגני יו״ר. דאַן קומען נאָך חתימות פון 48 גדולי רבנים, צווישען זיי: הרב אשר לעמל שפּיצער פון קירכדארף; הרב ישראל מנחם ברוין פון ברעזאוויטץ; הרב מאיר ליב פרייא פון שוראן; הרב עקיבא שרייבער פון פרעשבורג; הרב צבי אלימלך שענפעלד פון מעזילאבארץ; הרב קלמן וועבער פון פישטיאַן; הרב שלום האַלברשטם פון סטראָפּקוב און אנדערע רבנים מפורסמים.

* * *

אַזוי זעען מיר ווי גדולי תורה ממדינות שונות, און פון פאַרשידענע וועלט-טיילען, האָבען אַלע איינגעזעען אַלס דבר בעתו, און פאַר אַן הוראת שעה, דאָס מאחד זיין אַלע ערליכע אידען, תמימים וישרים, אין אַן אגודה אחת, אַלס אַן אָרגאַניזירטען וועלט-כח וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלען און רעפּרעזענטירען, כלפי פנים וכלפי חוץ, אַ פאַר-אייניגטען תורה׳דיגען כלל ישראל.

(דאָס אידישע וואָרט, טבת, תשי״ח)

גדולי ישראל און אגודת ישראל

(פירטער מאמר)

אין אונזערע פריערדיגע מאמרים האָבען מיר איבערגעגעבען דעם חות־דעת פון גדולי ישראל איבער דער וועלט, ווי זיי האָבען פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט דאָס נחיצות פון אַ וועלט־פאַראייניגונג פונם יהדות־החרדית.

דעם היינטיגען אַרטיקעל — דער לעצטער אין דער סעריע — וועלען מיר ווידמען דריי פון די באַרימטסטע און אויטאָריטאַטיוועסטע גדולי ישראל, וואָס דאָס פוילישע און ליטווישע אידענטום האָט אין אונזער דור פאַרמאָגט; אַ חוט־המשולש פון אדירי התורה והיראה, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע און היסטאָרישע ראָלע ביי תורה־אידען אין זייערע מדינות. און ביים תורה׳דיגען כלל־ישראל איבער דער וועלט; די דריי גאוני וקדושי ישראל זיינען געווען די הויפּט־גורמים פאַרן התיסדות און ענטוויקלונג פון דער אגודת ישראל, און זיינען געווען יאָרען־לאַנג די גייסטיגע מנהיגים אירע מיטן שטיין, בכל ימי חיותם, אַלס נשיאות פון דער מועצת גדולי התורה הע־למית ביי דער אגודת ישראל העולמית.

דאָס זיינען: דער בעל חפץ חיים רבי ישראל מאיר הכהן פון ראַדין, האדמו״ר רבי אברהם מרדכי אַלטער פון גור, און הגאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנא. זכרם של צדיקים לברכה.

פאַר וועלכען תורה־איר דאַרף מען דאָס זאָגען, ווער עס זיינען אָט די דריי גדולי התורה והיראה? פאַר וועלכען שומר תורה ומצוות, אויפן גאַנצען כדור הארץ, דאַרף מען שילדערן, ווער עס זיינען געווען די דריי גאוני ישראל וקדושי הדור? זיי זיינען דאָך געווען די אורי ומאורי ישראל פאַרן פוילישען און ליטווישען אידענטום, און זייער אור התורה ואור היראה האָט דערגרייכט בכל תפוצות ישראל, וואו נאָר אַ איד אַ שומר תורה ומצוות האָט געלעבט, און וואו נאָר אַ איד אַ מאמין האָט זיך געפונען.

דער בעל חפץ חיים זצ״ל, דער הייליגער איד, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די תורה־וועלט מיט זיין גאונות און צדקות; ער, דער גרויסער בעל הלכה ומוסר, וועלכער איז אַריינגעדרונגען אין יעדען אידישען תורה־האַרץ מיט זיין גאונישער הסברה און מיט זיין הימלישער פשטות; דער סבא קדישא פון ראַדין, וואָס מיט זיין גדלות און באַרימט־קייט, מיט זיין משנה ברורה און שמירת הלשון, און מיט זיין קדושה וטהרה, האָט ער דערגרייכט יעדען ערליכען איד בכל תפוצות ישראל.

דער גערער רבי זצ״ל, דער מלך ישראל פונם מיליאָניגען אידישען קיבוץ אין פוילען; דער גאון וקדוש ישראל, וועלכער האָט אויפגעצייטערט הונדערטער־טויזענטער אידישע הערצער און מוחות, מנער ועד זקן, און אין זיי אָנגעצונדען אַ פייער, אַן אש קודש, אַן אש דת און שלהבת י־ה, צו תורה ויראה, צו חסידות און עבודת השם; ער, דער גאון התורה און מנהיג החסידות, וואָס זיין וואָרט, און אפילו זיין תנועה קלה, איז געווען אָנגענומען און געהייליגט ביי אלפים ורבי־רבבות בישראל כמו שניתנה מסיני, און זיין השפעה אויף תורה־אידען און אויף תורה־יהדות אין לעצטען דור איז אומשאַצ־באַר און בלייבט לדורות׳דיג.

רבינו רבי חיים עוזר זצ"ל, דער רבן של בני הגולה, — ווי די תורה־וועלט האָט אים באַקרוינט — איז געווען דער מוציא ומביא אין אַלע ענייני היהדות ביים פּויליש־ליטווישען אידענטום; ער, דער גאון און וועלט־חכם, וועלכער איז געווען דער פּוסק בכל הלכות התורה, איז אויך געווען דער פּוסק אין אַלע צבור׳דיגע שאלות און פּראָבּ־לעמען ביים תורה׳דיגען כלל־ישראל; ער, דער גרויסער בעל אחראי פאַרן דור, איז געווען דער משיב און קלאָרסטער וועג־ווייזער אין אַלע ענינים פון כלל ישראל, און פון רעליגיעזען כלל ישראל בפרט. דאָס תורה׳דיגע ליטאָ און די גאַנצע ישיבה׳שע וועלט, ובתוכם אַלע גדולי תורה, האָבען געוואַרט אויף זיין תשובה און פּסק, און דאָס גאַנצע תורה־אידענטום איבער דער וועלט האָט אויסגעקוקט אויף זיין וואָרט און חות־דעת.

* * *

ווער עס האָט געזען ביי די כנסיות הגדולות פון דער אגודת ישראל, וואָס האָט זיך געטאָן ווען דער חפץ חיים האָט זיך באַוויזען אין זיצונגס־זאַל; ווער עס האָט דורכ־געלעבט דעם מאָמענט ווען דער גערער רבי האָט געזאָגט זיין באַגריסונגס־מאמר, דער קאָן האָבען אַ ציור ווי אַזוי די טויזענטער שליחי־צבור פונם אַלוועלטלעכען עם התורה האָבען אויפגענומען די דאָזיגע צוויי ריזען פון תורה און קדושה; וויפיל הדרת און חרדת קודש דער טויזענט־קעפּיקער עולם פון יראים ושלמים מכל קצוי ארץ האָט אין זיין הייליגען התלהבות, אהבה עילאה און יראת הרוממות, צו זיי אַרויסגעוויזען.

ווען דער חפץ חיים האָט זיך באַוויזען אין די זאַלען פון דער כנסיה הגדולה, איז מיטאַמאָל די גאַנצע כנסיה־פאַרזאַמלונג צוגעלאָפען און אים אַרומגערינגעלט מיט אַזוי פיל רגשי־אהבה, אַז הונדערטער דעלעגירטע האָבען געוויינט פאַר רגש און שמחה צו זיין אַזוי נאָענט צום וועלט־באַרימטען סבא קדישא.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז דער גערער רבי וועט רעדען פרייטאָג, זיינען די כנסיה־זאַלען פון באַלד אין דער פרי געוואָרען איבערפולטע און באַלאַגערטע, און בשעת דער קדוש ישראל האָט זיך באַוויזען אויף דער בימה, איז געוואָרען אַן אומבאַ־שרייבלעכער רעש, און די טויזענטער נאספים, דעלעגאַטען, געסט און פרעסע־מענשען זיינען ספּאָנטאַן אויפגעשפּרונגען און איבער טיש און בענק צוגעלאָפען צו דער טריבונע, בכדי צו זיין וואָס־נעענטער צו דעם דאָזיגען הייליגען מנהיג הדור, און האָבען די זכיה צו קאָנען בעסער זען און הערען דעם רבן ומאורן של ישראל.

* * *

אָט די דריי גדולי עולם, משירי אנשי כנסת הגדולה, וועלכע מיר האָבען נאָך געהאַט דעם גרויסען זכות צו האָבען אין אונזער דור, נאָך געהאַט די זכי׳ זיי צו קאָנען, זיי זעהן און הערען, און פון זיי לערנען, זיינען געווען פון די הויפּט מיסדים פון דער אגודת ישראל, און יאָרען־לאַנג דאָס נשיאות פון דער מועצת גדולי התורה העולמית.

מיט דער גרויסער השפעה פון די דריי מנהיגי ישראל, איז די אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג געוואָרען דאָס וואָס זי איז געווען, און וואָס זי איז געבליבען ביזן היינטיגען טאָג, —

— דער אָרגאַניזירטער באַ־כח און וואָרט־זאָגער פונם זעלבסטשטענדיגען און אומאָפּהענגיגען אַלוועלטלעכען תורה־אידענטום פאַר די אינטערעסען פונם תורה־יהדות.

* * *

מיר גיבען דאָ איבער עטלעכע געזאָגטע און געשריבענע ווערטער זייערע, וועגען און איבער אגודת ישראל.

בעל "חפץ חיים" זצ"ל

בע"ה עש"ק וישב, שנת תרע"ג לפ"ק.

חברת „אגודת ישראל" הנה גם לדעתי ענין גדול הוא. עיקר ענין כנוס ליראים הלא כבר אמרו כי טוב הוא להם ולעולם. וכבר ראינו את פעולות ברק אחד שהבריק לפי שעה מאגדת כנסת ישראל כמה טובה עשתה בעולם. ועל ענין כזה אשר מיסדיה יראים ומעשיה ע"פ גדולים מפורסמים בודאי יש לקוות לתוצאות נכבדות.

ודמיון ענין כזה בזה"ז להוליך באישון לילה וסער מתחולל בחוץ לא יתקיים בידו אור הנר יחידי, אם לא שיביא אבוקה גדולה, וכל מה שתכבד הסערה צריך להגדיל אבוקה. כי אם לא יתאגדו יראי ה' יחד בזה"ז גם היחיד לא יוכל לכונן ביתו, ומחויבים אנו לעשות כל מה שבכחנו להקמת הדת. וכאשר יש תקוה שבאגודה כזו יהיה תוצאות לחזוק הדת בודאי נחוץ מאד לעודדה ולחזקה. וגם כהיום שישראל נפוצים בקצוות וכל מקום שהם ובאיזה מצב שהם, כ"ז שלא הופקר אצלם שרשי הדת הלא ישראלים הם אחינו בשרנו ונכנסנו בערבות עליהם, — ולתת יד וחזוק לאחינו המפוזרים בקצוות ג"כ אי אפשר רק באגודה מכונסת מאחינו מכל קצות הארץ. ובשביל זה לבד כדאי החבורה הזו להתחבר אליה כל יראי ה' יחד.

ועל ענין התחברות יראי ה' כבר רמז במלאכי שהוא הנביא האחרון (שנבא מה שיהיה בסוף גלות קודם ביאת המשיח שבסוף מאמרו סיים „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא") „אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע וגו'", ובאו על מה שכתוב מקודם „חזקו עלי דבריכם אמר ה' ואמרתם מה נדברנו עליך אמרתם שוא עבוד אלקים ומה בצע כי שמרנו משמרתו", אז מחויבין להתקבץ המאמינים בה' ובתורתו ולהתחזק יחד בהקמת הדת איש אל רעהו יאמר חזק ולהראות לכל, איך שאנו מאמינים בה' שבודאי יקיים דברו ויגאלנו גאולת עולם כמו שאמר הכתוב בפרשת בלק „כי לא איש א־ל ויכזב ובן אדם ויתנחם" ויקוים מה שאמר וכתוב „וידעת כי אני ה' אשר לא יבושו קווי", ובזכות זה יקוים מה שאמר הנביא בסוף דבריו „זכרו תורת משה עבדי וגו' הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא וגו'".

דברי הכותב ומצפה לישועה בב"א

ישראל מאיר הכהן מעיר ראדין

בעה"מ ספר חפץ חיים ומשנה ברורה

אין טבת תרפ"ט האט די אגודת ישראל אין פוילען געהאט איר צווייטע לאנדעס־קאנפערענץ, האט דער חפץ חיים פארעפענטלעכט דעם דאזיגען רוף:

חזקו עלי דבריכם וגו' אמרתם שוא עבוד אלקים, ומה בצע וגו' ועתה אנחנו מאשרים זדים וגו' גם נבנו עושי רשעה, גם בחנו אלקים וימלטו, אז נדברו יראי ד' איש אל רעהו וגו' ויכתב ספר לפניו ליראי ד' ולחושבי שמו. (מלאכי ג').

ברידער אידען! ווי גרויס און שרעקלעך איז די איצטיגע צייט. ווי מורא'דיג איז דער מאָמענט, אין וועלכען מיר לעבען איצט. דער נביא זאָגט: אז נדברו יראי ד' איש אל רעהו, מיט זייערע חברים וועלען זיי זיך צונויפרעדען, אָבער נישט מיטן פאָלק, ווייל ס'פאָלק הערט נישט. און אויב דאָס פאָלק וויל נישט הערען, דאַן מוזען די ג־טספאָרכטיגע לייט זיך צונויפרעדען מיט זייערע חברים. אַזוי ווי הלל הזקן האָט געזאָגט: אויב דו זעסט אַ דור וואָס די תורה איז ביי אים באַליבט זיי אַקטיוו, טעטיג אין פאַרשפרייטען דעם למוד התורה, און אויב די תורה איז ביי אים נישט באַליבט — ווערט פאַסיוו, אומטעטיג, זאָל די תורה נישט געוואָרפען ווערען צו בזיון. און אויב דאָס פאָלק זאָגט: אומזיסט דאָס דינען ג־ט, וואָס וועט אונז אַרויסקומען דערפון — לוינט זיך נישט פאַר זיי צו רעדען קיין תורה, נאָר בלויז אויף די ג־ט'ספאָרכטיגע אידען וואָס געפינען זיך אין יעטוועדער שטאָט, איז אַ מצוה זיך צו אָרגאַניזירען און איינער דעם צווייטען זאָל ערמוטיגען צו עבודת ד'.

ברידער און חברים: מיר לעבען היינט אין אַ דור, וואָס ליבט נישט די תורה, זייער פיל פורקי עול זיינען פאַראַן. דער האַס צו דער רעליגיע פאַרגרעסערט זיך מיום ליום. מען גראָבט כסדר אונטער דעם יסוד און עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. „שוין אַ לאַנגע צייט בײ

אידען אַן אַ כהן, אַן א וועגווייזער, אַן תורה. עס קעמפען צווישען זיך פאָלק מיט פאָלק, שטאָט מיט שטאָט. עס איז צייטען פון נישט־שלום צווישען די אַריין און אַרויס־קומענדע״ (דברי הימים ב׳ ט״ו). די סכנה איז מורא׳דיג, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט גרויס. די פליכט פון די יראים איז זייער גרויס. מ׳מוז זיך שטאַרקען לעבודת ד׳ ולאהבת תורה דורך אָרגאַניזירען זיך אין איין אגודה. דאַן וועט זיין: „ג־ט וועט זיך דערצו צוהערען, און שרייבען פאַר זיך אַ ספר זכרון פאַר די יראי ד׳ און פאַר די וואָס טראַכטען פון זיין נאָמען״. עס שטייט נישט סתם יראי ד׳ וחושבי שמו, נאָר ליראי ולחושבי, ווייל אין אַנדערע צייטען איז נישט געווען לייכט פאַרן מענשען איינגעשריבען צו ווערען און הימעל אַלס ירא ד׳, דערצו האָבען זוכה געווען נאָר מענ־שען מיט אַ הויכער מדרגה, אָבער היינטיגע צייטען, ווען עס מערען זיך פורקי־עול, ווערן שוין די מענשען וואָס באַמיען זיך צו זיין עובדי ד׳ ואוהבי תורה פאַרשריבען אין הימעל אַלס יראי ד׳ וחושבי שמו. יעדער ווענען די מורא פאַר ג־ט רירט אָן ביים האַרץ, הייסט שוין ירא ד׳. און פאַררעכענט פאַר אַלצדינג.

אמת, די אַרבעט איז זייער אַ סך, אָבער דער שכר וואָס דער אויבערשטער באַצאָלט פאַר די עובדי ד׳, איז היינט אַ פיל גרעסערער ווי אַמאָל. אויב היינט איז דער פרייז פון אַ גאָלדען רענדעל הונדערט מאָל טייערער ווי אַמאָל, איז נישט דערפאַר ווייל גאָלד איז געוואָרען שענער, נאָר ווייל דער מין גאָלד איז ווייניגער געוואָרען אויף דער וועלט. בעוונותינו הרבים פאַרמערען זיך פורקי־עול, דאַריבער ווער עס שטאַרקט זיך און מוטיגט זיך אין עבודת ד׳, איז זיין שכר עטלעכע הונדערט מאָל גרעסער ווי אַמאָל. און אויב עס איז נישט פאַראַן קיין כהן, קיין וועגווייזער, קיין תורה, דאַן שטאַרקט אייך אַליין. זאָלען אייערע הענט נישט ווערען אָפּהענטיג, ווייל איר וועט קריגען שכר פאַר אייער טרחה, היינט איז דער שכר אַ גרעסערער.

אויף אַזאַ צייט ווי היינט, זאָגט דער פסוק: עת לעשות לה׳ הפרו תורתך. הפרה הייסט מבטל מאַכען אָן שום טעם (אַקוראַט ווי דער מאַן קען צונישט מאַכען את נדרי אשתו בלשון מופר לך, אַ לשון פון ביטול, אָבער דער חכם המבטל את הנדר מוז זאָגען מותר לך, מיט דער הילף פון חרטה און פתח, מיטן לשון מופר העלפט נישט). אין דער איצטיגער צייט, ווען די פורקי־עול פאַרבייגען די תורה אָן אַ פאַרוואָס -- מוז מען זען עפּעס צו טאָן פאַר ג־ט, און אָנשטרענגען דערביי אַלע כוחות, אַלץ און אַלע מוזען זיך ווידמען דעם כבוד השם, עס איז אַ צייט פון טאָן.

דעריבער איז יעדער, וואָס יראת ה׳ נוגע ללבבו, גאָך מער מחויב מכבד צו זיין. אַלע יראים אין אַלע שטעט, דאַרפען זיך פאַראייניגען און אַריינציען אין זייער אגודה אַלע וועלכע זיינען נישט אַראָפּ פון אידישען וועג, דאָס אַלץ צוזאַמען ווערען פאַראייניגט אונטערן נאָמען: „אגודת ישראל״.

איך בעט פון אייך, ברידער און חברים אין ליטא און אין אַלע נאָענטע און ווייטע לענדער, אַלע זיך צו פאַראייניגען אונטערן פאָן פון „אגודת ישראל״, זיך צו האַלטען אין ג־ט און אין זיין תורה.

בזכות זה וועט ג־ט באַשטימט זיין אין אונזער הילף און מיר וועלען זוכה זיין צו דער גאולה באַלד און גיך.

דער חפץ חיים ביי עפענען די ערשטע כנסי׳ גדולה אין יאר תרפ״ג:

„ולא תעלו במעלות על מזבחי״, כיון הכתוב שהכהן בשעת עליתו על המזבח מוכרח לזכור, שלא מעלותיו וכשרונותיו האישיים זיכו אותו לעליה זו, ורק מתנת אלקים אשר ניתנה לו להוולד במשפחת כהנים עמדה לו לעלות על הבמה בשעה קדושה זו לברך את הכנסי׳ הגדולה של אגודת ישראל. כששאלתי מדוע דווקא אנכי? השיבו לי בשביל שאני מפורסם בלמדנותי, אבל אני לא הסכמתי לזה בשום אופן מפני שאינני למדן. ובקשו להפציר בי מפני שאני מפורסם בחסידות, אבל גם זה אינני. אמרו לי שוב, הלא כבודו זקן וכהן, כן עניתי, השי״ת נתן לי זקנה במתנה וכהן נולדתי.

אחים אהובים, התאספנו בכדי לבקש תרופה לגוף החלש של היהדות. רוצים אתם לדעת היכן לבקש את הרפואה? — הבה ואספר לכם: מעשה בחולה שסבל כאבים באברים שונים, וכשבקשו הרופאים רפואות לאברים השונים, ראו פתאום שהדופק חדל בפעולתו, ציוו להחיש לחולה את התרופה הראשונה להחזיר את מהלך הדופק על כנו. התרופה הדחופה והראשונה להריץ את מחזור הדם בעורקי היהדות היא התורה וכשהתורה בסכנה כל קיומנו בתור עם בסכנה. הצילו אפוא את הדופק היהודי, בנו מחדש את מוסדות התורה והישיבות, את בתי התלמוד־תורה ותינוקות של בית רבן, תנו לילדי ישראל הצעירים להתחנך וללכת בדרכי אבות — „זה הדבר אשר צוה ה׳ תעשו וירא אליכם כבוד ה׳״.

האדמו״ר מגור זצ״ל

ביי דער ערשטער כנסי׳ גדולה האט דער גערער רבי זצ״ל געזאגט:

איך רוף צו די דאָזיגע אסיפה מיטן לשון פון רבינו יונה ע״ה בשערי תשובה שער ג׳ אות קס״ח, בהתאסף ראשי עם וקהלות הקודש לעבוד את השי״ת ומסכימים הסכמות להעמיד להם מצוות, הנה הם מקדישים את שם יתגדל ויתקדש. שנאמר ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, ונאמר נדיבי עמים נאספו עם אלקי אברהם כי לאלקים מגיני ארץ מאד נעלה. נקראו ישראל עמים מפני שהם י״ב שבטים (וכל שבט נקרא עם) כענין שנאמר עמים הר יקראו. והם עם אחד לעבוד את ה׳ וכו׳ מאד נעלה. שהקב״ה מתעלה ומתהלל בעולמו באסיפותם ועבודתם. והאיש הפורש מדרכי הצבור הנה הוא כמקטרג על הסכמת עבודת ה׳ וכו׳ ומראה עצמו כי לא יחפוץ להיות בסודם ולהכתב בכתבם, הנה הוא מחלל את העבודה הוא בכלל הכתות שהם בוזים דבר ה׳ ואין להם חלק לעולם הבא. והשנית כי הם מניאים לב חלושי הדעת וכו׳ והם מן המחטיאים את הרבים. דאָס איז דער לשון פון רבינו יונה.

די אגודת ישראל זאָל געפירט ווערען נאָר לויט דער מועצת גדולי התורה והיראה, הייסט עס הסכמות להעמיד להם מצוות, וואָס דער רבינו יונה דערמאָנט. און מיט׳ן כוח פון די סוף ווערטער פון רבינו יונה, בעט איך אין זיין נאָמען אַלע יראים וועלכע זיינען ביז יעצט נאָך נישט אין אונזער אגודה, דאָס זיי זאָלען זיך באַדאַכטען און איינשליסען זיך אין דער אגודה, ווייל דאָס איז אַ חיזוק פון דת און דער תוה״ק.

איך בין מלמד זכות אויף יענע יראים, זיי רעכענען אַז עס דאַרפען נאָך געמאַכט ווערען תיקונים אין דער הנהלת האגודה. דאָס איז טאַקע אַזוי, יעדע גוטע זאַך דאַרף אַ בירור אחר בירור, ווייל אויך די מנורה וואָס שלמה המלך האָט געמאַכט האָט ער זי געמוזט טויזענט מאָל לייטערען, ווי עס ווערט געברענגט אין די גמרא: הכניסו לכור אלף פעמים.

אויך ווערט געברענגט אין יומא דף ס״ט אויפן פסוק ויצעקו אל ה׳ אלקים בקול גדול אויף די אנשי כנסת הגדולה, אַז זיי האָבען מבטל געווען דעם יצר הרע פון עבודה זרה. מ׳קאָן אויך אויסטייטשען דעם קול גדול אויף די כנסיה הגדולה, וואו מ׳האָט זיך פאַרזאַמעלט פון אַלע עקען וועלט און דער קול פון אַ רבים ווערט אָנגערופען קול גדול. די אנשי כנסת הגדולה האָבען מבטל געווען יצרא דע״ז און עטוואָס פון יצרא דעריות. צווישען דעם ערשטען איז אויך בכלל דאָס ספרות הפסולת, וואָס איז מטמא יעדע שטוב. יצרא דעריות מיינט מען אויך די הלבשה וואָס איז נישט בדרך הצניעות, ווי ס׳האָט נעכטען דערמאָנט דער בעל חפץ חיים שליט״א, ווי פלאַצט ניט דאָס האַרץ פון אַ איד פאַר מורא פאַרן גרויסען עונש וואָס עס ווערט דערמאָנט אין פסוק ושב מאחריך, אַז אַלע ברכות און דברי קדושה וואָס ווערען געזאָגט אויף אַן אָרט וואו ס׳געפינט זיך גילוי בשר אָדער גילוי ראש של אשה זיינען לבטלה. יעדער חבר פון דער אגודה דאַרף ביי זיך אין שטוב אַכטיג געבען די דערמאָנטע ענינים מתקן צו זיין. כי תצא מחנה על אויביך ונשמרת מכל דבר רע והיה מחנך קדוש, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, זאָגט דער ספרי כי תבא לא תצא אלא במחנה, דאָס האָבען געטאָן די אנשי כנסת הגדולה, זיי זיינען געגאַנגען אַלע צוזאַמען. דאָס זעלבע אויך אונזער כנסיה גדולה וואָס טראָגט זייער דגל (שבשמם נדגול).

נאָך אַ זאַך בעט איך עס זאָל געהערט ווערען אין אַלע מדינות. עס איז אמת דאָס די כנסיה גדולה פאַראייניגט אַלע יראים וחרדים לדבר ה׳, דאָך וויל איך ערקלערען מיין מיינונג, אַז דאָס לשון „להעמיד להם מצוות״, וואָס דער ר׳ יונה דערמאָנט, מיינט מען אויך גדרים וסייגים וואָס ווערען געמאַכט. רוב מאָל זיינען די דאָזיגע מנהגי ישראל העמדת המצוות, ומנהג ישראל תורה היא. די דאָזיגע מנהגים אונטערשיידען זיך פיל מאָל אין פאַרשידענע לענדער. דאָס וואָס אין איין מדינה איז ריכטיג קאָן אין אַ צווייטע מדינה זיין כארסו של עכנאי, אויב מ׳זאָל זיך אָפּלערנען פון יענעם מין קולטור. אויך ביי אונז אין פוילען איז ב״ה אַ מקום תורה ושמירת הדת. דאָך זיינען מיר געצוואונגען לויט די חוקי השלטונות איינצופירען למודי חול אין די חדרים צוויי שעה אין טאָג. אַ צווייט לאַנד קאָן אָבער פירען די חדרים אָהן לימודי חול, איז מה טוב ומה נעים.

העמדת המצוות וואָס עס דערמאָנט רבינו יונה, געפינט מען אין עזרא. העמדנו מצות בתמיכת כסף תמכין דאורייתא בנוגע החזקת התורה. איז יעצט אויך דאָס זעלבע. פאַראַן מדינות מיט שוואַכע מטבעות וואָס קענען זיך נישט אַליין אויסהאַלטען און דאַרפען אויך אָנקומען צו תמכין דאורייתא.

דער גערער רבי ביי דער צווייטער כנסי' גדולה, אין תרפ"ט:

עם ה' חזקו ונתחזקה. די אגודת ישראל איז געשאפען געווארען מחזק צו זיין דאס אידישקייט. עס זיינען דא פארשטעלעכצער פון אלע זייטען. דארף מען זוכען עצות מחזק צו זיין, צו דערהאלטען דאס אידישקייט. ביי א נביא שקר, א מסית ומדיח, שטייט אינמיטען פון דער פרשה: אחרי ה' אלקיכם תלכו ואותו תיראו ואת מצותיו תשמורו ובקולו תשמעו ואותו תעבודו ובו תדבקון (דברים י"ב), א לשון רבים, דערנאך שטייט והנביא ההוא יומת. — אין פרשת עקב שטייט בלשון יחיד: את ה' אלקיך תירא אותו תעבוד וגו', ווייל וואו עס איז דא א מסית ומדיח מוז זיין דער כח הרבים. היינט זיינען דא מסיתים ומדיחים ונביאי השקר אין אלע ווינקעלעך, דארף מען זיך מחזק זיין מיט די אלע לשונות און עצות וואס די תורה גיט. אויך יעדער חבר האגודה דארף זען מחזק צו זיין דאס אידישקייט ביי זיך, ביים בני בית און ביי די קינדער, אזוי וועט זיין א ברכה, יחידים קענען גארנישט אויפטאן.

איך גיב אייך מיין ברכה דאס עס זאל א כנסיה לשם שמים שסופה להתקיים, דאס הייסט עס ברענגט צו א קיום, עס זאל ברענגען צו א קיום פון א גאנצען אידישקייט.

דער גערער רבי ביי דער דריטער כנסי' גדולה, אין תרצ"ז:

עם ה' חזקו ונתחזקה. מיר לעבען היינט אין שווער'ע צייטען פאר אידען. — די עצה איז אז יעדער איד זאל זיך מחזק זיין מיט די ווערטער פון דוד המלך בעת די מלחמה מיט עמלק'ן ווען מ'האט ביי אים צוגענומען און צקלג אלץ וואס ער האט פארמאגט, די ווייבער מיט די קינדער, שטייט דארט ויצר לדוד מאד וגו' ויתחזק דוד בד' אלקיו. ס'איז טאקע אזוי געווען, דוד המלך האט אלץ צוריק געקריגען.

עם ה' חזקו ונתחזקה. אידען ווייסען און גלויבען, אז זיי האבען נישט מער ווי איין בורא עולם, השי"ת ווייסט אז ער האט נישט מער ווי איין פאלק אידען, את ד' האמרת היום וה' האמירך היום. דאס איז דאס איינציגע מיט וואס א איד דארף זיך מחזק זיין. מען דארף גלויבען אין השגחה פרטית אין א צייט פון נסיונות און פארשטעלעכצער. מען דארף אוועקווארפען שנאת חנם, ווי אין פסוק שטייט: איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק.

איך ווינש א כוח"ט אלע שליחים און אלע משלחים, מען זאל זוכה זיין צו הערען בשורות טובות ביים כלל ישראל.

הגאון רבי חיים עוזר זצ"ל

אין יאר תר"פ האט דער גאון ר' חיים עוזר גראדזענסקי ארויסגעגעבען דעם פאלגענדען רוף וועגען אגודת ישראל:

הנה התאחדות כל בני ישראל העומדים על בסיס היהדות העתיקה, והסתדרותם הכללית היא, נעלה מכל ספק, אחת הפעולות היותר כבירות והיותר נחוצות. הן כל מפלגה ומפלגה חדשה מקרוב באה ונהיתה, אשר מספר חבריה מעט לפי הערך, בהסתדרה ובהתארגנה תחזק עמדתה בקרב העם ותקח נפשות ותרב השפעתה ובאי כחה ידברו בשם העם. וכל בני ישראל הנאמנים לתורת אבותם, שהגם רוב מנין ורוב בנין האומה, בהיותם בלתי מסודרים ומאורגנים, קולם לא ישמע בעולם, כי אין להם באי כח מדברים בשמם וברוחם ומציאותם בלתי נכרת ועמודיהם ירופפו.

עוד בשנת תרס"ז, כאשר נראו נצני החופש בארץ רוסיא והותרו האגודות, התועדו פה גדולי דורנו והסכימו יחד על נחיצות יסוד הסתדרות כללית, ואז נתאשרה אגודת „כנסת ישראל", וכבר נפתחו הרבה סניפים במדינה ותנועה גדולה וכבירה נהיתה אז במחנה ישראל.

אלם אחרי כן שבה הממשלה והניחה מכשולים על דרכי התפתחות האגודה עד אשר לא יכלה עוד להתקיים. אך הרעיון בעקרו הכה שרש בלב שלומי אמוני ישראל, ובכל מדינה שלא פגשו עכובים מצד החקים הרשמיים התאחדו תחת דגל התורה וכה נתיסדה „אגודת ישראל" באשכנז ו„שלומי אמוני ישראל" בפולין. והן בהגיע ימי החפש במדינת רוסיא הגדולה מיד קמו הרבה גדולי ישראל כאיש אחד ויעוררו על נחיצות התאחדות כללית. ובזמן קצר נוסדו הסתדרות „נצח ישראל" (פטרגרד), „מסרת וחרות" (מסקבה), „אחדות ישראל" (אוקריינא), ו„אגודת ישראל" (רוסיא הלבנה), ואחרי אשר מטרה אחת היתה לכלן, בהגיע ימי הבחירות התאחדו כלן תחת דגל „אחדות". ולולא המהפכה הגדולה על ידי הבולשביקים היתה ה„אחדות" מוצקה וקימת. וכעת כמעט ברב הארצות אשר בני ישראל נחתים שם התיסדו אגודות כאלה, אשר מטרתן אחת לאחד את כל העומדים על בסיס היהדות העתיקה.

אולם בליטא, שהיתה תמיד אחד המרכזים היותר חשובים לתורה ולתעודה, ובבירת ליטא, עיר ואם בישראל ווילנא, אשר פה הונח מתחלה היסוד לבנין האחדות, טרם נעשה דבר, ולא מפני חסר הכרת בנחיצות ההסתדרות, אך מפני המאורעות שתכפו עלינו: ליטא היתה כבושה בגולה כבוש אחר כבוש, לא יכלה השב רוחה, עדת ישראל בווילנא שתתה ומצצה את כוס התרעלה, אלפי משפחות נמגו בה מעצר רעה ויגון וכל העת לא יכלה להתגבר על מצוקותיה ולדאוג לצרכיה הרוחניים.

עתה, כי ת״ל נהיתה הרוחה מעט, ובשמנון לב, כי החרבן הרוחני יותר גדול מהגשמי; וכל המקודש מחברו מוחרב יותר מחברו, ובליטא שהיתה תופסת מקום היותר חשוב בעולם היהדות העתיקה, רבה העזובה עד מאד ועמודי הדת ירופפו בה, הגיעה השעה שנתעורר גם אנו למעשה ולעבודה בלי איחור ודחייה.

והנה ביום א׳, ט״ז מ״ח העבר היתה פה אספת רבני ליטא, ומיד נתקבלה החלטה ליסד „אגודת ישראל״ בליטא והמרכז יהי׳ בווילנא, אשר מטרתה תהי׳ לבצר את חומת התורה והמצוה, ולעבד עבודת הישוב ברוח התורה בארץ ישראל יחד עם האגודות הקרובות לרוחה. ואת ידי מלאו להעיר ולעורר את אחינו תמימי דעים עמנו בכל אתר אתר להתאגד וליסד קבוצות מקומיות לאגודת ישראל.

והנה מטרת „אגודת ישראל״ לא לבא בריב עם מפלגות אחרות המתקיימות בישראל. תעודתה היא, לעבוד עבודה חיובית ובהכרת תעודתה לשאוף ולהגיע אל המטרה הגדולה אשר הצבה לה, להפיץ תורה ודעת ויראת ה׳ בין כל שדרות עמנו ברוח התורה והמצוה את כל השאלות אשר תעלינה על הפרק בחיי עם בני ישראל בארץ ובגולה.

הפרוגרמא של „אגודת ישראל״ ידועה, כל מדינה ומדינה כדרכה, ואמנם הענינים היותר נכבדים ועקריים לאגודת ישראל בליטא הלא המה: חנוך דור החדש על פי מסרת אבות; השבת בנים שנתרחקו אל גבולם; הפצת תורה בישראל; שמירת שבת ומועד; על אגודת ישראל להשתדל לקחת חלק בראש בהנהגת הקהלות, מוסדות הצבור ובתי החנוך, ולהשמיע את קולה בכל מקום שנוגע לקדשי ישראל ותורתם; חלק גדול ממעשי האגודה יהיה מסור לעבודה ממשית במדה רחבה בארץ ישראל, ארץ אשר עיני כל ישראל נשואות אלי׳, לחזק את הישוב הישן עם מוסדות התורה ולכלכל את הישוב החדש על טהרת הקודש. בהענינים הכלליים תשתתף אגודת ישראל הליטאית עם אגודת ישראל המרכזית, ויחד תתאמנה פעולותיהן. עם התפתחות האגודה יתבררו ויתלבנו המעשים היותר נחוצים והאפשרים להעשות לפי שעה. אך זאת חובתנו הראשונה להסתדר, ועל אחינו הקרובים בדעה להועד בכל עיר ועיר, להתאחד וליסד קבוצות מקומיות ולעשות הכנה להסתדרות כללית.

ואתם רבני ליטא וגדוליה, מי כמוכם מכירים ויודעים את הירידה הרוחנית אשר ירדה ליטא פלאים בימי המלחמה הנוראה בתי מדרש שוממים, הישיבות נדדו ויצאו, חדרים ות״ת סגרו על מסגר, והרבה פרצות נפרצו בחומת היהדות, כל רואיה לא יכירוה, הזאת ליטא, שהיתה מלאה חכמים וסופרים, ליטא השוקטה, המצוייה בבניה התמימים והישרים איכה היתה. אולם עוד לא אחרנו את המועד, עוד לא עוממו הזיקים, לא כבתה הגחלת האחרונה, חלילה, עוד יש בידכם להפיח רוח חיים בקרבה, לקבץ נצוצי אורה ולהאיר אור גדול, עוד בידכם לבנות הנהרסות, לשובב נתיבות ולחדש פני ליטא כמקדם. אתם מורי ישראל, אשר תמיד עמדתם על מרום תעודתכם, על משמרתכם משמרת הקודש, גם עתה אל יפול לבבכם אל תאמרו נואש, כי עוד יש תקוה, עוד בידכם להציל את שארית הפליטה, לבנות את בית ישראל ולקומם הריסותו.

עורו והתעוררו חברים יקרים, שימו לבבכם כי לא עת לחשות עתה, חזקו והתחזקו לפעולות ולמעשים. התאחדו והתאגדו לאגודה אחת לעשות רצונו בלבב שלם והכניסו תחת דגל „אגודת ישראל״ רבים מבני עמנו, כי רק בכח כללי, אדיר וחזק, יש בידינו לעשות מעשים גדולים, ועלינו להיות זריזים במעשינו לברא את הכח הכללי. חושו אחים ואל תאחרו!

ויהי נועם ד׳ אלקינו עלינו ומעשי ידינו יכונן סלה.

הכותב וחותם ט״ו כסלו תר״פ ווילנא.

חיים עוזר גראדזענסקי

* * *

זיכער איז מצד גדולי ישראל מער געזאָגט און געשריבען געוואָרען איבער דער גרויסקייט און וויכטיגקייט פון אגודת ישראל. אָבער בכדי צו פאַרעפענטלעכען אַלע זייערע רייד נויטיגט זיך אַ ספּעציעל ספר.

אָבער איינס איז קלאָר, כאור השמש בצהרים, שוין פון דעם וואָס מיר האָבען יאָ פאַרעפענטלעכט, אַז דער איבערוויגענדער טייל פון גדולי ישראל, גאוני הדור און מנהיגי החסידות איבער דער וועלט, זיינען געווען די הייסטע אונטערשטיצער פון אַן אַלוועלטלעכען איחוד־הכחות פון יראים, און די מיסדים פון דער אגודת ישראל. יעדער וואָס זאָגט אַנדערש, יעדער וואָס פּרובירט איינרעדען, אַז „עס זיינען געווען גדולים פאַר אגודת ישראל און געווען גדולים געגען״... דער פעלשט געשיכטע, און פאַרפירט דעם דעת־הקהל. געווען איינצעלנע גדולים, ממש יחידים, וועלכע זיינען ניט געווען מיט דער אגודת ישראל, אָבער דער רוב פון זיי, ממש רובם ככולם, זיינען געווען מיט און פאַר אגודת ישראל.

דער דעת תורה, פון די אַלע גאוני וקדושי ישראל וואָס מיר האָבען דאָ מעתיק געווען, און אויך פון די אומצעליגע גדולי ישראל מכל פנות העולם, וואָס מיר האָבען זייערע רייד ניט געברענגט, אָבער וועלכע זענען געווען בלבם ונפשם פאַר אגודת ישראל, זיינען בתקפם אויך פאַר אונזער צייט. און אַלע יראים ומאמינים, וועלכע זעען די געפאַרען וואָס עס דראָט דעם כלל ישראל מצד די מהרסי הדת, האָבען ניט און קענען ניט האָבען, קיין אַנדער וועג, ווי דעם וועג וואָס די גדולי ומנהיגי ישראל האָבען אונז אָנגעוויזען, אַז מיר לעבען היינט אין אַ זמן וואָס איז מחייב צו:

— אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו.

— איחוד הכחות של ישראל סבא.

— שאַפען אַ געשלאָסענעם תורה׳דיגען כלל ישראל אין אן — אגודת ישראל.

(ד. א. וו. שבט, תשי״ח)

וואס איז און וואס וויל אגודת ישראל

פאראן פיל זאכען, וועלכע זענען קלאר און פארשטענדליך, און דאך מוז מען וועגען זיי רעדען מערערע מאל. ווייל — ווי עס דריקט זיך אויס דער בעל מסילת ישרים אין זיין הקדמה — אז טאקע צוליב זייער פשטות און זעלבסטפארשטענדליכקייט, ווערען זיי אפטמאל פארזעען און פארגעסען. און דאריבער איז נויטיג וועגען זיי צו רעדען און איבער'חזר'ן מערערע מאל.

איינע פון אזעלכע וויכטיגע, און גלייכצייטיג גאר־פארשטענדליכע ענינים, איז: — אגודת ישראל.

פאר וועלכען תורה־איד, קאן דען נאך זיין דער קלענסטער ספק אדער אומקלאר־קייט, וועגען דער נחיצות וחשיבות פון אן אגודת ישראל, איר רעיון און אירע מטרות?

אמאל איז דאך דער גאנצער עם ישראל געווען איין גרויסע אגודת ישראל. אידען פון דער גאנצער וועלט, הגם מפוזר ומפורד בין העמים, זענען געווען זעלבסטשטענדיג און צוזאמענגעבונדען, און זיך ניט געלאזט אסימילירען און אויסמישען, נאר פעסט זיך געהאלטען אין זייער: ודתיהם שונות מכל עם. אידען, וועלכע האבען געלעבט אין פאר־שידענע לענדער אונטער די פארשידענסטע באדינגונגען; אידישע קיבוצים פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום, האבען געהאט דעם פולען באוואוסטזיין פון זייער צוזאמענ־בונד אלס קינדער פון עם ישראל. קיין מחיצות און גרעניצען, קיין ימים און מדבריות, זענען ניט געווען בכוח צו צושטערען ביי זיי דאס איינינקייטס־געפיל און דאס צוגע־העריגקייט צו זייער פאלק; דער איד אין פוילען און דער איד אין אפריקע, דאס אידישע קינד אין ארץ ישראל און דאס אידישע קינד אין אויסטראליע, זענען געווען ברידער, און אלס אזעלכע זיך געפילט. — ישנו עם אחד. דער זעלבער שבת, דער זעלבער יום טוב, דער זעלבער כשר'ער טיש, די זעלבע שוהל און דער זעלבער סידור, און דאס זעלבע הייליגע פאמיליען־לעבען. תורה איז געווען זייער פאלקס־קאנסטיטוציע. דער שולחן־ערוך דער רעגולאטאר פון זייער אלעמענס לעבען־הנהגה, אלס יחיד און — א פשיטא שוין — אלס ציבור.

ווען עס האט זיך אמאל באוויזען א גרופע, וועלכע האט זיך פרובירט צו באפרייען פון די פליכטען לגבי דעם אידישען פאלק און זיין תורה, זענען זיי מיט דער צייט געגצליך ארויסגעפאלען און פארלארען געגאנגען פאר'ן אידענטום. אונזער געשיכטע ווייסט פון אזעלכע אפטריניגע גרופען ווי: צדוקים, קאראאימער, שומרונים, שבתי צבי'ס, פראנ־קיסטען, גייגער'ס א. א. וו. ויתערבו בגוים, און פון זייער געביין איז ניט געבליבען קיין אידישען זכר.

יעדער איד און יעדעס אידיש קינד האט געוואוסט, אז אלע אידען איבער דער וועלט, זענען איין פאלק, האבען איין תורה, און דינען צו איין ג־ט. קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל חד.

* * *

ערשט צוריק מיט עטליכע צענדליג יאר, האט זיך אנגעהויבען פילען אן איבער־קערעניש. אין דער אידישער גאס האבען זיך באוויזען, און וואס אמאל מער באפעסטיגט,

נייע שיטות פול מיט כפירה און מינות. און דאָס נישט אַלס יחידים, נאָר אַלס אָרגאַני־זירטע כחות, און אויף אַ צבור׳דיגען אופן. זיי האָבען פון זייער פריקת עול־היהדות געמאַכט אַ שיטה, אַ סיסטעם, אַ גאַנצען לעבענס־פראָגראַם. און ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר׳ן גאַנצען פאָלק ישראל.

מסיתים ומדיחים האָבען זיך געשטעלט פאַר זייער ציל איבערצואַנדערשן די צורה, דעם מהות און תוכן פון אידישען פאָלק; אין נאָמען פון אידישער „אויסלייזונג" און „קיום", האָבען זיי אַריינגעבראַכט אין דער אידישער מחנה פרעמדע אידעען און אידע־אַלען, וואָס האָבען גורם געווען, אַז גרויסע טיילען פון אידען, און ספּעציעל פון דער יוגענט, זאָלען פאַרוואַרפען דעם גאַנצען און איינציגען יסוד פון אונזער קיום־האומה — תורה, דת ואמונה, און בויען זייער לעבען אויף „וועלטליכע" יסודות פון: „נהי׳ ככל הגוים בית ישראל"; אָפענע און פאַרשטעלטע רעפאָרמער, כלומר׳שטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פאַרזאָרגער, האָבען אָנגעהויבען פאַרנעמען וואָס־אַמאָל חשוב׳ערע פּאָזיציעס אין דעם אידישען צבור־לעבען; זיי האָבען אויסגעשפּרייט זייערע השפּעות, וועלכע זענען עלול געוואָרען מהרס צו זיין אַלעס גייסטיגעס, מאָראַלישעס און ג־ט׳ליכעס אין אידישען פאָלקס־לעבען.

און אָט דאַמאָלס, אין זמן פון דער באַוויזענער כפירה־ספּחת. ווען עס איז געקומען זייער פאַרמעסט צו צושטערען די ג־ט׳ליכע איינהייט פון עם ישראל, און אַנשטאָט דער אגודה אחת פון לעשות רצונו יתברך, האָבען זיי אָנגעהויבען צו צוברעקלען די מחנה השכינה אין צוטיילטע ג־ט׳לאָזע מחנות — דאַמאָלס איז געקומען דער רוף פון די גדולי ומנהיגי ישראל, פאַר זיך אָרגאַניזירען, בכדי מיט פאַראייניגטע יהדות־כחות צו פאַר־היטען דעם כרם בית ישראל פון זיינע פורצים. ערשט דאַמאָלס, איז געקומען דער רוף פון די מנהיגי האומה צו פאַראייניגען אַלע יראים וחרדים לדבר ד׳, אין איין גרויסער און שטאַרקער — אַלוועלטליכער אגודת ישראל.

* * *

וואָס וויל אגודת ישראל? וואָס איז איר שיטה, און צו וואָס צילט זי?

מיר האָבען ניט באַשאַפען קיין נייע שיטות און פּראָגראַמען, ווייל דאָס אידישע פאָלק נויטיגט זיך ניט אין קיינע ניי־אויסגעטראַכטע שיטות און אידעען. דער הר סיני איז געבליבען אויף אַלע אייביגקייטען; די תורה, וואָס מיר האָבען דורך ג־ט ברוך הוא באַקומען, געגוגענט אונז עד סוף כל הדורות; די אַלטע קוואַלען פון אונזער באר מים חיים, זענען בכוח אונז צו דערפרישען און דערהאַלטען אין אַלע זמנים און תקופות, און ביי אַלע באַדינגונגען. מיר אידען נויטיגען זיך ניט אין פרעמדע ניט־אידישע קולטורען, וועלכע זענען אין אמת׳ן ניט מער ווי אָרימע ברעקלעך פון אונזער רייכען טיש. ניט מער ווי אויסערליכע פאָרמען פון אונזער טיפען אינהאַלט.

אגודת ישראל איז באַשאַפען געוואָרען מחזיר עטרה ליושנה זיין. אונזער וועג, דער טויזענד־יעריגער דרך התורה והאמונה, איז אַן אייביגער. דער וועג וואָס האָט אונז געגעבען, במשך אונזער גאַנצער עקזיסטענץ בטחון, האָפנונג און אויסדויער, איז אַן אומטוישבאַרער און נצחיות׳דיגער לעולמי עד. אונזער תורה, איז אַ תורת־חיים. אַלעס וואָס קומט פאָר און געשעט אין אידישען לעבען, קאָן און מוז רעגולירט ווערען מיט׳ן דין תורה און לויט׳ן דעת תורה. ניטאָ קיין אידיש פאָלק אָן אידישקייט, און ניטאָ קיין אידישקייט אָן תורה, דת ואמונה.

אַלע ניי צוגעטראַכטע מינים „אידישקייטען", זענען ניט מער ווי ערזאַצען, וועלכע

קאָנען בשום אופן ניט דערהאַלטען דעם קיום העם. זיי האַלטען ניט אויס ביים ערשטען ווידערשטאַנד און נסיון. זיי זענען אַ פּאָלשטענדיגער דורכפאַל און באַנקראָט. ווי עס זענען שוין היינט מודה די אויפריכטיגערע פון די פרייע לאַגערן, אַז אַלעס ביי זיי ברעכט זיך. זייערע שולען און ערציאונגס־אינסטיטוציעס זענען ניט בכוח צו ערציען אידישע דורות. די יוגענט וועלכע ווערט ערצויגען אויף דער שויס פון זייער תורה׳לאָזען מאָ־דערנעם חינוך, זענען אויסגעוואָרצעלטע פון אַלע קניני האומה, פון אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום אידישען עבר און עתיד.

אידען האָבען זייער ג־ט, זייער תורה, זייער טראַדיציע, זייער לעבען און זייער אינהאַלט. בנים אתם לד׳ אלקיכם. דער אידישער קיום איז ענג פאַרבונדען מיט ה׳ ותורתו. און נאָר מיט תורה ומצות, מיט אמונה וקדושה, קאָן מען ערציען און צובונדען די אונטערוואַקסענדע דורות צו זייער פאָלק און שטאַם, צו זיינע הייליגקייטען און צו זיין קאַמף פאַר קיום נצחי.

בא חבקוק והעמידן על אחת: וצדיק באמונתו יחיה.

* * *

ביים עוסק זיין אין דעם: עשה טוב, מוז מען אָבער אויך האָבען גוט אין זכרון דעם: סור מרע. די הצלחה אינם קאַמף פאַר החזקת התורה והדת אין אידישען לעבען; דער ערפאָלג אין רופען און וועקען צו באַוואוסטזיין פאַר אמת׳ער און ניט־געפעלשטער יהדות, איז ענג פאַרבונדען מיט דעם: ובערת הרע מקרבך. מיט געגענשטעלען זיך די שעדליכע און פאַרניכטענדע השפעות פון די חפשיים למיניהם, וועלכע האָבען זיך — צוליב דער פּאַסיוויטעט און גלייכגילטיגקייט פונ׳ם יהדות־החרדית — פאַרפעסטיגט און אַרויפ־געכאַפּט בראש פונ׳ם אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען. ווען מען וויל דערפאָלגרייך מחזק זיין יהדות, טאָר מען ניט פאַרגעסען אין דעם ווילדען און גיפטיגען געוויקס, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעוואַקסען און איינגעגעסען אינם אָרגאַניזם פונ׳ם כלל ישראל. דאָס לאָזען זיי, אָהן אונזער אָפענער מחאה, אַלס די לעגיטימע פירער פון אידישען כלל לעבען, איז אַ סכנה פאַר קיום היהדות און ממילא פאַר קיום העם.

דאָס אויפשטעלען אַן אַלוועלטליכען כוח פון אַ תורה׳דיגען כלל ישראל, איז די מחאה פונ׳ם מקורות׳דיגען יהדות געגען אַלע מהרסי־הדת און מזייפי־התורה.

דאָס התיסדות פון אַן אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג, אונטער דער אויסשליס־ליכער הוראה און דעת תורה פון גדולי תורה, איז אַ פונדעמענטאַלער שריט פון: החזרת עטרה ליושנה, פון אַ ווידער־פראָקלאַמירונג דעם עם ישראל אַלס דער עם השם.

* * *

וואָס וויל אגודת ישראל?

צוריק ברענגען דעם שלטון התורה אין אידישען לעבען; באַפרייען דעם עם התורה פון דער אפּוטרופּסות החפשיים, פון דעם אַזוי־שענדליכען „גלות ביי אידען"; אויסבויען אַ זעלבסטשטענדיגען און אומאָפּהענגיקען תורה׳דיגען כלל ישראל; לערנען און ערציען די אידישע מאַסען מיט׳ן באַוואוסטזיין, אַז: אין אומתנו אומה אלא בתורתה; צוריק פאַרוואַנדלען די מחנה ישראל אַלס די מחנה השכינה, דורך שטעלען דעם ארון ברית ה׳ אַלס מרכז בתוך המחנה, וואו אַלע און אַלעס אינם אידישען לעבען, דאַרף זיך אַרום אים קאָנצענטרירען.

דאָס איז און דאָס וויל אגודת ישראל.

(„אָרטאָדאָקסישע טריבונע" סיון, תש״ד)

...ודבר ה׳ מירושלים

(צום וועלט־כינוס פון תורה־אידענטום)

כ״ח סיון תשי״ד, איז דער באַשטימטער זמן פאַר דער פערטער כנסי׳ הגדולה פון דער אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג.

ירושלים עיר הקודש איז דאָס אויסדערוויילטע מקום פאַר דעם גרויסען וועלט־כינוס פונם אָרגאַניזירטען, זעלבסטשטענדיגען חרד׳ישען אידענטום.

דער רוף צום תורה׳דיגען כלל ישראל: „גרייט אייך אַלע צו דער פערטער כנסי׳ גדולה״, קומט פון ירושלים עיה״ק, בחתימת פון די גאונים הרב ר׳ איסר זלמן מעלצער זצ״ל, ויבל״ח הרב ר׳ זלמן סורוצקין און מורנו הר׳ יעקב רוזנהיים שליט״א.

דער כרוז צו דער כנסי׳ הגדולה באַקומט היינט אַ באַזונדערע באַדייטונג מיט דער חתימה פון גאון הדור ר׳ איסר זלמן, וואָס ער האָט געגעבען ממש פאַר זיין הסתלקות. דער רבן של ישראל און גרעסטער ראש ישיבה אין אונזער צייט, האָט זיין צוואה, זיינע לעצטע געזעגענונגס־ווערטער, צו אַלע בני תורה און שומרי תורה, אויס־געדריקט אין אַ רוף צו דער כנסי׳ הגדולה, אין זיין ווענדונג צום כלל ישראל:

„עס איז געקומען די צייט צוריקצוברענגען דעם כלל ישראל צו זיין מקור, צו ברענגען ג־ט־ס וואָרט צום גאַנצען אידישען פאָלק, צו באַלייכטען און ווייזען אים דעם וועג.

„עס פילט זיך היינט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, די גרויסע נויטווענדיג־קייט צו מאָביליזירען די מאַסען שומרי תורה, און צו אַקטיוויזירען זיי פאַר גרויסע מעשים פאַר ה׳ ותורתו, אַז דער שם שמים זאָל באַליבט ווערען דורך אונז אין יעדען ווינקעל אויף דער וועלט.

„עס איז געקומען די צייט צו באַנייען ווי אַמאָל די אגודת ישראל, די גרויסע און הייליגע באַוועגונג, וואָס די גדולי התורה ומאורי האומה פון פריערדיגען דור האָבען מיסד געווען און פעסטגעשטעלט אירע יסודות.

„איצט איז געקומען די שעה, אַז עס זאָל זיך צעפלאַקערען דער אינערליך־הייליגער ניצוץ אין האַרץ פון יעדען פון אייך, צוצוהעלפען מיט אַלע זיינע כחות אין די הכנות צו דער כנסי׳ הגדולה, אַז זי זאָל זיין, בעזרת השי״ת, אַ גרויסע געשעעניש אינם לעבען פון כלל ישראל.

„מיר רופען אַלע תורה אידען אין דער גאַרער וועלט, צו גרייטען זיך צו דעם דאָזיגען היסטאָרישען טאָג — כ״ח סיון — און צו באַטייליגען זיך בלב ונפש אין דער פערטער כנסי׳ גדולה״.

ווערטער פון אַ גדול בישראל זיינען שטענדיג קודש. אַזעלכע ווערטער, און פון אַזאַ גדול, און ממש קודם פטירתו, זיינען קודש קדשים.

עס וועט פאַר אונז שטענדיג בלייבען אַ טרייסט און אַ חיזוק, וואָס די צוויי גאונים וקדושים וואָס מיר האָבען לעצטענס, בעוה״ר, פאַרלוירען ווי מרן בעל ה„חזון

איש" והגאון ר׳ איסר זלמן, זכרם לברכה וזכותם יגן עלינו, זיינען געווען אַזוי נאָענט צו אגודת ישראל און צו אירע אידעאַלען. זיי האָבען געזען, גלייך ווי די גדולי־ישראל אין פריערדיגען דור, אין דער באַוועגונג פון אגודת ישראל, די רעטונג פאַרן יהדות החרדית, און די זיכערסטע פעסטונג פאַר כבוד שמים, כבוד התורה און כבוד ישראל.

זעכציג יאָר, האָט דער זקן הגאונים ר׳ איסר זלמן געלערנט תורה מיט אידען. זעכציג יאָר, האָט דער באַרימטער מרביץ תורה געזאָגט זיינע שיעורים, געלערנט און געוויזען דעם דרך התורה. און אין זיין לעצטען עפענטליכען שיעור — אין זיין כרוז צו דער כנסיה הגדולה — רופט אונז דער גאון און נשיא פון דער מועצת גדולי התורה, און וויזט דעם וועג פאַר מאָביליזירען און אַקטיוויזירען אַלע תורה כחות פאַר גאַנצער און אומגעפעלשטער אידישקייט; דעם וועג צו דער — כנסיה הגדולה, און דורך איר, דעם וועג צו — אגודת ישראל.

* * *

די גדולי התורה, האָבען עס נאָך מיט צענדליגער יאָרען צוריק געזען, אַז די הוראת שעה אין איצטיגען דור, איז דאָס גרינדען די אַגודת ישראל.

זיי, די קדושי ומנהיגי ישראל, האָבען פאַרשטאַנען און גע׳פסק׳ענט, אַז אין אַ צייט וואָס חפשיים און חפשיות האָט אָנגענומען אַ צבור׳דיגען כאַראַקטער, און מיט אָרגאַניזירטע אופנים פאַרמעסטען זיי זיך איבערצואַנדערשען לגמרי די צורה, מהות און תוכן פון דער אידישער אומה און שטרעבען, חס ושלום, לעקר את כל הקודש לישראל, מוז דאָן דאָס אידענטום, וואָס איז טריי און איבערגעגעבען צו תורה ואמונה און צו אַלע קדשי האומה, זיך אויך אָרגאַניזירען, פאַרפעסטיגען און פאַרפאַנצערען.

דאָס האָבען די גאוני התורה ושרי היראה פאַראויסגעזען. דאָס האָט זיי צוזאַמענגעברענגט מיט פופציג יאָר צוריק מיסד זיין די אגודת ישראל. דאָס איז געווען אַן אחוד פון גדולי ישראל פאַר שאַפען אַן אחוד פון תורה׳דיגען כלל ישראל.

זיי, די מנהיגי הדור, די חכמים הרואים את הנולד, האָבען דאָס פאַראויסגעזען.

היינט זעען שוין דאָס אַלע.

אַלע, וועלכע וויטאָגען איבער דער פאַרכאַפטער ממשלה, דורך אַנטי־רעליגיעזע עלעמענטען, אין דער אידישער גאַס; אַלע, וועלכע ווילען ניט, אַז דאָס יהדות החרדית זאָל זיך פאַרקויפען פאַר אַ נזיד העדשים, און זיך דערפאַר נאָכשלעפען ווי אַ צור־טשעפעניש אין דער ג־ט׳לאָזער מחנה; אַלע, וועלכע קענען ניט, און טאָרען ניט, שלום מאַכען מיטן געדאַנק, אַז תורה־אידען, וועלכע זיינען אַליבא דכל הדעות, דער רוקען־ביין און דער דערהאַלט פונם גאַנצען פאָלק, זאָלען זיך פאַרשטופען אין אַ ווינקעל, און לאָזען דעם גאַנצען כלל ישראל הפקר, פאַר אַלע ככל הגוים׳דיגע לאַגערען.

אַלע יראים ושלמים, וועלכע טראָגען אין זיך אחריות, פאַר זיך און פאַר׳ן כלל ישראל, פאַר׳ן היינט און פאַר׳ן עתיד, זעען דאָס קלאָר, כאור השמש בצהרים.

ווייל, קען זיך דען ווער פאַרשטעלען, ווי ס׳וואָלט אויסגעזען דאָס אידישע לעבען ווען ניט דער אָרגאַניזירטער כוח פון פרומע אידען. ווי וואָלטען מיר אויסגעזען, אָן די עפענטלעכע טריבונע פונם זעלבסטשטענדיגען תורה־אידענטום, אָן די — אגודת ישראל.

די אידישע וועלט, בכל ארצות הגולה ובארצנו הקדושה, איז פאַרכאַפט און אויף איר געוועלטיגען כל־ערליי ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס וואָס מחצבתם ויסודם זיינען ניט בהררי קודש. אַלע זיי, ברענגען צו אונז פרעמדע לערעס און קולטורען, ניט־אידישע

ציוויליזאַציעס און לעבענס־אויפפאַסונגען; אַלע זיי, פאַר׳מיאוס׳ען אַלץ אָריגינעל־אידישעס וואָס איז הייליג און ג־ט׳לעך, און פאַרהערלעכען אַלץ וואָס איז פרעמד און גוי׳אישדיג; אַלע זיי, זיינען גאָר די אַפּוטרופּסים, די מושלים און טאָן־געבער. מיט זייער מאַכט און אויטאָריטעט ווערען זיי די רעגירער אין אידישען לעבען און די ביישפּילען פאַר דער אונטערוואַקסענדער יוגענט. הויכע באַאַמטע, אַמבאַסאַדאָרען, שרים, נשיאים, אָן תורה און אָן מצוות. אויסגעליידיגטע און אויסגעטועגע פון יעדער שפור פון אידישער אייגענ־אַרט און אָריגינאַל־טעט.

קענען מיר, טאָרען מיר, דער עם התורה, זיצען בחבוק ידים און שטילשוויגענד צוקוקען באבדן עמי ומולדתי, חלילה?

* * *

היינט זעען שוין אַלע שומרי תורה די געפאַרען. זעען די געפאַר, קענען די מחלה, איז — וואָס אמת — זייער וויכטיג און נוצלעך, אָבער דאָס אַליין איז נאָך ניט די רפואה. מען מוז אויך זוכען און אויסגעפינען די וועגען פאַר רעטונג.

הפקר דעם כלל ישראל קענען מיר ניט לאָזען. זיי, די חפשיים און זייערע נאָכשלעפּער, וואַרטען אויף דעם מאָמענט. זיי ווילען דאָס זיין די זוכים מן ההפקר.

דער וועג פאַר דער גייסטיגער הצלת ישראל איז איינער: אַ פאַראייניגטער און געשטאַרקטער תורה׳דיגער כלל ישראל.

עס מוז זיין דער אָרגאַניזירטער כוח פון וועהרען זיך, געגענשטעלען און קעמפען געגען דעם פאַרמעסט צו ענטאידישען דאָס אידישע לעבען. עס מוז קומען דער קול ה׳ בכוח, וואָס זאָל צוריק דערוועקען ביי די אידישע מאַסען דעם אמת־אידישען פונק, דעם גלויבען אין בורא עולם, אין תורה מן השמים און אין ביאת המשיח. מ׳מוז זיי רופען צוריק צום אָריגינעל אידיש לעבען און צו אַלץ וואָס איז אידיש און הייליג.

עס מוז געהערט ווערען דאָס גרויסע און האַרציגע וואָרט, וואָס זאָל לערנען און וואָרענען: ניט צו לאָזען זיך פאַרפירען פון די „נאַציאָנאַלע" און „אינטערנאַציאָנאַלע" מסיתים ומדיחים, אַז „כחנו ועוצם ידינו עשה את החיל הזה". דער עם התורה מוז צוריקגעפירט ווערען צו זיין תורה ואמונה, גלויבען אַז גאָרניט פירט זיך אַליין, אית דין ואית דיין, פאַראַן אַ השגחה עליונה וואָס באַשאַפט, וואַכט און פירט מיט דער גאַנצער בריאה. און אַז אַלץ וואָס געשעט מיט אונזער פאָלק ישראל, דאָס ליכטיגע ווי דאָס פינצטערע, איז ניט קיין פועל יוצא פון אונזער מענשלעכער שוואַכקייט אָדער שטאַרקייט, נאָר ווערט געפירט דורך הימלישער השגחה, דורך דעם אייביגען שומר ישראל.

עס דאַרף זיין דער פירענדער רעליגיעזער כוח, וואָס זאָל אין דער היינטיגער צייט — אַ צייט פון חורבן און בנין, פון דין און רחמים — ברענגען צו די פאַר־צווייפעלטע און בלאָנדזשענדע אידישע מאַסען, אַ וואָרט פון חיזוק און אויסדויער. לערנען אַז דווקא ווייל דער זמן און די געשעענישען, זיינען אַזעלכע אומבאַגרייפלעכע און הסתרת־פנים׳דיגע, מוזען מיר אידען — ווי אין אַלע צייטען און דורות — זיך נאָך מער פאַרבינדען מיט תורה ומצוות השם, זיך נאָך מער פאַרפאַנצערען מיט אמונה וקדושת השם. אויף איין רגע ניט פאַרגעסען, אַז: אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים.

* * *

מיט זיין אַ שטענדיגער שותף צום חפשיות׳דיגען לאַגער, אייביגע פוסחים על שתי סעיפים, זיין פאַרקויפטע עבדים נרצעים צו זיי, אַפילו פאַר קריגען אַמאָל צוגע־

וואַרפֿען אַ ביינדעל, אָדער די אַזוי געראָפֿענע „הישגים״... פֿאַרפֿירט מען דעם דעת הקהל, מען איז מבלבל אידישע מוחות, מען שוואַכט אָפּ דעם ווידערשטאַנדס־כוח פֿון תורה־אידענטום, און מען בלייבט אייביגע מחניפים לרשעים און נותנים יד לפושעים.

אָבער אויך מיט צעשפּליטערקייט אין דער תורה מחנה, מיט שאַפֿען אייגענע ווינקלען און קלייזלעך, אַפילו מיט די ערלעכסטע כוונות, דינט מען אויך ניט אונזער זאַך. דאָס שאַפֿען פֿון יעדען קרייז באַזונדער, אייגענע סעפּעראַטע דרכים אין דעם שיצונגס־קאַמף פֿאַר החזקת הדת, איז ווייט ניט קיין ברכה פֿאַר תורה־אידישקייט. אויך מיט בלויז מזלזל זיין דעם ישוב אין ארץ ישראל, וועט מען אונזער הייליגען ציל פֿאַר תורה־יהדות ניט דערגרייכען.

דעם פֿאַראייניגטען פֿראָנט פֿון די שונאי הדת, קען מען נאָר צוריקשלאָגען מיט אַ פֿעסט־צעמענטירטען כוח פֿון אַלע אידען, מאמינים בה׳ ובתורתו.

אַ פֿראָנט פֿון מגיני הדת געגען דעם פֿראָנט פֿון העברת הדת.

אַ פֿראָנט פֿון קעמפֿערישער אמונה געגען אַ פֿראָנט פֿון אויפֿגעצוואונגענער כפירה.

ווער זאָל דאָס טאָן, ווער איז דער מרכז וואו אַלע יראים זאָלען זיך צוזאַמענטרעפֿען, אויב ניט די באַוועגונג וואָס איז געשאַפֿען געוואָרען דורך גדולי ישראל און וואָס ווערט אויך היינט באַווירקט און געפֿירט דורך גדולי ישראל — אגודת ישראל.

* * *

אַלע כנסיות גדולות האָבען פֿאַר זיך געהאַט צוויי מטרות. איינע, צו פֿאַרגרעסערען און פֿאַרפֿעסטיגען דעם פֿרומען כלל ישראל. און צווייטענס: צו מאַניפֿעסטירען און פּראָקלאַמירען פֿאַר דער וועלט — די אידישע און ניט־אידישע — אַז עוד ישראל סבא חי. דער עם התורה לעבט, איז זעלבסטשטענדיג, און דאַרף ניט קיין געדונגענע מליצי יושר און פֿרעמדע אַפּוטרופּסים. קיין שום גרופּע וואָס איז ניט מודה אין די אמת׳ע יסודות און עיקרים פֿונם אידישען פֿאָלק, פֿון זיין דת און פֿון זיין אמונה, האָט ניט קיין רעכט צו רעפּרעזענטירען דאָס היסטאָרישע אידישע פֿאָלק, וואָס איז ג־ט׳לעך אין זיין אַנשטייאונג, אין זיין עקזיסטענץ און אין זיין אייביגער נצחיות.

די ערשטע דריי כנסיות גדולות, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען אין די יאָרען: תרפ״ג, תרפ״ט און תרצ״ז, האָבען מיט גרויס ערפֿאָלג דערגרייכטביידע געשטעלטע מטרות. די וואָס האָבען די כנסיות נאָכגעפֿאָלגט, און בפֿרט די וואָס האָבען געהאַט די גרויסע זכיה אין זיי זיך צו באַטייליגען, ווייסען וואָס פֿאַר אַ אומפֿאַרגעסלעכען רושם יעדע פֿון זיי האָט געמאַכט אין דער אידישער וועלט און אין דער תורה וועלט בפֿרט. די וואָס האָבען געזען די אָרטאָדאָקסישע וועלט־צוזאַמענפֿאָרען, בגדלם בתפֿארתם ובקדושתם, און די וואָס האָבען געהערט וועגען זיי, ווייסען וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג זיי האָבען אויסגעווירקט בכדי דאָס רעליגיעזע אידענטום זאָל ווערען אַ שאַפֿענדער און ווירקענדער פֿאַקטאָר אין אַלע סעקטאָרס פֿון אידישען לעבען בכל תפוצות ישראל.

פֿאַר דער איצטיגער כנסיה הגדולה, שטייען די פּראָבלעמען מיט נאָך מער דרינגלעכקייט; די לעזונג פֿון די אויפֿגאַבען זיינען היינט פֿון היסטאָרישער באַדייטונג.

מיר לעבען איצט אין אַ שעת הרת עולם ביים אידישען פֿאָלק, און פֿון בוי און איבערבוי אין אידישען לעבען. עס איז אָבער גלייכצייטיג אויך אַ צייט, ווען די פֿעסטונגען פֿונם עם התורה ווערען געשטורעמט פֿון אַלע זייטען, און די יסודות פֿונם סיני פֿאָלק ווערען באַדראָט פֿון כל־ערליי שונאי ומחריבי הדת. באו פריצים ויחללוה, אין

נאָמען פון פרעמדע, פאַלשע און שעדלעכע לאָזונגען, אשר לא שערום אבותינו ואבות אבותינו, פאַרפירט מען די דעזאָריענטירטע אידישע מאַסען. דזשודאַאיזם, רעפאָרם, קאָנסערוואַטיזם און מאָדערניזם, אַלע זיינען זיי מקצץ בנטיעות אין אמת׳ער אמונה, תורה און מצוות מעשיות. מיט אַבסטראַקטען סעקולערען נאַציאָנאַליזם פאַרשוועכט מען טויזענט־יעריגע הייליגקייטען. און מען וויל פאַרווישען די אידישע צורה, מהות און אייגענאַרט פון אונזער עם הקדוש און פון אונזער ארץ הקדושה.

דאָס רעליגיעזע אידענטום, מוז מיט פאַראייניגטע כוחות זיך געגענשטעלען די חוטאים ומחטיאים את הרבים. אַלע אידען וואָס זיינען געבליבען מאמינים בה׳ ובתורתו דאַרפען שיצען און באַפעסטיגען די אוצרי היהדות, די מקורי האמונה, וועלכע זיינען אויך די איינציגע יסודי האומה.

די כנסיה הגדולה וועט דאַרפען ברענגען מיט זיך אַ גאַנצע פאַראייניגונג, אָדער לכל הפחות, אַ דערנענטערונג מיט אַלע קרייזען שומרי תורה ומצוות, וואָס ווילען ניט זיך לאָזען איינשפאַנען אין די קייטען פון אַ נייעם גייסטיגען „גלות ביי אידען".

נאָך קיינמאָל פריער זיינען מיר אידען, יודעי דת ודין, ניט געשטאַנען פאַר אַזעלכע גרויסע פליכטען און היסטאָרישע אחריות׳ן. קיינער, וואָס אמונת השם איז תקוע בלבו, קען זיך ניט באַפרייען פון דעם אחריות פאַר השי״ת, פאַר זיין תורה און פאַר זיין פאָלק.

* * *

פאַראַן אויך אין דער אגודת ישראל באַוועגונג, וויכטיגע און זייער דרינגענדע אינערלעכע פּראָבלעמען, וועלכע וועלען זיך געפינען אויפן סדר־היום פון דער כנסיה.

עס איז ניט קיין סוד. נאָכן חורבן און נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, האָבען זיך באַוויזען אין אונזער באַוועגונג רייבונגען פון אָרגאַניזאַציאָנעלען כאַראַקטער. אָבער ניט ווייניגער, זיינען די חלוקי־דעות אין אידעאָלאָגישער הינזיכט.

די כנסיה, וועט ניט קענען איבערלאָזען דעם מצב ווי ער איז, די כנסי׳ הגדולה וועט מוזען צוריק גאַנץ מאַכען די באַוועגונג. זי וועט מוזען רעאָרגאַניזירען אירע אינסטאַנצען און אָפטיילונגען איבער דער וועלט מיט פירערשאַפט, וואָס זאָל זיין ראוי פאַר די ווירדיגע אַמטען און וויכטיגע אויפגאַבען. בראש פון דער באַוועגונג וועלען מוזען געשטעלט ווערען מענשען וואָס זאָלען האָבען דעם פאַרטרויען פון אַלע חוגים אין דער תנועה; מענשען וואָס זאָלען זיין ערלעך, פייאיג און אויטאָריטאַטיוו אין זייערע האַנדלונגען; מענשען וועלכע זאָלען זיין דורכגעדרונגען מיט גלויבען און התלהבות אין די אגודיסטישע תורה־אידעאַלען, און זאָלען קענען מיט זייער פייער און אידעאַליזם מיטרייסען אידישע מאַסען און זיי אַריינברענגען אין דער אָרגאַניזירטער מחנה השכינה. די ניי־געווייילטע הנהגה וועט מוזען האָבען מיט זיך דעם דעת הקהל און איבער זיך דעם דעת התורה.

די פערטע כנסיה הגדולה וועט דאַרפען, צוזאַמען מיטן שארית ישראל סבא, געפינען די וועגען — ווי אַמאָל די אַנשי כנסת הגדולה — פאַר: להחזיר עטרה ליושנה.

* * *

דער קדושת הזמן איז סיון, דער חודש פון קבלת התורה. דאָס קדושת המקום איז ירושלים, דאָס אָרט פון: כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים, זיינען מוכשר און מסוגל פאַר דער קדושה פון אַ כנסי׳ גדולה.

(ד. א. וו. אדר ב׳, תשי״ד)

גרויסע אויפגאבען אין א גרויסער שעה

(צום כנוס פון וועלט ועד־הפועל — ז׳־י״א כסלו, תש״י)

נאך קיינמאל, אין פארלויף פון דער עקזיסטענץ פון דער תורה־באוועגונג פונ׳ם זעלבסטשטענדיגען רעליגיעזען אידענטום, האט זיך נישט געפילט אזוי שטארק איר וויכטיגקייט און דרינגליכקייט ווי גראד איצט. נאך קיינמאל האט אגודת ישראל נישט געהאט פאר זיך אזעלכע גרויסע און אחריות׳פולע אויפגאבען, ווי איצט אין אונזערע טעג.

מען קען מיט זיכערקייט זאגען, אז ווען די אגודת ישראל וואלט נישט באשאפען געווארען דורך די גדולי הדור מיט יארען צוריק, וואלט מען זי איצט באדארפט שאפען.

די גרויסע וויכטיגע אויפגאבען, וועלכע מען האט פארגעזעען פאר אגודת ישראל בעת איר גרינדונג, זיינען ממש מינימאלע לגבי די דרינגענדע און היסטארישע אויפגאבען וועלכע שטעהען פאר אונז, רעליגיעזע אידען, אין דער איצטיגער צייט.

דער גרויסער חורבן און פאלקס־קאטאסטראפע וואס מיר האבען דורכגעלעבט, האט א חוץ דער פיזישער פארניכטונג פון העכער א דריטעל פון אונזער פאלק, אויך דער־שיטערט דעם גאנצען גייסטיגען און מאראלען יסוד פון אונזער פאלקס־לעבען.

אלע צענטערן פון אמת־אידישען גייסט, פון תורה ואמונה, פון דת און מסורה, זיינען דורך די דייטשע עמלקים ימ״ש פארניכטעט געווארען צוזאמען מיט די מיליאנען אידישע נפשות, וואס האבען געלעבט און געאטעמט מיט די אלע הייליגקייטען.

דער שארית הפליטה איז געבליבען פאראריימט און אויסגעליידיגט פון גאנצען גייסטיגען פארמעגען, פון אלע אוצרות פון תורה, יראת שמים און חסידות, וועלכע האבען אונז פארפאנצערט, און געזיכערט אונזער דערהאלט און קיום.

נאך קיינמאל אין אונזער געשיכטע, האבען אידען זיך נישט אזוי גענויטיגט אין א ווארט פון דערפרישונג און דערהויבונג ווי אין איצטיגען מאמענט. א ווארט וואס זאל אונז ארויסרייסען פון יאוש און זאל אין אונז צוריק דערוועקען בטחון און אמונה, אז איבער אונז וואכט די השגחה העליונה. אז — לא ינום ולא יישן שומר ישראל.

* * *

די אידישע גאס איז פארכאפט און אויף איר געוועלטיגען כל־ערליי ריכטונגען, שיטות און אידעאלאגיעס, אבער אלע זיי זיינען נישט געבויט אויף אמת־אידישע יסודות. און אלע זיי זיינען פרעמד צו אונזערע טויזענט־יעריגע קדשי וקניני האומה.

עס מוז קומען דער רוף פאר באזינונג. דער רוף וואס זאל מיט זיך מיטרייסען די אידישע מאסען, און אין זיי צוריק דערוועקען דעם גלויבען אין דעם בורא כל העולמים. מ׳מוז פון דאס ניי — ווי אמאל דער שוהל קלאפער — קלאפען אין אידישע טירען און אין אידישע הערצער און זיי רופען צו אמונה, צו תורה און צו יהדות.

עס מוז קומען דאס גרויסע און הארציגע ווארט, וואס זאל רופען צו אמונת השם. אידען זאלען זיך נישט לאזען מיטרייסען מיט הפקרות און ג־ט־לאזיגקייט. זיין דורכ־געדרונגען מיט׳ן גאנצען הארצען און נשמה, און גלויבען, אז עס איז פאראן א ג־ט וואס באשאפט, וואכט און פירט מיט דער גאנצער בריאה. גלויבען, אז אית דין ואית דיין, אלעס וואס עס געשעהט מיט׳ן אידישען פאלק איז נישט קיין צופעליגקייט. סיי דער

שוידערליכער גזר דין און סיי דער רחמים׳דיגער ליכט־שטראַל, זיינען נישט קיין פועל־יוצא פון אונזער שוואַכקייט אָדער אונזער שטאַרקייט. נאָר עס איז די יד השם, וואָס שטראָפט אונז און העלפט אונז.

די אידישע וועלט איז צוטרייסעלט פון דעם אומפאַרגלייכליכען חורבן, און זי וואַרט אויף דעם האַרציגען טרייסט־וואָרט, וואָס זאָל אָנווייזען און לערנען, אַז אין אַלע שווערע צייטען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעלעבט, און זיינען געווען עלול צו צוטרייסלען די יסודות פון אמונה, האָבען אידען זיך געשטאַרקט און אַרויסגעוויזען אַ געוואַלדיג עקשנות און אויסדויער, און דווקא נאָך שטאַרקער און טיפער זיך פאַרבונדען און פאַרקניפּט מיט דעם צור ישראל וגואלו, מיט תורה ומצוות און מיט קדושת ישראל.

אגודת ישראל — אויף איר ליגט דאָס אחריות פאַר דעם גרויסען וואָרט אין דער גרויסער שעה. פאַר דעם — שובה ישראל עד ד׳ אלקיך.

* * *

מדינת ישראל איז אַ גרויס געשעהעניש אין אידישען לעבען. מדינת ישראל וועט האָבען אַ געוואַלטיגע השפעה אויפ׳ן אידישען לעבען. איר השפעה וועט נישט זיין באַגרעניצט נאָר אויף דעם אידישען קיבוץ אין ארץ ישראל, נאָר וועט דערגרייכען יעדען וועלט־טייל, וואו אידען וועלען זיך נאָר געפינען.

עס איז אָבער אַ פראַגע, און זעהר אַן ערנסטע, וואָס פאַר אַ השפעה זאָל אַרויסקומען פון מדינת ישראל, פאַר׳ן ארץ ישראל אידענטום, ווי פאַר׳ן אידענטום בכל התפוצות.

צי זאָל פון ציון געהערט ווערען די תורות פון מאַרקסיזם צי פון אַבסטראַקטען אויסגעליידיגטען נאַציאָנאַליזם, אָדער זאָל געהערט ווערען פון די הרי ציון וירושלים דאָס, פאַר וועלכען מיר בענקען שוין טויזענטער יאָרען דער —

מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים.

דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס מוז פאַראינטערעסירען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. אָבער פאַר דעם תורה־אידענטום איז עס אַ לעבענס־פראַגע, אַ פראַגע פון בנין הארץ און אויפריכטונג פון עם ישראל, אָדער, חלילה, פאַרקערט.

צוויי טויזענט יאָר ווי מיר אידען זיינען נע ונד, פון איין גלות צום צווייטען. צוויי טויזענט יאָר, וועלכע זיינען איין קייט פון רדיפות, שחיטות און הריגות. צוויי טויזענט יאָר, וואו מען איז געווען אויסגעשטעלט להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה.

אָבער ביי דעם אַלעם, האָבען מיר די תורה נישט אָפּגעלאָזט. האָבען מיר די אמונה נישט אָפּגעשוואַכט.

איינגעוויקעלט אין ספרי תורות האָבען מיר זיך אין פלאַמען געוואָרפען. מיט שמע ישראל זיינען מיר אין ים׳ען געשפרונגען. פאַר ג־ט און זיין תורה האָבען מיר אונזערע העלזער געשטרעקט.

אויף אַלע פּרובען פון די פעלקער האָבען מיר אין אַלע דורות איין ענטפער געהאַט:

ובכל זאת אנו לי־ה ועינינו לי־ה.

זאָל מיר יעצט דאָס פאַרוואַרפען? זאָלען מיר יעצט, ווען גרויסע טיילען פון עם ישראל קערען זיך צוריק, מיט השי״ת הילף, צו זייער אייגען ארץ ישראל, אָפּלאָזען און פאַרשוועכען די חוקי התורה והדת און פאַרוואַנדלען דאָט אידישע פאָלק און דאָס אידישע לאַנד אין עפּעס אַ קאַריקאַטור, אין עפּעס וואָס האָט נישט קיין שייכות און קיין דמיון צום אָריגינעלען אידישען פרצוף און מהות?

זאָלען מיר יעצט אויפגעבען אונזער עקשנות און מסירת נפש, און ווערען אַזעלכע שוואַכלינגען וואָס דערשרעקען זיך פאַר אידישע בנים סוררים, וועלכע פאַרמעסטען זיך אין ארץ ישראל און דורך ארץ ישראל, צו פאַרוואַנדלען דאָס עם השם אין אַ „ככל הגוים בית ישראל״?

* * *

אגודת ישראל, דאָס אָרגאַניזירטע תורה־אידענטום, זעהט אין דער אויפריכטונג פון ארץ ישראל די האַנד פון דער השגחה. אָבער, לאָמיר האָבען מוט און דרייסטקייט צו זאָגען דאָס, וואָס יעדער אמת־פרומער איד איז אין דעם טיף איבערצייגט, אַז עם ישראל, ארץ ישראל, תחיית ישראל, אַלעס, אַלעס וואָס איז מיט ישראל געבונדען, איז נאָר דעמאָלסט ישראל׳דיג, ווען עס איז געבונדען מיט תורת ישראל און קדושת ישראל.

אַ ישראל על פי הערצל, אַ ישראל על פי קאַרל מאַרקס, אָדער אַ ישראל על פי קרעמל, איז נישט קיין ישראל, און האָט מיט ישראל קיין שייכות נישט.

ארץ כנען איז ארץ ישראל געוואָרען דורך דער הבטחה פון השי״ת — „ונתתי לך ולזרעך אחריך את ארץ מגריך את כל ארץ כנען לאחזת עולם והייתי להם לאלקים״.

מעג הערצל זאָגען, אַז זיינע רייזעס צום צאַר און סולטאַן וועלען ברענגען ארץ ישראל; מעג וויצמאַן זאָגען, אַז זיינע כעמישע מלחמה־ערפינדונגען האָבען דאָס געבערענגט; מעג בעגין זאָגען, אַז דאָס האָבען זיינע לוחמים געטאָן; און מעג מיקוניס אַגיטירען אַז סטאַלין און גראָמיקאָ האָבען דאָס נס באַוויזען. מיר, מאמינים בני מאמינים, ווייסען און גלויבען, אַז —

„אם ד׳ לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו. אם ד׳ לא ישמר עיר, שוא שקד שומר״.

אַלע כוחות איז גרייט דאָס תורה אידענטום צו געבען פאַר דער אויפריכטונג פון ארץ ישראל, וואָס זאָל מיט זיך מיטברענגען אַן אויפריכטונג פאַר׳ן עם ישראל, פאַר אידישען גייסט, פאַר אידישער אייגענאַרט, פאַר אידישער תורה און פאַר אידישער קדושה.

פאַר אַן אַנדער ארץ ישראל, חלילה, קענען מיר זיך נישט פאַרשטעלען אונזער מיטאַרבייט.

פאַר אַ מדינת ישראל, וואָס איר לעבען און הנהגה, אירע חוקים און משפטים, זאָלען נישט זיין אידישע ועל יסודי תורה ואמונה, קען דאָס רעליגיעזע אידענטום איר מיטפאַראַנטוואָרטליכקייט נישט טראָגען.

* * *

גרויסע און פאַראַנטוואָרטליכע פּראָבלעמען שטייען פאַר׳ן תורה־אידענטום. פּראָבלעמען, וועלכע זיינען נוגע דער נשמה און קיום פון אידען און אידישקייט.

דער ועד־הפועל העולמי פון דער אגודת ישראל, וואָס קומט זיך יעצט צוזאַמען אין ניו יאָרק, וועט אויף זיין סדר־היום האָבען צו באַשליסען וועגען די אַלע פּראָבלעמען און ענינים. עס וועט זיך פאַרלאַנגען פיל ערנסטקייט, פאַראַנטוואָרטליכקייט און כובד ראש. פיל אויסגעהאַלטענקייט און דרייסטקייט.

לאָמיר האָפען צו האָבען דעם זכות פון דער תפלה: היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל.

— הורם מה שיאמרו, הבינם מה שידברו, באור פניך יהלכון, ואל יאמר פיהם דבר שלא כרצונך.

(ד. א. וו., י״ב חשון, תש״י)

וואס ערווארטעו מיר פון דער פירטער קאנפערענץ

די באַדייטונג פון אַ קאָנפערענץ, פון אַ גרויסען צוזאַמענפאַר מיט דעלעגאַטען פון גאַנצען לאַנד, איז פאַר יעדען געניג קלאָר.

דורך אַ קאָנפערענץ, וויל אַ כלל מענשען, וועמען עס פעראייניגט איין שיטה, איין פּראָגראַם, זיך צוזאַמענעמען, צוזאַמענרעדען און פעראייניגען, אַז זיי זאָלען ווערען אַ ווירקענדער פאַקטאָר אין לעבען; ווילען זיך שיצען קעגען די געגנער, וועלכע באַקעמפען זיי און זייערע אידעען. דורך אַ קאָנפערענץ מאַניפעסטירען זיי און וויזען, אַז זייער שיטה און אידעע עקזיסטירט, לעבט און ווירקט. אַ קאָנפערענץ, גיט אַנדייטונגען און אונ־ווייזונגען וואס פאַר אַ מעשים די אָרגאַניזאַציע און אירע מיטגלידער דאַרפען טאָן. די קאָנפערענץ דאַרף שפּעטער זיין דער וועקער און כח־הדוחה, אַז די אָנגעצייכענטע מעשים זאָלען ווירקליך אויסגעפירט ווערען. און דאַן קומט אַמאָל אַזאַ צוזאַמענפאַר און פאָדערט אַ דין־וחשבון פאַר דעם נישט־אָפּגעטוענעם און פאַרנאַכלעסיגטען. דאָס איז אייגענטליך אין קורצע שטריכען, די באַדייטונג פון אַ לאַנדעס־צוזאַמענפאַר.

אגב, האָט יעדע קאָנפערענץ אירע ספּעציעלע אייגענשאַפטען. אין די ערשטע יצירה־יאָרען פון אַ באַוועגונג האָט יעדער צוזאַמענפאַר זיין ספּעציפישען כאַראַקטער, און טראָץ דעם, וואס יעדע קאָנפערענץ ווירקט אין די אַלע אויבענדערמאַנטע ריכטונגען, איז אָבער פאַראַן ביי יעדען צוזאַמענקום אַ ספּעציעלע קאָנצענטראַציע אויף איין פּונקט, וועלכער איז, — אַזוי צו זאָגען — דער טשוואָק פון דעם צוזאַמענפאַר.

אַזוי קומט פאָר ביי אַלע וועלט־באַוועגונגען, און אַזוי איז עס אויך ביי אונזער אגודת־ישראל־באַוועגונג, — יעדע ביז־איצטיגע קאָנפערענץ האָט פערמאָגט אַ צענט־ראַלען פּונקט, וועלכער איז געווען דער תוך־תוכו פון דער קאָנפערענץ.

* * *

תרע״ט — אונזער ערשטער אַלפּוילישער קאָנפערענץ, אונזער ערשטער אָרטאָדאָק־סישער צוזאַמענקום. צענדליגער יאָרען ווי דאָס רעליגיעזע אידענטום האָט זיך געפונען איינגעשלאָסען אין זיינע ענגע ד׳ אַמות, געזעסען זיך בחבוק ידים און נישט אַרומגעקוקט זיך, אַז די וועלט אַרום קאָכט; פאַרטייען אָרגאַניזירען זיך; פאַלשע אידעען און פרעמדע שיטות פאַרפלייצען די אידישע וועלט; גוי׳אישע קולטורען און אייראָפּעאישע ציווילי־זאַציעס רייסען זיך אַריין אין דער אידישער גאַס, פער׳סמ׳ען און פערפרעמדען גרויסע מאַסען פון דער אידישער יוגענד; פאַרשידענע עבודה־זרה׳ס ווערען אויפגעשטעלט, אויס־רופענדיג צו דער אידישער יוגענד: „אלה אלהיך ישראל״; מיט כלומר׳שטע אידישע מאָטיוון ווי: אידיש פאָלק, שפראַך און לאַנד, פּרובירט מען צו שאַפען אַ נייעם פאַלשען באַגריף פון אַ אידענטום אָן אידישקייט, אָן אמונה, אָן תורה ומסורה, און אָן יעדען רגש קודש. ביז עס האָבען ערוואַכט עסקנים, אָרטאָדאָקסישע אידעאַליסטען, וואס האָבען שוין מער נישט געקענט דולדען דאָס ממש פאַרברעכערישע גלייכגילטיגקייט מצד דער רע־

ליגיעזער געזעלשאַפט, און האָבען זיך אָנגענומען מיט מוט אָבצושטעלען דאָס הפקרות און אָנגעהויבען אָרגאַניזירען דאָס רעליגיעזע אידענטום אין אַן אייגענעם פעסטען פאַר־באַנד, אין אַן אומאָפּהענגיקע זעלבסטשטענדיגע אגודת־ישראל.

צו דעם צוועק איז מיט׳ן הסכם פון די אויטאָריטעטסטע גדולי הדור צוזאַמענ־גערופען געוואָרען אין יאָר תרע״ט דער ערשטער צוזאַמענקום פון רעליגיעזע עסקנים, פון באַוואוסטזיניגע רעליגיעזע טוערס פון אַלע טיילען פוילען, כדי צוזאַמען מיט געמיינזאַמע כחות זיך געגענשטעלען דעם גרויסען מאָראַלישען חורבן, דער שרעק־ליכער גייסטיגער ירידה, אין וועלכער די אידישע וועלט טרינקט זיך. דאַמאָלס איז געלייגט געוואָרען דער גרונד־שטיין פון אונזער אגודת־ישראל באַוועגונג.

* * *

תרפ״ב — אונזער צווייטע קאָנפערענץ. די ערשטע עפענטליכע ריזען־דעמאָנ־סטראַציע, ווען דאָס פוילישע רעליגיעזע אידענטום האָט מאַניפעסטירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז: עוד ישראל חי!

די יאָרען פון תרע״ט ביז תרפ״ב זענען פאַר אונז געווען שווערע יאָרען פון האַרטען קאַמף. מען האָט אונז אין תחילת אויסגעלאַכט, מיט שפּאָט באַוואָרפען, אַלס מענשען וואָס זענען צו גאָר נישט פעהיג. און ווען זיי, די אומגעבעטענע מושלים, האָבען אין אונז טראָץ דעם אַן אויפשטייגענדען כח דערזעהן, האָט מען אונזער באַוועגונג געוואָלט מיט געוואַלט פאַרניכטען. מ׳האָט אונז אין אַ ים פון ברודער־שנאה און האַס געוואָלט דער־טרינקען. זיי, די „געשוואוירענע״ פירער אונזערע, די „אפּוטרופּסים״, האָבען אונז אַזוי לייכט פון זייערע הענד נישט געוואָלט אַרויסלאָזען, און ווען מיר זענען עקשנים געבליבען און באַשלאָסען דוקא פון זייערע קייטען זיך צו באַפרייען, און אונזער ערוואָרבענע זעלבסטשטענדיגקייט דערהאַלטען, האָט מען אונז פשוט אַ „טויט־קלאַפּ״ ערקלערט. פון עקסטרעם־לינקס ביז די כלומר׳שטע רעכטע האָבען זיך די הענד געגעבען, בכדי מיט דער הילף פון שקרים און בלבולים אונזער באַוועגונג נישט לאָזען אַלס מאַכט אויסוואַקסען. און דאַמאָלס האָבען מיר אונזער צווייטע קאָנפערענץ גערופען.

אין יאָר תרפ״ב האָט דאָס רעליגיעזע אידענטום אָפּגעהאַלטען דעם גרויסען היס־טאָרישען קדוש־השם אַקט, ווען עס האָט דורכן מויל פון גרויסען אָסטראָוועער רב הרה״ג ר׳ מאיר דן ז״ל אויסגערופען פאַר דער גאַנצער וועלט:

שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד!!!

* * *

תרפ״ט — אונזער דריטע לאַנדעס־קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ פון מעשים, פון פּאָזיטיווע טאַטען אויף אַלע געביטען פון חזוק הדת והרמת קרן התורה.

מיר האָבען געמוזט צו דער איינציגער מסקנא קומען, אַז אויב מיר ווילען אויפ־בויען און דערהאַלטען אַזאַ באַוועגונג פאַר רעליגיעזע אידען מוז עס זיך אויסדריקען אין פּאָזיטיווע מעשים. מיר מוזען אַקטיוו ווערען אויף אַלע געביטען. אין די צענדליגער יאָרען וואָס מיר רעליגיעזע אידען זענען פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין דער זייט געשטאַנען, האָבען דערוויל פאַרשידענע פרייע עלעמענטען פאַרכאַפּט און באַהערשט כמעט דאָס גאַנצע צבור לעבען; פאַרפעסטיגט זיך אויף אַלע פּאָזיציעס; אויפגעבויט אַ גאַנץ שול־וועזען וואָס איז דורך און דורך פיל מיט כפירה און מינות; פאַרשאַפט זיך אַ שטאַרק פאַרשפּרייטע פּרעסע און ליטעראַטור וואָס פּראָפּאַגאַנדירט זייערע פאַלשע שיטות און

שטרעבונגען; פאַרכאַפּט אין זייערע הענד אַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פילאַנטראָפּישע פּאָזיציעס.

מיר האָבען געמוזט אַלעס אָנהויבען פון דער התחלה, שאַפען זיך אַן אייגענע פאַרטרעטערשאַפט אין די מלוכה׳שע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס; צוריק אַרויסרייסען די קהלות פון זייער רשות; רעאָרגאַניזירען, גרינדען און דערהאַלטען די חדרים און ישיבות; שאַפען די נייע באַוועגונג פאַר רעליגיעזע טעכטער־ערציהונג, גרינדענדיג דערצו העכער 200 בית־יעקב־שולען און דעם פּרעכטיגען סעמינאַר אין קראָקאָ; באַפרייען און אויסרייניגען אונזערע שטובען פון דעם אַפּיקורסות, שמוץ און דעמאָראַליזאַציע וואָס אַלע זייערע צייטונגען האָבען אַריינגעבּרענגט, גרינדענדיג אַן אייגענע טאָג־צייטונג, וועלכע דינט היינט אַלס מוסטער פון אַ גרויסער און רייכער טאָג־צייטונג, וואָס איז אָבער דערביי ריין פון יעדען שמץ פּסול וטמאַ, א. אַ. וו. אויף אַלע געביטען האָבען מיר געמוזט אָנווענדען געוואַלדיגע כּחות, כּדי עס זאָל אונז געלונגען אונזער אַרבייט מיט ערפאָלג צו פירען. און ווען מ׳דערמאָנט זיך נאָך, אַז אונזער גרויסע אויפבויאונגס־אַרבייט איז אונז אויסגעקומען צו פירען גראָד אין די שווערסטע יאָרען, אין יאָרען פון געוואַלדיגען קריזיס און דעפּרעסיע, קען מען ערשט זיך אַ באַגריף שאַפען, וואָס פאַר אַ מוט מען האָט געברויכט צו האָבען בכדי אונטערצונעמען אַזאַ ברייט פאַרצווייגטע אַרבייט.

און דער שטויס צו דעם אַלעם האָט אונז געגעבען די קאָנפערענץ פון יאָר תרפ״ט.

* * *

תרצ״ד — היינט געפונען מיר זיך ערב די פירטע לאַנדעס־קאָנפערענץ פון אגודת־ישראל. וואָס ערוואַרטען מיר פון דער קאָנפערענץ, און וואָס דאַרפט אונז די קאָנפערענץ געבען? די קאָנפערענץ דאַרף און מוז זיין אַ קאָנפערענץ פון דין־וחשבון, פון זאַכליכע אָבער מוטיגע קריטיק.

אמת, די אָפּגעלאָפענע 15 יאָר פון אונזער אגודה־אַרבייט זענען געווען שווערע יאָהרען, מיר האָבען געהאַט אַדורכצוגעהן אַ וועג באַלייגט מיט שטיינער און פול מיט שטרויכלונגען. מיט קאַמפען פון לינקס און רעכטס. פון איין זייט דער שרעקליכער עקאָנאָמישער קריזיס, ווען די מאַטעריעלע עקזיסטענצען פון אידען ברעכען זיך און געהען אונטער, ווען מיליאָנען אידען דרעהען זיך אַרום אָהן אַ מינדעסטען פּרנסה־מקור. און דאַן קומט די געוואַלדיגע גייסטיגע ירידה ווען כּפירה, עם־הארצות און פּשוט׳ע הפקרות זענען געוואָרען די טאָן־געבער, הויפּטזעכליך, ביים יונגען אונטערוואַקסענדען דור. קען מען זיך שוין פאָרשטעלען ווי שווער עס האָט געמוזט אָנקומען צו פיהרען און דורכזעצען מיט ערפאָלג אונזער אַרבייט פאַר החזקת והרמת תורה ודת. צוריקשטעלענדיג אין אידישען צבור־לעבען די תורה ואמונה אַלס פּרימאַט.

און טאַקי דעריבער ווייל אונזער אַרבייטס־וועג איז געוועזען אַזאַ שווערער און קאָמפּליצירטער, האָבען מיר אַוועקגעקוקט, פאַרבויגען און געשוויגען, כאָטש מיר האָבען געזעהען אַז אונזער אַרבייט, און ספּעציעל די אַרבייטס־מעטאָדען, זענען נאָך זעהר ווייט פון שלימות׳דיגקייט. אַז אין הלכות אָרגאַניזאַציע הינקען מיר נאָך גענוג אונטער. מיר האָבען געשוויגען צוקוקענדיג ווי מיר פּערלירען טיילמאָל דעם גלייכגעוויכט און ווערען זעהר אָפט פּערוואַנדעלט אין אַ קאָניונקטור־אָרגאַניזאַציע, מעג עס זיין אַפילו לגבי אַזאַ חשובע אַרבייט ווי ישוב ארץ ישראל, דורך וועמען מיר ווערען אַזוי פאַרכאַפּט און פאַר־שלונגען, אַז עס בלייבען טיילמאָל אין שאָטען אַלע אַנדערע וויכטיגסטע פּראָבלעמען. מיר האָבען זיך אויך מוחל געוועזען צוזעהענדיג ווי די אָרגאַניזאַציע האָט זיך ב״ה אַזוי צע־

וואַקסען און פערשפרייט, אַז זי איז ווייט איבערגעוואַקסען די צענטראַלע לייטונג און אָנ־פירערשאַפט. עס שטעהט אַזאַ מעכטיגע אגודת־ישראל מיט אירע קרוב טויזענט אָפּטיי־לונגען און ווערט אָנגעפיהרט דורך יחידים, וועלכע זענען בשום אופן נישט, אַלס יחידים, בכח צו זיין די פיהרער פון פוילישען רעליגיעזען אידענטום. יאָ מיר האָבען דאָס אַלעס געזעהען און דאָך געשוויגען, ווייל מיר האָבען זיך ביז יעצט געפונען אין די קינדער יאָהרען, יאָהרען פון וואַקסען און ענטוויקלונג.. האָבען מיר זיך געטראַכט: קודם כל זאָלען מיר נאָר זיך צווואַקסען און ענטוויקלען, און די רעליגיעזע רייהען זאָלען זיך אָרגאַניזירען און צעמענטירען.

די פירטע קאָנפערענץ דאַרף און מוז אין אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלען לעבען אַנ־איבערברוך ברענגען, מיר זענען היינט שוין ב״ה דערוואַקסען, און מיר קענען זיך שוין פאַרגינען צו זאָגען זיך דעם אמת, אפילו ווען ער זאָל זיין ביטער. די קאָנפערענץ דאַרף און מוז זיין דאָס אָרט פון דין וחשבון און נוצליכער קריטיק. די קאָנפערענץ מוז אויך באַזייטיגען דעם הויפּט־חסרון אין אונזער באַוועגונג מיט דעם, וואָס ס׳מוז ווערען רעאָרגאַניזירט דער ועד־הפועל, אַזוי אַז מען זאָל זיין זיכער אַז דאָס וואָס עס ווערט געטהון אין אונזער באַוועגונג, איז ווירקליך דער דעת הקהל, און גלייכצייטיג האָבען די זיכערקייט אַז עס איז בהסכמת פון דער מועצת גדולי התורה.

וועלען זיך טרעפען די דרייסטע, מוטיגע און באַוואוסטזיניגע דעלעגאַטען וואָס זאָלען וואַגען דאָס אַלץ אָפּען און דרייסט צו פאָדערען? האָפענטליך אַז יאָ, און אויב יאָ — דאַן וועט די 4־טע קאָנפערענץ שטעהען אויף איהר געהעריגער הויך.

(„דאָס אידישע טאָגבלאַט", ווארשא, תרצ״ד)

ויעשו כלם אגודה אחת

"**ויעשו** כלם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם".

דאָס איז איינע פון די האַרציגסטע תפלות, וועלכע אידען אין אַלע דורות דאַוונען אויס אין די הייליגע טעג פון ראש השנה און יום הכיפורים. אין די ימי הדין והרחמים, בעטען אידען צום בורא כל העולמים, אַז עס זאָלען נתמלא ווערען אונזערע בקשות און תחנונים, אַז אַלע מיר זאָלען פאַראייניגט ווערען צו טאָן מיט'ן גאַנצען האַרצען השם יתברכ'ס רצון.

ווי עס זעהט אויס, איז די תפלה אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַלס איינע פון די ערשטע — אַלס אַ יסוד פאַר די ווייטערע תפלות — און אַז ערשט דערנאָך ווי אַלע אידען וועלען נתאחד ווערען פאַר השי"ת דרכים, קאָן מען זוכה זיין צו די ווייטערע דערגרייכונגען, צו "ובכן תן כבוד ד' לעמך"; צו: "ובכן צדיקים יראו וישמחו"; און צו: "ותמלוך אתה הוא ד' אלקינו מהרה לבדך".

דורך באַזונדערע וועגען, דורך יחיד'ישע עבודת השם, קאָן מען צו די אַלע הויכע ענינים נישט דערגרייכען, נאָר דורך פאַראייניגטע תפלות פונ'ם כלל ישראל קאָן מען דערצו קומען. און נאָר דורך ויעשו כלם אגודה אחת קאָן מען דאָס וועהרט ווערען.

דאָס איז אַ גרויסע תפלה. אַ גאָר־גרויסע האָפנונג און שטרעבונג, אין וועלכער עס ווענד זיך דאָס שלימות־דערגרייכונג פון אידען, און פון דער מעגלעכקייט פון דערפילונג פון אידישער השתוקקות צו קבלת עול מלכות שמים, ווי די תפלה בעט ווייטער: שידענו ד' אלקינו שהשלטן לפניך עוז בידך וגבורה בימינך ושמך נורא על כל מה שבראת".

דער "ויעשו כלם אגודה אחת", איז ווי אַ תנאי קודם למעשה צו די אַלע גרויסע און הייליגע אחרית־הימים'דיגע ענד־צילען, ווען די גאַנצע מענשהייט וועט מקבל זיין עול מלכות שמים, ווען אַלע באַשעפענישען וועלען זיין דורכגעדרונגען מיטן ווילען פון: לתקן עולם במלכות ש־די, און די גאַנצע בריאה וועט לעבען מיט'ן באַוואוסטזיין פון: "וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יצור כי אתה יצרתו ויאמר כל אשר נשמה באפו ד' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה".

* * *

"כנוסו וכנוס בניו הצילו מיד אחיו מיד עשו", לערנען אונז די חכמינו ז"ל.

אידען און אידישקייט שטייען אין שטענדיגען געראַנגעל פאַר זייער קיום. מיום היותנו לעם ישראל, געפינען מיר זיך אין אייביגען קאַמף פאַר דערהאַלטונג, סיי אין פיזישען זין און סיי אין גייסטיגען זין. סיי אין דערהאַלטען אונזערע מענשליכע גופים און סיי אין דערהאַלטען אונזערע אידישע נשמות. דאָס רוב סכנות איז אונז געקומען מצד גוי'אישע שונאי ישראל, וועלכע האָבען געוואָלט אונזער פיזישער פאַרניכטונג, חס ושלום. אָבער אויך גענוג מאָל זענען מיר אידען געווען באַדראָט מצד אייגענע שונאי דת ישראל, וועלכע האָבען זיך פאַרמאָסטען אויף אונזער גייסטיגען קיום, אַלס עם התורה און עם השם. און אויף דאָרויף לערנען אונז די חז"ל: כנוסו וכנוס בניו הצילו,

סיי מיד אחיו און סיי מיד עשו. ביי סכנת־הקיום צי זי קומט אין פיזישען זין פון דרויסען, צי זי קומט אין גייסטיגען זין מצד אינווייניג, קאָן אונז ראַטעווען נאָר דער:
— כנוסו וכנוס בניו.

* * *

אין נאָרמאַלע צייטען, כשהשנים כתיקונן, קאָן מען זיך נאָך איינרעדען, אַז מ׳קאָן טאָן פאַר אידישקייט, עס דערהאַלטען און פאַרשטאַרקען, אפילו ווען מען בלייבט ביחי־דות, אפילו ווען מען שליסט זיך איין אין אייגענע ד׳ אמות, אין אייגענעם קרייז און אָפּגעשלאָסענעם צבור. מען קאָן זיך טראַכטען, אַז מען איז יוצא אין עבודת הבורא ווען יעדע קהלה, גרופּע אָדער מדינה, איז אַ בונה במה לעצמה, און דורך איר טוט מען פאַר התחזקות היהדות והאמונה.

זיכער אָבער, אַז אין אַ שעת־חירום, אין אַ צייט פון השתות יהרסון, ווען אַלע יסודות פון אידישען קיום טרייסלען זיך און ווערען באַדראָט; ווען די אידישע וועלט ווערט פאַרפלייצט מיט רוחות רעות שמנשבות בכל יום ובכל שעה; ווען טויזענד־יעריגע קדשי וקניני האומה ווערען נתחלל; ווען פריצי־ישראל פאַרמעסטען זיך איבער־צואַנדערשן דעם גאַנצען מהות, תוכן, צורה און נשמה פונ׳ם אידישען פאָלק; אין אַזאַ זמן מוז יעדער מאמין און שומר דת, יעדער גדול און מנהיג ישראל מיט אחריות פאַר׳ן הוה און פאַר׳ן עתיד, פאַרשטיין, אַז דאָס תורה־אידענטום קאָן נישט בלייבען געטיילט אין באַזונדערע מחנות, נאָר עס איז די חובת השעה ואחריות הזמן, מאחד זיין אַלע אידען, שומרי התורה והמצוות און מאמינים בד׳, און פון זיי אַלע אויסבילדען איין מחנה שכינה, וועלכע זאָלען זיך אַליין און זייערע דורות הבאים דערהאַלטען אין אמת׳ער אידישקייט, משפּיע זיין אויף דער אידישער גאַס, און אַרויסברענגען ג־ט׳ס וואָרט אין דער גאַנצער אידישער וועלט.

בשעת הסכנה מוציאין ספר תורה לרחובה של עיר.

מיר לעבען היינט אין אַ זמן פון גרויסער הסתרת־פנים און נסיונות; אין אַ צייט פון גייסטיגער ירידה און השפלת התורה ומקיימי התורה; אין אַ תקופה ווען אַלץ וואָס איז געווען הייליג מדור־דור ווערט געטרעטען ברגל גאוה ובוז; ווען אויך אַזעלכע וועלכע רעדען כלומר׳שט אין נאָמען פון תורה וקיום הדת, זיינען מזייפי התורה און מגלי פנים בתורה שלא כהלכה. און דערצו זענען די אַלע ניט עפּעס קיין אַפּטריניגע יחידים, נאָר גוט־אָרגאַניזירטע באַוועגונגען מיט מאַכט, געלד און פּרעסטיזש. בלייבט אונז דען אָן אַנדערע עצה, ווי שאַפען אַ פאַראייניגטען כח־הרבים פאַר פאַרפלאַנצען און פאַר־פעסטיגען אמונת ה׳ בלבות של בני ישראל, און להרבות כבוד שמים ברבים.
— ויעשו כלם אגודה אחת.

* * *

עס זיינען באַרימט די ווערטער וועלכע דער גערער רבי זצוק״ל האָט געזאָגט ביי דער צווייטער כנסיה הגדולה פון אגודת ישראל אין יאָר תרפ״ט: אין פרשת עקב שטייט: „את ד׳ אלקיך תירא אותו תעבד ובו תדבק ובשמו תשבע״, בלשון יחיד. ווידער אין פרשת ראה שטייט: אחרי ה׳ אלקיכם תלכו ואותו תיראו ואת מצותיו תשמרו ובקלו תשמעו ואותו תעבדו ובו תדבקון״, בלשון רבים. האָט דער רבי זצ״ל געזאָגט: „אין פרשת עקב רעדט זיך וועגען נאָרמאַלע זמנים, דעמאָלט קאָן מען זיין אַן עובד השם ביחיד. אין פרשת ראה רעדט זיך אין אַ זמן פון הסתה והדחה, און וואו עס איז דאָ אַ מסית ומדיח מוז זיין דער כח הרבים. היינט זיינען פאַראַן מסיתים ומדיחים ונביאי שקר

אין אַלע ווינקעלעך, דאַרף מען זיך מחזק זיין מיט די אַלע לשונות און עצות וואָס די תורה גיט. — יחידים קאָנען גאַרנישט אויפטאָן".

אויב זיינע הייליגע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרען מיט דרייסיג יאָר צוריק, ווי נאָך דרינגענדער און אַקטועלער זעען זיך זיי אין אונזער היינטיגער צייט, ווען אָפענע און פאַרמאַסקירטע מסיתים ומדיחים פאַרפולען די אידישע וועלט און דאָס אידישע לעבען. אין די ארצות הגולה זיינען זיי אויפגעשטאַנען אַלס עבודה־זרה׳דיגע רעפאַרמער, כפירה׳דיגע קאָנסערוואַטיווען, און נאָכלויפער פון סתם חברה פון עבדא בהפקירא ניחא לי׳, און זיינען מחלל און מזייף את כל התורה הכתובה והמסורה. און ווידער אין ארצנו הקדושה הקדושה ווייל מען „איבערבויען" דעם עם הקודש אין אַ ככל הגוים בית ישראל, און עס אויסליידיגען פון אַלע דורות׳דיגע קניני האומה.

איז געמאָלט, אַז געגען אַזעלכע פאַרמעסטען פון אָרגאַניזירטע צושטערערישע כחות, קאָנען זיך אַנטקעגענשטעלען איינצעלנע צושפליטערטע גרופען פון שומרי תורה ומצוה? קאָן ווען עמען עולה על הדעת זיין, אַז געגען אַזאַ פעסט־פאַרלייגטע הסתה והדחה וואָס פלייצט מיט אַזאַ מאַכט און קראַפט, וועלען מיר, אידען השלמים בתורתם ובאמו־נתם, קאָנען באַוויזען אַ ווידערשטאַנד מיט צוברעקעלטע כחות?

איז עס נישט קלאָר, כאור השמש בצהרים, אַז עס איז די הייליגסטע הוראת־השעה, אַז בכדי זיך געגענשטעלען און געגענווירקען די סמי־המות מיט וועלכע די מאָדערנע נביאי־השקר פאַר׳סמ׳ען די הערצער און נשמות פון די תמימות׳דיגע אידישע מאַסען און די אונטערוואַקסענדע דורות, מוז קומען אַ צענטראַלער כח פון גאַנצען תורה׳דיגען כלל ישראל, פאַר שיצען די חומות בית ישראל סבא.

— ויעשו כלם אגודה אחת.

* * *

מיר זיינען זיך נישט מתכוון דערמיט צו זאָגען, אַז דורך אַן אחוד־היראים מוז דאַדורך ווער־עס־איז אויפגעבען זיין אייגענע הנהגה, זיין שיטה און דרכים, וועלכע זיינען ביי זיי איינגעפונדעוועט, און זיינען מקובל פון זייערע אבות און גדולי תורה.

דאָס מיינען מיר בפירוש נישט.

אדרבא, „ישראל שכן לשבטיו". יעדער שבט, יעדער קבוץ פון מדינות שונות, האָט זיך זיינע דרכים און מנהגים. זיינע חומרות און קולות, זיינע סייגים און גדרים, און מען קאָן ניט פון אַלע זיי מאַכען עפעס אַ „מיזוג" שלם. הרבה דרכים למקום, אַלע מיינען ערלעך ולשם שמים, אָבער די וועגען אין עבודת השם און חיזוק היהדות קאָנען זיין געטיילטע. און במשך דורות האָט יעדער אידישער קיבוץ אָנגענומען פאַר הייליג זיינע דרכים, און איינער קאָן אַפילו אַמאָל ניט פאַרשטיין און ניט זיין איבריג באַגייס־טערט פאַר דעם צווייטענס דרכים. דאָס אַלעס איז גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדליך.

אָבער דאָס איז לגמרי ניט קיין שטערונג, פאַר קאָנען צוזאַמענעמען אַלע יראי השם, און דורך אַ צוזאַמענאַרבעט צעמענטירען אַ פאַראייניגטען פראָנט פאַר שיצען די קדשי עם ישראל, וועלכע ווערען באַדראָט אומעטום מצד אָרגאַניזירטער חפשיות.

יעדער עדה און יעדער חוג, קאָן און דאַרף ווייטער אָנגיין מיט זיינע באַזונדערע און מסורה׳דיגע אופני־החיים, שיטות און לעבענס־אַרטען. קיינער דאַרף פון זיינס ניט אַראָפּגיין. מען קאָן אַפילו האַלטען זיין דרך פאַרן ריכטיגערען און העכערען. מען דאַרף

נאָר ניט מקטין זיין — אין זיכער ניט מבטל זיין — אָנגענומענע דרכים פון צווייטען חוג, ווען זיי זיינען דרכי היהדות זיינען אויך געבויט אויף יסודי התורה והמסורה.

* * *

היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו.

די חרדה אין די ימים נוראים דאַרף ברענגען צו הרהור תשובה און חשבון הנפש. אָבער נישט נאָר צו טראַכטען און צו פאַרבעסערען זיך אַליין, זיין הויז און זיין סביבה, נאָר אויך ווערען דורכגעדרונגען מיט חשבון און זאָרג פאַר׳ן גאַנצען כלל ישראל. אַוודאי קומט דאָס ערשטע קודם־כל דער יחיד, יעדער פּרט פאַר זיך, זיך אַליין מתקן זיין און רייניגען פון סור מרע, און ווי ווייט מעגליך אַליין דערגרייכען דעם עשה טוב. איז דאָך דער כלל צוזאַמענגעשטעלט פון פּרט, ואין בכלל אלא מה שבפרט. מען טאָר אָבער דערביי ניט פאַרגעסען, אַז אַ פּרט איז ניט מער — בעצם און אין דער ווירקונג — ווי אַן איינצעלנער פּרט, און דער חוב פון יעדען יחיד איז זיך איינצוּשליסען אינ׳ם כלל. יעדער פּרט איז ללמד על הכלל כולו.

דער אחריות פאַרן כלל ישראל, און פאַרן עתידו של ישראל, איז מחייב צוזאַמענ־צושליסען אַלע פרומע און ערלעכע יחידים און אַלע פאַרשידענע חוגים פון יראים ושלמים, און פון זיי אַלע בילדען אַ געמיינזאַמען פעסטגעשלאָסענעם כלל פאַר החזרת עטרה ליושנה און פאַר שלטון התורה אין אידישען פאָלקס־לעבען.

* * *

„האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים״. יעקב אבינו׳ס ווערטער צו זיינע קינדער, די שבטי י־ה, ווערען געטייטשט אין ספרים קדושים, אַז באחרית הימים, קודם מען וועט זוכה זיין צו דער גאולה שלימה והאמיתית, וועט דאַרפען זיין: האספו ואגידה. עס וועט קומען צו אַן איינזאַמלונג, צו אַן איגוד פון אידען.

נעשו בני ישראל אגודה אחת מיד הם נגאלים (מדרש רבה).

אין זמן פון אחרית הימים לעבען מיר. אַלע שרעקלעך־שווערע סמנים פון עקבתא דמשיחא האָט אונזער דור דורכגעלעבט. דאָס בעסטע, טייערסטע און הייליגסטע וואָס מיר, אידען, האָבען פאַרמאָגט זיינען אַלס קרבנות געפאַלען. אפשר דאַרפען מיר זיך צוגרייטען צו דער גאולה שלימה דורך —

— האספו ואגידה לכם. — ויעשו כלם אגודה אחת.

(ד. א. וו., ערב ר״ה, תשי״ט)

ישנו עם אחד

לך כנוס את כל היהודים.
...ובכן אבוא אל המלך
(מגילת אסתר ד׳)

אלע אונזערע כתבי קודש זיינען בדברי נבואה נאמרו. און אויך מגילת אסתר איז אין דעם כלל. און דעריבער איז קלאָר פאַרשטאַנען פאַר יעדען מאמין, אַז אַלעס וואָס עס געפינט זיך אין זיי, איז ניט געזאָגט און דיקטירט פון עפּעס מענשלעכען שכל און חכמה, נאָר בדרך נבואה. אויך דאָס אַלעס וואָס אסתר המלכה האָט געזאָגט, ווי אַזוי זי האָט געהאַנדעלט און געהייסען טאָן, איז ניט געווען אַ פּועל יוצא פון איר אייגענעם פאַרשטאַנד, נאָר דורך איר האָבען אידען אין יענער צייט אַרויסגעהערט די דברי השמים. און דאָס וואָס קומט מן השמים איז דברי אלקים חיים. חיים וקימים לעולמי עולמים.

אין דער גרויסער עת־צרה, ווען דורך דעם דאַמאָלסדיגען רשע המן צוזאַמען מיטן טיפּש אחשורוש, האָט זיך באַוויזען די מורא׳דיגע גזירה, „להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד״. און ווען אין אַנבליק פון גזר־דין האָט מרדכי, דער ראש הסנהדרין וגדול ליהודים, געזוכט דורך אסתר׳ן מבטל צו מאַכען די גזירת כלי׳ אויף אידען, האָט אסתר געשטעלט דעם באַדינג פון: „לך כנוס את כל היהודים״. גיי זאַמעל איין אַלע אידען, זאָלען זיי פאַסטען אַלע צוזאַמען און תשובה טאָן פאַר מיין שליחות. אַנדערש האָט זי ניט געזעען קיין מעגלעכקייט אונטערצונעמען וועלכע־עס־איז שריט פאַר אָפּשרייען די ביטערע גזירה. ס׳איז געווען אַ תנאי קודם למעשה. זי, און מיט איר דער גאַנצער כלל ישראל, קאָנען האָפען אויף הצלחה, נאָר דאַמאָלס ווען אַלע אידען וועלען שטיין פאַראייניגט אונטער זיי, מרדכי ואסתר. נאָר דאַמאָלס ווען:
לך כנוס את כל היהודים.

* * *

דאָס איז אַנגעזאָגט געוואָרען בדרך נבואה צו אסתר המלכה. און דאָס איז אַ לימוד אויף אַלע צייטען און דורות. ווען נאָר עס דראָט אידען, ח״ו, אַ סכנה, סיי סכנת הגוף און סיי סכנת הנפש, קאָן מען האָפען אויף „רוח והצלה יעמוד ליהודים״, נאָר דאַמאָלס ווען אידען שטייען פאַראייניגט, במחשבה ובמעשה, ביים אָפּשאַצען די סכנה און ביים טאָן פעולות פאַר ברענגען און וועהרט זיין די הצלה.

„בזעקך יצילך קבוציך״, זאָגט אונז דער נביא ישעיהו.

„כנוסו וכנוס בניו הצילו מיד אחיו מיד עשו״, לערנען אונז חכמינו ז״ל.

אָפּשרייען און ראַטעווען כלל ישראל אין אַן עת־צרה, קאָן מען נאָר מיט געמיינזאַמע אידישע כחות און מיטלען, מיט כלל־ישראל׳דיקע תפלות און זכותים. דאָס לערנען מיר פון תורתנו הקדושה און פון אונזערע הייליגע דברי חז״ל. און דאָס זיינען געווען די הוראות פון גדולי תורה און מנהיגי האומה בכל דור ודור:
לך כנוס את כל היהודים.

אויך היינט געפינט זיך כלל ישראל אין אַ שעת־חירום. מיר האָבען איבער־געלעבט, און פאַר אונזערע אויגען זיינען דורכגעגאַנגען געשעענישען, וועלכע האָבען צע־טרייסעלט אַלע נאָרמאַלע און אָנגענומענע לעבענס־פאָרמען אין אידישען לעבען פון דורות־לאַנג. סיי דער שוידערלעכער חורבן דורך עמלק־דייטשלאַנד און סיי דער אויפקום פון אַן אייגענער מדינה אין ארץ ישראל, האָבען גורם געווען ביי גרויסע טיילען אידען אַנטוויקלונגען און השקפות גאַנץ אַנדערע ווי די אין וועלכע מ׳האָט געלעבט צייטען־לאַנג.

און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז בעת אַזעלכע פונדאַמענטאַלע שינוים טרעטען אַריין אין אידישען לעבען, ווען השתות יהרסון, קומען אויך אויף ערנסטע געפאַרען פאַרן דערהאַלט פון די אַלטע און אָריגינעלע אידישע אופני החיים. נייע דרכים, נייע האָרי־זאָנטען און נייע לעבענס־באַגריפען, קאָנען גורם זיין אַ באַדראָאונג פאַרן דערהאַלטען די אַלטע סדרי־החיים, וועלכע זיינען געווען געבויט אין עיקר אויף תורה ואמונה און אויף מסורה און קדושת החיים.

דאָס תורה־אידענטום און אירע פאַראַנטוואָרטלעכע מנהיגים, קאָנען זיך ניט דער־לויבען צו בלייבען גלייכגילטיגע צושויער צום געשאפענעם מצב און זיינע מעגלעכע רעזולטאַטען. מער ווי אייביג, איז אויף אונזער זמן חל די פליכט, איינצוזאַמלען אַלע כחות און אַלע אידען, וועלכע זיינען ניט מיטגעריסען געוואָרען מיט די בושענדע שיטופי הזמן והתנאים. זיי אַלע פאַראייניגען אין אַ ציבור׳דיגען כח און מיט זיי, און דורך זיי, דערהאַלטען דאָס אַלטע, דאָס אייביגע, און דאָס פאַרהייליגטע.

די חובת השעה און אחריות הזמן איז:

להקהל ולעמוד על נפשם.

* * *

זיינען דאָך זיכער, די אַלע ענינים וועלכע בינדען און פאַראייניגען אונז פיל גרעסערע און טיפערע, ווי די איינגערעדטע חילוקים און אָרטלעכע פירודים. זיינען דאָך זיכער, די שותפות׳דיגע אויפגאַבען, התחייבות׳ן און אחריות׳ן, וועלכע ליגען אויף אונז, זיכער מער וויכטיגערע און וועזענטלעכערע ווי דאָס קלאַמערען זיך אין אַמאָליגען אָרטשאַפט, און זיך האַלטען דערפאַר אָפּגעזונדערט פונם כלל.

די אידען אין דער צייט פון מרדכי ואסתר, זיינען אויך ניט געקומען אַלע פון איין מדינה. געלעבט האָבען זיי אין „שבע ועשרים ומאה מדינה״. און זיכער אויך אין געטיילטע נוסחאות, מנהגים און לעבענס־אַרטען: „מדינה ומדינה ככתבה עם ועם כלשונו״. אָבער ווען עס איז געקומען די גזירה, און מען האָט געזוכט וועגען פאַר דער הצלה, איז געקומען די ציווי: „לך כנוס את כל היהודים״. דאַמאָלס איז מער ניט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר „מדינה ומדינה״, און נישט פאַר „מדינה ככתבה״ און פאַר „עם ועם כלשונו״. ביי דער גזירה איז שוין דאָ: „ישנו עם אחד״, און ביי דער הצלה: „כנוס את כל היהודים״.

אויך היינט, אין אונזערע טעג, דראָען אונז אידען גענוג סכנות, סיי בחומר און סיי ברוח, און מען נויטיגט זיך נאָך אין געגנוג רחמי שמים פאַר הצלה, אַרויסצוקומען גאַנץ פון דיביידע סכנות. טאָ צו וואָס קלאַמערען זיך אין דער אַמאָליגער געאָגראַפישער געטיילטקייט, פון מיין איד און דיין איד, אַנשטאָט פון ווערען אַן „עם אחד״? אויך היינט „בזמן הזה״ ליגט אויף אונז דער חוב ווי „בימים ההם״, דער:

לך כנוס את כל היהודים.

* * *

בכלל איז עס אַ רעטזעלהאַפטע דערשיינונג דאָס מיט געוואַלט קלאַמערען זיך אין די באַזונדערקייטען פון מדינות. וואָס פאַרע שייכות האָבען אייגענטליך אידען מיט די לענדער פון וואַנען זיי קומען. וואָס פאַרע קשר קאָן היינט מער בינדען יעדען פון אונז, מיט די מקומות וואו מיר האָבען אַמאָל געלעבט און פונוואַנען מיר שטאַמען. בפרט אַז דער גרויסער רוב פון געקומענע אידען זיינען אַרויס פון מדינות און אומות, ביי וועלכע זיי האָבען געגנוג און איבערגענוג זיך אָנגעליטען.

מילא אַזוי לאַנג ווי אידען האָבען געלעבט אין זייער מפוזר ומפורד, האָט מען עס נאָך געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אידען פון די פאַרשידענע מקומות האָבען אָנגעהאַלטען זייער אָפּגעזונדערטקייט. אָבער היינט, אַז אידען מכל הארצות וואוינען און לעבען צוזאַמען, קאָנצענטרירט אין איין מדינה, האָט דאָך באמת פאַרלוירען יעדער זין און באַרעכטיגונג פאַר אָנהאַלטען דאָס אָפּגעזונדערטקייט. שוין אויס לענדער, אויס גרענעצען, אַלע לעבען צוזאַמען. צו וואָס, און צו וועלכען צוועק, איז דאָס נויטיג ווייטער אָנצוהאַלטען די מחיצות צווישען איד און איד.

וואָס הייסט היינט אַ פּוילישער איד, אַ דייטשער איד, אַן אונגאַרישער און ליט־ווישער, אַ רוסישער אָדער רומענישער איד? צו וואָס אָנהאַלטען אַזעלכע אָפּפרעמדונגס־באַגריפען אויף עטנישע יסודות, בשעת ווען קיינער פון אונז האָט נישט מער, און וויל גאָרניט האָבען, וועלכע־עס־איז שייכות ניט מיטן אַמאָליגען אָרט און ניט מיט די אַמאָליגע שכנים, צווישען וועלכע מיר האָבען געלעבט, און וואו מיר האָבען זיך אַזויפיל אָנגעליטען. צו וואָס פאַרטזעצען די פירודים וואָס גרעניצען זיינען גורם, בעת די גרעניצען גופא זיינען שוין מער ניט פאַראַן, יעדענפאַלס ניט פאַר אונז אידען.

ישנו עם אחד.

* * *

מיר פאַרשטייען גוט, אַז הונדערטער יאָר פון לעבען באַזונדער און אָפּגעגרעניצט אין אידישער קיבוץ פון צוויטען, ברענגען מיט זיך באַזונדערע לעבענס־אַרטען, מנהגים און זיטען. עס איז אויך נאַטירלעך, אַז במשך דורות לעבען אויף אַן אָרט, דערוואַרבט זיך אַ צוגעבונדענקייט און אפילו אַ פּיעטעט צום מקום וואו דו, דיינע אבות ואבות־אבותיהם האָבען געלעבט און זיך אויסגעלעבט. מיר האָבען דעריבער גאָרנישט בדעה פאַרצושלאָגען דאָס אַלעס מיטאַמאָל אויפצוגעבען. דאָס זענען איינגעוואָרצעלטע נאַטירלעכע אייגענ־שאַפטען, וואָס ערשט נאָך דורות קאָנען זיי פאַרגעסען און פאַרווישט ווערען. אָבער בעת מיר וואוינען שוין און לעבען אין איין מדינה, אין איין שטאָט, אין איין גאַס, טיר ביי טיר ממש, וואָס און צו וואָס דאַרף דאָס יעדער ווייטער אַרומטראָגען מיט זיך, און אין זיך, זיין אַמאָליגען פּאַספּאָרט, געבען צו פילען זיין שכן, אַז ער איז אַ גאַליציאַנער איד, אַ ליטוואַק, אַ דייטש, אַן אונגאַר, אַ פּאָלאַק, אָדער גאָר אַ טערקישער איד... אַפילו אין אַן אייגענער גרויסער משפחה, קאָן זיך יעדער מיטגליד פירען זיין הויז און זיין לעבען לויט זיין ווילען און שטייגער, אָבער דאָך בינדט אַלע צוזאַמען דאָס געשלאָסענע נאָענטע משפחה׳שאַפט, טאָ פאַרוואָס זאָלען די אַלע אידען, טראָץ זייערע באַזונדערע אופנים און נוסחאות, זיך ניט פילען און קאָנען בינדען ווי איין משפחה און ווי איין פאָלק.

ישנו עם אחד.

* * *

איינע פון די חידושים וואָס איז געבראַכט געוואָרען אינם חרדי׳שען צבור־לעבען דורך דער אגודת ישראל העולמית, איז טאַקע געוועזן אויף דעם געביט.

מיט דער גרינדונג פון דער אגודת ישראל אַלס אַ וועלט־באַוועגונג, האָט מען אָנגעהויבען איינצואוואַרפען די גבולין פון לענדער און אָרטשאַפטען. און פון איין תורה־איד צום צווייטען. און זיי צוזאַמענפירען צו איין גרויסען און געשלאָסענעם: קהל עדת ישראל.

צווישען די ערשטע גדולי ישראל, אַלס מיסדים פון אגודת ישראל, זיינען געווען גדולים פון פאַרשידענע מדינות. און זיי האָבען געלייגט דעם יסוד פאַר דעם אַלוועלט־ליכען כאַראַקטער פון דעם פאַראייניגטען תורה־פּראַנט פאַר תורה־יהדות.

די כנסיות גדולות פון אגודת ישראל, זיינען געווען די אמת׳ע אָפּשפּיגלונג פאַר אָפּשאַפען די אויפגעשטעלטע מחיצות פון מקומות און פון איד צו איד, און פאַר פאַר־וואַנדלען תורה־אידען איבער דער וועלט, אין אַ פאַראייניגטען תורה׳דיגען כלל ישראל, אין אַן „עם אחד״. די גדולי תורה, די מנהיגי ועסקני האגודה, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין די כנסיות גדולות, זיינען געקומען פון אַלע וועלט טיילען, און ממש מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קיבוץ־גליות. אַלע זיי האָבען זיך די הענד געגעבען, די הערצער און מחשבות פאַראייניגט, פאַר דער גרויסער און הייליגער זאַך. פון אַלע געמאַכט אַן:

אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

דער לובלינער רב הגאון ר׳ מאיר שפירא זצ״ל, האָט עס אַזוי מייסטערהאַפט כאַראַקטעריזירט אין זיינע אומפאַרגעסלעכע פערלדיגע ווערטער:

„בעת איך בין געפאָרען נאָך קאטאָוויץ זיך משתתף זיין אין דער כנסי׳ לשם שמים, האָב איך געטראַכט און געזוכט אַ יסוד און אַ דוגמא פאַר אַזאַ תורה־אחוד. האָב איך געעפענט אַ גמרא און עס דאָרט געפונען: די משנה איז געשאַפען געוואָרען אין ארץ ישראל; די גמרא אין בבל; רש״י אין אשכנז; תוספות אין צרפת; מהרש״א אין ליטא; מהר״ם אין פוילען. אַלע זיינען זיך מתווכח וועגען איין און דערזעלבער סוגיא און ענין, און פון זיי אַלע צוזאַמען שאַפט זיך די גאַנצקייט פון תורה שבל פה״.

„ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען דעם סוד־הקיום פון אגודת ישראל: דאָס איז אַ תורה׳דיגע פאַראייניגונגס־קייט, וואָס שליסט צוזאַמען אַלע תורה־אידען פון אַלע מדינות און פון אַלע ישובים״.

ויעשו כלם אגודה אחת...

* * *

בעת קבלת התורה ביים הר סיני איז געווען: „ויחן שם ישראל נגד ההר״, „כאיש אחד בלב אחד״, און דאַן ערשט: „ומשה עלה אל אלקים״ צו ברענגען די תורה פאַר אידען. און בעת קימו וקבלו ביים נס פורים, איז געווען: „לך כנוס את כל היהודים״, און ערשט דאַן: „ובכן אבוא אל המלך״, צו ברענגען די הצלה פאַר אידען. און דאָס איז אַ לימוד לשעה ולדורות.

„וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, וזכרם לא יסוף מזרעם״. אייביג דאַרפען מיר געדענקען די נסים פון השי״ת. און קיינמאָל טאָרען מיר ניט פאַרגעסען די דרכים וועלכע פירען דערצו, דעם:

לך כנוס את כל היהודים — כאיש אחד בלב אחד.

(ד. א. ו., שבט־אדר, תש״ך)

חילוקי דעות אין אגודת ישראל

זיינען פאַראַן אין אגודת ישראל חילוקי־דעות? מעגען און דאַרפען זיין חילוקי־דעות אין אונזער אגודת ישראל באַוועגונג?

אויף דער ערשטער פראַגע, איז דער ענטפער: יאָ. אויף דער צווייטער פראַגע, איז דער ענטפער: זיכער יאָ. זיי, די חילוקי־דעות, זיינען פאַראַן און דאַרפען זיין.

פאַראַן אין דער פירערשאַפט אַזעלכע וועלכע האַלטען, אַז אַלץ איז אַזוי „בסדר גמור", אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין פלאַץ אין אונזער באַוועגונג פאַר וועלכער־עס־איז מיינונגס־פאַרשידענהייט. זיי האַלטען אַז אַלץ וואָס ווערט געזאָגט און געטאָן מצד אַלע אונזערע מנהיגי־התנועה, איז שטרענג לויט דער ליניע און פרינציפען פון אגודת ישראל, און עס קאָן דעריבער ניט זיין, און ניט געדולדעט ווערען, קיינע אַנדערע מיינונגען.

פאַראַן אָבער אין אונזער פירערשאַפט אַנדערע וועלכע האַלטען אַז עס זענען יאָ פאַראַן חילוקי־דעות, און גאָר וועזענטלעכע, און אַז נישט אַלץ איז אַזוי זיכער אין דער אָנגעצייכענטער ליניע פון אגודת ישראל. און דעריבער זיינען נישט נאָר פאַראַן דיפע־רענצען, נאָר זיי מוזען אויך קומען צום אויסדרוק און געהערט ווערען. און ערשט נאָך אַ געהעריגען בירור קאָן קומען צו פעסטגעשטעלטע דעות אין אַלע פראָבלעמען, וועלכע שטייען אויפן סדר־היום אין דער אידישער וועלט, און אין אונזער באַוועגונג.

ביי דעם לעצט־אָפגעהאַלטענעם כינוס פונ׳ם ועד־הפועל העולמי אין ירושלים, זיינען געקומען צום בולט׳ן אויסדרוק ביידע ריכטונגען. די ריכטונג, וועלכע האַלט, אַז אַלץ אין דער באַוועגונג איז בסדר, האָט אַפילו ניט געזען קיין נחיצות אין אָפהאַלטען אַ ספעציעלע אידעאָלאָגישע זיצונג, וואו מ׳זאָל קלאָר דורכשמועסען די שיטה פון אגודת ישראל, ספעציעל בנוגע די פראָבלעמען פון ארץ ישראל. די ריכטונג איז אַזוי איינגעגלויבט, אַז אירע מיינונגען זיינען סבור וקבל אין אַלע אגודה־קרייזען, אַז זיי האָבען געהאַלטען אַז עס איז גאָר נישטאָ וועגען וואָס צו דעבאַטירען. די צווייטע ריכטונג איז אָבער געווען איבערצייגט אַנדערש. אַז בכדי צו ברענגען קלאַרקייט דאַרף אומבאַדינגט אָפגעהאַלטען ווערען אַן אידעאָלאָגישע זיצונג, און דאָס מיט דער השתתפות פון גדולי ישראל.

און די זיצונג פאַר אידעאָלאָגישע ענינים ביים כינוס, האָט טאַקע געוויזען ווי גערעכט עס זיינען געווען די וועלכע האָבען איר געפאָדערט.

די זיצונג, וועלכע איז געווען די אינטערעסאַנטסטע און די שפּאַנענדסטע אינ׳ם כינוס, און אין וועלכער עס האָבען זיך באַטייליגט אַלע דעלעגאַטען, און אויך גדולי ישראל פון מועצת גדולי התורה, האָט געהאַט צוויי הויפּט־רעפערענטען, וואָס יעדער פון זיי האָט באַלויכטען די אַקטועלע ענינים פון דעם שטאַנדפונקט פון דער ריכטונג וואָס ער פאַרטרעט. עס האָט זיך דערביי אויסקריסטאַליזירט אַ שאַרפע חילוקי־דעות אין דער פירערשאַפט, נישט אין די פרינציפען גופא, ווי אין די דרכים ביים דורכ־פירען די פרינציפען אויף וועלכע אונזער באַוועגונג איז געבויט געוואָרען און וועלכע זיינען עיקרים פאַר איר קיום.

די דאָזיגע אידעאָלאָגישע זיצונג אין ירושלים, וועלכע האָט איבערגעלאָזט אַן אומגעהויערען רושם, האָט באַוויזען אַז מיר דאַרפען שטרעבען צו דערגרייכען צו אַ קלאָרער פאַרשטענדעניש אין די פאַראַנענע חילוקי־דעות, און דאָס קאָן ניט געשען דורך פאַרלייקענען זיי, נאָר דורך אַן אָפענער און קלאָרער: יתבררו ויתלבנו הדברים.

* * *

דער יסוד היסודות פון אגודת ישראל איז: זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּ־הענגיקייט. דער הויפּט־מאָטיוו פאַר דער גרינדונג פון אַן אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג, איז געווען: שאַפען פון דעם אַלוועלטלעכען יהדות־החרדית אַ פאַקטאָר אין אידישען לעבען, וועלכער זאָל גאַנץ זעלבסטשטענדיג און פריי פון אַלע ניט־געוואונ־שענע השפעות, פאַרטרעטען דאָס אידענטום און דאָס אידישקייט, וועלכע שטייען פעסט און אומדערשיטערט אויף די אָריגינעלע און אייביגע יסודי האמונה וחוקי התורה.

די אגודת ישראל, איז געקומען בכדי זיך צו באַפרייען פון דעם „גלות ביי אידען", פון פרייע עלעמענטען וואָס האָבען זיך פאַרמאָסטען צו זיין די איינציגע וואָרט־זאָגער פאַר'ן כלל ישראל. די גדולי ישראל, די מיסדים פון אונזער תורה־באַוועגונג, האָבען געזען די סכנות וועלכע שטייען פאַר תורה־יהדות, מצד די דעות כוזבות ומשובשות, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו פאַרפולען די אידישע מאַסען און די אידישע מוחות. זיי האָבען דערצו געזען די איינציגע עצה, צוזאַמענגעמען אַלע אידען־מאמינים און פון זיי שאַפען אַ זעלבסטשטענדיגע רעפּרעזענטאַנץ פאַרן רעליגיעזען כלל ישראל.

און דעריבער, ווייל זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּהענגיקייט, איז דער צענט־ראַלער הויפּט־באַזיס פאַר אונזער עקזיסטענץ, מוז מען זיין זייער געוואָרענט גאָרנישט צו טאָן וואָס זאָל קאָנען שטעלען אין געפאַר, אָדער אַפילו נאָר אָפּשוואַכען, אָט די יסודות אונזערע.

און לאָמיר ניט באַהאַלטען די ווירקליכקייט. עס זיינען פאַראַן גענוג מאָמענטען און געשעענישען, וועלכע גיבען אַ גרונד פאַר וואָס מורא צו האָבען. היינט, אין אונזער תקופה, איז דאָס לעבען פול מיט קאָמפּליקאַציעס. אַלץ דרייט זיך און ענדערט זיך מיט בליץ־שנעלקייט. איין טאָג יאָגט דעם צווייטען, און איין געשעעניש קאָן קוים דעריאָגען די צווייטע.

אַמאָל, ערשט ניט לאַנג, ביז מיט אַ דור־צוויי צוריק, איז דער סדר העולם און סדר החיים געגאַנגען מיט איינגעשטעלטע דרכים און מיט דורות'דיגע טראַדיציעס. דער היינט האָט אויסגעזען ווי דער נעכטען, און דער נעכטען איז געווען גלייך ווי פאַראַיאָרען. היינט לעבען מיר אָבער אין אַנדערע באַדינגונגען. מיר לעבען אין אַ צייט פון עראָפּלאַנען און לעצטענס שוין פון ספּוטניקס... אַלץ לויפט און פליט, און אַלץ דרייט זיך מיט אַ שנעלקייט ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ...

מיר, יעדער יחיד און דער גאַנצער כלל, דאַרפען גוט אַכטיג געבען, אַז מיר זאָלען ניט ווערען מיטפאַרכאַפּט אין דער קאָפּ־שווינדלערשער דרייעניש. אויף אונז ליגט דער חוב זיך ניט מיט־פאַרפלאָנטערען אין די יאָגענדע געשעענישען, און דערביי קאָנען פאַרגעסען, חלילה, אין אונזער הויפּט־יסוד פון: אומאָפּהענגיקייט.

מיר, די פירערשאַפט פון דער באַוועגונג, מוזען עס כסדר האָבען אין זינען און האַנדלען בכובד־ראש ביי יעדע עובדה און געלעגענהייט. מיר מוזען שטיין פעסט על המשמר און אייביג האָבען פאַר די אויגען דעם: למה נוצרת?

* * *

איינע פון די זאַכען וועלכע קאָן אונז פאַרבלענדען און פאַרפירען, איז דער ווילען צו זיין גרויס. דאָס ווילען זיין גרעסער ווי מען איז, און גרעסער ווי מען האָט די מעגליכקייט צו זיין.

אין פלוג זעט עס אויס צו זיין נאָרמאַל. ווער און וועלכער ציבור וויל דאָס ניט זיין גרויס, און ווערען וואָס־גרעסער. איז דאָך, לכאורה, גאָר דער צוועק פון יעדער באַוועגונג און פון אַ תורה־באַוועגונג ספּעציעל, צו וואַקסען און אויסשפּרייטען אירע אידעען וואָס מער און וואָס ברייטער, בכדי: יפוצו מעינותיך חוצה.

דאָס איז אָבער נאָר אַ לכאורה׳דיגער אמת. פאַראַן מאָמענטען ווען אין דעם ווילען זיין וואָס גרעסער, ליגט אַ סכנה. אַ סכנה פאַר פאַרפלאַכונג און פאַר וויתור אויף פּרינציפּען פאַר וועלכע מען איז באַשאַפען געוואָרען.

אויב אַ באַוועגונג קאָן זיך צעוואַקסען און אויסשפּרייטען אויף אירע אָריגינעלע יסודות, און פעסט־געזעצטע שיטות, איז עס זיכער אַ ברכה און דאָס איז איר פליכט. אָבער ווען דאָס גרויס ווערען, איז פאַרבונדען מיט אָפּשוואַכען אירע יסודות און פאַרוואַסערען אירע עיקרים, דאַן ווערט עס שוין אַ געפאַר פאַר איר מהות און תוכן, און ממילא אַ סכנה פאַר איר קיום.

עס איז פיל בעסער און גלייכער צו בלייבען אַ מיעוט אַ גאַנצער און אַ געזונטער, מיט אַ שיטה און דרך, איידער צו צעשפּרייטען זיך און דערביי פאַרלירען די שטאַרקייט און דעם כאַראַקטער. אויב דאָס צעוואַקסען זיך אין דער ברייט גייט אויפן חשבון פון דער טיף, דאַן איז עס זיכער: יצא שכרו בהפסדו.

אין דער תורה הקדושה זיינען נישט פאַראַן גלאַט סיפורי־מעשיות. מיט יעדען וואָרט און יעדען אות לערענט זי אונז לשעה ולדורות. ווען השי״ת זאָגט צו זיין פאָלק ישראל: „לא מרובכם חשק ה׳ בכם כי אתם המעט מכל העמים״, איז דאָס אַ לימוד און אַ דרך פאַר אידען און פאַר אידישקייט לדורי דורות. דאָס אידישע פאָלק, דער עם הנבחר, וואָס האָט אַזאַ גרויסע און דערהאָבענע מיסיע ווי ברענגען אַחדות־הבורא צו דער וועלט, און זיין דער אור לגוים נתתיך, טאָר אָבער אויף קיין איין רגע ניט פאַרגעסען, ניט צו ווילען ווערען גרויס און פיל, אַפילו מיט דער כוונה אויסצושפּרייטען וואָס־מער אמת און ליכט פאַר דער מענשהייט. נאָר זיין דער מעט מכל העמים, דער מעט מיט גאַנצקייט, מיט שטאַרקייט, און מיט קשיות־עורף פאַר זיין תורה ואמונה.

עס איז אונזער אָנגעצייכענטער גורל פון דער השגחה צו זיין — און עס זעט אויס, צו בלייבען — אַ קליין פאָלק צווישען אַלע אומות ולשונות. מען האָט אונז פון הימעל אָנגעצייכענט אַ קליינעם כמות, אָבער דערפאַר האָט מען אונז פאַרגיטיגט מיט אַ גרויסען איכות. קיינער פון די אומות העולם קאָן זיך ניט פאַרגלייכען מיט אונזער מאָראַלישער און עטישער הויך, און קיינער קאָן זיך ניט פאַרמעסטען מיט אונזערע אינטעלעקטועלע פעאיגקייטען, גייסטיגע כחות און הימלישע שטרעבונגען. ביי אונזער כמות׳דיגע ווייניגקייט האָבען מיר די גאַנצע וועלט, און אין אַלע דורות, באַרייכערט אין אירע אַנטוויקלונגען און דערגרייכונגען. אַלץ וואָס די וועלט פאַרמאָגט שיינעס און ערהאבענעס, האָט זי עס פון אונז גענומען. אַפילו זייערע אמונות זיינען קאָפּירטע און איבערגעדרייטע פון אונזערער. אונזער גאַנצער כח אין אויסדויער ליגט אין דעם וואָס מיר האָבען זיך געהאַלטען אין דעם מעט מכל העמים. וואָלטען מיר געוואָלט אַרויסגיין פון דעם מעט און ווערען גרויס אין כמות, וואָלט אונז דעמאָלט געדראָט די געפאַר פון פאַרפלאַכונג, צענויפמישונג און דאַדורך, חלילה, פון אונטערגאַנג.

דער מעט מכל העמים, איז געבליבען אונזער שוץ־וואַנט במשך דורות, אונזער דערהאַלט במשך די שווערסטע תקופות, און אונזער אומערשיטערליכער גלויבען אין נצחיות׳דיגען קיום.

דער זעלבער מעט פון ישראל בין העמים, איז אויך חל — אין זמנים פון גייסטיגער ירידה — אויף ישראל סבא. מיר מאמינים בד׳ ובתורתו, דאַרפען ביי זיך ניט ווערען געפאַלען מיט דעם וואָס מיר זיינען אַ מיעוט. דאָס איז דער גורל פון ישראל צווישען די פעלקער, און דאָס איז טיילמאָל דער זעלבער גורל פון תורה־אידען צווישען אידישען פאָלק. און פונקט ווי דער מעט האָט געהאָלפען דעם עם ישראל זיך דערהאַלטען בין העמים, אַזוי איז דער מעט אויך מסוגל צו דערהאַלטען ישראל סבא אינ׳ם אידישען פאָלק. און פונקט ווי זיין אַ מיעוט האָט קיינמאָל ניט אָפגעשראָקען דאָס אידישע פאָלק, ווייל זיי האָבען געוואוסט אַז דער אמת איז מיט זיי און ניט מיט די שונאי ורודפי ישראל, אַזוי אויך שרעקט זיך נישט דאָס סיני־אידענטום פאַר זייער מיעוט, וויסענדיג אַז דער אמת איז מיט זיי און ניט מיט די שונאי ורודפי דת ישראל.

* * *

אַלע אַנדערע אין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען מעגען ווען זיין „גרויס״, וואָס־גרעסער. זייערע אידעאַלען און שטרעבונגען זיינען מענשליך־צוגעטראַכטע, און עס ליגט אין זייער רשות זיי צוצושניידען לויט פראַקטישע צוועקמעסיגקייטען.

אויך די וועלכע רופען זיך „דתיים־לאומיים״, קאָנען זיך פאַרגינען דעם זעלבען לוקסוס. זיי, די פשרה־מאַכער און פוסחים על שתי הסעיפים, קאָנען זיך דערלויבען צו וועלען ווערען וואָס־גרעסער. זיי האָבען ניט קיין שוועריגקייטען. אויב דער דעת־הקהל פון שוואַכקייט און עם־הארצות פאַרלאַנגט עפעס אַראָפּצולאָזען פון די דרכי התורה והמסורה, איז מהיכי־תיתי... עס וועלען זיי קיינמאָל נישט אויספעלען אַזעלכע „בעלי־הלכה״, וועלכע זאָלען צושטעלען די פאַרלאַנגטע היתרים. און אויב אַפילו אין פאַל, אַז עס וועט זיי שווער זיין דאָס צו באַקומען פון „בעלי־הלכה״, וועט מען דאָס גרינג צושטעלען פון זייערע „בעלי־האַפיסעס״...

מיר אָבער, מיר מאמינים באמונה שלמה: „שזאת התורה לא תהא מחלפת ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו״, האָבען ניט צו אונזערע דיספאָזיציע דאָס וואָס דער המון־עם פאַרלאַנגט פאַר זיינע באַקוועמליכקייטען. מיר קאָנען דעריבער ניט שטרעבען צו ווערען אַ מאַסען־באַוועגונג דורך פשרות און פאַרפלאַכטקייט. מיר מוזען, באין ברירה, בלייבען אַ מיעוט, אָבער דערפאַר אַ מיעוטא דמינכר. אַ מיעוט מיט אַ פעסטען דרך התורה ואמונה, אַ מיעוט מיט אַ חוט־השדרה און מיט עקשנות צו בלייבען דאָס וואָס מיר זיינען און מוזען זיין. מיר טאָרען ניט ווערען אַ באַוועגונג פון גרויסע מאַסען, אויב דאָס דאַרף געשעען אויפ׳ן חשבון פון אונזער מהות.

מיר זיינען ניט, און קיינער האָט אויף אונז ניט געלייגט דעם חוב, צו זיין פאַדריאַטשיקעס צוצושטעלען דעם רבונו־של־עולם אידען מיט אידישקייט, אויב מען מוז דערביי פעלשען דעם באַגריף און אינהאַלט פונ׳ם אידישקייט גופא.

ווי ברענגט דער בעל „חפץ חיים״ זצ״ל אין זיינס אַן אויפרוף פאַר אגודת ישראל, אין יאָר תרפ״ט, דעם מאמר חז״ל:

„תניא הלל הזקן אומר בשעת המכניסין פזר בשעת המפזרים כנס. ואם ראית דור שהתורה חביבה עליו פזר שנאמר יש מפזר ונוסף עוד ואם ראית דור שאין התורה חביבה עליו כנס שנאמר עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״.

אונ ווי פאַרטייטשט עס דער בעל „חפץ חיים" ז"ל אין זיין וואונדערבאַרען לשון:

„דער נביא זאָגט אז נדברו יראי ד' איש אל רעהו. מיט זייערע חברים וועלען זיי זיך צונויפרעדען, אָבער נישט מיט'ן פאָלק, ווייל ס'פאָלק הערט נישט. אַזוי ווי הלל הזקן האָט געזאָגט: אויב דו זעסט אַ דור וואָס די תורה איז ביי אים באַליבט זיי אַקטיוו, טעטיג אין פאַרשפרייטען תורה. און אויב די תורה איז ביי אים נישט באַליבט — ווער פּאַסיוו, אומטעטיג, זאָל די תורה נישט געוואָרפען ווערען צו בזיון. און אויב דאָס פאָלק זאָגט: אומזיסט דאָס דינען ג־ט, וואָס וועט אונז אַרויסקומען דערפון — לוינט זיך נישט פאַר זיי צו רעדען קיין תורה, נאָר בלויז אויף די ג־ט'פאָרכטיגע אידען, איז אַ מצוה זיך צו אָרגאַניזירען און איינער דעם צווייטען זאָל ז'ערמוטיגען צו עבודת ד'".

* * *

ווידער פאַראַן אַ וואָרט, ריכטיגער אַ באַגריף, אין אונזער היינטיגער צייט, וואָס איז, לכאורה, אַ גאַנץ אומשולדיגער אויסדרוק, אָבער וואָס איז גלייכצייטיג פאַר־בונדען מיט געפאַרען פאַר אַגודיסטישער אויסגעהאַלטענקייט.

דאָס איז דער אין ארץ ישראל אַזוי פּאָפּולערער אויסדרוק: מציאות.

ריכטיג איבערזעצען „מציאות", מיינט דאָס: די פאַקטישע סיטואַציע; די עקזיסטירענדע טאָג־טעגליכעווירקליכקייט. און נאָך פאַרשטענדליכער, מיינט מציאות: זע, קוק זיך צו. לערן וואָס דער ברייטער עולם וויל און פאָדערט. און באַמי זיך נישט צו בלייבען שטיין אין זייט ווי אַ נאַר אויפ'ן מאַרק... גיב די „ריכטיגע און פאַרלאַנגטע" סחורה און זיי מיט לייטען גלייך...

דער אַזוי־גאַנגבאַרער „מציאות", קאָן אויך אָנגענומען ווערען פון רעליגיעזע באַוועגונגען, ביי זייערע באַמיאונגען פאַרשטאַנען און אָנערקענט ווערען ביי וואָס־ברייטערע מאַסען און דאַדורך אויסאיבען השפעות לטובת חיזוק היהדות.

דאָס איז אָבער אַ מסוכנ'דיגער וועג, וואָס טראָגט אין זיך געפאַרען פאַר מסורה'דיגער אידישקייט. מען דאַרף דערצו אַ געוואַלדיגע פאַרזיכטיגקייט, — אַ זהירות יתירה — ביים מיטגיין מיט דער מציאות, און נית ווערען מיט איר מיט־געשלעפּט, און דורך איר פאַרפירט. דער מצב פונ'ם מציאות, ספּעציעל אין ארץ ישראל, איז זייער אַ ריזיקאַלישער. פון איין זייט: די אויסגעשפּראָכענע חפשיים, וועלכע זיינען היינט די פירער און טאָן־געבער אין דער מדינה. זיי שאַפען דאָס די מציאות. אַ מציאות פון אַ „נאַציאָנאַלער" אידישקייט, וועלכע האָט נישט קיין שייכות מיט אמת'ער יהדות; אַ „אידישקייט" אַ געפעלשטע און אַ קאָפּירטע פון אַלערליי גוי'אישקייטען און פרעמדע קולטורען; אַ „אידישקייט" וואָס וואָרצעלט לגמרי נישט אין אידישען שורש און מקור. און פון דער צווייטער זייט: באַוועגונגען, וועלכע געהערען אייגענטליך אויך צום רעליגיעזען לאַגער, אָבער וועלכע האָבען זיך געמאַכט אַ שיטה, אַז בכדי צו ראַטעווען יהדות מוז מען זיך צופּאַסען צום מציאות, און דאָס דערגרייכען קאָן מען נאָר דורך שטענדיגע פשרות. מען יאָגט זיך, כלומר'שט, אויס־צוהיטען פונ'ם מציאות, אָבער דערביי שאַפט מען גאָר אַ נייעם מציאות, פון כסדר'־דיגע צופּאַסונגען צום פאַראַנענעם „מציאות".

* * *

לאָמיר נית באַהאַלטען. לאָמיר האָבען די דרייסטקייט דאָס פעסטצושטעלען. אין די אגודה־פּרינציפּען גופא זיינען אַלע ביי אונז בדעה אחת. גאַנץ אַנדערש איז אָבער בנוגע דעם צוגאַנג און טאַקטיק ביים דורכפירען די פּרינציפּען, דאָ הערען זיך שוין טיילמאָל געדאַנקען און ווערטער ביי אונז פון וועלכע עס פילט זיך דער ריח

פון ביידע סכנות, סיי פון וועלען „גרויס" ווערען און סיי פון צופיל רעכענען זיך מיטן „מציאות".

די פראַגע פאַר אונז אין אגודת ישראל שטייט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. וואָס דאַרף זיין דער דרך פונ׳ם תורה־אידענטום אין באַצוג צו דער געשאַפענער לאַגע פון אַ „מציאות" וואָס איז אין אָפענער סתירה צום אָריגינעלען, מסורה׳דיגען יהדות; אַ מציאות וואָס פאַרגרעסערט כסדר אין אידישען לעבען די גייסטיגע ירידה און פאַרמערט מיום־ליום די מאָראַלישע געפאַלענקייט. איז אונזער וועג צו אָנערקענען אַזאַ מציאות, און טראַכטען אים בייצוקומען מיט אופנים וועלכע מוזען בעל־כרחך פירען צו פשרות, אָדער צו שטיין פעסט אין אונזער אומאָפּהענגיקייט, און מער פאַר־פאַנצערען אונזער אייגענע מחנה פון מאמינים בד׳ ובתורתו.

איז אונזער וועג צו טראַכטען כסדר וועגען וואַקסען בכמות, אָדער איז אונזער וועג צו זיין די בני לוי שבדור שלנו, זיך געגען צושטעלען די אַלע אויפגעשטעלטע עבודה־זרה׳ס אין דער אידישער מחנה, און פראָקלאַמירען, ווי אַמאָל, דעם היסטאָרישען רוף: מי לד׳ אלינו.

* * *

אין חג הפסח, זמן חרותנו, פייערען מיר דעם יום־טוב פון אונזער באַפרייאונג. דעם זמן ווען מיר זיינען אַרויס לחירות פון דעם פיזישען גלות פון שיעבוד המצריים, און פון דעם גייסטיגען גלות פון טומאת מצרים.

בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו.

אין אַלע דורות און צייטען, האָבען רשעי אומות העולם זיך פאַרמאָסטען אויף אונזער פיזישער פאַרלענדונג, חלילה, פאַר כליית הגוף של ישראל.

גראַד היינט אין אונזער פינסטערען דור, ווען מיר אידען האָבען איבערגעלעבט אַזאַ גרויזאַמען חורבן מצד די דייטשע עמלקים, ימ״ש, פאַרשטייען מיר און פילען גוט די ווערטער אין דער סדר־נאַכט: בכל דור ודור...

אָבער, ליידער, שטייען אויך אויף אויף אונז, אין פאַרשידענע תקופות, בריוני־ישראל פאַר אונזער גייסטיגער פאַרלענדונג, חלילה פאַר כליית הנפש של ישראל. גראַד דאַמאָלס, ווען מיר זיינען, בחסדי השי״ת, ניצל געוואָרען פון אַ כליית העם, שטייען אויף אייגענע ברידער, פאַרפירטע און אָפּגעפרעמדטע, און ווילען אויף אונז ברענגען, חס ושלום, אַ כליית נשמה.

אינמיטען די טעג פון לעצטען חורבן, אין יאָר תש״ג, שיקט פון ירושלים עיה״ק, דער גערער רבי זצ״ל זיינע הייליגע התחזקות ווערטער צום כלל ישראל:

„עת צרה היא ליעקב שלא הי׳ כמוהו בישראל, ואין עצה אחרת אלא התחזקות באמונה ובטחון בהשי״ת. עם ה׳ חזקו ונתחזקה. אם הצרות מתגברות הם חבלי משיח וצדיק באמונתו יחי׳. עלינו לחזק ולהתחזק בקיום תורה ומצוות, בחינוך בנים ובנות בדרך התורה והמסורה ובאהבת ישראל".

איין וועג בלייבט פאַר אונז תורה־אידען. דאָס איז דער וועג פון פאַרשטאַרקען און פאַרפעסטיגען אונזערע אייגענע רייען. דער וועג פון אַריינברענגען און פאַר־פלאַנצען וואָס מער תורה און יהדות אין די רייען פון מאמינים ושומרי דת.

איין וועג, וועלכער שטייט פאַר אונז אָפען און קיינער קאָן אים ניט פאַרמאַכען. דאָס איז דער וועג פון התחזקות, בטחון און אמונה, אַז:

— והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם.

(ד. א. ו. ניסן, תשי״ח)

אַ וויכוח מיט צווייפעלהאַפטע כוונות

לעצטענס האָט דער זשורנאַל „הפרדס" אויפגעהויבען אַ דעבאַטע צי רבנים מעגען געהערען צו רעליגיעזע באַוועגונגען. פאַרשידענע אַרגומענטען ווערען דאָרט אַרויסגעברענגט, בכדי צו באַווייזען אַז רבנים דאַרפען שיצען זייער כבוד, אומאָפּהענגיקייט און דעת־תורה. זיי דאַרפען דעריבער ניט געהערען צו אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל עס קאָן גורם זיין צו אַ דערנידערונג פון זייער רבנישען שטאַנד און פּרעסטיזש.

אַזוי ווי עס איז קלאָר, אַז די וועלכע האָבען דעם ענין אַרויסגעברענגט, זענען זיך אויך מתכוון לגבי דער אגודת ישראל, זענען מיר געצוואונגען צו נעמען שטעלונג און זעען צי איז דאָ עפּעס ממשות אין זייערע אַלע רייד, און אויך באַטראַכטען צו וואָס אַזעלכע שרייבעכצער קאָנען דערפירען.

דער אמת זאָגענדיג, איז פאַר אונז לגמרי ניט קלאָר די כוונות פון די שרייבער־רבנים. צי גייט זיי בעיקר אין שוינען דעם כבוד הרבנים והרבנות, אָדער גאָר אין משפיל זיין דעם כבוד און השפעה פון די תורה־באַוועגונגען.

מיר האָבען אַ גענוגענדען גרונד פאַר אונזער חשד, ווייל מיט אַזעלכע מאמרים ווי „מה לכהן בבית הקברות", וויל מען באַשאַפען דעם איינדרוק, אַז ניט נאָר איז יעדער איינציגער באַלד אַ כהן, אַ רב גדול בישראל, נאָר אויך אַז אַ באַוועגונג פון יראים ולוחמים על דבר ד' איז, רחמנא ליצלן, אַ... בית הקברות.

ספּעציעל זענען ביי אונז פאַרשטאַרקט געוואָרען די ספקות אין דער אויפריכטיגקייט פון זייערע כוונות, בעת מיר זעען אַז איניגע באַגנוגען זיך שוין נישט מיט באַהאַנדלען דאָס ענין טעאָרעטיש, נאָר שלעפּען אויך אַריין נעמען פון גדולי ישראל, וועלכע זענען געווען עומדים בראש אין אגודת ישראל, און ווילען דווקא דורך זיי באַווייזען, אַז רבנים דאַרפען בלייבען מבחוץ אפילו פון אגודת ישראל.

* * *

בנוגע אגודת ישראל, לאָמיר זעען די היסטאָרישע פאַקטען.

יעדער וואָס פּרובירט אפילו מטיל ספק זיין אין דעם פאַקט, אַז די באַוועגונג פון אגודת ישראל האָבען מיסד געווען די גדולי התורה און צדיקי הדור, דער פעלשט באַוואוסטזיניג דעם אמת. ער באַגייט ממש אַ פאַרברעך געגען די כוונות און רצונות פון די גדולי ישראל פון לעצטען דור, וואָס מפיהם אנו חיים.

וועגען דעם האָבען מיר גאָרנישט בדעה צו פירען וויכוחים. אין פאַרשידענע מאמרים האָבען מיר שוין געברענגט בריוו, רופען און מאמרים פון די גרעסטע און אויטאָריטאַטיווסטע גאוני וקדושי ישראל. פון זיי, קאָן יעדער זעען דעם דעת־תורה פון די מורי ומאורי ישראל איבער דער וועלט, וועגען דער דרינגענדער נחיצות פון איחוד הכוחות של היראים. און ווי דערביי רופען זיי אַלע שומרי תורה ומצוות זיך אָנצושליסען אין דער אגודת ישראל.

יעדער ערליכער און פרומער איד, יעדער בן תורה וירא שמים, וועט פון זייערע ווערטער זעען קלאָר, אַז ניט נאָר זענען די גדולי תורה צוגעשטאַנען צו דער אגודת ישראל, נאָר זיי — און נאָר זיי — זענען געווען אירע מיסדים. זיי האָבען אין דער אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג געזען דעם צבור׳דיגען כוח התורה וואָס איז אימש־טאַנד צו טאָן גדולות ובצורות פאַר חיזוק התורה, הדת והאמונה, און פאַר אָפּהיטען די חומות בית ישראל געגען די אַלע חפשיים למיניהם וועלכע ווילען זיי איינברעכען.

דאָס איז געווען זייער חות־דעת און קלאָרער פסק־הלכה.

און ווי איז טאַקע געווען למעשה?

כמעט אַלע גדולי וקדושי האומה; אַלע רבנים און בני תורה; אַלע יראי השם חסידים ואנשי מעשה; די גאַנצע תורה־וועלט און די גאַנצע תורה־יוגענד; אַלע זיי, זענען געוואָרען חברים אין דער אגודת ישראל. זיי אַלע זענען ניט געבליבען פּאַסיווע סימפּאַטיקער, נאָר אַרויסגעגאַנגען ביד רמה ובקול נשמע אינם תורה־פראָנט וואָס אגודת ישראל האָט געעפענט פאַר כבוד שמים, כבוד התורה וכבוד היהדות הנאמנה.

גאַנץ באַזונדער דאַרף דערמאָנט ווערען, אַז באַלד ביי דער התיסדות פון אגודת ישראל איז באַשטימט געוואָרען, אַז אלס העכסטע אינסטאַנץ פון דער באַוועגונג, ווערט אַוועקגעשטעלט אַ מועצת גדולי התורה, צו וועלכער עס געהערען די גרעסטע און אנערקענסטע שרי התורה והיראה פון אלע אידישע קיבוצים.

ווער עס האָט זוכה געווען צו זעען, בעפאָר די צייטען פונם בלוט מבול, די אגודת ישראל בגדלה ובתפארתה אויף די לאַנדעס־קאָנפערענצען אין יעדער מדינה, און אויף די אַלוועלטלעכע כנסיות גדולות, און געזען דאָרט כמעט אַלע גדולי ורבני ישראל, פאַר דעם ווערט קלאָר ווי לעכערלעך און טענדענציעז עס זענען אַזעלכע אויסגעקינצעלטע פּובליסיטי־טעמעס ווי: צי רבנים דאַרפען געהערען צו אגודת ישראל.

* * *

לאָמיר אָבער אויך נישט אויסלאָזען פון זכרון, אַז דאָס אַלץ וואָס מיר דערמאָנען דאָ, רעדט זיך פון רבנים אין אונזער אַלטער היים, אין אַמאָליגע אייראָפּע. דאָרט וואו דאָס משמש זיין ברבנות איז געשטאַנען על גובהה הרמה; דאָרט וואו רבנים זענען געווען רבנים, און רבנות איז געווען רבנות; דאָרט וואו סיי דער רב האָט געוואוסט וואָס עס מיינט צו זיין אַ רב בישראל, און סיי די קהלה האָט געוואוסט וואָס זי פאַרלאַנגט און ערוואַרט פונם רב. אַלע האָבען געוואוסט, אַז אַ רב ביי אידען מיינט: זיין אַ גדול בתורה וביראה; זיין אַ מורה הוראה און אַ מורה דרך פאַר דער קהלה קדושה; זיין דער אב ופטרון צו אַלע אידען אין שטאָט; דעם רב׳ס שטוב איז אָפען פאַר אַלע אידישע הצטרכות׳ן, און דעם רב׳ס אויער און האַרץ איז אָפען פאַר יעדען אידישען געברויך און מר נפש. און פון דאָרט אין אונזער אַמאָליגער אייראָפּעאישער היים ביז אונזער היינטיגער אַמעריקאַנער, איז דאָך עפּעס פאַלג־מיך־אַ־גאַנג. פון יענע רבנים און רבנות בישראל ביז די היינטיגע דאָ, איז דאָך אַ נישט־קשה׳דיגער מהלך...

מען דאַרפט דאָך נישט זיין גענאַרט. און אויך זיך אַליין דאַרף מען נישט נאַרען. אויפן פסוק: ולא תונו איש את עמיתו, איז פאַראַן אַ וואָרט פונם קאָצקער רבי׳ן זצ״ל: את לרבות — לרבות את עצמו.

איז עס דאָך אַ דבר ידוע, אַז בעת יענע רבנים פון אַמאָל, לומדים מובהקים ויראי שמים מפורסמים, האָבען עוסק געווען אין אגודת ישראל, האָבען זיי זייער צייט באמת אַראָפּגענומען פון זייער לימוד התורה, הרבצת התורה, און פון זייער עבודה פאַר

פאַרפלאַנצען חסידות, מוסר און יראת שמים ביי אידען. און דאָך האָבען זיי פאַרשטאַנען און געפונען פאַר נויטיג דאָס צו טאָן. און דאָ אין אונזער אַמעריקע מיטן אזוי־באַדויערלעכען מצב פון רבנים און רבנות, זוכען זיך אָפּ אַזעלכע וואָס שטעלען די „האַרבע״ שאלה, צי אין אַמעריקע מעגען רבנים פאַרווענדען זייער צייט פאַר אַ תורה ויהדות באַוועגונג. אפשר וואָלט געווען ראַטזאַם, אַז די מפקפקים זאָלען פריער דורכפירען אַ גרינדליכע אונטערזוכונג, ווי אזוי און מיט וואָס זענען אַ גרויסער טייל רבנים אין דער היגער מדינה באַשעפטיגט במשך דעם מעת־לעת. און ערשט דאַן זאָלען זיי זיך חקר׳נען צי רבנים אין אמעריקע מעגען אַ טייל פון זייער צייט „חלילה״ פאַרווענדען אין צרכי־הכלל פאַר החזקת התורה ויהדות...

אינטערעסאַנט איז צו פאַרצייכענען, אַז גראַד די אמת׳ע גדולי תורה ויראה, וועלכע מיר האָבען דאָ אין דער מדינה, געהערען יאָ אין דער אגודת ישראל, און די חששות רוקען ארויס דוקא אַזעלכע, וואָס וועט זיי זיכער גאַרנישט אָפּקומען פון זייער „רבנישער גדלות״ מיט געהערען צום תורה׳דיגען כלל ישראל — אגודת ישראל.

* * *

מיר קאָנען אויך ניט פאַרבייגיין אָן אַ באַמערקונג צו סיפּורים וואָס איינער דער־ציילט דאָרט אינם „הפרדס״, בכדי צו באַווייזען, אַז רבנים דאַרפען זיך האַלטען אין זייט (אין וועלכער זייט? אפשר אין אַ זייט וואו מ׳קאָן זיין אַ פּוסח על כל הסעיפים...), עפּעס וועגען אַ באַגעגעניש פון גאון ר׳ חיים עוזר ז״ל מיט הגאון ר׳ שלמה דוד כהנא ז״ל, און ווידער וועגען גאון ר׳ מנחם זעמבא ז״ל מיט איינעם וועלכער האָט אים געזאָלט בעטען אַ סיגאַרעט.

קודם־כל מוזען מיר ראטען דעם המספר את המעשיות (אויב די מעשיות זענען בכלל אמת׳ע), צו זיין מער געוואָרענט — און טאַקע מער ערלעך אויך — נישט צו געבען פאַלשע איינדרוקען. אין זיין סיפּור המעשה, דורך וועלכער ער וויל באַווייזען די מיינונג פון הגאון ר׳ חיים עוזר׳ן, ברענגט ער לסוף בלויז די ווערטער פון ר׳ שלמה דוד כהנא, בעת ר׳ חיים עוזר האָט אים ניט געענטפערט קיין אות אחת וואָס זאָל אויסדריקען זיין מיינונג. דאָס פאַרקערטע ווייסען מיר יאָ. דער גרויסער גאון־הדור, איז געפאָרען צו די כנסיות גדולות און געווען פון די דעצידירענדע וואָרט־זאָגער.

בכלל איז לעכערלעך, און ממש שטוינענד, צו וואַגען וואַרפען ספקות וועגען דער באַציאונג פון דעם גרויסען גאון צו דער אגודת ישראל. ער, ר׳ חיים עוזר זצ״ל, איז דאָך געשטאַנען בכל ימי חייו, ווי אַן עמוד־הברזל בתוך־תוכם פון אַלע אגודה ענינים, זייענדיג אַ חבר הנשיאות פון דער מועצת גדולי התורה העולמית, צוזאַמען מיטן חפץ חיים און גערער רבי׳ן זכרם לברכה. קיין פּרינציפּעל ענין און קיין דבר קשה, איז דאָך ניט געטאָן געוואָרען אָן זיין הסכם. עס איז ידוע, אַז מורנו ר׳ יעקב ראָזענהיים שליט״א, אַלס דער נשיא התנועה, איז געשטאַנען מיט דעם גדול הדור אין שטענדיגען קאָנטאַקט, און ניט מחליט געווען אין קיין וויכטיק ענין איידער ער האָט געהערט דעם חוות־דעת פון דעם גאון און חכם פון ווילנא.

דער עפּיזאָד, ווידער, וואָס ער דערציילט מיט הגאון ר׳ מנחם זעמבא ז״ל (אויב ער איז ניט קיין אויסגעטראַכטער), באַווייזט נאָר אַז דער דערציילער האָט נישט די מינדעסטע אַנונג וועגען דעם איינערלעכען לעבען און התנהגות ביי דעם הערלעכען און אזוי־האַרציגען פּוילישען אידישען ציבור — וועלכען די דייטשע עמלקים, ימח שמם וזכרם, האָבען אזוי טראַגיש פאַרשניטען.

דאָס וואָס ער האָט געהערט, אַז איינער זאָל האָבען גערוצט דעם באַרימטען גאון (מנחם, האָסט אַ ציגאַר?), האָט עס אַבסאָלוט ניט קיין שום שייכות מיט פּאַרטיי־אישקייט. אין געזעלשאַפטלעכען לעבען אין אגודת ישראל איז די באַציאונג פון איינעם צום צווייטען געהיטען געוואָרען מיט גרויס כבוד און רעספּעקט, און זיכער שוין צו אַזאַ גרויסער תורה פּערזענלעכקייט ווי ר' מנחם פּראַגער ז"ל. דאָס זיך דוצען איז געווען אָנגענומען אין דער חסידישער וועלט, און עס האָט לגמרי ניט געהאַט צו טאָן מיט אַן אויסדרוק, חלילה, פון גרינגשעצונג. פּאַרקערט, דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון ידידות, חיבה און ברידערלעכקייט. אַן אויסדרוק פון נאָענטקייט, אהבה און אַחוה. ווי אַ טאַטע צום קינד, ווי אַ ברודער צו אַ ברודער. ביי חסידים, און ביי גערער חסידים, וואו הגאון ר' מנחם זצ"ל, וה' ינקום דמו, איז געווען כל ימיו אַ פייערדיגער חסיד און אדוק, האָבען זיך דער רוב נאָענטע חסידים געזאָגט בלשון: אתה. ווייל זייענדיג אין גער, האָט מען זיך אַלע, כקטון וכגדול, געפילט ווי נאָענטע און אייגענע. ווי אַלס תלמידים און קינדער פון דעם גרויסען און הייליגען רבי'ן זצוק"ל. אַלע חסידים, לאלפים ורבבות, האָבען געהאַט דעם רגש, אַז אָב אחד לכולנו, און דורך דעם אב ורבן של ישראל ווערען מיר אַלע דערהויבען צו בנים למקום. עס האָט געלויכטען און געוואָרעמט, דערנענטערט און דערהויבען. און אין גרויסען התלהבות און רגשי קודש זענען פאַרגעסען געוואָרען אַלע גרעניצען צווישען גרויס און קליין און אַלע חילוקים צווישען יונג און אַלט. אַלע איין משפחה, איין חבריא קדישא, מיט איין ציעל פון התרוממות צו תורה און עבודת השם, און מיט איין תשוקה צו יראת השם, אהבת השם און אהבת ישראל.

און אַז שוין יאָ סיפורים, דערלויבען מיר זיך דאָ צו דערמאָנען: בעת ר' מנחם זצ"ל איז געוואָרען אויפגענומען אַלס איינער פון די הויפּט־רבנים אין וואַרשע, האָבען מיר, אַ גרופּע פון זיינע נאָענטע און אינטימע פריינט, אים דערקלערט, אַז איצט אַלס רב בוואַרשא ווען מיר אים שוין מוזען אירצען. ער האָט זיך שטרענג געגענגעשטעלט, מיטן מאָטיוו אַז ער וועט זיך דאַדורך זייער שלעכט פילען, ווי עפּעס חלילה מחוץ למחנה החסידים והידידים. לסוף איז געקומען צו אַ פשרה: בפני עם ועדה זאָל מען זיך זאָגען בלשון: אתם, אָבער צווישען זיך בלייבט ווייטער דער לשון: אתה.

דאָס איז דער פּשט פון זיך דוצען, אַפילו גרעסערע מענשען וועלכע מען האָט מעריך געווען זייער גדלות און זייער צדקות. און נישט ווי דער שרייבער — וועלכער האָט נישט די מינדעסטע השגה אין אַזעלכע געהויבענע מדרגות — וויל עס אויסטייטשען אַלס עפּעס אַ גרינגשעצונג צו אַ גדול בתורה, און וויל דאָס נוצען פאַר מאָטיוון, אַז רבנים דאַרפען זיך אָפּהאַלטען פונם געזעלשאַפטליכען לעבען.

אָבער השתא דאתית להכא, מוז דערמאָנט ווערען, אַז דער זעלבער באַרימטער פּוילישער גאון ר' מנחם זעמבא ז"ל האָט געהערט צו אגודת ישראל מיום הוסדה. געווען פון אירע עמודי־התוך, זיך באַטייליגט אַקטיוו אין אַלע אירע טעטיגקייטען, געפאָרען צו אַלע כנסיות־גדולות, געווען פון די פירענדע פּערזענלעכקייטען אין דער מועצת גדולי התורה, און אַ געוויסע צייט איז ער אַפילו געווען, מצד דער אגודת ישראל, אַ פּרנס אין דער וואַרשעווער קהלה. און דערפון קאָן מען לערנען ווי וויט אַזאַ גאון התורה האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אגודת ישראל, און ממילא קאָן מען שוין דערפון לייכט פּותר זיין די „שווערע" שאלה: צי רבנים, און דערצו רבנים אין אַמעריקע, דאַרפען געהערען צו אגודת ישראל.

* * *

עס איז בכלל לעכערליך צו רעדען וועגען היטען כבוד הרבנים והרבנות.

קיינער האָט אַזוי נישט באַשיצט דעם כבוד התורה, כבוד הרבנים און כבוד הרבנות, ווי אגודת ישראל. איז דאָך די ערשטע עובדה פון די חפשיים געווען צו צעשטערען דאָס איינגעפונדעוועטע אידיש־רעליגיעז לעבען, און משפיל זיין דעם כח און השפעה פון די נושאי דגל התורה והאמונה ביי אידען. זיי, די „נאַציאָנאַלע" חפשיים, האָבען דאָך אָנגעהויבען לערנען די אידישע גאַס, אַז די הנהגת ישראל דאַרף אַרויס־גענומען ווערען פונם רשות התורה און איבערגעגעבען ווערען צו „וועלטלעכע" מנהיגים. און ליידער האָבען זיי דערצו באַקומען מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון די „נאַציאָנאַל־רעליגיעזע", די פוסחים על שתי הסעיפים, וועלכע האָבען געהאָלפען פאַר־גרעסערען דעם בלבול־המוחות און טשטוש הגבולין בין הטהור להטמא, מיט אַריינ־וואַרפען אין איין טאָפּ כשר׳ס און טרפות... און נאָר אגודת ישראל, איז געווען די איינציגע, וועלכע האָט זיך געשטעלט די מטרה פון אָנהאַלטען דעם שלטון התורה, דורך גדולי תורה, אין אידישען לעבען.

און דעריבער זענען גדולי ישראל פון פריערדיגען דור, און אַזוי אין היינטיגען דור, געווען פאַרבונדען מיט אגודת ישראל, זעענדיג אין איר דעם איינציגען אָרגאַ־ניזירטען כח פאַר החזרת עטרה ליושנה.

* * *

די פעסטשטעלונג ווידער אינם „הפרדס", אַז „אין עולם הישיבות האָט מען געקוקט בעינא בישא אויף יעדען רב וואָס האָט געהערט צו אַ פּאַרטיי", איז אַ פּוסטע פּלאַפּלעריי און אַבסאָלוט בניגוד אל האמת. אַ פאַקט איז אַז אַלע ראשי ישיבות המפור־סמים ביותר האָבען געהערט — ווער אַקטיוו און ווער פּאַסיוו — צו אגודת ישראל.

אויף וועמען, מיינען דאָס די שרייבער, האָט מען „בעולם הישיבות הגדולות" געקוקט קרום פאַר זייער געהערען צו אגודת ישראל. אפשר אויף אַזעלכע תורה־ריזען ווי: בעל חפץ חיים, ר׳ משה מרדכי עפּשטיין, ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, ר׳ מאיר אראַק, ר׳ יוסף ליב בלאָך, ר׳ מאיר דן פּלאָצקי, ר׳ שמעון שקאָפּ, ר׳ ברוך בער לייבאָוויטש, ר׳ מאיר שפּירא, ר׳ איסר זלמן מעלצער און ר׳ אלחנן וואַסערמאַן, זכרם של צדיקים לברכה. (מיר דערמאָנען נאָר עטלעכע אדירי התורה, וועלכע קומען גראָד אויפן געדאַנק) וועלכע זענען געווען בלב ונפש איבערגעגעבען צו אגודת ישראל. איז אויף זיי האָבען דאָס געקוקט „בעינא בישא" די בני הישיבות און בני תורה?

מיר ווייסען נישט אין וועלכע „ישיבות גדולות" האָבען דאָס די מתווכחים פאַר־בראַכט זייערע יוגענט־יאָרען. אָבער דאָס גאַנצע דאָזיגע שרייבעריי, איז אַ פּשוט׳ע שטיק אומזין. די בני הישיבות זענען געווען דוקא די התלהבות׳דיגסטע לוחמים פאַר דעם אגודת ישראל רעיון און השקפה. הגם מען האָט אין די ישיבות, פאַרשטענדלעך, ניט צופיל עוסק געווען אין די פּראַקטישע ענינים פון אגודת ישראל, האָט אָבער יעדער בן תורה און בן הישיבה געפילט אַז זיין פּלאַץ אין צבור־לעבען איז אין אגודת ישראל. דער דעת־תורה פון דער ישיבה האָט אים שטענדיג געפירט צום דעת־תורה פון דער אגודת־ישראל.

זיכער איז אמת, אַז דאָס וואָס די תורה־וועלט האָט געפונען איר גזעלשאַפט־לעכע הרים אין אגודת ישראל, איז געווען איבערן „עת לעשות לה׳", אָבער די גאַנצע אגודת ישראל באַוועגונג איז אויך געשאַפען געוואָרען צוליב דעם עת לעשות לה׳.

כשהשנים כתיקונן, ווען דאָס אידישע לעבען האָט זיך געפירט לויט זיינע נאָר־מאַלע איינגעפונדעוועטע אידישע יסודות, — יסודי הדת והאמונה — האָט מען גאָר־נישט געדאַרפט מיסד זיין קיין באַזונדערע באַוועגונג פאַר שמירת הדת והתחזקות האמונה. געדאַרפט האָט מען עס ערשט, ווען באו פריצים ויחללוה. ווען חפשיים למיניהם האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען פּאַרוויסטונגען בחיי ישראל, בהכלל ובהפרט, האָט מען געמוזט אָננעמען מיטלען לגדור גדרים און אויפשטעלען אַ פאַנצער־פראָנט פאַר באַשיצען די חומות בית ישראל. און צוליב דעם עת לעשות, האָט מען גערופען און מאָביליזירט את כל היהודים הנאמנים לד׳ ולתורתו אין אַן — אגודת ישראל.

* * *

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס די שאלה־שטעלער ווייזען ניט אָן וואָס רבנים זאָלען יאָ טאָן, און וואו זיי דאַרפען יאָ געהערען. וואו געפינען זיי אַ בעסערען פלאַץ פאַר טעטיגקייט פאַר חיזוק־היהדות, און וואו איז דאָס אָרט וואו רבנים אין אַמעריקע קאָנען מער ווירקען און האָבען מער השפעה געגען דעם אָרגאַניזירטען כח פון חפשיות, וואָס פאַרכאַפּט וואָס־אַמאָל מער דאָס אידישע לעבען, און אידישען דעת־הקהל.

אפשר זענען דערצו מסוגל די האַלב־אויסגעלייזיגטע שולען. אפשר קאָנען זיי דאָס באַווייזען דורך באַווירקען זייערע עם־הארצ׳ישע פּרעזידענטען אין די קאָנג־רעגיישאָנס, און די תינוק־שנשבה׳דיגע מאַכערינס ביי די ליידיס־אָקזילערים...

וואו איז געבליבען, אין אונזער איצטיגער הסתרת־פנים׳דיגער צייט אַ שטיקעל מקום פאַר אַ ריין תורה־וואָרט און אומגעפעלשטע יהדות־השקפה, אויב ניט אין אַ תורה־באַוועגונג. וואו נאָך קאָן דער רב און בן תורה אַרויסזאָגען זיין חות־דעת, ווילט זיך פרעגען די פרעגער, אויב ניט אין אַ באַוועגונג וואָס אירע יסודות און מעשים זענען תורה׳דיגע, ווי אגודת ישראל, וואָס בראשה שטייען גדולי ישראל און וואו ריינער דעת־תורה איז מכריע.

און נאָך־וואָס רייסט זיך צו פרעגען: און דער רב אין אַמעריקע דאַרף נישט, אַפילו פאַר זיך אַליין, האָבען אַ תורה׳דיגע סביבה, וואו ער אַליין זאָל זיך קאָנען אָנ־וואַרעמען, זיך אויסלעבען און באַקומען התחזקות אין השקפות של אמונה טהורה. און אַז מען איז שוין אַ רב, בפרט פון מיטעלען און יונגערען דור, איז מען שוין אַזוי זיכער מיט זיך, אַז מען דאַרף זיך שוין ניט געפינען אונטער דער השפעה פון גדולים וטובים. איז דערמיט וואָס מען ווערט אַ רב, און דערצו אין אַמעריקע, ווערט מען שוין אַזוי פאַרפעסטיגט און פאַרפאַנצערט אין תורה און יראת שמים, אַז מען הערט שוין אויף מורא צו האָבען פאַר אזהרת חכמינו ז״ל: אל תאמין בעצמך...

עס ווילט זיך טאַקע וויסען, וואו האָט דער פרומער איד, דער ירא־שמים׳דיגער בן תורה, און דער ערלעכער רב, אַ געזיכערטערען שוץ־פראָנט געגען אַלע רוחות רעות בזמננו אלו, ווי אין דער אגודת ישראל סביבה, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט פאַר זיך און פאַר דער גאַנצע אידישער וועלט: שלטון התורה בחיי עם ישראל.

אדרבה, ילמדנו רבינו.

(ד. א. ו. סיון, תשי״ח)

אַל נא אחי תרעו

(צו דער טראַגעדיע פון פועלי אגודת ישראל)

מיר זענען זיך מודה ומתוודה, אַז מיר גייען צו צום שרייבען אונזערע היינטיגע שורות, מיט אַ שווער געמיט און מיט גאָר אַ גרויסען צער.

דאָס וואָס עס געשעט לעצטענס אין ארץ ישראל מיט דער „פועלי אגודת ישראל", איז אַ גאָר־וויטאָגליכער ענין. קיין ערנסטער תורה־איד און טרייער אגודיסט, קאָן ניט בלייבען גלייכגילטיג, אַז דער אַזוי־באַדויערליכער פאַקט, זאָל ביי אים נישט אַרויס־רופען גרויסע זאָרג, טיפען צער, און אים פשוט צעטומלען ממראה עיניו.

עס איז דאָך נישט קיין קלייניגקייט. גרויסע צאָלען חברים, אפשר אין די טויזענ־טער, וועלכע זיינען געווען הורתם ולידתם אין אגודת ישראל; דערצויגען געוואָרען אויף דער אגודה־שויס; געלעבט מיט אגודה־אידעאָלאָגיע; און געווירקט מיט אגודה־שטרע־בונגען, זאָלען מיטאַמאָל פועלען ביי זיך איבערצורייסען מיט זייער גאַנצען עבר, מיט אלע זייערע מטרות, און מיט אַלע זייערע אידעאַלען.

עס איז דאָך בשום־אופן נישט אַזאַ דבר פשוט, אַז דער „מציאות" אין דער היינטיגער ארץ ישראל, זאָל זיין אַזוי שטאַרק מיט זיין שעדליכער השפעה, אַז ער זאָל זיין בכוח צו ווירקען אַז מענשען וואָס מעודם זיינען זיי חרדים לדבר ד' ותורתו און בלב ונפש איבערגעגעבענע אגודיסטען, זאָלען זיי איצט מיטאַמאָל זיך דערווייטערען פון אַלע זייערע לעבענס־שטרעבונגען און אידעען.

עס איז ממש אומגלויבליך, אַז אַזעלכעס זאָל קאָנען געשען. און אויב יאָ, איז דאָס אַן ערשיטערענדע ערשיינונג, אויף וועלכע קיין טרייער אגודה־מענש קאָן ניט אַריבערגיין שטילשווייגענד, און ניט רעאַגירען דאַרויף מיט פאַרביטערונג, און מיט שאַרפער און אַנטשלאָסענער געגנערשאַפט.

* * *

מיט גרויסע צאָלען פון זיי, די פועלי אגודת ישראל אין ארץ ישראל, הויפטזעכליך מיט די וועלכע שטייען בראש פון דער באַוועגונג, בינד אונז אַ לאַנג־יאָריגע באַקאַנטשאַפט, פריינדשאַפט און נאָענטקייט. שוין עטליכע צענדליג־יאָרען, סיי אין אונזער אַמאָליגער היים, פוילען, און סיי אין אונזער היינטיגער היים, ארץ ישראל, ווי מיר זענען זיך נאָענטע מענשען. מקורבים פון איין חדר, פון איין אגודה, פון איין סביבה, און מיט אַ גרויסען טייל פון זיי אויך פון איין חסידות. און עס איז אומפאַרשטעלבאַר, אַז זיי זאָלען טאַקע זיין דעצידירט פון דעם אַלעם צו מאַכען בידים אַ תל. גורם זיין אַ קרע שאינו מתאחה אין אַן אייגענער מחנה, וועלכע איז מחובר געוואָרען, מיום עמדנו על דעתנו, דורך שותפות'ע ציעלען, מחשבות און אידעען. שווער זיך פאַרצושטעלען, אַז מאָמענטאַלע נוצען, קליינליכע התנשאות'ער, און כחלום־יעוף'דיגע כיבודים, זאָלען איבערוועגען אַלע נפשות'דיגע קנינים וואָס אַ מענש איז קונה בעולמו, במשך אַלע זיינע יאָרען, בתורה, בעבודה, בחסידות ובהשקפות טהורות.

עס איז פיינליך ממש פאַר יעדען פון אונז, אָנצונעמען דאָס פאַר אַ געשעענע עובדא.

* * *

די פועלי אגודת ישראל אין ארץ ישראל, זענען אַרייַנגעטרעטען אין דער דאַר־טיגער מפא"י־רעגירונג, און אויף זיך גענומען דעם מיט־אחריות פאַר דער חפשיות'דיגער הנהגה פון דער היינטיגער לינקער ממשלה.

דאָס איז געשען טראָץ דער געגנערישער החלטה פון דער אגודת ישראל. מיט וועלכער זיי זענען פאַרבונדען אַלס איין „סיעה", און טראָץ דעם בפירוש'ען פאַרבאָט און שאַרפער מחאה מצד דער גאַנצער מועצת גדולי התורה פון ארץ ישראל ומחוץ לארץ ישראל. מען מוז דערביי געדענקען, אַז בשעת די לעצטע בחירות צו דער כנסת, איז לויט דער החלטה פון דער מועצת גדולי התורה, געוואָרען די אגודת ישראל און די פועלי אגודת ישראל איין געשלאָסענע „סיעה", וועלכע זענען מחויב צו האַנדלען אין אַלע ענינים איינהייטליך, אַלס אַ פעסט־געשלאָסענער פראָנט, און אונטער דער הוראה פון די גדולי ישראל.

עס איז קלאָר, און אָן יעדען ספק, אַז די החלטה פון דער אגודה־באַוועגונג, און דער פסק פון דער גאַנצער מועצת גדולי התורה, פאַר ניט משתתף זיין זיך אין דער רעגירונג, קומט אין די אינטערעסען פונם יהדות־החרדית. די החלטה איז אַ פועל־יוצא פון דעם אַבסאָלוטען דעת תורה פון גדולי תורה, אַז דאָס תורה־אידענטום קאָן ניט, און טאָר ניט, נעמען אויף זיך די מיט־פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער היינטיגער בולט־חפשיות'דיגער הנהגת המדינה. דאָס, נאָר און אויסשליסליך דאָס, האָט דעצידירט ביי די גדולי הדור צו זאָגען זייער קלאָרען פסק: ניין.

מען דאַרף האָבען אין זכרון, אַז בעת בן גוריון האָט אָנגעהויבען, באַלד נאָך די כנסת־וואַלען, צוזאַמענצושטעלען אַ מערהייט פאַר אַ נייער רעגירונג, איז די ערשטע, ממש די ערשטע, צו ווערען איינגעלאַדען אָנטייל צו נעמען אין דער רעגירונג, געווען די אגודת ישראל. הרב יצחק מאיר לעווין, וועלכער האָט אַלס ראש פון אגודת ישראל באַקומען בן גוריון'ס איינלאַדונג, האָט געענטפערט אַז אַזוי ווי אגודת ישראל און פא"י זענען איין „סיעה" אין דער כנסת, וויל ער ניט קומען צו בן־גוריון'ס אונטערהאַנדלונגען אַליין אָן דער פא"י. און ערשט אויף זיין פאַרלאַנג, זענען אויך פאַרשטייער פון פועלי אגודת ישראל צוגערופען געוואָרען צו די אונטערהאַנדלונגען. און ווען די מועצת גדולי התורה האָט מחליט געווען אויף ניט־באַטייליגען זיך אין דער ממשלה, האָט עס די גאַנצע באַוועגונג, אגודת ישראל און פא"י, אָנגענומען אַלס אומאָפּפרעגבאַרער פסק, און צוזאַמען געגעבען בן גוריון'ען זייער תשובה, אַז זיי קאָנען ניט אָננעמען זיין פאַרשלאַג פאַר דער אגודיסטישער השתתפות אין דער ממשלה.

אַז אַ פסק פון גדולי ישראל, איז פאַר אונז אַלע בינדענד, דאָס איז פאַר יעדען פון אונז קלאָר. דער גאַנצער זכות, און דער יסודות'דיגער אונטערשיד צווישען אונזער אגודת ישראל און אַלע אַנדערע אויך־רעליגיעזע גרופּירונגען, ליגט אין דעם וואָס אַלע וויכטיגע און פרינציפּיעלע ענינים זענען ביי אונז אונטערגעוואָרפען, און ווערען ענטגילטיג דעצידירט, דורך און מיט דעת־תורה. קיינער, קיין יחיד און קיין צבור, קאָן זיך ניט ניט־אונטערוואַרפען דעת תורה. ווייל דערמיט, אויב ער זאָל עס יאָ טהון, שליסט ער זיך אויס פון כלל אגודה, און האָט ניט קיין רעכט מער אויף זיך צו טראָגען דעם נאָמען פון אגודת ישראל.

* * *

מיר ווייסען, מיר גיבען זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דער אַריינטריט פון פּא״י אין דער רעגירונג, איז ליידער אַ פאַקט. און ווער ווייסט צי מיר זענען ניט אַ צועק לשעבר. אָבער דאָך קאָנען מיר זיך ניט באַפרייען פון אַרויסזאָגען דאָס וואָס עס טראַכט זיך, דאָס וואָס טוט אַזוי שטאַרק וויי, און דאָס וואָס רופט אַרויס אַזאַ טיפען באַדויערען און צער, ביי יעדען תורה־איד און ביי יעדען חבר לתנועת אגודת ישראל.

דער ערשטער איינדרוק ביי יעדען פון אונז איז: ניט מעגליך. ניין, עס איז ניט מעגליך אַז אַזעלכעס קאָן ווירקליך געשען. ניין, עס איז ניט, און קאָן ניט זיין, אַ מציאות אַז מענשען דורכגעדרונגענע מיט אגודה און תורה השקפות, זאָלען זיין מוכשר אַזעלכעס צו טהון. דען ווי קאָן אַ באַוואוסטזיניגער תורה־איד פועלען ביי זיך איבערצורייסען מיטן תורה׳דיגען כלל ישראל און זיך פאַרבונדען מיט גרופּען פון חפשיים, וואָס חפשיות איז זייער שטרעבונג, און „ככל הגוים׳דיגקייט״ איז זייער לעבענס־ציעל. ווי איז מעגליך אַנצונעמען פאַר אַ פאַקט, אַז אידען וואָס זייער גאַנץ לעבען און הנהגת החיים איז געבונדען מיט תורה ואמונה, זאָלען פון זיך אַראָפּוואַרפען דעם עול מלכות שמים, דורך פאַרוואַרפען דעם משמעת פון גדולי תורה וצדיקי הדור, און אויף זיך נעמען דעם עול און משמעת פון פורצים און פורקי עול היהדות.

„אין אדם חוטא אלא נכנס בו רוח שטות״, שטעלען שוין פעסט אונזערע הייליגע חכמים ז״ל. און נאָר דורך אַ געוואַלדיגען רוח שטות וואָס האָט אַרומגענומען, די עומדים בראש ההנהגה פון פועלי אגודת ישראל, האָט געקאָנט גורם זיין זיי צו פאַרפירען צו אַזאַ פאַטאַלען און געפערליכען שריט.

דער שריט פון פועלי אג״י, איז דאָך אַ בגידה אין דער אייגענער אגודת ישראל באַוועגונג. אָבער ער גייט פיעל ווייטער. דאָס איז אַ בגידה אינם גאַנצען יהדות־החרדית. כלומר׳שט הייסט עס, אַז זיי האָבען זיך געוואָלט באַפרייען פון דער מוטער־אָרגאַניזאַציע, און געוואָלט דערגרייכען זייער זעלבסשטענדיגקייט. אָבער אליבא דאמת, האָבען זיי טאַקע זיך „באַפרייט״ פון דער אגודת ישראל און אויך פון אַלע גדולי ישראל, אָבער זעלבסט־שטענדיג זענען זיי ניט געוואָרען. זיי זענען, דורך זייער שריט, שוין יעצט געוואָרען אַ טייל פון מפּא״י דורך באַקומען דעם מיניסטער־אַמט אויפן מפּא״י׳שען חשבון. און זיי וועלען וואָס אַמאָל מער און טיפער זיין אָנגעוויזען אויפן מפּא״י׳שען רצון, און לעבען אויפן מפּא״י׳שען חשבון און חסד.

* * *

איינע פון די געשטעלטע הויפּט־אויפגאַבען פון דעם נייעם שותפות פון פּא״י מיט מפּא״י, איז דאָס ענדערען דעם וואַל־סיסטעם צו דער כנסת. דאָ וועט נישט פועלען קיין שום אָפיציעלע הכחשות, אָדער דאָס מאַכען זיך טאַמעוואַטע. די היינטיגע מפּא״י רעגירונג האָט אַ גענוג גרויסע און געזיכערטע מערהייט, און ביי איר שפּילט נישט די מינדעסטע באַדייטונג, אויב זי האָט יאָ אָדער נישט אויך די דריי פּא״י מענשען. זיי זענען לא מעלים ולא מורידים. דאַגעגען צום ענדערען דעם וואַל־סיסטעם, וואָס בן גוריון האָט זיך געשטעלט פאַר זיין לעבענס־אויפגאַבע, פעלט אים טאַקע אָט די דריי שטימען, וואָס ער האָט זיך יעצט איינגעקויפט.

און דאָ ליגט אַ גרויסע בגידה מצד דער פועלי אגודת ישראל צו דעם גאַנצען געזעלשאַפטלעכען לעבען אין ארץ ישראל. דאָס ענדערען די וואַלען פון דעם אַלגעמיינעם פּראָפּאָרציאָנעלען־סיסטעם ביז דעם ראיאָנען און פּערזאָנען־סיסטעם (בחירות „אישיות אזוריות״) וועט אויף אייביג זיכערען דער מפּא״י אַ גרויסע און סטאַבילע מערהייט, און

קאָן פאַרמינערן די פאַרטרעטערשאַפט פון אַלע אַנדערע ריכטונגען ממש ביז מינימום. און מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי עס זעט שוין היינט אויס מיט אידישקייט, בעת די מפא״י מוז דאָך נאָך אָנקומען צו שותפות מיט אַנדערע צדדים, אויך מיט רעליגיעזע, ווי וועט שוין זיין דער מצב פון יהדות־התורה, אויב די מפא״י חפשיים וועלן ווערן די אַליין־הערשער, און די אַבסאָלוטע וואַלטער און שאַלטער, איבערן גאַנצן פאָלקס־לעבען אין דער מדינה. און אָט צו דער מטרה, פאַר העלפען ליקווידירען דעם גאַנצען געזעל־שאַפטליך־אָרגאַניזירטען חרדישען ישוב, וועלכער שטייט אין אַזאַ עקשנות׳דיגער מלחמת־הדת, האָט זיך יעצט איינגעשפאַנט די פא״י פירערשאַפט, באַקומענדיג בן גוריונ׳ס הבטחה צו פאַרזיכערען די פא״י כנסת־מאַנדאַטען אויף עטליכע קאַדענצען, אַלס זייערע „סאַטע־ליטען״, אויף דער מפא״י רשימה. נישט בחנם האָט דער שריט פון דער פא״י, אַרויסגערו־פען אַזאַ שטורמישע געגנערשאַפט פון דער גאַנצער ארץ ישראל׳דיגע געזעלשאַפטליכקייט און פרעסע, מחוץ דער מפא״י׳שער.

די פועלים־פירער, זעט אויס, האַלטען אַנדערש ווי אונזערע הייליגע חכמינו ז״ל, וועלכע האָבען פעסטגעשטעלט, אַז „פיזור של רשעים נאה להם ונאה לעולם״, און אַז דער היפוך דערפון, זייער כינוס, איז „רע להם ורע לעולם״. און מיט זייער יעצטיגער השתתפות, העלפען זיי שאַפען און שטאַרקען דעם כינוס און כוח פון דער אַזוי־אויך הערשענדער מפא״י.

* * *

נאָך איין ציעל, שטעלט זיך אַרויס, האָט דאָס נייע מפא״י־פא״י שותפות. און דאָס איז: דאָס ברעכען און משפיל זיין דעם אויטאָריטעט און פרעסטיזש פון גדולי תורה. ביידע צדדים מאַכען דערפון ניט קיין סוד. ביידע זיי, רעדען דערפון, ווער פאַרשטעלטער און איינגעהאַלטענער און ווער אָפענער און קלאָרער. מצד דער פירערשאַפט פון פא״י הערט זיך אַ צופרידענהייט, וואָס זיי זיינען ענדליך געוואָרען „בני חורין״ פונם עול פון דער מועצת גדולי תורה. און די פירער פון דער מפא״י יובלען פשוט פאַר שמחה, וואָס חרדים אַליין האָבען ענדליך „געבראָכען״ די אויטאָריטעט פון גדולי תורה און מנהיגי ישראל סבא.

עס באַפאַלט אַ שרעק, ווען מען זעט ווי די מנהיגים פון פא״י, האָבען צוגעפירט מיט זייער טראַגישען באַשלוס, און געגעבען געלעגענהייט אַז אויסגעשפראָכענע חפשיים, ראשים פון דער מפא״י, זאָלען זיך קאָנען אויסדריקען עפענטליך, און זיך גרויסען, אַז:

„כי הצליחו לקרוע את פא״י ממחני מורדי האור וממרות מועצת גדולי התורה, ולהכניסה תחת כנפי המחנה „החלוצי״ של מפא״י.

יונה כסה, דער מפא״י׳שער הויפט־שדכן פון דעם אומגליקליכען שידוך, זאָגט:

„אשרי פא״י שפנה עורף לגדולי התורה מורדי האור — בקבלת עול מפא״י.

יוסף אלמוגי, מזכיר־כללי פון מפא״י, זאָגט:

„מינץ הוא האדם היחידי שיצליח להרוס את מועצת גדולי התורה. לשמחתנו הוא ביצע משימה זו״.

און ווען מען זעט נאָך ווי בן גוריון, בכבודו ובעצמו, טרעט אַרויס אין דער כנסת און אין דער פרעסע, זיך אָננעמענדיג פאַר די „באַ׳עוול׳טע״ פועלי אגודת ישראל, וועלכע ווערען אַזוי „געקריוודעט״ מצד זייער מוטער־באַוועגונג אגודת ישראל, און דערפאַר האָט ער זיי אַריינגענומען תחת כנפי פון זיין מפא״י, דערזעט מען ערשט קלאָר דעם אומגליק־ליכען טעות און פאַרפירערישקייט, וואָס עס באַהערשט די מוחות פון די פא״י פירער אין

זייער התחברות מיט מהרסי־הדת און אין זייער אָפענע מרידה אין גדולי תורה און מנהיגי ישראל.

ווייסען דערפון די גרויסע צאָלען פון סתם־חברים פון פועלים אין ארץ ישראל, און זייערע פריינד און סימפּאַטיקער מחוץ לארץ ישראל? האָבען זיי געלייענט, זענען זיי באַקאַנט מיט דער גאַנצער געשעעניש און זיין טראַגישען פועל־יוצא? ווייסען זיי וויפיל שמחה דער שריט זייערער האָט געשאַפען אין דער מחנה פון חפשיים און חפשיות. און וויפיל צער, בושה וכלימה, ער האָט גורם געווען צו דער גאַנצער תורה־מחנה, און צו אַלע גדולי התורה והיראה?

* * *

ניין. די חברים פון פועלי אגודת ישראל, האָבען דערפון ניט געוואוסט. נישט זיי האָבען געוואוסט און נישט מען האָט זיי געפרעגט. מען האָט זיי געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. פאַר אַ ביטערען בדיעבד.

מיר זענען זיכער, און טיף איבערצייגט, אַז נישט נאָר זענען זיי ניט געפרעגט געוואָרען, און ניט געגעבען דערויף זייער הסכמה אויף דעם אַזוי־פאַטאַלען שריט, נאָר אויך אַז יעצט, לאחר המעשה, זענען זיי ניט מסכים, אַז אין זייער נאָמען, זאָל מען זיך ערלויבען אָפּצוטהון אַזאַ תועבה בישראל ובאגודת ישראל. עס קאָן ניט זיין, און עס איז ניט מעגליך, אַז די גרויסע צאָלען תמימים וישרים, וועלכע געהערען, צוליב אַרבעט־באַדינגונגען, צו פא״י, זאָלען דורך עטליכע אַמביציעזע און כבוד־און־מאַכט זוכענדע יחידים, זיך לאָזען אַרויסנעמען פונם רשות־התורה און פונם רשות גדולי התורה, און אויסגעליפערט ווערען אינם רשות פון אויסגעשפּראָכענע חפשיים ועוקרי הדת.

ניין, עס איז ניט, און עס קען ניט זיין מעגליך, אַז די אַלע חברים אין פועלי אגודת ישראל, וועלכע זענען נתחנך געוואָרען אין אונזער באַוועגונג, און וועלכע זענען כל ימיהם געשטאַנען אַלס לוחמים אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון קעמפענדען תורה־יהדות, אונטער דער מרות און הנהגה פון גדולי ישראל, זאָלען ערלויבען די פאַרפירטע פירער זייערע, אַז אין זייער נאָמען און אין זייערע כלומר׳שטע אינטערעסען, זאָלען זיי איבערייסען מיט זייער גאַנצען עבר, מיט אַלע זייערע לעבענס־שטרעבונגען און הייליגסטע אידעאַלען, וואָס זיי האָבען אין זיך איינגעזאַפּט פון זייער פּריסטער יוגענט אָן.

אַלע גדולים וצדיקים פון אונזער יעצטיג דור, און מיט זיי און דורך זיי, אַלע גאונים וקדושים מדור הקודם, אַלס די מיסדים ועומדים בראש תנועת אגודת ישראל, שטייען און אַפּעלירען, בעטען און וואָרנען, מיט תחנונים און אזהרות חמורות:

„שאין לנציגי החזית הדתית התורתית (אגודת ישראל ופועלי אגודת ישראל) במסיבות הקיימות, להיכנס לממשלה".

„המועצה מאשרת וקובעת, כי ההחלטה הנ״ל בעינה עומדת ביתר תוקף ושאת, וביחוד לאור המצב הדתי במדינה ההולך ורע ר״ל. וחלילה לשתף פעולה עם הממשלה ולשאת באחריות למעשי־ה, ע״י כניסה לקואליצי־ה הממשלית דהאידנא".

און שוין נאָך דער אונערהערטער עובדא, קומען אַרויס (ב׳ מנ״א) די גדולי ישראל מיט זייערע שאַרפע ווערטער פון אזהרה:

„המועצה קובעת בצער ובכאב עמוק, כי ראשי פועלי אגודת ישראל הוציאו את עצמם מכלל החרדים לדבר ה׳ שהתאגדו בראשות גדולי התורה והיראה בדור העבר, ב„אגודת ישראל" לשם חיזוק האמונה והדת בעם ישראל ככל אשר יורה להם המוסד העליון של אגודת ישראל מועצת גדולי התורה, המורכבת מזקני הרבנים וגדולי החסידות שבכל דור ודור".

איז מעגליך, אַז אַזעלכע שאַרפע ווערטער, און אַזאַ קלאָרער דעת־תורה פון גדולי תורה ושרי יראה, זאָלען נישט מאַכען אויפציטערן יעדען ירא ושלם און יעדען מאמין

אין די רייען פון פא״י, און עס זאָל זיי מאַכען זעען אין וואָס פאַר אַ זומפּ מען וויל זיי פאַרפירען.

איז מעגליך, אַז די עסקנים פון פא״י גייען דאָס, מיט זייער שותפות מיט מפא״י, פאַרזאָרגען און שטאַרקען יהדות־התורה, בעת אַלע אונזערע גדולי ישראל זעען אין דעם אַ סכנה פאַר קיום היהדות. ווייסען זיי די אָפּיס־מענשען פון פא״י טאַקע בעסער און ריכ־טיגער וואָס עס איז מער לטובת החזקת־היהדות ווי אַלע גדולי התורה? איז דאָס ניט מצד זיי, אין דער בחינה פון: „נבל בשם התורה״?

איז מעגליך, אַז אפילו די עומדים בראש הפא״י, וועלכע זענען, מעשה שטן, פאַרפירט געוואָרען פון מאַטעריעלע רווחים, און דורך מאַכט־זוכענדע דערגרייכונגען, זאָלען אַליין נישט מתחרט זיין, טהון תשובה, און אַנטלויפען, כמטחוי קשת, פון זייער פאַטאַלען טעות. זיי זאָלען זיך צוריקקערען צו זייער היים, צו זייער מקור און צו זייערע גדולים און רביים, שמפיהם אנו חיים.

* * *

את אחי אנכי מבקש.

מיר ווילען האָפען, אַז אויך די אין פא״י, וועלכע זענען די אחראים פאַר דעם נזיד־עדשים׳דיגען עסק, וועלען דערזעען און דערפילען די סכנות אין וועלכע זיי האָבען זיך אַליין, און זייערע חברים אין דער באַוועגונג, פּרובירט פאַרפירען.

צו זיי זאָגען מיר, אין נאָמען פון אַלטער ידידות, אין נאָמען פון לאַנג־יאָריגער צוזאַמענאַרבעט בשדה־מלחמתה של תורה ויהדות נאמנה, און בשם אַלע אונזערע קדשי ישראל, און מיר אַפּעלירען מעומק לבבנו:

חזורו בכם! יעצט אין די ימי התשובה איז זיכער, אַז: שערי תשובה לא ננעלו!

אָבער טאָמער נישט. טאָמער שטעקען זיי שוין אַזוי טיף אין זייער פאַרבלענדעניש, אין זייער עולם־הזה׳דיגע „כסא־המלוכה״, אַז זיי זעען שוין נישט פאַר זיך דעם צוריק, זענען מיר אָבער זיכער, אַז די מאַסען חברים פון דער שורה אין פּועלי אגודת ישראל, און אַלע זייערע פריינד און אונטערשטיצער, די בכל אתר ואתר, וועלען יאָ דערזעען די סכנות פאַר זיי און פאַר זייערע דורות הבאים, אין דעם פאַרקויפען זיך צו ווערען שותפים צו מהרסי־דת, און העלפען זיי ווערען די אַבסאָלוטע שלטוני מדינתא אין אונזער ארץ הקדושה. און די סכנות פאַר זיי דורך אָפּרייסען זיך פונם שלטון התורה און דעת־תורה פון גדולי תורה פון דור שלנו און פון דורות הקודמים.

ישראל קדושים הם. אונזערע ערליכע ברידער, יראים ושלמים לדבר ד׳ ותורתו, וועלען זיכער געדענקען די דברי חכמינו ז״ל: את ד׳ אלקיך תירא, את — לרבות תלמידי חכמים. און וועלען זיכער ניט פאַרגעסען די גרויסע אזהרה:

„אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו״.

(ד׳, א, וו., ערב ראש השנה תשכ״א)

נאך דער קאנווענשאן

״ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל״.

אַ צוזאַמענקום פון יראים און חרדים לדבר ד׳ איז אַן־פאַר־זיך אַ גרויס געשעעניש. שוין אונזערע הייליגע חכמינו ז״ל שרייבען צו צו אַזאַ כינוס אַ גאַר־גרויסע באַדייטונג: ״כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקיים״. דער פשט פון ״סופה להתקיים״, מיינט אויך, אַז דורך אַ כינוס לשם שמים ווערט געזיכערט, אַז די מטרה, די געשטעלטע צילען און שטרעבונגען, וועלען האָבען אַ קיום.

אַז אַ כינוס פון ״אגודת ישראל״ איז אַ צוזאַמענקום לשם שמים, דאָס איז קלאָר. צו דעם דאַרף מען נישט קיין ראיות. ווער עס איז זיך משתתף אין אַזאַ ועידה פון ״אגודת ישראל״, זעט דעם צוזאַמענגעפאַרענעם עולם, גדולי התורה און מנהיגי ישראל, רבנים און עסקנים, חסידים ואנשי מעשה, זקנים וצעירים, און דערביי ווי אַזוי, און מיט וואָס, דער פאַרזאַמעלטער עולם איז באַשעפטיגט ביים כינוס, דער זעט וואָס עס מיינט אַ כנסיה לשם שמים. עס ווערט פאַר אים קלאָר, אַז אַזאַ כנסיה וועלכע קומט זיך צוזאַמען נאָר פאַר החזקת הדת און להרבות כבוד שמים, רוט אויף איר די ברכה און הבטחה פון די חז״ל אַז: סופה להתקיים.

* * *

פון יעדען צוזאַמענקום פון ערליכע אידען דאַרף מען וואָס לערנען. פון יעדען כינוס פון דער ״אגודת ישראל״ באַוועגונג, קאָן מען עפּעס אַרויסדרינגען און דערזעען.

אויך די לעצטע 36־טע ועידה פון דער ״אגודת ישראל״ אין אַמעריקא, האָט אונז אַסאַך געלערנט און איבערצייגט.

די קאָנווענשאָן האָט באַוויזן, אַז גאָר גרויסע צאָלען יראים ושלמים געהערען צו אונזער באַוועגונג, אין זייער טיפסטער איבערצייגונג, אַז די באַוועגונג פון ״אגודת ישראל״, איז דער איינציגער פלאַץ פון אַן אָרגאַניזירט תורה־אידענטום, פאַר כלל־ישראל׳דיגע טעטיגקייט, און פאַר תורה־אידישקייט בחוץ לארץ און אין ארץ ישראל. עס קאָנען זיין יחידים, אָדער יחידישע ווינקלען און קרייזען, וועלכע טוען אויך פאַר חיזוק יהדות, אָבער ביי זייער גאַנצער הצלחה, בלייבען זיי ניט מער ווי פאַראיינזאַמטע ווינקלען אָן דעצידירענדע השפעות אין דער אידישער וועלט. אויפהייבען דעם דגל התורה ויהדות־הנאמנה, אים אַרויסטראָגען ברחובה של עיר, און פירען דעם קאַמף פאַר זיין אַנערקענונג, קאָן נאָר באַוויזען אַן אָרגאַניזירטער תורה׳דיגער כלל.

די קאָנווענשאָן האָט אויך באַוויזן, אַז אַרום דער ״אגודת ישראל״ גרופּירט זיך די תורה וועלט. רבנים, תלמידי־חכמים, בני תורה און בני ישיבות, געפונען אָרט פאַר זייער כלל־אַרבעט און געזעלשאַפטליכער אויסלעבונג נאָר אין אונזער באַוועגונג. עס איז אויך געקומען צום בולט׳ן אויסדרוק, אַז גדולי ישראל זיינען מיט דער ״אגודת ישראל״ און זיינען אירע מנהיגים און מכריעים. ווער עס האָט זיך געוואָלט אין דעם איבערצייגען, האָט געדאַרפט זעען די גדולי רבנים, ראשי־ישיבות און אדמורי״ם, וועלכע האָבען זיך אַקטיוו באַטייליגט אין אַלע וויכטיגע אַנטשיידונגען ביי דער קאָנווענ־

שאָן, און זעען וויפיל רעספּעקט און יראת־הכבוד אַלע דעלעגאַטען און געסט האָבען אַרויסגעוויזען צו די גדולי ישראל.

* * *

איינע פון די הויפּט־צילען ביים שאַפען די אגודת ישראל אַלס אַ וועלט־באַוועגונג, איז געווען דאָס אַרויסנעמען דעם רעליגיעזען איד פון זיין אָפּגעשלאָסענעם קרייז, פון זיינע באַגרענעצטע דלית־אמות, פון זיין שטאָט און לאַנד, און מאַכען פון אים אַ וועלט־איד. אויפהייבען אים פון זיינען לאָקאַלע און באַגרענעצטע השגות, און אים דערציען צו פאָלקס־באַוואוסטזיין און אחריות פאַרן כלל און פאַרן דור.

עס איז געווען די אויפגאַבע פון „אגודת ישראל" צו באַפרייען יעדען אָרטאָדאָק־סישען יחיד, ווי דעם גאַנצען רעליגיעזען צבור, פון דער אַרויפגעצוואונגענער אפּטרופּסות פון די כלערליי חפשיים; מאַכען דעם אָרטאָדאָקסישען צבור פאַר זעלבסטשטענדיג און באַפרייען אים פונם „גלות ביי אידען"; פאַרוואַנדלען תורה־אידען אין אַן אומאָפּהענגיקען תורה׳דיגען כלל ישראל, וועלכער זאָל זיין דער בעל־הבית איבער זיך, און איבער זיינע ענינים און אינטערעסען.

נישט לייכט איז עס דערגרייכט געוואָרען. דער אָרטאָדאָקסישער עלעמענט איז נישט אַזאַ לייכט מאַטעריאַל צום אָרגאַניזירען. יעדער איד און יעדער קרייז, יעדעס אָרט און יעדע מדינה, האָט זיינע איינגעפונדעוועטע דרכים און מסורת־אבות, און ניט אַזוי לייכט וויל ער עפּעס אויפגעבען פון זיין אייגענאַרטיגקייט און דרכי־החיים און ווערען אַ טייל פון כלל. אויך די פרייע מושלים, וועלכע האָבען געקוקט אויפן פרומען אידענטום ווי אויף אַן אומאָרגאַניזירטע מאַסע אין וועמענס נאָמען זיי האָבען געקאָנט אומגעשטערט רעדען, האָבען אויך ניט לייכט געוואָלט אויפגעבען זייער העגעמאָניע און אַפּטרופּסות אויפן פרומען איד.

אָן אַ שיער באַמיאונגען האָט עס געקאָסט, ביז די „אגודת ישראל" באַוועגונג איז געוואָרען דאָס וואָס זי איז געוואָרען: דער אָנערקענטער רעפּרעזענטאַנט, כלפי פנים וכלפי חוץ, פונם תורה־אידענטום און פון תורה־אידישקייט.

* * *

און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין די זעלבע שוועריגקייטען שטויסען מיר זיך נאָך אָן אַפילו היינט־צו־טאָג. נאָך היינט זיינען פאַראַן טיילען פון פרומען אידענטום וועלכע פאַרשטייען נישט, אָדער ווילען נישט פאַרשטיין, די נחיצות פון אַן אָרגאַניזירטען תורה כלל, און טוען בעסער בעפאָרצוגען יחידישע אָדער קרייזעלדיגע אַקטיוויטעטען. נאָך היינט זיינען פאַראַן פירענדע פּערזענלעכקייטען, תורה׳דיגע בעלי־השפעות, וואָס אַנשטאָט העלפען אויסבויען אַ צענטראַלען כח פון אַלע אמת׳ע יראים איבער דער וועלט, שוואַכען זיי גאָר אָפּ דעם געדאַנק פון אחוד, און העלפען סעפּאַרירען און שפּאַלטען דאָס ביסעל געבליבענע כחות פון ישראל סבא.

אויך פון דעם פרייען צד ווייזט זיך נאָך געוונג ווידערשטאַנד געגען אונזערע אָרגאַניזירטע כחות. אויך זיי זיינען נאָך נישט משלים מיטן געדאַנק, אַז מיר תורה־אידען זיינען שוין אונזערע אייגענע בעלי־בתים. זיי ווילען נאָך בלייבען אונזערע „מורי דרך", און דער עיקר, זיי האָבען נאָך ניט אויפגעגעבען דעם חשק אונז צוריקשיקען אין ענגען ווינקעל, און האַלטען די גרויסע אידישע וועלט מיט איר גאַנצער געזעלשאַפטלעכקייט פאַר זייער אייגענטום.

* * *

אַזאַ בפירוש'ען איינדרוק האָט לעצטענס ווידער געגעבען דער רעדאַקטאָר פון „טאָג" מר. ס. דינגאָל. אין „טאָג" (נאָוועמבער 29) צושרייבט ער זיך מיט עצות און קריטישע באַמערקונגען אַרום דעם לעצט־אָפּגעהאַלטענעם קאָנווענשאָן פון דער „אגודת ישראל". ספּעציעל זיינען כאַראַקטעריסטיש זיינע שורות: „דער שבת פון דער קאָנווענשאָן איז יעדע מינוט אויסגעפּילט געוואָרען מיט שבת'דיגער קדושה, תפלה און תורה. די ראשי ישיבה האָבען געזאָגט פּלפּולים, רביים האָבען געזאָגט תורה און מנגנים האָבען געזונגען זמירות. דאָס האָט מיך באמת געפרייט. אַזוי, האָב איך געטראַכט, דאַרף אויסזען אַ קאָנוועגשאָן פון רעליגיעזע אידען".

נו, איז דאָך גוט, וואָס אַ קאָנוועגשאָן פון תורה־אידען האָט אַזוי נושא־חן געווען ביי מר. דינגאָל, אַז עס האָט אים „באמת געפרייט". אָבער, ליידער, איז זיין שמחה באַלד צושטערט געוואָרען. ווייל אַ שורה וויטער זאָגט ער שוין: „ווען איך בין אָבער געקומען צו די וואָכעדיגע טעג, איז מיין שטימונג שטאַרק געפאַלען, און איך האָב געטראַכט, אַז עס וואָלט בעסער געווען ווען די „אגודה" וואָלט געהאַט אַ „יום שכולו שבת".

יאָ, דאָס זיינען קלאָרע דיבורים. מען וויל אונז פרומע אידען האַלטען פאַרן שבת... דעם דערוואָכען, אַלע פּאַקטישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען אינם אידישען לעבען, זאָל מען לאָזען פאַר זיי, אונזערע פאַרזאָרגער. מיר דאָס רעליגיעזע אידענטום, זאָלען זאָגען פּלפּולים, רעדען דברי תורה און זינגען זמירות אין אונזערע היימען און אין די בתי־מדרשים, און אַפילו ביי קאָנוועגשאָנס... דאַגעגען פאַרוואַלטען און אָנפירען מיט אַלע צרכי־העם וועלען שוין זיי. די בעלי־בתים איבער די ששת ימי המעשה פונם אידישען פאָלק בלייבען זיי. אונז לאָזען זיי דעם שבת. צו אונזער דעה און מיינונג וועלען זיי קומען, ווען עס וועט זיך זיי פאַרגליסטען אין אַ שבת'דיגען טאָג; ווען עס וועט זיך זיי אַמאָל פאַרבענקען נאָך אַ ביסעלע זמירות און געפילטע פיש...

דאָס היסטאָרישע און אייביגע סיני־אידענטום קאָן זיך, לויט זייער חשק, רוהיג אין דעם „יום שכולו שבת", שמועסען דברי תורה און עוסק זיין בנגינה, אַלעס איבריגעס אין אידישען פאָלקס־לעבען וועלען שוין פאַר אונז פאַרזאָרגען די בן־גוריון'ס און בר־יהודה'ס אין ארץ ישראל, און די אבא הלל סילווער'ס און מרדכי קאַפּלאַנ'ס אין חוץ לארץ. זיי וועלען שוין אויספורעמען די „נייע" אידישע צורה, מהות און תוכן פונם „נייעם אויפגעלעבטען" אידיש פאָלק, ערציען די אידישע יוגענט, איינאָרדנען זייער מאָראַלען און גייסטיגען לעבען. און אַפילו אין אַזאַ יסודות'דיגע פראַגע ווי „ווער איז אַ איד" פסקנ'ט דינגאָל: „עיקר פראַגען פון יהדות קאָנען נישט דערצידירט ווערען בלויז פון תורה־אויטאָריטעטען". לויט זיין מיינונג, האָבען זיי, די בעלי־הלכה, בלויז דאָס רעכט צו רעקאָמענדירען וואָס צו טאָן. דעצידירען למעשה וועט דער קאַרל מאַרקס'דיגער בר־יהודה וחבריו.

מיר וועלען לערנען און זינגען, און זיי וועלען „פירען" דעם עם ישראל. מען וויל אונז פרומע אידען צוריק אַרויסנעמען און איזאָלירען פונם אידישען לעבען, אונז צוריק־שיקען ל„יום שכולו שבת", בכדי דער כלל ישראל זאָל זיך געפונען אין אויסשליסלעכען רשות פון די מחריבי־היהדות, און פון די וועלכע ווילען אויסליידיגען דעם עם הקדוש און דאָס ארץ הקדושה פון זייער היסטאָרישען און הייליגען אינהאַלט.

* * *

„אגודת ישראל", די וועלט־באַוועגונג פונם תורה־אידענטום, איז געקומען אין אונזער דור פאַר החזרת עטרה ליושנה. פאַר מער נישט לאָזען הפקר דעם כלל ישראל אין די הענט פון פעלשער פונם היסטאָרישען אידענטום.

„אגודת ישראל", האָט צוריקגעברענגט די טרעגער פון מסורה׳דיגער יהדות צום עפענטליכען לעבען, בכדי זיך און זיינע אינטערעסען צו פאַרטרעטען דורך אייגענע וואָרט־זאָגער. דער „יום שכולו שבת" האָט אַן ענגע שייכות מיט די ששת ימי המעשה; מען קאָן נישט זיין אין שבת „כולו קודש" אויב די ימי החול זיינען „כולו חול"; די אויפגאַבע פון אידישקייט, און ממילא פונם איד, איז צו פאַר׳שבת׳ן די ימי החול; אויסציען די קדושה פון שבת אויף אַלע וואָכענדיגע טעג. ביי אידען איז נישט געטיילט אַבסאָלוט די קדושה פונם חול, מען דאַרף הייליגען אויך דאָס וואָכענדיגע. קדש עצמך במותר לך, דאָס איז די העכערע אויפגאַבע פון יעדען איד, און דער העכערער ציל פון דער גאַנצער אידישקייט. לית אתר דפנוי מיני׳, די קדושת השם יתברך איז אויסגעשפרייט אויף דער גאַנצער בריאה, און נעמט אַרום יעדען איד וכל מעשיו, די שבת׳דיגע ווי די וואָכענדיגע.

„אגודת ישראל", די באַוועגונג פון תורה־יהדות, גלויבט באמונה שלמה, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין איין פּראָבלעם אינם אידישען לעבען וואָס זאָל נישט קאָנען רעגולירט ווערען לויט די ג־ט׳ליכע חוקי־התורה און יסודי־הדת, און איז טיף איבערצייגט, אַז נאָר דאַמאָלס האָט עס אַ קיום־נצחי.

* * *

פון דעם דאָזיגען גייסט איז געווען באַהערשט די קאָנווענשאָן פון „אגודת ישראל".

מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז סוף־כל־סוף איז אַ קאָנווענשאָן נאָך נישט דאָס אָרט פאַר רעאַליזירונג פון געשטעלטע אויפגאַבען. אַ קאָנווענשאָן איז אויך נישט מער ווי אַ בחינת שבת. די פּראַקטישע רעאַליזירונג פון די אויפגאַבען, קאָן ערשט קומען אין די ימי המעשה פון טאָן און אויפטאָן. און עס בלייבט צו האָפען, אַז דאָס גאַנצע אָנגעקליבענע התלהבות אין די טעג פון דער ועידה, וועט באַגלייטען, אַזוי די פירערשאַפט ווי אַלע חברים בכל מקום שהם, און זיי אָנרעגען צו גרויסע מעשים פאַר דער רעאַליזירונג פון די היסטאָרישע חובות און אחריות׳ן אין דער איצטיגער הרת־עולמ׳דיגער צייט.

עס בלייבט אויך צו האָפען, אַז עס וועלען דאָך געפונען ווערען די וועגען און אופנים צו רעאַליזירען די ענד־צילען פון „אגודת ישראל", פאַר שאַפען דעם צענטראַלען און פאַראייניגטען פראָנט פון אַלע חרדים לדבר ד׳, וועלכע זאָלען שטיין געשלאָסען, כאיש אחד ובלב אחד, פאַר צוריקברענגען דעם שלטון התורה אין דער אידישער וועלט.

(ד. א. וו., כסלו, תשי״ט)

פאַרגעסט נישט דעם עיקר

די יוגענט איז אין אַלע באַוועגונגען דער שטויס־קראַפט, דער כח־הדוחה, וואָס טרייבט צו אַרבייט און שטויסט צו אַקטיוויטעט. יוגענט, דאָס איז דער דופק און רוח החיים פון יעדער אָרגאַניזאַציע.

און אויב דאָס איז אַזוי ביי אַלע באַוועגונגען, איז עס נאָך מער ביי אונז אין אגודת ישראל. וואו דער גרעסטער טייל פונם עלטערן דור, זענען מענשען וואָס עברו רוב שנותם אין פאַרצייטיגע דרכים און אופני־החיים; מענשען וואָס זענען נישט אויס־געוואַקסען אין אָרגאַניזאַציאָנעלער דיסציפּלין; און קענען נישט — ביים בעסטען ווילען — זיך צופּאַסען צו אַלע פּאַרטיי־פאָרמען; פאַרנעמט דאַריבער די יוגענט אין אונזער באַוועגונג אַוודאי אַן אנזעענדיגען פּלאַץ, אַלס די וועלכע זענען ערצויגען אין אגודיס־טישען באַוואוסטזיין און דיסציפּלינירט אין דער אגודיסטישער כלל־אַרבייט.

אויב מען זעט ווי די אגודה־באַוועגונג צעוואַקסט און צושפּרייט זיך ב״ה וואָס־אַמאָל מער אין אַלע ווינקלעך פון פּוילען, און דרינגט אריין וואָס־אַמאָל טיפער אין די ברייטסטע קרייזען פון דער אידיש־רעליגיעזער באַפעלקערונג, געשעט עס הויפּטזעכליך אַ דאַנק די יוגענטליכע כחות אין אונזערע רייען.

דאָס האָבען אונז געקאָנט קלאָר און בולט איבערצייגען די וואַל־אַקציעס, וואָס עס איז אונז אויסגעקומען צו פירען לעצטענס, צום סיים און צו די קהלות. אין דאָזיגען זייער שווערען קאַמף האָבען אַלע אָפענע און פאַרמאַסקירטע שונאי־הדת זיך פאַרמאָסטען אונז צו געבען אַ „טויט קלאַפּ״... און ווען מיר זענען אַרויס פון אָט דער סכנה, נישט בלויז ניט צוקלאַפּט, נאָר גראָד פאַרקערט, דער „טויט קלאַפּ״ האָט גאָר געטראָפען די טויט־קלאַפּ געבער, און מיר זענען פון זיי אַרויסגעקומען נאָך פאַרשטאַרקט און געק־רעפטיגט, איז עס צו פאַרדאַנקען דאָס וואָס מיר האָבען אונטער זיך אַ גרויסע יוגענט. אַ תורה־יוגענט פול מיט באַוואוסטזיין און אידעאַליזם, פול מיט איבערגעגעבענהייט און התלהבות פאַר אונזערע צילען, געדאַנקען און אידעען.

* * *

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז אויב די אגודת ישראל וויל, און זי מוז עס וועלען, פירען אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבייט בכדי אַריינצונעמען אין אירע רייען אַלע אידען שומרי הדת, און קאָנצעטרירען אונטער איר דגל־התורה אַלע אידען וועלכע דענקען און פילען אמת־אידיש, מוז מען קודם־כל אָרגאַניזירען און אידעאַליזירען אונזער יוגענט. ווייל נאָר אַ גרויסע און שטאַרקע יוגענט קאָן אונז געבען אַ גרויסע און שטאַרקע אגודת ישראל.

די אַזוי־אָפטע פּאָליטישע קאַמפען וואָס ווערען אָנגעוואָרפען דעם תורה־אידענטום, און מיר מוזען בעת די קאַמפען אַריינציען אונזער יוגענט, ווערען אָבער גורמים וואָס אַ גרויסער טייל פון אונזערע צעירים פאַרגעסען זייערע אייגענטליכע יוגענטליכע תורה־אויפגאַבען, און מיינען שוין באַלד, אַז זיין אַן אַגודיסט הייסט: מסכים זיין מיט די אגודיסטישע פּאָליטישע ליניע; פירען דעם קאַמף פאַר אָט דער ליניע; און ב„רעיון״ מסכים זיין מיטן אגודה־פּראָגראַם פון: לפטור את כל הענינים ברוח התורה והמסורה,

מען קאָן היינט שוין, ליידער, אָנטרעפען אויף צעירים וואָס האָבען שוין פאַרגעסען, אָדער הייבען גאָרנישט אָן צו וויסען, אַז אַ חוץ ב„רעיון", דאַרף מען אויך טאָן ב„פועל", און אַז כדי צו קאָנען אָנטשיידען „אַלע ענינים אין גייסט פון תורה ומסורה", מוז מען קודם־כל אַליין לערנען און זיך מייגע זיין אין תורה און אין עבודה. די באַוועגונג פון אגודת ישראל, איז באַשאַפען געוואָרען דורך די גדולי ישראל, פאַר פאַרשטאַרקען און פאַרפאַנצערען די תורה־פּאָזיציעס פונם תורה־אידענטום. אָבער די ערשטע, גרעסטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע אונזערע איז און בלייבט, דאָס מגדל זיין דורות פון בני תורה און מאמינים. און זיכער איז דאָס דער וויכטיגסטער און הייליגסטער חוב פון דער יוגענט גופא. די השלמה עצמית בתורה וביראה, במדות ובעבודת השם.

מיר מיינען נישט דערמיט, אַז אין די צעירים־רייען זאָל זיך ניט געפונען פלאַץ אויך פאַר שוואַכערע (אין גייסט) חברים. פאַרקערט, די טירען דאַרפען זיין אָפען פאַר אַלע וועלכע וועלען נאָר צו אונז קומען; פאַר אַלע וועלכע ערקלערען זיך אַלס צוגעבונדענע צו דער תורה־מחנה; פאַר אַלע וועלכע ווילען אונז העלפען אין אונזער זער שווערען געראַנגעל, וואָס קומט אונז אויס צו פירען פאַרן דערהאַלטען אונזער רעליגיעז לעבען און הנהגה.

יאָ. ליב און טייער זענען אונז די אַלע וואָס קומען צו אונז און העלפען אונז צו. אָבער זיי קאָנען נישט, און טאָרען נישט, ווערען די פירער, טאָן־געבען און משפיעים. ווייל אין דעם פאַל, קאָן אונז דראָען, אַז מיר זאָלען דאַדורך מחליף זיין את היוצרות, און פאַרטוישען דעם עיקר פאַר אַ טפל און דעם טפל פאַר אַן עיקר. אָרגאַניזאַציע, געזעלשאַפטליכע ענינים און פּאָליטישע טעטיגקייט, אויב זיי זענען געווענדעט פאַר החזקת התורה והיהדות, זענען אמת זער און זער וויכטיגע ענינים. דערצו זענען מיר דורך די גדולי התורה גערופען געוואָרען. אָבער ווי וויכטיג זיי זאָלען ניט זיין, בלייבען זיי דאָך נישט מער ווי אַ טפל לגבי דעם עיקר; ווי מיטלען פאַר דעם ציל.

דאָס זענען אַלץ מיטלען פאַר העלפען דערגרייכען די אמת'ע מטרה. און די מטרה איז: דערהאַלטען תורה־יהדות ביים עם התורה; צוריק אַריינברענגען דעם רוח התורה והאמונה אין די אידישע מאַסען; הפצת ולימוד התורה אין אַלע אידישע קרייזען; לערנען אידען צו פאַרשטיין, אַז: אין אומתנו אומה אלא בתורה; און מגדל זיין דורות בני תורה, יראי השם און בעלי מדות ומעשים טובים. דורות נאמנים לד' ולתורתו, און לוחמים בעד כל קניני וקדשי ישראל.

אַלע אין אגודת ישראל דאַרפען דאָס געדענקען. און זיכער די צעירי אגודת ישראל, וועלכע זענען דער עתיד פון אגודת ישראל און דער עתיד פונם עם ישראל.

(אָרטאָדאָקסישע יוגענד בלעטער, ווארשא, טבת תרצ"ב)

נצחיות ישראל

- וועך איז אַ איד
- מיר זענען יאָ אַן עם הנבחר
- תשובה שטימונגען ביי אידיש־וועלטליכער אינטעליגענץ
- ולמות לא נתנני
- פסח — ספירה — שבועות
- אידישקייט און וועלטליכקייט

ווער איז א איד

עס קוקט אויס זייער טשיקאַווע אַזאַ מין שאלה. וואָס הייסט ווער איז אַ איד? ווער קאָן דען זיין אַ איד אויב ניט אַ איד. וואָס דען, אַ גוי איז אַ איד?

וואָס קאָן זיין פשוט'ער און זעלבסטפאַרשטענדלעכער?

פאַראַן אָבער צייטען ווען אַפילו דאָס פשוט'סטע הערט אויף זיין פשוט. עס קומען מאָמענטען וואָס אַפילו אין דער גרעסטער קלאָרקייט קומען אַריין פאַרוויקלונגען און קאָמפּליקאַציעס, און דער אור השמש בצהרים, קאָן אויך ווערען פאַרשטעלט מיט וואָלקענס און פאַרפינסטערט מיט כמאַרעס.

און אָט אויך אַזאַ קלאָרער און פשוט'ער ענין ווי ווער איז אַ איד, הויבט אָן אין אונזער צייט צו ווערען אויס קלאָר און אויס פאַרשטענדלעך.

דאָס זאָרגט שוין פאַר אונז די ממשלת ישראל. די „חכמים וידעי בינה" אין מדינת ישראל פאַרזאָרגען כסדר אונזער אידיש פאָלק מיט פּראָבלעמען. יעדען טאָג מיט נייע. איידער מען ווערט פטור פון איינעם, שטעלען זיי אונז צו אַ צווייטען. מיר זיינען כסדר ווי אין אַ טראַנס, ווען צרות אחרונות משכחות את הראשונות.

און אַזוי, נישט־מיר און נישט־דיר, האָבען זיי אונז אונטערגערוקט אַ פרישע פּראָבלעם: ווער איז אַ איד? אין קלאָרע דיבורים הייסט די שאלה: בכדי צו זיין אַ איד מוז מען טאַקע זיין אַ איד, אָדער מען קאָן זיין אויך אַ גוי און דאָך „זיין אַ איד"...

איר שטוינט. איר פרעגט ווי איז אַזאַ זאַך מעגלעך? אָבער אַזוי איז עס. דערויף האָבען מיר אָן אייגענע מדינת ישראל, און פרעגט ניט קיין שאלות.

* * *

דורות־לאַנג האָבען מיר אידען געוואוסט ווער עס איז אַ איד. מיום היותנו לעם, האָבען מיר ניט נאָר געוואוסט ווער ס'איז אַ איד, נאָר אויך געוואוסט וואָס עס איז אַ איד. וואָס פאַר זכותים ער טראָגט מיט זיך און וואָס פאַר אחריות'ן ער טראָגט אויף זיך. פאַר אַלע דורות און צייטען זיינען אין דעם ניט געווען קיין ספקות. עס איז געווען קלאָר, אַז יעדעס קינד וואָס ווערט געבוירען אַלס איד איז אַ איד. און לויט די דיני תורה, איז אַ איד אויך יעדעס קינד וואָס ווערט געבוירען פון אַ אידישער מוטער. עס קאָן, לויט דער הלכה, אויך אַריינגענומען ווערען בקהל־ישראל אַ גר צדק. דאָס הייסט, אַ ניט־איד וואָס נעמט אָן אידישקייט אויס איבערצייגונג אין אידישער אמונה. ער איז זיך מגייר דורך מילה וטבילה און דורך קבלת עול מצוות, און דאַן ווערט ער אַריינגענומען אינם כלל ישראל.

זיכער, אַ פולער איד, איז דער איד וואָס איז אַ מאמין אין בורא עולם און אַ שומר תורה ומצוות. דער וואָס איז עס נישט, קאָן הייסען חוטא, פושע, אָן עבריין, און אַפילו גאָר אַ מומר להכעיס, אָבער דאָך אויס איד ווערט ער נישט. לויטן כלל פון חכמינו ז"ל: „ישראל אף־על־פי שחטא ישראל הוא".

אַזוי איז עס געגאַנגען דורות־לאַנג. אַזוי איז געווען אָנגענומען ביי אונז אידען במשך אונזער גאַנצער עקזיסטענץ, ביזן היינטיגען טאָג.

ביזן היינטיגען טאָג, ווען מיר האָבען דערלעבט אַן אייגענע מדינה. מדינת ישראל, דורך איר פירערשאַפט, האַלט ביים ענדערען דעם גאַנצען באַגריף: ווער עס איז אַ איד און וואָס איז אַ איד. זי פאַרמעסט זיך משנה זיין די גאַנצע סדרי־בראשית.

די אידישע מדינה, זעט אויס, קאָן דעם אַנגענומענעם פסק פון דורות מער ניט „אַנערקענען". די אידישע מדינה, וועלכע דאַרף — אליבא דכל הדיעות — פאַרזיכערען דעם תוכן און קיום פונם עם ישראל, וויל גאָר, דורך אירע איצטיגע מנהיגים, אונ־טערגראָבען די אידישע יסודות און איינברעכען אַלע פאַרפאַנצערטע חומות בית ישראל, דורך איבער׳פסק׳ענען די הלכות בישראל, און ניט שוינען אַפילו אַזאַ יסודות׳דיגע הלכה: ווער איז אַ איד. אַזוי אַז פון היינט אָן, דאַרף אַ איד ניט מער זיין געבוירען קיין איד, אָדער זיך מגייר זיין אַלס איד. נאָר יעדער מענש — איד צי ניט־איד — וואָס דערקלערט זיך פאַר דעם מדינה־פקיד אַלס איד, ווערט ער שוין דערמיט נכתב ונחתם פאַר אַ איד.

אַזוי האָט גע׳פסק׳נט דער שר־הפנים בר יהודא פון לינקען „אחדות העבודה". מיר לעבען אין אַ מאָדערנער מדינה און אינם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט — זאָגט ער, דער מיניסטער — און עס פּאַסט נישט מער צו לעבען לויט „פאַרצייטישע באַגריפען און הלכות"...

אַז בן גוריון איז, מחוץ זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטען, אַלס ראש הממשלה און שר הבטחון, אויך אַ „יודע הכל", אַן אַבסאָלוטער מומחה אין אַלע ענינים, און אַ „פוסק" אַפילו אין עניני דת ודין, דאָס איז שוין לאַנג באַקאַנט... מסתמא שעפּט ער זיינע אידישקייט „לומדות" פון די אַלט־גריכישע מקורות, אין וועלכע ער גריבעלט זיך... איצט האָט זיך דער „אחדות העבודה" פאַרמאָסטען אַרויסצוגעבען איר אייגענעם „אוטשאַני יעוורעי", איר אייגענעם פּוסק. און איר מיניסטער האָט אָפּגע׳פּסק׳נט קלאָר איר ערשטע „בייע הלכה", אַז יעדער גוי „איז אַ איד", אויב נאָר ער זאָגט אַזוי... און אין איינוועגס וועט שוין ממילא מיט אַמאָל דערמיט טאַקע אויך „געלייזט" ווערען דאָס אַזוי אַנגעווייטאָגטע פּראָבלעם פון טויזענטער גוי׳אישע פרויען און גוי׳אישע קינדער וועלכע ווערען אַריינגעבראַכט דורך דער „אידישער אַגענטור" קיין ארץ ישראל, און פאַרפּלייצען דעם ישוב מיט זייער שרעקלעכער תערובות. אַלע וועלען אויטאָמאַטיש ווערען „אידען"...

* * *

וואָס געשעט דאָ? פאַרשטייען אידען און גיבען זיך אָפּ אַ חשבון אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך? וואָס זיינען די כוונות פון די מפירי־הברית מיט זייערע „פּסקים"?

עס איז אפשר די גרעסטע סכנה, וואָס מיר אידען האָבען ווען־עס־איז איבער־געלעבט. די גרעסטע געפאַר פאַר אונזער פאָלק, פאַר אונזער ריינקייט און פאַר אונזער דת ואמונה.

מען וויל מהפך זיין את הקערה על שוליה. מען וויל ענדערען די גאַנצע צורה, דעם תוכן און נשמה פונם אידישען פאָלק. און דאָס פאַרמעסט מען זיך צו טאָן מיטן כוח פון ארץ ישראל. דורך דער ארץ הקדושה, וועלכע מיר אידען האָבען געטראָגען אין אונזערע הערצער און נשמות אין אַלע דורות מיט אַזאַ ציטערדיגער הייליגקייט; מיט דעם רעיון פון שיבת ציון, וועגען וועלכער מיר האָבען מיט אַזוי פיל בענק־שאַפט גע׳חלומ׳ט און געהאָפט; איז דווקא דורך זיי — אָט די קדשי־קדשים׳דיגע

געפילען — וויל מען „באַנייען״ אונזער עם ישראל און עס אויסליידיגען פון זיין קשר מיט דת און אמונה.

דאָ האַנדעלט זיך שוין נישט אין אַן איינצעלנעם פּרט — הגם יעדער פּרט און יעדער קוצו של יוד פון תורה והלכה איז קודש קדשים, — דאָ האַנדעלט זיך אין כל התורה כולה, און אויך אין עם ישראל כולו; אין אַ פּלאַנירטען אַנגריף אויף דער תורה און דעם עם התורה; אויפן ישוב אין ארץ ישראל און אויפן אידענטום בכל תפוצות ישראל; אויף איצט און אויף הדורות הבאים.

מען וויל מבלבל זיין דאָס אידישע פאָלק, מען זאָל מער ניט וויסען ווער איז באמת אַ איד און ווער איז אַ „דעקלאַרירטער איד״, און באמת אַ גוי. מען וועט זיין געצוואונגען איינצופירען אַ „ספר יוחסין״, בכדי צו זיין זיכער פאַר אַ קהל־ישראל, פאַר חיתון־ישראל און פאַר אַ קבר־ישראל.

אַ שרעקלעכער פאַל וואָס האָט ניט זיין גלייכען אין אונזער גאַנצער געשיכטע.

זאָל דאָס מיינען דער אַזוי־באַזונגענער „קיבוץ־גליות״?

אַריינברענגען אין אונזער הייליגער ארץ האבות אַלע פסולת׳ן פון אַלע גלות׳ן; אַריינברענגען מכל מינים שהוא, גוים, אידען, האַלבע אידען און האַלבע גוים, און פון אַלע מאַכען אַ מיש־מאַש, אַ ניי פאָלק פון „ישראלים״...; שאַפען אַ סיטואַציע וואָס נאָך אַ דור־צוויי וועט מען שוין נישט וויסען ווער איז ווער, און ניט קאָנען מבחין זיין בין דא לדא. אַלע וועלען ווערען כשר׳ע „אידען־ישראלים״, און עס וועט אָפּגע־ווישט ווערען יעדער הפרש צווישען איד און ניט־איד.

מיינט דאָס זייער „מיזוג־גליות״? ליקווידירען אַלע גלות׳ן און אויסשמידען אַ נייעם גלות. אַ „גלות ביי אידען״, וואָס זאָל באַווייזען אַזאַ גייסטיגע הריסה בישראל וואָס קיין שום גלות האָט נישט באַוויזען?

אַז פון דעם תערובות און ערב־רב וועט קיין איין גוי ניט ווערען קיין אמת׳ער איד, דאָס איז קלאָר פאַר יעדען. מען וועט נאָר שאַפען אַ מצב, וואָס קיינער וועט מער ניט וויסען ווער עס איז יאָ אָדער ניט אַ איד.

* * *

בן גוריון, דער וואָרט־זאָגער אין דער מדינה, האָט זיכער געדאַרפט האָבען פאַר זיינע אויגען די אויפגאַבע צו דערהאַלטען דאָס גאַנצקייט פונם כלל־ישראל, און זען די גרויסע סכנות וואָס אַזעלכע רעפאָרמיסטישע איינפירונגען קאָנען ברענגען פאַרן עם ישראל און מדינת ישראל.

אָבער אויך ער, בן גוריון, גיסט צו אויל צום פייער וואָס קאָן אויפפלאַקערען און גורם זיין צו פאַרניכטונגען אין די חומות בית ישראל.

„רעליגיע האָט שוין אויפגעהערט צו זיין דער בונד וואָס פאַראייניגט אידען״. „מדינת ישראל קאָן זיך ניט בויען לויט חוקי התורה״, — אַזעלכע דערקלערונגען מאַכט ער כסדר אין דער כנסת. לעצטענס האָט ער אונז מזכה געווען מיט זיינער אַ דעפיניציע וועגען ווער און וואָס איז אַ איד. „אַ איד איז דער וואָס לעבט לויט די פאַרשריפטען פון קאַפּיטעל ט״ו פון תהלים״, דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל תהלים רעדט וועגען ערלעכקייט, גערעכטיגקייט, אמת, יושר און דאָס אַלץ וואָס ווערט אין אונזער תורה הקדושה באַצייכענט אַלס „מצוות שבין אדם לחבירו״, און אין דער מאָדערנער שפּראַך אַלס די „עטיק און מאָראַל פון אידענטום״.

בן גוריונ׳ס דעפיניציע פון אַ איד, איז לגמרי ניט קיין נייע אַנטדעקונג. זי איז לגמרי ניט קיין המצאה פון „אַ מיניסטאַרען־קאָפּ״. ער האָט עס גענומען מן המוכן, פון אַלטע שוין לאַנג־פאַרגעסענע השכלה־ביכער.

אָבער ווייסט נישט בן גוריון, וואָס עס איז געוואָרען פון די אַלע שאַפער פון די השכלה באַוועגונגען; וואָס עס איז געוואָרען פון די אַלע פרעדיגער פון צעטיילען די תורה הקדושה אויף צוויי׳ען, און אָננעמען נאָר דעם טייל פון „בין אדם לחבירו״ און אָפּוואַרפען דעם טייל פון „בין אדם למקום״. ליבט ער זיך דאָך צו גריבלען אין היסטאָריע, אפשר קאָן ער אויסגעפינען וואָס עס איז געבליבען פון זיי אַלע, וואו געפינט זיך זייער זכר און דער זכר פון זייערע קינדער און דורות...

וואו, וואו, אין דער אידישער מחנה וועט ער זיי מער נישט געפינען...

און איז ניט דער גאַנצער גייסטיגער קריזיס פון די אַלע היינטיגע „וועלטלעכע״ אידען, און דער מאָראַלישער קריזיס פון דער „וועלטלעכער״ ארץ ישראל׳דיגער יוגענט, ניט אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס מ׳האָט פון זיי אַרויסגעריסען יעדען פונק פון אמונת השם, יעדען קשר צו תורה ומסורה, און זיי ממילא אויסגעליידיגט פון יעדען מקורות׳־דיגען תוכן, און געלאָזט זיי הויל און פוסט.

ווייסען זיי, די בן גוריונ׳ס און בר יהודא׳ס, גאָרנישט דערפון?

אוודאי ויינען די ווערטער פון דוד המלך, דעם הייליגען נעים זמירות ישראל, אינם קאַפּיטעל ט״ו אין תהילים, הייליג און יסודות׳דיג פאַר יעדען איד און מאמין. אָבער דאָס איז נאָר אַ טייל פון אידישקייט, וואָס עס איז גילטיג אויך פאַר דער גאַנצער מענשהייט. פאַראַן אָבער נאָך אַ טייל אין דער תורה וואָס איז מחייב ספּעציעל יעדען איד, און איז דערויף מושבע ועומד. דאָס איז דער טייל פון מצוות און חיובים שבין אדם למקום. פאַרוואָס מישט נישט אויף בן גוריון דעם זעלבען תהלים אין קאַפּיטעל ק״ה און דאָרט לייענען: „כי זכר את דבר קדשו את אברהם עבדו... ויתן להם ארצות גוים ועמל לאמים יירשו. בעבור ישמרו חקיו ותורותיו ינצרו. און ווי קאָן ער נאָך אַזעלכע פסוקים דערקלערען אַז „מדינת ישראל קאָן זיך ניט בויען לויט חוקי התורה?״

און אויב שוין יאָ פאַררופען זיך אויף אונזער הייליגען ספר־הספרים, פאַרוואָס ניט לערנען די פסוקים ל׳ און ל״א אין נחמיה, קאַפּיטעל י׳:

„מחזיקים על אחיהם ובאים באלה ובשבועה ללכת בתורת האלקים אשר נתנה ביד משה עבד האלקים ולשמור ולעשות את כל מצות ה׳ אדוננו ומשפטיו וחקיו״. „ואשר לא נתן בנותינו לעמי הארץ ואת בנותיהם לא נקח לבנינו״.

און פאַרוואָס טאַקע שוין נישט אויפמישען אַ שטיקעלע חומש אין פרשת קדושים:

„ושמרתם את כל חקתי ואת משפטי ועשיתם אתם ולא תקיא אתכם הארץ אשר אני מביא אתכם שמה לשבת בה״. „ולא תלכו בחקת הגוי אשר אני משלח מפניכם כי את כל אלה עשו ואקץ בם״. „והייתם לי קדשים כי קדוש אני ה׳ ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי״.

נו, ווערט שוין קלאָר וואָס עס מיינט אַ איד און ווער איז אַ איד. און טאַקע אויך וואָס עס מיינט אַ אידיש פאָלק און וואָס עס מיינט אַ אידיש לאַנד.

* * *

אייגענטליך איז גאָר נישטאָ אין דעם אַלעם קיין ספּעציעלער חידוש.

דאָס איז: ציוניזם.

אַזוי האָבען די גדולי ישראל און דאָס תורה־אידענטום אויפגענומען דעם „ציוניזם". אים געזען אין זיין אמת'ן ליכט, און דערפאַר אים אַזוי ענטשידען באַקעמפט אַמאָל, און היינט ווייטער.

ווען מען דערמאָנט זיך, ווער עס זיינען געווען די גרינדער און טעאָרעטיקער פון ציוניזם, דאַן ווערט אַלץ קלאָר. ווער עס איז געגטער באַקאַנט מיט די אַלע „נאַצ־יאָנאַלע" באַוועגונגען, זייער אַנטשטייאונג און זייערע שטרעבונגען, דער זעט אין זייערע איצטיקע מעשים די פאַרוויקלעכונג פון זייערע אָריגינעלע כוונות און צילען.

פאַרן אויג האָבען זיי, די שעפער פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אַרויסגעשטעלט גאַנץ שיינע פּראָגראַמען, ווי: אויפלעבונג פון פאָלק; נאַציאָנאַלע דערוואַכונג; דערהאַלטען דאָס אידישע לשון — אידיש און לשון הקודש; אַן אייגען לאַנד וואו אידען זאָלען פטור ווערען משנאת ורדיפת הגוים; אַן אייגען ווינקעל וואו אידען זאָלען זיך קאָנען אויסלעבען און ענטוויקלען פריי און אומגעשטערט; אַן אייגען אָרט וואו דער אידישער טאַלאַנט און זשעני זאָל קומען צום אויסדרוק א. אַ. וו., א. אַ. וו.

אָבער נעבען די אַלע פיינע זאַכען, האָט זיך אָבער שטענדיג נאָכגעשלעפּט נאָך עפּעס. און גראָד דער עפּעס איז גאָר געווען ביי זיי אַ הויפּט־ציל, אַז די כלומר'שטע אידישע אויפלעבונג דאַרף זיין: קודם־כל זיך „באַפרייען" פון אַלעם ביז־איצטיגען, פאַרוואַרפען דעם גאַנצען עבר, און אָנהויבען „פון דאָס ניי" — כקטן שנולד...

אין פשוט'ע ווערטער האָט עס געמיינט: איבעררייסען מיט אַלע טויזענט־יאָריגע קניני־האומה, מיט דער אמונה און מיט תורת ה'. און אָנהייבען אויפשטעלען אַ אידיש פאָלק אויף „וועלטלעכע" יסודות — ככל הגוים — אויף פאָלק, לאַנד און שפּראַך.

דאָס איז געווען דער פשט פון ציוניזם. זייער ציל איז געווען, אַז מיט דער פיזישער באַפרייאונג פון אידען אין די גוי'אישע מדינות זאָל אָבער בלייבען אַ גייסטיגע פאַרקנעכטונג. אַז בעת מען וועט אַרויספירען אידען פון די גלות'ן, זאָל מען אָבער גלייכצייטיג מיטפירען אַלע גלות'דיגע גוי'אישקייטען און זיי איי־יינפלאַנצען אין דער אייגענער אידישער מדינה.

* * *

און דאָס וואָס דער ציוניזם האָט זיך געשטעלט, אַלס די „מלוכה אונטערוועגס", אין דער טעאָריע, דאָס פאַרמעסט זיך היינט דער ציוניזם אין דער געשאַפענער מדינת ישראל, אין דער פראַקטיק. סוף מעשה במחשבה תחילה.

שוין מיט דעם נאָמען „ישראל" פאַר דער מדינה, האָט מען געבראַכט אַ גאַנצע אנדרלמוסיה אינם אידישען לעבען.

ישראל איז דער נאָמען פון יעדען איד און פון גאַנצען פאָלק; ישראל איז מער ווי אַ נאָמען; ישראל איז אַ סימבאָל, אַ באַגריף וואָס עס מיינט אַ איד און אַ אידיש פאָלק; ישראל איז דער נאָמען מיט וועלכען דער מלאך אלקים האָט געקרוינט יעקב אבינו, דער בחיר שבאבות; ישראל איז די ג־טלעכע הבטחה פאַר אייביגען אידישען קיום. ווי די תורה זאָגט אונז: „ויאמר לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל", יעקב־ישראל פאַרבלייבט דער אייביגער זיגער; ישראל איז אַ סימבאָל פונם עם הנבחר. פון ישראל גוי אחד בארץ. פון ישראל אשר בך אתפאר; און ישראל איז געהייליגט דורך אַלע אידען אין אַלע דורות דורכן: שמע ישראל ה' אלוקנו ה' אחד.

האָט מען גענומען דעם היסטאָרישען ישראל און מען האָט אים אַוועקגעשענקט דער מדינה, ניט ארץ ישראל, ווי עס איז אָנגענומען במשך טויזענטער יאָרען ביי אידען און ביי דער וועלט. און ניט אפילו מדינת ישראל, ווי עס וואָלט געקלונגען מער פאַר־שטענדליך. נאָר דווקא בלויז: ישראל. איצט איז שוין אויס מיט דעם היסטאָרישען און קדושה׳דיגען באַגריף, אַז ישראל מיינט אַ איד פון בני אברהם יצחק ויעקב. איצט, קאָנען שוין אַלע ווערען „ישראלים״. אַ ישראל־מאַכמאַדאַנער, אַ ישראל־קריסט און אַ ישראל־בודיסט...

שטיין קאָן מען אָבער ניט בלייבען. עבירה גוררת עבירה. אַז מען מוז „איבער־בויען״ און „באַנייען״ איז דאָך ניט שייך... אַז מען איז שוין פאַרטיג געוואָרען מיט „ישראל״, מ׳האָט אים שוין פאַרפּעלשט און מחלל געווען, איז געקומען די ריי אויף דעם „איד״. מען מוז אויך דעם אייביגען באַגריף פון „איד״ פאַרשוועכען. עס טאָר נישט בלייבען — פסק׳נען די מחללי ישראל — אַז אַ איד זאָל ווייטער מיינען אַן אמת׳ן איד, מזרע קודש. ניין אַלע קאָנען ווערען „אידען״. אַלע וועלכע וועלען זיך אָנערקענען אַלס אידען, וועט זיי דער פּקיד־ממשלתי אַרויסגעבען אידענטיפיקאַציע־קאַרטלעך אַלס... „אידען״. אויס יחוס. יהודים־נוצרים, יהודים־ישמעאלים זיינען פונקט אַזעלכע „אידען״ ווי אַ איד פון דת משה וישראל...

* * *

דער גאַנצער געדאַנק איז אַ פסול׳ער מעיקרו.

דאָס קאָן אָנגיין ביי אַלע אומות ולשונות, אָבער ניט ביים אידישען פאָלק. ביי אַנדערע פעלקער איז פאָלק און אמונה געטיילטע זאַכען. איינס מיטן אַנדערען איז ניט געבונדען. מ׳קאָן זיין אַ פראַנצויז, אַן ענגלענדער, אַ כינעזער און דערביי געהערען צו וועלכען גלויבען מען וויל. ביי אידען איז לגמרי אַנדערש. דאָס אידישע פאָלק איז געבונדען אויסשליסלעך מיט דער אידישער אמונה. „היום הזה נהיית לעם״, מיר זיינען געוואָרען אַ פאָלק מיטן מאָמענט פון קבלת התורה, וואָס אירע ערשטע ווערטער אין די עשרת הדברות זיינען: אנכי ה׳ אלקיך. עם ישראל איז פאַרבונדען מיט אלקי ישראל. אין מאָמענט ווען, חס ושלום, אַ איד זאָל זיך אָפּזאָגען פון אנכי ה׳ אלקיך, שליסט ער זיך אַליין אויס פונם כלל ישראל.

דערמיט איז דאָס אידישע פאָלק אייגענאַרטיג און איינציגאַרטיג. „עברי אנכי ואת ד׳ אלקי השמים אני ירא״, דער אויסרוף פון יונה הנביא, האָט מיט זיך פאַרגעש־טעלט דעם אייביגען באַגריף פונם איד. אידען געהערען נאָר צו דער אידישער אמונה און די אידישע אמונה געהערט נאָר צו אידען, דאָס זיינען שתים שהן אחת. אַזוי איז געווען אונזער באַשאַף און אַזוי איז געבליבען אונזער דערהאַלט. קודשא בריך הוא וישראל חד.

טויזענטער יאָרען האָבען מיר אידען זיך אָפּגעהיט פון צונויפמישונג מיט אַנדערע פעלקער. דאָס, און נאָר דאָס, האָט דערמעגליכט דעם עם ישראל, טראָץ זיין מפוזר ומפורד בין העמים, צו דערהאַלטען זיין עם לבדד׳יגען קיום.

מיר זיינען געווען און געבליבען אַ נאַציע און אַ גלויבען צוזאַמען. אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש. יעדער איד, אפילו אַ ניט־פרומער, איז דערציטערט געוואָרען פון אַ געדאַנק פון אַוועקגיין, חלילה, פון דער אידישער אמונה. דעמאָלט, האָט ער געוואוסט, רייסט ער איבער גענצלעך מיטן אידענטום. דעמאָלט ווערט ער אַ משומד, ר״ל.

איצט קומען קליינע מענשעלעך, ממש לילּיפּוטען, און דערביי פולשטענדיגע עמי־הארצים אין יהדות־ענינים, און פאַרמעסטען זיך אָנצורירען די סאַמע אייביגקייטס־יסודות פון אונזער לעבען און קיום.

* * *

סך הכל איז די מדינת ישראל אַלט צען יאָר, און זי פאַרמעסט זיך שוין אויף באַגריפען און יסודות, וועלכע זיינען אַלט טויזענטער יאָר. מיום היותנו לעם ישראל.

שטייענדיג ביים הר האלקים, מיט דריי טויזענט צוויי הונדערט און זיבעציג יאָר צוריק, האָבען מיר — אַלע אידען עד סוף כל הדורות — ג־ט׳ס תורה גענומען, און דערמיט אַ פאָלק געוואָרען.

10 יאָר געגען 3,270 יאָר. ניט קיין גלייכער פאַרמעסט.

דאָס אידישע פאָלק, מוז און וועט געפינען וועגען קלאָר צו מאַכען די וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער היינטיגער הנהגה אין מדינת ישראל, אַז ווי טייער עס זאָל נישט זיין פאַר אידען דער באַגריף פון אַ מדינה, איז אָבער פאַר אידען פאַראַן נאָך עפּעס וואָס איז אונז טייערער און הייליגער. דאָס איז: אונזער דת, אונזער אמונה, און אונזער קיום אַלס עם ישראל.

זיי, די אמונה אין בורא עולם און דאָס שמירת התורה והמצוות, זיינען די אַטרי־בוטען און פונדאַמענטען, וועלכע האָבען דערהאַלטען און געזיכערט אונזער אייביגען קיום. סיי ווען מיר זיינען געזעסען על אדמתינו און סיי ווען מיר זיינען געווען מפוזר אין פאַרשידענע גלות׳ן.

פאַר זיי, אונזער דת ואמונה, האָבען מיר במשך לאַנגע דורות אונזערע לעבענס געגעבען. אבותינו ואבות־אבותינו באו באש ובמים בעד קדושת שמו יתברך.

ביי בראשית האַלטען מיר אידען ניט. דאָס אידישע פאָלק איז שוין ב״ה גענוג אַלט און דערפאַרען, אַז עס זאָל ניט דאַרפען ערשט אויסגעפינען און לערנען: ווער עס איז אַ איד און וואָס עס איז אַ איד.

מיר זעען אין דעם אַ בגידה אינם סאַמע קיום פון אונזער פאָלק, ניט נאָר אינם רעליגיעזען באַגריף, נאָר אפילו אינם נאַציאָנאַלען. מיר זעען אין דעם אַ פולשטענדיגע פאַלסיפיקאַציע אין דעם היסטאָרישען, אָריגינעלען און קדושה׳דיגען באַגריף פון איד און אידען. מיר זעען אין דעם אַ סכנה פאַר גורם זיין אַ צעשפּאַלטונג אין אונזער עם ישראל, וועלכע קאָן ברענגען צו גאָר־געפערלעכע קאָנסעקווענצען.

אויב דאָס זאָל זיין די „מתנה״, מיט וועלכער די פירער פון דער אידישער מדינה ווילען מזכה זיין דאָס אידישע פאָלק צו איר „חג העשור״, ווועלען מיר — דאָס סיני־אידענטום — איר צוריקוואַרפען מיט אונזער גאַנצען כוח און מיט אונזער שאַרפסטער אַנטשלאָסענקייט. — היה לא תהיה.

(ד. א. וו., תמוז־אב, תשי״ח)

מיר זענען יא אן עם הנבחר

דאס אידישע פאָלק איז ניט קיין „אתה בחרתנו" פאָלק. אַזוי האָט לעצטענס מכריז ומודיע געווען מר. בן גוריון, דער ראש הממשלה פון מדינת ישראל, ביי זיין באַקומען דעם ערען־דאָקטאָראַט אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט אין באָסטאָן.

די גאַנצע מעשה מיט אַ אידיש אויסדערוויילט פאָלק, קומט אויס לויט זיינע רייד, איז עפעס אַן אויסטראַכטעניש וואָס האָט ניט קיין יסוד און קיין ממשות. אין דער ווירקלעכקייט, זאָגט בן־גוריון, איז דאָס אידישע פאָלק גלייך מיט אַלע פעלקער, און באַזיצט נישט קיין ספּעציעלע אויסדערוויילטקייט.

וואָלט אַזעלכעס געזאָגט סתם אַ מענש און ביי אַ געוויינלעכער מסיבה, וואָלט נישט כדאי געווען זיך דערמיט מטפל זיין. געזאָגט האָט עס אָבער דער פּרעמיער פון דער אידישער מדינה, און ביי אַזאַ עפּענטלעכער און פייערלעכער מסיבה, און וואָס די פּרעסע, אידישע ווי ניט־אידישע, האָט די „תורה" צעלייגט אויף טעלערלעך, קאָן מען עס ניט דורכלאָזען שטילשווייגענד. אין אַזאַ פאַל איז פאַראַן אַ חוב פון מחאה.

* * *

איידער מען טרעט צו צום ענין, וואָלט כדאי געווען צו ברענגען עטלעכע ציטאַטען פון בן־גוריונ׳ען אַליין, וואָס זיינען ממש אין פולשטענדיגער סתירה צו זיינע ווערטער אין באָסטאָן. מען דאַרף נאָר בלעטערען אָביסעל זיינע מאמרים, און איר וועט אַרויס־קריגען אַ האַרבע סתירה פון בן־גוריון צו בן־גוריון.

אָט האָט איר עטלעכע אויסצוגען פון בן־גוריון:

„נאָר אין פאַל ווען מיר וועלען זיין אַן עם סגולה, וועלען מיר קאָנען דורכברעכען די מויער פון שנאה מצד אונזערע שכנים". „אַלע אונזערע גרויסע לערער האָבען אונז מחייב געווען צו זיין אַן עם סגולה".

„איך גלויב אין דער גרויסער גייסטיגער מיסיע פון אונזער פאָלק. איך גלויב אַז דאָס אידישע פאָלק קאָן און מוז שטיין מאָראַליש העכער פון אַנדערע פעלקער". („טאָג", 24, 2, ה. י.)

„נאָר מיט זיין אַן עם סגולה, מיט וועלכען יעדער איד וועט זיין שטאָלץ, וועלען מיר קאָנען איינהאַלטען די ליבע פון פאָלק און זיין געטריישאַפט צו ישראל". („טאָג", 10.27.57).

„אידען וועלען ווייטער זיין ג־ט׳ס אויסדערוויילט פאָלק. מיט דער באַנייאונג פון דער אידישער מדינה, וועלען אידען ווידער זיין דער עם הנבחר, דער עם סגולה, דער וועגווייזער פאַר דער וועלט". („טאָג", 57, 29, 9).

„מיר זיינען געשאַפען געוואָרען צו גייסטיגער גרויסקייט. לכך נוצרנו. מיר וועלען זיין אַ פאַראייניגט פאָלק אויב מיר וועלען זיין אַן אור לגוים". („טאָג", 57, 18, 8)

און אַזוי וואָלט מען געקאָנט כסדר ציטירען בן־גוריונ׳ען אַליין, און זיך לייכט איבערצייגען די ניט אויסגעהאַלטענקייט פון אַ מענש, וועלכער קאָן אין איין־און־דער־זעלבער צייט אַרויסברענגען געדאַנקען און זיי באַלד סותר זיין דורך זאָגען דעם אַבסאָלוטען היפּוך. אָבער גיי און ברענג סתירות מיני׳ וביה׳ פון איינעם וואָס זיינע ווערטער זיינען מער אַ פּועל יוצא פון אימפּולס ווי פון דורכגעטראַכטער און קאָנסעק־ווענטער מחשבה.

די טראַגעדיע אין דער זאַך ליגט אין דער געהויבענער שטעלונג וואָס בן־גוריון

פּאַרנעמט. ווען אַזעלכע רייד קומען מצד אַזאַ אָנגעזעענער פּערזענלעכקייט ווי אַ ראש פון מדינת ישראל, און קאָנען שאַפן דעם רושם אַז אָט די געדאַנקען רעפּרעזענטירען די פילאָזאָפיע פון אידענטום, ווערט דאָס אַן ענין גאָר אַן ערנסטער און אַ געפאַרפולער. נאַאיווע אידען, און אויך גוים, קאָנען זיי אָננעמען ווי כשר׳ע מטבעות, בשעת אין אמת׳ן זיינען זיי אַ יסודות׳דיגע פעלשונג פון דער אידישער וועלט־השקפה.

* * *

מיר האָבען דאָ ניט בדעה זיך אַריינצולאָזען אין גאַנצען אינהאַלט פון זיין בראַנ־דייס־רעפעראַט, מיט זיין שעטנז־צונויפפּאַרונג פון בודיזם, גריכיש־אָפּגעטעריי מיט דער אידישער אמונה, און דאָס צוטשעפּען גריכענלאַנד און אינדיע צו די גרויסע אומשעצ־באַרע גייסטיגע און ג־ט׳לעכע אוצרות פונם אידענטום. איינס קאָנען מיר יאָ זאָגען: מיר ווייסען ניט ווי די ניט־אידישע וועלט האָט אויפגענומען זיינע אויספירונגען. מיר ווייסען אָבער יאָ, אַז אידען מיט אידישע געפילען און אידישען באַוואוסטזיין, און זיכער אידען מאמינים, האָבען מיט אַ טיפען ווידערווילען זיך צוגעהערט צו די דאָזיגע זינלאָזע רייד, וועלכע האָבען געשטעלט אין שאָטען דעם ריזיגען צושטייער וואָס דאָס אידענטום, און די אידישע תורה און אמונה, האָט געגעבען דער וועלט.

פונקט אַזוי האָט שאָקירט, און פשוט געגרילצט דאָס אידישע אויער, ווען בן־גוריון האָט ביים אַרויסברענגען הויכע עטישע געדאַנקען און מאָראַלע באַגריפען כסדר ציטירט בודאַ׳ן, בעת ער האָט דאָס אַלץ געקאָנט געפינען אין אונזער ג־ט׳לעכער תורה. פאַר אַזעלכע געוואַלדיגע אַנטדעקונגען ווי אַז „אַלע מענשען זיינען גלייך״, אַז „די פרוי איז גלייכגעשטעלט ווי דער מאַן״, צי אַז „דאָס וואָס דער מענש פּרעדיגט דאַרף ער אַליין דאָס מקיים זיין״, דאַרף אַ איד נישט פאַרקריכען אַזש צו בודאַ׳ן. ער קאָן עס לייכט, און מן המוכן, באַקומען אין אונזערע כתבי קודש און מאמרי חכמינו ז״ל, וועלכע זיינען פול מיט דעם און מיט טויזענטער אַנדערע פיל טיפערע געדאַנקען און לעבענס־באַגריפען וועגען וועלט־באַשאַף, וועגען מענש און זיינע פירונגען און באַציאונגען, סיי בין אדם לחבירו און סיי בין אדם למקום.

דאַרף מען דורך אַזעלכע עפנטלעכע לעקציעס דאָס לערנען אונזער יוגענט, אַז שיינע לערעס, הויכע געדאַנקען און מאָראַלישע באַגריפען, קומען דווקא פון ניט־אידישע מקורים, בעת אונזער אמונה און אונזער אידיש לעבען איז פול מיט זיי? איז דאָס די לערע וואָס בן־גוריון ברענגט פאַר אידען פון דעם לאַנד, אויף וועלכען מיר האָפען, אַז: „מציון תצא תורה״; איז דאָס, חס ושלום, דער: „ודבר ה׳ מירושלים״?

* * *

מיר ווילען זיך אויך ניט ברייטער אָפּשטעלען אויף דער „גרויסער און טיפער״ חכמה, וואָס בן־גוריון האָט אין באָסטאָן אַנטדעקט מיט זיין מבטל זיין דעם גייסטיגען שאַפונגס־אוצר פון אידענטום אין די לעצטע צוויי טויזענט יאָר. דערמאָנען דאַרפען מיר אָבער, אַז יעדעס אידיש פּנים האָט געפלאַמט פאַר בושה, בעת דער אידישער פּרעמיער האָט געהאַט דעם מוט און וואַגונג צו זאָגען בזה הלשון:

„זינט מיר זיינען געגאַנגען אין גלות זיינען אונזערע גייסטיגע לעבענס געוואָרען פּאַראַ־רימט און איינגעשרומפען. אונזער זשעני האָט מער גאָרנישט אַרויסגעגעבען. מיר האָבען גאָרנישט מער געשאַפען נאָר בלויז פּירושים און פּירושים אויף פּירושים... אין 17־טען יאָר־הונדערט האָט זיך יאָ אויפגעהויבען ביי אונז איין גרויסער אָדלער, ברוך שפּינאָזאַ, און אין זיין הויכען געדאַנק געפלויגען אין די הימלען, איז ער אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון אונזער נעסט, און ער האָט געוואָרפען זיין ליכט אויף אַנדערע״.

בן־גוריון, דער נייער אידישער „היסטאָריקער", „דענקער", „פילאָזאָף", „חוזה", און ווער ווייסט מיט וואָס נאָך אונזער פּרעסע האָט אים באַקרוינט, ווייסט גאָרנישט פון די אַלע ריזיגע אוצרות התורה והחכמה וואָס אידען האָבען געשאַפען אין טויזענטער יאָרען פון זייערע גלות׳ן. פאַר אים, זעט אויס, זיינען פאַרהוילען די טויזענטער און צענער־טויזענטער ספרי קודש מיט וועלכע די אידישע וועלט איז באַרייכערט געוואָרען זינט דעם גרויסען תנאי ר׳ יוחנן בן זכאי׳ס איינשטעל פאַר: „תן לי יבנה וחכמי". דער גאַנצער ים התלמוד, ספרי פוסקים הלכה ואגדה, דרוש, קבלה, חקירה, מוסר וחסידות, וועלכע האָבען געבערענגט מיט זיך אַזוי פיל לעבען, שעפערישקייט, אויפבלי און פאַרטי־פונג אין אידישען מוח און מחשבה, און אַזוי פיל דערהויבענקייט און ריינקייט אין אידישען לעבען.

בן־גוריונ׳ען איז, ווייזט אויס, גאָרנישט באַקאַנט, אַז דווקא אין גלות האָבען מיר פאַרמאָגט תנאים, אמוראים, רבני־סבראי און גאונים, וועלכע האָבען וועלטען פאַרלייכט; ער ווייסט גאָרנישט פון אַ רש״י; ר׳ משה בן־מיימון; ר׳ אברהם אבן עזרא; ר׳ משה בן נחמן; ר׳ סעדי׳ גאון. פון אַ זוהר און אר״י הקדוש, פון ר׳ יוסף קארא און ר׳ משה איסערליש, פון אַ ווילנער גאון און בעל שם טוב; און פון אַלע גאונים וקדושים וחכמים שבכל דור ודור, מיט וועמען, און דורך וועמען, דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט און דורכגעלעבט אַלע גלות׳ן און אַלע זייערע פינצטערנישען.

פון דעם אַלעם האָט בן־גוריון, דער אַלץ־ווייסער, ניט קיין אַנונג. ער ווייסט נאָר פון איין „גרויסען אָדלער", דעם כופר־פילאָזאָף פון אַמסטערדאַם. גראָד דעם איינעם שפינאָזא, וועלכער האָט געוואָלט אידען „באַגליקען" מיט כפירה באלקי ישראל, און וועמען די דאַמאָלסטיגע גדולי וחכמי ישראל אין האָלאַנד זיינען געווען געצוואונגען צו דערווייטערען, אים און זיינע שעדלעכע השפעות, פון דער מחנה ישראל. דווקא דעם איינעם אַפּטריניגען און ג־ט־לייקנער פאַרצייכענט בן־גוריון אַלס דעם „גרויסען אָדלער וואָס איז געפלויגען אין די הימלען"...

אייגענטליך האָט די זעלבע טעאָריע אַרויסגעבערענגט דער ענגלישער היסטאָריקער טאָינבי, וועלכער איז מצד אַלע אידישע קרייזען דערפאַר פאַרשריגען געוואָרען אַלס אַנטיסעמיט. קומט איצט בן גוריון און חזר׳ט איבער די דאָזיגע אַנטי־אידישע „חכמות"...

אַזעלכע רייד זיינען אַן עפנטלעכער שפּיי אין פנים דעם אידישען פאָלק, זיין תורה, זיין אמונה און זיין געשיכטע. אַ שפּיי די אידישע מאַרטירער פון דורי דורות. אַ חוזק פון די אַלע וואָס זיינען מיט פרייד געשפּרונגען אין שייטער־הויפענס פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, און זיך געוואָרפען מיט שמע ישראל אין די פייערען פון די אויטאָ־דע־פעס. אַ פאַרשוועכונג לגבי די קדושים פון די קרייץ־צוגען און שחיטות פון ת״ח ות״ט, און די מיליאָנען קדושים פון לעצטען אומפאַרגלייכלעכען חורבן אין אונזערע טעג.

זיי, וואָס זיינען אומגעקומען אויף די אַלע עקידות, האָבען געהאַט אַן אַנדערען בליק אויף דער אידישער געשיכטע; האָבען אַנדערש פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון עם ישראל און זיין אויסדערוויילטקייט. זייער דורות׳דיגער קידוש השם, וואָס אַ דאַנק דעם עקזיסטירען מיר נאָך היינט אַלס פאָלק, איז ניט געווען באַהויכט פון בודא, גריכישער מיטאָלאָגיע, אינדישער מיסטיציזם, און אויך ניט פון שפינאָזא׳ס פאַנטעאיזם, נאָר טאַקע פון די גרויסע און הייליגע אידישע גייסטער וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אינם אידישען פאָלק דווקא במשך די צוויי טויזענט גלות־יאָרען

* * *

מיט 3272 יאָר צוריק, ביים מעמד הר סיני, ווען די גאַנצע בריאה האָט זיך אָפּ־געשטעלט און צוגעהערט, האָט השי״ת, דער באַשעפער פון דער וועלט, פּראָקלאַמירט זיין פאָלק ישראל פאַרן עם הנבחר והסגולה:

„ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגלה מכל העמים כי לי כל הארץ. ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש״. (שמות י״ט־ה׳)

און איצט קומט בן־גוריון, און איז במעמד כל הבראַנדייס־אוניווערסיטעט, מכריז אַז דאָס אידישע פאָלק איז ניט קיין „אתה בחרתנו״ פאָלק.

אָבער נאָך פריער איז געלייגט געוואָרען דער ג־ט׳לעכער חותם פאַר אונזער אויסדערוויילטקייט. שוין מיט 3697 יאָר צוריק, האָט השי״ת איין זיינע ברכות צו אונזער ערשטען פאָטער אברהם, צו זיין אויפגיין צו ארץ כנען, אים געזיכערט, אַז:

„ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך והיה ברכה... ונברכו בך כל משפחת האדמה״.
„ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום ונברכו בו כל גויי הארץ״. (בראשית י״ב וי״ח).

און איצט קומט אַ פּשוט׳ער בשר ודם, און דערקלערט אַז אים שטייט ניט אָן די גאַנצע מעשה פון אָן „אתה בחרתנו״.

ווירקליך שווער צו באַגרייפען ווי אַזוי עס וואַגט אַ מענש, וועלכער וויל גילטען אַלס פירשפּרעכער פון אידישען פאָלק, אַרויסקומען בפומבי כופר זיין דברי אלקים חיים. ווייסט גאָרנישט בן־גוריון, האָט ער קיינמאָל ניט געהערט, וועגען אַזעלכע פּסוקים אין אונזער תורה הקדושה, ווי:

„וה׳ האמירך היום להיות לו לעם סגלה כאשר דבר לך... ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה לתהלה ולשם ולתפארת ולהיותך עם קדוש לה׳ אלקיך כאשר דבר״ (דברים כ״ו).
„והייתם לי קדושים כי קדוש אני ה׳ ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי״ (ויקרא כ׳).

און ווי קאָן מען רעפּרעזענטירען אידען און אידישע השקפות, און דעמאָנסטראַטיוו אַרויסקומען אין פולער סתירה און אָפּלייקענונג צו אונזערע כתבי קודש.

און אַז מען האָט שוין אַביסעל געבלעטערט אין דער אַלטער גריכישער און אינ־דישער געשיכטע און קולטור, און אַפילו אַז מען זאָל שוין זיין אַ שיקעל „מומחה״ אין דער בודיסטישער רעליגיע און פילאָזאָפיע, נו, ווערט מען שוין דערמיט אַ וואָרט־זאָגער, אַ פּוסק, אין אידיש־רעליגיעזע פּראָבלעמען, וועלכע רירען אָן די סאַמע יסודות אין אונזער אמונה, און וועלכע זיינען פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון עם ישראל.

וואָס איז דער עם ישראל שולדיג וואָס דער ראש ממשלת ישראל גייט ניט אין שוהל און דאַווענט ניט. דען אַנדערש וואָלט אים דאָך געוועזן באַקאַנט די אידישע האַרציגע תפילות, וועלכע שטעלען פעסט, אַז:

„אתה בחרתנו מכל העמים אהבת אותנו ורצית בנו ורוממתנו מכל הלשונות וקדשתנו במצותיך וקרבתנו מלכנו לעבודתך ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת״.

זאָל דאָס אידישע פאָלק, איצט אפשר אויפגעבען זיין אויסגעוויילטקייט און דערהויבענקייט, מיום היותנו לעם, ווייל בן־גוריון׳ען האָט זיך פאַרגליסט נושא חן זיין ביי אַ כאָפּטע עמי־האַרצישע אַסימילירטע אידען אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט מיט זיין זאָג געגען אונזער „אתה בחרתנו״?

אויב דער כלל ישראל זאָל אָננעמען בן־גוריון׳ס פילאָזאָפיע, אַז מיר זיינען ניט מער ווי אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, ווי אַזוי פאַרלאַנגט ער גלייכצייטיג פון אידען זיך ווייטער צו קלאַמערען צום אידישען פאָלק און אידישען לאַנד. איז דאָך די ניט־אידישע וועלט אַזאַ גרויסע, רייכע און שטאַרקע; מיט אַזוי פיל מעגלעכקייטען און מיט אַזוי פיל

אָפּענע טירען צו אַלע עולם־הזה׳דיגע דערגרייכונגען און געגוסען; וואָס זאָל צוהאַלטען דעם אידישען מענש, אַז ער זאָל וועלען ווייטער געהערען דווקא צו דעם קליינעם אָרעמען עם ישראל, אויב מען נעמט צו ביי אים דאָס געפיל פון אידישער העכערקייט, גייסטיג־קייט און אויסדערוויילטקייט.

* * *

אונזער אידישער „אתה בחרתנו״, מיט וועלכען השי״ת האָט אונז באַשאָנקען, און מיט וועלכען מיר שטאָלצירען, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט ערדישע ענינים. דאָס איז אונזער אַ ריין־גייסטיגער באַגריף פון בנים למקום, און פון: עבדות לבורא כל העולמים.

„בנים אתם לה׳ אלקיכם״ (דברים י״ד א׳).

„כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים אני ה׳ אלקיכם״ (ויקרא כ״ה נ״ה).

אונזער יחוס־געפיל האָט גאָרניט צו טאָן מיט עפּעס פּריווילעגיעס פון אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישען אָדער פּאָליטישען כאַראַקטער. קיינמאָל איז דער יחוס־באַגריף ביי אידען ניט גענוצט אָדער פאַרשטאַנען געוואָרען אַלס באַגרינדונג פאַר באַהערשען אַנדערע וויניגערע מיוחסים. קיינמאָל איז עס ביי אונז ניט פאַרשטאַנען געוואָרען אַלס אַ ראַסען־העכערונג, נאָר אַלס אַן אמונה־העכערונג און אמונה־ריינקייט. ניט קיין אויסדערוויילטע ראַסע, נאָר אַן אויסדערוויילטע אמונה. יעדער גר־צדק וואָס האָט זיך געוואָלט אין אונז איינשליסען, אויב ער איז געקומען פון אמונה־איבערצייגונג, איז אויפגענומען געוואָרען אין דער מחנה ישראל ווי אַ איד מבטן ומלידה.

דער גאַנצער בוי פונם עם ישראל, און ממילא דער זין פון זיין „אתה בחרתנו״, איז פון לכתחילה־אויס אַ קדושה׳דיגער באַנעם.

„קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלקיכם״ (ויקרא י״ט).

„והתקדשתם והייתם קדושים כי אני ה׳ אלקיכם״ (ויקרא כ׳).

אונזער אידישע באַצייכענונג און אויסצייכענונג איז, קדושה!:

גוי קדוש; תורה הקדושה; ארץ הקודש; שבת קודש; לשון הקודש; ירושלים עיר הקודש; בית המקדש; קדשי קדשים.

מיר זיינען ניט מבטל און ניט משפיל די איבעריגע וועלט. אַלע אַנדערע זיינען רייך, שטאַרק, געלערנט און פול מיט חכמות און דערגרייכונגען. אָבער אַלעס ביי זיי איז חול, און אַלעס ביי אונז איז קודש. ביי אַלע אומות העולם איז פאַראַן: חכמה אָן תורה. ביי אונז אידען: חכמה מיט תורה.

אויך אונזער גאַנצער אידישער שייכות מיט ארץ ישראל, איז געבויט אויף אונזער אויסדערוויילטקייט. ארץ כנען איז געוואָרען אַן ארץ ישראל, ווייל השי״ת האָט עס אַזוי אויסגעקליבען. עס איז צום באַדויערען וואָס בן־גוריון ווייסט עס נישט. דוד המלך ע״ה האָט יאָ געוואוסט אויף וועלכע יסודות עס האַלט זיך דער קשר של קיימא פונם עם ישראל מיט ארץ ישראל. ער, דער מלך ישראל און דער נעים זמירות ישראל, האָט עס אויסגע־זונגען אין זיין ג־ט׳לעכען תהלים:

„כי יעקב בחר לו י־ה ישראל לסגלתו״ (תהלים קל״ה).

„כי בחר ה׳ בציון אוה למושב לו״ (תהלים קל״ב).

השי״ת האָט מזווג געווען לעולמי עד, ביידע זיינען אויסדערוויילטע. זיין פאָלק מיט זיין לאַנד.

אויב עס לייקענט ווער אַפּ, חלילה, אין אידישער אויסדערוויילטקייט, לייקענט ער ממילא אין דעם שייכות פון אידען מיט ארץ ישראל.

* * *

אונזער „אתה בחרתנו" איז אויך אָנגענומען דורך די אומות העולם. ניט בלויז מיר אידען זיינען דאַרויף ניט מוותר, נאָר אויך די פעלקער פון דער וועלט ווילען דאָס ניט טאָן. צי מיר אידען זאָלען עס וועלען אָדער ניט, וועלען זיי, די אומות העולם, אונז ניט אָנערקענען ווי זייערס גלייכען.

„הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב". סיי ווען אידען האָבען זיך געהאַלטען אָפּגעזונדערט, און סיי ווען אידען האָבען זיך פּרובירט אויסמישען און זיך איינגלידערען אין ניט־אידישען אַרום, האָט די וועלט אונז געהאַלטען פאַר באַזונדערע. אין דער יו־ען זיצען דאָרט היינט אַזש 82 פעלקער פון כל מיני וועלט־טיילען, מיט פאַרשידענע רעלי־גיעס, ראַסען, קאָלירען, קולטורען, לעבענס־פאָרמען. האָבען 81 פון זיי דאָך עפּעס נאָענטעס צווישען זיך, און נאָר 1 פאָלק איז אויך דאָרט אַ חטיבה בפני עצמה. „כל העולם מעבר זה ואברהם מעבר זה"... די „זרע אברהם אוהבו" איז קובע ברכה לעצמו.

אַפילו אין דער באַציאונג פון דער וועלט צו אידען, ליגט אויך אַ באַזונדערקייט. מען קאָן אונז טאָלערירען, באַוואונדערען, און אַמאָל אויך מיט אונז סימפּאַטיזירען, אָבער דאַביי קיינמאָל ניט פאַרגעסען אונזער אַנדערשקייט. אויך די דורות'דיגע שנאה פון ניט־אידען צו אידען קאָן מען ניט מיט עפּעס אַנדערעס דערקלערען, נאָר מיט אונזער עקשנות'דיגער קלאַמערען זיך אין אונזער באַזונדערקייט, אויסגעהאַלטענקייט און אייביגקייט. אַ „שנאת עולם לעם עולם".

דער „עם לבדד ישכון", איז אונזער געשיכטלעכער גורל, אונזער קיום'דיגער שטאָלץ און ג־ט'לעכער זכות. מיר זיינען אַ רעטעניש אין דער געשיכטע פון פעלקער. ניט פאַראַן אונזער פאַרגלייך אויפצוהאַלטען אַ קיום פון אַ פאָלק, במשך טויזענטער יאָרען מפוזר ומפורד אין גלות'ן און ביי פינצטערע און בלוטיגע באַדינגונגען. נאָר ג־ט'־לעכע כוחות האָבען אונז געהאָלפען און בייגעשטאַנען פאַר קאָנען דערהאַלטען אונזער פיזישען קיום, אונזער מאָראַלישען כוח און אונזער גייסטיגער גבורה.

אָט דאָס איז דער אמת'ער אָפּטייטש פון אונזער „אתה בחרתנו".

* * *

בכל הכבוד צו בן־גוריון, מוזען מיר אים זאָגען, אַז צו ווערען אַ מומחה אויף אידישקייט־ענינים דאַרף ער נאָך גאָר גאָר אַ סך לערנען. און דאָס נישט אין גריכישע און אינדישע קולטורען און פילאָזאָפיעס. ער מוז צוריק גיין אין אידישען חדר. לערנען און פאַרטיפען זיך אין אונזערע ספרי קודש; אין אונזער געשיכטע; אין אונזער אמונת ה'; אין אונזער גלאָררייכען עבר און אין אונזער האָפענדען עתיד. דאַמאָלס וועט ער דערזען אַ נייעם עם ישראל, אַ ניי ארץ ישראל, וואָס זיינען געבונדען אויף אַלע אייביג־קייטען מיט אלקי ישראל.

די תשובה פון אידען אויף זיין בראַנדייס־דרשה, וועט בן־גוריון באַקומען שוין אין די נאָענטסטע טעג. ווען אַלע אידען איבער דער וועלט, און אפשר אויך בן־גוריון בתוכם, וועלען זיך זעצען אין חג הפסח צום סדר, און אויפהויבען דעם ערשטען כוס צום קידוש און פייערלעך אויסרופען:

„אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון וקדשנו במצותיו... כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים".

(ד. א. וו., ניסן, תש"ך)

תשובה שטימונגען ביי דער
אידיש-וועלטליכער אינטעליגענץ

אין דער לעצטער צייט זיינען מיר עדות פון אַ גרויסער תשובה־שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אידיש־וועלטליכע אינטעליגענץ אונזערע, שרייבער און ליטעראַטען. די ערנסטע מענשען און וואָרט־פירער צווישען זיי, וועלכע האָבען יאָרען לאַנג געדינט דער עבודה זרה פון אידיש־וועלטליכער קולטור, און האָבען געוואָלט אויפבויען אַ אידיש פאָלק אויסשליסליך אויף וועלטליך־אידישע יסודות, ווי שפראַך, לאַנד וכדומה; אָט־די, וואָס האָבען צענדליגער יאָרען געפּרעדיגט דעם נהי׳ ככל הגוים בית ישראל; אַז אידען דאַרפען זיין אַ פאָלק, ווי אַלע אומות ולשונות; תורה, דת ואמונה דאָס זיינען אַלטע אָפּגעלעבטע, פאַרצייטיגע באַגריפען, און, אין בעסטען פאַל, אַ פּריוואַט זאַך פון יעדען יחיד; — זיי אַלע לעבען איצט איבער אַ געוואַלדיגע ענטוישונג. די מענשען ליידען גייסטיגע יסורים, צוזעהענדיג ווי עס צעפאַלט זיך דער גאַנצער בנין זייערער: עס פאַלט איין דער דאַך, עס שפּאַלטען זיך די ווענד, און דער גאַנצער פונדאַמענט טרייסעלט זיך ממש. ביי די בעסערע און ערליכערע פון זיי קומט צום אויסדרוק אַ גאַנץ ערנסטער חשבון הנפש, וואָס ברענגט צום אומפאַרמיידליכען באַשלוס: **״לא זו הדרך!״** זיי זיינען מודה, אַז דער גאַנצער באַגריף זייערער פון אַ פאַרוועלטליכט אידענטום, פון אַ אידענטום אָהן אמת׳ער אידישקייט, פאַלט איין, ווי אַ בנין געבויט אויף זאַמד.

די הרהורי תשובה אין דער אינטעלעקטועלער וועלט ווערט אָבער אויפגענומען אין דער אידישער פּרעסע פאַרשיידענאַרטיג. איין טייל רעאַגירט דערויף מיט חשד, און איז ניט זיכער אין דעם גוטער כוונה פון די תשובה־זיכער. אַן אַנדער טייל — מיט גע־לעכטער און שפּאָט. די לעצטע שטעלונג און רעאַקציע קומט פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון וועלטליכקייט, פון די וועלכע האַלטען זיך נאָך אָן מיט זייערע לעצטע כחות ביי די טרייסלענדע קרנות פון ״קולטוריסטישען״ מזבח, פון די וועלכע ווילען נישט און קאָנען נישט פאַרשטעהן, אַז מען קען דערגעהן צו אַ רעוויזיע פון ווערטען, וואָס האָבען צענדלי־גער יאָרען געגאָלטען פאַר אמת׳ן.

די אָרטאָדאָקסיע איז לגמרי נישט מבטל די אויסדרוקען פון הרהורי תשובה, וואָס באַווייזען זיך לעצטענס, וואָס אַמאָל מעהר און אָפטער, אין די אָנפירענדע קרייזען פון דער וועלטליך־אידישער אינטעליגענץ; מיר פאָלגען נאָך מיט׳ן גאַנצען ערנסט, ווי אויך מיט סאַטיספאַקציע אָט־די אידישקייט־זוכער, אָט די אַלע, וועלכע ניכטערען זיך אויס פון זייער ביז־איצטיגער פאַרבלענדקייט און אילוזיעס. אדרבא, דאָס תורה־אידענטום שטעהט גרייט אויפצונעמען אין איר מחנה — אין דער מחנה השכינה — אָט־די אַלע חוזרי בתשובה. מיר זיינען גרייט זיי צו העלפען געפינען דעם וועג צו אמת׳ער און גאַנצער אידישקייט. און נישט בלויז זיי אַליין, נאָר מיר האָפען, אַז גרויסע מאַסען פון זייערע חברים און נאָכפאָלגער וועלען נאָכטאָן זייער ביישפּיל.

חכמינו ז״ל לערנען אונז: ״ישראל אף על פי שחטא — ישראל הוא״. דער אמת׳ער אידישער פונק טליעט שטענדיג אין יעדען אידישען האַרץ און אין יעדער אידישער

נשמה. מען דאַרף נאָר אַ גוטען און שטאַרקען בלאָז טאָן און דאָס אידישע פייער צעפ־לאַקערט זיך צוריק. אַוודאי, וואָלט עס געווען געוואונשענער, ווען די הרהורי תשובה קומען בלויז פון אינערליכען דראַנג און נישט דורך דעם „סטימול" פון די איצטיגע צרות און שרעקליכע איבערלעבונגען פון אונזער פאָלק. אַוודאי, איז עס טראַגיש, אַז די היטלערס דאַרפען מסייע זיין די דערוואַכונג פון אידישקייט־געפילען: גדולה הסרת טבעת יותר ממ"ח נביאים... אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, נעמען מיר אויף מיט צופרידענהייט די בשורה וועגען אויסניכטערונג צווישען דער אידיש־וועלטליכער אינטעליגענץ.

מיר זיינען אָבער מחויב אויפמערקזאַם צו מאַכען אַט די בלאַנדזשענדע און ערליך־זוכענדע, אַז ווי וויכטיג עס איז דאָס פעסטשטעלען די דיאַגנאָזע פון אַ קראַנקהייט, איז עס אָבער נאָך נישט די רפואה שלמה פאַר'ן קראַנקען. תשובה הייסט: חרטה אויפ'ן עבר און קבלה אויף להבא. און ווי וויכטיג עס איז זייער פעסטשטעלונג, אַז ביז איצט האָבען זיי געלעבט אין טעות, מיינענדיג, אַז אַ איד ווי אַ יחיד, און דער כלל ישראל אַלס אַ פאָלק, קאָן זיך אויסלעבען אויפ'ן שויס פון פרעמדע גויאישע קולטורען, אָדער אויף אויסגעליידיגטע פון זייער תוכן און נשמה פאַר'גוי'אישטע אידישע קולטור, — איז אָבער די חרטה אַליין ווייט נישט גענוג, אויב זי איז נישט פאַרבונדען גלייכצייטיג מיט אַ שטאַרקען צובונד צו אמת'ער אידישקייט, מיט אַן אויפריכטיגער קבלה אויף להבא.

און דאָ קומט דאָס טראַגישע קאַפּיטעל פון דער נייער ג־ט־זוכעניש.

ווען מען גיט אַ קוק אויפ'ן באַרג ליטעראַטור, וואָס איז לעצטענס געשאַפען געוואָרען אויף דער טעמע, ווילט זיך זאָגען צו די אַלע, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו לעכצען נאָך אמת'ער אידישקייט, אַז זיי זאָלען נישט איבער'חזר'ען נאָך אַמאָל זייערע טעותים און נוצען ערזאַץ־רפואות, וואָס זיינען לא מעלים ולא מורידים.

אַז מען לייענט דעם צעטעל רפואות, וואָס אַ גרויסער טייל פון די נייע בעלי תשובה האָבען אויסגעזוכט און לייגען פאָר פאַר דער רעטונג פון אידישקייט, מוז מען אַ שמייכעל טאָן. ווידעראַמאָל הערען מיר וועגען פאַרשטאַרקען די אידישע שפּראַך, וועגען אידיש לאַנד, איינפירען אין די כפירות'דיגע אַרבעטער־רינג שולען „לעגענדעס" און מעשה'לעך פון קיצור החומש, חיים נחמן ביאַליק'ס עונג שבת או. אַז. וו. דער חשוב'ער שרייבער ש. ניגער קומט גאָר אַרויס מיט אַ פאַרשלאַג פון גרינדען אַ שוהל פאַר נישט־דאַוונער... און אַ געוויסער רב פעטשעניק (אין „טאָג") לייגט אַזש פאָר: „ליכט צינדען־פייערונגען", מיט אַ צולייג פון „פרייטאָג צו נאַכטיגע סעודות" (מן הסתם מיט געפילטע פיש). ווי שווער ווערט אויפ'ן געמיטה, ווען מען זעהט ווי מענשען קלוגע און אינטעליגענטע טאַפען אין דער פינסטער און דערגעהען נישט צום פענסטער, וואָס מען דאַרף עפענען און אַריינלאָזען זון אין דער פינסטערער שטוב אַריין.

* * *

— וואָס זוכט איר, און וואָס ווילט איר געפינען?

— איר זוכט דאָך אידישקייט, טאָ וואָס זוכט איר אויס אַזעלכע אימיטאַציעס, אַזעלכע ערזאַצען?

— איר זוכט דאָך אמת'ע אידישקייט, טאָ געהט־צו צו דער אַלטער ספרים־שאַנק, צו די אוצרות התורה והיהדות, נעמט אַרויס אונזער הייליגע תורה שבכתב ותורה שבעל פה, אונזערע נביאים, תנאים און אמוראים, אונזער רמב"ם (נישט אים פייערען... נאָר לערנען), אונזער שולחן ערוך.

— איר זוכט דאָך טראַדיציאָנעלע אידישקייט —טאָ קומט צוריק צום אידישען שבת (ניט בלויז צו געפילטע פיש), צו קדושת השבת ויום טוב (נישט עונג שבת); נעמט אַרויס צוריק דעם אידישען סדור, דעם הייליגען תהלים; באַקענט אייך צוריק מיט די אַלע גרויסקייטען און הייליגקייטען פון אונזערע גאונים, מקובלים וחסידים; לערנט און פאַרטיפט זיך אין דער אידישער תורה ומסורה, פאַר וועלכע אונזערע אבות ואבות אבותינו האָבען זיך אין אַלע דורות מוסר נפש געווען; פאַרטראַכט זיך און פאַרטיפט זיך אין דער פראַגע, וואָס האָט געגעבען כח און איבערמענשליכע קראַפט אונזער פאָלק פאַר טויזענד־יעריגער מסירת־נפש, אויב נישט די אמונת ד׳ וקיום התורה והמצוות? — ברענגט צוריק אַלע אידישע הייליגקייטען אין דער אידישער גאַס אַריין.

אויב איר זייט שוין געקומען צו דער הכרה, אַז אויף וועלטליכקייט און אויסגע־טראַכטע לעבליכע אידישקייט קען דאָס אידישע פאָלק נישט האָבען קיין קיום — טאָ זוכט ווידער נישט אויס גאַנצע און האַלבע פאָלסיפיקאַטען. שעהמט זיך ניט (נימאָ מיט וואָס זיך צו שעהמען). זוכט אויס אייער טלית ותפילין, דעם סידור און תהלימ׳ל, היט אָפּ שבת און יום טוב, היט אָפּ כשרות און עיקרי הדת, — דאַן וועט איר דערפילען און דער־זעהן, וואָס עס הייסט אידישקייט, פאַרוואָס עס לוינט זיך מוסר נפש זיין פאַר אידישקייט. אויב איר מיינט תשובה, ערליך און אויפריכטיג, אין וואָס מיר צווייפלען נישט, — טאָ בלייבט ניט שטעהן אינמיטען אויפ׳ן האַלבען וועג. האָט איר שוין געמאַכט די התחלה, זייט קאָנסעקווענט, דערגייט ביז צום גאַנצען טראַדיציאָנעלען אידענטום, וואָס זיינע יסודות זיינען: אמונה ודת, תורה ומצוות.

אידישקייט איז ניש בלויז אַ רעיון, אַ פילאָזאָפישע סיסטעם. אמת׳ע אידישקייט מיינט: — נעמען אויף זיך דעם גאַנצען עול פון יהדות. אידישקייט מיינט: — לעבען אַליין אין גייסט פון תורה ואמונה און אויך דערצידען דורות אין דעם דאָזיגען גייסט.

(„אידישע שטימע״, ניסן, תש״א)

ולמות לא נתנני

אין דעם מבול פון צרות און יסורים, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע אייראָפּע־אישע אידענטום, אין דעם שטראָם פון קללות וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויפ׳ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט, וואו עס לעבט דער רוב מנין און רוב בנין פון אידישען פאָלק, באַמערקען מיר נישט געוויסע ערשיינונגען פון אַ פּאָזיטיווען כאַראַקטער וואָס באַווייזען זיך אין אייראָפּאַ.

ווארום, די מלחמה צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיעל אומגליקען אויף מיליאָנען אידען, וועלכע האָט געווירקט ווי אַן ערד־ציטערניש און ביז׳ן וואָרצעל אויסגעריסען טויזענטער אידישע קהלות, האָט אָבער אויך געבראַכט געוויסע געשעהענישען וועמעס באַדייטונג פאַר דער צוקונפט עס איז גאַר נישט אָפּצו־שאַצען.

די מיליאָנען רוסישע אידען וועלכע זענען אַמאָל, פאַר דער הערשאַפט פון דער יעווסעקציע, געווען אַ טייל פון די סאַמע קאָנסטרוקטיווע, שאַפענדע און בויענדע כחות אינ׳ם אידישען פאָלק, זענען מיט אַמאָל אָפּגעריסען געוואָרען פון דעם לעבעדיגען אידי־שען גוף. במשך 24 יאָר האָבען די מהרסים וועלכע זענען אַרויסגעקומען פונ׳ם אידישען פאָלק און באַקומען די שליטה איבער׳ן רוסישען אידענטום, געפּרואווט מיט אַלע כחות דורכצופירען אַן אָפּעראַציע מיט׳ן ציעל אָפּצושניידען דעם רוסיש־אידישען אבר פון אונזער פאָלקס־קערפּער.

24 יאָר צייט האָט מען געלערנט די רוסישע אידען, אַז זיי זענען „געראַטעוועט״; אַז אידישער גורל, אידישע רדיפות, אומגליקען זיינען אַן ענין פאַר די „וויסע אידען״, — אויף יענער זייט סמבטיון, פאַר די אידען וואָס האָבען זיך נישט באַפרייט פון דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, און זיך נאָך נישט אויסגעניכטערט פון די „רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטישע פאַראורטיילען״. אָבער פאַר זיי, פאַר וועלכע עס איז שוין געקומען „משיח״, — פאַר זייער גורל דאַרף מען זיך נישט זאָרגען. זיי זיינען באַפרייטע אידען, „אויף אייביג באַפרייט פון אַנטיסעמיטיזם״, ווייל זיי גלויבען ניט אין די זאַבאַבאָנעס וואָס דער אידישער קלעריקאַליזם האָט פאַרזייט אויף דער אידישער גאַס. פאַר זיי, די באַפרייטע אידען, הויבט זיך אָן די אידישע געשיכטע אין 1917; הר סיני — דאָס איז דער אָנהויב פון אידען אַלס פאָלק ביי די פאַרשקלאַפטע צום קאַפּיטאַליזם און רעאַקציע און קלער.

אָבער זיי, — זיי זיינען שוין „באַפרייטע״ פון עול יהדות און פון עול גלות.

צוויי דורות אידען האָט מען דערצויגען אויף די דאָזיגע בבא מעשיות; צוויי דורות אידישע יוגענד האָט מען מיט געוואַלד אָפּגעריסען פון אידישען בוים: פון תורה, פון אידישקייט, פון יעטוועדער גייסטיגער פאַרבינדונג מיט זייערע ברידער איבער גאָר דער וועלט. און געוואָלט שאַפען דעם אומזין פון אַ „סאָוועטיש אידענטום״, וואָס האָט קיין שייכות ניט מיט דער אידישער אַרומיגער וועלט, מיט דעם היסטאָרישען אידישען פאָלק.

אויב מיר דערצעהלען דאָס, איז דאָס נישט, חס וחלילה, דערפאַר ווייל אימיצער פון אונז האָט, אין דעם מאָמענט ווען דאָס רוסישע אידענטום געהט אָפּ אין טייכען בלוט,

דאָס מינדעסטע געפיל פון שאַדען־פרייד — אַפילו בנוגע די יעוו׳סעקעס. „ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא״. מיר האָבען זיך קיינמאָל נישט מיאש געווען פונ׳ם רוסישען אידענטום, — אפילו דאַן ווען די זעלבסט־געקרוינטע יעווסעקישע „פירער״ זיינע האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון אונז; מיר האָבען קיינמאָל נישט פאַרלאָרען די אמונה, אַז השי״ת וועט באַפרייען די רוסישע אידען פון דער קנעכטשאַפט ביי זייערע אייגענע שוטרים ונוגשים. און ווען אפילו איינער פון זיי וואָס האָט אַמאָל, גאָר נישט לאַנג צוריק, זיך אָפּגעטרייסעלט פונ׳ם גאַנצען עול פון איד, איבערגעריסען אַלע פעדים מיט דעם אידישען עבר און מיט דעם לעבעדיגען, ליידענדיגען אידישען פאָלק, קומט איצט אַרויס און רופט צו אונז אין פאַרצווייפלונג, ווען ער דערמאָנט זיך אין זיין פיין, אין דעם אַלטען „לא אמות כי אחיה״, דערהערען מיר זיין רוף. ווייל מיר ווייסען אַז די מיליאָנען רוסישע אידען באַנוגענען זיך נישט מיט דער ערשטער העלפט פון דעם פסוק, נאָר זאָגען ווייטער: „ואספר מעשה י־ה״. און זיי האָפען נאָך צו זאָגען, מתוך חדוה, מיט׳ן גאַנצען כלל ישראל: יסור יסרני י־ה, ולמות לא נתנני.

24 יאָר זיינען רוסישע אידען געווען אָפּגעריסען פונ׳ם לעבעדיגען אידישען פאָלק; 24 יאָר צייט האָבען זיי מיטגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דער יעווסע־קישער אינקוויזיציע; 24 יאָר זענען זיי געווען אין צושטאַנד פון אַ גייסטיגען „בין חיים למות״, אָבער — „ולמות לא נתנני״. איצט האָט אפילו ביי די יעווסעקישע פייניקער גופא, ביי די מרשיעי־הברית, אין סאַמע מיט פון דער עקבתא דמשיחא׳דיגער מלחמה, דערוואַכט דאָס „פינטעלע איד״. און אינ׳ם מאָמענט פון פאַרצווייפלונג, האָט זיך אפילו דער סאַמע „בעזבאַזשניק״ דערמאַנט, אַז עס איז נאָך אַלץ נישט פאַרלוירען ווייל — עס איז פאַראַן אַ ג־ט׳ליכע הבטחה אַז מיר וועלען „נישט שטאַרבען, נור לעבען״.

אין די געשעהענישען אין רוסלאַנד זעהען מיר דעם אצבע אלקים, די אידישע נצחיות. עס ווייזט זיך אַרויס אַז אפילו די, וועלכע האָבען 24 יאָר צייט, אָפיציעל, נישט געלאָזט לערנען די תורה, האָבען אַליין בצנעה, ווי די מאַראַנען אין שפּאַניע, דערזעהן אין דעם אומקער פונ׳ם רוסישען אידענטום צום וועלט־אידענטום די נאַטירליכע באַהעפטונג צום מקור. די לעקציע פון די דאָזיגע געשעענישען פאַר דער גאַנצער אידישער וועלט דאַרף זיין: באַפרייען זיך פון אַלע פאַלשע אָפּגעטער און שעדליכע אילוזיעס וועגען גייסטיגער אַסימילאַציע און התבוללות. דערזעען אין דעם אומקער פונ׳ם רוסישען אידענ־טום דעם: „לבל ידח ממנו נדח״.

דאָס פיל־מיליאָניגע רוסישע אידענטום, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואָלט שלום מאַכען מיט דער פאַלשער תורה, אַז די סאָוויעטישע אידען זענען באַפרייט פון אידישען פאָלק, באַפרייט פון דעם היסטאָרישען אידענטום, פון עול מלכות שמים און עול היהדות, פון אידישער גורל־געמיינשאַפט, — קערט זיך איצט אָפען צוריק צום אידישען פאָלק, צום אידישען ג־ט און צו דער אידישער תורה. און ווערט ווידער אַ טייל פון עם אלקים. עס איז געווען געווען בלויז אַ רמז, אַז גיין אין שוהל אָדער בית־המדרש מיינט נישט תפיסה אָדער סיביר, אַז די שוהלען און בתי מדרשים פון גאַנץ רוסלאַנד זאָלען אָנגע־פילט ווערען נישט נאָר מיט אידען פונ׳ם אַלטען דור, נאָר אפילו מיט יונגע „קאָמסאָ־מאָלצעס״, אין וועלכע עס טליעט נאָך — טראָץ אַלעם — דער פונק פון אידישקייט.

אונזער קריטיק אויף דער יעווסעקציע וועלכע וועט איצטער זיכער פאַרלירען איר השפעה אויפ׳ן אידישען לעבען אין רוסלאַנד, האָט נאַטירליך ניט קיין שייכות מיט דער גאַנצער אויפריכטיגער סימפּאַטיע אונזערער פאַר דעם רוסישען פאָלק וואָס פאַרגיסט

איצט זיין בלוט, צוזאַמען מיט אַלע פעלקער וועלכע טראָגען אויף זיך דעם צלם אלקים, אין דער הייליגער מלחמה געגען דייטשען עמלק.

די אגודת־ישראל וועלט־צענטראַלע אין לאָנדאָן איז דאַריבער געווען די ערשטע אידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט גלייך נאָך היטלערס אַטאַקע אויף רוסלאַנד — ניט וואַרטענדיג אויף דעם אַפּיל פון די יעווסעקעס — געשיקט איר וואָרט פון דערמו־טיגונג צו די, וואָס ברענגען די גרעסטע קרבנות אין דעם וועלט־קאַמף געגען אונזערע גרעסטע שונאים.

מיר, מאמינים בני מאמינים, גלויבען אַז די ממשלת זדון פון די דייטשע עמלקים וועט אָפּגעווישט ווערען פון דער וועלט. אין דעם דאָזיגען קאַמף געגען רשעות, שטייט היינט פאַראייניגט, נישט נאָר אין מלחמה, נאָר אויך אין די תפלות צו השי״ת פאַר דער גאולה שלמה, דאָס גאַנצע אידיש פאָלק — פון מיסיסיפּי ביז דער טעמזע, פון דער סענע ביז דער ווייסעל, פון דניעפּער איבערן שוואַרצען ים ביז דעם ירדן.

איין אידישער גורל. איין אידישער ג־ט. איין אידישע תורה. און איין איינציגע תפילה:

— „עזרתי היית, אל תטשני, ואל תעזבני, אלקי ישעי".

(„אידישע שטימע", חשון, תש״ב)

פסח — ספירה — שבועות

פסח איז אַ גרויסער יום טוב. גאָר אַ גרויסער. אַ זמן חרותנו. אידען זיינען אַרויס פון פאַרשקלאַפונג, באַפרייט געוואָרען פונם גלות־מצרים. אויסגעלייזט געוואָרען פון שעבוד מצריים, און געוואָרען פרייע זעלבסטשטענדיגע מענטשען.

און ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט אַז צוזאַמען מיטן אויסגעלייזט ווערען פונם רשעות׳דיגען שונא׳ס רשות, דערלעבט מען נאָך צו זען דעם פייניגערס פאַרניכטענדע מפלה, איז עס זיכער גאָר אַ גרויסע דערלעבונג, און ממילא אַ גאָר גרויסע דערפרייאונג און יום טוב.

אַזוי איז עס ביי אַלע אומות ולשונות. דער טאָג פון זייער באַפרייאונג פון אויפ־געצוואונגענעם שעבוד און גלות, ווערט דער גרעסטער טאָג, דער נאַציאָנאַלער יום טוב. אַזוי איז בנוהג שבעולם ביי אַלע מענטשען און פעלקער. ביי אַלע, אָבער ניט ביי אידען.

ביי אונז אידען איז אַנדערש. אויף אידען וואָס: „ודתיהם שונות מכל עם״, זיינען ניט חל די הנהגות העולם און אָנגענומענע מענטשליכע געזעצען. מיר אידען זיינען אין אַלעם אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. זיכער, אויך ביי אונז אידען איז פסח, זמן חרותנו, אַ גרויסער היסטאָרישער יום טוב, וועלכער ווערט געפייערט יאָר־יערליך מיט גרויס שמחה און התרוממות הנפש; געוויס ווערט דער גרויסער טאָג, פון: „הוציאנו מעבדות לחרות, מיגון לשמחה, מאבל ליום טוב, ומאפלה לאור גדול, ומשעבוד לגאולה״, קיינמאָל ניט פאַרגעסן; געוויס זיינען מיר אייביג אַליין מקיים דעם: „למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך״, און מיר גיבען עס איבער אונזערע קינדער מדור לדור. „והגדת לבנך ביום ההוא״, „ולמען תספר באזני בנך ובן בנך״ איז איינע פון די תרי״ג מצות שבתורה. אָבער טראָץ דעם אַלעם איז דער יום טוב פסח ניט קיין אָפּגעשלאָסענער יום־טוב פאַר זיך, נאָר ער איז געבונדען מיט אַ צווייטען יום־טוב, און דאָס איז — שבועות.

ווי שווער עס פאַלען אויף אונז אידען די פיזישע ליידען, און ווי דערפרייענדיק מיר נעמען אויף די באַפרייאונג פון די פורעניות׳דיגע שיעבודי־מלכיות, שפּילט נאָך אַלץ דערביי די גייסטיגע זייט די הויפּט ראָלע. די פיזישע יסורים דערדריקען אונז אַממערסטען ווען זיי זענען געבונדען גלייכצייטיג מיט גייסטיגע ליידען, און די פיזישע באַפרייאונג דערפרייט אונז אַמשטאַרקסטען אויב זי ברענגט אויך מיט זיך גייסטיגע דערלייזונג. אידען ווינען אַ פאָלק פון גייסט, און ענינים פון גייסט פאַרנעמען ביי זיי דעם אויבענאַן אין זייער מחשבה און אין זייער לעבען. דאָס איז דער תכלית און דער ענד־ציל פון כלל ישראל.

דער חג הפּסח, דער חג החרות, האָט אַזאַ גרויסע און היסטאָרישע באַדייטונג, ווייל זיין פיזישע גאולה פירט צו גייסטיגער גאולה, צום — חג השבועות.

* * *

פסח איז די התחלה, שבועות איז דער גמר.

די ג־ט׳לעכע נסים פון יציאת מצרים זיינען ניט געשען בכדי די בני אברהם, יצחק ויעקב זאָלען נאָר באַפרייט ווערען פון זייער גלות ביי די מצריים, און ווערען בני חורין

מחוץ לארץ מצרים, נאָר בכדי זיי זאָלען דאַדורך זיין ראוי און מוכשר צו ווערען אַן עם השם. באַקומען די תורה הקדושה און אַריינקומען אין ארץ הקדושה.

„אנכי ד׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים״ (שמות כ׳-ב).

„ואתכם לקח ה׳ ויוצא אתכם מכור הברזל ממצרים להיות לו לעם נחלה כיום הזה״ (דברים ד׳ — כ׳).

איך האָב אייך באַפרייט פון ארץ מצרים, בכדי איך זאָל זיין אייער ג-ט, און בכדי איר זאָלט זיין מיין פאָלק.

דער טיפערער זין פון אונזער פרייד מיטן יום-טוב פסח, דער זמן חרותנו, איז, ווייל ער פירט צום יום-טוב שבועות, דער זמן פון מתן תורתנו. און דאָס איז אויך דער באַדייט און כוונה פון ספירת העומר. זיי, די 7 וואָכען און די 49 טעג פון די ימי הספירה, — צווישען פסח און שבועות — שטעלען מיט זיך פאָר די קייט וואָס בינדט צוזאַמען דעם פסח מיטן שבועות, דעם המשך פון דער פיזישער גאולה מיט דער גייסטיגער גאולה.

תיכף, דעם ערשטען טאָג פסח ביינאַכט; תיכף, ווי מען דערפילט דעם טעם פון דער גאולה הגופנית, הייבט מען אָן צו ציילען די טעג און וואָכען וועלכע דאַרפען דער-פירען צו דער גאולה הנפשית אין חג השבועות. קיין איין טאָג לענגער וויל מען זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט דער פיזישער אויסלייזונג, נאָר מען ציילט תיכף און אומגעדולדיג די ימי הספירה, די טעג וועלכע פירען צו דער גייסטיגער דערלייזונג.

פסח — ספירה — שבועות.

* * *

אידען האָבען אויסגעהאַלטען און איבערגעהאַלטען דורות-לאַנג פינסטערע גלות׳ן, פאַרבונדען מיט אומפאַרגלייכלעכע ענויים און יסורים, און דאָך זיך דערהאַלטען. און ניט נאָר דעם פיזישען קיום, נאָר אויך זייער רוחניות׳דיגען קיום. זייער אָפּגעזונדערטקייט און אייגענאַרט, זייער רוח און נשמה. דער איינציגער סוד פאַר אָט דעם וואונדערליכען און אומפאַרגלייכליכען זכות הקיום, איז געווען דער אייביגער און אומדערשיטערלעכער גלויבען אין די הבטחות התורה און יעודי הנביאים וועגען דער בחירה און נצחיות ישראל.

דאָס אידישע פאָלק איז אַ ג-ט׳ליכע שאַפונג. און קיין בשר ודם, מעג ער זיין דער מעכטיגסטער און רשעות׳דיגסטער, קאָן די שאַפונג ניט אונטערברעכען. דער בורא כל העולמים האָט אונז באַשאַפען אַלס נצח, און אונז מיט זיין ג-ט׳לעכער נצחיות פאַרבונדען מיט אַ קשר לעולמי עד.

קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל חד הוא.

פסח, מיטן יציאת מצרים, איז געווען דער ערשטער שריט צום ווערען פון די בני ישראל אַ פאָלק. און שבועות, מיטן קבלת התורה, איז געקומען דער גמר, צו ווערען — ג-ט׳ס פאָלק.

* * *

אָט מיט דעם באַוואוסטזיין האָבען אידען געלעבט זייט זיי זיינען אידען געוואָרען. מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז אידען און יהדות איז אַן אָריגינעלע ג-ט׳לעכע שאַפונג, און אַז אין איר עצם מהות איז ניט נאָר ערדישע עקזיסטענץ, ניט נאָר יציאת מצרים, נאָר די התקשרות מיטן היסטאָרישען מעמד הר סיני.

געווען, וואָס אמת, אין אַלע צייטען און תקופות מענטשען וועלכע האָבען בשוגג, אָדער אַמאָל גאָר במזיד, אָפּגעווייכט פון דרך-החיים און תורה-השקפות, איינצעלנע שוואַכע

אידען וועלכע האָבען ניט געוואָלט אויף זיך טראָגען דעם עול התורה און עול מלכות שמים. אָבער זיי זיינען געבליבען יחידים אין דער אידישער מחנה, אָן השפעות אויף די מאַסען, וועלכע זיינען געבליבען טריי צום איינגעוואָרצעלטען דרך־האבות.

היינט, ליידער, לעבען מיר אין אַ צייט אַ טראַגישע, אין אַ צייט ווען די שוואַכע און אָפּטריניגע באַגנוגען זיך ניט מיט בלייבען יחידים, נאָר זיי פּאַרמעסטען זיך צו פאַר־וואַנדלען זייער ניט־אידישקייט, זייער ככל הגוים׳דיגקייט, אין מאַסען־באַוועגונגען מיט השפּעות, לדאבוננו הרב, אויף גרויסע טיילען פון אידישען פאָלק. אין חוץ לארץ ווערט די צעשטערערישע אַרבעט געטאָן דורך די רעפאָרמער למיניהם, דורך וועלטליכע נאַצ־יאָנאַליסטען, אידישיסטען און סאָציאַליסטען. און אין ארץ ישראל ווערט דאָס געטאָן דורך, און אין נאָמען, פון דער ממשלת ישראל.

דאָ און דאָרטען געפונען זיך גוט־אָרגאַניזירטע כחות פאַר אָפּרייסען אידען פון אידישקייט; פאַר אויסליידיגען דאָס אידישע פאָלקס־לעבען פון אַלע רגשי קודש און קניני האומה; און פאַר פאַרוואַנדלען דעם עם סגולה והנבחר אין: ככל הגוים בית ישראל.

מען וויל מיט אַלע כחות פאַרוואָכעדיגען ביי אידען דעם באַגריף פון קדושת התורה און קדושת החיים. און מען פרובירט מיט אַלע אופנים איבעררייסען דעם ענגען שייכות פונם חג החרות מיטן חג מתן תורה.

* * *

מצד מושלים און וואָרט־זאָגער אין מדינת ישראל, קומען כסדר׳דיגע אונטערגראָ־בונגען קעגען די היסטאָרישע, אָריגינעלע און איינציג־אמת׳ע יסודי־היהדות. פון דאָרט ווערען כסדר טאָרפּעדירט די פּאָזיציעס פון תורה־אידען און תורה־אידישקייט. און דאָס רירט ניט אָן בלויז דעם חרדי׳שען ישוב, נאָר דעם כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

ערשט מיט עטלעכע וואָכען צוריק איז בן־גוריון, זייענדיג אין אַמעריקע, אַרויס־געקומען מיט זיינע שטותים׳דיגע פּלאָפּלערייען אָפּצולייקענען אונזער אידישען „אתה בחרתנו״, און צונישט מאַכען אַלע גייסטיגע דערגרייכונגען, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט באַוויזען במשך די לעצטע צוויי טויזענט יאָר. און שוין ווידער לאָזט ער זיך הערען מיט אומפאַרגלייכליכע דברי בלע וכפירה, פון לייקענען און צעדרייען אַלע נסים ביי יציאת מצרים, נסים ביי קריעת ים סוף, און די נסים ביי כבישת הארץ.

ביז היינט האָט נאָך קיינער ניט, אַפילו מלומדים פון אומות העולם, ניט געוואָגט אָנצוּרירען די אמת׳ן פונם געהייליגטען תנ״ך. אויך ביי ניט־אידען איז עס געהייליגט, פאַר אידען איז דאָס קודש קדשים. חוץ אַ הייפעל צעקרימטע מוחות פון ביבעל־קריטיקער, האָט נאָך קיין ערנסטער און ערלעכער מענש ניט געוואָגט צו לייגען זיין האַנד אויף דעם ג־ט׳ליכען ספר־הספרים. און איצט, לדאבוננו ולחרפּתנו, האָט עס געוואָגט צו טאָן, און מיט אַזאַ עם־הארצות און אַראָגאַנץ, גראָד דער וואָס שטייט בראש מדינת ישראל. קיין איין ניי וואָרט, קיין איין אָריגינעלען געדאַנק, איז ער דערביי ניט בכוח מחדש צו זיין, ער באַגנוגענט זיך מיט נאָכפּלאַפּלען אַלטע פאַרזשאַווערטע משכיל׳ישע חקירות, אַבי אַרויסצובּרענגען זיינע „חכמות״ אויפן חשבון פון דער אייביגער קדושת התורה והאמונה.

פאַר אונז, ווי פאַר אַלע ערליך־דענקענדע אידען, איז אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעך צו וואָס און צו ווען געשעט אַזאַ אַרויסטריט; וועלכע אידישע אינטערעסען, סיי פון עם ישראל און סיי פון ארץ ישראל, פאַרלאַנגען דאָס, אַז דער ראש המדינה זאָל אויף אַזאַ עפענטליכען און פובליצירטען אופן טרעטען ברגל בוז וגאוה אויף אַלע געהייליגטע יסודי־הדת; ווער דאַרף דאָס, און וועלכע צוועקען לטובת דעם אידישען פאָלק דינען אַזעלכע

כפירה׳דיגע אַרויסטריטען, און דערצו מיט אַזאַ פירסום און פּאָמפּע. מער ווי מאַכען ללעג ולקלס דעם אידישען נאָמען זיינען זיי ניט עלול.

וויל מען דאָס מיט אַזעלכע חירוף וגידוף אפשר אָנצינדען די אידישע מאַסען פאַר חיבת המדינה? וויל מען מיט אַזעלכע עם־הארצ׳ישע לעסטערונגען דערציען דורות טריי און צוגעבונדען צום עם ישראל און צום אלקי ישראל? פאָדערען עס די אַזוי־דרינגענדע און אַזוי־ערנסטע מלוכה־ענינים אין ארץ ישראל, אַז דער ראש הממשלה זאָל יעצט עפּע־נען אַ ניי פייער פון פאַרביטערונג און צעטיילונג אין דער אידישער מחנה?

וואָס ווילען זיי, די אַלע מסיתים ומדיחים? פעלט אויס דעם כלל ישראל, און טאַקע אויך דער מדינת ישראל, אַנדערע גרעסערע און טיפערע דאגות, ווי אַז גראָד יעצט, אין אַזאַ שעת חירום, זאָלען פירענדע מענשען וואַגען עפענטלעך מחלל זיין את כל הקדוש לנו מדור־דורות?

די איינציגע כוונה זייערע קאָן נאָר זיין, דאָס וועלען איבעררייסען דעם קשר פונם חג החירות, ווען מיר זיינען פריי געוואָרען פון שעבוד מלכיות, מיטן חג התורה, ווען מיר זיינען מקושר געוואָרען מיטן שעבוד מלכות שמים.

* * *

די סכנות פאַר תורה־יהדות זיינען גרויס. אונזערע טויזענט־יאָריגע תורה ואמונה פּאָזיציעס ווערען אָנגעגריפען דורך אָפענע און פאַרשטעלטע מהרסי הדת און מזייפי התורה. די אָנגריפען קומען פון אַלע זייטען, מבית ומבחוץ.

אוודאי דאַרפען מיר תורה־אידען זיך ניט לאָזען. מיר דאַרפען זיך געגענשטעלען און ניט דערלאָזען די מחבלי כרם ישראל פריי וואַיעווען כרצונם הרע. אָבער די הויפּט־אויפגאַבע אונזערע מוז געלענקט ווערען אויף פאַרפעסטיגען, פאַרשטאַרקען און פאַרפאַנ־צערען אונזערע אייגענע פּאָזיציעס; ניט אַריינלאָזען די מסיתים ומדיחים צווישען אונזערע רעליגיעזע רייען; לערנען און אָנווייזען פרומע אידען, וועלכע זיינען שלמים באמונתם וביראתם, די כוונות פון די עוקרי הדת, און די אַבסאָלוטע פעלשונגען אין זייערע מעשים, טעאָריעס און מחשבות; מיר מוזען איבערצייגען די אידישע מאַסען אויף די סכנות וואָס די חפשיים למיניהם און זייערע דעות־כוזבות, שטעלען מיט זיך פאָר פאַרן כלל ישראל און זיין קיום. מיר טאָרען ניט אונטערשאַצען די געפאַרען. די אידישע וועלט לעבט אונטער דעם פּסיכאָז פון אַן אייגענער מדינת ישראל, און זייערע ראשים ווערען אָנער־קענט ווי אויטאָריטעטע וואָרט־זאָגער פאַר אידען און פאַר אידישע ענינים. און אַז עס הערען זיך אַזעלכע דברי כפירה פון ראשי המדינה, קאָן עס לייכט באַאיינפלוסען אידישע מאַסען, וועלכע זיינען ניט בכוח מבחין צו זיין צווישען וויסען און עם־הארצות, צווישען אמת און פעלשונג.

אויב מיר אידען, האָבען איבערגעהאַלטען טויזענטער יאָרען רדיפת ישראל און רדיפת הדת, און אַרויסגעקומען פון דעם אַלעם גאַנץ און אומדערשיטערט, איז עס געשען נאָר אַ דאַנק דער פעסטקייט און הייליגער עקשנות פון אידען מאמינים און שומרי תורה אין אַלע דורות, וביחוד אין תקופות פון סכנות און רדיפות.

אויך היינט אין אונזער תקופה, מוזען מיר זיך אַרומנעמען מיטן פייער פון מסירת־נפש פון אונזערע אבות און אבות־אבותינו פאַר אונזער תורה, אונזער דת און אונזער אמונה, זיך ניט לאָזען אָפּשוואַכען און פאַרשלעפּערען דורך שיינע רייד און הורא־פּאַטריאָ־טיזם, נאָר מיט אַלע כחות און מיטן גאַנצען קשיות עורף זיך געגענשטעלען די, וועלכע

ווילען אידען אַראָפּפירען פון אידישען וועג, פונם דרך התורה והיהדות הנאמנה. ווי ביי מעמד הר סיני, דאַרף און מוז אויך היינט שטיין געאייניגט די גאַנצע תורה־מחנה — כאיש אחד בלב אחד.

* * *

שרעקען זיך דאַרפען מיר, מאמינים בני מאמינים, נישט. נישטאָ פּאַרוואָס. מיר זיינען ג־ט׳ס פאָלק, מיט דעם כח האָבען מיר געלעבט, לעבען מיר, און וועלען לעבען.

„הסכת ושמע ישראל היום הזה נהייתה לעם לד׳ אלקיך" (דברים כ״ז־ט׳).

„היום הזה", דאָס איז דער טאָג פון קבלת התורה, זעקס טאָג אין חודש סיון, אינם חג השבועות.

איבער דריי טויזענד יאָר, לעבען מיר מיט אונזער תורה ואמונת השם. זיי, און נאָר זיי, האָבען אויפגעהאַלטען און געזיכערט אונזער קיום ונצחיות.

מעגען אַנדערע זוכען ערדישע יסודות פאַר אידישען קיום, ווי שפראַך, לאַנד און פיזישע שטאַרקייטען, מיר מאמינים גייען און וועלען גיין מיט אונזער אַלטען אויסגע־פּרואווטען אידישען וועג. מיט קבלת התורה זיינען מיר געוואָרען אַ פאָלק, און ניט סתם קיין עם, נאָר אַן: עם לד׳ אלקיך, און פון דעם וועלען מיר ניט אָפּטרעטען.

„אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ד׳ אלקינו נזכיר", און מיר זיינען זיכער, אַז „ואנחנו קמנו ונתעודד".

צו די אַלע פעלשער און פאַרפעלשער, צו די אַלע מהרסי הדת והאמונה, האָט דאָס היסטאָרישע און אייביגע תורה־אידענטום איין־איינציגען ענטפער, וועלכען אונזערע הייליגע חכמים ז״ל האָבען שוין געגעבען, און דאָס איז:

„אלף כיוצא בהם יבטלו, ואל יבטל אות אחת מן התורה".

(ד. א. ו., אייר־סיון, תש״ך)

אידישקייט און וועלטליכקייט

וועגען אידישקייט און וועלטלעכקייט איז שוין געשריבען געוואָרען אָן אַ שיעור. עס איז ממש געוואָרען אַ מאָדע צו שרייבען אויף דער טעמע. דער רוב שרייבער וועלכע זיינען עוסק אין דעם ענין זיינען די וועלכע געהערען אַליין צו די „וועלטלעכע״.

עס איז אָן ספק, אַז דער דראַנג ביי די אַלע שרייבער אַרויסצוקומען מיט זייערע געדאַנקען און ראַנגלענישען וועגען אָט דעם פּראָבלעם, איז אַ פּועל יוצא פון אַן אינערלעכען אומרו, פון עסענדיגע ספקות וועלכע בויערען אין זייערע מחשבות איבער זייער „וועלטלעכקייט״, און פון אַ טיפער בענקשאַפט — באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג — וואָס עגבערט, מאָנט און דערמאָנט, פאַרוואָס זיי האָבען פאַרלאָזט אַזאַ שיינע און הייליגע וועלט פון אידישקייט, און איבערגעגאַנגען צו אַזאַ פּוסטע און באַנקראָטירטע וועלט פון „וועלטלעכקייט״.

אַפילו די יעניגע שרייבער, וואָס זיינען שוין וויט אַוועק פון אידישקייט, און טיף פאַרקראָכען אין זייער „וועלטלעכקייט״, אַז זיי פילען שוין נישט קיין חרטה אויף זייער „היינט״ און נישט די מינדעסטע בענקשאַפט פאַר זייער „נעכטען״ — ווערען אָבער אויך זיי אָנגערעגט צו שרייבען איבער די ענינים. זיי קענען ניט אויסבאַהאַלטען, אַז גרויסע טיילען פון אידען, וועלכע זענען פאַרפירט געוואָרען אין „וועלטלעכקייט״, האָבען לעצטענס אָנגעהויבען דערפילען אַז עפּעס „איז פויל אין דענעמאַרק״... מען האָט זיי אַרויסגענומען פון אַ גרויסען אינהאַלטסרייכען עפּעס, און דערפירט צו אַ ליידיגען גאָרנישט.

*　*　*

פאַראַן צווישען זיי אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע, וועלכע מען באַדאַרף אויסטיילען אַלס יוצאים מן הכלל. דאָס זיינען מענשען, וועלכע האָבען זוכה געווען צו אַ געוויסע מדרגה פון „בעלי תשובה״. זיי אָנערקענען שוין זייער אַנטוישונג אין דער וועלטלעכקייט, און זייער אינערלעכע בענקשאַפט צו זייער, אָדער צו זייער עלטערען׳ס, אמת׳ער אידישקייט, און האָבען שוין אפילו זוכה געווען צו מוט און דרייסקייט דאָס מודה צו זיין אין דער עפענטלעכקייט.

אָבער ליידער איז מיט זיי אויך אַ צרה. זיי גייען אָבער דערגיין נישט; זיי זיינען שוין איבערצייגט, אַז די אילוזיע פון „וועלטלעכקייט״ אינם אידישען לעבען איז פּשוט אַ שטיק אויסגעטראַכטע פאַרפירערישקייט; זיי זעען בחוש, און פון דער פּראַקטיק, אַז מיט אָפּרייסען אידען און אידישע קינדער פון תורה און יהדות, איז דער איינציגער רעזולטאַט, וואָס מען פאַרקריפּעלט זייערע אידישע הערצער און מען פאַרפרעמדט זייערע אידישע נשמות; מען רייסט זיי אָפּ פון אידישען מקור, און מען לאָזט זיי הענגען אין אויר העולם. נישט וויסענדיג ווער און וואָס זיי זיינען... אָבער ליידער האָבען זיי ניט דעם כוח צו זיין גאַנץ קאָנסעקווענט, סיי אין זייערע מחשבות און סיי אין זייער לעבען. זייער תשובה דערגרייכט אַ געוויסע חרטה אויפן עבר, אָבער ליידער ניט קיין פעסטע קבלה אויף להבא, ווי אמת׳ע תשובה פאַרלאַנגט. זיי דערגיין ניט צום פולען

ברעג פון תורה־יהדות, צו שלימות׳דיגער אמונה און צו קבלת עול המצוות ושמירת הדת. זיי, אפילו די בעלי תשובה, פאַרגעסען דעם כלל פון דבר ולא חצי דבר, אַז תשובה מיינט אַ גאַנצע און בשום אופן ניט קיין האַלבע.

ווי געזאָגט, נעמען זיך צו דער טעמע נאָר מענשען וועלכע געהערען צום „וועלט־לעכען" צד. כמעט קיינער, וועלכער געהער נישט צום וועלטלעכען נאָר צום אידישען צד, באַשעפטיגט זיך ניט מיט דעם דאָזיגען פּראָבלעם. דער אידישער צד איז זיכער מיט זיך און מיט זיינע וועגען, מיט זיין אמונה און לעבענס־שטייגער; ער האָט נישט קיינע ספקות און געוויסענס־ביסען; ער האָט זיין ג־ט און זיין מסורה׳דיגען דרך החיים; ער האָט גאָרנישט פאַרוואָרפען און גאָרנישט פאַרלוירען, און ממילא דאַרף ער גאָרנישט זוכען און אויסגעפונען.

מיר האַלטען אָבער, אַז עס וואָלט געווען ריכטיג, אַז אויך פון אונזער זייט, מצד מסורה׳דיגער יהדות, זאָל אַמאָל געגעבען ווערען אַ צושטייער צו דער דאָזיגער בלאָנ־זשענדער וועלט, וועלכע שוועבט צווישען אידישקייט און „וועלטלעכקייט".

* * *

געוואָרען אָנגערעגט צו שרייבען די איצטיגע שורות בין איך דורך ב. שעפנער, אַן אַלטער באַקאַנטער נאָך פון אַמאָליגער וואַרשע, און אַ באַוואוסטער שרייבער פון בונדישען חדר. שעפנער האָט די טעג פאַרעפענטלעכט אין „פאָרווערטס" אַן אַרטיקעל אַ. נ. „דאַרפען וועלטלעכע אידען זיך פאַרענטפערען?" אין דעם אַרטיקעל באַהאַנ־דעלט ער די ספקות פון אַ גרויסען טייל „וועלטלעכע אידען", וועלכע האָבען במשך די לעצטע צייטען פאַרלוירען זייער „זעלבסטזיכערקייט און זעלבסטצופרידענקייט" אין זייער ביז־איצטיגען לעבענס־גאַנג, און זוכען פרומע שוהלען און סביבה וואו „אַביסעל זיך אָנצוואַרעמען". שעפנער ברענגט צום אויסדרוק, ווי דער „וועלטלעכער איד" פילט זיך קליין און שפל׳דיג לגבי דעם קליינעם פרומען אינגעלע מיט זיין פעסטקייט אין אמונה, און ער פילט אַז „דאָס אינגעלע גייט אויפן גלייכען וועג און ער פּלאָנטערט זיך..." שעפנער פּרובירט זיין ווייטער שטאַרק אין זיין וועלטלעכקייט, און וויל אויפ־ווייזען, אַז דער גאַנצער „קריזיס וואָס די וועלטלעכקייט לעבט איבער", איז גאָר די שולד פון די וועלטלעכע אַליין, וועמען עס פעלט שטאַרקייט אין זייער „גלויבען" אין וועלטלעכקייט, ווען „זיי אַליין פּרוּאווען זיך ווי פאַרענטפערען, פּרוּאווען פאַרשעמט אוועקדרייען די קעפּ, ווי זיי וואָלטען באַגאַנגען אַ זינד".

מוז איך זאָגען דעם אמת, אַז איך גלויב נישט שעפנער׳ן אַז ער אַליין איז פריי פון די זעלבע ספקות וואָס האָבען אַרומגעכאַפּט פיל „וועלטלעכע אידען". איך בין חושד, אַז זיין גאַנצער געשריי אין דער זיכערקייט פון זיין וועלטלעכקייט, איז גאָר צו פאַרשרייען זיינע אייגענע צווייפלען איבער דער אויסגעליידיגטער וועלט פון זיין „וועלטלעכקייט"...

ב. שעפנער איז צו קלוג און צופיל וואַרשעווער, אַז ער זאָל נישט איינזען, אַז די ספקות וואָס האָבען זיך אַריינגעריסען אין די רייען פון זיין וועלטלעכקייט זיינען ערנסטערע און טיפערע, אַז מען זאָל זיי קענען היילען, אָדער אַפילו באַרואיגען, מיט ווייטער פאַרשפרייטען בטול צו דער אייביגער אידישער אמונה און טויזענט־יאָריגע קדשי האומה. ער פאַרשטייט זייער גוט, אַז זיין וועלטלעכקייט און בונדיזם אויף די נאַוואַליפּיע, האָט געהאָט אַ מאָמענטאַלען אָנהאַלט אין אידישען לעבען, ווייל זיי האָבען זיך געפונען אין אידישען וואַרשע, געלעבט אין דעם גרויסען, אידיש־זאַפטיגען און אידיש־פולסירענדען פּויליש־אידישען ישוב. פון דאָרט איז געקומען זייער יניקה,

אַנהאַלט און השפעה. דערצו האָט ניט ווייניג גורם געווען אויך דער זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם פון די פינצטערע פּאָליאַקען, די אָרעמקייט פון די אידישע מאַסען, זייער רעכטלאָזיגקייט, און דער ביטערער גראַנגעל פאַר טאָג־טעגליכער עקזיסטענץ.

אָבער נאָכן שוידערלעכען חורבן ישראל, ווען די גרויסע און שפּרודלענדע צענטערען פון תורה און יהדות, פון חסידות און פאָלקסטימלעכקייט, זיינען חרוב געוואָרען, איז דאָס גאַנצע ביסעל „אידישע וועלטלעכקייט" געבליבען ווי אָפּגעדאַרטע פאַרוועלקטע צווייגען אָן נאַטירליכע יניקה, און ממילא, אָן חיות און אָן קיום. און קיין שום געמאַכטער קוראַזש צו שרייען „קאַראַאול": „וועלטלעכע אידען" היט אייער „וועלטלעכקייט", גייט נישט צוריק צו אייער נאַטירלעכען מקור, צו אייערע אבות, און צום אמת־אידישען לעבענס־אַרט, וועלען ניט העלפען. אידען, אַלע מינים אידען, פילען טיף אין זיך אַ געברויך אין עפּעס אידיש־גייסטיגעס, אין עפּעס אידישען תוכן און פאַרבינדונג מיט כלל ישראל. דער גוף איז האַלב־וועגס באַזאָרגט, די נשמה אָבער איז ליידיג, און דאָס קאָן זיי קיין שום צוגעטראַכטע „וועלטלעכע קולטור" ניט געבען. אין איין אידישע תפלה אין אַ בית הכנסת, און אין איין קאַפּיטעל תהלים אַפילו ביי זיך אין שטוב, געפינט דער איד מער גייסטיגע נאַרונג און מער באַפרידיגונג און באַרואיגונג פאַר זיין האַרץ און נשמה בענקשאַפט, ווי אין, להבדיל, אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון מאָדערנער ליטעראַטור.

* * *

עס וועט זיין זיכער אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז די ספקות אין די גרויסע „ישועות" פון דער „וועלטלעכקייט", זיינען ניט היינט־געבוירענע. עס ליגט מיר גוט אין זכרון די לאַנג־שעה׳דיגע געשפּרעכען, וועלכע שלמה מענדעלסאָן פלעגט מיט מיר האָבען אין די ערשטע יאָרען פון אונזער קומען קיין אַמעריקע. דער פאַרשטאָרבענער שלמה מענדעלסאָן, אַ זייל אין דער וועלטלעך־אידישיסטישער באַוועגונג, איז נישט מיד געוואָרען פון אויסגיסען פאַר מיר זיין האַרץ־ווייטאָג און זיינע יאוש־שטימונגען, איבער דער „וועלטלעכער" וועלט, וואָס ער האָט געמיינט צו בויען פאַר זיך און פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסען. און ווי ער זעט איצט ווי אַלעס פאַלט צוזאַמען און האָט נישט קיין יסוד און קיין תקומה. „מיר האָבען מיט אייך פרומע אידען אין פוילען געפירט אַזעלכע פאַרביסענע מלחמות", האָט ער געקלאָגט מיט ביטערניש און געווי־סענסביסען. „אוי, ווי נעמט מען צוריק יענע יאָרען מיט יענע אידען אייערע"; „איך אָרטאָדאָקסישע אידען האָט געהאַט, און האָט היינט, נאָכן חורבן, אייער ג־ט און אייער תורה אויף וואָס זיך אָנצולענען און מיט וואָס ווייטער צו לעבען. מיר האָבען גאָרנישט און מיט גאָרנישט געבליבען". און ווער עס האָט געקאָנט מענדעלסאָנ׳ען, און זיין אָפּ־שטאַם און כאַראַקטער, ווייסט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין איבערפלעכלעכע פלאַפּלעריי, נאָר אַ טיף־אינערלעכע השתפכות הנפש פון אַן ערנסטען מענש, וועלכער האָט געזען ווי עולם חשך בעדו, ווי „זיין" וועלט גייט אים פאַרלוירען.

אָבער נאָך מיט העכער דריי צענדליג יאָר צוריק, אין אַ פּערזענלעכען אינטימען שמועס מיט נח פרילוצקי אין אונזער וואַרשע, האָט ער, דער טריבון פון אידישער וועלטלעכקייט, געגעבען אַ זאָג: „וואויל איז אייך און אייערע גלויביגע אידען מיט אייער טיפער און האַרציגער אמונה, איך בין אייך פשוט מקנא". „ליידער, צו מיין טיפען באַדויערען, האָב איך ניט אַזאַ אמונה. איך וואָלט עס געוואָלט האָבען, אָבער איך

פיל ניט אין מיר די כוחות, אַז איך זאָל עס קענען באַוויַיזען". ער, נח פּרילוצקי, האָט זיי, די כוחות, נעבעך געזוכט, אָבער לײַדער זיי ניט געפונען אין זיך.

אַז עס איז ניט גאַנץ בסדר מיט דער „אידישער וועלטלעכקייט", וואָס זיי האָבען זיך פאַרמאָסטען אויסצובויען, און אַז טיף אין יעדען פון זיי האָט געעגבערט אַ בענק־שאַפט נאָך דעם וואָס זיי האָבען פאַרוואָרפען, דאָס איז אָפט געקומען צום אויסדרוק אַפילו פון די אַפּאָסטאָלען פון דער „וועלטלעכקייט".

* * *

בכלל אָבער איז דאָס גאַנצע אַוועקשטעלען דאָס פּראָבלעם אַלס: אידישקייט אָדער „וועלטלעכקייט", אַ פאַלשער און מעיקרו אַ טעות'דיגער.

וואָס אייגענטלעך מיינט דער אויסדרוק וועלטלעכקייט? וואו איז דער קאָנפליקט צווישען אידישקייט און וועלטלעכקייט? איז דען בכלל פאַראַן אַזאַ קאָנפליקט?

אויב וועלטלעכקייט מיינט קענען די וועלט, זיך אָפּגעבען מיט ישוב העולם, וויסענשאַפט, בילדונג א. אַ. וו. זיינען דען ניט געווען, און זיינען נאָך היינט דאָ, גרויסע טיילען פון דער אָרטאָדאָקסיע וועלכע האָבען דאָס אַלץ באַזיצט אין אַ גרויסער מאָס, ניט וויניגער ווי אַנדערע, און דערביי געווען מאמינים און שטרענגע שומרי תורה ומצוות. די צייט ווען וויסענשאַפט און אמונה זיינען געווען, אָדער אויסגעוויזען צו זיין, אין „סתירה", איז שוין לאַנג פאַרביי. נאָר פסיידא־וויסענשאַפטלער, מענשען וואָס האַל־טען ביים אַלף בית פון וויסענשאַפט, מיינען, אַז זייער כלומרשטע וויסענשאַפט מוז לייקענען אין די יסודות האמונה. די גאָר־גרויסע אין דער וויסענשאַפט־וועלט ווייסען, אַז זיי קענען ניט אַנטדעקען די מיסטעריעס פון וועלט באַשאַף, אויסער אַלס ג־ט'־ליכער כוח. און דערפאַר זעהן מיר אין די לעצטע יאָרען, אַז באַרימטע וויסענשאַפטלער קומען צו דער הכרה, אַז אמונה און דת זיינען דער יסוד פון לעבען פון יחיד און פונם כלל. און אַז נאָר די אמונה איז בכוח צו ראַטעווען די וועלט פון דער מאָראַלישער ירידה וואָס דראָט דער מענשהייט.

וואָס, אַלזאָ מיינט עס יאָ מיט „וועלטלעכקייט"?

אַז מען היט אָפּ אויסערלעכע מאַניערען און עטיקעטען לעבערלעכע, איז עס „וועלטלעך", און אַז מען רעגולירט דעם גאַנצען מענשענס לעבען לויטן שולחן־ערוך, הייסט עס „אָפּגעשטאַנען"? ; אַז מען פייערט ניט־אידישע סילוועסטערס אין הוללות ושכרות, איז מען „ציוויליזירט", און אַז מען דאַווענט זיך אויס ראש־השנה און יום־כיפור'ס, געריינינגטע און געהייליגטע, איז מען „אַלטמאָדיש"? ; אַז מען באַזוכט טע־אַטערס און שפּילעריי־פּלעצער, הייסט ער „מאָדערן", און אַז מען זיצט איבער הייליגע ספרים פון תנ"ך, ש"ס בבלי וירושלמי, ראשונים ואחרונים, ספרי מוסר וחסידות, וועלכע רייניגען הערצער, שלייפען מוחות און פאַרלייכטען די נשמות, הייסט עס „פאַנאַ־טיזם"? ; אַז מען גלויבט אין אידעען צוגעטראַכטע פון מענשלעכע באַגרענעצטע מוחות, וועלכע קאָנען צו יעדער צייט זיך אַרויסוויַיזען פאַר פאַלש, און אַפילו פאַר שעדליך, איז מען „היינטוועלטיג", און אַז מען גלויבט אין ג־ט'לעכע תורה וואָס איז נצחיות'דיג, איז מען „פון דער אַלטער וועלט"? ; און אַז מען גלויבט נאָר אין איין וועלט — די עולם הזה — וועלכע איז בסך־הכל נאָר כחלום יעוף, איז גוט. און אַז מען גלויבט אויך אין אַ צווייטער וועלט — די עולם הבא — וועלכע איז נצח ולעולמי עד, טויג נישט. איז מען שוין דעמאָלט נישט גענוג „וועלטלעך"?

* * *

דער אמת איז אָבער, אַז די גאַנצע מעשה איז לא דובים ולא יער. דאָס אַוועק־שטעלן דאָס פּראָבלעם אַלס: אידישקייט אָדער וועלטלעכקייט, איז אַן אַבסאָלוט פאַל־שער. אין אמת׳ן איז עס גאָר: אידישקייט אָדער גוי׳אישקייט.

אַלע לעצט־מאָדערנע באַוועגונגען ביי אידען, צי זיי האָבען פּראָפּאַגאַנדירט השכלה, אַסימילאַציע, אַבסטראַקטען נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם, אָדער סתם וועלטלעכ־קייט, האָבען אין גרונד געהאַט די כוונה ניט אַריינצוברענגען דעם „יפיפיתו של יפת באהלי שם״, נאָר אַרויסצופירען אידען פון אידישקייט און זיי איבערפירען צו גויאיש־קייט. דער רוב שרייבער און טעאָרעטיקער ביי די דאָזיגע באַוועגונגען, האָבען געהאַט אייך כוונה און אייך שטרעבונג, צו איבערצייגען אידישע מאַסען: נאַ, זעט, ווי אָפּגעש־טאַנען און מיאוס איז אייער אייגענע אידישע וועלט, און ווי שיין און פאַרטגעשריטען איז די דרויסענדיגע גויאישע וועלט. ווען איר וואַרפט דורך דעם גרויסען רוב פון דער גאַנצער אידיש־וועלטלעכער ליטעראַטור, פון מענדעלע׳ן ביז אַש׳ן, וועט איר דאָרט אויסגעפונען ווי וויט מען זוכט צו פאַרמיאוסן אַלעס אידישעס, אַלע קניני האומה, אַלע אידישע דרכים, זיטען און לעבענס־אַרטען, און דווקא פאַרהערלעכען אַלעס פון דער גויאישער קולטור און ציוויליזאַציע. און סוף־כל־סוף האָט דאָס געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויף גרויסע טיילען פון אומבאַוואוסטזיניגע אידישע מאַסען און יוגענט־לעכע, צו געבען אַ שפּיי אויף זייער אידישקייט, אויף זייערע עלטערען, און אויף זייערע פאָלקס־הייליגקייטען און איבערלויפען צו דער ניט־אידישער וועלט. און ווען נאָך יאָרען־לאַנג, אַז די גויאישע וועלט האָט זיי ניט אַריינגענומען און פון דער אידישער וועלט האָבען זיי אַליין זיך אַרויסגענומען, איז געקומען, די ביטערע ענטוישונג. מען איז געבליבען הענגען אין אַ ליידיגען חלל, פון — ניט־איד און ניט־גוי...

והני טעמא איז אויך די טראַגעדיע פון דער „וועלטלעכער״ אידישער ליטעראַ־טור וואָס זיי, די שרייבער, באַקלאָגען אַזוי בדמעות־שלוש, אַז עס געפינען זיך נישט קיין קונים אויף אַ אידיש בוך. ווייל אויב נישט קיין אָריגינעל־אידיש ספר, מיט אידיש תוכנ׳דיגען אינהאַלט, איז „שיינע און וועלטלעכע״ ליטעראַטור, געפינען זיי דאָס אין דער גרויסער גויאישער וועלט אַ סך שענער, רייכער און אינטערעסאַנטער.

און אויך דאָס איז די איינציגע סיבה פאַרן קריזיס פונם אידישיסטישען שול־וועזען. עס איז נישט קיין קריזיס אין כמות נאָר אין איכות און אין רעזולטאַטען. וואָס ווערט פון די קינדער, וויפיל באַקומען זיי דאָרט אין די שולען אידישקייט, און וויפיל באַגאַזש פון יהדות נעמען זיי מיט זיך מיט, און וויפיל בלייבט ביי זיי אין זייער ווייטערען לעבען אַלס אידען און אַלס אידישקייט־טרעגער.

זיי באַקומען דאָרט אַ זערא, און דאָס בלייבט, ליידער, ביי זיי.

* * *

אידישקייט איז ניט קיין ליטעראַטור, ניט קיין שפּראַך, ניט קיין לאַנד, און ניט קיין פילאָזאָפיע. אידישקייט איז תוכן פון לעבען. אידישקייט איז דער בונד פון נעכטען, היינט און דער מאָרגען. אידישקייט האָט אירע פונדאַמענטאַלע יסודות פון תורה, דת ואמונה. די וועלט דאַרף זיך לערנען ביי אונז און ניט מיר ביי זיי.

עס וועט גאָרנישט פועל׳ן זייערע באַמיאונגען צו באַווייזען, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין חילוק צווישען דער אידישער וועלט מיט דער גויאישער. ניין, נישט בלויז זיינען דאָ חילוקים, נאָר עס איז ממש צוויי גאָר באַזונדערע וועלטען.

אברהם אבינו, זאָגען אונזערע הייליגע חכמינו ז"ל, איז גערופען געוואָרען מיטן נאָמען עברי, ווייל „אברהם מעבר זה וכל העולם מעבר זה". אברהם, אונזער ערשטער פאָטער, האָט זיך געפונען אויף איין זייט וועלט, און די גאַנצע איבעריגע וועלט אויף אַ צווייטער זייט. פאַראַן אַ ריזיגע מחיצה צווישען עם ישראל, די בני אברהם יצחק ויעקב, און אַלע אַנדערע אומות ולשונות. און ווען אברהם אבינו איז אַרויס צו דער וועלט, איז ער ניט געגאַנגען בכדי צו לערנען פון זייער געצענדינערישער וועלט, נאָר געבען זיי פון זיין וועלט, פון זיין אלקות און אחדות־הבורא אידעען.

שרייבען אויף אידיש, שרייבען וועגען אידען און וועגען אידישקייט, און אַפילו וועגען אידישען קיום, איז נישט מער ווי שיין־שרייבעריי, און נישט דאָס קען דערציען און נישט דאָס קען דערהאַלטען אידען צוגעבונדען צו זייער אידישקייט און צו זייער פאָלק. עס וועלען אויך נישט העלפען די אויסערלעכע פלאַפלעריי וועגען סימבאָלען, טראַדיציע און אַפילו ניט קיין „געפילטע פיש" און „עונג שבת" פייערונגען וועלכע ווערען באַגלייט מיט עפענטלעכען חילול־שבת. אַפילו די „תודעה יהודית" וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אין ארץ ישראל — נאָר להלכה ולא למעשה — איז אַ פול־שטענדיגע אַפּנאַרעריי וואָס איז ניט בכוח אַפּצוראַטעווען פון דעם „כנענ'יזם" וואָס כאַפּט אַרום אַ גרויסען טייל פון דער דאָרטיגער יוגענט.

* * *

צו די יעניגע „וועלטלעכע", וועלכע קלאַמערען זיך נאָך אַלץ אין זייערע עבודה־זרה'ס, האָבען מיר נישט קיין עצה. לאָמיר האָפען, אַז אויך זיי וועלען אַמאָל דערזען זייער בלאָנדזשעניש, און עס וועט מקוים ווערען די הבטחות פון אונזערע נביאים אַז: „ובאו האובדים בארץ אשור והנידחים בארץ מצרים והשתחוו לה'". אָבער צו די יעניגע אויסניכטערענדע, וועלכע זעען און פאַרשטייען שוין אַז מען מוז זיך צוריקקערען צום מקור פון יהדות, צו זיי ווילט זיך זאָגען: בלייבט נישט שטיין האַלב־וועגס.

איר זוכט אמת'ע אידישקייט — טאָ דערנענטערט אייך צו די מקורות'דיגע אוצרות התורה והיהדות, דאָרטען וועט איר דערזען וואָס עס איז און וואָס עס מיינט אַ איד.

איר זוכט צוריק אידישקייט, — טאָ קומט צוריק צום אידישען שבת און יום טוב; נעמט אַרויס צוריק דעם אידישען סדור, דעם געהייליגטען תהלים; פאַרטראַכט זיך וועגען די קדשי ישראל, פאַר וועלכען אידען האָבען זיך אין אַלע דורות מוסר נפש געווען; לערנט און דערזעט ווידער דעם מאור שבתורה ויהדות, וועלכע האָבען אונז געגעבען כוח און איבערמענשלעכע קראַפט פאַר טויזענטער יאָר אויסדויער און אויסהאַלט; פילט אָן אייערע הערצער און אייערע נשמות מיט דעם „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד", וועלכען אונזערע קדושים האָבען מיט אַזאַ מסירת נפש געטראָגען אויף זייערע ליפען ביים אַוועקגעבען זייער לעבען פאַר אמונת ה' בכל דור ודור; ברענגט צוריק דעם געהייליגטען „שמע ישראל" אין אייערע היימען, אין אייערע שולען און דערציאונגס־הייזער. באַקאַנט אייערע קינדער מיט דעם גרויסען אידישען עבר, מיט דער טיפקייט פון דער תורה און הערלעכקייט פון דער אידישער מסורה, און מיט דעם אינערלעכען פּראַכט פון אידישען לעבען.

אויב איר מיינט צוריקקער, ערנסט און אויפריכטיג, טאָ בלייבט ניט שטיין אין מיטען, באם הדרך. האָט איר שוין געמאַכט אַן התחלה, זייט קאָנסעקווענט, דערגייט צום גאַנצען טראַדיציאָנעלען אידענטום, וואָס זיינע איינציגע און אמת'ע יסודות זיינען: אמונת השם, קיום התורה און שמירת הדת.

(ד. א. וו., חשון, תשי"ט)

ציוניזם און תורה יהדות

- אפשר שוין צייט פאר א חשבון הנפש (ערשטער מאמר)
- אין ליכט פון דערפארונגען (צווייטער מאמר)
- ווי ווייט עס קאן דערגיין (דריטער מאמר)
- נאך ניט קיין בלבול המוחות (פירטער מאמר)
- ענטפער צו קריטיקער פון אגודת ישראל
- דער איינציגער פראנט פון אגודת ישראל
- נייע אפענסיווע פארן ציוניזם
- ציוניזם אדער יהדות
- א „פול און גאנץ" אידיש לעבען
- קאפיטעל ט"ו..

אפשר שוין צייט פאַר אַ חשבון הנפש
(ערשטער מאמר)

אפשר שוין צייט פאַר אַ חשבון הנפש.

אפשר איז שוין דער מאָמענט רייף, אַז די „מזרחי־הפועל המזרחי" באַוועגונגען זאָלען זיך מאַכען אַ חשבון הנפש, און גרינטלעך רעווידירען זייער שיטה און פּראָגראַם.

ווען מען איז אינעווייניג אין אַ צרה, ווען מען איז פאַרשטעקט טיף אין ענין, קאָן מען זיך ניט העלפען. מען פאַרלירט דעמאָלס דעם אָביעקטיווען צוגאַנג און קלאָרען בליק אויף דער סיטואַציע אין וועלכער מען געפינט זיך. אָבער אַז מען ווערט אויף אַ צייט באַפרייט פון דער בלאָטע, און מען קאָן זיך רואיג טראַכטען, דאַן איז די פּאַסענדע צייט פאַר הרהורי־תשובה אויף דער פאַרגאַנגענהייט און פאַר זוכען ריכטיגע דרכים און הנהגה פאַר דער צוקונפט.

די „מזרחי" באַוועגונג האָט איצט אַזאַ שעת־הכושר. איצט ווען זי האָט זיך דאָך אַמאָל דעצידירט צו פאַרלאָזען איר „אייביגען" זיץ אין דער ישראל רעגירונג. איצט, אינם מאָמענט פון זייער באַפרייאונג פון דעם שותפות מיט זייערע אייביגע אַנטי־רעליגיעזע פאַרבינדעטע, איז אפשר די פּאַסיגע שעה, אַז זיי זאָלען, אַלס בני־חורין, זיך ערנסטער פאַרטראַכטען וועגען זייער וויטערער שטעלונג, און פּרובירען ציען מסקנות. דאַרפען זיי טאַקע בלייבען אייביגע עבדים־נרצעים צום חפשיות'דיגען לאַגער, אָדער דאַרף ריכטיגער ווערען זייער פּלאַץ אין דער — תורה מחנה.

מיר פאַרשטייען ווי שווער עס איז פאַר די „רעליגיעזע ציוניסטען" מיטאַמאָל צו טאָן תשובה אויף לאַנג־יעריגע גרייזען; ווי שווער עס איז נאָך יאָרען זיין שותפים צום סעקולאַרען ציוניזם, לויבען זייערע דרכים און פאַרהערלעכען זייערע פירער, קומען מודה זיין אין דער אייגענער פאַרפירערישקייט, און קלאַפּען זיך על חטא; מיר שאַצען אָפּ ווי שווער עס איז, אַז נאָך לאַנגע יאָרען ווי די מזרחי־באַוועגונג האָט פאַר דעם אַנטי־רעליגיעזען ציוניזם געעפענט אַלע טירען און טויערען צו גרויסע טיילען פון רעליגיעזען אידענטום, זיי אַריינגעפירט אין בתי־כנסיות און בתי־מדרשים, געלערענט פרומע אידען, אַז דאָס אונטערשטיצען חפשיים און זייערע קרנות זיינען פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען, און איצט קומען אין די זעלבע פרומע קרייזען און מודה זיין, אַז מען האָט זיי פאַרפירט, און וואָס מ'האָט יאָרען־לאַנג פאַרגעשטעלט אַלס אַ מצוה, איז גאָר אַן עבירה.

מיר פאַרשטייען גוט, אַז עס איז גאָרניט לייכט, ווען נאָך צוויי דורות כסדר פּרעדיגען, אַז ציוניזם איז די רעטונג פון אידען און די „גאולה" פונם אידישען פאָלק, זאָל מען איצט מוזען צוגעבען, אַז דער פרייער ציוניזם קאָן ברענגען צעשטערונג פאַרן בית ישראל; ווי ניט אָנגענעם עס איז, בעת די זעלבע „דתיים לאומיים" האָבען ערשט ניט לאַנג טרומייטערט בכל תפוצות ישראל, אַז די היינטיגע נסים ונפלאות ביים מבצע־עזה און סיני־מאַרשען (פון וועלכע מ'האָט זיך באַלד צוריקגעצויגען) „פאַרטונקלען" מיט זייער גרויסקייט און שטעלען „אין שאָטען" אפילו די נסים פון יציאת־מצרים און פון כבישת הארץ דורך יהושע בן נון... (אוי לאזנים שכך שומעות), צו קומען איצט און צוגעבען, אַז אַזעלכע נסים־פלוידערייען האָבען אין זיך אַ בפירוש'ן ריח פון דעות כוזבות און אפילו פון כפירה, ר"ל.

יאָ, לייכט איז עס נישט. אָבער אפשר איז די צייט געקומען דערפאַר.

* * *

אַז זיי, די מזרחים, דאַרפן רעווידירען זייער גאַנצען פּראָגראַם וויזט זיך איצט אַרויס בולט און מיט דער גאַנצער שאַרפקייט.

איינע פון די הויפּט־יסודות פון דער „מזרחי" שיטה, אַז פרומע אידען מוזען זיך געפינען בתוך המחנה פון חפשיים, און דאָרט משפיע זיין רעליגיעזיטעט אויף זייערע פרייע חברים, שטייט איצט פאַר אַ פולשטענדיגען באַנקראָט. נישט זיי, די מזרחיים, זיינען געבליבען משפיעים, נאָר גאָר נשפעים. עס וואָלט געווען זער באַלערנד, ווען דער מזרחי זאָל אַמאָל פאַרעפענטלעכען אַ סטאַטיסטיק וויפיל במשך זייער זעכציג־יאָריגער שותפות מיט דעם סעקולאַרען ציוניזם זיינען ניט־פרומע ציונים געוואָרען פרום. און דאַגעגען וויפיל פרומע אידען, און הויפּטזעכליך יוגענטלעכע, זיינען דורכן מזרחי אויסגעליפערט געוואָרען צו די אַנטי־רעליגיעזע מחנות.

פאַר יעדען איד, וואָס איז באַהאָוונט אינם אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען, איז עס נישט קיין סוד. דער געשטעלטער ציל זייערער צו שאַפען אַ מין סינטעזע פון אידיש־קייט מיט וועלטלעכקייט, און צו ווערען דורך דעם משפיעים פון רעליגיעזער אידישקייט אויף די ניט־רעליגיעזע עלעמענטען, האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר פאַלש, און האָט אַרויס־געבראַכט גראָד דעם סאַמע היפוך. טויזענטער און צענער־טויזענטער אידען מאמינים און שומרי הדת זיינען דורך דער דאָזיגער חבר'שאַפט גענצלעך פאַרשלעפּט געוואָרען אין די פרייע לאַגערען. און אַ גרויסער טייל, אַפילו געבליבענע אין מזרחי, האָבען זיך אָנגעזאַפּט מיט דעות כוזבות ומשובשות און אָפּגעשוואַכט געוואָרען אין עניני דת ואמונה.

אויב עס וועט ווער פּרובירען מטיל ספק זיין אין אונזער פעסטשטעלונג, וועלען מיר זיך אַרויסהעלפען מיט אַ כשר'ן עדות, וועלכער איז אליבא דכל הדיעות באַגלויבט צו רעדען וועגען מזרחי ענינים, והלא „נחתום מעיד על עיסתו". אָט וואָס הרב משה אביגדור עמיאל ז"ל, רב־ראשי אין תל אביב און אָנגעזעענער מזרחי־מנהיג, זאָגט אין זיין ספר „הבעיות הרוחנית שבציונות":

„דער מזרחי האָט זיך ביים אָנפאַנג פון זיין גרינדונג געשטעלט אַ דאָפּעלטע אויפגאַבע: באַאיינפלוסען די חרדים מיטן גייסט פון ציוניזם און דעם ציוניזם מיטן גייסט פון דער תורה. אין יענער צייט, זיינען געווען אויסזיכטען פאַר דער רישא און פאַר דער סיפא. אין משך פון דער צייט איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען די סיפא לגמרי. דער מזרחי האָט שוין לגמרי אויפגעגעבען די האָפנונג משפיע צו זיין אויף די ציונים מיטן רוח התורה; הגם דער מזרחי וויל דאָס עפענט־לעך ניט צוגעבן. דאַגעגען האָט דער מזרחי משפיע געווען אויף צענדליגער טויזענטער חרדים צו ווערען ציוניסטען ניט נאָר לויט דער גירסא פון מזרחי, נאָר אויך אָן דער דאָזיגער גירסא. און עס איז גאָרניט אָפּצוציילען די צענדליגער טויזענטער חרדים פאַר וועמען דער מזרחי האָט געדינט ווי אַ בריק דורך אים אַריבערצוגיין אין דער אַלגעמיינער פרייער ציוניסטישער מחנה און אפילו אין דער לינקער". (איבערזעצט פון לשון הקודש).

דאַכט זיך, קלאָרע דיבורים פון אַן ערליכען מזרחי־פירער, וועלכער האָט שוין געוויינאָגט איבער דעם באַנקראָט פונם מזרחיזם, נאָך מיט איבער צוויי צענדליג יאָר צוריק. היינט, 25 יאָר נאָך הרב עמיאל'ס פעסטשטעלונגען, זיינען די ווייטערע רעזול־טאַטען פון אַט דער שותפות, מיט אירע איינזייטיגע השפעות, לפי ערך, פיל פיל ערגער.

* * *

ווען מען פאַרטראַכט זיך איבער דעם אָנגעווייטאָגטען מצב אין דער אידישער וועלט און אין דער אידיש־רעליגיעזער וועלט בפרט; ווען מען זעט דאָס גלייכגילטיגקייט ביים רעליגיעזען סתם־איד צום שווידערלעכען גייסטיגען מצב אין אונזער הייליג לאַנד

דאָן זעט מען די גרויסע שולד פון די „רעליגיעז־נאַציאָנאַלע״, וועלכע האָבן אָט דעם מצב געהאָלפן שאַפן. ניט קיין אַנדערע ווי די „דתיים־לאומיים״, האָבן איינגעשלעפּערט דאָס וואַכזאַמקייט פון גרויסע טיילן פון רעליגיעזע מאַסן און אין זיי געשאַפן רעספּעקט און פאַרטרויען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און זייערע פרייע מנהיגים.

ווער האָט אריינגעבראַכט אין אידישע מוחות די פאַרהערלעכונג צו חפשיים, אויב ניט די רעליגיעז־ציוניסטישע עלעמענטן, וואָס אין זייער אייביגער שותפות מיט חפשיים האָבן זיי ניט געלאָזט וואַרפן אַ שפּרענקעלע פון שמץ־פּסול אויף די „גרויסע און טרייע״ מנהיגים פון דעם „ניי אויפגעלעבטען אידענטום״...; ווער האָט דאָס גורם געווען, אַז אידישע היימען, אויך רעליגיעזע, זאָלן אויסגעצירט ווערן מיט בילדער פון הערצל און נאָרדוי, לעבן די תמונות פון, להבדיל, דעם ווילנער גאון און בעל־שם־טוב, אויב נישט זיי; ווער האָט אַריינגעפירט דעם וועלטלעכן ציוניזם און זייערע געלט־קאַמפּיינס אין די שוהלען אפילו אין דער הייליגער כל־נדרי נאַכט; ווער זיינען אין פאַרלויף פון 60 יאָר געווען די אייביגע „מכשירים״ פון אַלע כופרים און מלעיגים על כל דברי אלקים חיים, אויב נישט זיי, די פּרעדיגער פונם רעליגיעזען ציוניזם?

יאָרען־לאַנג בעת אַלע גאוני וקדושי ישראל, האָבן געוואָרענט וועגען דער געפאַר פאַר אידישקייט, וואָס דראָט מצד די באַוועגונגען, וועמענס צילען זיינען דאָס אויסהוילען דאָס אידישע פאָלקס־לעבען פון דת ואמונה, און איבערצוואַנדלען דעם עם סגולה אין ככל הגוים, האָבן זיך שטענדיג געפונען די מטיפים פונם „רעליגיעז־נאַציאָנאַלען״ חדר, וועלכע האָבן געוואַגט מכחיש צו זיין די אזהרות פון גדולי ישראל און זיך געשטעלט אין שוץ פון דעם כפירה׳דיגען ציוניזם. שטענדיג זיי באַשיינט און באַקריינט און זיי גאָר אַרויסגעשטעלט אַלס מוסטער פון אידישער פירערשאַפט.

איז דאָך בן־גוריון זיכער לגבי דעם אַ באַגלויבטער עדות. און ער האָט דאָך געשטעלט דעם „מזרחי״, בעת אַ דעבאַטע אין כנסת, אַ האַרבע פראַגע:

„עס איז גוט באַקאַנט, אַז דער גרינדער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ד״ר הערצל האָט אין זיין בריוו צו מאַקס נאָרדוי, וועלכער האָט געהייראַט מיט אַ קריסטין, אויסגעדריקט זיין הסכמה צו געמישטע הייראַטען. און דאָך האָט איר (מזרחי) אים געוועהלט פאַר פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט וואָס איז אונזער חטא היינט גרעסער ווי דעמאָלט?״

טאַקע אַן אייזערנע קשיא, אַ צעשמעטערנדע טענה. נישט בלויז געהאָלפן וועהלען, נאָר כסדר פאַרהערלעכט די הערצלס און נאָרדויס ביי אידיש־רעליגיעזע קרייזען. שיעור זיי פאַר „חוזים״ און „נביאים״ פאַרהייליגט אָט די כופרים און נושאי נשים נכריות. וואָס איז דער וואונדער, אַז אַפילו איצט, נאָך אַלע אָפענע מעשים־תעתועים פון די בר־יהודה׳ס און אגרונ׳ס, געפינען זיך נאָך אַלץ פאַרפירטע פרומע קרייזען בלינד אין זייער באַגלויבטקייט צו די חפשיים און זייערע דרכים, ווי דער מזרחי האָט אין זיי איינגעפלאַנצט זעקס צענדליג יאָר. איז עס נישט מחייב צו אַן ערנסטען חשבון הנפש?

* * *

דער גאַנצער שטענז פון נאַציע און רעליגיע, און דער גאַנצער באַגריף פונם „רעליגיעזען נאַציאָנאַליזם״ איז ביי אידען מעיקרו אַ פּסול׳ער. ביי אַלע אומות ולשונות קאָן אַזאַ באַגריף זיין און איז אַ נאַטירליכער. ווייל ביי אַלע פעלקער איז נאַציע איין זאַך און רעליגיע אַ צווייטע זאַך. קיין צוזאַמענבונד האָבען נישט די צוויי ענינים צווישען זיך. און דעריבער איז גאָרנישט קיין סתירה פאַר אַ מענשען צו געהערען צו וועלכער עס איז נאַציע און דערביי צו געהערען צו אַ רעליגיע צו וועלכער ער וויל. אַ פראַנצויז, למשל, קאָן זיין אַ גוטער פראַנצויז, אומאָפּהענגיג צי ער איז אַ קאַטאָליק, אַ פּראָטעסטאַנט צי

גאַר אַ בודיסט. זיין טוישען אפילו די אמונה פון איינער צו אַ צווייטער, רופט זיך לגמרי ניט אָפּ אויף זיין שייכות צו זיין פאָלק, און אַזוי איז עס ביי אַלע פעלקער.

איין אויסנאַם איז פאַראַן און דאָס איז: דאָס אידישע פאָלק.

ביי אידען איז דער פאַנאַנדערטייל צווישען זיין אָנגעהעריגקייט צום אידישען פאָלק און זיין אָנגעהעריגקייט צו דער אידישער אמונה ניט פאַראַן. אַ איד הייסט דער וואָס געהערט צום אידישען פאָלק און צו דער אידישער אמונה. ביי אידען איז ניט פאַראַן, און קאָן גאַרניט געמאָלט זיין, אַ איד וועלכער זאָל געהערען צו אַן אנדערען גלויבען ווי צום אידישען. דער עם ישראל און זיין אמונת השם זיינען היינו הך, אַ שתים שהן אַחת.

דורך דער אמונה אין בורא שמים וארץ, וואָס אברהם אבינו, דער ערשטער פאָטער פון ישראל, האָט געבראַכט צו דער וועלט, און דורכן מעמד הר־סיני, וואו די בני אברהם יצחק ויעקב זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס עם ישראל, זיינען זיי, דאָס פאָלק און די אמונה, פאַרבונדען געוואָרען אין אַ קשר לעולמי עד. זאָל זיך טרעפען, אַז אַ איד זאָל, חלילה, זיין אַ ממיר את דתו, ווערט ער ממילא גלייך אויס איד אויך אין נאַציאָנאַלען באַגריף. ווייל אידיש פאָלק מיינט גלייכצייטיג אידישע אמונה, און אידישע אמונה מיינט אידיש פאָלק. מיר זיינען טאַקע אַ פאָלק, אָבער ניט ווי אַלע פעלקער. מיר זיינען אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש; אַן עם תורה און עם השם..

אַזוי זאָגט השי״ת אין זיין תורה הקדושה:

„כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו כה׳ אלקינו בכל קראנו אליו. ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים ככל התורה הזאת אשר אנכי נותן לפניכם היום״.

„כי עם קדוש אתה לה׳ אלקיך בך בחר ה׳ אלקיך להיות לו לעם סגלה מכל העמים אשר על פני האדמה״ (דברים ד׳ וז׳).

און דעריבער אַז רעליגיעזע אידען קומען און באַצייכענען זיך אַלס „נאַציאָנאַל־רעליגיעזע״, קלינגט עס ווי גענומען פון ניט־אידישע באַגריפען. ווייל אַזעלכעס גיט אַ בפירוש׳ן אָנגעהער, אַז אויך ביי אידען קאָן מען זיין רעליגיעז און נישט נאַציאָנאַל, אָדער גאַר נאַציאָנאַל און ניט רעליגיעז. און דאָס איז בפירוש פאַלש, און אין אָפענער סתירה צו די יסודות פונם אידישען פאָלק און פון דער אידישער אמונה.

בכלל איז עס אַ חידה סתומה, נאָך וואָס דער „מזרחי״ האָט געפונען פאַר נויטיג צו באַצייכענען זיך אַלס „נאַציאָנאַל רעליגיעז״. ווילען זיי דערמיט זאָגען, אַז זיי זיינען געקומען מחדש זיין, אַז די רעליגיעזע אידען וועלכע געהערען צו זייער לאַגער זיינען אויך נאַציאָנאַל און דערמיט אָנדייטען, אַז עס זיינען פאַראַן רעליגיעזע אידען, מאמינים בד׳ ובתורתו, וואָס זיינען ניט נאַציאָנאַל, איז עס דאָך ממש אַ פעלשונג. דער באַגריף עם, לאום, לערנען מיר דאָך כסדר אין די כתבי קודש אַלס אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אידישער אמונה און איז ניט די אַנטדעקונג פון אידישע נאַציאָנאַליסטען. וואָס די „נאַציאָנאַליסטען״ האָבען יאָ געשאַפען, איז די „חכמה״ פון אָפּטיילען און שאַפען אַ תהום צווישען דעם לאום און דער אמונה און שאַפען די טעאָריע, אַז עס איז מעגלעך אַ אידישע נאַציאָנאַליזם אָן אידישער אמונה, ווי דאָס ווערט היינט אַזוי בולט אילוסטרירט מיט דער פראַגע „ווער איז אַ איד״. דער מזרחי האָט מיטן באַצייכענען זיך „רעליגיעז־נאַציאָנאַל״ געגעבען אומדירעקט אַ שטילע הסכמה צו דער דאָזיגער ניט־אידישער טעאָריע.

די דאָזיגע צעמישעניש פון באַגריפען האָט געפירט צו ווייטערע ירידות און גייס־טיגע זיגזאַגען אינם „מזרחי״, וועגען וועלכע מיר וועלען רעדען אין קומענדען מאמר.

(ד. א. וו., שבט־אדר א׳, תשי״ט)

אין ליכט פון דערפארונגען

(צווייטער מאמר)

אין דעם מאמר וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף צווי פּראָבלעמען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאַר יסודות'דיגע פּרינציפּען אין אידיש־רעליגיעזען לעבען. פּרינציפּען וועלכע זענען מחייב די מזרחי־באַוועגונג, און ספּעציעל אירע ערנסטע פירער, צו אַ גרויסען און טיפען חשבון הנפש. און דאָס זענען: — דעת תורה און חינוך התורה.

* * *

אַ באַוועגונג פון תורה אידען פאַר תורה אידישקייט מוז זיין געבויט אויף יסודי התורה, און אַלעס אין איר מוז דעצידירט ווערען לויט הלכה ודיני תורה.

ביים גרינדען די „אגודת ישראל", אין באלד געשאפען געוואָרען אַ מועצת גדולי התורה, אַלס די העכסטע אינסטאַנץ, וועלכע זאָל קאָנטראָלירען און דעצידירען ווי אַזוי אַלע ענינים זאָלען רעגולירט ווערען על פי תורה והלכה.

און דאָ ליגט דער יסוד פון דער טראַגעדיע אין דער „מזרחי" באַוועגונג. ניטאָ ביי איר קיין דעת־תורה, וואָס זאָל פסק'נען. אלעס ווערט דאָרט דעצידירט דורך זייערע אינסטאַנצען אין וועלכע עס זיצען מסתמא חכמים ונבונים, אָבער קיין דעת־תורה האָט דאָרט נישט זיין ענטגילטיג וואָרט.

עס איז קלאָר, אַז שאלות וועלכע רירען אָן יסודי־היהדות, קאָנען ניט געלעזט ווערען דורך אַפּיסעס, עקזעקוטיווס און סעקרעטעאַרען. נאָר גדולי ישראל מיט זייער אור תורה און ווייט־זעעוודיגען בליק, סיי פאַרן הוה און סיי פאַרן עתיד, זיינען ביכולת צו פסק'נען אין וועלכע דרכים רעליגיעזע אידען מעגען יאָ גייען און אין וועלכע ניט. נאָר גדולי תורה ויראה, ווייסען וואָס עס איז על־פי התורה והמסורה און וואָס ניט. און ביי דער מזרחי באַוועגונג, זענען ניט די גדולי תורה די פּוסקים און דעצידירער.

ס'איז דעריבער ניט קיין חידוש, אַז דער מזרחי און הפועל־המזרחי איז אין די לעצטע יאָרען נאָך טיפער אידעאָלאָגיש פאַרשלעפּט געוואָרען צו אַזעלכע דרכים און טאַטען וואָס זענען עלול צו פאַרווישען די גרענעצען צווישען תורה־יהדות און רעפאָר־מיסטישע ריכטונגען (אויף וועלכע מיר וועלען זיך נאָך באַזונדער אָפּשטעלען). און נאָר דעריבער זענען מעגליך געוואָרען אַזעלכע דערשיינונגען, אַז דער הפועל־המזרחי אין אמעריקע קען איינלאַדען קאָנסערוואַטיווע ראַביים צו ווערען זיינע חברים, און אַז גראַד רבנים, נאָענט־שטייענדע צום מזרחי, קלאַמערען זיך אין איין חברותא מיט קאָנסערוואַ־טיווע און רעפאָרמער, טראָץ דעם פסק־איסור פון גדולי תורה.

* * *

מען איז געוואוינט צו הערען מצד די מזרחי־מענשען: מיר האָבען אויך ביי אונז דעת־תורה. אונזער תורה־אויטאָריטעט איז דאָס רבנות־הראשית. קיינער וואָלט גאָר־נישט געהאַט געגען דעם. אדרבה, זאָל זיין דאָס רבנות־הראשית. אָבער דאָס איז אויך ווייט פון ווירקלעכקייט. ערשטענס: דאָס רבנות־הראשית איז קיינמאָל נישט באַשטימט געוואָרען מצד מזרחי אַלס די דעצידירענדע אינסטאַנץ פאַר איר באַוועגונג. צווייטענס:

ווערט אויך דאָס רבנות־הראשית געהערט מצד דער מזרחי־באַוועגונג, נאָר דאַמאָלט ווען זייער פסק איז דאָס וואָס מזרחי וויל.

עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען איין פאַל, און דאָס וועט זיין אַ פרט ללמד על הכלל כולו. דאָס טרויעריגע קאַפּיטעל פון „ילדי טעהעראַן" בשעתו. דאָס איז געווען די ערשטע עפענטלעכע העברת־הדת וואָס האָט געמאַכט אויפציטערען דאָס רעליגיעזע אידענטום איבער דער וועלט. אַלע גדולי ישראל האָבען געשטורעמט געגען דעם שענד־ליכען אַקט. פון אויפגעצוואונגענער מעביר על דת זיין טויזענטער נייע קינדער־עולים פון די מזרח־עדות. דאַמאָלס איז אויך דאָס רבנות־הראשית, און ספּעציעל דער רב־ראשי יצחק אייזיק הרצוג, אַרויסגעקומען מיט די שאַרפסטע טאַדלונגען געגען דעם אָפענעם אַקט פון השמדה.

רעדט מען שוין נישט פון דער קאַלט־לעבלעכער באַציאונג, מצד דער מזרחי־פירערשאַפט צום גאַנצען ענין. און ווי אַזוי עס האָט נישט געפועלט אַלע באַמיאונגען פון הרב הערצאָג מיטן גאַנצען ראַבינאַט, אַז דער „מזרחי" זאָל זיך איינשליסען אין אַ פאַראייניגטער אַקציע מיט דער „אגודת ישראל", געגען דער נבלה בישראל. הרב הער־צאָג האָט איינגערופען אין זיין הויז אַזש זיבען מאָל די פאַרשטייער פון מזרחי און אגודת ישראל פאַר אַזאַ פאַראייניגונג, און מצד'ן מזרחי זענען צוריקגעוויזען געוואָרען אַלע פּרוואווען פון אַ געמיינזאַמער אַקציע. אַפילו אַזאַ פאַרשלאַג, אַז חילוקי־דעות וואָס קאָנען זיך שאַפען, זאָלען אויסגעגליכען ווערען דורך אַ בית־דין פון 3, איין רב מצד אגודה, איין רב מצד מזרחי, און דער שליש זאָל זיין הרב הערצאָג, איז אויך צוריקגעוויזען געוואָרען מצד'ן מזרחי.

פאַרצייכענט דאַרף אָבער יאָ ווערען, אַז בעת הרב הערצאָג איז אַרויסגעקומען געגען דער אידישער אַגענטור, פאַר זייער שרעקליכער העברת־הדת, איז דער עומד בראש המזרחי, הרב פישמאַן (מיימון) אַרויסגעקומען עפענטלעך מיט סטראַשונקעס געגען דעם רב־ראשי פאַר זיין „העזה" צו טאַדלען די מעבירי על הדת.

אַט וואָס דער „המשקיף" פון כ"ב אייר תש"ד, שרייבט:

„בישיבת הועד של „המזרחי" פתח הרב פישמן במלחמתו נגד הרה"ג הרצוג. תביעה שהרב הראשי לארץ ישראל חייב להיות ציוני השמיע הרב פישמן. הרב פישמן האשים את הרב הרצוג שהוא אשם בקלחת שנוצרה סביב ילדי טהראן ושהוא תומך בתביעותיהם של אנשי ה„אגודה". על הרב הראשי לפרסם חוות דעת ברורה ביחס לעמדתו לציונות או שעליו להתפטר".

און דער „הבוקר" פון כ"ז אייר תש"ד, דערציילט פון אַ פרעסע־קאָנפערענץ וואָס פישמאַן האָט איינגערופען, און דאָרט זאָגט זיך:

„בדברו על המו"מ עם הרב הרצוג, השתמש הרב פישמן בביטויים מעליבים כלפי הרב הראשי. הוא אף הודיע, שהתנגד בזמנו לבחירתו כרב ראשי: „אני רוצה רב לתורה אמר, ולא לאנגלית". לדעתי, הרב הראשי „אינו ציוני ומושפע יותר מדי על ידי האגודה".

דאָס רבנות־הראשית האָט פאַרעפענטליכט איר פּראָטעסט געגען דער אונערהער־טער חוצפה פון י. ל. פישמאַן, און צווישען אַנדערען זאָגט זיך דאָרט:

„מועצת הרבנות הראשית לארץ ישראל בישיבתה בנשיאת הרב הראשי לא"י וראשל"צ מרן הגרב"צ עוזיאל, דנה בדבר התנפליות חבר ידוע של הסוכנות (פישמאַן) כלפי אישיותו הדגולה של הרב הראשי לא"י בקשר לעמדה בענין ילדי טהיראן. התנפלויות אלו זיעזעו עד היסוד את לב כל חרד לכבוד התורה ולנושא דגלה בקודש".

שולדיג זענען נישט, קומט אויס לויט דער מזרחי־פירערשאַפט, די חפשיים וועלכע זענען מסית ומדיח טויזענטער קינדער פון פרומע עלטערען, וועלכע האָבען במשך דורות,

טראָץ שווערע באַדינגונגען, אָרעמקייט און נגישות, דערהאַלטען זייערע מסורה׳דיגע יהדות. נאָר „שולדיג״ זענען די אגודת ישראל, די חרד׳ישע וועלט, און די גדולי ישראל, וועלכע פּראָטעסטירען איבער דעם העברית־הדת פון אלפים ורבבות אידישע קינדער שעוד לא טעמו טעם חטא. אַזוי ווערט אויפגענומען דעת־תורה מצד די „מזרחי״ מנהיגים, אויב עס איז ניט אין איינקלאַנג מיט זייער פּראָגראַם. נישט דעת־תורה איז ביי זיי די העכסטע אויטאָריטעט צו וועלכער זיי מוזען זיך צופּאַסען, נאָר די אויטאָריטעט איז די פּאַרטיי, און די פּוסקים זענען די פּאַרטיי־מאַכער, און דער דעת־תורה דאַרף זיך צופּאַסען צו זיי און צו זייערע אינטערעסען.

אָט אין דעם ליגט די הויפּט־טראַגעדיע פונם מזרחי און פון איר שיטה.

* * *

לאָמיר זיך איצט אָפּשטעלען אויף דעם חינוך פּראָבלעם.

חינוך איז דער וויכטיגסטער יסוד אין אידישען לעבען. דער „ושננתם לבניך״, איז דער עיקר שבעיקרים ביי יעדען איד, און ביי אַלע אידען אַלס כלל. חינוך מיינט דער עתיד פון יעדען איד, פון יעדער משפחה, און פון עם ישראל. אין אַלע דורות האָבען אידען זיך מוסר נפש געווען פאַר גוטער און תורה׳דיגער דערציאונג פונם יונגען דור. על־פּי הלכה טאָר אַ איד ניט וואוינען אין אַ שטאָט וואו עס איז ניט פאַראַן קיין תלמוד תורה. מען קאָן גאָרנישט טראַכטען פון ממשיך זיין דורות בני תורה, שומרי מצוות און מאמינים, אויב עס ווערט נישט אין די קינדער איינגעפּלאַנצט, פון זייער פריסטער יוגענט אָן, צוגעבונדענקייט צו תורה און אמונה און צו מסורת־אבות.

און זאָלען די „מזרחי״ קרייזען זיין ערלעך צו זיך אַליין, און פאַרטראַכטען זיך איבער דעם מצב אין זייער חינוך־וועזען, און ביחוד אין ארץ ישראל.

מיר ווילען זיך דאָ נישט אָפּשטעלען אויף אַלע שוואַכע זייטען אין זייער חינוך, ווייל מיר ווילען אויסמיידען, ווי ווייט מעגלעך, וועמען ווייי צו טאָן, און אַוודאי ניט, חלילה, זיך מתכוון זיין לקנטר. אָבער עס איז לגמרי ניט קיין סוד, ווי הינטערשטעליג עס איז דער „חינוך דתי״ זייערער אין תורה־לימודים, און נאָך מער אין תורה־השפּעה.

לאָמיר ווידער לאָזען רעדען דעם פירער פון „מזרחי״, און רב־ראשי פון תל אביב, הרב משה אביגדור עמיאל ז״ל, אין זיין בוך „הבעיות הרוחניות שבציונות״:

„נתפלא נא על עצמנו גופא. הלא עובדא היא, שבתי־הספר של המזרחי אינם מגדלים כלל מזרחיים, ובוגרי בתי־הספר שלנו, נכנסים לתוך כל המפלגות, אך במפלגת המזרחי נעדר מקומם. וחנוך מזרחי מוביל לכל הרוחות שבעולם אך לא לרוח „המזרחי״. הילדים בבואם לביתם אוהבים לספר על כל הגבורים והמשוררים הלאומיים החדשים שלנו, אבל לא ע״ד גבורי הרוח ושרי התורה שלנו״.

„חניכי בתי־ספר שלנו יודעים לספר יותר על תולדות חייהם ומעשיהם של הרצל וביאליק, למשל, מאשר על רש״י והרמב״ם ז״ל. והאם יפלא איפה הדבר, שכשהגדיים נעשו תישים, הם מתחילים להביט על ההוספה של „על פי תורת ישראל״ כעל סרח העודף. אלו הן סיבות הקללה הכי גדולה במחננו, קללת „בנים ובנות ולא יהיו לך״.

החנוך שלנו מיוסד ע״פ פרוגרמה : „ארץ ישראל לעם ישראל עפ״י תורת ישראל״, כאילו אין בינינו ובין הציונים החפשים, רק הבדל של שלשת המלים האחרונות, ובשני הדברים הראשונים „ארץ ישראל לעם ישראל״, אין שום פלוגתא בינינו. וכאילו גם אנחנו מסכימים כמוהם, שאפשר לנו לפרש את ארץ ישראל ועם ישראל גם בפירוש חילוני לגמרי. הקטנים שלנו, שכבר משחר ילדותם מתחנכים ברוח פרי גירסא שטחית זו, שממנו אפשר לטעות, שגם העם וגם הארץ קודמים לתורה, שבאה רק בתור „קנוח סעודה״ בתור „אפיקומן״ שיוצאים בו בכזית, להם מזיק הדבר ביותר״.

„עובדה היא — ולא נועיל כלום אם נכחיש אותה — שבתי־ספר של המזרחי אינם ממציאים תלמידים לישיבה, ואם יש כאלה הם ממש באופן יוצאים מן הכלל".

הרב עמיאל אַלס מזרחי פירער, האָט אין זיינע ווייטאָגלעכע פעסטשטעלונגען, זיכער ניט מגזם זיין די גייסטיגע טראַגעדיע אינם מזרחי־חינוך.

* * *

צו וואונדערן זיך אויפ׳ן טרויעריגען מצב פונם מזרחי־חינוך, איז נישטאָ וואָס. קינדער ווערען דאָס וואָס מען מאַכט פון זיי. קינדער זיינען זייער עמפינדלעך, און זיינען ערלעך און תמימות׳דיג גלויביג. קיין זאַך קומט נישט פון זיך אַליין. דאָס וואָס מען פלאַנצט איין, מימות הנעורים, אַזעלכע פירות באַקומט מען שפּעטער פּאַרטיגע. ווער לערנט דאָרט, ווער זענען די דערציער פון די קינדער? און וואָס ווערט מיט די קינדער־לעך, די תינוקות של בית רבן, דאָרט געלערנט?

ווערען אין די בתי־ספר פונם מזרחי ניט געלערנט און פאַרהערלעכט די ביאַליק׳ס, די טשערניכאָווסקי׳ס און זייערס גלייכען? ווערען דען נישט זייערע ביכער געלערענט גלייך ווי, להבדיל, די הייליגע ספרים פון תורה און נביאי־השם? ווייסען דאָך גוט די מזרחי־מחנכים, אַז ביאַליק איז געווען אַן אָפענער מורד בשמים (אין זיין „שחיטה שטאָט") און מחרף ומגדף כלפי מעלה. איז דען אַ סוד, אַז שאול טשערניכאָווסקי איז געווען כולו־גוי וואָס האָט געלויבט די נביאי השקר און דאָס געצענדינערייִ, און באַשמוצט די נביאי־השם; האָט געזונגען תהלות ותשבחות פאַרן גריכישן שיינקייט־אָפּגאָט אפּאָלאָ אַלס דער „מאור שבחיים", און באַשפּיגען דעם עם ישראל מיט זיין אמונה באלקי ישראל אַלס די „מורדי החיים", „פגרי אנשים", און „תולעים נרמסות" (עפרא לפומי׳); האָבען זיי, די מזרחי פירער, ניט געזעען וואָס אַלע אידען אין תל אביב האָבען געזעען — לבושתנו ולחרפּתנו — ווי עס באַגלייט דעם „גרויסען אידישען משורר" טשערניכאָווסקי ביי זיין לויה, זיין קריסטלעכע פרוי מיטן גרויסען צלם אויפ׳ן האַלז? און דאָך נאָך דעם אַלעם, ווערען אין די מזרחי־שולען געלערנט בנשימה אחת אַלע שרייבעכצער פון די אָפענע כופרים, מיט (להבדיל באלף אלפי הבדלות) אונזערע כתבי־קודש.

און ווייסען דען ניט אַלע, אַז אַ גרויסער טייל מורים ומחנכים אין די מזרחי־שולען זענען ניט שומרי תורה ומצוות. נו, איז אַ וואונדער וואָס הרב עמיאל זעט ניט קיין גוטע פּירות פון זייער חינוך. ווי אַזוי קאָן פון אַזעלכע לימודים, און פון אַזעלכע מחנכים, אַרויסקומען קינדער בני־תורה און יראי־השם.

זעט און בלעטערט, אדרבה, די מזרחי פּרעסע, און איר וועט אויסגעפינען מיט וויפיל פּיעטעט און יראת הכבוד עס ווערט דאָרט גערעדט וועגען „וועלטלעכע" משוררים, וועגען כופרים׳דיגע „גייסטיגע" פירער און פּאָליטישע ראשים, און דערביי מיט וויפיל גרינגשעצונג עס ווערט אָפּטמאָל גערעדט וועגען גדולי תורה וקדושי ישראל.

נו, איז אַ וואונדער בעת מען זוכט די מחונכים פונם מזרחי־חינוך, טרעפט מען זיי אין אַלע לאַגערען חוץ אין דער תורה־מחנה. בעת מען ווערט מגודל אויפן שויס פון אַזאַ שעטנז־חינוך, פון אַזאַ תערובות טוב ורע, פונוואַנען זאָלען יוגענטלעכע זיין ביכולת שפּעטער מבחין זיין בין קודש לחול, און אפילו בין טהור לטמא?

* * *

די מזרחי באַוועגונגען אין ארץ ישראל, האָבען זיך אין די לעצטע יאָרען פאַר־מאָסטען מיט פּראָיעקטען, וועלכע דאַרפען קלינגען ווי געצילט צו „החזקת התורה והדת". אָבער ווען מען באַקאַנט זיך נעענטער אין די ענינים, דערזעט מען אין זיי ממשות׳דיגע

סכנות פאַר יהדות, ווייל הינטער זיי שטעקט געפערלעכע טענדענצן פאַר „תיקונים" בדת משה וישראל. ניט אַנדערש קאָנען פאַרשטאַנען ווערען אַלע זייערע פּראָיעקטען ווי גרינדען אַ „בית מדרש לרבנים", „מרכז רוחני עולמי", „היכל שלמה", „כינוס רבני עולמי", „רבנות ראשית עולמית", און ווער שמועסט נאָך אַ „סנהדרין"... לפי משקל הראשון, זעט דאָס אַלץ אויס, ווי מיטלען צו דערהאַלטען יהדות־התורה. אָבער אין אמת, ליגען דאָ באַהאַלטען כוונות צו „אויסבעסערען" הלכות ודיני התורה, און זיי „צו־פּאַסען" צו די „היינטיגע באַדינגונגען" פון אידישען לעבען און אידישער מדינה.

אייגענטליך זענען דאָס גאָרנישט קיין גרויסע חידושים. אַז איר הערט די טענות און מאָטיוון פון די כלערליי קאָנסערוואַטיווע, קאָנסטראָקשאָניסטען און רעפאָרמער, הערט איר אויך נישט עפּעס אַנדערש ווי אַז: זיי באַמיהען זיך דערהאַלטען דת ואמונה ביי אידישע מאַסען, און דאָס קאָן נאָר געלונגען ווען מען וועט „לייכטער און באַקוועמער" מאַכען די עניני דת און זיי „צופּאַסען" צו די לעבענס־באַדינגונגען... אויך דער טיפע־רער זין פון די אַלע „גייסט פּראָיעקטען" פּוגם מזרחי, זענען געבויט אויף דעם רצון זייערן מער צו „תיקונים בדת" ווי צו החזקת הדת. עס ליגט אין אָט די אַלע פּלענער סכנות פאַר אונטערמינעווען די הלכות שבתורה כפי הכתובה והמסורה, און דעם דעת־תורה פון די חכמי ישראל בכל דור ודור. און זיי מאַכען אָפּהענגיג פון צייטיגע און „מלוכה'שע" השפעות פון אונזער צייט.

דער רוב פון גדולי ישראל אין ארץ ישראל, זענען גוט תופס די הינטער־כוונות פון די אַלע שיין־קלינגענדע פּראָיעקטען. און עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער אויף זייער אויסגעשפּראָכענער געגנערשאַפט צו זיי. ניט קיין חידוש וואָס אַזעלכע באַרימטע גדולי תורה ווי: הרב דוב בעריש ווײדנפעלד, טשעבינער רב; הרב זלמן סורוצקין, לוצ־קער רב; הרב עקיבא סופר, פּרעשבורגער רב; הרב אליעזר יהודא פינקל, מירער ראש ישיבה; הרב שבתי יגל, סלונימ'ער ראש ישיבה (ז"ל); הרב יחזקאל אבראמסקי, ראש בית־דין פון לונדון; הרב יחזקאל סרנא, חברונ'ער ראש ישיבה; ובראשם דער בריסקער רב שליט"א, זענען אַרויסגעקומען מיט שאַרפע וואָרנונגען געגען שאַפען „מרכזים רוחניים עולמיים". אָט עטליכע ציטאַטען פון די גדולי תורה:

„בזמן האחרון מכריזים על אודות הקמת „מרכז רוחני עולמי", שיש במשמעותו מרכז של הוראה אשר ממנו תצא הלכה פסוקה לכל בני ישראל, ודנים לקרוא לצורך זה כינוס רבני עולמי. והנה כאשר עלה רעיון זה בדור העבר התקוממו כנגדו כל גדולי התורה בכל תוקף ועוז. רבותינו ראו ביזמה זו פרצה גדולה בחומת הדת אשר אחריתה מי ישורנה, וקמו כנגדה בכל חילם דאורייתא באופן היוצא מן הכלל. על אחת כמה וכמה בדורנו שכח אחר מעורב בכל דבר צבורי והשפעה זרה סובבת בכל, מה גדולה היא הסכנה הכרוכה בהקמת „מרכז רוחני עולמי" לקיומה של היהדות"...

„וחלילה לתת להפיק זממם באיזו צורה שתהי', כי היא לדעתנו הרוס גדול ופרץ גלוי בחומת תורתנו ובדת קדשנו, שמחויבים אנו ללחום ולמסור נפשנו נגד זה".

דער בריסקער רב שליט"א, דער גאון הדור און פוסק בישראל, שרייבט:

„בדבר הקמת המרכז רוחני עולמי. אנו הקרובים אל המקום והקוראים והשומעים דבריהם תמיד אין לנו שום ספק כל דהו לאיזה מטרה ותכלית הוא נועד. כוונתם די ברורה וגלוי' שרוצים עי"ז להשתלט על התורה לתקן בה להתאימה לרוח הזמן המדינה והדימוקרטי' להוסיף ולגרוע בה כחפצם. ומאז דברו בפומבי אודות להקים „סנהדרין". וכשנתקלו בהצעה זו, החלו לחפש מזימות בשמות אחרים מבלי הזכיר את השם סנהדרין, וקראו אספה גדולה ליסד אגודת רבנים עולמית. וגם הצעה זו נכשלה בשביל התנגדות גדולה שמפה. ומאז לא ינוחו ולא ישקוטו וחושבים מחשבות איך להוציא סוף כל סוף דבר זה לפעילות שכאן בירושלים יהי' המרכז לתורה והוראה לכל העולם. וגם הממשלה מעונינת בזה להשיג עי"ז כמה דרישות ממה שדורשים מהרבנות בענין הדת, בעניני אישות וכדומה".

„סוף כל סוף הכל מופנה רק להשגת מטרתם להשתלט על התורה ולתקן בה כחפצם והיא חטאת הרבים ח״ו״.

רבנים און גדולי תורה אין דער וועלט האָבען דערהערט דעם טיף־ערשיטערנדען וואָרנונג־רוף פון די מנהיגי ישראל. פון אַמעריקע, למשל, וואו עס איז געפירט געוואָרען אַזאַ העפטיגער קאַמפּיין אַז רבנים זאָלען פאָרען צו דער „פייערלעכער חגיגה״, פון עפּענען דעם מרכז רוחני „היכל שלמה״ אין ירושלים, האָט זיך לסוף ניט אָפּגעזוכט צום פאָרען אפילו א מנין רבנים. קוים 9 רבנים, שוין אַריינגערעכענט די אָפּיסערס פונם מזרחי, זענען געפאָרען צו דער דאָזיגער „חגיגה״. אָבער די מזרחי־באַוועגונג האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פון דעם פסק פון די גרעסטע מאורי התורה אין אונזער דור, וועלכע האָבען זיך אויך געשטיצט אויף „כל גדולי התורה בדור העבר״, און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט ווי גאָרנישט וואָלט געשען.

אַ באַוועגונג וואָס האָט אויף איר פאָן אויפגעשריבען „תורה ומסורה״, דאַרף זיך גאָר ערנסט פאַרטראַכטען, צי דער דעוויז „תורה ומסורה״ שטימט מיט אירע האַנדלונגען.

(ד. א. וו., אדר ב׳, תשי״ט)

ווי ווייט עס קאָן דערגיין

(דריטער מאמר)

דאָס מין „ציוניזם" איז שוין היינט אַ מטבע שנפסלה. דער רוב פון זיינע וועלט־ליכע פירער האַלטען, אַז מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט דער ציוניזם אָפּגעשפּילט זיין ראָלע. און זיי, מיט בן גוריון בראש, שרייען כסדר אַז ציוניזם מיינט קומען באַזעצען זיך אין דער מדינה. זיצעו, זאָגען זיי, אין דער הרחבה'דיגער אַמעריקע און פריידיגען, אַז אַנדערע זאָלען פאָרען קיין ציון, איז אַן ענין פאַר קאַריעריסטען, וועלכע רירען זיך נישט פונם „גלות", אָבער אַ לעבען מאַכען זיי דווקא פון דער מדינה. דאָס מיינט: פון דער רייכער ציוניסטישער קאַסע. אין ארץ ישראל, ספּעציעל ביים נייעם דור, ווערט אָפּגעשפּעט דער „ציונות" אַלס „בטלנות".

ווער זיינען היינט־צו־טאָג יאָ די אייפערדיגסטע חסידים פונם „ציוניזם"? דווקא די מזרחי גרופּען. זיי זיינען עס די גרעסטע לוחמים פאַרן דערהאַלט פונם ציוניזם. אָבער זיי באַגנוגען זיך נישט מיט בלויז אַ „וועלטליכען" ציוניזם, אַלס אַ באַוועגונג צו באַזעצען אידען אין דער מדינה, נאָר זיי זעען אין איר די „גאולה", אָדער לכל הפחות, די „אתחלתא דגאולה"... דאַרויף זיינען זיי דאָך „רעליגיעזע ציונים"... און זיי מאַכען זיך ניט זעען, ווי אַזוי אַזעלכע „גאולה" פילדערייען גראָבען אונטער ביים סתם־איד די יסודות פון אמונה פשוטה, וואָס איז געווען פאַרוואָרצעלט במשך דורות; ווי עס שוואַכט אָפּ דעם טויזענד־יאָריגען יסוד־האמונה פונ'ם: אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח, וואָס איז געווען, און געבליבען, דער יסוד־היסודות פון אידישען בטחון, תקוה, און קיום.

און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז נישט בלויז איז ביים מזרחי, ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען דער „גלויבען" אין „ציוניזם", נאָר גאָר פאַרקערט. ערשט לעצטענס האָבען זיי געענדערט זייער פירמע (שנוי השם איז אַן אַלטע סגולה פאַר אַ חולאת מסוכנת...) און זיך אָנגעהויבען רופען אַנשטאָט „דתיים לאומיים" גאָר „ציונים דתיים". דוקא זיי בלייבען די פאַנאַטישסטע „אדוקים" אין זייער „ציונות".

איז פאַר שומרי תורה נאָך אַלץ די צייט ניט געקומען איינצוזען, אַז אויסגעש־פּראַכענע חפשיים וועלכע זאָגען זיך אָפּ פון אַלע עיקרי־הדת און יסודי־האמונה, זיינען נישט, און קאָנען נישט זיין, די טרעגער פון אידעאַלען וואָס זיינען געבונדען מיט „גאולה", און מיט „אתחלתא דגאולה"? אַז אַ באַוועגונג און מענטשען, וועלכע ווילען מיט צוואַנג און מאַכט אויסליידיגען ציון ואת העם היושב בציון, פון זיין אָריגינעלען מהות און תוכן, פון זיין אידישע צורה און נשמה, האָבען גאָרנישט צו טאָן מיט אונזערע אייביגע יעודי־הנביאים, פון: בשוב ה' את שיבת ציון.

צו וואָס דאַרף דער מזרחי פאַרוואָכעדיגען באַגריפען פון קדושה. צו וואָס מחלל זיין באַגריפען פון גאולה?

* * *

מיר וועלען דאָ נישט באַהאַנדלען דאָס עצם פּראָבלעם פון דער באַטייליגונג פון רעליגיעזע אידען אין דער ישראל רעגירונג. מיר קאָנען פאַרשטיין די מאָטיווען פאַר

יאָ זיין, וועלענדיג דאַדורך שיצען עניני הדת אין דער מדינה ווי ווייט עס לאָזט זיך. אָבער מיר קאָנען אָוודאי זייער גוט פאַרשטיין די מאָטיוון פון די וועלכע האַלטען, אַז פרומע אידען טאָרען ניט מיט־טראָגען קיין אחריות פאַר אַ ממשלה, וועלכע איז אויסגעש־פראָכען געגען דיני תורה והלכה. זיכער איז אָבער, אַז אפילו בעת רעליגיעזע אידען זיצען אין אַזאַ רעגירונג, מוז עס זיין „כאילו כפאו שד", ווי נישט האָבענדיג קיין אַנ־דערע עצה. געצוואונגען, ווי אידען האָבען שטענדיג, אפילו צווישען אומות־העולם, געזוכט עצות ווי צו שיצען אידישע אינטערעסען, און צו שטיין על המשמר פאַר רעליגיעזע הצטרכות'ן און רעכט, און בכדי אָפצוראַטעווען, וויפיל נאָר מעגליך, פאַר'ן אָריגינעלען תוכן און צביון פונם עם ישראל און ארץ ישראל.

אינם זיצען פון מזרחי אין דער רעגירונג, האָט זיך דאָס אָבער ניט געפילט. זיי זיצען דאָרט ווי אין „זייער" רעגירונג. זייער פיל זאַכען וואָס זיינען געטאָן געוואָרען מצד הממשלה געגען דיני־הלכה, האָבען ניט אַרויסגערופען זייער געהעריגע געגען־רעאַק־ציע. און אַמאָל גאָר איז דערויף געווען אַ שטילע הסכמה מצד די מזרחי שרים. זייערע מיניסטאָרען האָבען געהאַנדעלט, ווי דאָס איז „זייער רעגירונג". ווען עס האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען די „געבראָיכען" און „באַדינגונגען" פון דער מדינה מיט חוקי־התורה, האָבען זיי אָפטמאָל גע'פסק'נט אַז מדינה האָט אַ דין קדימה. יאָרען לאַנג האָבען זיי געפּריידיגט, אַז קודם־כל לאָמיר נאָר האָבען אַ גרויסע און שטאַרקע מדינה. און אַז אי"ה, שפּעטער, אין דער צוקונפט, אַז אַלעס וועט שוין זיין ב„סדר גמור"... וועט מען דאַמאָלט זאָרגען און קעמפען אויך פאַר מער תורה ודת. קודם כל, הייסט עס, „מדינת ישראל, דערנאָך קומט ערשט... „תורת ישראל".

דאָס איז דער געדאַנקען־גאַנג פון די מזרחי פירער. גאַנץ אָפט האָבען זיי אויף אייגענער האַנד, אָן שום הכרעות פון רבני ישראל, געמאַכט וויתורים אין עניני הלכה און מתיר געווען איסורים.

געוויס אַנצואווייזען ווי אַזוי דר. בורג, אַלס פּאָסט מיניסטער, האָט מתיר געווען מחלל זיין דעם יום הקדוש יום־כפור מיטן מאָטיוו: אַז „אַ מאָדערנער שטאַט קאָן ניט בלייבען הינטערשטעליג פון אינפאָרמאַציעס וועגען ספּוטניק"; ווען דר. ווארהאַפטיג ערקלערט אַז „ניתוח מתים איז אַ גרויסע מצוה"; און, אַז „אשה הידועה בצבור" איז אים ניט באַקאַנט אַלס אַן עבירה מן התורה... אָדער די מאָדנע האַלטונג פון מזרחי צו די פּרצות פון דער בריכה־מעורכת, פון די חפירות בקברי התנאים והקדושים א. אַז. וו. עס וואָלט אויך כדאי געווען זיך אָפּצושטעלען אויף דעם קאַפּיטעל מזרחי און גיוס נשים און שירות־לאומי. אַ פּראָבלעם וואָס אַלע גדולי התורה מיטן חזון איש זצ"ל בראש, האָבען עס באַטראַכט אַלס אַ גזירה פון „יהרג ואל יעבור", און דער הפועל־המזרחי און זייערע קיבוצים האָבען זיך דערפון אויסגעלאַכט, און געשטופּט אידישע טעכטער דוקא זיך איינשליסען אין דער זעלנעריי... עס האָט אפילו ניט געווירקט אויף זיי, ווען אויך דאָס רבנות־הראשית האָט געוואָרענט געגען דער הפקרות וואָס דראָט די בעצם־צניעות'דיגע בנות ישראל. זיי, די מזרחי גרופּען, האָבען עס דוקא ערקלערט פאַר אַ דבר גדול וחשוב, פאַר „הצלת ישראל" און „הצלת המדינה".

מען קאָן אַזוי אויסרעכענען אָן אַ שיעור ענינים וואָס גדולי תורה האָבען זיי געהאַלטען פאַר דרינגענד, פאַר וועלכע תורה־אידען מוזען קעמפען, און מצד דעם מזרחי האָט מען די ענינים מיט קלות־ראש מבטל געווען כלאחר יד.

און קיין וואונדער איז עס נישט. נאָך זעקס צענדליג יאָר זיצען מיט חפשים אין איין באַוועגונג, ווערט מען דערצו צוגעוואוינט. מען פאַרגעסט דעם הבדל, און מען הייבט זיך אָן פילען ווי אין אַן אייגענער היים. מזרחי איז לכתחילה צוגעשטאַנען צום ציוניזם ווי אַ גרופּע מיט ספּעציעלע אויפגאַבען, צו זיין דאָרט דער משפּיע פון רעליגיעזער אידישקייט. אָבער אַז מען זיצט צוזאַמען לאַנגע יאָרען אין איין חברותא, מ'פאָרט צו אַלע אסיפות און קאָנגרעסען, און מען באַטייליגט זיך אין אַלע שמחות, ווי שותפים, ווערט מען במשך הזמן טאַקע פולע שותפים... סוף־כל־סוף, אין די „וויכטיגסטע" פּראָבלעמען האָט מען דאָך איין און די זעלבע שיטה, אלא מאי, אין „איין זאַך" ווי תורה און אמונה איז יאָ פאַראַן חילוקי־דעות, נו, איז מילא... מען וועט שוין אַמאָל ווי־עס־איז דורכקומען... אַבי דער „שלום בית" זאָל ניט צעשטערט ווערען...

* * *

אין ארץ ישראל איז היינט אַ יאָר פון וואַלען. פאַר דעם חרדי'שען ישוב שטייט אַ גרויסע און אָנגעשטרענגטע אַרבעט, בכדי אַרויסצוקומען מיט אַ וואָס־גרעסערע רעפּרע־זענטאַנץ. אין פאַרשידענע קרייזען טראַכט זיך שוין וועגען אַ פאַראייניגונג פון אַלע רעליגיעזע כחות. צו דער היינטיגער כנסת איז דער פּראָיעקט פון אַ „חזית־דתית" בטל געוואָרען דורך דער געגנערשאַפט פון דער גרופּע „למפנה" ביים הפועל־המזרחי.

אין די איצט־פאַרשטייענדע־וואַלען, האָט זיך געשאַפען אַן אַנדערע סיטואַציע. טראָץ דעם וואָס אויך אין דער אגודת ישראל זיינען פאַראַן קרייזען, וועלכע וואָלטען געוואָלט אַ פאַראייניגונג פון וואָס־ברייטערע קרייזען אינם ישוב, איבער אָרגאַניזאַצ־יאָנעלע און פינאַנציעלע אורזאַכען, האָבען זיך אָבער געשאַפען באַדינגונגען צוליב וועלכע די אגודת ישראל באַוועגונג זאָל וואַרשיינליך גיין צו די וואַהלען זעלבסטשטענדיג.

קודם־כל קומט דאָס אַלס אויסדריקלעכער פאַרלאַנג פון גדולי תורה אין ארץ ישראל, וואָס אין אָנבליק פון זייער דעת־תורה, קאָנען ניט קומען אין באַטראַכט קיין באַדינגונגען פון אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמים. זייער חות־דעת איז פּסק־הלכה, פון וועלכע מיר טאָרען ניט אָפּטרעטען.

אָבער ס'איז אינטערעסאַנט, אַז עס האָבען זיך שוין באַוויזען שטימען פונם הפועל־המזרחי, מצד זייער „למפנה" גרופּע, געגען אַ „חזית־דתית". די מאָטיווען וואָס ווערען דורך זיי געבוצט געגען אַ חזית מיט אגודת ישראל, זיינען ממש שטוינענדע. ווען מ'זאָל עס נישט לייענען שוואַרץ אויף ווייס, וואָלט שווער געווען צו גלויבען, אַז מענשען אין אַ רעליגיעזער באַוועגונג זאָלען אַזוינס טראַכטען, און עס עפענטליך אַרויסברענגען.

אָט הערט און שטוינט — אין „עמודים", אָרגאַן פונם „הקובץ הדתי", חשון תשי"ט, שרייבט דער הפועל־המזרחי פירער משה אונא:

„דרכי הפעולה של האגודה אינן מתאימות לתפיסה היסודית שלנו על יצירת היחסים הרצויים בין הצבור הדתי והלא־דתי במדינה".

„שלש דוגמאות: א) מלחמתה של האגודה נגד חוק שרות לאומי היתה לדעתנו שגיאה פטלית, והביאה נזק רב לצבוריות הדתית בארץ; ב) הפגנות השבת של נטורי קרתא קבלו תמיכה בלתי מסוייגת מצד האגודה; ג) המלחמה נגד בריכת השחיה בירושלים. נציגי המפלגה הדתית־לאומית התנגדו, אמנם, להקמת הבריכה. אבל הם התנגדו גם כן לכך שענין זה ייהפך לבעיה מרכזית".

„בכדי להסביר טענותי נגד האגודה, אזכיר שלשה נושאים אקטואליים: חנוך, רבנות ראשית, שמיטה. האגודה מחזיקה בחנוך המיוחד שלה, אף על פי שאין כל סבה אוביקטיבית, כלומר חנוכית, לכך. הדבר גורם נזק רב לחנוך הדתי בארץ. אפשר להבטיח מסגרת מיוחדת לחנוך האגודאי בקרב החנוך הממלכתי־דתי, דוגמת החנוך החב"די. גלוי דומה של העדפה

האינטרס המפלגתי אנו מוצאים ביחסה לעניני הרבנות הראשית. דוגמה מאלפת אנו מוצאים בטפולה בעניני שמיטה. לא די, לה לאגודה, שהיא קובעת סדרי קיום שמיטה תוך הסרת כל אחריות לשלומה וקיומה של היהדות הדתית כולה, היא פוסלת בזה גם את היתר הרבנות״.

„פעולות אלו הן פוגעות, לדעתנו, קשות ביהדות הדתית, בחיי הצבור שלה ובמעמדה במדינה. כל זמן שלא חל שנוי באלו, אין אנו רואים כל אפשרות להקמת מסגרת משותפת כגון זו של חזית דתית״.

איר הערט עפּעס לשון? מ׳קאָן ניט מאַכען קיין חזית מיט אגודת ישראל, ווייל זי האָט דריי חטאים „גדולים ונוראים״, וועלכע מ׳קאָן איר ניט מוחל זיין...

זי, די אגודת ישראל, האָט געפירט אַ קאַמף געגען מאָביליזירען אידישע טעכטער אין דער אַרמיי; פּראָטעסטירט שאַרף געגען דער פּרצה פון אַ געמישטען שווימינג־פּלאַץ אין דער הייליגער ירושלים; קעמפט כסדר געגען עפענטליכען חילול שבת אין הייליגען לאַנד. און צום דעם נאָך אַזעלכע „מורא׳דיגע חטאים״, ווי אַן אייגענער תורה־חנוך; האָבען בראש איר באַוועגונג גדולי תורה; און וואָס אַלע אגודיסטישע קאָלאָניעס זיינען מיט מסירת־נפש מקיים די הייליגע מצוה פון שמיטה כדינה וכהלכתה.

ווען מ׳זאָל עס נישט זען געדרוקט אין זייערס אַן אָרגאַן, וואָלט געווען אומגלויב־לעך זיך פאָרצושטעלען אַזעלכע טפשות, הפקרות און קלות־ראש, לגבי הייליגע פּרינציפּען פאַר וועלכע תורה־אידען זיינען זיך מוסר נפש.

משה אונא זאָגט, אַז דער קאַמף פון אגודת ישראל געגען שרות־לאומי איז אַ „שגיאה פטלית והביאה נזק רב לצבוריות הדתית״, און דער גאון וקדוש בעל החזון איש, פּסק׳נט „יהרג ואל יעבור״, און אַז יעדער איד און יעדע אידישע טאָכטער מוז זיך מיט אַלע כחות קעגענשטעלען דער דאָזיגער גזירה.

איר פאַרשטייט? משה אונא מיט די פועלי מזרחי מצד אחד, און דער חזון איש מיט די גדולי תורה מצד השני. מיט וועמען איז דער דעת־תורה? ווער זיינען די פּוסקים און בעלי־הלכה? די אַפּיסערס פון מזרחי אָדער די גאוני הדור? פונוואַנען די געוואַגט־קייט? פונוואַנען די חוצפה? איז נאָך נישט צייט, אַז דער מזרחי זאָל דערזעען מיט וויפיל סכנות פאַר יהדות־התורה אַזעלכע דרכים זיינען פאַרבונדען.

* * *

די שטאַרקסטע אילוסטראַציע ווי אַזוי אַ באַוועגונג פאַר „תורה ומסורה״ קאָן אַראָפּ פון וועג, און עס דראָט איר אַ סכנה אַז זי זאָל מיט דער צייט, חלילה, פאַרוואַנ־דעלט ווערען אין אַן אינסטרומענט געגען תורה און געגען מסורה. קאָן מען זען דערפון ווי אַ טייל — און גאָר אַן אַנזעעוודיגער — אינם הפועל־המזרחי, טראַכט און רעדט איבער יהדות און איבער הלכות און יסודות שבתורה.

מיר וועלען דאָ גאָרנישט זאָגען אונזערס. מיר וועלען נאָר מעתיק זיין זייערע אייגענע ווערטער. און דאָס אויך מיט קיצורים. אין סיון תשי״ב, האָט הפועל־המזרחי אין ארץ ישראל געהאַט אַ ועידה, צו וועלכער דער „למפנה״ האָט צוגעגרייט אַ „הצעה לתכנית המפלגה״. זאָגט זיך דאָרט:

„הפתרונות לבעיות המדינה אינו מוכרחות להיות מותאמות דוקא לדרכי ההוראה המקובלת. להיפך, מכיון שהבעיות הן ללא תקדים בפרקטיקה הרבנית, צריכים גם הפתרונות להיות ללא תקדים״. „הכרתנו היא, שעצם קום המדינה יש בו משום מפנה קובע בתולדות ישראל, ויש בו כדי לזעזע את היסודות עליהם היה מושתת אורח החיים היהודי עד כה. כשם שחורבן הבית בשעתו דרש גישה חדשה לבעיות הדת, כך חידוש מדינת ישראל דורש גישה חדשה. עלינו לדלג עכשיו על כל התקופה הארוכה של הגלות והתפתחות ההלכה בתוכה, ולחזור לתקופה שלפני גיבוש ההלכה, ולכוון את ההתפתחותה לאפיק חדש. יש ליצור יצירה חדשה ממש, אפילו אם בתוקף הנתונים החדשים תיראה כמותרת את המקובל והמסורתי״.

„המוסדות הדתיים הרשמיים מתנגדים לכיוון זה, ולפי הכרתנו העמוקה מובילה דרכם להנצחת הגלות גם בתוככי מדינת ישראל. אין לראות בהם איפוא ממשיכים את דרך ההלכה, אלא את דרך ההלכה שבגלות". „כדוגמת ימי עזרא עומדת דת ישראל על פרשת דרכים, ויש לבחור בין הדרך המנציחה כל אות וכל סייג שבתורה ומתנגדת לפירושים שתוקף החיים גרמם (השומרונים בשעתם) לבין הדרך הרואה תורה מסיני בכל מה שכל דור עלול לחדש בהתאם לתנאי חייו (תורת הפרושים). המוסדות הרשמיים של הדת כיום, שלא כעזרא הסופר, נאחזים בקדושת העבר, ואינם מאפשרים את הרחבת האופק של הדת והיהדות. וסופם ליהפך לכת מדולדלת בתוך עם ישראל".

„הפועל המזרחי, מצווה לקחת על עצמו היזמה והאחריות לקביעות והכרעות חדשות בשטח עיצוב דמות חיים יהודיים במדינת ישראל. יש להעביר תחת שבט הבקורת את המנהגים והמסורות שנתקבלו בעמנו במשך אלפי שנות חיים בגלות, ולבטל את אלה שאין כל טעם לקיומם במציאות של היום".

„התביעה להקמת הסנהדרין צריכה להיות מבוססת על ההכרה, כי אכן הגיעה השעה להכרעות דתיות חדשות. הסנהדרין אם תקום, צריכה להבטיח שיהיה בו העוז והאומץ הרוחני לפרוץ את גדרות המסורה המקובלת במקום ובשעה שיש צורך בכך, בלי פחד ומתוך אחריות מלאה לעתידה של דת ישראל בדורותינו". „לשם כך יש להבטיח מראש הרכב אישי מתאים לסנהדרין. בלי הרכב מתאים תיהפך גם הסנהדרין למעין „מועצת הרבנות הראשית" או „מועצת גדולי התורה" שאת אזלת ידן כבר ראינו. השם המכובד „סנהדרין" אין בו עדיין ערובה לתוכן מכובד. אנו מעונינים דוקא בתוכן המוסד הזה וביכלתו לחרוג מתוך הצמצום הגלותי".

איר הערט עפּעס דיבורים פון פירער פון אַ באַוועגונג פאַר תורה ומסורה? אמת, דאָס רעפּרעזענטירט נישט די גאַנצע הפועל המזרחי. אָבער דער „למפנה" איז אַ גרויסער און איינפלוסרייכער צד, כמעט אַ דריטל פון אַלע חברים; די פירער אין די מזרחי־קיבוצים; די בעלי־השפעה אין דער בני־עקיבא באַוועגונג. און גראַד דעם מחבר פון דעם „תכנית" משה אונא האָט דער הפועל־המזרחי אַנגעטרויט, אַלס תת־שר, די השגחה איבער זייער חינוך. עס פאַלט פשוט אַ פּחד, אַז פירענדע מענשען פון מזרחי, דערצוי־גענע אויף אירע אידעען, קאָנען אַרויסקומען מיט אַזעלכע דעות־כוזבות וועגען פונדאַ־מענטאַלע יסודות פון הלכות שבישראל, וועלכע זיינען מקובל און געהייליגט מדורי דורות.

* * *

אָבער ווי ווייט געפערליך דער מצב קאָן דערגיין, אויב זיי וועלען נישט באַצייטענס דערזען די סכנות אין וועלכע זייער באַוועגונג ווערט פאַרפירט. מוזען מיר ברענגען נאָך עטליכע צאַצקענדיגע „תורה ומסורה" געדאַנקען... וואָס זייערס אַ פירענדע פערזענליכ־קייט האָט פאַרעפענטליכט. מיר טוען עס מיט אַ שווער געמיט און טיפען צער. מיר האָבען געהאַט גרויסע ספקות, צי מען מעג בכלל איבערזאָגען אַזעלכע רייד. אָבער בכדי צו באַווייזען עד היכן הדברים מגיעים, אויב מען וואָגט אַנצורירען מסורה׳דיגע יהדות און עס צופּאַסען צום „רוח הזמן" און „רוח המדינה", מוזען מיר ציטירען — בפירוש געגען אונזער ווילען — כאָטש עטליכע אויסצוגען. וד׳ יכפר בעדנו.

אין „עמודים", אָרגאַן פון „הקובץ הדתי", כסלו תשט"ז, שרייבט יעקב הרץ פון קבוץ שדה יעקב, פון הפועל המזרחי, צווישען אַנדערען:

„אני מעיז לשאול. למה לא לנסות להשתחרר מהתלות בדעות ורעיונות קדומים ולבסס את אמונתנו הדתית על רעיונות והשקפות של דורנו אנו? אנו אמנם אומרים „אלוקינו ואלוקי אבותינו", ובאמת הא־ל הנעלם ונשגב מכל כוח השגותנו לא השתנה ולא ישתנה. אבל דמות הא־ל, אשר בה רואה ומרגיש האדם את אלוקיו, משתנה מדור לדור. דמות א־ל אברהם אשר על פיו הוא היה מוכן להקריב את בנו, אינה דמות אשר בה אנו היום יכולים לראות את הא־ל. לא נוכל לתאר לנו א־ל, אשר ידרוש ממנו קרבן אדם".

„... אם נשמע היום בת קול שתדרוש דבר כזה ממנו, לא נשמע לה. כי לא נאמין שכזה באמת רצון הא־ל. אמנם עם ישראל ירש מאביו הקדמון את הנכונות להקריב כל אשר יקר לו, והקריב אלפי קרבנות דמים כדי לשמור אמונים לאלוקיו — אך ורק כשלא היתה

ברירה אחרת לשמור על אמונה. אבל רחוק היה מהם הרצון שהקרבן כשלעצמו יהיה לרצון הא־ל. גם הא־ל אשר לו הקריבו אבותינו קרבנות בעלי חי אינו לפי רוחנו, כי לא יעלה על דעתנו היום איש לרצות את הא־ל בדם יצוריו". „זרה לנו גם דמות הא־ל אשר מזכה את הטובים בישיבה בגן עדן ומענה את הפושעים בגיהנות".

דאָס זיינען קיצורי־דברים פון אַ שווידערהאַפטען מאמר, פול מיט דברי דופי ומינות, וואָס הפועל־המזרחי האָט געוואַגט צו פאַרעפענטליכען בפומבי ובריש גלי. פחד פחדים דאַרף דאָך אַרומנעמען די באַוועגונג פון „ציונים דתיים" פאַר דעם מצב אין וועלכען זיי גליטשען זיך אַריין. דערציטערט מוז ווערען יעדער מאמין, אַז אין אַ רעליג־יעזער מחנה זאָלען קאָנען געהערט, און געדולדעט ווערען, אַזעלכע דברי־כפירה. און מיר האָבען נישט געהערט, אַז די אַלע אונא'ס און הרצ'ס, די ניי־געבאַקענע „רעליגיעזע" רעפאָרמער, זאָלען אַרויסגעוואָרפען ווערען פונם הפועל־המזרחי. איז דאָס אַלץ נאָך נישט מחייב דעם מזרחי צו אַ טיפען חשבון הנפש? צו רעווידירען גרינטליך זייער שיטה, אויב בתוך זייער תנועה האָבען געקאָנט אויסוואַקסען אַזעלכע ווילדע געוויקסען פון אַזעלכע טרפה'נע השקפות.

* * *

לאָמיר לסוף דערמאָנען, אַז עפּעס אַן אומרו באַווייזט זיך לעצטענס יאָ ביים מזרחי. אין פירענדע רייען פון מזרחי הייבען זיך אָן הערען שטימען פון אויסניכטערונג און חרטה. דער וועג וואָס די מפא"י האָט זיך פאַרנומען אין די לעצטע חדשים גראָד געגען דעם „רעליגיעזען ציוניזם" און זיי געצוואונגען צו בלייבען מחוץ דער ממשלה, האָט דערשיטערט אַ ריי מזרחי־פירער, און צווינגט זיי צו אַ שטיקעל חשבון הנפש.

אָט וואָס עס שרייבט דער מזרחי־אָרגאַן „הצופה":

„נאָך 40־50 יאָר פון צוזאַמענאַרבעט מיט די ציוניסטען, פאָדערט די איצטיגע סיטואַציע אַ גרינטליכען עקזאַמען. מיר פרעגען: ווי אַזוי האָט פּאַסירט, אַז נאָך 10 יאָר מדינת ישראל זאָל דאָס התלהבות, וואָס האָט אונז אַרומגענומען דעם 29טן נאָוועמבער 1948, אָפּשטאַרבען טאָג נאָך טאָג? פאַרוואָס האָבען מיר אַזוי מורא פאַר דער צוקונפט פון דער מדינה און איר ישוב?" מיר זיינען תמיד געוואָרען אָנגעגריפען פאַר זיין באַטייליגט אין די רעגירונגען. מען האָט אונז באַשולדיגט אין מאַכען פשרות אויפן חשבון פון יהדות. מיר האָבען זיך אָבער געזאָגט, אַז דאָס זיינען טעג פון „חבלי משיח", און מיר דאַרפען זיין דאַנקבאַר פאַרן גוטען ווי פאַרן שלעכטען... אָבער איצט זעען מיר, אַז דאָס איז אַ פאָראויס־באַטראַכטע שיטה אונז צו פאַר־וואַנדלען אין אַ פאָלק „ככל הגויים".

„אַלע יסודי־יהדות ווערען אָנגעגריפען; אויפן געביט פון חינוך קומט פאַר אַן אומ־ברחמנות'דיגער קולטור־פּאָגראָם; די געזעצען באַזירט אויף ניט־אידישע יסודות; דער שבת און יום טוב ווערען פאַרשוועכט; די אומפאַרהייראַטע פרוי ווערט אָפיציעל אַנערקענט אַלס יענעמס ווייב; אַן אָפענער האַנדעל מיט חזיר מיטן הסכם פון דער רעגירונג; און איבער אַלעם, דאָס פראָבלעם פון ווער איז אַ איד. ווער קאָן אויסדרוקען דעם ווייטאָג ווען אַ רעליגיעזער איד זעט דעם במזיד'דיגען פאַרשוועכונג פון כל הקודש לו. זאָלן אונזערע גרויסע האָפנונגען צומאַלען ווערען אויף שטויב, חלילה, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט מערערע משיח'ישע באַוועגונגען ביים אידישען פאָלק?"

אַז אַ מזרחי אָרגאַן זאָל אַרויסקומען מיט אַזעלכע ווערטער, און אַז יצחק רפאל פון הפוהמ"ז זאָל אויסרופען לעצטענס אין דער כנסת: „אַז ער וואָלט בעסער וועלען לעבען אין גלות ביי גויים, איידער אין גלות ביי אידען אין מדינת ישראל", באַווייזט, אַז זייערע לעצטע איבערלעבונגען אין די האַנדלונגען פון זייערע פרייע שותפים, האָבען געמוזט זיין פאַר זיי אַ גאָר־ביטערע ענטוישונג. נאָך צענדליגער יאָרען שותפות, האָבען זיי זיך אויף אַזעלכעס ניט געריכט.

* * *

דאָס איז אָבער, לײדער, ניט מער װי אַ נישטיגער ריקצוג פֿון אַ לאַנגען פֿאַלשען װעג. עס איז קוים אַ „קול דממה דקה", װאָס װערט נאָך אַלץ פֿאַרהילכט מיט פּאַט־ריאָטיש־ציוניסטישע „קולות וברקים", דורך דעם רוב מזרחי־פֿירער, און גאָר ספּעציעל אין חוץ לארץ. און װען אַפֿילו זי זאָל אַרומנעמען שױן ברײטערע קרײזען מזרחי־עסקנים, איז עס אַלץ ניט מער װי אַ רעאַקציע פֿון דעם איצטיגען נײ־געשאַפֿענעם פּאָליטישען קלימאַט. דער קריזיס פֿונם מזרחי, ליגט ניט אין איר צופֿעליגען ברוגז מיטן מפא״י, װעלכער קאָן זיך מאַרגען, דורך אַ קאַפּריז פֿון בן־גוריונ׳ען, װידער אױסגלײכען. דער קריזיס איז אַ פֿיל־טיפֿערער, אידעאיש־גײסטיגער, אַט דעם דאָזיגען אידעאישען קריזיס באַמיט מען זיך נאָך אַלץ צו פֿאַרדעקען.

מזרחי און הפּועל־המזרחי, דאַרפֿען דורכמאַכען אַ לאַנגען װעג פֿון חרטה און הרהורי־תשובה אױפֿן פֿעלערהאַפֿטען עבר, און אַ פֿעסטע קבלה אױפֿן להבא. און װער װײסט, אױב זײער לאַנג־יאָריגער װעג פֿון טעותים, װעט זײ געבען דעם נױטיגען כח און מוט צו זײן מודים על האמת. זאָל דעריבער זײן קלאָר, אַז אונזערע רײד זײנען געריכטעט ניט אַזױ־װײט צו די פּאַרטײאישע פּראָפֿעסיאָנאַלען, נאָר מער צו די סתם־אידען אָנגע־העריגע צום מזרחי. אין די מזרחי־באַװעגונגען געפֿינען זיך נאָך גענוג ערליכע און ערנסט־דענקענדע מענטשען, װעלכע האָבען ניט פֿאַראױסגעזען, און זיכער ניט געװאָלט, אַזאַ אַנטװיקלונג. פֿאַר זײ איז איצט די ריכטיגע צײט זיך צו פֿאַרטראַכטען אין די אַלע ענינים, װעלכע מיר האָבען באַרירט אין אונזערע מאמרים, און מאַכען פֿאַר זיך אַ געװיסענהאַפֿטען חשבון, און אײנזען װי װײט עס קאָן דערגײן.

(ד. א. װ., ניסן תשי״ט)

נאר ניט קיין בלבול המוחות

(פירטער מאמר)

אויף אונזערע דריי אַרטיקלען וועגען דער „מזרחי" באַוועגונג אין „דאָס אידישע וואָרט", האָבען מיר באַקומען אָפּרופען פון מענשען אויס פאַרשידענע קרייזען און ריכטונגען, און זייערע באַמערקונגען זיינען פאַרשידענאַרטיג. אין דעותיהן של בני אדם שוות. איין טייל איז מסכים מיט אַלעם וואָס מיר האָבען געשריבען. אַ צווייטער טייל האַל־טען, אַז אין אונזערע מאמרים געפינען זיך איבערגעטריבענע זאַכען, און אַז בכלל איז ניט ריכטיג אַרויסצוקומען מיט אַזאַ מאַטעריאַל וואָס קאָמפּראָמיטירט די מזרחי און זייערע אידעען. אַ דריטער טייל זאָגען, אַז עס איז קוים גלויבלעך צו זיין אמת, אַז אַזעלכע אָפּענע דברי־כפירה זאָלען אַרויסגעזאָגט ווערען מצד פירער פונם הפועל המזרחי, און זיי זאָלען גאָר געדרוקט ווערען אין מזרחי־אָרגאַנען. און ווידער פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבען גאָר טענות פאַרוואָס מיר האָבען אונזערע ווערטער איינגעהילט עפּעס אין אַ מין וואַטע, און עס ווייך געמאַכט, אַז עס זאָל חלילה די מזרחי־קרייזען ניט צו שטאַרק וויי טאָן. אַן ענטפער מצד'ן מזרחי גופא איז אויך געקומען אין זייער אָרגאַן אין אַמעריקע.

איידער מיר שטעלען זיך אָפּ אויף די וועזענטלעכע ענינים ווילען מיר בדרך כלל פעסטשטעלען, 1) מיר האָבען באַהאַנדעלט דאָס פּראָבלעם וועגען דער שיטה פון מזרחי, זאַכלעך און פּראָבלעמאַטיש, היטענדיג זיך פון עפּעס פּערזענליכעס און אַנגרייפערישעס. 2) אַלע ציטאַטען אונזערע, זיינען ריכטיגע און פּונקטלעכע, ככתבם וכלשונם. 3) אונזער צייט אין וועלכער מיר לעבען, איז אַן ערנסטע פאַר כלל ישראל און פאַרן תורה'דיגען כלל ישראל. די צייט־פּראָבלעמען זיינען געוואַלטיג וואַגיקע און אחריות'פולע, און עס דאַרף קלאָר זיין אין אונזער תורה־מחנה ווער מיר זיינען און וואָס מיר ווילען. דער פאַטאַלסטער שונא אונזערער, איז בלבול־המוחות און טשטוש־הגבולין. מען מוז וויסען ווער איז ווער און וואָס איז וואָס.

און דעריבער איז וויכטיג זיך דורכצושמועסען וועגען השקפות, און אָנצואווייזען וועלכע זיינען ריכטיגע און וועלכע זיינען ניט־ריכטיגע. וועלכע פירען צו תורה און אמונה, און וועלכע קאָנען גורם זיין דאָס פאַרקערטע. אָבער ניט ווייניגער וויכטיג איז, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערען זאַכלעך, ערנסט און מיט ריינע כוונות. ניט וועמען צו רייצען נאָר אויסצובעסערן. אַ בירור ניט לשם תחרות נאָר לשם שמים.

* * *

אין לעצטען „מזרחי וועג" וואַרפט מען אונז פאָר, הלמאי מיר רופען צו חשבון הנפש די מזרחי באַוועגונג און נישט זיך אַליין. און זיי שרייבען: „מיר וויסען דאָך, אַז די אגודה האָט אַ סך פאַרוואָס תשובה צו טאָן". מוזען מיר צוגעבען, אַז מיר זיינען זער צופרידען וואָס מען רופט אויך אונז אין אגודת ישראל צו תשובה. און זיכער האָבען מיר גענוג אויף וואָס תשובה צו טאָן. אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... און אויב דאָס איז געזאָגט אויף אַ יחיד, איז עס אַוודאי חל אויף אַ צבור. און: אין אָדם רואה

חובה לעצמו, איז גוט וואָס אַ זייטיגער מאַכט אויפמערקזאַם וואָס, וואו און ווען, דו האָסט מתקן צו זיין.

אָבער מיר האָבען דערוואָרט צו הערען, אַז אונזער תשובה דאַרף זיין פאַר דעם וואָס מיר האָבען פאַרפעלט צו טאָן. אפשר פאַר דעם וואָס מיר טוען צו ווייניג פאַרן חינוך עצמאי; וואָס מיר האָבען ניט געפירט שאַרפער דעם קאַמף פאַר קדושת ישראל; וואָס מיר האָבען זיך נישט מער מוסר נפש געווען געגען דער גזירה פון גיוס נשים; פאַר דעם וואָס מיר האָבען אפשר ניט גענוג געוועקט דעם דעת־הקהל און אָנגעוויזען אויף די גרויסע סכנות פון דער אָרגאַניזירטער העברת־הדת.

אָבער ניין. נישט פאַר דעם וכדומה לזה, רופט מען אונז מצד'ן מזרחי צו חשבון הנפש. חס מלהזכיר, אַ וואָרט נישט פון דעם אַלעם. אדרבה, רופען רופט מען אונז פאַר תשובה גראַד דערפאַר וואָס מיר האָבען יאָ געטאָן. דערפאַר וואָס מיר לאָזען ניט גיין לטמיון אונזערע אונטערוואַקסענדע דורות דורך דער דערציאונג פונם חינוך־ממלכתי; דערפאַר וואָס מיר האַלטען אויס דעם גרויסען שול־סיסטעם פון חינוך־עצמאי, אין וועלכען עס ערציען זיך דורות לתורה וליראת שמים; דערפאַר וואָס מיר פירען אַ האַרט־נעקיגען קאַמף געגען די מחללי־הדת; דערפאַר וואָס מיר ווייזען אָן, אַז דער עם ישראל איז אַן עם קדוש און ארץ ישראל איז אַן ארץ הקדושה, און זייערע קדושות מוזען דערהאַלטען ווערען; און דערפאַר וואָס מיר שטעלען זיך געגען דעם בלבול המוחות וואָס שאַפט זיך דורך דעם אייביגען שותפות פון חרדים מיט חפשיים אין איין ציוניסטישע באַוועגונג; און אויך דערפאַר, וואָס מיר פּראָקלאַמירען דעם שלטון־התורה אינם אידישען פאָלקס־לעבען. און אַז די הלכה און דעת־תורה געהערט צו גדולי תורה ויראה, און ניט צו אָרגאַניזאַציע־אַפּיסעס און זייערע סעקרעטאַרען. אָט פאַר אַזעלכע „חטאים", הייסט אונז די מזרחי תשובה טאָן...

* * *

„די אגודת ישראל האָט אויף איר געוויסען דעם אומקום פון אידען אין פוילען. די אגודה־פירער האָבען געהאַלטען אין איין קלאַפּען אין זייערע מוחות, אַז מען טאָר ניט פאַרלאָזען פוילען און גיין מיט די „אפּיקורסישע" ציוניסטען קיין ארץ־ישראל". דאָס איז אַ ציטאַטע פון דער מזרחי־באַשולדיגונג, פאַר וואָס מען רופט אונז צו תשובה.

מילא, אַז אין דעם גאַנצען לשון, דאָס אין דעם שוידערלעכן חורבן ישראל, דורך די דייטשע עמלקים, ימח שמם וזכרם, זיינען די און די שולדיגע, אָדער די און יענע גורמים, שטעקט דעות כוזבות און עס איז ווייט פון אמונה פשוטה, פון דעם איז אָפּגערעדט. צום גזירת הדין און עומק האסון וואָס עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונזער דור, האָט אַ איד גאָרנישט וואָס צו זאָגען. און אַ איד אַ מאמין, אוודאי נישט. ניט מיר קאָנען רעדען און ניט מיר ווייסען וואָס צו רעדען, און אפילו ניט מהרהר זיין. ווי ביי אהרן הכהן, בעת ער איז געשטאַנען ביי זיינע צוויי טויטע זיהן שטייט: וידום אהרן, אַזוי בלייבט אונז אַלע נאָר איבער: שווייגען און גלויבען באמונה שלמה אין השגחת הבורא. מער איז אונז ניט געבליבען. אין דער שווערער און אַזוי־שוידערליכער שעה איז דאָס אונזער איינציגע טרייסט און דערהאַלט. — וצדיק באמונתו יחי׳.

אָבער די טענה פונם מזרחי איז זייערס אַן אַלטער פזמון. מיר האָבען זי שוין געהערט כמה וכמה פעמים. איז ערשטענס, האָבען מיר גאָרנישט געוואוסט, אַז אַלע מיליאָנען אידען אין אייראָפּע זיינען געווען אַגודיסטען. מיר האָבען געוואוסט, אַז אגודת ישראל איז געווען אין אונזער אַלטער היים אַ ריזיגער כח, אָבער אַז אַלע אידען דאָרט

האָבן געהערט צו אגודת ישראל איז פאַר אונז אַ נייעס... זיינען טאַקע דאָרט ניט געווען קיין ציוניסטען, מזרחיסטען און כלערליי אַנדערע איסטען... איז ווער האָט זיי אַלעמען נישט געלאָזט פאָרען קיין ארץ ישראל, אויך די אגודה? אפילו די פירער פון דעם ציוניסטישען און מזרחיסטישען לאַגער, וועלכע האָבן יאָרען־לאַנג גערופען אַנ־דערע אידען צו פאָרען קיין ארץ ישראל, זיינען דאָך אַליין געבליבען אין אייראָפּע, און טאַקע אויך אומגעקומען דורך די דייטשע תלינים, פאַרוואָס זיינען זיי ניט אַרויסגע־פאָרען? האָט די אגודת ישראל אויך זיי ניט געלאָזט פאָרען קיין ארץ ישראל?

אין דער טענה גופא ליגט אָבער אַ שקר, און אַ פשוטער בלבול. וואָס הייסט אידען וועלכע האָבען געהערט צו אגודת ישראל זיינען ניט געפאָרען קיין ארץ ישראל? האָט דאָך דער מזרחי, מיט זיינע גאַנצע יאָרען־לאַנגע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, גע־צויגען ביי די כנסת־וואַלען נאָר בערך 100 טויזענד שטימען, און די אגודת ישראל באַוועגונג 40 טויזענט שטימען. זיינען דאָך יאָ פאַראַן אין ארץ ישראל אגודיסטען. איז דאָך אַ סימן אַז זיי זיינען יאָ געפאָרען. און ווער האָט אַריבערגעפירט די גרויסע ישיבות קיין ארץ ישראל, ווי: מיר, שפת אמת, חברון, פּאָנעוויעזש א. א. נישט די גדולי ישראל וועלכע זיינען געשטאַנען בראש פון דער אגודת ישראל? און וואו איז דער גרעסטער חסידישער מנהיג אין אונזער צייט, דער גערער רבי זצ״ל, וואָס איז 5 מאָל געפאָרען קיין ארץ ישראל, און מיט אים און דורך אים, זיינען עולה געווען טויזענטער פרומע משפחות?

אָבער דער שקר־בלבול איז אַ גרעסערער און טיפערער. און מען טאָר עס נישט דורכלאָזען אומבאַמערקט. נאָך טויזענדער און צענער טויזענדער אגודיסטען פון אַלע עקען פוילען האָבען זיך געריסען אַרויסצופאָרען קיין ארץ ישראל, און ליידער זיינען זיי געבליבען שטעקען אין פוילען. ווייסט איר פאַרוואָס?

דערפאַר ווייל די פאַרוואַלטער פון דער אידישער סוכנות, וועלכע זיינען באַש־טאַנען פון פרייע און פרומע ציונים, און זיינען געווען די בעלי־בתים איבער די סער־טיפיקאַטען קיין ארץ ישראל, האָבען אויסגעטיילט זיי צו אַלע קרייזען אויסער צו אידען אויף וועמען עס איז געפאַלען אַ „חשד״ אַז זיי געהערען, אָדער האָבען סימפּאַטיע, צו אגודת ישראל. ממש אַ נומערוס נולוס לגבי אגודה־אידען. ערשט נאָך יאָרען־לאַנגע גרויסע פּראָטעסטען מצד דער אגודת ישראל, און אָפיציעלע ווענדונגען צו דער ענגלי־שער מאַנדאַט רעגירונג, האָט מען אויסגעקעמפט, אַז אויך אגודיסטען זאָלען באַקומען סערטיפיקאַטען. און ערשט דאַן האָבען די „אדונים״ פון דער ציוניסטיש־מזרחיסטישער אַגענטור באַוויליגט פאַר אידען פון אגודת ישראל — זעקס פּראָצענט. ד. ה. פון יעדע 100 אידען וועלכע פאָרען קיין ארץ ישראל מעגען זיין נאָר זעקס אגודיסטען. אַ נומערוס קלאַוזוס פאַר שומרי דת. און אפילו שוין נאָכן חורבן־היטלער, און אויך ביי דער אומ־לעגאַלער „בריחה״, האָבען זיי ווייטער ניט דערלאָזט אַז אגודה־אידען זאָלען פאָרען קיין ארץ ישראל. און ערשט נאָך גרויסע אמפּערייען, באַוויליגט די אגודיסטישע אודים מוצלים מאש גאַנצע 10 פּראָצענט...

פאַר אַלע אידען איז ארץ ישראל געשטאַנען אָפען, נאָר ניט פאַר תורה־אידען. זיי האָבען געהיטען, אַז עס זאָלען זיך נישט אַריינכאַפּען אין ארץ הקדושה גאַנצע אידען, וועלכע זיינען ניט אָנגעזענקט מיטן ג־ט׳לאָזען ציוניזם... און איצט וואַגען זיי פאַר־צוואַרפען אגודת ישראל, אַז זי האָט אָפּגעהאַלטען אידען פאָרען קיין ארץ ישראל.

* * *

אָבער עס בעט זיך צו באַרירען אַן אַנדער פּראָבלעם. לאָמיר אויף אַ מינוט אָפּלאָזען דאָס אַמאָליגע אייראָפּע, און לאָמיר גיבען אַ בליק אויף אונזער היינטיג אידיש לעבען אין אַמעריקע.

איינע פון די פּאָפּולערסטע שלאָג־ווערטער פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז, צו סטראַשען אַמעריקאַנער אידען מיטן זעלבען סוף, חלילה, ווי אין אייראָפּע. און דעריבער דאַרפען אידען איבערלאָזען אַמעריקע מיט האַק־פּאַק און זיך ראַטעווען באַצייטענס קיין ארץ־ישראל. גייען מיר דאָ ניט באַהאַנדלען די „חכמה" און „ראַטזאַמקייט" פון אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע. אָבער פרעגען ווילט זיך: וויפיל פון די פּראָפּאַגאַנדע־מאַכער אַליין זיינען עולה קיין ארץ ישראל? וויפיל זיינען דאָס די ציוניסטען און מזרחיסטען, וועלכע פאַרלאָזען גלות־אַמעריקע און זיינען מקיים די מצות־עלי'? אַלע זיי זיצען זיך דאָ אויף זייער סיר הבשר, און קיינער רירט זיך ניט פונם „גלות". אפילו נישט די פּראָפעסיאָנעלע טומלער זייערע, וועלכע מאַכען אַ גוט און רייך לעבען פון די געלדער וואָס ווערען געזאַמעלט פאַר ארץ ישראל. אפשר וואָלט מען געקאָנט הערען פאַרוואָס זיי „ראַטעווען" זיך ניט אַרויס פונם גוי'אישן אַמעריקע? אפשר איז אין דעם אויך שולדיג אגודת ישראל, וועלכע שוואַכט אָפּ ביי זיי דעם חשק צו עלי'? און טאָמער, חלילה וחלילה, אַז זייער שוואַרצזעעודיגקייט וועגען אידען אין אַמעריקע זאָל מקוים ווערען, ווער וועט דעמאָלס, לויט די „ציונים דתיים", טראָגען דעם אחריות?

דער אמת איז, אַז סיי אַמאָל אין פּוילען און סיי היינט אין אַמעריקע, איז זייער גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע צו פאָרען קיין ארץ ישראל, געצילט פאַר אַנדערע און ניט פאַר זיך. זיי אַליין זיינען יוצא פאַר ישוב ארץ ישראל, מיט זייערע אָפטע מאַנטאָג־און־דאָנערשטיגע באַזוך־נסיעות, און דאָס אויך מיט קהל'ישע געלדער.

* * *

אַז איר נאָגעלט צו צו דער וואַנט די מזרחי־באַוועגונג מיטן אמת'ן פאַקט, אַז כמעט אַלע גדולי תורה ויראה, סיי מדור הקודם און סיי מדורנו, זיינען געווען און זענען אויסגעשפּראָכען געגען דער השקפה פון מזרחי, און געזען אין איר אַ סכנה פאַר תורה־יהדות, שטעלען זיי צוזאַמען אַ שטיקעל רשימה פון עטלעכע רבנים, און ווייזען אָן: אָט האָט איר רבנים וועלכע זיינען מיטן מזרחי. און דערביי באַגנוגען זיי זיך ניט מיט די עטלעכע מזרחי־רבנים, נאָר שטעלען אַריין אין זייער רשימה אויך נעמען פון גדולים מפורסמים, וועלכע האָבען גערעדט בשבחה של ארץ ישראל. און וואו אַ גדול בישראל האָט געזאָגט אַ וואָרט לטובת ישוב הארץ, ווערט ער דורכן מזרחי „פאַרשריבען" פאַר אַ מזרחי... ווי למשל: ר' אלי' מגריידיץ, דער נצי"ב, ר' יצחק אלחנן ז"ל א. א. און לעצטענס האָבען זיי שוין צוגעקלעפּט אַ מזרחי־לעיבעל צום גאון ר' מאיר שמחה ז"ל.

איז באמת אַ חידוש וואָס זיי רעכענען נישט אַריין אַלס „מזרחיסטען" די גדולים פון אַלע דורות, וואָס זייערע ספרים זיינען פול מיט גדלות וקדושת הארץ. פאַרוואָס נישט דעם גאון מיט זיינע תלמידים; דעם בעל שם טוב ותלמידיו, וועלכע האָבען עולה געווען צו ארץ הקדושה א. א. וו. און פאַרוואָס נישט דעם רמב"ן הקדוש וועלכער רעדט אַזויפיל בשבחה של ארץ הקדושה? נאָר אפשר ווייל דער רמב"ן איז ניט אויסגעהאַלטען אין דער מזרחי־ליניע אין זיינע קדושה'דיגע מאמרים וועגען ארץ ישראל אין פרשת אחרי, אויפן פסוק: „ותטמא הארץ ואפקד עונה עליה", איז ער מסיים: „ארץ ישראל אינה כשאר ארצות, אינה מקיימת עוברי עבירה"...

און פאַרוואָס לאָזט טאַקע מזרחי אַדורך יהושע בן נון וכלב בן יפונה, וועלכע

זענען געווען די ערשטע צו דערקלערן: „טובה הארץ מאד מאד", אָבער אויך זיי זיינען אפשר ניט ראוי לבוא בקהל־מזרחי, ווייל באַלד האָבען זיי געשטעלט אַ תנאי פּאַר ביאת הארץ, אַ תנאי וועלכער זאָגט: „אַך בה' אל תמרודו"...

און עס איז דאָך ממש לעכערלעך, און דערצו אַ פעלשונג, אַריינצושלעפּען נעמען פון גדולי ישראל מפורסמים בגאונתם ובצדקתם, און זיי צוטשעפּען צום מזרחיזם. איר פאַרשטייט עפּעס פון אַ שידוך: ר' אלי' גריידיצער מיטן „למפנה"; ר' יצחק אלחנן מיט יוסף בורג; דער נצי"ב מיט י. ל. פישמאַן; און ר' מאיר שמחה מיט משה אונא. זיי, די גרויסע גאונים וצדיקים, וואָס זייער גאַנץ לעבען זיינען זיי געווען לוחמים פאַר יהדות התורה, ווערען גאָר מיטאַמאָל צוגעטשעפּעט אַלס „שותפים" צו השקפות וועלכע זיינען שלא לרצון פון אַלע גדולי ישראל. און דאָס, צענדליגער יאָרען נאָך זייער הסתלקות...

געווען זיינען יאָ עטלעכע רבנים מיטן מזרחי, ווערען זיי אָבער בטל באלף ממש לגבי די אַלע אויטאָריטעטע גאוני ומאורי האומה, וועמענס קלאָרע דעת־תורה די עטלעכע רבנים האָבען געוואָגט ניט צו הערען. און צווישען די עטלעכע געפינען זיך אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען נאָך מיט 60 יאָר צוריק אויפגעשטעלט אַ ישיבה, וואָס איז געווען פול מיט השכלה און לימודים חיצונים ופסולים, און וואָס פון איר איז ניט אַרויסגעקומען קיין איין רעכטער בן תורה וירא שמים. און אַלע גדולי תורה האָבען אין זייער התחברות מיט חפשיים געזען סכנות, און כסדר געוואָרענט געגען זייערע פאַלשע שיטות.

* * *

דאָס גאַנצע פאַררופען זיך מצד'ן מזרחי אויף אַזעלכע גדולים ווי ר' יצחק אלחנן און דעם נצי"ב, ווי אויך אויף ר' מאיר שמחה'ן, אַז זיי זיינען געשטאַנען נאָנט צום ציוניזם און מזרחיזם, איז אַ פעלשונג און אַ פשוטע אחיזת־עינים. קודם־כל דאַרף מען געדענקען, אַז דער נצי"ב איז נפטר געוואָרען אין יאָר תרנ"ג, און ר' יצחק אלחנן אין תרנ"ו, בעת דאַמאָלס איז נאָך ניט דער ציוניזם, און אַוודאי ניט דאָס מין מזרחי, געווען אַן אַקטועלע באַוועגונג. זייערע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגען דער חשיבות פון ארץ ישראל, זיינען געבויט ריין אויף מצות ישוב ארץ ישראל, און האָט גאָרנישט צו טאָן ניט מיט ציוניזם און ניט מיט „רעליגיעזען ציוניזם".

אָבער בכדי קלאָר צו באַווייזען די פעלשונג פונם מזרחי, מיט מיסברויכען די נעמען פון גדולי תורה, מוזען מיר דאָ ברענגען עטלעכע בריוו פון עדים נאמנים, די אייגענע זיהן פון די דאָזיגע גדולים. מיר מוזען צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ נאָר ברענגען אייניגע שטעלען, אָבער פון זיי ווערט גענוג קלאָר זייער אמת'ער חות־דעת.

הגאון ר' חיים בערלין, דער עלטסטער זוהן פונם נצי"ב זצ"ל, שרייבט:

„... והנה כ"ת בא בשאלה איך אפשר שכבוד אבי הגאון זצ"ל הסכים להם, ושאמר כי רואה הוא בזה ניצוצי הגאולה. ועל זה אשיבו שכל מי שאומר זאת בשם אבי זצ"ל, שקרן ומלשין הוא. הלא אבי כבר הי' במעון שחקים כאשר התחיל הדר. הערצל בדבר הזה. ואוכל להעיד כי אם הי' אבי בחיים חיותו, כי אז היה יוצא נגד הציונות, והי' מזהיר את אחב"י בכתב מוסר שלא להתחבר אליהם. ולמגינת לבנו, הציונים מצאו להם עוזרים, המפתים ומסיתים לאחינו, והם מיסדי החברה מזרחי. והם באים בכח התורה ודורשים לתת יד להם".

הגאון ר' צבי הירש, דער זוהן פון ר' יצחק אלחנן זצ"ל, שרייבט:

„... ואדבר עוד דבר להרבנים... לפי שהם מתגאים ומשתררים ומקילים בכבודם של גדולי התורה המתנגדים להכת. והאם באמת ובתמים אתם באים לאחינו לפתות אותם לעשות את הערצל ונרדוי למנהיגי עמנו ולגואלים, אם אאמו"ר ז"ל וגדולי דורו היו בחיים כי אז היו חורצים משפט עליהם כעל מסיתים".

אָט פון די עטלעכע געבערענגטע שטעלען, זעט מען די אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון שאַפען דעם פאַלשען איינדרוק, אַז גדולי ישראל זיינען מיטגעשטאַנען מיטן ציוניזם.

לאָמיר צום סוף ברענגען ווערטער פון איינעם, וועלכער האָט זיכער אָמנאָנסטען געקאָנט, און אַמבעסטען געוואוסט, דעם חות־דעת פון די גאונים ר׳ נפתלי צבי יהודא בערלין און ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל, און לאָמיר הערען וואָס ער זאָגט איבער ציוניזם, סיי דעם פרייען און סיי דעם רעליגיעזען. מיר מיינען דאָ דעם באַרימטען גאון הדור ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק זצ״ל, וואָס זיין מיינונג איז זיכער דעצידירענד פאַר דער גאַנצער תורה־וועלט. אָט וואָס ער שרייבט צו הרב ישעי׳ זילבערשטיין פון ווייצען:

„קבלתי מכתב ממדינת האָלאַנד. בו ראיתי שמכתב עתי שהוא תחת השגחת כ״ג נ״י מכונה בשם „תל תלפיות״ נכבדות מדובר בו ע״ד הציונות או המזרחית, ואשר כ״ג נ״י מכבדה. ויען כי הוא זה דבר הנוגע לכלל אחבנ״י, כי במדינתינו כבר החריבה חלק גדול מאחינו, וחלק היותר מבני הנעורים. והוא זה הירוס גדול בכל הנוגע לשמירת דת תוה״ק. ע״כ הנני להודיע לכ״ג למען יקדים פני זאת לבל תפשה זאת במדינתכם, שהוא זה ממארת לכל הנוגע לטובת בית ישראל ולכל הנוגע לחיזוק דתינו. ואחשוב כי כ״ג לא ראה את דבריהם ולא ידע מעשיהם, כי כל פעולתם מיוסדה נגד דת תוה״ק. אבל אנחנו פה שראינו מרב רעה המעוטפת בהם ובדבריהם ובמעשיהם, הנני להודיע זאת לכ״ג שי׳ ואבטח כי ישים מקום לדברינו.

כ״ד ידידו דוש״ת

חיים סאלאווייטשיק, רב פה בריסק.

* * *

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבען דאָ באַרירט אין אונזער היינטיגען מאמר, האָט אין עצם ניט קיין שייכות צום גוף הענין. צו די ענינים וועלכע מיר האָבען באַהאַנדעלט אין אונזערע פאָריגע מאמרים. די אַלע פרעגענישען, תירוצים און אמתלאות, מצד׳ן מזרחי אַלס ענטפער אויף אונזערע באַרירטע ענינים, זיינען נאָר לסמא את העינים.

מיר האָבען אָנגעוויזען אויף די געפאַרען פאַר תורה־יהדות דורך מטשטש זיין די גבולין צווישען מאמינים און ניט־מאמינים; אויף סכנות דורכ׳ן אייביגען שותפות פון „ציונים דתיים״ מיט אַנטי־דתיים; און אויך ווי ווייט אַזאַ התחברות איז גורם, אַז פירער פונם מזרחי ווערען אַליין אָנגעשטעקט מיט דעות כוזבות ומשובשות.

דאָ גייט אין אַ קלאָרען בירור, וואָס עס מיינט אַ רעליגיעזע באַוועגונג. צי קאָן מען טראָגען דעם חותם פון תורה ומסורה, בעת איינפלוסרייכע טיילען פון איר, פאַרמעסטען זיך אויף דרכים וועלכע זיינען אין פולער סתירה צו תורה און צו מסורה. ווען זייערע פירענדע מענשען שרייבען און דרוקען רייד, וועלכע רירען אָן די סאַמע יסודות פון אונזער הלכה, און לייקענען די סאַמע עיקרים פון אונזער אמונה.

עס איז אַ קלאָרע זאַך, און וועגען דעם קאָנען ניט זיין קיינע חילוקי־דעות. אַ באַוועגונג פון תורה־אידען פאַר תורה־אידישקייט, מוזען אירע ענינים געפירט און רעגו־לירט ווערען דורך דין תורה און דעת תורה, און דאָס מיינט, דורך גדולי תורה. און זי קאָן ניט זיין הפקר, אַז יעדער בר־נש זאָל קאָנען טאָן כשרירות לבו.

מיט אונזערע מאמרים האָבען מיר זיך ניט מתכוון געווען צו פירען וויכוחים, און זיכער ניט וועמען לקנטר. מיר האָבען געפונען פאַר נויטיג צו ברענגען פאַר דער עפענט־לעכקייט אָט דאָס אָנגעווייטאָגטע ענין, מיט דער האָפנונג פון: אָדער, אָדער. אָדער די מזרחי־באַוועגונגען וועלען פאַרוואַרפען זייערע פאַלשע און געפערלעכע טענדענצען וועלכע קאָנען פירען, ח״ו, צו הירוס הדת. אָדער ווען ניט, וועלען די פרומע און ערליכע אידען אינם מזרחי זיך אָפּשאָקלען פון דער באַוועגונג, און זיך מתחבר זיין מיט שומרי תורה ומצות, וועלכע האַלטען זיך פעסט בדרכי התורה והמסורה, און זייערע שיטות און השק־פות, האָבען דעם פולען הסכם פון גדולי תורה און מנהיגי ישראל.

(ד. א. ו., אדר, תשי״ט)

ענטפער צו קריטיקער פון אגודת ישראל

עס איז מצד מזרחי און הפועל המזרחי אַ בפירוש׳ע בייזוויליגקייט צו באַשולדיגען די אגודת ישראל, אַז איר אַרויסטרעטען פון דער ישראל רעגירונג קומט פון אַנדערע כוונות און חשבונות, און ניט — ווי דער אמת איז — אַלס פּועל יוצא פון דער באַדראָטער לאַגע פאַר תורה און יהדות אין אונזער הייליג לאַנד.

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס די אגודת ישראל האָט פאַרלאָזען די קאָאַליציע. מיט קרוב צוויי יאָר צוריק האָט זי אויך איר פאַרלאָזט, נאָר דעמאָלט האָט עקזיסטירט אַ חזית הדתית, און אַלע אָרטאָדאָקסישע גרופּען, אויך דער מזרחי און הפועל המזרחי, האָבען פאַרלאָזט די קאָאַליציע און דאָס האָט האָט גורם געווען צו נייע וואַהלען צו דער צווייטער כנסת. אויך דעמאָלט האָבען די געגנער פון חרדישען ישוב באַשולדיגט דעם חזית דתית, אַז זייער ברעכען די קאָאַליציע איז געקומען צוליב פּאָליטישע מאָטיווען און ניט אַלס רעליגיעזער אונטערדריקונג, הגם עס איז קלאָר געווען אַז דאָס איז געשען אין די אינטערעסען פון רעליגיעזען ישוב און פאַר אָפּשרייען די גזירה פון כפירה׳דיגען צוואַנגס־חינוך אין די מחנות און מעברות.

דאָס וואָס דעמאָלט האָבען געטאָן די געגנער פון רעליגיעזען אידענטום, טוט עס היינט, ליידער, דער מזרחיסטישער לאַגער. פאַרוואָס, פרעגט זיך, איז מיט צוויי יאָר צוריק יאָ געווען באַרעכטיגט צו ברעגען אַ קריזיס אין דער רעגירונג און פירען אַזש צו נייע וואַהלען, און היינט טאָר די אגודת ישראל ניט פאַרלאָזען די רעגירונג?

* * *

קודם כל מוז מען פעסטשטעלען, אַז דאָס וואָס ש. ז. שרגאי טוט אין זיינע לעצטע אַרטיקלען אין „מאָרגען זשורנאַל״, פאַרבינדען דאָס באַטייליגען זיך אין דער רעגירונג מיט אהבת ישראל און אהבת ארץ ישראל, איז פּשוט פאַלש.

לויט מר. שרגאי׳ס באַגריף קומט אויס, אַז נאָר די וואָס שאַפען די רעגירונג, זיינען די כשר׳ע פּאַטריאָטען פון פאָלק און לאַנד. אַלע אַנדערע, אין דער אָפּאָזיציע, זיינען אומלאָיאַל און שיעור ניט שונאים פון דער מדינה און פון פאָלק. האָבען די מזרחיים מיט צוויי יאָר צוריק, בעת אויך זיי האָבען געבראָכען די קאָאַליציע, זיך ערקלערט פאַר ניט לאָיאַל און אומפּאַטריאָטיש? האָט זיי דאַן אויך געפעלט אהבת ישראל ואהבת ארץ ישראל?

שרגאי דערקלערט, אַז „פיר אהבות זיינען פאַראַן ביים אידישען פאָלק אָן תנאים א) אהבת ד׳, ב) אהבת התורה, ג) אהבת ישראל, ד) אהבת ארץ ישראל״.

אמת, פאַראַן אַזעלכע פיר אהבות. אָבער מיט זיי שעפּען זיך נאָך ניט אויס אַלע אהבות. פאַראַן אויך אַן אהבת האמת. דער אמת פון משה אמת ותורתו אמת, דער אמת פון חותמו של הקב״ה אמת.

אהבת ישראל איז זיכער אַ גרויסע זאַך, און יעדער איד דאַרף אין זיך איינפלאַנצען דעם „ואהבת לרעך כמוך״, און אודאי אַ ליבשאַפט צום כלל ישראל. פונדעסטוועגען געפינען מיר בתורה ובנביאים ובכתובים וואָרנונגען געגען אהבה צו רשעים, און

אודאי געגען התחברות מיט רשעים. אהבת ארץ ישראל איז זיכער אַ גרויסע און הייליגע זאַך און מיט רעליגיעזע אידען דאַרף מען עס ניט לערנען. ארץ ישראל האָבען אידען מאמינים אין משך פון טויזענטער יאָרען געטראָגען אין זייערע הערצער און נשמות, און קיינמאָל ניט פאַרלאָזט דעם ישוב אין הייליגען לאַנד.

אָבער ארץ ישראל — און דאָס דאַרף שרגאי און זיינע חברים וויסען — האָט תנאים פאַר איר קיום. און די תנאים זיינען ניט אונזערע תנאים. זיי זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע. די תנאים קען מען ניט איבערקליגען. ניט מיט קיין שעהנע פראַזען און ניט מיט קיין מערהייטען. די תנאים זיינען געשטעלט געוואָרען פון דעם וואָס האָט אויף אייביג פאַרבונדען ארץ ישראל מיט'ן עם ישראל — פון ג־ט ברוך הוא.

און די באַדינגונגען זיינען, אַז ארץ ישראל איז אַ ארץ הקדושה און איז פאַרבונדען מיט'ן עם ישראל אַלס עם קדוש. אויף אונז, רעליגיעזע אידען, ליגט דעריבער דאָס אחריות צו קעמפען פאַר די באַדינגונגען וואָס השם יתברך האָט געשטעלט פאַר'ן קשר פון עם ישראל מיט ארץ ישראל. אהבת ישראל און אהבת ארץ ישראל ניט געבונדען מיט אהבת התורה און אהבת ד', איז ניט קיין אהבה של אמת. עס איז אַ פאַלשע אהבה וואָס קען, חס ושלום, פירען צום חורבן פון אַלע אהבות.

מר. שרגאי'ס גאַנצער צוגאַנג ווע[illegible]ען דער צוועקמעסיגקייט און די דערגרייכונגען פון דער באַטייליגונג פון רעליגיעזע אידען אין דער רעגירונג, איז אַ ניט־אויסגעהאַלטענער און אַ פאַרפירערישער. דער מאָטיוו זיינער, אַז דער מצב פון אידישקייט אין ארץ ישראל וועט זיין נאָך מער באַדראָט, אויב דאָס רעליגיעזע אידענטום וועט אין דער רעגירונג ניט זיין פאַרטראָטען, קען אונז פאַרפירען עד — אין סוף.

ווייל אויב די גזרות פון מבטל זיין די זרמים, גיוס בנות און חוק המגביות, איז נאָך אַלץ ניט קיין גענוגענדער מאָטיוו אַרויסצוטרעטען פון דער רעגירונג, טאָ ווען דען?!

אויב מען נעמט אונז צו די אויטאָנאָמיע פון די זרמים, וואָס גאַראַנטירען דעם רעליגיעזען חינוך; אויב מען גייט אונז צונעמען אונזערע טעכטער — וואָס פאַר זייער כבוד און ריינקייט האָבען מיר זיך אייביג מוסר נפש געווען — פון אונזערע היימען און פון אונזער רשות; אויב מען וויל איינפירען אַ לינק־מפאי'שען קאָנטראָל איבער אונזערע ישיבות, תורה וחסד מוסדות, — אויב נאָך דעם אַלעם, האַלט נאָך אַלץ דער מזרחי, אַז מיר דאַרפען ווייטער מיטזיצען אין דער ממשלה און מיט אונזער שותפות זיין מסייעים לידי עוברי עבירה, טאָ ווען, ווען קען שוין קומען דער מאָמענט פאַר'ן איבעררייס פון דאָזיגען ניט־כשר'ן שידוך?

* * *

איינע פון די פונדאַמענטאַלסטע אונטערשידען צווישען דער אגודת ישראל באַוועגונג און דעם מזרחי, איז די — מועצת גדולי התורה.

אגודת ישראל האָט, באַלד ביי איר גרינדונג אַנערקענט דעם יסוד, אַז אַ באַוועגונג פון תורה־אידען פאַר תורה־אידישקייט, מוז מיט זיך שטענדיג האָבען דעם דעת תורה, און בכדי דאָס צו פאַרזיכערען האָט זי אין איר באַוועגונג אַוועקגעשטעלט אַלס העכסטען אויטאָריטעט, פוסק ומכריע — די גדולי התורה.

אַלס תורה אידען גלויבען מיר באמונה שלמה, אַז אונזער תורה הקדושה איז אַ תורת חיים. און אין איר און מיט איר זיינען פאַראַן לעזונגען און באַשיידונגען צו אַלע פראָבלעמען אין אידישען לעבען. אַלס תורה אידען האַלטען מיר, אַז די ג־ט'ליכע תורה מסיני, דאַרף און מוז שטיין אינ'ם צענטער פון אידישען לעבען, און אויף אירע יסודות

און אירע חוקים ומשפטים דאַרף זיך בויען דאָס לעבען פון יחיד ווי פון כלל. דעריבער איז ביי אונז תורה און דעת תורה, ניט בלויז ענינים פון שאלות וועגען איסור והיתר, נאָר נעמען אַרום אַלע אַספּעקטען פון אונזער לעבען אַלס פאָלק.

דער מזרחי האָט דאָס, ליידער, ניט פאַרשטאַנען, און האָט ניט אין זיין באַוועגונג, אַלס דעצידירענדיגע אינסטאַנץ, דעם דעת התורה דורך גדולי התורה. אין מזרחי־פּועל המזרחי ווערען אַלע ענינים, אויך די וועלכע זיינען נוגע לצפור נפשם פון יהדות החרדית, דעצידירט אין די פּאַרטיי אָפּיסעס און דורך פּאָליטישע פירער, אָן דעם הסכם פון גדולי תורה. און דאָס פירט טאַקע דערצו, אַז זייערע האַנדלונגען איז אין רוח חכמים נוחה הימנם. נאָר אַלס פּועל יוצא דערפון, לאָזט זיך ערקלערען אַזעלכע ערשיינונגען, וועלכע ווייזען זיך לעצטענס ביי גרויסע טיילען פון דער מזרחי באַוועגונג, ווי למשל די „למפנה" גרופּע, אַרויסקומענדיג מיט פּלענער, וואָס האָבען זייער גלייכען נאָר אין געדאַנקענגאַנג פון די רעפאָרמער.

בכדי זיך ריינצואוואַשען און שאַפען דעם איינדרוק, אַז אויך זיי אַנערקענען אויטאָריטעט פון גדולי תורה, פּראָוואוט מזרחי שאַפען דעם איינדרוק, אַז זיי וואַרפען זיך אונטער דעם רבנות הראשית. די אָבער וואָס זיינען באַקאַנט, ווייסען וויפיל ממשות עס האָבען די אַלע רייד, וועגען דער השפעה פון רבנות הראשית אויף די געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע אַקטיוויטעטען פון מזרחי.

עס ליגט אונז נאָך גוט אין זכרון, די אַרויסטריטען פונ׳ם מזרחי פירער הרב מיימאָן געגען הרב הראשי הערצאָג אין יאָר תש״ב, בעת הרב הערצאָג האָט זיך דעמאָלט, צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען חרדישען ישוב, געגענגעשטעלט די מעשים פון דער אידישער אַגענטור, מעביר על הדת צו זיין די געבערענגטע קינדער פון טעהעראַן. די לעצטע וואַהלען צו דער צווייטער כנסת, האָבען אויך געוויזען ווי ווייט עס דערגייט דאָס אונטער־וואַרפען זיך מצד די מזרחי גרופּען דעם רבנות הראשית. צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע גדולי ישראל, האָט הרב הערצאָג אומאָויפהערליך אַפּעלירט און געוואָרענט דעם הפּועל המזרחי צו גיין צו די בחירות פאַראייניגט מיט׳ן גאַנצען ישוב החרדי. און ניט וואָגען צוצעברעכען דעם חזית דתית. אַלע אַפּילס פון הרב הראשי און אַנדערע גדולים זיינען געווען אַרויסגעוואָרפען; דער אחדות פון יהדות החרדית איז דורך דעם הפּועל המזרחי געבראָכען געוואָרען.

* * *

מצד מזרחי קרייזען קומען התנצלות׳ן געגען דער אגודת ישראל, אַז זי ווייזט ניט אַרויס געגוג אַנערקענונג צום אָפיציעלען רבנות הראשית. איז דאָס אַ זעהר דעליקאַטער ענין, וואָס זיין באַהאַנדלונג דאַרף גרויס ערנסטקייט און פאָרזיכטיגקייט.. אַ צייטונגס־אַרטיקעל איז ניט דאָס פּלאַץ דערפאַר. וואָס מיר קענען יאָ ביי דער געלעגענהייט זאָגען איז, אַז קיינמאָל ניט האָט אימיצער פון אונז, ח״ו, מזלזל געווען אָדער אַרויסגעוויזען ניט גענוג רעספּעקט פאַר די רבנישע פּערזענליכקייטען אינם רבנות הראשית. און ספּעציעל די פּערזאָן פון הרב הערצאָג. וואָס איז באַקאַנט אַלס גדול בישראל.

דערביי מוז אָבער קלאָר געזאָגט ווערען, אַז ניט פון היינט, נאָר פון אַלע צייטען, האָט דאָס תורה אידענטום געהאַט אַ צוריקהאַלטונג, אַ רעזערווירטקייט געגען דעם אַמט פון אַ רבנות וואָס ווערט באַשטימט פון מלכות אָדער דורך ניט־רבנישע צוזאַמענגע־שטעלטע אינסטאַנצען. און דאָס איז אויך פאַרשטענדליך. שוין ניט רעדענדיג דערפון, וואָס ניט שטענדיג איז דער באַשטימטער רב דער גדול בתורה וביראה. נאָר אפילו אין

פאַל ווען ער איז עס יאָ, האָט אָבער תמיד געדראָט די געפאַר, אַז אַלס זיינע נאָכפאָלגער זאָלען באַשטימט ווערען אַזעלכע, וואָס זיינען ניט ראוי פאַר'ן דאָזיגען היכען רבנות אַמט.

בכלל דאַרף מען געדענקען, אַז פוסקים און הלכות התורה זיינען קיינמאָל ניט געקומען צו אידען דורך רבנישע אויטאָריטעטען. וואָס זיינען באַשטימט געוואָרען דורך ניט־רבנישע אָרגאַנען. במשך דורות זייגען אונזערע גדולי התורה והוראה, וועלכע האָבען געפירט דאָס אידישע לעבען, ניט געווען קיין רבנים כוללים. זייער גדלות, זייערע אוצרות פון תורה ויראה, זייער צדקות און קדושה, האָט זיי אַליין אַרויסגעהויבען, משכמם ולמעלה, איבער'ן כלל, און זיי זיינען פון זיך אַליין געוואָרען די אַנערקענטע פוסקים און מנהיגים ביים אידישען פאָלק.

די אגודת ישראל, ווען זי האָט בעת איר גרינדונג באַשלאָסען צו האָבען אַ מועצת גדולי התורה, זיינען די גדולי תורה ניט געוועהלט געוואָרען פון קיינעם, נאָר עס איז ווי פון זיך זעלבסט קלאָר געווען ווער זיי זיינען. די מועצת גדולי התורה וועלכע באַשטייט פון די אַנערקענטסטע גדולי ישראל, האָט די אויטאָריטעט און די פרייע מעגליכקייט צו פסק'ענען וואָס איז לפי ההלכה ולפי דעת התורה. ומפיהם אנו חיים. און דאָס מיינט אַבסאָלוט ניט, אַז דערמיט ווערט פאַרמינערט דער כבוד פון וועלכע־עס־איז אָפיציעלע רבנישע קערפּערשאַפטען.

*　*　*

אין שרגאַי'ס אַרטיקעל געפינט זיך אַ באַשולדיגונג, אַז מיר שיצען נאָר דעם כבוד פון ר'עליגיעזע מיידלעך, און זאָרגען ניט פאַר אַלע אידישע טעכטער אין דער מדינה. די זעלבע באַשולדיגונג, איז אויך געהערט געוואָרען מצד אַנדערע קרייזען. מיר פאַרשטייען ניט ווי אַזוי אויך מר. שרגאַי קאָן אַרויסקומען מיט אַזאַ אַבסאָלוט־פאַלשע באַשולדיגונג.

במשך דער גאַנצער צייט זייט ס'איז אויפגעקומען די גזרה פון גיוס בנות, האָבען די אגודה פאָרשטייער אין דער כנסת ווי אין דער רעגירונג, לויט די בפירוש'ע הוראות פון די גדולי התורה, ארויסגעזאָגט קלאָר זייער שטעלונג, אַז דאָס מאָביליזירען אידישע טעכטער אין דער אַרמיי, איז געגען דעם גייסט פון אידישען פאָלק און געגען די חוקי התורה. מיר האָבען בעת די פאַרהאַנדלונגען ניט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישען רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע מיידלעך. די חוקי הצניעות און די טהרה פון דער אידישער משפחה, ווי בכלל אַלע חוקי התורה, זיינען חל ניט נאָר אויף רעליגיעזע אידען, נאָר אויף אַלע אידען.

בעת מיר זיינען אָבער אין אונזער קאַמף געבליבען אַליין, און ניט געווען בכח מבטל צו מאַכען די גאַנצע גזרה, און אַז בן גוריון מיט זיין מפא"י האָבען אונז פאָרגעש־לאַגען אַ פשרה, זיינען מיר פשוט געצוואונגען געווען איינצוגיין, אַלס בוחר הרע במיעוטו. דער קאָמפּראָמיס איז געווען, אַז יעדע אידישע טאָכטער וואָס וועט ערקלערען, אַז זי קען ניט דינען אין דער אַרמיי, צוליב רעליגיעזע אָדער געוויסענס טעמים (מטעמי דת או מצפון), ווערט זי באַפרייט. און דאָס האָט געגעבען אַ מעגליכקייט פאַר ברייטע קרייזען פון אידישע טעכטער, זיך צו באַפרייען פון דעם צוואַנג און פון אַלע מאָראַלע סכנות וואָס זיינען מיט דער זעלנעריי פאַרבונדען. טאָ צו וואָס זאָל מען אַרויסקומען מיט ניט אמת'ן, און פאַרגרעסערען דערמיט דעם אַזוי־אויך גרויסען בלבול המחות אין דער אידישער גאַס?

*　*　*

בכלל איז עס אומפאַרשטענדליך וואָס גראד איצט ווען די מדינה האָט פאַר זיך ערנסטע און שווערע פּראָבלעמען; ווען מבחוץ שטייט זי אַרומגערינגעלט פון אַ וועלט מיט אַראַבישע שונאים, און מבפנים, איז זי נאָך פאַרוויקעלט אין אַ עקאָנאָמישען, פינאַנס און שפּייז קריזיס, האָט די מפא״י געפונען פאַר נויטיג אַרויסצורופען אַ מלחמת אחים. גראָד איצט, ווען אַלע כחות דאַרפען זיין מאָביליזירט לטובת דעם אויפבוי פון עם ישראל און ארץ ישראל, איז ניט נויטיג געווען צו אַנטאַגאָניזירען די געפילען פון פרומען אידענטום און פון אַלע אידען וואָס ווילען זעהן אַ אידיש לאַנד, וואָס זאָל זיין אידיש ניט נאָר מיט׳ן נאָמען און מיט דער פאָהן, נאָר אידיש מיט זיינע חוקים ומשפטים און מיט זיין תורה ואמונה.

ניט צי מיר זיינען יאָ אָדער ניט באַטייליגט אין דער רעגירונג, איז דער שווער־פּונקט אין דער איצטיגער לאַגע. וויכטיג איז, אַז עס זאָל פאַר דער אידישער עפענט־ליכקייט קלאָר ווערען, ווענגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, וואָס עס זיינען די סיבות פאַר אונזער רעזיגנאַציע, וויכטיג איז, אַז די אידישע וועלט זאָל זיין אינפאָרמירט ווענגען די גרויסע סכנות וואָס עס דראָען אידען און אידישקייט, אויב די גזרות זאָלען, חלילה, דורכגעפירט ווערען, וויכטיג איז אויך, אַז די ניט־רעליגיעזע גרופּען אין מדינת ישראל זאָלען געוואָרענט ווערען ניט אויפצוהויבען זייער האַנט געגען אונזערע הייליגקייטען.

ניין, ניט אַנטלויפען פון פראָנט. מיט דעם זיינען מיר פולשטענדיג מסכים מיט ש. ז. שרגאי. אָבער דער רוף פאַר ניט אַנטלויפען, איז אַן איבעריגער. תורה אידען זיינען קיינמאָל ניט אַנטלאָפען פונ׳ם פראָנט, אויב דער פראָנט איז פאַר הצלת ישראל והצלת קדושת ישראל. ניט בלויז אַנטלויפען ניט תורה אידען, נאָר גראד זיינען זיי שטענדיג די ערשטע און די אויספּרובירטסטע אינ׳ם עקשנות׳דיגען גערַאנגעל פאַר קיום האומה און פאַר קיום קדשי האומה. אבותינו ואבות אבותינו, האָבען דאָס מיט דורות׳דיגער מסירת נפש באַוויזען.

מיר שטייען פאַר אַ לאַגע, אַז תורה־אידען קענען זיך מער ניט באַנוגענען זיך מיטצושלעפען אַלס אַ פינפטע ראָד צו אַ חפשיות׳דיגען וואָגען, און דאָרט אויסבעטלען גראָשענדיגע הישגים, וואָס אויך זיי ווערען ניט געהאַלטען. עס קומט אַ צייט וואָס דער תורה לאַגער מוז שאַפען אַן אייגענעם פראָנט, וואו מיר זאָלען קענען זאָגען, אָפען און דרייסט, ווי אַזוי תורה־אידען דענקען און ווילען זעען אַ אידיש פאָלקס לעבען אין דער אייגענער און הייליגער ארץ ישראל.

(„מאָרגען־זשורנאַל״, י״ד טבת, תשי״ג, 1.1.1953)

דער אייגענער פראנט פון אגודת ישראל

אויף אונזער אַרטיקעל איבער דעם רעליגיעזען מצב אין ארץ־ישראל, אין „מאָר־גען זשורנאַל" (י"ד טבת) איז מר. קריטשמאַר־יזרעאלי אַרויסגעקומען מיט אַ מאמר אין וועלכען ער באַמיט זיך אַריינצוברענגען אַן אַ שיעור אומקלאָרקייטען אין אונזערע אַרויס־געזאָגטע מיינונגען. דערפאַר וואָס די באַריערטע ענינים זענען פון ערשט־ראַנגיגער וויכ־טיגקייט, ספּעציעל פאַר'ן אָרטאָדאָקסישען אידענטום, האַלטען מיר פאַר נויטיג, נאָכאַמאָל קלאָר צו מאַכען, דאָס וואָס אַנדערע באַמיען זיך צו מאַכען אומפאַרשטענדליך.

עס זענען ליידער פאַראַן גרויסע טיילען אידען, יחידים ווי גרופּען, וועמען עס איז ניט צום האַרצען אונזער טעזע, אַז דאָס אידישע לאַנד איז געגעבען געוואָרען דעם אידישען פאָלק מיט אַ תנאי; אַז ארץ ישראל איז פאַרבונדען מיט'ן אידישען פאָלק דורך זייערע קדושות; אַן ארץ הקדושה פאַר אַן עם קדוש.

עס איז אָבער לעכערליך צוצושרייבען אָט די דאָזיגע תנאים אונז פּערזענליך אָדער דער אגודת ישראל. מיר האָבען עס און מיר מוזען עס נאָכאַמאָל מיט דער גאַנצער קלאָרקייט פעסטשטעלען, אַזוי, אַז עס זאָל ניט בלייבען מער קיין שום ספקות און קיין פּלאַץ פאַר וויטערע שקלי וטריה.

אין דעם שידוך פון ארץ ישראל מיט דעם אידישען פאָלק זענען פאַראַן תנאים. און די תנאים זענען געשטעלט געוואָרען טאַקע פון דעם וואָס לעבט אייביג. און אויב מר. קריטשמאַר־יזרעאלי, און די אַלע אין וועמענס נאָמען ער שרייבט, האָבען וועלכע ספקות דערין, זעהען מיר פאַר זיי נאָר איין עצה: דורכצולערנען תורה נביאים וכתובים, אונזערע דברי חכמינו ז"ל, און באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון די צוויי אידישע חורבנות, און פון דאָרט וועט זיי קלאָר ווערען, אַז תנאים זענען יאָ פאַראַן, און תנאים זענען געגעבען געוואָרען פון דעם וואָס אַ דאַנק זיין הבטחה געהערט אונז ארץ ישראל אויף אַלע אייביגקייטען, פון השי"ת דורך זיין תורה.

איבער דער גאַנצער תורת השם געהט צו אונז אַ וואָרנונג, אָפּצוהיטען קדושת הארץ, ניט מטמא זיין דאָס הייליגע לאַנד. און זייט מיר זענען פאַרטריבען געוואָרען פון לאַנד זאָגען מיר אונאויפהערליך: ומפני חטאינו גלינו מארצנו... דאַרפען מיר נאָך שטאַרקערע באַווייזען, אַז עס זענען אונז געשטעלט געוואָרען תנאים פאַר ארץ ישראל?

מען וויל אויף אונז אַרויפצווינגען א וויכוח, אַז אויב שוין יאָ אַן עם קדוש, ווער און מיט וואָס דריקט זיך אויס די קדושה פון עם ישראל? מר. קריטשמאַר־יזרעאלי קען אַפּנים ניט לייקענען, אַז מיר האָבען התחייבות'ן, פאַרמולירט ער עס אַלזאָ אַזוי: „זאָל יעדער אַרבייטען פאַר קדושת ישראל לויט זיין השגה".

זענען טאַקע ביי אונז פאַראַן אידען, פאַר וועמען עס איז באמת ניט קלאָר וואָס עס מיינט קדושת ישראל? האָבען זיי גאַרניט געלערנט אָדער האָבען זיי שוין פאַרגעסען, אַז השי"ת האָט אונז אידען אויסגעקליבען פון צווישען אַלע פעלקער, אונז געהייליגט, אונז געבראַכט צום הר־סיני און געגעבען תרי"ג מצוות, עשה'ס און לא תעשה'ס, און אונז געזאָגט: ועשיתם את כל מצותי והייתם קדושים לאלוקיכם. איז נאָך אַלץ פאַר זיי שווער צו פאַרשטעהן אַזאַ פּסוק: ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש? ווייסען זיי ניט,

אַז דער איינציגער און פּשוטער פּירוש המלות פון אידישער קדושה מיינט קיום התורה והמצוות, און קיום פשוטו כמשמעו; שבת, יום טוב, כשרות, תורה חנוך, טהרת המשפחה און אַלע אַנדערע חוקים ומשפּטים פון דער תורה, וואָס זיי און נאָר זיי זענען פאַראַנט־וואָרטליך פאַר דעם קיום און נצחיות פון עם ישראל?

אויב עס זענען פאַראַן מענשען וועמען דער דאָזיגער אלף בית פון אידישער אמונה איז ניט קלאָר, אָדער ווילען אים ניט אָנערקענען, האָבען מיר פאַר זיי ניט קיין שפּראַך און צו אונזער באַדויערען קענען מיר מיט זיי קיין וויכוחים ניט פירען. דיספּוטען וואָס רירען אָן די יסודות פון אונזער אמונה וועלען מיר ניט לאָזען אויף זיך אָרויפ־צווינגען. יעדען טאָג זאָגען מיר: „אני מאמין באמונה שלימה שזאת התורה לא תהא מחולפת ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו״. פאַר די אידען און צו די אידען רעדען מיר!...

* * *

אונזער קאַמף פאַר תורה אין ארץ ישראל איז אַ פּשוט׳ער און לאָגישער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אמונה. מיר האָבען טאַקע די תנאים ניט געשטעלט, אָבער אָנגענומען האָבען מיר זיי יאָ. נעשה ונשמע ביים הר־סיני האָבען אַלע אידישע דורות צוזאַמען געזאָגט „כי את אשר ישנו פה עמנו עומד היום לפני ד׳ אלקינו ואת אשר איננו פה עמנו היום״. און אויף אונז הר־סיני אידען ליגט דער חוב און דאָס אחריות צו זאָרגען און אַלץ צו טאָן, אַז די פון ג־ט ברוך־הוא געשטעלטע תנאים זאָלען אָפּגעהיטען ווערען און דערמיט צו זיכערען, אַז דער קשר פון פאָלק ישראל מיט ארץ־ישראל זאָל זיין אַ קשר של קימא. דערפאַר זענען מיר דאָ. דערפאַר האָט אגודת ישראל זיך ניט איזאָלירט אין אַ ווינקעל, נאָר זיך אָרגאַניזירט בכדי צו ווירקען און אַריינברענגען דאָס באַוואוסטזיין פון קדושת ישראל אין גאַנצען אידישען לעבען.

עס איז ניט אמת, אַז אגודת ישראל האָט בשעתו זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטען אין אַן אויסגעברייטערטער אידישער אַגענטור. די צווייטע כנסי׳ גדולה אין יאָר תרפ״ט האָט אָנגענומען אַ החלטה צוצוטרעטען צו דער אויסגעברייטערטער אידישער אַגענטור. עס איז יאָ אמת, אַז די החלטה איז געווען געבונדען מיט אַ תנאי. די אגודת ישראל האָט פאַרלאַנגט, אַז די אידישע אַגענץ זאָל זיך באַשעפטיגען אויסשליסליך מיט די ענינים פון אויפבוי פון ארץ ישראל. ענינים אין וועלכע עס זענען אינטערעסירט אַלע אידען. די אגודת ישראל האָט אָבער געפאָדערט, אַז די אַגענץ זאָל אויסשליסען פון איר אַרבייטס־פּראָגראַם קולטורעלע טעטיגקייטען, ווייל אין ענינים פון קולטור און ערציאונג, האָבען ניט און קענען ניט האָבען תורה אידען קיין שום געמיינזאַמע שפּראַך מיט אידען וועלכע זענען לײדער דערוויטערט געוואָרען און: „עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארות בארות נשברים״ (ירמי׳).

מיר שומרי תורה ודת, שטעהען צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען אידישען פאָלק אין אויפ־בוי פון אידישען לאַנד און אין די אינטערעסען פון כלל ישראל אין דער גאַנצער וועלט. אָבער מיר געהען זיך פונאַנדער, יסודות׳דיג פונאַנדער, אין אַלע ענינים וואָס האָבען אַ שייכות צו גייסט, ערציאונג און קולטור.

וואָלטען די פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַמאָל, געהאַט פאַר זייערע אויגען נאָר די אויפריכטונג פון ארץ ישראל אַלס אידישע היים, וואָלטען זיי דאַן מסכים געווען צו דעם אַזוי פּשוט׳ען און פאַרשטענדליכען פאָרשלאַג פון דער אגודת ישראל. און וואָלטען היינט די מאַכטהאָבער אין מדינת ישראל קודם כל געהאַט פאַר זייערע אויגען דעם אויפבוי און דיווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג פון דער מדינה, וואָלטען זיי ניט

אַרויסגערופן דעם איצטיגען קולטור קאַמף, וועלכער איז נאָר עלול צו שעדיגען די אידישע מדינה און די אידישע אינטערעסן.

ליידער האָבען די פירער פון דער ציוניסטישער וועלט באַוועגונג געהאַט און האָבען אויך היינט, נאָך איין ציל. און דעם ציל האַלטען זיי פאַר אַן עיקר. און דאָס איז צו פאַרוועלטליכען, סעקולאַריזירען און פאַרגוי׳אישען דאָס אידישע לעבען, און דעריבער געהט עס זיי אַזוי שטאַרק אין לעבען צו באַגרעניצען די רעליגיעזע פרייהייט און זיי שטעלען זיך פאַר גאָרנישט אָפּ, הגם זיי ווייסען, אַז דאָס וועט מוזען אַרויסרופען אַ רעאַקציע מצד אידען מאמינים, און אַז דאָס קען ברענגען צו אַ געוואַלדיגע סלע המחלוקת אינ׳ם פאָלק.

דער באַשלוס פון דער מפא״י, איצט שוין צוזאַמען מיט די ציונים כלליים, מיט געוואַלד אַדורכצופירען דעם גיוס נשים און מבטל מאַכען די זרמים און דערמיט די זעלבסטשטענדיגקייט פון אָרטאָדאָקסישען חנוך, וועט אָן ספק גורם זיין צו אַ ריס אין פאָלק און וועט אָנצינדען אַ פייער אין דער אידישער וועלט.

מיר תורה אידען וועלען אויף קיין פאַל ניט בלייבען גלייכגילטיג און רואיג צוזעהן ווי מען וועט אַרויפצווינגען אַ ניט־רעליגיעזע ערציאונג אויף אונזערע קינדער. מיר וועלען ניט טאָלערירען אַנטי־רעליגיעזע עלעמענטען אַלס דערציער פון אונזערע צוקונפטיגע דורות. מיר קענען עס ניט און מיר טאָרען עס ניט.

* * *

אויך דער ענין וואָס מיר האָבען באַרירט וועגען דער מועצת גדולי התורה, ווערט דורך מר. קריטשמאַר־יזרעאלי פשוט ניט פאַרשטאַנען.

מיר האָבען קלאָר געזאָגט: אַז „קיינמאָל ניט האָט עמיצער פון אונז מזלזל געווען אָדער אַרויסגעוויזען ניט געגוג רעספעקט פאַר די גרויסע רבנישע פערזענליכקייטען פון רבנות הראשית און ספעציעל פאַר די פערזאָן פון הרב הערצאָג". פאַר אונז איז טייער יעדער כבוד התורה און כבוד הרבנות און אודאי דער כבוד פון גדולי תורה.

מיר האָבען אויך געזאָגט, אַז ניט תמיד מעסט זיך תורה והוראה מיט דער גרויס און חשיבות פון דער רבנישער שטעלע און קהלה וואָס אַ רב פאַרנעמט. די גדולי הראשונים: רש״י, רי״ף, רמב״ם, רמב״ן, רשב״א, ריטב״א, די בעלי תוספות, זיינען ניט געוואָרען אונזערע ראשונים צוליב זייערע רבנישע שטעלעס. דער בית יוסף, ט״ז, ב״ח, רמ״א, ש״ך, זיינען ניט געוואָרען אונזערע פוסקים צוליב דעם גרויס אָדער חשיבות פון זייערע קהלות. די גרויסקייט פון ווילנער גאון אָדער בעל שם טוב האָבען ניט געהאַט קיין שייכות מיט רבנות שטעלעס. און אַזוי איז געווען בכל דור ודור. זיי, די אַלע גדולי ומאורי ישראל שכל בית ישראל נשען עליהם; זיי, וואָס זענען געווען די מאורי הגולה, די פוסקים און וואָרט זאָגער פון דין תורה און הלכה בישראל, זענען צו דעם פון קיינעם ניט געוועהלט געוואָרען. און זייער גרויסקייט און אָנערקענונג איז געקומען טאַקע פון זיך אַליין, פון זייער תורה און יראה, און פון זייער צדקות און קדושה.

אויך אין אונזער דור האָבען מיר אַזעלכעס געזעהן. די צוויי תורה ריזען פון לעצטען דור, דער חפץ חיים און דער גערער רבי, וועלכע האָבען אויסגעאיבט די גרעסטע השפעה אין אונזער צייט, איז קיין איינער פון זיי ניט געווען קיין „רב הכולל". אין צוויי קליינטשיקע שטעטלעך זענען זיי געזעסען. דער חפץ חיים זצ״ל אין ליטווישען ראַדין און דער גערער רבי זצ״ל אין פוילישען גער. און פון דאָרט, פון די קליינע ווינקעלעך, האָט זיך זייער אור התורה והיראה, אויסגעשפרייט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

* * *

צו פירען וויכוחים איבער די אַלע אַרויסגעזאָגטע פּראָבלעמען, איבער דער שטע־לונג פון אגודת ישראל און די השקפות פון תורה אידענטום, האָט ניט קיין שום זין. תורה אידען ווייסען זיי און די דאָזיגע רעליגיעזע השקפות זענען אַ טייל פון זייער לעבען אַלס אידען, און די אידען, וועלכער האָבען זיך ליידער אויסגעטאָן פון רעליגיעזער אידישקייט, ווילען זיי, די אמת׳ן, ניט ווייסען און ניט קענען.

אגודת ישראל האָט זייט דער ענטשטעהונג פון דער מדינה אנטייל גענומען אין דער ישראל רעגירונג. ניט לייכט איז עס פאַר אונז געווען. זעהר אָפט זענען אונזערע פאַרשטעהער דאָרט געזעסען מיט צער און צעווייטאָגטע הערצער, פילענדיג דעם ניט־רעליגיעזען גייסט וואָס באַהערשט די מערהייט פון דער ממשלה. אָבער דאָס אחריות פאַר דעם וואויל און גאַנצקייט פון ארץ ישראל האָט אונז דאָרט געהאַלטען. און עס איז דערביי אויך געווען אונזער כוונה צו היטען און שיצען די עיקרי הדת.

עס איז אָבער געקומען אַ מאָמענט, וואָס מיר האָבען ניט מער געקענט און ניט געטאָרט עס מיטמאַכען. עס ווערען אָנגעריררט די יסודות פון אונזער תורה. עס ווערט געשטעלט אין סכנה די גאַנצע תורה ערציאונג און דאָס תורה לעבען. און לויט אונזער ריינעם און טיפען גלויבען אין דברי ד׳ ונביאיו און אין די הייליגע דברי חז״ל, ווערט דורך דעם געבראַכט אויך אין סכנה דער קיום פון מדינת ישראל און כלל ישראל.

וואָס האָבען מיר אין אַזאַ מאָמענט געדאַרפט טאָן? ווי אַזוי דאַרף דאָס תורה אידענטום האַנדלען אין אַזאַ שעת חירום? ווייטער מיטזיצען און לאָזען זיך מיטשלעפּען, אָן באַדייטענדע השפּעות, און זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם הריסת הדת, אָדער אַרויס־גיין און זיך געגענשטעלען. אַרויסגיין און צוזאַמענגעמען אַלע פאַרהאַנענע כוחות און זיי מאָביליזירען פאַר אַן־אָפּוער קאַמף, פאַר אַ מלחמת הדת, צו שיצען אונזערע קדשי האומה.

מיר האָבען אין אונזער צוויי טויזענט יעריגען גלות וועג אַלע שרעקלעכסטע קרבנות געגעבען און אונזער תורה און אמונה ניט אויפגעגעבען. און איצט, ווען מיר האָבען נאָך צוויי טויזענט יאָר זוכה געווען, אַז גרויסע טיילען פון אונזער פאָלק זאָלען זיך צוריק באַהעפטען מיט אונזער מאַמע ערד, וועלען מיר זיכער ניט אַרויסלאָזען די תורה פון אונזער האַנט און די אמונה פון אונזער האַרצען.

מיר האָבען פאַרשטאַנען אַז אַלע רעליגיעזע אידען דאַרפען דאָס פאַרשטעהן און אַזוי האַנדלען. אויב עס איז פאַראַן אַזאַ פאַראייניגטער פראָנט פון אַנטי רעליגיעזע, ניט רעליגיעזע, און רעליגיעז־גלייכגילטיגע געגען אונזערע תורה פרינציפּען, מוז מען שאַפען אַן אייגענעם פראָנט, וואָס זאָל אין זיך איינשליסען יעדען אשר בשם ישראל יכונה, פאַר ראַטעווען און דערהאַלטען די קדשי האומה, דאָס וואָס איז ביי אונז דורך דורות געהייליגט געוואָרען, פאַר וועלכען מיר האָבען אונזערע לעבענס געגעבען.

ליידער קומען אַזעלכע, צווישען זיי אויך פון אָרטאָדאָקסישע קרייזען, און פּרו־בירען אַלץ פאַרטושען, אַלץ גלאַטיג מאַכען.

די וואָס טוען דאָס, ברענגען אַריין אַ בלבול המוחות אין דער אָרטאָדאָקסישער מחנה און שוואַכען דערמיט אָפּ דעם ווידערשטאַנדס־כח פון תורה אידענטום, און ממילא שטאַר־קען זיי די הענט פון די, וואָס האָבען זיך געשטעלט פאַר אַ ציל: נהי׳ ככל הגוים בית ישראל. די וואָס טוען דאָס, נעמען אויף זיך אַ געוואַלדיגע אחריות, און זענען עתיד ליתן דין וחשבון.

נאָר דורך מוט, אויסגעהאַלטענקייט און זעלבסטשטענדיגער האַנדלונג און ניט מורא האָבען פאַר׳ן אמת, קענען מיר ערפילען אונזער פליכט און אונזער אחריות אין דער דאָזיגער היסטאָרישער און הרת־עולם׳דיגער צייט.

(„מאָרגען־זשורנאַל״, ט׳ שבט, תשי״ג)

נייע אפּענסיווע פאַרן ציוניזם

מען דאַרף „ציוניזירען" דעם כלל ישראל; מען דאַרף אַלע אידען איבער דער וועלט מאַכען פאַר ציונים; אַלע, אנשים נשים וטף, דאַרף מען „לערנען און דערציען", און באַהויכען מיט דער ציוניסטישער „תורה" און הערצל־אידעאַלען.

דאָס איז דער לעצטער שלאַגער אין דער ציוניסטישער וועלט. אַלע אינסטאַנצען זייערע באַשעפטיגען זיך מיט דער אויפגאַבע, און מען אַמפּערט זיך ווי צו געפינען די ווירקזאַמסטע מיטלען די דאָזיגע צילען צו דערגרייכען. אַלגעמיינע, רעליגיעזע און אַרבעטער־ציוניסטען, אַלע זיינען זיי געקומען צו דער מסקנא, אַז מען קאָן ניט איבער־לאָזען כלל ישראל אויף הפקר... און אַז אידען זיינען ניט קיין גאַנצע אידען... אויב זיי זיינען ניט דורכגעדרונגען מיטן רוח פונם ציוניזם. אַלע זייערע עקזעקוטיוועס, אַקציאָנס־קאָמיטעטען און קאָנגרעסען, באַשעפטיגען זיך לעצטענס הויפּטזעכליך מיט דעם פּראָבלעם: ווי אַזוי מכניס זיין דעם כלל ישראל תחת כנפי הציונות...

דאַרף מען קודם־כל קלאָר מאַכען וואָס הייסט היינט ציוניזם. וואָס מיינט היינט־צו־טאָג מאַכען אידען פאַר ציוניסטען? דאָס קאָן מיינען צוויי זאַכען: באַזעצען זיך אין ארץ ישראל. און: העלפען דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. איז וואָס שייך עולה זיין, זיינען דאָך דאָס ציונים אַליין ניט מקיים. וואָס שייך ווידער, העלפען אינם בנין הארץ טוען דאָס אַלע אידישע קרייזען אפשר מער ווי זיי, די אָפיציעלע ציוניזם־פּרעדיגער.

ווייזט אונז, אדרבה, ווער פון די ציוניסטישע פירער פון אַלע קרייזען, האָט דאָס עולה געווען קיין ארץ ישראל. ווער פון די אַלע אויסגערופענע נעמען זייערע, האָט דאָס גענומען זיין משפחה און פאַרמעגען, פאַרלאָזט דאָס רייכע אַמעריקע, און זיך באַזעצט אין מדינת ישראל. אפשר קאָנט איר אָפּציילען כאָטש אַ מנין פון זיי? אויסער עטלעכע יחידים, אויף וועלכע עס האָט דאָרט פּריעראויס געוואַרט פעטע קהל'שע פּאָסטענס.

מיר זיינען ניט ספּעציעלע חסידים פון בן־גוריון, און ניט פון זיינע אידעען. אָבער מודה זיין מוז מען, אַז אויף ציוניזם איז ער אַ מומחה. און שוין יאָרען ווי ער זאָגט, אַז „אַ ציוניסט היינט קאָן זיך נאָר רופען דער וואָס באַזעצט זיך אין דער מדינה". און בשום אופן ניט דער „וואָס הייסט אַנדערע פאָרען קיין ארץ ישראל". און ערשט לעצטענס האָט בן־גוריון דערקלערט, אַז: „עס האָט זיך ניט געטראָפען קיין איין ציוניס־טישער פירער, וואָס זאָל האָבען געוואָרען אַ ביישפּיל פאַר די מאַסען אין דער דורכפירונג פון דעם ציוניסטישען ענד־ציל — עליה".

* * *

די הויפּט בר־פלוגתא'ס בן גוריון'ס זיינען דווקא אַלטע געטריע ציוניסטען, אָבער גראָד די וועלכע לעבען אין חוץ לארץ און האָבען ניט בדעה אויסצוטוישען זייערע גלות'־דיגע היימען אויף אַן אייגענע היים אין ארץ ישראל. בדרך־כלל קאָנט איר אויף „שלילת־הגלות" יאָ באַקומען זייער הסכמה, אָבער שולל זיין זייער אייגענעם גלות, זיינען זיי גאָרניט קיין אַמאַטאָרען...

ביים לעצט־אָפּגעהאַלטענעם אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים, זיינען כמעט אַלע חוץ־לארצ'דיגע דעלעגאַטען שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען בן־גוריונ'ס טעאָריע, אַז

„ציוניזם איז מחייב צו אייגענע עלי׳״. רעדעלהיים, דער נשיא פון דער אַמעריקאַנער ציון אָרגאַניזאַציע, האָט דאָרט קלאָר דערקלערט, אַז: „תפקידנו להמשיך ולעזור להמדינה כדי שיהיה בית ליהודי המגורש מאיזה מקום שהוא״... אין פשוט אידיש הייסט דאָס, אַז די מדינה איז אַ מקום מקלט פאַר אידען וואָס ווערען אַרויסגעטריבען פון זייערע וואוינ־ערטער. דאָס אַלטע ווערטעל, אַז „אַ ציוניסט מיינט, דער וואָס הייסט אַ צווייטען געבען געלד בכדי אַ דריטער איד זאָל זיך קאָנען באַזעצען אין ארץ ישראל״, באַווייזט זיך היינט פאַר אַ נייעם אמת.

ריכטיג האָט זיך אויסגעדרוקט אַן אגודה־עסקן און ראש ישיבה הרב יואל פינק פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט לעצטענס עולה געווען להשתקע, בעת עס האָבען אים פּרעסע־לייט געפרעגט וועגען זיין עלי׳, האָט ער געענטפערט, אַז אַזוי ווי מ׳האָט אים געוואָלט חושד זיין אין ציוניזם, איז אים געבליבען די איינציגע ברירה עולה זיין קיין ארץ ישראל, און דאַמאָלס וועט אים שוין קיינער ניט קאָנען חושד זיין אין ציוניזם...

עס איז אינטערעסאַנט, אַז בשעת דער קלויזענבורגער רב איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, האָט דער הסתדרות אָרגאַן „דבר״ אויסגעדריקט אין אַן עדיטאָריעל די האָפענונג: „אַז די רביים און חסידים וועלען זיין אַ ביישפּיל פאַר די ציוניסטישע מאַסען, און באַזונ־דערס פאַר די ציוניסטישע פירער, צו אינספּירירען אויך זיי צו עלי׳ קיין ארץ ישראל״.

און אויך בן־גוריון אין זיין באַגריסונג שרייבט: „קראתי בעתונים כי הרב מקלויזנבורג מגיע לארץ, ואני רוצה לברך אותו מעומק לבי על הדוגמא... דבר אשר לצערי לא עשו המנהיגים הרשמיים של התנועה הציונית״.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז מען נוצט אויס דאָס באַזעצען זיך אין ארץ ישראל פון אידען וואָס האָבען ניט קיין שייכות מיט ציוניזם, אַלס אַ ביישפּיל פאַר ציו־ניסטישע מנהיגים.

* * *

ווי וויט דאָס ניט באַזעצען זיך אין ארץ ישראל איז ביי דער ציוניסטישער פירער־שאַפט אין חוץ לארץ געוואָרען ממש אַ שיטה, קאָן אַמבעסטען באַווייזען, וואָס דער סאַמע־ראָדנער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט נאָך איצט אַלץ זיין מקום קבוע אין אַמעריקע, און עס איז אים ניט עולה על רעיון, אַז אַלס הויפּט־פירער פון ציוניזם, דאַרף ער עולה זיין אין מדינת ישראל. ער וואָרט דערויף, מן הסתם, ביז מען וועט אים פאַרלייגען דעם אַמט פון פּרעמיער, אָדער לכל הפחות דאָס אויסערן־מיניסטעריום. ביז דאַמאָלס, זעט אויס, באַגנוגט ער זיך אַז עולה זיין זאָלען אַנדערע, און ער, דער וועלט־פּרעזידענט, וועט זיי באַגלייטען...

עס איז אויך ביי דער געלעגענהייט זייער באַמערקונגסווערט, דער אויסטערלישער פאַקט, אַז אבא איבן, וועלכער האָט פאַרטרעטען מדינת ישראל במשך יאָרען אַלס איר אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, און אַלס איר הויפּט־דעלעגאַט אין דער יו־ען, האָט „פאַר־געסען״ אַזאַ עלעמענטאַרען כלל, אַז ער דאַרף ווערען אַ בירגער פון לאַנד וואָס ער רעפּרעזענטירט, און האָט במשך זיינע אַלע אַמבאַסאַדאָר־יאָרען ווייטער אָנגעהאַלטען זיין חוץ־לארצ׳דיגע בירגערשאַפט. ערשט ווען ער איז גערופען געוואָרען צו זיין מיניסטער־אַמט, האָט ער זיך „דערמאָנט״ אין זיין... מדינה, און געוואָרען איר בירגער...

באַזעצען באַזעצט מען זיך נישט, הייסט עס, אין ארץ ישראל. די גרויסע מצוה פון „קיבוץ גליות״ איז נאָר חל, לויט זייער החלטה, אויף סתם־אידען און פון שווערע

גלות׳ן, אָבער ניט פאַר ציון־פירער און ניט פאַר זייערע „רייכע און באַקוועמע גלות׳ן״. אָבער מען איז דאָך פאַרט ציוניסטישע גדולים, און מען דאַרף דאָך מיט עפּעס באַווייזען די „צוגעבונדענקייט״ צו דער מדינה, טאָ פליט מען. מען פליט היינט און מען פליט מאָרגען. אָן הפסקה, מהכא להתם ומהתם להכא. מען ווייסט ניט, ניט זיי און ניט קיינער, צו וואָס און צו ווען. דאָס פליען אַליין איז אַ תכלית פאַר זיך. לויטן אָפּטען פליען ווערט געשאַצט דאָס גדלות פונם „פירער״. איין פלי אַ יאָר, איז מען אַ קליינער פירער, עטליכע מאָל אין יאָר, איז מען אַ גרויסער. אויב יעדע עטלעכע וואָכען, איז מען אַ גדול שבג־דולים. און כמובן, אַז אַלע הוצאות גייען על חשבון הקהל. אויב מען זאָל צוזאַמענרעכענען די אַלע הוצאות׳ן פון די אַלע פירער־פליער, וואָלט מיט די געלדער געקאָנט געלעזט ווערען די דירות־פראַגע פון אַלע אַזוי־פיינליכע מעברות. אָבער לויט דער מאָראַל פון די פליער, קאָנען די עולים פון וואַדי־סאַליב רוהיג וואַרטען...

אָט לייענען מיר, אַז אַ ציוניסטישער מאַכער אין ניו־יאָרק האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז אין די לעצטע עטלעכע יאָר איז ער שוין געווען (אויף קהל׳ס חשבון) 38 מאָל אין מדינת ישראל. עס זעט אויס אַז אָן אַזעלכע „לופט־פליער״ קאָן זיך די מדינה ניט אויסבויען... הגם עס איז פאַר אַ פשוט׳ן בשר ודם ניט באַגרייפלעך, ווי אַזוי זיי קאָנען דאָס בויען די מדינה, בעת זיי זיצען כסדר אין עראָפּלאַנען... אָבער מסתמא ווייסען זיי בעסער אין בנין הארץ. ניט בחנם האַלט מען זיי אויף אַזעלכע גוט־באַצאַלטע פּאָסטענס פון דער אַגענטור און אַנדערע ציוניסטישע כלים וכלים־שונים׳דיגע עקספּאָזיטאָרען...

* * *

נו, אויב באַזעצען זיך טוען דאָס אַנדערע, געלט פאַר ארץ ישראל גיבען און שאַפען אַנדערע, מיט פליען אַליין קאָן מען דאָך אויך סוף־כל־סוף ניט יוצא זיין, טאָ וואָס זשע בלייבט? איז מען געפאַלען אויף אַ נייע, ממש גאונ׳ישע, המצאה. מען וועט באַזאָרגען דעם כלל ישראל מיט גייסטיגען ציוניזם. פאַראַן אַ גרויסער כלל ישראל אין גלות, און מען מוז זיי „ערציען אין ציוניזם״... און דאַבּיי וועט מען שיסען מיט איין שאָס צוויי האָזען. קודם־כל וועט זיין מיט וואָס טעטיג צו זיין אין ציוניזם, און דערביי וועט מען שוין זיין פול־באַרעכטיגט צו בלייבען אַליין זיצען, אויפן רייכען נזיד העדשים, אין גלות... דער וואָלף וועט זיין זאַט און דער שעפּס וועט בלייבען גאַנץ...

„דערציען אין ציוניזם״ מיינט אַז דער באַגריף פאַר אידישקייט וואָס האָט געגילטען דורות־לאַנג, גילט שוין מער נישט. נייע צייטען און נייע באַגריפען. מיום היותנו לעם האָט מען געוואוסט, אַז אַ איד — אַ גאַנצער און פולער איד — הייסט דער וואָס זיין לעבען און הנהגה איז געבויט אויף יסודי התורה והאמונה, דאָס איז לויטן „ציוניזם״ מער ניט גילטיג. לויט דער „ציוניסטישער״ טעאָריע קומט אויס, אַז טאָמער איז אַ איד אַן־געלערנט מיט ש״ס און פוסקים. מיט ספרי חסידות ומוסר, און ער פירט זיין גאַנץ לעבען לויט דיני והלכות התורה, איז ער נאָך ניט קיין שלימות׳דיגער איד, אַזוי לאַנג ווי ער איז ניט דורכגעדרונגען מיט דער לערע און אידעען פון מאַקס נורדוי, אחד העם, ביאַליק און טשערניכאָווסקי (להבדיל באלף אלפי הבדלות). דער גייסט פון סיני וואָס דער אדון הנביאים האָט געבערענגט מפי הגבורה, און וואָס האָט אונז געמאַכט און דערהאַלטען פאַר אַ פאָלק איז מער ניט גענוג... דער אַמאָליגער הר סיני — הר האלקים מוז אָפּטרעטען זיין אָרט פאַרן היינטיגען „מבצע סיני״... מיר לעבען אין „מאָדערנע״ צייטען און מיר מוזען „דערציען״ אידען צו לעבען לויט „מאָדערנע באַגריפען״... אָט דאָס איז דער אמת׳ער אָפּטייטש פון: „ציוניזירען דאָס אידישע לעבען״.

נאָך דער נייער „ציוניסטישער דערציאונג״ וועט אויסקומען, אַז אויב מען וויל זיין אַ איד, איז דער עיקר, צו זיין ציוניסטיש־באַוואוסטזיניג. אַלע עיקרי האמונה און די גאַנצע תרי״ג מצוות זיינען מהיכי־תיתי... אָבער זיי זיינען ניט מער קיין יסוד און קיין קען־צייכען פאַר יהדות און פאַר צוגעבונדענקייט צום עם ואלקי ישראל. קאָנסט זיך אויסלעבען אין דיין פריוואַטען לעבען ווי אַ גוי, אויב נאָר דו אַנערקענסט די נייע „עיקרי־הציוניזם״, ביזטו שוין דערמיט אַ פולער איד...

דאָס מיינט די „דערציאונג״ און „איבערדערציאונג״, פאַר וועלכע די ציונים מכל המינים שטעלען זיך איין. מען וועט זיך אַזוי נאָך איינטיילען מיט דער אידישער וועלט. די ציון־פירער וועלכע לעבען אין מדינת ישראל וועלען „איבערבויען״, פאַרוועלטליכען און פאַר׳גוי׳אישען אידען אין ארץ ישראל, און די ציון־פירער וועלכע זיצען פעסט אויף זייער סיר־הבשר אין די גלות׳ן, וועלען די „איבערבוי״ אַרבייט דורכפירען אויף „זייערע״ אידען אין חוץ לארץ. און פון דיביידע טיילען „איבערגעבויטע״ און „איבערדערצויגענע״ אידען וועט זיך דאָס צוזאַמענשטעלען דאָס „נייע״ פאָלק ישראל.

* * *

די אָפענסיווע פאַר ציוניזירען דאָס אידענטום, און פאַר דער „נייער״ אידישקייט, גייט פון אַלע פראָנטען. אויף דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָבען זיך געפונען צוויי הויפּט־פּונקטען: 1) שאַפען אַ נייע קאָנסטיטוציע בכדי אַריינעמען ניט־ציוניסטישע גרופּען. און 2) פּראָבלעמען פון אידישער דערציאונג אין חוץ לארץ. אויך אויף דער „אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ״ פונם מזרחי היינטיגען זומער אין אַמעריקע, איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז „אַזוי ווי רעליגיעזע אידען מוזען אַנערקענען דעם פּרינציפּ פון „שקולה מצות ישוב ארץ ישראל כנגד כל המצות״, מוז דער מזרחי אָנהייבען אַ „אידעאָלאָגישע אָפענסיווע״ צו געווינען אידען פאַר ציוניזם״...

איינער פון די שאַרפסטע לוחמים פאַר אַריינברענגען דעם ציוניזם צווישען אַלע אידישע קרייזען, איז פּראָפ. מ. קאַפּלאַן. ער, דער פירער און אידעאָלאָג פונם קאָנסער־וואַטיווען „רעקאָנסטראַקשאָניזם״, און כופר בכל עיקרי התורה, וויל דאָס מכניס זיין דעם כלל ישראל אין זיין „נייעם גלויבען׳. דאָס הייסט, אַז אָנשטאָט תורה, אמונה און דת משה וישראל, דאַרף דער קיום העם זיך בויען אויף די יסודות פון ציוניזם, און זיכער על־פּי נוסח פונם כפירה׳דיגען רעפאָרם־רעקאָנסטראַקשאָניזם... דאָס איז דער איינציגער מיטעל, האָט ער געזאָגט אויף דער קאָנפערענץ פון קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגס, צו דער־האַלטען די גאַנצקייט פון אידישען פאָלק. די תורה און אמונה פון הר־סיני, זיינען מער ניט די יסודות וועלכע קאָנען זיכערן און דערהאַלטען דעם קיום און אחדות העם. מען דאַרף היינט צו דעם האָבען דעם ציוניזם...

אין אַן ענליכען זין האָט גערעדט אויף דער לעצטער אַקציאָנס־קאָמיטעט זיצונג אין ירושלים דער ציוניסטישער פּרעזידענט, דר. גאָלדמאַן. ער האָט זיך געבייזערט אויף די אידישע פירער פון אַמעריקע, וועלכע ווילען קאָנצענטרירען דאָס עפענטליכע אידישע לעבען אַרום שוהלען. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט ביז צו דערקלערען, אַז דאָס קאָנצענט־רירען דאָס אידישע לעבען אַרום די רעליגיעזע צענטערן שטעלט מיט זיך פאַר אַ „פאַר־קריפּלונג פון יהדות״. טויזענטער יאָרען האָט זיך אידיש לעבען געבויט און געבליט מיט און אַרום די קוואַלען וואָס האָבען געשפּראָצט פון די בתי־כנסיות און בתי־מדרשות. מיטאַמאָל, קאָן דאָס אַלץ, לויטן פּרעזידענט פון ציוניזם, ניט מער באַלעבען און אויס־פילען די נשמה פון כלל ישראל...

* * *

נאָר אַמפּיינלעכסטען איז דער פאַקט, וואָס אין דער דאָזיגער „ציוניסטישער אַפּענסיווע״ נעמען אַ חלק בראש די פירער פון דער מזרחי באַוועגונג.

מילא, מען קאָן פאַרשטיין אויב דאָס טוען פרייע ציוניסטישע קרייזען און דאָס ווערט רעקאָמאַנדירט פאַר די אָפּגעפרעמדטע און אַסימילירטע אידען, וואָרעם, סוף־כל־סוף וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון אַזעלכע ציוניסטישע מנהיגים, וואָס למשל אַז ער קומט געבען טרומאַנ׳ען, דעם דאַמאָלסדיגען פּרעזידענט, אַ ספר תורה אַלס מתנה פון ארץ ישראל, און ער קומט מיט דער ספר תורה אינגם בלויזען קאָפּ, בעת טרומאַן מיט די איבעריגע ניט־אידישע געסט האָבען גרייט קאַפּלעך אָנצוטאָן וויסענדיג, אַז ביי אָנעמען אַ ספר תורה פון אידען איז ניט קיין דרך ארץ צו גיין בגילוי ראש, און דווקא דער אידישער מדינה־פּרעזידענט באַוויזט זיך מיט דער ספר תורה בגילוי ראש... אָדער אַ צווייטער ציון־פּרעזידענט וואָס מאַכט אַ סקאַנדאַל אין אַ ירושלים׳ער האָטעל, ווען מען וויל אים ניט סערווירען יום־כפור עפענטליך זיין ברעקפעסט...

אָבער אַז פרומע ציונים זאָלען פירען אַ קאַמפּיין צו ציוניזירען כלל ישראל, איז פּשוט אומבאַגרייפליך. וואָס רייסען זיי זיך דעם פעלץ פאַר „איבערדערציען״ דאָס אידישע פאָלק? וואָס מיינען זיי, די „ציונים דתיים״, מיט ציוניזירען תורה־אידען? פעלט טאַקע דעם תורה־אידענטום צו אמת׳ער אידישקייט, אויב זיי וועלען ניט זיין באַקאַנט מיט ציוניסטישע אידעאַלען; פעלט טאַקע אויס צו שלימות׳דיגער יהדות, אויב די חיבה צו ארץ הקדושה איז באַזירט אויף תורה און מסורה און ניט אויף דעם סעקולאַרען אַנטי־רעליגיעזען ציוניזם? איז טאַקע די מיינונג פון די „ציונים דתיים״ אויך, אַז אונזערע תורה מסיני און אונזערע אמונה אין השי״ת, וואָס האָבען אונז דערהאַלטען מיום היותנו לעם ועד היום הזה, איז מער ניט גענוג פאַר היינטיגע צייטען, נאָר מען מוז דערצו מוסיף זיין אַ נופך פון ג־ט׳לאָזען ציוניזם?

* * *

אַ שריט פאַרן ציל כובש צו זיין דאָס אַמעריקאַנער אידענטום פאַרן ציוניזם, קאָן מען קלאָר זעען אין דער געשיכטע פון דעם אַזוי־גערופענעם „פּרעזידענטען־קלוב״.

אין אַמעריקע עקזיסטירט אַ פאַראייניגונג פון פאָרשטייער פון 17 אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַראַטען זיך און נעמען אַ בשותפות׳דיגע שטעלונג אין אידישע כלל־ענינים. דער „פּרעזידענטען־קלוב״, אין וועלכען עס באַטייליגען זיך ציוניסטישע און אַ ריי ניט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, איז בפירוש געשאַפען געוואָרען אויף דער באַזע פון געגענזייטיגער פאַרשטענדעניש, וואו באַשלוסען מוזען האָבען דעם הסכם פון אַלע באַטייליגטע. די לעצטע צייט האָבען די ציוניסטישע פאָרשטייער אָנגעהויבען פאַרוואַנדלען דעם „פּרעזידענטען־קלוב״ אין אַ סטאַבילע אינסטאַנץ פון אַן „אָרגאַניזאַציע איבער אָרגאַניזאַציעס״ מיט אַ טשערמאַן, אַן אָפיס און מיט אַלע אַנדערע קלאַפּערגעצייג. און אַזוי ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען דאָרט אַ מערהייט, וועט עס ממילא פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ ריין־ציוניסטישע אינסטאַנץ, אָבער רעדען וועט זי קענען שוין אין נאָמען פון אַלע אַמעריקאַנער אידען. די אגודת ישראל באַוועגונג איז דאָרט ניט פאַרטראָטען. לכתחילה־אויס האָט אגודת ישראל פאַרשטאַנען, אַז דאָס גאַנצע באַשעפעניש איז לכתחילה באַשאַפען געוואָרען, בכדי די ציוניסטישע מאַכער זאָלען ווערען די איינציגע רעפּרעזענ־טאַנטען פונם אַמעריקאַנער כלל ישראל. אַנדערע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס האָבען דאָס ליידער ניט פאַרשטאַנען, און זיי זיינען דאָרט יאָ פאַרטראָטען.

ווען עס האָבען זיך באַוויזען מצד די ציוניסטישע קרייזען די בולט׳ע טענדענצען צו פאַרוואַנדלען דעם „פרעזידענטען־קלוב״ אַלס אַ נייע ציוניסטישע אויבער־אינסטאַנץ, איז געגען דעם אַרויסגעטראָטען זייער שאַרף מר. משה פייערשטיין, וועלכער פאַרטרעט דאָרט די „יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס קאָנגרעגיישאָנס״, אַלס איר פרעזידענט. מר. פייער־שטיין, אַ יונגער, ערנסטער און דינאַמישער אָרטאָדאָקסישער עסקן, האָט אָנגעוויזען אויפן אָפענעם ברוך אין די יסודות פון דער פאַראייניגונג, און אויף דער קלאָרער כוונה זייערע, אַרונטערצונעמען דאָס אַמעריקאַנער אידענטום אונטער די פליגעל פונם ציוניזם, און ווערען די איינציגע וואָרט־זאָגער פאַרן גאַנצען אַמעריקאַנער אידענטום.

דער אַרויסטריט פון מר. פייערשטיין האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אין דער עפענטליכקייט. עס קומט אים אַ גרויסער יישר־כוח פאַר זיין פעסטקייט און געוואַגטקייט.

ליידער, זיינען ווידער דאָ געווען „ציונים דתיים״ די קופצים בראש און די „עומדים על המשמר״, בכדי עס זאָל ניט פאַלען, חלילה, קיין שפּרענקעלע אויף די ציוניסטישע מאַכט־זוכער. דוקא די פאָרשטייער פון מזרחי זיינען עפענטליך אַרויסגעקומען צו טאַדלען מר. פייערשטיין פאַר זיין שטעלונג.

צוויי מזרחי פירער, דר. פעדערבוש און הרב קירשבלום, זיינען תיכף, אַלס „זריזין מקדימין למצות״, אַרויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט מיט סטעיטמענטס געגען מר. פייערשטיין. פעדערבוש זאָגט: „אַזוי לאַנג ווי די „יוניאָן״ פאַרנעמט זיך מיט ענינים פון כשרות אד״ג, קען קיינער איר נישט אָפּפרעגען. אָבער ווען איר פרעזידענט נעמט זיך דאָס רעכט צו ווען אנטשיידען אין לעבענס־וויכטיגע פראַגען און שטערען דעם פאַרזוך צו שאַפען אַן איינהייטליכע רעפּרעזענטאַנץ פון אידען, מוז מען פרעגען ווען, אייגענטליך, רעפּרעזענטירט די יוניאָן״. און קירשבלום רעדט שוין שאַרפערע דיבורים: „עס צווינגט מיך צו רעאַגירען ווי אַמשאַרפסטען אויף זיין (פייערשטיינס) דערקלערונג בנוגע דעם פרעזידענטען־קלוב. די דאָזיגע דערקלערונג פון דער יוניאָן דריקט נישט אויס די מיינונג און שטעלונג פון דער איבערוויגענדער מערהייט(?) פון די אָרטאָדאָק־סישע אידען, פאַר וועמען ציוניזם איז אַ הייליגע אידעאָלאָגיע״ (?).

עס וואָלט זיך אפילו געדאַרפט פרעגען די מזרחי־לייט, פון ווען אָן רעפּרעזענ־טירט דאָס דער מזרחי יאָ די איבערוויגענדע מערהייט פון די אָרטאָדאָקסישע אידען? און פון ווען אָן, איז דאָס די שטעלונג פון פרומע אידען, אַז דער ציוניזם איז שוין אַזש אַ „הייליגע אידעאָלאָגיע״... ווער און ווען האָט מען דאָס מקדש געווען די אידעאָלאָגיע פון העברת־הדת און פון חילול שם שמים ברבים, אַלס אַ דבר שבקדושה? דאָס אייגענט־ליך דאַרף דאָך מסתמא ערשט זיין פון די אויפגאַבען פון דעם „מרכז עולמי רוחני״ אינם „היכל שלמה״, פונוואַנען עס דאַרף אַרויסקומען די נייע „הוראה לישראל״... אָבער דאָס איז ניט איצט אונזער טעמע. מיר ווילען איצט נאָר פאַרצייכענען, אַז אָט אַזוי געשעט שטענדיג, ווען נאָר עס ווערט געהערט אַן ערנסט און אומאָפּהענגיג וואָרט מצד שומרי תורה, באַווייזען זיך באַלד די אַפּאָסטאָלען פונם ציוניזם און פונם „הייליגען ציוניזם״, און פאַרשרייען עס אַלס ברוך פון אידישער „אחדות״...

* * *

אָט דאָס מיינט דער נייער „ציוניזם־אידישקייט״, און מיט דעם גייט מען מזכה זיין דאָס וועלט־אידענטום.

(ד. א. וו., טבת, תש״ך)

ציוניזם אדער יהדות

(אַרום דעם ציוניסטישען וועלט־קאָנגרעס)

אין שייכות מיט דעם ציוניסטישען וועלט־קאָנגרעס, וועלכער ווערט איצט אָפּ־געהאַלטען אין ארץ ישראל, איז די אידישע וועלט ווידער פול געוואָרען מיט און וועגען ציוניזם. די גאַנצע אידישע עפענטליכקייט ווערט כסדר געהאַלטען אין שפּאַנונג וועגען דעם פּראָבלעם: צי דאַרף מען היינט יאָ אָדער ניט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. מען צעטרומפּייטערט אין דער אידישער פּרעסע דאָס פּראָבלעם בקולי־קולות, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַן ערשט־ראַנגיקע פראַגע פון אידישער עקזיסטענץ... בלייבט עקזיסטירען אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, זיינען מיר אידען געראַטעוועט; און אויב נישט, דראָט חלילה אַ סכנה פאַר אונזער קיום... ממש ווי אַן „אבר שהנשמה תלוי׳ בו"... יעדען טאָג הערט איר מאָטיווען פאַר יאָ און מאָטיווען פאַר ניט. אַזוי אַרבעט די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין, און אַזוי נאָך ווערט דער אידישער עולם מיטגעריסען און היפּנאָטיזירט, אַז אפילו אַ מער־באַוואוסטזיניגער איד קען אויך שוין אָנהויבען דענקען, אַז דאָס איז ממש נוגע דעם קיום פון אידען און אידישקייט.

דער טומעל פון וויכוחים אַרום דעם ענין גייט אָן שוין עטליכע יאָר. איצט לכבוד זייער קאָנגרעס האָט ער זיך נאָך פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט.

וועגען דער עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אויסשפּרייטונג פון ציוניזם, איז פאַראַן פיל צו זאָגען. מיט אַ צייט צוריק האָבען מיר שוין באַהאַנדעלט די „אָפענסיווע פאַר ציוניזם" וואָס גייט איצט אָן אין דער אידישער וועלט. מיר האָבען זיך דעמאָלט אויספירליך אָפּגעשטעלט אויף די פּובליסיטי־כוונות פון די ציוניזם־טומלער, און אויך אויף די סכנות פאַר אמת׳ער יהדות וואָס איז דערמיט פאַרבונדען. מיר ווילען זיך דאָ ניט איבער׳חזר׳ן. אָבער צוליב דער אַקטואַליטעט פון דעם פּראָבלעם אין שייכות מיטן ציוניסטישען קאָנגרעס, האַלטען מיר פאַר נויטיג נאָכאַמאָל צו באַרירען דאָס פּראָבלעם. און ספּעציעל דערפאַר, ווייל דאָס איז, לפי דעתנו, אויך שטאַרק נוגע דאָס חרד׳ישע אידענטום, גאָר ספּעציעל אין חוץ לארץ.

* * *

קודם־כל איז וויכטיג פעסטצושטעלען, אַז דער געפילדער אַרום דער נויטיגקייט פון וויי‍טער דערהאַלטען אַ ציוניסטישע באַוועגונג, האָט בעצם גאָרנישט קיין פאַר־בינדונג מיט מדינת ישראל און קיין שום שייכות מיט העלפען דער מדינה אין אירע פּאָליטישע, זיכערהייטס און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. דאָס שטעלען פעסט די פאַראַנט־וואָרטליכע און אָפיציעלע פירער פון דער מדינת ישראל. אַ גרויסער טייל פון זיי, מיט בן־גוריון בראש, האַלטען גאָר, אַז די ווייטערע עקזיסטענץ פון אַ ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פּלאָנטערט זיך, ווי אַ מסך המבדיל, צווישען דער מדינה און דעם וועלט־אידענטום, שאָדענט גאָר דיווירקליכע אינטערעסען פון מדינת ישראל. לויט זייער מיינונג קענען אַלע נויטיגע פאַרבינדונגען צווישען דער מדינה מיטן אידישען פאָלק איבער דער וועלט ערליידיגט ווערען דירעקט דורך דער מדינה און אירע פאַר־

שטייער. זיי האַלטען אויך, און זאָגען עס אָפען אַרויס, אַז „אַ ציוניסט היינט קען זיך נאָר רופען דער וואָס באַזעצט זיך אין ארץ ישראל״. און ציוניזם היינט מיינט קלאָר צו מאַכען פאַר זיך און פאַר אַנדערע, אַז עולה זיין קיין ארץ ישראל איז דער ערשטער און עיקר׳דיגער חוב פון אַ ציוני און פונ׳ם ציוניזם.

ערשט לעצטענס האָבען מיר ווידער געהערט פון בן־גוריונ׳ען: „איך בין וויליג צו ראַטען מיינע פריינט, אַז זיי זאָלען ניט אַנערקענען דעם דאָזיגען ציוניסטישען קאָנגרעס אַלס אַ ציוניסטישען״. און ביים צוזאַמענקום מיט דער ישראל־פרעסע זאָגט בן־גוריון: „יאָ, איך גלויב אין אַן אַמעריקאַנער עליה, אויב עס וועט ניט קומען קיין שטערונג מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. וואָרים אויב ציוניסטען אַליין זאָגען, אַ מ׳קאָן זיין אַ גוטער ציוני און ניט עולה זיין, טאָ פאַרוואָס זאָלען אַמעריקאַנער אידען, וועמען עס פעלט גאָרנישט, טראַכטען וועגען עלי׳. זיי האָבען דאָך אַ היתר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איך קאָן אָבער אידען־חסידים, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין ציוניסטען און קיינמאָל ניט געקויפט דעם ציוניסטישען שקל, און דוקא זיי באַזעצען זיך יאָ אין ישראל. זיי זיינען, לויט מיין מיינונג, די אמת׳ע ציוניסטען״.

* * *

פאַרשטענדליך, אַז די ציוניסטישע פירער פון חוץ לארץ, און ביחוד פון אַמעריקע, קענען מיט בן־גוריונ׳ס שטעלונג ניט מסכים זיין. ווייל צו פאַרלאָזען זייער גוט־סיטואירטען „גלות׳דיגען סיר־הבשר״ און עולה זיין קיין ארץ ישראל, האָבען זיי לחלוטין ניט בדעה, ניט פאַר זיך און ניט פאַר זייערע קינדער. און ווידער לאָזען דאַדורך פסל׳ען זייער ציוניזם, האָבען זיי אויך ניט קיין חשק. און דעריבער זיינען מיר עדות פון אַ גרויסער פאַרביטערונג מצד אַלע חוץ־לארצ׳דיגע „גדולי הציונות״ געגען בן־גוריון וחבריו, וועלכע מאָנען אומאויפהערליך ביי זיי עליה קיין ארץ ישראל. און אין אמת׳ן, איז עס מצד די עליה־מאָנער אַ בפירוש׳ער הלבנת פני חבריהם ברבים. אַ יובל יאָרען ווי די אַלע ציוניסטישע מנהיגים איבער דער וועלט, האַלטען אין איין פויקען בתופים ובמחולות, אַז דאָס שאַפען אַן אייגענע אידישע מדינה איז די וויכטיגסטע און הייליגסטע אויפגאַבע און ציל פונם אידישען פאָלק, און די „ציונים דתיים״ מאַכען עס נאָך שטאַרקער און פראַקלאַמירען דאָס פאַר: „שקולה מצוה זו כנגד כל המצות שבתורה״... און איצט, אַז די מדינה איז שוין פאַראַן, רירט זיך קיינער ניט פון אָט די אַלע ציון־פירער פון אָרט. קיינער פון זיי טוישט ניט זייער „גלות״ לטובת זייער „מדינה״.

זיי וואָלטען עס געוואָלט פאַרדעקען, און דאָ קומט בן־גוריון און לאָזט ניט אָפּ, און ווי צו להכעיס איז ער ווידער און ווידער מגלה קלונם ברבים.

* * *

בכדי ניט צו בלייבען אַן אַ מלומדות — הגם מען בלייבט זיצען מחוץ מדינת ישראל, און ווייטער קענען אָנגיין אַלס ציוניסטישע פירער — איז מען געפאַלען אויף אַן „המצאה״ (אידען חכמים גיבען זיך אַן עצה...), ממש אַ געניאַלע. אין ארץ ישראל באַזעצט מען זיך טאַקע נישט, אָבער אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז ווייטער יאָ נויטיג, ווייל מען דאַרף דורך איר „איינפלאַנצען״ ציוניזם ביי אידען אין חוץ־לארץ. אַ גאַנצע ליטעראַטור האָט זיך שוין אָנגעזאַמעלט פון די אַלע דרשות און מאמרים פון די גלות׳־דיגע ציון־פירער, וואו זיי זיינען מסביר און באַרעכטיגען זייער ווייטערען זכות־הקיום, ווייל זיי דאַרפען „מאַכען באַוואוסטזיניג״ די אידישע מאַסען איבער דער וועלט פאַר די... ציוניזם־אידעען. מען קען אַפילו פרעגען אַן אייזערנע קשיא מיני׳ ובי׳: וואָס וועט

שוין אַרויסקומען פון דעם גאַנצען „באַוואוסטזיניג מאַכען", הוער וועט אָבער פּאַרט פּאַרען זיך באַזעצען אין ארץ ישראל? די „ציון-פירער" וועלען דאָך אַלץ בלייבען דער מוסטער פּאַר די מאַסען פּאַר ניט באַזעצען זיך אין מדינת ישראל. איז דאָך אַ כלל פון אונזערע חז"ל: „דיו לבא מן הדין להיות כנידון"... אַז די אינספּירירער פּאָרען ניט, ווי קענען די אינספּירירטע יאָ פּאָרען? אָבער גיי פרעג קשיות ביי מענשען וואָס זייער גאַנצע רעדעריי איז צו פאַרלייקענען די אומאַנגענעמע ווירקליכקייט, און די אַלע פלפולים של הבל זיינען נאָר לסמא את העינים און צו פאַרווישען די אייגענע ניט-אויסגעהאַלטענקייט אין זייער... ציוניזם.

* * *

אָבער דאָס אַלץ איז פאַר אונז ניט אַזוי וויכטיג, אַז עס זאָל זיך לוינען נאָכאַמאָל מטפל צו זיין מיט דעם ענין. סוף־כל־סוף, איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם, יאָ־ציוניזם אָדער ניט־ציוניזם, דעם כלל ישראל און דעם רעליגיעזען כלל ישראל בפרט, ניט נוגע. עס איז מער זייערס אַ משפחה־ענין, און עס איז זייער אינערליכער אָרגאַניזאַטאָרישער און אידעאָלאָגישער קריזיס.

וואָס אונז איז יאָ נוגע, און דאָס גאָר שטאַרק, איז דאָס „ברענגען ציוניזם" און „איינפלאַנצען ציוניסטישען באַוואוסטזיין" ביי אידען איבער דער וועלט, וואָס די גלות־ציונים האָבען זיך געשטעלט אַלס זייער עיקר ציוניסטישע אויפגאַבע. דאָס איז אונז אַזוי שטאַרק נוגע, ווייל מיר זעען אין דעם אַ גרויסע סכנה פאַר דער געשטאַלטונג פונם אידישען פאָלק, פאַרן באַגריף פון אידישקייט און פאַרן גאַנצען מהות און תוכן פונם עם ישראל. דער נייער „גלות־ציוניזם", מיט וועלכען מען וויל איצט „מזכה" זיין דעם כלל־ישראל, קומט שוין ניט אַלס אַ באַוועגונג לטובת המדינה און אירע אינטערעסען, נאָר אַלס אַ גייסטיגע שטרעמונג, מיט נייע באַגריפען וועגען אידען און אידישקייט. מען גייט אונז אַלע אַרויפפירען אויפן רעכטען אידישען וועג... און דאָס דורך אַן אַבזיכטליכער און אַבסאָלוטער פעלשונג פון יעדען מקור פון קדושה׳דיגער און תורה׳דיגער יהדות.

ווען מען באַקענט זיך כאָטש אַביסל מיט דעם אַלעם וואָס איז מצד זיי לעצטענס געזאָגט און געשריבען געוואָרען, זעט מען קלאָר אַז ניט דאָ גייט וועגען אַרויפפירען אויף נייע רעלסען ציונים און ציוניזם, נאָר אַלע אידען און דאָס גאַנצע אידישקייט. אַנשטאָט וואָס ביז איצט האָט ציוניזם געמיינט פּאָליטישע און פינאַנציעלע באַמיאונגען און הילף פאַר מדינת ישראל, מיינט עס איצט באַמיאונגען פאַר ענדערן און איבערשטאַלטען דאָס גאַנצע אידישע לעבען. מען דאַרף „ציוניזירען" אַלע באַגריפען פון יהדות; מען דאַרף „העברעאיזירען" דאָס וועלט־אידענטום; און מען דאַרף אַפילו די ישיבות און בתי־חינוך „מדינה׳איזירען"... אויב דער סעקולערער ג־ט׳לאָזער ציוניזם האָט כובש געווען די מדינת ישראל, דאַרף איצט דער ציוניזם אין חוץ־לארץ כובש זיין דעם כלל־ישראל...

* * *

מיום היותנו לעם, האָט מען געוואוסט וואָס עס מיינט זיין אַ איד. עס האָבען זיך אין אַלע צייטען געטראָפען שוואַכערע און קלי־דעת ורוח, וועלכע זיינען בשוגג אָדער אַפילו במזיד, ניט נאָכגעגאַנגען אַלע רעגולען פון אידישע הלכות־שבתורה און הנהגת־החיים, אָבער קיינמאָל, און ביי קיינעם, האָט ניט געקענט זיין קיין ספקות וואָס עס מיינט איד, אידיש פאָלק און אידישקייט. אַז אידען זיינען בני אברהם יצחק ויעקב; אידען זיינען דער עם הנבחר פון אלקי ישראל ואלקי העולם; אידען האָבען באַקומען אַ ג־ט׳־

ליכע תורה אויפן הר סיני; און אַז אַ אידיש פאָלק איז געוואָרען ב„היום הזה נהיית לעם". אין דעם אַלעם האָט קיינער ניט געוואָגט מטיל ספק זיין.

מיטאַמאָל ווערט דאָס אַלץ ניט קלאָר פאַר די „ציוניזם־טרעגער". דאָס טויזענט־יאָריגע אידישקייט־באַוואוסטזיין איז פאַר זיי מער ניט גענוג. מען מוז די אידישע מאַסען, און ספּעציעל די יוגענט, באַהויכען מיט „ציוניזם־באַוואוסטזיין"... אַלע „אַלטע" אידיש־קייט־סימנים פאַלען, לויט זיי, אַפּ. אַלע סימני־טהרה פון אידען, ווי: שבת, כשרות, קדושת־משפחה און אַלע תרי"ג מצות, עשה'ס ולא־תעשה'ס, די גאַנצע תורה שבכתב ושבעל פה, און דער גאַנצער איינגעפונדעוועטער און געהייליגטער אידישער סדר־החיים, פאַלט אוועק. זיי זיינען מער נישט דער געזיכערטער קען־צייכען פאַר אידישקייט... דער נייער סימן פון אַ איד, ווערט זיין זיין „ציוניזם־אַנגעהעריגקייט"... דער „ניי־ערצויגענער" „העברעאיזירטער" איד, וואָס וועט זיין „ציוניסטיש־באַוואוסטזיניג" (הגם קיינער איז ניט בכוח קלאָר צו מאַכען וואָס אַזאַ באַשעפעניש מיינט...) ווערט דערמיט אַ פולער און שלימות'דיגער איד...

* * *

ביי איינעם פון די נייע „אידישקייט־באַגליקער", הערט איר: „מען דאַרף זיין גרייט פאַר אַ ריזיגער ציוניסטישער קולטור־אַרבעט, וואָס זאָל קענען העברעאיזירען דאָס אַמעריקאַנער אידענטום". „דער ציוניזם דאַרף זיך נעמען באַווירקען די אַמעריקאַנער אידישע געמיינדע אין ציוניסטישען גייסט. ווערען טעטיג אויפן געביט פון אידישער דערציאונג, אויפן פעלד פון אידישען קהל'שען און רעליגיעזען לעבען". „די ציוניסטען מוזען ווערען דער רוקען־ביין פון דעם אידישען שול־סיסטעם און אַלע אידישע קהילות איבער גאַנץ אַמעריקע". ביי אַ צווייטען פון זיי, זאָגט זיך: „עס מוז קלאָר ווערען, אַז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען אונזערע אין איצטיגען מאָמענט איז, צו דערציען דעם יונגען דור, איינפלאַנצען אין אים דעם באַוואוסטזיין פאַר אידיש־נאַציאָנאַלען המשך, פאַר גרייטקייט איבערצונעמען נאַציאָנאַלע פליכטען". און ווידער איינער, און דאָס שוין אַ „דתי־לאומי", דרשה'נט אַזוי: „פונקט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדליך איז די דערוואַרטונג, אַז ציוניסטען מכל המינים זאָלען שטיין בראש און זיך געפינען אין פאָדערגרונד פון די וואָס בויען מאַקסימאַלען חינוך, די וואָס שאַפען טאָג־שולען, און די וועלכע גרייטען צו אַ דור וואָס וועט זיין פאַרבונדען מיטן אידישען עבר אַזוי גוט ווי מיט דער אידישער צוקונפט".

שומו שמים! זיי און זייער „העברעאישער חינוך" גייען דאָס מחנך זיין אונזערע אידישע דורות. ווער המשך און וואָס המשך? ווער וועט ממשיך זיין און וואָס וועט מען ממשיך זיין? ביי וואָס פאַראַ אידישקייט האַלטען זיי אַז מען זאָל עס פאַרטזעצען און איינפלאַנצען? ביי וועלכען איד אַמאָל, אפילו ביים דערווייטערסטטען, האָט ניט אַ ציטער געטאָן אינם הייליגען יום־כפור טאָג. היינט קומט אַרויס דער ראש הציונים וראש המדינה און איז בפומבי מכחיש אַז ער זאָל „חלילה" האָבען געפאַסט אין יום צום הגדול והקדוש. איז דאָס דער נייער חינוך וואָס דאַרף זיכערען אונזער המשך? דער חינוך וואָס וועט פאַרבינדען אונזער עבר מיטן עתיד?

* * *

טאָג־שולען, בתי־חינוך, און מסתמא אויך ישיבות קטנות, פאַרמעסטען זיי זיך אויפצושטעלען. און דאָס דאַרף געטאָן ווערען, ווי דער „רעליגיעזער ציוני" דריקט

זיך אויס, דורך „ציוניסטען מכל המינים”... אין שוואַרץ־אַפּעל פון תורה יהדות גייען זיי זיך אַריינבאַקומען, און פון דאָרט אויס פירען זייער הריסת־הדת.

פאַר יעדען איז גוט באַקאַנט דער טרויעריגער מצב היהדות ביים אַמעריקאַנער אידענטום ביז ערשט ניט־לאַנג צוריק. וואו הפקרות, עם־הארצות און אַבסאָלוטע אומוויסענהייט, האָבען אַרומגענומען גרויסע אידישע מאַסען; וואו כמעט אַלע אידישע קינדער זענען געלאָזט געוואָרען לגמרי הפקר, אָן חינוך, אָן יהדות און אָן מינדעסטען שפּור פון אידיש וויסען און צובונד צו זייער פאָלק, זייער תורה און זייער ג־ט.

ערשט די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר, ווי עס איז געקומען די שינוי לטוב, ערשט ווען גדולי ישראל, מרביצי תורה, און אָרטאָדאָקסישע עסקנים, האָבען אָנגע־הויבען אויסצובויען אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד ישיבות קטנות, ישיבות גדולות און בית יעקב׳ס, ערשט דאַמאָלס האָבען טויזענדער טאַטעס און מאַמעס אָנגעהויבען צו דערזעען און דערפילען זייער פאַרברעכערישער נאַכלעסיגקייט פון לאָזען זייערע קינדער, זין און טעכטער, הפקר און אויסגעליידיגט פון אידישקייט און פון יעדען רגש קודש. און טאַקע נאָר אַ דאַנק די ערליכע און פרומע בתי־חינוך, זענען טויזענדער און צענער־טויזענדער אידישע קינדער, אידישע היימען, און אפילו ישובים גאַנצע, שוין געראַטעוועט געוואָרען פאַר תורה און פאַר יהדות.

און יעצט קומען זיי, די פּרעדיגער פון אַ „ביט־אידישער אידישקייט”, זיך אַריינרייסען אין פעלד פון חינוך. עס איז זיי גרויס אין די אויגען, וואָס מיט מסירת־נפש ממש איז געלונגען ערליכע אידען די התחלה פאַר דערציען דורות נאמנים לד׳, תורתו ועמו. עס איז זיי וויניג, וואָס אַלע זייערע פּרוּוען פון אַ „תרבות” און „אידי־שיסטער” שול־וועזען, האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס אַ פולשטענדיגער דורכפאַל און באַנקראָט, פאַרמעסטען זיי זיך יעצט אויף אונזער קדשי־קדשים, אויף אונזער חינוך־התורה פון תינוקות של בית רבן, און אויף אונזערע בתי־היוצר של נשמת האומה.

* * *

עס איז אַ פעלשונג אויפן גאַנצען פראָנט. מען גייט פעלשען אידישע באַגריפען, אידישע ווערטען, אידישע אָריגינאַליטעט און אידישען אינהאַלט. ווי יענע מאַרעוויכער וואָס רוקען אונטער ווערטלאָזע געשליפענע גלעזלעך אַנשטאָט ראַיעלע ווערטפולע דיאַמאַנטען, מען גייט אונז געבען ציונות אַנשטאָט יהדות. אַנשטאָט אונזערע טויזענט־יעריגע קניני האומה און קדשי ישראל, אַנשטאָט אונזער געהייליגט אידיש לעבען, גייט מען אונז איצט „באַגליקען” מיט קנינים וועלכע זיינען אינהאַלטסלאָז און ווערטלאָז. אַזעלכע וואָס האָבען ניט קיין שייכות מיט אידען און מיט יהדות. אַזעלכע וואָס: לא שרירין ולא קיימין.

די סכנות פאַר אידישקייט, פאַר אמת׳ער יהדות, ווערען גאָר גרויסע. זיי, די ציוניסטישע ליידיג־גייער אין „גלות”, גייען ערציען, לערנען און „העברעאיזירען” אידען און אידישע קינדער און זיי „מאַכען באַוואוסטזיניג”, אַז יהדות מיינט נישט מער קיין דת משה וישראל, קיין מסורת ישראל, קיין תורה און קיין מצות שבתורה. אַלע עיקרי הדת והאמונה, פאַר וועלכע אידען האָבען זיך מוסר נפש געווען מדורי־דורות, זיינען היינט מער ניט קיין עיקר פאַר אַ איד. דאָס זיינען ענינים פון מהיכא תיתי... יעדענס אַ פּריוואַט זאַך... יאָ — יאָ, ניט — ניט... דער עיקר שביהדות וועט זיין קויפען אַ... שקל, זיך אָנהענגען אויפן האַלז (ניט חלילה אויף דער טיר...) אַ מזוזה׳־לע, קומען צו אַ חנוכה אָדער פורים־פעסטיוואַל מיט ראַביים, אַקטיאָרען און טענצע־

רינס אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, טאַנצען אַ הורא און שרייען הידד מדינת ישראל... דאָס וועט זיין דער „העברעאישער חינוך״ וואָס די אַלערליי ציוניסטישע „גלות־יסטען״ זעען פאַר זייער נייער טעטיגקייט, און מיט דעם, און דורך דעם, באַרעכטיגען זייער ציוניסטיש־גלות׳דיגען קיום.

* * *

צו דעם איצטיגען ציוניסטישען קאָנגרעס האָט מען מאָביליזירט אַלע כחות. ער דאַרף זיין אַ „היסטאָרישער״. מען גייט עפענען די טירען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מכניס זיין תחת כנפיו אַלע אידען איבער דער וועלט. אַלע קהילות און אַלע באַוועגונגען, ציוניסטישע ווי ניט־ציוניסטישע. און אַזוי נאָך כובש זיין דעם כלל ישראל. במשך יאָרען זיינען שוין געמאַכט געוואָרען פאַרשידענע פרואוען אַריינצוקריגען אַלע אידישע קרייזען אונטער זייערע פליגלען. זייערע כל׳ערליי וועלט־קאָנגרעסען, יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, האָבען געהאַט דעם דאָזיגען ציל. איצט קומט אַ נייע און פאַרגרעסערטע אַקציע. היינט פאַרמעסט מען זיך שוין אויך פאַר פאַנגען רעליגיעזע באַוועגונגען, אַזעלכע וואָס אָריענטירען זיך ניט צו־גוט און צו־טיף אין די פּראָבלעמען און אין די פאַרפירערישע כוונות.

מיר האָפען, און מיר ווילען זיין זיכער, אַז פונקט ווי זייערע אַלע ביז־איצטיגע פרואוען צו ווערען די מושלים און דוברים פונם גאַנצען כלל ישראל זיינען זיי ניט געלונגען, אַזוי וועט אויך זיין דער זעלבער רעזולטאַט מיט זייער איצטיגען פרואוו. און זיכער וועט זיך קיין איינציגע רעליגיעזע גרופּירונג און באַוועגונג ניט לאָזען פאַנגען איינגעשפּאַנט צו ווערען אַלס שותפים, פאַר העלפען זיי צו מאָנאָפּאָליזירען דעם דעת הקהל פונם כלל ישראל.

אָבער צי איז דאָס גענוג? צי אין אָנבליק פון זייער פאַרמעסט צו ווערען די אַליין־הערשער אינם אידישען כלל־לעבען, איז גענוג אונזער נעגאַטיווער ענטפער פון ניט גיין מיט זיי? דאָס איז אַ גרויסע און האַרבע פראַגע.

אין אָנבליק פון דער געפאַר פאַר תורה־אידען און פאַר תורה־יהדות, בלייבט פאַר אונז שומרי תורה ומצות איין פאַרטיידיגונגס־וועג, וועלכער קען אונז שיצען פון די אַלע מזייפי ושונאי הדת, און דאָס איז: אחוד הכחות של כל היראים. דאָס תורה־אידענטום מוז אויפשטעלען אַן אייגענעם פאַראייניגטען כוח. אַ געשלאָסענעם תורה־פראָנט וואָס זאָל זיך וועהרען געגען די אַלע תחבולות פון חפשים און חפשיות, און זיין דער רעפּרעזענטאַנט פונם תורה׳דיגען כלל ישראל.

* * *

דאָס איז דער איינציגער ענטפער, וואָס דאַרף געגעבען ווערען מצד דעם תורה־אידענטום אויף אַלע זייערע פרואוען. דאָס זענען געווען די כוונות און די מטרות פון די גדולי ומנהיגי ישראל, בעת זייער מייסד זיין די אגודת ישראל באַוועגונג, און דאָס איז נאָך מער חל אויף אונזער איצטיגער צייט.

די סכנות זענען גרעסערע, און דער איחוד הכחות של כל היראים והשלמים איז נאָך נויטיגער און דרינגענדער. דאָס התגברות פון מאמינים איבער די וועלכע האָבען זיך געשטעלט פאַר זייער ציל: „להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך״, ווערט היינט נאָך אַקטועלער.

בימים ההם, ובפרט בזמן הזה.

(ד. א. וו. כסלו־טבת, תשכ״א)

אַ "פּול און גאַנץ" אידיש לעבען

האַלטען מיר שוין נאָכ'ן ציוניסטישען וועלט־קאָנגרעס, און נאָך אַלע זייערע תרפ"ט וועלט־קאָנפערענצען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דער לעצטער צייט. וואָס אמת, דאַרף מען פעסטשטעלען, אַז כמעט אין אַלע די וועלט־צוזאַמענפאָרען באַטייליגען זיך דאָס רוב די זעלבע מענשען, און בראש פון זיי אַלע שטייען די זעלבע פירער. עס איז, אַזוי צו זאָגען, די זעלבע יענטע נאָר אונטער גענענדערטע שלייערן. אַלע האָבען זיי טאַקע באַזונדערע נעמען און מ'כלומר'שט באַזונדערע אויפגאַבען, אָבער אין סך־הכל זיינען זיי די זעלבע, מען דאַרף גאָר־גרויסע פאַרגרעסער־גלעזער, אַז מען זאָל זיין ביכולת צו דערזעען די אונטערשיידען צווישען איינעם און אַנדערען און צווישען זייערע אויפגאַבען און צילען.

איינס איז זיכער, אַז דער הצד השוה שבהם איז זייער אַנטשלאָסענקייט צו ווערען די איינציגע בעלי־בתים פונ'ם אידישען ציבור און די וואָרט־זאָגער פון אידישען פאָלק. מען קאָן נישט לאָזען, זאָגען זיי, די אידען איבער דער וועלט אין אַ כאַאָטישען צושטאַנד און ניט אָרגאַניזירט. מען דאַרף אַלע אידישע קיבוצים איבער דער וועלט צוזאַמענעמען און פאַראייניגען. און פאַרשטענדליך, אַז די אידישע וועלט־פאַראייניגונג דאַרף זיך געפינען אין רשות פון זייערע, פון פאָראויס־צוגעגרייטע "וועלט־פאַרבאַנדען" און "קאָנגרעסען", און ממילא אונטער זייער אויסשליסליכער פירערשאַפט.

* * *

אַזוי האָט דער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס באַשלאָסען ברייט צו עפענען זיינע טירען און טויערן פאַר אַלע אידען זיך איינצושליסען אין זייערע רייען, ממש כל דכפין ייתי ויכול. און אַזוי איז אויך לעצטענס פאַרגעקומען אַ גרינדונג פון אַ "וועלט־קאָנפערענץ פון אידישע אָרגאַניזאַציעס", וועלכע דאַרף דערפירען צו אַ פערמאַנענטע וועלט־פאַראייניגונג פון אַלע אידען אין דער וועלט. אַ וועלט־פאַרבאַנד פון אַלע גרופען, אַלע קהילות און פון אַלע אידען בכל מקום שהם. און פאַר דעם אייגענעם צוועק זיינען שוין כידוע פון לאַנג פאַראַן אַן "אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס", אַ "אידישער וועלט־קאָנגרעס", א. אַ. וו.

אַלע זיי זאָרגען זיך וועגען "פאַראייניגען דאָס וועלט־אידענטום". און אַלע האָבען זיי, ווי געזאָגט, איין שטרעבונג: צו מאָנאָפּאָליזירען דעם אידישען דעת־הקהל און האָבען אין זייער רשות דעם כלל־ישראל. און דעריבער איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אומאָפּהענגיג וויפיל אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זאָלען ווערען געגרינדעט, טרעפט איר אָבער אומעטום די זעלבע מענשען אַלס די פירער. העכסטענס ענדערט זיך זייער סדר. און ווי דאָס פאָלקס־ווערטעל גייט: "אַמאָל איז עס: מכשפה לא תחי', אַמאָל: לא תחי' מכשפה, און אַמאָל גאָר: תחי' לא מכשפה... אָבער די זעלבע מכשפה איז פאַראַן איבעראַל". די זעלבע מענטשען מוזען זיין אומעטום די עומדים בראש. ווייל אַרויסלאָזען פון דער האַנט די פאַרזאָרגונג פונם כלל־ישראל, דאָס וועט איר ביי זיי ניט פועל'ן. זיי האַלטען זיך פאַר די אַפּוטרופּסים פאַר'ן כלל־ישראל. און וויפיל פּרוואוען זייערע זאָלען דורכפאַלען — און געוועזען אַזעלכע גענוג אָפּט — האַלט עס זיי ניט אָפּ פון ווייטערע פּרוואוען, אונטער

נייע נעמען און ביי נייע אומשטענדען. זיי ווילען מיט אַלע מיטלען, און דורך כלערליי אופנים, דערגרייכען זייער אַמאָליג־געשטעלטען ציל פון: כיבוש הקהילות.

* * *

עטליכע יחידים, אַ הייפעלע מאַכט־זוכענדע מענטשען, וועלכע שטייען בראש פון דער מדינת־ישראל און פונ׳ם ציוניזם, פאַרמעסטען זיך צו נעמען אין אַרענדע דעם גאַנצען כלל־ישראל. דאָס אידענטום ווערט אַן אָביעקט פון אַן עפענטליכען פלפול: צו וואָס איז דאָס אידענטום באַשאַפען געוואָרען? וואָס איז זיין הויפט־אויפגאַבע? און ווען און מיט וואָס האָט עס בכלל אַ זכות־הקיום? די פאַטריאָטען פון מדינת־ישראל, וועלכע זעען דעם גאַנצען גלגל החוזר בעולם הישראלי, נאָר אין און אַרום דער מדינה, זעען אין אידען נאָר אַ מאַטעריאַל מיט וועמען, און דורך וועמען, צו פאַרגרעסערן און פאַר־שטאַרקן די מדינת־ישראל, און דעריבער דאַרפען זיי אַליין, מכל מקום שהם, גלייך עולה זיין אין דער מדינה. אויב זיי טוען דאָס נישט, שטעלען זיי אין סכנה ניט נאָר די מדינה, נאָר אויך זיך אַליין. די אידען, לויט זייער שיטה, וועלכע בלייבען אין די תפוצות הגולה, דראָט אַ געפאַר פון אונטערגאַנג ח״ו. אידען און אידיש לעבען קאָן ניט, לויט זייערע רייד, בלייבען לעבען, אויב זיי געפינען זיך מחוץ לארץ־ישראל, און האָבען ניט קיין שום מעגליכקייטע אויף עקזיסטענץ, ניט פיזיש און ניט גייסטיג.

און אַפילו די ציוניסטישע פירער וועלכע זיינען ניט מסכים מיט אַזאַ עקסטרעמער שטעלונג, זאָגען זיי אָבער אויך, אַז אמת, מיטאַמאָל אַרויספירען אַלע אידען פון די גלות׳ן קאָן מען ניט, און זיי וועלען ניט גיין אויך, אָבער „מכשיר״ זיין זיי דערצו דאַרף מען יאָ...

די אידען גופא דאַרף מען גאַרנישט פרעגען. זיי, די אַליין געקרוינטע מנהיגים, וועלען זיך שוין אויסקאָכען, אַרומ׳פלפול׳ן, און סוף־כל־סוף זיך אויסגלייכען, און פאַר׳ן אידישען פאָלק דעצידירען. אַזויפיל אידען פאָרען שוין, און כך וכך וועלען פאָרען מיט דער צייט...סיי־ווי וועלען די „גלות־ציון־פירער״ ניט מיטפאָרען לעת־עתה. זיי וועלען זיין די שיקער און די משגיחים אויף דער עלי׳, אפשר אי״ה מיט׳ן לעצטען טראַנספּאָרט אידען וועלען אויך זיי „מיטפאָרען״...

* * *

איז איבעריג צו זאָגען דאָ, אַז מיר תורה־אידען זיינען די לעצטע צו זיין חלילה געגנער פון עלי׳ קיין ארץ־ישראל. ביי קיינעם מער ווי ביי דעם רעליגיעזען איד, איז ניט אַזוי טיף איינגעבאַקען די חיבת־ארץ־האָבות און די תשוקה זוכה צו זיין להשתקע בארצנו הקדושה. אונזער צובונד צו ארץ־ישראל איז אַ טויזענט־יעריגער. דער קשר פון עם־ישראל מיט זיין ארץ־ישראל איז אַן אייביגער און אַ געהייליגטער. ער איז פון ג־ט ברוך הוא אונז געגעבען געוואָרען, און מיר האָבען אים געטראָגען מיט זיך, און אין זיך, דור־דורות אין פריידען און אין ליידען, אַן אַ רגע היסח־הדעת. און היינט, בעת עס זיינען פאַראַן מעגליכקייטען, איז זיכער דער חוב פון ערליכע אידען עולה צו זיין, און דערמיט פאַרגרעסערן דעם אידישען ישוב, און גאָר באַזונדער צו שטאַרקען דעם חרדי׳שען ישוב, וועלכער שטייט אין זיין שווערען גראַנגעל פאַר דערהאַלטען די קדושת־הארץ און קדושת־העם.

אָבער דערביי טאָר מען ניט פאַרקוקען, אַז גאָר אַנדערש שטעלט זיך אַוועק דאָס פּראָבלעם ווען מען וויל אַוועקשטעלען און אָנהענגען דעם גאַנצען אידישען קיום מיט און אין דער מדינת־ישראל. דאָס איז שוין נישט אַזוי פשוט. אין דעם בלויזען אַוועק־

שטעלען דעם קיום פון אידען און דעם קיום פון יהדות און עס אָנהענגען אין יאָ אָדער ניט מדינה, אָדער אין אַ גרויסער צי אַ קליינער, שטעקט אַן אַבסאָלוטע פעלשונג און אַ סכנה פאַר׳ן עצם קיום און נצחיות פון ישראל. מיר ווילען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אין דער גאַנצער ברייט און טיף פון דאָזיגען ענין, אָבער פעסטשטעלען דאַרף מען יאָ, און מיט גאָר קלאָרער אָפענקייט, אַז אַזעלכעס איז אַן אַבסאָלוטע, היסטאָרישע און יסודות׳דיגע פעלשונג לגבי די קיום־יסודות פונ׳ם אידישען פאָלק.

* * *

לויט דער תורה הקדושה און לויט אונזער געשיכטע, איז אונזער אידישער קיום מיט גאָרנישט ערדישעס פאַרבונדען. מיר אידען זיינען געוואָרען אַ פאָלק אין דער מדבר, ניט פאַרמאָגענדיג קיינע פיזישע כוחות און אַטריבוטען, וועלכע מאַכען נאַטירליכערווייז אַ פאָלק פאַר אַ פאָלק. אַרויסגייענדיג פון גלות מצרים, אין אַ מדבר־שממה, ניט האָבענדיג קיין ערד, קיין זעלבסטשטענדיגע מלוכה, און אַפילו ניט קיין נאַטירליכע שפייז און וואַסער, זיינען מיר דווקא דאָרט, ביי אַזעלכע ניט־פאָלקישע באַדינגונגען, אַ פאָלק גע־וואָרען. די השגחה האָט אַזוי געוואָלט און געלענקט, און ער אַליין, ברוך הוא וברוך שמו, האָט אונז פאַר׳ן עם־ישראל פראָקלאַמירט. און ניט בלויז פאַר אַן עם ככל העמים, נאָר פאַר זיין פאָלק, פאַר׳ן עם־הסגולה און עם־הנבחר.

און וויפיל עס איז אונז ערלויבט צו וועלען פאַרשטיין די דרכים פון דער השגחה — תורה היא וללמוד אני צריך — זעען מיר אין דעם די נפלאות פון די דרכי השם. וויל טאַקע דערפאַר וואָס דער בורא עולם האָט געוואָלט זיכערן לעולמי עד דעם קיום פון אידען, האָט ער זיין פאָלק געשאַפען דווקא אויף אַזאַ אופן, און ניט אויף נאָרמאַל־פאָלקישע אופנים. און דאָ ליגט דער יסוד און דער סוד פון אונזער געזיכערטער אייביג־קייט, ווען אַפילו גאָרניט האָבענדיג, ביי די ערגסטע אומשטענדען, זאָל אונזער קיום ניט זיין באַדראָט. ערד, מדינה, מלכות, פינאַנסען, פיזישע גבורה, זיינען ניט די יסודות אויף וועלכע מיר אידען לענען זיך אָן, און ניט די יסודות אויף וועלכע אונזער נצחיות באַשטייט.

אונזער עקזיסטענץ און אייביגקייטס־יסודות זיינען גייסטיגע, איבער־ערדישע און הימלישע, אַזעלכע וואָס קיין בשר־ודם, קיין מאַכט און קיין געוואַלט, איז ניט בכוח זיי אונטערצוברעכען און פאַרלענדען, ח״ו; און אַזעלכע וועלכע זיינען ניט אָפּהענגיג פון פלאַץ, צייט און באַדינגונגען. ביים הר־סיני, אין טאָג פון קבלת־התורה, זיינען מיר פון השי״ת אַליין אַלס פאָלק פראָקלאַמירט געוואָרען. הסכת ושמע ישראל היום הזה נהיית לעם לה׳ אלקיך. השי״ת האָט אונז אידען, און אונזער קיום ונצחיות, צוזאַמענגעבונדען מיט׳ן נצחיות פון בורא כל העולמים און זיין הייליגע תורה.

* * *

וואָס ווילען זיי אייגענטליך מיט׳ן אַריינבעמען אַלע אידען אין ציוניסטישען רשות? וואָס וועט שוין זיין, אַז מען וועט אידען „ציוניזירען״? אַמאָל האָט עס געקאָנט מיינען, אַז מען וויל דערמיט דערגרייכען אַן אייגענע מדינה, און צו דעם איז נויטיג אַ וואָס־גרעסערע באַוועגונג. אָבער היינט, אַז די מדינה איז שוין פאַראַן, און שטיצען און העלפען איר טוען דאָס אַלע אידען, ווער פאַר דער מדינה און ווער פאַר׳ן ישוב, טאָ צו וואָס דאַרף מען ווידער אידען מאַכען פאַר „ציונים״, און וואָס איז דאָס דער „באַנייטער ציוניסטישער פראָגראַם״?

קומט די נייע אַנטדעקונג, און מיר הערען פון זייערע פירער: „דער ציוניזם האָט מיסיעס וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט״. וואָס פאַראַ מיסיעס?

„אַבסאָלוטע דאָמינירונג פונ׳ם ציוניזם איבערן אידישען לעבען״; „דעראָבערונג פון אַלע קהילות און קערפּערשאַפטען״; „אַלע אידישע גלות׳ן דאַרפען זיין דאָס הינטערלאַנד און פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ קאָרידאָר צו מדינת־ישראל״; „זיכערן די אייניגקייט פון אידישען פאָלק און העברעאיזירען די אידישע וועלט״; „ציוניזם דאַרף ווערען אַ באַוועגונג פאַר גייסטיגער עמאַנציפּאַציע און געבען אַ דערציאונג אין נאַציאָנאַלען גייסט״.

דער עיקר איז אָבער, וואָס מען גייט אונז אידען — דורכ׳ן ציוניזם — מאַכען פאַר . . . אידען. מען וויל אונז „אַריינברענגען אין אַ אידיש לעבען״. און ניט אַ סתם אידיש לעבען, נאָר טאַקע אין אַ „פול און גאַנץ״ אידיש לעבען, . . און דאָס איז ניט חל דווקא פאַר דערווייטערטע און אַסימילירטע אידישע קרייזען, נאָר פאַר אַלע אידען. און טאַקע פאַר אונז שומרי תורה אויך . . . אויך מיר זיינען מיט אונזער שמירת התורה והמצוות כהלכתם, נאָך ניט „פול און גאַנץ״ אין אידישקייט, מיר וועלען עס ווערען ערשט נאָכ׳ן ווערען ציונים . . . עול התורה און עול מלכות שמים, זיינען נאָך ניט גענוג בכוח אונז צו מאַכען פאַר „פולע און גאַנצע״ אידען, נאָר ערשט נאָכ׳ן מקבל זיין דעם עול הציונות . . .

* * *

אידען, הייסט עס, וועלען פון איצט אָן באַקומען נייע מלמדים און מורי־דרך. זיי וועלען אונז און אונזערע קינדער ווייזען דעם זיכערן וועג צו „גאַנצער און פולער״ יהדות.

בן־גוריון וועט מיט אידען לערנען און מסביר זיין וואָס עס מיינט אָן „עם הנבחר״; ווער און וויפיל אידען זיינען געוועזן ביים „יציאת מצרים״; וואָס מיר האָבען „געשאַפען די לעצטע צוויי טויזענט יאָר״; ווי גרויס עס זיינען געוועזן „דוד המלך און שלמה המלך״; וויפיל מאָל מען דאַרף במשך 45 יאָר „גיין אין שול״; וועלכע תפילות זיינען „גוטע און פּאַסענדע״; צי מען דאַרף „פאַסטען אין יום־כיפור״; און „וואו און וועלכע אידען האָבען יאָ אַ ג־ט און וועלכע ניט״ . . . ישראל בר־יהודא וועט קלאָר מאַכען „ווער עס איז אַ איד״; און דער שר־התחבורה יצחק בן אהרן וועט אין דער כנסת פּראָקלאַמירען לעיני כל ישראל: אַז „עם ישראל אינו יכול להתקיים עם שמירת שבת״ . . .

דאָס וועט זיין אין ארץ־ישראל. און אין די „גלות׳ן״? דאָרט וואַרטען פאַר אונז די נחום גאָלדמאַנ׳ס און מרדכי קאַפּלאַנ׳ס, די אייזענדראַט׳ס און נעלסאָן גליק׳ס (דרך אַגב, דער זעלבער גלחיש־אויסזעענדיגער און גילוי־ראש׳דיגער גליק, וואָס האָט ביי דער פייערליכער קענעדי־אינאַגוראַציע, ס׳מאָל ניט געקאָנט איבערזאָגען אָן גרייזען ד׳עם פּסוק פון ברכת כהנים . . .). זיי וועלען אונז אַריינפירען אין „פולען און גאַנצען״ אידיש לעבען, און זיי וועלען שוין מחנך זיין אידישע דורות . . . פאַר דעם דאַרף מען דאָס ווייטער אָנהאַלטען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט אַלע אירע אַפּאַראַטען און מיט אַלע אירע ריזיגע קהל׳ישע בודזשעטען; פאַר דעם האָט מען אַזוי שטאַרק געקעמפט ביים קאָנגרעס זייערן; און פאַר דעם האָבען זיך די „ציונים דתיים״ אַזוי שטאַרק איינגעשטעלט צו דערהאַלטען . . . נישטאָ ווער עס זאָל לאַכען.

אַוודאי וואָלט זיך געוואָלט לאַכען פון דער מיאוסער קאָמעדיע. אָבער לײדער איז דאָס ניט קיין קאָמעדיע נאָר אַ טראַגעדיע. און אַ ביטערע דערצו. מען גייט אונז אידען געבען אַ „פולע און גאַנצע״ אידישקייט פון: נהי׳ ככל הגויים בית ישראל. דאָס איז דער אמת׳ער פּשט פון ווייטער לאָזען אַ ציוניסטישע באַוועגונג, און דאָס זיינען די אמת׳ע כוונות פון זייערע באַנייטע פּראָגראַמען מיט וועלכע מען וויל אונז אידען מזכה זיין.

* * *

טאָמער איז דאָס נאָך נישט גענוג פאַר אונזער „נייער אידישער דערציאונג״; טאָמער אַחר כל אלה, וועלען מיר נאָך נישט ווערען געווגן „ציוניסטיש־אידיש באַוואוסט־זיניג״; האָבען זיי שוין גרייט אַ נייעם יהדות־רעצעפּט, וועלכער וועט „זיכער״ העלפען... זיי, דורך זייער נייער מאַכעררייקע „וועלט־קאָנפערענץ פון אידישע אָרגאַניזאַציעס״, און ווידער מיט נחום גאָלדמאַן בראש, וועלען אונז פירען קיין רוים, צו אַ שותפות מיט׳ן וואַטיקאַנ׳ס „עקומעניקעל קאַונסיל״, אַ קאָנגרעס וואו די בישאָפען און קאַרדינאַלען, צוזאַמען מיט אונזערע „שליחי־ציבור״, וועלען העלפען פאַרשטאַרקען אונזער „יהדות באַוואוסטזיין״, דורך איינשטעלען באַציאונגען צווישען דעם „אַלטען און נייעם טעסטאַ־מענט״, און צוזאַמען „לייגען די בריק צווישען דער קאַטוילישער און אידישע ברידער־וועלט״...

פירושים צו דעם פּלאַנירטען „קאַטויליש־אידישען שידוך״ זיינען לגמרי איבעריג. עס כאַפּט אַ שוידער פאַר דעם הפקרות פון די הפקר׳דיגע „אידישע פירער״. אַ דעמאָ־ראַליזירענדע הפקרות וואָס קאָן ברענגען צו חורבנות אין אידישען לעבען, און וועלכע האָט אפשר ניט קיין פאַרגלייך אין דער אידישער געשיכטע.

* * *

פאַר׳ן תורה אידענטום שטייט, און מוז שטיין, דאָס פּראָבלעם אין זיין גאַנצער שאַרפקייט. מיר טאָרען זיך ניט לאָזען פאַרפירען פון קיינע אילוזיעס. ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר וואַקלענישען, ספקות און פשרות. דער ציוניזם, אין אַלע זיינע שאַטירונגען, איז אַן אַבסאָלוטע רעפאָרם־באַוועגונג, און דאָס אַ גאָר־געפערליכע. דאָס איז געווען דער ציוניזם באַלד אין סטאַדיום פון זיין אַנשטייאונג, און דאָס זעלבע איז ער היינט אין אונזער צייט. און אפשר היינט נאָך בולט׳ער און שאַרפער ווי אַמאָל. סוף מעשה במחשבה תחילה. ניט בחנם האָבען אַלע גדולי ומנהיגי ישראל אַזוי שאַרף באַקעמפט דעם ציוניזם. זיי, די חכמים הרואים את הנולד, האָבען דערפילט די סכנות פאַר יהדות פון אַזאַ סעקולאַרער באַוועגונג מיט אַזעלכע ג־טלאָזע פירער; פון אַ באַוועגונג וואָס איינע פון אירע הויפּט־צילען, איז צו רעפאָרמירען דאָס גאַנצע אידישע לעבען, אַלע אידען און דאָס גאַנצע אידישקייט, אין ארץ־ישראל און בכל תפוצות ישראל.

מיר מוזען מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט אָפּוואַרפען יעדע מין פאַראייניגונג און דערנענטערונג מיט קרייזען וועלכע ווילען זעען דעם עם־ישראל אַלס אַ סעקולער „וועלטליך״ פאָלק. מיר מוזען מיט דער פולער אַנטשלאָסענקייט צוריקווייזען יעדען פּרוואו פון די אייביגע פוסחים על שתי הסעיפים, וועלכע ווילען ווייטער אָנהאַלטען זייער פסול׳ע התחברות און קשר מיט חפשיים, און ווידער פאַרפירען תמימות׳דיגע רעליגיעזע קרייזען צו שיטות אין וועלכע אַלע גדולי־ישראל האָבען געזעען סכנות פאַר החזקת הדת און קיום היהדות.

מיר, שומרי תורה ומצוות, וועלכע זעען אינ׳ם עם־ישראל דעם עם הקדוש והנבחר, וועלען ניט, און קאָנען ניט, מאַכען קיין התחברות מיט פורקי עול התורה ויהדות, און ניט גיין אין קיין שותפות מיט מענטשען און מיט באַוועגונגען, וועלכע ווילען אויסליידיגען אידען פון דעם דורות׳דיגען קדושת־החיים, וועלכע מיר האָבען מיט מסירת־נפש דערהאַלטען טויזענטער יאָרען, מיום היותנו לעם ועד היום הזה.

* * *

זיי, די הערצעל׳ס און די ווייצמאַנ׳ס, די בן־גוריונ׳ס און די גאָלדמאַנ׳ס, די קאַפּלאַנ׳ס און די גליק׳ס, זיינען נישט, און קאָנען נישט זיין אונזערע מנהיגי־ישראל

מיר ווע‌לען זיך קיינמאָל ניט אונטערוואַרפען זייער הנהגה און זייערע השפעות; מיר וועלען קיינמאָל נישט דערלויבען, אַז אונזערע אונטערוואַקסענע דורות זאָלען אין זיי זעען אידישע מנהיגות. מענטשען וועלכע אָנערקענען נישט דעם דת משה וישראל, קאָנען ניט זיין אָנערקענט אַלס אויטאָריטעטען אינ׳ם עם ישראל.

מיר אידען וויסען אַליין וואָס עס מיינט א „אידיש לעבען". מיר דאַרפען עס נישט ביי זיי לערנען. און זיכער איז פאַר אונז קלאָר וואָס עס מיינט אַ „פול און גאַנץ" אידיש לעבען. טויזענטער יאָר לעבען מיר שוין אַ אידיש לעבען, און טויזענטער יאָר זיינען מיר זיך מוסר־נפש און גיבען אונזערע לעבענס דערפאַר. אָך און וויי, חלילה, וואָלט געווען צו אונז און צו אונזער אידישקייט, אַז מיר זאָלען איצט ערשט אָנהויבען צו גיין אין חדר אַריין צו די ג־ט־לייקענער און עמי־הארץ, צו די מזייפי התורה און מחללי כל הקדוש לנו ולעמנו.

* * *

מיט זיי האָבען מיר ניט קיין שייכות. מיט זיי מאַכען מיר ניט קיין שותפות. דאָס איז פאַר יעדען פון אונז תורה־אידען קלאָר כאור השמש בצהרים. דאָס רעליגיעזע אידענטום האָט ניט, און וועט ניט האָבען, קיין שייכות מיט אַלע זייערע „וועלט־פאַראייניגונגען", „קאָנגרעסען", „קאָנפערענצען" און „פאָלקס־באַוועגונגען". זיי רעפּרעזענטירען ניט און האָבען ניט קיין רעכט צו רעדען אינ׳ם נאָמען פונ׳ם רעליגיעזען אידענטום.

דאָס אָבער וואָס עס געשעט היינט אין אידישען לעבען, איז אונז תורה־אידען יאָ מחייב צו אַ שותפות. אַ שותפות פון אַלע שומרי־תורה און מאמינים. אַ צוזאַמענאַרבעט פון אַלע קרייזען ערליכע און פרומע אידען וועלכע ווילען זעען דעם אידישען ציבור פול, גאַנץ און פעסט באמונתם ובקדושתם. איצט אין דעם שעת־החירום אין דער אידישער וועלט, קאָן מען בשום־אופן ניט יוצא זיין פאַר יהדות־התורה מיט דעם וואָס יעדער איז בונה במה לעצמו, אַפילו מיט די בעסטע און ריינסטע כוונות.

דעם חפשיות׳דיגען כלל ישראל, וואָס זיי פאַרמעסטען זיך איצט אויסצובויען, קאָן מען נאָר זיך געגענשטעלען מיט אַ פעסט צוזאַמענגעגומענעם תורה׳דיגען כלל־ישראל.

(ד. א. וו. שבט, תשכ״א)

קאפיטעל ט״ו...

(אַרום דער בן־גוריון—לבון אַפּערע)

שוין חדשים לאַנג ווי גאַנץ ארץ ישראל איז עוסק אין אַ „פּרשה״... די דאָרטיגע פּרעסע און דער גאַנצער ישוב הערט זיך ניט אויף צו קאָכען אַרום דער דאָזיגער לבון־פּרשה. די מחלוקת צווישען דוד בן גוריון און פּנחס לבון האָט אויפגעפלאַקערט אין אַ העליש פייער און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שנאה כבושה, און די מפא״י צוריסען אין צוויי פאַרביטערטע און קעמפענדע לאַגערען. אָבער די אינערליכע מפא״י מלחמה, איז ווייט אַריבער די ענגע גרעניצען פון זייער אייגענער פּאַרטיי־משפּחה, און כמעט דער גאַנצער ישוב איז מיט־געצויגען געוואָרען אין דעם אש מתלקחת פון דער מפא״י׳שער שנאת־אחים. עס האָט שוין אַנגענומען אַזעלכע ווילדע פאָרמען, אַז שרייבער, אינטעלוקטועלע און וויסענשאַפטלער זענען אַרויס עפענטליך מיט פּראָטעסטען, און סטודענטען און יוגענטליכע מיט גאַסען־דעמאָנסטראַציעס.

אויך אין חוץ לארץ, אין אַלע קרייזען פון דער אידיש־געזעלשאַפטליכער עפענטליכקייט, האָט די אַזוי־גערופענע „פּרשה״, געפונען אַ גרויסען אָפּקלאַנג, פאַראינטערעסירונג און ביטערניש, מיט צדדים און צדדי־צדדים.

מוזען מיר זאָגען דעם אמת, אַז אונז רעליגיעזע אידען איז דאָס גאַנצע ענין דירעקט אַבסאָלוט ניט נוגע. מיר האָבען ב״ה אונזערע אייגענע פּרשות הסדרה אין דער תורה. הייליגע פּרשיות וועלכע מיר לערנען כסדר מדי שבוע בשבוע, שנים מקרא ואחד תרגום, און מיר נויטיגען זיך לגמרי נישט אין זייערע „פּרשיות״ פון פערזענליכע רייסערייען און „באָסישע״ הערשערייען פון צוויי אַמביציעזע און מאַכט־קאָנקורירענדע מענשען. עס איז ווי מען זאָגט עפּעס: „ניט מיין וואָגען און ניט מיינע פערד״... און מיר קאָנען רוהיג איבערלאָזען דעם גאַנצען „עסק־ביש״ פון דער דאָזיגער „פּרשה״, צו די וועלכע האָבען עס פאַרקאָכט און קאָנען דערפון ניט פּטור ווערען.

* * *

אויב מיר נעמען דאָך שטעלונג צו דעם „עסק ביש״, איז עס ווייל דער ענין רירט אָן מער ווי דער קריגערישער מפא״י־משפּחה. עס באַרירט דעם גאַנצען ישוב אין ארץ ישראל, און אפשר אַלע אידען בכלל. דורך אַזעלכע „פּרשיות״ דערזעט די וועלט דעם פּרצוף פונם אידישען פאָלק ווי דורך אַ „קרומען שפּיגעל״, ווי דער אידישער כבוד ווערט נשפל, און דער נאָמען פון עם ישראל ווערט נתחלל.

אָבער נאָך אַ זאַך ברענגט אונז צו אונזער נעמען שטעלונג. ווען נאָר עס האָט זיך געטראָפען, אַז פרומע אידען האָבען עפּעס געזאָגט אָדער פּראָטעסטירט געגען דער פירונג אין דער מדינת ישראל, — און זיי זענען באמת דערצו געצוואונגען געוואָרען דורך דער דאָרטיגער העברת־הדת, — האָט מען פון אַלע זייטען זיי פּרובירט צו פאַרשרייען. אפילו אַזעלכע קרייזען, וועלכע האָבען אין די גוף העניינים מסכים געווען מיט די פרומע אידען, האָבען אָבער אויך זיי גע׳טענה׳ט: אמת איר האָט רעכט, אָבער מען

דאַרף זיך היטען פון פאַרשוואַרצען דאָס פּנים פון דער אידישער מדינה פאַר דער אויסען־וועלט; מען מוז זיין געוואָרענט פאַרן: מה יאמרו הגוים.

און דאָ מיט דער אַזוי־געראופענער „פרשה", קומען שוין ניט סתם־אידען נאָר אָפיציעלע פירער פון דער מדינה, און וויקלען אויף פאַר דער גאַנצער וועלט, אידישע ווי ניט־אידישע, אַזאַ אידישע פאַרשעמונג, אַזאַ מורא׳דיגען חילול כבוד ישראל; דאָ קומען מנהיגים און אחראים פאַר דער מדינה, און שטעלען אויס מיטן „עסק ביש", די מדינה, אירע מענשען און איר הנהגה, אין אַזאַ ליכט פון קליינשטעטעל׳דיגע גבאות־אַמפּעריי, פּערזענליכע מאַכט־אַמביציעס, און סאַדיסטישע נקמה־זוכעריי.

דער נאָמען פון דער מדינה און דער נאָמען פון אידען, ווערט, לעיני כל העולם, צו שאַנד און שפּאָט, און קיינער רעאַגירט ניט רעכט אויף דעם. פאַרקערט, אין דער גאַנץ און האַלב־ציוניסטישער פרעסע ווערט עס „דעליווערט" צום אידישען לייענער־עולם, ווי עפּעס אַ געשעעניש פון גרויסער פּאָליטישער און שטאַטס־מענערישען כאַראַקטער. עפּעס אַ קלייניגקייט? דאָ האַנדעלט זיך דאָך נישט אין אַזעלכע „נישטיגע" ענינים ווי צי די מדינה זאָל זיך יאָ אָדער ניט פירען על־פּי חוקי התורה והדת... דאָ גייט וועגען אַזאַ „וויכטיג" ענין, ווי צי זאָל בן גוריון מיט זיינע „יונגע" זיין די אַליין הערשער, אָדער צי זאָל לבון מיט זיינע „אַלטע" זיין די מיט־הערשער...

* * *

פון די וויכטיגסטע זאַכען מיט וועלכע די „וועלטליכע" מנהיגים פון דער מדינת ישראל שטאָלצירען אַמייסטען, און רוקען עס אַרויס ביי יעדע געלעגענהייט, אַז מיט דעם ווערט מדינת ישראל און דער עם ישראל דער „אור לגוים", איז — די דעמאָקראַטיע. די אידישע מדינה, זאָל עס הייסען, איז די וויכטיגסטע, און כמעט די איינציגע, דעמאָ־קראַטישע פעסטונג פאַרן גאַנצען מיטעל־מזרח. אַ סיסטעם פון דעמאָקראַטישע פאָלקס־פירונג, וואָס דאַרף ווערען אַ מוסטער פאַר די איבעריגע לענדער אין יענעם טייל וועלט, און אויך פאַר אַלע ניי־אַנטשטאַנענע מדינות שונות לעצטענס אין אַזיע און אין אַפריקע. זי דאַרף דאָס ווערען די דוגמא ווי אַזוי פעלקער דאַרפען פירען זייערע ניי־ערוואָרבענע מדינות אין פרייע דעמאָקראַטישע פּרינציפּען און פאָלקסטימליכע סיסטעמען.

מיר רעליגיעזע אידען פאַרשטייען, וואָס אמת, גאַנץ אַנדערש אונזער אידישער מוסטער אַלס דעם נביא׳יש־פאַראויסגעזאָגטען „ונתתיך לאור גוים". מיר פאַרשטייען עס און ווילען עס זעען אין אונזער אָריגינעל אידישער הנהגה; אין אונזער לעבען אין די דרכי התורה; אין אַ ביישפּיל פון תורה׳דיגען מוסר, מדות, מאָראַל און עטיק; אין אונזער ריינקייט, באַשיידענקייט און אָפּגעהיטענקייט, סיי בין אדם למקום און סיי בין אָדם לחבירו. אָבער זיי, די „וועלטליך־מאָדערנע", שטעלען אַרויס און שטאָלצירען מיט מער „מאָדערנע" באַגריפען, און קודם־כל מיט „דעמאָקראַטיע". מילא, זאָל זיין אַזוי. סוף־כל־סוף איז דאָך דער עצם באַגריף פון דעמאָקראַטיע, — די הנהגה און זאָרג פון פאָלק און פאַרן פאָלק, — אויך אַ אידישער, און אַנקערט טיף אין די יסודות פון תורה און יהדות. ווען די גאַנצע אַרומיגע וועלט האָט נאָך געטאַפּטשעט אין אַבסאָלוטער פינסטערניש און אָפּגעשטאַנענקייט, האָט דאָך שוין אונזער תורת השם געלערנט: „מקרב אחיך תשים עליך מלך"; „לבלתי רום לבבו מאחיו"; „צדק צדק תרדוף"; „מדבר שקר תרחק ונקי וצדיק אל תהרוג"; און „אחרי רבים להטות".

יעצט האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזען די טרויעריגע בן גוריון־לבון „פרשה", און מיט איינמאָל געמאַכט אַ שטרייך איבער אַלעם. און, לעיני כל, אַראָפּגעריסען דעם

שלייער איבער די אַלע שיינע פראַזען איבער דעם דאָרטיגען סיסטעם פון פאָלקס־הערשאַפט, דעמאָקראַטיע און גערעכטיגקייט. אנשטאָט דעם האָט זיך באַוויזען אַ „דעמאָקראַטישע דיקטאַטור"; אַ הערשאַפט פון אַ יחיד אַ מושל בכיפה; פון אַ תקיף וועלכער הערשט איינער אַליין, און וויל מיט דער הילף פון זיינע עטליכע נושא־כלים'דיגע „יונגע" אַדיוטאַנטען, פאַרזיכערען די ממשלה אויף להבא'דיגע צייטען.

דען וואָס איז דאָס וואָס עס שטייט הינטער דעם ענין, דעמאָקראַטיע אָדער אַליין־הערשאַפט? דעת־הקהל אָדער דיקטאַטור? פאָלקס־אינטערעסען אָדער ממשלה פון אַ געשלאָסענער גרופע, וועלכע וויל פאַר יעדען פרייז דערהאַלטען איר מאַכט איבער דער מדינה און איבער דעם ישוב?

* * *

וואָס דען איז דאָס אויב ניט דיקטאַטור.

אַלע, אָבער ממש אַלע, ווייסען אַז לבון איז אומשולדיג. עס איז אָבער און ווידער־אַמאָל פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דאָס אומגליקליכע געשעעניש מצד דער ישראל רעגירונג אין עגיפטען, וועלכע האָט ליידער גורם געווען אַז עטליכע אידישע יונגע־לייט זאָלען דאַדורך גיין צו דער תליה, איז ניט געווען לבונ'ס באַפעל. עטליכע הויכע באַאַמטע פון משרד־הבטחון האָבען געפעלשט לבונ'ס חתימה און אים געמאַכט פאַרן שעיר לעזאזל פאַר אַ חטא וואָס ניט ער נאָר דוקא זיי האָבען געטאָן. דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען קלאָר כאור השמש בצהרים, דורך אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס, דורך שופטים, מיליטער־לייט, און מיניסטאָרען אַפילו מפא"י'שע. אַלע, די גאַנצע מדינה און די גאַנצע געזעל־שאַפט איז אין דעם איבערצייגט.

אָבער דאָס אַלעס פועל'ט גאָרנישט. אַלס שולדיגער מוז ערקלערט ווערען דער אומשולדיגער לבון. אַזוי איז דער גזר־דין פון בן גוריון, דער מושל און באַפעלער פון דער מדינה. און נישט בלויז אַז לבון איז דער שולדיגער, נאָר ער מוז אויך באַקומען די שטראָף פאַרן ניט־באַגאַנגענעם חטא. ער מוז ליקווידירט ווערען פון אַלע זיינע פאָסטענס. „איך אָדער ער" פסק'נט בן גוריון, און „איך וועל מיט אים ניט זיצען אונטער איין דאַך". נו, מוז דאָך לבון בלייבען אָן אַ דאַך... עס דערמאָנט אין יענעם אַרעסטאַנט, אונטער דעם צאַרישען רעזשים, וועלכען מען האָט ערקלערט פאַר געשטאָרבען. יענער רייסט זיך און שרייט: געוואַלד, וואָס הייסט איך בין טויט? איך, איר און אַלע אַרום זעען דאָך אַז איך לעב... אָבער קיינער הערט אים מער ניט. „נאַטשאַלסטוואָ" האָט גע'פסק'נט אַז דו ביזט „טויט", דאַן איז גאָרניט צו מאַכען. אין לאחר מעשה נאַטשאַלסטווָ ולא כלום...

* * *

בנוהג שבעולם, אַפילו אין נישט־געוואַלדאַוונע דעמאָקראַטישע סיסטעמען, האָט יעדער מענש זיין רעכט פאַר פאַרטיידיגען זיך, און אוודאי צו באַווייזען זיין ריינקייט אין חטאים וואָס מען וואַרפט אים פאָר. מען באַשטימט אפילו לטובתו אַן אַדוואָקאַט־פאַרטיידיגער. אפילו דעם נאַצי־הענקער אייכמאַן ימ"ש ווערט באַצאָלט מצד מדינת ישראל זיין עמלק־אַדוואָקאַט און זיין אידישען געהילף. און דאָ קומט צו באַשטראָפען אַ אייגענעם מענש וועלכער האָט געהאַט די „חוצפה" זיך צו פאַרטיידיגען און טאַקע אויך באַווייזען זיין אומשולד... אַ יחיד מיט אַ גרויסקייטס־שגעון, וואָס אַלע פאַלען פאַר אים כורעים, — סיי פאַר זיינע חכמות און סיי פאַר זיינע טפשות'ן, — קומט און לייגט אַ וועטאָ אויף אַלע פעסטשטעלונגען פון לבונ'ס אומשולדיגקייט, מיט דער ווילדער ערקלערונג,

אַז זיין „גוויסען״ ערלויבט אים ניט אָנצונעמען די אַלע אַנטשיידונגען אַז לבון איז חף מפשע...

איר ווילט זאָגען, אַז איר האָט שוין אַמאָל אַזעלכעס ענליכעס געהערט, דאָס זענען דאָך די באַקאַנטע משפטים פון אמת, צדק ויושר אין אַמאַליגען סדום ועמורה... טאָ זייט מוחל און רעדט ניט קיין נאַרישקייטען. דאָס איז גאָר, לויט די לעצטע דער־קלערונג פון בן־גוריונ׳ס צד, אַ שמירה פאַר דעמאָקראַטיע, אַז „לבונ׳ס ריינוואַשען איז אַ געפאַר פאַר דער דעמאָקראַטיע וואָס בן־גוריון האַלט אַזוי טייער...״ איר פאַרשטייט עפּעס אַ משפט סדום, מען ווערט גאָר נאָך דעם אַלעמען אָפּגעטוענעם, אַ „ריטער״ פאַר דעמאָקראַטיע...

דער גאַנצער ישוב און די אידישע וועלט אומעטום שטייט דערשטוינט; דער פּרעסטיזש פון דער מדינה ליידט, אויך דער פּרעסטיזש פון דער מפא״י, פון דער הסתדרות, און פון בן־גוריון פּערזענליך, פאַלט, פון דער מעשה אשר לא ייעשה, אָבער אין רחמים בדין, אַזוי איז געפאַלען דער גזר דין פון בן־גוריונ׳ס „דיקטאַטור־דעמאָקראַטיע״...

דער אמת אָבער איז, אַז דאָ זענען פאַראַן דברים בגו...

אויב לבון איז אומשולדיג, זענען דאָך אַנדערע שולדיג. די אַנדערע זענען דאָך די אונטערגעשטעלטע שליחים פון די דאַמאָלסדיגע הויכע פּקידים אין דער אַרמיי און משרד הבטחון, משה דיין און שמעון פּערעס, און דאַן ציען זיך שוין די פעדים ממילא גלייך קיין שדה־בוקר, דאָס דאַמאָלסדיגע זיץ־אָרט פון בן־גוריון... און טאַקע גלייך ווי לבון האָט דאַמאָלס מיט זעקס יאָר צוריק געמוזט רעזיגנירען, איז בן גוריון צוריק גערופען געוואָרען פון שדה־בוקר און איבערגענומען לבונ׳ס הויכען אַמט אַלס שר הבטחון...

אין ארץ ישראל איז געפאַלען דער אויסדרוק „דרייפוסיאַדע״. מיר ווייסען ניט צי דער נאָמען און פאַרגלייך איז יאָ אָדער ניט אַ געלונגענער און פּונקטליכער. אָבער איינס איז זיכער, אַז גאָר אַ גרויסע ענליכקייט צווישען דעם איצטיגען עסק ביש אין ירושלים און יענעם עסק ביש אין פאַריז איז יאָ פאַראַן...

* * *

בן גוריון און זיינע נאָכפאָלגער „האַלטען״ וויניג פון אונזער גאַנצער אידישקייט; אונזער טויזענד־יעריג יהדות פון תורה ואמונה, פון דת משה וישראל, פאַרנעמט ניט ביי זיי קיין אָרט. ניט אין זייער פּריוואַט לעבען און ניט אין זייער כלל לעבען; די גאַנצע אוצרות היהדות, וועלכע מיר האָבען במשך דורות געטראָגען מיט זיך און אין זיך, אַנערקאַנען זיי ניט מער; דאָס אַלעס, לויט זייער שיטה, איז געווען גוט אַמאָל פאַרצייטענס און ניט היינט אין אונזערע „ליכטיגע״ טעג פון מאָדערניזם און פאָרטשריט... אָבער מען איז דאָך אידען, און מען דאַרף זיך דאָך מיט עפּעס ספּעציעלעס אויסצייכענען, האָט בן גוריון ערשט ניט לאַנג צוריק געגעבען זיין אייגענע דעפיניציע „ווער עס איז אַ איד״... אַ איד איז דער, זאָגט בן גוריון, וועלכער לעבט לויט דער דעפיניציע פון דעם בעל־התהלים אין קאַפּיטעל ט״ו. מילא, פאַרוואָס ער האָט אויסגעקליבען פון דוד המלכ׳ס 150 וואונדערליכע און הייליגע קאַפּיטלעך דוקא דעם איינעם, מסתמא שטימט עס לויט זיין „געשמאַק״... אָבער זאָל זיין אַזוי. בעסער איין קאַפּיטעל איידער גאָרנישט.

וואָלטען מיר געוואָלט איינלאַדען בן גוריונ׳ען, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט אונז איבערגיין און לערנען מיט קאָפּ און האַרץ, און טאַקע מיט אַ ביסעל ערליכען געוויסען

אויך, די שורות פון יענעם קאַפּיטעל ט״ו אין תהלים. אָט לערנט אונז דאָרט דוד מלך ישראל:

„מזמור לדוד ה׳ מי יגור באהליך מי ישכון בהר קדשך.
הולך תמים ופועל צדק ודובר אמת בלבבו.
לא רגל על לשונו לא עשה לרעהו רעה וחרפה לא נשא על קרובו״.

לאָמיר עס פאַרטייטשען אויף אידיש:

אַ געזאַנג צו דוד. ג־ט, ווער קען וואוינען אין דיין געצעלט, ווער קאָן רוען אויף דעם הייליגען באַרג?

דער וואָס גייט ערליך, און טוט גערעכטיגקייט, און רעדט אמת אין זיין האַרצען.

ער האָט ניט געטראָגען קיין רכילות אויף זיין צונג, האָט ניט געטאָן קיין שלעכטס צו זיין פריינד, און האָט ניט געטראָגען קיין שאַנד אויף זיין נאָנטען״.

שטימען, אדרבה, אָט די ווערטער פונם גרויסען דוד המלך אין זיין אויף־אייביג פאַרהייליגטען תהלים, מיט דער „פרשה״ וואָס בן גוריון האָט פאַרקאָכט אין זיין אַמבי־ציעזען קאַמף געגען לבונ׳ען? שטימט עס מיט דעם גאַנצען שמוץ, שקר, רכילות און שנאה, וועלכע האָבען זיך פאַרוויקעלט אַרום דעם „עסק ביש״ געגען זיינס אַן אייגענעם נאָנטען חבר? האָט בן גוריון, איידער ער האָט זיך דעצידירט אָנצוצינדען דאָס פייער אַרום דער מיאוס׳ער פערזענליכער מחלוקה, זיך פאַרטראַכט איבער די ווערטער און כוונות אינם קאַפּיטעל ט״ו?

* * *

מען דאַרף דאָך זיין ערנסט. די וועלכע פּרעטענטירען צו רעדען אין נאָמען פון „אידישער וועלטליכקייט״, דאַרפען דאָך אויך האָבען כאָטש אַ מינימום פון אחריות לגבי זיך, לגבי דעם אידישען לאַנד, און לגבי דעם אידישען פאָלק. אויב די תורה מיט אַלע אירע תרי״ג מצות ניט; **אויב דער שולחן־ערוך מיט אַלע אידישע דרכי־החיים** ניט; **אויב אַלע איבעריגע 149 קאַפּיטלעך תהלים** אויך ניט; **און יעצט דאָס איינציגע קאַפּיטעל ט״ו** שוין אויך ניט, **טאָ וואָס פאַראַ אידישקייט בלייבט פאַר זיי? אויב עניינים פון בין אדם** למקום ניט, **און יעצט עניינים פון בין אדם** לחבירו **אויך שוין נישט, טאָ מיט וואָס בלייבען זיי, בן גוריון און זיינע חברים־לדעה? ניט צו ג־ט און ניט צו לייט, טאָ וואָס** בלייבט זיי. **מיט וואָס, און דורך וואָס, רעכנען זיי דאָס צו ווערען דער „אור לגוים״?**

פעהלען דען אויס מענשליכע פסולת׳ן אין די גאַנאַ׳ס, אין די ניגעריאַ׳ס, און אין די נייע „ציוויליזירטע״ קאָנגאָ׳ס? וואַרטען זיי דאָרטען אַז מען זאָל אַזעלכעס זיי אימפּאָרטירען אַזש פון דער אידישער מדינה? מכשפות אתם מביאין למצרים שכולה כשפים״...

* * *

ניט פאַראַן, לויט די ספרים הקדושים, קיין אַבסאָלוטע שלעכטקייט אין קיין שום זאַך. אפילו אין גרעסטער דבר־רע געפינט זיך אַ חלק הטוב, אויב מען פאַרשטייט עס טיפער. אויך דער „עסק ביש״ פון דער טרויעריגער „פרשה״, קאָן האָבען אין זיך אַ חלק טוב, אויב מען וועט זיך פאַרטראַכטען און דערפון עפּעס לערנען און אַרויסדרינגען.

מען דאַרף לערנען דערפון, אַז אויך אין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען האָט זיך

אריינגעכאַפּט דער „טאָטאַליזם״, „גלייכשאַלטונג״, און לוסט צו אַליין־הערשאַפט. אַלעס איז געוואָרען ביי אונז, אַזוי צו זאָגען, „פּאַר׳אַפּיס׳ט״... די מענשען אין די קאַבינעטען און אין די אָפּיסעס, האָבען אויפגעהערט צו זעען די מאַסען, דעם כלל, און זייערע פאַרלאַנגען און השקפות. זיי קוקען אויף זיך ווי אויף אויבער־חכמים וואָס כל רז לא אניס להם, וועלכע קאָנען דיקטירען און אָנוואַרפען דעם ציבור זייער ווילען, אין דער זיכערקייט, אַז דער „עולם־גולם״ וועט ניט האָבען קיין אַנדערע עצה ווי מסכים זיין און צובאַמקען אויף אַלע זייערע שריט און מעשים, גלייכע צי קרומע...

ריכטיג האָט זיך אויסגעדריקט פּנחס לבון, בעת זיין אויפגעצוואונגענער רעזיגנאַציע:

אוי ואבוי לו לציבור המוסרים את עצמם להכרעתו של איש אחד זה או אחר.

גאָלדענע ווערטער, וועלכע זענען וועהרט געדענקט צו ווערען אין אַלע קרייזען פון אונזער אידיש צבור לעבען.

אָבער דער עיקר דאַרף די „פּרשה״ אונז אַלע, פון אַלע קרייזען און פון אַלע איבערצייגונגען, לערנען און ווייזען אַז עס איז ניט פאַראַן קיין אַנדערע אויסגעהאַלטענע אידישקייט, מחוץ די וועלכע באַזירט און האַלט זיך אויף יסודי התורה והאמונה. און עס דאַרף ווייזען ווי ווייט אַלערליי „ניט־אידישע אידישקייטען״ קאָנען דערפירען און פאַרפירען. זיי האָבען נישט קיין ממשות און אויסהאַלט. נאָר אַז מען פאַרלאָזט דאָס מקורות׳דיגע יהדות, קאָן מען נכשל ווערען מיט אַזעלכע עסקי־ביש. עס ווערט ווידער אַמאָל קלאָר אַז: ניט פאַראַן קיין יהדות, און קיין מאָראַל פון יהדות, אויב עס איז ניט געבויט אויף אמונת השם און חוקי התורה.

יהדות, זיין כוח, זיין קיום און זיין תפארת, ליגט נישט אין: „ודתיהם ככל העמים״, נאָר אין: „ודתיהם שונות מכל עם״.

אויך דאַרף פאַר אונז אַלע קלאָר זיין, אַז בכדי צו זיין אַן „אור לגוים״, קאָנען מיר דאָס נאָר ווערען לויט די יעודי־הנביאים:

„ונתתיך לאור גוים להיות ישועתי עד קצה הארץ״.

„אני ה׳ קראתיך בצדק ואחזק בידך ואצרך ואתנך לברית עם לאור גוים״ (ישעי׳ מ״ט ומ״ב).

אַן אור לגוים, און טאַקע אויך אַן אור לישראל, האָפען מיר ראוי צו ווערען ניט דורך אַזעלכע מיאוסע „פּרשיות״, נאָר דורך אַזאַ הנהגת־החיים, וואָס וועט גורם זיין צו:

— וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך.

(ד. א. וו. אדר, תשכ״א)

מדינת ישראל און תורה-אידענטום

- גערַאנגעל פאר אידישקייט (ערשטער מאמר)
- וואָס רעליגיעזע אידען פאָדערן פון דער ישראל רעגירונג (צווייטער מאמר)
- די טענות פון רעליגיעזע אידען אין מדינת ישראל (דריטער מאמר)
- ווי רעליגיעזע אידען זעען די לאַגע אין מדינת ישראל (פירטער מאמר)
- תורה־אידישקייט דער יסוד פון ישראל (פינפטער מאמר)
- צו דער ערעפנונג פון ישראל פארלאַמענט
- יאָ זאָגער, זענען מיר ניט
- אונזער אנטייל אין דער רעגירונג און אונזערע פאָדערונגען
- וועגען נאציאָנאַלען הימן פון מדינת ישראל
- ווער עס פירט דעם קאמף
- וואָס מען זעט אין ארץ ישראל
- באמערקונגען אַרום די כנסת וואלען
- ארום דעם רבנות הראשית
- זיי מעגען...
- פאַלשע אלארמען און אמת׳ע העברת הדת
- די טראגעדיע פון מאראָקאנער אידענטום

גערַאנגעל פַאר אידישקייט*)

(ערשטער מאמר)

דאס רעליגיעזע אידענטום איבער דער גאַנצער וועלט איז דורכגעדרונגען מיט זאָרג איבער דעם גורל פון תורה־אידישקייט אין ארץ ישראל. יעדער פרומער איד, וואו נאָר ער געפינט זיך, אין ארץ ישראל ווי אין חוץ לארץ, וואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף די רעזולטאַטען פון דעם קאַמף און געראַנגעל, וואָס דעם חרד׳ישען ישוב אין מדינת ישראל קומט אויס צו פירען פאַר אמונה און תורה־אידישקייט.

ביי רעליגיעזע אידען זענען די פאָדערונגען פאַר רעליגיעזער אידישקייט ניט עפּעס סתם פאָדערונגען. פאָדערונגען אויסגעטראַכטע פון אויסגעקליגטע טעאָרעטיקער און צוגעשניטענע דורך פּאַרטיי־אידעאָלאָגען. די פאָדערונגען פונ׳ם עם התורה פאַר תורה־יהדות זענען ג־ט׳ליכע, הר־סיני׳דיגע, על פי תורה שבכתב ועל פי תורה שבעל פה, על פי הלכה ועל פי מסורה. און זיי זענען מחייב יעדען אידישען יחיד, יעדען אידי־שען צבור און אַוודאי דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

דאָס לעבען פונ׳ם עם ישראל אויף חוקי תורה ויסודי האמונה, איז די איינציגע גאַראַנטיע פאַר זיין אויסדויער און קיום. די צוויי טויזענט יאָר פון אידישען עקזיסטענץ אינ׳ם גלות, איז דער קלאָרער און אומאָפּפרעגבאַרער באַוויז דערויף.

אַלע די, וועלכע האָבען פּרובירט צו לעבען נישט על פי התורה והדת, האָבען נישט אויסגעהאַלטען. זייערע באַוועגונגען זענען אונטערגעגאַנגען. דער רוב פון זיי, יחידים ווי גרופּען, האָבען זיך אַסימילירט, אויסגע׳שמד׳ט און זיך אויסגעמישט מיט די אַרומיגע פעלקער, און פון זיי איז סוף־כל־סוף קיין זכר ניט געבליבען. אויב עס האָט זיך יאָ אַמאָל באַוויזען וועלכער־עס־איז איבערבלייב פון די פּורקי עול התורה ומצוות, איז עס געוועזען בוגדים און משומדים, וועלכע זענען אין שונאי־ישראל פאַרוואַנדעלט געוואָרען. און אידען האָבען פון זייערע מסירות, בלבולים און רשעות גענוג געליטען. די אידישע מאַרטירער־געשיכטע ווייסט, ליידער, גענוג פון אַזעלכע.

---

*) אין יאָר תשי״א, בעת׳ן ערשטען באַזוך אין אַמעריקא פון דעם ישראל פרעמיער דוד בן גוריון, איז דאָס רעליגיעזע אידענטום אין אַמעריקא געוואָרען אויפגעפאָדערט פון די גדולי התורה אין ארץ ישראל, ובראשם דער בעל חזון איש און דער בריסקער רב זצ״ל, צו אינטערווענירען ביי בן גוריון געגען די אַקציעס פון העברת הדת אין מדינת ישראל. אַ פאַראייניגטע דעלעגאַציע פון גאַנצען אָרגאַניזירטען רעליגיעזען אידענטום אין אַמעריקא, האָט זיך געטראָפען מיטן פרעמיער בן גוריון און פאַר אים פאָרגעשטעלט דעם געמיינזאַמען פּראָטעסט געגען די אַנטי־רעליגיעזע געשעענישען אין דער מדינת ישראל, און די פאָדערונגען פונם תורה אידענטום פאַר אַ רעליגיעז לעבען אין אונזער הייליג לאַנד.

היות די אידישע פרעסע האָט איבערגעגעבען דאָס גאַנצע ענין אין אַ טענדענציעזען פאָרם, האָבען מיר פאַרעפענטליכט אין דער טאָג־פרעסע די דאָזיגע פינף אַרטיקלען מיט געהעריגער אויפקלערונג און באַלייכטונג וועגען דער צושטאַנד־געקומענער קאָנפערענץ פון די אָרטאָדאָקסישע שליחי־צבור מיט בן גוריונ׳ען. די אַרטיקלען האָבען מיר געשריבען אויף דעם אויסדריקליכען פאַרלאַנג פונם באַרימטען ראש ישיבה און יו״ר פון מועצת גדולי התורה הגאון ר׳ ראובן גראָזאָווסקי זצ״ל און מיט זיין דירעקטער מיטהילף.

געבליבען אַלס טרייע און פעסטע אידען, טראָץ אַלע פינסטערע גלות׳ן, טראָץ אַלע אומפאַרגלייכליכע רדיפות, נגישות און שחיטות, זענען די אידען, וועלכע האָבען זיך פעסט געהאַלטען ביי אמונת השם, און זייער לעבען אַוועקגעשטעלט און געפירט לויט תורה ומצוות. דער אידישער שבת קודש, דער כשר׳ער טיש, דאָס ריינע און גע־הייליגטע פאַמיליע־לעבען, די אידישע שוהל און בית־המדרש, זענען געווען די מחיצות און גבולים, וועלכע האָבען אונז אָפּגעהיט אַלס פאָלק און געזיכערט אונזער זעלבסט־שטענדיגקייט, אייגנאַרט און קיום. דאָס איבערגעבען דעם מעמד הר סיני פון דור צו דור, דאָס איבערפלאַנצען די עיקרי אמונה און יסודי הדת אין די אונטערוואַקסענדע דורות, האָט געזיכערט אונזער המשך און נצחיות.

נאָר אידען, וועלכע זענען דערצויגען געוואָרען און זייער לעבען געפירט אָט אויף די הייליגע אידישע יסודות, האָבען באַוויזען דעם כח, עקשנות און מסירת נפש דורכ־צוהאַלטען אַלע שווערע און בלוטיגע צייטען, און בלייבען אידען אַלס יחידים און אידען אַלס פאָלק.

* * *

אָבער ניט נאָר אין גלות־צייטען איז אונזער אָנלעהן און אונזער דערהאַלטונג געוועזען די תורה און אמונה, נאָר אויך אין אונזער אייגען לאַנד. ארץ ישראל האָט צו אונז אידען געהערט נאָר אַזוי לאַנג, ווי אידען האָבען די תורה געהיט און די מצוות השם מקיים געווען.

ארץ ישראל געהערט צו אידען און אידען געהערען צו ארץ ישראל,ביידע זענען זיי דורך ג־ט אויסדערוויילטע. אָבער גלייכצייטיג מיט די הבטחות פון השי״ת, אַז ארץ ישראל געהערט אויף אייביג צום אידישען פאָלק, איז די תורה פול מיט וואָרנונגען... „כי היא חייך ואורך ימיך לשבת על האדמה אשר נשבע ד׳ לאבותיך״... „ובדבר הזה תאריכו ימים על האדמה״... אָהן תורה, חלילה, פאַרלירען אידען זייער אחיזה אין דער אדמת הקודש. ארץ ישראל איז אַ הייליג לאַנד און קאָן קיין טומאה ניט סובל זיין — „ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה״... ארץ ישראל איז די מטרופוליה של מלך און יעדער אָפּקער און פאַרשוועכונג פון מצוות המלך, מוז, חלילה, ברענגען צו גלות. אונ־זערע הייליגע תורה, נביאים וכתובים, זענען פול מיט דעם, און נאָר בלינדע אָדער פעלשער קאָנען אַנדערש אויסטייטשען די אידישע געשיכטע און די אידישע גאולה־האָפנונגען.

ארץ ישראל איז אַן ארץ הקדושה און קאָן נאָר זיין פאַרבונדען מיט קדושת ישראל. נאָר אינ׳ם בונד פון קדושת הארץ, קדושת ישראל און קדושת השם, קאָנען מיר זעהען די סמנים פון אַן אתחלתא דגאולה, און קאָן אונז געבען די האָפנונג זוכה צו זיין צו דער גאולה שלמה בביאת משיח צדקנו.

* * *

די פאָדערונגען פון תורה־אידען פאַר תורה־אידישקייט זענען דעריבער ניט נאָר קיין רייך־רעליגיעזע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע און קיום׳דיגע.

אונז, אידען, איז בכלל פרעמד דאָס וואָרט נאַציאָנאַל, אויב עס איז אַבסטראַקט און ניט געבונדען מיט רעליגיע. מיר, אידען, זענען נישט סתם אַ פאָלק, נאָך אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער. מיר זענען אַ תורה־פאָלק. מיט׳ן מאָמענט פון קבלת התורה זענען מיר אַלס פאָלק פּראָקלאַמירט געוואָרען — „היום הזה נהייתה לעם״. ניט סתם אידען זענען מיר געוואָרען, נאָר אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש, און דעריבער זענען מיר אַנדערש

ווי אַלע אַנדערע אומות ולשונות. ביי זיי קאָן זיין געטיילט און סעפּאַרירט זייער נאַציע פון זייער גלויבען און ביי אונז אידען, — נישט.

מ׳קאָן זיין אַ גוטער ענגלענדער, פראַנצויז אָדער טערק און דערביי געהערען צו וועלכער רעליגיע מען וויל. אָבער זיין אַ איד, געהערען צום אידישען פאָלק און ניט געהערען צו דער אידישער אמונה, דאָס איז אַן אַבסורד. אַ איד און אידישע תורה ואמונה, — זענען אויף אַלע אייביגקייטען געבונדען אין אַן אומצעטיילבאַרען קשר.

* * *

אַז אין ארץ ישראל איז נישט בסדר, אַז אין דער ניי־אַנשטאַנענער מדינת ישראל ווערט באַהאַנדעלט רעליגיעזע אידישקייט שטיפקינדעריש, איז אויסער יעדען ספק. פאַר יעדען וואָס אינטערעסירט זיך נענטער מיט אַלץ, וואָס עס געשעהט אין דער אידישער מדינה איז קלאָר, אַז ס׳גייט דאָרט אָן אַן אָפענע טענדענץ פאַר „וועלטליכקייט", פאַר „ככל הגוים׳דיגקייט" און פאַר פאַרקלענערען און מינימיזירען די השפעה פון דת און חוקי התורה; מ׳וויל מיט אַלע מיטלען אויסוואָרצלען און פאַרוואָכענדיגען אונזער הייליגקייט, אונזער אייגענאַרטיגקייט און אונזער נשמה פון אונזער ארץ ישראל און דורכדעם פון אונזער גאַנץ פאָלק ישראל, וואָס דאָס, און אויסשליסליך דאָס, האָט אונז דערהאַלטען במשך אַלע צייטען און דורות אַלס פאָלק.

אידען, אפילו ניט גאַנץ פרומע אויך, ווילען זעהען אין מדינת ישראל עפּעס ספּעציעל אידישעס. ניט נאָר מיט׳ן נאָמען, מיט דער פאָן אָדער מגן־דוד, נאָר מיט אַ אידישען אינהאַלט, מיט אידיש לעבען און אַנהאַלט.

אויב לעבענדיג אין פאַרשידענע גלות׳ן, מפוזר ומפורד בין העמים, אויסגעמישט און אין שכנות פון פעלקער און שפּראַכען, ווערען גרויסע טיילען אידען אָפּגעשוואַכט אין אידישקייט, אין קיום התורה והמצוות, קאָן מען נאָך אויף זיי ממליץ זיין. עס איז די ניט־אידישע השפעה, די שווערע און פרעמדע לעבענס־באַדינגונגען פון דעם אַרום — ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם.

אַז השי״ת האָט אָבער געהאָלפען און אידען קומען צוריק צו זייער אייגען ווינקעל, צו זייער אייגענער היים, ווערען בעלי־בתים איבער זיך און איבער זייער לעבען, דאַרפען מער ניט מורא האָבען פאַר׳ן: „מה יאמרו הגוים", טאָ צו וואָס מיטשלעפּען מיט זיך דעם שטויב פון גלות, די ניט־אידישע קולטורען, די באַנקראָטירטע וועלטליכע „ציווילי־זאַציעס", וואָס זייער העכסטער אויסדרוק איז געקומען אין... טרעבלינקאָ, אויסשוויץ, דאַכוי און מיידאַנעק...

צו וואָס, בעת אידען האָבען אַזאַ הייליגע תורה, אַזעלכע וואונדערליכע מצוות און אַזאַ הויכע עטישע מאָראַל און עטיק, וואָס זייערע יסודות זענען הייליגע און ג־טליכע.

* * *

מעג מען פרובירען, מצד די שולדיגע אין דעם מצב, בכדי אָפּצושוואַכען דעם שווערען איינדרוק אין דער וועלט, לייקענען, פאַרטושען און מאַכען צו קליינגעלט דאָס וואָס עס געשעהט אין ארץ ישראל, וועט זיך דערמיט דער אמת׳ער צושטאַנד ניט ענדערען. פאַראַן קלאָרע און אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטען, וועלכע זאָגען עדות אויף כפיית הדת אין אונזער הייליג לאַנד; פאַקטען פון חילול שבת און פאַרוואָכענדיגען אים אין סתם אַ רו־טאָג; פאַקטען פון צוואַנג בנוגע רעליגיעזען חינוך, און בכלל אין תורה־אידישקייט.

דאָס רעליגיעזע אידענטום, אין ארץ ישראל און אין אַלע תפוצות הגולה, איז טיף

באַזאָרגט איבער דער גייסטיגער ירידה אין דער זיך־בויענדער מדינת ישראל. דאָס עם התורה קאָן ניט בלייבען גלייכגילטיג און ניט רעאַגירען אויף דער סכנה, וואָס עס שטייט פאָר, סיי דאָס אידישע לאַנד און סיי דאָס אידישע פאָלק, מיט׳ן פאַרמעסט צו סעקולירען דאָס אידישע לעבען.

דאָס איז געקומען צום קלאָרען אויסדרוק ביי דער קאָנפערענץ פון די פאָרשטעהער פון גאַנצען אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין אַמעריקע מיט׳ן פרעמיער פון מדינת ישראל מר. דוד בן־גוריון, וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען לעצטען מיטוואָך, מאַי 30.

וועגען די פאָדערונגען פון פאַראייניגטען רעליגיעזען צבור און די ענטפערס פון מר. דוד בן־גוריון — אין ווייטערען אַרטיקעל.

(„דער טאָג״, ג׳ סיון תשי״א, 6.7.1951)

וואס רעליגיעזע אידען פאַרערן
פון דער ישראל רעגירונג

(צווייטער מאמר)

מיר האָבען אין אונזער ערשטען אַרטיקעל אָנגעוויזען אויף דער גרויסער באַ־אומרוהיגונג, וואָס עס הערשט ביי רעליגיעזע אידען, איבער דעם אינערליכען אויסבוי און גייסטיגער געשטאַלטונג פונ׳ם פאָלקס־לעבען אין דער אידישער מדינה. עס ווייזט זיך, און וואָס אַ מאָל בולט׳ער, אַ טענדענץ מצד די מלוכה־פירער, אַוועקצושטעלען דאָס אידישע צבור־לעבען אין הייליגען ארץ ישראל אויף ריין־וועלטליכע יסודות, אַנשטאָט אויף אמת׳ע און אָריגינעל־אידישע יסודות, געבויט און געפירט לויט חוקי התורה ויסודי הדת.

אָט די באַאומרוהיגונג האָט גורם געווען צום לעצטען רעגירונגס־קריזיס, אַז די קאָאַליציע־רעגירונג אין ישראל זאָל זיך אויפלעזען און די רעליגיעזע מיטגלידער זאָלען זיך צוריקציען, ניט קענענדיג ווייטער טראָגען די אחריות פאַר די מעשים און טענדענצען פון דער רעגירונג. און דאָס האָט אויך געבראַכט צו דער קאָנפערענץ פון רעליגיעזען אידענטום אין אַמעריקע מיט דעם ראש הממשלה פון מדינת ישראל מר. דוד בן־גוריון, וועלכע איז פאָרגעקומען אין נו־יאָרק, ערב זיין אָפּפאָר פון אַמעריקע.

עס איז דערביי ווערט צו פאַרצייכענען, אַז די דעלעגאַציע, וועלכע האָט זיך צו־זאַמענגעטראָפען מיט׳ן ישראל־פרעמיער, האָט רעפּרעזענטירט דאָס גאַנצע אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסישע אידענטום אין אַמעריקע. אין דער דעלעגאַציע האָבען זיך באַטייליגט פאָרשטעהער פון אגודת הרבנים, אגודת אדמו״רים, הסתדרות הרבנים, אגוד הרבנים, מזרחי, אגודת ישראל, יונג־איזראַעל, פועל המזרחי, פועלי אגודת ישראל, צעירי אגודת ישראל און יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס קאָנגרעגעישאָנס.

דאָס איז אַ באַווייז אויף דער וויכטיגקייט און דרינגליכקייט פון די ענינים, און אַז די פּראָבלעמען וועלכע די דעלעגאַציע האָט מיט׳ן ראש הממשלה אויפגענומען, רירען אָן דאָס גאַנצע תורה־אידענטום און אַלע אידען וועמען עס איז הייליג און טייער אידישע תורה און אמונה, אידישער עבר, מסורה און קיום.

* * *

מצד דער פאָרשטעהערשאַפט פון דער אָרטאָדאָקסיע, איז ביי דער קאָנפערענץ קודם כל אָנגעוויזען געוואָרען, אַז בעת ביי אַנדערע טיילען אידען איז פאַראַן אַ פּראָבלעם פון געטיילטע אינטערעסען און רעכט צווישען דעם ישוב אין ארץ ישראל און אידישע ישובים מחוץ לארץ ישראל; פון מורא פאַר זייער לאָקאַלען פּאַטריאָטיזם; פון דאָפּעלטער לאָיאַליטעט א. א. וו. איז דאַגעגען דאָס רעליגיעזע אידענטום גאַנץ פריי פון די אויפגע־בלאָזענע „פּראָבלעמען" און מורא׳ס.

לויט׳ן באַגריף פון רעליגיעזען איד, איז דער צוזאַמענבונד פונ׳ם עם ישראל מיט ארץ ישראל אַ דויערענדער און אַן אייביגער. אין די זעלבע תפלות האָבען זיך געפונען,

און אָהן שום סתירה,ביידע תפילות: דער „הוי מתפלל בשלומה של מלכות" און דער „ולירושלים עירך ברחמים תשוב". במשך צוויי טויזענט יאָר, וואָס אידען לעבען אין פאַרשידענע גלות'ן, האָבען זיי ניט קיין איין מינוט מסיח דעת געווען פון ארץ ישראל.

וואוינענדיג און לעבענדיג אין פאַרשידענע וועלט־טיילען, איז זייער האָפנונג און זייער עתיד געווען געבונדען מיט ארץ אבותינו. געגענווירטיגע אינטערעסען און חומ־ריות'דיגע געברויכען, האָבען זיי געהאַלטען געבונדען אין אַלע וועלט־טיילען, מפוזר ומפורד בין העמים, אָבער רוחם ונשמתם זענען געווען געווענדעט לארצנו הקדושה. במשך אַלע צייטען און דורות, אין פריידען און אין ליידען, איז ביים תורה־אידענטום געבליבען — פניהם של ישראל למזרח.

די אידישע אמונה און תורה; דער סידור און דער תהלים; די צוויי טויזענט יאָר תשעה־באָב'ס, סדרים און נעילות מיט זייער פייערליכען און הייליגען: לשנה הבאה בירושלים, זיינען געווען די פעדים, וועלכע האָבען אויף אַלע אייביגקייטען פאַרבונדען די אידישע אומה, די אידישע הערצער און נשמות, מיט דער תקוות הגאולה, מיט ארץ ישראל און מיט ביאת משיח צדקנו. און אָט די פאַרבינדונג איז געווען אַזאַ אָפענע, אַזאַ שטאַרקע און אַזאַ אייביגע, דאָס אַפילו ניט־אידען האָבען זי ניט געקענט פאַרלייקענען. און דאָס האָט ענדליך געבראַכט צו דעם מאָמענט, ווען אַלע אומות ולשונות האָבען צוריק אָנערקענט, מיט השי"ת הילף, דאָס היסטאָרישע און הייליגע לאַנד אַלס אייגענטום פונם אידישען פאָלק.

* * *

אונזער צוזאַמענטרעף מיט מר. דוד בן־גוריון איז פאָרגעקומען דעם לעצטען טאָג איידער ער איז אָפּגעפאָרען פון אַמעריקע. און צוליב זיין גרויס פאַרנומענקייט איז מצד דעם פרעמיער געווען די צייט לכתחילה באַשטימט אויף אַ האַלבער שעה, און הגם די קאָנפערענץ האָט זיך אין דער ווירקליכקייט פאַרגעצויגען ביז אַ שעה און אַ האַלב, האָט די דעלעגאַציע ביי זיך באַשלאָסען ניט אָנצורירען אַלע ענינים אין וועלכע דאָס רע־ליגיעזע אידענטום איז פאַראינטערעסירט, נאָר אָפּצושטעלען זיך אויף עטליכע הויפּט־מאָמענטען, וואָס דורך ניט אָפּהיטען זיי ווי געהעריג, ווערען פאַרשוועכט די עיקרי הדת און גראָבען אונטער תורה־לעבען און תורה־אויטאָריטעט אין דער מדינת ישראל און דורכדעם ביים אידענטום בכלל.

אַלס ערשטען פונקט האָבען מיר באַרירט דאָס חינוך־פּראָבלעם.

וועגען דעם אָפענעם און פאַרשטעלטען צוואַנג און טעראָר, וואָס ווערט גענוצט געגען די נייע מזרח־עולים, אין ניט דערלאָזען די ניי־אָנגעקומענע אידען, וועלכע זיינען אין זייער גרעסטען רוב רעליגיעזע אידען, אַז זיי זאָלען דערציען זייערע קינדער בדרך התורה ומצוות. און בכלל וועגען דער שעדליכער טענדענץ אויסצושפּרייטען וואָס מער אַן אַנטי־רעליגיעזע ערציאונג און באַגרענעצען תורה־חינוך.

תורה־חינוך ביים אידישע פאָלק, האָט די דעלעגאַציע אונטערגעשטראָכען, איז געווען און האָט נישט אויפגעהערט צו זיין, דער יסוד פון אידישען לעבען און דער סוד פון אידישען קיום. דער „ושננתם לבניך" פון יעדען פאָטער צום זוהן און פון מוטער צו טאָכטער, איז געווען דער אייביגער המשך, וואָס האָט איבערגעגעבען דעם מעמד הר סיני פון דור צו דור.

פאַר לערנען און פאַרשפּרייטען תורה, האָבען זיך אידען אַלס יחידים, און אידען אַלס פאָלק, אייביג מוסר נפש געווען. מצד אידישע שונאים אין אַלע דורות, וועלכע האָבען

געוואַלט זעהן די פאַרניכטונג און אונטערגאַנג, חס ושלום, פון אידישען פאָלק, איז שטענדיג געווען זייער שטאַרקסטע גזירה „שלא ללמוד תורה בישראל״, אַז אידען טאָרען ניט לערנען, דערהויפּט מיט די תינוקות של בית רבן, קיין תורה. זיי, די רשעים, האָבען געוואוסט, אַז תורה איז פאַר אונז אידען: חיינו ואורך ימינו, אַז נאָר מיט תורה בלייבען מיר אידען.

* * *

אַלס צווייטער פונקט איז געקומען די פראַגע פון שמירת שבת.

דער ענין שבת איז נאָך גאַנץ ווייט פון כהלכתו, ווי ער האָט געדאַרפט געהאַלטען און אָפּגעהיטען ווערען אין אַן אייגענער מדינת ישראל.

אָבער מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף איין פרט, וואָס איז געשעהן און די לעצטע טעג און וועלכען מיר האַלטען פאַר דער גרעסטער סכנה פאַר׳ן שבת און פאַר אַלע שומרי שבת אין ארץ ישראל. אין דעם לעצט־אָנגענומענעם, דורך דער כנסת, חוק העבודה, וועלכער דאַרף רעגולירען דאָס גאַנצע אַרבייט־געזעץ און אַרבייט־סיסטעם, געפינט זיך אַ פונקט, וואָס קען צונישט מאַכען דעם גאַנצען שמירת שבת. דער פונקט זעהט פאַר פאַלען פון עמוירדזשענסי, ווען מען זאָל מצד דער רעגירונג צווינגען אַרבייטען אין שבת.

דאָרט, אין געזעץ, ווערט געזאָגט, אַז עס ווערט געגעבען אַ כוח צום שר העבודה (אַרבייטס־מיניסטער) פעסטצושטעלען אויב עס איז נויטיג צו אַרבייטען אין שבת. אין איינצעלנע פאַלען (היתר מיוחד) קאָן באַשטימען דער אַרבייטס־מיניסטער אַליין, און פאַר׳ן גאַנצען לאַנד (היתר כללי) באַשטימען דריי מיניסטאָרען. דאָרט געפינט זיך אויך דאָס געזעץ, אַז פאַר דער אַרבייט אין שבת ויום טוב באַקומט דער אַרבייטער באַצאָלט 50 פראָצענט איבער די נאָרמאַלע שכירות.

אַ געזעץ, וואָס איז מתיר און קאָן צווינגען צו אַרבייטען אין שבת, צווינגען סיי דעם פאַבריקאַנט און סיי דעם אַרבייטער מחלל שבת זיין, ווערט איבערגעגעבען דעם אַרבייטס־מיניסטער. צו באַשליסען ווען עס איז אַן עמוירדזשענסי, וואָס זאָל האָבען דעם דין פון פקוח נפשות, וואָס איז לויט׳ן דין תורה דוחה שבת, האָבען ניט די רבנים גדולי תורה ובעלי הוראה, ניט דאָס רבנות הראשית מיט׳ן רב ראשי הרב הערצאָג, נאָר די מיניסטערשע גאָלדע מייערסאָן. זי מרס. מייערסאָן, וועט דאָס זיין דער פוסק האחרון; זי וועט באַשליסען וועלכען שבת און יום טוב אידען מעגען גיין אין שוהל אַריין, און אין וועלכען אידען מוזען גיין אויפ׳ן לאַנד און אין פאַבריקען.

דער שבת קודש איז, לכל הדעות, דער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער יסוד, וועלכער האָט במשך אַלע דורות אָפּגעהיט אונזער אייגענאַרט און אויסגעהיט אונז פון אַסימילאַציע און אויסמישונג צווישען די פעלקער. יותר ממה שישראל שמרו את השבת השבת שמר את ישראל. און יעדער פרואוו צו שפּאַלטען אָט די פאַרהיטונגס־מחיצות, דעם „אות הוא לעולם״, איז אַן אָפענע באַדראָאונג פאַר אונזער קיום.

* * *

דאָס דריטע פראָבלעם צו באַהאַנדלען, איז געווען: די פראַגע פון גיוס נשים.

בעת מיט אַ צייט צוריק, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם געזעץ איינצופירען צוואַנגס־מיליטער־דינסט פאַר פרויען, האָט זיך דאָס רעליגיעזע אידענטום אין ארץ ישראל שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען געזעץ. פרומע אידען האָבען אין געזעץ געזעהען אַ סכנה פאַר דער גאַנצקייט פון אידישען הויז און דער ריינקייט פון דער אידישער

פאַמיליע. נאָך לאַנגע און שטורמישע פאַרהאַנדלונגען, איז דעמאָלס דערגרייכט געוואָרען אַ פשרה, אַז יעדעס מיידעל, וואָס וועט זיך אָפּזאָגען צו מאָביליזירען צוליב געוויסענס אָדער רעליגיעזער־איבערצייגונג, וועט זיין באַפרייט פון מיליטער־דינסט.

מיטאַמאָל האָט די רעגירונג געבראָכען דעם אָפּמאַך און, געגען די שאַרפסטע פּראָטעסטען פון אירע רעליגיעזע שותפים אין דער רעגירונג, דורכגעפירט אין דער כנסת, מיט דער הילף פון דער פּראָ־קאָמוניסטישע מפ"ם, אַ ניי געזעץ, וואָס פאַרפליכטעט אַלע אידישע טעכטער, אָהן אויסנאַם, צו געצוואונגענער זעלנעריי.

ביז היינט געפינט זיך כמעט ניט קיין לאַנד, וואָס זאָל האָבען צוואַנגס־מיליטער־דינסט פאַר פרויען. אַלע פעלקער, ביי וועלכע אפילו צניעות שטייט ניט אַזוי הויך, דערוועגען זיך נישט אַרויפצוצווינגען אויף דעם פרויען־געשלעכט אַלע יענע איבלען, וואָס זעלנערישע קאַזאַרמע ברענגט מיט זיך. און אויב אַזוי איז אָנגענומען ביי אַלע אומות ולשונות, וואָס זאָל שוין זיין ביי אונז אידען, ביי דעם גוי קדוש ועם סגולה.

דאָס אידישע הויז, דאָס אידישע פאַמיליע־לעבען, ווערט באַזונגען און געלויבט פון אַלע. מיר האָבען אונזער היים און אונזער פאַמיליע אָפּגעהיטען פון יעדען שמץ פּסול. אידישע טעכטער, די בנות ישראל, זענען געווען דער שוואַרצאַפּעל פון אונזער אויג, דער גרעסטער אוצר אין אונזער לעבען, וואָס מיר האָבען מיט מסירת נפש אָפּגעהיט. די אידישע ציטערדיגע מאַמע האָט זיך געשטעלט אין פראָנט, פאַר יעדען בייזען אויג, וואָס האָט באַדראָט די צניעות פון איר טאָכטער.

און די אידישע טאָכטער אַליין, ווי אַזוי און אויף וועלכען אופן האָט זי רעאַגירט אין אָנבליק פון אַ סכנה פאַר איר צניעות?

די פיר הונדערט געפאַנגענע אידישע טעכטער, בעת דעם ערשטען חורבן, וועלכע זיינען געשפּרונגען אין די טיפענישען פון ים; די צוויי־און־ניינציג אידישע בית־יעקב טעכטער, בעת דעם לעצטען היטלער חורבן, וועלכע האָבען געשלונגען דעם צוגעגרייטען סם. דאָס איז געווען דער אייביגער ענטפער פון אידישע טעכטער פאַר אָפּהיטען זייער ריינקייט און הייליגקייט; דאָס איז געווען דער טויזענט־יעריגער אידישער מסירת נפש פאַר דער אידישער אמונה, פאַר אידישער תורה און פאַר אידישער קדושה.

דאָס איז געווען אייביג און דאָס איז אויך היינט. די אידישע תורה איז אַן אייביגע, און די אידישע דינים ומצוות זיינען נוהג בכל מקום ובכל זמן. און דעריבער האָבען די גדולי התורה און דאָס רבנות הראשית גע'אסר'ט גיוס נשים באיסור חמור, און אַז דער איסור איז בגדר: יהרג ואל יעבור.

* * *

דאָס זיינען די הויפּט־פּראָבלעמען, וועלכע זיינען באַרירט געוואָרען בעת דער קאָנפערענץ. פּראָבלעמען, פאַר וועלכע תורה אידען מוזען און וועלען קעמפען.

וואָס די דעלעגאַציע פון רעליגיעזען אידענטום האָט בעת דער קאָנפערענץ נאָך באַרירט און מר. בן גוריון'ס ענטפער — אין ווייטערען אַרטיקעל.

(„דער טאָג", ט' סיון תשי"א, 6.13.1951)

די טענות פון רעליגיעזע אידען אין מדינת ישראל

(דריטער מאמר)

די דעלעגאַציע פונ׳ם אַמעריקאַנער רעליגיעזען אידענטום, וועלכע האָט זיך צו־זאַמענגעטראָפען מיט׳ן פרעמיער דוד בן גוריון, האָט זיך הויפּטזעכליך, ווי מיר האָבען שוין געשריבען, אָפּגעשטעלט אויף אייניגע הויפּט־פּראָבלעמען ווי: שבת, חינוך און גיוס נשים, וועלכע זיינען פון די עיקרי הדת.

מיר האָבען אָבער בעת דער קאָנפערענץ זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף אַן ענין, וואָס טראָגט אַן אַלגעמיינערן כאַראַקטער, און וואָס איז גאָר אַ גרויסע סכנה פאַר אי־דישקייט אין ישראל, און די רעזולטאַטען קענען אויך אַנרירען אידען אומעטום. דאָס איז דאָס שאַפען פון אַ שעדליכער אַטמאָספערע און שטימונג, מצד די אנטי־רעליגיעזע גרופּירונגען, קעגען תורה־אידען און ממילא קעגען תורה־יהדות.

אַלס אילוסטראַציע דערפאַר, איז מצד דער דעלעגאַציע אָנגעוויזען געוואָרען אויף די לעצטע אַרעסטען פון די אַזוי־גערופענע ברית־קנאים, מיט זייערע כלומר׳שטע „באָמ־בעס״, מיט וועלכע זיי זאָלען האָבען געוואָלט „אויפרייסען״ די כנסת.

הגם ניט וועלענדיג אַריינגיין אין עצם ענין, וויפיל די יונגעלייט זיינען יאָ אָדער ניט שולדיג. מיר זיצען דאָך פון דערווייטענס און האָבען אפשר ניט קיין רעכט און מעגליכקייט אַרויסצוזאָגען אַ באַשטימטע מיינונג, האָבען מיר אָבער גרויסע ספקות וועגען דער „געפאַר״ פון זייער כלומר׳שט צוגעגרייטען „פּוטש״ און „אויפרייס״.

וואָס מיר ווייסען אָבער יאָ זיכער איז, אַז די אַרעסטען האָבען אַרויסגערופען אַ פאַרביטערונג ביים גאַנצען ישוב, און אין דער גאַנצער ארץ ישראל פּרעסע פון לינקס ביז רעכטס. אויך די כנסת האָט מיט אַנטריסטונג מצד אַלע פּאַרטייען (אַחוץ די מפא״י) געטאַדעלט די ברוטאַלע אַרעסטען און האָט צוריקגעוויזען אַלע פאַרענטפערונגען פון שרת און שיטריט, וועלכע האָבען די אַרעסטען פּלאַנירט און דורכגעפירט. און טאַקע אַ דאַנק די שנעלע און קאַטעגאָרישע האַנדלונג פון דער כנסת, האָט די רעגירונג געמוזט אַלע 41 אַרעסטירטע באַפרייען. אויך די פייניגונגען, וואָס די פּאָליציי האָט אָנגעטאָן די אַרעסטירטע האָט אויפגעשטורעמט דעם גאַנצען ישוב.

עס ליגט פאַר אונז די צייטונג „הארץ״ פון מאַי 25, וועגען אָט די פייניגונגען. לייענסט, און דיר גלויבט זיך ניט, אַז אַזעלכעס קען פאַרקומען אין אַ אידישער מדינה, און אַז די פייניגער זאָלען זיין אייגענע, מאחינו בני ישראל. די אַרעסטירטע זיינען געש־לאָגען געוואָרען ביז בלוט און אָנמאַכט; האָבען געמוזט אין לאַגער לויפען אין אַ צירקעל שעה׳ן לאַנג אָן אָפּשטעל אונטער בייטשען און שטעקענס; פאַר יעדען קלאַפּ מוז מען ענטפערען דעם סאַדיסטישען שלעגער: כן אדוני (יאָ, מיין הער) א. אז. וו.

לעזט און שטוינסט פשוט. ווי איז דאָס מעגליך, איז דאָס טאַקע אין ארץ ישראל, איד צו איד, ברודער צו ברודער? אפשר ווי דער „הארץ״ דערציילט צו ענדע: „די

מערסטע פון די וועכטער אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער זיינען פאַרשוינען וועלכע האָבען זיך געפונען אין נאַצישע לאַגערן״...

פון דעם אַלעמען קען מען לייכט אורטיילען, אַז דאָס גאַנצע מיאוס׳ע שפּיל מיט די אַרעסטען און באָמבעס, איז געווען, ווי די ארץ ישראל׳דיגע פּרעסע דריקט זיך אויס, אַ „צוגעגרייטע באָמבע״ צו די פאַרשטייענדע כנסת־וואַלען צו דיסקרעדיטירען דאָס תורה׳דיגע אידענטום.

מיר האָבען עס פאַר מר. בן־גוריון נאָר געבראַכט אַלס איין ביישפּיל, ווי אַזוי מ׳שאַפט מצד דער מפא״י׳שער רעגירונג אַן אַטמאָספערע פון העצע און קעגנערשאַפט קעגען תורה׳דיגען אידענטום אין דער מדינת ישראל.

„פרומע אידען״ וואַרפען באָמבעס אויף דער כנסת; אידען „מיט בערד״ שמוגלען זייגערלעך; „רבנים״ האַנדלען מיט דאָלאַרען. דאָס אַלץ גייט אין דער פּרעסע אויף דער ערשטער זייט און מיט קידוש־לבנה אותיות. נו, און וואָס הערט זיך מיט אידען חפשיים און „אַן בערד״, טוער אין הסתדרות, פּקידים פון דער רעגירונג, און חלוצים פון די מפא״י׳שע און מפ״מ׳ישע קאָלאָניעס? זיינען זיי הוילע צדיקים, ווערען זיי גאָר נישט נכשל אַמאָל אין אַזעלכע עבירה׳לעך?

וועגען זיי שווייגט מען. און אַז עס לאָזט זיך שוין אַמאָל ניט צו מאַכען אַ שוויג, עס איז שוין צו שרייעוודיג, געפינט איר עס אין דער פּרעסע אויף דער זיבעטער זייט, מיט פּעטיט־שריפט, און מ׳דערציילט שוין דעמאָלט ניט, אַז דאָס זיינען אידען „אַן בערד״. מ׳דערציילט אפילו ניט, אַז זיי זיינען זעהר חשוב׳ע מאַכערס, קרובים למלכות וקרובים להסתדרות, און אפילו „געהויבענע״ שליחים, וועלכע פאָרען אַהין און צוריק צום כלל ישראל פאַר „ראַטעווען״ מדינת ישראל.

מיר האָבען דערמאָנט בן גוריונ׳ען, אַז פאַר אונז, ווי אויך פאַר אים, איז אַזאַ טאַקטיק, ליידער, באַקאַנט. מיר געדענקען עס גוט, און עס ליגט נאָך אונז אין די ביינער, פון אונזערע צייטען אין דעם אנטיסעמיטישען פוילען. ווי אָט פּונקט אַזוי האָבען געהאַנדעלט די פּאָלאַקען לגבי אידען... חזר׳ט זיך יעצט דאָס איבער, לחרפּתינו, אין מדינת ישראל, פון ניט־פרומע אידען לגבי זייערע פרומע ברידער...?

* * *

אין נאָמען פון דער גאַנצער אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע, וועלכע די דעלעגאַציע האָט רעפּרעזענטירט, איז געקומען צום אויסדרוק, דער וואַרימער אָבער קאַטעגאָרישער אַפּיל צום ראש הממשלה, און דורך אים צו אַלע וועלכע טראָגען די אחריות פאַר דער הנהגה פון מדינת ישראל, אַ סוף צו מאַכען צו דעם כפיית והעברת הדת, וואָס עס הערשט דאָרט; שאַפען באַדינגונגען פאַר אידען זיך צו קענען איינאָרדענען, אויסלעבען און דערציען דורות טריי צו ג־ט און זיין תורה, און אוועקשטעלן די חוקי התורה והדת אַלס יסוד אויף וועלכע דאָס אידישע ציבור לעבען, זאָל זיך אויסבויען און געשטאַלטען.

דאָס רעליגיעזע אידענטום אין אַמעריקע איז וואַרעם מיטבאַטייליגט אין יעדער אַרבייט און הילף פאַר ארץ־ישראל. די אָרטאָדאָקסישע רבנים און עסקנים זיינען פון די אַקטיווסטע רופער און מאָנער פאַר העלפען דעם בנין הארץ. אָרטאָדאָקסישע שוהלען און קהלות זיינען אָפען פאַר יעדער אַקציע און אַפּיל לטובת אונזער הייליג לאַנד. אָרטאָדאָקסישע אידען זיינען אויך גרויסע נדבנים אין דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ און אין אַלע אַנדערע זאַמלונגען פאַר אידען און מוסדות אין ארץ ישראל. רעליגיעזע אידען זיינען פאַרבונדען מיט ארץ ישראל בכל לבם, נפשם ומאודם.

רעליגיעזע אידען האָבען אָבער אַ רעכט צו שטרעבען און פאָדערן, אַז דאָס הייליגע ארץ ישראל, וואָס „עיני ד' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה", זאָל ניט נתחלל ווערען און אַז דער אייביגער מקום המקדש, מקום השכינה, זאָל פאַרבלייבען אין זיין ריינקייט און הייליגקייט.

* * *

דער ענטפער פון דעם ראש הממשלה איז געווען אַ לענגערער. און אין כאַראַקטער און טאָן אַן אָפענהאַרציגער.

עס האָט זיך געפילט, אַז נאָך אַלע זיינע קאָנפערענצען, פייערליכע אויפנאַמעס און אָפיציעלע רעדעס, האָט ער זיך דאָ בעת דעם צוזאַמענטרעף מיט די שליחים פון רע־ליגיעזען אידענטום גוט געפילט. פריי, היימיש און אָן אָפיציעלער צוריקגעהאַלטענקייט, ווי עס האָט זיך דערהערט באַלד לכתחילה אין זיין זאָג: נו, יאָ, לאָמיר רעדען אין אידיש, פשוט אידיש.

נאָר צי זיינען זיינע ענטפערס אויך געווען אַזעלכע פשוט'ע און אויסגעהאַלטענע, אַזעלכע ערליכע און אָביעקטיווע, וועלען מיר נאָך זעהען און אָפשאַצען.

מר. בן־גוריון האָט אַלס הקדמה דערקלערט, אַז אייגענטליך איז ער געקומען נאָך אַמעריקע נאָר וועגען ענינים אויף וועלכע אַלע אידען זיינען מסכים אָן שום חילוקי־דעות. און דאָס איז, דאָס שאַפען די פינאַנציעלע מעגליכקייטען פאַר בנין הארץ און פאַר קענען אַריינעמען וואָס מער אידען אין אידישען לאַנד. ער איז אָבער ניט געקומען צו דעבאַטירען ענינים וועגען וועלכע עס זיינען פאַראַן חילוקי דעות.

אָבער צוליב רעספעקט און וויכטיגקייט פון די דעלעגאַטען און די באַוועגונגען וועמען זיי פאַרטרעטען, נעמט ער גערן אויף די דעלעגאַציע און ער וועט רעדען דברי שלום ואמת. עס מוז זיין שלום מיט אמת, ווייל בלויז שלום אָן אמת האָט ניט קיין ווערט און קיין באַדייטונג.

מיר קענען ניט איבערגעבען דאָ זיין גאַנצען לענגערן ענטפער ווערטליך. מיר האָבען אויך ניט דערויף זייך רשות. מיר וועלען אָבער יאָ איבערגעבען זיינע קאָנקרעטע תשובות און זייער תמצית וועלכע זיינען נוגע די, דורך דער דעלעגאַציע באַרירטע, פראָבלעמען.

* * *

מר. בן־גוריון האָט אין זיין ענטפער דערקלערט:

„איבער'ן חשיבות פון דת אין בנין און דערהאַלט פון אונזער פאָלק, זיינען מיר אַלע, אָן אויסנאַם, אייניג. קיינער פון אונז פאַרלייקענט ניט, אַז די תורה און אמונה איז געווען אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין אונזער אידישען קיום.

„מיר אָנערקענען אויך און עס איז ביי אונז אַלע הייליג די טויזענט־יעריגע מסירת־נפש און קידוש השם פון אַלע דורות. אָבער אויך היינט פאַר אונזערע אויגען איז פאַראַן מסירת־נפש פאַר'ן אידישען פאָלק, דאָס איז דאָס מסירת־נפש, וואָס אידישע קינדער האָבען אַרויסגעוויזען ביים פאַרטיידיגען און דערגרייכען די מדינת ישראל.

„אויב איר האָט טענות און פאָדערונגען צו אונז, האָבען מיר אָבער אויך פאָדע־רונגען צו אייך, פאַרוואָס קומען ניט אַלע אידען קיין ארץ ישראל. אדרבה קומט און בויט לויט ווי איר ווילט און פאַרשטייט."

וועגען רעליגיעזען חינוך דערקלערט בן־גוריון:

„ניט פאַראַן קיין שום כפיית הדת אין מדינת ישראל. יעדען איד איז דערלויבט צו דערציען זיינע קינדער לויט ווי ער וויל. ניט בלויז שטערט ניט די רעגירונג רע־ליגיעזע דערציאונג, נאָר די רעגירונג העלפט גאָר צו און האַלט אויס שולען פרומע גלייך ווי ניט פרומע, נאָר רעליגיע און רעליגיעזער חינוך קען ניט זיין דער מאָנאָפּאָל פון אגודת ישראל און מזרחי, נאָר אויך מיר (די מפא״י) קענען באַזאָרגען נייע פרומע עולים מיט תורה חינוך.״

וועגען חוק העבודה און חילול שבת דערקלערט בן־גוריון:

„דאָס לאַנד מוז אויסגעבויט ווערען און ווען עס איז נויטיג מוז מען מתיר זיין צו אַרבייטען אום שבת. און ווען דער ענין איז אַ נויטיגער, אַז מען זאָל דאַרפען אַרבייטען שבת, דאָס ווייסט אַמבעסטען דער אַרבייטס־מיניסטער און דעצידירען וועגען דעם דאַרפען דריי מיניסטאָרען, צווישען זיי אויך דער שר הדתות. אַרבייט אין ארץ ישראל אפילו אום שבת איז לטובת דער מדינה און איר זיכערקייט, און דעריבער קען מען ניט וואַרטען ביז די רבנים וועלען דאָס פּסק׳ענען לויט די חוקי התורה.״

אין דער פראַגע פון גיוס נשים זאָגט בן־גוריון:

„דאָס לאַנד געפינט זיך אין שטענדיגער סכנה מצד די שכנ׳ישע אַראַבישע לענ־דער. אַלע וועלכע קענען טראָגען געווער מוזען מאָביליזירט ווערען, פרויען גלייך ווי מענער, פרומע ווי ניט־פרומע. פאַר פרומע מיידלאַך האָט מען געמאַכט הנחות, זיי דאַרפען ניט קיין יוניפאָרמען און קענען שלאָפען אין זייערע פּריוואַטע היימען. אָבער אונטער מיליטערישען רעזשים מוזען זיי זיך געפינען. און טראָגען געווער און קענען שיסען מוז מען זיי לערנען. צניעות ווערט אויך אָפּגעהיט אין דער ישראל אַרמיי. „גיוס נשים״, זאָגט בן־גוריון, איז אַ פראַגע פון בטחון המדינה. און וועגען דעם האָט צו זאָגען די רעגירונג און די גענעראַלען און ניט דער ראַבינאַט און די גדולי התורה״.

וועגען דעם לעצטען רעגירונגס־קריזיס, וואָס האָט געבראַכט צום פאַלען פון דעם קאָאַליציע־קאַבינעט און אויך צו נייע כנסת וואַלען, שטעלט פעסט בן־גוריון מיט קאַטע־גאָרישקייט, אַז דאָס איז ניט געשען צוליב רעליגיעזע אָדער חינוך פראַגען, נאָר אויס־שליסליך פּאָליטישע. דער „מזרחי״ האָט געוואָלט אַ נייעם אַמט אין דעם משרד המסחר והתעשיה (מיניסטעריום פאַר האַנדעל און אינדוסטריע) און מ׳האָט אים דעם אַמט ניט געוואָלט איבערגעבען. דאָס איז געווען די סיבה וואָס האָט אַרויסגערופען דעם קריזיס.

* * *

דאָס איז אין תמצית די זאַכליכע ענטפערס פון דעם ראש הממשלה אויף די הויפּט־פּראָבלעמען, וועלכע זיינען באַרירט געוואָרען דורך דער אָרטאָדאָקסישער רעפּרעזענטאַנץ און וועלכע שאַפען אַזאַ זאָרג און פאַרביטערונג אין דער גאַנצער אידיש־רעליגיעזער מחנה.

הייסט עס, לויט דעם ישראל פּרעמיער, אַז הכל על מקומו יבא בשלום. אַלץ איז פיין און גוט; ניט פאַראַן קיין שום כפיית והעברת הדת.

אַלץ „בסדר גמור״, און די אָרטאָדאָקסישע וועלט שטורעמט בחנם ועל לא דבר. אַזוי קומט אויס לויט מר. בן־גוריונ׳ס ענטפער.

אָבער צי האָט דער ישראל פּרעמיער גערעדט ווי אַ ראש הממשלה, וועלכער פאַרטרעט און דאַרף פאַרטרעטען דאָס גאַנצע לאַנד, אַלע אירע תושבים און אינטערעסען, אָדער ער האָט גאָר גיכער גערעדט אַלס דער ראש פון מפא״י און הסתדרות?

און צי זיינען זיינע ענטפערס אמת׳ע און אויסגעהאַלטענע אין אָנבליק פון פאַקטען און באַשטעטיגונגען — וועלען מיר זעהען אין ווייטערען אַרטיקעל.

(„דער טאָג״, כ״ג סיון תשי״א, 6.27.1951)

ווי רעליגיעזע אידען זעען די
לאגע אין מדינת ישראל

(פירטער מאמר)

אין זיינע ענטפערס האָט בן־גוריון דערקלערט, אַז קיין שום כפיית הדת קומט ניט פאָר; אַז דער רעליגיעזער חינוך ווערט נישט געשטערט און יעדער איד קען דערציען זיינע קינדער בדרך התורה; שמירת שבת ווערט ניט באַדראָהט; און פאַר דעם צניעות פון אידישע טעכטער אין דער אַרמיי זאָרגען שוין די רעגירונג און די אַרמיי־פירער. עס הייסט, לויט בן־גוריונ׳ס תשובה, אַז אַלץ וואָס איז נוגע רעליגיעזער אידישקייט, איז אין אונזער אידישער מדינה בסדר גמור.

מיר וואָלטען גערן געוואָלט אויסמיידען, צו פּאָלעמיזירען מיט׳ן ישראל פּרעמיער. אָבער מיר מוזען מיט דער גאַנצער קלאָרקייט און קאַטעגאָרישקייט פעסטשטעלען, אַז די תשובות פון ד. בן־גוריון שטימען נישט מיט דברי שלום ואמת (בן־גוריונ׳ס אויסדרוק) און דאָס חרד׳ישע אידענטום קען זיך ניט, און וועט זיך ניט, מיט זיי צופרידענשטעלען.

אדרבא, זאָלען פאַקטען ריידען. פאַקטען וועלכע קיינער קען ניט אָפּלייקענען.

* * *

אין פאָריגען יאָר האָט די רעגירונג און די כנסת באַשטימט אַ ספּעציעלע וועדת־חקירה (אויספאָרשונגס־קאָמיסיע), אַ דאַנק דער גרויסער פאַרביטערונג, וואָס עס האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען אין ישוב, צוליב אָנטאָן נגישות צו רעליגיעזע אידען און ספּעצ־יעל די מזרח־עולים, זיי ניט לאָזען זיך אויסלעבען רעליגיעז, און דערציען זייערע קינדער לויט זייער ווילען — אין די וועגען פון תורה ומצוות.

אויב עס איז, ווי בן־גוריון פאַרזיכערט, טאַקע אַלץ בסדר, טאָ צו וואָס און צו וועלכען צוועק האָט מען געדאַרפט שאַפען אַ ועדת־החקירה? און אויב אַלץ איז בסדר גמור, ווי אַזוי קומט צו אַזעלכע באַשולדיגונגס־דערקלערונגען, וועלכע עס האָבען פאַר־עפענטליכט אַזעלכע פאַראַנטוואָרטליכע פירער פונ׳ם ישוב, ווי משה שאַפּיראָ, דער אינערן־מיניסטער, און ש. ז. שרגאי דער מעיאָר פון ירושלים.

משה שאַפּיראָ דערקלערט (יאַנואַר 17, 1951): „מיר וועלען זיך ניט אונטערגעבען דעם צוואַנג פון גייסטיגער אינקוויזיציע. מיר פאַרלאַנגען אַבסאָלוטע פרייהייט פאַר קענען דערציען אונזערע קינדער. מיר וועלען קעמפען קעגען טעראָר־אַקטען פון באַרויבען אונזער פרייהייט, און מיר פאַרלאַנגען צו באַשטראָפען די שולדיגע".

ש. ז. שרגאי דערקלערט (יאַנואַר 10, 1950): „די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען פון די פליטים־קינדער האָבען ניט קיין פאַרגלייך אין קיין שום לאַנד אויסער אין סאָוויעט־רוסלאַנד. איך, אַלס מיטגליד פון דער אידישער אַגענטור, נעם אויף זיך די פולע אחריות פאַר דער באַשולדיגונג".

דער עיקר אָבער, דאַרף מען זיך באַקענען מיט די רעזולטאַטען און פעסטשטעלונ־גען פון דער אָפיציעלער רעגירונגס אויספאָרשונגס קאָמיסיע.

די קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטען 33 זיצונגען, באַזוכט די עולים־מחנות און אויסגעהערט 181 עדות און איר באַריכט, וועלכער איז געווען אַן איינשטימיגער, איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דעם 9טען מאַי, 1950.

עס איז אויך זעהר וויכטיג צו פאַרצייכענען, אַז די ועדת־החקירה האָט געהאַט אַ מערהייט פון נישט־רעליגיעזע מענשען, זי איז באַשטאַנען פון: יצחק בן־צבי (מפא"י); א. ה. שאג (מזרחי); אברהם אלמלח (ספרדי); ק. כהנא (פועלי אגודת ישראל) און דער פינפטער, אַלס פאָרזיצער, דער ריכטער גד פרומקין.

אָט זיינען פאַקטען וועלכע מיר נעמען אַרויס פון דעם באַריכט, וואָס די אָפיציעלע ועדת־החקירה האָט פאַרעפענטליכט און צוגעשטעלט צו דער רעגירונג און צו דער כנסת.

* * *

די קאָמיסיע שטעלט קודם כל פעסט, אַז דאָס שטערען לערנען תורה מיט קינדער פון רעליגיעזע עלטערען איז ניט געווען קיין צופאַל, נאָר אַ פּלאַנירט סיסטעם מצד די מדריכים און מנהלים אין די אימיגראַנטען־לאַגערן. אין די לאַגערן פון רעליגיעזע עולים האָט מען אַנגאַזשירט אין רוב דווקא ניט־רעליגיעזע לערער און געשטערט דאָס אַריינברענגען רעליגיעזע לערער און מדריכים. און אָט זיינען איניגע פאַקטען פון דער גרויסער צאָל, וועלכע די וועדת־החקירה ברענגט אין איר באַריכט:

— אין „כפר גלבוע", האָבען עולים געעפענט אַ מזרחי־שול. נאָך איניגע טעג האָט דער מנהל פון לאַגער דערקלערט, אַז אין אַ מושב וואָס איז פאַרבונדען מיט דער הסתדרות המושבות, איז ניט דערלויבט אַ רעליגיעזע שול און זי איז געשלאָסען געוואָרען.

— אין „עין שער", דער מנהל פון דער מחנה האָט דערקלערט די לערער, אַז ער וועט ניט דערלויבען אַנצוגייען מיט לימוד התורה, די לערער איז דערלויבט צו לערנען מיט די קינדער עברית, חשבון און ציוניזם — אַנשטאָט תורה. צו די וועלכע האָבען מיט אים אַרגומענטירט, האָט ער דערקלערט, אַז די וואָס זיינען מיט אים ניט מסכים, קענען פאַרלאָזען דעם קעמפּ.

— אין „קרית שמואל", האָבען די מנהלים פון לאַגער געוואָרענט, אַז אויב מען וועט אין דער שול, וועלכע האָט זיך געפונען אין בית הכנסת, פאָרזעצען דאָס לערנען תורה מיט די קינדער, וועט מען דאָס בית הכנסת פאַרמאַכען און די לערער אַרויסטרייבען.

— אין „מחנה ישראל", איז געעפענט געוואָרען אַ רעליגיעזע שול אין דאָרטיגען בית המדרש. האָט דער לאַגער־דירעקטאָר אַרויסגעוואָרפען אַלע הייליגע ספרים אויף דער גאַס און אַרויפגעלייגט שלעסער אויף די טירען. דער רב פון לאַגער האָט פאַר דער קאָמיסיע געוויינט און געזאָגט: „איך קום פון רומעניע, און דאָרט, אונטער די קאָמוניסטען, האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו עפענען דריי רעליגיעזע שולען, און דאָ, אין אונזער אייגענעם לאַנד, זאָל מען אונז דאָס פאַרבאָטען, און דערצו אויף אַזאַ אופן?"

— אין „קרית מוצקין" האָט דער סעקרעטאָר פון דער מחנה אַנאָנסירט, אַז עס איז פאַרבאָטען צו לערנען תורה. ווען די לערער האָבען ניט אויסגעפאָלגט, האָט דער סעקרעטאָר, שוין צוזאַמען מיט אַ באַאַמטען פון מחלקת החינוך און אַ פּאָליציאַנט, אַרויסגעטריבען די קינדער און צעיאָגט די עלטערען, וועלכע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אַרום דער שול.

— אין קעמפּ „אחוזה". די עולים האָבען אַריינגעבראַכט אַ רעליגיעזען מורה. באַלד אין ערשטען טאָג האָט מען אים אַטאַקירט און אַרויסגעטריבען. 50 פון די עלטערען האָבען זיך געחתמ'עט אויף אַ פּעטיציע, אַז זיי ווילען נאָר אַ רעליגיעזע שול, האָבען געבראַכט צוויי נייע לערער פון חיפה. און ווען מען האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט אין דער

שול, האָבען זיי געלערענט מיט די קינדער אויפ׳ן פרייען פעלד. אין דער צייט פון רעגענס זיינען די לערער מיט די קינדער צוריק אַריין אין ד׳ער שול־געביידע, האָבען די פקידים זיי געסטראַשעט מיט פּאָליציי און צוגענומען די רשימה פון די 50 עלטערן, וואָס האָבען פאַרלאַנגט רעליגיעזע לימודים. מען האָט גערופען די עלטערען און זיי געוואָרענט, אַז אויב זיי וועלען ניט צוריקציען זייער פאַרלאַנג, צו לערנען תורה מיט זייערע קינדער, וועט מען זיי אַרויסטרייבען פון דער מחנה, זיי וועלען בלייבען אָהן אַרבעט און אָהן עסען און פאַרלירען דעם דאַך איבער׳ן קאָפּ.

— אין „עמקא״, האָבען 64 עלטערען געעפענט אַ שולע פון אגודת ישראל. דער לאַגער־דירעקטאָר האָט ניט דערלויבט די קינדער צו לערנען אין דער שול. אויף פראַגען מצד די עלטערען, אַז די שולע איז אַ לעגאַלע און איז אָנערקענט מצד דער ממשלה אַלס „זרם רביעי״, האָט דער פקיד געענטפערט: „אויב איר וועט ניט אויפהערען צו אַמפּערן זיך מיט מיר, וועט איר האָבען דעמזעלבען סוף ווי — דע־האַן...״

ווען די עלטערן זיינען דערפון ניט נתפעל געוואָרען און ווייטער אָנגעפירט מיט דער שול, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט פון דרויסען אַ שיסעריי און אַ פקיד מיט אַ ביקס איז אַריינגעקומען, געהייסען אויסלעשען די ליכט און פאַרלאָזען די שול, ווייל „אַראַבער זיינען געקומען״. צום סוף האָט זיך די גאַנצע מעשה מיט די „אַראַבער״ אַרויסגעוויזען פאַר אַ טייוולאָניש שפּיצעל, בכדי צו צעטרייבען די רעליגיעזע שול.

צומאָרגענס האָט דער מנהל פון דער מחנה אַרויסגעגעבען אַ באַפעל, אַז יעדען באַזוכער, מיט אַן אָנבליק פון אַ פרומען איד, זאָל מען ניט אַריינלאָזען אין לאַגער.

* * *

ווי ווייט דער צוואַנג פון די מחנה פירער האָט דערגרייכט, און ווי ווייט די נייע עולים, ספּעציעל די פון מזרח־לענדער, זיינען געוועזן איבערשראָקען פאַר די דראָהונגען, ווערט בולט פון דעם, וואָס די וועדת־החקירה דערציילט וועגען „באר יעקב״.

ווען די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איז געקומען נאָך „באר יעקב״, האָט זי מצד די עולים ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין שום דערקלערונגען, ווייל די עולים זיינען געוועזן אָנגעשראָקען דורך די אָרטיגע פקידים. די קאָמיסיע האָט דאַריבער מיטגענומען דעם רב פון דער מחנה קיין ירושלים, בכדי די גאַנצע וועדת־החקירה זאָל אויפנעמען דאָס עדות־זאָגען פון דעם חשוב׳ן רב. דער רב, וועלכער קומט פון טוניס, מאַראָקאָ, האָט דערציילט, ווי מען שטערט זיי אין אַלע ענינים פון דרכי הדת, און ווי מען וואַרפט אַן אַ שרעק אויף נייע עולים, אַז זיי זאָלען ניט וואַגען דערפון צו דערציילען אין דער עפענט־ליכקייט. דער רב אַליין האָט אין דער שוהל פון דער מחנה געלערנט מיט אידען אַ בלאַט גמרא. מיט אַמאָל איז געקומען דער דירעקטאָר פון דער מחנה, אַרויסגעוואָרפען אַלע ספרים, בענק און טישען און פאַרשלאָסען די שוהל. און גראָד איז דאָס געשען אין זעלבען טאָג, וואָס עס האָט געזאָלט אין דער שוהל פאָרקומען דער ברית־מילה פון זיינס אַ ניי־געבוירען אייניקעל.

דאָס זיינען נאָר איינצעלנע פאַקטען אַרויסגענומענע פונ׳ם באַריכט פון דער אָפיציעלער וועדת־החקירה. ווי אַזוי דער פרעמיער פון ישראל קען אַרויסקומען מיט זיין דערקלערונג, אַז אַלץ איז כשר וישר, בלייבט פשוט אַ רעטעניש.

וואָס נאָך די וועדת־החקירה האָט פעסטגעשטעלט, און וואָס פאַר אַ רעזולטאַטען זייער פאַרעפענטליכטער באַריכט האָט געבראַכט — אין ווייטערען אַרטיקעל.

(„דער טאָג״, ב׳ תמוז תשי״א, 7.6.1951)

תורה־אידישקייט דער יסוד פון ישראל

(פינפטער און לעצטער מאמר)

מיר האָבען אין אונזער לעצטען אַרטיקעל אָנגעוויזען, אַז דער אָפיציעלער באַריכט פון דער רעגירונג׳ס אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איז פול מיט באַשטעטיגונגען, אַז די מד־ריכים און דירעקטאָרען פון די עולים־לאַגערען האָבען גענוצט כל׳ערליי מיטלען, בכדי צו שטערען די רעליגיעזע לימודים און רעליגיעזע דערציאונג פון די פרומע תלמידים, קינדער פון פרומע עלטערען. מיר האַלטען פאַר וויכטיג איבערצוגעבען נאָך עטליכע פּרטים פון דעם באַריכט.

דער באַריכט שטעלט מיט באַדויערען פעסט, אַז מען האָט זיך אין די מעברות ניט באַנוגענט מיט די שטערונגען געגען רעליגיעזע בתי־ספר און לערער, נאָר עס זענען אויך אָנגעווענדעט געוואָרען טעראָר־מיטלען געגען די קינדער אַליין און געגען זייערע עלטערען אין מאַטעריעלער הינזיכט. אָט זענען פאַקטען, וואָס מיר נעמען אַרויס פון דעם אָפיציעלען באַריכט:

— אין „דיר־יסין״, האָט מען אויפגעהערט צו געבען עסען די קינדער, וועלכע האָבען געלערנט אין דער רעליגיעזער שול. אויף דער פראַגע, פאַרוואָס מען לאָזט די קינ־דער הונגערען? איז געווען די תשובה פון דעם לאַגער־דירעקטאָר, אַז קינדער, וואָס פאָלגען ניט אויס דאָס געזעץ פון שול־אונטעריכט, האָבען נישט קיין רעכט אויף עסען, און די רעליגיעזע שול — האָט דער דירעקטאָר דערקלערט — ווערט ניט באַטראַכט אַלס שולע.

— אין „ראש־העין״, האָט דער פאָרזיצער פון דער וועדת־החקירה געטראָפען אַ גרופע פון 6 קינדערלעך, וואָס זענען געגאַנגען באַרוויס אָהן שיך. אַ דערשטוינטער האָט גד פרומקין געפרעגט די קינדער, וואו זענען אייערע שיך? האָבען די קינדער דערקלערט: „מיר לערנען תורה, דערפאַר קריגען מיר ניט קיין שיך און קליידער. קינדער, וואָס לער־נען אין דער אַנדערער שול, באַקומען דאָס יאָ״. און ווען מר. פרומקין האָט דערנאָך באַזוכט די ניט־רעליגיעזע שול, האָט ער טאַקע געטראָפען די קינדער אין גוטע מלבושים און שיך.

— אין „עין כרם״, ווען עלטערען האָבען רעגיסטרירט זייערע קינדער אין דער שול פון אגודת ישראל, האָבען זיי צומאַרגענס זייערע קינדער איבערגעשריבען אין דער לינקער שול. אויף דער פראַגע, פאַרוואָס זיי האָבען עס געטאָן? האָבען זיי געענטפערט, אַז מען האָט זיי איבערגעשראָקען, אַז אויב זיי וועלען די קינדער שיקען אין דער רעלי־גיעזער שול, וועלען זיי מער ניט באַקומען קיין אַרבעט.

* * *

אויך וועגען די טרויעריג־באַקאַנטע אינצידענטען פון אָפּשערען מיט געוואַלד די פאות פון די תימנ׳ער קינדערלעך, וועלכע די לינקע מדריכים האָבען עס פּרובירט פאַר־ענטפערען מיט תירוצים פון כלומר׳שטער היגיענע און ריינקייט, האָט די וועדת־החקירה

פעסטגעשטעלט, אַז דאָס פאות־שערען איז ניט געווען קיין צופאַל, און ניט אויס היגיע־נישע טעמים, נאָר איז געווען אַ סיסטעמאַטישע פּראָצעדורע.

— אין „ראש העין", וואו מען האָט די קינדער אָפּגעגאָלט די פאות, שטעלט די קאָמיסיע פעסט, אַז מען האָט זיי דערקלערט: „דאָ אין ארץ ישראל דאַרף מען מער ניט קיין פאות, אין תימן האָט מען באַדאַרפט די סימנים (פאות), ווייל דאָרט האָט מען געלעבט צווישען אַראַבער, זענען נויטיג געווען „סימנים", אַז מען איז אידען".

— אין דעם עולים־לאַגער „בית לוד", דערציילט די וועדת־החקירה, האָט דאָס פאות שערען דורך דער מדריכה צפורה זהבי, געמאַכט אַזאַ שרעקליכען רושם אויף די פרומע תימנ'ער קינדערלעך, אַז זיי האָבען פאַרפאַסט אין ברכת המזון אַ ספעציעלען הרחמן, וועלכער האָט זיך געלייענט: „הרחמן הוא יעניש את צפורה".

זאָל נאָך דאָ פאַרצייכענט ווערען, אַז פאַר דעם הויפּט־אויפזעהער פאַר דער גאַנצער מזרח־עליה, וועלכע באַשטייט פון כמעט בלויז שטרענג־רעליגיעזע אידען, איז מצד דער אידישער אַגענטור באַשטימט געוואָרען זרובבל, איינער פון די לינקסטע פון דער האַלב־קאָמוניסטישער מפ"ם, און אָפענער כופר בכל קדשי היהדות.

אויב די אַלע פאַקטען, וועלכע זענען נאָר אַ קליינער טייל, מיט וועלכע דער אָפיציעלער וועדת־החקירה באַריכט איז פול, שטימען מיט דער פעסטשטעלונג פון ישראל־פּרעמיער, אַז „אים איז נישט באַקאַנט פון קיין שום צוואַנג געגען תורה־אידען און תורה־אידישקייט", לאָזען מיר איבער פאַר דער אידישער עפענטליכקייט — זאָל יעדער אָביעק־טיוועך לעזער זיך פאַרטראַכטען און באַשליסען.

בן־גוריון האָט בעת דער שאַפונג פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע דערקלערט, אַז אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז די באַשולדיגונגען צו צווינגען אידען און אידישע קינדער אָפּצוּנייגען פון תורה ודת זענען אמת, וועט ער רעזיגנירען אַלס ראש הממשלה. דאַכט זיך, אַז די וועדת־החקירה האָט די באַשולדיגונגען יאָ פעסטגעשטעלט.

* * *

אויב מען קען טראַכטען, אַז אַזעלכע אומדערהערטע טעראָר־אַקטען האָבען געקאָנט פאָרקומען בעפאָר דער וועדת החקירה, איידער די רעגירונג, די כנסת און דער גאַנצער ישוב זענען דערפון באַקאַנט געוואָרען. אָבער נאָכ'ן פאַרעפענטליכען דעם באַריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָט זיך זיכער אַלץ געענדערט לטובה, און יעדער צוואַנג געגען תורה־אידען און תורה יהדות איז גלייך אָפּגעשטעלט געוואָרען, — מוז מען מיט צער פעסטשטעלען, אַז קיין שום שינוי לטובה איז נישט פאָרגעקומען. און אויב בן־גוריון האָט בעת אונזער קאָנפערענץ דערקלערט, אַז אַלץ איז בסדר, זעהט אויס, אַז ער מיינט, אַז אַלץ קומט פאָר לויט'ן זעלבען סדר ווי... פריער.

צוויי חדשים נאָך דער באַקאַנטמאַכונג פון דעם באַריכט, אין יולי 7, 1950, פאַר־עפענטליכט מר. א. ל. געלמאַן, פּרעזידענט פון מזרחי, אַן אָפענעם בריוו צו מר. בן־גוריון, אין וועלכען ער שטעלט פעסט, אַז די רעגירונג האָט גאָרניט געטאָן, בכדי אַ סוף צו מאַכען צו די טרויעריגע סקאַנדאַלען, וואָס געשעהען ווייטער אין די מחנות און אין די נייע ישובים.

פינף חדשים נאָך דעם באַריכט, אין אָקטאָבער 9, 1950, איז הרב י. מ. לעווין, מיניסטער פון סאָציאַלען וואוילזיין, אַרויסגעטראָטען אין דער כנסת מיט אַ שאַרפער אָנקלאַגע, אין וועלכער ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס זענען ניט אָנגענומען געוואָרען

קיין שום מיטלען, בכדי אוממעגליך צו מאַכען, אַז אַזעלכע פּאַסירונגען, וועלכע זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען, זאָלען מער ניט קאָנען פאָרקומען.

אָט ליגט פאַר אונז אַ בריוו, וואָס די הסתדרות האָט אַרויסגעשיקט צו חברים, וועלכע האָבען געוואָגט צו פאַרשרייבען זייערס אַ קינד אין אַ רעליגיעזער שול:

„הסתדרות העובדים. אָפּטיילונג אין נס ציונה. יוני 27, 1950.

„טייערער חבר. עס איז באַקאַנט, אַז איר האָט רעגיסטרירט אייער קינד אין אַ שול פון אגודת ישראל (מזרחי). מיר פאַרשטייען, אַז איר האָט דאָס געטאָן בשוגג, איר ווערט געבעטען דאָס תיכף ומיד צופאַריכטען ביי דעם רעגיסטראַציע־באַאַמטען פון דעם שטאָט־קאָונסיל און טראַנספּערירען אייער קינד אין דער הסתדרות־שול.

„אויב איר וועט דאָס באַלד נישט טאָן, וועט אייער מיטגלידערשאַפט אין דער הסתדרות בטל ווערען.

„געח׳תמ׳עט: א. טאַלים״

און אָט לעזען מיר אין דער ארץ־ישראל פּרעסע פון י״ג תמוז, תש״י. אַן אָפענעם בריוו פון הרב שלמה לובינסקי, ווי ער דערציילט:

„אין מושב „ולנסיה״, נעבען ירושלים, האָבען די ניי־געקומענע מזרח־אידען ניט געהאַט קיין תפילין. אויף זייער בקשה האָב איך געשאַפען עטליכע פּאַר תפילין און מיט זיי געקומען אין מושב. ווען דער ערשטער איד האָט אָנגעטאָן די תפילין, איז צוגע־שפּרונגען איינער פון די מדריכים און מיט כח אַראָפּגעריסען די תפילין פון יענעמ׳ס קאָפּ, און מיט כעס און סטראַשונקעס מיך געוואָרענט זיך מער ניט צו ווייזען אין מושב. דערנאָך זענען די מדריכים, צוזאַמען מיט׳ן אָרטיגען לערער, געגאַנגען מבית לבית און רעקוויזירט אַלע תפילין, וועלכע איך האָב אויסגעטיילט. ווען איינער, אַ דרייסטערער, האָט זיך קעגענגעשטעלט, דערוואָרט אים איצט די שטראָף צו הונגערען און צו ווערען אַרויסגעטריבען פון מושב״.

אַזוי זעהט אויס דער מצב פון רעליגיעזער אידישקייט פאַר דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע און נאָך דער קאָמיסיע.

* * *

די פעסטשטעלונג פון בן־גוריון בעת אונזער קאָנפערענץ, אַז דער לעצטער רע־גירונגס־קריזיס, דורך וועלכען עס איז זיך צעפאַלען די קאָאַליציע, איז ניט געקומען צוליב רעליגיעזע סבות, נאָר צוליב פּאָליטישע, שטימט אויך נישט מיט דער ווירקליכקייט.

די קאָאַליציע איז זיך צעפאַלען בעת אַן אָפּשטימונג אין דער כנסת איבער׳ן צוואַנג געגען רעליגיעזען חינוך אין די עולים־לאַגערען. די מפא״י אין דער רעגירונג האָבען זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון זייערע געגעבענע פאַרפליכטונגען דורך אַ וואָרט־שפּיל, דורך דעם, וואָס די מחנות זענען איבערגעמאַכט געוואָרען אין מעברות. זיי האָבען אַרויסגע־שטעלט די לעכערליכע טענה, אַז די התחייבות׳ן פון דער רעגירונג צו דערלויבען רע־ליגיעזע שולען איז נאָר נוגע מחנות, אָבער ניט מעברות (איבערגאַנגס־לאַגערען).

עס זענען אפשר געווען נאָך מאָטיווען פאַר׳ן קריזיס, ווי די סאָציאַליסטישע ווירט־שאַפט, די הסתדרות־מאָנאָפּאָלען, באַגרענעצונגען פון פּריוואַט קאַפּיטאַל און איניציאַטיוו, אָבער די הויפּט־סיבה פאַר דעם קריזיס איז געקומען פון רעליגיעזע מאָטיווען.

* * *

מיר ווילען צום סוף זיך אָפּשטעלען אויף די באַהויפּטונגען פון מר. בן־גוריון, וועגען די אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען פון חוק העבודה און גיוס נשים.

עס איז קודם כל כאַראַקטעריסטיש, אַז די פראַגע פון חוק העבודה און גיוס נשים פאַר רעליגיעזע מיידלעך, איז ערשט געוואָרען, מצד דער מפא״י פירערשאַפט, אַקטועל נאָכ׳ן צעפאַלען זיך פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע. איז טאַקע נישט קיין חידוש, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער ישראל־פרעסע האָט דאָס אַפען פאַרצייכענט ווי אַלס נקמה־אַקט געגען דעם רעליגיעזען אידענטום, וואָס האָט מיט איר אַרויסטריט פון דער רעגירונג געבראַכט צום קריזיס און דורך דעם צו נייע כנסת־וואַלען.

מיר, רעליגיעזע אידען, וועלכע האָבען זיך טויזענטער יאָר מוסר נפש געווען פאַר אמונה און פאַר קיום התורה והמצוות, וועלען ניט דערלויבען, אַז אין אַזעלכע עיקריות׳־דיגע יהדות־יסודות זאָלען דערצידירען מענשען, פאַר וועלכע די דאָזיגע הייליגקייטען באַדייטען גאָרנישט, ניט אין זייער לעבען און ניט אין זייער לעבענס־פילאָזאָפיע.

די רעליגיעזע אידען, וועלכע לעבען אין ארץ ישראל און האָבען זיך פאַר איר מוסר־נפש געווען, טראָגען ניט ווייניגער פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער זיכערקייט פון אידישען לאַנד, ווי די חברים פון מפא״י און מפ״ם.

אויב עס זאָלען קומען מאָמענטען, חלילה, וועלכע זאָלען באַדראָען דאָס הייליגע לאַנד; מאָמענטען, ווען דער בטחון העם והארץ וועט פאָדערען געוויסע היתרים פאַר שבת און פאַר גיוס, זענען זיי אויך פאַרגעזעהען אין די דיני התורה והלכה. און די גדולי התורה והוראה און דאָס רבנות הראשית וועלען דעמאָלט זיכער האַנדלען און פסק׳ענען, — פסק׳ענען אין גייסט פון אונזער ג־טליכער תורת חיים, וועלכע זעהט פאַר הלכות אין אַזעלכע מאָמענטען פון בטחון און פקוח והצלת נפשות.

* * *

מיר אידען, האָבען די תורה מיט זיך געפירט און דורכגעפירט אַלע צייטען און דורות, אַלע פינסטערע גלות׳ן און רדיפות, און זי נישט אויפגעגעבען. וועלען מיר זי זיכער נישט אַרויסלאָזען פון אונזער לעבען אין אונזער ארץ ישראל.

מיר אידען, האָבען זיך ניט אָפגעשראָקען פאַר קיין שום מאַכט און געוואַלט פון אַלע אומות ולשונות וועלכע האָבען זיך פאַרמאָסטען אונז צו שטערען אין אונזער בונד מיט ג־ט און זיין תורה. וועלען מיר זיך זיכער ניט אָפשרעקען פאַר דער מאַכט און געוואַלט פון אייגענע ברידער־אידען, וועלכע האָבען זיך אויסגעטאָן פונ׳ם עול תורה והמצוות און פון יעדען רגש דתי.

ביי אונז, רעליגיעזע אידען, מאמינים בני מאמינים, איז תורה־אידישקייט נישט גלאַט עפּעס אַ קאַפּריז, נאָר אַ לעבענס־און עקזיסטענץ־פראַגע. „כי הם חיינו ואורך ימינו״ — אין דעם ליגט אונזער אידישער קיום, אונזער אייגענאַרט, אונזער בטחון און אונזער נצחיות.

נישט פאַראַן קיין אידען אָהן אידישקייט, און נישט פאַראַן קיין אידישקייט אָהן תורה, דת ואמונה.

אונזער טויזענט־יעריגע האָפנונג פאַר שיבת ציון איז פאַרבונדען מיט דער האָפנונג, אַז פון דאָרט וועט קומען ג־ט׳ס וואָרט און ג־ט׳ס לערע, וואָס זאָל אויפפרישען, שטאַרקען און באַלעבען דאָס אידישע לאַנד און דאָס אידישע פאָלק.

דאָס איז אונזער האָפנונג, אונזער שטרעבונג און אונזער ציל, אַז:

— כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים.

(„דער טאָג״, י״ד תמוז תשי״א, 7.18.1951)

צו דער ערעפענונג פון ישראל פארלאמענט

דער ערשטער אידישער פּאַרלאַמענט אין דער נייַ אַנטשטאַנענער מדינת ישראל, וועלכער קומט זיך איצט צונויף, איז דער אַנהויב פון אַ נייער תקופה אין לעבען פון אידישען פאָלק. נאָך קרוב צוויי טויזענט יאָהר זיין נע ונד, זיין אַ שפּיעל אין די הענט פון גוים, ווערענדיג געֿרודפ׳ט פון אַלע זייטען און אין אַלע צייטען; נאָך די בלוטיגע יאָהרען פון לעצטען וועלט־קריעג, נאָך יאָהרען אין וועלכע דער פּיין פון אידישען פאָלק האָט דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט; נאָך יאָהרען אין וועלכע דאָס בלוט פון אונזערע קדושים וטהורים האָט געפליצט כמעט אין אַלע טיילען וועלט — נאָך אַזאַ מורא׳דיגער צייט פון חורבן איז געשעהען די אנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה.

עס שטייט איצט פאַר׳ן אידישען פאָלק איינע פון די גרעסטע און שווערסטע געשיכטליכע אויפגאַבעס. נאָך אַלע מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע נצחונות וועט זיך פאָדערען פון אידישען פאָלק, במשך לאַנגע יאָהרען, אַ געוואַלדיגע אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע גייסטיגע, פיזישע און מאַטעריעלע כחות, כדי אָוועקצושטעלען די מדינה אויף פעסטע, נאָרמאַלע און סטאַבילע יסודות.

אָבער פאַר אונז פרומע אידען, מאמינים בני מאמינים, איז קלאָר, אַז די אַלע אָנשטרענגונגען און די גאַנצע אַרבייט פאַר מדינת ישראל וועט נאָר דעמאָלט האָבען אַ ממשות און אַ קיום ווען ארץ ישראל וועט אויך אין גייסט זיין — ארץ ישראל. און ווען מיר זאָגען: „ארץ ישראל״, מיינט אַ פרומער איד ד׳ערמיט: אַ לאַנד וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אידיש לעבען און אידישער אייגענאַרט, אַ לאַנד פון תורה, אמונה און דת משה וישראל.

און דעריבער ווערט אונזער פרייד, אין די דאָזיגע היסטאָרישע טעג וואָס מיר לעבען איצט איבער, באַגלייט מיט אַ געפיהל פון אומרוה. אַן אומרוה צי מיר וועלען זוכה זיין צו דערזעהן, פאַרשטעהן און אָפּשאַצען דעם אצבע אלקים, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין אונזער צייט.

אמת, — און דאָס דאַרפען מיר ביי יעדער געלעגענהייט דערמאָהנען און אונ־טערשטרייכען, — אַז דאָס, וואָס מיר זעהען איצט מיט אונזערע אויגען אין ארץ ישראל, האָט גאָרנישט צו טאָן און טאָר נישט אויף קיין איין חוט השערה פאַרמינערען אונזער טויזענט־יאָהריגען גלויבען און תקוה אין ביאת המשיח.

דער אני מאמין, וועלכער איז פאַרבונדען מיט דער גאולה שלימה פון אידישען פאָלק און וועלכער איז איינער פון די עיקרי היהדות, מוז און וועט ווייטער געזאָגט ווערען, מיט דער זעלבער אמונה און געגועים, ווי דורך אַלע אידישע דורות זייט׳ן חורבן.

אָבער דערביי קאָן נישט פאַרקלענערט ווערען די גרויסע געלעגענהייט פאַר דעם צוריקקעהר פון עם ישראל צו ארץ ישראל; פאַר דער מעגליכקייט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל נאָך צוויי טויזענט יאָהר נע־ונד צווישען אַלע אומות ולשונות, האָבען זייער אייגענעם ווינקעל און אייגענע היים; פאַר קענען אויפנעמען די הונדערטער טויזענטער געראַטעוועטע ברידער און שוועסטער פון שארית הפליטה, פאַר וועמען טיר און טויער

פון דער גאַנצער וועלט זיינען געשלאָסען, און העלפען זיי ענדליך קומען אל המנוחה ואל הנחלה.

* * *

אַ גרויסער חוב ליגט אויף אונזערע אויסגעקליבענע רעליגיעזע שליחי ציבור איןֹ אידישען פאַרלאַמענט, מיט זיך פאַרצושטעלען און רעפּרעזענטירען דעם ריכטיגען און איינציג־מעגליכען אידישען וועג; צו לערנען אַלע את הדרך אשר ילכו בה.

אונזערע פאַרשטעהער אין אידישען פאַרלאַמענט וועלען פיהלען, אַז זיי זענען נישט בלויז די שליחים פון די וועהלער אין ארץ ישראל, און נישט בלויז די שליחים פוןֹ גאַנצען רעליגיעזען אידענטום אין דער וועלט וואָס זייערע אויגען זענען איצט געווענדעט צו די הרי ציון וירושלים, נאָר ווי שליחים פון אַלע דורות שומרי החומות, וואָס האָבען מיט זייער עקשנות און מסירת נפש, און מיט מורא׳דיגע קרבנות, דער־האַלטען דעם קיום פון אידישען פאָלק.

אַזאַ שליחות איז אַ היסטאָרישער זכות, וואָס איז געגעבען געוואָרען אונזערע ערשטע רעליגיעזע שליחי ציבור. דאָס דאַזיגע שליחות פון אַלע דורות איז אַ קלאָרע און אַ דייטליכע: ממשיך זיין דעם וועג וואָס האָט פון דעם אידישען פאָלק געמאַכט אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש. דער דאַזיגער וועג איז אַ גראַד־ליניגער און ווייסט נישט פון קיין פשרות און קאָמפּראָמיסען.

מיר, רעליגיעזע אידען, וועלכע זענען ערצויגען געוואָרען אין אגודת ישראל, קענען מסכים זייןֹ אויף וויתורים און פשרות אין פּאָליטיק, פּאַרטיי־פּרעסטיזש און אין ענינים פון מאַטעריעלע און געזעלשאַפטליכע אינטערעסען. דאַגעגען קאָנען מיר ניט און טאָרען ניט מוותר זיין אויף אַ קוצו של יוד פון די פליכטען, מיט וועלכע מיר זיינען פאַרבונדען פון מעמד הר סיני אָן. פליכטען, וואָס זאָגען אונז קלאָר אַז דאָס צבור לעבען אין הייליגען לאַנד מוז זיין געבויט אויף אמת־אידישע יסודות, יסודות פון תורה, דת ואמונה.

מיר זענען זיכער, אַז דער געשאַפענער בלאָק וועלכער נעמט אין זיך אַריין אַלע אַקטיווע רעליגיעזע כחות איןֹ אידישען לאַנד, וועט מיט געמיינזאַמע כחות שטעהן אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע און וועט דערפילען אונזערע האָפנונגען, די האָפנונגען פון יהדות החרדית אין ארץ ישראל און איבער גאָר דער וועלט.

מיר שיקען אונזערע טיעפסטע ברכות אונזערע חברים וועלכע זענען שליחים פון אונזער באַוועגונג. זיי וועלעןֹ וויסען און פאַרשטעהן, אַז דאָס רעליגיעזע אידענטום ערוואַרט צו זעהען אין זיי לוחמים על דבר ה׳. זיי וועלען געדענקען דאָס גרויסע אחריות, וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען, אַלס שליחי צבור פון אגודת ישראל, צו זיין די פאָהן־טרעגער פון תורה־אידענטום און תורה אידישקייט.

זיי וועלען געוויס שטעהןֹ על המשמר און פיהרען זייער און אונזער קאַמף פאַר אַ תורה׳דיג ארץ ישראל מיט מוט, ווירדע און אויסגעהאַלטענקייט.

(דאָס אידישע וואָרט י״ט שבט תש״ט)

יאַ זאָגער, זענען מיר ניט

בעת די שורות ווערען געשריבען, איז נאָך ניט קלאָר דער אויסגאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען, וועגען דעם צוזאַמענשטעל פון דער נייער ישראל רעגירונג.

עס איז נאָך ניט קלאָר, אויב דער רעליגיעזער בלאָק, נעמט אַנטייל אין דער ניי־געשאַפענער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג, און אַזוי איז אויך נישט באַקאַנט די לעצטע דעצידירענדע שטעלונג מצד דער אגודת ישראל פּאַרטרעטערשאַפט.

אַלעס איז נאָך אין סטאַדיום פון פאַרהאַנדלונגען, און לעת עתה קענען מיר זיך נאָר אַרויסזאָגען, אויפ׳ן סמך פון ידיעות וועלכע דערגרייכען אונז.

דאָס, וואָס מיר ווילען דאָ באַהאַנדלען און אַרויסזאָגען, איז אָבער אַבסאָלוט ניט אָפּהענגיג פון יאָ אָדער ניט נעמען אַנטייל מצד אגודת ישראל אין דער רעגירונג, נאָר האָט אַ שייכות מיט דער פּרינציפּיעלער ערקלערונג פון בן־גוריון וואָס ער האָט געמאַכט פאַריגע וואָך, אַז: אַלע גרופּען וואָס וועלען זיין פאַרטראָטען אין דער רעגירונג, וועלען מוזען זיין לאָיאַל און ניט פיהרען קיין אָפּאָזיציע.

דערויף נויטיגט זיך אונזער באַלדיגער און קלאָרער ענטפער: מיר רעליגיעזע אידען זענען קיינמאָל ניט געווען, זענען ניט, און וועלען ניט זיין קיין יאָ־זאָגער.

* * *

איינמאָל האָבען מיר געזאָגט: יאָ, און דאָס פאַרבינדט אונז אויפ׳ן גאַנצען לעבען און אויף אַלע דורות.

ביים מעמד הר סיני האָבען מיר געזאָגט: יאָ — נעשה ונשמע. דאָרט איז געווען דאָס איינציגע מאָל און דאָס איינציגע אָרט, ווען דאָס תורה־פאָלק האָט געזאָגט יאָ, נעשה פאַר נשמע. דאָרט האָבען זיי דערוואָרט דעם דבר השם. דאָרט האָבען זיי אויף זיך מקבל געווען דעם עול תורה ועול מלכות שמים.

צוזאָגען אָבער „יאָ" בן גוריונ׳ען, דאָס — ניין!

פאַרפליכטען זיך פריהער־אויס, ניט צו קענען פריי און אָפען אַרויסברענגען אונזערע פאָדערונגען און פּאָסטולאַטען; ניט קענען ברענגען צום אויסדרוק אונזער קאַמף און פּראָטעסט, דאָרט וואו עס וועלען אָנגעריהרט ווערען רעליגיעזע פּרינציפּען; פון פריהער־אויס זיך אונטערוואַרפען, דורך דיסציפּלין, דעם ווילען פון מענשען און גרופּען, וועלכע האָבען פון זיך אַראָפּגעוואָרפען דעם טויזענט־יעהריגען צובונד צו אַלע קניני וקדשי האומה, — אַזאַ זאַך איז ווייט צופיעל פאַרלאַנגט פון אונז.

דאָס וועלען מיר, שומרי תורה ודת, קיינמאָל ניט נאָכגעבען.

מיר וועלען קיינמאָל, פריווילליג, אויף זיך ניט אָנטהאָן די קייטען פון זאָגען יאָ צו דעם אַלעם, וואָס וועט זיך פאַרגליסטען די מערהייט פון אַזעלכע וואָס האָבען פאַר־וואָרפען דאָס גאַנצע תורה־אידישקייט.

„יאָ־זאָגער" וועלען מיר ניט זיין.

* * *

דאָס אידישע פאָלק איז בכלל ניט קיין פאָלק פון „יאָ־זאָגער".

אין אַלע פאַרשידענע צייטען האָבען מיר אויף אַלע גוי'אישע ווענדונגען צו אונז, אַנצונעמען „זייערע גליקען" קיינמאָל ניט געענפערט מיט אַ... יאָ.

אויף אַלע זייערע פּרוּאוּוען אָפּצורייסען אידען פון אידישקייט, האָבען מיר גע־ענטפערט: ניין.

אויף אַלע זייערע באַמיהונגען אַריינצופיהרען גויאישקייט אין אידישען לעבען, האָבען מיר געענפערט: ניין.

אויף אַלע זייערע גזירות, רדיפות און הריגות, אויף אַלע זייערע שחיטות, אינקוויזיציעס און אויטאָ־דע־פעס האָבען מיר געענפערט: ניין.

מיט טראַציגקייט און פאַרביסענקייט האָבען מיר מיט אונזער „ניין" צוריקגע־וויזען, אין אַלע צייטען און דורות, אַלע פּרוּאוּוען אָפּצורייסען אָדער דערווייטערען דאָס פאָלק ישראל פונ'ם ג־ט פון ישראל.

מיט עקשנות און מסירת נפש האָבען מיר מיט אָט די „ניינ'ס" דערהאַלטען דעם המשך, קיום און נצחיות פון אידישען פאָלק, אידישער תורה און אידישער אמונה.

און זיכער וועלען מיר מיט דער זעלבער עקשנות און מסירת נפש פיהרען דעם קאַמף פאַר דערהאַלטען אונזער אידישקייט אין אונזער אייגען הייליג לאַנד.

* * *

צוזאַמען מיט אַלע טיילען פון אידישען פאָלק, שטעהען מיר ביי דער אויפבוי־אַרבייט פון אונזער הייליג ארץ ישראל. מיט'ן גאַנצען האַרצען העלפען מיר דעם בוי פון דער אייגענער אידישער הימ פאַר דעם עם הנאנח, הנרדף והנשחט. אָבער, מיר רעליגיעזע אידען, ווילען זעהען אַן אמת'דיג ארץ־ישראל, אַן ארץ ישראל ניט בלויז מיט'ן נאָמען, נאָר טאַקע אַ אידיש לאַנד מיט אַ אידיש לעבען, אויף אידישע יסודות. ניט נאָר אַ אידישע מלוכה, וואָס זאָל זיין אַ קאָפּיע פון וועלכען עס איז גוי'איש לאַנד, נאָר — מלכות ישראל, אין וועלכער מען זאָל אַרויסזעהען, דערקענען און אַרויספיהלען דעם — מלכות שמים.

מיר ווילען דאָרט זעהען אַן אייגענע אידישע קולטור און לעבענס־שטייגער, ניט אַזעלכע, וואָס זאָל נאָכמאַלפּעווען די באַנקראָטירטע ציוויליזאַציעס פון מזרח און פון מערב, וועלכע זענען פול מיט אידיש בלוט און אידישע לעבענס. נאָר אַ ריין־אידישע קולטור, וואָס איהרע יסודות זענען לויטער קדושה וטהרה. אַ קולטור, אַ תורה'דיגע, וואָס זאָל הייליגען אונזער פאָלקס־לעבען און אונזער לאַנד — וראו כל עמי הארץ כי שם ד' נקרא עליך.

אַ רעגירונג וואָס וועט דאָס אידישע לאַנד פיהרען אין אָט דער אמת־אידישער ריכטונג, קען באַקומען אונזער פריהער־אויס באַשטימטען „יאָ".

דאַגעגען יעדע אַנדערע רעגירונג וועלען מיר שטיצען נאָר אין די פראַגען וואָס מיר וועלען קענען. קיין אָפּאָזיציע לשם אָפּאָזיציע וועלען מיר ניט פיהרען, אָבער דעמאָלט, ווען עס וועלען ווערען געשטעלט אין סכנה אונזערע תורה און אמונה פרינציפּען, וועלען מיר מיט אַלע כחות און מיט אַלע מעגליכקייטען דעם קאַמף פיהרען, אונאָבהענגיג דערפון צי מיר וועלען יאָ זיין אין דער רעגירונג צי נישט.

אויב זיין אין דער רעגירונג פאַרלאַנגט פון אונז, אַלס תנאי קודם למעשה, זיך

אָפּזאָגען פון דער מעגליכקייט פון קעמפען פאַר תורה ודת פּרינציפּען, וועלען מיר — די אגודת ישראל — מוותר זיין אַפילו אויף טויזענט מיניסטער פּאָרטפעלען — אלף כיוצא בהם יבטלו ואל יבטל אות אחת מן התורה.

* * *

אונזער אָריינטריט אין דער רעגירונג האָט דעם צוועק פאַר מיטאַרבייט לטובת דער ענטוויקלונג, אויפבליה און קיום פון אונזער לאַנד. אָבער דאָס קען נאָר געשעהען — לויט אונזער פעסטער און טיפער איבערצייגונג — ווען אַלעס אין לאַנד וועט זיך בויען און פיהרען לויט חוקי התורה ויסודי הדת.

נאָך קרוב צוויי טויזענט יאָהר נע ונד, וואַלגערען זיך צווישען אַלע אומות ולשונות, געהען מיר איצט, בחסדי השי"ת, צוריק אויפשטעלען פאַר זיך עפּעס אייגענס, אַן אייגענע היים, אַן אייגענעם אידישען ווינקעל מיט אַן אייגען אידיש לעבען, מוזען מיר אַוועקשטעלען אין דעם צענטער פון אונזער לאַנד און אונזער פאָלק די תורת משה, וועלכע האָט אונז פאַר אַ פאָלק געמאַכט און אַלס פאָלק דערהאַלטען.

אויף דעם וועלען מיר זאָגען מיט'ן גאַנצען האַרצען: יאָ.

אויב אויף עפּעס אַנדערש, חלילה, וועלען מיר זאָגען מיט דער גאַנצער ענטשלאָסענקייט: ניין.

סתם יאָ־זאָגער זענען מיר ניט געווען, זענען ניט, און וועלען עס קיינמאָל ניט זיין.

("דאָס אידישע וואָרט" ג' אדר תש"ט)

אונזער אנטייל אין דער רעגירונג

און אונזערע פאָדערונגען

אונזער באַטייליגונג אין דער ממשלת ישראל האָט אַ פעסטען און קלאָרען ציל:

מיר געהען אין דער רעגירונג, ווייל מיר ווילען משפיע זיין און ווירקען, אַז די יסודות, וועלכע ווערען געלייגט פאַר דער אידישער מדינה זאָלען זיין אין איינקלאַנג מיט תורה און טראַדיציע.

עס איז דאַדורך קלאָר און פאַרשטענדליך אַז אונזער זיין אין דער רעגירונג האָט נאָר אַ זין, אַזוי לאַנג, ווי עס זעהט זיך די מעגליכקייט פאַר אונזער השפעה, און אַז אונזערע תורה־פאַרלאַנגען זאָלען דורכגעפירט ווערען אין לעבען.

אין דעם מאָמענט, ווען אַזעלכע מעגליכקייטען הערען אויף, הערט ממילא אויף דאָס נויטיגקייט און די מעגליכקייט פאַר אונזער מיט־באַטייליגונג אין דער רעגירונג. און נישט בלויז דאָס, נאָר מיר טאָרען מער אין דער רעגירונג נישט זיין, ווייל מיר טאָרען מער דעם אחריות פאַר אַ נישט־תורה׳דיג ארץ ישראל נישט מיט־טראָגען.

אין אָט דעם זין האָט דער אגודת ישראל מנהיג הרב יצחק מאיר לעווין באַלד אָפיציעל ערקלערט, אַז: ווען ס׳זאָל אָנגענומען ווערען וועלכעס־עס־איז געזעץ וואָס איז געגען חוקי ודיני התורה, וועט ער רעזיגנירען פון זיין מיניסטער אַמט.

ניט אַ צייטונגס־אַרטיקעל, איז דער פּלאַץ וואו מען זאָל זיך קענען אָפּשטעלען מיט אַלע פּרטים און פרטי פרטים אויף אונזערע פאָדערונגען. מיר ווילען נאָר אָנווייזען, אַז עס זיינען פאַראַן פאָדערונגען פון אַזאַ יסודות׳דיגען כאַראַקטער, פון וועלכע מיר קענען נישט מוותר זיין אפילו אַ קיצו של יוד. דאָס זיינען:

שבת, — אין דער אידישער מדינה זאָל שבת זיין שבת! אַלעס מוז רוהען, אַלעס מוז זיין געשלאָסען, קיין שום עפענטליכער חלול שבת טאָר נישט ערלויבט זיין — שבת שבתון.

אישות, — קדושין, גיטין און אַלעס וואָס איז פאַרבונדען מיט משפחה־לעבען, מוז זיין ריין און הייליג, מוז זיין לויטן אידישען דין און הלכה און דורך אַ בית־דין של רבנים און דיינים מובהקים.

כשרות, — אַלע עפענטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע ווערען אויסגעהאַלטען אָדער סובסידירט דורך מלכות ישראל, ווי: מיליטער, האָספּיטעלער, תפיסות, קאָאָפּעראַטיווען, פאָלקס־קיכען, אַ. ז. וו. מוזען זיין כשר׳ע.

חינוך, — אַלס אַ מינימאַלע פאָדערונג איז: עס מוז געגעבען ווערען אַ פול־שטענדיג אויטאָנאָמער זרם (שול־סיסטעם) פאַר אַ שטרענג רעליגיעזען חינוך, וואָס זאָל אויסגעהאַלטען ווערען פון דער רעגירונג, און זאָל געפירט ווערען גאַנץ אויטאָנאָם פון אַן אָרטאָדאָקסישען ועד החינוך, אָן יעדער אַריינמישונג מצד דער רעגירונג.

איז דען מעגליך, אַז אַזעלכע מינימאַלע, עלעמענטאַרע פאָדערונגען זאָלען פון וועמען עס איז באַשריטען ווערען? איז דען מעגליך, אַז מי שיש לו מח בקדקדו זאָל

זיך קענען פאַרשטעלען אַן אייגענע אידישע מדינה און אַן אייגענע אידיש פאָלקס־לעבען, וואו אַזעלכע תורה׳דיגע עיקרים זאָלען נישט זיין זייערע יסודות?

זענען דען נישט דער הייליגער שבת, דער אידישער טיש, דאָס פאַרהייליגטע אידישע פאַמיליען־לעבען, דער אידישער תורה־חינוך, און דאָס איבערגעבען די סיני אידעאַלען מדור לדור, די איינציגע פאַקטאָרען, וואָס האָבען אונז אַלס אידיש פאָלק דערהאַלטען?

קען זיין אַ רייד פון אַן אויפגעלעבט און אַ באַנייט אידיש לעבען אָן די דאָזיגע עיקר׳דיגע יסודות? מיר שטעלען זיך עס נישט פאָר.

* * *

מיר האָבען באַרירט די ענינים פון אורח חיים, יורה דעה און אבן העזר, אָבער פאַראַן אַ פערטער חלק אין שולחן ערוך, מיט וועלכען אידען האָבען אַ גרויסען שייכות און דאָס איז — „חושן משפט״.

דינים האָבען אידען באַקומען נאָך פאַר קבלת התורה „שם שם לו חוק ומשפט״.

אַז אידען קומען אַהיים, בויען זיך אויס אַן אייגען אידיש לעבען, מוז דער אידישער שולחן ערוך זיין דער פוסק, וואָס זאָל רעגולירען און דעצידירען אַלע אונזערע דינים ומשפטים. רוימישע, גריכישע און אַלע אַנדערע געזעצגעבונגען זיינען געבויט אין אַ גרויסער מאָס אויפ׳ן יסוד פון אונזער חוק. דאַרפען מיר אַליין זיכער נישט זוכען עפּעס אין דער פרעמד, בעת מיר האָבען אַזוי פיל אונזער אייגענס.

און אַז מיר שטעלען איין אין אונזער לאַנד אונזער תורה־געזעץ, איז ממילא קלאָר, אַז די דיינים מוזען זיין מומחים, געלערענט און באַקאַנט מיט דעם אידישען שולחן ערוך, און מיט אַלע דיני וחוקי התורה. עס איז דעריבער אַ בפירוש׳ע פאַרלעצונג פון אָט דעם פּרינציפּ — און דאָס וועט מוזען ווי אַמשטאַרקסטען באַקעמפט ווערען מצד דעם רעליגיעזען אידענטום — דאָס באַשטימען פאַר דעם „בית משפט העליון״ (סופרים קאָורט) מענשען, וואָס קענען זיך אפשר זיין גאַנץ גוטע אַדוואָקאַטען און געבילדעטע מענשען, אָבער האָבען אַבסאָלוט נישט קיין שייכות מיט תורה ודיני תורה.

אַ „בית דין העליון״ אין ארץ־ישראל, דאָס העכסטע געריכט וואָס האָט דאָס לעצטע וואָרט אין אידישען לעבען פון יחיד ווי פון צבור, מוז קענען אַלע דיני ומשפטי התורה, און אויך זיין דורכגעדרונגען מיט דעת התורה.

* * *

מיר האָבען דאָ נאָר אָנגעוויזען אויף יסודות׳דיגע פּרינציפּען, עיקרים׳דיגע ענינים. אָבער אין אַ נאָרמאַלען לעבען פון אַ פאָלק, שווימען אויף טאָג־טעגליך פּראָבלעמען וואָס פאַר׳ן ערשטען בליק זעהט זיך גאָרנישט זייער וויכטיגקייט. עס דאַכט זיך עס איז אַ קלייניגקייט, אַ נישט באַדייטענדער עפּיזאָד, אָבער ווען מען פאַרטראַכט זיך אַביסעלע ערנסטער און טיפער, דערזעהט מען ערשט זייער גרויסע באַדייטונג.

און בכלל, איז דען פאַראַן ביי אידען און ביי אידישער תורה קלייניגקייטען. וואָרענט מען דען אונז נישט: „הוה זהיר במצווה קלה כבחמורה״, און אַמאָל גאָר איז אַן „ערקתא דמסאני״ אַן ענין פון מסירת נפש. ווייל, וואָס שטעלט דען מיט זיך פאָר יהדות, אויב נישט די טויזענטער גרויסע און קליינע זאַכען, וואָס זענען איינגעשלאָסען אין אידישען לעבען; מנהגים, סייגים, גדרים, לעבענס־זיטען און לעבענס־אַרטען, וועלכע זענען איינגעגלידערט געוואָרען אין אידישען סדר החיים.

לאָמיר זיך אָפּשטעלען דאָ בלויז אויף איינער פון אַזעלכע „קליינינקייטען".

דער „הימנון" פון מדינת ישראל.

אַ לאַנד האָט זיין נאַציאָנאַלען „הימען". אַ פאָלק האָט זיין שיר.

מיר אידען פאַרמאָגען אַ סך שירות ותשבחות. ביי יעדער געלעגענהייט האָבען מיר אונזער געזאַנג:

„אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לד'". „ותען להם מרים — שירו לה'". „אז ישיר ישראל את השירה הזאת". „ויכתוב משה את השירה הזאת". „ותשר דבורה".

אַלעס ביי אונז איז פול מיט געזאַנג. אַלע אידישע תפלות, פול מיט שירות ותשבחות. דער אידישער טיש, פול מיט זמירות. מיר האָבען אפילו אַ — שיר השירים.

און אַז מיר דאַרפען יעצט אין אונזער אייגען לאַנד אַ אייגענעם „הימען", דאַרף עס אונז נישט שווער זיין צו געפינען אין אונזערע תורה־אוצרות.

מיר האָבען שוין געהאַט אַמאָל אַן אייגענע מלוכה, און אויך אַן אייגענעם מלך. פון אים, דעם מלך, האָבען מיר אַ ירושה פון געזאַנג, פון שירים, וואָס די גאַנצע וועלט, אַלע גלויבענס און אַלע פעלקער, נוצען זיי אויך פאַר זייערע הייליגקייטען.

פון דוד מלך ישראל איז אונז געבליבען די ג־טליכע 150 קאַפּיטלען פון הייליגען תהלים.

זאָלען מיר יעצט פאַר אונזער „הימען" אויסזוכען עפּעס אַ שיר, אַן דאָס דער־מאָנען ג־ט׳ס נאָמען, און לאָזען אין דער זייט אַזאַ פּרעכטיגען שיר, ווי עס איז למשל:

„שיר המעלות בשוב ה׳ את שיבת ציון..."

זאָל מען זיך דוקא קלאַמערען אין אַ „הימנון" וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט און אויסגעטראַכט פון עפּעס אַ האַלב־טרעמפּישען שכור און נישט בעסער אַנערקענען אַ שיר, וואָס איז געזאָגט געוואָרען מיט רוח הקודש דורך דעם נעים זמירות ישראל, דוד מלך ישראל — חי וקים.

זאָגט טאַקי דער זעלבער דוד המלך אין זיין הייליגען תהלים:

על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו — אויף די טייכען פון בבל זיינען אונזערע עלטערען געזעסען און געוויינט, דערמאָנענדיג זיך ציון, געוויינט: איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר, צי דאַרף מען זינגען, און ווי אַזוי קען מען עס זינגען, ג־ט׳ס לידער אויף פרעמדער ערד.

זאָלען מיר גאָר היינט מוזען זינגען פרעמדע לידער אויף ג־ט׳ס ערד.

איך נשיר את שירי נכר על אדמת ישראל, אדמת ד׳.

* * *

מיר ווייסען, אַז גאָרנישט לייכט זענען די אויפגאַבען פון אונזערע שליחי צבור.

מיר ווייסען אָבער אויך, אַז זייער אַרבייט פאַר אַ תורה׳דיג ארץ ישראל, איז אַ הייליגע און אַ היסטאָרישע. זיי זענען די שליחי צבור פונ׳ם תורה־אידענטום איבער דער וועלט, און פון תורה־יהדות אין אַלע דורות.

(ד. א. וו. ב׳ ניסן, תש״ט)

וועגן נאַציאָנאַלען הימן פון מדינת ישראל

מיר האָבען דערהאַלטען אַ בריף פון באַקאַנטען העברעאישען שרייבער דניאל פערסקי, וועלכען מיר גיבען דאָ איבער, כדי אונזערע לעזער זאָלען זיין אָריענטירט אויך אין דער שטעלונג פון אונזערע געגנער.

ד. פערסקי׳ס בריף האָבען מיר געמוזט קירצען און אויסלאָזען אייניגע פּאַראַג־ראַפען, וועלכע האָבען נישט קיין שום שייכות צום ענין, אָבער וועלכע וואָלטען געווען, לויט אונזער מיינונג, אַ חילול הקודש צו ווערען פאַרגלייכען נ. ה. אימבער צו אַ גדול שבראשונים רבי יהודה הלוי זצ״ל.

אָט וואָס דניאל פערסקי שרייבט:

ב״ה.

אין רעדאַקציע פון „הדואר״, וואו איך אַרבייט מיט, קומט אָן אייער אָרגאַן „דאָס אידישע וואָרט״ און איך לייען עס תמיד מיט אינטערעס, ווייל עס איז גוט רעדאַגירט, פיין געדרוקט און געשריבען.

נאָר איין דורך־אגב׳דיגע הערה אין אַ מאמר פון הרב ב. ז. הענדלעס (ב׳ ניסן) האָט מיר אַביסעל פאַרדראָסען. ווען ער רעדט דאָרט אַרום די פּראָבלעמען פון דער מדינת ישראל, דער־מאָנט ער אויך דעם ענין פון אונזער נאַציאָנאַלער הימן, וועלכע איז ניט ראוי צוליב צוויי טעמים: ווייל ג־ט׳ס נאָמען ווערט דאָרטען נישט דערמאָנט; און ווייל דער מחבר איז געווען אַ האַלב־שיכור. צום שבח פון כותב המאמר דאַרף דערמאָנט ווערען, אַז ער איז געווען גענוג טאַקט־פול נישט צו דערמאָנען דאָס וואָרט „התקווה״ און דעם נאָמען פון משורר נפתלי הערץ אימבער.

לייענענדיג אַזעלכע ווערטער האָב איך געפילט, אַז מיין געוויסען און אויך דער כוח פון אמת צווינגען מיר ענטפערן אויף די צוויי ניט־באַרעכטיגטע טענות קעגען „התקווה״.

די אגודת ישראל, אַלס באַטייליגטע אין דער רעגירונג פון מדינת ישראל און אַלס פּאַט־ריאָטישע אזרחים, מוז אַנערקענען דעם נאַציאָנאַלען הימן „התקווה״ פון מדינת ישראל. אמת, נכון הדבר: קיין אָפיציעלער באַשלוס איז נאָך נישט אָנגענומען געוואָרען פון אונזער כנסת — און ס׳איז אַ ספק אויב עס וועט בקרוב יע אָנגענומען ווערען אַזאַ באַשלוס, אָבער הכול יודעים, אַז דער „התקווה״ איז די איינציגע נאַציאָנאַלע הימן אונזערע און מיט איר געזאַנג ווערען באַגלייט אַלע אידישע פייערונגען.

און וויסען זאָלען מיר, אַז „התקווה״ וועט נישט פאַרביטען ווערען אויף קיין אַנדער הימן (סיידען עטליכע שינויים אין ווערטער ווי: „להיות עם חפשי בארצנו — ארץ ציון וירושלים״), ווי וואונדערבאַר אָדער טראַדיציאָנעל עס זאָל נישט זיין. אָט, למשל, האָבען מיר אונזער אַמערי־קאַנער הימן „סטאַר ספּענגעלד בענער.״ עס האָט אַ סך חסרונות, ווי מבינים האָבען עס שוין ניט איינמאָל באַוויזען, סיי אין תוכן, סיי אין מוזיק, אָבער פאַרפאַלען: אַ פאָלק בייט נישט זיין הימן, וועלכע איז דורכגעוועבט מיט בלוט און קאַמף.

די טענער פון „התקווה״ (ס׳איז נישט פיל וויכטיג ווער עס זיינען די מחברים פון די ווערטער און מוזיק) באַגלייטען שוין זיבעציג יאָר אונזער נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע תחייה. וואָס די „התקווה האָט געמיינט פאַר אונז — קאָן מען אָנפילען אַ גאַנצען בוך.

יעצט די טענה וואָס ג־ט׳ס נאָמען פעלט אין „התקווה״ (הגם דאָס איז בכלל קיין טענה. צי דען דאַרף אומעטום דערמאָנט ווערען שם ה׳? נו, אַז מגילת אסתר האָט ניט שם ה׳ איז עס טריף, חלילה? נו, און אַז אַ כתובה האָט אויך נישט שם ה׳ בפירוש אויסער „כדת משה וישראל״ איז עס נישט כשר?) — איז דער תירוץ גאַנץ פשוט: אין „התקווה״ ווערט יאָ דער־מאָנט ג־ט׳ס נאָמען. ס׳לייענט דער בית ח׳ לאמר: „כל עוד רגש אהבת הלאום בלב היהודי פועם, עוד נוכל קוות גם היום, כי ירחמנו א־ל זועם״. טאָמער איז עס אַלץ וועניג, דאַרף איך דערמאָנען, אַז „התקווה״ איז פול מיט רעליגיעזע געפילען, ווי בית ב׳ („ורבבבות מבני עמנו עוד הולכים על קברי אבות״), בית ג׳ („כל עוד חומת מחמדינו לעינינו מופעת, ועל חורבן

מקדשנו עין אחת עוד דומעת"), בית ו' („ולבכות לציון בראש אשמורות עוד תקום בחצי הלילות — תיקון חצות).

דאַן קומט די צווייטע טענה.

אָבער, געוואַלט, דער משורר אַליין איז געווען אַ „האַלב־שיכור." אַלס אַ פאַקט איז עס, דרך אגב, נישט ריכטיג, ווייל נ. ה. אימבער האָט געשריבען זיין „התקווה" ווען ער איז געווען אַ פרומער יונגערמאַן, צוויי און צוואַנציג יאָר אַלט, ביי דער געלעגענהייט וואָס די קאָלאָניע פתח־תקווה איז געגרינדעט געוואָרען אין ארץ ישראל. די לעצטע יאָרען, פאַר זיין טויט, אין יאָר תר"ע, ווען ער איז געווען צובראָכען, קראַנק, אָרעם און פאַרלאָזען, פלעגט ער פאַרטרינקען זיינע צרות — און איך פלעג אים אָפט באַגעגענען אין די ספרים־געשעפטען אויף קאַנאַל סטריט. ער איז פיעל מאָל געווען באַטרונקען אָבער קיינמאָל נישט שיכור. אַלע מאָל ביי זיין קלאָרען פאַרשטאַנד און שאַרפען סאַטירע. זיין איינציגע נחמה, וועגען וואָס ער פלעגט ריידען תמיד מיט התלהבות — איז געווען די הצלחה פון „התקווה" וואָס „וועט אים איבערלעבען".

דניאל פערסקי

אַלזאָ ד. פ. נעמט זיך אָן דעם כבוד פון דעם מחבר פון „התקווה", און לאָמיר גלייך זאָגען, אויף דעם געביט וועלען מיר נישט פירען קיין פאָלעמיק. נישט דערפאַר, ווייל מיר האָבען געביטען אונזער מיינונג וועגען אימבער'ן, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַ שוכן עפר און די איינציגע באַמערקונג, וואָס מיר האָבען געמאַכט וועגען אים, איז נישט געווען חלילה מיט דער כוונה אַ טויטען צו באַליידיגען, און טאַקע דערפאַר האָבען מיר זיך אויסגעהיטען פון דערמאָנען זיין נאָמען.

מיר ווילען אָבער צוגעבען לעצם הענין, צו „התקווה" אַלס נאַציאָנאַלען הימן. קודם כל, ווילען מיר פעסטשטעלען, אַז די אגודת ישראל, האָט נישט געביטען איר שטעלונג צו ארץ־ישראל. אגודת ישראל איז ביז'ן היינטיגען טאָג, נישט אַריינגעטרעטען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פונקט ווי זי האָט עס נישט געטאָן פאַר מדינת ישראל.

די אגודת ישראל, האָט שוין פיעל מאָל אויפגעקלערט איר שטעלונג, אַז זי קען ניט האָבען קיין שייכות אין אַן אָרגאַניזאַציע, ביי וועלכע, אמונה איז אַ פריוואַט זאַך, און וואָס אַנערקענט נישט די עיקרי הדת אין איר אַרבייט פאַר פאַרפליכטענד.

פון דער אַנדערער זייט אָבער, האָט אגודת ישראל, אַלס אַ באַוועגונג פון אָרטאָדאָקסישע אידען, פון שטענדיג אָן געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציהונג צו ארץ ישראל און ישוב ארץ־ישראל. עס איז איינפאַך לעכערליך אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט צו איבער־חזר'ן. און אויב מיר טוען עס איצט, איז עס דערפאַר, ווייל די פּראָפּאַגאַנדע פון אונזערע געגנער האָבען אין משך פון אַזוי פיעל יאָר, פאַרטומעלט די מחות, אַז מען איז געצוואונ־גען צו באַווייזען אַז טאָג איז — טאָג.

די אגודת ישראל קאָן אָנווייזען, אַז נאָך פאַר דער אַנשטעהונג פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, זענען נאָר די פרומע אידען, געווען די שומרי החומות; זענען נאָר אָרטאָדאָקסישע אידען געווען די ערשטע עולים און חלוצים; האָבען נאָר זיי, די רעליג־יעזע אידען, אויפגעבויט ירושלים, פּתח־תקוה; האָבען דערהאַלטען דעם אידישען ישוב אין צפת, חברון און טבריי; זענען געווען די יעניגע, וואָס האָבען פאַקטיש געשאַפען דעם מסחר און אינדוסטריע אין לאַנד; זענען געווען די מיטבויער פון תל־אביב און חיפה.

עס איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אגודת ישראל באַטייליגט זיך אין אויפבוי פון ארץ ישראל, און אין דער אַרבייט פון ישראל־פּאַרלאַמענט.

דערפון איז בכלל נישט געדרונגען, אַז אגודת ישראל מוז אַנערקענען דעם ציוניס־טישען הימן פאַר דעם הימן פון מדינת ישראל.

אין פיעל ערנסטע ישראל־קרייזן, וואָס שטעהען כלל נישט נאָענט צו אגודת ישראל, ווערט באַהאַנדעלט די פראַגע, וועגן באַשטימען אַ נאַציאָנאַלען הימן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכען דעם כאַראַקטער פון ישראל סבא, זיין עבר און זיין וועלט־געשיכטע.

דניאל פערסקי האָט זעלבסטפאַרשטענדליך דאָס רעכט זיך אַרויסצוזאָגען פאַר אַנערקענען „התקוה" אַלס דעם נאַציאָנאַלען אידישען הימן.

אָבער לאָמיר זיך פאַרטראַכטען וועגען די מאָטיווען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, וועגען דעם איין־און־איינציגען מאָטיוו, וואָס פערסקי גיט אָן אין זיין בריף. זיין אַרגו־מענט איז, אַז מ'דאַרף זיך רעכענען מיט פאַקטען. אַזוי ווי אידען האָבען אָנגענומען די „התקוה", איז, במילא, דאַרף די „התקוה" בלייבען דער הימן.

ווילען מיר אָבער דערויף ענטפערען: די „התקוה" איז אָנגענומען געוואָרען, נאָר דורך ציוניסטען, און אין דער טויזענד יעריגער אידישער געשיכטע, איז די „התקוה" סך־הכל זעהר יונג. זי איז נאָך ס'מאָל נישט קיין בת־ששים. עס קען דעריבער נישט זיין קיין רייד, אַז דאָס אידישע פאָלק, האָט שוין אַנערקענט די „התקוה", אַלס דעם נאַציאָנאַלען הימן.

דאַגעגען ווייסען מיר אַלע, אַז די מזמורי תהילים האָבען שוין אונטער זיך אַ געשיכטע פון טויזענטער יאָרען; אַז אויב עס זענען דאָ פאָלקס־מזמורים וואָס ווערען אנערקענט און פאַרהייליגט דורכ'ן גאַנצען פאָלק אין משך פון אַלע דורות ביז'ן היינטיגען טאָג, איז עס דער מזמור לדוד. און אויך ביי די מענשען, וואָס זינגען די „התקוה", זענען די מזמורי תהילים, זיכער טיפער איינגעבאַקען אין זייערע הערצער ווי דער שיר פון...

:. ה. אימבער.

דניאל פערסקי, דערצעהלט אונז אין זיין בריף, אַז ביי אַ נאַציאָנאַלען הימן, וואָס איז אָנגענומען, לייגט מען נישט קיין גרויס אַכט דערויף, צי די ווערטער זיינען גענוג דיכטעריש און צי די ווערטער זענען גענוג שעהן .

דאָס איז געוויס ריכטיג. מיר קענען אָבער נישט פאַרשטעהן, אַז די הערליכע ג־טליכע שיינקייט פון תהילים, זאָל זיין אַ חסרון אנערקענט צו ווערען פאַר דעם נאַצ־יאָנאַלען אידישען הימן. וואָרום קיין אַנדער „חסרונות" פון דעם שיר המעלות בשוב ד', למשל, פון דעם נעים זמירות ישראל, אין פאַרגלייך מיט דער „התקוה", זעהען מיר נישט.

און דעריבער האַלטען מיר, אַז די מדינת ישראל, דאַרף אָפיציעל אַנערקענען אַ נאַציאָנאַלען אידישען הימן, איינעם פון די תהילים־הימנען, וועלכע האָבען ביים היינטיגען טאָג די סאַנקציע פון גאַנצען אידישען פאָלק, וועלכע זענען נישט בלויז אַן אויסדרוק פון דוד המלך'ס ג־טליכען געזאַנג, נאָר וועלכע האָבען איינגעזאַפּט אין זיך די טרערען, די פרייד און די „תקוה" פון דורות אידען מקדמת דנא.

און מיר האַלטען אויך, אַז ווען ד. פערסקי, וועלכער איז אַ העברעאישער שרייבער, און וועלכער האָט פיעטעט פאַר דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, וועט זיך ערנסט פאַרט־ראַכטען וועגען דעם דאָזיגען ערנסטען ענין, וועט ער אויך מוזען אַנערקענען, אַז ווען מען טראַכט וועגען געהייליגטען ספר תהילים, דאַן קען אפילו קיין רייד נישט זיין, וועגען אימבער'ס גוטע, אָדער נישט־גוטע שאַפונג.

(דאָס אידישע וואָרט, י"ח תמוז, תש"ט)

ווער עס פירט דעם קאמף

אין דעם רעליגיעזן געראַנגעל אין ארץ ישראל, זעט מען לעצטענס, מצד די געגנער פון דת, אַ גאַנץ נייע טאַקטיק. דעם קאַמף פּאַר יהדות וואָס דער גאַנצער חרדישער ישוב פירט אָן, ווערט דורך זיי צוגעשריבן צו איין־איינצעלנער גרופּע אין ארץ ישראל, וועלכע רופן זיך „נטורי קרתא״.

ווען עס קומט אויס — און דאָס, לײדער, גאַנץ אָפט — אַז דאָס תורה־אידענטום ווערט געצוואונגען זיך צו שטעלן עפנטלעך געגן מעשים־תעתועים פון די מחללי הקודש אין אונזער ארץ הקדושה, ווערט עס פאַרגעשטעלט ווי דאָס קומט נאָר דורך דער איינער עקסטרעמער גרופּע.

דאָס ווערט, מצד די לינקע מדינה־מושלים, געטאָן מיט ספּעציעלער כוונה און סטראַטעגיע. פיל־ווייניג האָט מען אין די אַנטי־רעליגיעזע קרייזן דאָך נאָך אַביסעל מורא פאַר דער אידישער עפנטליכער מיינונג. סוף־כל־סוף דאַרף דאָך די מדינה — און וועט נאָך מסתמא געננג־לאַנג דאַרפן — אַנקומען צו דער הילף פונ׳ם אידישען כלל איבער דער וועלט, און דאַדורך מוז מען זיך נאָך רעכענען מיט׳ן ברייטען דעת־הקהל. און דאָס ווייסען זיי, אַז אידען איבער דער וועלט וועלען נישט פאַרשטיין אקציעס געגען אידישען דת אין אונזער הייליג לאַנד. זיי ווייסען, אַז ניט דוקא שטרענגע שומרי תורה נאָר אַפילו אַזעלכע וועלכע זענען אַליין שוואַך אין אידישקייט, לעבענדיג אין דער גרויסער ניט־אידישער וועלט, האָבען אָבער אויך זיי אַ געפיל פאַר קדושת ארץ־ישראל. אַפילו אַזעלכע וועלכע זענען אַליין ווייניג אָפּגעהיטען אין עניני דת, פאַרשטייען זיי אָבער אַז אין אַן אייגען ארץ ישראל, וואו אידען לעבען מיט אידען, און עס זענען ניט פאַראַן קיינע שטערונגען און נסיונות ביים אָפּהיטען אידישקייט, דאַרפען געהיטען ווערען די חוקי התורה און די אידישע מסורה.

וויסענדיג דאָס אַלץ, האָבען זיי זיך דערטראַכט צו אַ געשיקט מיטעל. אַ מיטעל וואָס זאָל זיין מסוגל מבלבל זיין און פאַרפירען דעם דעת־הקהל.

מען וועט כסדר, האַמערען אין דער אידישער עפנטלעכקייט, אַז דער גאַנצער קאַמף פאַר תורה־יהדות, און אַלע פּראָטעסטען געגען דער העברת הדת, קומען נאָר מצד נטורי־קרתא קרייזען, וועלכע זענען פאַרשריגען אַלס אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענשען. און אַזוי־נאָך וועלען אידען איבער דער וועלט באַקומען דעם פאַלשען איינדרוק, אַז אַלע זייערע מעשים מגונים האָבען די אונטערשטיצונג פונ׳ם גאַנצען ישוב, אַפילו פונ׳ם חרדישען ישוב, חוץ פון עפּעס אַ קליינער גרופּע פון „פאַנאַטיקער״ און מענשען „שלא מן הישוב״...

אָט די טענדענץ פאַרצושטעלען דעם גאַנצען געפירטען קאַמף פאַר יהדות־התורה אויסשליסלעך אויפן חשבון פון אַן איינצעלנער גרופּע, באַוויזט זיך לעצטענס גאָר אָפט. און ספּעציעל ווערען אַזעלכע געפעלשטע ידיעות פאַרשפּרייט אין חוץ לארץ, וועלכע איז ווייט פון מקום המעשה, און שקרים קאָנען זיך לייכט אָננעמען. און אויך ווייל די אידישע פּרעסע שטייט פולשטענדיג צו זייער דיספּאָזיציע, און אַלע ידיעות

וועגן געשעענישען אין ארץ ישראל ווערען קאָנטראָלירט פון די מושלים אין ארץ ישראל. דורך זייערע אַגענטורען און געלד־קרנות אין אַלע מדינות מחוץ לארץ ישראל.

* * *

דער חוב פונם רעליגיעזען אידענטום איז אָפּצוואוואָרפען דעם דאָזיגען שקר.

דער אמת איז, אַז דער קאַמף פאַר דערהאַלטען תורה און יהדות אין ארץ ישראל, ווערט געפירט נישט דורך אַן איינצעלנע גרופּע, נאָר דורכן גאַנצען פרומען ישוב. קיין אידישער איד קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, אַז אונזער אידיש לאַנד זאָל זיך אויסבויען אויף ניט אידישע יסודות. קיין איד וועלכער פאַרמאָגט נאָך אין זיך דעם אידישען פונק, קאָן זיך ניט פאָרשטעלען אַן ארץ ישראל — אָן תורת ישראל.

אויב עס זיינען פאַראַן דיפערענצען — און אַזעלכע זיינען בפירוש פאַראַן — צווישען חרדי׳שען אידענטום, איז עס נאָר אין טאַקטיק און מעטאָדען פון אויסדריקען די פּראָטעסטירענדע געפילען געגען דעם חילול קדשי ישראל. אויב ניט אַלע רעלי־גיעזע קרייזען קאָנען מסכים זיין — און זיינען טאַקע ניט מסכים — מיט אַלע שריט, לשונות און דרכים פון געוויסע פרומע עלעמענטען, זיינען אָבער אַלע חרדים אייניג אין ניט קאָנען בלייבען שטילשווייגענד צו דער מורא׳דיגער העברת־הדת, וואָס ווערט דורכגעפירט אין אונזער ארץ האבות.

און דעריבער איז יעדע פאָרשטעלונג, אַז נאָר אַן איינצעלנע גרופּע פירט דעם קאַמף פאַר דערהאַלטען אידישקייט אין אידישען לאַנד, אַ בייזוויליגע פעלשונג.

* * *

אַמ׳בולט׳סטען איז דאָס אַרויסגעקומען לעצטענס ביי דער פּרצה פון דער „בריכת־שחיה“.

אין ירושלים ווערט אויסגעבויט אַ געמישטער שווימינג־פול. מען דאַרף פאַר קיינעם נישט שילדערען וואָס דאָס מיינט, און צו וואָס אַזעלכע תערובות איז גורם. אומעטום איז אַזאַ הפקרות, מיאוס און אומווירדיג, אָבער פאַר ארץ הקודשה, און דערצו ירושלים עיר הקודש, איז עס אונערהערט און אומדערלאָזבאַר.

ארץ ישראל איז נישט קיין לאַנד ווי אַנדערע לענדער, ארץ ישראל מקודשת מכל הארצות. זי האָט אין זיך אַ קדושה וואָס קיין שום ווינקעל אויפן גאַנצען ערד־קוגעל פאַרמאָגט עס ניט. די אדמת ישראל, איז נישט נאָר אַ אדמת קודש, נאָר אויך איז זי נישט סובל אויף זיך, ניט קיין טומאה און ניט די וועלכע זיינען איר מטמא. די תורה הקדושה וואָרענט אומצעליגע מאָל די אזהרה: „ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה“.

ירושלים איז ניט קיין שטאָט ווי אַלע אַנדערע שטעט. ירושלים איז די עיר הקדושה, דער מקום המקדש, און האָט אַ באַזונדערע און העכערע קדושה. ירושלים של מטה נגד ירושלים של מעלה. ירושלים איז געהייליגט פון אייביג ביז אייביג. קדשה לשעתה וקדשה לעתיד. און יעדער איד טראָגט במשך דורות איר נאָמען מיט אינערליכען ציטער און יראת הכבוד.

יעדער פּרואוו פון פאַראומווירדיגונג אין דער קדושת ארץ ישראל און אין דער קדושת עיר הקודש, איז נישט בלויז אַ חילול הקודש נאָר אויך אַ סכנה פאַר איר ישוב און אַ סכנה פאַר איר קיום, חלילה.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אַזאַ געמישטער שווים־פּלאַץ אין

דער הייליגער ירושלים האָט געמאַכט אויפציטערען דאָס גאַנצע רעליגיעזע אידענטום, און רופט אַרויס די העפטיגסטע פּראָטעסטען געגען די וועלכע פאַרשוועכען די געפילען פון אידען אין זייער געהייליגטע באַציאונג צום ארץ האבות.

די פּרוּוואוּוען צו וועלען צושרייבען די פאַרביטערונג בלויז צו אַ גרופּע „עקסטרעמיסטען", איז אַ בכוונה'דיגע פעלשונג בכדי אָפּצושוואַכען די באַרעכטיגטע אויפרעגונג פונם גאַנצען תורה'דיגען כלל ישראל.

* * *

די אגודת ישראל באַוועגונג אין ארץ ישראל, און אויך אַנדערע רעליגיעזע גרופּען, פירען דעם שאַרפסטען קאַמף געגען עפענען די בריכה מעורבת.

אויך אין דער אַלגעמיינער ארץ ישראל פרעסע האָבען זיך געהערט פיל שטימען געגען אַזאַ בריכה. פּראָפ. יוסף קלויזנער, וועמען מ'קאָן זיכער ניט חושד זיין אין צופיל שייכות צו רעליגיעזער אידישקייט, איז עפענטלעך ארויס געגען דער בריכה.

אין זיין ווענדונג צום ראש העיר אגרון, שרייבט קלויזנער:

„קורא אני על השערוריה בקשר לפתיחת בריכת רחצה לגברים ונשים. הדבר הגיע עד לידי הכאות ופציעות. והדבר יגיע שוב לידי שפיכות דמים. הענין כבר הגיע לרדיו ולעתונים של שונאינו הערביים, ובודאי יגיע ליהודי חוץ לארץ שהרבה ביניהם יצטערו ויתרגזו שבירושלים דוקא מצאו לנחוץ בזמן קשה כזה לעורר מלחמה על בריכה מעורבת בעוד שכאן יש אוכלוסיה דתית גדולה שאין רוחם נוחה מבריכה כזו. כראש ירושלים שעיני כל העולם אליה, מוטלת החובה לעשות כל מה שבכוחו ולדחות את ענין הבריכה כל עוד לא הגיעה לידי שפיכות דמים שנייה ולידי חילול שם ירושלים בעולם ישראלי. אין זו שאלה דתית של האדוקים בלבד אלא של כלל ישראל ושל ירושלים עיר קדשנו".

דאָס רבנות־הראשית האָט אויך ארויסגעגעבען אַ שטאַרקע מחאה נגד הפרצה.

אין אַ פלאַמענדיגען פּראָטעסט, אונטערגעשריבען פון באַרימטע גדולי ארץ ישראל ווי: הרב צבי פסח פראַנק, רב ראשי דירושלים; הרב דובעריש ווײדענפעלד, טשעבינער רב; הרב עקיבא סופר, פרעשבורגער רב; הרב זלמן סורוצקין, לוצקער רב; הרב אליעזר יהודא פינקל, מירער ראש ישיבה; הרב דוד שפרבר, פרעשאָווער רב; הרב יחזקאל סרנא, חברונ'ער ראש ישיבה; הרב עזרא עטיה, רב פון ספרדישע קהלות א. א. זאָגט זיך:

„קדושתה של ירושלים, עיר אלקינו הר קדשו, הועמדה כעת בסכנה ע"י פריצים, שבאו לחללה ולנעוץ בה מולך לטומאה ולפריקת כל גדרי הצניעות ע"י הקמת בריכת־שחיה בתחומה ובאדמתה".

„על חומות ירושלים עיר הקודש, עטו כעת אנשים חטאים בגופם ובנשמתם, כדי לחללה ולפרוץ פרץ בקדושתה ובטהרתה".

„ירושלים מקום הקודש והמקדש, בה דרכו וחיו אבות העם, נביאינו, כוהנינו, חוזינו ומאורינו, אליה פנו בתפלתם שלשלת הדורות בישראל, פנו פונים ויפנו, ירושלים זו עומדת ח"ו להיות קן לעוברי־עבירה ולפריצות".

„אנו קובעים ומכריזים לכן כי בע"ה דבר זה לא יקום ולא יהיה. פלטרין של מלך לא יהפך ח"ו למקום הוללות, שיקוץ ותועבה. אנו מביעים בזה דעת תורתנו הק', שעצת חטאים זו הנה מאביזרייהו דעריות מהעבירות החמורות ביותר, וחוב קדוש מוטל לקדש שם שמים ולהפר עצתם ולקלקל מחשבתם".

„אנו פונים לממשלת ישראל ומבקשים ממנה להפר את המזימה הזאת למען קדושת ירושלים, אופיה וצביונה המיוחד בישראל ובעמים, ולמען שם ישראל שלא יחולל ח"ו".

„ולאחינו שלומי אמוני ישראל בארץ ובתפוצות אנו קוראים: המזכירים את ה' אל דמי לכם. אל תחשו ואל תראו כבלע את הקודש ותדמו. כאיש אחד ובלב אחד נקום ונעמוד כחומה על קדושת ירושלים וטהרתה".

דאָס זיינען ווערטער וועלכע זיינען דער אויסדרוק פונם גאַנצען תורה־אידענטום, וועלכע ווילען זעען דאָס אידישע לאַנד בקדושתה בטהרתה ובתפארתה.

אין אַ רוף פון די „רבני עדות המזרח בירושלים" געחתמ'ט דורך הרב נסים כדורי, הרב בן־ציון אטון, און הרב ארי' חיימוף, לייענען מיר:

„לרגלי השמועה הנוראה שעומדים לפתוח בריכה בירושלים להתרחץ שם תחת כיפת השמים בנים ובנות לעיני כל, תסמרנה שערות הראש למראה פריצות נוראה כזאת".

„אלפי שנים היו עינינו נשואות לירושלים הקדושה, היינו בגולה ועינינו ולבנו היו לירושלים הקדושה. ועתה עומדים פריצים לחלל אותה מקדושתה בצורה הבזויה ביותר. שם בגולה ידענו לשמור על צניעות בנינו ובנותינו, ועתה בבואנו ארצה עומדים לחלל אותנו גם ממידה זו של צניעות, האם נחשה לדבר הזה, האם נראה כבלע את הקודש ושתקנו? לא ולא".

און אַט דעם גרויסען ווידערשטאַנד פונם גאַנצען יהדות־החרדית, און אפילו פון אַ טייל ניט־רעליגיעזע, וויל מען פאַרטושען און ערקלערען פאַר דער וועלט, אַז דאָס איז אַ געגנערשאַפט פון עפּעס אַ „נטורי קרתא".

* * *

יעדער געטרייער איד מוז טראַכטען: דער ישוב אין ארץ ישראל געפינט זיך אין אַ באַדראָטען מצב. זיי לעבען ווי אין אַ קליינער שיף שווימענדיג אין אַ גרויסען ברויזענדען ים. אַ ים פון אַראַבישע שנאה. די פּראָ־סאָוויעטישע פּאַראייניגונג פון מצרים, סיריא און תימן שטעלט מיט זיך פאַר אַ נייע געפאַר. און אפילו די פּראָ־מערב פעדעראַציע פון איראַק מיט ירדן איז אויך ניט לטובת ארץ ישראל.

אויך אויף דער גרויסער וועלט קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזען. מוסלמענער און זייערע פריינדליכע אַזיאַטישע לענדער פאַרנעמען קרוב אַ האַלבע וועלט, און זיינען העכער אַ דריטעל אין דער יו־ען. דאָס סאָוויעטישע רוסלאַנד איז אין אָפענער געגנערשאַפט צו אונז, און אַלע אַנדערע, שוין מער פריינדליכע, מדינות וואַקלען זיך אַהין און אַהער, אָן אַ פעסטע שטעלונג לטובת ארץ ישראל.

איז גראַד איצט, אין אַזאַ שעת־חירום, די פאַסיגע צייט אויפצוהייבען קולטור־קאַמפען? איז איצט די צייט פאַר זאַכען, וועלכע זאָלען רייצען און אויפלאַקערען שנאת־אחים און אַן אש־מתלקחת צווישען איד און איד, אין ארץ ישראל ומחוץ לארץ ישראל. און דאָס דוקא אין דער שטאָט ירושלים וואָס אויף איר זאָגען חכמינו ז"ל: „ירושלים, עיר שמחברת ישראל זה לזה, עיר שהיא עושה כל ישראל חברים". ליגט דאָס אין אינטערעס פון דער מדינה און איר ישוב.

איז דען דער גאַנצער וויטערער קיום המדינה נישט אָפּהענגיק פון דער השגחה העליונה און פון רחמי שמים. זעט דען נישט יעדער בחוש ובעין, אַז אין דעם היינטיגען מסוכנ'דיגען וועלט־מצב, האָבען מיר אידען זיך ניט צו פאַרלאָזען אויף דרכי־הטבע, און זיכער ניט אויף אונזערע אייגענע אָרימע אידישע פיזישע כחות, נאָר אַז: אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים. אַז נאָר מיט בטחון אין השי"ת, קאָנען מיר האָבען אַ קיום. איז גאָר איצט די צייט פאַר אויפהייבען אַ מלחמה אַנטי־דתית.

* * *

וואָס איז געוואָרען מיט אונזער אידיש לעבען? זיינען אַלע אידישע מדות און אייגענשאַפטען פון צניעות און קדושה, וועלכע מיר אידען האָבען איינגעהאַלטען במשך טויזענטער יאָרען, מיום היותנו לעם, און אַ דאַנק וועלכע מיר זיינען, אַלס פאָלק,

געבליבען גאַנץ און שטאַרק במשך אַלע דורות און גלות׳ן, חלילה בטל ומבוטל געוואָרען מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה.

ומדוע לא תהא כהנית שלנו כפונדקית שלהם?

פאַרוואָס נצרת יאָ און ירושלים, להבדיל, ניט?

פאַרוואָס ווערט אָפּגעהיטען דער אייגענאַרט פון דער קריסטליכער נצרת, און מען באַציט זיך מיט דרך־ארץ צו די רעליגיעזע געפילען פון אירע איינוואוינער, און יעדער באַזוכער ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן היסטאָריש־רעליגיעזען כאַראַק־טער פון דער נוצרי־שטאָט. און פאַרוואָס וואָגט מען מחלל זיין די קדושה פון דער באמת־הייליגער ירושלים, און טרעטען ברגל גאוה ובוז אויף די געפילען פון די רעליגיעזע אידען, וועלכע זיינען די שומרי־החומות פאַר קדושת הארץ און קדושת העם. פאַרוואָס רעכענט מען זיך אַזוי פיל מיטן רושם פון דער ניט־אידישער וועלט, און אַזוי־ווייניג מיטן רושם אין דער אידישער וועלט.

פאַרוואָס? פאַרוואָס היט מען אָפּ דעם כבוד הנוצרית, און מען איז ניט חס אויף, להבדיל, דעם כבוד שמים.

איז דאָס געקומען, נאָך צוויי טויזענט יאָר, אַ מדינת ישראל וואָס זאָל ווערען אַ „נטורי קרתא״ פאַר שוינען די אמונות פון נוצרי און מחמד, און ווערען אַ „מחריבי קרתא״ פאַר שטערען די אמונה באלקי ישראל און דעם דת משה וישראל?

איז דאָס דער מצב אין דער מדינה, פאַר וועלכע מען וויל, אַז אידען שומרי תורה ומצוות זאָלען זאָגען „הלל״ און „מזמור שיר לחג העשור״?

* * *

און נאָך אַ זאַך מוז מאַכען אויפשוידערען יעדען איד.

וואָס איז דאָס מיט די שלעגערייען. וואָס און פאַרוואָס שלאָגט מען עפּעס דאָרטען, אין דער אידישער מדינה, אַזוי לייכט און מיט אַזאַ קלות־ראש.

זיינען אידען נאָך ווייניג געשלאָגען געוואָרען אין אַלע אַמאָליגע אַנטיסע־מיטישע מדינות, דאַרף מען זיי נאָך צושלאָגען אין אייגענעם ארץ ישראל, און דורך אייגענע אחינו בני ישראל.

אידען שלאָגען אידען, שומו שמים!

וואו האָבען זיך דאָס געלערנט דער אידישער פּאָליציי־מיניסטער שיטריט און זיינע משרתים די מלאכה „קלה ונקיה״ פון שלאָגען אידען? וואו קאָנען אידישע פּאָליציי־לייט זיך וואַרפען, מיט אַזוי פיל רציחה און שנאה, אויף אייגענע ברידער?

און פאַרוואָס שלאָגט מען נאָר פרומע אידען. פאַרוואָס הערט מען קיינמאָל ניט וועגען צוטרייבען און צושלאָגען דעמאָנסטראַציעס פון אַנדערע, נאָר דוקא ביים דעמאָנ־סטרירען פון פרומע אידען מוז זיך שטענדיג גיסען בלוט. זענען טאָקע די שטילע פרומע אידען, מער געפאַר פאַר ארץ ישראל ווי אַלע אַנדערע.

פאַרוואָס דוקא לגבי רעליגיעזע אידען מוזען פייערלעשער גיסען וואַסער, פּאָליציי מוז שלאָגען, און פּאָליציייִשע הינט מוזען בייסען. איז בלוט פון שומרי דת ערקלערט געוואָרען פאַר הפקר?

האָלטען טאָקע זיי, די מנהיגי המדינה, אַז מיט אַריינברענגען אין ארץ הקדושה כלערליי טומאות דראָט נישט קיין סכנה, נאָר דורכן תהלים זאָגען פון די פרומע

פראָטעסטירער דראָט אַ סכנה פאַר דער מדינה און פאַרן ישוב, אַז מען מוז ביי יעדע געלעגענהייט שופך זיין דמן של ישראל בשוקי הארץ וברחובות ירושלים.

* * *

אייגענטליך ווער, צו וואָס און צו וועלכען צוועק דאַרף מען האָבען אין דער הייליגער ירושלים, דוקא אַ תערובות׳דיגען שווים־פלאַץ. קאָן מען דאָך, אויב שוין יאָ, אויסבויען צוויי, באַזונדער פאַר מענער און באַזונדער פאַר פרויען. על־כל־פנים ווי דער ניט־אידישער „יאַנגמען קריסטשען אַסאָסיאיישאָן" האָט געטיילטע שווים־פלעצער אין זיינע בנינים אין ירושלים.

ווען גייט דאָס אַזוי אין לעבען, איינצופירען אַזאַ עפענטליכע פרצה דוקא אין ירושלים, דער פלטרין של מלך, וועלכע טראָגט אויף זיך טויזענטער יאָר דעם חותם פון עיר הקודש.

קיינער דאַרף עס נישט. קיין צו־גרויסען כבוד, ניט פאַר אידען און ניט פאַר דער מדינה, וועט עס נישט גורם זיין. מען וויל דערמיט נאָר באַווייזען, אַז עס איז נישטאָ מער קיין קדושה ביי אידען. נישטאָ קיין קדושת ארץ ישראל, קיין קדושת ירושלים און קיין קדושת עם ישראל.

זיי אַליין האַלטען עס נישט פאַר קיין סוד. אין אַן אַרטיקעל „המאבק על הבריכה יקבע את דמות המדינה" אין „דבר", ב׳ ניסן, זאָגט אגרון, דער מפא"י׳שער ראש העיר און טשעמפיאָן פאַר חילול ירושלים:

> „דער גרעאַנגעל פאַר עפענען דעם געמישטען שווים־פלאַץ אין ירושלים, איז אַ גרעאַנגעל וואָס גייט אַרויס פון זיין גרענעץ, און דער אויסגאַנג וועט באַשטימען נישט נאָר דעם צוקונפטס־כאַראַקטער פון ירושלים נאָר דעם כאַראַקטאָר פון דער גאַנצער מדינה. און דער גרעאַנגעל פאַר אַזאַ בריכה מעורבת איז אַן ענין פון אַלע ארץ ישראל תושבים און פונם גאַנצען אידישען פאָלק".

דאָס זיינען אָפענע און קלאָרע דיבורים. די פרצות און חילולי הקודש זייערע זיינען נישט בלויז פאַר אידען אין דער מדינה, נאָר דאַרפען ווערען די „קנינים" פון גאַנצען אידישען פאָלק...

דעריבער איז נישט קיין וואונדער וואָס עס הערשט אַזאַ פאַרביטערונג אין אַלע קרייזען פונם רעליגיעזען אידענטום, און עס צווינגט זיי אָפט צו שאַרפע פראָטעסטען.

די גאַנצע אייגענאַרט פון אונזער פאָלק, די גאַנצע קדושת ישראל, שטייט אין געפאַר אָפגעווישט צו ווערען, חלילה. און דאָס וועט זיך נישט לאָזען פאַרמאַסקירען מיט אַ געפילדער: נטורי קרתא עליך ישראל...

דאָס זיינען ענינים וואָס זיינען נוגע לצפור נפשם פון אַלע אידען שומרי דת.

דער עם ישראל, דער עם קדוש ונבחר, וועט נישט דערלאָזען קיינעם חרוב מאַכען זיינע קדשי האומה, און נישט דערלאָזען אונטערגראָבען, חלילה, זיינע יסודי־הקיום.

(ד. א. וו. אייר תשי"ח)

וואָס מען זעט אין ארץ ישראל

צו שרייבען און דערציילען וואָס מען זעט אין ארץ ישראל, איז נישט פון די לייכטע זאַכען. בפרט פאַר דעם וועלכער קוקט אָביעקטיוו, און באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין פּראָבלעמען, און זעעןביידע זייטען פון דער מטבע — איז עס גאָרנישט לייכט.

דאָס וואָס מען זעט, היינט צו טאָג, אין דעם אידישען לאַנד איז זער פאַרשידענ־אַרטיג און פאַרשידענפאַרביג. אַזוי אין עקאָנאָמיש־מאַטעריעלען זין, אין דער זיכערקייטס לאַגע און אַזוי, און אפשר בעיקר, אין קולטורעל־גייסטיגען מצב.

אין עקאָנאָמישען צושטאַנד זעט מען געגענזאַצען און היפּוכים. פון איין זייט זעט זיך דער גרויסער אויסבוי פון דער מדינה; פון איר עקאָנאָמיע, אינדוסטריע און לאַנד־ווירטשאַפט; פון אירע מושבות און שיכונים; און פון דעם כסדר׳דיגען צושטראָם פון אידען מארבע פנות העולם. פון דער צווייטער זייט, זעט מען דחקות אין פרנסה; אַ גרויסער יקרות אויף דירות, און אויף לעבענס־מיטלען; און דער רוב פונם ישוב לעבט מאַטעריעל אין אַ געענגטען מצב.

אין דעם זיכערקייטס־מצב זעט זיך דאָס זעלבע. די מדינה איז אַרומגערינגעלט מיט אַ ים פון שונאים און שנאה מצד אַראַבישע שכנים, אָבער דאָביי זעט זיך ב״ה אַן אַבסאָ־לוטע רואיגקייט און בטחון, און איר פילט ניט אין לאַנד דעם מינדעסטען פחד פאַרן היינט אָדער פאַרן מאָרגען. יעדער תושב פילט אַז ער זיצט אין זיין לאַנד, אין זיין היים. קיינער איז דאָ נישט איבערגעשראָקען, אַז ווער־עס־איז זאָל אים קאָנען רירען פון אָרט.

דאָס זעלבע אויך אין גייסטיגען לעבען. אויך דאָרט שטויסט מען זיך אָן אין שטאַרק געגענזעצטע ערשיינונגען. מען זעט פּיעל תורה און אידישקייט, מער ווי ערגעץ־וואו. ישיבות, חדרים, בית־יעקב׳ס; סעמינאַרען פאַר ערלעכע מורים ומורות; כוללים פאַר לומדים מצוינים; תלמוד־תורות פונם ישוב הישן, און אַ גרויסע נעץ פון חינוך עצמאי איבערן גאַנצען לאַנד. און דערביי דאַרף געזאָגט ווערען, אַז אין איכות׳דיגען זין, איז די תורה און דאָס יהדות דאָרט אין ארץ ישראל, פון אַ העכערע קוואַליטעט ווי אין היינטיגען חוץ לארץ. עס איז שטאַרקער, ריינער, אָן געמיש מיט וועלטלעכער פּסולת, און מיט אַ שטרעבונג צו העכערער תורה־לומדות און יהדות־באַוואוסזיין. אָבער גלייכ־צייטיג דערזעט איר דאָרט, — בעוונותינו הרבים, — אַ גאַר גרויסע און ציל־באַוואוסטע טענדענץ צו חפשיות, און צו געפעלשטער אידישקייט, וועלכע האָט לגמרי נישט קיין שייכות צו אמת׳ר יהדות; אַ פאַרביסענער פאַרמעסט פאַר העברת הדת, ספּעציעל ביי דער קליטה פון ניי־אָנגעקומענע, און ביים מלוכה׳שען חינוך פאַר קינדער, וועלכע זיינען דער עתיד פון פאָלק.

פאַראַן אַזעלכע וועלכע זעען אין ארץ ישראל נאָר איין צד. ווער דעם גוטען, און ווער דעם שלעכטען. די ערשטע, זעענדיג דעם צד הטוב, זעען זיי אים אַזוי שטאַרק, אַז ער פאַרשטעלט זיי לגמרי צו זעען די שלעכטע זייט. און די אַנדערע, זעענדיג דעם צד הרע, קאָנען זיי שוין נישט מער דערזעען קיין צד הטוב. פאַר אַזעלכע, פון די ביידע צדדים, איז לייכט צו באַריכטען איבער דעם וואָס „מ׳זעט אין ארץ ישראל״. ביידע, יעדער פון די צוויי, זעט און שילדערט נאָר „זיין״ צד.

שווער אָבער איז פאַר דעם וואָס זעט אַלעס וואָס עס געשעט דאָרט, דאָס גוטע און דאָס ניט־גוטע. ער זעט דעם לויטערען און שיינענדען אידישען הימעל בארצנו הקדושה, און ער זעט אויך די שוואַרצע כמאַרעס וועלכע פאַרשטעלען און פאַרפינסטערען דאָס שיינע און לייכטענדע אין אונזער ארץ ישראל.

אגודת ישראל, זעט דאָס גאַנצע ארץ ישראל. אגודת ישראל האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום צאַלרייכען אידישען ישוב, צו זיין עקזיסטענץ, אַנטוויקלונג און זיכערקייט. אָבער דערביי האָט זי אַ פעסטע און אַנטשלאָסענע נעגאַטיווע באַציאונג צו די חפשיים, וועלכע זענען היינט די עומדים בראש המדינה. און דאַריבער ווען אַ מענש פון אגודת ישראל מיט אחריות דאַרף שילדערען וואָס מ׳זעט אין ארץ ישראל, קומט אים אָן ניט לייכט, ווייל ער האָט פאַר זיינע אויגען, און אין זיינע געדאַנקען,ביידע זייטען מטבע, דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע. און איינס פאַרשטעלט ניט ביי אים דאָס צווייטע.

* * *

צו ארץ ישראל און איר צאַלרייכען ישוב, קאָן מען ניט האָבען קיין אַנדערן צו־גאַנג ווי אַ פּאָזיטיווען. פּונקט ווי אַמאָל, אין אַלע צייטען און דורות, איז יעדער יחיד, און דער גאַנצער אידישער כלל, געווען צוגעבונדען מיט אַלע זיינע נשמה־פעדים צום ארץ האבות, איז ער עס אויך היינט. די טויזענד־יעריגע אידישע געגועים צום הייליגען לאַנד, זענען נישט אויסגעלאָשען געוואָרען, נאָר פאַרקערט, זיי האָבען זיך נאָכמער צופּ־לאָקערט און אַקטואַליזירט. און ווער נאָך האָט געפילט און געטראָגען אַזוי טיעף אין זיך, אין זיין האַרצען און נשמה, דעם קשר של קיימא צווישען דעם עם ישראל מיט זיין ארץ ישראל, ווי אידען מאמינים בני מאמינים.

מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז היינט־צו־טאָג, איז ארץ ישראל אויך דער איינציגער רעטונגס־פּלאַץ פאַר יעדען איד, וועלכער מוז זוכען אַ מקום מקלט פאַר אַ נייער היים. גרויסע צאָלען אידען פון פאַרשידענע מדינות זענען געצוואונגען צו זוכען נייער ערטער, איבער פאַרשידענע רשעות׳ן, — רשעות הגוים — פיזישע אָדער גייסטיגע. און מ׳טאָר אויך ניט פאַרגעסען, אַז די גרויסע וועלט, מיט אירע אַלע שיינע רייד וועגען פרייהייט און גלייכהייט, וועגען ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע, שטייט פאַרשלאָסען מיט זיבען שלעסער, פאַרן רוב פון אידען וועלכע זוכען אַ מקום מנוחה. ארץ ישראל, איז דאָס איינציגע לאַנד וואָס שטייט אָפען פאַרן אידישען וואָגלער. איז דאָס איינציגע ווינקעל וואו יעדער נייער איד געפינט זיין אַלטע און אמת׳ע היים.

אָבער דערביי איז אויך קלאָר, אַז צו ארץ ישראל און איר ישוב קאָן מען ניט האָבען קיין אַנדערן צוגאַנג ווי דעם אייביגען, היסטאָרישען און תורה׳דיגען. דער קשר צווישען אידישען פאָלק און אידישען לאַנד, איז באַזירט נאָר אויף ג־ט׳ס הבטחות. עס איז אונזער לאַנד, ווייל השי״ת האָט עס אונז געגעבען. עס איז אונזער ארץ האבות, ווייל הקב״ה האָט דאָס לאַנד מבטיח געווען צו אברהם, יצחק ויעקב. און נאָר מיט ג־ט׳ס תורה, און נאָר מיט׳ן דרך האבות געהער דאָס לאַנד צו אונז און מיר צום לאַנד. אָן תורה, וואו השי״ת הבטחות געפונען זיך, האָבען מיר אידען ניט קיין שייכות מיט ארץ ישראל און ארץ ישראל ניט מיט אונז. יעדער פּרוב, חס ושלום, אויסצולייזיגען דאָס אידישע לאַנד פון זיין מסורה און קדושה, און יעדער פאַרמעסט אויסצולייזיגען דאָס אידישע פאָלק פון זיין תורה און אמונה, איז אַ פעלשונג פון דער היסטאָריע און פון אמת, און איז אַ סכנה פאַר׳ן קיום, סיי פאַרן פאָלק ישראל און סיי פאַרן לאַנד פון ישראל.

דאַריבער מוז קלאָר זיין פאַר יעדען תורה־איד, אַז זיין חוב איז, צוזאַמען מיטן

גאַנצען כלל ישראל, צו שטיצען דעם ישוב אין אַלע זיינע געברויכען און נויטען. אָבער זיין חוב קדוש איז גלייכצייטיג, צוזאַמען מיטן גאַנצען תורה׳דיגען כלל ישראל, צו העלפען בויען תורה און יהדות אין ארץ ישראל, און העלפען דעם חרד׳ישען ישוב אין זיין קאַמף געגען די אַנטי־רעליגיעזע טענדענצען פון די וועלכע האָבען דאָרט די ממשלה.

* * *

אין דער אָרטאָדאָקסישער מחנה זענען פאַראַן טייל, וועלכע האָבען אַן אויסגע־שפּראָכענע נעגאַטיווע שטעלונג צו דער גאַנצער ערשיינונג פון אַ מדינת ישראל, אַזוי לאַנג ווי אירע יסודות באַזירען ניט אויף חוקי התורה. די דאָזיגע קרייזען זעען אין דער שאַפונג פון אַזאַ מדינת ישראל אַ סכנה פאַר אמת׳ר יהדות, ניט בלויז אין ארץ ישראל נאָר אויך פאַרן גאַנצען אידענטום.

פאַראַן אָבער גאַר־גרויסע קרייזען אינם אָרטאָדאָקסישען אידענטום, וועלכע זענען מיט זייער געגנערשאַפט פאַרזיכטיגער און מער איינגעהאַלטען. אָבער אויך זיי שטייען מיט אַ גרויסע פראַגע־צייכען: הזאת נעמי? עס איז אויך פאַר די דאָזיגע קרייזען, דאָס פּראָבלעם פון אַ מדינת ישראל אַן תורת ישראל, אַן ערשיטערנדע רעטעניש. און אין אמת׳ן, איז עס דאָך נישט אַזאַ דבר פשוט. נאָך צוויי טויזענד יאָר נע ונד צווישען אַלע פעלקער און גלות׳ן, באַקומט פּלוצלינג דאָס פאַרפאָלגטע און אייביג־וואַנדערנדע אידיש פאָלק אַן אייגען לאַנד, און דאָס גאַר אין זיין הייליגען ארץ ישראל. און ווען מען דער־מאָנט נאָך, אַז דאָס געשעט נאָך דעם שרעקלעכסטען חורבן — חורבן עמלק־אשכנז ימ״ש — וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אין זיין גאַנצער מאַרטירער־געשיכטע, איז זיך לייכט פאַרצושטעלען די רעאַקציע פון יעדען אידיש האַרץ צו דער דאָזיגער היסטאָרישער געשעעניש. אָבער באַלד שווימט אויף אין דער מחשבה פון אַ תורה־איד אַ צווייט געפיל מיט אַן עגבערנדע שאלה: איז דאָס די מדינה, אויף וועלכער מיר און אונזערע אבות האָבען דורות־לאַנג מתפלל געווען און געהאָפט; האָבען מיר און אונזערע אבות ואבות־אבותינו טאַקע געלעכצט פאַר אַן אייגענע מדינה, וואו מען וועט מוזען קעמ־פען פאַר יעדען שטיקעל אידישקייט; האָט דאָס אידישע פאָלק טויזענדער יאָרען תפלה געטאָן: ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, פאַר אַ ציון וואָס וועט, מיט מאַכט פירען אַ קאַמף געגען אַלעם וואָס עס איז אונז הייליג; איז דאָס — טראַכט זיך ווי פון זיך אַליין — דאָס ארץ ישראל וואָס דאַרף זיין דער פירער, אינספּירירער און וועג־ווייזער פאַרן גאַנצען עם ישראל; איז דאָס דאָס ארץ ישראל, אויף וועלכער די תורה זאָגט: „ארץ אשר עיני ד׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית השנה״?

אידען מאמינים, שטייען דערציטערטע פאַר דעם באַדראָענדען פאַקט, אַז טויזענטער יאָרען, אין אַלע גלות׳ן און מאַרטירער־ליידען, האָבען מיר אידען אויסגעהאַלטען און דער־האַלטען דעם דת משה וישראל, און גראָד יעצט ווען מיר קומען צוריק צו אונזער אייגע־נער ארץ ישראל, זאָלען בריוני־ישראל, חלילה, באַווייזען דאָס וואָס שונאי ורודפי ישראל, בכל דור ודור האָבען ניט געקאָנט — אָפּרייסען דאָס אידישע פאָלק פון זיין תורה און פון זיין אמונה.

אַ איד אַ מאמין, קאָן בשום אופן מיט אַזאַ רעאַליטעט ניט שלום מאַכען.

* * *

אין סך־הכל, וואָס יעדער אידישער יחיד און יעדער אידישער צבור דאַרף פאַר זיך מאַכען, נאָך אַלע מחשבות׳ן. און סוף־כל־סוף זענען דאָך פאַר אונז, בני בשר ודם, פאַרהוילען די דרכי השם, און עס גילט פאַר אונז דער: בהדי כבשי דרחמנא למה לך,

בלייבט פאַר אונז צו זעען די פאַקטישע לאַגע, און וואָס זי פאָדערט פון יעדען פון אונז רעליגיעזע אידען.

וואָס זעט מען אין ארץ ישראל?

אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון תורה און יהדות; אלפים ורבבות יראים ושלמים אין אַלע שטעט און ישובים; גרויסע צאָלען לומדים־מופלגים, מתמידים און יונגע־לייט אשר תורתם אומנתם; זיבען טויזענט בני־ישיבות אין די עקזיסטירענדע ישיבות, און עס ווערען כסדר נתרבה ישיבות און מקומות התורה; פינף טויזענד תלמידים אין די בתי־חינוך פונם ישוב הישן; בערך דרייסיג טויזענד תלמידים ותלמידות אינם חינוך העצמאי; הונדערטער בתי־כנסיות, בתי מדרשים און חסידישע בתי־תפילה, וועלכע זענען איבערפולט מיט מתפללים, לומדי־שיעורים און עוסקי בעבודת ה׳; און צו דעם געפונען זיך אַן אַנגעזעענע צאָל פון גאונים, אדמו״רים און ראשי ישיבות, וועלכע זענען די משפיעים אינם צאָלרייכען חרדי׳שען ישוב.

וואָס נאָך זעט מען אין ארץ ישראל?

אַ מעכטיגער כח פון חפשיים מכל המינים; ישובים און קיבוצים אין וועלכע עס איז ניט פאַראַן קיין זכר פון דת און מסורה; אין חינוך ממלכתי איז ניטאָ קיין שפּאָר פון תורה, פון קיום המצוות און פון אמונת השם; מיט׳ן כח פון דער מלוכה, פירט מען אַן אַרבייט פון העברת הדת, און ספּעציעל ביי די ניי־אָנגעקומענע עולים; מיט געוואַלד גזל׳ט מען צענער־טויזענטער קינדער פון תמימות׳דיגע פרומע עולים, מען צוטיילט זיך מיט דעם מענשען־רויב פון אומשולדיגע קינדער־נשמות, און מען באַזעצט זיי אין פרייע קי־בוצים, וואו זיי גייען גענצלעך פאַרלאָרען פאַר תורה און פאַר יהדות־התורה.

אין דער גאַנצער אידישער וועלט גייט היינט אָן אַ שווערער געראַנגעל פאַר החזקת הדת והאמונה, וואָס ווערט וואָס־אַמאָל מער באַדראָט מצד אָפענע און פאַרמאַס־קירטע רעפאָרמער, מהרסי און עוקרי־הדת. אָבער די אידישע מדינה, איז דער הויפּט־פראָנט אין דער מלחמה פאַר החזקת הדת און קיום האמונה.

דאָרט שטייען פנים אל פנים צוויי מחנות.

ביי איין מחנה — די מחנה הבעל — זעט איר: אַ פאַרביסענער קאַמף פאַר אַן אויסגעהוילטער און געפעלשטער אידישקייט; אַ „אידישקייט״ פון אַבסטראַקטען נאַציאָ־נאַליזם, פרעמדע קולטורען און לעבענס־אַרטען איבערגעזעצט אין „עברית״; פון צוב־לאָזענע פיזישע גבורה און „כחי ועוצם ידי״ קולט, און פון העבראַיזירטער ככל הגוים׳דיקייט.

ביי דער אַנדערער מחנה — די מחנה השכינה — זעט איר: גרויסע באַמיאונגען און קשיות־עורף׳דיגקייט פאַר דערהאַלטען זיך, און די דורות הבאים, ביי תורה ומסורה; אַן אַרבייט פאַר שאַפען וואָס־מער ישיבות און חינוך־מוסדות פאַר תורה ויראה; איינ־פלאַנצען תורה־יהדות און יהדות־באַוואוסטזיין ביי וואָס־גרעסערע קרייזען פון פאָלקס־מאַסען; אַ קאַמף פאַר דורכזעצען חוקי־תורה אין צבור־לעבען; און אַ מסירת־נפש׳דיגען אָפּוער־קאַמף געגען דער כפיה אַנטי־דתית פון די פרייע עלעמענטען, וועלכע זענען די פאַקטישע רעגירער און באַהערשער.

דערביי טאָר מען ניט פאַרגעסען, אַז דער צד פון די אַנטי־רעליגיעזע האָט צו זיין דיספּאָזיציע מאַכט, די גאַנצע מלוכה־מאַשין, מיליאָנען פון די אוצרות המדינה, אידישע אַגענטור, הסתדרות און כלערליי אַנדערע קאַמפּיינען. און דער צד פון די חרדים

האָט דאָס אַלעס ניט. און אָפּעריִרט מיט פּרוטות ממש, לעבט אין דחקות, און יעדעס אויפשטעלען אַ נייע פּאָזיציע פאַר תורה קומט אָן מיט מסירת נפש ממש.

מען טאָר אויך ניט פאַרגעסען, אַז אין דער אידישער מדינה איז דאָס חפשיות ניט סתם קיין באַוועגונג פון אָרגאַניזירטע גרופּען. דאָרט האָט דאָס באַקומען אונטער זיך אַ מלוכה־באָדען, אַן אייגען לאַנד, און דאָס דווקא דאָס ארץ הקדושה צו וועלכער עס ציען אַלע אידישע הערצער; און דורך וועמענס טיפע סענטימענטען פונם כלל ישראל, קאָנען זיי פאַרמאַסקירען זייערע מעשים צו פאַרשוועכען די אייביגע קדושת הארץ וקדושת העם.

מיר, דאָס תורה־אידענטום, מוזען זיין זייער געוואָרענט און פאָרזיכטיג אין אונזערע קאַמפּס־מיטלען, ווייל מיר ווערען געשטעלט אין דער זייער־דעליקאַטער לאַגע פון: שבור את החבית ושמור את יינה. ארץ ישראל מיט איר ישוב מוזען מיר היטען און באַשיצען, און דעם פאַרמעסט מצד די מדינה־פירער לעקר את הקודש לנו, מוזען מיר מיט אַלע כחות באַקעמפען.

* * *

ווען מען זעט דאָס אַלעס. ווען מען פאַרטראַכט זיך ערנסט און געוויסענהאַפט, איבער דעם באַדראָטען מצב היהדות אין ארץ ישראל, און מחוץ לארץ ישראל, קאָן מען נאָר קומען, צו איין איבערצייגונג און החלטה: פאַר אידען, וועלכע זענען געבליבען שלמים בתורתם ובאמונתם, און ווילען האָבען השפעה אויפן צבור־לעבען, בלייבט זיי איין וועג — איין איינציגער — און דאָס איז: „לך כנוס את כל היהודים".

מען מוז איינזאַמלען און צוזאַמענעמען אַלע אידען, וועלכע גלויבען אין בורא עולם, וועלכע גלויבען, — באמונה שלמה ובאמונה פשוטה, — אין תורה מן השמים, אין יעודי הנביאים און אין ביאת משיח צדקנו.

מען מוז מאגד און מאחד זיין אַלע ערלעכע אידען אין דער וועלט, וועלכע שטרע־בען צו אַ אידיש לעבען, וואו דער ארון ברית ה׳ זאָל זיין דער מיטעל־פונקט אַרום וועלכען דער עם ישראל זאָל זיין קאָנצענטרירט אַלס: אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש.

מען מוז מאסף און מקשר זיין אַלע מאמינים, וועלכע שטרעבען צו אַן ארץ ישראל, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלען: אַ געהייליגטע מלכות ש־די.

ווי דריקט זיך אויס דער בעל חפץ חיים זצ״ל, אין זיינס אַ רוף צו אַלע שומרי תורה, אַז זיי זאָלען זיך איינשליסען אין דער אגודת ישראל, — נאָך אין יאָר תרע״ג:

„ודמיון ענין כזה בזמן הזה, להוליך לילה וסער באישון מתחולל בחוץ לא יתקיים בידו אור הנר יחידי, אם לא שיביא אבוקה גדולה. וכל מה שתכבד הסערה צריך להגדיל האבוקה. כי אם לא יתאגדו יראי ה׳ יחד בזמן הזה, גם היחיד לא יוכל לכונן ביתן. ומחויבים אנו לעשות כל מה שבכחנו להקמת הדת".

די דאָזיגע ווערטער לטובת אַן אגודת ישראל, וועלכע זאָל אַרומנעמען דעם תורה׳־דיגען כלל ישראל, האָט דער חפץ חיים ז״ל געשריבען מיט 45 יאָר צוריק. ווי נאָך מער אמת און דרינגענד זעען זיך זיינע ווערטער, און זיין דעת־תורה, אויף אונזערע היינטיגע צייטען, און ביי אונזערע היינטיגע באַדינגונגען.

(ד. א. וו. אדר, תשי״ח)

באמערקונגען אַרום די כנסת וואַלען

הײַנט, אַז דער וואַל־טומעל אין ארץ ישראל איז שוין אַריבער, ווען דער גאַנ־צער וואַל־טשאַד געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט, קאָן מען רואיק און ניכטער באַהאַנדלען אַלע ענינים וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט די וואַלען און אַרום די וואַלען.

קודם־כל דאַרף מען פעסטשטעלען, אַז דער רעזולטאַט פון די בחירות זיינען פאַרן אָרגאַניזירטען רעליגיעזען אידענטום גאַנץ צופרידענשטעלענד. ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם דאַרטיגען וואַל־קאַמפּיין, מיט דער טומעלדיגער מאַסען־אַגיטאַציע; מיט די צוזאָגעכצען פאַר יעדען וועהלער מיט „ליכט, ברויט און דירות"... וועלכע די מאַכט־באַזיצענדע מפא"י און אַלע אַנדערע פאַרטייען האָבען צו זייער רשות; און דערצו זייערע מיליאַנענדיגע געלד־פאַנדען, איז דער פאַקט, אַז די אגודת ישראל באַוועגונג האָט באַוויזען צו דערהאַלטען, און אין טייל עיריות נאָך פאַרגרעסערט אירע כוחות, געוויס צופרידענשטעלענד.

אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל, זיינען אָרעם אין געלט־מיטלען. אָבער אַלס תורה־אידען, זיינען מיר נאָך אָרעמער און באַגרענעצטער אין געבלאָפטע וואַל־צוזאָגעכצער. ניט מיר ווילען, און ניט מיר מעגען, אָפּנאַרען און צוזאָגען „דאָס טעלערעל אין הימעל" דעם ווילער, זאָכען וואָס מיר ווייסען, אַז מיר זיינען עס ניט אימשטאַנד מקיים צו זיין. תורה־אידען זיינען אחראים פאַר זייערע הבטחות. און דעריבער בעת אַזאַ פאַרטומעלדיגען וואַל־יריד, מיט איבערגעטריבענע הבטחות, איז אַ גרויסער נסיון פאַר אַ גרופּע צו גיין מיטן אמת, וואָס קאָן אויף קיין פאַל ניט איבערשרייען די אַלע, וועלכע קומען מיטן „לשון מדברת גדולות". און ווען טראָץ דעם אַלעם, האָט אונזער באַוועגונג דאָך דערהאַלטען, און נאָך מיט עפּעס פאַרגרעסערט, איר כוח איז עס ווירקלעך באַגרי־סונגס־ווערט.

קרוב 50,000 אידען יראים, כן ירבו, האָבען אָפּגעגעבען זייערע שטימען פאַר אונזער באַוועגונג. פופציג טויזענד יראים האָבען אָנגעטרויט זייערע זכותים און הצטרכות'ן דער אגודת ישראל.

דאָס איז נישט קיין קלייניגקייט. פאַר אַנדערע רעליגיעזע רשימות קאָנען שטימען אויך האַלב־פרומע, פערטעל־פרומע, און אַפילו אַזעלכע וואָס זיינען בלויז אין „סימפאַטיע" צו רעליגיעזע... מיר אָבער פאַרמאָגען נישט אַזעלכע אויסגעברייטערטע רעליגיעזע מאָגענס, וואָס זאָלען זיין בכוח דאָס אַלעס צו פאַרדייען... פאַר אונז, אגודת ישראל, קאָנען נאָר שטימען פולע שומרי תורה ומצוות, חרדים לדבר ד'. און ניט גלאַט חרדים, נאָר חרדים וועלכע זיינען אויך לוחמים פאַר דערהאַלטען קדושת התורה, קדושת ישראל און קדושת ארץ ישראל. און אויב ביי די דאָרטיגע באַדינגונגען און אומשטענדען — ווייט ניט די גינסטיגסטע פאַר תורה־יהדות — זוכען זיך אָפּ ביי פינף צענדליג טויזענד אידען, וועלכע לאָזען זיך ניט מיטרייסען מיט די גאָלד־פאַרשפּרעכענדע מסיתים, און אויך ניט מיט צווייפעלהאַפטע רעליגיעזע פאַרזאָרגער, און גיבען אָפּ זייערע קולות פאַר אומקאָמ־פּראָמיסלעכע תורה־אידען, איז עס אַ באַוויז פון: נצח ישראל לא ישקר.

* * *

איינע פון די פאָפּולערסטע „חטאים" וועלכע מען וואַרפט אונז פאָר, ספּעציעל מצד די „ציונים דתיים", איז אַז אגודת ישראל אין אייראָפּע, האָט ניט געלאָזט פרומע אידען פאָרען קיין ארץ ישראל. בלייבט אַפילו אַ שטיקעל קשיא. אם כן, טאָ פונוואַנען קומען די, בלי עיה"ר, קרוב 50 טויזענד אידען וועלכע האָבען געשטימט פאַר אגודת ישראל? און נאָך עפּעס איז שטאַרק קשה, פונוואַנען נעמט זיך דאָס וואָס דער מזרחי (ריכטיגער: דער הפועל המזרחי. ווייל פון מזרחי איז שוין דאָרט באַלד גאָרנישט גע־בליבען. פון די ערשטע 11 אויף זייער רשימה, זיינען 10 הפוהמ"ז און קוים 1 מזרחי...) האָט נאָך זייער גאַנצער צענדליגער יאָר פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ציוניזם באַוויזען צו באַקומען בסך הכל דאָפּעלט ווי די אגודת ישראל, וועלכע האָט „נישט געלאָזט" אידען פאָרען קיין ארץ ישראל...

אָבער אין דעם גאַנצען בלבול פון ניט לאָזען פאָרען קיין ארץ ישראל, איז ניטאָ קיין שפור פון אמת.

אמת איז יאָ, אַז ווייניג פרומע אידען, לפי ערך, פון אגודת ישראל האָבען עולה געווען. אָבער ניט ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט, נאָר ווייל מען האָט זיי ניט אַריינ־געלאָזט. די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט האָט ניט אַריינגעלאָזט אידען בכלל, און די אידישע אַגענטור האָט ניט אַריינגעלאָזט פרומע אידען. די ציוניסטישע פּאַלעסטינע־אַמטען, אין וועלכע די רעליגיעזע ציונים האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, האָבען געזיפּט בשבע בדיקות ובשבע חקירות יעדען עולה־קאַנדידאַט, אַז ער זאָל זיין אַ „כשר'ער ציוני". יעדער האָט געמוזט זיכער מאַכען, אַז ער געהערט חלילה ניט צו אגודת ישראל. אַנדערש איז ער תיכף גע'פסל'ט געוואָרען אַלס ניט־ראוי פאַרן ארץ האבות. ערשט נאָך פּראָ־טעסטען און ווענדונגען מצד אגודת ישראל צו די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט, האָבען זיי באַוויליגט אַזש... 6 פּראָצענט. און שוין אַפילו נאָך די חורבן־יאָרען, האָט מען פאַר די אודים מוצלים מאש, קוים קוים אַרויסגעקריגען די נאָרמע פון... 10 פּראָצענט. דאָס הייסט, אַז אויף יעדע 10 עולים ציונים האָט געמעגט עולה זיין אויך איין שומר תורה ומצוות ניט קיין ציוני. אַפילו בעת דער בריחה פון אומלעגאַלער עלי' האָבען זיי, אונזערע פאַרזאָרגער, ניט אייפגענומען קיין פרומע אידען.

דאָס זיינען וואָרע פאַקטען, און אַזוי זעט אויס דער אמת אין זייערע בלבולים. און אַז נאָך אַלע זייערע שטערונגען פון „קראָמיע יעווריעיוו" פאַר ניט אַריינלאָזען ערלעכע אידען, זאַמעלט זיך היינט אָן אין ארץ ישראל ב"ה אַ מחנה פון קרוב 50 טויזענט אידען גענוג באַוואוסטזיניגע פאַר די ערלעכע החזקת־הדת באַמיאונגען און קאַמפּען פון אגודת ישראל, דאַרף מען זאָגען: ברוך השם. לא אלמן ישראל!

* * *

פון גאָר גרויסער באַדייטונג איז דער אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז כמעט אַלע גדולי תורה אין ארץ ישראל, ומחוץ לארץ, זיינען מיט דער אגודת ישראל. און ניט בלויז אַלס מסכימים, נאָר בפירוש גערופען אַלע יראים צו גיין צו די בחירות און שטימען פאַר אגודת ישראל. און די רשימה פון חזית דתית תורתית, איז געווען די איינציגע פאַר וועלכע גדולי ישראל האָבען גערופען מיט די וואַרימסטע ווערטער. לויט די רייד פון די גדולי תורה, איז עס געווען אַ חוב קדוש אויף יעדען שומר תורה ומצוות ניט בלויז אַליין צו שטימען, נאָר טאָן אַלעס בכדי צו פאַרגרעסערען און פאַרשטאַרקען דעם כוח פונם יהדות־החרדית, און אַזוי נאָך מרבה זיין כבוד התורה וכבוד שמים ברבים.

ביי די איצטיגע בחירות איז אויך נאָך אַמאָל קלאָר געוואָרען, אַז די באַוועגונג פון אגודת ישראל שטייט אונטער'ן משמעת פון גדולי ישראל. און אַז ביי אַלע פּרינציפּיעלע ענינים דעצידירט אויסשליסלעך דער דעת־התורה פון גדולי תורה. עס איז נישט קיין סוד, אַז פירענדע מענטשען, אויך אין דער אגודת ישראל, זיינען געוועזן פאַר אַ חזית־דתית. מאָטיוון פון אָרגאַניזאַציאָנעלען, פינאַנציעלען און פּראָפּאַגאַנדיסטישען כאַראַקטער זיינען אַלע געווען דערפאַר. אויך מצד דער מעגליכקייט פון פאַרגרעסערען די צאָל שטימען, האָבען זיך געזען מאָטיוון פאַר אַ פאַראייניגטען חזית.

אויב עס איז אָבער דאָך ניט צושטאַנד געקומען ד׳ער „חזית דתית״, איז עס געווען אויסשליסלעך ווייל גדולי תורה, ובראשם דער בריסקער רב זצוק״ל, זיינען געווען געגען חזית. און די אגודת ישראל קאָן ניט טאָן קיין שריט אין אַזאַ פּרינציפּעל פּראָבלעם, וואָס זאָל ניט האָבען דעם הסכם פון די גדולי הדור. דאָס איז געווען פון די יסודות אויף וועלכע אונזער באַוועגונג איז געשטעלט געוואָרען תיכף ביי איר התיסדות, און ביי דעם האָלט זי זיך פעסט במשך אַלע יאָרען, מיום הוסדה ועד היום הזה.

אגודת ישראל, אַלע אירע חברים און מנהיגים, זיינען שטאָלץ מיט דעם וואָס זייער באַוועגונג און אַלע זייערע מעשים און שטעלונגען זיינען אונטערגעוואָרפען דעם חות־ידעת פון גדולי ישראל. באַוואוסטזיניגע שומרי תורה ומצוות, אַפילו זיי זיינען ניט איינ־געשלאָסען אָפיציעל אין אגודת ישראל, זעען אין אַזאַ ערשיינונג אַ דערהויבונג פון תורה, דעת־תורה און כבוד התורה.

אויך דער לעצטער שריט מצד דער אגודה־באַוועגונג, ניט אַריינצוטרעטען אין דער רעגירונג, טראָץ דער איינלאַדונג פון בן־גוריון, איז געקומען לויט די אָנווייזונגען פון גדולי תורה, וועלכע האָבען דעצידירט, אַז דאָס אָרגאַניזירטע תורה־אידענטום קאָן ניט נעמען אויף זיך דעם מיט־אחריות פאַר דער היינטיגער הנהגה אין מדינת ישראל.

אָט דער באַשלוס פון אגודת ישראל און די מועצת גדולי התורה, האָט אַרויסגע־רופען גרויס אָנזען און אָנערקענונג פון אַלע קרייזען פאַר דער פּרינציפּיעלער און אויסגעהאַלטענער שטעלונג. די אגודת ישראל האָט באַוויזען, אַז ביי איר דעצידירט פּרינציפּען אינם יהדות, און פאַר די פּרינציפּען איז זי בכוח עומד בנסיון צו זיין. עס איז ניט קיין קליינער נסיון פאַר מענשען און אַ באַוועגוג, אָבער מיר האַלטען אים אויס ווען דער דעת־תורה פאַרלאַנגט עס.

* * *

מיר האָבען דערמאָנט וועגען בריסקער רב זצ״ל. ער, דער גאון הדור זי״ע, איז דאַסמאָל אַרויסגעגאַנגען מגדרו, און אַרויסגעגעבען אַ רוף צו תורה־אידען פאַר זיך משתתף זיין אין די בחירות, און פאַר העלפען אויסוויילען וואָס־מער חרדים און לוחמים, בכדי צו פאַרשטאַרקען דעם כוח פונם יהדות־החרדית און דאַדורך אָפּשוואַכען די כוחות פון די מהרסי־הדת.

זיין לעגנערען כרוז הייבט ער, זכרונו לברכה, אָן:

„שימו לבבכם על דרככם. כל איש מבני ישראל טרם יגש אל הקלפי להצביע צריך לעשות תחילה חשבון בנפשו, מה הוא רוצה להיות אם ממצדיקי הרבים או להיפך ח״ו״.

נאָך דעם וואו דער גאון זצ״ל רעדט אַרום די סכנות פון וועלען „איבערבויען״ דעם עם הקדוש אַלס „ככל הגוים״, זאָגט ער ווייטער:

„לפי ההלכה אנו מחייבים במצב שכזה למסור את נפשנו. אם היינו עומדים לפני נסיון שכזה מטעם שלטון של גויים, היינו עפ״י הדין חייבים לגזור תענית. אולם בשעה זו הרבה תלוי בקולותינו ומחובתו של כל יהודי להלחם, להשפיע ולעשות תעמולה כל איש ברחובו

ובבית מדרשו בין מכרים וקרובים נגד הגורמים החלוניים, המבקשים לעקור את הדת מחיי הצבור היהודי״.

„הדבר צריך להיות ברור לכל, כי כל מי שמצביע בשביל מועמדים, שתפקידם הוא להגן ולגונן על האופי התורתי של חיינו, הרי הוא נמנה בין מצדיקי הרבים אשר כפי הבטחת הנביאים יהי׳ ככוכבים לעולם ועד (דניאל י״ב), לעומת זה כל מי שמצביע בעד אלה שמטרתם לערטל את חיי ישראל מצביונם התורתי נמנה בין מחטיאי הרבים ר״ל״.

„חשבון זה חייב כל יהודי לערוך לו טרם שהוא מוסר את קולו: על מי הוא רוצה להמנות? פתק הבחירה נמסר בחשאי. איש אינו יודע בשביל מי בוחר הבוחר. הבוחר נמצא לפני הבקורת של הצופה נסתרות בלבד. לכן אני פונה אל אחב״י בקריאתי זו: שימו לבבכם על דרככם בשעה רבת אחריות זו״.

דאָס ערשטע מאָל וואָס דער בריסקער רב זצ״ל קומט אַרויס אין ארץ ישראל מיט אַן אָפענעם רוף פאַר גיין צו וואַלען לטובת אגודת ישראל, און דאָס מיט אַזעלכע שאַרפע און התלהבות׳דיגע ווערטער. און גראָד ממש פאַר זיין הסתלקות. זיינע דברי קודש האָבען געמאַכט אַן אומגעהויערען רושם אין דער גאַנצער תורה־וועלט. אידען בני תורה ויראי השם ווייסען וואָס עס מיינט בריסקער רב, און וואָס עס מיינט זיין דעת־תורה. פאַר זיי אַלע איז עס כדברים הנאמרים מסיני.

* * *

לדאבוננו הרב, זיינען פאַראַן קרייזען וואָס האַלטען פאַר זייער גרעסטער „עבודת הקודש״ אונטערצוגראָבען און באַשמוצען אגודת ישראל, וועלכע זענען מיט דעם כרוז פונם בריסקער רב זצ״ל שוין גאָרניט צופרידען. זיי, די אייביגע חטאים־זוכער אונזערע, זיינען פשוט ווי צעמישט געוואָרען פון אַזאַ „בשורה נוראה״... וואָס הייסט, דער בריסקער רב אויך שוין פאַר באַטייליגען זיך אין וואַלען, און פאַר אגודת ישראל? מילא, אַלע אַנדערע גאוני ישראל וצדיקי הדור האָבען זיי שוין מבטל געווען... אָבער מיטן בריסקער רב איז עפּעס שווערלעך... ער איז דאָך דער בריסקער רב. נו, איז מען געפאַלען אויף אַ המצאה, ממש אַ גאונישע... מען וועט אַרויס מיט אַן אַלאַרם: אַ פאַלשער בריוו, אַן אַלטער בריוו, א. אַ. וו., אַי, עס איז דאָך בפירוש מיט חתימת קדשו, און עס איז דאָך געחתמ׳עט: שלהי תמוז תשי״ט. נו, האָט איר אַ קשיא... אַבי אידען תמימים, וועלכע אָריענטירען זיך ווייניג, וועלען גלויבען אין זייער געפעלשטער פעלשונג... און, יאָ גלויבען ניט גלויבען, אַ צעמישעניש וועט דאָס שוין גורם זיין, און דערווייל וועט דער אמת פאַרטושט ווערען... און מ׳וועט ווייטער קאָנען טומלען און אפילו זיך אָנלענען אויפן גרויסען נאָמען און אויטאָריטעט פונם גאון מבריסק זצ״ל.

עס וועט אייך נישט פועל׳ן קיין שום פעסטשטעלונגען, ראיות און עדות. אַרויסגע־וואָרפען אייערע רייד. פאַר זיי טויג נישט אַזאַ כרוז פונם גאון הדור, און פטור... זאָגען דאָך אָבער עדות אַזעלכע גדולים מפורסמים ווי דער מירער ראש ישיבה; קלעצקער ראש ישיבה; לוצקער רב; פאָנעוויעזשער רב; חברונ׳ער ראש ישיבה און הרב אליעזר מנחם שך, דער נאָענטסטער בן בית ביים גרויסען נפטר; זיינען דאָך ב״ה פאַראַן אין ירושלים די זין הרבנים שליט״א, און אַלע זיי זיינען מעיד אויף דעם כרוז. דאָס אַלץ איז, לפי דעתם, ווערט כקליפּת השום... מען דאַרף צום רומעל האָבען, אַז דער בריסקער רב איז געגען בחירות, און אַזוי מוז עס בלייבען...

עס ווילט זיך זיין איינגעהאַלטען. עס ווילט זיך נישט קיינעם פוגע בכבוד זיין. מיר זיינען דערצויגען געוואָרען מיט זהירות פאַר אָפּהיטען כבוד התורה. אָבער עס רייסט זיך אַ שאלה: געוואַלט, וואו איז נימוס, וואו איז דרך ארץ, און טאַקע נאָך טיפער און שאַרפער: וואו איז מורא שמים? שטייען אידען יראים ושלמים אין די אלפים ורבבות

אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אינם געראַנגעל פאַר תורה און פאַר דת משה וישראל. בראש פון דער דאָזיגער תורה־מחנה געפונען זיך גדולי ישראל מפורסמים. וואו ווייזט זיך דער ריוח פאַר יהדות־התורה, אויב מען דערלויבט זיך, ברבים ובפרהסיא, משפיל און מבזה זיין זייער כבוד, זייער פּרעסטיזש און זייערע מסירת־נפש'דיגע אָנשטרענגונגען. ווער וועלען דאָס זיין די יורשים און געניסער פון דער אָפּשוואַכונג פונם תורה־פראָנט, אויב ניט די אָפענע און פאַרמאַסקירטע חפשיים?

מיר שרייבען די דאָזיגע שורות מיט גרויס שברת־הלב. עס איז אונז טייער דער כבוד פון יעדען ירא וחרד. אָבער מען מוז דאָך אַפּעלירען אַמאָל צו די יעניגע קרייזען פון יראים, וועלכע גיבען זיך נישט אָפּ אַ דין־וחשבון פונם מצב און פון די רעזולטאַטען וואָס אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט איז ביכולת צו דערפירען. זאָל מען שוין אָננעמען, אַז מען איז געגנעריש צו אגודת ישראל, אָבער פאַרוואָס מיט אַזאַ פאַרביסענקייט, וואָס עפּעס מיט אַזאַ שנאת־אחים? פעלען דען אויס מהרסי־הדת אויף וועמען אויסצולאָדען די שנאה־געפילען?

אדרבה, זעט ווי ווייט עס דערגרייכט שוין. אפילו אַזאַ גרויסען און אויטאָריטעטען נאָמען ווי פונם בריסקער רב זי"ע, וועלכער איז געווען כולו אמת, האָט מען אויך שוין אַריינגעשלעפּט אין דעם זומפּ פון ניט־ערלעכקייט און דעמאַגאָגיע. וואו איז כבוד התורה פאַר אַזאַ ריז אין גאונות און אין קדושה? אדרבה, זאָל מען פרעגען גדולי תורה. זאָלען זיי אַליין מאַכען אַן ערנסטע שאלת־חכם. צי פאַרלאַנגט אַזעלכעס דער איצטיגער זמן? צי פאַרלאַנגט דאָס די תורה? און צי איז דאָס דער רצון פון השי"ת? עס קאָן דאָך ניט גיין אָן אויפהער, ווייל ביז וואַנען קאָן אַזעלכעס, חלילה, דערפירען.

„שימו לבבכם על דרכּכם בשעה רבת אחריות זו", זאָגט דער בריסקער רב. נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ שעה, און נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ רבת אחריות.

מיר אַפּעלירען, און מיר בעטען בכל לשון של בקשה ותחנונים. לאָמיר זיך פאַר־טראַכטען. לאָמיר זיך קאָנטראָלירען. לאָמיר רחמנות האָבען אויף זיך און אויף דורות הבאים.

כבוד הבריות, כבוד התורה און כבוד שמים, פאַרלאַנגען דאָס פון אונז אַלע.

(ד. א. וו., כסלו, תש"ך)

ארום דער רבנות הראשית

מיר האָבען זיך ביז היינט צוריקגעהאַלטען פון נעמען עפענטלעך אַ וואָרט אין דעם גאַנצען ענין אַרום די וואַלען צום רבנות־הראשית אין ארץ ישראל.

מיר האָבען דאָס ניט געטאָן, ווייל מיר האָבען ניט געוואָלט ווערען פאַרמישט אין אַזאַ דעליקאַטען ענין ווי רבנות בישראל, וואָס דאַרף געהאַלטען און באַהאַנדעלט ווערען מיט דער גרעסטער ערנסקייט און ריינקייט, וועלכע ווערט אָבער, ליידער, פון פאַרשידענע צדדים מיספאַרשטאַנען און מיסבאַהאַנדעלט, ווייט, גאַר ווייט, ווי כבוד הרבנות און כבוד התורה פאַרלאַנגען. מיר האָבען זיך אויך צוריקגעהאַלטען צוליב דעם ווייל מיר אין אגודת ישראל זיינען דירעקט ניט באַטייליגט אין ענין פון רבנות־הראשית, און עס איז זיכער געזינטער צו שטיין מן הצד, און זיך אויסהיטען פון ווערען אַריינגעשלעפט אין דעם געקעכץ, וואָס ווערט געמישט מיט אַזויפיל אומריינע הענט, אומריינע כוונות און אייגענצוציגע אינטערעסען.

ווייל אָבער דאָס ענין רבנות־הראשית האָט סוף־כל־סוף אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן ישוב אין ארץ ישראל, און אויך גרוויסער־מאָסען פאַר אידען מבחוץ לארץ; זי ווערט אין מדינת ישראל באַטראַכט אַלס אָפיציעל־אָנערקענטע רעפּרעזענטאַנץ פאַר תורה־יהדות, און אַזוי ווערט זי אויך אָנערקענט דורך געוויסע טיילען פון אידען איבער דער וועלט; און זי איז די אָפיציעלע אינסטאַנץ פאַר אַלע עניני דת והלכה אין דער מדינה, האַלטען מיר פאַר נויטיג און וויכטיג אַרויסצוברענגען, אויב ניט אונזער שטעלונג, אַמווייניגסטען עטלעכע באַמערקונגען, פון וועלכע מיר קאָנען ניט, און טאָרען ניט, זיך צוריקהאַלטען.

* * *

די אגודת ישראל, דאָס חרד׳ישע אידענטום וואָס איז אָרגאַניזירט אין דער דאָזיגער וועלט־באַוועגונג, שטייט נישט אונטער דער הוראה און האָט קיינמאָל ניט מקבל־מרות געווען פון דער רבנות־הראשית. טראָץ דעם וואָס זי קאָן אָנערקענען דאָס גדלות פון רבנים וועלכע שטייען בראש פון אָפיציעלען רבנות, אָנערקענט זי איר אָבער נישט אַלס העכסטע אינסטאַנץ, וואָס פון דאָרט זאָל אַרויסגיין די הוראה לישראל פון ריינעם אומאָפּהענגיגען דין תורה און דעת תורה.

דאָס תורה־אידענטום און די גדולי התורה אין אַלע צייטען און אין אַלע מקומות, האָבען שטענדיג מורא געהאַט פאַר אָפיציעלער רבנות, און אייביג געוויכט פון יעדען מין „רבנות מטעם". די גדולי התורה והאומה, אויף וועלכע עס איז געלעגען דער אחריות פאַר אידישקייט אין זייער צייט, און פאַר פאַרזיכערען קיום התורה פאַר דורות הבאים, האָבען שטענדיג געציטערט און געזען אַ געפאַר אין „אָפּיציעל־געקרוינטע" גדולי ישראל. די אָפיציעלע עפּאָלעטען וואָס מען האָט געוואָלט אָנטאָן אויסגעקליבענע אָדער באַשטימטע „רבנים כוללים" אָדער „רבנים ראשיים", צי עס איז געקומען מצד׳ן מלכות אָדער מצד אידען־תקיפים, האָבען אייביג אָנגעוואָרפען אַ מורא אויף ערלעכע אידען פאַר די רעזולטאַטען וואָס קאָנען פון דעם אַרויסקומען, בכוונה אָדער אפילו שלא בכוונה.

די אחראים פאַרן קיום פון תורה־יהדות אין אַלע דורות, האָבן געוואוסט אַז גדלות בתורה וביראה, פאַרט זיך נישט מיט אָפיציעלקייט און מיט המונ׳ישער אויס־דערוויילטקייט. עס איז אַ בפירוש׳ע סכנה דיביידע זאַכען אויסצומישען. דער ערשטער און וויכטיקסטער מאָמענט ביי אַ גדול בישראל און פוסק פאַרן דור, איז אַבסאָלוטע אומאָפּהענגיקייט. ווען אַ מנהיג הדור זאָגט זיין תורה־וואָרט, מוז ער זיין פריי פון יעדענס רשות, נאָר זיין געבונדען און רעדען ברשות התורה וברשות נותן התורה. אַ גדול בישראל, אין דעם מאָמענט ווען ער דאַרף זאָגען זיין פסק און דעת התורה, דאַרף ער האָבן פאַר זיינע אויגען און אין זיין מחשבה די ריינע הלכה שבתורה. אויב אָבער ער דאַרף זיך רעכנען מיט זיינע בוחרים און מושלים ווי זיי וועלען דערויף קוקען, דעמאָלס הערט עס אויף צו זיין דעת תורה, און אַזא „צוגעפּאַסטער״ דעת־תורה קאָן גאָר ווערען אַ סכנה פאַר קיום התורה.

* * *

גדולי ישראל, מנהיגי הדור, האָט מען קיינמאָל ניט אויסגעוויילט און קיינמאָל ניט ממנה געווען. פון זיך אַליין זענען זיי אַרויסגעוואַקסען און אַרויסגעשיינט, און דער תורה׳דיגער כלל ישראל האָט זיי אָנערקענט און זיך זיי אונטערגעוואָרפען. אַ רב פאַר אַ שטאָט, אַ ראש פאַר אַ קהלה איז מען ממנה. אַ מנהיג פאַר כלל ישראל איז קיינער ניט ממנה. פון הימעל קומט זיין התמנות. דער כלל ישראל דערפילט זיין גדלות, זיין צדקות, זיין קדושה, זיין ריינעם תורה־וואָרט, און הערט זיך צו אים צו, גלויבענדיג אַז מן השמים האָט מען אים איבערגעגעבען די הנהגת הדור.

שוין משה רבינו ע״ה, דער ערשטער רבי און מנהיג של ישראל, בעט אין זיינע תפלות צו השי״ת:

„יפקד ד׳ אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה, אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם, ולא תהיה עדת ד׳ כצאן אשר אין להם רועה״ (במדבר כ״ז). די „שרי אלפים שרי מאות שרי חמשים ושרי עשרות״, איז משה רבינו אַליין ממנה. אָבער די מינוי פאַרן מנהיג הדור, דעם איש על העדה, בעט ער צו השי״ת, אַז עס זאָל קומען מן השמים.

און אַזוי איז געווען ביי אידען בכל הדורות. כמעט אַלע גדולי תורה וחכמי ישראל זענען ניט געווען די „אָפיציעלע״ רבנים. זיי זענען אפילו ניט געזעסען על כסא־הרבנות אין גרויסע שטעט און אָנגעזעענע קהלות, נאָר דוקא אין קליינע, פאַררוקטע ווינקלען, און פון דאָרט זיינען אַרויס זייערע הלכות און הוראות לכל בית ישראל פאַר דורות לאַנג. און אַזוי האָט מען אויך געזען אין אונזער לעצט דור.

אונזער דור האָט זוכה געווען צו האָבען אַ חפץ חיים, אַ גערער רבי און אַ רבי חיים עוזר זצ״ל. תורה אידען בכל קצוי הארץ האָבען אין זיי געזען די מנהיגי ישראל; זייער פסק־הלכה איז געווען פאַר יעדען שומר תורה און מאמין אומאָפּפרעגבאַר; אין אַלע שאלות און פּראָבלעמען פון כלל ישראל׳דיגען כאַראַקטער, איז זייער חות־דעת געווען פאַרן תורה׳דיגען צבור ריינער דעת־תורה וואָס האָט געוויזען את הדרך אשר נלך בו. קיינער פון אָט דעם גרויסען און הייליגען חוט־המשולש, איז פון קיינעם ניט באַשטימט געוואָרען. קיינער האָט זיי ניט געוויילט צו זייער גרויסקייט און הנהגת ישראל. אידען איבער דער וועלט האָבען דערזען, האָבען דערפילט, און האָבען ווי פון זיך אַליין זיי אָנערקענט. פון יענע קדשי־קדשים׳דיגע ווינקלען אין גער און אין ראַדין,

זענען פון זיך אַליין אַרויסגעגאַנגען צום כלל ישראל די אורות ומאורות של תורה, של עבודה, של קדושה ושל טהרה.

אויך אין אונזערע לעצטע טעג, האָבען מיר אַזעלכעס געזען מיט די צוויי גרויסע תורה־אויטאָריטעטען אין ארץ ישראל. די צוויי גאונים וצדיקים, משיירי אנשי כנסת הגדולה, דער חזון איש און דער בריסקער רב זצ״ל. נישט געווען קיין תורה־איד אין דער וועלט וואָס זאָל נישט האָבען אָנערקענט זיי אַלס די גדולי ומנהיגי הדור. און אויך זיי זענען פון קיינעם דערצו ניט געוויילט געוואָרען, איינער איז געזעסען אין זיין אהלו של תורה אין זכרון מאיר, און דער צווייטער איינגעשלאָסען בחדרי חדרים אין רחוב פרס בירושלים עיה״ק. און פון דאָרט איז געקומען דאָס תורה־וואָרט צו אַלע ערלעכע שומרי תורה.

* * *

אַז תורה־אידען האָבען ריכטיג אָפּגעשאַצט און ניט געמאַכט קיין טעות אין זייער יהדות־חשבון אין אַלע צייטען און אויך בזמננו אנו, קאָן מען זען אין דעם וואָס עס געשעעט היינט ביים און אַרום דעם רבנות־הראשית אין ארץ ישראל. נאָך קיינמאָל איז נישט אַרויסגעקומען אַזוי אָפען און בולט די באַרעכטיגונג פאַר די אַלע מורא׳ס און חששות פאַרן „באַשטימען און אויסוויילען״ גדולי ישראל און פוסקים פאַרן דור.

דאָס וואָס עס קומט פאַר שוין חדשים און חדשים לאַנג אין ארץ ישראל אַרום דער וואַל פון רבנים ראשיים, איז עפּעס אַזעלכעס וואָס דאַרף מאַכען אויפציטערען יעדען איד, וועלכער האָט נאָך אין זיך אַ רגש פאַר כבוד התורה, כבוד הרבנות און כבוד היהדות־החרדית. דאָס איז מער נישט קיין מצב, נאָר אַ פשוט׳ע וואַקכאַנאַליע פון נגיעות, מאַכט, גבאות און אינטערעסען פון יחידים און פון אָרגאַניזאַציעס. נישטאָ מער קיין פראַגע פון וועלכען רב, ווער איז מער פּאַסיג, מער מוכשר און ראוי לאותו איצטלא. מען הערט שוין באַלד מער נישט דערמאָנען די רבנים־קאַנדידאַטען. מען זעט און מען הערט לעצטענס נאָר פון די צדדים, פון גבאים און גבאות, וועלכע פירען קאַמפען פאַר „זייערע״ קאַנדידאַטען, דורך וועלכע זיי, די צדדים און רבנות־מאַכער, וועלען קומען צו דער מאַכט, די אייגענטלעכע מאַכט אונטער דעם טראָן...

אַ רב ראשי דאַרף זיין אַ גדול בתורה, אַ גדול ביראה און אַ גדול במדות ובמעשים טובים; ער דאַרף זיין אַ פערזענליכקייט, משכמו ומעלה גבוה מכל העם, וואָס זאָל זיין אַ מוסטער און אַ כבוד פאַר רבנות, פאַר תורה און פאַר תורה־יהדות; אַ רב־ראשי דאַרף מיט זיין ערהאַבענקייט, מעלות און אצילות ווערען דער פאָן־טרעגער פאַר יהדות־התורה אין דער איצטיגער שווערער און נסיונות׳דיגער צייט; און ער דאַרף דאָך באַזיצען מוט, שטאַרקייט און געוואַגטקייט, דעם עוז שבקדושה, זיך געגענצושטעלען מיט זיין כוח התורה די אַלע מהרסים ומחריבים את כל קדשי וקניני האומה.

איז פון דעם אַלעם הערט איר מער נישט קיין וואָרט. ניטאָ מער קיין זכר דערפון. קיינער שאַצט נישט און וועגט נישט מער צי האָט דער אָדער יענער קאַנדידאַט יאָ די מעלות אָדער ניט. דער גאַנצער ענין פון רב און פון זיינע אייגענשאַפטען און גדלות, זענען געוואָרען פשוט׳ע נעבען־זאַכען. דער עיקר גייט יעדען צד אין „זיין״ קאַנדידאַט, ווייל ער באַזיצט די עיקר „מעלה״, וואָס דורך אים וועט ער און זיין צד ווערען דער הויפּט־גבאי און דער הויפּט בעל־דעה, און וועט פירען די גרענעדע און דאָס הויפּט־רעדעל אין די הינטער־קוליסען אַרום דעם אַפּיס פון רבנות־הראשית. די ענינים פון מאַכט און אינטערעסען זענען געוואָרען דער עיקר, און דאָס רבנות דער טפל...

* * *

ווען מען לייענט די ארץ ישראל פרעסע, ווען מען באַקענט זיך מיט דער גאַנצער אינטריגירענדער הינטער־קוליסען שפיל אַרום די וואַלן צום רבנות־הראשית, כאַפּט אַן אַ שוידער צו זען צו וועלכען שפלות׳דיגען מצב הרבנות והרבנים מען האָט דערפירט. און די מזרחי און הפועל־המזרחי קרייזען האָבען דערביי אַ חלק בראש.

געהייסען האָט עס לכתחילה, אַז איין וויכטיגער און פּאַסענדער קאַנדידאַט איז פאַראַן צו דעם אַמט. און גראַד איז דאָס אַ רבנישע פערזענליכקייט, וואָס האָט אַ גרויסען נאָמען און אַנגעזעענעם פרעסטיזש. אָבער מיטאַמאָל איז באַקאַנט געוואָרען אַז די מזרחי־פירער זענען אַבסאָלוט ניט ערנסט בנוגע דעם קאַנדידאַט, וועמען, אגב, זיי האָבען כסדר צופויקט במשך אַ לאַנגע צייט, אַז דאָס איז זייער איינציגסטער און פּאַסענדסטער קאַנדידאַט. אַרויסגעוויזען האָט זיך גאָר, אַז גערעדט האָט מען מיט דעם, געמיינט האָט מען אַ צווייטען, און על כל צרה שלא תבוא האָט מען אין קעשענע שוין געהאַט אַ דריטען... און גאָר אין מיטען האָט דער הפועל־המזרחי הויפּט־אונטערהענדלער גאָר פאַרגעשלאָגען, אַז מען דאַרף בכלל גאַרנישט האָבען קיין אשכנזי׳שען קאַנדידאַט, נאָר מען קאָן יוצא זיין מיט איין נייעם ספרדי׳שען רב־ראשי פאַר אַלע קהלות... און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען דער אינערלעכער קאַמף און גערAנגעל צווישען די מאַכט־האָבענדע צדדים אינעם מזרחי און הפועל־המזרחי גופא, וואָס האָט געמוזט גורם זיין, אַז זעלבסט־רעספּעקטירענדע רבנים האָבען זיך געמוזט צוריקציען און מער ניט געבען זייערע נעמען צו אַזאַ ביליגען, שפלות׳דיגען און קאָמפּראָמיטירענדען צושטאַנד ביי אַ וואַל צו דער אָנגעזעענער רבנישער אינסטאַנץ.

אָבער מיט דעם ענדיגט זיך נאָך נישט דאָס עסק־ביש. אין מיטען דאַרינען זענען גאָר אַריינגעקומען אויך די חפשיים, די מפא״י און אַנדערע קרייזען אין דער רעגירונג, וועלכע האָבען אייגענטליך ניט קיין שום שייכות מיט רבנים און רבנות. אויך זיי האָבען זיך אָנגעהויבען מטפל זיין מיט דעם ענין רבנות, און אָנגעהויבען זאָגען דעות וועגען קאַנדידאַטען. און עס איז אפשר זיך ניט צו וואונדערן. ווייל אויב ניט ריינע רבנות, גדלות בתורה און גדלות בהוראה, נאָר אַ פּשוט׳ער קרעמערישער מסחר פון „מיין" רב און „דיין" רב, עס גייט אין מאַכט, פּאָליטיק און אינטערעסען, זענען זיי גרעסערע מומחים און שטאַרקערע בעלנים, ליגט דאָך די גאַנצע מדינה, מיט בכל מכל כל, אין מפא״י׳שע הענט, פאַרוואָס נישט דאָס רבנות אויך. פאַרט טאַקע בן גוריון אויך אַרום זיך צו באַקאַנען און אויספּרואווען קאַנדידאַטען, ווער פון זיי איז מער ראוי און מוכשר... און עס האַלט גאַרנישט ווייט, אַז דער נייער רב־ראשי זאָל זיין דער וואָס וועט מער נושא־חן זיין ביי דער מפא״י. און טאַקע פאַרוואָס ניט, אַ „רבי׳ן" האָבען זיי שוין אין דער הסתדרות, פאַרוואָס נישט האָבען דעם רב אויך...

* * *

דאָס איז דער פועל־יוצא פון דעם מזרחי׳ס קורצזיכטיגקייט און ניט געבוג־ער־לעכקייט. דער מזרחי און זיינע פירער האָבען נישט פאַרשטאַנען, אַז רבנות בישראל איז ניט, און טאָר ניט זיין, אין קיינעמס אַרענדע און פאַרטייאישען רשות. רבנות, אויב זי זאָל האָבען די געהעריגע אויטאָריטעט און השפעה, מוז זי זיין, אַן אומאָפּהענגיגע תורה אינסטאַנץ. העכער פון יעדער גרופּע און פון יעדענס אינטערעסען. ניט קיין פראַגע פון מיין און דיין רב, נאָר פון אַ רב פאַר׳ן כלל, פאַר אַלע וועלכע נויטיגען זיך אין רבנים און אין רבנות.

בעת דער משרד הדתות האָט זיך געפונען אין רשות פון מזרחי, בעפאָר הרב טאָלי־דאַנאָ האָט אים איבערגענומען אַלס שר הדתות, איז דער משרד מיט אַלע זיינע פונקציעס פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ריין הפועל־המזרחי קרעמעל. קיין רב, ווי ראוי ער זאָל זיין, האָט ניט געקאָנט באַקומען אַ רבנות אויב ער האָט ניט געהערט צו זייער לאַגער. ניט זיין סמיכות־הרבנות האָט דעצידירט נאָר זיין פאַרטיי־ביכעל. דער מזרחי האָט בשעתו געשטיצט די קאַנדידאַטור פון הרב נסים אַלס רב־ראשי לספרדים געגען הרב טאָלידאַנאָ, בלויז דערפאַר ווייל הרב טאָלידאַנאָ האָט ניט געהערט צום מזרחי. און שפּעטער ווען הרב נסים האָט אַרויסגעוויזען זעלבסטשטענדיגקייט אין זיינע תורה־האַנדלונגען און זיך ניט געפּרעגט זייער פאַרטיי, האָבען זיי שטילערהייט געשטיצט בן גוריון׳ען אין זיינע רדיפות געגען דער דרייסטקייט פון הרב נסים. אַפילו פאַר אַזאַ „חטא״ ווי שטיצען און העלפען גרינדען אַ חדר פון חינוך־עצמאי, האָט די מזרחי׳סטישע מועצה־הדתית אין קרית שמונה אָפּגעזאָגט דעם דאָרטיגען ספרדישען רב הרב יצחק אוחנא. און ערשט נאָכן אַריינמישען זיך פון הרב טאָלידאַנאָ, איז די מועצה־דתית פונאַנדערגעלאָזט געוואָרען און דער רב אוחנא איז געבליבען ביי זיין רבנות.

* * *

דאָס איז אָבער נישט ביי זיי קיין נייעס. ניט קיין מעשה מהיום או מיומיים. וויסענדיג אַז די תורה־וועלט איז געגען זיי, און אַז פון זייערע דרכים און שיטות, איז אין רוח חכמים נוחה מהם; וויסענדיג, אַז כמעט אַלע אויטאָריטעטסטע און אָנערקענטסטע גדולי ישראל פון אַמאָל, און פון היינט, האָבען געזען אין זייערע השקפות און אין זייער אייביגער התחברות לרשעים, אַ סכנה פאַר יהדות התורה; האָבען זיי זיך באַמיט מיט תקיפות איינשפּאַנען דאָס אָפיציעלע מין רבנות צו זייער באַוועגונג.

עס איז נאָך ביי אַלעמען פריש אין זכרון, אַז שוין אין יאָר תש״ב (1942) אין מיטען פון די שנות־החורבן דורך די דייטשע עמלקים ימ״ש, ווען גרויסע צאָלען קינדער־פּליטים זענען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען קיין פּערסיען, האָט מען די קינדער, יתומים פון אידען־קדושים, ביים ברענגען זיי קיין ארץ ישראל, מעביר על הדת געווען דורך באַזעצען זיי אין די פריי קיבוצים פון מפא״י און מפ״ם. און עס האָט זיך אויפ־געהויבען אַ שטורעם אין דער רעליגיעזער וועלט געגען דעם דאָזיגען גייסטיגען פאַר־ברעכען מצד דער ציוניסטישער פירערשאַפט. דאַמאָלס איז דער רב־ראשי הרב הערצאָג ז״ל געסטראַשעט געוואָרען דורך הרב י. ל. מיימון, ראש פונם מזרחי, אַז מען וועט אים צוריקציען זיין „אַגרימענט״ אַלס רב־ראשי, פאַר׳ן „גרויסען חטא״ וואָס אויך הרב הערצאָג איז שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דער אידישער אַגענטור פאַר איר שווידערלעכע העברת הדת ביי די ילדי טעהעראַן. מיימון־פישמאַן האָט דאַמאָלס אָפען דערקלערט, אַז הרב הערצאָג מיט זיין אָננעמען זיך פאַר דערהאַלטען אידישקייט ביי די קינדער, איז געוואָרען צופיל רב און צו ווייניג... ציוניסט, און דאַדורך ווערט ער אויס ראוי צו זיין דער רב־ראשי...

זיי האָבען ניט, אָדער געמאַכט זיך ניט פאַרשטיין, אַז אויטאָריטעטע רבנות קען ניט זיין אָפּהענגיג און קאָן ניט ווערען דיקטירט פון תקיפות׳דיגע און נגיעות׳דיגע בעלי־בתים. האַנדלונגען און באַשלוסען פון גדולי תורה קאָנען ניט ווערען רעגולירט און איינ־ספּירירט דורך אינטערעסען פון פּאָליטישע גרופּירונגען, וועלכע ווילען זעען דאָס רבנות אַלס אַ „קרדום לחפור בה״, וועלכע ווילען מיטן כח און אויטאָריטעט פון די רבנים אויסשפּרייטען זייער מאַכט און אָנזען אין אידישען לעבען.

* * *

די געפאַרען וואָס מען האָט חושש געווען פאַר אַ רבנות וואָס וועט זיין אָפּהענגיג און אונטערגעוואָרפען אַנדערע, ניט תורה׳דיגע, השפעות און הכרעות, ווייזען זיך איצט אַרויס אין ארץ ישראל גאָר בולט און שאַרף.

עס ווייזען זיך שוין, לדאבוננו הרב, סימנים ביי דער פירערשאַפט פונם רבנות־הראשית פון ניט אַבסאָלוטער זעלבסטשטענדיגקייט. מען שטויסט זיך שוין אָן אין געוויסע האַנדלונגען און הכרעות, וועלכע זענען בשום אופן ניט דיקטירט פון ריינער הלכה און דעת־תורה, נאָר ווי אַ פועל־יוצא פון רעכענען זיך מיטן קול המון, און מיטן חות־דעת פון די וועלכע פירען מיט דער ממשלת ישראל.

לעצטענס זיינען מיר געווען עדות פון צוויי דערשיינונגען, זעהר באַדויערנסווערטע מצד דעם אָפיציעלען דאָרטיגען ראַבינאַט. בעת אַלע תורה־אידען אין ארץ ישראל און מבחוץ לארץ, האָבען געשטורעמט מיט פּראָטעסט און פאַרביטערונג געגען בן־גוריונ׳ס אָפענע דברי בלע וכפירה, אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל, געגען אַלע אַנגענומענע קדשי ישראל, האָט דאָס רבנות־הראשית ניט פאַרעפענטלעכט קיין איין וואָרט פון מחאה. דערפאַר אָבער האָבען זיי יאָ פּראָקלאַמירט אַן אַנדענקונגס־טאָג צו פייערען דר. הערצלען, און דערויף באַשטימט אַזש אַ „הערצל־שבת״. מילא פייערען הערצל׳ן זאָל זיין פייערען, הגם מיר פאַרשטייען בשום אופן נישט ווי דאָס קומט צו ערלעכע אידען און רבנים. אָבער וואָס מוז מען דוקא אויסזוכען דערצו דעם יום שבת קודש, אפשר איז דאָס גאָר אַ מין לועג־לרש פאַר אַ מענש וואָס איז געווען כולו חול און אַ חפשי גמור אין אַלע זיינע מעשים, מחשבות און מטרות.

דאָס זיינען קליינע פרטים וואָס קאָנען זיין ללמד על הכלל כולו. עס ווייזט, ווי וויט עס קאָן פאַלען דער גאַנצער תכלית פון רבנות, וואָס זיין עצם דאַרף דאָך זיין די מטרה פאַר החזקת הדת, התורה והאמונה ביים כלל ישראל, און וואָס עס קאָן דערפון ווערען אויב דאָס רבנות, זייערע האַנדלונגען און הכרעות, ווערען אָפּהענגיג און תלויים בדעת אחרים. אחרים, וועלכע זיינען פרעמד און דערווייטערט פון השקפות התורה והאמונה. וואָס עס קאָן געשען, ווען רבני׳שע אויטאָריטעטע פירערשאַפט ווערט אָנגעוויזען אויפן חסד פון חפשיים׳דיגע כחות, וועמענס צילען און שטרעבונגען זיינען אין אַבסאָלוטען היפך פון אַלעם וואָס איז הייליג תורה־אידען און תורה־יהדות.

* * *

דער מצב היינט־צו־טאָג איז אַ קלאָרער. אין אידישען לעבען ווירקען צוויי געגענגעזעצטע כוחות און השפעות. איינע פון חפשיים און איינע פון מאמינים. איינע וועמענס שטרעבונגען זיינען צו פאַרוואַנדלען דעם עם הקדוש אין אַ ככל הגוים און דאָס ארץ הקדושה אין אַ ככל הארצות, און איינע וועמענס שטרעבונגען זיינען צו דערהאַלטען ביי אידען דאָס קדושת ישראל און דאָס קדושת הארץ. עס איז אויך קלאָר, אַז דער חפשיות׳דיגער לאַגער איז צייטווייליג גאָר אַ שטאַרקער, ווייל ער האָט מיט זיך מאַכט, געלד, אָרגאַניזאַציע און פאַרטומעל׳דיגע פּראָפּאַגאַנדע. אָבער דערפאַר האָט די תורה־מחנה אויסגעהאַלטענע שטאַרקייט, ווייל זי האָט מיט זיך די אויסגעפּרואוווטע ג־ט׳לעכע אמת׳ן פון סיני־יהדות, און די היסטאָרישע אייביגקייט פון נצחיות של ישראל.

עס איז דעריבער אויסער יעדען ספק אַז אַ דריטע מחנה וועלכע זאָל וועלען שטיין אין מיטען צווישען חפשיים און מאמינים, זיין פוסחים על שתי הסעיפים, האָט ניט קיין פּלאַץ, און איר עקזיסטענץ איז נאָר עלול אַריינצוברענגען אַ בלבול־המוחות און טשטוש־הגבולין ביי תמימות׳דיגע רעליגיעזע אידען, אַז זיי זאָלען פאַרלירען די נויטיגע הבחנה צווישען אמת און שקר, צווישען תורה־יהדות און ככל הגויים׳דיגקייט.

און עס איז אודאי זיכער, אַז גדולי ורבני ישראל מוזען שטיין פעסט על המשמר פאַר פאַרשטאַרקען די אמת׳ע תורה־השקפות פונם יהדות־הנאמנה, און זיך געגענשטעלען בכל תוקף ועוז געגען פאַרפעלשונג פון די היסטאָרישע ווערטען און אידישע אמת׳ן.

* * *

ווי שוין געזאָגט, איז די אגודת ישראל באַוועגונג ניט דירעקט פאַראינטערעסירט אינם רבנות־הראשית, אָבער דאָס קאָן אונז נישט אָפּהאַלטען פון זיין טיף־באַזאָרגט וועגען די באַדויערונגס־ווערטע געשעעענישען אַרום די בחירות צום רבנות־הראשית. יעדען איד וועמען דער כבוד התורה ונושאי דגל התורה איז טייער און וויל זיי זעען אין זייער הויכקייט און ריינקייט, קאָן ניט בלייבען גלייכגילטיג צו דעם וואָס עס קומט פאַר יעצט אין די הינטער־קוליסען אַרום דער דאָזיגער אָפיציעלער רבנישער אינסטאַנץ.

דאָס גאַנצע ענין פון אַ רבנות־הראשית קאָן אַנגעמען געפערלעכע פאָרמען, און קאָן גורם זיין צו גאָר־געפערלעכע קאָנסעקוועצען, אויב די דאָזיגע אויטאָריטעטע רבנישע אינסטיטוציע וועט נישט אויסגעהיטען ווערען פון פרעמדע, זייטיגע און שעדלעכע איינפלוסען.

דאָס וועלען פאַרוואַנדלען אַ רבנות־הראשית אין אַ טייל פון פּאָליטישע חשבונות און אייגענוציגע מאַכט־אינטערעסען. דאָס וועלען אַריינברענגען דעם אָפיציעלען ראַבינאַט אין אַן ענג פּאַרטייאישען רשות היחיד פונם מזרחי און הפועל־המזרחי, שטעלט אין סכנה די אויטאָריטעט און השפעה פון דעם רבנות. אָבער נאָך גרעסער ווערט די געפאַר, אויב השפעות פון חפשיים וועלען אַריינדרינגען אין די חדרים, אין די האַנדלונגען, און אין די מחשבות פון דעם בית־דין של ישראל. ווען מען וועט זיך אָנהייבען רעכנען מיט דעות פון חפשיים, יחידים און באַוועגונגען, וואָס זייערע שטרעבונגען זיינען גראַד דאָס פאַר־קערטע וואָס דאָס תורה־אידענטום און זייערע פירענדע גדולי תורה ווילען האָבען.

עס איז אפשר דאָס ערשטע מאָל אין דער אידישער געשיכטע, אַז פרייע אַנטי־רעליגיעזע עלעמענטען זאָלען אָנהייבען ווערען די בעלי השפעה און וואָרט־זאָגער אויך איבער תורה־אידישקייט און תורה־הנהגה. די עווענטועלע רעזולטאַטען פון אַזאַ סיטואַציע קאָנען זיין זייער טראַגישע און געפאַרפולע פאַר קיום היהדות. דער חרדישער ציבור דאַרף זיין אַלאַרמירט וועגען דעם, און געשטעלט ווערען על המשמר עס אויסצומיידען.

אויב דאָס רבנות־הראשית אין ארץ ישראל זאָל פאַרלירען זייער אַבסאָלוטע אומאָפּהענגיקייט, און ווערען אַן אינסטרומענט פון אַן ענג־קעפּיגע פּאַרטיי, אָדער גאָר, חלילה, אַ ווערקצייג פון אַ חפשיות׳דיגער ממשלה, וועט עס גורם זיין, אַז יעדער ערלע־כער און ערנסט־דענקענדער תורה־איד וועט מוזען טראַכטען און זאָגען:

טוב שלא נברא משנברא.

(ד. א. וו. תמוז, תש״ך)

זיי מעגן...

אפשר קענט איר זיך פאַרשטעלען? אפשר זייט איר ביכולת זיך צו מאָלען א בילד ווי עס וואָלט אויסגעזען, וואָס פאַר אַ טומעל און געפּילדער עס וואָלט זיך אויפגעהויבען אין דער אידישער עפענטליכקייט, ווען אַ שטייגער אַזעלכעס געשעט, חס ושלום, מצד אידען שומרי תורה ומצוות? ווען, ווען למשל, רעליגיעזע אידען שטעקען אַזוי אַריין אַ מעסער אין דעם רוקען פונם גאַנצען ישוב אין דער אידישער מדינה. און דאָס אין איר קריטישסטער שעה, ווען זי פּירט איר גוראַנגעל פאַר זיכערקייט און קיום.

איר קאָנט עפּעס האָבען אַ ציור וואָס אַזעלכעס וואָלט זיך אָפּגעטאָן?

אָבער געשען איז אַזעלכעס ניט מצד פרומע אידען, נאָר מצד ניט־פרומע. און עס איז שאַ — שטיל. ניטאָ קיין טומעל און ניטאָ קיין געפּילדער. אין פוצה פה ומצפצף. זיי מעגען...

איר, זעען מיר, ווייסט גאָרניט וועגען וואָס דאָ רעדט זיך. איר האָט לגמרי ניט די מינדסטע אַנונג וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. איר האָט עס ניט געהערט און אַפילו ניט באַמערקט אין די אידישע טאָג־צייטונגען, וועלכע גיבען אַזוי פיל פּלאַץ פאַר אַלעם וואָס עס געשעהט אין און אַרום ארץ ישראל, אַז אידען האָבען אין דער אַזוי באַדראָטער צייט פאַר ארץ ישראל און פאַר איר ישוב, איר פאַראַטען און עפענטלעך אַרויסגעטראָטען ווי פשוט'ע בוגדים.

איר ווייסט דאָס ניט. מען האָט עס אייך ניט דערצעהלט, ווייל, ווייל דאָס האָבען געטאָן ניט קיין רעליגיעזע אידען, נאָר אייגענע „ציוניסטישע" און „נאַציאָנאַלע" אידען. און דעריבער איז אַזוי שטיל. די ציוניסטישע פירערשאַפט אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ, ווי אויך די גאַנצע צו־זיי־פאַרקויפטע אידישע פרעסע, האָט לגבי דעם שענדלעכען אַקט איינגענומען אַ שטומעניש...

* * *

אַט הערט. עס איז כדאי.

אין יענע דעציזירענדיגע טעג, בעת די ענגלישע און פראַנצויזישע מדינות זיינען געקומען מיט זייער הילף (צוליב אייגענע אינטערעסען) לטובת ארץ ישראל אין איר באַשיצונגס־קאַמף געגען דער אַנגרייפענדער עגיפּטען, איז די לעיבאָר־פּאַרטיי אין דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט אַרויסגעקומען מיט אַ געשריי און טאַדלונג (צוליב פּאַרטיי־פּאָליטיק) געגען די „אַגרעסאָרס" וואָס האָבען אַנגעגריפען די „רוהיגע און שלום'דיגע" עגיפטען. ביי דער פּאַרלאַמענט־אָפּשטימונג האָבען מיטגעשטימט מיט דער לעיבאָר־פּאַרטיי געגען די „ארץ־ישראל'דיגע אַנגרייפער"... אויך אירע אידישע מיטגלידער, און צווישען זיי זיינען געווען אויך אָנגעזעענע ציוניסטישע און פועלי־ציוניסטישע פירענדע פּערזענלעכקייטען אין ענגלאַנד.

צווישען זיי געפינען זיך אַזעלכע נעמען ווי: באַרנעט דזשאַנער, סידני סילווערמאַן, אייאַן מיקאַרדאָ, מאָריס אָרבאַך און פרענק אַלאָן. און מיינט ניט אַז דאָס זיינען מענשען אַבי ווער. דאָס זיינען אידישע שליחי־ציבור אין ענגלישען פּאַרלאַמענט, און דערביי פון גרויסען ציוניסטישען יחוס.

אייאן מיקאָרדאָ איז פון די פירער ביי די ענגלישע פועלי ציון (אגב אַ שוואָגער פון משה ראָזעטי, ערשטער סעקרעטאַר פון דער כנסת); **פרענק אַלאַן איז אַ וויכטיגער פועלי־ציון טוער**; סידני סילווערמאַן איז פּרעזידענט פונם אידישען וועלט־קאָנגרעס אין ענגלאַנד; און אחרון אחרון מר. באַרנעט דזשאַנער, איז דער פּרעזידענט פון דעם **„באָרד אָוו דעפּיוטיס"** פון די אידישע קהילות אין ענגלאַנד און דערצו, **פּרעזידענט** פון דער קאָנפעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטען אין גאַנץ אייראָפּע.

אַלע, ווי איר זעט, גאָר מיט אַ שפּאָרען ציוניסטישען סטאַזש.

אַט די ציון־פירער. האָבען אין דער גורל־פולער שעה פאַר דער אידישער מדינה און פאַר'ן גאַנצען אידישען ישוב, אויפגעהויבען — מיט זייער „ריין־ציוניסטישען" געוויסען — זייערע שטימען צוזאַמען מיט'ן גאַנצען שנאה'דיגען אַנטי־אידישען כאָר געגען דער אידישער „אינוואַזיע" אויף די „פרידליכע און שלום־זוכענדיגע" נאַסער'ישע מצריים.

אַט די דאָזיגע ציוניסטישע פּאַטריאָטען האָבען בוגד געווען אין זייער ציון עפענטליך לעיני כל, און דאָס איז אַזאַ שווערער צייט, און קיין פּיפּס ווערט ניט געהערט. קיינער שרייבט ניט וועגען זייער בגידה. און קיינער פּראָטעסטירט ניט געגען זיי און זייער שאַנדהאַפטער עובדה. פאַרוואָס? ווייל — ווייל זיי מעגען...

* * *

וואָס, טראַכט זיך, וואָלט געשעען ווען, למשל, לאָמיר זיך אויף אַ מאָמענט פאָרש־טעלען, ווען דאָס טוען, חלילה, רעליגיעזע אידען, רבנים אָדער אָרטאָדאָקסישע כלל־טוער. איז זיך דען מעגליך מצייר צו זיין דעם טומעל און דעם טאַראַראַם וואָס וואָלט זיך צעשטורעמט אַרום דעם. די צייטונגען וואָלטען פול געווען מיט ידיעות וועגען דער בגידה; די שרייבער און שרייבערלעך וואָלטען זיך צעשריבען און צעשמירט; די איט"אַ וואָלט זיך צעטעלעגראַפירט בכל פינות העולם; די ציוניסטישע מאַכערס און קאָכלעפעל וואָלטען בקולי־קולות פּראָטעסטירט, און אפילו די „רעליגיעזע ציונים" וואָלטען אַזאַ „גאָלדענע געלעגענהייט" ניט אַדורכגעלאָזט, און זיכער וואָלטען זיי, כדרכם, שנעל צוגעשיקט פּאַשקווילען צו אַלע נדבנים צו „באַיקאָטירען ישיבות און מוסדי החינוך" פאַר זייער „ווייניגע אהבת ישראל ואהבת ציון"... אַ צעיאַכמערטער געפילדער וואָלט זיך צעטראָגען פון אַלע זייטען געגען די פרומאַקעס, פאַנאַטיקער, שונאי־ציון און מאה־שערים אידען...

געטאָן די בגידה האָבען אָבער אייגענע חברה, כשר'ע ציונים. איז שאַ־שטיל. קיינער פּראָטעסטירט ניט געגען דעם דאָזיגען „נאַציאָנאַלען" אַקט וואָס די ענגלישע ציון־פירער האָבען באַוויזען פאַר זייער „אהבת ישראל" און „אהבת מדינת ישראל"...

די איינציגע, וועלכע האָט זיך יאָ אָפּגערופען, איז גראָד די ניט־ציוניסטישע „באָרד אָוו דעפּיוטיס", וועלכע האָט פּראָטעסטירט געגען איר פּרעזידענט, באַרנעט דזשאַנער, פאַר זיין שטימען געגען ענגלאַנד, פראַנקרייך און ישראל אין דער סועץ־פראַגע. אָבער קיין איינציג וואָרט האָט זיך ניט געהערט פון וועלכען־עס־איז ציוניסטישען צד. אַלע ציוניסטישע קערפּערשאַפטען, די גאַנצע אַזוי־גערופענע אידישע עפענטליכקייט איז געבליבען טויב און שטום, און ביז'ן היינטיגען טאָג זיך געמאַכט כאלו לא ידע...

דאָס מעסער אַריינגערוקט האָבען דאָך אייגענע... און זיי, כידוע, — מעגען...

* * *

אויב עס איז אייך ווייניג וועגן פירער פונ'ם גלות'דיגען ציוניזם, טאָ נאָט אייך אַ מוסטער פון „געטריישאַפט" צום כלל ישראל און צו ארץ ישראל שוין פון דער סאַמעראַדנער מדינת ישראל.

און דאָס זאָלט איר ניט פאַרגעסען, אַז דאָס קומט שוין פון גרויסע ציוניסטישע אַרבעטער־ריכטונגען אינם ישוב, וועלכע האָבען אפילו זייערע מענשען אַלס מיניסטאָרען אין דער ממשלת המדינה.

אַרויסווייזען זייער סימפאַטיע, ווי זייערע חברים אין ענגלאַנד, צו די עגיפּטישע נאַסער'ס קאָנען זיי, די „געטרייע" ציונים פון דער ארץ ישראל'דיגע מפ"ם, פאַרשטענד־ליך, נישט. ווידער פראָקלאַמירען אין דער כנסת, ווי זיי האָבען עס געטאָן מיט אַ שטיקעל צייט צוריק, אַז זייער פאַרטיי, די מפ"ם, וועט זיך אָפּזאָגען צו פאָלגען די באַפעלען פון דער מדינה, בעת זי, די מדינת ישראל, וועט זיך אין אַ קאַמף שטעלען אויף דער זייט פון דעם מערב־בלאָק (נציג מפ"ם הכריז מעל במת הכנסת: בני מפלגתו יסרבו לציית לפקודת המדינה להלחם לצדו של גוש המערבי...), דאָס קאָנען זיי היינט אויך שוין נישט. זיי זיינען דאָך היינט שותפים צו דער רעגירונג. דערפאַר אָבער ווייזען זיי, די ארץ ישראל פאַטריאָטען, ווייטער אַרויס זייער פולע געטריישאַפט צו די רוסישע כרושטשאָוו'ס, וועמענס „זאָרג לטובת דער אידישער מדינה" און דעם אידענטום בכלל, איז אַזוי גוט און טרויעריג באַקאַנט...

נאָך אַלע אַרויסגעוויזענע רשעות'ן פון די קרעמלין־הערשער און זייער מאַכען יד־אחת מיט אַלע אַראַבישע שונאי ישראל דורך געבען זיי מיטלען און געוועהר בכדי, חלילה, צו פאַרניכטען דעם אידישען ישוב, האָט די אַרבעטער־פאַרטיי מפ"ם מיטגעפייערט דעם 39־סטען יאָרטאָג פון דער סאָוויעטישער רעוואָלוציע און געשיקט באַגריסונגען צו דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין תל־אביב. עס איז אויך געגאַנגען מצד מפ"ם אַ פּערזענליכע דעלעגאַציע מיט בוקעטען רויטע בלומען... די דעלעגאַטען יצחק גרינבוים און אברהם שלאָנסקי האָבען די דאָזיגע באַגריסונג געטראָגען „אין נאָמען פון פאָלק וואָס וויל שלום" צו דעם „לאַנד פון רויטען אָקטאָבער", וואָס האָט „באַפרייט די מענש־הייט פון דעם גרויל־געשפענסט און פון דער פאַשיסטישער באַהערשונג"...

איינער פון די מפ"ם־באַגריסער, יצחק גרינבוים, איז אונז גוט באַקאַנט... ער האָט שוין אַמאָל אין פוילען אַרויסגעוויזען זיין באַציאונג צו אידען און צום אידישען דת, בעת ער האָט אין דעם פוילישען פאַרלאַמענט אַזוי סקאַנדאַליעז פאַרלאַנגט פון דער פויליש־אַנטיסעמיטישער רעגירונג, אַז זי זאָל אַרויסגעבען אַ פאַרבאָט צו לערנען דעם תלמוד מיט אידישע קינדער אין די חדרים און אין די ישיבות. שפּעטער האָט ער זיך וואויל־יונגעריש אויסגעדריקט, אַז „איין קוה אין אַ קיבוץ אין ארץ ישראל האָט ביי מיר מער חשיבות און באַדייטונג ווי דאָס לעבען פון אַ מיליאָן אידען אין חוץ לארץ".

איצט האָבען ער און זיינע מפ"ם־חברים ווידער באַוויזען זייער „געטריישאַפט" צום אידישען פאָלק און זיינע נאַציאָנאַלע און לעבענס־אינטערעסען.

אָבער אויך וועגען דעם הערט איר ניט קיין וואָרט פון עמפּערונג און פּראָטעסט עס איז ווידער שטיל און רוהיג. ווייל ווידער איז עס געשעהן ניט פון דעם פרומען צד, נאָר פון אייגענע... און אייגענע — מעגען אַלעס...

* * *

אָבער לאָמיר זאָגען דעם אמת. מיר זיינען ניט סורפּרייזט.

דאָס איז אונז תורה־אידען גוט באַקאַנט, אַז זיי, די אַנטי־רעליגיעזע פירער־פאַרפירער פון דעם אידישען דעת־הקהל, זיינען פריי צו טאָן אַלעס כשרירות לבם,

און פאַר אונז חרדים בלייבט נאָר — לויט זייער מיינונג און ווילען — דער רשות צו זאָגען בלינדערהייט אמן אויף אַלע זייערע שעדלעכע דרכים און פאַרדאַרבענע מעשים.

און טאָמער וואָגען אַמאָל פרומע אידען צו זאָגען זייער קריטיש וואָרט, — ניט חלילה אויף ארץ ישראל ווייל מיט איר זיינען מיר פאַרבונדען מעולם ועד עולם, — נאָר געגען די כפירה׳דיגע מנהיגים און הנהגה וואָס ווילען אויסהוילען דאָס אידישע לאַנד פון יעדער קדושה — קדושת ישראל און קדושת ארץ ישראל — דעמאָלט טוט זיך חושך, דעמאָלט קומט באַלד דער אַלאַרם — חרדים עליך ישראל...

און ווער רעדט שוין, אַז פרומע אידען גייען אַרויס דערמאָנען וועגען שבת קודש אין דער הייליגער ירושלים; ווען ערליכע אידען פרובירען צו רופען דעם „זכור ושמור" פון דער שבת מלכתא אין דער מטרופוליא של מלך; אָ, דעמאָלט ווערט שוין גאָר „לעבעדיג"... דעמאָלט אַלאַרמירט מען בכל קצוי עולם. און פאַר אַזאַ „העזה און בגידה" ווערט שוין אפילו אידיש בלוט הפקר אין דער ירושלים עיר הקודש...

* * *

און אויך דאָס, וואָס דווקא אַזעלכע „געטרייע ציונים" זיינען פעאיג און מוכשר צו באַגיין אַזעלכע מעשים תעתועים געגען די לעבענס־אינטערעסען פון אידען און פון ארץ ישראל, איז פאַר אונז אויך ניט קיין ספּעציעלע איבערראַשונג.

אידען, אַזוי־גערופענע וועלטליכע, וועלכע זיינען אויסגעטאָן פון יעדער אמת׳־דיגער אידישקייט, פון תורה ומצוות, פון אידיש לעבען און פון מסורה; אידען, וועלכע זיינען דערווייטערט און אָפּגעריסען פון קדושת ישראל וקדושת חיי ישראל. וואָס איז דער וואונדער אַז ביים מינדעסטען קאָנפליקט מיט זייערע פּערזענליכע קאַריערע־אינטערעסען זיינען זיי אַזוי גרינג מקריב די אינטערעסען פונם כלל ישראל. אידען, וואָס זייער בידנער ביסעל אידישקייט באַשטייט פון אַ טראָפּען טרוקענעם, אַבסטראַקטען נאַ־ציאָנאַליזם און סעקולאַרען דזשודאַאיזם, אָן דער אמת־אידישער האַרציגקייט און אָן דעם טיף־אידישען נשמה־גלי, טאָ וואָס איז די רבותא, אַז זיי קאָנען מיט אַזאַ לייכט געוויסען אויסטוישען זייער אידישען פּאַטריאָטיזם אויף דעם ענגלישען און רוסישען... זייער קשר מיט׳ן אידענטום און מיט אידישקייט איז אַזאַ שוואַכער און אַזאַ לויזער, אַז יעדער רוח מצויה אפילו קאָן עס איבעררייסען און פאַרשווענקען.

פאַר אונז איז דאָס ניט קיין חידוש. ווייל:

ווייל נאָר אידען מאמינים ושומרי תורה ומצוות; אידען וועלכע ווייסען און פילען וואָס עס איז און וואָס עס באַדייט עם ישראל און ארץ ישראל; אידען, וועלכע זיינען בכל לבם, בכל נפשם ובכל נימי־נשמתם געבונדען מיט נצח ישראל און קדושת ישראל; נאָר אַזעלכע אידען זיינען ראוי אַרויסצוווייזען מסירת נפש ביי יעדע דראָהענדע סכנה פאַר יעדען אידישען נפש און אוודאי פאַר׳ן גאַנצען כלל ישראל.

אַלע דורות, אַלע צייטען און תקופות, האָבען דאָס באַוויזען. אידען וועלכע האָבען אין זיך געטראָגען דעם חלק אלקי ממעל, האָבען געגעבען זייערע לעבענס פאַר ג־ט׳ס תורה און פאַר ג־ט׳ס פאָלק.

אידען שומרי הדת והאמונה דאַרפען דאָס גוט געדענקען. די דאָזיגע לעקציע און איר מוסר השכל איז זעהר באַלערענד און מ׳דאַרף דאָס האָבען אין זכרון.

(ד. א. ו. טבת, תשי״ז)

פאַלשע אלארמען און אמת'ע העברת הדת

צווישען די וויכטיגסטע החלטות, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי די באַראַטונגען פון דער וועלט־עקזעקוטיווע פון דער אגודת ישראל באַוועגונג, אין די טעג י"א־י"ז טבת, ה. י. אין צירין, איז געווען דאָס שיקען אַ דעלעגאַציע פון דער וועלט־אגודה קיין פראַנצויזיש מאַראָקאָ, אין צפון־אַפריקע.

די דעלעגאַציע איז לכתחילה צוזאַמענגעשטעלט געווען, אַז אין איר זאָלען זיין באַטייליגט מיטגלידער פון ארץ ישראל, אייראָפּע און אַמעריקע. אַזוי אָבער ווי פאַר די חברים פון ארץ ישראל און אייראָפּע, האָבען זיך באַוויזען שוועריגקייטען צו באַקומען אַריינפאַר־וויזעס קיין מאַראָקאָ, איז די דעלעגאַציע באַשטימט געוואָרען בלויז פון אַמעריקאַנער מיטגלידער: הרב ש. עלבערג, א. טרעס און דער שרייבער פון די שורות.

דאָס דרינגלעכקייט פאַר דעם באַזוך אין מאַראָקאָ, איז געווען דאָס וואָס די אידישע וועלט איז באַאומרואיגט איבער דעם פיזישען, פּאָליטישען און גייסטיגען מצב פון דעם מאַראָקאַנער אידישען קיבוץ, וואָס באַשטייט פון אַ פערטעל מיליאָן נפשות, כן ירבו. דער אַלאַרם פאַר זייער ניט זיכערקייט, פאַר זייער ווילען צו פאַר־לאָזען מאַראָקאָ, פאַר זייער דראַנג עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, און דער אופן ווי אַזוי די ציוניסטישע אַגענטור פירט דורך זייער עלי', — און די „הכשרה" צו דער עלי', — און די העברת הדת וואָס עס ווערט דערמיט פאַרבונדען, דורך די מפא"י און מפ"ם, — אַט דאָס אַלץ האָט אַוועקגעשטעלט דעם ענין מאַראָקאָ, אַלס גאָר דרינגענד.

די אגודת ישראל וועלט־לייטונג, איז גערופען געוואָרען פון פירער פון דעם מאַראָקאַנער אידישען ישוב, אַז די לאַגע פאָדערט, אַז שליחים פונם רעליגיעזען אי־דענטום זאָלען קומען זיך צו באַקענען מיטן דאָרטיגען מצב, אַלס עדי־ראייה.

* * *

פון דעם אַלעם, וואָס מען האָט דאָרט געזען און געהערט, דאַרף מען זיך, דער עיקר, אָפּשטעלען אויף עטלעכע הויפּט־ענינים, וועגען וועלכע דאָס וועלט־אידענטום, און ביחוד דאָס רעליגיעזע אידענטום, דאַרף זיין אָריענטירט, בכדי צו וויסען וואָס עס דאַרף, און ווי אַזוי עס דאַרף, יאָ געטאָן ווערען לטובת אונזערע ברידער אין די דאָזיגע אָריענ־טאַלישע מדינות. און וואָס נאָך וויכטיגער איז, וואָס עס דאַרף ניט געטאָן ווערען. מען מוז דאָס וויסען, בכדי אָפּצוהיטען דעם צאָלרייכען אידישען ישוב אין מאַראָקאָ, פון די זיך אַליין באַשטימטע אַפּטרופּסים, וועלכע ווילען זיי מזכה זיין מיט אַזעלכע „טובות", וועלכע זיינען עלול צו שטעלען, ח"ו, אין סכנה דעם דאָרטיגען אידישען ישוב אין פיזישען, און נאָך מער, אין גייסטיגען זין.

זיכער איז, אַז אידען אין צפון־אַפריקע, יעדענפאַלס דער גרעסטער רוב פון זיי, לעבען אין שווערע באַדינגונגען, און דאָס לעבען איז אַוועקגעשטעלט אויף אַ זייער נידעריגען און אָרעמען ניוואָ. פאַר אונזערס אַ מענש, איז פּשוט ניט דענקבאַר, אַז אין אונזער יאָרהונדערט, וואו אַנטוויקלונג, טעכניק און ציוויליזאַציע האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, זאָלען זיך נאָך געפינען לענדער, און קאָנטינענטען גאַנצע, מיט אַזאַ

אָפּגעשטאָנענקייט און הינטערשטעליגקייט; מיט אַזאַ דערדריקענדע אָרעמקייט, און מיט אַזאַ חושכ׳דיגען לעבענס־סטאַנדאַרד.

ווי אינם גאַנצען אָריענט, געפינט איר אויך דאָ רייכקייט און רחבה. איר טרעפט אין גאַנץ נאָענטער שכנות לוקסוס מיט אָרעמקייט, אולטראַ מאָדערניזם צוזאַמען מיט חושך מצרים. פון איין זייט טרעפט איר רייכע פאַרשווענדערישקייט, און באַלד דער־נעבען שטויסט איר זיך אָן מיט אומגלויבלעכער דחקות און נאַקעטער אביונות. דאָס רייכקייט און מענשלעכע לעבענס־אַרט, זיינען אָבער נאָר פאַר אַ קליינעם פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, פאַר אויסלענדישע געשעפטסלייט און טוריסטען. דער גרעסטער טייל פון די אָרטיגע תושבים, (אונז אינטערעסירט, פאַרשטענדלעך, דער אידישער ישוב), לעבען אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס אין אָנבליק פון זיי, בלייבט אונזערס אַ מענש פּשוט אָן לשון. איר זעט אין די שטעט און שטעטלעך, אַפילו אין קאַסאַבלאַנקאַ גופא, און ווער רעדט שוין פון די „מעללאַס״ (אַמאָליגע געטאָס) און אין די דערפער, אומפאַרשטעלבאַרע לעבענס־באַדינגונגען. עפּעס ווי מען וואָלט פאַר אייערע אויגען מיטאַמאָל צוריקגערוקט דעם קאַלענדאַר, פאַר, לכל הפחות, מיט אַ טויזענט יאָר צוריק.

מענשען וועלכע זיינען צוגעוואוינט צום אייראָפּעאישען, און ווער שמועסט נאָך צום אַמעריקאַנער, מאָדערנעם, הויך־אַנטוויקעלטען לעבענס־שטייגער, זיינען די לעבענס־באַדינגונגען וואָס מען באַגעגענט דאָרט, פּשוט שטוינענד און ניט באַגרייפבאַר.

* * *

פון דער אַנדער זייט, מוז מען אָבער צוגיין צום לעבען פון אונזערע ברידער אין יענע אָריענטאַלישע מקומות, ניט מיט אונזער לעבענס־בליק און געוואוינהייטען, נאָר מיט זייער בליק און מיט זייערע רגילות.

מען מוז וויסען, אַז נחת, גליק און צופרידענהייט, זיינען ניט קיין פעסטגעשטעלטע טערמינען און באַגריפען. יעדער קען עס האָבען לויט זיין השגה. און דאַריבער קען מען אָט די אַלע גוטע זאַכען דאָרטען טרעפען אפשר ניט ווייניגער ווי ביי אונז, מיט אונזער גאַנצען ראַסקאָשנעם לעבען, מאָדערנע און טעכנישע דערגרייכונגען. עס איז נאָך אַ פראַגע, וועמען איז בעסער, וועמענס לעבען איז מנוחה׳דיגער, און איז גאָר מער מסוגל פאַר אריכות ימים. צי דאָס לעבען פון יענע מענשען אין די האַלב־פאַרשלאָפענע אָריענט־שטעטלעך, דאָס לעבען אין די אויסגעהאַקטע לעכער־דירות צופוסענס פון די ריזיגע און פּרעכטיגע שניי־באַדעקטע אַלפּעס־בערג, אָדער דאָס לעבען פון די „ציוויליזירטע און אויפגעקלערטע״, מיט זייער גרויסען עול־החיים און דערדריקענדע „ריחים על צאווריהם״, און וועלכע ליגען אָפּ אַ גרויסען טייל פון זייערע טעג און יאָרען אין די גרויסשטאָטישע סאָבוועיס און אונטער־ערדישע טונעלען?

דאָס איז זיך אָבער אַ זייטיגע פילאָזאָפיע, וועגען וועלכע די ציוויליזירטע מענשהייט, האָט זיך געדאַרפט אַמאָל ערנסט פאַרטראַכטען. צי פירט אונזער גאַנץ „ציוויליזירט״ לעבען צו גליק, אָדער גאָר צום פאַרקערטען... בפרט אין אונזער הייג־טיגער, אַזוי־געראָפענער, אַטאָם און עיטש עפּאָכע...

וואָס מען זעט דאָרטען אין מאַראָקאָ, מוז מען פעסטשטעלען איז: אַז די מענשען לעבען זיך אויס, לויט זייערע געוואוינהייטען, אין רואיגע און נאָרמאַלע באַדינגונגען.

און נאָך עפּעס איז ווערט און נויטיג אונטערצושטרייכען, — און דאָס איז אַן ערשט־קלאַסיגע וויכטיגקייט — אַז טראָץ די אַלע שווערע און אָרעמע לעבענס־תנאים, האָבען זיי, די מאַראָקאַנער אידען, אין זייער גרעסטען רוב, באַוויזען זיך צו דערהאַלטען

ביי עכט־פרומער אידישקייט. במשך הונדערטער יאָרן, האָבן זיי אָפּגעהיטען און אויסגעהיטן זייער אייגענאַרט, און זיך ניט אויסגעמישט מיטן אַרומיגן ניט־אידישען לעבען. במשך דורות און דורות, זיינען זיי געבליבען באַשיצט פון אַלע פרעמדע עבודה־זרה׳ס, און זיי לעבען זיך אויס פעסט לויט זייערע מסורית אבות און חוקי התורה.

* * *

ווי זעט אויס דער זיכערהייטס מצב פון אונזערע ברידער אין מאַראָקאָ?

מיט אַ ריינעם געוויסען, און מיט פולער אחריות, דאַרף געזאָגט ווערען, אַז:

אַלע אַלאַרמען וועגען באַלדיגע סכנות פאַר די צוויי הונדערט און פופציג טויזענט אידען אין מאַראָקאָ, זיינען איבערגעטריבען.

ערלעכקייט און ווירקלעכע אינטערעסען פון אחינו בני ישראל אין מאַראָקאָ, פאָדערען פון אונז פעסטצושטעלען, אַז דאָס גאַנצע געשריי וועגען ראַטעווען דאָס מאַראָקאַנער אידענטום, און זיי תיכף פון דאָרטען אַרויסנעמען, קומט ניט אַרויס פון דער ריינער און ערלעכער זאָרג פאַר אָט די אידען. עס קומט פון דעם געברויך צו האָבען אַ נייע מעגלעכקייט צו אַלאַמירען דאָס וועלט־אידענטום פאַר נייע גרויסע געלט־זאַמלונגען פאַר מדינת ישראל.

זיכער דאַרפט די מדינה האָבען אַ כסדר׳דיגען צופלוס פון נייע מענשען. און זיכער דאַרף די מדינה כסדר האָבען נייע אַנציענדע מיטלען, בכדי צו קענען האַלטען וואַך די אויפמערקזאַמקייט און די געלט־גרייטקייט פון אידען איבער דער וועלט. אָבער דאָס טאָר ניט גיין אויפן חשבון פון מאַראָקאַנער אידען.

אויפבלאָזען פאַר דעם צוועק צוגעטראַכטע סכנות פאַר אידען אין מאַראָקאָ, און דאַדורך זיי, חלילה, ברענגען צו אמת׳ע סכנות, איז ווייט פון ערלעכקייט און פון געוויסענהאַפטיגקייט. מיר זיינען שטאַרק מסופק, צי אַפילו לטובת מדינת ישראל, מעג מען זיך דערלויבען אַזעלכעס, וואָס איז ניט אידיש און ניט מענשלעך.

* * *

אַז דאָס איז די פּאַקטישע ווירקלעכקייט, קען מען אויך קלאָר זען דורך די לעצטע געענדערטע טאַקטיק פון דער סוכנות אַליין.

אין לעצטען יאָר, האָט די סוכנות אָנגענומען צוויי באַשלוסען: ערשטענס, אַז די עלי׳ פון די מאַראָקאַנער אידען ווערט שטאַרק פאַרקלענערט און צווייטענס אַז זייער עלי׳ וועט זיין אַ סעלעקטיווע. דאָס מיינט, אַז אַרויסנעמען פון מאַראָקאָ קיין ארץ ישראל, זאָל מען נאָר אינגערע און געזונטע כוחות, וועלכע זאָלען זיין פעאיג פאַר שווערע פיזישע אַרבעט. און אויך יוגענטלעכע פאַר דער עלית הנוער, וועלכע מ׳קען לייכט „איבערקאָכען" און מאַכען פון זיי „לייט" (אינם גייסט פון מאַרקסיזם...).

(דרך אגב: ווי אַזוי די סעלעקציע ווערט גענוצט געגען פרומע אידען, וועלכע זיינען צו פאַר׳עקש׳נט אין זייער... אידישקייט, איז אַ שענדלעך קאַפּיטעל פאַר זיך).

איז דאָך די פראַגע געגוג בולט: אויב די מאַראָקאַנער אידען געפינען זיך אין לעבענס־געפאַר, וואָס עפּעס מיטאַמאָל אַזאַ דראַסטישע פאַרקלענערונג אין זייער עלי׳? פריער האָט מען טראָמייטערט בקולי קולות, אַז אָט די אַלע אידען מוז מען, תיכף ומיד, אַרויסראַטעווען, און דאָ מיטאַמאָל באַנוגענט מען זיך שוין מיט עטלעכע טויזענט אַ יאָר?

און ווידער, אויב אַן עת סכנה, ווי קען מען פירען סעלעקציעס? אַדרבה, ווי קען מען איבערלאָזען די ווייניג־באַשיצטע מענער און פרויען, די שוואַכערע און שוצ־

לאָזן? אויב סכנה, דראָט דאָך דווקא די גרעסטע געפאַר, גראָד די, וועלכע קענען זיך, אין אַ נויט־פאַל, אַמווייניגסטען באַשיצען, ווי קען מען זיי איבערלאָזן אויף הפקר?

אָבער ווי געזאָגט: ניט עס גייט אין סכנות, און ניט עס גייט אין באַזאָרגען די אידען אין מאַראָקאָ. די פירער פון דער ציוניסטישער אַגענטור ווייסען עס זייער גוט.

מען זוכט נייע עולים, און מ׳נוצט אויס די תמימות׳דיגע און פרום־אָפּגעהיטענע מאַראָקאַנער אידען אַלס דאָס עולים־מאַטעריאַל. דאָס, און גאָרניט מער.

* * *

דער אייביגער אידישער מצב, ישראל בין העמים, אומעטום און אין אַלע צייטען, איז ניט געווען, איז ניט, און ווער ווייסט צי ער וועט אַמאָל זיין, — איידער מיר זיינען זוכה צו ביאַת הגואל צדק — סטאַביל און הונדערט פּראָצענט געזיכערט.

אויך אין מאַראָקאָ, ביים אידישען ישוב, האָט זיך געפילט אַ ניט־זיכערקייט, ספּעציעל אין די קאַמפּס־צייטען צווישען די מאַראָקאַנער נאַציאָנאַליסטען און דער פראַנצויזישער מאַכט. די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך אָבער דאָרט פיל באַרואיגט, נאָכדעם ווי מאַראָקאָ איז דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג פון מאַנדעס־פראַנס, דערקלערט געוואָרען אַלס זעלבסטשטענדיג. דער סולטאַן מוכמאַד בען יוסף און זיין ניי־געשאַפענע רעגירונג, איז אַ ליבעראַלע. און האָבענדיג דעם פּאַרטרויען פון דער באַפעלקערונג און פון דער פראַנצויזישער מאַכט, האָבען זיי איינגעשטעלט אָרדענונג און געזעץ.

עס איז אויך דאָס ערשטע מאָל אין זייער געשיכטע, וואָס אַ איד, בן־זכאי, איז באַשטימט געוואָרען אַלס אַ מיניסטער. (אינטערעסאַנט, גראָד אַ שוהל־איד).

דאָס מאַראָקאַנער אידענטום, איז אויך דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרק געפיל פון חבת ארץ ישראל, גלייך ווי אידען איבער דער גאַנצער וועלט. זייער בענקשאַפט צום הייליגען ארץ האבות, איז ווי ביי אַלע שומרי תורה ומצוות, אַ האַרציגע און אַ טיפע. במשך דורות לאַנג, זיינען זייערע נשמה׳דיגע געגועים צו דער אידישער גאולה און שיבת ציון ניט געלאָשען געוואָרען, גלייך ווי ביי אַלע אידען מאמינים, וועלכע זיינען מצפּים לישועת השם, און האָפען צום: ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.

דאָס אַלעס טאָר אָבער ניט אויסגענוצט ווערען פאַר שאַפען ביי זיי אַ בהלה־שטימונג, און אויך ניט געבען דעם איינדרוק, אַז דאָס מאַראָקאַנער אידענטום איז באַדראָט אין זיין לעבען און עקזיסטענץ, און מוז תיכף ומיד אַרויסגעראַטעוועט ווערען דורך אַ בהלה׳דיגער יציאת מאַראָקאָ.

* * *

דאָס אַלץ, איז אָבער נאָר איין זייט פון דער מטבע. פאַראַן אָבער דערביי נאָך אַ ענין. אַ גאַנץ באַזונדערע פרשה, אַ גאָר ערנסטע, און אַ גאָר טרויעריגע.

דאָס איז אַ פרשה פון הסתה והדחה, וועלכע געשעט אָפען לעיני כל ישראל. וועגען דעם נויטיגט זיך באַזונדער אָפּצושטעלען. און דאָס אין צווייטען מאמר.

(ד. א. ו. אדר תשט״ז)

די טראגעדיע פון מאראקאַנער אידענטום

אין דעם איצטיגען מאמר, ווילען מיר זיך אָפּשטעלען ניט אויף די פאַלשע אַלאַרמען וועגען צוגעטראַכטע סכנות, נאָר אויף אַן אמת׳ן אַלאַרם וועגען אמת׳ע סכנות פאַר דעם פערטעל מיליאָניגען אידישען קיבוץ. סכנות גייסטיגע, וועלכע דאַרפען און מוזען אַלאַרמירען די גאַנצע אידישע וועלט, און בפרט די רעליגיעזע וועלט.

דאָס זיינען די סכנות פון העברת הדת פאַר די אידען אין מאַראָקאָ. אַן העברת הדת וואָס ווערט סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיג דורכגעפירט דורך מנהיגים פון דער סוכנות, און דורך זייערע מפא״י׳שע און מפ״מ׳אישע שליחים אין מאַראָקאָ גופא, אויפן וועג קיין ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל.

דאָס איז דער גרעסטער און שרעקליכסטער אַקט פון מעביר על הדת זיין צענער טויזענטער אידען. אידען פרומע, ערלעכע און תמימות׳דיגע. אידען, וועלכע זיינען במשך דורות לאַנג, און אין די שווערסטע תנאי־החיים, געבליבען מאמינים און זיך אויסגעלעבט אַ אידיש תורה׳דיג לעבען.

מיר ערלויבען זיך צו זאָגען: גרעסטער און שרעקליכסטער. ווייל דער העברת־הדת ווערט באַגאַנגען, דורך אייגענע אידישע ברידער. און נאָך מער ווייטאָגלעך איז עס, ווייל דאָס געשעעט אינ׳ם נאָמען און פאַר׳ן אויפבוי פון ארצנו הקדושה.

דאָס איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס לא יאומן כי יסופר.

אידישע מסיתים ומדיחים ווערען געשיקט אַלס מדריכים צו אידען ג־ט׳ס־פאַרכטיגע, וועלכע גייען עולה זיין אין זייער הייליגער ארץ האבות. האָט וועמ אַזוינס געהערט? איז פאַראַן אַ פאַרגלייך צו דעם אין אונזער אַזוי־רייכער ליידענס־געשיכטע?

* * *

אין די לעצטע חדשים איז געוואָרען אַ שטיקעל אויפרודער אין דער אידישער עפענטליכקייט. דאָס מעביר על הדת זיין אַזאַ גרויסען פרומען אידישען קבוץ אין מאַראָקאָ, האָט דערציטערט אידישע הערצער אומעטום וואו די ידיעות האָבען דערגרייכט.

די אידיש־ציוניסטישער אַגענטור, וועלכע טראָגט דעם גאַנצען אַחריות פאַר דער כפיית הדת, האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם גערעכטען אויפברויז. אָבער ניט חלילה בכדי צו פאַרריכטען און אָפּשטעלען די גייסטיגע אינקוויזיציע, נאָר בכדי אַרויסצוקומען מיט... הכחשות פון — לא היו דברים מעולם.

אָט זאָגט בערל לאָקער טשערמאַן פון דער אַגענטור אין ירושלים:

„קיינמאָל האָבען מיר נישט געשיקט קינדער פון עולים אין קיבוצים אָדער אַנשטאַלטען געגען דעם ווילען פון זייערע עלטערן. קיין איין קינד פון פרומע עולים איז נישט געשיקט געוואָרען אין ניט־פרומע ערטער״.

„מיר דערקלערען קאַטעגאָריש, אַז אַלע די דאָזיגע באַהויפּטונגען זיינען גרונטלאָז. אַלע קינדער פון נייע עולים ווערען דערצויגען אין גייסט און דרך ארץ צו אידישע רעליגיעזע טראַדיציעס״.

משה קול, דער ראש פון דער עלית הנוער, זאָגט:

„פאַרשידענע רעליגיעזע פירער פון צפון־אַפריקע, וועלכע האָבן באַזוכט ישראל, האָבן נישט געפונען קיין שום יסוד פאַר טענות געגען די אַנשטאַלטען, וואו קינדער פון פרומע היימען זיינען איינגעאָרדנט געוואָרען".

איר הערט גוט? קיין איין־איינציג קינד פון פרומע עלטערען ווערט נישט געשיקט אין ניט־פרומע פלעצער. אַזוי פאַרזיכערען פירער פון דער סוכנות.

עס איז דאָך מער ווי אומגלויבליך, אַז מענשען פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטאַנץ זאָלען פאַרעפענטליכען אַזעלכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע און פאַלשע הכחשות.

עס איז אַן אָפּלייקענונג פון אמת. אַן אָפּלאַכונג פון דעת הקהל.

עס איז קלות ראש און פשוט'ע חוצפה.

* * *

אויפוויקלען די גאַנצע פרשה פון דער הסתה והדחה לגבי אונזערע ברידער אין מאַראָקאָ, און אין אַנדערע מזרח־לענדער; אַרויסברענגען אַלע פאַקטען און פרטים מיט וואָס פאַרע אופנים און מיטלען די מנהיגים פון דער סוכנות און די שליחים פון די מפא"י און מפ"ם, פירען דורך זייער טייוולאַנישע אַרבעט פון מעביר על הדת זיין צענער־טויזענטער פרומע אידען, איז על רגל אחת — אַן אוממעגליכע זאַך.

דער ענין איז אַזוי גרויס, און די פרטים ופרטי־פרטים אַזוי פיל, אַז עס איז: אי אפשר לפורטם כי רבים הם.

אָבער פטור ולא כלום, איז אויך אי אפשר. וועלען מיר, קודם כל, געבען פלאַץ פאַר די קרובים אל החלל. און דאָס מיט קיצורים.

אין אַן אויפרוף: „אזעקה מאת גדולי וראשי קהלות הספרדים אל אחינו עולי מרוקו ואגפיה, פאַרעפענטלעכט אין ירושלים, כסלו תשט"ז בחתימת הרבנים: דוד צבאה, מלפנים רב בערי מרוקו, יאודה צדסה, נסים כדורי מלפנים הרב הראשי בבגדד, עובדי' יוסף לפנים ראב"ד במצרים, לייענען מיר:

„אמנם דעו לכם, אם בגולה שמרתם על כל זה, מתוך אהבה וחבה ליהדות ומתוך התאמצות מיוחדת, כאן בארץ הקדושה קשה הדבר מאד. כי כאן במקום פלטינו של מלך מתעמצת הסט"א מאד וצריך חכמה וגבורה להתגבר עלי'".

„רב מהעולים החדשים שבאו ממרוקו לא ידעו ונפלו, ועתה נושכים אצבעותיהם בשיניהם, כי בניהם אינם שלהם, הבנים כבר מחללים את השבתות, אוכלים טריפות ופרקו מעליהם כל פאר היהדות. וכל זה נעשה בגלל שלא דרשו לאן מוליכים אותם ומי הם המדריכים שלהם. ולכן באנו להזהירכם שלא תכשלו גם אתם".

„היה מעשה שהוליכו ילדים מהעולים החדשים למקום שאמרו להם יש בית הכנסת, ולבסוף נודע שהארון של ביהכ"נ היה ריק ובזה רימו את הילדים, לכן עליכם להזהר מאד".

אין אַ קול קורא מאת גדולי המקובלים הספרדים צו די עולי מאַראָקאָ אַרויס־געגעבען בירושלים, א' חשון תשט"ז, גע'חתמ'עט מהרבנים: אפרים כהן, עזרא חפני, יששכר אבועזיז, יוסף שעיו, יאושוע שרבני, עזרא עדס, יצחק כדרי, יעקב כהן זאָגט זיך:

„זכיתם לעלות לארה"ק המקודשת מכל העולם כולו, וזה לעומת זה, כי דוקא בתוככי ארה"ק אשר הקדושה נשגבה עד רום השמים, הסכנה האורבת לכם כאן רבה היא מאד. שועלים מחבלים כרם ה' יתהלכו בה, מסיתים ומדיחים מתנכלים ביחוד לעולים אשר מקרוב באו, ובעיקר לילדיהם, לגדלם לריקים מתורה ומצוות ולעקרם מחיק אמונתנו הקדושה והטהורה אשר למענה באנו באש ובמים".

„תהא עיניכם פקוחה ובלבבכם תוסיפו אומץ לבלי להילכד ח"ו ברשתם, **לא תפחדו מפני אימיהם ולא תקשיבו לפיתוייהם, אל תתנו למשחיתים לבוא אל בתיכם והגינו בשארית כוחכם על קדושתכם וקדושת ילדיכם".**

אין אַ רוף צו די עולי צפון אפריקא, וואָס הרב ואב״ד דירושלים הגאון ר׳ צבי פסח פראנק האָט פאַרעפענטליכט, געפינען מיר:

„דעו והתבוננו כי סכנה גדולה אורבת לכם. הזהרו והשמרו כי מנהיגים ומדריכים אשר לא לאמונה גברו בארץ, תפסו את רסן העליה בידם למען תפוס את בנ״י בלבבם, להעבירם מעל האמונה הטהורה ולחצוב בארות נשברים של כפירה ומינות״.

„העובדה המרה והאיומה היא, כי רבים מהעולים החדשים נכשלו בעוה״ר ונפלו בפח אשר נקשו להם, התפרקו מעליהם עול מ״ש, וגם את בניהם העבירו למולך בתי ספר החפשיים ונטמעו בין הכופרים אֲשר רוממות הלאומית בפיהם וחרב הכפירה בידם. השתלטו עליהם בכוח איומי ופתויי ההתישבות והכלכלה שחמסו לרשותם״.

„אתם צאצאי השבט החשוב שבניו שמרו על נחלת התוה״ק מיום גלותם והישבותם בארץ הצפון עליכם להתאזר במסירות להתגבר ולא לתת למשחיתים לדרוך על סף בתיכם לנתק אותם מהמסורת הישראלית הקדושה. עליכם גם להודיע לאחיכם — אחינו היושבים עוד בערי צפון אַפריקא, על המצב המשונה השורר כאן, אשר הסוררים מעיזים להאכיף אורח חיים מסולף על החרדים לדבר ה׳, ועל הסכנה הגדולה הצפויה להם אם לא יעמדו על המשמר בעוד מועד. וכי אליהם למחות בכל תוקף ועוז ולזעוק חמס על הכפיה נגד חיי הדת. החובה הקדושה עליכם לספר בשער בת רבים את כל האמת המרה שמהרסיך ומחריביך ממך יצאו, ופריצי בני עמנו עושים מלאכת המסיון להעביר יהודים מדתם״.

פאַרגלייכט די דאָזיגע טיף־האַרציגע און אויפטרייסעלנדע ווענדונגען פון גדולי רבנים און מנהיגי ישראל פון ירושלים און פון די עדות המזרח, מיט די צינישע און ליגנערישע סטעיטמענטס פון די אַגענטור באאמטע, די לאָקער׳ס און די קול׳ס.

* * *

עס ליגען פאַר אונז ארץ ישראל צייטונגען, ווי: „הארץ״ „המודיע״, „הצופה״, „ידיעות אחרונות״, „שערים״, אַלע פון די חדשים חשון־טבת, תשט״ז. זיי זיינען פול מיט באַשרייבונגען וועגען דער כפיית הדת און וועגען עפענטליכע דעמאָנסטראַציעס פון די עולים חדשים, פאַרן שטערען זיי אַנצוהאַלטען זייער רעליגיעזען לעבענס־שטייגער.

בעת די היגע אידישע פרעסע לאָזט נישט דורך — מן הסתם אויף וועמענס באַפעלען — קיין שום ידיעות וועגען דער גייסט־אינקוויזיציע אויף די רעליגיעזע עולים, איז זייער וויכטיג צו ברענגען ציטאַטען פון די ארץ־ישראל צייטונגען.

עטליכע קליינע אויסצוגען — נאָר אַלס מוסטערען:

אין „הצופה״ פון כ״ז כסלו תשט״ז, לייענען מיר:

„מסע הכפיה נגד תושבי מושב ,אחוזם׳, להניעם מדרישתם לתת חינוך דתי לילדיהם, הגיע לשיא חדש עם התנפלות הדמים המאורגנת שנפתחה בימים האחרונים על תושבים אלה. 24 מאנשי הכפר, כולם מהצבור הדתי, בתוכם פצועים קשה, מוחזקים זה ארבעה ימים בכלא. לסופרנו נתגלה פרטים מזעזעים על התנהגות המשטרה ומדריכי המקום״.

„סופרנו שביקר אתמול בכפר מצא את התושבים מדוכאים מהמאורעות. במספר בתים נראו זגוגיות שבורות וסימני הרס ודם ניכרו. תושבי המקום מתמרמרים בבכי על ההתעללות בהם ושואלים: מה פשענו ומה חטאנו שאנו רוצים להיות יהודים דתיים. ומדוע המשטרה ג״כ נגדנו הרי הם הכו אותנו״.

איר לייענט ווידער אויף אַ צווייט אָרט:

„בכפר גורן ישבו 60 משפחות מעיר מכנס (מרוקו), יהודים אלו מספרים בהתמרמרות: כשהגעתנו השמועה על עליתנו לארץ בה התהלכו אבותינו הקדושים ונזכה גם אנו לקיים את המצוות התלויות בארץ מה שמח לבנו, ונסע לארץ קדשנו בשמחה ובהתעוררות נפשית. אך מה דאב לבנו על מה שמצאנו בארץ. במקום תלמוד תורה — בית ספר הילוני ומורים חפשיים המשכיחים מילדנו אפילו מה שידעו בחו״ל. פנינו כמה פעמים בדרישה לבית ספר דתי, אך אין עונה. מבקשים אנו ארון קודש עבור ביהכ״נ, לתקן מקוה, וזוכים לתשובות: אל תבלבלו בראש עם השטיות שלכם״.

„אך את שיא התועבה המזעזעת עשה המורה בבית הספר (בכפר גורן) שהביא פעם עוף לביה״ס ומלק את ראשו בפני התלמידים ואמר להם: הרי רואים אתם שאפשר לשחוט את העוף לבד ומדוע תתנו לשוחט 100 פרוטות עבור השחיטה בו בזמן שאתם יכולים לעשות זאת בעצמכם״.

„בכפר שומרת יושבו עולי צפון אפריקא, אין חיי דת סדירים, בית ספר חילוני ומורה שהכריז בגלוי כי אין צריך בדת היהודים. המורה הזה מלמד בבית הספר בנ״ך כרוך בברית החדשה רח״ל״.

און לאַמיר מסיים זיין און הערען וואָס אַ יונגער עולה פון מאַראָקאָ דערציילט:

„אני מרדכי בן משה כלולו, בן 17, יצאתי ממקנס (מרוקו), כשהגענו לארץ שלחו אותנו לעין זיתים, עוד שם היו כבר המדריכים צוחקים מאתנו על שאנחנו דתיים. בקשנו למפקד החברה איש מהסוכנות, שישלח אותנו למקום דתי, הוא היה עונה שהסוכנות לא נותנת מקומות דתיים ושאנו מוכרחים ללכת למקום חפשי. מאין ברירה הלכנו. הביאו אותנו קבוצה של ארבעים ילדים לקיבוץ גבים. שם ראינו שאוכלים טריפות, בשר חזיר, מגדלים חזירים ומבשלים בשבת. הרבה מאתנו שלא רצו לאכול טרפות ובשר חזיר היו נשארים רעבים״.

„לא פעם פניתי לסוכנות ובקשתי שיעבירו אותי למקום דתי כי איני יכול לסבול את כל זה, שם היו אומרים לי ׳חביבי׳ דע לך שפה בסוכנות לא מסדרים במקומות דתיים, פה הכל חפשיים. המדריך מיליק היה מאיים שימרר את חיינו אם לא נשמע לו. במשך הזמן הרבה מהילדים הורגלו לחיים בקיבוץ ועזבו את דת אבותיהם, אבל גם הם לא רוצים לאכול חזיר. בהרבה מקרים גם עכשיו מסרבים הילדים לעבוד ביום כפור, לפעמים גם בשבת״.

יעצט אַז איר האָט פאַר זיך די עטליכע קליינע פּרטים — פּרטים ללמד על הכלל כולו — לייענט נאָך אַמאָל איבער די „פעסטשטעלונגען״ פון די סוכנות פקידים, אַז „קיין איין קינד פון פרומע עולים איז נישט געשיקט געוואָרען אין ערטער פון נישט־פרומע״.

און זאָגט אַליין, שטימט עס נישט הונדערט פּראָצענט? וואָס, אפשר נישט??

* * *

דער אַקט פונם העברת הדת הויבט זיך אָן שוין אין מאַראָקאָ אַליין.

אמת, אין מאַראָקאָ גופא קענען זיי ניט פירען זייער כפירה־אַרבעט בריש גליא. די אָרטיגע אידען, ערליכע און אָפּגעהיטענע, וואָלטען זיי פאַריאָגט. דאָרט, אין מאַראָקאָ, זיינען זיך די לינקע חברה מתלבש אין אַ טלית פון אידישקייט. זיי קומען אין די שוהלען און רעדען וועגען קדושת ארץ ישראל. מען צעשרויפט די פאַנטאַזיע פון די תמימות׳דיגע און גלויביגע מאַראָקאַנער אידען וועגען ארץ האבות, וועגען מלכות בית דוד, וועגען מקומות וואו דער נעים זמירות ישראל האָט אויסגעזונגען זיין תהלים, וועגען אָרט וואו דער פאַרהייליגטער תנא, ר׳ שמעון בן יוחאי, האָט געלערנט זיין זוהר הקדוש, א. א. וו., אַלץ ענינים וועלכע געפינען אַ געוואַלדיגען דערהער און אָפּקלאַנג ביי ספרדישע אידען.

זיי זיינען וואונדערלעכע אידען. אָבער אין זייער תמימות, פּשטות און נאַאיוויטעט, קען מען זיי אַלץ פאַרקויפען. שווער פאַר זיי מבחין זיין צווישען ערמימות און אמת.

אָט זאָגט אונז דאָרט אַן עלטערער איד: וואָס הייסט, אַז מען וועט אונז ניט פירען אין רעליגיעזע פלעצער, מיר פאָרען דאָך אין אַ מושב מיטן נאָמען: דבורה הנביאה... אַזאַ איד קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, אַז עס איז אַ מציאות, אַז אין הייליגען לאַנד, מיט אַזעלכע הייליגע נעמען, פאַרהייליגטע באגריפען, זאָל גאָר ווערען אַ נעסט פון חפשיות און כפירה. פאַר זייערע תמימות׳דיגע מוחות, איז דאָס צו שווער משיג צו זיין.

דאָרט, אין מאַראָקאָ, טוען זיי זייער פינצטערע העברת הדת פאַרדעקט ובהצנע. דאָרט קומט דער מחרף ומגדף זרובבל, מיט זיין גוי׳אישער באָרד, און פאַרהערט קינדער גמרא... רעדט אין די בתי כנסיות, ביים ארון הקודש, וועגן קדושת ישראל. און אַזוי נאָך געווינט מען פאַרטרויען, און מען קריגט אַרויס די כשר׳ע אידישע קינדערלעך פאַרן עלית הנוער. און דאַן גייט שוין אַלץ ווי געשמירט... מ׳האָט זיי שוין אין אייגענעם רשות, און מ׳קען שוין מיט זיי טאָן כשרירות לבם הרע.

בעת אין מאַראָקאָ אַליין געפינען זיך נאָך צווישען די סוכנות שליחים, מפני מראית העין, עטליכע מזרחים, איז אויפן וועג, פון מאַראָקאָ קיין מאַרסעל, און פון מאַרסעל קיין ארץ ישראל, זיינען שוין די באַגלייטער און מדריכים אויסשליסלעך לינקע. במשך דעם וועג, דאַרף מען די עולים „מכשיר״ זיין, אַז קומענדיג קיין ארץ ישראל, זאָלען זיי שוין זיין „ראוי״ פאַר דער „איבערדערציאונג״, בכדי זיי לייכט מאַכען פאַר אידישע גויים אָדער פאַר גויאישע אידען.

* * *

עס איז פשוט ניט צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. פאַר וועלכע צוועקען טוט מען אַף אַזאַ גייסטיג פאַרברעכען. קיין רעכט־דענקענדער איד, איז ניט בכוח צו באַגרייפען אין וועלכע אינטערעסען געשעט אָט די נבלה.

פאַרלאַנגט דאָס דער אויפבוי פון ארץ ישראל; דראָט אונזער הייליג לאַנד עפּעס אַ סכנה, אַז אידען, וועלכע האָבען במשך פון טויזענטער־יאָר גלות אָפּגעהיטען אידישקייט, זאָלען ביי זייער שיבת ציון ווייטער ממשיך זיין זייער יהדות׳דיגען לעבענס־וועג?

זיינען חסידים פון קאַרל מאַרקס׳ס סאָציאַליזם, און פון סטאַלינ׳ס באָלשעוויזם יאָ מסוגל צו זיין בוני ציון וירושלים, און אידען מאמינים פון — להבדיל באלף אלפי הבדלות — תורת משה, ניט?

זיינען אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטען, און וועלט־צעשטערערישע קרעמליסטען, יאָ אַ גוטער עלעמענט פאַרן אויפבוי פון אונזער לאַנד, נאָר אידען וועלכע זיינען פול מיט קדושת ישראל און קדושת ארץ ישראל, דווקא ניט?

און נאָך עפּעס עגבערט אין מוח פון יעדען טרייען איד:

צי איצט, ווען ארץ ישראל איז אַרומגערינגעלט מיט מיליאָנען שונאים, איז גראָד די פּאַסיגע צייט פאַר פירען אַן אינערליכען קולטור און רעליגיע קאַמף?

איז גראָד איצט, ווען מיר שטייען אַליין און גענצלעך איזאָלירט פון אַלע און אַלעמען, און יעדעס אידיש האַרץ ציטערט פאַרן מאָרגען פון דער מדינה און איר ישוב, די ריכטיגע צייט צו פירען קאַמפען געגען דת, תורה ואמונה, וועלכע זיינען, לכל הדעות, געווען די איינציגע יסודות און כוחות, וועלכע האָבען טויזענטער יאָרען געזיכערט אונזער קיום און נצחיות, און וואָס אויף זייערע הבטחות און יעודים שטיצט זיך דאָס שייכות, און דער קשר עדי עד, פון עם ישראל מיט ארץ ישראל.

האָבען די מנהיגים פון דער מדינה איצט ניט קיין גרעסערע אויפגאַבען פאַר פאַרזיכערען דעם קיום המדינה, ווי צו באַנייען דעם דעוויז פונם דור הפלגה, פון: „נעלה לרקיע ונעשה עמו מלחמה״.

וואָס עס מאַכט דאָס העברת הדת נאָך אומפאַרשטענדלעכער, איז דאָס וואָס די מחלקת העליה ביי דער סוכנות, וועלכע איז דער בעל הבית איבער אַלע עליה עניינים, געפינט זיך שוין לאַנגע יאָרען אינם רשות פון די רעליגיעזע ציוניסטען.

יאָרען לאַנג איז דער ראש מחלקת העלי׳ געווען יצחק רפאל. און לעצטענס איז עס ש. ז. שרגאי. ביידע פונם הפועל המזרחי. ווייסען זיי וואָס עס קומט פאַר אין זייער מחלקה? ווייסען זיי וואָס עס ווערט געטאָן מיט די פרומע עולים און זייערע קינדער?

ווערט דאָס געטאָן מיט זייערע ידיעות, אָדער זיינען זיי נאָר די ראשים אויפן פאַפיר, און די אמת׳ע בעלי דעה זיינען גאָר די חברא פון מפא״י און מפ״ם.

און אויב עס געשעט געגען זייער רצון, פאַרוואָס הערט מען ניט פון זיי קיין וואָרט פון פראָטעסט. ווי אַזוי מעגען זיי בלייבען הויפט־פירער פון אַ מחלקת העלי׳, וועלכע פירט דורך אַזאַ סיסטעמאַטישע העברת הדת פון צענער טויזענטער אידען.

* * *

און דאָ קומט נאָך אַ גאָר אַנגעווייטאָגטע פראַגע: ווער איז אַלץ שולדיג אין דעם אַזוי־טרויעריגען מצב.

אַוודאי זיינען זיי שולדיג, די מהרסי ומחריבי הדת, די, וועלכע האָבען פאַר זייער מטרה געשטעלט לעקר ולשרש את הקודש לנו.

אָבער די פראַגע לאָזט ניט אָפּ, נאָר זיי? און מיר, די שומרי החומות פון ישראל סבא, זיינען בסדר, בסדר גמור? טראָגען מיר, תורה־אידען, גאָרניט קיין מיט־אחריות פאַר דער גרויסער, גייסטיגער טראַגעדיע?

וואו הערט מען אונזער אָרגאַניזירטע מחאה; וואו זעט מען אונזער פאַראייניגטען ווידערשטאַנד? יענער צד איז אַ פעסט־אָרגאַניזירטער, און וואו זיינען מיר, וואו איז אונזער געאייניגטער כוח פאַר זיין מגיני הדת.

זיכער זעט מען אַרבעט פאַר אידישקייט דאָ אין דאָרט. אויך אין מאַראָקאָ טרעפט מען אַרבעט פאַר תורה און יהדות דורך דער דאָרטיגער קהלה, דורך די ליובאַוויטשער, דורך אוצר־התורה, דורך דעם ראש הישיבה הרב ר׳ זיידעל סעמיאַטיצקי, אַלס פאַר־שטעער פון אגודת ישראל העולמית אין אייראָפּאַ, און דורך דעם פלאַמענדען קאַסאַ־בלאַנקער עסקן, ר׳ יצחק אלמליח. זיכער דאַרפען זיי אַלע געבענטשט און געשטאַרקט ווערען אין זייערע גרויסע מעשים לכבוד ד׳ ולכבוד תורתו.

אָבער צי קען מען זיך היינט, אין דעם גרויסען שעת החירום, באַנוגענען מיט בלויז לאָקאַלע אַרבעט, אין אייגענע ווינקלען און אין אייגענע קרייזען. און וואו איז דער כלל, ווער וועט זאָרגען פאַרן כלל־ישראל?

מעג מען איבערלאָזען דעם תורה׳דיגען כלל־ישראל אויף הפקר, און זיי, די חפשיים, זאָלען דאָס זיין די זוכים מן ההפקר.

בשעת הסכנה מוציאין הספר תורה לרחובה של עיר. ווער זאָל אַרויספירען די תורה אין דער אידישער גאַס אַריין אויב ניט מיר אַלע צוזאַמען.

מיר אַלע, אָבער ניט אַלס יחידים, און ניט אַלס קרייזלעך, נאָר אַלס אָרגאַני־זירטער, תורה׳דיגער כלל־ישראל.

דאָס הר־סיני׳דיגע אידענטום איז גענוג שטאַרק, אָבער נאָר ווען זיי וועלען גלייבען אין זיך, און אַרויסקומען אַלס אַ פאַראייניגטער צבור׳דיקער כח.

(דאָס א. וו., ניסן, תשט״ז)

אידישקייט אין אמעריקא

- אַמעריקאנער אידען מוזען ווייטער שמידען די גאָלדענע קייט
- אמעריקא מוז ווערען דער אַרסענאל פאר אידישקייט
- אָרטאָדאָקסישע יוגענט — אונזער צוקונפט
- תורה יוגענט און איר אחריות
- היינט קומען מיר צום וואָרט
- פאַר ישראל און קדושת ישראל
- א פאראייניגטער תורה פראָנט
- די אָרטאָדאָקסיע און י. דזעי. עי.
- ווער זענען די מנהיגים אין דער אידישער אמעריקא
- דער ניט־אידישער „אידישער קאָנגרעס"

אמעריקאנער אידען מוזען ווייטער שמידען די גאָלדענע קייט

דער דריטער כינוס פון אגודת ישראל, קומט זיך צונויף אין באַלטימאָר.

אַמעריקע איז היינט פּאַקטיש דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וואו עס קען אָפּגעהאַלטען ווערען אַ צוזאַמענפאָר פון אגודת־ישראל. אין דעם גאַנצען כדור־הארץ איז נישטאָ, היינט צו טאָג, מעהר קיין אָרט, אַחוץ דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואו אידען זאָלען קענען פריי און אומגעשטערט זיך צונויפקומען און אָפען פּראָקלאַמירען זייער ווילען צו לעבען אַ פול אידיש לעבען; וואו זיי זאָלען קענען פּראָקלאַמירען זייער ווילען צו עקזיסטירען אַלס ג־ט׳ס פאָלק, אַלס ממלכת כהנים וגוי קדוש. די אידען אין אַמעריקע זיינען ב״ה פריי צו קענען ענטוויקלען זייער לעבען לויט זייער פרייען ווילען און אַליין באַשטימען דעם כאַראַקטער און דעם פּנים פון זייער קבוץ. דער פינף־מיליאָניגער אידי־שער קיבוץ טראָגט דעריבער אויף זיך דעם אחריות פאַר דער פאַרמירונג פון אַ אידיש לעבען דאָ אין אַמעריקע, וואָס זאָל זיין בהסכם מיט די אָביעקטיווע פּאָטענציעלע מעגליכ־קייטען פון דעם אידישען אַמעריקע.

דאָס אידישע פאָלק וואַנדערט אַלץ ווייטער פון מזרח אין די מערב מדינות, און עס איז גאָרנישט אויסגעשלאָסען, אַז די מערב העמיספערע, דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט, זאָל ווערען דער צענטער פון דעם אידישען פאָלק אין גלות, נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיג. אַלטע, הונדערטער יאָר עקזיסטירענדע צענטערס פון תורה און אידישקייט, וואו עס איז אין משך פון דורות געפלעגט געוואָרען דער גייסט פון ישראל־סבא, ווערען חרוב פאַר אונזערע אויגען. נישט נאָר ווערען אידישע קיבוצים פאַרניכטעט פיזיש, נאָר עס ווערען אויך צושטערט די מוסדות־התורה פון פוילען און ליטע, וואו עס איז געפורעמט געוואָרען דער אידישער לעבענס־שטייגער, וואו עס האָט געלעבט און געבליט די אַלטע אידישע תורה־קולטור. איצט שטעהען די דאָרטיגע ישובים חרוב׳ע, צושטערטע, פיזיש און גייסטיג. און אויף דעם אַמעריקאַנער אידענטום, ספּעציעל אויף דעם קבוץ פון טראַדיציאָנעלע תורה און מסורה אידען, ליגט דער חוב אַריבערצופלאַנצען אַהער דעם גייסט פון פוילישען בית המדרש און פון דער ליטווישער ישיבה. אויפצושטע־לען דאָ די מוסדות, וואָס דער בייזער ווינד פון אידען־רדיפות האָט אַרויסגעריסען פון דער מזרח אייראָפּעאישער ערד.

* * *

היינט, אין אונזער צייט, דאַרף דאָ, אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, פאַרפלאַנצט ווערען דער תורה בוים. דאָ דאַרפען אויפגעשטעלט ווערען די אהלי־יעקב. דאָ דאַרפען און מוזען ווידער אויפגעשטעלט ווערען ישיבות, מוסדות התורה און בתי חינוך וועלכע ווערען דאָרט צושטערט.

די כנסי׳ אין באַלטימאָר וועט אַוועקשטעלען פאַר דעם גאַנצען אידישען קיבוץ אין אַמעריקע די אויסגעוועהנליך וויכטיגע פראַגע, אויף וועלכע די אַמעריקאַנער אָרטאָ־דאָקסיע מוז געבען אַן ענטפער. די פראַגע איז: צו זיינען אַמעריקאַנער אידען גרייט צו נעמען אויף זיך דעם עול, וואָס השי״ת האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט? צו זיינען די מיל־

יאַנען אַמעריקאַנער אידען גרייט צו ווערען ניט נאָר די פאַרזאָרגער פון פאַרשידענע רעליעף אָרגאַניזאַציעס, נאָר אַליין נעמען אויף זיך די לאַסט און די אומגעהויערע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער פאָרטזעצונג פון דער גאָלדענער קייט פון אידישער גייסטיגער שאַפונג, וואָס איז איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ ברוטאַלער קראַפט אויפ׳ן מזרח, און וועלכע מוז ווייטער געשמידט ווערען — אין די אַמעריקאַנער פרייע לענדער?

מיט די דאָזיגע פראַגען קומען מיר צום אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישען כלל־ישראל.

מיט הונדערטער יאָרען צוריק, ווען ישיבות און תורה־מוסדות האָבען אָנגעהויבען אויפקומען אין מזרח אייראָפּע — האָבען אידען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך ניט געגלויבט, אַז עס איז מעגליך, אַז מזרח אייראָפּא זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ צענטער פון תורה. און פונדעסטוועגען איז מזרח איירפּא געוואָרען און פאַרבליבען אויף הונ־דערטער יאָרען דער קוואַל, פון וואַנען עס האָט געשפּראָצט מיט אומגעוועהנליכער קראַפט דעם שטראָם פון אידישער תורה און אמונת השם. מזרח אייראָפּא האָט ווייט אַריבער־געיאָגט מערב אייראָפּע אין אידישקייט און תורה, און זיי שפּעטער כמעט אינגאַנצען גע׳ירש׳נט.

איצט ווערט דער גרעסטער צענטער פון תורה און יראת שמים צושטערט. אמת, מיר האָפען און מיר זיינען פול מיט בטחון, אַז ער וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערען, אָבער דערווייל מוז דאָס אַמעריקאַנער אידענטום העלפען אויפשטעלען דאָ די ישיבות און תורה מוסדות. און, דער עיקר, מאַכען דאָס אַמעריקאַנער אידענטום תורה־באַוואוסטזיניג. **פינף מיליאָן אידען אין אַמעריקע זיינען, פונקט ווי דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, פאַרפליכטעט צו בויען זייער לעבען אויף די יסודות פון תורה און מצוות.**

* * *

אגודת ישראל לערנט די אידישע מאַסען, אַז עס איז נישט מעגליך אַן אַנדער אידיש לעבען, ווי אַ לעבען אויף די יסודות פון תורה און דת, און אַז עס איז נישטאָ אַן אַנדער אידענטום ווי אַ אידענטום, וואָס לעבט מיט די אידעאַלען פון תורה. די אידישע געשיכטע לערנט אונז, אַז אומעטום, וואו אידען פאַרגעסען דעם דאָזיגען אמת, פאַרגעסען זיי בכלל אין זייער אידישקייט. אומעטום, וואו עס איז אונטערגעגאַנגען תורה און יהדות זיינען אידען אונטערגעגאַנגען אַלס אַזעלכע בכלל. אומעטום, וואו אידען האָבען געזוכט אַן ערזאַץ פאַר דעם תורה לעבען, זיינען זיי געוואָרען „ערזאַץ אידען" און שפּעטער אינגאַנצען זיך אויסגעמישט מיט דער אַרומיגער וועלט.

דער דאָזיגער אמת וועגען דער אייביגער פאַרבינדונג און אָפּהענגיקייט פון אידי־שען פאָלק אין דער תורה און זיין טראַדיציע וועט פּראָקלאַמירט ווערן פון דער דריטער כנסי׳ פון אגודת ישראל אין אַמעריקע. געגען דעם גרויסען ים פון מורא׳דיגער גלייכ־גילטיגקייט לגבי דעם אידישען גורל און דער אידישער צוקונפט, וועלכער האָט אַרומ־געכאַפּט דאָס אידענטום אין אַמעריקע, וועט אגודת ישראל אַנטקעגען־שטעלען איר קראַפט פון מסירת נפש פאַר דער קדושה פון עם ישראל און פאַר דער צוקונפט פון עם התורה.

עס וועט אויך זיין די אויפגאַבען פון דער כנסי׳ צו רופען אַלע שומרי התורה והדת, זיך צו אָרגאַניזירען און פאַראייניגען אַרום דער אגודת ישראל, בכדי צו שאַפען אין אידישען לעבען אַ מעכטיגען כח פון אַן אָרגאַניזירטען רעליגיעזען כלל ישראל.

דאָס זיינען די אידעאַלען פון אונזער כנסיה. אויב די אידען אין אַמעריקע וועלען דורכגעדרונגען ווערען מיט דער דאָזיגער אמונה, דאַן קענען מיר האָפען, אַז אַמעריקע וועט אויך ווערען אַ צענטער פון אמת׳ער אידישקייט.

(„אידישע שטימע", מנחם אב, תש"א)

אַמעריקאַ מוז ווערן
דער ארסענאל פאר אידישקייט

פרעזידענט רוזוועלט, דער פירער פון אַמעריקאַנער פאָלק, אָפּשאַצענדיק די סכנה, וואָס דראָט די פרייהייטס־אידעען און דעמאָקראַטישע סיסטעמען, האָט געלאָזט פאַלען זיין קלאַסישע פראַזע:

אַמעריקע מוז ווערען דער אַרסענאַל פאַר דעמאָקראַטיע.

אַזוי מוז יעצט, אין דער שעה פון פיזישען און גייסטיגען שעת חירום, אין דער שעה פון געפאַר אין דער אידישער וועלט, קומען מצד די פירער פון אַמעריקאַנער רעליגיעזען אידענטום, דער רוף, אַז:

דאָס אידישע אַמעריקע מוז ווערען דער אַרסענאַל פאַר אידישקייט.

עס איז געווען אַן אומפאַרצייליכער חטא, וואָס מצד דער וועלט־אגודה זיינען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען די אַמעריקאַנער לענדער, בעת די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און באַמיהונגען זענען געלייגט געוואָרען אויף די אייראָפּעאישע לענדער.

מיט דעם אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה, זעהט מען, ווי די השגחה לענקט און טיילט צו דעם אַמעריקאַנער אידענטום צו זיין אפשר דער עומד בראש פון דעם וועלט־אידענטום, און ממילא דער אַמעריקאַנער אגודת־ישראל דער עומד בראש פון דער וועלט־אגודה.

אויב ביז יעצט האָט מען זיך געקענט אַליין אָפּנאַרען מיט׳ן תירוץ, אַז מיר זיינען נאָר אַ טייל פון יענעם גרויסען, שטאַרקען אידיש־לעבענדען אָרגאַניזם; מיר שעפּען יניקה אין אידישקייט פון יענע גרויסע תורה ואמונה פייערען, וועלכע פלאַקערען אַזוי שטאַרק אין אונזערע אַלטע אַמאָליגע היימען, אויף דער צווייטער זייט ים. — האָט דאָך דער כלל ישראל זיינע גייסטיגע פעסטונגען פון תורה ויהדות. אָט זיינען, וואַרשע, ווילנע, פראַנקפורט ד׳מיין, קראָקע, פרעשבורג, וויען, קאָוונע, אַנטווערפּען א.א. וואו דאָס אמת־אידיש לעבען איז די לעצטע עטליכע צענדליג יאָרען — אַ דאַנק דער אָרגאַניזירונג פון אגודת־ישראל — נאָך מעהר פאַרשטאַרקט און פאַרפעסטיגט געוואָרען.

עס האָט זיך דעריבער לייכט געקענט דעם פרומען אידענטום פון אַמעריקאַנער לענדער בטעות׳דיג אויסדאַכטען, אַז זייער קליינער גייסטיגער צושטייער איז גענוג. זיי האָבען זיך נישט געמאַכט קיין גרויס וועזען פון דעם טרויעריגען מצב, וואָס עס הערשט אין אַמעריקע, זעהענדיג ווי די למחצה־לשליש־ולרביע׳דיגע אידישקייטען כאַפּען זיך אַריין אפילו אין אָרטאָדאָקסישע רייהען און מאַכען אַן פאַרניכטענדע חורבנות אין אידי־שען הויז און אין אידישען לעבען. רעפאָרם און קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען פאַרנעמען וואָס אַמאָל חשוב׳ערע פלעצער; פאַרכאַפּען וואָס אַמאָל מעהר דאָס אידישע צבור־לעבען; פאַרשטאַרקען וואָס אַמאָל זייערע שעדליכע השפעות; זיינען מחריב אַלע אידישע הייליג־קייטען און טראַדיציעס. און ועל כולם, די אונבאַשרייבליכע עם־הארצות, וואָס איז עלול אָפּצושווענקען אַלעס גייסטיגעס און מאָראַלישעס אין אידישען לעבען. און דערביי שטעהט

די אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע מיט פאַרלייגטע הענט און איז יוצא, אין בעסטען פאַל, מיט אַ צו־גאָרנישט מחייב׳דיגען קרעכץ, אַ קרעכץ, וואָס דריקט אויס זייער יאוש איבער דער צוקונפט פון, אָהן עין־הרע, פינף מיליאָניגען אידישען קיבוץ פון אַמעריקע. נישט פילענדיג ביי זיך די כחות צו אָפּהאַלטען דעם בושענדען שטראָם פון כפירה, פון עם־הארצות און הפקרות.

אַזוי האָט זיך געקאָנט בטעות׳דיג אויסדוכטען ביז איצט. יעצט אָבער אין אַנבליק פון די שוידערליכע חורבנות אין אונזער אידיש לעבען אין דער אַלטער היים, מוז קומען אַ דערוואַכונג פאַר החזקת התורה ויהדות אויך דאָ אין אַמעריקע.

אָבער ב״ה: נצח ישראל לא ישקר.

עס האָבען זיך געפונען עומדים בפרץ, אמת יחידים, אָבער יחידים וויכטיגע, גרויסע בעלי־השפעות, גדולים בתורה, מיט פאַרנעם און שוואונג, וואָס האָבען אויפגע־הויבען דעם קול־ישראל סבא און אויסגערופען: הי׳ לא תהי׳.

ניין. מיר טאָרען נישט לאָזען אַלעס וויטער געהן מיט׳ן לויפענדען שטראָם, וואָס איז עלול אַלעס צו פאַרפלייצען און פאַרניכטען. ניין. אַ פינף מיליאָניגער קבוץ איז צו חשוב, אַז מען זאָל אים לאָזען געהן, חלילה, לטמיון ולשממה.

המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא — האָבען געלערנט אונזערע הייליגע חז״ל, און ווי נאָך גרעסער איז דער אחריות פאַר כמעט אַ דריטעל פון גאַנצען אידישען פאָלק.

דאַן איז געפאַלען דער באַשלוס, אָנצוהויבען אַ ברייט־פאַרצווייגטע אויפקלערונגס־אַרבייט צווישען אַמעריקאַנער אידענטום בכלל, און רעליגיעזען בפרט, וואָס זאָל צוריק־ברענגען די הכרה אַז:

אידען קענען אָן תורה און אמונה נישט עקזיסטירען.

* * *

דער ווילען צו אַזאַ גרויסער און הייליגער אַרבייט האָט געמוזט ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדליכקייט — פירען צו דער גרינדונג אויך דאָ אין אַמעריקע פון דער אגודת־ישראל, אַלס אַ טייל פון אָרגאַניזירטען אָרטאָדאָקסישען וועלט־אידענטום.

אגודת ישראל האָט נישט באַשאַפען קיינע נייע פּראָגראַמען, קיינע נייע שיטות. מיר באַשאַפען נישט קיין נייעס, ווייל מיר נויטיגען זיך נישט אין דעם. מיר, דאָס ממלכת כהנים וגוי קדוש, האָבען גרויסע און הייליגע אוצרות התורה והקדושה; אונזער וועג איז אַ טויזענד־יעריגער אָנגעצייכענטער און אויסגעהאַלטענער; אַ וועג, וועלכער האָט געגעבען אויסדויער, בטחון און האָפנונג איבערצוהאַלטען אַלע שווערע צייטען אין אונזער צוויי־טויזענד יעריגען פינסטערען גלות־וועג, דאָס איז דער וועג פון:

אמונה, תורה און מצוות מעשיות.

דאָס גאַנצע אידישע לעבען — פון יחיד ווי פון צבור — מוז זיין רעגולירט אויסשליסליך לויט די חוקי התורה. קיינע ענדערונגען, קיינע פשרות, קיינע החלטות אפילו פון „קאָנגרעסען״, זיינען נישט ביכולת משנה זיין אפילו אָן אות אחת שבתורה. זיינען נישט בכוח מוסיף אָדער מגרע זיין איין דין אָדער מנהג אין דת משה וישראל.

אגודת־ישראל, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען מיט דרייסיג יאָר צוריק, דורך גאוני וקדושי הדור, האָט דעם צוועק צו פאַראייניגען אַלע אידען, וועלכע זיינען טריי דער אידישער אמונה, דער אידישער תורה און מסורה, די אַלע אידען, וועלכע זוכען נישט

קיין ענדערונגען און פעלשונגען, נאָר ווילען זיך אויסלעבען אין די וועגען פון אונזערע אבות ואבות אבותינו.

אגודת ישראל שטרעבט פאַר שלטון־התורה בחיי עם ישראל.

אגודת־ישראל וויל צוריק אויפהויבען דעם כבוד התורה והיהדות.

אגודת־ישראל וויל באַפרייען דאָס רעליגיעזע אידענטום פון איר שפלות און פון איר „גלות ביי אידען".

אגודת־ישראל וויל ערציהען איר יוגענד אַלס באַוואוסטזיניגע, געטרייע און שטאָלצע אידען.

אגודת־ישראל האָט אָבער אויך אַלס אירע ערשטע און פונדאַמענטאַלסטע אויפגאַבע: צו שאַפען אין אידישען לעבען אַ מעכטיגען כח פון אָרגאַניזירטען, אומאָפּהענגיגען רעליגיעזען כלל ישראל, אונטער דער דירעקטער השפּעה פון די גדולי התורה.

צו אַט דער הייליגער אַרבעט מוזען צוגעצויגען ווערען די ברייטסטע קרייזען פון אידישען פאָלק.

אגודת ישראל איז נישט קיין פּאַרטיי אין אידישען לעבען. אגודת ישראל וואָס שטעלט אַוועק דת ואמונה, תורה ומצוות מעשיות, אַלס עיקר און יסוד אין אידישען פאָלקס־לעבען, איז נישט קיין גרופּע, נאָר איז דאָס אידישע פאָלק.

* * *

נאָך קיינמאָל איז אויף אונז אַמעריקאַנער אידען נישט געלעגען אַזאַ אחריות פאַר דער שעה. אחריות פאַר אָרגאַניזירען די אַמעריקאַנער רעליגיעזע כחות, אַזוי אַז אין דעם עפענטליך־געזעלשאַפטליכען לעבען זאָל זיך ווירקענד אָנזעהן די השפּעה פון תורה־אידענטום.

יעצט, ווען אַלע גרעסטע און שטאַרקסטע אידישע קיבוצים ליגען אין רואין; אַלע צענטערען פון תורה ויהדות זיינען געבראָכען און צושמעטערט; ווען דער גרעסטער טייל פון אידישען פאָלק געהט אָפּ, ח"ו, אין אייגענעם בלוט; אין אַזאַ צייט ווי גרויס, טויזענטפאַך גרעסער, איז דער חוב אויף אונז אַמעריקאַנער אידען, וועלכע לעבען — הלואי אויף ווייטער — בשלום ובשלוה, אין אַזאַ פרייער ליכטיגער מדינה, צו אַרבייטען פאַר החזקת התורה והאמונה. מיר זענען דאָך, היינט צו טאָג, דער איינציגער שארית־הפּליטה, וואָס דאַרף שטעהן אויף דער וואַך פאַר אונזערע גייסטיגע פּאָזיציעס, וועלכע די בלוטיגע שונאים ווילען איינברעכען און חס ושלום פאַרניכטען.

יעדער איד, אין וועלכען עס טליעט דער ג־טליכער פונק. יעדער איד, וועלכער וועהטאָגט איבער דעם ביז יעצט פאַרנאַכלעסיגטען שפּל'דיגען מצב פון תורה־אידישקייט דאָ אין דער מדינה, זאָל און מוז בייטראָגען זיין מיטאַרבייט און מיטהילף, גייסטיג ווי **מאַטעריעל. אַלעס וואָס וויל נישט יוצא זיין מיט פּסעוודאָ־אידישקייט, מוז זיך קאָנצענטרירען אַרום אונזער באַוועגונג. —** „מי לד' אלינו".

אגודת־ישראל פאַר אַלע! אַלע פאַר אגודת־ישראל!

(„אידישע שטימע", אדר, תש"א)

אָרטאָדאָקסישע יוגענט — אונזער צוקונפט

(אויסצוגען פון אַ רעפעראַט אויף דער קאָנווענשאַן פון צעירי אגודת ישראל
אין אַמעריקע אין יאָר תש״ג)

דער צוזאַמענפאָר פון דער תורה יוגענט „צעירי אגודת ישראל״ קומט פאָר אין איינעם פון די טראַגישסטע און קאַטאַסטראָפאַלסטע מאָמענטען פאַר אונזער פאָלק, אין אַזאַ עת צרה ליעקב, וואָס האָט ניט איר גלייכען אין אונזער גאַנצער מאַרטירער־געשיכטע. און ביי פיל קען זיך שטעלען די פראַגע: צי איז אַזאַ מורא׳דיגער מאָמענט בכלל מוכשר פאַר צוזאַמענפאָרען, פאַר פּראָגראַמען פאָרן ווייטערען בוי פון דעם בית־ישראל הנהרס. צי איז איצט, ווען די העלישע פלאַמען וואָס האָבען אַרומגעכאַפּט דעם רוב בנין און רוב מנין פון פאָלק ישראל, פלאַקערען נאָך מיט זייער גאַנצער גיהנום־שאַרפקייט, בכלל די פאַסיגע צייט פאַר באַראַטונגען וועגען כלל־ישראל ענינים. האָבען מיר דאָ פאַרבראַכט אַזאַ הערליכען שבת, מיט אַזוי פיל תורה, התלהבות און התרוממות הנפש, און ניט איינעם פון אונז זיינען באַפאַלען געדאַנקען: ולשמחה מה זו עושה? ווי פאַסט זיך עפּעס? בהאי גיסא הילולא וחינגא, ובהאי גיסא מותא וקטלא?!

אָבער ווער עס פאַרטראַכט זיך ערנסטער, ווער עס פאַרטיפט זיין בליק אין דער טויזענט־יעריגער היסטאָריע פון אונזער פאָלק, פאַלען דאַן אַוועק אַלע חששות, און פאַרקערט גאָר, ער דערזעט אין דעם, דעם גרויסען און וואונדערבאַרען ג־ט׳לעכען כוח פון נצחיות ישראל.

אַזוי איז עס געווען אין דער גאַנצער צייט פון אונזער צוויי טויזענט יאָריגען גלות־וועג. דוקא אין די באַדראַנגסטע מאָמענטען, ווען עס דאַכט זיך, אַז דער אידישער גורל הענגט אויף אַ האָר, ווען אונזער קיום שטייט אין געפאַר, דאַמאָלס דערוועקען זיך אין אונז פאַרשטאַרקטע כוחות צום ווייטערען דערהאַלט. ווען די המנ׳ס זאָגען אונז אָן אַ קאַמף פון להשמיד, להרוג ולאבד, דוקא דאַמאָלס דערוועקט זיך אין אונז דאָס קשיות עורף פאַר עקזיסטענץ און לעבען. דאַמאָלס פלאַמט אויף אין אונז די הייליגע אמונה און בטחון אין השי״ת, דעם אייביגען שומר ישראל, אַז: עת צרה היא ליעקב וממנה יושע.

* * *

די איינרופער פון דער קאָנווענשאַן האָבען באַצייכענט די טעמע פאַר מיין רעפעראַט: „די אָרטאָדאָקסישע יוגענט — אונזער צוקונפט״. זיכער איז עס אמת. דער כוח פון אַן אָרגאַניזאַציע ליגט אין דער יוגענט, און זי ווערט געמאָסטען לויט וויפיל יוגענט עס שטייט אונטער איר פאָן. יוגענט איז דער כוח הדוחה, דער דופק און די נשמה פון אַלעם וואָס באַוועגט זיך, איז טעטיג און אַקטיוו. זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגען, אַז ביי אונז גייט עס נאָך ווייטער, אַז ניט די יוגענט איז אָרגאַניזירט געוואָרען בכדי צו זיין די אַרויסהעלפער פאַר דער עלטערער אגודת ישראל, נאָר די גאַנצע אגודת ישראל איז אין לעבען גערופען געוואָרען בכדי צו דערהאַלטען די יוגענט, דעם דור העתיד פון עם ישראל. ווען נאָך אין יאָר תרע״ב, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די גאוני וקדושי ישראל אין יענער גרויסער און היסטאָרישער קאַטאָוויצער אסיפה, פאַר דער גרינדונג פון אגודת

ישראל, איז געווען זייער הויפּט־כוונה דאָס זוכען עצות און מיטלען, אַז אונזערע ווייטערע דורות זאָלען דערצויגען ווערען אין אַן אמת־אידישען גייסט, אין גייסט פון תורה ויראת שמים; צוזאַמענגעבונדען אין אַ קשר של קיימא אונזער עתיד מיט׳ן עבר; אַז דער אור־תורה, דער עמוד הענן, וואָס באַגלייט אונזער פאָלק ישראל פון הר סיני אָן, זאָל ווייטער לייכטען און דערוואָרעמען די הערצער און נשמות פון אונזערע קינדער און קינדס־קינדער עד סוף כל הדורות. דאָס, און נאָר דאָס, האָט זיי צוזאַמענגעברענגט, יענע גדולי התורה און מנהיגי ישראל מארבע קצוות הארץ.

* * *

אַ גרויסער תוהו ובוהו, חורבן התורה והריסת הדת, האָט זיך אָנגעהויבען צו מערקען, וואָס אַמאָל מער, אין אידישען לעבען. מענשען פרעמדע און אָפּגעפרעמדטע פון אידישקייט און פון אידישע הייליגקייטען, האָבען אָנגעהויבען אַריינברענגען אין דער אידישער מחנה פאַרשידענע עבודה־זרות און זיי אָנגעגעבען פאַר: אלה אלהיך ישראל. גאַנצע און האַלבע רעפאָרמער, אָפענע און פאַרמאַסקירטע, האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער מחנה ישראל, אַריינברענגענדיג אויסגעטראַכטע און פאַלשע אידעאַלען און אידעען, וועלכע זיינען מבשר עד נפש יכלה. און די אידישע מאַסען ווערען פאַרנאַרט און מיט־געריסען פון די כלומר׳שטע שענע רייד פון די מאָדערנע נביאי הבעל. איז עס געווען די חובת השעה פאַר די נביאי השם זיך צונויפצוזאַמלען און אויסרופען: ה׳ הוא האלקים. און ווי אַמאָל, ווען דער ערשטער אידישער רבי און מנהיג האָט דערזען דעם עגל־הזהב און ווי דאָס ערב רב טאַנצט אַרום אים, האָבען אויך מנהיגי ישראל פון אונזער דור אויסגערופען ביי דער קאַטאַוויצער אסיפה: מי לד׳ אלינו!!

אויף זייער רוף האָבען זיך אָפּגערופען יראי השם מארבע פנות התבל, און זיך פאַרזאַמעלט אַרום זייערע תורה־פירער, בכדי מיט פאַראייניגטע כוחות אָפּשלאָגען אַלע אָנגריפען פון די מסיתים ומדיחים, וועלכע ווילען פאַרוואַכענדיגען און פאַרוועלטלעכען דאָס ממלכת כהנים וגוי קדוש. צוזאַמען און אונטער דער אָנפירונג פון די גדולי התורה האָבען זיך פרומע אידען מאחד געווען אין דער אגודת ישראל, בכדי מחזיר צו זיין עטרה ליושנה. און, דער עיקר, דערציען די אונטערוואַקסענדע יוגענט, זין און טעכטער, אַלס טרייע, שטאַלצע און באַוואוסטזיניגע אידען, וועלכע זאָלען געדענקען און זיין טיף־דורכגעדרונגען, אַז: ובך בחר ד׳ להיות לו לעם סגולה.

* * *

געווען מאָמענטען, בפרט אין די לעצטע יאָרען, ווען עס האָט זיך געקענט דאַכטען, אַז עס קומט פאַר אַ פסיכישע ענדערונג אין די מוחות פון די דערווייטערטע און אָפּ־געפרעמדטע, פון איין זייט, שוועבט דאָך דאָס אידישע פאָלק ממש בין החיים והמות, און אַזאַ גורל־שעה איז דאָך שטענדיג מסוגל פאַר צוריק צוטוליען זיך צום אידישען שורש און מקור. און פון דער צווייטער זייט, דער מיאוס׳ער באַנקראָט פון די אַלע ניט־אידישע ציוויליזאַציעס און קולטורען. זיינען דאָך פאַר אונזערע אויגען אָט די אַלע „ציוויליזאַציע־טרעגער" אין פשוט׳ע גזל׳נישע און סאַדיסטישע בלוט־חיות פאַרוואַנדעלט געוואָרען, פאַרלירענדיג דעם גאַנצען צלם־אלקים. דאַרף דאָך דאָס, זיכער, ברענגען די אַלע אובדים ונדחים צום פאַרטראַכטען און באַדענקען זיך, גורם זיין זייער צוריקקער צו דער געט־לעכער קולטור און הימלישער ציוויליזאַציע, צו אמונתנו ותורתנו הקדושה והטהורה.

אָבער, ליידער, איז עס נאָר געבליבען אַ גוטער וואונש. זיי, זעט אויס ווילען אפילו על פתחו של גיהנום אויך ניט טאָן קיין תשובה. זיי זיינען שוין פאַרקראָכען אין די מ״ט

שערי טומאה פון „כל באי׳ לא ישובון״. אַנשטאָט וואָס מיר האָבן דערוואַרט, אַז עס וועט קומען אַ שטימונג פון תשובה און דערוואַכונג; אַ שטימע פון חרטה, פון מודה ועוזב ירוחם; מען וועט קומען און זאָגן: אידען! מיר האָבן ביז איצט געגרייזט, מיר האָבן זיך געטוליעט צו אַלעם, וואָס איז גוי׳איש, לאָמיר זיך איצט צוריקקערן צום אידישען מקור חיים; חסד לאומים חטאת, לאָמיר זיך מער ניט שטופּען אין די גוי׳אישע טירען, וועלכע זיינען סיי ווי פאַר אונז פאַרמאַכט; לאָמיר זיך בעסער פאַרפאַנצערען אין דער אייגענער אידישער מחנה, לאָמיר בויען אין חוץ־לארץ, ווי אין ארץ־ישראל, אַ הייליג אידיש לעבען על־פּי חוקי התורה והמסורה; לאָמיר צוריק איינפלאַנצען אין אידישע הערצער דעם „לא בחיל כי אם ברוחי אמר ד׳״.

אַנשטאָט דעם הערען מיר גראָד, לדאבון נפשנו, אַזעלכע געשעענישען, ווי בני בליעל בארצנו הקדושה פירען דורך אַ יעווסעקישע אינקוויזיציע איבער פרומע אידישע קינדערלעך, פּליטים ויתומים, די ילדי טעהעראַן. מען וויל מיט מאַכט און טעראָר פון זיי אַרויסרייסען יעדען קשר צו תורה ואמונה. און אַט ווידער איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אַ „פאַרברידערונגס־יום־טוב״ (אַך און ווי צו אַזעלכע ימים־טובים) צווישען די גאַנצע און האַלבע רעפאָרמער, צווישען די רעפאָרם און קאָנסערוואַטיווע רע־בנים, און ווידער הערען מיר פון דאָרט דאָס קול פון די היינטיגע נביאי הבעל: „עס וועט אַנטשטיין אַ נייע, וואונדערלעכע אַמעריקאַנער אידישקייט. אָבער אויב אויפלעבען אידישקייט, מיינט זיך אומקערען צו דער אַלטער אידישער שול, וועט זיך דאָס ניט איינגעבען״. איר הערט: אַ אידישקייט זאָגען זיי, וועט אויפלעבען און דוקא אַוואונדערלעכע... נאָר אָן אַ שול, אָן שבת, אָן כשרות, אָן אַלעם וואָס איז אמת און אָריגינעל אידיש.

ניט פּאָלעמיזירען ווילען מיר מיט זיי, מיט די קאַפּלאַנ׳ס, די וויז׳ס און מיט די אַלע, וועלכע ווילען אידען באַגליקען מיט אַ „נייע אידישקייט״. נאָר בלויז זאָגען זיי ווילט זיך, אַז ווען פון די אַלע אָפענע און פאַרשטעלטע מסיתים ומדיחים וועט שוין קיין זכר ניט בלייבען וועט נאָך לעבען אַ אידיש תורה־פאָלק, און דוקא מיט דעם אַלטען פאַר־הייליגטען אַרט אידיש לעבען.

* * *

וואָס איז אגודת ישראל, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אַט די אַלע יונגע אידישע קינדער, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין די צעירי, פרחי און בנות אגודת־ישראל?

די בני לוי פון היינטיגען דור. און ווי יענע ערשטע בני לוי, וועלכע האָבן זיך געזאַמעלט אַרום משה רבינו בכדי אויסצורייניגען די אידישע מחנה פון דעם עגל, אַזוי האָבען מיר זיך פאַרזאַמעלט אַרום אונזערע היינטיגע גדולי ומאורי ישראל, בכדי מיט פעסטע און פאַראייניגטע כוחות אין דער אגודת ישראל, אויסצורייניגען די אידישע מחנה פון די כופרי־הדת. מיר דאַרפען צוריק הייליגען דאָס אידישע לעבען, דאָס אידישע הויז, דאָס אידישע האַרץ און מחשבה.

דאָס אידישע פאָלק לעבט היינט איבער איינע פון די שרעקלעכסטע תקופות. עס דראָט אונז אַ געפאַר פון יאוש און פאַרצווייפלונג. לאָמיר זיך מחזק זיין. לאָמיר זיך פאַרפעסטיגען מיט בטחון אין השי״ת. לאָמיר זיך פאַרפאַנצערען אין אונזער תורה אידיש־קייט און לאָמיר גלויבען און האָפען, אַז: ה׳ יהי׳ בעזרתנו.

(„אָרטאָדאָקסישע טריבונע״, תמוז־אב, תש״ג)

תורה יוגענט און איר אחריות

(אויסצוגען פון אַ רעפעראַט אויף דער קאַנווענשאַן פון צעירי אגודת ישראל אין אַמעריקע, י"ב־ט"ז אלול, תש"ד).

דאס אידישע פאָלק האָט אייביג געפילט אויף זיך זיינע גרויסע און היסטאָרישע אחריות'ן.

דאָס, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט באַוויזען דורכצוהאַלטען אַ צוויי טויזענד יעריגען גלות־וועג — פון ערשטען חורבן ביז דעם היינטיגען חורבן — איז עס געשעהען אַ דאַנק זיין ציל־באַוואוסטזיין און געפיל פאַר זיין אויסדויער, איבערהאַלט און אייביגקייט.

דאָס וואָס דער עם ישראל האָט באַוויזען במשך טויזענטער יאָר, זייענדיג מפוזר ומפורד בין העמים, ניט בלויז ניט אונטערגיין דורך זיך אויסמישען צווישען אַרומיגע פעלקער, נאָר אויך דערהאַלטען זיין עצם און תוכן, זיין אידיש לעבען, אידישע תורה און טראַדיציע, איז עס געשעהען נאָר אַ דאַנק זיין קשיות־עורף פאַרן קיום העם און פאַרן קיום פון אַלע קניני וקדשי האומה.

דער אחריות־געפיל פון יעדען יחיד ווי פון גאַנצען כלל, איז געווען דער הויפּט־כוח, וואָס האָט באַוויזען דעם וואונדערבאַרען נס פון נצחיות ישראל.

* * *

ווען מען רעדט וועגן אחריות, מוז מען קודם־כל אָפּשאַצען די צייט, אין וועלכער מיר לעבען. ווייל אחריות ענדערט זיך מיט די באַדינגונגען. די אחריות פון א נאָרמאַלער צייט איז ניט די זעלבע ווי אין אַ ניט־נאָרמאַלער צייט. די אחריות פון אַ צייט, בעת כל איש תחת גפנו ותחת תאנתו, איז ניט די אייגענע ווי אין אַ שעת חירום און חורבן. און דעריבער, ווען מיר טראַכטען וועגען אחריות, וואָס ליגט אויפ'ן תורה־אידענטום, מוז מען זיך אָפּגעבען אַ חשבון וועגען דער צייט און די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען היינט־צו־טאָג.

ביים אידישען פאָלק איז ניט קיין נייעס שווערע און בלוטיגע תקופות. אונזער גאַנצער צוויי טויזענט יעריגער גלות וועג, איז פול מיט ליידען און פיין, מיט בלוט און פורעניות. גאַנצע ימ'ען האָבען שוין געקענט אָנגעפילט ווערען מיט'ן אומשולדיג פאַרגאָסען אידיש בלוט. ניטאָ קיין איין פאָלק אין דער וועלט, וואָס זאָל האָבען אַזאַ מאַרטירער־געשיכטע ווי מיר; ניטאָ כמעט קיין איין ווינקעל אין דער וועלט וואו עס זאָל זיך ניט האָבען געגאָסען אידיש בלוט; ניטאָ כמעט קיין איין אומה ולשון, וואָס זאָל קענען אויפ־הויבען זיינע הענט און מיט אַ רייך געוויסען קענען זאָגען: ידינו לא שפכו את הדם הנקי הזה.

אָבער דאָס, וואָס עס קומט פאָר מיט אונזער פאָלק אין אונזער תקופה, האָט ניט קיין פאַרגלייך. עס פאַרבלאַסט און פאַרשאָטענט אַלע אונזערע ביז איצטיגע פורעניות'ן. נחשבנו כצאן לטבח יובל, להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה, איז בעוה"ר מקוים געוואָרען בוכשטעבליך. עס דאַרף ערשט געבוירען ווערען אַ נייער מקונן, וואָס זאָל קענען געפינען דאָס וואָרט פאַר אונזער שרעקליכען טרויער און ווייטאָג. אַ ניי וואָרט דאַרף ערשט

באַשאַפען ווערען, וואָס זאָל זיין בכוח אויסצודריקען אונזער צער און צאָרן געגען די דירעקטע רוצחים, די מענשען־פרעסערישע דייטשען ימ״ש, און אויך געגען דער גרויסער און פרייער וועלט, וואָס האָט מיט אַזאַ גלייכגילטיגקייט צוגעקוקט צו דער טאָטאַלער אויסראָטונג, צו די שרעקליכע אונפאַרגלייכליכע מאַסען־שחיטות, און האָט כמעט גאָרניט געטאָן צו ראַטעווען יענע מיליאָנען אומגליקליכע קינדער פון פאָלק ישראל.

גדול כים שברך, מי ירפא לך! אין אַזאַ צייט, אין אַ צייט פון טרעבלינקאָס און מיידאַנעקס, איז די אחריות אַ גאַנץ באַזונדערע.

* * *

דער היינטיגער חורבן בית ישראל איז אויך דערמיט גרעסער און טיפער, ווייל אפילו ביים חורבן ירושלים איז כאָטש געלונגען מציל צו זיין דעם: יבנה וחכמי׳. אונזערע חכמים ז״ל האָבען געוואוסט, אַז אויב עס געלונגט מציל זיין יבנה וחכמי׳, די תורה פעס־טונג, דעם גייסט צענטער, איז געזיכערט דער ווייטערער אידישער דערהאַלט און קיום.

ביים איצטיגען חורבן, איז אונז דאָס אויך ניט געלונגען. צוזאַמען מיט דער פיזישער אויסראָטונג פון אייראָפּעאישען אידענטום, איז דעם פינסטערען שונא געלונגען אויך די אויסראָטונג פון אַלע אונזערע יבנות וחכמיהם. אַלע מבצרי התורה והעבודה, אַלע פעסטונגען פון יראת שמים און חסידות, זיינען מיט־חרוב געוואָרען.

ידו פרש צר על כל מחמדיה. אַלע אוצרות פון אידישען גייסט, וואָס מיר האָבען אויפגעבויט אין פאַרלויף פון יאָר־הונדערטער אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער און אין פוילען בפרט, זיינען אויסגעריסען געוואָרען מיט׳ן שורש. וויסט און פינסטער איז אונזער לעבען. דעם באַדען אונטער אונזער פיס האָבען מיר פאַרלוירען. צעשטערט איז געוואָרען די פעסטונג, אויף וועלכער מיר האָבען זיך אָנגעלענט און געשטיצט.

יתומים היינו ואין לנו אב. די אחריות אין אַזאַ צייט איז אַ גאָר גרויסע

* * *

אַמאָל, אַז אין אונזערע אַלטע היימען האָט געבליט אַ אידיש לעבען, אַלעס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אידישקייט. תורה איז געוואַקסען, חסידות האָט זיך פאַרש־פרייט, עבודה און יראת שמים האָט זיך געפונען אין יעדען ווינקעל. גדולי התורה האָבען פאַרלויכטען מיט זייער גרויסקייט די אידישע וועלט. האָבען מיר דאָ, אין די אַמעריקאַנער לענדער, זיך געקענט איינרעדען און זיך אָפּנאַרען, אַז מ׳קאָן זיך באַנוגענען מיט אַ קליי־נעם און באַשיידענעם צושטייער צום אידישען גייסט.

מיר האָבען זיך געקענט איינרעדען, אַז מיר זיינען שותפים צו דער אייראָפּעאי־שער אידישקייט. זיינען מיר, דאַך די זבולונ׳ס, וואָס העלפען דערהאַלטען תורה ויהדות פון אונזערע ברידער, די יששכר׳ס, אויף יענער זייט ים. איז ממילא גענוג דאָס ביסעלע, וואָס מיר טוען דאָ פאַר תורה און יהדות.

היינט אָבער, ווען אַזאַ שרעקליכער חרוב־אַף האָט זיך אויסגעגאָסען אויפן מזרח־אייראָפּעאישען אידענטום, ווען אַלע און אַלעס זיינען כמעט פאַרשוואונדען, — וואָס בלייבט אונז און וואו בלייבט דאָס אידישע פאָלק, אונזער תורה און אידיש לעבען, אויב ניט מיר וועלען ווערען זייערע גייסטיגע גואלי־הדם. אויב ניט מיר, די פינף מיליאָן אידען, כן ירבו, אין אַמעריקע, וועלען ווערען די בויער פון אידישער תורה און אידישקייט.

דעריבער איז אונזער אחריות היינט אַן אומגעהויערע.

* * *

אַ בלבול האָט מען אויסגעטראַכט אויף אַמעריקע, אַז דאָס לאַנד איז ניט מסוגל פאַר אידישקייט, און ספּעציעל ניט פאַר גאַנצער אידישקייט. אַז מען ווייזט אָן אויף דער גרויסער עם־הארצות און פּוסטקייט פון די אידישע מאַסען, ענטפערט מען אייך גלייך: אַמעריקע. אַז מ׳דערמאָנט דעם מצב וואָס 95 פּראָצענט פון אַלע אידישע קינדער ווערען ערצויגען אָהן שום תורה ומצוות, אָהן שום שפּור פון אידישקייט, הערט איר ווידער: אַמעריקע. על כל צרה שלא תבוא אין אידישען גייסטיגען לעבען, מאַכט מען דאָס לאַנד פאַר׳ן שעיר לעזאזל. גלייך, ווי אַמעריקאַנער ערד אָדער אַמעריקאַנער לופט וואָלט געווען אין סתירה מיט אידישען גייסט און מיט תורה ואמונה.

דער אמת איז, אַז אַמעריקע מיט איר פרייהייט און גלייכהייט, מיט איר פּאַקטישער דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם, מיט איר שפע און הרחבה, איז ערשט רעכט מסוגל פאַר אידישקייט און פאַר עכט־אידיש לעבען. דער אמת איז אויך, אַז עס איז ניט פאַראַן נאָך אַזאַ גוט מאַטעריאַל פאַר איינפלאַנצען אמונה, תורה און טראַדיציע, ווי דאָס אַמעריקאַנער קינד, וואָס צייכענט זיך אויס מיט פּשטות, ערליכקייט און תמימות. די אַמעריקאַנער קינדער זיינען דער בעסטער עלעמענט זיי מכניס צו זיין תחת כנפי השכינה.

ווער עס האָט געזעהען די הונדערטער אידישע קינדערלעך אין זייער זומער־וועקעישאָן אין קעמפּ־אגודה, זייער לערנען און זייער פרומקייט, — דער האָט זיך אי־בערצייגט, אַז אין דעם שפלות היהדות דאָ אין לאַנד זיינען ניט שולדיג ניט די קינדער און ניט דאָס אַמעריקאַנער לאַנד. שולדיג זיינען די טאַטעס און די מאַמעס, די זיידעס און די באָבעס, וועלכע האָבען זיך — אין זייער היפּער־פּאַטריאָטיזם — איינגערעדט, אַז מיט אידישקייט וועלען זיי פּוגם זיין אין זייער „אַמעריקאַניזם״. זיי האָבען זיך איינגעע־רעדט, אַז מיט ערציהען זייערע קינדער אַלס אנדרוגינוס׳ן, ניט קיין אידען און ניט קיין גוים, וועלען זיי ווערען „גאַנצע אַמעריקאַנער״, אָהן אַ פּגם און אָהן אַן „אַקצענט״...

די באַוועגונג לעצטענס פאַר פאַרשפּרייטען וואָס מער ישיבות און בית יעקב שולען, בתי־חינוך און קעמפּס, איז די גוטע התחלה, אויפצושטעלען דורות מיט מסורת אבותינו בידיהם.

דאָס איז אַ גרויסע און הייליגע אַרבעט מרביץ זיין תורה צווישען אַמעריקאַנער יוגענט. צעירי אגודת ישראל דאַרפען ווערען די פאַרשפּרייטער פון אמת׳ער יהדות.

דער: ושננתם לבניך, דער: והגדת לבנך, און: ולמדתם את בניכם, זיינען די יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער גאַנצער בנין בית ישראל, דער קיום התורה והמסורה, און דער קיום האומה.

און ווען די גדולי התורה האָבען מיסד געווען די וועלט־באַוועגונג אגודת־ישראל, איז עס אויך דער עיקר געווען דאָס יוגענט־פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר זייערע אויגען. די הויפּט מטרה פון דער געשאַפענער אגודת ישראל איז געווען, אַז די תורה יוגענט זאָל ניט מיטגעריסען ווערען מיט די אַלע ניי־באַשאַפענע פרעמדע, פאַרפירערישע און שעדליכע לאָזונגען, וועלכע זיינען עלול אָפּצורייסען פון דרך התורה והאמונה.

דעריבער דאַרף די יוגענט פאַרשטיין און פילען וואָס פאַר אַ גרויסער אחריות עס ליגט אויף איר. יוגענט זיינען די, וועלכע דאַרפען אויסטראָגען אויף זייערע פּלייצעס די גרויסע און הייליגע ירושת האבות. יוגענט איז דער עתיד, וואָס זיכערט און גאַראַנ־טירט דעם נצח ישראל.

(„אָרטאָדאָקסישע טריבונע״ תשרי, תש״ה)

היינט קומען מיר צום ווארט

מיט׳ן אַרויסגעבען אונזער נייע וואָכען־צייטונג „דאָס אידישע וואָרט״ גיבען מיר דער אגודת־ישראל באַוועגונג אין אַמעריקע אַן אינסטרומענט, וואָס האָט אונז אַמ־מייסטען געפעלט. ביים היינטיגען טאָג איז אוממעגליך פאַר אַ באַוועגונג צו עקזיסטירען און ווירקען נישט האָבענדיג קיין אייגענע פרעסע.

דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט, אין וועלכען מיר לעבען קען זיך מיט רעכט רופען דאָס יאָרהונדערט פון געדרוקטען און געזאָגטען וואָרט. נאָך קיינמאָל אין דער וועלטס־געשיכטע האָט דאָס וואָרט נישט פאַרנומען אַזאַ גוואַלטיק אָרט ווי אין אונזער צייט. פרעסע און ראַדיאָ פירען אָן און לענקען מיט אַלע וועלטס־געשעהענישען און ווירקען אויף דעם לעבען פון כלל ווי פון יחיד. החיים והמות ביד הלשון, איז נאָך געוועזען אַ פעסטגעשטעלטער כלל פון דעם חכם מכל אדם (קהלת). דאָס געדרוקטע וואָרט, די אַזוי גערופענע „פּראָפּאַגאַנדע״ איז היינט צו טאָג אַ פירענדער הויפּט־כח אין דער מענשליכער געשיכטע. מיט דעם כח פון וואָרט קען מען אויף דער וועלט ברענגען לעבען, רוה, פרידען און גליק, ווי אויך חלילה, אומקום, אומגליק און פאַרניכטונג. די וועלט הערט זיך צו צום געזאָגטען וואָרט און נאָך מער צום געדרוקטען. און וועמען עס געלונגט זיך צו־צוכאַפּען צום שטענדער, דער פירט די עפענטליכע מיינונג און דעם גאַנצען דעת הקהל ווי דעם דעת היחיד.

אַמאָל אין די אַלטע גוטע צייטען, ווען דאָס אידישע לעבען איז געפלאָסען רוהיג און נאָרמאַל, איז די הנהגה פון כלל געלעגען אין הענד פון פאַראַנטוואָרטליכע פירער. רבנים און גייסטיגע מנהיגים, מיט אידיש הארץ און אידיש געוויסען, זענען געוועזען די וואָרט־זאָגער איבער אַלעם, וואָס עס האָט אָנגערירט כלל ישראל ענינים. גדולי ישראל זענען געוועזען די דעציזירער און לעצטע פוסקים אין אידישען לעבען. די לעצטע צענדלי־גער יאָרען איז אַריינגעטרעטען אַ גרויסע ענדערונג. מיט דער השפעה פון געדרוקטען וואָרט אין דער וועלט, האָט זיך באַוויזען אַ גאָר־אַנדער׳ע השפעה אין אידישען לעבען. אַ דאַנק דער פרעסע און איר קאָלאָסאַלער השפעה אויף די ברייטע מאַסען איז די פירערשאַפט פון דעת הקהל איבערגעגאַנגען אין הענט, וואָס ניט אַלעמאָל זענען זיי די פאַראַנטוואָרט־ליכסטע און ניט אַלעמאָל שפיגלען זיי אָפּ דעם ריכטיגען דעת הקהל, און ניט אַלעמאָל פירען זיי דעם קהל אויף ריכטיגע וועגען. וועגען וועלכע זאָלען זיין אמת־אידיש אין אינהאַלט און אין פאָרם.

די אידישע גאַס אין אונזער אַמעריקע איז פאַרפלייצט מיט טאָג־צייטונגען, וואָכען און חודש בלעטער, זשורנאַלען און בראָשורען אָן אַ שיעור. פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען קומען זיי. אָבער ווען מען באַקענט זיך מיט זיי, זעהט מען ערשט ווי ווייניג דאָס געשריבענע וואָרט אין די אַלע בלעטער איז ווירקליך אידיש לויט׳ן באַגריף פון רעליגיעזער און אמת׳ער אידישקייט.

די שוואַכסטע און אָרימסטע אויף דעם געביט פון פרעסע, איז דאָס רעליגיעזע אידענטום. גראָד דאָס תורה־אידענטום, וואָס האָט אויף זיך אַזאַ געוואַלדיג גרויסען אחריות פאַר פאַרשפרייטען און אַריינברענגען צו די אידישע מאַסען באַוואוסטזיין פאַר

תורה און תורה־יהדות, פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע צייטונג, וואָס זאָל העלפען ברענגען דאָס תורה וואָרט און די סיני־אידעאַלען צו דער אידישער גאַס. מ׳ר מוזען זיך באַגנוגען פון צייט צו צייט אויסצובעטלען אין דער אָדער יענער צייטונג אַ שטיקעל פלאַץ פאַר אַן אמת אידיש וואָרט און באַלייכטונג.

עס איז דאַריבער וואָרים צו באַגריסען דאָס ערשיינען פון דער וואָכען־צייטונג „דאָס אידישע וואָרט" און עס איז צו האָפען, אַז די ברייטע קרייזען פון רעליגיעזען אידענטום אין אַמעריקע וועלען אָפּשאַצען די באַדייטונג פון אַזאַ וואָכען־צייטונג, וועלכע זאָל אַרויסברענגען דאָס אידישע וואָרט, במלוא מובן המלה.

* * *

„דאָס אידישע וואָרט" וועט אויפקלערען, אויסטייטשען און באַלייכטען אַלע ער־שיינונגען אין אידישען פאָלקס־לעבען, אַזוי, ווי עס זעהט און פאַרשטייט עס דאָס אידענ־טום וואָס לעבט מיט תורה און אמונת השם; „דאָס אידישע וואָרט" וועט העלפען צוריק־ברענגען די אידישע מאַסען צו שבת, תורה־חינוך, כשרות, טהרת המשפחה און אַלע אַנדערע יסודי ועיקרי הדת. „דאָס אידישע וואָרט" וועט זיין די טריבונע פון וועלכער עס וועט אויפגעקלערט ווערען די ריינקייט און הייליגקייט פון סיני־אידישקייט און די אומריינקייט און וויסטע טומאה, וואָס ליגט ביי די אַלע גאַנצע און האַלבע רעפאָרמער, וועמענס איינציגער ציעל איז אָפּצופרעמדען און דערווייטערען אידען פון אידישקייט.

מיט דער אַנשטעהונג פון מדינת ישראל מוז דאָס רעליגיעזע אידענטום אין אַמע־ריקע זאָרגען ניט בלויז צו פאַרשטאַרקען דעם מאַטעריעלען קיום פון אידישען לאַנד, נאָר מוז אויך, אין דער ערשטער רייה, זאָרגען דערפאַר אַז דער גייסטיגער פּרצוף פון דער אידישער מדינה זאָל אַנטשפּרעכען די גרויסע און הייליגע אידעאַלען פון תורה ומסורה. „דאָס אידישע וואָרט" וועט צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען אידישען פאָלק העלפען בויען און ענטוויקלען מדינת ישראל, אָבער וועט גלייכצייטיג אויך, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און אויסגעהאַלטענקייט, קעמפען דערפאַר אַז דער רוח ישראל סבא זאָל זיין דער הערשענ־דער און דאָמינירענדער אין ארץ ישראל.

עס איז דעריבער קלאָר אַז נאָך קיינמאָל האָט זיך דאָס רעליגיעזע אידענטום אין אַמעריקע ניט אַזוי גענויטיגט אין אַן אייגענער טריבונע, ווי אין דער איצטיגער צייט.

מיר מוזען זיך אָפּגעבען אַ דין וחשבון פון דער גרויסער אחריות, וואָס ליגט היינט צו טאָג אויף רעליגיעזע אידען אין אַמעריקע, וואָס ווילען און מוזען ממשיך זיי די גאָלדענע קייט פון דעם אידישען פאָלקס־לעבען, פון אידישער טראַדיציע און פון תורה־גייסט.

מיר מוזען געדענקען, אַז חוץ דאָס אידענטום אין ארץ ישראל, איז אַמעריקע, ביים היינטיגען טאָג, נאָך דעם חורבן פון מזרח אייראָפּעאישען אידענטום, דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער אידישער צענטער. דאָס איינציגע לאַנד וואו מיליאָנען אידען, כ״י, לעבען אין קאָמפּאַקטע מאַסען, און אין בהרחבה׳דיגע באַדינגונגען. דאָס איינציגע לאַנד אויף וועמען עס פאַלט דאָס אחריות פאַר׳ן קיום פון אידישען פאָלק, וואָס דאַרף זיין נישט בלויז דער מאַטעריעלער נאָר אויך דער גייסטיגער רעזערוואואַר פאַר׳ן עם ישראל.

מיר זענען טיעף איבערצייגט, אַז עס דרימלען גרויסע און פּרוכטבאַרע כחות צווישען די אידישע מאַסען אין אַמעריקע, אַז עס איז פאַראַן ביי די אידישע מאַסען אַ גרויסער דראַנג צוריקצוקערען צו דעם אידישען אַלטען מקור, צו אידישע טראַדיציע און צו תורה און אמונה. דער דאָזיגער דראַנג דאַרף נאָר אַקטיוויזירט ווערען, און

די צעשפּליטערטע און פונאַנדערגעשפּרייטע כחות דאַרפן ווערן צוזאַמענגענומען און אָרגאַניזירט.

דאָס איז דער חוב פון תורה׳דיגען כלל ישראל. און דאָס איז די אויפגאַבע פון דער אגודת ישראל אין אַמעריקע.

און בכדי צו קאָנען די דאָזיגע אויפגאַבע פאַרווירקליכען, מוז מען האָבען אַ מויל דורך וועלכען צו רעדען דירעקט און אָן שום פאַרמיטלער צו די אידישע מאַסען.

דאָס וועט זיין, ווי מיר האָפען אונזער צייטונג „דאָס אידישע וואָרט״, וואָס איר ערשטען נומער גיבען מיר היינט איבער אין די הענט פון אידישען לייענער, אין דער איבערצייגונג, אַז רעליגיעזע אידען אין די פאַראייניגטע שטאַטען וועלען פאַרשטיין און אָפּשאַצען די אַרבייט וואָס מיר נעמען היינט איבער, און וועלען אונז שענקען זייער סימפּאַטיע און זייער הילף.

היינט קומען מיר צום אידישען וואָרט און לאָמיר גלויבען, אַז בעז״ה וועט אונזער וואָרט געפינען דעם געהעריגען אָפּקלאַנג אין די אידיש־רעליגיעזע קרייזען.

(דאָס אידישע וואָרט י״ב שבט, תש״ט)

פאר ישראל און קדושת ישראל

היינטיגע וואָך עפענט זיך, בעזהי״ת, אונזער קאָנווענשאָן פון אגודת ישראל אין אַמעריקע.

די קאָנווענשאָן פון זעלבסטשטענדיגען רעליגיעזען אידענטום, וועט זיין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר תורה־אידישקייט און אַן עפנטליכע פראָקלאַמירונג אַז: עוד ישראל סבא חי.

אין דער כנסי׳ באַטייליגען זיך אַ גרויסע צאָל פון אונזערע מנהיגים, גדולי ישראל, ראשי ישיבה, אדמור״ים, רבנים און עסקנים, דעלעגאַטען און געסט.

פאַראַן אָבער טויזענדער אונזערע חברים און אחים־לדעה איבער אַמעריקע, וועלכע האָבען נישט די געלעגענהייט צו זיין מיט אונז ביים קאָנווענשאָן, אָבער זיי זיינען בכל לבם ונפשם מיט אונז. זיי וועלען נאָכפאָלגען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אונזערע פאַרהאַנדלונגען און באַשלוסען. מיר טאָרען אויך נישט פאַרגעסען, אַז דער אויסגאַנג פון אונזער היי־יאָריגער ועידה, האָט ניט נאָר אַ באַדייטונג פאַר דער באַוועגונג אין אַמעריקע, נאָר אויך פאַר אונזער גאַנצער וועלט־באַוועגונג.

* * *

עס שטעהען פאַר אונזערע אויגען די אַמאָליגע קאָנווענשאָנס פון דער אגודת ישראל אין אייראָפּאַ.

מיר זעהען די צווייטע פוילישע לאַנדעס־קאָנפערענץ אין אָנהויב פון די צוואַנציגער יאָרען. זי קומט פאָר אין גרעסטען אידישען זאַל אין וואַרשע, אויף אַבאַזשנא נומער 1. די אבאזשנא און די גאַסען אַרום געפּאַקט מיט מענשען. פּאָליציי מאַכט מיט מיה קוים פריי דעם וועג אַריינצוקומען אין קאָנווענשאָן־זאַל. איבער זעקס טויזענד דעלעגאַטען און געסט פילען אָן דעם האָל און די גאַלעריעס. די טריבונע געפּאַקט מיט די גרעסטע גאוני הדור, רבנים און אדמו״רים, און פיהרער פון דעם יהדות החרדית. די שפּאַנונג אַ געוואַלדיגע, אַ כל נדרי שטימונג. דער זאַל ציטערט פשוט פאַר הדרת קודש און דערוואַרטונג.

און אַט שטעלט זיך אויף דער גאון ר׳ מאיר דן פּלאָצקי זצ״ל און רופט אויס:

מיר טויזענטער אידען יראים ושלמים, זענען זיך צוזאַמענגעקומען דאָ צו טהון און פאַרשטאַרקען אידישקייט. דאָס איז אַן אַקט פון קידוש השם. טאָ לאָמיר, ווי עס איז די הלכה פון רמב״ם, מקדש זיין שם שמים ברבים. לאָמיר זיך אויפשטעלען און אַלע צוזאַמען אויסשרייען: שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד.

זעקס טויזענט אידען רופען דאַן אויס אין איין אָטעם: שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד און ווידער אַלע צוזאַמען: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

ווער עס האָט אַזעלכע מאָמענטען דורכגעלעבט, דער וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסען.

* * *

מיר זענען נישט אין פוילען. נישטאָ מעהר קיין אידיש פוילען. נישטאָ מעהר דאָרט דאָס אידענטום און נישטאָ מעהר דאָרט דאָס אידישקייט. מיר האָבען מעהר נישט יענע קאָכעדיגע אידען, און מיר האָבען מעהר נישט יענע מסירת־נפש'דיגע אידישקייט. דער בלוטיגער שונא, דער דייטשער עמלק ימ"ש וזכרו, האָט אַלץ אומגעבראַכט, אַלץ פאַר־טיליגט, אידען מיט אידישקייט צוזאַמען.

געבליבען זענען אונז יאָ די הייליגקייט פון יענע אידען און די הייליגע אידעאַלען פון דער אגודת ישראל. — גווילין נשרפין ואותיות פורחות.

אַ הייליגע ירושה וועלכע אונזערע ברידער־קדושים, האָבען מיט אַזאַ ברען, פייער און התלהבות געטראָגען מיט זיך און אין זיך, האָבען זיי אונז איבערגעלאָזט. אַזאַ ירושה איז צו עפּעס גרויסעס מחייב. מיר זענען טרעגער פון אידעען, פאַר וועלכע אונזערע הייליגע ברידער האָבען געלעבט און אומגעקומען.

אמת, מיר קענען זיך נישט פאַרגלייכען און נישט פאַרמעסטען מיט יענע הייליגע עדה'ס, מיט יענע קדושה'דיגע קהלות. אָבער ווי טייטשט דער רבי ר' בונם פון פשיסחא זצ"ל: מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי, — יגיעו מלשון נגיעה, מ'בעט כאָטש אַ נגיעה, מ'שטרעבט כאָטש האָבען אַן אָנריר אין די מעשי אבות הקדושים. זאָלען מיר אויך ווייניג־סטענס האָבען פאַר די אויגען יענע גרויסע, טייערע און הייליגע אידען וועלכע זענען נישט נאָר אומגעקומען ווי קדושים, נאָר אויך געלעבט ווי קדושים. וואָס זייער גאַנץ לעבען אוןווירקען, אַלע זייערע מעשים און מחשבות, זענען געווען איין קייט פון מסירת נפש, מסרו לבם ונפשם, גופם ונשמתם, בעד קדושת שמו יתברך.

לאָמיר האָבען פאַר אונזערע אויגען זייער געהייליגט לעבען, און בעת מיר קומען זיך צוזאַמען צו טראַכטען און טאָן פאַר אידישקייט, לאָמיר זיי נעמען פאַר אַ מוסטער און מורי דרך.

* * *

אונזער היינטיגער כינוס קומט פאָר אין אַ היסטאָרישער צייט.

אונזער פאָלק ישראל האָט איבערגעלעבט זיין גרעסטע טראַגעדיע, זיין שוידער־ליכסטען חורבן און קאַטאַסטראָפע. מעהר ווי אַ דריטעל פון ישראל איז אומגעקומען, אָבער פיעל, פיעל מער איז אומגעקומען ישראל סבא. אַלעס הייליגעס וואָס איז במשך דורות געבויט געוואָרען איז מיט אַמאָל חרוב ונחרב געוואָרען.

מיר ווייסען נישט די וועגען פון דער השגחה, נסתרים דרכי השם, אָבער מיר, מאמינים בני מאמינים, זעען און גלויבען אין דעם וואָס פירט און וואַכט איבער אונז. מיר האָבען געזעען דעם מדת הדין אין אונזער חורבן, און מיר ווילען האָפען נאָך צו האָבען דעם זכות אויך צו דערזעען דעם מדת הרחמים און די ישועת ישראל.

אין דער דאָזיגער גרויסער און היסטאָרישער צייט פאָדערט זיך פון אידען, און בפרט פון רעליגיעזע אידען, גרויסע און היסטאָרישע מעשים, פאַר קיום העם און פאַר קיום היהדות. מיר מוזען ווערען דערוואַקסען און זיך אָנשטרענגען צו דערגרייכען צו דער הויך פונ'ם אחריות וואָס די השגחה האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט אין דער דאָזיגער גורל'פולער שעה.

* * *

פּראָבלעמען, וויכטיגע און דרינגענדע, וועלען זיך געפינען אויפ'ן סדר־היום פון קאָנוועשאָן. אָבער פון זיי אַלע וועלען זיך אויסטיילען צוויי הויפּט פּראָבלעמען, דאָס זענען: חיזוק היהדות דאָ אין אַמעריקע און בנין ארץ ישראל ברוח התורה והמצוה.

פאַרשטאַרקען אידישקייט, לימוד התורה און קיום המצוות, פאַרפלאַנצען תורה־חינוך פאַר די אונטערוואַקסענדע דורות, וועלכע זענען דער עתיד פון אונזער פאָלק, דאָס איז דער חוב פון גאַנצען אידענטום און פון יעדען איד בכל מקום ובכל זמן. די אהלי יעקב ומשכנות ישראל מוז מען אויפשטעלען אומעטום וואו אידען געפינען זיך צי אַ סך אָדער ווייניג, צי אויף לאַנג אָדער אויף קורץ. בפרט דאָ אין אַמעריקע וואו עס לעבט כמעט אַ העלפט פון גאַנצען אידישען פאָלק.

בויען ארץ ישראל און דער בנין זאָל זיין ברוח התורה וקדושה, איז דאָך זיכער דער ראש וראשון איבער אַלע פּראָבלעמען, וואָס שטעהען היינט און מאָנען גרויסע אָנ־שטרענגונגען און מעשים פון אָרגאַניזירטען תורה אידענטום.

דאָס רעליגיעזע אידענטום שטייענדיג צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פאָלק ישראל אין דער אויפבוי אַרבייט פון ארץ ישראל, האָט אָבער גלייכצייטיג פאַר זיך אַ באַזונדערע גרויסע און היסטאָרישע אויפגאַבע צו שטיין אויף דער וואַך פון קדושת הארץ און קדושת העם.

* * *

כדי די דאָזיגע גרויסע אויפגאַבען צו ערפילען מוזען אויף דער קאָנווענשאָן געפונען ווערען די וועגען פאַר פאַרשטאַרקען די אגודת ישראל און איר אויסבויען אין אַ שטאַר־קען און ווירקענדען כוח.

אַלע יראים וחרדים וועלכע זענען ברוח מיט אונז, מוזען ווערען אַקטיוו און זיך באַטייליגען אין דער אַרבייט פון אונזער באַוועגונג. אונזער אָרגאַניזאַציע מוז ווערען אויסגעברייטערט און אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז זי זאָל זיין בכוח אריינצונעמען אַלע שעפערישע כחות פון תורה־אידען אין אַמעריקע.

פון דעם היינטיגען כינוס מוז אַרויסגעהען דער רוף צו אַלע יראים ושלמים זיך איינצושליסען אין אָרגאַניזירטען תורה־אידענטום און דערמיט פאַרשטאַרקען די רייהען און די אַרבייטס־מעגליכקייטען פון דער אגודת ישראל.

אין די איצטיגע שעה'ן פון אונזער כנסי', לאָמיר אויפלעבען אין זכרון, די אַמאָליגע גרויסע כנסיות, מיט אונזערע גרויסע גאוני התורה וקדושי ישראל.

זיי זענען טאַקע נישט מיט אונז בגוף, אָבער זיי זענען יאָ מיט אונז ברוח. זיי וועלען אונז באַגלייטען אין אונזערע באַראַטונגען און אונזערע החלטות, וואָס האָבען פאַר זיך דעם ציל מחזק צו זיין עם ישראל און קדושת ישראל.

(„דאָס אידישע וואָרט" כ"א אייר, תש"ט)

אַ פאַראייניגטער תורה פראַנט

ארץ ישראל איז דער מוסטער. ארץ ישראל איז דערביישפיל, וואָס עס איז איצט דער געבאָט פון דער שעה פאַר רעליגיעזע אידען.

פאַראייניגען און צוזאַמענשליסען אַלע אַקטיווע כחות פון יהדות החרדית, און אים פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקענדען און שאַפענדען כח, דאָס איז איצט דער צו השעה. אין ארץ ישראל, וואו דאָס פרומע אידענטום שטייט פנים אל פנים מיט דער לעבעדיגער ווירקליכקייט, איז אַזאַ פאַראייניגונג געוואָרען אַ זעלבסטפאַרשטענדליך ענין.

מדינת ישראל בויט זיך, דער פאָרם פון לעבען קאָנסטאַטירט זיך. און אויב דער רעליגיעזער ישוב זאָל קענען האָבען די מעגליכקייט מיטצוליגען זיין חותם אויף דעם בוי פון דער מדינה און זיין גייסטיגער געשטאַלטונג, קען עס נאָר געשעהן ווען אַלע רעליג־יעזע ריכטונגען וועלען זיין פאַראייניגט.

דאָס האָבען פאַרשטאַנען אַלע אָרגאַניזירטע טיילען פון ישוב החרדי, און דאָס האָט געבערענגט צום „חזית דתית מאוחדת". ארץ ישראל באַגנוגענט זיך אָבער נישט בלויז מיט זייער אחוד, נאָר זי מאָנט דעם זעלבען אחוד, ביים גאַנצען רעליגיעזען אידענטום, בכל מקומות מושבותיהם, און גאָר ספּעציעל אין אַמעריקע.

*   *   *

די פאַראייניגונג פון אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין אַמעריקע, איז נישט נויט־ווענדיג בלויז דערפאַר וואָס זי קען זיין אַ גרויסע הילף פאַר ארץ ישראל און ספּעציעל פאַר׳ן חרדי׳שען ישוב. איר נויטיגקייט איז אויך פאַר׳ן פאַרשטאַרקען תורה אידיש־קייט דאָ אין אַמעריקע, וואו עס לעבט היינט צו טאָג, אָן עיה״ר, אַ העלפט פון גאַנצען אידישען פאָלק.

עס איז זיכער, אַז אַ פאַראייניגטער פראָנט פון רעליגיעזען אַמעריקע קען זיין אַ גרויסע הילף און אָנשפּאַר פאַר׳ן ישוב החרדי אין ארץ ישראל, און קען האָבען אַ קאָלאָ־סאַלע השפעה אויפ׳ן גאַנג, ענטוויקלונג און קאָנסטאַטירונג פון דער ניי־אַנטשטאַנענער מדינת ישראל, פאַר איר עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און גייסטיגער אויספאָרמונג. מדינת ישראל, און די וועלכע שטעהן בראש ממשלתה, וועלען זיך זיכער רעכענען, און מוזען רעכענען, מיט׳ן ווילען פון אַ תורה־אידענטום, אויב דער ווילען וועט זיין פון אַ פאַר־אייניגט תורה אידענטום איבער דער וועלט.

דער פרומער ישוב וועט זיך אויך אַנדערש פילען אין זיינע באַמיהונגען און קאַמף פאַר אַ תורה לעבען אין דער מדינה, ווען זיי וועלען וויסען אַז דער ווילען פאַר אַ תורה׳דיג ארץ ישראל, קומט פון גאַנצען רעליגיעזען כלל ישראל אין דער וועלט.

מ׳דאַרף נישט זיין געגאַרט און זיך איינרעדען, אַז אַלעס אין דער מדינה איז שוין כשורה, אַז אַלעס פירט זיך שוין און וועט זיך ווייטער פירען כראוי וכדבעי, אין הסכם מיט חוקי התורה. מ׳טאָר אויך זיך נישט איינרעדען, אַז די באַגרענעצטע צאָל מיטגלידער וואָס דער רעליגיעזער בלאָק האָט אין דער כנסת, און די דריי חרדי׳שע מיניסטאָרען וואָס זיצען אין ישראל קאַבינעט, זענען שוין די גאַראַנטיע אַז מדינת ישראל

וועט זיך אויסבויען אויף יסודות פון היסטאָרישער אידישקייט, אויף יסודות פון תורה, דת ואמונה.

שוין יעצט, און וואָס אַ מאָל מער, פילט זיך דער פאַרמעסט פון שטאַרקע און איינפלוסרייכע טיילען אין דעם אידישען לאַנד, פאַר רעפאָרמען אין אידישען לעבען און איר אָפּרייסען פון דער טויזענד־יעריגע טראַדיציע פון תורה מסיני, אַ טייל אינגאַנצען אָפּשאַפען און אַ טייל אַזוי פאַרענדערען און צופאַסען כלומר׳שט „צום לעבען״, אַז עס זאָל נישט בלייבען מער ווי קוים אַ — זכר לתורה.

עס וועט זיך זיכער פאַרלאַנגען אונגעהויערע אָנשטרענגונגען, מוט און עקשנות פון אונזערע חרדים אין ארץ ישראל, צו שטעהן על המשמר און זיך נישט אָפּשרעקען אינ׳ם קאַמף פאַר אַ הייליג אידיש לעבען אין דעם הייליגען אידישען לאַנד.

פאַר אָט דער הייליגער זאַך, פאַר בויען אַן אמת־אידיש פאָלקס לעבען אין אונזער אידיש לאַנד, מוז קומען די מאָביליזאַציע פון גאַנצען תורה־אידענטום איבער דער וועלט, ווייל ארץ ישראל געהערט צום גאַנצען עם ישראל.

ארץ ישראל וועט האָבען די השפעה איבער אַלע אידען אין דער וועלט, און דאָס רעליגיעזע אידענטום די בכל אתר ואתר, איז און מוז זיין גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט אַז דער תלפיות, תל שכל ישראל פונים לו, זאָל זיך אויסבויען און זיין אַ מוסטער פון אידיש לעבען און אידישער אייגנאַרט, אידישע תורה און אידישע מסורה. אַ לאַנד וואָס זאָל נישט נאָכמאַלפּעווען ניט־אידישע קולטורען און ציוויליזאַציעס; נאָר וואָס זאָל זיך אָנזעהן איר אידישקייט און ג־טליכקייט. די אידישע וועלט זאָל עס האָבען פאַר אַ מוסטער פון: כזה ראה וקדש, און די נישט־אידישע וועלט זאָל קענען דערזעהן דאָס תפארת פון ישראל.

—וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך.

* * *

אָבער ווי שוין געזאָגט, איז דאָס נויטיגקייט פון אַזאַ פאַראייניגונג, די באַדייטונג פון אַזאַ געשאַפענעם רעליגיעזען פראָנט, זער וויכטיג פאַר אַמעריקע גופא.

אַמעריקע מיט אירע איבער פינף מיליאָן אידען, כן ירבו, איז דער גרעסטער, שטאַרקסטער און איינפלוסרייכסטער ישוב אין דער גאַנצער אידישער גלות געשיכטע, אָבער ווען עס קומט צו אידישקייט איז ער פון די שוואַכסטע.

אַמעריקאַנער אידען זענען ברייטהאַרציג און אָפען־הענדיג. אידען שטעהן דאָ שטענדיג גרייט פאַר אויסשטרעקען הילף, פאַר געבען צדקה וחסד, בכל מקום ובכל זמן, סיי פאַר׳ן יחיד און סיי פאַר׳ן כלל. דאָס אַמעריקאַנער אידענטום קען ווירקליך שטאָל־צירען מיט זיין גרויסקייט און אָפּפערווילליגקייט פאַר לינדערען אידישע נויט אוןליידען.

ווען עס קומט אָבער צו געבען כחות און קרבנות פאַר אייגענער אידישקייט, איז עס זעהר און זעהר שוואַך און פאַרנאַכלעסיגט.

זיכער ווייזט זיך, אין די לעצטע יאָרען, אַ בעסערונג אין דעם אַזוי־טרויעריגען אידישקייט־מצב. דאָס אָנקומען פון גרעסערע צאָהלען פון דעם גרעאַטעוועטען שארית ישראל אין אייראָפּע, וועלכע האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט זייער גאַנצער אידישקייט, האָט זיכער מיט זיך מיטגעברענגט אַן אויפלעבונג און התעוררות, אַז טיילען פון אַמע־ריקאַנער אידען זאָלען זיך אויפכאַפּען און דערזעהן די גייסטיגע ירידה פון אידישען לעבען דאָ אין אַמעריקע.

אָבער דאָס איז נאָר אַ דערוואַכונג, קוים אַ התחלה, און עס איז נאָך ווייט, ווייט פון דעם וואָס עס באַדאַרף זיין און קאָן ווערן.

* * *

יעדער כח פונ׳ם יהדות החרדית, איז אַ ברכה פאַר חזוק היהדות. אַלע אַקטיווי־טעטען פון די עקזיסטירענדע ריכטונגען דאַרפען איבערגעלאָזט ווערען, און זייערע גבולין און קאָמפּעטענצען דאַרפען נישט אָנגערירט ווערען. מען דאַרף שטאַרקען די הענד פון יעדען צבור און פון יעדען יחיד, וואָס טהוט עפּעס פאַר הרבצת תורה והחזקת הדת. יעדער געשאַפענער פונקט איז אַ געוואונענע פּאָזיציע, און יעדער צושטייער איז טייער און אומ־שעצבאַר.

עס בלייבט אָבער נאָך גענוג פאַר געמיינזאַמער אַרבייט, פאַר בשותפות׳דיגער אָנשטרענגונג, וואָס זאָל העלפען אויפוועקען דאָס אידישע אַמעריקע פון זיין לעטאַרגישען שלאָף און גלייכגילטיגקייט צו דעם אָפּגעפרעמדקייט, עם־הארצות און הפקרות, וואָס עס האָט אַרומגענומען די גרעסטע טיילען פון דעם אַמעריקאַנער אידישען קבוץ.

אַ גרויס פעלד פון פּיאָנערען אַרבייט שטייט פאַר. אַלע געביטען פון אידישקייט שטעהען לגמרי פאַרוואָהרלאָזט, און דאָס וואָס עס איז יאָ געטאָן געוואָרען, איז עס קוים אין סטאַדיום פון אַ התחלה. אויב אין דער אָדער יענער גרעסערער קהלה זענען פאַר־פלאַנצט געוואָרען סימנים פון אמת׳ער אידישקייט, געפינען זיך באַלד דערביי צענדליגער און הונדערטער קהלות, וועלכע זענען, ליידער, פריי פון יעדען שפור פון תורה־יהדות.

די אַרבייט קען בשום אופן נישט געטאָן ווערען מיט הצלחה דורך אַן איינצעלנע קערפּערשאַפט און אָרגאַניזאַציע. דאָס קען נאָר געטאָן ווערען דורך אַן אחוד פון אַלע אַקטיווע כחות פון רעליגיעזען אידענטום.

מיר האָבען בעת דעם לעצטען אומפאַרגלייכליכען חורבן אָן אַ שיעור פאַרלוירען, כמעט אַלעס גייסטיגעס וואָס מיר האָבען אַלס פאָלק פאַרמאָגט. און מיר קענען נישט זיך פאַרגינען אויך דעם גרויסען אַמעריקאַנער אידישען קבוץ גייסטיג, חלילה, צו פאַרלירען.

* * *

אגודת ישראל, טראָץ איר זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּהענגיקייט, טראָץ דעם וואָס זי גייט זיך פונאַנדער פון אַנדערע רעליגיעזע ריכטונגען אין אירע השקפות און לעבענס־פּראָגראַמען, איז זי אָבער שטענדיג גרייט פאַר יעדער קאָנסטרוקטיווער אַרבייט פון דעם גאַנצען יהדות החרדית אין ארץ ישראל און אין ארצות הגולה.

מיר זענען דערפאַר, ווייל מיר זענען איבערצייגט, אַז אין דער איצטיגער הרת־עולם׳דיגער צייט, מוז דורך אונז אַלעס געטאָן ווערען פאַר פאַרשפּרייטען תורה יהדות אין אַלע קרייזען און שיכטען פון אונזער פאָלק. עס איז נישטאָ, און קען נישט זיין, קיין עם ישראל און קיין מדינת ישראל אָן תורת ישראל. פאַר דעם מוז מאָביליזירט ווערען יעדער איד אשר יראת ד׳ נוגע בלבבו, יעדער יחיד און יעדער צבור.

— ויעשו כלם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

(דאָס אידישע וואָרט ערב ר״ה תש״ט)

די אָרטאָדאָקסיע און יו. דזשעי. עי.

דער "יונייטעד דזשואיש אַפּיעל", וואָס האָט אין פאַריגען יאָר געזאַמעלט 150 מיליאָן דאָלאַר און האָט זיין היי־יאָריגער קוואָטא אָנגעצייכענט אויף 250 מיליאָן, איז דער הילפס־אָרגאַן פון גאַנצען אַמעריקאַנער אידענטום. ער האָט דעם פּאַרטרויען פון גאַנצען אַמעריקאַנער אידענטום און זיינע געלט־קוואַלען קומען אויך פון גאַנצען אַמעריקאַנער אידענטום.

די נויט ביים אידישען פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, אין די יאָרען פון דער מלחמה און נאָך דער מלחמה, און די געברויכען פון אויסבויען ארץ ישראל, זענען געוועהן און זענען נאָך אַזעלכע ריזיגע, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידענטום האָט זיך געזעהן געצוואונגען אויסצובויען אַזאַ קאָלאָסאַלען הילפס־אַפּאַראַט ווי דער "יונייטעד דזשואיש אַפּיעל" וועלכער איז אין זיך שוין כולל אויך דעם "יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיעל".

און אין דער לייטונג פון אָט די גרויסע און וויכטיגע הילף־אָרגאַניזאַציע צו וועלכע אַלע אידען אין אַמעריקע, שענקען זייער פּאַרטרויען און זייערע צדקה געלדער, איז דאָס רעליגיעזע אידענטום אין אַמעריקע ניט פאַרטרעטען.

ווער איז שולדיק אין דעם מצב? ווער איז שולדיק, וואָס אין דער גרעסטער און מעכטיגסטער הילפס־אינסטיטוציע וואָס אידען האָבען, ווען עס איז אַמאָל, אויפגעבויט, איז דאָס רעליגיעזע אידענטום ניט פאַרטרעטען? ווער טראָגט דאָס אחריות וואָס איר טרעפט דאָרט פאַרטרעטער פון אַלע ריכטונגען, נאָר נישט פון דער אָרטאָדאָקסיע?

און דער עיקר: צי גיט זיך די אָרטאָדאָקסיע אַליין אָפּ אַ חשבון פון דעם, און צי וועט דער אומערטרעגליכער מצב געדולדעט ווערען אויך ווייטער?

* * *

ניט פאַראַן קיין איין איד אין אַמעריקע, וואָס זאָל זיך נישט באַטייליגען, מיט זיין צושטייער פאַר דער גרויסער הילפס־אַרבייט. ניט פאַראַן קיין איין אָרטאָדאָקסישע שוהל און בית־התפלה, וועלכע זאָל נישט דורכפירען אַפּיעלס פאַר אָט דעם צוועק. ניט פאַראַן קיין אָרטאָדאָקסישער רב, וואָס זאָל נישט ערפילען זיין חוב, צו אַפּעלירען לטובת דעם אַפּיעל.

און נאָר דורך דעם פאַרטרויען און אונטערשטיצונג פון אַלע אידישע קרייזען אין אַמעריקע, איז דער "יו. דזשעי. עי." אויסגעוואַקסען צו זיין איצטיגען פאַרנעם.

אַזוי טרעפט איר דעם רעליגיעזען איד אומעטום.

איר טרעפט דעם רעליגיעזען נדבן ביים טראָגען זיין צושטייער; דעם אָרטאָדאָקסישען עסקן ביים שאַפען די פאָנדען, און דעם אָרטאָדאָקסישען רב ביים עפענען אידישע הערצער און אידישע געפילען פאַר דער גרויסער אידישער נויט. און מיט זייער מיטהילף ווערען דורך דעם "יו. דזשעי. עי." אויפגעזאַמעלט די קאָלאָסאַלע סומען פאַר דער נויטיגער הילף און רעטונגס־אַרבייט.

אין איין אָרט אָבער טרעפט איר אים נישט. נישט דעם אָרטאָדאָקסישען נדבן, נישט דעם אָרטאָדאָקסישען עסקן און נישט דעם אָרטאָדאָקסישען רב.

אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „יו. דזשעי. עי.״ איז ער נישט פאַראַן.

דאָרט דאַרף מען אים, דעם אָרטאָדאָקסישען פאַרשטעהער, נישט האָבען. צו געבען, צו שאַפען, צו אַפעלירען, יאָ. צו דעם, מעג מען דעם פרומען איד נוצען. אָבער זאָגען דעות, זעהן וואו און וואָס, דאָרט איז ער נישט נויטיג. דער פרומער איד און נדבן, די אָרטאָדאָקסישע שוהל, דער אָרטאָדאָקסישער רב, זיי זענען מותר לבוא בקהל, אַזוי לאַנג ווי מען דאַרף זיי אויסנוצען. ווען עס קומט אָבער צו פאַרוואַלטונג, צו דעות זאָגען, דאָ ווערען זיי... אסור לבוא בקהל.

זוכט איבער גאַנץ אַמעריקע, אין יעדער שטאָדט און שטעטיל, און פרובירט צו געפינען רעליגיעזע אידען אין די לאָקאַלע „דזשואיש וועלפעיר פעדעריישאַנ׳ס״.

זוכט זיי, אדרבא, אין די גרעסערע אידישע קהלות, שיקאגא, דעטראָיט, קליוולאַנד, לאָס־אַנדזשעלעס, באַלטימאָר א. א., וועלכע פאַרמאָגען אַזעלכע וויכטיגע אויטאָריטעטע רבנים און אָרטאָדאָקסישע עסקנים, און געפינט אויס וויפיל פון זיי זיצען אין דער פאַר־וואַלטונג פון די פעדעריישאַנס. און פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון „יו. דזשעי. עי.״ דאָ אין ניו־יאָרק, איז דאָך שוין אָפגערעדט. אין אַלע באָאורדס, אַדמיניסטראַטיוו־קאָמיטעס און עקזעקוטיוועס, קענט איר געפינען, אפשר צוויי אָדער דריי נעמען פון לעבליכע אָרטאָ־דאָקסישע אידען, ווי עפּעס אַלס זכר לחורבן.

די אָרטאָדאָקסיע איז, לגבי דעם „יו. דזשעי. עי.״ געוואָרען אַ מעלקענדע קוה.

ווען איר בלעטערט דורך אַלע רשימות פון דער לייטונג פון דער „יו. דזשעי. עי.״ וועט איר דאָרט געפינען נעמען מכל מינים שהם, מענשען, וואָס פאַרטרעטען פאַרשידענע קרייזען און ריכטונגען, אפילו פאַרטרעטער פון די „גענאַסען״. איין ריכטונג וועט איר דאָרט נישט טרעפען. די ריכטונג פון דער אָרטאָדאָקסיע איז — בבל יראה ובבל ימצא.

* * *

רייכע יאהודים, אויפגעקומענע אַלרייטניקעס, זענען געוואָרען די גאַנצע בעלי־בתים איבער אידישע הילפס־פאָנדען דאָ אין אַמעריקע. זיי, וואָס זייער גאַנצע שייכות מיט אידען און אידישקייט איז דער טשעק וואָס ער „ספענדעט״ אַלס „טשאַריטי״ פאַר זיינע פאַראָרימטע ברידער אין דער וועלט, זענען די, וואָס דאַרפען פאַרוואַלטען מיט אַלע וועלפעיר־פאָנדס און פעדעריישאַנס, און מיט׳ן צענטראַלען־פאָנד פון „יו. דזשעי. עי.״.

און אַזוי ווי זיי זענען גאָר ווייניג באַהאַוועגט אין די דראָבנע אותיות, ווייסען נעבעך אין אידישע ענינים גאָר קנאַפּ וואו איין און וואו אויס, און אַ ידיעה האָט מען אין אידישקייט און וועגען אידישע פראָבלעמען ווי אַ האָן אין בני אדם, — האָבען זיי זיך איינ־געהאַנדעלט אַ הייפעל רעפאָרם־ראַביים אַלס די „אוטשאָני יעווריעיס״, און צוזאַמען, דער יאַהודישער אַל־רייטניק מיט דעם זונטאָג־ראַביי, ווערען די פאַקטישע בעלי־בתים איבער די הונדערטער מיליאָנען צדקה־געלטער, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידענטום גיט יאָר־ערליך.

זיי ביידע — דער שידוך צווישען רעפאָרם־שקר און יאַהודימשער עם־הארצות — פאַרמעסטען זיך צו ווערען די פאַקטישע בעלי־דעה, איבער׳ן אַמעריקאַנער אידענטום.

די סכנה איז אַ גרויסע. דאָ אין אַמעריקע, וואו „מאָני טאָקס״; וואו געלט שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע; וואו דער דאָלאַר איז דער אַנטשיידענסטער פאַקטאָר און ממש דער אָפּגאָט, פאַר וועמען אַלע, טאַקע אַלע, פאַלען כורעים ומשתחוים, דראָהט פאַקטיש אַ סכנה, אַז אַ הייפעל פון געלט־מאַגנאַטען, עטליכע אַמביציעזע און הויך־באַצאָלטע באַאַמטע

און אַ מנין טשוירטש־ראַביים, זאָלען דורך דער פאַרכאַפּונג פון די צדקה־געלטער, — וואָס אַלע קרייזען פון אַמעריקאַנער אידענטום גיבען אַזוי ברייט־האַרציג, — ווערען די בעלי־דעה איבער׳ן גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען, דאָ אין אַמעריקע, ביים שארית ישראל אין אייראָפּע, און אין ארץ ישראל.

מיט דער הילף פון די קהל׳שע געלטער ווערט מען די צוטיילער פון אַלע צדקות און אונטערשטיצונגען; ווערט מען די בעלי־דעה אָפּצושאַצען ווער איז ווער און וואָס איז וואָס; וועלכע דבר שבצדקה און דבר שבקדושה איז וויכטיגער און וועלכע איז מינדערוויכטיגער. די צדקה פון אַמעריקאַנער אידען איז אַרויס פון דעם רשות היחיד און איז אַריין אין רשות פון אַן אָרגאַניזירטער מאַשין. און אַנשטאָט וואָס יעדער איד און נדבן זאָל מיט זיין אייגען פיהלענד אידיש האַרץ באַשליסען און אַנטשיידען אויף וואָס זיין צדקה זאָל געהן, טהוט עס אַ הייפעל ביוראָקראַטען, וועלכע זענען פרעמד סיי די מנדבים און סיי די וועלכע דאַרפען די אונטערשטיצונגען באַקומען.

עס דראָהט אַ ספּעציעלע סכנה די מוסדות התורה און אַלע אָרטאָדאָקסישע אינסטיטוציעס דאָ אין לאַנד, אין אייראָפּע און אין ארץ ישראל, וועלכע האָבען אַלע־מאָל געטראָפען אָפענע אויערען און אָפענע הערצער צווישען אַמעריקאַנער אידען. דורך דער צענטראַליזירטער און ביוראָקראַטישער צדקה־מאַשין, וועלכע רופען זיך פעדעריישאַנס, ווערען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסען וואָס אַמאָהל מעהר די מעגליכקייטען פאַר יעדע ווענדונג און רוף, וואָס זאָל דערגרייכען דעם נדבן דירעקט.

און עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען די פיעל־פאַכע סכנה אויב אין די צענ־טראַליזירטע צדקה אינסטיטוציעס וועט די אָרטאָדאָקסיע ס׳מאָל ניט זיין פאַרטרעטען.

* * *

און עס שטעלט זיך די פראַגע: וואו איז דאָס רעליגיעזע אידענטום אַליין? וואָס טראַכטען די אָרטאָדאָקסישע אידען און זייערע פיהרער, זייערע עסקנים און רבנים.

מיר זענען אַלע געווען עדות די לעצטע צייט פון אַ גרויסען קאַמף, וואָס האָט זיך געפיהרט אַרום דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיעל", פון מענטשען און גרופּען, וועלכע זענען כמעט פון איין חדר, און דאָך האָבען זיי זיך ערלויבט צו פיהרען אַזאַ העפטיגען און פאַרביסענעם קאַמף, אין וועלכען דער פערזענליכער מאָמענט און פאַרטייאישע חשבונות האָבען פאַרנומען פיעל מעהר אָרט ווי אידעאָלאָגיעס.

און מיר רעליגיעזע אידען, וואָס דאָס פּראָבלעם ריהרט אָן בצפור נפשנו; אין דעם „זיין אָדער נישט זיין" פון דער אָרטאָדאָקסיע, איהרע תורה און חינוך אינסטיטוציעס, אירע מוסדות צדקה וחסד, און אַלע איהרע געברויכען און נויטען, — וואו איז דער קאַמף פאַר אונזער זאַך? איז מעגליך, אַז די אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע, וועלכע איז ב״ה אַ כוח, זאָל זיך נישט צוזאַמענעהמען און זאָגען איהר וואָגיג וואָרט?

מיר מוזען דאָ קלאָהר אונטערשטרייכען, ווען מיר רעדען פון דער אָרטאָדאָקסיע און די דיסקרימינאַציע געגען דער אָרטאָדאָקסיע, ווילען מיר נישט זיין ענג־פאַרטייאיש. מיט אָרטאָדאָקסיע מיינען מיר דאָס גאַנצע רעליגיעזע אידענטום. די גרויסע מאַסען, וועלכע זענען אָרגאַניזירט, און די בלי ע״ה גרויסע צאָהל אידען, וועלכע זענען נישט אָרגאַניזירט. מיר מיינען דערמיט, די אַלע הונדערטער טויזענטער אידען, וועלכע קומען דאַווענען אין די שוהלען, און גיבען זייערע צדקה־געלטער אין די שוהלען און דורך די שוהלען. מיר מיינען די טויזענטער אָרטאָדאָקסישע רבנים וועלכע נעמען אַקטיווען

אַנטייל אין אַלע אַקציעס פון „יו. דזשעי. עי.״. מיר מיינען, די פיהרענדע כחות וועלכע שטעהען אין שפּיץ פון אָרטאָדאָקסישען געזעלשאַפטליכען לעבען. מיר מיינען דערמיט אויך די גרויסע אָרטאָדאָקסישע נדבנים, וועלכע גיבען זייערע טויזענטער און צעהן־טויזענטע דאָלאַרדיגע תרומות.

זיי אַלע מיינען מיר. וואו זיינען זיי?

עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז עס זאָל קומען צו אַ פאַראייניגונג פון אַלע רעליגיעזע אידען, קערפּערשאַפטען און אָרגאַניזאַציעס. פאָרשטעהער פון אָרטאָדאָקסישע שוהלען, רבנים און גייסטיגע מנהיגים און פאַרטרעטער פון די מוסדות התורה והחינוך אין אונזער לאַנד. זיי מוזען זיך אַוועקזעצען ביי איין טיש און מאַכען אַ סוף צו דעם אומדערלאָזבאַרען און אונטערטרעגליכען מצב, וואָס עס האָט זיך געשאַפען אין אונזער אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען.

די העכסטע צייט דערפאַר, דען:

— אם לא עכשיו אימתי.

(דאָס אידישע וואָרט י״ד ניסן תש״ט)

ווער זענען די מנהיגים
אין דער אידישער אַמעריקא

עס איז צייט פאַר יעדען באַוואוסטזיניגען איד זיך צו שטעלען די זעהר פשוט'ע און גלייכצייטיג ערנסטע פראַגע:

ווער זיינען די מענשען, וועלכע שטעהען בראש פון אידיש-געזעלשאַפטליכען לעבען דאַ, אין דער מדינת אַמעריקא?

ווער זיינען דאָס די, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען אָנצופיהרען מיט'ן אידישען כלל-לעבען פון דעם גרויסען אַמעריקאַנער אידישען צבור?

ווער זיינען זיי?

אַמאָל האָט מען געוואוסט ווער זיי זיינען, זיי, די עיני העדה.

אַמאָל, אין די גוטע, אַלטע צייטען, ווען אידען זיינען געווען — אידען, און אידישקייט איז געווען — אידישקייט, איז געווען קלאָהר ווער עס דאַרף געשטעלט ווערען בראש פון דער אידישער עדה; ווער עס דאַרף פיהרען מיט אידישע ענינים און מיט די צרכי-העדה; און ווער עס קאָן זיין אַ וואָרט-זאָגער אין נאָמען פונ'ם כלל-ישראל.

אַמאָל איז דאָס געווען זעהר קלאָהר.

בראש פון אידישען צבור-לעבען זיינען געשטאַנען די באַרופענע דערצו — באַריהמטע תורה-אויטאָריטעטען, באַוואוסטע עסקנים און נדיבים, מענשען, וועלכע האָבען געלעבט מיט'ן פאָלק און פאַר'ן פאָלק; מענשען, וועלכע זיינען געווען משכמם ולמעלה גבוהים מכל העם, אָבער דערביי מיטגעלעבט און מיטגעפיהלט מיט יעדען יחיד און צבור איז זייערע ליידען און אין זייערע פריידען; מענשען וועלכע זיינען געווען מיט אַלע פעדים פון זייער האַרצען און נשמה פאַרבונדען מיט אַלע קניני וקדשי האומה.

אָט אַזעלכע אנשי חיל ויראי השם זיינען דאָס געווען די, וועלכע מען האָט ממנה געווען אַלס ראשי העם.

און היינט? ווי זעהט אויס די לאַגע דאָ, אין אַמעריקא? ווער זיינען דאָס די היינטיגע מנהיגי ישראל?

איהר האָט געהערט מן הסתם פון אַ אידישער אינסטיטוציע „האַיאַס". אַ פיינע געזעלשאַפט. זי טוט גוטע הילפס-אַרבייט. אידען שטיצען די „האַיאַס", אין שוהלען און אין בתי תפלות מאַכט מען פאַר איהר אַפּיעלס אַפילו אין יום הקדוש — אַלץ גאַנץ פיין.

נו, קומט זיך צוגעהן איהר פרעזידענט, אַ געוויסער סעמועל טעלסי, און גיט אַן אינטערוויו אין דער ענגלישער „פאָסט" און צושרייבט זיך דאָרט ווי אַזוי ער „מוז יעדען אין דער פריה" אַנהויבען זיין ברעקפעסט מיט... „העם ענד עגס".

צו וואָס אַמעריקאַנער אידען דאַרפען וויסען, אַז ער, דער „חשוב'ער פרעזידענט" פון „האַיאַס" איז יעדען פריהמאָרגען „דבר אחר'דיג" געשטימט און הויבט אָן זיין סעודת-שחרית מיט חזיר'יי, איז שווער צו פאַרשטעהן. זעהט אויס, אַז דער מר. טעלסי

פיהלט זיך זעהר געהויבען דורך זיין חזיר׳דיגען ברעקפעסט און מן הסתם איז עס אויך אַ שטאָלץ פאַר׳ן „האַיאַס״ צו האָבען אַזאַ „פאַר׳העמ׳טען״ פּרעזידענט.

און אַט ליגט פאַר אונז די „טיימס״ פון פעברואַר 21, און — לייענט:

„סינסינעטי. אַלפרעד מ. קאָהן, אַ מעמבער פון אידישען גלויבען, און האָנאָראַרי אינטערנעשאָנאַל פּרעזידענט פון דער „בני ברית״, איז דאָ ביי אַן אַפּיציעלער צערעמאָניע געוואָרען אַ האָנאָראַרי מעמבער פון דער פּרעס־ביטעריאַן טשוירטש. זייט 10 יאָהר האָט ער זיך באַטייליגט יעדען זונטאָג אין די טשוירטש סירוויסעס. דער גלח, ד״ר. ריטש, האָט דערביי ער־קלעהרט, אַז מר. קאָהן „האָט אַרויסגעוויזען טיפען אינטערעס און לאָיאַ־ליטעט צו אונזער קירכע״.

די „בני ברית״ אין אַמעריקא איז אַ גרויסע און איינפלוסרייכע אידישע אָרגאַ־ניזאַציע. און וואָס טוט עפּעס איהר עהרען־פּרעזידענט, מר. קאָהן, יעדען זונטאָג, במשך צעהן יאָהר, אין אַ קירך?

מה לכהן בבית הקברות?

געהט דאָס דער „בני ברית״ פּרעזידענט אין דער קירך אפשר „מתפלל״ זיין ביי „שלום אַש׳ס גאָט״ פאַר זיינע אידישע נויטליידענדע ברידער?

וואָס טוט זיך דאָס דאָ ביי אונז אין אַמעריקא?!

אמת, אין אַלע צייטען זיינען אויך ביי אידען געווען אַפּטריניגע, חזיר־פרעסער און קירכען־קריכער. אָבער צו אַלדע גוטע יאָהר, אין שפּיץ פון אידישער געזעלשאַפט האָט מען זיי דאָך נישט געשטעלט!

זיי, די בוגדים, האָבען געהאַט זייער פּלאַץ; באַשפּיגענע און פאַריאָגטע האָט מען אַזעלכע נפשות מחוץ למחנה אַרויסגעשטעלט. מען האָט זייערע נעמען מיט אַ „שם רשעים ירקב״ דערמאָנט.

און דאָ גאָר פּוצען זיך אויס מיט זייערע נעמען אידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער „האַיאַס״ מיט זיין חזיר־פּרעזידענט און דער „בני ברית״ מיט זיין טשוירטש־פּרעזידענט.

און... אין פּוצה פה ומצפצף!

אויפן „לעטער־העד״ פון „האַיאַס״ שיינט, מסתמא, ווייטער דער „ליכטיגער״ נאָמען פון מר. טעלסי און ביי די „בני ברית״ — דער נאָמען פון מר. קאָהן.

קיינער פּראָטעסטירט נישט און קיינער גיט נישט אַ קלאַפּ אין טיש אַריין.

און, פאַרוואָס זאָלען דאָס אַזעלכע פאַרשויגען מורא האָבען ווייטער בפרהסיא מחלל זיין את שם ישראל ואת שם השם, בעת זיי זעהען, אַז ניט נאָר ווערען זיי ניט פאַרטריבען מחוץ למחנה ישראל, נאָר זיי פאַרנעמען גאָר ווייטער זייערע בכבוד׳יגע פּאָזיציעס אין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען און אפשר ווערען זיי גאָר נתעלה, עפּעס אַ קלייניגקייט, די אידישע „יענטע׳ליגענציע״ קען נאָך נתפעל ווערען און ציהען איהר העט פאַר אַ פּרעזידענט — אַ טשוירטש מעמבער...

אָבער די סיבה דאַרף מען זוכען טיעפער.

* * *

דאָס אידישע ציבור־לעבען געפינט זיך לרוב אין הענט פון מענשען וואָס זיינען אויסגעטהאָן און אויסגעליידיגט פון יעדען פונק פון רעליגיעזער אידישקייט.

כמעט אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס ווערן געפיהרט פון גאַנצע און האַלבע רעפאָרמער.

אינ׳ם אויבען־אָן פון כמעט אַלע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און הילפס אינסטי־טוציעס האָבען זיך אַריינגעריסען די זונטאָג־ראַביים, וועלכע האָבען זיך פאַרמאָסטען לעקר ולשרש את כל הקדוש לנו; די פאַר׳גוי׳אישטע רעפאָרם־פּרעדיגער וואָס אין זייערע חצי־טשוירטשעס און חצי־טעמפּעלס טרעטען זיי ברגל גאוה אַלע אונזערע טוי־זענט־יעהריגע הייליגטימער, אַלע מצוות שבתורה ובמסורה.

און אויב דער פאַר׳גלח׳דיגער ראַביי מעג, ביי יעדער געלעגענהייט, קריכען אין טשוירטש, און אַז נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס מעגען איינאָרדענען — ב״הכשר״ הרעפאָרם ראַביי — עפענטליכע טריפה׳נע דינערס, טאָ, וואָס איז דער וואונדער, אַז דאָס ברענגט צו אַזאַ דעמאָראַליזירענדען צושטאַנד אין אידישען לעבען אין אַמעריקאַ און אַז אַ טעלסי ווערט ווייטער טאָלערירט אין האַיאַס און אַ קאָהן אין בני ברית.

צי איז אָבער דער טרויעריגער מצב אין אידישען לעבען, בלויז דער רעזולטאַט פון דער חוצפה פון די רעפאָרמירטע אָלרייטניקעס, אָדער איז דאָס שענדליכע הפקרות גאָר מעהר דער רעזולטאַט פון אונזער אייגענעם שפלות־קאָמפּלעקס. אַ פועל יוצא פון׳ דעם וואָס מיר, רעליגיעזע אידען, כאַפּען התפעלות און האָבען דרך ארץ, — ווי אַמאָל פאַר דעם פּריץ, — פאַר יעדען גראָבען אָנגעשטאָפּטען געלד־זאַק און פאַר יעדען אָנגליזירטען ״מאָדערנעם״ ראַביי ?

אין איירָאפּא און ספּעציעל אין פּוילען האָבען מיר, רעליגיעזע אידען, זיך ב״ה באַפרייט פון דעם שפלות־קאָמפּלעקס, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס אַפּוטרופּסות פון די כל־ערליי חפשים למיניהם. אַליין זיך אָרגאַניזירט און געוואָרען בעלי בתים איבער זיך און איבער׳ן אידישען לעבען. אגודת ישראל, די רעפּרעזענטאַנץ פון יהדות החרדית, איז געוואָרען דער וויכטיגסטער און לעבעדיגסטער פאַקטאָר אין אידישען כלל לעבען.

און אויך דאָ אין אַמעריקא קען מען נישט טראַכטען פון אַן אמת־אידיש לעבען, אַזוי לאַנג ווי אין שפּיץ פון דעם אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען שטעהען אידען, וועלכע האָבען מיט אמת׳ע אידישקייט קיין שייכות ניט; אידען אָפּגעפרעמדטע, אידען דערוויייטערטע און אידען פאַר׳גוי׳אישטע.

אויב מען וויל ערנסט בויען דאָ אַ אידיש לעבען, מוז מען קודם כל, זיך באַפרייען פון דעם רעפאָרם־מיסט וואָס האָט זיך דאָ אָנגעקליבען. זיך באַפרייען פון דעם אָנגע־וואַקסענעם ״פסולת״.

בראש פון אידישען פאָלקס־לעבען מוזען שטעהען אידען וואָס זיינען מיט אַלע זייערע רמ״ח אברים צוזאַמענגעבונדען מיט אידען, מיט אַלע פעדים פון זייער האַרצען און נשמה פאַרקניפּט מיט אידישקייט.

(״דאָס אידישע וואָרט״ י׳ אדר תש״ט)

דער ניט־אידישער „אידישער קאָנגרעס"...

אמעריקא איז כידוע אַ רייך לאַנד. אין מדינת קאָלאַמבוס פעלט ב"ה גאָרנישט אויס. קיינער קאָן זיך אויף גאָרנישט באַקלאָגען. אַלעס דאָ איז בשפע רב, און פאַראַן ביד רחבה, און פאַר אַלע אירע תושבים. וואָס נאָר דער מענש דאַרף פאַר זיין געברויך, אפילו לוקסוסריעזע געברויכען, קאָן ער מיט דער האַנט דערגרייכען.

אין געזעלשאַפטליכען לעבען גייט אָן דאָס זעלבע גאָר מיט אַ ברייטער האַנט. און אין דעם אידישען סעקטאָר מיט אַן אויסערגעוויינליכער שפע. אָרגאַניזאַציעס, קאָמיטעטען, סאָסייטעס, קאָנפערענצען און קאָנגרעסען מכל מינים שהוא, קאָנט איר אָפצייילען אין די שווערע צענדליגער און אפשר גאָר הונדערטער. פאַראַן צווישען זיי גאָר־נוצליכע, נוצליכע און וויניג־נוצליכע. אָבער עס פעלט אויך ניט צווישען זיי גאָרניט־נוצליכע. אַזעלכע וואָס דו קאָנסט בשום־אופן ניט דערגיין צו וואָס זיי זענען געבוירען געוואָרען, און צו וואָס פאַרע צוועקען זיי עקזיסטירען. בפרט אַז זייער עקזיסטענץ איז אויף קהל'ס קעסט, און זייערע ביודזעטען דערגייען ביז שווערע הונדערטער־טויזענדער דאָלאַרען יאָר־יערליך.

צווישען די לעצטע קאַטעגאָריע, געפינט זיך דער אַזוי־גערופענער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס", וועלכער איז אַן אָפטיילונג פונם „אידישען וועלט קאָנגרעס". אין אמת'ן אָבער איז דער „אמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס" אין אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע פאַר זיך. ווייל אויב אַן אינסטיטוציע וואָס מען ווייסט אפילו ניט איר נוצליכקייט, קאָן מען נאָך אַלץ איר דולדען, מחמת דעם אַלטען אידישען כלל: אם לא יועיל לא יזיק. אָבער בנוגע דעם אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס קאָן מען דאָס אויך ניט זאָגען. זי איז בפירוש ניט בלויז: לא יועיל, נאָר טאַקע אויך: מזיק. דאָס באַשעפעניש איז ניט בלויז אַן איבריגס, נאָר טאַקע אַ שעדליכעס.

* * *

געהייסען לכתחילה, ביים גרינדען די אָרגאַניזאַציע, אַז זי דאַרף שטיין אויף דער וואַך ביי אַלע ענינים וועלכע זענען נוגע אידען און דאָס אידישע פאָלק. און אויך האָבען אירע גרינדער געלאָזט וויסען מיט גאָר־גרויסע פּאָמפּע, אַז זי וועט ארומנעמען אַלע אידישע קרייזען און זי וועט רעפּרעזענטירען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. דער „אידישער וועלט קאָנגרעס", האָט עס געזאָלט הייסען, וועט רעפּרעזענטירען דאָס וועלט־אידענטום, און דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס" דאָס אַמעריקאַנער אידענטום. לסוף האָט זיך פון דעם אַלעם אויסגעלאָזט אַ בוידעם. סיי דער וועלט־קאָנגרעס און סיי דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט גרופּירט אַרום זיך בסך־הכל געוויסע ציוניסטיש־געשטימטע קרייזען, און זיי האָבען קיינמאָל, און פון קיינעם, ניט באַקומען די פולמאַכט און אויטאָריטעט צו רעפּרעזענטירען דעם גרויסען אידישען כלל. אפילו די יעניגע אידישע גרופּען וועלכע זענען יאָ איינגעשלאָסען אינם קאָנגרעס, האַלטען ווייטער אָן זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס וועלכע רעפּרעזענטירען ווייטער זייערע קרייזען און זייערע אינטערעסען. קיינער אפילו פון זיי, האָט ניט בדעה אויפצוגעבען זייערע טעטיגקייטען

און דאָס איבערלאָזען פאַר די „קאָנגרעסען", ניט פאַר דעם „וועלט" און ניט פאַר דעם „אַמעריקאַנער". אַזוי אַז די ביידע „אידישע קאָנגרעסען" דרייען זיך אַרום אַן אַ שטאָך קאָנסטרוקטיווע אַרבייט, און די גרויסע ביודזשעטען וואָס קהל טיילט זיי צו, זענען ממש בגדר פון אַן „אַנעמפּלוימענט אינשורינגס" פאַר די גרויסע צאָל זייערע פּרעזידענטען, דירעקטאָרען און באַאַמטע, וועלכע דרייען זיך אין זייערע גרויסע לאָקאַלען אַלס אַרבייטסלאָזע.

און אַזוי טאַקע קאָן דורכגיין חדשים און חדשים־לאַנג, אַז איר זאָלט אפילו ניט פילען אַז עס עקזיסטירט אַזאַ חברה. נאָר פון צייט צו צייט כאַפּט מען זיך דאָרט אין די הרחבה'דיגע אָפיסעס, אַז מען דאַרף דאָך פון זיך לאָזען הערען, דאַמאָלס באַווייזען זיי סימני־חיות. אָבער כמעט שטענדיג קומען אַרויס זייערע אַרויסטריטען און שטעלונגען ניט אין די גוטע און ריכטיגע אינטערעסען פון אידען און פון אידישקייט.

* * *

עס איז אַ קלאָר פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז דער רוב־רובם פון אַלע זייערע אַקטיוויטעטען האָבען אפילו ניט דעם מינדעסטען שייכות מיט אידען און מיט אידישע אינטערעסען. איר טרעפט זיי שוויצען ביים „אָפּהיטען" די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, און אַקטיג געבען אַז די ניט־אידישע אַמעריקאַנער זאָלען איר, חלילה, ניט מחלל זיין... און דאָס ווערט געטאָן ביי יעדע פּאַסענדע און ניט־פּאַסענדע געלעגענהייט, און דערצו בקולי־קולות און מיט אַ סאַך גרילצענדע פּובליסיטי.

דער עיקר טרעפט איר זיי אַרומשמאַיען אינם קאַמף פאַר גלייכע נעגער־רעכט. ספּעציעל אין די סאָוט־סטעיטס, וואו די באַציאונגען צווישען ווייס און שוואַרץ זענען אָנגעצויגען, און דער מצב פון אידען, וועלכע שטייען אין מיטען פון די צוויי פאַרביסען־קריגערשע צדדים, איז אַזוי דעליקאַט. אַז יעדער ניט־פאַרזיכטיגער שריט און טומעל־דיגער אַריינמיש דראָט מיט געפאַר פאַר אידען. אָבער דאָס אַרט אַבסאָלוט ניט די לייט פון אידישען קאָנגרעס. זיי טומלען אָן אויפהער מיט דער נעגער פראַגע, טראָץ וואָס מצד די פאַראַנטוואָרטליכע אידישע קרייזען אין דער סאָוט קומען בפירוש די שאַרפסטע פּראָטעסטען געגען דעם קאָנגרעס'עס אריינמישען זיך אין זייערע מקומות. און הגם מען זעט גאָרנישט אַזאַ קאָכעדיגע ליבשאַפט מצד די נעגער פירערשאַפט צו זייערע אידישע מיטבירגער.

זיכער זענען מיר אידען פאַר דעם געפירטען קאַמף פאַר פולשטענדיגער גלייכ־באַרעכטיגונג פאַר אַלע. ווער נאָך ווי מיר אידען ווייסען און האַלטען, אַז אַלע מענשען זענען באַשאַפען בצלם אלקים, און אַלע ברואים האָבען זייער רעכט צו געניסען גלייך פון ג־ט'ס וועלט, און קיינער האָט ניט קיין רעכט צו דיסקרימינירען געגען וועמען־עס־איז פאַר זיין אַנדערשקייט אין געבורט, ראַסע, רעליגיע און קאָליר. און ווער נאָך ווי מיר אידען ווייסען און פילען דעם טעם און גרויל פון רדיפות און נגישות איבער אונזער זיין אידען, און איבער האַלטען זיך ביי אונזער באַזונדערקייט און אייגענאַרטיגער אידישקייט. און דאַריבער אין אויסער יעדען ספק, אַז אידען זענען אין דער טיפסטער סימפּאַטיע פאַר אַלע וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו ליידען איבער איינגעוואָרצעלטע נאַציאָנאַלע און ראַסע פאַראורטיילען צווישען מענש און מענש און פאָלק און פאָלק. אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין ספּעציפיש אידיש ענין. און דאַרויף זענען פאַראַן גענוג אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, וואו אויך אידען זענען מיט־באַטייליגט, וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט אַזעלכע ענינים. און זיכער איז דאָך אויך, אַז אידען מיט אחריות־באַוואוסטזיין

טאַרען אַזאַ פראַגע, און אין אַזעלכע אָנגעשטרענגטע מקומות, ניט פאַרוואַנדלען אין אַ אידישער אישו.

* * *

בעת מיט אַ יאָר צוריק, ווען זיי האָבען באַשלאָסען צו ליקווידירען זייער אידישען דעפּאַרטמענט, זענען דאַמאָלס פיל אָרגאַניזאַציעס און די אידישע פּרעסע אַרויס מיט אַ שטורם געגען זיי. די אידישע פּרעסע איז דאַמאָלס אויך נאָר געווען נישט מער ווי אַ „מגלה טפח״, אָבער איר האָט געקאָנט לייענען אַזעלכע ביטערע אָנקלאַגען ווי: „דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ אידישע אָרגאַניזאַציע, און גיט זיך אָפּ כמעט אויסשליסליך מיט פאַרטיידיגונג פון אַנדערע מינאָריטעטען״. „זי ווערט אויסגעהאַלטען פון די געלטער פון פאַראייניגטען אידישען אַפּיל, און די אידישע אַרבייט איז ביי אים אַ נעבעך זאַך״. „פאַר די אַרבייט וואָס ער טוט הויפּטזעכליך, פעלען ניט קיין אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „סיוויל ליבערטיס יוניאָן״ וכדומה״.

ריכטיג האָט זיך אויסגעדרוקט אַ אידישער פּובליציסט אין דער ארץ ישראל׳-דיגער פּרעסע: „דער אידישער וועלט קאָנגרעס, איז אַן אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט פאַרגעסען זיך צו שליסען״... און מיר פון אונזער זייט קאָנען נאָר מוסיף זיין, אַז: דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט זיך קיינמאָל ניט געדאַרפט עפנען... ווייל עס איז באמת שווער צו באַגרייפען מיט וואָס דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס״ איז אַ אידישער.

* * *

אַ באַזונדער שעדליכקייט ליגט אין דער טעטיגקייט פונם „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס״, וואָס דורך זיינע עפענטליכע אַרויסטריטען ווערט דאָס גאַנצע אידענטום אַרויסגעשטעלט אין פאַלשע און שעדליכע בילדער. עס באַקומט זיך, דורך אים, דער איינדרוק, אַז דאָס אידישע פאָלק אַלס גאַנצעס איז ניט־גלויביג און פשוט אַטעאיסטיש. וואו נאָר עס טרעפט אַ פאַל, — ביי אידען ווי ביי ניט־אידען, — אַז עס טרעט ווער אַרויס געגען רעליגיע און רעליגיעזע פּרינציפּען, באַלד באַווייזען זיך די טומלער פונם „קאָנגרעס״ פאַר שיצען אים. לטובת יעדען אַטעאיסטישען אַרויסטריט לויפען די לאָיערס זיינע אין די געריכטען, און דערשלעפּען די ענינים אַזש ביז׳ן סופּרים קאָרט. דער „אידישער קאָנגרעס״ איז געוואָרען אַ מין שוץ־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע ג־ט׳לאָזע קרענקס, וועלכע ציטערן אימת־מות טאָמער וועט די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, און ספּעציעל די יוגענט, ווערען חלילה אָנגעשטעקט מיט רעליגיע און באַאיינדרוקט מיט רעליגיעזע געפילען.

די ניט־אידישע וועלט באַקומט דורך זייערע אומגעלומפּערטע אַרויסטריטען אַן אַבסאָלוט פאַלש בילד וועגען אונז אידען. אין אמת׳ן זענען אידען, — אַלס אַן עם התורה און אַן עם השם — אַ פאָלק פול מיט אמונה, אין טיפען גלויבען און איבערצייגונג, אַז נאָר אמונה, און די מאָראַל פון אמונה, איז ביכולת צו ראַטעווען די מענשהייט פון איר געפאַלענקייט אין די לעצטע צייטען. די אַלע איבלען אין וועלכע די מענשהייט בכלל זינקט וואָס אַמאָל מער אין אונזערע טעג, נעמט זיך בעיקר, וואָס מענשען האָבען פאַרלאָזט ג־ט. און האָבען אויפגעהערט צו גלויבען אין דער ג־ט׳ליכער הנהגת העולם, און אין דער הויכקייט, דערהאַבענקייט און שיינקייט פון דעם בורא עולם׳ס יצירה, בריאה און הנהגה. אידען זענען איבערגעצייגט, אַז דאָס גאַנצע ביטערע פּראָבלעם מיט דער היינטיגער יוגענט, און איר אַזוי־טרויעריגער „דזשוועניל דעלינקווענסי״, ליגט אין דעם וואָס די יוגענט ווערט דערצויגען מיטן גאַנצען שמוץ פונם מאַטעריאַליזם, און מיטן

פוסטען רייץ פון עולם־הזה׳דיגע תאוות און דערגרייכונגען, און אַן יעדער שפּור פון רעליגיעזער טיפקייט, דערהויבענקייט און הייליגקייט.

דאָס זענען אידען. און אַזוי טראַכטען די גרויסע מערהייט פון אידען. און דאָ באַווייזען זיך די אומגעבעטענע לאַפּיטוטענס פונם „אידישען קאָנגרעס" און פעלשעווען דעם אידישען לעבענס־קוק, און פאַרקריפּלען די אידישע תורה ואמונה לעבענס־השקפות.

* * *

אָבער גאָר אַ באַזונדער שענדליך קאַפּיטעל, איז די עפענטליכע שטעלונג פון דעם „אידישען קאָנגרעס" צו אידישע רעליגיעזע פּראָבלעמען. ביי דעם הערשט אַן אַבסאָלוטע מיאוסע הפקרות מצד זיי.

אין אונזער אמעריקא אַמפערט מען זיך לעצטענס מיט אַ פראַגע פון סובסידיעס פאַר שילער אין די הויך־שולען און היי־סקולס. פאַראַן מיימינים און משמאילים צווישען די מאַסגעבענדע ספערען אין לאַנד. דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס איז ווידער געוועזן דער הדיוט קופץ בראש, און אַרויס אַלס שאַרפסטער געגנער געגען יעדער אַרט אונטערשטיצונג, סיי פאַר שולען און סיי פאַר סטודענטען, אין יעדער פאָרם רעגירונגס־סובסידיע, פעדעראַלע, סטעיטס און לאָקאַלע. זיי האָבען אויפגעהויבען אַ געפילדער איבער דער „סכנה" וואָס עס דראָט דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע דורך אַזאַ פאַר־לעצונג פון אַרויסהעלפען די לערן־אַנשטאַלטען אין זייערע ביודזשעטאַלע נויטען. די פּרינצ׳עס און די פּעפּער׳ס דאַרפען דאָס שיצען די קאָנסטיטוציע געגען אַזעלכע „פאַר־לעצער" ווי גאָווערנער ראַקפעלער און אַנדערע באַרימטע אַמעריקאַנער שטאַטסלייט, וועלכע זענען מסתמא ניט גענוג פאַרלעסליך אָפּצוהיטען דאָס אַמעריקאַנער קאָנסטי־טוציאָנעלע לעבען...

נישט אריינגייענדיג אין עצם ענין, דאַרף אָבער קלאָר געזאָגט ווערען, אַז מצד אמת׳ע אידישע אינטערעסען און געברויכען, האָבען אידען אַבסאָלוט גאָרנישט דאַגעגען, אַז לערן־אינסטיטוציעס וואָס זענען מחנך אונזערע קינדער, זאָלען זיך אויפהערען צו מאַטערן מיט זייערע אָרימע ביודזשעטען. זיי זאָלען באַקומען אונטערשטיצונג פאַר קאָנען אויסהאַלטען, אויסברייטערן, און קאָנען עפנען זייערע טירען פאַר ניט־פאַרמעגליכע קינדער, וועלכע מוזען בלייבען, ליידער, מבחוץ פונם אַזוי־נויטיגען אידישען חינוך.

טאָ אין וועמענס נאָמען און אין וועלכע אינטערעסען, רעדען זיי, די קאָנגרעס־לייט, געגען יעדער עווענטועלער הילף פאַר ערציאונג? ווער האָט זיי דערצו באַפולמעכטיגט?

* * *

שחיטה, אידישע שחיטה, איז זיכער אַן ענין וואָס איז נוגע אַלע אידען. זי איז אַ יסודות׳דיגער עיקר אין אידישען דת. וועלכער איד איז דאָס ניט פאַראינטערעסירט אין כשר־געשאָכטען פלייש. זאָגאָר ווייניג־אָפּגעהיטענע און אָפּגעפרעמדטע אידען זענען נזהר געגען טרפות. אומעטום, אין אַלע מקומות און אין אַלע צייטען, ווען נאָר שונאי ישראל האָבען זיך פאַרמאָסטען מיט אַן אטענטאט געגען די דינים פון אידישער שחיטה, איז געקומען דער העפטיגסטער ווידערשטאַנד מצד אַלע אידען. אין פוילען למשל, וואו עס האָט די לעצטע יאָרען געדראָט אַ גזירה מצד דער אַנטיסעמיטישער רעגירונג געגען שחיטה, זענען אינם אָפּווער־קאַמף געווען באַטייליגט דאָס גאַנצע פוילישע אידענטום, איינגעשלאָסען אפילו די עקסטרעם־אסימילאַטארישע קרייזען און דער „בונד".

פאַרשטענדליך אַז בראש און אָנגעפירט די אַקציעס לטובת דערהאַלטען שחיטה, האָבען די רבנים וועלכע זענען די אויטאָריטעטע בעלי־הלכה אין אַלע דיני־תורה, און די אָרטאָדאָקסיע וועלכע איז אַמיינסטען פאַראינטערעסירט אין כשרות און אין דערהאַלטען אידישקייט.

מען דאַרף זיין גאָר אומפאַראַנטוואָרטליך, און ממש מומרים להכעיס, דאָס ניט צו פאַרשטיין און ניט צו אָנערקענען.

אָבער אויך אין דעם פאַל, האָבען זיך באַוויזען די לייט פונם „אידישען קאָנגרעס" מיט זייער צושטערערישע אַרבייט. ווען די אַמעריקאַנער געזעצגעבונג האָט זיך, דורך די השפעות פון די „צער בעלי חיים" חברות, פאַרמאָסטען צו ברענגען „תיקונים" אינם ענין פון שעכטען בהמות, און דאַדורך שטעלען אין סכנה די אופנים פון די תורה-הלכות ביי דער אידישער שחיטה, האָט די אגודת הרבנים און אַנדערע רבנישע אויטאָריטעטען, און מיט זיי דאָס גאַנצע רעליגיעזע אידענטום אין אַמעריקא, אָרגאַניזירט אַ העפטיגען ווידערשטאַנד געגען די געפּלאַנטע שטערונגען פון שחיטה על־פי הלכות שבתורה.

אָבער באַלד אויך דאָ האָבען זיך באַוויזען די שליחי־שטן פונם „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס". אין די אָפיציעלע פאַרהערען אין אַלבאַני און אין וואַשינגטאָן, איז אויפגעשווימען זייער געדונגענער וואָרט-זאָגער מר. פּעפּער, און אָפען זיך געשטעלט געגען די אויספירונגען און פאָרשלאָגען פונם אָפיציעלען ראַבינאַט און רעליגיעזען ציבור. פעפער און זיין „קאָנגרעס", וועלכער דאַרף דאָס „פאַרטרעטען אַלע אידען", האָט זיך געשטעלט אַלס דער פירשפּרעכער פון די עקסטרעמע רעפאָרמער, געגען דעם תורה׳דיגען שטאַנדפּונקט פון אַלע רבנים און שומרי תורה ודת.

זיי, וועלכע טומלען אַזויפיל וועגען פאַרטיידיגען און שיצען די, כלומר׳שטע, קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטען פון לאַנד און אַלע אירע בירגער, איז גראַד ווען עס איז נוגע ענינים פונם אידישען דת און פון אידיש־רעליגיעזע הצטרכות׳ן, דאָ דוקא קומען זיי אַרויס אַלס געגנער און באַקעמפער אפילו.

און ווידער ווילט זיך פרעגען: אין וועמענס נאָמען רעדען זיי? וועמען האָבען זיי אָנגעפרעגט, און ווער האָט זיי באַפאָלמעכטיגט צו שטערען לעבענס־וויכטיגע עניני־דת פאַר די ברייטסטע קרייזען פונם אַמעריקאַנער אידענטום?

* * *

ווער איז עס דאָרט בכלל אין אחריות פאַר דעם וואָס עס ווערט דאָרט ביי זיי ניט געטאָן, און נאָך מער פאַר דעם וואָס עס ווערט מצד זיי יאָ געטאָן, דאָס איז שווער, כמעט אונמעגליך, פעסטצושטעלען. עס פיגורירט דאָרט אָפיציעל אַ רעפאָרם־ראַביי דר. פרינץ, אַ פליט פון דייטשלאַנד, וועלכער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דעם גאַנצען פסולת פון רעפאָרם־ציוניסטישען דייטשטום, אַלס פרעזידענט; אַ דזשאַסטין וויז־פאַליער, אַ טאָכטער פון רעפאָרמער סטיפען וויז, וואָס איר שייכות מיט אידען און אידישע ענינים בכלל און מיט אידישקייט בפרט, איז זער און זער צווייפעלהאַפט; און אַן עקזעקוטיוו־לאַיער מר לעאָ פעפער, אַ פאַרביסענער אַסימילאַטאָר און אומפאַר־אַנטוואָרטליכער איפכא־מסתבר׳ניק, וואָס סיי אין זיין פערזענליך לעבען און סיי אין זיין געזעלשאַפטליך לעבען, אין זיין שייכות מיט אידען און מיט יהדות אַזויפיל ווי אַ... זערא.

אָט דער מזומן פון „גרויסע" און „געטרייע" אידען שטייען דאָרט בראש, און זיי פירען דאָס אָן, מ׳שטיינס׳געזאָגט, מיט אַלע זייערע טעטיגקייטען „לטובת" אידען און „לטובת" אידישע אינטערעסען. אָט די דריי אויסגעלייזיגטע פון אַלעם אמת׳ן און אָריגינעלען יהדות, פירען די גרענדע דאָרט. זיי זענען דאָס אונזערע פאַרזאָרגער, פאַרטיידיגער און באַשיצער...

אדרבה, פרעגט אַן וועלכע־עס־איז פון די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס ביי זיי,

אויב עס איז שוין ווער אַמאָל אָנגעפרעגט געוואָרען וועגען פּראָבלעמען אין וועלכע זייער „קאָנגרעס" נעמט עפּענטליכע שטעלונג? פרעגט זיי צי ווערט ווער גערופען און געפרעגט אפילו אין אידישע ענינים וואָס פאָדערן גרויס ישוב־הדעת און גאָר־גרויסע פאַרזיכטיגקייט? ניין. קיינער ווערט ניט אָנגעפרעגט; קיינער האָט גאָרניט וואָס צו זאָגען. אַלעס ווערט באַשלאָסען דורך אָט די דריי אומפאַראַנטוואָרטליכע פירער־פאַרפירער.

און דרך אגב ווילט זיך אויך פרעגען. אפשר איז וועמען בכלל באַקאַנט ווער, וואו און ווען, און טאָקע אויך דורך וועמען און וועלכע דעמאָקראַטישע סיסטעמען, ווערט דאָס געוועלט די פירערשאַפט פון אָט דעם „דעמאָקראַטישען" „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס"? אפשר ווייסט דאָס ווער?

* * *

וואָס אָבער עס אינטערעסירט אונז, אַלס רעליגיעזע אידען, אַמערסטען איז דאָס ענין פון דער אָרטאָדאָקסישער פערטרעטערשאַפט וואָס זיצט דאָרט מיט, און אויף וועלכע עס פאַלט ממילא דער מיט־אחריות פאַר אַלעם וואָס עס געשעט מצד דעם אַזוי־גערופענעם „אידישען קאָנגרעס". עס זענען, וואָס אמת, פאַר אונז פאַרהוילען די מאָטיוועז וואָס האָבען באַוואויגען פאַראַנטוואָרטליכע אָרטאָדאָקסישע קערפערשאַפטען צו ווערען שותפים צו אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטליכע אָרגאַניזאַציע. און דערצו בשעת זיי האָבען דאָרט ניט די מינדעסטע דעה און באַשלוס־מעגליכקייט. אָבער מן־הסתם האָבען זיי געהאַט עפּעס געהיימע סיבות דערפאַר.

וואָס עס בלייבט אָבער פאַר אונז לגמרי אומבאַגרייפליך איז, אויב שוין מיט־זיצען און לאָזען נוצען זייערע נעמען, וואָס און פאַרוואָס הערט מען קיינמאָל ניט זייערס אַ וואָרט פון מחאה און פּראָטעסט געגען די פאַרשידענע שעדליכע און ניט־אידישע שריט וואָס ווערען אַזוי־אָפט באַגאַנגען עפּענטליך דורך דער פירערשאַפט פונם „קאָנגרעס".

לעצטענס זענען מיר געבליבען גאָר גאָר פאַר'חידוש'ט. דר. פּרינץ, דער קאָנגרעס־פּרעזידענט, איז אַרויסגעקומען מיט אַ סטעיטמענט, אַז עס איז מער ניט נויטיג ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס... דאַרויף האָט זיך באַוויזען אין דער גאַנצער פּרעסע אַ שאַרפע מחאה געגען פּרינצ'עס ציוניזם־סטעיטמענט, אינם נאָמען פון אַלע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען פאַרטראָטען אינם „קאָנגרעס". פאַרשטייען מיר בכלל נישט, וואָס פאַרע שייכות האָבען די אָרטאָדאָקסישע באַוועגונגען צו דעם גאַנצען ענין פון יאָ אָדער ניט עקזיסטענץ פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און אין וועלכען פאָרם זיי זאָלען בלייבען. אָרטאָדאָקסישע קערפערשאַפטען האָבען זיכער גאָר אַנדערע, און גאָר וויכטיגערע, אויפגאַבען אין זייער אידישקייט־טעטיגקייטען. אָבער ווען אפילו שוין יאָ. איז דאָך די קשיא אויך גאָר אַ האַרבע: אָדער, אָדער, אָדער מען זיצט־מיט אין „קאָנגרעס" אַלס שטימע דיינים און מען רעאַגירט נישט קיינמאָל, זאָל יענער אפילו טאָן דאָס ערגסטע און שעדליכסטע. אָדער אויב יאָ רעאַגירען, וואָס עפּעס נאָר איצט בעת פּרינץ האָט „חוטא" געווען אין ענין־ציוניזם? האַלטען די פאַראַנטוואָרטליכע מנהיגים פון די אַלע רעליגיעזע קערפערשאַפטען, אַז דער איצטיגער „חטא" פון פּרינצ'ען אין ניט גלויבען מער אינם ציוניזם, איז אַ האַרבערער און אַ שעדליכערער פאַר אידען און פאַר אידישקייט, ווי אַלע פריערדיגע זייערע חטאים, וועלכע האָבען אָנגעגריפען אמת־אידישע אינטערעסען און עיקרי־דת?

האם לא תהא כהנית כפונדקית?

* * *

נאָר דער הפקרות־צושטאַנד, וואָס עס באַהערשט אין די לעצטע יאָרען דאָס אידישע ציבור־לעבען, מאַכט מעגליך אַזעלכע ערשיינונגען. נאָר דאָס קאָן מעגליך מאַכען, אַז דאָס עפענטליכע אידיש־געזעלשאַפטליכע לעבען זאָל ווערען באַהערשט פון אַזעלכע ניט־אידישע „אידישע קאָנגרעסען" און אַזעלכע ניט־אידישע „אידישע פירער". און דערצו, אַז זיי זאָלען געדולדעט ווערען, אָרגאַניזאַציעס פון פרומע אידען זאָלען מיט זיי מיטאַרבייטען אַלס שותפים, און עס זאָל זיך ניט הערען פון קיינעם דאָס וואָרט פון קלאָרער און שאַרפער מחאה.

(„דאָס אידישע וואָרט" ניסן, תשכ"א)

חורבן און הצלה

- דער ס.אָ.ס. פון דער זינקענדער אידישער שיף אין פוילען
- דאָס אידישע אמעריקא איז נישט הפקר
- נאָכאַמאָל וועגען פעקלעך קיין פוילען
- וואָס מיר מוזען איצט טאָן פאר אידען אין פוילען
- מעשי ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה
- אין שעה פון אומגליק ניט פאַרלירען דעם גלויבען
- אומפאראנטוואָרטליכקייט אָדער פארברעכען
- לאָמיר זיי ראטעווען
- ראטעווען און האָפען
- דער אידישער חורבן און אונזער צוריסענקייט

דער ס.אָ.ס. פון דער זינקענדער אידישער שיף אין פוילען

עס האָט אימיצער אַמאָל געזאָגט אַז פוילישע אידען זענען די פּאַרגעסענע זיהן פונ׳ם אידישען פאָלק. דאָס איז אַמאָל געזאָגט געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַז ווען עס קומט אַ צייט פון אומגליק, פון פורעניות, פון רדיפות אויף אידען אין פוילען, דאַן איז דער אָפּקלאַנג זייערער אַ סך שוואַכער ווי אַ אידישער געשריי וואָס קומט פון אַן אַנדערען אידישען קיבוץ. די „וועלט" האָט זיך צוגעוואוינט צום דעם געדאַנק, אַז פוילישע אידען זענען דער פאַרפאַלגטער טייל פונ׳ם אידישען פאָלק, און דאַריבער ווערט תמיד דער וועה געשריי, וואָס קומט פון אידישען קיבוץ אין פוילען דערשטיקט אין ים פון גלייכגילטיגקייט. „עט", זאָגען אידען, „פוילישע אידען זענען געוואוינט צו צרות; זיי קענען ב״ה די צרות אויסהאַלטען און איבערהאַלטען".

ווען מען פאַרגלייכט דעם אָפּקלאַנג וואָס דער אָנהויב פון די רדיפות אויף אידען אין דייטשלאַנד האָט אַרויסגערופען, בשעתו, מיט דער אונפאַרשטענדליכער, כמעט פאַר־בּרעכערישער, גלייכגילטיגקייט צו דעם צער, פּיין און יסורים, פון דעם פוילישען איד, אונטער היטלער׳ן, דאַן מוז מען קומען צו דער מסקנא, אַז פוילישע אידען זענען אַזוי אומגליקליך, אַז זיי האָבען אפילו נישט דעם „מזל" צו צרות. דאָס קול פון וועהטאָג וואָס שאַלט אַרויס פון הינטער די מויערען פון די פינסטערע געטאָס אין פוילען, דערגרייכט ליידער נישט ביז אויף דער מערב זייט פון אַטלאַנטיק; דער רוף פאַר רעטונג, דער „ס. אָ. ס." וואָס מיליאָנען פוילישע אידען האָבען אַרויסגעשיקט פון זייער אַלץ־טיפער זינקענדיגער שיף, איז אויפגענומען געוואָרען אין דער פרייער אידישער וועלט, אין בעסטען פאַל, מיט אַ קרעכץ און מיט דעם זעלבען כאַראַקטעריסטישען, טראַדיציאָנעלען כמעט, ענטפער: די לאַגע פון פוילישע אידען איז אַזוי שלעכט, אַז מ׳קען זיי נישט העלפען.

מוז מען דאָ פעסטשטעלען צוויי וויכטיגע פונקטען.

פונקט איינס: די לאַגע פון פוילישע אידען היינט צו טאָג, קאָן נישט, בשום אופן נישט, פאַרגליכען ווערען מיט וועלכען־עס־איז פעריאָד אין דער פויליש־אידישער געשיכ־טע. היינט קאָן מען נישט מעהר, און טאָר מען נישט, רעדען וועגען די „אייביגע" צרות פונ׳ם פיעל מיליאָניגען אידישען קבוץ אין פוילען. עס איז היינט פשוט אַ פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין, פון דעם אידישען קבוץ וואָס איז ביז׳ן אָנהויב פון דער מלחמה געווען דאָס האַרץ און די נשמה פונ׳ם גאַנצען עם ישראל, און וואָס וועט, אַזוי גלויבען מיר, נאָך שפּילען, נאָך דער מלחמה, אַ גרויסע ראָלע אינ׳ם אידישען נאַציאָנאַלען און רע־ליגיעזען לעבען.

אָבער דערווייל — טרינקען זיך אונזערע ברידער, אונזערע געטרייסטע, אונזערע איבערגעגעבענסטע און אונזערע אידישסטע ברידער אין פוילען אינ׳ם גרויסען ים פון זיי־ער אייגען בלוט. אמת, אין זייער טראַגישער לאַגע, ווייזען זיי אַרויס מעהר לעבענס קראַפט, מער פעהיגקייט צו ראַנגלען זיך מיט׳ן מלאך המות, ווי וועלכער־עס־איז אידישער

קבוץ וואָס איז ביז איצט אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ממשלה פון אשמדאי. גלייכצייטיג דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז היטלער פירט אין פוילען דעם מיינסט ריקזיכטלאָזען קאַמף געגען אידישען פאָלק, ווייל ער ווייסט, אַז פוילען איז דאָס אידישע האַרץ און ווייל ער ווייסט אויך, אַז דער אידישער קיבוץ אין פוילען איז דער „עם קשה עורף" אינ'ם אידישען פאָלק. פוילישע אידען מאַכען דעריבער דורך מעהר יסורים און שטעהען אויס מעהר נגישות ווי וועלכער־עס־איז טייל פון אונזער פאָלק אין היטלערס „טויטענ־רוים". אין קיין לאַנד האָבען די נאַצים נישט אַזוי שטאַרק דערנידריגט און אונטערדריקט אידען. אין קיין לאַנד האָבען זיי נישט אויפגעשטעלט אַזעלכע הויכע געטאָ מויערען. אין קיין לאַנד פירען זיי נישט אַזאַ סיסטעמאַטישע פּאָליטיק פון אויסהונגערען, ר"ל, די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג ווי דאָס איז דער פאַל אין פוילען.

פונקט צוויי: דאָס פוילישע אידענטום ליידט היינט די יסורים פונ'ם גאַנצען אי־דישען פאָלק און איז דעריבער באַרעכטיגט צו דער גרעסטער הילף און סימפּאַטיע פון אידען אומעטום. פוילישע אידען האָבען פאַרדינט, אַז אין דער צייט פון זייער גרעסטער נויט, זאָל דאָס וועלט אידענטום מאַכען די גרעסטע אָנשטרענגונג, ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר דער פיזישער רעטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פוילען. עס איז זעהר שעהן און זעהר לייכט צו שאַפען פרידענס־אינסטיטוטען צו באַזאָרגען, היינט, די פוילישע אידען מיט מינדערהייטס רעכט אויף נאָך דער מלחמה. מיר שטעלען אָבער פאַר דער גאַנצער אידישער עפענטליכקייט אין אַמעריקע די פראַגע, און מיר ערלויבען זיך צו שטעלען די דאָזיגע פראַגע אינ'ם נאָמען פון דעם אידישען כלל אין פוילען, בהסכם מיט דעם אַלטען אמת'ן וואָרט: „אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים." ווייסט איר, אַמעריקאַנער אידען, אַז פוילישע אידען דאַרפען איצט נישט קיינע רעזאָלוציעס, ווי וויכטיג זיי זאָלען נישט זיין. זיי דאַרפען ברויט, אַ פּראָסטע שטיקעל טרוקען ברויט, כדי צו קענען אויסהאַלטען פיזיש ביז נאָך דער מלחמה?

אגודת ישראל אַפּעלירט און דערמאָנט דעם כלל ישראל אין אַמעריקע, אַז עס איז זיין חוב צו ראַטעווען פון הונגער־טויט, ר"ל, דעם רוב מנין און רוב בנין פונ'ם אידי־שען פאָלק אין פוילען. גריכען, יוגאָסלאַווען און אַנדערע אימיגראַנטען קיבוצים אין אַמעריקע, אָרגאַניזירען זיך און פאַרהאַנדלען מיט פאַראַנטוואָרטליכע פאַרשטעהער פון אַמעריקע און ענגלאַנד בכדי צו ראַטעווען זייערע הונגעריגע ברידער פון אונטערגאַנג. זיי באַטראַכטען זייערע ברידער אונטער היטלערן אַלס קריגס געפאַנגענע.

פרעגען מיר: צו זענען די אידען אין די פוילישע געטאָס נישט אין קיין ערגערער לאַגע ווי קריגס געפאַנגענע? און צו זענען אַמעריקאַנער אידען נישט מחויב צו ווערען די גואלי הדם פון זייערע ברידער אין פוילען, און געפינען דעם לעגאַלען וועג פאַר דער רעטונג פון מיליאָנען אידישע לעבענס וועלכע זענען אין פשוטער סכנה פון אומקום?

אָדער — צי זאָלען מיר אָננעמען אַז אפילו אין דער דאָזיגער מורא'דיגער טראַ־געדיע, זענען די פוילישע אידען נאָך אַלץ די „פאַרגעסענע ברידער" פונ'ם אידישען פאָלק?

מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלען, אַז זייער פאַרצווייפעלטער רעטונגס־געשריי זאָל דורך אַמעריקאַנער אידען ניט דערהערט ווערען. מיר קאָנען ניט גלויבען, אַז זייער ס. אָ. ס. רוף וועגען דער גרויסער סכנה וואָס דראָט זיי פון די דייטשע היטלער־מחבלים וועט, חלילה, בלייבען אָן אַן ענטפער.

(„אידישע שטימע", מנחם אב, תש"א)

דאס אידישע אמעריקא איז נישט הפקר

די אַקציע וואָס אגודת ישראל האָט אונטערגענומען פאַר העלפען מיט שפייז די הונגעריגע אידען אין פוילען און אין אנדערע נאַצי־אָקופירטע לענדער, האָט אַרויס־גערופען אַ פאַרשידענאַרטיגע רעאַקציע.

אידישע משפחות אין די געטאָס פון וואַרשא; טויזענדער אויסגעהונגערטע און אויסגעפייניגטע אידען וועלכע זענען געפאַנגענע ביי אונזער גרעסטען שונא; הונדערטער רבנים, גדולי תורה, אידישע עסקנים און סתם חשוב׳ע אידען בכל תפוצות היטלער־אייראָפּא, בענשען דער אגודת ישראל — די באַוועגונג וואָס איר יסוד איז מסירת־נפש פאַר אַלץ וואָס עס איז אידיש — פאַר דער דאָזיגער רעטונגס־אַרבייט. זיי, וועלכע האָבען ביי אונז דירעקט, אָדער דורך זייערע משפחות דאָ אין אַמעריקע, געבעטען און דערהאַלטען שפייז, דאַנקען ג־ט וואָס עס זענען נאָך פאַראַן אין אמעריקא אידען וועלכע געדענקען אין זייערע ברידער הינטער די געשלאָסענע טויערען פון די פינסטערע געטאָ׳ס.

אַזוי איז אויך די רעאַקציע פון אַלע פאַראַנטוואָרטליכע פירער פון אַמעריקאַנער אידענטום. פון אַלע גדולי התורה, רבנים, עסקנים און שרייבער מיט פאַראַנטוואָרטליכ־קייטס־געפיל פאַר אידישע לעבענס אויף יענער זייט ים. פאַרשטייט זיך, אַז די משפחות און קרובים פון יענע אידען וועלכע בלוטיגען אין עמק הבכא, וועלכע האָבען אַ מעגליכ־קייט צו באַזאָרגען דורך אונז מיט שפייז זייערע הונגעריגע נאָנטע, זענען גליקליך וואָס זיי קאָנען כאָטש מיט אַביסעל לינדערן די נויט און דעם הונגער אין דער פאַר׳חושכ׳טער שטוב פון פאַראומגליקטען קרוב און פריינד.

אָבער מיר מוזען אויך איבערגעבען דעם טרויעריגען פאַקט, אַז עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדער מין אָפּקלאַנג אויף דער אַזוי־וויכטיגער און הייליגער אַרבייט פון אגודת ישראל — אַן אָפּקלאַנג אַ נעגאַטיווער. נאָך מער: אַ פיינליכער, אַ בייזוויליגער און אַ רשעות׳דיגער.

דער דאָזיגער אָפּקלאַנג קומט פון אַ קליין, נעבעכדיג און נישטיג מענש׳ל, וואָס האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אַמט אין אַ קליינער אידישער אינסטיטוציע, וואָס טוט זער ווייניג ארבייט, גאַרנישט כמעט, און וועלכע מאַכט דאַריבער אָן אַ גרויסען טומעל אויף דער אידישער גאַס, כדי מען זאָל מיינען אַז עס לעבט, עס „טעטיגקייט׳עוועט" אַן אינסטיטוציע׳לע. וואָרים איר ווייסט דאָך דעם אַלטען אַמעריקאַנער כלל: אַז מען מאַכט אַ טומעל באַקומט מען פובליסיטי, און אַז מען באַקומט פובליסיטי, קאָן מען שוין באַקומען מיטלען אויף אָנצוהאַלטען יעדעם קרעמעל. צי יאָ אַ נויטיגס אָדער נישט קיין נויטיגס.

איר זייט זיך אַ וודאי שוין משער, אַז מיר מיינען דאָ דעם אַזוי־גערופענעם „באָיקאָט קאָנסול", מיט איר „פירער" דר. יוסף טענענבוים. דער דאָזיגער נפש, האָט עס געוואַגט אַוועקצושטעלען פּיקעטס ביים אָפיס פון דער אגודת ישראל, געגען איר געפירטער הצלה־ארבייט פון פקוח־נפשות ממש לטובת אונזערע פאַרהונגערטע און פאַרפייניגטע קרובים און נאָנטע אין די אַזוי־פינסטערע און אַזוי־בלוטיגע היטלער־געפענגענישען.

* * *

פיקעטס, פאַרוואָס? אויב איר האָט געלייענט די אויפשריפטען אויף די שילדען וואָס די פיקעטערס האָבען געטראָגען, האָט די אגודת ישראל, נישט מער און נישט ווייניגער, גאָר געהאָלפען... שפּייזען די נאַציס.

פאַרוואָס? ווי אַזוי? ווייל אגודת ישראל איז באַגאַנגען דעם „פאַרברעכען" און געהאָלפען שיקען שפּייז צו טויזענדער הונגעריגע אידען אין היטלערס טויטענרום.

דער ליגן, מיט „זיין" באַיקאָט קאָמיטעט, דערקלערט, אַז מען טאָר ניט שיקען קיין שפּייז־פּעקלעך, „אפילו ווען עס זאָל אונז קאָסטען קרבנות אין פוילען אָדער וואו עס איז". און דער זעלבער טראַגי־קאָמישער פאַרשוין דערלויבט זיך צו מאַכען דערקלערונגען אין נאָמען פון דער ענגלישער רעגירונג. דער ענגלישער קריגס־קאַבינעט, הייסט עס, האָט אים דעלעגירט אַלס אויסעראָרדענטליכען אַמבאַסאַדאָר ביים אידישען אַמעריקע, וואָס דאַרף אויפפּאַסען דאַרויף, אַז אַ איד וואָס האָט אַ ברודער, אַ טאַטען, אַ מאַמען, אַ קינד אין נאַצי גיהנם, טאָר צו דעם קרוב זיינעם וואָס שטרעקט אויס די הענד נאָך אַ שטיקעל ברויט, ניט שיקען קיין שפּייז בכדי אים צו העלפען אין זיינע ראַנגלענישען מיט הונגער און טויט.

ווען דער דאָזיגער טענענבוים, וואָס אים אַרט נישט קיין אידישע קרבנות, האָט געהאַט די אומפאַרשעמטע חוצפה אַוועקצושטעלען פּיקעטערס ביים אָפיס פון אגודת ישראל, וועלכע אָרגאַניזירט, כאָטש אויף אַ באַגרענצטען אופן, אַן אַקציע פאַר הצלת ישראל, האָבען מיר עפענטליך געטשאַלענדזשט דאָס דאָזיגע פאַרשווינדעל וואָס נעמט זיך דעם מוט צו רעדען אין נאָמען פון דער „ענגלישער אימפעריע", פאַרצולייגען ביי אַ אומפּאַרטייאישע קאָמיטע באַווייזען, אַז שיקען אַזוינע שפּייז־פּעקלעך — פון יחיד צו יחיד — שטערט די ענגלישע מלחמה־אינטערעסען. דאַרויף האָט דער אומפאַראַנטוואָרטליכער טומלער געענטפערט אונז אין דער פּרעסע (דער טאָג, יולי 22, 1941) אַזש מיט דריי קאָלומס זידלערייען. באַליידיגט דאָס אָרטאָדאָקסישע אידענטום מיט ווערטער, וועלכע ער האָט אַוודאי ארויסגענומען פון אַן אַנטיסעמיטישען לעקסיקאָן. אָבער אויף אונזער זאַכליכער פאָדערונג צו באַווייזען באַרעכטיגונג פאַר זיין אַנטי־הצלה שטעלונג, האָט ער לגמרי ניט געענטפערט.

וואָס שייך דעם עצם ענין, פאַרשטייט זיך אַז אגודת ישראל וועט זיך נישט רעכענען מיט דעם „באַיקאָט קרעמעל" און נישט מיטן אומפאַראַנטוואָרטליכען „באָס" זייערען. אגודת ישראל פילט דעם גרויסען אחריות וואָס ליגט היינט אויף יעדען איד אין דער דאָזיגער שוידערליכער שעה פאַר אונזערע שווער־געטראָפענע ברידער און שוועסטער אינעם אייראָפּעאישען עמק הבכא. און וועט ווייטער אָנגיין מיט איר דרינגענדער אַקציע פאַר הצלת ישראל. זי וועט ווייטער, און מיט נאָך מער פלייס, אויסנוצען אַלע וועגען און אַלע מעגליכקייטען פאַר שיקען שפּייז־הילף פאַר אונזערע הונגעריגע און נויט־ליידענדע אחינו בני ישראל אין די פאַרשפּאַרטע היטלער־געטאָ׳ס.

* * *

אַז די אידישע עפענטליכקייט שאַצט יאָ אָפּ די גרויסע הומאַניטאַרע אָנשטרענגונגען פון דער אגודת ישראל פאַר הצלת ישראל, באַווייזט דאָס וואָס די אגודת הרבנים און אַנדערע וויכטיגע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך כמעט די גאַנצע אידישע פּרעסע דורך איהרע אָנגעזעענסטע זשורנאַליסטען האָבען זיך אין דעם באַדויערליכען און שאַנדהאַפטען קאָנפליקט געשטעלט אויף דער זייט פון דער אגודת ישראל, געלויבט איר הצלה־אַקציע און אויסדריקליך געטאַדעלט די באַיקאָט פּיקעטער און טומלער.

אין אַן ערקלערונג פון דער אגודת ישראל אין אמעריקא, אונטערגעשריבען פון הרב אליעזר זילבער, הרב שלמה היימאַן, הרב מרדכי שלמה פרידמאַן מבאָיאַן, הרב יהושע בוימעל און הרב בנימין זאב הענדלעס, זאָגט זיך צווישען אַנדערען:

„ווען דער באָיקאָט קאָמיטעט האָט זיך געוואָנדען צו אונז אָפּצושטעלען די רעטונגס־אַקציע האָבען מיר ערקלערט, אַז מיר זענען גרייט נאָכאַמאָל אויפצונעמען דאָס פּראָבלעם, אויב זיי וועלען צושטעלען באַווייזען, אַז שיקען שפּייז־פּעקלעך, פון יחידים צו יחידים, שעדיגט די אינטערעסען פון ענגלאַנד אָדער פון אידישען פאָלק. דאַרויף האָט דר. טענענבוים ערקלערט אויף אַ ברוטאַלען אופן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו געבען וועלכע־עס־איז באַווייזען".

„אגודת ישראל אַלס אַ באַוועגונג פון תורה־אידען וואַרפט זיך אונטער נאָר איין אויטאָ־ריטעט — דער אויטאָריטעט פון די וועלכע מיר האַלטען פאַר די פירער פון אידישען פאָלק, די גדולי התורה. מיר זענען אָבער גרייט צו דיסקוטירען מיט יעדער אָרגאַניזאַציע וועגען ענינים וואָס רירען אָן לעבענס־אינטערעסען פון אידישען פאָלק. מיר האָבען דעם באָיקאָט קאָמיטעט פאָרגעלייגט אַ קאָמיטע וואָס זאָל אויף אַן אומפּאַרטייאישען אופן פעסטשטעלען, צי שיקען שפּייז פאַר הונגעריגע און אומגליקליכע אידען אין געטאָ'ס, איז באמת געגען די אינטערעסען פון אידען אָדער געגען דער בלאָקאַדע". „מיר שטייען אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז דר. טענענבוים האָט נישט קיין רעכט און נישט קיין אויטאָריטעט צו געבען באַפעלען דער אגודת ישראל".

„מיר פּראָטעסטירען אַמשאַרפסטען געגען דער מעשה־נבלה פונם באָיקאָט־קאָמיטעט, אַ פּריוואַט אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך ערלויבט אַרויסצושטעלען פּיקעטען ביי אגודת ישראל, באַשולדיגענד אונז, די אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע שטייט זייט צענדלי־גער יאָרען אויף דער וואַך פון די אמתע אינטערעסען פון כלל ישראל". „מיר וועלען אָנעמען די געהעריגע מיטלען צו צווינגען דעם באָיקאָט קאָמיטעט צו באַווייזען, אַז אגודת ישראל „העלפט שפּייזען די נאַציס".

„אונזער הצלת ישראל אַקציע פירען מיר מיט דער הסכמה פון גדולי תורה, די איינציגע אויטאָריטעט אין אידענטום".

אין דער ערקלערונג פון דער „אגודת הרבנים" אין אַמעריקא זאָגט זיך:

„צו אונזער טיפסטען באַדויערען זענען מיר געצוואונגען עפענטליך פעסטצושטעלען, אַז די פּיקעט־ליין וואָס דר. טענענבוים האָט אַוועקגעשטעלט ביים אָפיס פון אגודת ישראל, פאַר שיקען שפּייז־פּעקלעך צו אונזערע אידישע ברידער און תלמידי חכמים אין פּוילען און אין אַנדערע נאַצי־אָקופּירטע לענדער, מאַכט אַן אויסערגעוויינליך פּייַנליכען איינדרוק און איז אַ מורא'דיגער חילול השם. מיר קאָנען בשום אופן נישט פאַרשטיין מיט וואָס די אגודת ישראל האָט חוטא געווען פאַרנעמענדיג זיך מיט הצלת נפשות, ראַטעווען פון הונגער אידישע לעבענס. — ואין לך דבר העומד בפני ספק של הצלת נפשות".

דער פאַל איז באַזונדערס באַדויערנדסווערט צוליב דעם וואָס אגודת ישראל איז אַרויס־געקומען מיט אַ פאָרשלאַג, אַז די דאָזיגע בלוטיגע פראַגע זאָל באַהאַנדעלט ווערען פון אַן אומפּאַרטייאישער ארביטרעישאָן־קאָמיטע. נעמענדיג אין אַכט די דאָזיגע לאַגע, זענען מיר געצוואונגען צו פּראָטעסטירען אַמשאַרפסטען מיט דער גאַנצער קראַפט אונזערער, געגען שטעלען פּיקעטס־ליינס ביי דער אגודת ישראל מיט דער כוונה אָפּצושוואַכען די הילפס־טעטיגקייט פאַר אונזערע אידישע ברידער, וועלכע גייען אויס, רחמנא ליצלן, פאַר הונגער".

* * *

די פּיקציע פון אַ באָיקאָט־קאָמיטעט און די טענענבוים'ס, זאָלען וויסען, אַז אגודת ישראל, די וועלט באַוועגונג פון זעלבסשטענדיגען תורה־אידענטום, וועלכע שטייט על המשמר פאַר אַלע אידישע אינטערעסען און הצטרכות'ן, סיי רוחניות'דיגע און סיי חומריות'דיגע, וועט קיינמאָל ניט דערלאָזען, אַז אַ זעלבסט־געקרוינטער גאָרנישט זאָל אין נאָמען פון אַ פיקטיווער אָרגאַניזאַציע דאָס זיין דער פּוסק אחרון אין פראַגען וועלכע רירען אָן די לעבענס ממש פון אידען.

דאָס אידישע אַמעריקע איז נאָך נישט אַזוי הפקר.

(„אידישע שטימע", מנחם אב, תש"א)

נאָכאַמאָל וועגן פעקלעך קיין פוילען

מיר נעמען אָן, אַז דר. יוסף טענענבוים׳ס אַרטיקעל אין „טאָג" פון דעם 22טען יולי איז אַן אָפּיציעלער ענטפער מצד דעם באַיקאָט־קאָנסול אויף אונזער דערקלערונג בנוגע דעם אַנגעוועהטאָגטען ענין פון העלפען מיט שפּייז די אויסגעהונגערטע אידישע באַפעלקערונג אין פוילען. אַניט — וואָלטען מיר, די אגודת־ישראל, בכלל נישט געענט־פערט אויף אַן אַרטיקעל, וואו מען באַנוצט אַזעלכע אויסדרוקען, ווי למשל, „די פּאַר רבי׳ס, וואָס זיצען און שאָקלען זיך אין „בראָדוויי צענטראַל האָטעל", (די אַדרעס פון דעם מרכז אגודת ישראל אין נו־יאָרק) וואָרום, עס איז אונטער דעם כבוד, נישט נאָר פון אַ רעליגיעזען איד, נאָר בכלל פון אַ איד, וואָס האָט דרך־ארץ פאַר זיין אידישקייט, צו דיסקוטירען מיט אימיצען, וואָס רעדט אין אַזאַ טאָן וועגען גדולי תורה, וועלכע זיינען די פיהרער פון תורה־אידענטום, וועגען די לומדי תורה, וועלכע „זיצען און שאָקלען זיך" איבער די חומשים און גמרא׳ס שוין טויזענטער יאָרען, און וואָס אַ דאַנק אָט דער תורה האָט דאָס אידישע פאָלק געהאַט כח און אויסדויער איבערצולעבען אַלע שונאי־ישראל, און צו דערהאַלטען דעם עם ישראל, דעם עם התורה, ביז׳ן היינטיגען טאָג.

דר. טענענבוים מוז האָבען זעהר ווייניג אַרגומענטען געגען אונז, אויב ער באַנוצט זיך אין זיין פּאָלעמיק מיט אַזעלכע מיני אויסדרוקען אויפ׳ן אַדרעס פון דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע האָבען נישט קיין שום שייכות צום ענין גופא.

מיר, אגודת־ישראל, וועלען נישט נאָכפאָלגען דעם דאָזיגען סיסטעם פון דעם באָיקאָט־קאָמיטע־פיהרער. פאַרקערט: מיר וועלען אויפקלערען זאַכליך דעם גאַנצען ענין דער אידישער עפענטליכקייט און זאָל דער ציבור ווערען באַקאַנט און אורטיילען.

* * *

פונקט איינס: מיר זיינען מסכים הונדערט פּראָצענט, אַז דער ענין איז אַ בלוטיגער. מיר געהען נאָך ווייטער: אגודת־ישראל זאָגט, אַז דער ענין איז אַזוי בלוטיג, אַז מען קאָן איהם נישט אָב׳פּטר׳ן כלאחר־יד. מיר האָבען דאַריבער געשטעלט דעם דר. טענענבוים, ווען ער האָט אונז פאָרגעלייגט זיין באַשלוס פאָלגענדע פאָדערונגען:

א) דאָקומענטען, וואָס זאָלען באַווייזען, אַז שיקען שפּייז־פּעקלאַך קיין פוילען — יחידים צו יחידים — איז געגען די אינטערעסען פון ענגלאַנד; ב) באַווייזען, אַז איין דאָלאַר אפילו פון דעם געלט, וואָס מיר גיבען־אויס פאַר שפּייז, פאַלט אַריין אין דייטשע הענט (מיר זיינען תמיד גרייט צו ברייגנען געגען באַווייזען); ג) באַווייזען, אַז די שפּייז־פּעקלאַך קומען ניט אָן; ד) באַווייזען, אַז מען נעהמט צו ביי אידען, וועלכע באַקומען די פּעקלאַך, זייערע ברויט־קאַרטען.

פונקט צוויי: מיר האָבען אויך קלאָר געמאַכט, אַז אגודת־ישראל איז גרייט מסכים צו זיין, אַז דער גאַנצער ענין, ווייל ער איז אַזוי בלוטיג, זאָל געבראַכט ווערען פאַר אַן אומפּאַרטייאישער אויספאָרשונגס־קאָמיטע. מיר האָבען אפילו פאָרגעלייגט אַלס טשערמאַן פון דער קאָמיטע אַ פּערזענליכקייט, וואָס האָט קיין שייכות נישט מיט אגודת־ישראל.

מיר מוזען אָבער פעסטשטעלען פאַר דער גאַנצער אידישער עפענטליכקייט, אַז דר. טענעבוים האָט זיך לגבי אונז געוואָלט פירען „מעשה באָס" און געוואָלט אונז אַרויפצווינ־

גען זיינע באַפעלען. אויף אַלע אונזערע פּאָדערונגען, סײַ בנוגע דאָקומענטען, סײַ בנוגע אַן אויספאָרשונגס־קאָמיטע, האָט דר. טענענבוים געהאַט איין איינציגען ענטפער: „מיר האָבען באַשלאָסען און איר מוזט זיך אונטערוואַרפען דעם באַשלוס".

דאָ ווילען מיר קלאָר שטעלען: אויב אָרגאַניזאַציעס אָדער פּאַרטייען האָבען פאַר־שידענע מיינונגען בנוגע געוויסע פראַגען, דאַן מוז מען, לכל־הפּחות, זיך וועגען זיי אַדורכריידען. דר. טענענבוים, אין נאָמען פון באַיקאַט־קאָמיטע, וואָס איז אַן אָרגאַניזאַ־ציע, אין וועלכער מיר זיינען ניט פאַרטראָטען, קאָן אויף אונז קיין באַשלוסען ניט אַרויפצווינגען. ער קאָן בלויז, אויב ער וויל, אַז מיר זאָלען אָננעמען אַן ענליכען באַשלוס, אונז באַווייזען זיין ריכטיגקייט מיט דאָקומענטען. דר. טענענבוים פון זיין זייט, באַזירענדיג זיך אויף זיינע אייגענע ווערטער וועגען תורה־אידען, וואָלט זיכער אונז נישט געפאָלגט, ווען מיר פּרובירען אויף איהם אַרויפצווינגען אַ מיינונג פון רבני'שע אויטאָריטעטען, וועלכע זיינען פאַר אונז די איינציג־מאָסגעבענדע.

* * *

אונזער שטעלונג אין דער פראַגע פון העלפען מיט שפּייז אונזערע פאַראומגליקטע און הונגעריגע ברידער אין פּוילען, און אין אַנדערע נאַצי־אָקופּירטע לענדער, איז, אַ קלאָרע: לא תעמוד על דם רעך. פאַר אונז זיינען וויכטיגער און מאָסגעבענדער די טוי־זענטער הימל־שרייענדע בריוו, וועלכע קומען אָן, טאָג־איין טאָג־אויס, פון יענעם שוידער־ליכען עמק הבכא, און אין וועלכע פּוילישע אידען בעטען איין בקשה: שיקט אונז שפּייז־פּעקלאַך, לאָזט אונז נישט אויסשטאַרבען פון הונגער, אונז און אונזערע קליינע קינדער, הינטער די פינסטערע געטאָ־מויערען.

מיר וואַרפען קאַטעגאָריש צוריק די באַהויפּטונג, אַז די פּעקלאַך קומען ניט אָן, און מיר זיינען יאָ גרייט צו באַווייזען דעם געגענטייל.

דאָס זעלבע איז אויך ריכטיג בנוגע די אַנדערע „אַרגומענטען" פון דר. טענענבוים. מיר האָבען באַוויזען דערפאַר, אַז עס איז אַ חוב קדוש צו העלפען אידען מיט שפּייז; דר. טענענבוים זאָגט, געוויסענסלאָז, אַז „אפילו ווען עס זאָל אונז קאָסטען קרבנות אין פּוילען", דאַן דאַרף מען אויך ניט העלפען די הונגעריגע און שמאַכטענדע. אדרבה: זאָל מען זיך צוזאַמענקומען ביי אַ רונדען טיש און באַהאַנדלען די דאָזיגע בלוטיגע פראַגע נישט מיט קלות־ראש און אכזריות, נאָר מיט פאַראַנטוואָרטליכקייט און כובד־ראש פאַר אידישע לעבענס, וואָס שטעהען דאָ אין קאָן.

און נאָך אַ וואָרט: אגודת־ישראל שיקט נישט נאָר שפּייז־פּעקלאַך, פאַר וועלכע קרובים באַצאָהלען; מיר האָבען הונדערטער פאַמיליעס געשיקט שפּייז אומזיסט, אויפ'ן חשבון פון אגודת־ישראל. הונדערטער גדולי תורה, אָרטאָדאָקסישע עסקנים און אידישע משפּחות, עקזיסטירען און לעבען נאָך, נאָר אַ דאַנק אונזער הילף. אויף אַלע אונזערע באַהויפּטונגען האָבען מיר דאָקומענטען.

* * *

און צום סוף, נאָך איין וואָרט צום דעת הקהל:

די טעג איז אין דער אידישע פּרעסע דערשינען אַן אויפרוף צו אידען, אַז זיי זאָלען העלפען באַשפּייזען די יוגאָסלאַווישע קריגס־געפאַנגענע. מרס. רוזוועלט האָט אונטער־געשריבען דעם אויפרוף און גערופען צו שיקען שפּייז־פּעקלאַך צו יוגאָסלאַווישע זעלנער, וועלכע געפינען זיך אין נאַצישע לאַגערס, טראָץ דער בלאָקאַדע.

פרעגען מיר: איז אַ שפּיז־פּעקעל, וואָס ווערט געשיקט צו אַ יוגאָסלאַווישען זעלנער נישט קיין שטער פאַר דער ענגלישער בלאָקאַדע, בעת דאָס זעלבע שפּיז־פּעקעל ווערט אַדרעסירט אויף נאַלעווקעס, ווערט עס געפערליך פאַר ענגלאַנד? איז מרס. רוזוועלט, די פרוי פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט, ווייניגער פריינט צו ענגלאַנד, ווי דר. טענענבוים און זיינע מיט־טומלער אינ'ם באָיקאָט־קאָמיטעט?

און נאָך עפּעס פרעגט זיך: ווי קאָנען און ווי מעגען, מיר אידען אין אמעריקא בלייבען זיצען רוהיג און גלייכגילטיג, ווי סענדיג אַז אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזער אייגען בלוט און פלייש, ראַנגלען זיך אין אַזאַ טויט־נויט און זיי ניט אויס־שטרעקען אַ האַנד פון הילף, על־כל־פנים אין די ראַמען פון אונזער באַגרענצטער מעגליכקייט. זאָלען מיר אידען, אייביגע רחמנים בני רחמנים, ווערען גראָד איצט אין דער שווערסטער שעה פאַר אונזערע אייראָפּעאישע ברידער, ווערען באַאיינפלוסט פון דעם געוויסענס־לאָזיגקייט און אכזריות פון די לייט אינם „באָיקאָט קאָמיטעט"? זאָלען מיר פאַרשטאָפּען אונזערע אויערן און אונזערע הערצער פונם הילפס און רעטונגס־רוף וואָס עס רייסט זיך פון אונזערע אַזוי שווער־געטראָפענע און פאַרפייניגטע ברידער, וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרען אינם בלוטיגען רשות פון רוצחים, די דייטשע נאצי־עמלקים?

אדרבא: ירא הקהל וישפוט. זאָל די אידישע עפענטליכע מיינונג משפט'ען.

(„דער טאָג", ג' מנחם אב תש"א, 7.27.1941)

וואָס מיר מוזען איצט טאָן
פאַר אידען אין פוילען

וועלען מיר טאַקי לאָזען אויסגעהן פון הונגער דאָס פוילישע אידענטום? אָט די פראַגע מוז איצט ווידער אַמאָל געשטעלט ווערען צו דער אידישער עפענטליכקייט.

גאָט׳ס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסען כמעט אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל. פעלקער און לענדער ליגען פאַרקנעכטעטע און פאַרשמאַכטע. מיליאָנען, צעהנדליגע מיליאָנען מענשען געפינען זיך אין פיין און נויט. אויף פוילען איז געפאַלען דער שווערסטער גורל. דאָרט ווערט די באַפעלקערונג אַממייסטען געפייניגט און ערנידעריגט. דאָרט בושעווען די נאַצי הענקערס מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייער חיה׳שער ברוטאַליטעט. אָבער דאָס וואָס עס פאַסירט מיט די מיליאָנען אידען וועלכע געפינען זיך אין פוילען, געהט איבער אַלע גרעניצען פון השגה און פאַרשטאַנד. זיי זיינען ממש די אומגליקליכסטע צווישען די אומגליקליכע, פאַרשעהמטע און באַשפיגענע, מיט בושה־צייכענס איינגעשלאָסען הינטער פינסטערע געטאָ־מויערען. אָבער איבער אַלעם דער הונגער. דער שרעקליכסטער הונגער וואָס די מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך נאָר פאָרשטעלען. יעדען טאָג, יעדע שעה פאַלען מענשען ווי פליגען פון הונגער, און ממילא פון פאַרשידענע קראַנקהייטען. און די פאַר־שטאָרבענע — אַזוי שרייבט מען פון דאָרט — ווערען באַגלייט פון זייערע קרובים מיט קנאה־געפיהלען: געשטאָרבען און ענדליך אויסגעלייזט געוואָרען פון אַלע צרות, פיין, פחד און יסורים.

די לעצטע ידיעות וועלכע קומען — דורך אומוועגען — אַהער קיין אַמעריקע, באַווייזען, אַז עס דראָהט, חס ושלום, אַ פולשטענדיגער חורבן און אונטערגאַנג פון דעם גרויסען קבוץ פון פוילישען אידענטום, דער גייסטיגער הויפט־צענטער פונ׳ם גאַנצען אידישען פאָלק. אין דער וואַרשעווער געטאָ אַליין שטאַרבען קרוב צו אַכט טויזענד אידען אַ חודש, דאָס מיינט, אַז אַן ערך פון דריי הונדערט אידישע לעבענס ווערען פאַר־שניטען טאָג־טעגליך. און די איבעריגע, די אַלע וועלכע לעבען נאָך, געפינען זיך אָן אַ שטיקעל ברויט, אָן יעדע זאַך וואָס איז נויטיג דאָס לעבען צו דערהאַלטען, הונגעריגע, קראַנקע און פאַרשמאַכטע, געפינען זיי זיך אין אַ צושטאַנד פון לעבעדיגע שאָטענס און ווערען וואָס אַ טאָג נאָנטערע קאַנדידאַטען פאַר׳ן טויט, ח״ו.

וואָס טוען מיר? וואָס טוען מיר אַמעריקאַנער אידען, פאַר אונזערע פאַראומ־גליקטע ברידער וועלכע געהען אויס הינטער די פאַרשלאָסענע מיטעל־אַלטערליכע געטאָ־טויערען? וואו איז דער ציטער און גרויל וואָס האָט געדאַרפט יעדען פון אונז אַרומ־כאַפּען דערמאָנענדיג זיך אין אונזערע מיליאָנען פוילישע ברידער און שוועסטער?! איך וועל וואַגען און זאָגען: די פוילישע אידען זיינען פאַרגעסען געוואָרען, אַלע האָבען אין זיי פאַרגעסען, ניט בלויז די יעניגע וועלכע שטעהען אין שפיץ פון דער אידיש־אַמעריקאַ־נער הילפס־אַרבייט, זייער באַציהונג צום פוילישען אידענטום איז שטענדיג געווען ווי צו שטיף־קינדער, נאָר אויך די ברייטע מאַסען פון אַמעריקאַנער אידענטום האָבען אָן זייערע פוילישע ברידער פאַרגעסען — בלויז נאָר איינער איז פאַראַן וואָס געדענקט און פאַר־

געסט ניט די אידען אין פוילען, דאָס איז: היטלער מיט זיינע מערדער־באַנדעס, זיי געדענקען גוט אונזערע פּאַראומגליקטע פּוילישע ברידער, די גרעסטע מאָס פון פּייניגונגען און אכזריות ווערט אָנגעווענדעט אין זייער שוידערליכען אויסראָטונגס־קאַמף לגבי זיי. וואָס אַ טאָג אַ קלענערע שפּייז־פּאַרציע, שיסען פּאַר אַרויסכאַפּען זיך פון געטאָ זוכען אַ שטיקעל ברויט צו שטילען דעם הונגער פון די קליינע קינדער. און אַזוי וועט ער פאַרטיג ווערען, חלילה, מיט דעם גרעסטען און שטאַרקסטען אידישען קבוץ אויף דער וועלט.

* * *

ווען עס באַריהרט ווער די דאָזיגע אָנגעווערהטאָגטע פראַגע, קומט דער ענטפער: וואָס קאָנען מיר טאָן? וואָס קען איצט בכלל געטאָן ווערען? צי זיינען דען פאַראַן וועגען און מעגליכקייטען איבערצושיקען הילף פאַר די אידען אין די געטאָס? און אָט אין דעם ליגט די געפאַהר, דאָס וואָס מען האָט זיך און אַנדערע איינגערעדט אַז מ׳קען שוין גאָרניט טאָן, מ׳קאָן מיט גאָרניט העלפען די אומגליקליכע; אַז עס ניט פאַראַן קיין שום מעגליכקייט צו דערלאַנגען כאָטש אַן אָרים שטיקל ברויט אונזערע פון הונגער־אויסגעהענדע ברידער. אַן איינרעדעניש וואָס שטימט ניט מיט׳ן אמת. פאַרקערט, מ׳קען יאָ שיקען, עצות זיינען יאָ פאַראַן. און ניט בלויז מ׳קען שיקען הילף, נאָר מ׳שיקט טאַקי בפועל הילף. הילף פאַר הונגעריגע אין איראָפּעאישע לענדער געהט כסדר, גאַנצע שיפען מיט שפּייז און מעדיקאַמענטען געהען איבער די ימים — מיט דער ערלויבעניש פון דער ענגלישער רעגירונג — אַלס שנעלע רעטונגס־הילף פאַר הונגעריגע. צענער־טויזענטער שפּייז־פּעקלאַך ווערען איבערגעשיקט צו ליידענדע אין איראָפּאַ. פאַר אַלע ווערט געשיקט הילף, נאָר פאַר פּוילישע אידען ניט.

עס ווערט געשיקט פיל הילף פאַר גריכען, בעלגיער, ענגלישע געפאַנגענע. אָבער גאָרניט פאַר אונזערע אומגליקליכע ברידער, וועלכע געפינען זיך פאַרשפּאַרט אין היטלער׳ס געטאָ־תפיסות.

און מיר שוויגען! מיר אַמעריקאַנער אידען, וועלכע זיינען איצט די גואלי הדם פון דעם מיליאָניגען אידישען קבוץ אין פוילען, שוויגען וועגען דעם שוידערליכען מצב.

די אידען אין ענגלאַנד האָבען שוין דורך דעם באָארד אָוו דעפּיוטיס, (ועד הקהלות) אויפגעהויבען די פראַגע, ווי דער פאַרשטעהער פון אגודת ישראל אין לאָנדאָן אהרן גודמאַן האָט ערקלערט: „אַז די לאַגע פון אידען אין די געטאָס איז פיל ערגער ווי אין גריכענלאַנד" און דעריבער „מוז די ענגלישע רעגירונג אויך ערלויבען שיקען שפּייז פאַר די אידען אין די געטאָס". צי איז ניט די הייליגע פליכט אויך פון אַמעריקאַנער אידענטום אויפצוהויבען די פראַגע, סיי אין וואַשינגטאָן און סיי אין לאָנדאָן, אויב מען מעג, — טראָץ דער בלאָקאַדע — שיקען שפּייז־הילף פאַר דער הונגעריגער באַפעלקערונג אין פאַרשידענע נאַצי־אָקופּירטע לענדער, פאַרוואָס זאָל מען ניט געבען דעם זעלבען היתר פאַר די איינגעשפּאַרטע אידען אין די געטאָס?

ווי קענען מיר רוהיג בלייבען, ווען מ׳לייענט אַזעלכע שוידערליכע ציפערען אַז בלויז אין יאָהר 1941 זיינען אויסגעשטאָרבען אין פוילען 453 טויזענד אידען? צי איז אַ האַלבער מיליאָן קרבנות אין איין יאָהר נאָך צו וויניג, אַז מיר, זייערע ברידער אין אַמעריקע, זאָלען ערוואַכען, דערפּיהלען און דערזעהן די שרעקליכע סכנה אין וועלכער זיי געפינען זיך?! צי ווען פאַר אונזערע אויגען שטאַרבען אויס אין איין יאָהר אַ זעקסטחלק פון פּוילישען אידענטום, איז נאָך ניט גענוג אַז מיר, זייערע איינציגע גואלי־הדם, זאָלען אויפצייטערן און אויפשטורמען, אַז בעת מען העלפט אַנדערע ליידענדע פעלקער

זאָלען מיר ניט בלייבען זיצען, מיט פאַרברעכערישער גלייכגילטיגקייט, און צוזעהן ווי אונזערע בעסטע, טייערסטע און נאָהענסטע, געהען אויס בוכשטעבליך פון הונגער!

ווי מעגען מיר גלייכגילטיגע צוקוקען „באבדן עמי ומולדתי״?

עס איז וועגען דעם אָנגעוועהטאָגטען ענין שוין גענוג גערעדט געוואָרען, אָבער ליידער כמעט ווי גאָרניט געטאָן געוואָרען. אַלעס איז געבליבען ווי געווען, דאָס מיינט, אַז מיר ריידען און זיי הונגערען, מיר שווייגען און זיי שטאַרבען... עס מוז זאָפאָרט איינגערופען ווערען אַ דרינגענדע באַראַטונג פון אַלע פאַראַנטוואָרטליכע אָרגאַני־זאַציעס און אינסטיטוציעס, וועלכע דער באַדראָהענדער גורל פון פוילישען אידענטום שטעהט נאָהענט צום האַרצען און געוויסען. און ביי דער באַראַטונג וועלען שוין געפונען ווערען די וועגען און מיטלען, אַז אידען זאָלען באַהאַנדעלט ווערען גלייך ווי אַלע אַנדערע ליידענדע. דאָרט, ביי דער באַראַטונג, וועלען מוזען געפונען ווערען מיטלען, אַז בעת די אידען אין אייראָפּא זיינען די ערשטע קרבנות פון דעם פינסטערען היטלעריזם, טאָרען זיי ניט ווערען די לעצטע, ווען עס קומט צום געבען הילף.

אמת, מיר אידען מוזען — גלייך ווי אַלע אַנדערע — זיך אונטערוואַרפען די אָנגע־נומענע געזעצען פון דער בלאָקאַדע, און עס איז אויסער יעדען ספק אַז מיר זיינען די ערשטע, וועלכע שאַצען אָפּ די גרויסע געפאַר פון דעם נאַציזם, און מיר זיינען גרייט אויף אַלע גרעסטע קרבנות בכדי צוצואיילען צום אויסגעהאָפטען שנעלען נצחון איבער דער פינסטערער מאַכט פון דעם חיה׳שען היטלעריזם. אָבער מיר קענען ניט, טאָרען ניט און וועלען ניט, מסכים זיין, אַז פאַר אַנדערע פעלקער זאָל הילף יאָ געשיקט ווערען און גראַד פאַר די ליידענדסטע צווישען אַלע ליידענדע, פאַר די אומגליקליכע און געטאָ־פאַרשפאַרטע אידען טאָר קיין הילף ניט געשיקט ווערען.

דאָס פוילישע אידענטום מוז געראַטעוועט ווערען, מיר, דאָס אַמעריקאַנער אידענ־טום מוזען זיי פון הונגער־טויט ראַטעווען, מיר, ווייל מיר זיינען זייערע איינציגע גואלי הדם.

(„מאָרגען זשורנאַל״, כ׳ ניסן תש״ב, 4.7.1942)

מעשי ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה

מצד דער רעדאַקציע פון דער צייט־שריפט בין איך, וואָס אמת, געבעטען געוואָרען צו שרייבען אויף דער טעמא: אגודת ישראל אין פוילען, ד. ה. וועגען דער רוהמפולער טעטיגקייט און דערגרייכונגען פונ׳ם אומאָבהענגיגען אָרטאָדאָקסישען אי־דענטום אין פוילען. — אַ טעמא זעהר אַ דאַנקבאַרע, מ׳קען ניט בלויז איין אַרטיקעל וועגען דעם שרייבען, נאָר גאַנצע בראָשורען. האָט דאָך די אַגודת ישראל אַריינגעדרונגען אין די ברייטסטע קרייזען פון פוילישען אידענטום, און במשך אַ קורצער צייט געוואָרען אַ געוואַלדיגער כוח און אַ דאָמינירענדער פאַקטאָר אויף אַלע געביטען פון געזעל־שאַפטליכען, קולטורעלען און פאָליטישען לעבען, פונ׳ם דריי־און־אַ־האַלב מיליאָניגען אידישען קיבוץ אין דער פוילישער מדינה.

מ׳קען באַזונדערע בראָשורען שרייבען וועגען יעדען אַרבייטס־געביט באַזונדער. נעמט למשל: דעם קהלה־געביט, פּאָליטיק, בענק און קאָאָפּעראַטיווען, פּרעסע און אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור, יוגענד־באַוועגונגען א. אַ. וו. אַלעס גאָלדענע בלעטער אין דער געשיכטע פון אגודת ישראל אין פוילען, ווער רעדט נאָך פון דערציהונג, פון חנוך הבנים והבנות, פון די מוסטערהאַפטע, וועלט־באַריהמטע שול־אָרגאַניזאַציעס „חורב״ און „בית־יעקב״, חורב (פאַר אינגלעך) מיט 49 טויזענט תלמידים און בית יעקב (פאַר מיידלעך) מיט 28 טויזענט תלמידות, און אַלס צולאָג די באַוואוסטע און איבעראַל־אַנערקענטע לעהרער־סעמינאַרען פאַר מורים און מורות.

ווי איהר זעהט, האָב איך געדאַרפט דאַנקבאַר זיין פאַר דער מיר צוגעטיילטער טעמע, וועלכע איז באמת אינטערעסאַנט און אונערשעפּליך, בפרט פאַר איינעם, וועלכער איז געשטאַנען אַזוי נאָהענט צו דער דאָזיגער קאָלאָסאַלער חרדי׳שער אויפ־בוי־אַרבייט, און דאָך וועל איך דורכלאָזען די געלעגענהייט און שרייבען וועגען גאָר עפּעס אַנדערש. ניט וועגען דער פּרעכטיגער, גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט פונ׳ם פוילישען אידענטום, נאָר וועגען דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפאַלער געגענוואַרט.

איך וועל אָפענהאַרציג מיך מודה זיין, אַז זעצענדיג זיך שרייבען וועגען דער פאַרגאַנגענער טעטיגקייט פון דער פוילישער אָרטאָדאָקסיע, איז מיר הענט און פיס אָפּגענומען געוואָרען; עס האָבען זיך פאַר מיינע אויגען געשטעלט מיינע אַגודיסטישע ברידער און שוועסטער און מיט זיי צוזאַמען דאָס גאַנצע פוילישע אידענטום, און האָבען צו מיר אויסגעשריען (יאָ, איך האָב ממש זייער קול געהערט): ווי וואַגסטו? וועגען אונזער הערליכער פאַרגאַנגענהייט געהסטו שרייבען, איצט, אין דעם בלוטיגען קאָשמאַר, ווען מיר שוועבען צווישען טויט און לעבען? פאַר וואָס ניט שרייבען בעסער וועגען אונזער שרעקליכער, פינסטערער געגענוואַרט! דו געהסט באַזינגען אונזער ליכטיגען נעכטען, גראַד איצט ווען מיר שטעהען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג! זעהסטו ניט ווי מיר אַלע, מיט אונזערע פרויען און קינדער, געהען אויס פון הונגער און פּיין? לאָז אָפּ איצט דיינע שירות ותשבחות, שרייב, שריי און אַלאַרמיר די וועלט: ראַטעוועט די פוילישע אידען, וועלכע האָבען אַזאַ הערליכע פאַרגאַנגענהייט, בכדי זיי זאָלען קענען דערלעבען די האָפענדע בעסערע צוקונפט.

איך האָב זייער קול דערהערט און די פעדער איז מיר פון האַנט אַרויסגעפאַלען —

מעשה ידי טובעין בדם ואתם אומרים שירה?

* * *

אַפּאַטיע, גלייכגילטיגקייט, אָדער פאַרברעכען — ווי זאָל מען אָנרופען דאָס, וואָס עס קומט פאָר פאַר אונזערע אויגען? ווי אַ אייביגער שאַנד־צייכען וועט פאַרצייכענט ווערען די פאַרברעכערישע גלייכגילטיגקייט, וואָס עס ווערט אַרויסגע־וויזען צו דער שרעקליך־טראַגישער לאַגע פון׳ם אונטערגעהענדיגען מיליאָניגען אידי־שען קבוץ אין פוילען.

סיסטעמאַטיש און מיט רוצחישער אויסרעכענונג ווערט אויסגעראָטען דער שטאַרקסטער און לעבעדיגסטער טייל פון׳ם אידישען פאָלק — דאָס פוילישע אידענטום. טויזענטער קרבנות פאַלען, וואָך־איין, וואָך־אויס, פון הונגער, פיין און יסורים; טויזענ־טער קרבנות ווערען פאַרצוקט פון עפּידעמישע קראַנקהייטען, ואין פוצה פה ומצפצף. ניטאָ די, וועלכע זאָלען אַרויסברייגגען פאַר דער וועלט דעם גרויסען וועה־געשריי; ניטאָ די, וועלכע זאָלען מאַכען אויפציטערען דאָס הארץ און געוויסען פון דער וועלט, פון דער ניט־אידישער, ווי פון דער אידישער; ניטאָ די, וועלכע זאָלען דערלאַנגען אַ שטיקעל ברויט צו אונזערע הונגעריגע, שמאַכטענדע ברידער אין פוילען.

און זאָל מען ניט דענקען, אַז עס פעהלען אויס אין אַמעריקע אידישע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטען און אינסטיטוציעס, אידישע פּאָליטיקער, פילאַנטראָפען און געזעלשאַפטליכע עסקנים, וועלכע זאָרגען און „באַזאָרגען" אונזערע אומגליקליכע געטאָ־קרבנות. אָה, ניין, פאַראַן אַזעלכע גענוג און איבער גענוג; פאַראַן גאָר אַן „איבערפּראָדוקציע" פון דעם מין, נאָר זיי זיינען באַשעפטיגט מיט אַנדערע „גאָר הויכע" ענינים; זיי זיינען „ביזי" מיט געוואַלדיג־גרויסע פּלענער אויף נאָך דער מלחמה, ווי אַזוי „אויפצובויען" און „איבערבויען" אידישע פרנסות און עקזיסטענצען אין דער צוקונפטיגער פרידענס־צייט; ווי אַזוי צו זיכערען אידישע רעכט אין די באַפרייטע לענדער נאָכ׳ן פאַלען פון היטלעריזם. מען איז אַזוי פאַרקאָכט אין דער נאָך־מלחמה׳דיגער „הילפס־אַרבייט", אַז מען קאָנקורירט אַזש צווישען זיך און עס געהט אָן אַ געיעג אין מנחם־מענדיל׳דיגע צוקונפט־פּלענער און פאַנטאַזיעס, אַזוי אַז היינט צו טאָג האָבען מיר שוין אַזש 4 פרידענס־אינסטיטוטען מיט גרויסע שטאַבען אָנגעשטעלטע, פּאָליטיקער, עקאָנאָמיסטען און סטאַטיסטיקער, וועלכע זיינען אַזוי שטאַרק באַשעפטיגט און אַריינגעטאָן אין זייער אַרבייט פון „צוגרייטען" פּראָיעקטען און עצות פאַר דער צוקונפטיגער שלום־קאָנפערענץ, אַז זיי האָבען פון גרויס פאַר־נומענקייט פאַרגעסען אין... די אידען גופא.

און — צו אונזער גרויסער חרפה — ניט פאַראַן קיינער, וועלכער זאָל זיך אַריינרייסען אין די צוגעגרייטע „שלום־אינסטיטוטען" און אָנכאַפּען ביי די לאַצען יענע אַלע פיהרער און פאַרזאָרגער און אויסשרייען: פאַר וועמען? פאַר וועמען גרייט איהר דאָס אייערע גוטע פּלענער און פּראָיעקטען, פאַר וועמען, — אפשר פאַר יענע אידען דאָרט אין פוילען, וועלכע שטאַרבען אויס? וואָס יועט שוין זיין, ווען די וועלט וועט שוין זוכה זיין און די גליקליכע שעה פון דער וועלט־באַפרייאונג וועט קומען און מיט שטורם און צאָרן וועלן די פינסטערע, מיטעלאַלטערליכע געטאָ־ווענט אויפגעבראָכען און צושמעטערט ווערען, — צו וועמען וועלען מיר איבערגעבען

די באַפרייאונגס־בשורות? אויב מיר וועלען ווייטער שווייגען און גאַר ניט טאָן זיי דאַרטען, די אומגליקליכע און געטאָ־פאַרשפאַרטע אידען, ביים לעבען צו דערהאַלטען.

מעשה ידי טובעין בים...

* * *

דער גרעסטער, שטאַרקסטער און גייסטרייכסטער אידישער קבוץ אין דער וועלט האַלט, חס ושלום, ביים אונטערגעהן, און די וועלט שווייגט. איוב׳ס בשורות קומען אַן טאָג־טעגליך פון יענעם פינסטערען עמק־הבכא, ואין קול ואין עונה.

און דאָ קומט דאָס טרויעריגסטע קאַפּיטעל. ווען עס באַריהרט ווער די דאָזיגע אַנגעווערהטאָגטע פראַגע, קומט באַלד די תשובה: וואָס קען דען געטאָהן ווערען? זיינען דען פאַראַן וועגען און מיטלען איבערצושיקען הילף פאַר די אידען אין די געטאָס? וועט דען דאָס שיקען שפייז ניט זיין געגען די בלאָקאַדע־געזעצען?

אומגליקליכערוויז איז עס געשעהן דאָס, וואָס מען האָט זיך און אַנדערע איינגערעדט, אַז מ׳קען ניט, און נאָך מעהר, אַז מען טאָר ניט העלפען מיט אַ שטיקעל ברויט אונזערע פון הונגער־אויסגעהענדע ברידער, וועלכע זיינען איינגעשפאַרט אין די שוידערליכע געטאָ־תפיסות, — אַן איינריידעניש, וועלכע שטימט אַבסאָלוט ניט מיט דער ווירקליכקייט. פאַרקערט, מען קען און מען טאָר שיקען, פאַראַן דערצו די נויטיגע וועגען און מעגליכקייט, אַ באַוויז, ווייל עס ווערט געשיקט, טאַקע בפועל ממש, הילף פאַר הונגעריגע אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. גאַנצע שיפען מיט שפייז און מעדיקאַמענטען געהען איבער די ימים מיט דער בפירוש׳ער דערלויבעניש פון דער ענגלישער רעגירונג — טראָץ דער בלאָקאַדע — אַלס רעטונגס־הילף פאַר הונ־געריגע אין גריכנלאַנד; כסדר׳דיגע הילף פון שפייז־פּעקלעך ווערט געשיקט דורך דער בעלגישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן, פאַר די ליידענדע אין בעלגיע. עס ווערט אויך געשיקט אָהן אָפּהאַלט שפייז־פּעקלעך אַלס מתנות פאַר ענגלישע זעלנער, וועלכע געפינען זיך אין דייטשלאַנד אַלס קריגס־געפאַנגענע. פאַר אַלע געהט הילף, נאָר פאַר אונזערע פוילישע אידען ניט, פאַר די אומגליקליכסטע פון די אומגליקליכע, פאַר די ליידענסטע פון אַלע ליידענדע, פאַר זיי ווערט אויסגענוצט די גאַנצע שטרענג־קייט פון די בלאָקאַדע־געזעצען, פאַר זיי איז חל דער גאַנצער חומר־הדין.

פאַר וואָס? פאַר וואָס? ווער האָט דאָס געגעבען אַזאַ פּסק־הלכה, וועמען האָט דאָס דער יושר אַזוי דיקטירט, אַז דוקא פאַר די פוילישע אידען, די ערשטע, גרעסטע און אומגליקליכסטע קרבנות פון פינסטערען נאַציזם, טאָר ניט געשיקט ווערען כאָטש מינימאַלע הילף, בכדי להחיות את נפשם?

ווער איז שולדיג אין דעם אויב ניט מיר אַליין! גריכען, בעלגיער און אַנדערע ליידענדע פעלקער האָבען געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אַננעהמען; זייערע פאַרשטייער אין ענגלאַנד און אַמעריקע האָבען ניט גערוהט, ניט מצדיק הדין געווען. געלאָפען זיינען זיי, געבעטען און געשטורעמט, אַנגעוויזען און אַלאַרמירט וועגען דער טויט־סכנה, וואָס עס לויערט אויף זייערע פעלקער, ביז זיי האָבען אויסגעווירקט די דערלויבעניש צו שיקען שפייז־הילף.

מיר אָבער האָבען גאָר ניט געטהאָן (דאָס שאַנד־קאַפּיטעל פון׳ם באָיקאָט־קאָמיטעט מיט איהר טרויעריג־באַריהמטען „פיקעטער״ יוסף טענענבוים... ווילט זיך איצט ניט דערמאָנען... מען וועט עס דערצעהלען די פוילישע אידען אי״ה אין

פריידען...). די באַרופענע אידישע כלל־טוער האָבען אַ פינגער אין קאַלטען וואַסער ניט אַריינגעטהאָן, עפּעס אויסצווירקען לטובת די פּאַראומגליקטע געטאָ־אידען; אָן אונ'רחמנות'דיגע גלייכגילטיגקייט טרעפט איהר אומעטום צו דעם שרעקליכען גורל פונ'ם פוילישען אידענטום. אין די רייך־אויסמעבלירטע קאַבינעטען, וואו עס זיצען הרחבה'דיג די „פּריצישע כלל־פאַרזאָרגער", פעהלט אידיש האַרץ, אידיש געוויסען, אידישע אחריות און דער עיקר אידיש רחמנות. אין שפּיץ פון די גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין אַמעריקע וועט איר טרעפען אָדער „פילאַנטראָפּישע יאַהודים", וואָס בכדי עס זאָל חלילה ניט פאַלען אַ שמץ־פּסול אויף זייער היפּער־פּאַטריאָטיזם, מוזען זיי זיך האַלטען שטילער ווי גראָז, אָדער „גרויס־פּאָליטיקער", „נאַציאָנאַלע פיהרער", וועלכע קענען זיך נאָר באַשעפטיגען מיט „גרויסע וועלט־ענינים", מיט „הויך־פּאָליטיק", און מיט „מעדיסאָן־סקווער־גאַרדען־פּראָטעסטען". איהר וועט אָבער דאָרט ניט טרעפען דאָס פּשוט'ע, עהרליכע אידישע האַרץ, וואָס זאָל אַליין אויפּציטערען און קענען מאַכען אַנדערע אויפּציטערען, ווען עס קומט אַן עת צרה ליעקב. עס פעהלען יענע אַמאָליגע גרויסע אידען, אמת־אידישע כלל־טוער, שליחי־צבור און מסירת־נפש'דיגע שתדלנים. יאָ, שתדלנים, וועלכע האָבען זיך געאָפּפערט פאַר'ן אידישען כלל, ווי פאַר'ן אידישען יחיד, אמת'ע רחמנים־בני־רחמנים, וועלכע האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שוועריגקייט — אפילו מיט זייערע אייגענע לעבענס ריזיקירט — ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט ביים אָפּשרייען אַ גזירה אויף אידען. ניטאָ היינט מעהר יענע גרויסע און הייליגע אידישע גייסטער, וועלכע האָבען געברענט מיט אַ הייליג פייער פון ליבע און כלות־הנפש'דיגער איבערגעגעבענהייט, ציטער און טרייקייט צו יעדען איד און צום כלל־ישראל; אין וועמענס בלוט עס איז געלעגען די לעהרע פון אונזער הייליגער תורה: כל המקיים נפש אחת מישראל עולם מלא קיים. און ווער רעדט נאָך, ווען עס איז נוגע דער רעטונג פון מיליאָנען אידישע נפשות.

מעשה ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה?

* * *

דעם פוילישען אידענטום דראָהט אונטערגאַנג. דער דריי־און־האַלב־מיליאָניגער קבוץ האַלט, חס ושלום, ביים אויסשטאַרבען; דער משמנה ומסלתה פון גאַנצען עם ישראל האַלט, חלילה, ביים פאַרניכטעט ווערען. דם ואש ותמרות עשן האָבען זיך פאַרמאָסטען אויסצורייסען מיט'ן שורש דעם גייסטיגען צענטער, די קוזשניע פון אידיש האַרץ און נשמה פאַר'ן גאַנצען אידישען פאָלק.

הונדערטער טויזענטער זיינען שוין אומגעקומען. די, וועלכע לעבען נאָך, ראַנגלען זיך מיט זייערע לעצטע כחות זיך צו דערהאַלטען, זייערע אויגען זיינען געווענדעט צו אונז, אַמעריקאַנער אידען, ווי אַלס געטליכע שליחים, זיי צו ראַטעווען. זייערע אויסגעדאַרטע הענט זיינען אויסגעשטרעקט צו אונז, גליקליכע אַמעריקאַנער אידען, מיט דער איינציגער תפלה זייערער: „גיט אונז אַ שטיקעל ברויט", שיקט אונז כאָטש אַביסעל שטיצע, בכדי צו דערהאַלטען ביים לעבען, אַמווייניגסטענס אונזערע פרויען און קינדער!

ראַטעוועט אונז וואָס שנעלער, פאַרשפּעטיגט ניט מיט אייער הילף, טהוט עפּעס פאַר אונזער הצלה, ווייל איהר וועט באַלד ניט האָבען וועמען צו ראַטעווען!

אונזערע הייליגע חכמים ז"ל זאָגען אונז, אַז דריי קולות הערען זיך מסוף העולם ועד סופו, פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען, און איינע פון זיי איז דער קול, דער געשריי וואָס דער מענש גיט פון זיך אַרויס פאַר זיין טויט. דער וועה־געשריי, וועלכער קומט

צו אונז פון דעם פוילישען אידענטום, וואָס געפינט זיך אויף דער שוועל פון טויט און פאַרניכטונג, רייסט זיך אויך מסוף עולם ועד סופו. וועלען מיר ניט דערהערען אָט דעם שוידערליכען טויט־געשריי? וועט דאָס אַמעריקאַנער אידענטום ווייטער בלייבען פאַר־זונקען אין זייער גלייכגילטיגקייט, אין דער צייט ווען זייערע ברידער און שוועסטער, זייער אייגען בלוט און פליש, ראַנגלען זיך אין טויט־אַנגסטען און רופען אַז מען זאָל זיי העלפען זיך אַרויסרייסען פון די נעגעל פון׳ם פינסטערען מלאך המות?

וועלען זיך ניט געפינען אמת־אידישע עסקנים מיט אידישע הערצער און געוויסען, וועלכע זאָלען אויפצווינגען די „יאַהודימשע״ פילאַנטראָפען, וועלכע פאַרוואַלטען מיל־מיליאָנען־פאָנדען, אַז אויך דאָס בלוט פון פוילישען איד איז רויט, און ער טאָר ניט געלאָזען ווערען אויף הפקר; וועלכע זאָלען אויפצווינגען די יעניגע נאַציאָנאַלע „גרויס־פּאָליטיקער״, וואָס זענען אַזוי פאַרשלונגען מיט פּראָטעסטן און גיבען אַוועק אַזוי פיל כחות און שתדלנות (די אויסגעלאַכטע שתדלנות...) פאַר שאַפען אידישע אַרמייען און באַטאַליאָנען... אַז עס איז פיל, פיל וויכטיגער און הייליגער אויסצונוצען די כחות און שתדלנות ביי די ענגלישע און אַמעריקאַנער רעגירונגען, צו דערהאַלטען ביים לעבען די שוין־פאַראַנענע אידישע אַרמיי, אַ גרויסע און מעכטיגע אַרמיי, אַ דריי־און־האַלב־מיליאָניגע, דאָס פוילישע אידענטום.

מעשה ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה?

* * *

די רעדאַקציע און די לעזער וועלען מיר אַנטשולדיגען וואָס איך בין אַוועק פון דער מיר אָנגעצייכענטער טעמע און אַנשטאָט שרייבען וועגען אגודת־ישראל אין פוילען, האָב איך גאָר געשריבען וועגען גאַנצען פוילישען אידענטום, און וואָס אַנשטאָט דער הערליכער, גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, האָב איך געשריבען וועגען דער איצטיגער אַזוי פינסטערער און שוידערליכער געגענוואַרט.

איך האָב אַנדערש ניט געקענט. ביים שרייבען האָב איך זיך געפונען ניט אין אַמעריקע, איך האָב זיך געפונען צוזאַמען מיט מיינע הייליג־געפייניגטע אידישע ברידער און שוועסטער אין וואַרשע, ווילנע, קראָקע, לאָדז, ביאַליסטאָק, לעמבערג און קאָוונע.

איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט.

מעשה ידי טובעין בדם ואתם אומרים שירה?

(„גוער החרדי״ ערב ר״ה תש״ג)

אין שעה פון אומגליק
ניט פאַרלירען דעם גלויבען

פאראן פיל דאַטומס אין אונזער גלות־לאַנגער, פינסטערער מאַרטירער־גע־שיכטע, וועלכע ווערען דורכ׳ן אידישען פאָלק דערמאָנט מיט ציטער און שוידער. אָבער זיי אַלע ווערען פאַרטונקעלט ביים דערמאָנען דעם דאַטום פון אונזער גייעסטען שרעק־ליכסטען חורבן. — דעם דאַטום: — ערשטער סעפּטעמבער 1939.

ניט קיין נייעס זיינען ביים אידישען פאָלק עפּאָכעס פון הריגות ושחיטות, פון מאָרד און פאַרניכטונג. ניטאָ קיין איין פּעריאָד אין אונזער צוויי טויזענט יאָריגן גלות־וועג, וואָס זאָל זיין ריין פון פאַרגאָסען אידיש בלוט. כמעט ניטאָ קיין איין פאָלק, קיין איין אומה ולשון, וואָס זאָל קענען אויפהויבען זיינע הענט און מיט אַ רוהיג געוויסען קענען אויס־רופען: ידינו לא שפכו את הדם הנקי הזה. אָבער אַלעס ווערט געשטעלט אין שאָטען אין אַנבליק פון׳ם איצטיגען שוידערליכען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען אונזער פאָלק ישראל. אַלע קאַטאַסטראָפעס, מיט וועלכע אונזער געשיכטע־בוך איז ליידער אַזוי רייך, זיינען ווי אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דער בלוטיגער און שוידערהאַפטער קאַ־טאַסטראָפע, מיט וועלכער מיר זיינען געשטעלט געוואָרען פנים אל פנים אין דעם פינסטע־רען טאָג: — דעם 1טען סעפּטעמבער 1939.

* * *

לייכט זעהר לייכט, קען מען אַריינפאַלען אין פאַרצווייפלונג און יאוש, ווען מען דערמאָנט זיך אין דעם חורבן פוילען, אין דעם חורבן פון פוילישען אידענטום, וועלכער איז געווען דער צענטער, דער לעבענס־נערוו פון גאַנצען אידישען פאָלק.

מעכטיגע און שרעקליך־פאַרביסענע שונאים זיינען אויף אונז אויפגעשטאַנען, אַן אויסראָטונג און פאַרניכטונגס־קאַמף פון להשמיד להרוג ולאבד האָבען זיי אונזער פאָלק ישראל ערקלערט. גרויסע, גאָר גרויסע מאַסען, אין די הונדערטער טויזענטער, און אפשר מיליאָנען, אידישע לעבענס האָבען אָט די שוידערהאַפטע און בלוטדורשטיגע מענשען־חיות שוין באַוויזען צו פאַרניכטען. דער גרעסטער צאַרן און גזר־דין איז געפאַ־לען אויפ׳ן פוילישען אידענטום, אויף דעם אידישסטען ישוב, וועלכער איז געווען אַן אונערשעפּליכער קוואַל פון תורה ויהדות, פון אידיש וויסען און טראַדיציע, פון אידישען קאַמף, מוט און אויסדויער.

און ווי קען מען געפינען אַ וואָרט פון טרייסט און חזוק, אַ וואָרט פון בטחון און האָפנונג, ווען מען דערמאָנט זיך וואָס עס מיינט דער חושכ׳דיגער דאַטום פון 1־טען סעפּטעמבער 1939 פאַר׳ן גאַנצען אידישען פאָלק און בפרט פאַר דעם אַזוי לעבעדיגען, שפּרודעלדיגען, האַרציגען און וואונדערליך־אידישען קבוץ פון׳ם דריי־און־האַלב מיליאָ־ניגען פוילישען אידענטום.

* * *

די אידישע געשיכטע, וועלכע דעקט אויף פאַר אונז די אייביגע אידישע ליידען און פּיין, דעם אייביגען גראַנגעלהאַפטיגען פאַרמעסט פון עמלק געגען ישראל, דעקט

אָבער, גלייכצייטיג, אויך אויף דעם כח פון אידישען אויסדויער און קיום, פון דעם נצחיות פון ישראל חי וקים.

דאָס אידישע פאָלק האָט אייביג געהאַט זיינע קרבנות אויף דעם מזבח פון שנאה און אידען־האַס, אָבער קיינמאָל איז עס זיי ניט געלונגען, אפילו די שטאַרקסטע המנ׳ס, צו דערגרייכען זייער פאַרמעסט פון להשמיד ולאבד.

אידען אַלס פאָלק האָבען קיינמאָל ניט פאַרצווייפעלט און ניט אויפגעגעבען זייער פעסטען און אונערשיטערליכען גלויבען אין אייביגען שומר ישראל. און אָט אין דעם גלויבען אין נצח ישראל, אין דער תקופה פון אידישער אויפריכטונג און ערלייזונג, האָט דאָס אידענטום באַוויזען דורכצוגעהן אַזאַ בלוטיגען און ליידענדען לאַנגען גלות־וועג.

און ווי פינסטער עס איז דער אידישער הימעל היינט צו טאָג, טאָר עס אונז ניט אַריינוואַרפען אין האָפענונגסלאָזיגקייט און יאוש. מיר דאַרפען אין זיך געפינען אויך היינט יענע געשיכטליכע כחות פון אידישער אייביגקייט, פון אידישער צוקונפט און האָפנונג, כחות פון דער ג־ט׳ליכער נצחיות, וואָס וואַכט איבער אונזער פאָלקס־קיום. דאָס דאַרף און מוז אונז שטאַרקען און קרעפטיגען אויך אין דעם איצטיגען שוידערליכען אויגענבליק, ווען אונזער קיום איז אַזוי שווער געטראָפען און באַדראָהט.

אין דער שווערסטער שעה, אין דער געדיכטסטער פינסטערניש, אין אונזער גרויסען צער און טיפער אבלות איבער דעם חורבן בית ישראל אינם אייראָפּעאישען עמק־הבכא, לאָמיר זיך אָבער גלייכצייטיג אַרומנעמען און פאַרפאַנצערען מיט בטחון און שטאַרקייט, מיט האָפנונג און גלויבען, גלויבען אין עם ישראל און גלויבען אין אלקי ישראל, דעם אייביגען שומר ישראל.

(„מאָרגען זשורנאַל", א׳ אלול, תש״ג, 9.1.1943)

אומפאַראַנטוואָרטליכקייט אָדער פאַרברעכן

עס ווילט זיך ניט גערן קומען אין דער עפנטליכקייט און באַווייזן אויף וואָס פאַר אַ „הויכען" ניוואָ עס שטייט דאָס אידיש־געזעלשאַפטליכע לעבען דאָ אין דעם לאַנד. מיט וואָס פאַר אַ „פאַראַנטוואָרטליכקייט" ס'זיינען באַהערשט וואָרט־פירער פון דעם נאַציאָנאַלען לאַגער אַפילו לגבי די בלוטיגסטע אידישע אינטערעסן. זייער שטאַרק ווילט זיך אויסמיידען צו ברענגען אין גאַס אַריין די אייגענע שאַנד און חרפּה. צו דערציילען, צו וועלכער נידעריגקייט און געפאַלענקייט עס זיינען געזונקען די כלומר'שטע מנהיגים.

און דאָך קומט אַמאָל אַזאַ מאָמענט, וואָס מען מוז עס — ניט ווילענדיג — אין דער עפנטליכקייט ברענגען, ווייל עס לאָזט זיך מער ניט פאַרשוויגען, דאָ האַנדעלט זיך שוין ניט אין אידישער פאָליטיק, אַפילו ניט אין אידישע אינטערעסן, נאָר אין אידישע לעבענס. די שענדליכע פאָליטיק־טרייבעריי פון די פירער־פאַרפירער ווערט געטריבען אַפילו דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך אין ראַטעווען אידישע לעבענס אויף יענער זייט ים, אין יענעם שוידערליכען און בלוטיגען עמק־הבכא.

* * *

אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס איז לעצטענס אַריינגעבראַכט געוואָרען אַ רעזאָלוציע וועגן ראַטעווען די אידען, וועלכע געפינען זיך אין רשות פון די היטלעריסטישע מחבלים.

אין רעפּרעזענטאַנטען הויז איז די רעזאָלוציע אַריינגעבראַכט געוואָרען דורך די קאָנגרעס־לייט ראַדזשערס און באַלדווין. און אין סענאַט דורך סענאַטאָר דזשילעט. און אַ גאַנצע רייע אָנגעזעהענע סענאַטאָרען און קאָנגרעס־מענער שטיצען די רעזאָלוציע. אויך זיינען אויפגעטראַטען אַלס צום עדות צום גונסטען פון דער רעזאָלוציע אַ גרויסע צאָל אָנגעזעהענע אַמעריקאַנער און עס האָבען זיך געוויזען אַלע שאַנסען, אַז די רעזאָלוציע זאָל אין קאָנגרעס און אין סענאַט דורכגיין כמעט איינשטימיג.

די רעזאָלוציע פאָדערט אין נאָמען פון אַמעריקאַנער טראַדיציעס פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט, אַז עס זאָלען ווערען אָנגענומען אַלע מיטלען צו ראַטעווען די איבער־געבליבענע אידען אין נאַצישען גיהנום. דער קאָנגרעס רעקאָמאַנדירט און פאַרלאַנגט, אַז:

„דער פּרעזידענט זאָל שאַפען אַ קאָמיסיע פון דיפּלאָמאַטישע, עקאָנאָמישע און מיליטערישע עקספּערטען צו פאָרמולירען און ברענגען אין ווירקונג אַ פּלאַן פון באַל־דיגער טעטיגקייט, וואָס זאָל האָבען דעם ציל צו ראַטעווען די לעבען־געבליבענע אידען אין איראָפּע פון אויסראָטונג דורך די נאַציס".

* * *

זיכער, אַז מיר אידען זעהען ניט אין דער רעזאָלוציע די גאַנצע ישועה פאַר אונזערע פאַראומגליקטע איראָפּעאישע אידען, שוין דערפאַר וואָס זי קומט אַזוי פיל פאַרשפּעטיגט, ווען הונדערטער טויזענטער און אפשר מיליאָנען אידישע לעבענס זיינען שוין פאַרשניטען געוואָרען דורך די שרעקליכע משחיתים. און אויך דערפאַר, וואָס די וועלכע וועלען דאַרפען פאַרווירקליכען אָט די רעזאָלוציע וועלען אפשר ווייטער קענען אָנגיין מיט זייערע ביז איצטיגע תירוצים, אַז עס לאָזט זיך ניט קומען אין דיפּלאָמאַטישער

באַרירונג מיטן שונא, בכדי מיט אים אונטערצוהאַנדלען דאָס אַרויסלאָזען די אידישע קרבנות, און אַזוי ווייטער. (הגם וועגען אויסטויש פון קריגס־געפאַנגענע און סתם עלייס־בירגער, האָט מען יאָ געפונען אַ וועג פאַר צוזאַמענרעדען זיך...). איז דאָך אונז באַקאַנט, אַז ווען עס קומט צו ראַטעווען אידען פעלען קיינמאָל ניט אויס קיינע „גוטע" און „אויס־געהאַלטענע" תירוצים, אַז די פּראָבלעם פון ראַטעווען אידען איז טאַקע אַ וויכטיגע און אַ גאָר דרינגענדע... נאָר מען מוז וואַרטען ביז נאָך דעם אַלגעמיינעם נצחון איבערן שונא, דאָס הייסט, ביז נאָך דער מלחמה... און ווער ווייסט, צי דאָס הייסט ניט, וואַרטען ביז, חלילה וחלילה, עס וועט שוין ניט זיין וועמען צו ראַטעווען.

איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס מיר פאַרבינדען ניט אונזער ישועה מיט דער רעזאָלוציע, וועלכע קומט צום פינפטען יאָר פון דער מלחמה. אָבער, טראָץ דעם, האַלטען מיר, אַז דאָס אָננעמען אַזאַ רעזאָלוציע האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. זיינען מיר אידען דאָך די אייביגע אָפּטימיסטען, וואָס „אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, אַל יתייאש עצמו מן הרחמים". אפשר דאָך, אפשר וועט דאָך דערפון אַרויסקומען אַ הצלה, אַ רעטונג, פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע. איז דאָך דער גורל פון יענע מיליאָנען אידען אַזוי שרעקליך, אַזוי שוידערליך, אַזוי קאַטאַסטראָפאַל־באַדראָט, אַז אין יעדער קלענסטער באַוועגונג, אין יעדען מינדעסטען פּרוואוו פון רעטונג און דערהאַלטונג, מוזען מיר זיך אָנכאַפּען, אפשר וועט דערפון יאָ עפּעס אַרויסקומען. אַפילו עס זאָל איין איד דאַדורך געפינען רעטונג, מוז דאָך שוין דער שריט באַגריסט ווערען, ווייל „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא".

און ווען מען וועט נאָך וועלען אונטערשטרייכען די פאַרקערטע באַדייטונג, ווען די רעזאָלוציע זאָל, חלילה, דורכפאַלען, וואָס פאַר אַ פּאַטש דאָס וואָלט געווען פאַר אידען, און דאָס וואָלט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערען, אַז אַמעריקע האָט ניט קיין שום אינ־טערעס אין דעם ראַטעווען פון אידיש בלוט און לעבענס, קען מען דעריבער פאַרשטיין פאַרוואָס אידען אין אַמעריקע, און אין דער גאַנצער וועלט, האָפען, אַז די רעטונגס־רעזאָלוציע וועט דורכן קאָנגרעס אָנגענומען ווערען און עס וועט דורך דער אַמעריקאַנער רעגירונג אַלעס געטאָן ווערען צו ראַטעווען דעם שארית־הפליטה פון אייראָפּעאישען אידענטום.

* * *

האָט זיך געקענט גלויבען, אַז דאָס, וואָס איז אַזוי פּשוט און פאַרשטענדליך פאַר יעדען איד, פאַר יעדעס אידיש הארץ, וואָס בלוטיגט און וועהטאָגט איבער דעם טויט־גורל פון צוויי דריטעל פון אידישען פאָלק, וועט ניט פאַרשטאַנען ווערען גראָד דורך געזעלשאַפטליכע פירער? האָט זיך וועמען געקענט גלויבען, אַז עס וועלען זיך אָפּזוכען אידען, און דוקא „פּראָמינענטע פירער", וועלכע וועלען אָננעמען מיטלען, אַז די רעזאָ־לוציע זאָל צוריקגעצויגען ווערען, און ווען דאָס איז זיי ניט געלונגען, האָבען זיי געאַרבעט, אַז זי זאָל דורכפאַלען. האָט געקענט וועמען עולה על הדעת זיין, אַז עס וועלען זיך געפינען אַזעלכע „אידישע פאַרזאָרגער", וועלכע וועלען וואָגען — איבער פּערזענליכע כבוד און מאַכט־מאָטיווען — אָנצונעמען שריט געגען דאָס אָפּשטעלען די אויסמאָרדונג און פאַרטיליגונג פון מיליאָנען אידען?

יאָ, אַזעלכעס איז — צו אונזער גרויסער חרפה — געשעהען.

ווי איז דאָס מעגליך? פאַרוואָס? וואָס איז דער מאָטיוו?

טאָ הערט און שטוינט! איבער פּשוט'ער, ביליגער, קרעמערישער קאָנקורענץ,

אויסגעווירקט, אַז אַזאַ רעזאָלוציע זאָל אַריינגעבראַכט ווערען אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס, האָט דער „עמוירדזשענסי קאָמיטע צו ראַטעווען די אידען אין איראָפּע". די קאָמיטע ווערט אָנגעפירט דורך אַ גרופּע רעוויזיאָניסטישע עסקנים, וועלכע, מען מוז מודה זיין, פאַרמאָגען אין זייער אַרבעט פיל ווילען, מוט, ענערגיע און שוואונג, און האָבען שוין באַוויזען צו טאָן אַ סך גוטע אַרבעט אויך. און זיכער איז איבעריג אונטער־צושטרייכען, אַז ווען עס האַנדעלט זיך אין הצלת נפשות, דאַרף קיינעם ניט אינטערעסי־רען בודק צו זיין יענעמס פּאַרטייאישע פּאַספּאָרטען. און, אדרבה, געבענשט זאָלען זיין אַלע די, וועלכע נעמען וועלכע־עס־איז איניציאַטיוו אין העלפען ראַטעווען דעם שארית־הפליטה פון אונזער פאַראומגליקט און שווער־געטראָפען פאָלק ישראל.

און דאָ קומט דער שרעקליכער חילול־השם.

אַזוי ווי אַזאַ רעזאָלוציע אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס דורך דער רעוויזיאָניסטישער איניציאַטיוו קען הויבען דעם אָנזען פון רעוויזיאָניזם און ערנידעריגען דעם פּרעסטיזש פון אַנדערע כל׳ערליי ציוניסטישע חברות, האָט זיך באַוויזען דער „בעל הבית" פון אידישען פאָלק — „פירער פון ציון", „פּרעזידענט פון וועלט־קאָנגרעס", „פּרעזידענט פון אידישען אַמעריקאַנער קאָנגרעס", „פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנ־פערענץ", דער סאַמאָראַדנער דר. סטיפען וויז און האָט געזאָגט: ניין!! אויס מיט דער רעזאָלוציע, אויס מיט אידישע לעבענס, אויס מיט אידען אין איראָפּע!

אַ רעטונגס־רעזאָלוציע, וועלכע קומט ניט פון „מיין" ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון „מיין" קאָנגרעס", אָדער פון „מיין" אידישער קאָנפערענץ, טאָר ניט ווערען צוגע־לאָזט. רעוויזיאָניסטען גאָר וועלען קומען און האָבען די חוצפה צו ברעכען מיין מאָנאָפּאָל איבערן אידישען פאָלק, הי׳ לא תהי׳. — איך וועל אַלעס טאָן און וועל אויפקלערען די גוי׳אישע קעפּ פון וואַשינגטאָן, אַז די רעזאָלוציע איז ניט נויטיג. און צו דעם צוועק האָט סטיפען וויז געשיקט נאָך וואַשינגטאָן זיינע צוויי ציוניסטישע שליחים, אירווינג מילער און הערמאַן שולמאַן, מיט דער „הייליגער" שליחות צו ווירקען אויף די סענאַ־טאָרען, וועלכע האָבען די רעזאָלוציע אַריינגעטראָגען, אַז זיי זאָלען זי צוריקציען.

און ווען דאָס איז זיי, די שליחים, ניט געלונגען, האָט ער זיך אַליין געמאָלדען צום פאַרהער פון דער קאָנגרעס קאָמיטע און ביי זיין אויפטריט ערקלערט, אַז די רעזאָלוציע איז פאַר אים „ניט גענוג", נאָר ער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל צו דער רעזאָלוציע צוטשעפּען „אָפּענע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע". און ניט קוקענדיג, וואָס מען האָט אים מצד דעם קאָנגרעס ערקלערט, אַז די קאָמיטע איז לגמרי ניט קאָמפּעטענט צו באַהאַנדלען און באַשליסען די ארץ ישראל פראַגע, און דאָס צוטשעפּען די ארץ ישראל פראַגע איז ניט מער ווי עלול, אַז די רעטונגס־רעזאָלוציע זאָל גענצליך דורכפאַלען, איז ער — „דער כלל ישראל באָס" — גאָר ניט נתפעל געוואָרען און זיין צוטשעפּעניש ניט צוריקגעצויגען. ער האָט עס ניט צוריקגעצויגען, ווייל זיין אמת׳ע כוונה איז טאַקע געווען, אַז די רעזאָלוציע זאָל דורכפאַלען. און ווי מען שמועסט אין די פּרעסע־קרייזען, איז, אויב די רעזאָלוציע זאָל ניט דורכגיין, וועט דר. סטיפען וויז האָבען אַ גרויסען חלק אין דעם. ער וועט קענען פייערען „זיין זיג" איבער די רעוויזיאָניסטישע טוער פון דער עמוירדזשענסי־קאָמיטע, און איבער די מיליאָנען אידישע קרבנות אויף יענער זייט ים, וועלכע גייען אויס טאָג־טעגליך אונטער דער בייטש פון די היטלעריסטישע מערדער.

* * *

וואָס ענטפערט דאַרויף דער בעל דבר אַליין? גאָרניט. אָנגענומען אַ פּולען מויל מיט וואַסער און שווייגט. שוין אין נאָוועמבער, דעם 11טען, אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פון דער עמוירדזשענסי־קאָמיטע האָט מר. פּיטער בערגסאָן, דער הויפּט טוער פון דער קאָמיטע (אַ פּלימעניק פון הרב קוק) געוואָרפען עפענטליך די שווערע באַשולדיגונגען געגען דר. סטיפען ווייז און זיינע אַרויסהעלפער, מר. מילער און מר. שולמאַן. פון דאַמאָלס איז שוין אַריבער מער ווי דריי חדשים, און קיין ענטפער מצד ווייז'ן איז ניט געקומען. הייסט דאָס, אַז: שתיקה כהודאה דמיא... טאָ פרעגט זיך, וואו איז די עפענטליכע מיינונג? וואו איז דער דעת־הקהל פון אַמעריקאַנער אידענטום? און וואָס זאָגען דערצו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער ציון־עמוירדזשענסי־קאָונסיל, אידישער קאָנגרעס, אַמעריקאַנער קאָנפערענץ, וועמענס פּרעזידענט עס איז דר. ווייז, און זיין אַרויסטריט איז פאַרשטאַנען געוואָרען, אַז ער רעדט אין זייער אַלעמענס נאָמען. איז עס טאַקע אמת? רעדט ער אין זייער אַלעמענס נאָמען? וואָס שווייגען זיי? און ווי איז די אידישע פּרעסע? פאַרוואָס קומט זי ניט אַרויס מיט אַ שאַרפער פאַרדאַמונג געגען אַזאַ אומדערהערטער שאַנד־טאַט?

איז טאַקע אַ מציאות, אַז ביליגע קרייזעל־פּאָליטיק זאָל געשטעלט ווערען העכער פון אידיש בלוט און אידישע לעבענס?

יאָ, אומגלויבליכע הפקרות. לא יאומן כי יסופר!

(„די אָרטאָדאָקסישע טריבונע” אדר תש״ד)

לאמיר זיי ראטעווען

דעם חודש האָבען מיר געהאַט אַ חודש געווידמעט דאָס פוילישע און אייראָ־פעאישע אידענטום. אַ חודש אין וועלכען עס זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען הזכרות, הספדים, גאַסען־מאַרשען און גרויסע פאַרזאַמלונגען, פאַר אונזערע אידישע קדושים אויף יענער זייט ים. מיר האָבען ביטער באַוויינט דער מורא׳דיגער טראַגעדיע פון אונזערע פוילישע און אייראָפּעאישע פאַראומגליקטע ברידער און שוועסטער.

עס שאַפט זיך דער איינדרוק ביי יעדען פון אונז, אַז מיר האָבען אונזער חוב געטאָן. וואַרימע רעדעס, האַרציגע הספדים, זודיגע טרערען. און וואָס נאָך קענען מיר טאָן?

אָבער איז דאָס ערפילט אונזער חוב. איז דאָס טאַקע אונזער תשובה אויף יענע שוידערליכע בלוט־גליוערנדע הילפס־רופן וואָס קומען אָן פון די לעצט־געבליבענע אין יענעם פינסטערען עמק־הבכא:

„אין דער לעצטער מינוט פאַר׳ן טויט, שיקען מיר אַ רוף צו דער וועלט נאָך רעטונג. זאָלען די וואָס וואָלטען אונז געקענט העלפען וויסען וואָס מיר טראַכטען וועגען זיי. דאָס בלוט פון די דריי מיליאָן פוילישע אידען וועט זיך נוקם זיין אין די היטלעריסטישע בעסטיעס, ווי אויך אין די גלייכגילטיגע וועלכע האָבען אַ חוץ מיט ווערטער גאָרניט געטאָן בכדי צו ראַטעווען אַ פאָלק וואָס איז דורך די היטלער־מערדער פאַר׳משפט געוואָרען אויף פאַרניכטונג. דאָס וועט קיינער פון אונז, פון די לעצטע מאַהיקאַנער פון דער אויסשטאַרבענדער אידישער באַפעלקערונג ניט פאַרגעסען און ניט מוחל זיין. זאָל אונזער לעצטער קול פון אָפּגרונד דערגעהן צו די אויערן פון דער גאַנצער וועלט״.

איהר הערט, איהר פאַרנעמט דעם גסיסה־געשריי פון די לעצטע פון דעם גרעסטען, שטאַרקסטען און שענסטען אידישען קבוץ אין דער וועלט, וואָס איז פאַר־וואַנדעלט געוואָרען דורך די דייטשע קאַניבאַלען, אין אַ טויטען־טאָל?

שטימט דאָס מיט אונזער „אָפּגעטוהענעם״ חוב פון אַ שוהל־הזכרה און אַ סיטי־האָל רעדע?

און אַט האָט איהר אַ נייעם „גרוס״ פון אונזערע טייערסטע און נאָענטסטע, וועלכען מיר האָבען באַקומען די לעצטע טעג דורך אַ געהיימען אופן, געשריבען פון איינעם פון די וויכטיגסטע אָרטאָדאָקסישע עסקנים אין וואַרשע, וועלכער איז פאַר־שפּאַרט אין אַ לאַגער:

„אומגלויבליך אויף די אַמעריקאַנער און ענגלישע אידען. ווי אַזוי האָבען זיי אונז פאַרגעסען. האָבען גאָרניט געטאָן און טוען גאָרנישט פאַר אונזערט וועגען. פון פוילישען אידענטום זיינען ניט געבליבען מעהר ווי ווייניגע, אַלע זיינען פאַר׳משפט צו פאַרניכטונג און טויט. זיי קומען אפילו ניט צו קבר ישראל. אויף אייך ליגט דער חוב צו ברענגען אַן עגלה ערופה. מיר זיינען אין דער גרעסטער סכנה יעדען טאָג און יעדער שעה. ראַטעוועט.

הלואי איהר זאָלט ניט קיין חרטה האָבען אויף אייער פאַרנאַכלעסיגונג. טוט וואָס איז מעגליך אונז צו ראַטעווען. פאַרשפּעטיגט ניט. ראַטעוועט". זיינען רעדעס און הספדים דאָס דער ענטפער וואָס מיר גיבען די לעצטע אידען וועלכע ראַנגלען זיך צווישען טויט און לעבען יעדע שעה און יעדע מינוט?

* * *

שוין דאָס פינפטע יאָר ווי דער בלוטיגער אַשמדאי שטייט מיט זיין אויסגע־שטרעקטער רוצחישער שווערד איבער די העלזער פון די אייראָפּעאישע און ספּעציעל די פּוילישע אידען. שוין דאָס פינפטע יאָר ווי די מענשען־פרעסערישע חיה פאַרצוקט און פאַרניכטעט דעם גרויסען און גייסטיג־פעסטען אידישען קבוץ, וואָס איז דאָס האַרץ און נשמה פון גאַנצען אידישען פאָלק. און די וועלט, און צוזאַמען מיט דער וועלט אויך מיר אידען, שווייגען. גאָרניט איז געטאָן געוואָרען ממשות'דיגס פאַר זייער רעטונג.

שוין דאָס פינפטע יאָר ווי עס גייט אָן אַ טאָטאַלע אויסמאָרדונג פון מיליאָנען אידען. ממש אַ גזירה פון להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים, נער וזקן, טף ונשים. אונזער אייגען בלוט און פלייש. אונזערע עלטערען און קינדער. אונזערע ברידער און שוועסטער ווערען אין מיליאָנען אומגעבראַכט, דורך די שוידערליכסטע מיתות־משונות. און לאָמיר זיך מתוודה זיין, וואָס האָבען מיר אַמעריקאַנער אידען פאַר זיי געטאָן? וועלכע כחות און מסירת־נפש האָבען מיר אָנגעווענדעט פאַר זייער הצלה?

יאָ, לאָמיר ניט פאַרלייקענען. לגמרי ליידיג זיינען מיר ניט געזעסען. מיר האָבען ...פּאָליטיק געטריבען. ביליגע קאָנקורענץ געפירט. יעדער זיין קלייזעל און קרעמעל געהיטען. יעדער זיין פּרעסטיזש און מאַכט געשווינט. ווי יעדער קליינשטעטלדיגער קרעמער די קונים אין זיין קלייטעל געשלעפּט. מאַכסטו אַ יזכור־אָוונט אין קאַרנעגי־האָל מאַך איך אין מעדיסאָן־סקוועער־גאַרדען. האָסטו אַ חזן — האָב איך אַ סטאַר. האָסטו אַ זינגער — האָב איך אַ זינגערין... און דער אידישער עולם פילט אָן די ריזיגע זאַלען און כאַפּט דערוויל אַריין אַ גוט־טיים און אַ נייס־איווונינג...

אַלע ערליכע ווענדונגען און האַרציגע אַפּילען אַז עס זאָל אויפהערען און אָפּ־געשטעלט ווערען — כאָטש אויף אַ צייט — די אַלע ענג־פּאַרטייאישע אינטערעסען און געיעגערייען נאָך פּרעסטיזש און פּאַרטיי־קאַפּיטאַל, האָבען אָנגעטראָפען אויף פאַר־שטאָפּטע אויערען און פאַרטעמפּטע הערצער. אפילו אין אָנבליק פון די ים'ען אידיש בלוט, האָט מען ביז איצט ניט גע'פועל'ט אַז די פינף מיליאָן אידען אין אַמעריקע זאָלען שאַפען איין פראָנט, איין ווילען, איין ריזיגע קראַפט וואָס זאָל ניט רוהען און ניט לסיח דעת זיין פון דער גרעסטער און הייליגסטער געבאָט פון דער שעה: ראַטעווען שארית הפליטה פ'ין אונזער פאָלק.

* * *

גרויס איז דער בראָך פאַר אַ פאָלק ווען עס טרעפט איהם אַזאַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע. אָבער טויזענט מאָל מעהר איז דער בראָך גרעסער און טיפער ווען אַזאַ ריזיג אומגליק טרעפט אַ פאָלק אין דער צייט וואָס זיינע פיהרער זיינען אַזעלכע קליינע נישטיגע ליליפּוטלעך. אַזעלכע מענשעלעך וועלכע זיינען ניט דערוואַקסען און אַבסאָלוט ניט צוגעפּאַסט צו דעם גרויסען אחריות פון דער גורל־צייט.

אונזער אידיש אומגליק איז לעצטענס ווידער פאַרגרעסערט געוואָרען. די היטלער־באַנדעס האָבען נייע לענדער אָקופּירט. און די סכנה פון טויט און פאַרניכטונג האָט

אַרומגעכאַפּט נייע אַנדערהאַלבען מיליאָן אידען אין אונגאַרן און רומעניען. צי וועלען מיר ווייטער ניט געפינען קיין שפראַך פאַר בשותפות׳דיגע אַרבייט פון אַלע פאַרהאַנענע אידישע כחות, מיטלען און אַנשטרענגונגען? וועלען מיר כאָטש איצט אין דער לעצטער שעה ניט מאָביליזירען און פאַראייניגען אַלע איינפלוסען און אַנווענדונגען, אין איין גרויסער און מעכטיגער קראַפט וואָס זאָל זיין בכח צו ווירקען לטובת דער הצלה פון די וועלכע לעבען נאָך און זיינען אין סכנה יעדע מינוט אומגעבראַכט צו ווערען.

איז דען מעגליך אַז אַזעלכע הימעל־שרייענדע רופען פון אונזערע געמאָרדעטע ברידער זאָלען ניט אויפציטערען אונזערע הערצער און אויפשוידערען אונזערע נשמות. וועלען מיר ניט דערהערען אָט דעם יאָמערדיגען און גרויליכען טויט־געשריי??

וועלען מיר ווייטער פאַרבלייבען אין אונזער פאַרברעכערישער אָפּהענגיקייט, אין דער צייט ווען די לעצטע פון אונזער אייגען בלוט און פלייש ראַנגלען זיך אין טויט־אַנגסטען און שרייען צו אונז:

ראַטעוועט! העלפט אונז אַרויסרייסען זיך פון דעם פינסטערען מלאך־המות.

* * *

צי וועלען מיר וואַרטען ביז, חלילה, עס וועט שוין זיין ניט וועמען צו ראַטעווען. צי וועלען מיר דען וואַרטען ביז די בלוטיגע מערדער וועלען, חס ושלום, אָפּווישען יעדען זכר פון אייראָפּעאישען אידענטום?

אויף די פאַראַנטוואָרטליכע אידישע פירער און ספּעציעל אויף דער אגודת הרבנים, די העכסטע רבנישע אָרגאַניזאַציע און אויטאָריטעט, ליגט דער חוב און אחריות צו נעמען איניציאַטיוו פאַר שאַפען דעם פאַראייניגטען פראָנט פון אַמעריקאַנער אידענ־טום לטובת דער הצלה פונם שארית פון אייראָפּעאישען אידענטום.

אויף זיי, פאַלט דער היסטאָרישער חובת השעה, צוזאַמענצורופען די פאָרשטעהער פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, קערפּערשאַפטען און באַוועגונגען, וועלכע זיינען טעטיג אויפן געביט פון הילף און רעטונג, און אויף זיי אַרויפצווינגען, אַז עס מוז געשאַפען ווערען איין פאַראייניגטער כוח, פאַר באַלדיגער און ממשות׳דיגער רעטונג פון די לעצטע אידען אין דער לעצטער שעה.

(אָרטאָדאָקסישע טריבונע״ אייר תש״ד)

ראַטעווען און האָפען

(אויסצוגען פון אַ רעדע *)

איך שטעל מיר ניט פאָר, אַז מיר זיינען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען בכדי צו באַוויינען און מאַכען הספדים די געפאַלענע מיליאָנען אידישע קדושים. מיר קענען דאָס ניט טאָן שוין דערפאַר ווייל אונזער פאָלקס־אומגליק איז אַזוי גרויס און אַזוי שוידערלעך; אונזער חורבן איז אַזוי ריזיק און אונענדלעך, אַז קיינער פון אונז איז ניט אימשטאַנד צו געפינען דאָס וואָרט וואָס זאָל קענען אויסדריקען אונזער טרויער און ווייטאָג, אונזער צער און ערשיטערונג. די מענטשלעכע שפּראַך איז ווייט ווייט צו אָרים פאַר אַזאַ אומפאַרגלייכלעכע קאַטאַסטראָפע. אַ נייער מקונן, אַ נייער ירמיהו, דאַרף ערשט געבוירען ווערן אַז ער זאָל געפינען ווערטער פאַר דעם צער און צאָרן וואָס יעדעס אידישע האַרץ פילט אין אַנבליק פון דעם שוידערלעכען אומגליק וואָס עס האָט געטראָפען אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע נאָענסטע און טייערסטע, אין דעם עמק הבכא אויף יענער זייט ים.

עס איז אויך שווער הספדים און הזכרות צו מאַכען, ווייל — ערלויבט מיר אייך צו זאָגן דעם אמת — עס גלויבט זיך ניט. עפּעס זעט עס אויס ווי אַ ווילדער קאָשמאַר, ווי אַ בייזער חלום. איז דען טאַקע מעגלעך אַז דאָס אַלץ איז ווירקלעכקייט? איז דען טאַקע מעגלעך אַז יענע וואונדערבאַרע אידישע קהלות, יענע וואַרשא און ווילנא, קראקא און קאוונא, לעמבערג און ביאַליסטאָק, לובלין און לאָדז, און מיט זיי אַלע 600 שטעט און שטעטלעך, זענען טאַקע חרוב? קען עס דען מעגלעך זיין אַז דאָס $3\frac{1}{2}$ מיליאָניגע פּוילישע אידענטום, דאָס האַרץ און נשמה פון גאַנצען אידישן פאָלק, איז אונטערגעגאַנגען? איז דען מעגלעך אַז יענער קבוץ וואָס איז געווען אין די לעצטע דורות די גייסטיקע אידישע פעסטונג, דער צענטער פון תורה און יהדות, פון קאַמף, שטאָלץ און אויסדויער; דאָרט וואו יעדע מויער און שטיין איז געווען דורכגעדרונגען און דורכגעווייקט פון אידישע טראַדיציע, אינהאַלט און אייגנאַרט. קען מען צולאָזן דעם געדאַנק אַז דאָס אַלץ זאָל זיין צעשטערט און פאַרניכטעט. קען אַזעלכעס האָבן פּאַסירט, און דוקא אין דעם 20־טען יאָר־הונדערט?

* * *

אָבער דער הויפּט־מאָטיוו וואָס ערלויבט אונז ניט צו פאַרוואַנדלען די היינטיקע פאַרזאַמלונג בלויז אין טרויער און הספד איז, ווייל אין דער איצטיקער שעה וואָרט

---

*) אין יאָר תש״ד, בעת דעם שוידערליכען חורבן בית ישראל, דורך די דייטשע עמלקים ימ״ש, אין אייראָפּע, איז אויף דער איניציאַטיוו פון דעם „קאָמיטעט צו ראַטעווען אידען אין אייראָפּא״, איינגערופען געוואָרען אין ניו־יאָרק אַ גראַנדיעזע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבען זיך באַטייליגט צענדליגער טויזענדער מענשען.

דער מאַסען־צוזאַמענקום איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מוצאי שבת, ו׳ אייר תש״ד (אַפּריל 29, 1944) אין קארנעגי־האָל. עס זענען אַרויסגעטראָטען פאַרטרעטער פון אידען און ניט־אידען, און איז געפירט געוואָרען אונטערן פאָרזיץ פונם באַרימטען ליבעראַל און גאָווערנאָר־קאַנדידאַט מר. דיען אלפאַנדזש.

אַלס פאָרשטעהער פון אָרטאָדאָקסישע אידען בין איך געוואָרען איינגעלאַדענט צו רעדען אויף דער רעטונגס און פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, און די רעדע איז געווען די איינציגע אין אידיש.

אויף אונז, אויף יעדן פון אונז, אַ גרעסערע, אַ פיל גרעסערע אויפגאַבע, ווי טרויערן און דאָס איז: ראַטעווען די לעבען־געבליבענע.

ווען עס טרעפט אַ מענשען אַן אומגליק און אַ פייער כאַפּט אַרום זיין הויז, און אין הויז געפינט זיך זיין גאַנצע פאַמיליע, און ער דערזעט אַ טייל פון זיינע נאָענטע שוין טויט, שוין פאַרברענט, צי וועט ער זיך דען דאַמאָלסט שטעלען באַוויינען און הספדים מאַכען די טויטע? וועט ער דען ניט בעסער זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, אַלע זיינע כחות און באַמיאונגען, אַוועקגעבען די נאָך לעבען־געבליבענע, די וועלכע ראַנגלען זיך אַרויסצורייסען דורך די בושענדע פלאַמען?

יעדען טאָג הערען מיר איוב׳ס בשורות. יעדען טאָג דערגרייכן צו אונז שרעקלעכע בשורות וועגען די פאַרגרעסערטע צאָל אומגעקומענע אידען. מיר ציילען די געפאַלענע קדושים, מיר געבען אַ קרעכץ, לאָזן אַ טרער, און מיר פאַרגעסן דעם עיקר. מיר פאַרגעסן אין די וועלכע לעבען נאָך און וואַרטען אויף רעטונג. ווי לאַנג וועט דאָס אַזוי אָנהאַלטען?

אפשר איז שוין צייט אַז מיר זאָלן אויפהערן צו ציילען די טויטע און אָנהויבן ציילען די נאָך לעבעדיקע?

און דעריבער איז דאָס ניט קיין טרויער פאַרזאַמלונג, נאָר אַ רעטונגס פאַרזאַמלונג.

* * *

4 יאָר מיט 8 מאָנאַטען דויערט שוין דער קריג. 4 יאָר מיט 8 מאָנאַטען גייט שוין אָן די אויסמאָרדונג און אויסראָטונג פון אונזערע ברידער און שוועסטער. וואָס האָבען מיר, איר און איך, יעדער איינער פון אונז, און יעדער פון די 5 מיליאָן אַמעריקאַנער אידען, געטאָן פאַר דער רעטונג פון יענע מיליאָנען אומגליקלעכע אידישע קינדער?

וואו איז די וועלט? ווען איך גיי אין גאַס, טרעף איך כסדר בילדער פון פאַרהונגערטע קינדער פון גריכענלאַנד און בעלגיען. פאַרוואָס ווייזט מען ניט די וועלט אונזערע פאַרשמאַכטע קינדערלעך? אונזערע אברהמ׳לעך און שלמה׳לעך, אונזערע חוה׳לעך און שרה׳לעך?

פאַרוואָס האָט מען געשיקט שיפען שפייז פאַר גריכען און בעלגיער? הונדערטער טויזענטער שפייז פעקלעך פאַר געפאַנגענע זעלנער זענען געשיקט געוואָרען אין די נאַצישע קעמפּס טראָץ די בלאָקאַדע. און פאַר אידען אין פוילען האָט מען ניט ערלויבט. זיינען פאַראַן צוויי־ערליי בלאָקאַדע געזעצען, אידישע און ניט אידישע?

איז אידיש בלוט ניט אַזוי רויט ווי גריכיש און בעלגיש בלוט?

* * *

דערמאָנט איר זיך אין יענעם טשעכאָסלאָוואַקישען דאָרף מיט אירע 160 מענשען וועלכע די נאַציס האָבן פאַרוויסט? געדענקט איר דעם רעש און פּראָטעסט פון דער גאַנצער וועלט איבער יענעם דאָרף לידיצע? דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט אַזש צו זייער אָנדענק, איבערגעאַנדערשט אַ נאָמען פון אירס אַ שטאָט אויף: לידיצע. און צו דער פייערונג פון דאָזיגען אַקט, איז ספּעציעל צוגעפאָרען דער באַרימטער פּרעזידענט־קאַנדידאַט, ווענדעל ווילקי.

וואו זיינען אָבער אונזערע לידיצעס? ניט איין לידיצע נאָר הונדערטער און טויזענטער לידיצעס האָבן מיר דאָך. ניט וועגן 160 מענשען האַנדעלט זיך ביי אונז. און אפילו ניט וועגן 160 טויזענט. עס האַנדעלט זיך דאָך וועגן מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות,

מענער פרויען און קינדער. וואָס האָט די וועלט, די גרויסע דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע וועלט, געטאָן פאַר אונזער רעטונג? פאַרשלאָסען טיר און טויער, אָנגעהאָנגען נייע און שווערערע שלעסער אויף זייערע מדינות, אַז עס זאָל זיך נאָר חלילה ניט אַריינכאַפּן צופיל אידישע פליטים. און ניט באַגנוגענט זיך בלויז מיט זייערע לענדער, האָט ענגלאַנד פאַרזעצט נייע שלעסער אויך אויף די טויערן פון אונזער אייגען ארץ ישראל.

די וועלט, אַפילו די ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע, איז געווען און פאַרבליבן בלינד צו אונזער מצב, טויב צו אונזער וויי־געשריי. די וועלט שאַצט ניט אָפּ, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַ באַראָמעטער פאַרן דעמאָקראַטיזם, ליבעראַליזם און פרייהייטס־גייסט פון דער גאַנצער וועלט. ווען וואָלקענס, פינסטערע און פאַרכמאַרעטע, רוקען זיך אָן אויף דעם אידישען הימעל, איז עס אַ זיכערער סימן אַז אָט דאָס פינסטערניש וועט באַלד, ניט לאַנג, דערגרייכען און פאַרפינסטערען אויך די הימלען פון אַלע פעלקער. ווען דאַ־מאָלט, שוין אין יאָר 1933, וואָלט די וועלט געמאַכט דעם ריכטיגען חשבון, און זיך ניט איינגערעדט אַז די נאַצישע חיה וועט זיך באַנוגענען אָנצוזעטיקן זיך בלויז מיטן אידישען בלוט און וועט די וועלט לאָזען צורו, נאָר וואָלט באַלד אין 1933 אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון דער גיפטיגער דייטשער שלאַנג, וואָלט די וועלט אויסגעמיטען דאָס אומגליק פון 1939, וואָס ציט זיך נאָך ביז היינט 1944.

* * *

אָבער צו איז אונזער אידישער געוויסען יאָ ריין? צי האָבען מיר אידען יאָ געטאָן אַלעס? צי האָבען מיר גענוג אָנגעשטרענגט אונזערע כחות און מיטלען פאַר דער הצלה פון די מיליאָנען פאַראומגליקטע און פאַרפייניגטע?

וועט דאָך אַמאָל קומען דער מאָמענט, אויף וועלכען מיר אַלע האָפען. מיר וועלען זיך טרעפען פנים אל פנים מיט דעם ביסעל אָפּגעראַטעוועטע. וואָס וועלן מיר זיי ענטפערן ווען זיי וועלען אונז פרעגען וואו זייט איר געווען? וואָס האָט איר געטאָן פאַר אונז ווען איר האָט דערהאַלטען אונזערע גסיסה־רופען: ראַטעוועט אונז, לאָזט ניט אונז אויס־שטאַרבען? וואו זייט איר געווען ווען מ'האָט אונז, מענער פרויען און קינדער, צו הונגער־טויט פאַרפייניקט? וואו זייט איר געווען, ווען מ'האָט אונז אין גאַז־וואַגאָנען פאַרשטופּט, אין די טרעבלינקעס דערשטיקט, און אונזערע גופים אין זייף פאַר־וואַנדעלט? וואָס וועלען מיר זיי דאַמאָלט ענטפערן??

און אָט האָט זיך אַ נייע אומגליק אויף אונז אַראָפּגעלאָזט, די נאַצישע הענקער־באַנדעס האָבען נייע לענדער אָקופּירט, און פרישע 1½ מיליאָן אידען פון אונגאַרן און רומעניען זיינען אין אַ פאַסטקע פאַרכאַפּט געוואָרען, און עס דראָט זיי, חס ושלום, טויט און פאַרניכטונג. איז עפּעס דאָס אידישע אַמעריקא אויפגעציטערט געוואָרען? איז עפּעס ממשות'דיג געטאָן געוואָרען פאַר דער רעטונג פון די נייע קרבנות? ליידער הערט מען ניט פון אַזעלכע שריט.

מיר פילען אַז די לעצטע פאַזע פון שווערען וועלט־געראַנגל רוקט זיך אָן, און אַלע מיר האָפען אויף דעם ענטגילטיקען זיג פון פרייהייט איבער קנעכטשאַפט, פון ליכטיגקייט איבער פינסטערניש, מעבדות לחירות וממות לחיים. אָבער לאָמיר זיך נאָר פאַרטראַכטען ווען די שעה פון וועלט־באַפרייאונג וועט ענדלעך קומען און מיר וועלן מיט דער בשורה לויפען און אויפרייסען די טויערן פון די פינסטערע געטאָס, די טויערן פון די טרעבלינקעס און מיידאַנעקס. וועמען וועלען מיר אָבער דאָרט טרעפען? צי וועלען מיר אויף די קברים לויפען און אָנזאָגען די בשורה פון באַפרייאונג? די בשורה פון אַ

ניי און בעסער לעבען? אויב מיר וועלען ניט כאַטש איצט, שוין 5 מינוט נאָך 12, אַנגעמען אַלע מיטלען, מאָביליזירען אַלע אונזערע כחות, און איבער די כחות, צו ראַטעווען כאָטש דאָס לעצטע ביסעל, דעם שארית הפליטה.

דעריבער ווערט די אַרבעט פון דער עמוירדזשענסי קאָמיטע אַזוי האַרציג באַגריסט פון די ברייטסטע אידישע קרייזען, אומאָפּהענגיק פון פּאַרטיי און ריכטונג, ווייל זי, די עמוירדזשענסי קאָמיטע, האָט פאַר איר אויפגאַבע געשטעלט:

העלפען ראַטעווען אידען. ראַטעווען וויפיל מען קען און וואו מ׳קען, געדענקענדיק אין דעם מאמר פון אונזערע הייליקע חכמים: כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא, ראַטעווען איין איינציקען מענטש איז גלייך ווי ראַטעווען אַ גאַנצע וועלט.

* * *

מיר אידען זיינען אַן אַלט פאָלק. פיל האָבען מיר שוין מיטגעמאַכט אין אונזער לאַנגען פיינפולען 2000־יעריקען גלות־וועג. עס איז ניט היינט די ערשטע פינסטערניש אין אונזער לעבענס־וועג, הלואי די לעצטע. אָבער די געשיכטע לערנט אונז, אַז מיר האָבען אַלע שוועריגקייטען און אַלע פורעניות׳ן דורכגעהאַלטען. מיר אידען האָבען איבערגעלעבט אַלע אונזערע שונאים, אַלע המנ׳ס וועלכע האָבען זיך פאַרמאָסטען פאַר אונזער פאַרניכטונג און אונטערגאַנג. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייסט איר וואו עס ליגט אונזער קראַפט, אונזער שטאַרקייט? וואו עס ליגט דער כוח פון אונזער אייביגקייט? ווייל מיר זיינען אַ פאָלק פון אמונת השם, פון בטחון, פון האָפנונג און פון עקשנות׳דיקן ווילען צום לעבען.

מיר לעבען היינט דורך דעם שווערסטען, בלוטיגסטען און שוידערלעכסטען מאָמענט פון אונזער גאַנצער מאַרטירער־געשיכטע. און מיר דאַרפען אַלע אונזערע גייסטיקע כחות אָנווענדען, ניט צו דערלאָזען אַז מיר זאָלן אַריינפאַלען אין פאַרצווייפלונג און יאוש. דאָס אידישע פאָלק וועט אויך דעם שרעקלעכן פעריאָד איבערהאַלטען און ניט אונטערגיין. אויפן היינטיקן פּראָגראַם געפינט זיך אַ דראַמאַטיזאַציע וואָס הייסט: „ווי וויל נעווער דאַי”. אין לעבן און עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק איז עס אַן אייביגקייטס־פאַקט. „ווי וויל נעווער דאַי”. מיר, אידיש פאָלק וועלן קיינמאָל ניט שטאַרבען. ניטאָ די קראַפט אין דער וועלט, צי עס הייסט פרעה, המן אָדער היטלער, וואָס זאָל זיין בכח אונז אידיש פאָלק צו פאַרניכטען. ווייל — ווייל מיר גלויבען אין גאָט. ווייל מיר זענען פול מיט בטחון אַז דער אייביקער שומר ישראל וואָס האָט אונז דערהאַלטען ביז היינט, וועט אויך היינט אונז ניט פאַרלאָזען. און ווען עס וועט שוין ניט בלייבען קיין זכר פון יענעם סדום ועמורה וואָס רופט זיך דייטשלאַנד, וועט נאָך לעבען אַ שטאַרק לעבעדיק אידיש פאָלק.

מיר גלויבן און זיינען טיף איבערציינגט אַז אונזער אידישער שמע ישראל, דער שמע ישראל מיט וועלכען אונזערע עלטערען און אור־עלטערען זיינען אין פייערן געשפּרונגען פאַר אונזער פאָלק, אונזער תורה און אונזער גאָט. דער שמע ישראל וואָס אונזערע הייליקע ברידער און שוועסטער האָבען מיטגעטראָגען אויף קדוש־השם אין די געטאָס און די טויט־לאַגערען. דער שמע ישראל וואָס האָט געגעבען דעם כח יענע 93 הייליקע אידישע טעכטער אין ווארשע אַליין זיך צו סמ׳ען בכדי ניט אַריינצופאַלען צו די עקלהאַפטע און טמא׳דיקע עמלקים; אָט דער הייליקער שמע ישראל וועט איבערלעבען יענעם שוידערהאַפטען און טמא׳דיקן: הייל־היטלער.

מיט אמונה אין אלקי ישראל, וועלן מיר זוכה זיין צו זען בקרוב אַן אויפגעלעבט, באַפרייט און דערלייזט עם ישראל און ארץ ישראל.

דער אידישער חורבן און אונזער צוריסענקייט

דער פאַרהאַנג איבער'ן נאַצישען גיהנום האָט זיך אויפגעהויבען, און די שרעק־ליכע קאַטאַסטראָפע האָט זיך אַנטפּלעקט. די שרעקליכסטע און שוידערליכסטע פון אַלע צייטען און דורות.

וואַרשע—ווילנע, קראָקע—לובלין, קאָוונע—לעמבערג, לאָדזש—ביאַליסטאָק און מיט זיי הונדערטער שטעט און שטעטלעך, וואו אַלץ האָט געלעבט און געאָטעמט מיט אַזויפיל אידיש לעבען, וואו די שטיינער זענען געווען דורכגעווייקט מיט תורה און יהדות, וואו די ווענט זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אידישער טראַדיציע און פרומקייט, מיט אידיש וויסען און באַוואוסטזיין, מיט אידישען שטאָלץ, מוט, קאַמף, עקשנות און אויס־דויער, — דאָס אַלץ איז חרוב און צעשטערט... אַלץ איז פאַרברענט און אָפּגעמעקט!...

דאָס, וואָס קיינער פון אונז האָט נישט געוואָלט גלויבען, איז געשען. דאָס, וואָס מיר האָבען געהאַלטען פאַר אוממעגליך, איז אַ שרעקליכער פאַקט. מיליאָנען פון אונזערע נאָענטסטע, אונזער בלוט און פלייש, האָט דער חיה'שער און גרויזאַמער שונא אומ־געבראַכט. כמעט דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעאישע אידענטום, דער שענסטער, געזונדסטער, אַקטיווסטער און לעבעדיגסטער טייל פון אידישען פאָלק איז דורך די ווילדע מענשען־פרעסערישע דייטשע רוצחים אויסגעראָט, אויסגעשאָכטען און פאַרברענט...

די גרעסטע טראַגעדיע אין אידישען פאָלק'ס לעבען. דער שוידערליכסטער חורבן אין אונזער אידישער געשיכטע.

* * *

ווי האָט רעאַגירט די וועלט אויף אונזער גרויסען און אומפאַרגלייכליכען אידישען חורבן.

אויב איך זאָג „די וועלט", מיין איך דערמיט דעם טייל וועלט, וואָס איז נישט פאַרכאַפּט געוואָרען פון די פינסטערע, מיטעל־אַלטערליכע היטלער־אידייען: פון שנאה און מענשען־פרעסעריי, פון ראַסען־האַס און קאַניבאַליזם. דעם טייל וועלט, וואָס פּרעטענדירט אויף דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, מענשליכער גלייכהייט און פעלקער־ברידערליכקייט. ווי האָט זיך אָט די וועלט באַצויגען צו אונזער גרעסטער קאַטאַסטראָפע? וואָס האָט די, אָט די „גוטע" וועלט, געטאָן, בעת די דייטשע מערדער־באַנדעס, ימח שמם וזכרם, זענען במשך פינף און אַ האַלב יאָר אַנגעגאַנגען מיט זייער בלוטיגער טאָטאַלער אויסמאָרדונג פון מיליאָנען אומשולדיגע און שוצלאָזע אידישע נפשות?

שטום און טויב איז אָט די „גוטע" וועלט געווען צו אונזער געשריי, צו אונזערע הילפס־רופען, צו אונזער פּיין, ליידען און בלוט.

פינף און אַ האַלב יאָר האָט דער אכזריות'דיגער שונא אונזער פאָלק געשאָכטען און אויף שייטערהויפענס געברענט. און די וועלט האָט געשוויגען! פינף און אַ האַלב יאָר האָט זיך אונזער בלוט געגאָסען, און די וועלט איז געבליבען טעמפּ און גלייכגילטיג!

איצט — ווי זעהען מיר איצט אויס? איצט, נאָכדעם ווי די זיגרייכע עלאַיס האָבען שוין באַזיגט די סדום ועמורה לענדער, ווי איז די באַציאונג פון דער באַפרייטער וועלט צום אידישען פאָלק?

מ׳האָט דאָך געמעגט האָפן, אַז ווען עס וועט קומען דער גליקליכער טאָג פון דער וועלט־באַפרייאונג, וועלן אַלע ירושות פון דער פינסטערער היטלער־ממשלה ווערן אָפּגעמעקט און מען וועט גוטמאַכן דאָס אָפּגעטוענע רשעות און אכזריות. האָט מען דאָך געקאָנט זיכער זיין, אַז ביים אויפריכטען צוריק די באַפרייטע לענדער און די אויסגע־לייזטע מענשהייט פון דער נאַצי־פּעסט, וועט מען קודם כל געדענקען אין דעם גרעסטען היטלער־קרבן, אין דעם אַזוי שווער געטראָפענעם אידישען פאָלק. אַז פאַר דעם ביסעל לעבענגעבליבענע אידען, דעם שארית הפליטה פון דעם מיליאָניגען אייראָפּעאישען אידענטום, וואָס איז, על פי נס, געראַטעוועט געוואָרען פון די נעגעל פון די מענשען־פרעסערישע דייטשע עמלקים, — אַז פאַר זיי וועלען אָפען ווערען אַלע טירען און טויערען פון דער גאַנצער וועלט, און מען וועט זיי, די אומגליקליכסטע צווישען די אומגליקליכע, העלפען איינאָרדענען, זיך שטעלען אויף די פיס, און דערמעגליכען זיי צוריקצוקומען צו אַ שטיקעל מענשליך לעבען און סדר.

וואָס אָבער זעהען מיר? אין גאַנץ אייראָפּע זעט מען נישט גערן דאָס ביסעלע לעבענגעבליבענע אידען. קיין אידישע פאַרמעגענס, געשעפטען און היימען ווערען ניט צוריקגעגעבען. אין טשעכאָסלאָוואַקיע דערקלערט מען אָפען און אָפיציעל, אַז די קליינע צאָל אָפּגעראַטעוועטע אידען מוז זיך אַסימילירען אָדער עמיגרירען. אין פוילען מאָרדעט מען ווייטער אידישע לעבענס פראַנק־און־פריי, און אידען מוזען זיך אויסבאַהאַלטען אונטער אַרישע דאָקומענטען. צענדליגער טויזענטער אידען ווערען ווייטער געהאַלטען פאַרשפאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס אָהן געהעריגער שפייז, מעדיקאַמענטען און קליידונג. די גאַנצע גרויסע וועלט מיט אירע רייכטימער און ריזיגע אומבאַזעצטע שטחים בלייבט פאַרמאַכט און פאַרשפאַרט פאַר אידישער איינוואַנדערונג, און דאָס אידישע ארץ ישראל, וואוהין די אויגען פון אַלע אידען זענען געווענדעט, איז דורכ׳ן ווייס־שוואַרצען פאַפיר אויך כמעט ווי פאַרשלאָסען פאַר גרעסערער איינוואַנדערונג.

אָט אַזוי צאָלט די באַפרייטע וועלט דעם אידישען פאָלק פאַר זיינע מיליאָנען קרבנות. אָט אַזוי פאַרגיטיגט די באַפרייטע מענשהייט דעם אידענטום פאַר זיינע אומ־פאַרגלייכבאַרע פיין און לײדען, פאַר זיינע ימ׳ען בלוט און טרערען.

אָט דאָס איז דער אידישער חלק אין דער גרויסער וועלט־שמחה.

* * *

וואָס דאַרפען מיר אידען טאָן אין אַזאַ עת־צרה ליעקב? ווי דאַרפען מיר אידען האַנדלען אין אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלען מאָמענט, דער שוידערליכסטער אין אונזער גאַנצער מאַרטירער־געשיכטע?

„בזעקך יצילך קבוציך. כינוסו וכינוס בניו הצילו מיד עשו״.

אונזערע הייליגע חכמים לערנען אונז און ווייזען אונז אָן ווי צו האַנדלען, בכדי איבערצוקומען אַזאַ עת־צרה וסכנה.

צוזאַמענגעמען זיך, פאַרשליסען זיך אין אייגענעם אידישען לעבען, פאַרפעסטיגען די אייגענע רייען, פאַרפאַנצערען דעם אידישען גייסט און גלויבען, און שטאַרקען די אידישע אחדות. איינזאַמלען כוחות איבערצוהאַלטען די בייזע שטורעמס, בייצוקומען די פינסטערע גייסטער.

זעט מען עפּעס אַ פאַרמעסט צוצוברענגען צו דער אַזוי נויטיגער און דרינגענדער אחדות ישראל? ווערט עפּעס געטאָן און אונטערגענומען אַן איניציאַטיוו צו פאַראייניגען און צעמענטירען די אָפּגעשוואַכטע אידישע פאָלקס־כוחות?

ליידער, ליידער איז עס זעהר ווייט דערפון.

נאָך קיינמאָל איז ניט גערעדט געוואָרען אַזויפיל וועגן שלום און אחדות אין אידישען לעבען, ווי איצט. און נאָך קיינמאָל איז דער שלום און דער אחדות נישט געווען אַזוי ווייט און פרעמד, ווי גראָד איצט. אַלע רעדען, אַלע פאַרשטייען ווי ווייט נויטיג און לעבענס־־דרינגענד ס'איז, אַז אידען צווישען זיך זאָלען זיך פאַרשטיין און צוזאַמענרעדען, אָבער ווען ס'קומט למעשה, ווערט די צעריסענקייט און די דיסהאַרמאָניע וואָס אַמאָל שטאַרקער און טיפער.

ניט בלויז זעט מען די צעריסענקייט און דעם שעדליכען פירוד ביים אַלגעמיינעם אידענטום, נאָר אפילו — און אפשר נאָך מער — ביים רעליגיעזען טייל פון אידישען פאָלק.

די יראים וחרדים, וועלכע האָבען זיכער געדאַרפט לערנען פון די געשעהענישען. אַרויסנעמען אַ מוסר־השכל פון דעם, וואָס מיר לעבען דורך, — אויך זיי האָבען גאָרנישט געלערנט! גאָרנישט, און פון קיינעם נישט, איז עפּעס געלערנט געוואָרען. דער פירוד הלבבות והחלוקי דעות זענען ווייטער אַזוי שטאַרק ווי געווען. עס זעט זיך ניט דער מינדעסטער פּרואוו פאַר פאַרשטענדיגונג, פאַר צוזאַמענרעדען זיך און צו עפּעס זיך דערעדען.

גרויסע פראַגעס און קאַרדינאַלע פּראָבלעמען שטייען אויף דער טאָג־אָרדנונג צו באַהאַנדלען און באַשליסען. געמיינזאַמע און פאַראייניגטע כחות פון גאַנצען אידענטום וועלען אפשר זיין ביכולת אָט די שווערע, פאַרוויקעלטע און קאָמפּליצירטע ענינים צו לעזען. קאָן מען ניט דערוואַרטען, אַז די, וועלכע שטייען אין שפּיץ פון די אידישע ריכטונגען און באַוועגונגען, זאָלען דאָס פאַרשטיין, דאָס גרויסע אחריות דערפילען?

איז נאָך ניט געקומען די צייט, אַז אידישע מנהיגים, בפרט רעליגיעזע, זאָלען פאַרוואַרפען זייערע ביז־איצטיגע קורצזיכטיגע אויגן־גלעזער, דורך וועלכע מען זעט נאָר און אויסשליסליך די אייגענע פאַרטיי, דאָס אייגענע קלייזעל און די אייגענע, ענגע, אָפּגעשלאָסענע דלד־אמות, און אָנהויבען קוקען ברייטער, העכער און טיפער, וואו מען דערזעט דעם כלל ישראל, דעם גאַנצען עם ישראל?

(דער טאָג 1.2.1946, כ"ט טבת, תש"ו)

באַציאונגען מיט דייטש-עמלק

- קיין מגע ומשא מיט עמלק׳ן
- דער שידוך מיט עמלק׳ן
- רעאַל פּאָליטיק אָדער מאָראַל
- 20 יאָר און שוין פאַרגעסען

קיין מגע ומשא מיט עמלק'ן

קאנפערענצען פון אידישע אָרגאַניזאַציעס, די אידישע אַגענטור, די כנסת, די ישראל רעגירונג, אַלעס פאַרעט זיך ביי דעם „דערהויבענעם" עסק פון אונטערהאַנדלען מיט טמא־דייטשלאַנד. אַלע און אַלעס רייסט זיך צו זעצען זיך ביי איין טיש מיט די גרויזאַמסטע עמלקים פון אַלע דורות.

געהיימע קאַנפערענצען, סודות'דיגע הינטערקוליסען, טונקעלע מעקלערס, אַלעס איז געלאָזט געוואָרען אין גאַנג, אַבי צו דערגרייכען דעם אויסגלייך מיט די בלוטיגסטע מערדער און אויסשעכטער פון אונזער פאָלק. באשר, בכן, מען וועט באַקומען פאַרגיטיגונג. עמלק וועט באַצאָלען שאָדען־ערזאַץ. מען וועט ביים „רונדען טיש" מיט די ריין־אַרישע קאַניבאַלען, זיך אויסרעכענען און זיך אויסדינגען, כך וכך אָדער כך וכך...

מעקלערס פוןביידע צדדים שטייען שוין גרייט, צו העלפען דעם אויסגלייך, אַ רענדיל אַרויף, אַ רענדיל אַראָפּ. ווי זאָגט מען עפּעס — צוליב געלד געהט אַ שידוך ניט אָפּ... אַבי מען וועט שלום ווערען, און מען וועט זיך קענען געגענזייטיג מזל טוב וואונטשען. און דאַביי אפשר גאַר אויך נעמען, לכבוד דעם געשלאָסענעם, מזל'דיגען... שידוך, אַ שותפות'דיגען לחיים...

* * *

געשעהט דאָס טאַקע אין דער ווירקליכקייט? איז עס מעגליך? קען אַזעלכעס בפועל פאַרקומען? אָדער איז עס אַ פינסטערער חלום, אַ בלוטיגער שפּאַס?

זכור את אשר עשה לך עמלק... לא תשכח, זאָגט אונז אָן די תורה.

שפּאַניען און פּאָרטוגאַל זענען פון אונז נחרם געוואָרען. און מ'דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז עמלק האָט זיך נאָר פאַרמאָסטען צו פאַרטיליגען אידען. שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבען נאָר פאַרטריבען אידען פון זייערע לענדער, און זיי אַרויסגעלאָזט אַפילו מיט זייערע פאַרמעגענס. פאַרברענט און לעבעדיגערהייט באַגראָבען, זעקס מיליאָן אידישע נפשות, האָבען זיי נישט. און דאָך איז דער לא תשכח געבליבען ביי אידען אויף דור דורות. קיינמאָל האָט מען זיי, אונזערע פייניגער, נישט פאַרגעסען און קיינמאָל ניט מוחל געווען.

מיט דעם היינטיגען דייטשען עמלק, וואָס האָט מיליאָנען פון אונז יאָ פאַרברענט, און וואָס האָט מיליאָנען פון אונז יאָ לעבעדיגערהייט באַגראָבען, געהט מען זיך אויסגלייכען. און דאָס געהט ניט טאָן אַבי ווער, דאָס געהט געשעען אינ'ם נאָמען פון מדינת ישראל, אינ'ם נאָמען פון גאַנצען עם ישראל. איך, איר, יעדער איד איבער דער וועלט, נעמט אַ חלק אין דעם שענדליכען משא ומתן.

דר. נחום גאָלדמאַן, דער שדכן און אונטערפירער פון דעם טייוולאַנישען שידוך, צווישען איד מיט'ן אַשמדאַי, געהט רעדען אין נאָמען פון אונז אַלע. קיינער פון אונז וועט זיך ניט קענען באַפרייען פון דעם שמוציגען און שאַנדהאַפטען „געשעפט". קיינער פון אונז וועט ניט קענען זאָגען: ידינו לא שפכו את הדם הזה...

* * *

ווילען מיר שווייגען? ווילען אידען דאָס ערלויבען? מען געהט אויסטוישען אידישע נפשות אויף דייטשע מאַרקען. מען וועט זעצען עקספּערטען, אַקאַונטענס און אָפּ־

שאַצערס, און מען וועט אויסרעכענען כך וכך נפשות און כך וכך מאַרקען. פאַר יעדען אידיש נפש אַזאַ צאַל מטבעות.

מיר ווייסען דעם אָפיציעלען תירוץ: חס ושלום, מ׳געהט ניט מוחל זיין די דייטשען. מ׳געהט אויך ניט נעמען קיין פאַרגיטיגונג פאַר די קרבנות. מ׳געהט נאָר נעמען פאַרגי־טיגונג פאַר דער גזילה, פאַר די פאַרמעגענס פון די אומגעקומענע, וואָס די דייטשען האָבען צוגע׳גזל׳ט, און דאָס איז דאָך אַ מצוה... דאָס איז אָבער אַ פאַלשער תירוץ. אַ שרעק־ליכער ליגענד.

עס איז ניט די פראַגע וואָס מיר טראַכטען, און וואָס די מעקלערס ווילען אונז איינרעדען, בכדי צו פאַרגלעטען דעם דאָזיגען עסק ביש. עס איז די פראַגע, ווי די וועלט און דאָס דייטשע מערדער־פאָלק אַליין, וועלען דאָס אויסטייטשען און פאַרשטיין.

מיט׳ן מאָמענט, ווען שליחים פון אידישען פאָלק זעצען זיך אַוועק מיט די מערדער פאַר פאַרגיטיגונג ווערט עס פון דער וועלט באַטראַכט, און מיט רעכט, אַלס אַן אַקט פון איבערבעטונג און שלום צווישען דעם אידישען, און להבדיל, דעם דייטשען פאָלק. צווישען די קרבנות, מיט זייערע רוצחים.

און דאָ פועל׳ן ניט קיין שום פאַלשע תירוצים און פלפולים.

ווען אַדענאַוער, דער הויפט פון עמלק׳ס באָן רעגירונג, איז אַרויס מיט זיין כלומר׳שטער שולד־דעקלעראַציע, האָט ער דאָביי ערקלערט, אַז ער איז גרייט גוט צו מאַכען דעם דייטשען חוב לגבי דעם אידישען פאָלק, דעם מאַטעריעלען ווי דעם מאָראַ־לישען. און עס איז דאַריבער קלאָר, אַז אַלע אונטערהאַנדלונגען און אַלע פאַרגיטיגונגס־געלדער, וועלען פאַרשטאַנען ווערען, אַז דייטשלאַנד פאַרגיטיגט דאָס אידישע פאָלק פאַר זיינע ליידען, וואָס די נאַציס האָבען זיי פאַרשאַפט.

אַזוי וועט עס פאַרשטאַנען ווערען פון דער וועלט, און אויך פון דייטשען מיידאַנעק־פאָלק. און אַזוי וועט עס פאַרשטאַנען ווערען דורך אידען גופא.

אַן אַקט פון פאַרגעסונג און פאַרגעבונג. אַן אַקט פון סליחה ומחילה.

יאָ, אַזוי וועט עס פאַרשטאַנען ווערען און אַזוי וועט עס אי, פאַקט ווערען.

* * *

ווער זענען דאָס די, וועלכע ערלויבען זיך צו שענדען דעם אָנדענק פון די מיליאָנען אידישע קדושים. ווער זענען דאָס די, וועלכע ערלויבען זיך מחלל צו זיין דאָס הייליג אומשולדיג־פאַרגאָסן אידיש בלוט, מיט׳ן הענקערס טמא׳דיגע מטבעות.

ווער זענען דאָס די, וועלכע וואַגען משפיל צו זיין דעם אידישען כבוד לדור דורות. און ווער ערלויבט זיי דאָס? ווער האָט זיי געגעבען דעם רשות צו ברענגען שאַנד און שמאַכט צום אידישען נאָמען?

וואָס זאָגען דערצו די מיליאָנען אידען, וואָס זייערע נאָענטע, טייערע און הייליגע, זענען פאַרברענט און פאַרגאַזט געוואָרען. זענען זיי מסכים. האָבען זיי וועמען באַפול־מעכטיגט, צו נעמען אויסלייז געלד פאַר זייער פאַרגאָסען אידיש בלוט. וואָס זאָגען די גרויסע רעליגיעזע תורה־אויטאָריטעטען, די אָנגעזעהנע רבנים־אָרגאַניזאַציעס, דאָס רבנות הראשית, די אמת־פאַראַנטוואָרטליכע געזעלשאַפטליכע טוער און שרייבער. וואָס זאָגט דערצו די עפענטליכע אידישע מיינונג, דער ברייטער דעת הקהל.

וועלען מיר ערלויבען און דערלאָזען, אַז עס זאָל אויף אונז אַלע און אויפ׳ן גאַנצען כלל ישראל, אַרויפגעוואָרפען ווערען אַזאַ אייביגער שאַנד־פלעק?

* * *

מען זאָגט אונז, אַז מיט דעם באַקומענעם געלד וועט מען קענען ענטוויקלען די עקאָנאָמיע אין דער אידישער מדינה. איז טאַקע מעגליך צו צולאָזען דעם געדאַנק אפילו, אַז מיר אידען זאָלען געבען די מעגליכקייט, אַז דאָס בלוטיגע הענקער־פאָלק, זאָל זיך קענען באַרימען אַז: אני העשרתי את אברם, אַז די אויסראַטער פונ׳ם אידישען פאָלק, האָבען דאָס געהאָלפען אויסבויען די אידישע מדינה... דאָס וואָלט דאָך געווען די גרעסטע חרפה, די שאַנדהאַפּסטע דערנידערונג פאַר׳ן אידישען פאָלק און פאַר׳ן אידישען לאַנד.

אידען איבער דער וועלט, וועלכע האָבען געגעבען און געבען כסדר, פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל, וועלען זיך נאָך אַ ביסעל אָנשטרענגען און געבען מעהר, און ניט דערלאָזען צו האָבען פאַר אַ שותף אין דער אויפבוי־אַרבייט, די אכזריות׳דיגסטע מערדער פון אונזער דור. דער בנין אין מדינת ישראל וואָס זאָל קומען פון עמלק׳ן און זיין געלד, איז ניט קיין בנין־הארץ נאָר אַ חורבן־הארץ.

עס איז אָבער נאָך אַ גרויסער ספק, צי מען וועט בכלל זעען פון דייטשלאַנד מזומנים אַלס פאַרגיטיגונג. זיי האָבען אַן אַלטע חזקה פון ניט געבען. זיי האָבען גרעסערע און מעכטיגערע פעלקער, זייערע צוגעזאָגטע רעפּאַראַציעס ניט געצאָלט.

אָבער, ווי עס זאָל ניט זיין, אַלס שיילאָקס וועלען מיר זיכער דורך דער וועלט באַטראַכט ווערען. שיילאָק׳ס, וואָס פאַרקויפען און פאַרשוועכען דאָס בלוט פון זייערע זעקס מיליאָן קדושים פאַר אַ צווייפעלהאַפטען נזיד־עדשים...

אויב מען וויל פאָדערען פון די דייטשע מערדער און גזלנים, פאַרגיטיגונג פאַר זייער אָנגערויבטען אידיש האָב און גוטס, דאַרף מען עס טאָן ווי מ׳טוט עס מיט אַלע רויבער און מערדער. מיר דאַרפען זיי אָנקלאָגען צום וועלט־טריבונאַל, צו דער יו־ען, צום האַאַגער פעלקער־געריכט. אָבער אויף קיין פאַל ניט זעצען זיך מיט די מערדער ביי שלום־קאָנפערענצען און און ביי פאַרמיטלונג־אונטערהאַנדלונגען.

צווישען די אידישע קרבנות מיט זייערע דייטשע מערדער, איז ניט פאַרהאַן קיין שלום, קיינע „רונדע־טישען״.

זאָלען געדענקען די אַלע אונטער־הענדלער, אַז דאָס אידישע בלוט וועט ניט שווייגען.

קול דמי אחינו ובשרינו צועקים אלינו. דאָס בלוט שרייט און רופט:

פאַרשאָלטען זאָלען זיי זיין! פאַרשאָלטען זאָלען זיין די וועלכע האָבען אונזער בלוט פאַרגאָסען! פאַרשאָלטען זאָל זיין זייער ערד וועלכע האָט אונזער בלוט פאַרדעקט! פאַרשאָלטען זאָלען זיי זיין די רשעים אויף אייביג. אויף אַלע אייביגקייטען!

* * *

אין דער לעצטער מינוט, אַפּעלירען מיר צו אַלע וועלכע פאַרען זיך ביי דעם אומריינעם עסק: האַקט אָפּ, איידער עס ווערט צו שפּעט. געדענקט, אַז די אידישע געשיכטע וועט אייך ניט מוחל זיין דאָס פאַרשוועכען פון אידיש בלוט און פון אידישען נאָמען.

(דאָס אידישע וואָרט, כ׳ טבת, תשי״ב)

דער שידוך מיט עמלק'ן

די האַנט ציטערט, דאָס האַרץ ווייטאָגט, און אַלץ אין דיר שווידערט פאַר צאָרן און פלאַמט פאַר חרפּה, ווען דו גיסט אַ טראַכט, אַז מיר, דאָס אידישע פאָלק, איז גרייט און האַלט ביים אָנקניפּען דיפּלאָמאַטישע און מלוכה'שע באַציאונגען מיט די דייטשע קאַניבאַלען. אידען פונם שארית הפליטה, וועלכע האָבען זיך נאַר־וואָס געראַטעוועט פון די דייטשע גיהנום'ס, גייען זיך צוריק חבר'ן מיט זייערע מערדער. אידען, ביי וועמען עס איז ניט פאַראַן קיינער, ממש קיין איין יחיד, וועלכער זאָל ניט האָבען געהאַט זיינע קרבנות אויפן מזבח פונם פינסטערען היטלעריזם, גייען שוין מאַכען שלום מיט זייער בלוטיגען תליון.

עס זעט אויס ווי אומגלויבלעך, ווי עפּעס אַ צוגעטראַכטער בלבול אויפן אידישען פאָלק, אַז עס איז גרייט שוין צו פאַרגעסען דעם שוידערלעכען חורבן וואָס עס האָבען אויף אים געבראַכט די דייטשע עמלקים, ימח שמם וזכרם, און עס איז שוין גרייט צו פאַרווישען די לדור־דורות'דיגע שאַנד און שמאַכט וואָס דאָס דייטשע עמלק־פאָלק דאַרף, און מוז, אויף זיך טראָגען לעולמי עד.

יאָ, אומבאַגרייפלעך. אָבער דאָך איז עס, ליידער, אַ פאַקט. אַ פאַקט אַ ווייטאָגלעכער און אַ צער'פולער. אַ פאַקט וואָס איז לבושתנו ולחרפּתנו.

אידען זוכען דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט די אויסראָטער פון זייער פאָלק. אין נאָמען פון אידענטום שטייט מען גרייט, מוכן ומזומן, צו ווערען חבר מיט די גרעסטע אכזריים און בלוטיגסטע הענקער אונזערע, במשך אַלע תקופות און דורות.

* * *

מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבען רעדען וועגען נעמען אַנטשעדיגונגס־געלדער ביי די דייטשע מערדער, די אַזוי־גערופענע תשלומים, האָבען שוין דעמאָלט אויפגעבראַוזט טיילען אין דער אידישער וועלט. שוין דעמאָלט האָבען פירער פון דער אידיש־עפענטלעכער מיינונג זיך געגענגעשטעלט דאָס נעמען אויסלייז־געלדער פאַר די אומגעבראַכטע אידישע קרבנות דורך די דייטשע טייוואָלים.

עס זיינען אָבער געווען אַנדערע, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז אויב מ'קאָן אַרויסבאַקומען פון די דייטשען גרעסערע סכומים, דאַרף מען זיי נעמען און די געלדער פאַרווענדען אויף לינדערען די נויט פון די געליטענע. מען האָט מצד די „יאָ"־זאָגער פּרובירט צו כשר'ן דעם „פּגר" מיטן תירוץ, אַז אויב יאָ אַזוי שטאַרק געליטען פון די דייטשע אכזרים, זאָל מען זיי נאָך איבערלאָזען די אָנגערויבטע פאַרמעגענס? „הרצחת וגם ירשת"? און אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער געראַנגעל צווישען דעם „פּראַקטישען" צד, וועלכער האָט געזוכט די מזומנים, מיט דעם צד וואָס האָט געוויטאָגט און געשריען אַז מען טאָר זיך ניט צורירען, ניט צו די דייטשע טמאים און ניט צו זייערע טמא'דיגע געלדער.

דער געראַנגעל האָט זיך אָפּגעשפּילט, צום עיקר, צווישען אידען אין חוץ לאַרץ — און מיט זיי די מערסטע פון לעבען־געבליבענע ביי די דייטשע תלינים —

און צווישען די פירער פון דער אידישער מדינה, וועלכע זיינען געווען די אונטער־הענדלער מיט דייטשלאַנד און האָבען זיך געזען אַלס די לעגיטימע יורשים פון די תשלומים־געלדער.

אָבער אויך דאָרט אין ארץ ישראל, דאַרף מען למען האמת פעסטשטעלען, זיינען געווען די מיינונגען געטיילט. און אַ טייל פון דעם אידישען ישוב איז געווען אַזוי אויפגערייצט, אַז בשעת אין דער כנסת זיינען אָנגעגאַנגען די וויכוחים איבער יאָ און ניט נעמען עמלק׳ס כופר־נפש געלדער, זיינען פאָרגעקומען שטורמישע מאַסען־דעמאָנסטראַציעס פון אויפגעברויזטע און דערצאָרענדע פראָטעסטירער געגען די וועלכע לעכצען צו אַזעלכע בלוטיגע געלדער.

מנצח געווען האָבען די „יאָ״־זאָגער. מיט ק״ן תירוצים האָבען זיי געזוכט מטהר צו זיין את השרץ... און דער הויפט־טעם זייערער איז געווען:

— מיר נוטיגען זיך אין די ממתקים פאַר בנין הארץ...

* * *

בעת די דעמאָלטיגע וויכוחים פאַר יאָ און ניין, האָט זיך מצד די געגנער פון נעמען די געלדער, אַרויסגעשטעלט איין וויכטיקער מאָטיוו, וואָס איז געווען דעצי־דירענד פאַר זייער אויסגעשפּראָכענער מיינונג פאַר ניט נעמען.

די ניין־זאָגער, האָבען אָנגעוויזען, אַז מיט נעמען געלט ענדיגט זיך נאָך ניט דער פסול׳ער ענין. אַז מען זאָגט די אַלף זאָגט מען, און מ׳מוז זאָגען, שפּעטער די בית. און דאָס עסק־ביש הויבט זיך ערשט אָן און דאָס קאָן פאַרפירען ביזן שאול תחתית...

דאָס געלט נעמען, האָבען זיי גע׳טענה׳ט, איז נאָר אַ התחלה אינם שותפות צווישען די אידישע קרבנות מיט זייערע דייטשע הענקער, און די התחלה וועט פירען, סוף־כל־סוף, צו איינשטעלען פריינדלעכע באַציאונגען צווישען קרבן און זיין רוצח.

די יאָ־זאָגער האָבען נאַטירלעך געלייקענט אַזעלכע מעגלעכקייטען. נעמען די תשלומים־געלדער יאָ, האָבען זיי קאַטעגאָריש דערקלערט, אָבער ווייטער פון דעם וועט עס נישט גיין. פון קיין שום באַציאונגען, געזעלשאַפטלעכע ווי דיפּלאָמאַטישע, קאָן קיינעם ביי אידען ניט עולה על הדעת זיין. ביים פאַרטיידיגען אין דער כנסת דאָס נעמען די געלדער, האָבען די רעגירונגס־מענטשען געשוואָרען פשוט, אַז עס מיינט נישט וועלכע־עס־איז סליחה ומחילה, און וועלכע־עס־איז באַציאונגען מיט דעם מערדער־פאָלק, — פון דעם קאָן קיין רייד ניט זיין, האָבען זיי דערקלערט, חלילה, וחלילה...

נו, זיינען מיר עלטער געוואָרען קוים מיט עטליכע יאָר, און דאָס אומגלויב־לעכע האָלט שוין ביים ווערען אַ שאַנדהאַפטער פאַקט.

מיר האַלטען ביים ווערען ידידים מיט אונזערע אומברענגער; מיר האַלטען ביים איינשטעלען פריינדלעכע פאַרבינדונגען מיט די מערדער פון אונזערע זעקס מיליאָן אידישע נפשות, און בתוכם אָנדערהאַלבען מיליאָן קינדערלעך; די אידישע מדינה ווערט צוגעגרייט איינצושטעלען דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען מיט דער היטלער־מדינה; די געוועזענע מערדער און אויסראָטער אונזערע — היינטיגע אַמבאַסאַ־דאָרען און קאָנסולען פון דעם דייטשען אשמדאי — וועלען מיט גרויס כבוד און רעספּעקט אויפשטעלען זייערע דיפּלאָמאַטישע געצעלטען אויף אונזער הייליגער ארץ ישראל ערד, און דערפאַר וועלען אונזערע אידישע שליחים האָבען דעם „זכות״ און „תענוג״ אויסצובויען אונזערע „אהלי יעקב״ אויף דער מיט אידיש בלוט־און־לעבענס

דורכגעווייקטער היטלער־ערד, די ערד פון וואַנען עס הערט זיך היינט, און אויף אַלע אייביגקייטען, דער: קול דמי אחינו צועקים אלינו מן האדמה הארורה הזאת...

* * *

מיר זיינען געווען פון די שאַרפסטע ניין־זאָגער.

מיר זיינען געווען געגנער פון וועלכע־עס־איז נעמען געלט ביי די טמאים, און פון וועלכן־עס־איז מגע ומשא מיט די שוידערליכע פאַרוויסטער פון אונזער פאָלק.

און מיר זאָגען עס נאָך איצט מיטן פולען באַוואוסטזיין און מיט פולער אחריות, פאַר איצט און פאַר דער היסטאָריע, אַז אַן אומפאַרציילעך פאַרברעכן איז געשעען מצד אונז אידען מיט יעדען אַנריר מיט די דייטשע מענשען־פרעסער און מיט זייער טרפה און אומווירדיג געלט. יעדער ציגעל וואָס עס ווערט וואו־ערגעץ געלייגט מיט דער הילף פון דעם בלוטיגען דייטשען קין־פאָלק — גאַנץ עגאַל דאָס געוועזענע, היינטיגע צי קומענדע — איז אונזער פאַרשעמונג, אונזער געפאַלענקייט און אונזער גייסטיגע און מאָראַלע ירידה, און איז ווייט פון יעדער שייכות מיט בנין. עס איז פיל מער אַ סימן פון ירידה און הריסה ווי פון בנין און תקומה.

אַך און וויי צו אַזעלכע בנינים, וועלכע ווערען געבויט דורך נאַצי־מערדער.

נאָך שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, נאָך יענע אידען־גירושים און פאַרפאָלגונגען, האָבען אידען אַלס יחידים, און דאָס אידישע פאָלק אַלס גאַנצעס, דורות לאַנג געטראָגען אין זייער זכרון און אין זייער האַרץ דעם אידישען פיין און ליידען. זיי נישט מוחל געווען, און פון זכרון ניט אויסגעמעקט דאָס רשעות פון אונזערע פייניגער.

שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיינען מצד אידען איבער דער וועלט פשוט נחרם געווען.

זכור את אשר עשה לך עמלק... לא תשכח... מיט דעם אַמווייניגסטען האָבען אידען איבראַל, און אין אַלע שווערע צייטען, אָפּגעצאָלט זייערע בלוטיגע פאַרפאָלגער. אַמווייניגסטען, ניט פאַרגעסען זייערע שונאים און נישט מוחל געווען זייער אומשולדיג פאַרגאָסען בלוט.

און מ׳דאַרף דאָך ניט פאַרגעסען, אַז יענע בלוטיגע פאַרפאָלגונגען אין מיטעל־אַלטער, זיינען דאָך גאַרניט קיין פאַרגלייך מיט אונזער היינטיגען אַזוי שוידערליכען חורבן. די דייטשע עמלקים, ימח שמם, האָבען זיך פאַרמאָסטען להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים... און זייער בלוטיגען פאַרמעסט — ווי ווייט זייער פינסטערער כוח האָט דערגרייכט — אויסגעפירט און טאַקע אומגעבראַכט מיליאָנען אידישע נפשות, קדושים־וטהורים. און מיט כל מיני מיתות משונות ר״ל, וועלכע זייערע סאַ־דיסטישע פאַנטאַזיעס האָבען נאָר געקאָנט צוטראַכטען. נהרגו, נחנקו, נשחטו ונשרפו, און לעבעדיגערהייט באַגראָבען.

אַ פאָלקס־מאָרד, וואָס האָט ניט קיין פאַרגלייך אין דער מענשלעכער געשיכטע. אַן אַכזריות, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען און נישט געהערט.

און דעריבער האָבען מיר געהאַלטען, און האַלטען עס ווייטער, אַז יעדע פרוטה פון דעם היטלער כופר־נפש, אַז יעדער דייטשער באַצאָל אַלס קאָמפּענסאַציע פאַרן אידישען אומקום, אַז יעדער שריט צו דערנענטערונג און יעדער גורם צו פאַרגעסען, סיי דעם חורבן און סיי די חורבן־ברענגער, איז אַן אומפאַרציילעכער פאַרברעך לגבי די אומגעבראַכטע קדושים, און אַן עון פלילי לגבי דעם אידענטום און זיין געהייליג־טער מאַרטירערטום.

* * *

דאָס אַלץ האָט אָבער געקאָנט האָבען אַ פּלאַץ ביים נעמען די געלדער. ביים יאָ אָדער ניט נעמען האָבען נאָך געקאָנט זיין חילוקי־דעות, און טראָץ די אַלע מיינונגען און מאָטיוען פאַר ניט נעמען וועלכע זיינען געווען באַזירט אויף מאָראַלישע און עטישע יסודות, האָבען אַנדערע מער „פּראַקטישע" געקאָנט האָבען אַן אַנדערע מיינונג, און די תאווה צו ירש'נען די מיליאַרדען דייטשע מאַרקען האָט ביי זיי גובר געווען און דיקטירט אויף יאָ נעמען.

אָבער אַז מ'זאָל זיך דערלויבען אויף איינשטעלען מצד אידען פּריינטליכע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דעם היטלער־פאָלק — און דאָס שוין בימינו — אַזעלכעס האָבען די גרעסטע שוואַרץ־זעער זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען.

ערשט קוים אַ צענדליג יאָר איז פאַרביי נאָכן שוידערלעכען היטלער־חורבן; אַ טויזענט־יעריג אידיש לעבען האָט דער פינסטערער דייטש אויסגעריסען און אָפּגעווישט; דאָס אומשולדיג אידיש בלוט איז נאָך ניט פאַרטריקענט; די ערד אין די אינקוויזיציע און טויטען־לאַגערען הויבט זיך נאָך פון די לעבען־באַגראָבענע; די בלוטענדע וואונד אין יעדען אידישען האַרץ איז נאָך אַן אָפענע און אַן אייטער־רענדע; דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך נאָך אין דער בחינה פון „מתו מוטל לפניו", האָט זיך פון זיין טיפער אבלות נאָך נישט אויפגעהויבען און זיינע קריעה־ריסען ניט פאַרנייט. איז־עס דאָך אַ קרע שאינו מתאחה. אַ חורבן וואָס קיינמאָל קאָן עס ניט פאַרגעסען ווערען.

איז מעגלעך, אַז מיר זאָלען — און שוין אין אונזערע טעג — מאַכען חבר'־שאַפט מיט אונזערע מערדער, די שרעקלעכסטע אין דער וועלט־געשיכטע?

איז עס טאַקע מעגלעך, אָדער איז עס עפּעס אַ בייזער און ווילסטער חלום?

איז עס דען מעגלעך, אַז די יעניגע אידישע „אַפּיטרופּסים" וועלכע האָבען אַזוי געלעכצט נאָך די רוצחישע אויסלייז־מיליאָנען, זאָלען זיך מיט די געלדער ניט באַנוגענען, נאָר זאָלען מיט זייערע ווייטערע שריט פאַר גוטע באַציאונגען מיט די „גוטע" דייטשען, פאַרשוועכען דעם אידישען נאָמען, און ברענגען שאַנד און שפּאָט פאַרן אידישען כבוד אויף דור דורות?

* * *

ווער זיינען עס די מעקלער, וועלכע זיינען זיך משתדל צוזאַמענצוברענגען דעם שאַנדהאַפטען שידוך מיט עמלק'ן? ווער זיינען עס די, וועלכע רייסען זיך אַזוי צוריק צו ווערען מחותנים מיט דעם פאַרשאָלטענעם היטלער־פאָלק?

— דאָס איז די מדינת ישראל.

נישט חלילה דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל טוט דאָס, נאָר די מושלים אירע זיינען עס די וועלכע קלאַפּען אין די טירען פון די היטלער־יורשים — די באָן־רעגירונג — און בעטען זיך, אַז זיי, די עמלקים, זאָלען באַוויליגען איינצושטעלען באַציאונגען מיט דער אידישער מדינה.

זיי, די ישראל רעגירער, ווייסען אָבער גוט ווי אַזוי אידען איבעראַל וועלען קוקען אויף אַזאַ אומווירדיגען שידוך בין הטהור והטמא. זיי ווייסען גוט וואָס פאַר אַ שרעקליכען אויפבראַוז דאָס וועט אַרויסרופען אין די הערצער פון מיליאָנען אידען איבער דער וועלט. טוט מען עס צוביסלעך און צו שטיקלעך. שוין חדשים לאַנג ווי מען שפּייזט דעם אידישען דעת־הקהל מיט טיי־לעפעלעך וועגען דעם פאַרשטייענדען עסק.

אַט בעט זיך דייטשלאַנד... אַט וויל נישט מדינת ישראל... אַט איז זיך דאַלאַס יאָ משתדל און נישט משתדל... עס האַלט יאָ דערביי, און עס האַלט נישט דערביי... גאַנצע אַמבאַסאַדאָרען־אויסטויש און נישט גאַנצע... די אַראַבער לאָזען יאָ און לאָזען נישט... נחום גאָלדמאַן פאָרט קיין באָן און די ישראל־רעגירונג לייקענט... און אַט אַזוי נאָך גרייט מען פּסיכאָלאָגיש צו די אידישע עפענטלעכקייט, מ׳פאַרשלעפערט דעם ברייטען דעת־הקהל און מען פּרובירט צוביסלעך צו פאַרטעמפּען דעם באַרעכטיגטען אידישען אויפברויז, צאָרן און ווידערשטאַנד.

לעצטענס הערט מען שוין קלאָרערע דיבורים.

אַט איז אונז די איט״א מבשר עטלעכע „בשורות טובות״:

„די מערב־דייטשע רעגירונג האָט זיך געשעטלט אַלס ציל איינצופירען נאָרמאַלע באַציאונגען מיט מדינת ישראל, און עס איז צו האָפען אַז דאָס וועט פאַרווירקלעכט ווערען אין דער ניט־ווייטער צוקונפט, האָט דאָ היינט דערקלערט פעליקס פאָן עקהאַרדט, ראַטגעבער פון קאַנצלער אַדענאַוער״.

„אַ פאָרשטייער פון מערב־דייטשלאַנד האָט נעכטען דערקלערט, אַז די דייטשע רעגירונג איז גרייט איינצושטעלען פולע דיפּלאָמאַטישע אָנערקענונג פון מדינת ישראל״.

„די ישראל־רעגירונג האָט באַשלאָסען אַריינצולאָזען גרופען דייטשע טוריסטען (אונזערע אויסראָטער...) אין לאַנד. די ערשטע גרופּע ווערט דערוואַרט נאָך דעם זומער. דער מיניסטאָרען־קאַבינעט האָט געהאַלטען דעם באַשלוס אין געהיים, ביז די פּרעסע האָט זיך ד׳ערפון דערוואוסט״.

און אַט הערען מיר שוין אָפענע דיבורים. אין אַן אינטערוויו מיט דעם פאָרשטייער פון דער שווייצאַרישער ראַדיאָ־סטאַנציע, מר. פישער, האָט בן־גוריון דערקלערט:

„איך בין דערפאַר, אַז מדינת ישראל זאָל איינשטעלען דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט מערב־דייטשלאַנד. איך וואָלט מיט פאַרגעניגען צוגעזען ווי עס ווערען איינגעשטעלט פולע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישען די צוויי לענדער. כאָטש איך ווייס אַז פיל מענשען אין ישראל (וועגען אידען מבחוץ לארץ אינטערעסירט אים נישט...) זיינען געגען אַזאַ שריט, טייל איך אָבער ניט זייער שטאַנדפּונקט, און צי־פאַר דעם כלל, אַז וואָס עס איז געווען איז געווען. איך גלויב ניט, אַז די איצטיגע פירער פון דייטשלאַנד זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים נאַציישען רעזשים״.

אַלזאָ, הייסט עס, אַז מיר שטייען ערב דעם שווידערלעכען פאַקט. הייסט עס, אַז גאָר בקרוב — אויב דער אָרור וועט נאָר באַווילליגען זיך מדבק זיין מיטן ברוך — וועט ווערען: „וואָס איז געווען איז געווען״, פאַרגעסען און פאַרגעבען. מיר אידען וועלען ווערען פריינד מיט אונזערע מערדער; זיך קושען מיט אונזערע פאַרטיליגער; די דייטשע פאָן (די איבערגעפאַרבטע סוואַסטיקאַ...) וועט הענגען אין ירושלים עיר הקודש, און דער „דגל ישראל״ וועט פלאַטערען איבער אונזערע מיליאָנען־קברים אין פאַרשאָלטענעם היטלער־לאַנד. און מסתמא וועט אויך דערביי דער דייטשער אָר־קעסטער (דער זעלבער וועלכער האָט באַגלייט אונזערע קרבנות ביי זייערע טויט־מאַרשען...) שפּילען די „התקוה״, און דער ישראל־אָרקעסטער דעם ווידער־באַנייטען „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס״ (רחמנא לצלן).

„וואָס עס איז געווען איז געווען״... אַזוי פּסק׳נט בן־גוריון, און פרעגט ניט קיין שאלות. בן־גוריון איז דאָס געוואָרען דער פּוסק האחרון פאַרן כלל ישראל...

סימבאָליש איז עס, אַז די דאָזיגע דערקלערונג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען ערב תשעה־באב. עס איז ווירקלעך אַ תשעה־באב׳דיגע בשורה...

* * *

וועט דער שענדלעכער טאַט טאַקע פאַרווירקלעכט ווערן? וועט דער כלל ישראל אויף זיך מקבל זיין דעם גזר־דין פון בן־גוריון וחבריו?

איז טאַקע דער עם ישראל שוין געוואָרן אַזוי הפקר, אַז עטלעכע יחידים — מעגען זיי זיין שרים אָדער פּרים — זאָלען קאָנען אין זיין נאָמען אָפּטאָן כל מעשי־תעתועים? ניין. און טויזענט מאָל ניין!

דאָס אידישע פאָלק וועט אויף אַזעלכעס בשום אופן ניט איינגיין. יעדער איד, וואָס האָט אין זיך אַ פונק פון אידיש געוויסען, וועט, און מוז, מיט צאָרן און פּראָטעסט אַזאַ בושה׳פולען און אומווירדיגען שידוך אָפּוואַרפען. מיר זיינען זיכער אין דעם.

נישט מען האָט דאָס אידענטום איבער דער וועלט געפרעגט; נישט מען האָט געהערט די מיינונגען פון די הונדערטער טויזענטער אידישע קרבנות, די דירעקט געליטענע אין די פייניגונגס־לאַגערן און געטאָס; און זיכער רעכענט מען זיך נישט מיט די מיליאָנען אויסגעלאָשענע אידישע לעבענס, אויף וועמענס פריצייטיגע קברים מען גייט אַרויסהענגען די שותפות׳דיגע דייטשע־אידישע מלוכה־פאָנען.

וואָרים לאָמיר זיך נאָר אויף אַ מאָמענט פאָרשטעלען, וואָס וואָלט געשען ווען די זעקס מיליאָן הייליגע אידישע נפשות קאָנען זאָגען זייער וואָרט וועגען דער וואָק־כאַנאַליע פון אַ אידיש־דייטשער סליחה ומחילה... וואָס וואָלט געשען ווען די גע־שאָכטענע, פאַרגאַזטע און לעבעדיג־פאַרברענטע פון מיידאַנעק, אויסשוויץ, דאַכוי און טרעבלינקע קאָנען זיך אויפהויבען און זען, ווי מיר, זייערע קרובים און אבלים, געבען זיך די הענט און מאַכען „שלום" מיט זייערע פייניגער, הענקער און פאַרברענער.

איך פאַרשטייט עפּעס? זיי האָט מען פאַרברענט, און מיר נעמען פונם תליון זייער כופר־נפש. זיי האָט מען לעבעדיגערהייט געוואָרפען אין די קאַלך־אויוועגס, און מיר גייען זיך חבר׳יש קלאַפּען אין די פּלייצעס מיט די מענשען־פרעסער. זייער בלוט און יונג־פאַרשניטענע לעבענס שרייען נאָך עד לב השמים, און מיר, זייערע גואלי־הדם, דערקלערען זיך אַזוי רואיג און געלאַסען, מעשה דיפּלאָמאַטען: „וואָס עס איז געווען איז געווען"...

עס איז דאָך אָיום ונורא! עס איז דאָך ניט נאָר אַ גייסטיג־אידישע ירידה. נאָר אויך אַ מאָראַליש־מענשלעכע געפאַלענקייט.

עס איז אַן אומגעהערטער חילול שם שמים און חילול שם ישראל.

* * *

ניין. אידען איבער דער וועלט וועלען זייער חתימה דארויף ניט לייגען.

דאָס איז ניט קיין אינערלעכער ענין פאַר דער אידישער מדינה. דאָס איז אַ לעבענס־ענין פון אידישען פאָלק, וועלכען עס דאַרף באַשליסען דאָס גאַנצע אידענטום.

אַ האַלבער טוץ שרים אינם ישראל־קאַבינעט, און אַפילו פינף טוצען פון חברים אין דער כנסת, זיינען נאָך ניט דערוואַקסען און ווייט ניט קאָמפּעטענט צו באַשליסען וועגען פאַרשאַכערען די בלוטיגסטע כלל־ישראל אינטערעסען, זיין כבוד, ווירדע און זעלבסט־רעספּעקט אויף דור דורות.

דער רוב אין דער רעגירונג און דער רוב אין דער כנסת זיינען ניט דער רוב אפילו פונם אידישען ישוב אין ארץ ישראל, און אַ וודאי ניט דער רוב פונם וועלט־אידענטום. און דער באַשלוס זייערער איז ניט דער באַשלוס פונם כלל ישראל.

עס טומלט זיך, און ספּעציעל אין דער ארץ ישראל פרעסע, מיט יעדען אידען

וועלכער גייט צוריק קיין דייטשלאַנד, בעת ער טוט דאָס אַפילו מחמת דחקות. יעדער איינצעלנער אַזוינער ווערט פאַרשריען אַלס „יורד". און דאָ גייט מען פירען דעם גאַנצען אידישען כלל, צוריק קיין דייטשלאַנד אַלס יורדים ושפלים...

מיר וועלען ניט, און מיר טאָרען ניט, דערויף מסכים זיין.

אונזער דור, וואָס האָט מיטגעמאַכט און דורכגעלעבט דעם דאָזיגען פינסטערס־טען, מורא'דיגסטען און אומפאַרגלייכלעכסטען חורבן בית ישראל, וועט ניט מסכים זיין אויף דעם נזיד־עדשים'דיגען שלום־מסחר.

דאָס וועלט־אידענטום בכל מקומות מושבותיהם, מוז דערקלערען פאַר דער וועלט — די אידישע ווי די ניט־אידישע — אַז ניט אין זיין נאָמען געשעהט דער פאַרברעכען פון איינשטעלען „פריינדלעכע באַציאונגען" מיט אונזערע תלינים.

להיות גלוי וידוע, אַז די וועלכע גייען דורכפירען דעם חרפה'דיגען דיפּלאָמאַ־טישען שלום מיט די אכזריות'דיגע פאַרברעכער, רעפּרעזענטירען ניט דעם כלל ישראל.

די פאַן וועלכע וועט אויפגעהאָנגען ווערען אויף היטלער'ס טומאה'דיגער און מיט אידיש בלוט אויסגעווייקטער ערד, קאָן זיך זיין אַ פאָן פון דער אידישער מדינה, אָבער אויף קיין פאַל וועט זי ניט אָנערקענט ווערען אַלס אַ פאָן פונם אידישען פאָלק.

„וואָס עס איז געווען איז געווען", קאָן זיך בן־גוריון פסק'ענען פאַר זיך, און אפשר פאַר דער מדינה, וואו ער איז דער מושל בכיפה... דאָס אידישע פאָלק האָט זיך זיין אייגענעם פסק:

עמלק'ס סאַדיסטישע רשעות און בלוטיגע אכזריות לגבי אונז אידען, וועלען דורך אונז קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען, און קיינמאָל ניט פאַרגעבען ווערען.

אין שלום אמר ד' לרשעים. ביז מיר וועלען זוכה זיין צום:

וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ.

(ד. א. וו. ערב ראש השנה, תשי"ח)

רעאַל פּאָליטיק אָדער מאָראַל

מיט די איצטיגע שורות, אין וועלכע מיר רירען אָן דאָס אַזוי־אָנגעוויטאָגטע ענין פון לעצטען חורבן וואָס האָט געטראָפען אונזער פאָלק, זיינען מיר זיך ניט מתכוון צו באַרירען די עפענטליכע פּאָלעמיק וואָס עס האָט זיך לעצטענס באַוויזען אַרום דעם ענין געטאָ־קאַמף. אַרום זיין וויכטיגקייט און דרינגליכקייט, און צי מען דאַרף אים פאַרהערלעכען אָדער באַקעמפען, אים הייליגען אָדער גאָר מבטל זיין.

מיר טוען דאָס נישט, שוין דערפאַר ווייל מיר זיינען לגמרי ניט מסכים מיט די, וועלכע האָבען דעם ענין בכלל אויפגעהויבען היינט אין דער עפענטלעכקייט. היינט, נאָך 17 יאָר זינט דעם אַזוי־שרעקליכען געשעעניש. פאַראַן זאַכען וועלכע זיינען צו טראַגיש און צו בלוטיג, אַז מען זאָל זיך מיט זיי אַרומשפּילען און אַרום זיי אויפוויקלען אַן עפענט־לעכע פּאָלעמיק. פאַראַן אַ מצב ביי אַ שווערען חולה, ר״ל, וואָס וואו דו זאָלסט אים ליגען, וועסטו אים ווי טאָן און רייסען זיין וואונד, און זיכער אַז קיין פאַרלייכטערונג ברענגסטו אים ניט דערמיט. דאָס פּראָבלעם געטאָ־קאַמף, דאָס אים יאָ אידעאַליזירען אָדער ניט, איז זיכער פון אַזעלכע ענינים. דאָס בעסטע דערביי איז: לאָז עס רוען און גיב עס איבער צו דער געשיכטע. נאָך אַ בלוט־פּעריאָד אין דער טויזענט־יאָריגער אידישער מאַרטירער־געשיכטע.

מיר זיינען אויך געגען דאָס אויפהויבען עפענטלעך דאָס שוידערלעכע קאַפּיטעל, ווייל עס איז אונז לגמרי אומפאַרשטענדלעך די נחיצות דערפון. ווען מען אַרט עס, און וואָס פאַר אַ סכנות דראָען, ווען אידען ווילען יאָ דערמאָנען און אפילו פייערען, דעם אָנדענק פון אידישע קדושים וועלכע זיינען געפאַלען אין זייער פאַרצווייפלונגס־קאַמף מיט די דייטשע רוצחים. און ווער האָט דאָס די רעכט, — און צו וואָס זוכט מען זיך אַזעלכע רעכט, — אָוועקצונעמען די גבורה און קדושה פון אַזעלכע חללי־חרב, אין וועלכע עס האָט געזידט דאָס אומשולדיג פאַרגאָסען בלוט פון זייערע נאָענסטע, און זיי האָבען זייער באַרעכטיגטען צאָרן אויסגעלאָדען אין זייער לעצטען גראַנגעל מיט דעם דייטשען אשמ־דאי, ימח שמו וזכרו. קען דען איינעם איינפאַלען צו וועלען צווייפלען, אַז אַזעלכע אידען זיינען ניט אין כלל פון אונזערע תפלות: „קהלות הקודש שמסרו נפשם על קדושת השם״, און „יזכרם אלקינו לטובה עם שאר צדיקי עולם וינקום נקמת דם עבדיו השפוך״.

* * *

מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסען וואָס דאָרט, אין דעם שרעקלעכען עמק־הבכא איז פאַרגעקומען. אין וועלכען מצב דאָס לעצט ביסעל אידען האָבען זיך געפונען. יעדער פון זיי איז געווען אַ שריד פון אחד בעיר ושנים במשפחה; יעדער פון זיי איז במשך יאָרען געשטאַנען פאַר טויזענטער טויטען יעדע שעה און יעדע רגע; פיזיש און גייסטיג אויס־געשעפּט עד כלות־הנפש; זייער גאַנצער אָנגעזאַמעלטער יאוש, צער און צאָרן האָט אין זיי געברענט מיט טויזענטער פייערען; און אין די לעצטע שעה׳ן פון זייער גוסס׳דיג לעבען האָבען זיי געפונען דאָס שטיקעל טרייסט און נייחא, אין אויסהאַרגענען יעדען דייטשען רוצח וואו און וואָס נאָר מעגליך. טאָ וואָס וויל מען פון זיי? וואָס גייט מען

איצט, נאָך קרוב צוויי צענדליג יאָרען לאחר המעשה, לערנען מיט זיי שיעורים אין הלכות? און וואָס האָט דאָ בכלל אַ שייכות דער „אל תמרודו באומות״... זיינען זיי, די אומגליקלעכע קרבנות, דען אויפגעשטאַנען אין אַ מרידה געגען אומות? זיי זיינען דאָך נאָר אויסגען געוועזען זיך צו ראַטעווען פון די רוצח׳ישע אומות און אויפן ערגסטען פאַל, מקיים זיין דעם „הבא להרגך השכם והרגו״. און, ניט האָבענדיג שוין קיין אַנדערע ברירה, אויספירען, ווי שמשון הגבור בשעתו: „תמות נפשי עם פלשתים״...

ביי זיי, די הרוגי ישראל הקדושים, איז עס דאָך נישט געווען קיין ווערטער־שפיל, נאָר אַ בלוט־און טויט־טראַגעדיע. טאָ צו וואָס זאָלען מענשען, וועלכע האָבען ניט געפילט, און קאָנען אויך היינט ניט מיטפילען, דעם טעם פון מר ממות, לעבענדיג אליין ב״ה אין מנוחה והרחבה, זיך אַרומשפּילען מיט מברר זיין הלכות, וועלכע עס איז בכלל אונמעגליך זיי מברר זיין.

און אפילו דער ענין אַרום דעם גאון וקדוש ר׳ מנחם זעמבא זצ״ל והי״ד, דער גאַנצער פלפול צי ער האָט יאָ אָדער ניט באַרעכטיגט דעם געטאָ־קאַמף, האַלטען מיר פאַר אַ פּשוט׳ער זינלאָזיגקייט. מיר זיינען אויך געווען יאָרען־לאַנג אין דער אינטימער חברותא פון ר׳ מנחם זעמבא ז״ל, און אין נאָענט־פּערזענלעכער ידידות, און מיר האָבען אים און זיין געדאַנקען־גאַנג גוט געקאַנט. און קיינער קאָן ניט האָבען די געוואַגטקייט, פעסט־צושטעלען אויף זיכער, ווי אַזוי דער גאון בישראל און פייערדיגער איד, האָט געקאָנט טראַכטען און זיך אַרויסזאָגען אין אַזאַ שרעקליך־פאַרצווייפעלטער לאַגע. און עס איז דאָך געווען, סוף־כל־סוף, אַ פּסק פון הוראת שעה, אין דער אַזוי־שוידערלעכער און אַזוי־בלוטיגער שעה פון „נקום נקמת בני ישראל״...

טאָ צו וואָס דער גאַנצער פלפול של הבל?

*　*　*

דער חורבן בית ישראל, וואָס אונזער דור האָט איבערגעלעבט, איז בכלל ניט קיין ענין פון דורכשמועסען און מברר זיין. ניטאָ ווער פון אונז, אפילו די בעסטע און די גרעסטע, וואָס זיינען בכוח משיג צו זיין וואָס איז געשען. די טראַגעדיע איז פיל גרעסער ווי די מענשלעכע השגה קען באַגרייפען, און דער חורבן איז טיפער, אַז דער מוח פון אַ בשר ודם זאָל זיך דערצו קאָנען דערגרונטעווען. עס איז אַ זמן פון שווערען נסיון און גרעסטען הסתרת־פּנים. ניט מיר קענען עס פאַרשטיין, און ניט מיר מעגען זיך גריבלען אין דעם. אויף אַזאַ זמן און אויף אַזעלכע איבערלעבונגען, איז געמיינט דער זאָג פון די חכמינו ז״ל: בהדי כבשי דרחמנא למה לך.

אנו אין לנו אלא מה שעינינו רואות. פאַר אונזערע אויגען און זכרון דאַרפען מיר שטענדיג האָבען אונזערע אויסראָטער, דאָס דייטשע עמלק־פאָלק, וואָס זאָל זיין פאַר־שאָלטען אויף דור־דורות. און אונזערע מיליאָנען אידישע מאַרטירער־קדושים, וועלכע האָבען מקדש השם געווען אין זייער לעבען און אין זייער אומקום, וועמענס זכרון זאָלען זיין געבענשט און געהייליגט אויף אַלע אייביגקייטען. און פּונקט ווי יעדער דייטש איז ביי אונז אַ רוצח אַזוי איז יעדער אומגעקומענער איד אַ קדוש, וועלכער איז אומגעקומען פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין אמונה. און אַזוי איז אויך די הלכה, אַז יעדער איד, וועלכער ווערט אומגעבראַכט דורך אַ ניט־איד, איז פאַררעכענט צווישען נהרגים על קדושת השם. און בפרט נאָך אין אַ זמן פון אַזאַ אָפענע גזירת־כליון, ר״ל, אויף יעדען אידישען נפש. און דאַריבער זיינען רייד, וועלכע קענען וואַרפען דעם מינדעסטען שאָטען אויף וועלכע־עס־

איז אידען, געפאַלענע דורך דייטשע מערדער־הענט, אַבסאָלוט ניט באַרעכטיגט און ניט אין פּלאַץ, און אויך ניט לויט הלכה און דיני־תורה.

* * *

וואָס אונז טוט יאָ וויי, איז נישט דאָס יאָ געדענקען, נאָר דווקא דאָס נישט געדענקען. נישט דאָס יאָ געדענקען אין די צענדליגער טויזענטער געטאָ־קעמפּער, נאָר דאָס נישט געדענקען די מיליאָנען אידישע קרבנות און דעם גאַנצען חורבן בית ישראל. און נאָך וויטאָגלעכער איז, דאָס פאַרגעסען די דייטשע אומברענגער אונזערע. שאַ־שטיל אין דער אידישער וועלט. וועגען די מיליאָנען אידישע קרבנות הערט מען נאָך אַמאָל דאָ און דאָרט אַ שטילען קרעכץ. אָבער די אומברענגער אונזערע, וועגען זיי אַ וואָרט נישט מער. שטיל געוואָרען אין דער וועלט און שטיל געוואָרען אויך אין אונזער אידישער וועלט וועגען דעם טמא׳דיגען עמלק־דייטשלאַנד, וועגען זייערע מערדער און וועגען זייערע אומפאַרגלייכלעכע אכזריות׳ן. אויס פּראָבלעם. ניטאָ אַזאַ מער אויפן סדר־היום פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

פינף הונדערט יאָר זינט דעם גירוש שפּאַניע, און נישט אויסגעמעקט איז עס געוואָרען פונם אידישען זכרון, יעדעס אידיש האַרץ גיט נאָך אַ צאַפּעל ביים דערמאָנען דעם נאָמען שפּאַניע. און דאָ ערשט בסך־הכל 15 יאָר פאַרביי, און כמעט שוין אַרויס פונם אידישען זכרון. מיר אַליין האָבען דעם חורבן איבערגעלעבט און עס מיט די אייגענע אויגען געזען; אונזערע נאָנטסטע און טייערסטע צווישען די נהרגים, נחנקים, נשחטים ונשרפים; די וואונד איז נאָך אָפען, דאָס בלוט ניט פאַרטרוקענט. און שוין ווי פאַרגעסען אין די גרעסטע רוצחים פון אַלע דורות, די שוידערלעכסטע המנ׳ס פון אַלע תקופות, די דייטשע קאַניבאַלען.

די גרויסע ניט־אידישע וועלט פאַרגעסט אין די מערדער איבער דער פאַרוויקעלטער פּאָליטישער וועלט־סיטואַציע, און מיר אידען מאַכען זיך פאַרגעסען אין די תלינים, איבער דער קריטישער פינאַנסיעלער מדינת־ישראל סיטואַציע... מען דאַרף האָבען די דייטשע הענקער, אַז זיי זאָלען העלפען דעם אויסבוי פון ארץ ישראל. די נעכטיגע אויסראָטער פונם אידישען פאָלק, דאַרפען דאָס זיין אונזערע היינטיגע אויסבויער... און אַז מען האָט די געלט־נגיעה, ווערט שוין די גאַנצע אידישע עפענטלעכע מיינונג אַזוי דיריגירט און דיקטירט, אַז וואָס וויניגער זאָל דערמאָנט ווערען די דייטשע רציחות, און וואָס שטילער זאָל ווערען דער אידישער קרעכץ און די אידישע קללה אויף די קעפּ פון די דייטשע הענקער...

* * *

נאָך מיט יאָרען צוריק האָבען מיר, און פיל אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוער, אָנגעוויזען אויף דער סכנה פון חבר׳שאַפט פון מדינת ישראל מיט דער פאַרשאָלטענער דייטשלאַנד. מיר האָבען פאַרשטאַנען און פאָראויסגעזען, אַז דער ענין וועט זיך ניט באַגנוגנען אויף בלויז נעמען די פאַרגיטיגונגס־געלטער, נאָר עבירה גוררת עבירה, און פון די תשלומים־געלטער וועט מוזען קומען צו ווייטערע און טיפערע דערנענטערונג צווישען דיביידע מדינות, און ממילא צווישען דעם אויסגעמאָרדעוועטען אידיש פאָלק און זיינע אויסמאָרדער דאָס דייטשע פאָלק.

די וועלכע זיינען געוועזן פאַר נעמען געלטער, האָבען פאַרזיכערט מיט כלערליי שבועות וחרמות, אַז, חס ושלום, צו מער התקרבות וועט מיט די דייטשען ניט קומען. ליידער, לחרפתינו ובושתינו, זיינען אונזערע פאָראויסזעאונגען געוועזן ריכטיגע. און נאָך

מער, דווקא מצד דער אידישער מדינה איז געזוכט געוואָרען נענטערע פאַרבינדונגען מיטן היטלער־פאָלק. און ווען נישט דייטשלאַנד׳ס צוריקגעהאַלטענקייט וואָלט שוין היינט געהאָנגען דער דגל ישראל אויף דער דייטשער ערד, וועלכע טונקט זיך אין אידיש בלוט, און די היטלער־פאָן וואָלט געפלאַטערט אויף אונזער אדמת קודש פון ארץ ישראל. אַ נס איז געשען וואָס גראַד דייטשלאַנד האָט ניט געוואָלט. אין ארור מדבק בברוך... דער ארור וויל גאָרנישט.

אָבער די וועלכע האָבען זיך פאַרלייגט צו ברענגען אַן התקרבות פון דייטשען מיט אידען, און גראַד איז עס מענשען וועלכע שטייען בראש פון דער מדינה און דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, שטייען ניט אָפּ און טוען אַלעס פאַר דער דערנענטערונג. מען פאַרפולט די אידישע מדינה מיט דייטשע מוּאוויס; מען נעמט אויף בכבוד גדול געהוי־בענע דייטשע געסט (געכטיגע מערדער); מען פלאַנצט אַ וואַלד אויפן נאָמען פונם דייטשען קאַנצלער, קאָנראַד אַדענאַוער; אָט פאָרט אַ דעלעגאַציע פון ישראל זיך באַטייליגען אין אַ קאָנגרעס פון שטאָט־באַאַמטע אין בערלין; און אָט זיינען מיר עדות פון אַ פּאָליטישען שטורעם, וואָס איז לעצטענס אויסגעבראָכען אין ארץ ישראל, ווען מען האָט אַנטדעקט, אַז ישראל ליפערט געווער צו דייטשלאַנד...

ווי ווייט עס דערגרייכט דאָס וועלען פאַרגעסען אין די דייטשע רציחות און רוצחים, באַווייזט דער נוסח פון דעם לעצטען באַשלוס אין דער כנסת, וועגען פּראָקלאַמירען אַ נאַציאָנאַלען טרויער־טאָג און יום־הזכרון פאַר די מיליאָנען קדושים אויף כ״ז ניסן. אין דער אָפיציעלער פּראָקלאַמאַציע רעדט זיך וועגען אומגעקומענע דורך נאַציס, און ניט קיין איין וואָרט איז דאָרט דערמאָנט דייטשלאַנד און דייטשען. ווער עס וועט אַמאָל בלעטערען די געשיכטע פון היינטיגער צייט, וועט וויסען עפּעס וועגען נאַציס, אָבער אויב די מיאוסע נפשות האָבען וועלכע־עס־איז שייכות מיט דייטשלאַנד, פון דעם וועט ער ניט האָבען די מינדעסטע אַנונג. דערמאָנען מעג מען „נאַציס״ אָבער ניט דייטשען... דייט־שען טאָר מען ניט דערצערנען. מיט זיי מוז מען גוט לעבען און אָנהאַלטען גוטע באַצי־אונגען. זיי זיינען געוואָרען אונזערע שפּייזער, אויסבויער און דערהאַלטער. אַך און ווי!

* * *

מיר לעבען היינט אין אַ וועלט פון אַזוי־גערופענער רעאַל־פּאָליטיק, פּראַקטישקייט און אינטערעסען. אַלעס ווערט געהאַנדעלט לויטן לוינען זיך צום מאָמענט. און אַזוי ווי עס וועלטעלט זיך אַזוי אידעלט זיך. אויך ביי אונז אידען האָבען אָנגעהויבען צו דעצי־דירען מאָמענטאַלע אינטערעסען און פּראַקטישע הצטרכות׳ן.

ביי אידען איז אַמאָל געווען גאָר אַנדערש. ביים אידישען פאָלק האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע מאָראַלע און עטישע באַגריפען; ביי אונזער פאָלק האָט אַמוייניגסטען דעצידירט דער הוה, דער איצט, נאָר אין אַלע אונזערע האַנדלונגען איז געשטאַנען פאַר אונזערע אויגען דער גלאָררייכער עבר און דער האָפענדער עתיד. און אין דעם איז אפשר באַשטאַנען דער הויפּט־חילוק בין ישראל לעמים. אַלע אומות ולשונות האָבען וויניג אַכט געלייגט אויף זייער פאַרגאַנגענהייט און ניט צופיל אינטערעסירט די צוקונפט. מיט זייער גלאָררייכער געגענוואַרט האָבען זיי געלעבט, געוואַקסען און אויפגעבליט און מיט אַ נידערלאַגע זיינען זיי געפאַלען און אונטערגעגאַנגען. פאַר זיי האָט געגילט דער כלל פון: חטוף ואכול כי מחר נמות... גאָר אַנדערש איז געווען מיט אידען. אידען זיינען ניט צופיל נתפעל געוואָרען פון אַ גוטען מאָמענט, און ניט צופיל געפאַלען פון אַ שלעכטער תקופה. חבי כמעט רגע עד יעבור זעם, איז געווען דער אידישער כלל. אידען

האָבען געגלויבט אין זייער נצחיות, דעם נצח ישראל. און דערביי שפּילט גאָר אַ קנאַפּע ראָלע און באַדייטונג די מאָמענטאַלע געשעעניש, אַ גוטע צי, חלילה, אַ שלעכטע. מען האָט געלעבט מיטן עבר און פאַרן עתיד. און דאַריבער איז קיינמאָל ביי אידען ניט געווען דעציזידירענד דער ריין־פּראַקטישער חשבון. מען האָט שטענדיג מער באַפאַרצוגט דעם מאָראַלען באַגריף און די עטישע חשבונות ווי די פּראַקטיש־מאָמענטאַלע אויסרעכענונגען און פאַרדינסטען. די יעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט אָנהענגען אויף אידען „שיילאָק״־באַגריפען, איז עס געווען אַ פּועל־יוצא פון זייער ניט קענען דעם העכערען מהות פון אידען, אָדער דיקטירט פון זייער אַנטיסעמיטיזם.

קומען היינט „פּראַקטישע״ פירער ביי אידען, און ווילען אונז מאַכען פאַרגעסען אין די אַלע העכערע גייסטיגע יסודות אויף וועלכע מיר האָבען זיך געבויט און דערהאַלטען. מען שליסט מיט די מערדער אָפּמאַכען, וועלכע באַליידיגען דאָס געוויסען פון אידישען פאָלק; מען פאַרקויפט פאַר עטליכע מיליאָן פונט די מאָראַלישע ווערטען פונם היסטאָרישען עם ישראל; בן גוריון פּסק'ענט אָפּ אין דער כנסת: „אויב איך זאָל האַלטען אויף איין וואָגשאָל די געפילען פון אידישען פאָלק, און אויף דער אַנדערער וואָגשאָל דעם כוח פון דער ישראל אַרמיי — דאַן וועט ביי מיר אַריבערוועגען די צווייטע וואָגשאָל״; מען גייט אונז פאַרוואַנדלען אין אויסגערעכענטע מענשען און פּראַקטישע סוחרים, וואו דייטשע מאַרקען דיקטירען צו פאַרגעסען און פאַרגעבען אונזערע בלוטיגע דייטשע הענקער, און שליסען נאָענטע חבר'שאַפט מיטן דייטשען עמלק־פאָלק, ימ״ש וזכרו.

* * *

מיר שרעקען זיך לגמרי נישט פאַר דערמאָנען די לוחמי־געטאָס, און אפילו ניט דאָס פייערען זיי מצד געוויסע קרייזען.

עס איז אונז, און קיינעם ניט, עולה על הדעת, אַז מיט דעם דערמאָנען און אפילו פאַרהערלעכען די וואָס האָבען געגעבען זייער לעבען אין די געטאָ־קאַמפען, זאָל דאָס מינימיזירען אפילו אויף אַ חוט־השערה די קדושה און גבורה פון די מיליאָנען הייליגע אידען, אנשים נשים וטף, וועלכע זיינען אומגעקומען אָן קאַמפען פאַר קדושת שמו יתברך. און אויב די כוונה פון וועמען־עס־איז פון די פייערער זאָל יאָ אַזעלכעס מיינען, אַז אידישע גבורה דריקט זיך אויס נאָר אין פיזישען קאַמף, קענען מיר נאַטירלעך דערין ניט האָבען קיין חלק. ווייל דאָס איז פרעמד אונזער אידישער לעבענס־השקפה, און איז אין פולער סתירה צו אונזער טויזענט־יאָריגען קיום העם.

אָבער ניט דאָס איז דאָס פּראָבלעם וואָס דאַרף אונז שרעקען.

וואָס עס שרעקט אונז יאָ, און גאָר שטאַרק, איז די באַמיאונגען צו מאַכען פאַרגעסען די גרויסע אידישע טראַגעדיע. און דאָס ערשט קרוב צוויי־צענדליג יאָר נאָך אונזער שוידערלעכען חורבן האומה. און נאָך מער שרעקען מיר זיך, און מיר שוידערען אזש אויף, פאַר דעם ווילען פון אונזערע וועלטלעכע פּאָליטישע פירער צו מאַכען פאַרגעסען ווער עס זיינען געווען אונזערע אומברענגער. פאַר דעם וואָס מען באַמיט זיך צו מאַכען פאַרגעסען דעם: לא תשכח... און דעם: זכור את אשר עשה לך עמלק...

(ד. א. וו. תמוז, תשי״ט)

צוואַנציק יאָהר און שוין פאַרגעסען

ערשט געשריבען און עס שרייבט זיך ווידער. עס איז אַ טעמע, וואָס וויל זיך ניט אויסשעפּען, אַ פּראָבלעם, וואָס לאָזט נישט רוהען. דאָס אידישע געוויסען לאָזט נישט איינרוען און דערלאָזט נישט פאַרשווייגען.

אידען אינם אידישען לאַנד באַזאָרגען מיט געווער דייטשלאַנד. אידישע קינדער אַרבעטען אויס כלי־משחיתים פאַר די גרעסטע און אכזריות׳דיגסטע וועלט־משחיתים.

אַזוי האָט באַפוילען בן־גוריונ׳ס ממשלה. און אידען אין ארץ ישראל פירען אויס זיין באַפעל, און אידען אין דער וועלט זיינען מצדיק הדין און פאַרגלעטען דעם דאָזיגען שאַנד־פלעק אויפן אידישען פאָלק.

* * *

נישט דאָס ערשטע מאָל ווען אידען אַרבייטען אויס מאָרד־מאַטעריאַלען פאַר די פאַרפלוכטע דייטשען. זיי האָבען עס שוין אַמאָל געטאָן. דאָס איז געווען אין יענע פינס־טערע טעג פונם אידישען חורבן. אין יענע טעג פון בלוט און פייניגונג, זיינען די „גליק־ליכע" אידען אין די געטאָס, איידער מען האָט זיי געשיקט אין די טויט־לאַגערען און גאַז־קאַמערען, האָט מען די געזינטערע צווישען זיי דערוויל אויסגענוצט אין די דייטשע אַמוניציע פאַבריקען. איידער זיי ווערען געשיקט צו פייניגונג און טויט, זאָלען זיי דערוויל העלפען באַזאָרגען די דייטשע קאַניבאַלען מיט שיס־מאַטעריאַלען בכדי אויסצומאָרדען די וועלט בכלל, און דאָס אידישע פאָלק בפרט. צענער־טויזענטער אידישע קינדער זיינען געצוואונגען געוואָרען אין שרעק און טויט־אַנגסטען, אונטער בייטשען און קנוטען, צו באַזאָרגען זייערע אייגענע רוצחים מיט מאָרד־כלים.

היינט טוט מען דאָס צום צווייטען מאָל. אָבער היינט ווערט עס געטאָן פרייוויליג און מיט גוטען ווילען... די פירער פון דער מדינה האָבען געשלאָסען אַן אָפּמאַך, אַז אידען זאָלען ווידער ווערען די באַזאָרגער פאַרן פינסטערען דייטשטום מיט כלי־משחית.

היינט, לויט בן־גוריונ׳ס פּאָליטיק, שטייען אין ארץ ישראל קינדער פון די גע־שאָכטענע און פאַרברענטע, און אַרבעטען אויס נייע מאָרד־מאַטעריאַלען פאַר זייערע אויסמאָרדער. און לויט ידיעות, האָט בן־גוריון, דער שר הבטחון, גע׳פסק׳נט אַז אויך שבת זאָל אָנגיין די אַרבעט. לויט זייער מיינונג איז דאָס אַזאַ „עבודת הקודש", וואָס איז אפילו דוחה שבת...

איז דאָס נישט אַן איראָניע פון אונזער ביטערען אידישען גורל? איז דאָס נישט אַ זאַך, וואָס אפילו די ווילדסטע און קראַנקהאַפטסטע פאַנטאַזיע וואָלט נישט געקאָנט צוקלערען? די אודים מוצלים מאש אַרבעטען אויס מאָרד־מאַטעריאַלען פאַר זייערע בעסטיאַלע פייניגער, פאַר די אויסמאָרדער פון זייערע עלטערען, געשוויסטער און קינדער.

* * *

מען הייסט אונז פאַרגעסען. פאַרגעסען די פינצטערע נאַצי־עפּאָכע.

די ממשלה אין דער אידישער מדינה האָט געשטעלט דעם טאָן, און פון אַלע זייטען באַמיט מען זיך צו געפינען הסברים דערויף, אַז מען דאַרף טאַקע פאַרגעסען. ערשט

פערצען יאָר נאָך מיידאַנעק און אוישוויץ; ווען קול דמי אחינו צועקים אלינו מן האדמה הארורה, וועלכע איז נאָך ניט פאַרטרוקענט פונם בלוט פון די מיליאָנען קרבנות, און שוין לערנט מען אונז צו פאַרגעסן סיי די רציחות און סיי די רוצחים, ימח שמם וזכרם.

מיר אידען קוקען מיט ווייטאָג און צער, אויף דעם וואָס די וועלט שטעלט זיך ווידער איין לטובת דייטשלאַנד. דאָס געשעהט, ליידער, צוליב דער צעשפּאָלטענקייט פון דער וועלט אויף צוויי מעכטיגע צדדים, און יעדער צד וויל אויסשפּילען דעם צווייטען, און דאָס איז גורם אַז די וועלט העלפט איר ווידער ווערען גרויס, רייך און מעכטיג.

זיכער אַז מיר אידען אַליין זיינען ניט בכוח עפּעס צו טאָן צו די רשעות'דיגע דייטשען. מיר קאָנען זיי ניט אָפּצאָלען, אפילו אַ מיליאָנסט־חלק, פאַר זייער רשעות און אכזריות. אָבער פאַרגעסען דעם פייניגער און זיינע שווידערליכע מעשים? על כל פנים זאָל דאָס דייטשע מערדער־פאָלק טראָגען זיין קין־צייכען היינט און אויף דורות אייביג.

מיר קאָנען ניט, און טאָרען ניט, זיך שטעלען אין קריגערייען מיט אַנדערע פעל־קער. אונז אידען האָט מען אָנגעזאָגט „אל תתחרו באומות", און דאָס איז חל אויך אויף אומות הרשעות, און אפילו הרשעות ביותר. אָבער ליב האָבען אונזערע שונאים, און גראָד די בלוטיגסטע, אָנקניפּען מיט זיי פריינדליכע באַציאונגען, און נאָך אויסאַרבעטען פאַר זיי כלי־משחיתים, דאָס דאַרפען מיר זיכער ניט טאָן. קיינער האָט אונז צו אַזעלכעס ניט מחייב געווען.

לאָמיר, אדרבה, פרעגען ביי זיי, די אודים מוצלים מאש, וועלכע טראָגען אויף זייערע לייבער אויסגעברענטע נומערען, און אין זייערע הערצער און נשמות די אויף אייביג איינגעברענטע שנאה, צאָרן און קללה אויף די אויסברענער . . .

לאָמיר הערען וואָס זיי האָבען צו זאָגען, וועגען פאַרגעסען און פאַרגעבען די אומפאַרגלייכליכע מערדערייען פון דעם אומפאַרגלייכליכען דייטשען מערדער־פאָלק.

* * *

„רעאַל פּאָליטיק" רופט מען דאָס. דעם אַזוי־שענדליכען פאַרגעבונגס־אַקט האָט מען באַצירט מיט אַ שיינעם נאָמען. אידען איבער דער וועלט כאַפּט אַ גרויל; אידישע הערצער ווערען דערציטערט; אָבער די מאַכער פון די אָפּמאַכען גרויסען זיך מיט זייער „פּראַקטישקייט", „חכמה" און „רעאַליזם"... זיי דערהויבען דערמיט די אידישע מדינה ככל מדינות הגוים, און גלייכען אויס דעם עם ישראל ככל אומות העולם ...

אָבער ליידער לא כמתוקנים שבהם אלא כמקולקלים שבהם... פאַראַן נאָך היינט פעלקער און לענדער וואו מען גיט ניט קיין האַנט אַ פאַרשאָלטענעם דייטש (אפילו אַ גוטען...), און וואו מען רעדט ניט אַרויס קיין איין דייטש וואָרט. ווי למשל אין האָלאַנד. און דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסען, אַז האָלענדער האָבען נישט געליטען אַפילו קיין מיליאָנסט־חלק לגבי אונז אידען. ניט אין דער צאָל און ניט אין דעם אופן פיינונגען, אכזריות און מאָרד. קיין איין האָלענדער האָט מען ניט פאַרברענט, און קיין איין־איינציג האָלענדיש קינד האָט מען ניט געשאָכטען אין געגענוואַרט פון דער מוטער... ר"ל.

און אונז אידען הייסט מען פאַרגעסען אונזער פאַרגאָסען בלוט; מצד אונזערע מנהיגים אין דער מדינת ישראל קומט דער נייער געבאָט: לא תזכור את אשר עשה לך עמלק... מען הייסט אונז אויפהערען זאָגען דעם „שפוך חמתך" פאַר די וועלכע האָבען געבראַכט אויף אונזער פאָלק דעם גרעסטען, בלוטיגסטען און שווידערליכסטען חורבן. און ניט בלויז פאַרגעסען, נאָר אויך ווערען „פריינד" מיט אונזערע אויסמאָרדער; מען דאַרף

אַנבינדען דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט אונזערע הענקער; און טאָמער פעלט אויס די רוצחים נייע מאָרד־מכשירים, זאָלען אידישע קינדער אַזעלכעס פאַר זיי באַזאָרגען...

רעאַליזם רופט מען דאָס. רעאַליזם אַנשטאָט אידעאַליזם. מאָמענטאַלע רעאַל־אינטערעסען אַנשטאָט דורות'דיגע אידישע מאָראַלע באַגריפען און פּרינציפּען.

* * *

אַדענאַוער איז נישט היטלער, און דאָס היינטיגע דייטשלאַנד איז נישט נאַצי־דייטשלאַנד, הערט מען אַלס תירוץ פאַר דעם ווילדען געוועוער־באַשלוס. אַזוי זאָגט בן־גוריון אַליין עדות. זיכער איז דאָס היינטיגע אַדענאַוער־דייטשלאַנד ניט קיין נאַצישע. אָבער זיינען די דייטשען ניט די זעלבע ווי געוועזן? זענען די מיליאָנען דייטשען וועלכע האָבען געמאָרדעט, געשענדעט און געברענט אידישע נפשות, נישט די זעלבע דייטשען אינם היינטיגען דייטשלאַנד? וואו דען זיינען אַהינגעקומען די אַלע דייטשע טייוואָלים, וועלכע האָבען זיך איזדעקעוועט מיט אַזויפיל פלייס און אכזריות'ן, איבער די אידישע גופים און נשמות? לעבען זיי אַלע דען נישט היינט־צו־טאָג אַלס „גוטע" און „דעמאָק־ראַטישע" דייטשען? וואו דען זיינען אַהינגעקומען די אַלע דייטשע חיות־רעות און מחב־לים, וועלכע האָבען זיך געפרעגעלט פאַר נחת, צוקוקענדיג ווי די אידישע קדושים־קרבנות זיינען אויסגעגאַנגען אין זייערע בלוט־יסורים און טויט־אַנגסטען?

זיינען ניט די היינטיגע „גוטע" דייטשען, וועלכע פּוצען זיך אין מערב־דייטשלאַנד מיט „דעמאָקראַטיע" און אין מזרח־דייטשלאַנד מיט „סאָוועטיזם", געבליבען די זעלבע הערען־פאָלק מערדער, וואָס שטרעבען ווייטער צו „דייטשלאַנד איבער אַלעם", צו נייע וועלט־מאַכט, צו נייע וועלט־חורבנות און מסתמא אויך, חלילה, צו נייע אידען־שחיטות?

זיינען דאָס ניט די זעלבע ווילדע האָרדען, וועלכע האָבען זיך מיטן „הייל־היטלער" אַרויסגעלאָזט אויף דער פאַרניכטונג פון דער וועלט בכלל, און אונזער פאָלק ישראל בפרט?

* * *

מען פּרובירט מטהר צו זיין את השרץ מיט ק"ן טעמים. בן גוריון אַפּעלירט אַפילו צום אידישען „געוויסען"... מיר הערען אין דער כנסת זיין אַפּיל:

„איידער איך טרעט צו צום עצם פּראָבלעם, פאָדער איך פון די אַלע וואָס האָבען ג־ט אין האַרץ: פאַרשוועכט נישט דעם זכר פון מיליאָנען דערמאָרדעטע. פּונקט ווי מען טאָר נישט דערמאָנען ג־ט'ס נאָמען אויף פאַלש, אַזוי טאָר מען נישט דערמאָנען אויף פאַלש דעם נאָמען פון די זעקס מיליאָן... מען קאָן באַרעכטיגען אָדער אָפּפרעגען דאָס פאַרקויפען געוועהר צו דייטשלאַנד — אָבער זאָל דאָ קיינער ניט ריידען אין נאָמען פון די זעקס מיליאָן קדושים..."

לויט בן גוריון איז עס אַ טרוקענע געשעפטס־טראַנזאַקציע מיט אַ נאָרמאַל לאַנד... ניטאָ מער קיין דייטשע מערדער און ניטאָ קיין אידישע קרבנות; ניטאָ מער קיין דאַכוי, אוישוויץ און טרעבלינקע; ניטאָ קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַז־אויוועגס; געווען טאַקע אַמאָל... אָבער מער ניטאָ. די „אינטערעסען" פון דער מדינה פאָדערען אַלעס צו פאַרגעסען און פאַרגעבען... „דאָס אידישע פאָלק טאָר נישט לעבען מיט דער פאַרגאַנ־גענהייט נאָר מיט דער געגענוואַרט", „ניט מיט קיין סענטימענטען נאָר מיט פּראַקטישער ווירקלעכקייט"... אַזוי פּאַלט בן־גוריונ'ס פּסק.

און דאָ שטעלט זיך אַ האַרבע שאלה. ווען שוין אַפילו עס זאָל זיין אמת (וואָס איז נאָך גאָר אַ גרויסער ספק), אַז פּראַקטישע מדינה אינטערעסען פאַרלאַנגען טאַקע אַזעלכע מיאוסע עסקים, וואָס וויל מען אָבער פונם גאַנצען כלל ישראל? איז עס דאָך אַן אומ־

באַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז דער איבערוויגענדער רוב פון אידען איבער דער וועלט איז דערצאָרענט פון אַזאַ עסק־ביש. אויב צווייפעלהאַפטער נוצען קאָן איבערוועגען אַלע מאָ־ראַלישע באַגריפען מיט וועלכע אידען האָבען דורות־לאַנג געלעבט; אויב מאָמענטאַלע פּראַקטישע חשבונות קאָנען מאַכען אַ שטריך איבער אַלע גייסטיגע פּרינציפּען אויף וועלכע אידען און אידישקייט האָבען זיך געבויט און דערהאַלטען, ווי קאָן מען זיי אָנפּאַרטרויען צו זיין די וואָרט־זאָגער פאַרן כלל ישראל?

ווער האָט דאָס רעכט צו ריידען אין נאָמען פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע קדושים, די עטלעכע שרים אין דער מדינה, אָדער דער גאַנצער כלל ישראל? האָבען טאַקע דעם מאַנאָפּאָל אויף האָבען „ג־ט אין האַרצען" די עטלעכע „פּראַקטישע סוחרים" פונם ישראל קאַבינעט, וועלכע פאַרשאַכערען די העכסטע אידישע באַגריפען און הייליג־קייטען פאַר אַ צווייפעלהאַפטען „נזיד עדשים"? אויב די מדינה איז געצוואונגען צו שריט און עסקים, וועלכע זיינען געגען יעדער מאָראַל און זעלבסטווירדע, און וועלכע זיינען עלול צו וואַרפען אַן אייביגען שאַנד־פלעק אויפן אידישען פאָלק, ווי אַזוי קאָן דערלאָזט ווערען אַז די מדינה־פירערשאַפט זאָל רעפּרעזענטירען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק? מוזען דאָך אַזעלכע אַקטען צווינגען צו שאַפען אַ מחיצה צווישען מדינת ישראל און עם ישראל.

* * *

און לאָמיר זיין אָפענהאַרציג און ערליך אויך מיט זיך אַליין.

אויך דאָס וואָס די פראַקציע פון דער אגודת ישראל אין דער כנסת, האָט זיך אָפּגעהאַלטען פון שטימען ביי דער שענדליכער געווער־אָפּשטימונג, מוז אַרויסרופען פאַרוואונדערונג, און אַפילו שטוינונג.

לאָמיר זאָגען אָפען. גאָר גרויסע טיילען אין אונזער באַוועגונג איבער דער וועלט, און זיכער אויך אין ארץ ישראל, זיינען ווייט ניט מסכים מיט אַזאַ אָפּהאַלט־ליניע אין אַזאַ קאַרדינאַלער כלל־פראַגע. נאָר האָבען געהאָפט צו געפינען מער מוט און דרייסטקייט ביי די שליחים פון אגודת ישראל צו שטימען געגען. סוף־כל־סוף באַגרייפען אונזערע פאַרשטייער אין דער כנסת, גלייך ווי מיר אַלע, דעם גרויס און טיף פון דעם חורבן וואָס די בלוטדורשטיגע דייטשען האָבען געבראַכט אויף אונזער פאָלק. תורה־אידען פילען דאָס אַמווייטאָגליכסטען. ווייל דער טייוולאָנישער שונא האָט גראָד פאַרניכטעט דעם לעבעדיגסטען און אידישסטען טייל אינם אידענטום. גראָד האָט דער גרויזאַמער מחבל אומגעבראַכט דווקא די ישובים, וועלכע זיינען געווען אַמערסטען דורכגעדרונגען מיט אידיש לעבען און וויסען, מיט תורה ויהדות און מיט אמונה און יראת שמים. און עס קאָן נישט זיין, אַז אַ פרומער איד זאָל נישט הייבען זיין האַנט געגען אַזאַ עסק־ביש ווי באַזאָרגען כלי־זיין צום מערדער און אויסראָטער.

עס איז דאַריבער פאַר אונז גאַנץ קלאָר, אַז אויב אגודיסטישע חברי־הכנסת האָבען זיך באַנוגענט מיט אָפּהאַלטען, איז עס געשען דורך דרוק פון זייטיגע אויסרעכענונגען. ענינים וועלכע האָבען ניט קיין שום שייכות צום גוף־הענין, נאָר צו די דאָרטיגע ארץ־ישראל׳דיגע פאַרטייאישע באַציאונגען און צוקונפטיגע פּאָליטישע חשבונות... פאַר וועלכע די אַלוועלטליכע באַוועגונג אונזערע קאָן ניט, און טאָר ניט, מיטטראָגען קיין אחריות.

דאָס מוז אונז, דער הנהגה פון אגודת ישראל העולמית, פירען צו ערנסטע פאַר־טראַכטונג, אויב פירענדע מענשען פון דער וועלט־לייטונג אין אונזער באַוועגונג, דאַרפען זיין אַנגאַזשירט אין דער לאָקאַלער ארץ ישראל פּאָליטיק. אויב אין ארץ ישראל שאַפען זיך באַדינגונגען, וואו מען מוז אָפטמאָל האַנדלען לויט זייערע ספּעציעלע תנאים, און זיי

זיינען אַזעלכע וועלכע קאָנען ניט אינדאָרסירט ווערען פון אַלוועלטליכען תורה־אידענטום, זאָל עס אַמווייניגסטען איבערגעלאָזט ווערען צו לאָקאַלע ארץ ישראל עסקנים און ארץ ישראל אינסטאַנצען. די פירער פון דער וועלט־באוועגונג און די אינסטאנצען זייערע, מוזען בלייבען פריי צו האַנדלען און רעפּרעזענטירען די באַוועגונג, ריין לויט תורה און אגודה־פּרינציפּען און איבערצייגונגען, אָן וועלכען־עס־איז דרוק פון לאָקאַלע אינטע־רעסען, באַדינגונגען און חשבונות.

* * *

גראָד פאַלט יעצט אויס אַ פינסטערע דאַטע אין דער אידישער געשיכטע.

עס ווערט איצט פונקט צוואַנציג יאָר, ווען דאָס ברוטאַלע דייטשלאַנד האָט אָנגע־צונדען דאָס פייער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. פונקט צוואַנציג יאָר, ווען זייערע ווילדע האָרדען האָבען זיך אַרויסגעלאָזט כובש זיין די וועלט, און דערביי, קודם־כל, פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק, ממש, חס ושלום, להרוג ולאבד את כל היהודים.

מיט צוואַנציג יאָר צוריק, ערב ראש השנה ת״ש, האָבען עמלק׳ס עראָפּלאַנען מערדעריש און ריקזיכטסלאָז באָמבאַדירט וואַרשע, און דערביי דווקא אויסגעזוכט פאַר זייער ציל די אידישע געדיכט־באַזעצטע ראַיאָנען, וואו הונדערטער־טויזענדער אידען האָבען געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסען. די כסדר׳דיגע רוצחישע באָמבאַדירונגען פון די אידישע ישובים, זיינען געווען ווי אַ פינסטערער אָנזאָג פאַר די בעסטיאַלישע צילען פון די אומבאַ׳רחמנות׳דיגע דייטשע שונאי ישראל.

איצט, צוואַנציג יאָר נאָכדעם, זאָלען מיר שליסען חבר׳שאַפט מיט זיי. איצט, ערשט צוואַנציג יאָר ווי דער חורבן ישראל האָט זיך אָנגעפאַנגען, זאָלען מיר אידען ווערען זייערע פריינט און געוועזענע שוטפים־צושטעלער.

אוי לה לאותה בושה ואוי לה לאותה כלימה!

(ד. א. וו. ערב ראש השנה, תש״ך)

גדולי תורה און אגודת ישראל מנהיגים

- דער גדול הדור
- רבי יעקב ראָזענהיים — מייסד, מנהיג און נשיא פון אגודת ישראל (צו זיין 90־טען יום־הולדת)
- דער אמת וועגן קאָצק
- הקדוש ר׳ אלכסנדר זושא פרידמאן ז״ל
- ר׳ מרדכי דובין, דער מאַרטירער פון דער אגודה
- שווייגען... (צו דער ערשטער יאָרצייט פון ר׳ אלי׳ קירשברוין ע״ה)
- דערקלערונג וועגן דר. יעקב ישראל דע האן
- דר. יעקב ישראל דע האן ז״ל (צווייטע דערקלערונג)

דער גדול הדור

דער בריסקער רב איז ניטאָ מער מיט אונז.

דער גאון פון בריסק איז נסתלק געוואָרען.

עס ווילט זיך ניט גלויבען. בשום אופן לאָזט זיך ניט שלום מאַכען מיטן געדאַנק, אַז ער, דער גאון הדור, איז מער ניט מיט אונז און איבער אונז. עס ווילט זיך ניט גלויבען, אַז דער גרויסער גאון בישראל האָט שוין עולה געווען לישיבה של מעלה, און אונזער ישיבה של מטה איז, בעוונותינו הרבים, געבליבען אויסגעליידיגט פון זיין גאונות, קדושה, הנהגה און השפעה.

אין דעם דור עני ויתום אין וועלכען מיר לעבען היינט, זענען מיר פונדאַסנייפאַר׳יתום׳ט געוואָרען פון דעם גרעסטען און שטאַרקסטען אין תורה און אין יראה; פון דעם ארי שבחבורה, צו וועלכען די גאַנצע תורה־וועלט האָט אַרויפגעקוקט, און אויף זיין דעת־תורה געוואַרט.

יתומים היינו אין אב. אין לנו מנחם ומשיב נפש.

* * *

אין ירושלים עיר הקודש איז ער געזעסען, און מצודתו פרושה על כל קצוי עולם. מקצה הארץ ועד קצהו האָט זיין אור־תורה געלויכטען, און זיין דעת־תורה גע־פסקנ׳ט און דעצידירט. גאונים, רבנים און ראשי־ישיבות האָבען געוואַרט אויף זיין פסק און הלכה. תלמידי־חכמים, בני תורה און יראי השם האָבען אויסגעקוקט אויף זיין וואָרט און הכרעה.

ער איז געווען דער רב רבנן; דער גאון איבער גאונים; דער פוסק איבער פוסקים; און דער ענטגילטיגער וואָרט־זאָגער איבער אַלע יראים ושלמים הנאמנים לד׳ ולתורתו.

אין אַלע וועלט ווינקלען, און צווישען אַלע בני־תורה ויראי ה׳, האָט מען געהערט, ביי קאָמפּליצירטע שאלות און פאַרוויקעלטע פּראָבלעמען, דאָס שטילע מורמלען צווישען זיך: וואָס זאָגט דער בריסקער רב? וואָס איז זיין שטעלונג און חות־דעת? בעפאָר הערען זיין וואָרט, האָט מען געקאָנט זיין מלא ספקות, פול מיט חששות. נאָכען וויסען זיין דעת־תורה, איז יעדער געוואָרען זיכער. געגאַנגען ווי אויף אַן אייזערנער בריק. זיכער פאַרן היינט און זיכער פאַרן מאָרגען. געוואוסט אַז דאָס איז דער דרך התורה והלכה, ובלי שום חשש ופקפוק.

אויסגעלאָשען איז געוואָרען פאַר אונז דאָס גרויסע לייכטענדע ליכט. שטיל גע־וואָרען דאָס וואָרט פונם פוסק, בעל־הלכה, מכריע און משפיע.

שבת משוש לבנו נהפך לאבל מחולנו. נפלה עטרת ראשנו אוי נא לנו כי חטאנו.

* * *

אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען מיט אונז האָבען מיר געקאָנט זיין רוהיג און זיכער מיט זיך און מיט אונזערע דרכים און הנהגות. מיר האָבען געוואוסט, אַז דאָרט אין ירושלים עיר הקודש זיצט אַ איד וואָס איז כולו תורה און כולו קודש, און וואַכט איבער אונז און איבער אונזערע מעשים, און אַמאָל אפילו אויך איבער אונזערע מחשבות.

מיר, אונזער גאַנצער דור, האָט אין אים, דעם גרויסען גאון וצדיק זי״ע, געזען דאָס געוויסען פונם תורה־אידענטום. אָן שום גוזמא קאָן מען פעסטשטעלען, אַז אין דער גאַנצער ערליכער תורה־וועלט האָט מען ניט געקאָנט טאָן קיין זאַך וואָס זאָל ניט שטימען מיטן חות־דעת פונם בריסקער רב. ביי יעדען שריט און טריט, פונם יחיד ווי פונם צבור, איז אין אונטערבאַוואוסטזיין פון יעדען געלעגען דער געדאַנק: ווי וועט דאָס אויפגענומען ווערען ביים בריסקער רב. אפילו אין מאָמענטען און שריט, ווען פירענדע מענשען אין רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכען לעבען האָבען געזוכט מער פשרות׳דיגע דרכים, האָט עס פיעל פיעל מאָל זיי געצוואונגען זיך צוריקצוהאַלטען טראַכטענדיג: ווער ווייסט צי עס וועט ניט אַנטרעפען אַ געגנערשע מיינונג פונם בריסקער רב. און אַזעלכעס האָט זיך קיינער פון ערלעכע אידען ניט געקאָנט ערלויבען.

ער איז געווען דער גברא דמיסתפינא מיני׳. אין אים האָט די תורה־וועלט געזען אַ גדול שכולו תורה, און אַ צדיק וואָס יראת ה׳ חופף עליו כל היום. יעדעס וואָרט זיינס איז געווען הלכה און ריינע דעת־תורה, און יעדע כוונה זיינע איז געווען קריסטאַל־ריין. נאָר און אויסשליסלעך — למען ה׳, תורתו ויראתו.

* * *

מיר זענען זיך ניט מתכוון צו געבען אן אָפּשאַצונג פון דעם אַזוי־גרויסען נפטר. און אויך ניט בכדי מספיד צו זיין די גרויסע אבדה שאין לה תמורה, וואָס דאָס תורה־אידענטום און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, האָט געליטען מיטן אַוועקגיין פון דעם שר התורה און גדול הדור. דאָס דאַרף געטאָן ווערען דורך גדולי ישראל, וועלכע האָבען אַ טיפערען באַגריף פון זיין גדלות, גאונות און צדקות.

וואָס מיר ווילען זיך יאָ ערלויבען, און וואָס מיר זענען זיך טאַקע מתכוון, איז, אַז מיר אין אגודת ישראל, און אַלע יראים ושלמים, זאָלען זיך טיפער מתבונן זיין אין זיינע דרכים און הכרעות, אין זיינע חות־דעת׳ן און השקפות, וועלכע ער האָט אונז געלערנט. סיי וואָס מיר האָבען פון אים געהערט בפירוש, און סיי וואָס מיר האָבען געדרונגען און פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער און מיינונגען.

תורה איז נצחיות, און דעת־תורה פון אמת׳ע גדולי תורה איז נצחיות. די פסקים, הכרעות און השקפות פונם גרעסטען תורה־אויטאָריטעט אין אונזער דור, דאַרפען אונז וויטער באַגלייטען אין אַלע אונזערע דרכים און איינשטעלונגען. זיי דאַרפען פאַר אונז זיין ווי דער עמוד־הענן וואָס איז פאַראויס געגאַנגען פאַר דער מחנה ישראל, און פאַר זיי אויסגעשפרייט און ריין געמאַכט די וועגען אשר ילכו בהם.

* * *

דער בריסקער רב זצ״ל וזי״ע, האָט ניט געהערט צו קיינעם. ער איז ניט געווען אָנגעשלאָסען אין קיין אָרגאַניזירטע באַוועגונג. און אַוודאי ניט אין פשוט אָנגענומענעם זין פון וואָרט: געהערען. ער האָט ניט געקאָנט געהערען צו קיינעם, ווייל ער האָט גע־הערט כולו לתורה. ער האָט ניט געקאָנט מיטזיין דאָרט וואו מען באַדאַרף זיך וועמען־עס־איז אונטערוואַרפען, ווייל אַלע האָבען זיך אים אונטערגעוואָרפען. אַלע און אַלץ וואָס האָט געלעבט מיט תורה, און געאָטעמט מיט תורה־יהדות, האָט צו אים געהערט און זיך אים אונטערגעוואָרפען.

אין עניני־צבור האָט ער זיך אָפּיציעל ווייניג געמישט. און נאָך ווייניגער געזאָגט. געוואוסט, און געוואָלט וויסען, האָט ער אָבער אַלץ וואָס עס גייט אָן און געשעט אין

דער אידישער וועלט, און ביחוד אין דער חרדי׳שער וועלט. נאָר שטענדיג מן הצד, געהאַלטען זיך ווי מאחורי הפרגוד. און געלאָזט אַז די מלאכת־הכלל זאָל זיין נעשית על ידי אחרים. נאָנטע מענשען האָבען אָבער געוואוסט אַז וואַכען וואַכט ער יאָ, און מיט דער גאַנצער זיינער אויפמערקזאַמקייט און דורכדרינגלעכקייט. ער ווייסט אַלץ, וואָס עס געשעט און דורך וועמען עס געשעט.

דאָס אַלץ איז געווען אַזוי לאַנג ווי די ענינים זענען האַלב־וועגס געגאַנגען כשורה. ווען אָבער ער האָט איינגעפונען אַז עס איז אַ שעת־חירום, צי ווייל עס דראָט אַ ממשות׳־דיגע סכנה פאַר קיום התורה ויהדות, צי ער האָט איינגעזען, אַז באותו שעה און לאותו ענין געפונען זיך ניט די עומדים בראש, וועלכע זאָלען זיין גענוג שטאַרק צו קאָנען שטיין על המשמר בכדי צו פאַרמיידען די סכנה, דאַמאָלס איז ער אַרויס מגדרו, און מחוץ זיין איינגעשלאָסענעם רשות היחיד, און געלאָזט וויסען דעם תורה׳דיגען רשות הרבים זיין וואָרט און חות־דעת. און מיט אַזאַ פעסטקייט און מיט אַזאַ שאַרפקייט וואָס נאָר אַ בריסקער רב האָט עס געקענט באַווייזען.

און ווען ער האָט שוין יאָ געזאָגט זיין וואָרט, איז זיין השפעה געווען געוואַלטיג און דעצידירענד. בשעת זיין דעת־תורה איז געהערט געוואָרען, איז עס שוין געווען פאַרן תורה־יהדות דאָס ענדגילטיגע וואָרט און פסק הלכה.

אַ גדול הדור אשר כל בית ישראל נשען עליו.

* * *

מיר האָבען דאָס געזעען ערשט לעצטענס. מיר זענען געווען עדות פון זיין שטאַרקייט, דעם עוז שבקדושה, און אויך זיין אומגעהויערע השפעה אין דער גאַנצער תורה־וועלט, סיי בארץ ישראל און סיי בכל תפוצות ישראל.

די „ציונים דתיים" מיט זייער „משרד הדתות", האָבען זיך פאַרמאָסטען כובש צו זיין די תורה־וועלט, און מיט דער תורה גופא. זיי, מיט זייער אייביגען ווילען אויף פשרות און ויתורים, און אויף „תיקונים" בדת, בכדי צו „צופאַסען" די תורה צום... לעבען, און צום אַזויגערופענעם „מציאות", טרעפען שטענדיק אָן גרויסע געגנערשאַפט מצד ערלעכע אידען, והעיקר מצד גדולי תורה, וועלכע שטייען על משמרת הקודש פאַר דער גאַנצקייט פון תורה, און אומבאַרירלעכקייט פון יעדען אות וקוץ שבתורה ושבהלכה. זענען זיי די „דתיים לאומיים" געפאַלען אויף נייע פלענער און תחבולות, בכדי צו קאָנען פאַרווירקלעכען זייערע מסוכנ׳דיגע טענדענצען. מען וועט גרינדען אַ צענטראַלע רבנישע וועלט־אינסטאַנץ, און דאָרט אַריינפאַקען, מיט דער צייט, רבנים און ראַביים מכל מינים שהוא, און אַלץ וועט במשך הזמן גיין „ווי געשמירט"... מען וועט פון דאָרט אַרויס־קריגען אַ „תורה", וואָס זאָל ניט שטיין אין וועג פונם „לעבען" און „מציאות"...

אָנגעהויבען האָבען זיי מיט אַ „סנהדרין", איז עס ניט געגאַנגען. האָט מען אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ „כינוס רבני עולמי", און דאַן אויף אַ „מרכז רוחני עולמי" און אויף אַ „היכל שלמה", וואָס פון דאָרט זאָל אַרויסקומען די „הוראה לכל בית ישראל"...

און דאָ האָט זיך באַוויזען דער גרויסער בריסקער רב מיט זיין וואָרט און אויטאָ־ריטעט. גלייך ווי אַלע גדולי ישראל, האָט ער אין די „דתי׳שע" מאַכינאַציעס דערזעען די סכנה פאַר תורה און תורה־יהדות. מען וועט שטעלען און אָפּשטימען הלכות שבתורה מיט אַ מערהייט פון „הענד"... און צופירען, חלילה, צו רעפאָרמירען הלכות שבתורה און צו הריסת הדת והמסורה. אַלע גרויסע ערלעכע אידען האָבען די סכנה געזעען. אָבער נאָר די אויטאָריטעט פונם גאון מבריסק איז געווען בכח זיי צונישט צומאַכען.

תורה־אידען איבער דער וועלט זענען דערציטערט געוואָרען פון זיין, דעם בריסקער רב׳ס, ווענדונג צו דער רבנישער וועלט, אַז אַלע זייערע פלענער זענען:

„רוצים עי״ז להשתלט על התורה ולתקן בה להתאימה לרוח הזמן המדינה והדימוקרטי׳ להוסיף ולגרוע בה כחפצם״.

„ובשביל זה מצאנו לנו לחובה ולצורך השעה לפרסם דעתנו ומחאתנו נגד זה שלא יפיקו חס ושלום זממם לפועל״.

„ח״ו סכנה צפוי׳ ממנו בהוה או בעתיד לקיומה של תורה והיהדות״.

„... ויגולגל חובה על ידם להיות כמחטיאי הרבים ח״ו, ויהי׳ מעות שלא יוכל לתקן בשום אופן״.

„הם עושים מעשיהם במחשך וערמומיות וסוכ״ס הכל מופנה להשגת מטרתם להשתלט על התורה לעשות בה כחפצם״.

„ולזאת החלטנו לגלות דעתנו הברורה ולהצהיר את הסכנה הצפוי׳... שלא יתנו ידם להיות המשתתפי החגיגה אשר אחריתה ותכליתה איום ונורא ומי ישורנה״.

און טאַקע נאָר מיטן כח און תורה וואָרט פונם בריסקער רב, איז די חגיגה פונם „היכל שלמה״ אַלס „מרכז רוחני עולמי״ געווען אַ פולשטענדיגער דורכפאַל. קיין איין־איינציגער אָנגעזעענער רב און גדול בתורה איבער דער וועלט, האָט זיך דאָרט, טראָץ דער גאַנצער פּאָמפּע זייערער, ניט באַטייליגט.

דער דעת־תורה פונם גדול הדור האָט גע׳פסק׳נט, און די תורה־וועלט האָט זיין וואָרט דערהערט און אָנגענומען.

איצט איז דער גרויסער לוחם על דבר ד׳ און לויטערער איש אמת. מער ניטאָ מיט אונז.

נשבה ארון הקודש, ומי יעמוד בפרץ?

* * *

ווי שוין געזאָגט, איז דער בריסקער רב זצ״ל ניט געווען איינגעשלאָסען אין קיין אָרגאַניזירטער באַוועגונג. אויך ניט אין דער אגודת ישראל.

אָבער אויב ער איז ניט געווען אין אגודת ישראל, איז ער אָבער דורכאויס יאָ געווען פאַר און מיט דער אגודת ישראל.

די עקזיסטענץ פון דער אגודת ישראל, אַלס דעם אָרגאַניזירטען תורה׳דיגען כלל ישראל, האָט ער געהאַלטען פאַר אַ דרינגענדע נחיצות. בפרט פאַר אונזערע זמנים, בעת די כלערליי חפשיים און חפשיות האָבען אונטער זיך אַזעלכע ריזיג־אָרגאַניזירטע כחות און מיטלען. און דעריבער האָט מען געזעען אַזאַ נאָנטקייט צווישען אים און דער אגודת ישראל. אַלע זיינע ענינים אין כלל זאַכען, האָט ער דורכגעפירט נאָר דורך דער אגודת ישראל און אירע עסקנים. קיינעם האָט ער נישט אָנגעטרויט זיינע ענינים און זיינע חפצות. נאָר צו זיי, עסקנים פון אגודת ישראל, האָט ער געהאַט זיין פאַרטרויען.

אויך די גדולי ישראל אין דער מועצת גדולי התורה, זענען געשטאַנען אין שטענדיקער באַראַטונג מיט אים. אייביג געווען אונטער זיין גרויסער תורה־השפעה, און ניט געטאָן קיין דעצידירענדען שריט וואָס זאָל ניט האָבען זיין הסכם.

ער האָט געזעען אין אגודת ישראל דעם אויספירענדען כח פון תורה־אידען, און אגודת ישראל האָט געזעען אין אים, דעם בריסקער רב, דעם פירענדען כוח פונם עם התורה.

* * *

זיין גרויסען אינטערעס און חשיבות פאַר אגודת ישראל, זעהט מען אַמבעסטען דורך דער אייביגער אויפמערקזאַמקייט און וואַכזאַמקייט וואָס ער האָט געשענקט דער באַוועגונג. ווי אַ שומר אגודת ישראל, און מיט עין־פּקוחה, האָט ער געוואַכט און איר אויסגעהיטען פון פאַלשע שריט און פון אַ פעלען גאַנג. סוף־כל־סוף קענען דאָך מענשען אין אַ באַוועגונג אַמאָל נכשל ווערען. בפרט אין מקומות און זמנים וואו מציאות, און די סכנה פון מציאות, לויערט אויף שריט און טריט, און זייער לייכט איז פאַרפירט צו ווערען אונטערן דרוק פון אַזעלכע „מציאות׳ן״... און דאַריבער איז ער, דער גאון און מנהיג, געשטאַנען ווי אַן עמוד הענן צו ווייזען און לערנען את הדרך אשר נלך בה, דעם דרך התורה אשר ממנו אין לנטות ימין ושמאל.

ער האָט אין אגודת ישראל געוואָלט זען דעם כוח־התורה ויהדות, וואָס איז אָנ־געצייכענט געוואָרען דורך אירע מיסדים, די גדולי ישראל מדור הקודם, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען זיין פאָטער, דער גרויסער ר׳ חיים בריסקער זצ״ל. און אויב ער האָט זיך אַמאָל באַצויגען אַביסעל קריטיש צו אונזער באַוועגונג, איז עס געווען נאָר ווייל ער האָט ביי די מנהיגי התנועה טיילמאָל ניט געפונען די זיכערקייט און אַבסאָלוטע פעסטקייט לגבי די אָריגינעלע יסודות און מטרות פון דער באַוועגונג.

* * *

די איבערגעגעבענקייט פונם בריסקער רב זצ״ל צו אגודת ישראל, און זיין גרויסע זאָרג און טרייקייט צו איר, קאָן מען אַמבעסטען זען פון זיין פעסטע און דעצי־דירענדע שטעלונג געגען שאַפען אַ חזית דתית צו די איצטיגע בחירות צו דער כנסת.

דער בריסקער רב האָט געהאַלטען, אַז אגודת ישראל, די באַוועגונג וואָס קאָנ־צענטרירט אין זיך און אַרום זיך אמת׳ע ערלעכע אידען, בני תורה און יראי השם, מוז גיין צו די בחירות גאַנץ זעלבסטשטענדיג. זיי טאָרען ניט מאַכען קיין שותפות מיט אַזעלכע וואָס זיינען ניט אויסגעהאַלטען אין זייער אידישקייט־שיטה, און שטייען גרייט פאַר שטענדיגע פשרות און וויתורים אויפן חשבון פון יהדות לטובת זייערע אָרגאַני־זאַטאָרישע און פּאָליטישע דערגרייכונגען... ער האָט אויך געהאַלטען, אַז אַ באַוועגונג ווי אגודת ישראל, וועלכע געפינט זיך אונטערן משמעת פון גדולי תורה, טאָר נישט גיין צוזאַמען מיט באַוועגונגען, וועלכע זיינען ניט אונטערגעוואָרפען קיין שום דעת־תורה, און פשוט׳ע עסקנים און פּאָליטיקער, זיינען מכריע אין תורה ודת ענינים, וועלכע זיינען נוגע דעם כלל ישראל.

אגודת ישראל האָט זיין וואָרט אָנגענומען פאַר אַ פסק־הלכה. און קיין חזית מיט אַנדערע ניט געמאַכט, ווייל די מיינונג פון אַזאַ גדול בישראל איז בינדענד פאַר אידען וואָס זייער לעבען און הנהגה ווערט רעגולירט בדרכי התורה והשם. אָבער דער פאַקט פון זיין הכרעה באַווייזט קלאָר, ווי שטאַרק אים האָט אינטערעסירט וואָס עס געשעעט אין אגודת ישראל, און ווי וו״יט און טיף איז אים געווען נוגע, אַז אגודת ישראל זאָל זיך האַלטען אין אירע אָנגעצייכענטע דרכים, לויט די הוראות פון גדולי תורה.

* * *

אַ סך, גאָר אַ סך, האָבען מיר פון אים, דעם גדול וקדוש בישראל, צו לערנען. הגם נישט אָפיציעל, איז ער אָבער געווען אונזער רבי און מורה־דרך. און דאָס איז פאַר אונז, אין אגודת ישראל, אַ גרויסער כבוד און נאָך אַ גרעסערער זכות וואָס מיר האָבען אים, דעם שר וגדול, געהאַט מיט אונז און איבער אונז. דאָס באַווייזט, אַז מיר זיינען

די מחנה השכינה אין היינטיגען דור, אַז דער גדול ורבן של ישראל זצ"ל האָט אונז אָפּ־געהיטען און איבער אונז געוואַכט ווי אַ טרייער פאָטער און רבי.

מיר דאַרפען, און מוזען, אויף אייביג און אין אַלע אונזערע דעצידירונגען, האָבען פאַר אונזערע אויגען אים און אַלץ וואָס ער האָט אונז געלערנט און אָנגעוויזען.

שוין מיט זיין בלויזען זיין מיט אונז בחיים חיותו, איז ער געשטאַנען ווי אַ דעמב געגען אַלע פלייצענדע שטראָמען פון חפשיות, סיי פון גאַנצע און אָפענע, און סיי פון פאַרמאַסקירטע און למחצה, לשליש און לרביע'דיגע, וואָס הצד השוה שבהם שדרכם להזיק, און זיינען אַ סכנה פאַר החזקת התורה והאמונה.

ער האָט אונז געלערנט פעסטקייט אין תורה און גאַנצקייט אין אמונה. ניטאָ קיין פשרות און ניטאָ קיין וויתורים ווען עס האַנדעלט זיך אין עיקרי היהדות. ער האָט אויך אונז געלערנט, אַז מיר האָבען ניט קיין רשות אויף פשרות און וויתורים, אַפילו בעת אונז דאַכט זיך, אַז דאָס איז לטובת החזקת הדת...

על פי התורה אשר יורוך ועל המשפט אשר יאמרו לך תעשה לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל (דברים י"ז).

דער אָנזאָג אין דער תורה הקדושה איז אַן אייביגער. און אין אונזער שווערער צייט, און ביי אונזערע גרויסע נסיונות און הסתרת־פנים, איז עס דער איינציגער דערהאַלט פאַר אונז און פאַר אונזערע דורות.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

(ד. א. וו. חשון, תש"ך)

רבי יעקב ראזענהיים — מייסד, מנהיג און נשיא פון אגודת ישראל

(צו זיין 90־טען יום־הולדת)

הײנטיגעס יאָר איז דער נײנציגסטער יום הולדת — עד מאה ועשרים — פון מורנו רבי יעקב ראָזענהיים שליט״א. אין חמשה־עשר בחודש חשון, שנת תרל״א (1870), איז אין פראַנקפורט ד׳מײן, די פעסטונג פון דער דײַטשער אָרטאָדאָקסיע, געבוירען געוואָרען דער צוקונפטיגער מנהיג פונ׳ם אָרגאַניזירטען רעליגיעזען אידענטום. און נאָך פיל וואַנדערונגען — צוליב דער היטלער־מגפה — אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק, געפינט ער זיך היינט ענדליך אין זיין מקום מנוחה ונחלה, אין אונזער הייליגער ארץ האבות.

צוזאַמען מיטן גאַנצען תורה׳דיגען כלל ישראל, דריקען מיר אויס אונזערע האַר־ציגסטע ברכות צום גרויסען בעל־היובל. עוד יזכה לראות את ישועת ישראל השלמה והאמיתית, בבוא גואלנו הצדק, ובימיו ובימינו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח.

* * *

שוין פון זיינע אינגסטע יאָרען אָן, נאָך אין דער צייט ווען הגאון והצדיק רבי שמשון רפאל הירש זצ״ל, דער אומקאָמפּראָמיסליכער לוחם פאַר יהדות התורה הנאמנה, האָט געפירט זיין קאַמף פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון גאַנצער אידישקייט, האָט שוין דער דאַמאָלס זער־יונגער יעקב ראָזענהיים איינגעזאַפּט אין זיך די ערשטע כשרונות פאַר גרויסצוגיגער עסקנות, אידעאישער זעלבסט־באַוואוסטזיין און מוסטערהאַפטער פירער־שאַפט. צו 30 יאָר ווערט ער טעטיג אין פראַנקפורטער ועד־החינוך, דאַן אינ׳ם ועד־הקהלה. און צו 35 יאָר איז ער שוין אין דער פירערשאַפט פון דער „התאחדות החרדים״, די אינסטאַנץ פון דער אָרגאַניזירטער דייטשער אָרטאָדאָקסיע, לויט דער שיטה פון הרב הירש ז״ל. און גלייכצייטיג ווערט ער אויך דער אַרויסגעבער פון זייער אָפיציעלען אָרגאַן: „דער איזראַעליט״.

און פון אָט די לאָקאַלע, פראַנקפורטער און דייטשע, געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען, גייט ער איבער צו כלל־ישראל אַרבייט, אין נאַציאָנאַלען און וועלט־פאַרנעם, צו דער אָרגאַניזירטער אַלוועלטליכער אָרטאָדאָקסיע — צו דער אגודת ישראל העולמית.

שוין ביי די צוגרייטונגען פון דעם צוזאַמענקום פון גדולי ישראל אין יאָר תרס״ט, אין באַד־האַמבורג, וואו עס זיינען געלייגט געוואָרען די יסודות פאַר אַן אגודת ישראל עולמית, האָט זיך גאָר שטאַרק אַרויסגעזען ר׳ יעקב ראָזענהיים. ער, צוזאַמען מיט הרב ר׳ יצחק אייזיק הלוי ז״ל, זיינען געווען די איניציאַטאָרען און די אָרגאַניזאַטאָרען פון די היסטאָרישע אסיפות אין באַד־האַמבורג, און אין יאָר תרע״ב אין קאַטאָוויץ, און ביי דער ערשטער כנסי׳ הגדולה, און אַ פשיטא שוין ביי אַלע וויטערדיגע כנסיות גדולות, האָט מען שוין געזען ר׳ יעקב ראָזענהיימ׳ען אַלס דעם רוח־החי, דעם ראש־המדברים און בריח־התיכון אין אַלע ענינים בנוגע די כנסיות, און בנוגע דער וויטערדיגער אַרבייט און אַנטוויקלונג פונ׳ם אחוד־הכחות ביים חרדי׳שן כלל־ישראל איבער דער וועלט.

* * *

רבי יעקב ראָזענהיים איז צווישען אַלע אידישע פירער אין אַ גאַנץ באַזונדערער קאַטעגאָריע. ער איז אַ יוצא מן הכלל. און ממש: אין דוגמתו.

פופציג יאָר שטייענדיג בראש פון דער אגודת ישראל וועלט־באַוועגונג, מיום הוסדה ועד היום הזה; אַ יובל יאָרען איז ער איר נשיא און מנהיג. און במשך די גאַנצע פופציג יאָר איז ניט געווען קיין פאַל, אַז עס זאָל וועמען־עס־איז קענען עולה על הרעיון זיין, אַז דער מצב דאַרף געענדערט ווערען און ער, ראָזענהיים, זאָל נישט שטיין בראש התנועה. פאַראַן פיל פאַלען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי מענטשען ווערען ענג פאַר־בונדען מיט באַוועגונגען. אָבער אין פאַל ווי מיט ר' יעקב ראָזענהיים איז עס ניט קיין פאַרגלייך. אַז איר דערמאָנט דעם נאָמען ראָזענהיים מיינט עס שוין אגודת ישראל. און אַז איר גיט אַ זאָג אגודת ישראל, זעט איר באַלד פאַר אייערע אויגען רבי יעקב ראָזענ־היים. ראָזענהיים און אגודת ישראל זיינען ממש צוויי אומטיילבאַרע זאַכען. איינס אָן אַנדערען איז פשוט אומפאַרשטעלבאַר. אַ שתים שהן אחת.

* * *

פופציג יאָר אַלס קברניט פון דער תורה־באַוועגונג, אַן איבעררייס און אָן מינדעס־טען צוויפעל אין פאַרטרויען צו אים אַלס מנהיג־הבירה. דעם אומבאַגרעניצטען פאַרטרויען האָט ער געהאַט צו זיך סיי פון די מאַסען־חברים און סיי פון די עסקנים, אומאָפּהענגיק פון צייט און פון אָרט. אַלע יראים און אַלע גדולים, פון אַלע חוגים און פון אַלע מדינות, — אַלע אָן אויסנאַם האָבען זיך צו אים צוגעהערט, אים געטרויט, און אים געגלויבט.

דער צוטרויען צו אים פון די גדולי תורה און מנהיגי ישראל איז געווען צו באַוואונדערען. דאָס האָט זיך באַזונדערס געזען מיטן באַקרוינען אים מיטן תואר: מורנו. אויף דער כתב־תעודה מיטן טיטעל מורנו, וואָס איז אים געגעבען געוואָרען אויף דער צווייטער כנסי' גדולה, אין יאָר תרפ"ט, זיינען גע'חתמ'עט גדולי ישראל המפורסמים ביותר, און בראשם דער חפץ חיים, דער גערער רבי, רבי חיים עוזר, און דער טשאָרטקאָ־ווער רבי זכרם לברכה וזכותם יגן עלינו.

* * *

דער אַלגעמיינער, אַזוי־גרויסער פאַרטרויען צו רבי יעקב ראָזענהיים מצד אַלע קרייזען אינ'ם אָרטאָדאָקסישען וועלט־אידענטום, איז געווען אַ פאַרשטענדליכער און אַ פאַרדינטער. ער האָט געהאַט די גרעסטע פאַרדינסטען פאַרן צוזאַמענברענגען דעם מערב מיטן מזרח, און דעם מזרח מיטן מערב. ער האָט מיט זיין פערזענליכקייט גופא, און מיט זיין שיטה און אידעאַל, פאַרגעשטעלט אַ וואונדערליכע סינטעזע פון מזרח מיט מערב. געבוירען אין פראַנקפורט און דערצויגען אונטער מערב־אייראָפּעאישע טראַדיציעס און לעבענס־אַרטען, האָט ער אָבער טיף אין זיך אָנערקענט דאָס גרויסע חשיבות פון מזרח־אייראָפּעאישער תורה־אידישקייט, און פאַרשטאַנען און געפילט, אַז דער מערב קען קוים אָנהאַלטען און דערהאַלטען זיין מסורה'דיג יהדות, אויב עס וועט זיך ניט דערנענטערען, און אויף אַן אופן זיך צוזאַמענבונדען, מיטן זאַפטיגען און קוואַלענדיגען מזרח־אייראָפּע־אישען אידענטום, מיט זיין תורה און יראה, און מיט זיינע גייסטיגע השפעות.

רבי יעקב ראָזענהיים איז אויך געווען פון די ערשטע וועלכע האָבען געוואָרפען דעם געדאַנק — און אים קאָנסעקוועַנט דורכגעפירט למעשה — פון אַ מועצת גדולי התורה. ער האָט געהאַלטען, און מיט פולער רעכט, אַז אַ תורה־באַוועגונג פאַר תורה־יהדות, מוז אין אַלע זייערע דרכים און מעשים ווערען געפירט און קאָנטראָלירט לויט דין און דעת תורה. און אַזעלכעס קען נאָר געשען, און זיין געזיכערט, ווען בראש פון דער

באוועגונג געפינען זיך גדולי תורה. און אויב גדולי תורה, האט ער געוואוסט, אַז די מערסטע פון זיי, און די אָנערקענטסטע און אויטאָריטעטסטע, געפינען זיך ביים מזרח־אייראָפּעאישען אידענטום. און דעריבער איז ער כל ימיו געווען אַזוי נאָענט צו זיי. און זיך און די באַוועגונג אונטערגעוואָרפען פולשטענדיג זייער הנהגה, הכרעה און דעת־תורה.

און אַזוי האָבען מיר אַלע, אין דער פירערשאַפט פון דער אגודת ישראל, געוואוסט במשך אַלע יאָרען, אַז קיין איין וויכטיגער באַשלוס און קיין עובדא למעשה, געשעט ניט דורך אונזער נשיא ר' יעקב ראָזענהיים, איידער ער שטעלט פאַר דעם ענין און איז שואל עצה ביים גאון רבי חיים עוזר פון ווילנע, און ערשט זיין חות־דעת איז מכריע למעשה.

* * *

מורנו רבי יעקב ראָזענהיים שליט״א איז ניט נאָר דער געקרוינטער פירער פון אגודת ישראל; ער איז ניט נאָר דער גרינדער און בויער פון דער וועלט־באַוועגונג פון חרדי׳שען אידענטום; ער איז פיל מער ווי דאָס. ער איז דער שעפער פון אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ און געדאַנק אין תורה־פאָלק בכלל.

רבי יעקב ראָזענהיים איז דער, וואָס האָט זיין לעבען געווידמעט אויף צו פאַר־פלאַנצען ביי אַלע חרדי׳שע אידען דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין און דאָס קאָלעקטיווע אחריות פאַר השי״ת, זיין תורה און זיין פאָלק. ער איז דער, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַ־מענטאַלען יסוד פאַר אַלע אָרגאַניזאַטאָרישע צוזאַמענשלוסען אין רעליגיעזען אידענטום אין דער לעצטע תקופה, ביז צום היינטיגען טאָג.

אָבער דער אָרגאַניזאַציע־געדאַנק ביי רבי יעקב ראָזענהיים איז ניט עפּעס אַ פאָרמעלער טעכנישער באַגריף. ער איז מער פּראָדוקט פון זיין אוניווערסאַלער פּערזענ־ליכקייט, וועלכע איז טיף פאַרוואָרצעלט אין דער פיל־פאַרביגקייט פון זיין לעבען. ער, ראָזענהיים, זעט אין דער אָרגאַניזאַציע די ברייטע מעגליכקייט צו פאַרוואַנדלען דעם יחיד מיט זיינע נייגונגען און אינטערעסען אין אַן אָרגאַנישען טייל פון אַ לעבעדיגען, אויף שעפערישער סינטעזע, אויפגעבויטען אָרגאַניזם.

* * *

רבי יעקב ראָזענהיימ׳ס גלויבען און אידעאַליזם איז געווען למעלה מן השכל. ווער עס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג, האָט דערמיט געמוזט ווערען באַווירקט און אָנגעשטעקט. ער איז געווען די גאַנצע פופציג יאָר פון זיין נשיאות, דער ווירדיגסטער רעפּרעזענטאַנט פון אגודת ישראל, דער איבערצייגסטער טרעגער פון אונזערע אידעאַלען, און דער שטאַרקסטער איבערגעבער פון אונזערע תורה׳דיקע אידייען און השקפות.

אויב פאַרשידענע געהויבענע פירער ביי אונז האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט די נשמה פון אונזער באַוועגונג, שטעלט רבי יעקב ראָזענהיים מיט זיך פאַר איר נשמה יתירה.

צו אַלע זיינע איינגעשאַפטען און קוואַליפיקאַציעס, צו אַלע זיינע גרויסקייטען און כשרונות, מיט וועלכע מען האָט אים פון הימעל באַשאָנקען, האָט ער פאַרמאָגט נאָך עפּעס וואָס דערמיט איז ער געווען ממש אומפאַרגלייכבאַר: זיין רעדנער־טאַלאַנט, אַ נואם בחסד עליון. זיינס אַ רעדע, זיינס אַ רעפעראַט, איז געווען אַ מוזיקאַלישע סימפאָניע. אים הערען רעדען, איז געווען אַ פיזישער און גלייכצייטיג אַ גייסטיגער גענוס. און אויף לאַנגע צייטען איז מען געבליבען באַאיינדרוקט, באַאיינפלוסט און איבערצייגט.

ווען רבי יעקב ראָזענהיים איז אַמאָל אַרויסגעטראָטען מיט אַ רעפעראַט אין וואַרשע, האָב איך געזען אַ אינגעלע פון אַ יאָר צען, שטיין דערנאָך אַ צעפלאָמטער מיט

טרערן אין די אייגעלעך, און איך האָב אים געגעבן אַ פרעג: האָסטו דען פאַרשטאַנען ראַזענהיים׳ס דייטש לשון? האָט דער קליינער געגעבן אַן ענטפער: רעדן דאַרף מען דען הערן? — רעדן קען מען אויך פאַרשטיין דורך זען... וכל העם רואים את הקולות... און עס איז אין דער אָפּשאַצונג פון דעם יניק וחכים (שפּעטער אַ תלמיד פון רבי מנחם זעמבא ז״ל און אומגעקומען מיט׳ן רבי׳ן על קדוש השם — ה. י. ד.) געלעגען אַ געוואַלדיגער אמת. ביי ראַזענהיים איז רעדן ניט געווען עפּעס רייד פון מויל, וועלכע מען קען נאָר תופס זיין דורך הערן. ביי אים איז עס געווען לשון וואָס איז אַרויסגעקומען פונ׳ם גאַנצן מענטש, פון אַלע אברים, פון טיפסטער טיפעניש, פון אמונה שלמה, און פון ריינסטען אידעאַליזם. פון: כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך!

* * *

ווען רבי יעקב ראַזענהיים האָט געהאַט זיין ערשטען עפענטליכען אַרויסטריט ביים אידיש־פּוילישען תורה־ציבור, בעת דער צווייטער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון דער פּוילישער אגודת ישראל אינ׳ם ריזיגען קאַמינסקי־זאַל אין וואַרשע, אין דער אַנוועזענהייט פון העכער פינף טויזענט פאַרזאַמעלטע שליחי עם ישראל פון דער גאַנצער מדינה, איז דער רושם פון זיינע ווערטער און געדאַנקען געווען אַן אומפאַרגלייכליכער, אַן אומבאַשרייבליכער, און אַן אומפאַרגעסליכער. ר׳ יעקב ראַזענהיים האָט זיך דאַמאָלס אַנטפּלעקט אין זיין פולער גרויס, אַלס רעליגיעז־פילאָזאָפישער דענקער, אַלס גייסטרייכער בעל־מחשבה און אַלס טיפער מאמין. די גאַנצע פרעסע, הגם דער רוב איז געווען ווייט פון אונזערע תורה־אידייען, האָט מיט ענטוזיאזם און אַנטציקונג געשריבען איבער זיין אַרויסטריט. הלל צייטלין, ה. י. ד., וועלכער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזען קיין איבעריגע סימפּאַטיע פאַר אונזערע זעלבסטשטענדיגע תורה און יהדות־שטרעבונגען, האָט איבער ראַזענהיים׳ס פערזאָן און זיין אַרויסטריט געשריבען עטליכע מאמרים, וואו ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אַזוי, שטעלט ער זיך פאַר, האָט אויסגעזען ישעיהו הנביא בשעתו, בעת ער האָט גערעדט זיינע דברי נבואה און דברי תוכחה צום עם ישראל.

פאַר די אויגען שוועבט נאָך היינט דאָס בילד — און עס איז אַן אייביגע אומפאַרגעסליכקייט — ווי רבי יעקב ראַזענהיים שטייט אויף דער טריבונע ביים עפענען די ערשטע כנסי׳ הגדולה, אין יאָר תרפ״ג אין ווין, און פון גרויס שמחה, געררירטקייט און דערהויבענקייט, ברעכט זיך פלוצלינג זיין הערליך־קלינגענדע שטימע, און ער הויבט זיך אָן שטיקען מיט טרערען, און צעוויינט זיך. אַלע טויזענטער נאספים בלייבען אַ רגע ווי עלעקטריזירט, און דאַן וויינען זיי מיט. איר קוקט אַרויף צו דער טריבונע און צו די ספּעציעל־רעזערווירטע פלעצער פאַר גדולים און רבנים, און איר זעט ווי אויך פון זייערע אויגען פליסען טרערען. עס איז אַ געוואַלדיגער מאָמענט און איבערלעבונג צו זיין אַן עדות פון זען גדולי וקדושי ישראל, גאוני ואדירי התורה, וויינען־מיט פאַר גרויס התרגשות, סיי פון דער היסטאָרישער געשעעניש פונ׳ם כינוס ישראל סבא, און סיי פון דער דערהויבענער ראַזענהיים־פערזענליכקייט.

דאָס זיינען געווען אומפאַרגעסליכע עפּיזאָדען. מאָמענטען פון איבערלעבונג, פון דערהויבונג, פון אידישער התלהבות און פון קדושה׳דיגער אַטמאָספערע פאַר די געשטעלטע צילען און שטרעבונגען פונ׳ם אַלוועלטליכען יהדות החרדית פאַר:

לתקן עולם במלכות ש־די.

* * *

ווען מען רעדט איבער און וועגען רבי יעקב ראַזענהיימ׳ען שליט״א, וועט מען ניט יוצא זיין את חובתו, און דאָס בילד וועט ניט זיין גאַנץ, אויב מען זאָל זיך נישט

אָפּשטעלען, כאָטש מיט עטליכע שורות, וועגען דעם פּריוואַטען, פּערזענליכען ראַזענהיים. בכלל לעבט מען היינט אין אַ צייט פון אַזאַ אַלגעמיינעריזירונג, אַז מען זעט שוין נישט אַרויס דעם מענטש גופא. אַלץ ווערט איבערגעגעבען און געשילדערט אין כּלליות׳דיגע שטריכען, אַזוי אַז דער יחיד מיט זיין פּערזענליכקייט, זיין גרויסקייט אָדער קליינקייט, זיין געהויבענקייט אָדער שפּל׳דיקייט, ווערט מער ניט אַרויסגעהויבען און אַרויסגעזען.

רבי יעקב ראַזענהיים דאַרף פון דעם כלל ווערען אַרויסגענומען. אויך אין דעם פּערזענליכען פאַל, איז ער ווערט צו זיין אַ יוצא מן הכלל. ווייל אין דער גאַנצער גאַלעריע פון געזעלשאַפטליכע מנהיגים, איז ער אויך מיט דעם אַ יחיד במינו.

במשך אַלע זיינע יאָרען, שטייענדיג בראש פון אַזאַ ברייט־פאַרצוויגטער וועלט־באַוועגונג, מיט אַזאַ פאַרשידענאַרטיקייט און קאָמפּליצירטקייט אין די אַרבייטען און אין די מיטאַרבייטער במדינות שונות, האָט ער אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבען זיין פּער־זענליכען איך; זיינע יחיד׳ישע חובות אַלס מענטש, אַלס איד, און אַלס תורה־איד; קיינמאָל ניט פאַרגעסען זיינע יחיד׳ישע התחייבות׳ן בין אדם למקום ווי בין אדם לחבירו. זיין גאַנץ פּריוואַט־לעבען איז געווען פול מיט תורה, מיט יראת־שמים, מיט צדקות ופרישות, און מיט שטענדיגער שטרעבונג צו העכערע מדרגות אין יהדות. זיין גאַנצע הנהגת־החיים איז געווען דורכגעדרונגען מיט געהויבענע מדות און מאָראַלע באַגריפען, סיי וואָס ער האָט עס געפאָדערט פון יענעם און סיי פון זיך אַליין. דער „קשוט עצמך ואחר־כך קשוט אחרים", לויט דברי חכמינו ז"ל, זיינען ביי אים געווען אַן אַקסיאָמע אין לעבען. קיינמאָל האָט ער ניט פאַרפעלט אין די טעג זיינע שיעורים קבועים, און אייביג האָט איר אין די שפּעטע נאַכט־שעה׳ן אים געטראָפען ביי זיין אויסגעווייניטען תהלים און ספרי־מוסר.

און וועגען נאָך עפּעס דאַרף מען זיך אָפּשטעלען. לכאורה, זעט עס אויס ווי אַ מינדערוויכטיגקייט, אָבער בעת מיר זיינען עדות פון דעם וואָס עס געשעט אין היינטיגען געזעלשאַפטליכען לעבען, וואו עס קומט פאַר אַזאַ ביליג און אַמביציעז גייעג נאָך כבוד, מאַכט, פּרעסטיזש און געלט, איז עס שוין גאַרניט אַזאַ דבר קטן ופשוט. רבי יעקב ראַזענ־היים איז געווען אויסגעטאָן פון אָט דער גאַנצער מענטשליכער שוואַכקייט פון דער רדיפת אחרי כל הבלי העולם הזה. ער איז געווען ריין און ניט געהאַט די מינדעסטע נגיעה מיט דעם גאַנצען פּסולת, וואָס פאַראומווירדיגט אַזוי שטאַרק דאָס גאַנצע היינטיגע געזעלשאַפט־ליכקייט. ער איז געווען, און געבליבען, דער מוסטערהאַפטער מענטש און דער נאָבעלער ריינער כאַראַקטער. ער איז געווען כל ימיו אַ נקי כפים און אַ בר לבב, במלוא מובן המלה.

* * *

הגם אין די לעצטע יאָרען דערלויבט אים שוין נישט זיין פּיזיש־אָפּגעשוואַכטער מצב הבריאות צו זיין אַקטיוו אין זיין הויכען נשיאות־אַמט, בלייבט זיין פערזאָן אָבער אַלץ אַ מוסטער פאַר אידישער פירערשאַפט. און פאַר אונז, אין אגודת ישראל ספּעציעל, איז ער אויף אייביג די דוגמא ווי אַזוי אַ מנהיג ביי תורה־אידען דאַרף אויסזען, און וואָס פאַרא גייסטיגע אוצרות ער דאַרף אין זיך פאַרמאָגען.

מורנו רבי יעקב ראַזענהיים שליט"א, זיין געהויבענקייט, זיין ערליכקייט, זיין קריסטאַל־ריינקייט, זיין תמימות וצדקות, און זיין התלהבות׳דיגער גלויבען אין אגודת ישראל און אין אַלע קדשי ישראל, בלייבען אויף אייביג איינגעקריצט אין האַרצען און אין מחשבה פון יעדען באַוואוסטזיניגען תורה־איד און אין יעדען חבר לאגודת ישראל.

כזה ראה וקדש.

(ד. א. וו., חשון, תשכ"א)

דער אמת וועגן קאָצק

חשוב׳ער רעדאַקטאָר פון „טאָג־מאָרגען זשורנאַל״:

אין די לעצטע עטליכע זונטאָג־נומערען פון אייער צייטונג, האָבען זיך געדרוקט אַרטיקלען וועגן קאָצקער רבי׳ן זצ״ל, צו די הונדערט יאָר פון זיין הסתלקות, פון אייער מיטאַרבעטער מנשה אונגער.

יעדער פרומער איד, און זיכער יעדער איד וואָס האָט נאָר וועלכע־עס־איז שייכות צו חסידות, מוז וו׳ערען דערשטוינט און ממש דערשיטערט פון דעם אַרט שרייבען און קלות־ראש׳דיגער באַציאונג וואָס קומט אַרויס אין די דאָזיגע באַשרייבונגען, וועגען אַזאַ אדם גדול וקדוש ווי דער קאָצקער רבי זכרונו לברכה וזכותו יגן עלינו.

מיר זיינען דאָ נישט אימשטאַנד זיך אָפּצושטעלען און דערמאָנען וואָס דאָרט ווערט אַלץ געשריבען אין די אַרטיקלען, וועגען דעם גרויסען און הייליגען מנהיג החסידות פון פוילען, ווייל מיר קאָנען זיך, נאַטירליך, נישט דערלויבען נאָכאַמאָל אַרויסצוברענגען אין דער עפענטליכקייט און נאָכזאָגען די אַלע דברי בלע וטפשות וואָס אין זיי ווערט צוגעשריבען צו אָט דעם פאַרהייליגטען גאון וצדיק פון קאָצק.

מיר זיינען זיך אויך ניט מתכוון מיט די איצטיגע שורות זיך אָנצונעמען פאַר׳ן נאָמען און כבוד פון קאָצק, וואָס מען פרובירט מחלל זיין דורך אַזעלכע אויסגעטראַכטע באַשרייבונגען, וועלכע האָבען ניט קיין אָנריר מיט׳ן אמת. אונגער האָט דאָ גענוצט זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס, ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאָר חסידות און חסיד׳ישע מנהיגים... און ער האָט אויך גענוצט מקורים פון פרייע, מאָדערנע אידישע שרייבער, וועלכע האָבען ניט די מינדעסטע ידיעה, און נישט די מינדעסטע באַציאונג צו דער גרויסער און השפעה־רייכער חסידות־באַוועגונג — פונ׳ם בעל־שם־טוב זצ״ל ביז היינט — וועלכע האָט מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה באַרייכערט, געשטאַרקט און באַפעסטיגט דאָס אידיש־רעליגיעזע לעבען אין די לעצטע דורות.

מיר האַלטען אָבער יאָ פאַר נויטיג און פאַר אונזער חוב, אויסצודריקען אונזער מיינונג און אונזער פאַרדרוס איבער דער אונערהערטקייט און אומפאַרצייליכקייט פאַר אַ אידישען שרייבער און פאַר אַ אידישע צייטונג צו צוגיין צו אַ דבר שבקדושה, און צו אַן אדם גדול וקדוש, מיט אַזאַ גרינגשעצונג און מיט אַזעלכע שונדיסטישע סיפּורים וועלכע נאָר אַ קראַנקער מוח קאָן זיי צוטראַכטען.

קאָצק שטעלט מיט זיך פאָר: גרויסע השגות, שאַרפען מוח, טיף־פילענד האַרץ און הייליגע נשמה; קאָצק סימבאָליזירט מיט זיך: פאַרלאַנג פון ריינעם אמת־לאמיתו, קדושה׳דיגע עבודת הבורא און כסדר׳דיגע שטרעבונג צו הימלישע הויכקייטען; קאָצק באַווייזט און לערנט צו וואָס פאַר אַ גרויסע מדרגות און השגות אַ בשר ודם דאַרף און קאָן זיך דערשלאָגען, ביים פּורש זיין זיך מהבלי העולם און זיך מתדבק זיין בקונו יתברך.

דער רבי פון קאָצק איז געווען דער גרעסטער תלמיד פון פּשיסכע און זיין יורש; ער איז געווען דער רבי פונ׳ם בעל „חידושי הרי״ם״ און אַנדערע הונדערטער רביים, גדולי תורה, וגדולי החסידות; ער איז געווען דער געהייליגטער מנהיג פון אלפים ורבבות

חסידים, שאַרפע קעפ און גרויסע מוחות, בעלי־מדרגות ואנשי מעשה, גבורי רוח ואנשי מדע, וועלכע האָבן געזוכט און געשטרעבט צו עפּעס העכערס און הימלישעס.

דער קאָצקער רבי זצ״ל איז פאַררעכענט צווישען די גרעסטע און געהויבענסטע מענשען, וואָס דאָס חסידות האָט בכלל פון זיך אַרויסגעבראַכט. זיין גאונות און קדושה איז אין לשער. מען האָט אַליין געדאַרפט זיין אין זעהר גרויסע מדרגות, בכדי צו קאָנען האָבען אַ השגה אין זיין גדלות, קדושה וטהרה. זיין אײדעם, דער באַרימטער גאון פון סאָכאַטשאָוו זצ״ל, זאָגט אין זיין „אגלי טל״, אַז דעם דרך־הלימוד אפילו אין נגלה האָט ער געלערנט פון זיין שווער און רבי׳ן. דער קאָצקער רבי ווערט דערמאָנט מיט ציטער און חרדת־קודש ביי אַלע ערליכע אידען, ווייל אין עולם החסידות איז ער דער קודש קדשים, וואָס כולם רועדים לשמו ולזכרו.

קאָצק האָט געצונדען אידישע הערצער, געלייטערט אידישע מחשבות און געהויבען אידישע נשמות צו אַלע הויכקייטען פון עבודת השם בקדושה ובטהרה, ובלי שום נגיעה עצמית, נאָר בלתי לד׳ לבדו. דאָרט אין טאָמאַשאָוו און אין קאָצק איז אויפגעגאַנגען אַ פייער, אַן אש קודש, וואָס האָט אויפגעפלאַמט מיט אַזאַ פלאַקער וואָס האָט באַלויכטען, דערוואַרעמט און אָנגעצונדען די וועלט און מענשען אַרום זיך. ווי עס האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט רבנו הקדוש מגור זצ״ל, אין אַ מסיבה, וואָס האָט געשמועסט וועגען קאָצקער רבי׳ן, האָט ער געגעבען אַ זאָג: „קאָצק? אין קאָצק האָט געברענט אַ פייער . . .

זאָל זיין הייליגער נאָמען דערמאָנט ווערען צו די הונדערט יאָר פון זיין הסתלקות, צו חיזוק התורה ויהדות, צו יראת שמים ועבודת השם, און צו שטרעבונג צו אַ העכערן און ריינערן אידיש תורה־לעבען. און זיין גרויסער זכות זאָל מגין זיין עלינו ועל כל ישראל.

(דער מאָרגען זשורנאַל י״ט אדר א׳ תשי״ט)

הקדוש ר׳ אלכסנדר זושא פרידמאַן ז״ל

אלכסנדר זושא פרידמאַן איז טויט. ערשט ענדע דעם זומער האָבען מיר דערהאַלטען אַ ידיעה וועגען אים. אַ ידיעה אַ גענוג טרויעריגע און פינסטערע, אָבער דאָך האַלב־וועגענס אַ לעבעדיגע:

„א. ז. פרידמאַן לעבט און געפינט זיך אין אַן אַרבייטס־לאַגער, עס איז פאַרהאַן האָפנונג אים אַרויסצוראַטעווען. ער איז דער איינציג לעבען־געבליבענער פון זיין משפחה. זיין פרוי און איינציג טעכטערל זענען דערמאָרדעט געוואָרען אין דער וואַרשעווער געטאָ״.

איצט איז אָנגעקומען — דורך אונטערערדישע קוואַלען — די שרעקליכע ידיעה, אַז אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער הינטער לובלין איז אויך ער א. ז. פרידמאַן דערמאָרדעט געוואָרען דורך די דייטשע קאַניבאַלען.

שרייבען וועגען איהם? שרייבען וועגען א. ז. פרידמאַן דעם למדן און חסיד, דעם בעל מוסר און בעל מדות. דעם וואונדערבאַרען רעדנער און שרייבער. דעם טעאָרעטיקער און אידעאָלאָג, און פאַר אַלעם און איבער אַלעם א. ז. פרידמאַן דער אַגודיסט, דער וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט דעם הייליגען אגודה־רעיון, דער וואָס האָט אַוועקגעגעבען אַלע זיינע כחות, טאַלאַנטען און פעהיגקייטען פאַר דער פאַרשטאַרקונג און ענטוויקלונג פון דער אגודת־ישראל באַוועגונג, אין אַלע איהרע אָפּצווייגונגען.

זיכער ווילט זיך און עס איז פאַרהאַן וואָס צו שרייבען. יאָ, גאַנצע אָפּהאַנד־לונגען קען מען וועגען איהם און זיינע רוהמפולע מעשים אָנשרייבען.

אָבער צי קען מען דען איצט דאָס טאָן? איצט ווען מיר שטייען אין מיטען דער אונפאַרגלייכליכער, שרעקליכער שריפה וואָס האָט אַרומגעכאַפּט כמעט דעם גאַנצען בית ישראל?

זיכער ווילט זיך און עס רייסט זיך צו באַוויינען אַזאַ גרויסע פירענדע פּערזענ־ליכקייט און אַזאַ טייערען, לאַנגיעריגען און איבערגעגעבענעם פריינד, מיט וועמען דו ביזט געווען אַזוי ענג פאַרבונדען העכער צוויי צענדליג יאָרען, סיי פּערזענליך און סיי געזעלשאַפטליך.

אָבער צי קען מען זיך אַפילו אַזאַ „לוקסוס״ ווי טרויערן און באַוויינען, פאַרגינען איצט ווען ער איז נאָר איינער פון מיליאָנען קדושים וועלכע קומען כסדר אום דורך די מענשען־פרעסערישע שונאים, וועלכע האָבען זיך פאַרמאָסטען להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן, טף ונשים. קען מען דען אין איצטיגען שוידערליכען מאָמענט קריעה רייסען אויף אַ יחיד, אַפילו אַ גאָר וויכטיגען, ווען אַלע אונזערע מלבושים זענען בלויז קריעה־ריסען אויף כל קרובינו ובשרינו, אויף אַלע אונזערע נאָנסטע און ליעבסטע, און אויף גאַנצען אייראָפּעאישען אידענטום??

ניין, ניט שרייבען וועגען איהם און אפילו ניט באַוויינען זיין מות קדושים וויל איך דאָ מיט מיינע שורות. נאָר בלויז פאַרצייכענען, אַז צווישען יענע מיליאָנען אידישע קרבנות, וואָס מיר האָבען מקריב געווען אויפן פינסטערען און בלוטיגען היטלער־מזבח, געפינט זיך שוין אויך אונזער ליעבער און טייערער אלכסנדר זושא פרידמאַן.

און צווישען די מיליאָנען טרעהרען, וועלכע גיסען זיך פון אונזערע אויגען, אויף אונזער אייגענעם פערזענליכען חורבן, אויפ'ן חורבן פונם פוילישען אידענטום, און אויפ'ן חורבן כל בית ישראל, זאָל כאָטש איין טרעהר פאַלען אויף דעם קבר פון אונזער אונפאַרגעסליכען אגודת־ישראל חבר און פיהרער.

ביזט דו, טייערער אלכסנדר זושא, כאָטש צו קבר ישראל געקומען ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ד' ינקום דמו ודם כל עבדיו השפוך.

(„אָרטאָדאָקסישע טריבונע" ניסן תש"ד)

ר׳ מרדכי דובין —
דער מארטירער פון דער אגודה

לעצטענס איז געקומען די ידיעה אַז ר׳ מרדכי דובין וועלכער געפינט זיך אין סאָוויעטישען גלות זינט 1940, איז ווידער אַרעסטירט און פאַר׳משפט געוואָרען צו 15 יאָהר טורמע.

אין דער אידישער וועלט איז דער נאָמען מרדכי דובין אַ גוט באַקאַנטער, און ביי אָרטאָדאָקסישע אידען איז ר׳ מרדכי דובין איינער פון די חשוב׳סטע עסקנים און פיהרער וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען געווידמעט פאַר חזוק התורה והיהדות, און פאַר ברענגען הילף אידען אין יעדער עת צרה.

יאָהרען לאַנג איז מרדכי דובין געשטאַנען בראש פון דער אידישער קהלה אין ריגא און איז געווען דעפּוטאַט פון דעם לעטלענדישען פּאַרלאַמענט.

אין די דאָזיגע יאָהרען איז מרדכי דובין אויסגעוואַקסען צו דער געשטאַלט פון אַן אמת׳ן אידישען מנהיג, פאַר וועלכען עס האָבען געהאַט דעם טיעפסטען רעספּעקט אויך זיינע פּאָליטישע געגנער.

מרדכי דובין האָט נישט געוואוסט אין זיין לעבען און אין זיין טעטיגקייט פון קיין קאָמפּראָמיסען, ער איז געווען בלב ונפש איבערגעגעבען די אידעען פון דער אגודת ישראל, אין וועלכע ער האָט געזען די מעגליכקייט פאַר החזקת התורה והיהדות המסורתית.

פאַר אגודת ישראל האָט ער געקעמפט, מיט אגודת ישראל האָט ער געאָטעמט, ווענגען אגודת ישראל האָט ער גע׳חלומ׳ט און די געגנער פון אגודת ישראל האָט ער באַקעמפט קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטען.

אָבער גלייכצייטיג האָבען אויך זיינע פאַרביטערסטע פּאָליטישע געגנער געוואוסט, אַז ווען זיי געפינען זיך אין אַן עת צרה, דאַמאָלס האָבען זיי נאָר איין אַדרעס, דער אַדרעס פון מרדכי דובין.

מרדכי דובין האָט געהאָלפען יעדען איד, און ביי הילף האָט ער נישט געמאַכט קיין אונטערשיד פון איד צו איד און פון מענש צו מענש, פאַר יעדען נויט-ליידענדען זענען געווען אָפען זיין הויז און זיין גרויס אידיש האַרץ.

* * *

ווען די סאָוויעטען האָבען אין יאָהר 1940 איינגענומען לעטלאַנד האָבען אפילו די אידישע קאָמוניסטען אין ריגא ניט געהאַט די העזה אָנצוריהרען מרדכי דובין, נאָר פון איהם געפאָדערט אָפּצוזאָגען זיך פון געזעלשאַפטליכע אַרבייט לטובת אגודת ישראל און תורה אידישקייט.

מרדכי דובין האָט געוואוסט וואָס איהם ערוואַרט און דאָך האָט ער געענפערט:
איך קען אייער פאָדערונג ניט אָננעהמען, ווייל אָהן מיין אַרבייט פאַר אידישקייט האָט דאָס לעבען פאַר מיר קיין זין נישט.

עטליכע חדשים האָבען די קאָמוניסטען אין ריגא געלאָזט דובינ׳ען אויף דער פריי. זיי האָבען ניט געוואָגט צו לייגען זייערע הענט אויף דעם מענש, וועלכער האָט פיעל פון זיי געראַטעוועט דאָס לעבען אין דער צייט פון מיקוני׳ס דיקטאַטור אין לעטלאַנד.

און מרדכי דובין האָט ווייטער געטהאָן זיין אַרבייט, ער האָט געטהאָן מעהר נאָך ווי אין פריהערדיגע יאָהרען. דורך מרדכי דובינ׳ס הילף זענען הונדערטער ישיבה־לייט, רבנים און סתם אידען געראַטעוועט געוואָרען און באַקומען די מעגליכקייט אַרויס־צופאָהרען קיין אויסלאַנד, אַ טייל קיין אַמעריקאַ און אַ טייל קיין ארץ ישראל. מרדכי דובינ׳ס שטוב איז אין די דאָזיגע חדשים געווען איבערפילט טאָג און נאַכט פון פאַר־צווייפעלטע אידען וואָס האָבען אין איהם געזעהן זייער איינציגע רעטונג.

די פריינד און פאַמיליע האָבען איהם געוואָרענט צו זיין פאָרזיכטיג. מרדכי דובין האָט אָבער אויף אַלע וואָרנונגען געהאַט איין ענטפער: איך מוז ראַטעווען און העלפען.

* * *

ענדליך איז עס געשעהען. אין אַ געוויסער נאַכט איז זיין הויז אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט ענקאַוועדיסטען און מרדכי דובין איז פאַרשיקט געוואָרען קיין רוסלאַנד.
העכער אַ יאָהר צייט האָבען מיר, זיינע חברים און פריינד, אָנגענומען אַלע מעג־ליכע השתדלות׳ן, אָבער לײדער איז אונז אַפילו ניט געלונגען זיך צו דערוויסען וואו מרדכי דובין געפינט זיך.

מרדכי דובין איז אַ חוץ אגודה פיהרער געווען אויך איינער פון די נאָהענטסטע מקורבים פון ליובאַוויטשער רבי׳ן. אין די ערשטע יאָהרען נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז דובין געווען דער וואָס האָט געהאָלפען אַרויסראַטעווען דעם ליובאַ־וויטשער רבי׳ן שליט״א פון רוסלאַנד און אין דער צווייטער מלחמה האָבען זיך די ראָלען געטוישט. דער ליובאַוויטשער רבי אין אַמעריקע האָט נישט גערוהט וועלענדיג ראַטעווען זיין חסיד און פריינד, אָבער לײדער אָהן רעזולטאַטען.

ערשט אַ צייט נאָכ׳ן אויסברוך פון דעם דייטש־רוסישען קריג, ווען ליבעראַלע ווינטען האָבען גענומען וועהען איבער די רוסישע סטעפּעס איז אויך מרדכי דובין צווישען פיל אַנדערע געוואָרען באַפרייט און מיר האָבען דערהאַלטען די גוטע ידיעה, אַז ער לעבט און געפינט זיך אין קוביעשאָוו.

לײדער האָט זיך ווייטער נישט איינגעגעבען צו באַקומען פאַר מרדכי דובינ׳ען די ערלויבעניש צו פאַרלאָזען דעם סאָוויעטישען „גן־עדן״. אָבער מיר זענען געווען גליקליך מיט זיין באַפרייאונג און געהאָפט אַז דאָס מאָל וועט מען שוין לאָזען צורוה דעם קראַנקען און צובראָכענעם איד, וועמענס גאַנצע משפחה איז אומגעקומען דורך די הענט פון די בלוטיגע נאַצים.

מיר האָבען געוואוסט אַז מרדכי דובין איז קראַנק געוואָרען אין די סאָוויעטישע תפיסות, אַז ער האָט נישט קיין שום מעגליכקייט פאַר וועלכע־עס־איז געזעלשאַפטליכע אַרבייט, און מיר האָבען געהאַט אַ רעכט צו טראַכטען אַז דער דאָזיגער איד וואָס זיצט היינט יומם ולילה על תורה ועל עבודה וועט נישט זיין געפעהרליך פאַר... סטאַלינ׳ס רעזשים.

לײדער האָבען מיר אויך דאָ אַ טעות געהאַט. צו 15 יאָהר קאַטאָרגע איז ווידער

פאַר'משפט געוואָרען אַ איד וואָס זיין גאַנץ לעבען איז געווען קודש פאַר העלפען מענשען אין זייערע ליידען און לינדערען זייער נויט.

* * *

מיר ווייסען נישט אין וואָס באַשטעהען די „חטאים" פון מרדכי דובין, אָבער איין זאַך ווייסען מיר: מיר טאָרען ניט רוהען. די גאַנצע עפענטליכע מיינונג אין אַמעריקאַ מוז אויפגעשטורעמט ווערען. אַזאַ פאַרברעך געגען אַן אומשולדיגען מענש טאָר נישט פאַרשוויגען ווערען. אָט שטורעמט איצט אַמעריקאַ געגען דעם משפט פון דעם בודאַ־פעסטער קאַרדינאַל. פאַר וואָס זאָלען מיר שווייגען, ווען דער אַזוי אויסגעפייניגטער אידישער מנהיג ר' מרדכי דובין שמאַכט אומשולדיג אין די סאָוויעטישע תפיסות?

מרדכי דובין, דער מסירת־נפש'דיגער איד, און דער מארטירער פון רעליגיעזען אידענטום, מוז באַפרייט ווערען.

(ד. א. וו. כ"ו שבט, תש"ט)

שוויגען...

(צו דער ערשטער יאָרצייט פון ר׳ אלי׳ קירשבראָון ע״ה)

צווישען אַלע אַנדערע פריינד און פאַרערער ווילט זיך אויך באַטייליגען מיט עטליכע שורות אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע געווידמעט דעם אַזוי־פרי פאַרשטאָר־בענעם ר׳ אלי׳ קירשבראָון ז״ל.

איז מען דאָך געשטאַנען במשך אַנדערטהאַלבען צענדליג יאָרען אַזוי נאָענט צום נפטר און זיינע אַרבייטען. בפרט נאָך פאַר איינעם וואָס איז אין די לעצטע יאָרען מיט אים געוועזען אַזוי שטאַרק פּערזענליך באַפריינדעט און — כמעט פאַמיליאַריש — נאָענט.

און שרייבען איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל וועגען זיין געהויבענע פּערזענליכקייט, און גלייכצייטיג וועגען זיינע פילע און גרויסע לייסטונגען.

עס ווילט זיך שרייבען וועגען קירשבראָון דעם געזעלשאַפטען טוער, וואָס האָט במשך די לעצטע 20 יאָר פאַרנומען ביי אונזער יעדער כלל־אַרבייט דעם אויבענאָן. מען האָט זיך פשוט ניט געקאָנט פאָרשטעלען קיין אסיפה, קיין גרעסערע באַראַטונג וועגען כלל־ישראל ענינים, אין וועלכער ער זאָל זיך ניט באַטייליגען און אין איר אַקטיוו אַנטייל נעמען; וועגען קירשבראָון דעם פּאָליטיקער און אידישער שטאַטס־מאַן, וועגען זיינע באַמיאונגען, לייסטונגען און ערפאָלגען אין דעם אַזוי־שווערען און גערעכטען קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און פאַקטישער גלייכבאַרעכטיגונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פוילען; וועגען קירשבראָון דעם שטאָלצען און מוטיגען אידישען פאַרלאַמענטאַריער וואָס האָט אָבער גלייכצייטיג פאַרמאָגט דעם געהעריגען טאַקט, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ געוואָלדיגע פּאָפּולאַריטעט אין דער אידישער ווי ניט־אידישער וועלט; און אפשר גאָר שרייבען וועגען קירשבראָון דעם פּאָליטישען אגודת ישראל פירער, וועלכער האָט — מיט זיין שטאַרקער פּערזענליכקייט, טאַקט און אייזערנער עקשנות — די אגודת ישראל פּאָליטיש אויפגעשטעלט און אויפגעבויט, צו דעם היינטיגען גרויסען פּאָליטישען כח און פאַקטאָר, אַז מען קאָן זיך היינט־צו־טאָג מער ניט פאָרשטעלען קיין שום געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע אַקציע, וואָס זאָל קאָנען רעכענען אויף ערפאָלג, אויב די אגודת ישראל איז אין איר ניט מיטבאַטייליגט.

און אפשר גאָר שרייבען וועגען אלי׳ קירשבראָון דעם אגודה־עסקן, דעם „הונדערט פּראָצענטיגען אגודיסט״, וועלכער איז געוועזען איבערגעגעבען בלב ובנפש דעם גרויסען און הייליגען אגודה־רעיון; וועלכער האָט דעם אגודיזם נישט באַהאַלטען, נאָר פאַרקערט, געטראָגען אים אָפען, אויפריכטיג, מוטיג און שטאָלץ, כלפי פנים און כלפי חוץ, אפילו דאָן ווען „לפני מלכים יתייצב״.

* * *

יאָ, עס וואָלט זיך געוואָלט וועגען דעם אַלעם אויספירליך שרייבען. און אויך וועגען קירשבראָון דעם ירא ושלם און מאמין, וואָס נישט קוקענדיג אויף זיין אויפשטייג און זיין גרויסער אָנגעזעהנער געזעלשאַפטליכער שטעלונג, איז ער פול געוועזען מיט אמונת

ד׳ און אמונת חכמים; וועלכער איז — טראָץ זיין שטאַרקען כאַראַקטער — ממש בטל געוואָרען פאַר אַ וואָרט וואָס איז געקומען מצד גדולי תורה. זייערס אַ וואָרט, זייערס אַ תנועה, איז געווען פאַר אים פשוט אַ געזעץ, אַ פסק וואָס איז דעצידירענד אפילו אין ריין־פּאָליטישע ענינים. האָט ער דאָך ניט דעצידירט אין קיין שום וויכטיג ענין, איידער ער האָט זיך באַראַטען מיט זיין רבי׳ן הגאון והצדיק ר׳ נפתלי וויערושאווער זצ״ל.

עס וואָלט זיך אויך געוואָלט כאָטש עטליכע ווערטער ווידמען דעם פּריוואַטען אלי׳ קירשבראון ביי זיך אין שטוב, אין זיינע אייגענע אָפּגעשלאָסענע ד׳ אמות. דעם האַרציגען און אמת־פרומען איד. דעם קנאי פאַר שטוב־אידישקייט. די גרויסע כחות און געלד־הוצאות וואָס ער האָט פאַרוועגדעט פאַר דער ערציאונג פון זיינע קינדער, וואָס וועגען דעם קאָנען עדות זאָגען די וועלכע זענען געווען מיט אים אַזוי נאָענט ווי דער שרייבער פון די שורות.

עס ווילט זיך, און עס איז באמת פאַראַנען אַזוי פיל צו שרייבען וועגען דעם גרויסען איד, עסקן און מענש, און וועגען אַלע זיינע רומרייכע מעשים און דערגרייכונגען.

אָבער ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס אַלעס ווערט געזאָגט וועגען אונזער ליבען און טייערען ר׳ אלי׳ קירשבראון שוין אַלס נפטר; ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דער אגודה׳שער „אייזערנער קאַנצלער״, איז שוין ניט פאַראַן מער צווישען אונז; — און אַז אויף אייביג אייביג, איז ליידיג געוואָרען ביי אונז דאָס אָרט פונם שטאַרקסטען און מוטיגסטען טוער; אַז אָט דער שפּרודעלדיגער אייביג־ברויזענדער לוחם לשם־שמים לעבט שוין נישט; און ווען עס דערמאָנט זיך נאָך, אַז אַזוי יונג, סך־הכל אין 49־טען געבענס־יאָר, איז ער פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען.

איז דאַריבער ווען מיר דערמאָנען זיך אין אָט דעם אַלעם, — פאַלט די פעדער פון דער האַנד. עס פעהלען אויס די ווערטער וואָס זאָלען זיין בכוח אויסצודריקען אונזער גרויסען צער און טיפען ווייטאָג. עס פעהלען אויס ווערטער, וואָס זאָלען קאָנען שילדערען דאָס וואָס מיר פילען ווען מען דערמאָנט זיך, אַז שוין נישטאָ אין אונזערע רייען דער העלדישער פירער פון אונזער תורה־מחנה ר׳ אלי׳ קירשבראון ז״ל.

קאָן דען ווער פון אונז אָפּשאַצען, ווען נישט דער גרויזאַמער טויט זיינער, וויפיל לייסטונגען און גרויסע שאַפונגען וואָלט דאָס פוילישע אידענטום, און דאָס רעליגיעזע אידענטום בפרט, געקאָנט ערוואַרטען פון אָט דעם גרויסען איד און מסירת נפש׳דיגען עסקן.

* * *

צופיל באַוויינען מיר דעם פאַרלוסט פון דעם באַרימטען עוסק בצרכי צבור באמונה, מיט זיין פריצייטיגער פטירה. בפרט אין דער יעצטיגער שווערער צייט פאַר אידען אין פוילען, אַז מען זאָל עס קאָנען אַרויסגעבען אין ווערטער.

איך וועל דאַריבער אויסדריקען מיינע אינערליכע טיף־ווייטאָגליכע געפילען נישט מיט ווערטער נאָר מיט שטיל־שווייגען.

אין טאָג פון דער ערשטער יאָרצייט פון אונזער אומפאַרגעסליכען מנהיג, און מיין האַרציגען פריינד, ר׳ אלי׳ קירשבראון ז״ל, וויל איך אין טיפען טרויער, — שווייגען.

(„אָרטאָדאָקסישע יוגענד בלעטער״ ווארשא, אדר ב׳ תרצ״ב)

דערקלערונג וועגען דר. יעקב ישראל דע האן

באמערקונג פון רעדאקציע:

דער שרייבער פון דער דערקלערונג, הרב ב. ז. הענדלעס, איז א פירענדע פיגור אין אמע־ריקאנער אגודת ישראל און איז געווען גוט באקאנט אין אגודה קרייזען אין אייראפע. זינט תדהר׳ס ארטיקלען וועגען דע האנ׳ען זיינען דערשינען, האבען מיר דערהאלטען צענדלי־בריף, וואס טייל פון זיי באַרעכטיגען תדהר׳ס באשרייבונגען און טייל דריקען זיך אויס צארענדיג דאגעגען. מיר האלטען, אז עס וואלט ניט געהאט קיין זין צו דרוקען די בריף כאטש זיי וואלטען געגעבען א באגריף ווי אזוי מען פילט וועגען דעם ענין. מיר מאכען אבער אן אויסנאם מיט הרב הענדלעס צושריפט, ניט נאר צוליב דער חשיבות פון דער פערזאן, נאר ווייל מיר האלטען, אז ער דריקט אויס ווי אזוי מ׳פילט וועגען דעם אין אגודת־ישראל קרייזען.

(מארגען־זשורנאל)

לעצטענס האט דער „מארגען־זשורנאל״ פארעפענטליכט ארטיקלען פון דוד תדהר, וועלכע האבען ארויסגערופען פארדרוס אין קרייזען פון רעליגיעזע אידען.

תדהר האט זיך דערלויבט ארויסצוקומען מיט שילדערונגען וועגען לעבען און טויט פון בארימטען פראפעסאר דר. יעקב ישראל דע־האן, וועלכער איז אומגעקומען מיט 28 יאר צוריק, דורך א מערדערישער האנט אין ירושלים עיר הקודש.

מילא, אז תדהר האט געוואגט אזוי צו שרייבען וועגען א נפטר קרוב 30 יאר נאך זיין טויט, אוועקצושטעלען זיין פערזאן און זיינע גאנצע טעטיגקייט אין די פינסטערסטע פארבען, און ממש באַרעכטיגען זיין דערמארדונג, שטימט עס מן הסתם מיט זיין פאלי־טיישער מאראל און עטיק. אבער דער „מארגען־זשורנאל״ זאל געבען פלאץ פאר אזעלכע באשרייבצען, איז אומפארשטענדליך.

מיר ווילען דא ניט פאלעמיזירען מיט תדהר׳ן, און מיר האבען זיכער ניט בדעה צו פירען מיט אים וויכוחים וועגען דער אידעאלאגיע און פאליסיס פון דער אגודת ישראל אין ארץ ישראל מיט 30 יאר צוריק, אונטער דער פירערשאפט פונם וועלט־בארימטען גאון וצדיק הרב יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל, וועלכער איז געשטאנען בראש פון דער אגודת ישראל אין ארץ ישראל, און אין וועמענס נאמען און השפעה דר. דע האן האט דאמאלט געארבייט און געווירקט.

עס איז זיכער ניט לייכט, און דא איז ניט דער פלאץ אויפצואוויקלען נאך 30 יאר, די גאנצע געשיכטע פון דעם אזוי־טראגישען אינצידענט און שוידערליכען מארד. מיר ווילען נאר מאכען עטליכע באמערקונגען און פעסטשטעלונגען למען האמת, און למען אפצואוארפען תדהר׳ס פאלשע און שענדליכע באהויפטונגען.

1) דר. דע האן איז געווען א גאר גרויסע פערזענליכקייט און א בארימטער נאמען אין דער גאנצער אייראפעאישער אינטעלעקטועלער וועלט.

2) דר. דע האן איז געווען, לעבענדיג אין האלאנד, א גאנץ פרייער איד, און גארנישט געוואוסט פון אמת׳ער אידישקייט, ממש א תינוק שנשבה... אבער ליידער איז דאס ניט געווען קיין צו־גרויסער חטא ביי דער חפשיות׳דיגער ציוניסטישער פירער־שאפט, ווי א גרויסער טייל פון זיינע מנהיגים זיינען דאס געווען און זיינען נאך איצט.

און דאָס שטערט זיי אַבסאָלוט נישט צו ווערען פאַרעכענט אַלס נאַציאָנאַלע פירער און משוררי האומה.

3) נאָכן באַזעצען זיך פון דר. דע האַן אין ארץ ישראל, האָט ער זיך אָפּגע־שאָקעלט פון זיין ניט־רעליגיעזער פאַרגאַנגענהייט, פון זיין אַמאָליגען קרייז און פאַמיליע, און זיך דערנענטערט צום פרומען ישוב.

4) נאָך דעם ווי ער האָט זיך נאָנט באַקענט מיט דעם גרויסען גאון הרב זאָנענפעלד, איז דע האַן געוואָרען אַ פולשטענדיגער בעל תשובה. אַ פרומער ערליכער איד, וואָס האָט זיינע יאָרען פאַרבראַכט אין תשובה, תורה ועבודה.

5) אַלס בעל תשובה גמור איז פאַרשטענדליך, אַז דר. דע האַן האָט זיך ניט באַגנוגענט מיט די מזרחי קרייזען, נאָר געפונען זיין פּלאַץ אין די רייען פון תורה׳דיגער אומאָפּהענגיקייט און זעלבסטשטענדיקייט, אין די רייען פון אגודת ישראל.

6) אַז דע האַן איז געוואָרען אַן עכטער בעל־תשובה, איז געענוג דאָס עדות זאָגען פון דעם באַרימטען ירושלים׳ער גדול הדור ר׳ יוסף חיים זאָנענפעלד, וועלכער האָט אים מכניס געווען תחת כנפי השכינה און אים מקרב געווען בכל מיני התקרבות, ממש ווי אַ בן־בית, און האָט אים גענוצט אַלס שליח נאמן פאַר אַלע ענינים פון דער דאַמאָלסדיגער עדה־החרדית אין ירושלים.

7) דר. דע האַן אַלס איינער פון די טאַלאַנטפולסטע אידישע פּאָליטיקער און שטאַטס־מענער, האָט מיט גרויס אייפער און עקשנות, געקעמפט און פאַרטיידיגט די שטעלונג און אינטערעסען פון די תורה קרייזען און פונ׳ם אַלטען ישוב אין ארץ ישראל.

יעקב ישראל דע האַן, איז געווען אַ קרבן פון זיין ערליכקייט און פּאָליטישער געוואַגטקייט. מיט דרייסיג יאָר צוריק, ווען די אָפיציעלע ציוניסטישע פּאָליטיק איז געווען פאַרבלענדט דורך אַ פאַלשער און קורצזיכטיגער פּאָליטיק פון איגנאָרירען די אַראַבער און זיך אָנשפּאַרען אויף די הבטחות פון די ענגלישע קאָלאָניאַל־באַאַמטע, האָט דע האַן געערופען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט די אַראַבער, און געהאַט דעם מוט אָנצוהויבען פאַרהאַנדלונגען מיט פאַראַנטוואָרטליכע אַראַבישע פירער, לטובת דעם אידישען ארץ ישראל.

8) דער שענדליכער און ברוטאַלער מאָרד פון דע האַן, בעת ער איז אַרויס פון שוהל נאָך מנחה מעריב, איז ליידער אויסגעפירט געוואָרען דורך אַ אידישער האַנט פון ארץ־ישראל׳דיגע בריונים (מ׳האָט אין ישוב אפילו געוואוסט דעם נאָמען פון רוצח), ווענען עס איז ניט געפעלען דער קאַמף פון דעם ישוב החרדי, מיט הרב זאָנענפעלד בראש, געגען די חפשיות׳דיגע פירונגען און חילולי־הדת פון גרויסע טיילען פון די ניי־אָנגעקומענע חלוצים, און געגען דער אַפּוטרופּסות פון ניט־רעליגיעזע עלעמענטען איבער ארץ הקדושה.

9) דער מאָרד פון קדוש ר׳ יעקב ישראל דע האַן ז״ל, האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע אויפרעגונג אין דער גאַנצער אידישער רעליגיעזער וועלט, וויסענדיג אַז ער איז געפאַלען אַלס קרבן און אַלס שליח פאַר׳ן קאַמף פון יהדות החרדית אין אונזער הייליג לאַנד.

תדהר, וועלכער איז אפשר אַן עקספערט אין פּאָליצייאישע ענינים, קען ער זיך אָנגיין מיט באַשרייבען זיינע אויסגעטראַכטע דעטעקטיוו־מעשיות. אָבער עס איז אונער־הערט צו געבען אים פּלאַץ און געלעגענהייט פאַר אַזעלכע פאַלשע פעסטשטעלונגען

אויף אַ גרויסער פּערזענליכקייט און אמת'ן בעל תשובה, וועלכער האָט זיך זיינע לעצטע יאָרען פאַרבונדען מיט'ן יהדות החרדית, מיט דער אגודת ישראל, און מיט איר מנהיג דעם גאון וקדוש הרב זאָנענפעלד זצ"ל, דער לאַנגיעריקער רב און אַב בית דין פון דער עדה החרדית אין דער הייליגער שטאָט ירושלים.

דאָס רעליגיעזע אידענטום אין ארץ ישראל, ווי אין דער גאַנצער וועלט, וואַרפט צוריק אַזעלכע פאַלשע און שענדליכע באַשולדיגונגען ווי תדהר מאַכט געגען דעם נפטר. דער נאָמען פון אַזוי־טראַגיש אומגעקומענעם ר' יעקב ישראל דע האַן ז"ל, וועט זיכער ניט געמינערט ווערען דורך דעם. זיין לעבען און טויט איז געווען פאַרבונדען מיט באַמיאונגען, קאַמף, און מסירת־נפש'דיגע אַרבייט פאַר אַ תורה־לעבען פון כלל ישראל און פון ארץ ישראל. יהי זכרו ברוך.

(„מאָרגען זשורנאַל", 4.6.1952, י"א ניסן, תשי"ב)

דר. יעקב ישראל דע האן ז״ל

(צווייטע דערקלערונג)

בעת מיר האָבען פאַרעפענטליכט אונזער אַרטיקעל („מאָרגען זשורנאַל״ אפּריל 6), אַלס ענטפער צו דוד תדהר, אויף זיינע אַרטיקלען וועגען אומגעבראַכטען ד״ר. דע האַן ז״ל, האָבען מיר עס געטאָן זעהר ניט גערן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דערמיט איז דער וויטאָגליכער ענין דערליידיגט, און מען וועט זיך ניט דאַרפען דערצו נאָך אַמאָל אומקערען.

אַזוי האָבען מיר אויך געהאַט דעם איינדרוק פון מר. ד. ל. מעקלער, רעדאַקטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל״, אין אַ פּערזענליכען שמועס מיט אונז.

עס האָט אונז דעריבער געוואונדערט, וואָס אין „מאָרגען זשורנאַל״ האָט זיך ווידער באַוויזען אַ נייער אַרטיקעל פון מר. תדהר, אַלס ענטפער אויף מיין דערקלערונג.

מיר האָבען שוין אין אונזער ערשטער ערקלערונג געשריבען, אַז מיר האָבען ניט בדעה צו פּאָלעמיזירען מיט מר. תדהר׳ן וועגען דער אידעאָלאָגיע פון דער אגודת ישראל אין ארץ ישראל, מיט צענדליגער יאָהרען צוריק, אין איר קאַמף פאַר אַ תורה׳דיג און הייליג ארץ ישראל. און מיר וועלען עס אויך איצט ניט טאָן. בראש פון דער אגודת ישראל און פון דעם ועד העיר האשכנזי, זיינען אין יענער צייט געשטאַנען אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען און תורה מנהיגים, מיט זייער רב ואב־בית־דין דעם באַרימטען גאון וצדיק הרב יוסף חיים זאָנענפעלד זצ״ל בראש. דר. דע האַן האָט זיין טעטיגקייט, לטובת דעם ישוב החרדי, געפירט אין זייער שליחות, אין זייער נאָמען און מיט זייער הסכם.

מיר זיינען געצוואונגען איצט נאָך אַמאָל, למרות רצוננו, צו נעמען אַ וואָרט אין דעם אַזוי באַדויערליכען ענין, ניט בכדי צו פאַרטיידיגען דר. דע האַנ׳ס טעטיגקייט אָדער ריינצוואַשען זיין נאָמען און זיין אומשולדיג פאַרגאָסען בלוט. מיר טוען עס, און מוזען עס טאָן, נאָר בכדי ניט צו דערלאָזען אַ בלבול המוחות וואָס תדהר׳ס כלומר־שטע ראיות און עדות קאָנען אַרויסרופען.

תדהר קומט אין זיין נייעם ענטפער מיט אַ גאַנצען פּאַק „נייע״ באַווייזען, און וויל דערמיט שאַפען דעם איינדרוק, אַז ער איז דער זאַכקענער אין דעם טראַגישען ענין.

לאָמיר, דעריבער, קודם כל פעסטשטעלען, אַז זיין גאַנץ מאַטעריאַל, קומט פון אַ פּאַמפלעט וואָס די געגנער פון דער „עדה החרדית״ אין ירושלים האָבען אָפּגעדרוקט (הוצאת „על המשמר״, ירושלים, תרפ״ה). אָט דאָס ביכעל, איז פול מיט שנאה צום חרד׳ישען ישוב.

תדהר אַנטדעקט אַ „נייע״ אַמעריקע, אַז די געגנער און פאַרביסענע שונאים פון די חרדים אַרום דעם וועד העיר האשכנזי, און אַז די רודפים פונ׳ם זעלבסטשטענדיגען בית־דין פון אַלטען ישוב מיט הגאון הרב זאָנענפעלד בראש, זאָגען, אַז דע האַן איז נישט געווען קיין בעל תשובה, און אַז זיין טעטיגקייט איז ניט געווען לטובת דעם אידישען ישוב.

זיכער זאָגען זיי אַלע אַזוי, ווי אַן איינשטודירטער כאָר. די אַלע האַלבע און גאַנצע, אָפענע און פאַרשטעלטע חפשיים, וועמענס רדיפות און העצעס האָבען גורם געווען, אַז אַ וואַנזיניגע האַנט זאָל זיך וואַגען אויפצוהויבען צום שוידערליכען מאָרד פון דר. דע האַן. און תדהר ציטירט זייערע רייד אַלס באַגלויבטע, צו שאַפען דעם איינדרוק, ווי דאָס וואָלטען געוועזען עדים כשרים ונאמנים.

זאָל דאָ, דרך אגב, דערמאָנט ווערען, אַז אין דער זעלבער אויסגאַבע געפינען זיך אויך מיינונגען פון באַוואוסטע פערזענליכקייטען ווי: צ. ב. וואַן־פריזלאַנד און דר. מ. אויערבאַך, וועלכע שרייבען גאָר גרויס וועגען דער פערזאָן פון דע האַן. אָבער זיי ציטירט תדהר ניט.

תדהר וויל ביי מיר געפינען אַ סתירה, ווי אַזוי איך קען רעדען פון אַ „גרויסער פערזענליכקייט״ און „אמת'ן בעל תשובה״, בעת איך בין מודה, אַז „דר. דע האַן וואוינענדיג אין האָלאַנד, איז געווען אַ גאַנץ פרייער איד און גאָרנישט געוואוסט פון אמת'ער אידישקייט״. פאַרשטיי איך לגמרי נישט זיין זעהן אַ סתירה אין מיינע ווערטער. יאָ, דע האַן איז געווען אַ חפשי און גאַנץ ווייט פון תורה אידישקייט, אָבער ער האָט געהאַט דעם זכות און די סייעתא דשמיא צו דערזעהן דאָס אמת'ע ליכט פון יהדות, דער מאור שבתורה און ווערען אַ בעל תשובה. איז עס דען אַזוי אומפאַר־שטענדליך? שערי תשובה לא ננעלו פאַר קיין שום מענש, אפילו פאַר'ן גרעסטען חוטא.

תדהר וויל אויך פון מיר נאָך אַ „קליינינקייט״, איך זאָל זיך מודה זיין אַז „הרב זאָנענפעלד זצ״ל, האָט פשוט ניט געוואוסט וועגען אַלע שעדליכע אַקטיוויטעטען פון דע האַן און עס איז געווען אַ פעלער וואָס ער האָט איהם מקרב געווען״. זעהט אויס, אַז תדהר ווייסט ניט ווער הרב זאָנענפעלד איז געווען. הרב זאָנענפעלד איז אויסער זיין גרויס גאונות און צדקות, אויך געווען פון די גרעסטע חכמים און טיפסטע פקחים אין אונזער דור, און אַזאַ מנהיג ישראל און גדול הדור ווי הרב זאָנענפעלד זצ״ל מאַכט ניט קיין טעותים.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז ניט אונזער כוונה דאָ צו פירען וויכוחים. מיר האַלטען אָבער יאָ פאַר אונזער חוב, אַז פרומע און ערליכע אידען אין אַמעריקע זאָלען ניט פאַרפירט ווערען. מיר ווילען דעריבער ציטירען, ווי ווייט מעגליך קורץ, אייניגע מיינונגען איבער דעם טראַגישען ענין, מצד רעליגיעזע אויטאָריטעטען אין ארץ ישראל.

נאָך ביים לעבען פון דע האַן האָט הרב זאָנענפעלד אויף איהם געזאָגט: „אַ מענש וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר דעם רעליגיעזען אידענטום״ (איש אשר מוסר נפשו בעד היהדות החרדית).

גלייך נאָך זיין אומקום איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין ירושלים דורך דעם וועד העיר האשכנזי און פון אגודת ישראל פאָלגענדע טרויער־מודעה:

„אבל כבד בירושלים! בצער עמוק ובלב פצוע ומורתח מודיעה העדה החרדית בירושלים לכל העולם היהודי את אסונה הגדול בהלקח ממנה אחד מבחירי', דגול מרבבה, רב פעלים, כליל המדעים, פרופיסור דר. יעקב ישראל די־הן ז״ל. אשר ידים מרצחות קפחו את חייו באביב ימיו על מזבח הגנתו על חופשת היהדות החרדית בארה״ק״.

דער „קול ישראל״ אין ירושלים שרייבט אין זיין אָשפּאַצונג:

„הפרופיסור הנכבד הזה שיחד עם השכלתו הגבוה ועמדתו הנשאה היה ירא

את ד' בכל נפשו, שמר אפילו דקדוק קל של דברי סופרים, סמל הטוהר והטוב החסד והרחמים".

הרב זאָנענפעלד דערהערענדיג די שרעקליכע ידיעה פון מאָרד איז געוואָרען דערשיטערט, האָט געזאָגט די ברכה פון דין אמת בשם ומלכות און קריעה געריסען (כשהודיעו למרן הגאון אב"ד זוננפלד שליט"א את דבר הרצח, עמד על רגליו ובפנים חוורים נגש אל ארון הספרים ויברך בקול רם ובהתלהבות ברכת דין האמת בשם ומלכות ויקרע את בגדיו (ק"י ב' תמוז תרפ"ד).

דער באַרימטער מנהיג פון אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין ארץ ישראל הרב משה בלוי ז"ל שרייבט אין זיינע זכרונות (על חומותיך ירושלים): „בימים הקשים ההם נמצא בע"ה גואל ליהדות החרדית בארץ ישראל הוא המנוח פרופיסור די־הן ז"ל. הוא היה בן להורים מתבוללים בבחינת תינוק שנשבה בין הנכרים. בהיותו מקורב למלכות הולנד, נוכח פעם בחצר המלכות כשאחד השרים הביע דעה קשה כלפי היהודים, הדבר פגע מאד ברגשותיו. הוא התבונן במצבו ויבן שגם הוא התרחק מהעם — ומאז נתק את קשריו עם העבר. שב לאלקים ולתורתו, והחליט לעלות לארץ ישראל. בהתכוננו לעלי' הצטרף את הסתדרות המזרחי בהולנד. הסתדרות המזרחי כבדה אותו והעריכה מאד את השתתפותו בהנהלת המזרחי המקומי. לפני צאתו לארץ ישראל סידר המזרחי בהולנד מסיבת פרידה לכבודו, והוציא מחברת מיוחדת עם מאמרים על אישיותו הגדולה, על מדותיו התרומיות, על התמסרותו לטובת היהדות וחבתו לארץ הקודש. הוא בא לארץ בתור „מזרחי" ונכנס תיכף לשרות המזרחי. בבואו לא"י הרגישה נפשו העדינה שמשהו בפעולות הציוניות אינו בסדר. הוא חקר ונודע לו גם על הרדיפות שרודפים את היהדות החרדית... והחליט להעמיד את כשרונותיו לרשות היהדות החרדית — הוא רצה כנראה לעשות דבר מה בתמורה על עברו התועה".

דער באַקאַנטער היסטאָריקער און מחנך, דר. משה אויערבאַך אין ארץ ישראל שרייבט איבער דע־האַן: „רצח קרה על אדמת הקודש, מאורע שאי אפשר להעריך את נואותיו. ואת מי פגעו חציו הרוצחים? את אחד מבחירי בני ישראל, מהיותר עדינים והיותר בעלי מרץ. ע"י הכרה פרטית ואינטימית היה הפרופיסור די־האַן קרוב אלי מאוד. די־האַן היה בעל נפש זכה וטהורה, צדקתו וישרת לבבו הן אשר משכו עליו כ"כ שנאה ואיבה. בשום פעם לא הניעה אותו תועלתו הפרטית לאיזה צד שהוא. לא קבל בעד כל עבודותיו אף פרוטה אחת. אהבה לחוקי ד' ותורתו, אהבה לעם ישראל ואהבה לארץ ישראל היו המניעים שלו".

פאַר אונז תורה אידען זיינען אָט די עדות, די עדים כשרים ונאמנים. נאָר דיערע רייד, זיינען פאַר אונז די פאַראַנטוואָרטליכע, פאַרלעסליכע און מאַסגעבענדע. מיר, גלייך ווי זיי, האַלטען דעם אומגעבראַכטען יעקב ישראל דע־האַן פאַר אַ קדוש. ער האָט זיינע לעצטע יאָהרען געלעבט מיט און פאַר תורה אידישקייט, און ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם, ווייל ער איז געווען אַ בעל תשובה גמור.

וואָלט דע־האַן ניט געוואָרען קיין בעל תשובה, וואָלט ער ניט אומגעבראַכט געוואָרען, און וואָלט זיך אויסגעלעבט אין „עושר וכבוד", געעני ווי אַלע אַנדערע פאַר'גוי'אישטע אידיש־נאַציאָנאַלע פירער. יהי זכרו ברוך.

(„מאָרגען זשורנאַל", 5.12.1952, י"ז אייר, תשי"ב)

מכתבים מגדולי ישראל

- מאת כ"ק אדמו"ר מגור זצ"ל
  בדבר התחזקות היראים וחיזוק האגודה

- מאת כ"ק אדמו"ר מגור זצ"ל
  להתחזקות היהדות החרדית באמריקה

- מאת כ"ק אדמו"ר מגור זצ"ל
  התחזקות לאחב"י פליטי חרב באירופא

- מאת הגוה"ק בעל חפץ חיים זצ"ל
  לעסקני אגודת ישראל בווארשא

בדבר רשת החינוך „חורב" בפולניא

- (א) מאת כ"ק אדמו"ר מגור זצ"ל

- (ב) מאת הגאון רבי חיים עוזר זצ"ל

- (ג) מאת הגאון רבי מנחם זעמבא זצ"ל

- (ד) מאת ועד הרבנים בווארשא

- להגאון מוהר"מ שפירא מלובלין זצ"ל
  בדבר צוואת הר"א קירשברוין ז"ל

שלשה מכתבים מכ"ק אדמו"ר מגור זצ"ל

א

בדבר התחזקות היראים וחיזוק האגודה

בעזהי"ת, א' במדבר תש"ג

עת צרה היא ליעקב שלא הי' כמוהו בישראל ואין עצה אחרת אלא התחזקות באמונה ובטחון בהשי"ת. עם ה' חזקו ונתחזקה. אם הצרות מתגברות הם חבלי משיח וצדיק באמונתו יחי'. עלינו לחזק ולהתחזק בקיום תורה ומצות בחינוך בנים ובנות בדרך התורה והמסורה ובאהבת ישראל.

במד' תנחומא אתם נצבים היום כלכם, מה היום מאפיל ומאיר אף אתם כשאפלה לכם והוא עתיד להאיר לכם אור עולם שנאמר והי' לך ה' לאור עולם, אימתי בזמן שתהי' כלכם אגודה אחת. הרבה עבודה השקעתי להתחזקות היראים באגודה אחת ביסוד וחיזוק אגודת ישראל ביחוד בפולין להרמת קרן התורה והיהדות. עכשיו שהכל חרוב עלינו להתאחד באגודת ישראל לעבוד שכם א' לחיזוק היהדות ובפרט בארה"ק. ודעתי והשקפתי נגד מפלגות אחרים הנוטות מדרך הסלולה לנו מדור דור ידוע מכבר.

ואבקש מכל אחד לסייע לאגודת ישראל הן בגופו הן בממונו, גם לעזור למפעל למען ילדי ישראל שהתחילה כדי להציל שארית הפליטה לחנכם במסו' אבותינו. והשי"ת יהי' בעזרתינו ויחוש פדות נפשינו וגאולתינו.

ידידכם הדו"ש ומצפה לישועה

אברהם מרדכי אלטר

ב

בדבר התחזקות ליהדות החרדית באמריקה

ב"ה תש"ה

כבוד אחיי ורעיי היקרים שיחי'.

אליכם אישים אקרא, לעת כזאת שלא היתה כמוה מיום היתה ישראל לגוי. עם ה' חזקו ונתחזקה על כל הצרות שעברו עלינו ולבטוח בה' כי מעתה ייטיב עמנו ויראנו חסדו וישועתו כמאמר החכם מכל אדם ביום טוב הי' בטוב וביום רעה ראה, דהיינו מימי הטובה לשאוב כח והתחזקות לימי הרעה רח"ל, כמרומז בגמרא משאר מקדושא לאבדלתא. וגם כשהגיעו ימי הרעה נזכור ימים טובים מקדם אשר פעל ישועות והראנו חסדיו. על כן לא נירא בהמיר ארץ וגם עתה בעתות החשכות וההסתר עת צרה היא ליעקב וממנה יושע, וזהו ביום רעה ראה, לראות ולהביט לימי הטובה שהי' ושעתידים להיות, שלא יטוש ה' עמו ונחלתו לא יעזוב. והנה כבר עברו עלינו כל ימי הרעה ועלינו לקוות שמעתה יבואו לנו ימי הטובה, ונזכה בקרוב לישועה ולגאולה שלימה.

אברהם מרדכי אלטר

ג

בדבר התחזקות לאחב"י פליטי חרב באיראפא

ב"ה פעה"ק ירושלים תובב"א ז' טבת תש"ו
לסדר לשום לכם שארית בארץ ולהחיות לכם
לפליטה גדולה.

לאחינו בני ישראל פליטי חרב בכל מקום שהם
ה' עליהם יחיו.

עם ה' חזקו והתחזקו. והעיקר לדעת שהכל מהשי"ת, ומאתו לא תצא הרעות, וצריכים לקבל רצונו, והכל לטובתנו, כדאיתא בספרים ויהי ערב ויהי בקר יום אחד הן בחשכות הן החסדים התכלית אחד להאיר לנו אח"כ. ולהאמין כי כמו שנתקיימו כל התוכחות שבתורה כן יתקיימו כל היעודים והנחמות, כדאיתא ברע"ק שהי' שמח מטעם זה כשראה שועל יוצא מבית קה"ק, וההסתר הוא רק נסיון להטיבו באחריתו, ותתלו בטחונכם בהקב"ה ותתחזקו בתורה ובתפלה ויחזקכם ה'.

ורבינו מיימון ז"ל באגרת שלו, כי חבל התורה והמצות קשור משמים לארץ, וכפי המחזיק בחבל בכל ידו כן החיזוק שלו. ולא לדחוק את הקץ רק להתפלל ולצפות אל הישועה והנחמה. ובטח ינקום את נקמתנו, כדאיתא בפסקתא דר"כ דלע"ל יאמרו ישראל רבש"ע אותו הדם שנשפך מה אתה עושה, והשי"ת משיב להם על דמם לא נקתי, אמרו לפניו אימתי הדין הזה אומר להם אין לכם אלא לחכות לי שנא' (צפניה ג') לכן חכו לי נאם ה' ליום קומי לעד וגו'.

ובעל הנחמות ינחם את כלנו, ותזכו לעלות במהרה לארה"ק ולראות בשוב ה' את שיבת ציון ולגאולה שלימה בבי"א.

אוהבכם המשתתף בצערכם המצפה לישועה ולנחמה,

אברהם מרדכי אלטר

מכתב מהגוה"ק בעל חפץ חיים זצ"ל

לעסקני אגודת ישראל בווארשא

ב"ה.

אל כבוד האלופים הנכבדים יראים ושלמים העומדים לימין דתנו העוסקים בדבר מצוה גדולה להציל מאות יהודים כשרים מלהתגאל במאכלות אסורות, ה"ה הר"ר נחום ראזענפעלד והר"ר אברהם פשעפיורקא והר"ר שמחה בונם ראטענבערג והר"ר דוד ווײדענפעלד והר"ר יואל אונגער והר"ר בנימין זאב הענדלעס ועוד כמה אנשים נכבדים יקרי ערך העוזרים והמסייעים בנדבתם ובכחותם, לדבר מצוה רבה הזו, ד' עליהם יחיו.

הנה שמעתי שמע"כ מתעסקים בדבר עשיית בית תבשיל (קיך) שהרשה הממשלה לעשות לצורך אנשי החיל היהודים שלא יוכרחו לאכול מאכלות אסורות ולא להתגאל באכילתם ושמחתי מאד בראותי כי מע"כ לקחו ע"ע לעסוק בזה כי ענין גדול וקדוש הוא. (כי ידוע שע"י המאכלות אסורות של יום א' ואפילו של סעודה אחת יוכלו להצטרף כמה מאות לאוין ועשין וחייבי כריתות ובפרט בחודש אחד ומכש"כ חדשים אחדים יתקבצו כמה וכמה מאות לאוין ועשין וחייבי כריתות בכללם. כי מצוי בתבשיליהם ג"כ חלב ודם שיש ע"ז חיוב כרת ובפרט שארי לאוין כמו בשר חזיר ונבילה וטריפה וכה"ג). וכמה גדולה הנחת רוח לפני הקב"ה בראותו כי בניו נצלים בהשתדלות מע"כ מכמה מאכלות אסורות*). ומלה"ד לאב שיש לו בן שעובד בצבא ונמצא אחד ממכיריו שמשתדל עבור בנו שלא יהיה מוכרח לאכול מאכלות אסורות וטריפה ובשר חזיר וכדומה, ומזמין לו מאכל כשר מדי יום ביומו, בודאי אין לשער את התודה והתשואות חן שנותן האב למכירו בזה שמציל את בנו מדברים אסורים כאלו. כן הדבר בענינו, בנים אנו להקב"ה כדכתיב בנים אתם לד' אלקיכם וכמה צער יש לו להקב"ה שבניו מתגאלים במאכלות אסורות, וכשנמצאים אנשים שמשתדלים להאכילם מאכל כשר אין לשער את גודל השמחה והנחת רוח שיש לו להקב"ה מזה. ונאמן הוא לשלם שכר טוב בעוה"ז ובעוה"ב לכבודם ולכל המנדבים והמתעסקים בזה כדכתיב (תהלים) היטיבה ד' לטובים. אשריכם ואשרי חלקכם שזיכה הקב"ה אתכם במצוה רבה הזו, מחלקכם יהא חלקי.

והנה באמת בענין קדוש כזה הלא היה צריך להתרבות אנשים מתעסקים ומתנדבים, כמו שמצוי בעסק גדול שמביא ריוח הרבה נמצאים הרבה אנשים שמתחזקים ג"כ לכנוס ולקחת חלק בהעסק. ולדאבוני שמעתי כי הענין הזה הולך ברפיון, וסיבת הדבר הוא מפני צוק העתים, אבל צריך על כל אדם לדעת כי בעת שכר מצוה כזאת גדולה כפלי כפלים מבעת אחרת, כי לפום צערא אגרא, ולהיפך אותן האנשים שיש ביכולתם לעזור להעסק הזה הן

---

*) אף ממה שנוספים עי"ז ברכות, כמו נט"י והמוציא וברהמ"ז מכמה מאות אנשים בכל יום, דזה לזה גורם שבזה מחזיק א"ע ליהודי משא"כ בלא זה וד"ל.

בממונו והן להרבות חברים לענין זה ומתרשלים בזה, יהיה עליהם תביעה גדולה לע"ל. וראיה לזה מצינו בירושלמי דמו"ק והובא דבר זה להלכה בפוסקים דאבל תוך ז' ימי אבילותו אסור בעשיית מלאכה ואם אין לו מה לאכול מיום ג' ואילך מותר. אבל אמרו חכמים תביא מארה לשכיניו שהצריכוהו לכך. והנה נחזי אנן איסור מלאכה לאבל הוא רק איסור דרבנן ומ"מ אמרו חכמים שאפילו הוא מוכרח לזה דאין לו מה לאכול דמותר במלאכה אבל תבוא מארה לשכיניו על שלא עזרו בידו שלא להצטרך לעבור ע"ז. ומכש"כ ענינינו במאכלות אסורות שזהו איסור דאורייתא ויש ע"ז כמה לאוין ועשין וחייבי כריתות כמה אנו מחוייבים להחזיקו ולעזרו שלא יצטרך לעבור ע"ז שלא יהי' ח"ו מארה למי שיש בידו לעשות ואינו עושה.

ויותר מזה, הנה ידוע דכל ישראל ערבים זה בזה כמו שמצינו אחד תוקע בשופר וכולם יוצאים בזה, וכן בקידוש והבדלה וקריאת מגילה וכה"ג שאחד מוציא חבירו, והטעם מפני שכל ישראל ערבים זה בזה ועליו מוטל לעשות שגם לחבירו יהיה המצוה הזו. ואם אחד עושה מצוה יש לו להשני זכות גדול בהמצוה, ולהיפך אם אחד עובר עבירה ויש ביד השני למנוע מזה ואינו מונעו יש לו ג"כ חלק בהעבירה זו. ולפי"ז אם אחד יש בידו למנוע להרבה אנשים מישראל שלא לאכול מאכלות אסורות ואינו חושש לזה בודאי יהי' לו לע"ל תביעה ע"ז, ויחשב לו כאילו בעצמו ג"כ אכל מאותן המאכלות. וע"ז אנו מבקשין באבינו מלכנו, מחה והעבר חטאתינו ופשעינו מנגד עיניך, ואח"כ אנו מבקשים מחוק ברחמיך הרבים כל שטרי חובותינו, והנה כיון שכבר נמחה חטאתינו, מאין לנו שטרי חובות חדשים, אלא הכונה כמו שביארנו, דכל ישראל ערבים זה לזה ויש לאדם שט"ח של ערבות על עונות חבירו שהיה בידו למנעו ולא מנע.

והנה כל זמן שלא הי' בידינו לתקן דבר זה היינו אנוסים אבל עתה שהממשלה בחסדה מרשה ותומכת עוד לתקן דבר זה, בודאי חיוב גדול עלינו להשתדל בכל מאמצי כחינו ולראות שיצא הענין בכי טוב, כי אם נתרשל ח"ו בעת ולא נראה לתקן הדבר, יהי' לע"ל תביעה גדולה על כל מי שהיה בידו לעשות בזה ולא עשה ויתבעו ממנו על כל מאכלות אסורות על כל כזית וכזית שאכל, ויעמוד משתאה ומשתומם דידוע לו שמעולם לא אכל מאכלות אסורות, ויענו לו אף שאתה בעצמך לא אכלת אבל איש פלוני ופלוני אכל מהם ובידך היה למנוע ממנו המאכלות אסורות ולא חששת לזה, ע"כ באה עליך הצרה הזאת, כי כל ישראל ערבים זה לזה, ובכן הנך ערב על אותן המאכלות שאכל פלוני ופלוני על ידך.

ע"כ אחי ורעי בראותנו את גודל הענין הזה ורוב האחריות המוטל עלינו, כל אחד ואחד שיש בכחו ובידו לעשות דבר מה מחוייב לעשות הענין הזה הן בגופו והן בממונו ולא יתעצל כי דבר זה נוגע לו לעצמו וכנ"ל.

וזכות המצוה הגדולה הזאת יעמוד לכל העושים והמעשים ויריק ד' עליהם ברכה והצלחה בכל עניניהם.

ישראל מאיר הכהן

בדבר רשת החנוך „חורב" בפולניא

א

מכתב מכ"ק אדמו"ר מגור זצ"ל



בעזה"י, כ"ג שבט תרח"ץ.

הנני מאשר ומקיים דבר שליחות המוכ"ז היקר ר' בנימין זאב הענדלעס שי' לנסוע לארצות הברית שיאסף כספים לטובת מוסדות חינוך החרדים והת"ת שלהם כי המצב קשה מאוד, והכל תלוי בתינוקת שב"ר, לזאת אבקש להיות בעזר הנ"ל ושכרכם כפול מה"ש.

נאם **אברהם מרדכי אלטר**

ב

מכתב מהגאון ר' חיים עוזר זצ"ל

ב"ה.

הנה כבוד העסקן הנכבד והנעלה הר"ר בנימין זאב הנדלס נ"י מווארשא, נוסע במלאכות המרכז „חורב" שם, שמטרתו ליסד ולחזק חדרים ובתי תלמוד-תורה בקונגרס פוילין (בגלילות הקרעסין יש מרכז מיוחד בווילנא), למותר לבאר גודל הנחיצות של למוד תנוקות של בית רבן בהחדרים ות"ת, שזהו יסוד התורה והמצוה, כמו שאמרו חכמינו ז"ל, כל העולם אין מתקים אלא בהבל פיהם של תשב"ר, וכל עיר שאין בה ת"ת מחרימין אותה. ולפנים בישראל גם העני לא חשך פרוטה מכיסו לצרכי למוד, אבל כעת, לרגל המצב המעציב והירידה הגשמית והרוחנית, אין ביכולת בתי אולפנא להתקיים בלי עזרה מן החוץ.

ע"כ הואיל העסקן הנכבד הרב"ז הנדלס נ"י לקבל עליו עבודה ולעבור ארחות ימים להביא ממרחק לחמה של תורה, לבקש עזרה מאחינו הנדיבים לצרכי קיום המוסדות של המרכז „חורב".

וכבר הואילו הרבנים הגאונים חברי ועד הרבנים בווארשא וגדולי התורה והיראה והאריכו בדבריהם על צורך המפעל הגדול וחשיבות השליח העסקן הנכבד הר"ר בנימין זאב הנדלס שי'. והנני בא גם אני לחזק ולאשר את דבריהם ולבקש את הרבנים הגאונים והעסקנים הנכבדים חובבי תורה ולומדי', להיות מעירים לעזור ע"י העסקן הנכבד ולעורר את נדבי עמנו חובבי תורה להעניק ביד נדיבה לצרכי המוסדות שכל גופי תורה תלוים בהם.

ואשרי להמסייעים והמחזיקים בזה יתברכו בכט"ם כמשאלות

הכותב וחותם יום ג' ה' אדר שני,

חיים עוזר גראדזיענסקי

ג

מכתב מהגאון ר' מנחם זעמבא זצ"ל

מנחם זעמבא

רב בועד הרבנים לעדת ווארשא

ווארשא, קארמעליצקא 15 №

תיליפון 11.08.91.

מחו"ס: שו"ת זרע אברהם, שו"ת הרמ"ז, תוצאות חיים, אוצר הספרא, אוצר הספרי, מחזה המלך על הרמב"ם ז"ל, מנחם ירושלים על הלכות ארץ ישראל, מנחם ירושלים על הירושלמי, בית מנחם על ד"ת הש"ע, ספר הזמנים ועוד.

ב"ה יום ...... חודש ...... שנת ......

[illegible]

מנחם זעמבא
רב בועד הרבנים לעדת ווארשא
ווארשא, קארמעליצקא 15

(העתקה מהכתב יד)

ב"ה חודש אדר, שנת ה' יברך אתכם לפ"ק.

הוד הדרת אחינו היקרים האהובים והנעימים בארצות הברית ד' עליהם יחי'!

שלו' רב לאוהבי תורה.

הן נודע למדי המצב הנורא השורר כעת ברחוב היהודים. וביחוד הסכנה הגדולה הצופי' ח"ו על מקומות המקודשים כאשר חכמים הגידו כל המקודש ביותר חרב ביותר, וכמובן המקודש ביותר הם מוסדות החינוך אשר בתוכם מתחנך הדור הצעיר להיות נאמן לד' ולתורתו ולעמו ולארצנו הקדושה, ושמה נוצר עתידת עם וגוי קדוש. וכעת לרגלי המצב המאוים עמודי החינוך החרדי מתרופפים עד שח"ו סכנה צופי' על קיומם כאשר מרוב הצרות נתמעטו הצנורות מנדיבי עם ובשום אופן אין ביכולתם להתקיים.

ולכן ההסתדרות של בתי ספר החרדים העומדת על המשמר להגן על קדשי בני ישראל בראותם הדוחק הנורא והדלות והשפלות בחרו באישיות נכבדה מהמצוינים בפרנסי הקהלה הוורשאית ה"ה החכם השלם עסקן נלהב היקר מאוד וכו' מוהר"ר בנימין זאב שי' הענדלעס אשר שמו נודע בשערים בעבודתו עבודה תמה במועצת הקהלה בווארשא להגן על מסורת הישן וקדושתו, והננו ישים לדרך פעמיו לארצות הברית לעורר נדיבי עם על האחריות הגדולה בשעה קשה לישראל כזו לבנות בית ישראל בחו"ל ובארץ להקים דור חדש אשר ידע את דרכי עם קודש מיום היותו לעם לשמור חוקי ד' ותורותיו בדרכי נועם ונתיבות שלום.

והנני גם אנו בבקשתינו, אנא אחים עמדו נא התעוררו נא ובטובכם קומו לעזרתו בכל מה דאפשר להרמת קרן התורה, ותהיו לו לאחיעזר ואחיסמך למען יוכל לבצע על מעשהו.

והנני בטוח כי מתוך שהתורה מתוקה עליכם הקב"ה ירחם עליכם ועלינו על גאולתינו ופדות נפשינו (תדב"א).

הכותב ומחכה לרחמי ד' על שארית ישראל,

מנחם זעמבא

ד

מכתב מועד הרבנים הגאונים בווארשא

ועד הרבנים לעדת ווארשא
גרזיבאָווסקא 26—28

ב"ה ווארשא, יום ה' תרומה, ב' אדר ראשון תרצ"ח.

אל כבוד מע"ת הרבנים הגאונים אדירי התורה שליט"א ולכבוד העסקנים המצוינים והנדבנים המאד נכבדים בארצות הברית וקאנאדא

יע"א. כל אחד בשמו יבורך!

כבוד ד' עליכם יזרח, ושלומו עליכם יחופף!

הננו מתכבדים בזה לפנות אל כבודכם בענין רב-הערך למען החינוך הדתי במדינתנו, שבה מתרכז חלק גדול וחשוב מהיהדות החרדית, והוא:
במדינתנו פולניא, מתקיים מוסד מרכזי גדול ומאד נשגב בשם „חורב". מטרתו של המוסד הכי יקר זה, ליסד ולחזק בתי-אולפנא בטופס של חדרים ובתי תלמוד-תורה בכל עיר ועיר שבמדינתנו, ולדאוג בעד החינוך הדתי של הנוער היהודי, שיחונך ברוח ישראל סבא נאמן לד' ולתורתו.

הודות לד', המוסד המרכזי „חורב" הרבה לעשות גדולות על שדה החינוך הדתי, והצליח במעשיו להקים וליסד הרבה בתי-אולפנא לתורה ולדת ובתי תלמוד-תורה בכל הקהלות במדינתנו. היינו: חדרים ות"ת למאות, שבהם מתחנכים עשרות אלפים תלמידים, כ"י. ישיבות גדולות וישיבות קטנות בערך מאה ושלשים שבהם לומדים שנים-עשר אלפים בחורים מופלגי תורה. נוסף לזה יסד המרכז „חורב" ומחזיק מוסד למחנכים ומורים דתיים בווארשא, שממנו יוצאים מאות מורים ומחנכים, ועוסקים במלאכתם מלאכת הקודש ברחבי המדינה. גם נתיסדו ע"י ה„חורב" שעורי-ערב של למודי קודש בעד אלפי נערי בני ישראל, תלמידי בתי-ספר העממיים הכלליים. המרכז הנ"ל בנה ומחזיק סנטוריום לילדים בשם „יהודית" בעיר דלוגאשאדלא, להברות תלמידים מבתי הספר הדתיים.

מי כמוכם — רבני ועסקני ישראל — יודעים את מצב המוסדות הללו בעת קשה כזו של משבר כספינו, וקיומם תלוי בחוט השערה. והמלמדים והתלמידים מתמוגגים מרעב ועוני, למרות זה שהם הנם היסוד העקרי אשר כל בית ישראל נשען עליו.

למותר הוא לתאר נחיצות קיומם של המוסדות הללו, כי „אם אין גדיים אין תישים" ח"ו, והחינוך הדתי של תשב"ר הלא הנו עמוד היהדות ונשמת עמנו, עם התורה.

ע"פ החלטת מרכז „חורב", נוסע כעת לארצות הברית אחד ממיסדי ומנהלי „חורב", ה"ה גבר מפורסם בפעולותיו הרבות על שדה החינוך הדתי, איש מורם מעם יקר רוח, מי שהי' פרנס הקהלה דפה במשך כמה שנים, העסקן — הרב התורני הר' בנימין זאב הענדלעס יחי' מפה ווארשא, בכדי לפעול ולעסוק לטובת מוסדות החינוך שע"י מרכז „חורב", ולעורר את אחינו הנדיבים שם, שיתמכו ויבואו לעזרה להמוסדות הנשגבות הנ"ל.

לזאת אנו מבקשים את כבודכם, שתואילו לסייע בכל מאמצי כוחכם להעסקן המצוין הר' בנימין זאב הענדלעס יחי' במפעלו הנשגב למען חינוך הדתי. וכל אחד יפזר — וישפיע על אחרים שיפזרו — ברוח נדיבה וביד רחבה לפי גודל קדושת הענין, שבו תלוי החינוך הדתי בהוה ובעתיד, של רבבות ילדי ובחורי ישראל, ברובם מבני העניים שמהם תצא תורה ודת.

ולאחינו הקרובים אל הצדקה להיות בתומכי אוריתא, הננו אומרים „היטיבה ד' לטובים ולישרים בלבותם" „ועץ חיים הוא למחזיקים בה, ותומכי' מאושר".

הקומיטעט למען חיזוק התורה והדת

והחותמים בא"חת ובקל רחשי הכבוד

הרבנים

המזכיר

יעקב געזונדהייט

(—) שלמה דוד כהנא	(—) אברהם וויינבערג
(—) חיים יהושע גוטשעכטער	(—) יעקב מאיר בידערמאן
(—) מנחם זעמבא	(—) צבי יחזקאל מיכעלזאהן
(—) יצחק מאיר ברמ"א ז"ל קאנאל	(—) שמשון שטאָקהאמער

המזכיר (—) יעקב געזונדהייט

מכתב להגאון ר' מאיר שפירא זצ"ל מלובלין

(בדבר צוואת הר' אלי' קירשברוין ז"ל)

ב"ה א' ויק"פ תרצ"א, וורשה.

חיים ושלום וכט"ם לכבוד ידידי הגאון הגדול, המפורסם לשם ולתהלה, חכם וחסיד וכו' כקש"ת מוהר"ר מאיר שליט"א שפירא ר"מ ואבד"ק לובלין.

אחדשהט"ם באהבה כראוי,

בעת הלוית ידידנו איש רם המעלה המנוח ר' אלי' ז"ל קירשברוין, לדאבוני לא הייתי בווארשא, כי בענין פרטי הייתי בקאליש ועד יום ב', יום הלויתו, לא ידעתי כלום מפטירתו.

איזהו ימים לפני פטירתו מסר לי הרבה דברים, ואחד מהם שלא יספידו אותו, רק אם כ"ת שליט"א יהי' על הלוי' יספיד אותו רק הוא אחד. נתן לי ע"ז טעמים, אבל אין להעלותם על הכתב. אי"ה בעת הזדמנות אמסר לכ"ת פא"פ.

אבל עוד דבר מסר לי שזאת הוכרחני לבוא בזה לכ"ת שליט"א. על דבר זה ביקש אותי מאד מאד, וז"ל: אחר פטירתי אין אני מצפה לזכותים ושכר, כי אינם לי. אך בקשתי, שכמו שהייתי פה שליח צבור נאמן להחרדים על דבר ה' ותורתו, ולא ביישתי אותם בשליחותי, כן לא יביישו אותי אחר פטירתי בשמים. ע"כ אבקשך שאחר פטירתי תראה שישבו בית דין של שלשה רבנים, שיתנו פסק דין שלא יהי' לי ביוש בשמים. ובודאי כן יסכימו לזה בי"ד של מעלה. עכ"ל צוואתו בזה הענין.

חשבתי מה אני בכוחי לעשות ולמלאות בקשתו, ולמי אפנה בענין כזה, ע"כ אמסור זאת לידי כ"ת שליט"א, למען הנפטר שפעל ועשה הרבה לחזוק וכבוד התורה ונושאי', לעשות כפי דעתו והבנתו בזה.

ובזה אשאר ידידו דו"ש וטובו כל הימים. ויעזור השי"ת לנו לכולנו לשמוע ולהשמיע אך בשו"ט ישועות ונחמות.

בנימין זאב הענדלעס

Although of late his health does not permit him to be active, his personality remains as an example for Jewish leadership. For us, particularly in Agudath Israel, he will always remain the symbol of leadership in Torah-Jewry; and what spiritual wealth he must possess! *Moreinu* Yaakov Rosenheim, his spiritual elevation, his immaculate soul, his enthusiastic belief in Agudath Israel and in all the holinesses of Israel, will forever be enshrined in the hearts and souls of every understanding Torah Jew.

(November, 1960)

orchestra at its best. It was a physical as well as a spiritual experience which remained etched indelibly in one's being.

I remember being present at one of his appearances in Warsaw. Next to me stood a lad of ten, weeping. I asked this Polish *yeshiva bachur,* "How did you understand his classic German?" The boy looked up at me and answered, "One doesn't need to hear in order to understand; one only needs to see to comprehend." So we find at *Mattan Torah* where it is written, "And all the people saw the sounds." A profound and incisive observation indeed! It was not his mouth that uttered the words; it came from the depths of his being, of his utter faith and idealism.

When Reb Yaakov made his first public appearance in Warsaw, it was in the great Kaminsky Hall before approximately five thousand representatives of Agudath Israel. The impression was electrifying. He then revealed himself in his full grandeur as a religious philosopher. The entire Yiddish press (which was never too sympathetic to our Torah ideals) wrote with great enthusiasm about his public utterances. Hillel Zeitlin described his appearance, and wrote that he visualized Isaiah the prophet, when he hearkened to Rosenheim.

Still vivid before our eyes is the First Knessiah Gedolah in 1923, when Reb Yaakov, in the midst of his opening remarks suddenly became choked with tears. His voice broke and he began to weep. Those present, including the Gedolei Yisrael on the dais, broke down too and the hall was filled with the sound of thousands weeping. Such were the emotions engendered by this historic moment.

In describing the person of Rosenheim, it would be unjustified not to devote at least some space to Rosenheim, the individual. He is an exceptional person in his private life as well as in his public image. Never did he miss one of his *shiurim* no matter how taxing his *klal* work. One would find him late at night sitting over a tear stained *Tehilim* or *Musar Sefer.* His piety, his charity, his warm heart, his ever readiness to help are legendary. Never for a moment did he forget or forsake the maxim of the Talmud, "Teach yourself and then deign to teach others." He was inured to the all too prevalent human feelings of self-aggrandizement and power seeking. He never used his position in any way to enhance his own name and fame. Everything was immersed in his consecration for Klal Yisrael. He was and has remained a shining example of the pure, selfless, and noble character. He is the man of "clean hands" and "pure heart," with all their ramifications. May we all take his life as an example for ourselves and our children.

Jewish life who can be said to so personify a movement as does Reb Yaakov Rosenheim. One without the other seems a contradiction in terms.

Remember too that when we refer to Agudath Israel, we are speaking of an organization of the overwhelming majority of *Gedole Yisrael* as well as a conglomeration of people of vastly diverse backgrounds and contrasting modes of life. He carries on his shoulders the awesome responsibility of being the spokesman for Torah. And he has always been trusted with full confidence in his piety, wisdom, and integrity. It is especially interesting to note the honor bestowed upon him by the Torah luminaries of the past generation, who gave him the title of *Moreinu.* To this are affixed the signatures of the Chofetz Chaim, the Gerer Rebbi, Reb Chaim Ozer, and the Tchurtkover Rebbi, all of blessed memory.

This trust was fully deserved and justified. He had this unique accomplishment to his credit, — the homogenization and integration of East and West European Jewry. This was possible for him because in his own personality were synthesized the best of East and West. Born and reared in Germany, he nevertheless perceived that without the vital and pulsating wellspring of East European Jewish life, West European Jewry and its attainments would be shortlived. He knew that in the thriving centers of the East lived the overwhelming majority of the *Gedole Yisrael.* He reached a complete rapport with them. We in Agudath Israel knew that no program was ever implemented by Reb Yaakov without previously discussing the pros and cons with Reb Chaim Ozer of Vilno.

Reb Yaakov is much more than the leader of Agudath Israel. He has revivified the idea of Torah Israel. His life is consecrated to the education of the Torah Jew to his collective responsibility to God, Torah, and the people. It is he who is responsible for the subsequent outgrowth of many other organizations of Torah-true Jews. Rosenheim sees in the organization the opportunity for the individual to realize the talents latent in him by means of fusing this potential with a vibrant living organization. Reb Yaakov Rosenheim's faith and idealism have been extraordinary and whoever came into contact with him was imbued with these same attributes. During fifty years of his leadership he has been the most worthy representative; and most convincing standard bearer of our ideals and the strongest exponent of our Torah perspective. In addition he was blessed with fiery oratorical talent. To hear him speak or lecture was to hear a symphony

THE FOUNDER AND LEADER OF AGUDATH ISRAEL MOREINU REB YAAKOV ROSENHEIM

(*On the occasion of his 90th birthday*)

On the 15th day of Chesvan, 5631 (1870) there was born in Frankfort-am-Main, the fortress of German orthodoxy, the future leader of militant organized Torah Jewry. After a life full of tribulations and wanderings from land to land, he has finally found a haven in Eretz Yisrael.

Together with Torah-true Jewry the world over, we extend our felicitations to this great man, and fervently pray that he may live to see the messianic redemption of Israel.

In his early youth, under the influence of Rabbi Samson Raphael Hirsch, he absorbed his lifelong awareness of responsibility for the *klal* and a clear ideological viewpoint which was to elevate him to leadership.

At thirty we find him active in the Frankfort Kehilah and in the City Council. At thirty-five he was an important voice in the organization of Torah Jews, established at the instigation of Rabbi Hirsch, while at the same time he assumed editorship of *Der Israelite,* the publication of that organization. These local activities were to be a springboard toward activities of a worldwide nature, through the international Agudath Israel.

As far back as 1909, when preparations were being made for the first great conclave of *Gedolei Yisrael* in Homburg, he was an important personage clearly marked for great things. He, in conjunction with Rabbi Yitchok Isaac Halevi, was an organizer of this historic conference. At the first Knessiah Gedolah, as well as at the others to follow, Reb Yaakov was the sparkplug and the most forceful advocate of the programs promulgated, destined to have a profound effect on the future of *klal Yisrael.*

Reb Yaakov Rosenheim is, among Jewish leaders, in a separate category. Here is a man leading an organization for fifty years, from its very inception, which span saw a tremendous upheavel in Jewish life and the decimation of *klal Yisrael.* There has never been a moment when it was conceivable that the movement could persist without his towering personality at its helm. There is no other leading figure in

preceptor, shows that in this generation we are the camp of the *Shechinah.* Forever, before our eyes, and in all of our decisions, we miss him and all that he taught us. The Brisker Rav taught us firmness in Torah, wholeness in faith — no compromise nor capitulation — where the cardinal principles of Judaism were concerned. He also taught us that we had no license to make compromises, even should it appear that such was for the good or the strengthening of the faith.

> According to the sentence of the law which they shall teach thee, and according to the judgment which they shall tell thee, thou shalt do: thou shalt not decline from the word which they shall tell thee, to the right nor to the left (*Deuteronomy* 17:11).

(November, 1959)

his affairs in public matters he carried out, solely and exclusively, through Agudath Israel and its functionaries. He entrusted his public affairs and desires to no one else. The great men in Israel in the *Moetzet Gedolei Hatorah* also consulted with him constantly. They did not take any significant step unless it had his sanction.

He saw in Agudath Israel the victorious power of Torah Jews, and Agudath Israel saw in him, the Brisker Rav, the leading voice for the people of the Torah. His great interest in Agudath Israel and the importance he attributed to it can best be seen through the ever present attention and watchfulness he displayed toward the movement. He kept it from taking false steps. He showed us the eternal path of the Torah from which one must not turn to the right or to the left.

He wanted to see in Agudath Israel the might of the Torah and Judaism as established by its founders, the great scholars of Israel of the preceding generations, among whom was his father, the Gaon Reb Chaim Brisker. And if, on occasion, his attitude to our movement was a little critical, this was only because at times he was not able to find among its leaders complete certainty and firmness as to the original ideals and purposes of the movement.

The devotion of the Brisker Rav *Zatzal* to the Agudath Israel can best be seen from his decisive stand against creation of a "religious front" for the current elections to the Knesset in Israel.

The Brisker Rav maintained that Agudath Israel must go to the elections completely independent. They were not to make any alliances with those not consistent in their Judaism, and who stood ready for constant compromises at the expense of Judaism for their own organizational and political aims.

He also maintained that a movement such as Agudath Israel, which finds itself in tune with the great men of Torah, could not unite with movements not subordinated to the Torah view, and where laymen, officials, and politicians decided matters of Torah and religion which affected the community of Israel.

In Eretz Yisrael, Agudath Israel accepted his word as halakhah. No united front was made with others, because the view of the Brisker Rav was binding upon Jews whose lives are regulated by God and Torah.

We have much, very much, to learn from this great and saintly son of Israel. He was our master and guide. For us this was a great honor and privilege. That the great teacher of Israel should have watched over us and guarded us as a faithful father and

lead to a reformation of the laws and to a destruction of religion and of *Mesorah.*

All religious Jews foresaw this danger. But only the authority of the Brisker Rav fully revealed their harmful purposes, and only he was capable of making naught of them. Torah Jews throughout the world were electrified by his call to the rabbinic world that through these plans they wished to rule over the Torah, and to amend it; to make it suited to the spirit of the times, the country, and democracy; to add thereto and to subtract therefrom at will.

"And for this reason we have found it as our duty and the need of the time to make public our view and our protest that their designs should not, God forbid, be brought to fruition.

"God forbid, a danger can arise from this, either in the present or in the future, for the existence of Torah and Judaism.

"Great guilt will be imposed upon the public through them, and this will be a fault irreparable under whatever circumstances.

"They do their deeds in the dark and by trickery. In the final analysis everything is subordinated to fulfillment of their purpose — to become masters over the Torah; to do with it according to their will.

"For this reason we have decided to reveal our clear view and to state the danger ahead... that they should not participate in the celebration whose end and purpose is fearsome and frightful; for who could then rectify it?"

Indeed, only through the power of the Brisker Rav, did establishment of Hechal Shlomo as a World Spiritual Center become a failure. Not one distinguished *rav* or great Torah scholar participated in the ceremonies.

Now this great warrior for the word of God and this pure man of truth is no longer with us.

The holy ark has been taken captive; now who shall stand in the breach?

As stated above, the Brisker Rav was not affiliated with any organized movement. Neither was he in the Agudath Israel. But if he was not in the organization he was nevertheless *for* and *with* Agudath Israel.

He considered an urgent necessity the existence of Agudath Israel as the organized Torah community of *Klal Yisrael.* Particularly was this urgent in our times, when the freethinkers and irreligious forces had such huge organizational powers and means. For this reason was the affinity between him and Agudath Israel so obvious. All

not belong to anyone, because he belonged totally to the Torah. He could not be a part of any group where it would be necessary to submit to any one individual, because everyone submitted to him.

Officially he mingled little in matters of the community. Even less did he express himself in such matters. But he knew and wanted to know all that was going on and happening in the Jewish world, particularly the religious world. But this was always as from behind the curtain. He permitted community work to be done by others. But those in whom his confidence reposed knew well that he was always on guard, and knew of everything that took place and those involved therein. This attitude he maintained when matters were normal. But when he encountered a period of emergency — either because actual danger existed to the continuation of Torah and Judaism, or because he realized that for any specific time and matter there were no suitable leaders to stand on guard and to avert danger — he would step out of his seclusion. He would then inform the Torah public of his views. This he did with such firmness and determination as only the Brisker Rav could display.

And when he did pronounce his word, his influence was awesome and conclusive. It became immediately the final decision for all Torah Jewry. Only recently we have seen this demonstrated. The "Religious Zionists," with their publicity paraphernalia, had attempted to conquer the Torah world, and with it the Torah. Their constant readiness for compromise and capitulation, and for "revisions" in religious law in order to "adjust the Torah to... life" and to so-called "reality," always aroused opposition on the part of pious Jews, and of scholars to whom the Torah meant the entire Torah, the Written Law, the Oral Law, and Shulchan Arukh.

The Religious Zionists adopted new plans and devices in order to be able to realize their aims. A central rabbinic world authority would be established. This institution would in time be filled with rabbis of all sorts. From thence would proceed a "Torah" which would not stand in the way of "life" and "actuality."

They began with a Sanhedrin, but it could not make headway. Then the sights were lowered on a Rabbinic World Assembly, on a Spiritual World Center, and on a Hechal Shlomo, from which was to emerge the "teachings to all the house of Israel."

At this point the Brisker Rav came into the picture. Like all great Torah scholars, he saw in these "religious" machinations a great danger for Torah and Torah Jewry. Laws of the Torah would be decided and voted upon through a majority of hands and this would

GREAT IN HIS GENERATION

(The Passing of the Brisker Rav)

The Brisker Rav is no longer with us. It is not easy to make peace with the thought that he, gaon of the generation, is no longer among his people. It is difficult to believe that we are now deprived of his greatness, saintliness, and moral guidance.

The spiritually poor generation we live in today has once again become orphaned. Jerusalem, the holy city, was his home, but his word was spread to all corners of the earth. From one end of the globe to the other his light shone forth. Geonim, rabbis and roshe yeshivah awaited his decisions in *halakhah.* He was the Rav of Rabbanim, the Gaon of Geonim, the authority of authorities, and the supreme spokesman for all God-fearing persons. In all the corners of the earth, and among all of Torah and God-fearing men, would be heard the question: What does the Brisker Rav say? What is his opinion?

Prior to his word one could be filled with doubts and fears. But once his views were known all became clear. There was certainty for today and certainty for tomorrow. As long as he was with us we could feel certain of ourselves and our conduct. We knew that in Jerusalem dwelt a Jew who was all Torah, who watched and judged our deeds, and ofttimes our thoughts. He was the man with whom one would not dare to disagree.

We do not intend to evaluate this revered personality. Neither do we presume to evaluate a loss which the entire Jewish people has suffered with the demise of the Prince of Torah and the spiritual giant of our generation. What we have in mind is that we in Agudath Israel should ponder more deeply about his ways and decisions, about his clear judgments and the views he expounded.

Torah is eternal and the judgments of the great Torah scholar are eternal. The decisions, judgments, and views of the greatest authority in our generation must accompany us along all our paths. They must be the pillar of cloud which went ahead of the people and cleared the paths by which they were to travel. The Brisker Rav did not belong to anyone. He was not affiliated with any organizational movement, certainly not in the accepted sense of the term. He could

Passover and Shavuot together indicate the special character of Judaism — we are a people of Torah, a people of God. That relationship is being assailed by Jewish sectaries today.

These men do not understand the essence of, nor distinction between the Jewish and other nations. With all others, the culmination of their national aspirations comes with their reaching independence. With us, this is also immensely important, but to us it is merely the beginning, a means to the attainment of our greater spiritual goals, the acceptance of the Divine Laws of the Torah. The sages of old described Abraham as one who always remained on his own side of humanity.

Let us not falter or fear. "This day have ye become a nation unto the Lord your God" — the sixth of *Sivan,* when the Torah was given to Israel. While others find earthly reasons for Israel's existence, we true believers know that we are the product of a divine creation. "These on chariots, and these on horses, but we are secure in the name of the Lord."

To those who would negate the sanctities of our past, we may repeat, "A thousand like these will become as naught, but not one letter of the Torah shall be annulled."

(May, 1960)

For centuries Jews have lived through sombre periods of exile, under circumstances painfully torturous. We have lived through both bodily and spiritual hardship. But always there has been a unique quality in the Jew, who in all vicissitudes maintained his belief in the glory of the Lord and the eternity of His people Israel. That relationship with God no power, no force, has ever been able to dissever. "God, the Torah, and Israel are one."

Passover was the first step, leading to the giving of the Torah and Israel's becoming a godly nation. There is a divine quality in Israel, bestowed upon the people at Sinai.

In all history nations have by design or indirection swerved from the lifegiving ways of Providence. Individual Jews have at times weakly doffed the yoke of Torah and Heaven. But these are only individuals, without influence over the masses.

Today, unfortunately, we live in an age when the weaklings are not content with their own defection, but endeavor to drag others into their apostate ways. There are organizations devoted to wresting Jews from their normative faith and sanctities, and trying to render Jews "like the nations." They carry on systematic activities tending to encourage transgressions against Jewish law, in precept and deed. The leaders of Reform and Conservatism outside Israel do everything to do away with the sanctities of the ages, to nullify Torah law and the practical precepts, as well as the deep loyalty to the God of Israel. The same effort has been instituted in the Holy Land, to convert it into a land like all others, its people into a people like all others.

It is our prime task today to retain the holy heritage of Israel, and to assure that the festival of freedom be bound up with the Giving of the Law.

This matter is not one of lesser or greater observance of Jewish law, but goes to the very essence of Jewish thought and survival. Through our generations we have been conscious of the vast distinction between Israel and its environment. That difference was noted by other peoples in all times and circumstances. The wicked Haman was first to denounce the Jews — "their laws are different from all the people's." That fact has been recognized by well-meaning as well as evil men of all periods. In Haman's words we have through thousands of years remained a "unique nation," no matter how scattered and oppressed. The very fact that our laws were different gave us standing among our neighbors, whether for good or evil.

PASSOVER — SEFIRAH — SHAVUOT

Passover is a most important festival — the time of our liberation, our redemption from bondage, and from life in Egyptian exile.

It is particularly contenting that as we read the story of our people's sufferings we also learn of the end of the tyranny that created our hardships. So do all nations recall with jubilation the period when they too were freed from despotism and enslavement. This becomes their chief national festival.

Among the Jews there is this difference. "Their laws are different from those of all other peoples." We more than others celebrate the annual feast of liberation "from slavery to freedom, sadness to joy, mourning to festivity, darkness to light, subjection to redemption." We alone are reminded to "remember the day of thy going forth from the land of Egypt all the days of thy life." And from generation to generation, "thou shalt tell the story to thy son on that day" as well as to thy son's sons. Observance of Passover is one of our divine commandments; but it must be remembered that it is bound up with another festival, that of *Shavuot.*

No matter how much joy is engendered among us when after much suffering under cruel governments we attain freedom, it is our spiritual regeneration that is most important. Always physical afflictions have disturbed us most when they were accompained by spiritual persecution; physical liberation has been welcomed primarily because of the added spiritual redemption.

Passover's significance lies in its consummation on the festival of Shavuot. The divine miracles which brought physical freedom to the Israeliets took place only so that thereby they might become truly a people of the Lord. "But you hath the Lord taken and brought forth out of the iron furnace, out of Egypt, to be unto Him a people of inheritance, as ye are this day" (Deut. 4:20).

Passover leads to Shavuot; and this too is the significance of the intervening period of *Sefirah.* These forty-nine days are the chain binding the festivals together — physical plus spiritual redemption. As soon as a Passover day has given us a remembrance of the freeing of our persons we begin reckoning the days to the freeing of our spirits, on *Shavuot.* One is not to be considered without the other.

We are in the final phases of the World War. We hope for the early triumph of freedom against enslavement, of light against darkness, of life against death. When at length the victory is ours and we hasten to throw open the gates of Treblinka and Maidanek, what will meet our eyes? Shall we rush to the graves and proclaim liberty, a better life? Now, at this moment, we must rally and employ every means to save those who can be saved.

It is because of this necessity that the Emergency Committee, regardless of all parties or movements, has become so significant a part of Jewish striving. The first requirement of the Committee is to remember and implement the talmudic dictum: "He who saves one Jewish soul is considered as one who has saved the entire universe."

We are an ancient nation that has gone through many vicissitudes in the two millennia of exile. This is not the first tragedy in our existence, though we hope it may be the last. But we have overcome every previous hardship and persecution. We have outlived our enemies, the Hamans who have sought our annihilation. Our strength lies in our true faith in the Almighty, our obdurate will to live in despite of all evil.

In all our martyred history this is the most difficult and bloody period. All our spiritual powers must labor to overcome weakness and despair. We will survive the present condition as we have those in the past. We are the eternal nation, who can well mouth the slogan, as was dramatized at this mass meeting. "We shall never die!" No power on earth, no Pharaoh, Haman, or Hitler, can utterly destroy us. For we believe in the L-rd, we have faith that the Watcher of Israel who has preserved us in the past will not forsake us in these days. In the day when no trace of the Sodom and Gommorah known as Germany remains, there will still be a living, vibrant Jewish people.

We are convinced that the "Hear O Israel" with which Jews fell into the flames of torture and death, still proclaiming the supremacy of their Torah and their G-d, the final exclamation of those slain in the modern lands of hatred, including the ninety-three Jewish daughters who took their own lives in Warsaw lest they fall into the hands of the modern Amalek, will survive the vicious and sadistic "Heil Hitler" of the enemies of Jewry and of humanity.

With the help of G-d, we trust that we may speedily see the redemption of our people and their new life in the revivified Land of Israel.

of Israel's sons? Wherever I go I see pictures of starving children in Greece and Belgium. Why does not the world put on display the sufferings of our Jewish youths — our Abrahams and Sarahs and Solomons and Eves? Hundreds of thousands of food packages have been sent to Greece and Belgium despite the Nazi blockade. But this course is not permitted the Jewish sufferers in Poland. Is Jewish blood not as red as that of other peoples?

Recall the Czechoslovak village and the hundred and sixty inhabitants slain by the Nazis. Do you remember the anguished protest over the Lidice incident? Americans even adopted the name Lidice for one of their towns, and at the renaming, a presidential candidate, Wendell Willkie, took a prominent part. We have hundreds and thousands of Lidices. Our martyrs are not counted in the scores but in the millions.

Yet what has the free democratic world done for our people? New regulations have been adopted to keep Jews from other shores and boundaries. And not alone their own territories have been closed to the refugees, but liberal England has locked the door of our own Holy Land to the unfortunates.

All the "liberal" countries, in truth, have remained blind to our misfortunes, deaf to our cries. There is no effort to comprehend that the Jewish people provides a barometer of democracy, liberalism, and the spirit of freedom for all humanity. When the clouds of persecution darken Jewish skies, it is inevitable that soon the clouds will spread over all other peoples. If, back in 1933, the world had properly evaluated the situation, and not believed that the Nazi monster would be satisfied only with the destruction of the Jews, and if then good men had hacked off the head of the Nazi serpent, there would have been no conflict in 1939, which has now continued to the year 1944.

But let us ask ourselves whether the Jewish conscience is clean in this matter. Have we done our full duty in seeking the salvation of the millions of Jewish victims? What shall we be able to say when confronted by the few that will have escaped? They will ask, where were you during the tragedy? What did you do to help? Did you feed us when our brethren were doomed to starvation? Did you lift a finger to halt the pogroms and exterminations in the gas chambers at Treblinka and other death camps? What will you be able to answer?

When the Nazis spread their power and conquest, and another million and a half Jews fell under their tyranny in Hungary and Rumania, was anything concrete attempted to redeem these added victims? We know of nothing.

SALVATION AND HOPE

(From an Address before a mass meeting arranged by the "Committee to Save the Jews of Europe" held at Carnegie Hall, New York, April 29, 1944)

I do not presume that we have gathered here to bemoan and eulogize our millions of fallen martyrs. For our national tragedy is so great and so horrendous, our sacrifices so vast, that none of us can find words properly to express our pain and sorrow. Human speech can not encompass this unparalleled holocaust. To give full expression to the fearful fate of our countless brethren would require the emergence of a new Jeremiah, author of a modern Book of Lamentations.

It is difficult even to conceive the actualities of recent history. All seems like a dream, a chimera. Is it possible that we have seen the end of these great Jewish communities — Warsaw, Vilna, Cracow, Kovno, Lemberg, Bialystok, Lublin, Lodz? Have six hundred Jewish cities and towns actually been devastated? Three and a half million Polish Jews, the very heart and conscience of Israel? The centers of Jewish learning and nationalism, the pride of Jewry? The main bastions of our Torah and tradition?

We cannot pause to weep, because upon us now has devolved the far greater task than the expression of grief — the salvation of those who have been left living among the murdered.

When a man sees his home aflame, and some of his closest kin consumed, will he stop to offer words of lamentation? Or will he devote his total effort in rescuing those of his family still among the living. Every day come additional reports of martyrdom. And each time we sigh and weep, forgetting for the moment the need for saving those of our people we can still extricate from the flames of hatred and disintegration.

It is now our duty to cease counting the dead and to begin reckoning with the living. Hence this gathering is not devoted to words of sorrow but to thoughts of rescue.

The war has now persisted for four years and eight months. Through all that time the systematic extermination of our brothers and sisters has been carried on. What has anyone of us, what have all five million American Jews, done to preserve the remaining millions

present German officialdom responsible for the crimes of the Nazis. We are confronted with the need for forgetting and forgiving. The German flag, concealing its former emblem, will hang in Jerusalem, and the Israel flag will flutter over the graves of our multitudinous martyrs. The same orchestras which piped our martyrs to the fires will play "Hatikvah," and the Israel orchestra will give forth with "Deutschland ueber Alles."

It is significant that the Ben Gurion statement was proffered on the eve of Tishah B'Av, the commemoration of our people's greatest sorrows.

But we are convinced that the Ben Gurion plan will never be realized. Every Jew with a spark of loyalty within him will repudiate the project. The Jews of the world were not consulted, those who suffered agony and loss, those who lie in millions in early graves.

Could they but speak, let us imagine the thoughts and words of these martyred millions. Could the present denizens of Maidenek, Auschwitz, Dachau, and Treblinka rise from their pyres and offer the hand of friendship to those who burnt and immolated them?

Thrown alive into the furnaces, they serve as eternal witnesses against rapprochement with those who destroyed them. Their blood will not cry to the heavens, "What is past is past!"

The decision is not one privately assigned to the Jewish State. It is one involving the entire Jewish people. It is hardly the task of a handful of cabinet officers or some dozen Knesset deputies to speak on this matter in behalf of their millions of brethren.

In Israel every newcomer who decides to return to Germany is derided as a traitor. Yet the government is ready to despatch their entire folk back to the land of the Nazis. The generation that witnessed German atrocities cannot be expected to accept that judgment. They are not sold on "friendly relations." The blue and white flag that will wave over the blood-soaked earth of Germany may be that of the nation of Israel, but it will not be that of the Jewish people as a world entity.

Ben Gurion may proclaim "What is past is past" for himself and the community he rules, but Jewry at large will not echo his words. The deeds of the modern Amalek will never be forgotten or forgiven. "And all the wickedness shall be entirely consumed like smoke, for the rule of presumption shall He pass from the earth."

(September, 1957)

a half children. Diplomatic relations are being readied with the erstwhile exterminators, with ambassadors and consulates abiding in the land from which the voice of our slaughtered brethren still cry out.

Through all these negotiations we have set face resolutely against the new diplomacy. We consider unconscionable the new association with the German anthropophagi and their money. Every tile and brick set up in the Holy Land through that instrumentality will be a symbol not of rebuilding but of shameful devastation.

For centuries after the Spanish and Portuguese persecutions and expulsions, Jews, individually and collectively, refused to forget or to palliate the monstrous crimes of those nations against our brethren. "Remember what Amalek wrought against you" has been our unchanging watchword.

Nor must it be forgotten that the persecutions of those past centuries are hardly comparable to the bloodbath of this sad century. The Germans dedicated their efforts toward annihilation of all Jews everywhere, and they did succeed in destroying millions, in every variety of sadistic slaughter. There is no comparable form of genocide and savagery in all history.

Therefore do we maintain, and have always held, that every German payment for the death of Jewry, every step toward forgetting and toward resuming normal relationships is a crime against the victims and against every Jew on earth. Even if remuneration is accepted, there should be no added aim toward renewed friendship with the Hitler nation, particularly in these days. Such a renewal was unthought of in the dark days. In so short a period since the Hitlerites wiped out a thousand years of Jewish settlement, when the blood of our martyrs has hardly grown dry and the smoke of the crematories still reeks in our nostrils, while our mourning is most poignant, can we venture to seek peace and amity with our murderers?

Shall we now talk of "good Germans" — to our eternal shame?

Who are the intermediaries in this shameful juncture? None other than the rulers of Israel.

Aware of the horror such a union will engender in the hearts of millions of Jews everywhere, they are proceeding slowly and methodically toward their ultimate aim. Ben Gurion himself bared his hand in a radio interview with Joachim Fisher on the Swiss radio.

"I am in favor," said he, "of assuming diplomatic relations between Israel and West Germany. I would be happy to see the international status fully restored."

To Ben Gurion what is past is past. He does not hold the

AN ALLIANCE WITH AMALEK

It is an infuriating and degrading thought to contemplate that we, the Jewish people, are prepared to resume relations with Germany's man-eaters. Jews who have barely escaped with their lives from the German hell are becoming comradely with their own murderers. Hardly a Jew is alive who has not given sacrifices to the Nazi monster — yet peace is to be made with the beast.

How can any Jew again associate with this modern Amalek? Yet diplomatic relations are advocated with those who sought extermination of all the Jewish people.

When, some decades ago, there was talk of ransom money for saving some of the Nazi victims, responsible Jewish leaders refused to have anything to do, even on this basis, with the Nazi assassins. There were some, however, who wished to rescue as many as could be ransomed. The dispute raged between those who were willing to save souls without property, on a "practical" basis, and those who saw no value in the slightest negotation with Nazi filth.

The dispute petered out after a while, among the Jews in the diaspora (including most of those who had been saved from the holocaust) and among the leaders of the new Israeli State, who considered themselves the proper dealers with Germany and legitimate heirs to any reparations to be tendered them.

But there was division on this matter in Israel, nevertheless. During the Knesset debate on reparations from the new Amalek, there were inflamed mass demonstrations and protest meetings. But the pros won the argument, saying they required these moneys for the upbuilding of the new State.

The chief argument against acceptance was that by so doing Israel would palliate the deeds of the monster and in the end assure full rapport between the murdered and his victim. To this the answer was that the relationship would never attain that culmination, social or diplomatic. It would mean no measure of pardon for the atrocities; and the leaders felt aggrieved and insulted that anyone should reach such a conclusion.

But with the passage of time this incredible denouement seems to be taking place in despite. A bond of friendship is being forged with the murderers of the six million, including a million and

We have joined all other groups in rebuilding the Land. We have without stint united in recreating a country for our driven people. But we religious Jews are determined to have a true Land of Israel, a land truly Jewish, with a Jewish life and Jewish basis. It is not to be a mere imitation of non-Jewish nations, but a government of Israel in which one can discern a kingdom of heaven.

We look toward a unique Jewish culture and mode of life, in no way emulating the broken reeds of the west and the east, but a civilization founded on Jewish and Torah sanctities. "Let all the nations of the world see that the name of the Lord is called upon you."

A nation that consents to conduct the Jewish land in accordance with authentic Jewish tradition will always be assured of our Yes.

Any other kind of rule we will support only in matters we are able to agree on. We will not oppose for the sake of opposing. But whensoever our Torah and the principles of our faith are put in jeopardy, we shall exert all our powers and make our own decision as to whether to remain within the government or not.

If the condition of remaining in the government means yielding our right to fight for Torah and principle, we — Agudath Israel — would surrender even a thousand portfolios rather than see a tittle of the Torah desecrated.

Joining the government has as its aim helping to develop and perpetuate our land. But we are convinced that this can only be accomplished through adherence to the Torah and the fundaments of our faith.

After almost two millennia of wandering, weltering among all nations and tongues, we have now been divinely privileged again to possess our own home, with our unique form of living, as established for all time when Moses transformed us into a nation through the Torah he gave us.

To such a nation we shall with full heart ever say Yes.

But to any other form of life or nationhood we shall with full resolution loudly proclaim our No!

(March, 1949)

WE ARE NOT ASSENTERS

As these lines are written the composition of the new Israeli government is not known. It is not clear whether the religious bloc will have a part in it. Nor is it certain what part Agudath Israel will be accorded.

But whatever will be said here is not dependent upon whether the Agudah does or does not join the government. The matter is concerned with the chief declaration of Ben Gurion, that all who are included in the ruling group must be completely loyal to the group and carry on no form of opposition.

It therefore becomes our duty to reiterate: we religious Jews have never been, are not now, and never will be, mere assenters, yea-sayers.

Once in our history we said yes; and this obligation has bound us to the present day, and for all generations. At Mount Sinai our ancestors spoke "We shall do and we shall obey." That was the only time, and the only place, when and where the people of Israel gave their full assent to higher authority. There they accepted the yoke of the Torah — doing, and hearing and obeying. But to say Yes to Ben Gurion — that is unthinkable.

It is our obligation to understand fully and freely express our demands and decisions. We shall not neglect to protest against any injury done our religious principles. We shall not subject ourselves to men and ideas that have discarded our millennial sanctities.

Never shall we accept the chain of assent toward those who have largely doffed the Judaism of the Torah.

In truth the Jewish people have never been a nation of yea-sayers. Never have we been taken in by the blandishments of the nations. Our answer to those who would wean us from our traditions has always been No. We have resisted every effort to transform Judaism into gentilism. Despite all their evil decrees, their persecutions and pogroms, their inquisitions and auto-da-fes, our resolute reply has been Nay.

Our noes have defied all their efforts. Stubbornly and obdurately have we thus maintained the verities of Torah and faith. And with equal stubbornness will we combat the assaults on Judaism in the Holy Land.

gentile chariot, and who also understand that we must return to the true source of Judaism — to these we say, do not remain even in part estranged from your tradition.

Certainly you are seeking a return to Judaism. Then return fully to the Jewish Sabbath, which is a day of rest and holiness, and a witness that the Lord created the world. Once more observe the festivals, the appointed days of the Lord. Open the old prayerbook, the holy Book of Psalms. Learn once more of the greatness of our scholars, mystics, pietists, and moralists. Again accept the spiritual possessions of our people, which have sustained us through thousands of years. Now again let your hearts and minds react to "Hear, O Israel, The Lord is our God, the Lord is One," with which our people gave up their lives for their faith. Acquaint yourselves with the magnificent Jewish past, the profundity of the Jewish Torah, the splendor of the Jewish tradition, and the inner glory of Jewish life.

If you honestly and truthfully seek a return, of which we are assured, do not remain hesitant. Do what your souls desire, and accept all the traditions of Judaism — whose fundaments are belief in God, perpetuation of the Torah, and observance of the faith of Moses and Israel.

(November, 1958)

a truly Jewish work, with actual Jewish content, it cannot compare with the outstanding writings in the world of the gentiles.

Such is the case also with Yiddishist schools, facing a crisis in content and achievement. What happens to the children and their learning? How much Judaism can they acquire in these schools, beyond a bare knowledge of the Yiddish language? How much in the way of Jewish values do they take with them, and how much is retained in their later years?

* * * *

Judaism is not mere literature, mere verbiage, land, or a philosophy. It is a way of life, a connecting link between past, present, and future. It has its foundation in Torah, religion, faith, with a holy Sabbath, glorious festivals, sanctity of the family and sanctity of life. The world at large should learn from us, not we from the world.

The prophet Jonah well expressed the idea: "I am a Hebrew, and I fear the Lord, the God of heaven." This is the Jew, this is Judaism.

Our sages declared that Abraham was called *Ivri,* meaning one who crosses to another side, because "Abraham stood on one side, and the rest of the world on the other." There exists a vast spiritual dichotomy between the children of Abraham, Isaac, and Jacob, and every other nation and tongue. When Abraham sallied into the world at large, it was with no intent to accost its idolatrous aberrations, but to teach the world his own God belief, his own doctrine of the Unity.

When Yiddish authors write about Jews and Judaism, or about Jewish persistence, their work is merely an exercise in fine writing — which by no means can attract and keep the youth. Nor will the chattering about "symbols," tradition, gefillte fish, or Oneg Shbbat, when the last is accompanied by open desecration of the Sabbath, help the situation. The new trend of *Todaah Yehudit* (consciousness of Judaism) in the Israeli school, which is concerned with law rather than conduct, only induces self-deception. It is incapable of saving the youth, so many of whom are being misled by "Canaanism."

We have no counsel for the secularists who persist in their folly. Let us only hope that at some day they will become cognizant of their errors, and that the assurances of the prophets will be realized: "And they shall come who were lost in the land of Assyria, and they that were outcast in the land of Egypt; and they shall worship the Lord in the holy mountain at Jerusalem." But to those who already realize that secularism is merely an unwelcome fifth wheel to the

has long since passed. Only pseudo-intellectuals, men wno have but a rudimentary scientific knowledge, persist in declaring that science is in inevitable conflict with faith. Truly important scientists know that they cannot expound the mysteries of creation except on the assumption of a Higher Power. This explains the recent phenomenon of outstanding men of science announcing their return to religion, recognizing that science and religion are the foundations of the life of the individual and of all mankind.

What then does secularism imply? Are superficial good manners and etiquette a worldly virtue? Is life regulated according to Jewish law and tradition, an indication of hermitism? Is the writing of stories, satires, and mundane matters "cultural," whereas law and commentary and ethical rules as practiced in Judaism are to be adjudged decadent? Is the celebration of non-Jewish fetes and drunken holidays civilized, while praying on the Jewish high holidays in a pure and sacred setting "old fashioned?" Attending theatrical productions of all kinds — is this "modern," as opposed to the "fanaticism" of those who sit over the holy books of the Bible, the Talmud, and other great Jewish literature?

* * * *

All late movements among Jews, whether propagating Enlightenment, so-called, assimilation, plain nationalism, socialism, or ordinary secularism, have the basic intent of misleading Jews out of Judaism. Most of the writers and theoreticians of these movements have displayed one intent and one effort — to convince the Jewish masses of the backwardness of their Jewish world. A glance through general Yiddish literature, from Mendele to Asch, shows an effort to denigrate all the sanctities of the people, while glorifying everything in the surrounding culture and civilization. These writings must have had their effect on many ignorant groups of Jews and upon the young. In the passage of the years, when the gentile world still would not accept them, and they were still alien to the Jewish world they had left behind, bitter disappointment beset them. They were suspended in a void — neither Jew nor gentile.

Best proof of this phenomenon is the fact that the children of all these spokesmen in the secular camp are disinclined to accept the secularist concept, understanding the trend as a surrender to full gentilism.

A further indication of the poverty of this kind of secular literature is proven by the fact that in all America there are never even a thousand purchasers of that kind of Yiddish book. If it be not

But after the fearful holocaust of the house of Israel, when the great and flourishing centers of Judaism, Torah, and nationalist loyalties were destroyed, the entire concept of Jewish secularism became like withered branches with no earthly roots, lacking viability and permanence. Jews always feel an urge toward that which is spiritual, toward the true content and relationships of Israel. In one Jewish prayer, in one chapter of Psalms, one can discover more spiritual nourishment and more contentment and serenity than in an entire library of "modern" Jewish literature.

* * * *

It is a fact of interest that the doubts engendered by secularism were not born yesterday. I still recall conversations with the late Solomon Mendelsohn during our first years in America. He was a cultural leader of Bundism, a pillar of the world movement. He never tired of pouring out his despair over the future of the secularist world he had hoped to build; all was collapsing, with no fundament and no security. With bitterness and profound regret he would exclaim, "We waged such acidulous conflict with you pious Jews in Poland. How I wish I could bring back those years and those Jews of yours! You orthodox Jews then possessed, and have now, even after the holocaust, your God and your Torah on which to rely and which give meaning to your existence. We had nothing and remain with nothing." His words were the outpouring of a truly serious soul, looking on while the world he created was disintegrating.

Yet three decades ago in Warsaw in a personal conversation with Noah Prilutzky, the major protagonist of Jewish secularism, he thus spoke: "How good it is with your believing Jews and your deep and earnest faith. I tell you I am truly envious of you. I regret immeasurably that I hold no such faith. I should like to have your belief, but I find no power in my heart to achieve it." He sought for strength to change, but could not muster it.

* * * *

What is actually meant by secularism? Wherein lies the conflict? And is there in fact a conflict?

If secularism means to be cognizant of the world without, to achieve an active interest in the world community, have there not always been, and are there not still, great numbers of orthodox Jews who possess all these attributes? And did they not remain withal faithful believers in and observers of their religion? The period during which science and religion were — or were reputed to be — inimical

JUDAISM AND SECULARISM

Many who have written concerning Judaism and secularism are themselves in the secularist camp. There is no doubt that these writers are impelled thereto by an inner disquietude. They still suffer over their defection from the sacred world of Judaism.

Not all will openly confess this truth. Many will continue to praise their own worldliness, but there are those whose greater honesty and courage bring understanding of the treasures they have lost and the meager returns accruing from their outlook.

Some of these writers and intellectuals have become penitents. They acknowledge their disillusionment publicly. But they are still not prepared to experience the full implications. Though they know that cutting children off from Torah and faith can leave them suspended in nothingness, they still do not reach out for Torah Judaism and the yoke of the Law.

My writing is prompted by B. Scheffner, an old Warsaw acquaintance and a known writer of Bundist tendencies. His article in the Daily Forward deals with the doubts of Jews who have lost their "security and self-contentment" but now seek our synagogues and a pious environment in which "to warm their spirits." They feel humble in the presence of every pious lad, thinking "This boy is going the straight way, whereas I remain in a state of confusion." Schaeffner continues by saying that "the crisis through which secularists are passing" is their own fault, insomuch as they have not the power to maintain their so-called "beliefs." "They struggle to explain, but turn away shamefacedly, as though they had committed a transgression."

I do not believe Mr. Scheffner is actually free of the doubts and disheartenment which have afflicted so many of his fellow writers. It is apparent that his own doubts are stronger and deeper than can readily be healed, or even palliated, by continued denigration of the eternal faith of Judaism and its sanctities. He well understands that secularism and the radicalism called Bundism were able to achieve a temporary hold on Jewish life because their upholders found themselves in the Jewish milieu of Warsaw; they lived in the great, pulsating Jewish community. From this environment they gained sustenance and maintenance. Then there was the bestial anti-Semitism of the Poles, as well as the poverty of the Jewish masses, their rightlessness, and the daily struggle for bare existence.

the United Nations, some 82 peoples are represented from all parts of the world, of different religions, races, color, cultures, life patterns. Of these, 81 have something in common, and only one nation is an entity by itself. "The entire world on one side and Abraham on the other side"... the "seed of Abraham his beloved" requires a separate blessing.

Even in the attitude of the world towards Jews lies a special quality. It is possible to tolerate us, marvel at us, and at times also sympathize with us, but at the same time our difference is never forgotten. Also the generations-old hatred of non-Jews cannot be explained except for our stubborn claim to uniqueness, integrity, and eternity. An "eternal hatred towards the eternal people."

The "people that liveth alone" is our historical fate, the pride of our existence, and our divine privilege. We are a riddle in the history of nations. There is nothing to compare to a nation's maintaining its existence for thousands of years while scattered in exile and under dark and bloody circumstances. Only divine powers helped us and stood by us to enable the continuation of our physical existence, our moral strength, and our physical courage.

This is the true interpretation of *ata v'chartanu.*

* * * *

With all due respect to Ben-Gurion, we must say that in order to become an expert on Jewish affairs he still needs to learn a great deal, and not Greek and Indian cultures and philosophies. He must return to the Jewish *cheder;* study and become absorbed in our sacred writings, in our history, in our faith in God, in our glorious past and our promising future. Then he would see a new people of Israel, a new land of Israel, bound eternally with the God of Israel.

The reply of Jews to his Brandeis lecture will be received by Ben-Gurion within the next few days — when Jews throughout the world, Ben-Gurion among them, sit down at the Passover *seder,* raise the first *kiddush* cup, and proclaim:

> ...who selected us from all peoples and lifted us up above all tongues and consecrated us with His commandments...for us have You selected and us have You consecrated from all the nations...

(March, 1960)

Ye *are* the children of the Lord your God (*Deuteronomy* 14:1).
For unto me the children of Israel are servants; they are my servants whom I brought out of the land of Egypt; I am the Lord your God (*Leviticus* 25:55).

Our election has nothing to do with privileges of a socio-economic or political character. Never was this concept of distinction used or understood among Jews as a basis for ruling others of lesser degree. Never was it employed by us as a symbol of race superiority but rather as faith superiority and faith purity. Not a chosen race but a chosen faith. Every true proselyte who wished to join with us out of real conviction was received in the Jewish camp as would be a Jew by birth.

Ye shall be holy, for I the Lord your God am holy (*Leviticus* 12:2).
Sanctify yourselves therefore, and be ye holy: for I am the Lord your God (*Leviticus* 20:7).

Our Jewish identification and distinction is holiness;:

holy nation; holy Torah; holy land; holy Sabbath; holy language; Jerusalem the holy city; the house of holiness; holy of holies.

We do not dismiss nor disparage the rest of the world. Others are rich, strong, learned, and replete with achievement. But everything they possess is *secular* and everything we possess is *holy*. Among other peoples there exists knowledge without Torah; among us, knowledge with Torah!

Our entire connection with the Land of Israel is based upon this distinction. The Land of Canaan became the Land of Israel because God chose it to be so. It is regrettable that Ben-Gurion does not know this. King David did know the permanent tie between the people of Israel and the Land of Israel, as he chanted in his divine Psalms:

For the Lord hath chosen Jacob unto himself, and Israel for his peculiar treasure (*Psalms* 135).
For the Lord hath chosen Zion; he hath desired it for his habitation (*Psalms* 132).

If anyone denies the distinct character of the Jew; he denies the connection of Jews with the Land of Israel.

Our *ata v'chartanu* is also accepted by the gentile nations. Not only do we Jews refuse to relinquish this, but the peoples of the world do not wish to. The gentile nations do not recognize that we are the same as they.

"Behold a people that dwelleth alone and is not reckoned among the nations," thus spoke Balaam. Both when Jews kept themselves apart, and when Jews tried to assimilate with their non-Jewish surroundings, the non-Jewish world treated us as separate. In

It is difficult to conceive how a spokesman for the Jewish people has the imprudence to express himself in public with a denial of the words of the Almighty. Has Ben-Gurion never read such passages in the Torah as:

> And the Lord hath avouched thee this day to be His own treasure, as He hath promised thee... And to make thee high above all the nations that He hath made, in praise, and in name, and in glory; and that thou mayest be a holy people unto the Lord thy God, as he hath spoken (*Deuteronomy* 26:18,19).
> And ye shall be holy unto Me, for I the Lord am holy, and have set you apart from the peoples, that ye should be Mine (*Leviticus* 20:26).
> Only the Lord had a delight in thy fathers to love them, and He chose their seed after them, even you, above all peoples, as it is this day (*Deuteronomy* 10:15).

And if one has thumbed through ancient Greek and Hindu history and culture, and even if one be something of an "expert" in Buddhist religion and philosophy — dose this make one a spokesman and authority on Jewish religious problems which are the basic principles of the Jewish people?

What fault is it of the Jewish people that the head of the Government of Israel does not go to *shul* and does not pray, or recite this passage? —

> You have chosen us from all the peoples; you have loved us and wanted us and raised us above all tongues and made us holy with Your commandments and brought us near, our King, to your service; and by Your great and holy Name You have called us.

Should we now close our *shuls,* halt our prayers, repudiate our Torah, surrender our lofty status of past generations, because Ben-Gurion has been tempted to find favor in the eyes of ignorant, assimilated Jews in Brandeis University? If the whole of Jewry accepted Ben-Gurion's philosophy that we are a nation exactly like other nations, how could he demand that they continue to strive for a Jewish people and a Jewish land? The non-Jewish world is so great, rich, and strong, with so many opportunities and with so many open doors to all worldly achievements and pleasures. What is there to restrain the Jew from severing himself from the poor, little Jewish people if one takes from him the feeling for Jewish spirituality and distinction.

Our Jewish *ata v'chartanu,* which the Almighty has bestowed upon us and in which we take pride, has nothing to do with earthly affairs. This is a purely spiritual concept of ours which consists of *Children of God* and *servitude to the Creator of all worlds.*

life and productivity, and exaltation and purity, into Jewish life, do not exist for him.

Ben-Gurion, evidently, is unaware of the fact that while in exile we possessed *tannaim, amoraim,* and *geonim* who illuminated the world. He knows nothing of a Rashi, Maimonides, Abraham ibn Ezra, Nachmanides, Saadia Gaon; of the Zohar, the Ari Hakadosh, Joseph Karo, and Moses Isserles; of a Vilna Gaon and Baal Shem Tov; and of all the *geonim* and holy men in every generation.

Of all this, Ben-Gurion, the omniscient, has no notion. He knows only one great eagle, the free thinker-philosopher from Amsterdam, Spinoza who would deny the God of Israel and whom the sages in Holland were forced to repudiate.

This is the same theory advanced by the English historian, Toynbee, who for that reason has been denounced as an anti-Semite. Now Ben-Gurion repeats word for word the same anti-Jewish "wisdom."

Such words are an affront to the Jewish people, its Torah, its faith and its history, to Jewish martyrs throughout the generations who plunged with a *Sh'ma Yisrael* into the fires of the *auto-da-fe,* a profanation of the martyrs of the crusades and all medieval and modern times.

They who lost their lives understood the meaning of the Jewish nation and its selection. Thanks to them we still exist today as a nation, not inspired by Buddha, Greek mythology, Hindu mysticism, or by Spinoza's pantheism, but by the great and holy Jewish spirits during two thousand years of exile.

3272 years ago, when Jews stood at Mount Sinai, when the entire creation paused and listened, did the Almighty, Creator of the Universe, proclaim Israel a chosen and select people:

> And now if you shall heed My voice and observe My covenant then you shall be to Me chosen of all the nations, for the entire earth belongs to Me. And ye shall be unto Me a kingdom of priests and a holy nation (Exodus 19:5.)

But Ben-Gurion at an assemblage of Brandeis University announces that the Jewish people is not a nation which can claim *ata v'chartanu* — "You have chosen us."

3697 years ago Abraham was thus blessed:

> And I will make of thee a great nation, and I will bless thee, and make thy name great; and be thou a blessing . . . and in thee shall all the families of the earth be blessed (*Genesis* 12:2).
> And Abraham shall surely become a great and mighty nation and all the nations of the earth shall be blessed in him (*Genesis* 18:18).

faith, and its linking Greece and India with the inestimable spiritual treasures of Judaism. We do not know how the cultured non-Jewish world accepted his conclusions. But this we do know. Jews with Jewish sentiment and Jewish consciousness listened with deep revulsion to this senseless denigration of the gigantic contributions Judaism, and the Jewish Torah and faith, have given the world.

It was just as shocking and grating to the Jewish ear when Ben-Gurion, upon expressing high ethical thoughts and moral concepts, continuously quoted Buddha at a time when he could have easily found all this in our divinely written Torah and the Oral Law. For such tremendous discoveries as "All men are equal," that "A woman is on an equal level with man," or that "What a man preaches he must practice himself," it is not necessary for a Jew to roam as far as Buddha. He can readily find them in our sacred writings, in the sayings of our sages.

Is it proper to instruct our youth that lofty ideals and moral concepts derive from non-Jewish sources when our Torah, our faith, and our mode of life are filled with them?

Is this the instruction Ben-Gurion brings from the land concerning which we proclaim, "From Zion shall go forth the Law and the word of God from Jerusalem?" It is also not our wish to take issue with the wisdom Ben-Gurion revealed in Boston as he dismissed Judaism's great spiritual treasury of Jewish works of the last two thousand years. It must be mentioned, however, that every Jewish face turned crimson with shame when the Jewish Prime Minister had the audacity to state the following:

> Since we went into exile, our spiritual life became impoverished and shriveled. Our genius no longer produced anything. We produced nothing but commentaries and commentaries on commentaries... In the seventeenth century there did arise among us a great eagle, Baruch Spinoza, who in the elevation of his thought flew through the heavens, but he was expelled from our midst and cast his light upon others.

Ben-Gurion, the new Jewish "historian," "thinker," "philosopher," "visionary," "prophet," and who knows with what further glories the press has crowned him, recalls nothing of the immense treasures of Torah and wisdom the Jews produced in their millennia of exile. From him, it seems, are concealed the thousands and tens of thousands of sacred works with which the Jewish world has been enriched since Johanan ben Zaccai pleaded with Vespasian, "Give me Yavneh and its scholars." The Sea of the Talmud, interpretation, Kabbalah, speculation, *mussar,* and *chassidut,* which brought so much

WE ARE INDEED A CHOSEN PEOPLE

"The Jewish people is not a chosen people," proclaimed Mr. Ben-Gurion, Prime Minister of Israel, when an honorary doctorate was conferred upon him by Brandeis University. The entire concept, according to his words, is a fantasy with no foundation and no actuality. Says Ben-Gurion, "The Jewish people is like all other peoples and possesses no special distinction."

Were a statement of this sort made by an ordinary person at an ordinary occasion, it would not be worth discussing. It was stated, however, by the Prime Minister at so public and ceremonious an occasion that the entire press, Jewish and non-Jewish, treated it as a final word of wisdom. Therefore, it cannot and may not be permitted to pass unchallenged.

Let us first present quotations from Ben-Gurion himself that are in complete contradiction with the present statement. Here are several:

> We need to know that only in the event that we remain a "spiritually exhalted nation" shall we in time be able to breach the wall of hatred on the part of our enemies . . . All our great teachers have obligated us to be thus dedicated. I believe in the great spiritual mission of our people. I believe that the Jewish people can and must stand morally higher than other peoples." (*The Day,* 2.24.60)
>
> Only by being a "divinely inspired nation," in which every Jew will take pride, — only thereby shall we be able to maintain the love of the people and its loyalty to Israel. (*The Day,* 10.27.1957)
>
> Jews are renewing their land and they will again be God's chosen people, the guide for the world. (*The Day,* 9.29.1957)
>
> We were created for spiritual greatness. "For this were we conceived." We will be a united people if we serve as a light for the nations. (*The Day,* 8.18.1957)

The tragedy of the matter lies in the high position Ben-Gurion occupies. On the part of an ordinary person, it would not have mattered. When such words come, however, from so prominent a figure as the head of Medinat Israel, and thus create the impression that they represent the philosophy of Judaism, they become a matter both grave and dangerous. Naive Jews, and non-Jews, might accept these words as true, whereas they are a falsification of the Jewish world outlook.

It is not our intent here to delve into the entire Brandeis speech, with its mixture of Buddhism, Greek mythology, and Jewish

who is a Jew and what is a Jew. We see in it a revolt against the very existence of our nation, not only from the religious viewpoint but also in the national sense. We see a complete falsification of the historical, original and holy idea of Jew and Jewry, a danger which will cause a split in our Jewish nation, and most terrible consequences.

If this is the "prize" which the leaders of the Jewish state wish to present to the Jewish people on the occasion of the *chag heassar,* we — Sinai Jewry — will hurl it back with all our strength.

(June, 1958)

Jew and who is a Jew. And, indeed, the meaning of a Jewish nation and a Jewish land.

* * * *

This is why Torah Jewry under the guidance of Gedole Yisrael has long discerned, and has so firmly and consistently opposed, Zionism. All becomes ever so clear, if we but recall the founders and architects of Zionism. Its present actions are a mere continuation and materialization of its original intent.

The founders of this "national movement" formulated a seemingly attractive program, listing among its principal objectives the rebirth of the Jewish nation, awakening the oppressed Jewish masses, preservation of the Jewish languages, Yiddish and Hebrew, a Jewish homeland where Jews would be spared the ordeals of anti-Semitism and be permitted to develop themselves freely, allowing full expression and recognition of the Jewish genius.

Yet side by side with such meritorious objectives they placed others which eventually became the main goal — namely, that the "renascent" Jewish nation free itself of its "cumbersome" past and start anew.

In simple words this means discarding all that the Jewish people acquired during the millenia of its existence — Torah and Emunah. In its place they would fashion a nation on a worldly and secular basis. For their physical emancipation from the gentile world, Jews should accept a spiritual slavery. The alien ideologies acquired in the Diaspora should be transplanted to the Jewish State.

Medinat Israel is ten years old. Standing by Har Sinai three thousand, two hundred, and seventy years ago we accepted God's Torah, and with that became a nation. 10 years versus 3270. The Jewish people, and Torah Jews especially, must and will find ways and means to make clear to the present leadership in the State of Israel, that however dear to Jews is the idea of their own state, there is yet something far more dear, important, and holy. That is: our Laws, our faith and our existence as the *Am Yisrael.*

These are the fundamentals which have assured our eternal existence, whether dwelling in our land, the land of our fathers, or whether spread out in *Golus.* They, our laws and faith, are the eternal content in our lives, for which we have in every generation been *mosser nefesh.*

It must be quite clear to all that we Jews do not find ourselves at *Bereshis;* and as a nation certainly not. The Jewish people is old enough and mature enough not to require at this stage to learn

Recently he gave us his definition of who and what is a Jew. "A Jew is one who lives according to Chapter 15 in *Tehillim.* This chapter talks of righteousness, truth, and uprightness, *mitzvos ben adam lachavero* — in modern language, the "ethics and morals of Judaism."

Ben Gurion's definition of a Jew is actually not a new one. He took it, no doubt, from old mildewed Haskalah books. Doesn't Ben Gurion know what happened to the founders of the Haskalah movement? Ben Gurion likes to burrow into history; perhaps he can find out what happened to all the Haskalah preachers, their children and generations. He will no longer find them in the Jewish camp.

And is not the whole spiritual crisis of the present day "worldly" Jews, and the moral crisis of the "worldly" Israel youth only a result of stamping out every spark of *Emunas Hashem,* every bond with the Law of Moses and traditions of Yisrael?

Certainly the words in Tehillim are holy and fundamental for every Jew and believer. But this is only a part of Yiddishkeit. There is yet another part in the Torah to which every Jew is under obligation. That is the *mitzvos ben adam l'makom.* Why does not Ben Gurion open to chapter 105 and there read:

> "For He remembered His holy word unto Abraham His servant; and He brought forth His people with joy, and his chosen with gladness: And He gave them the lands of the nations, and they inherited the labor of the people; that they might observe his statutes, and keep his laws."

And how can he after such sentences declare that, "Medinat Israel cannot be built according to the statutes of the Torah?"

And if he does quote, why not from Nehemiah, chapter 10:

> "They clave to their brethren, their nobles, and entered into a curse, and into an oath, to walk in God's law, which was given by Moses the servant of God, and to observe and do all the commandments of the Lord our God and His judgments and His statutes; and that we would not give our daughters unto the peoples of the land, nor take their daughters for our sons."

And why not translate from *Parshas Kedoshim*:

> "And keep you all My statutes and all My ordinances and do them; that the land whither I bring you to dwell therein may not vomit you forth. And ye shall not walk in the custom of the nation which I cast out before you; for all these things they committed, and therefore I felt loathing for them."
>
> "And you shall be holy unto Me, for I the Lord am Holy, and I have separated you from the nations, that you should be Mine."

Now it becomes a little clearer what is the meaning of a

Interior, Bar Yehuda, of the left-wing Achdut Haavodah. "We are living in a modern state in the twentieth century," he declares, and "this is not compatible with outmoded ideas and *halachos.*"

That Ben Gurion is, apart from his difficult and responsible roles of Premier and Minister of Defense, a *yodea hakol,* an absolute authority and specialist on all matters, and a *posek* even in matters of *halacha* and religion, has long been known. Possibly he obtains his knowledge of Yiddishkeit from the ancient Greek sources in which he burrows. Now, the Achdut Haavodah has become jealous of Mapai and wants to set up its own *posek.* And its Minister has clearly ruled its first new *halachah*: every goy is a "Jew" if he only takes the trouble to say so. In this manner the troubles and problems of the thousands of non-Jewish wives and children, who are being brought into Eretz Israel by the Jewish Agency with the use of public funds, will conveniently be solved.

What are the motives of the *mafirei habris* with their absurd "rulings"? It is perhaps the greatest danger which we Jews have had to face — ever! The greatest danger to our nation; to our purity, our religion, our faith. They wish to change the whole form, the whole content and soul, of the Jewish people. And this they attempt in the name and with the authority of Eretz Yisrael.

One must realize that this is not a matter of a simple detail. It is a question of *kol hatorah kuloh* and *Am Yisrael kuloh*; a planned attack on Torah and the people of the Torah; on the Yishuv in Eretz Yisrael and Jewry in every corner of the world; on the present generation and all generations to come. They wish to confuse the Jewish nation that it not be possible to discern between a Jew and a "declared Jew." It is a terrible situation, the like of which has never been known in the whole history of the Jewish nation.

* * * *

Is this supposed to be the much-sung *kibbutz goliyus?* To create a situation in which, after a generation or two, it will not be possible to tell who is who? All will become, according to this ruling, kosher "Israeli Jews," who will speak *Ivrit* and live a life of *Kodem Mattan Torah*...

Ben Gurion, the Premier, whose word is decisive in the State, should have realized the danger and damage which such reforms could bring for *Am Yisrael* and *Medinat Israel.* Instead, he adds fuel to the flames. "Religion has ceased to be the bond which unites Jews." "Medinat Israel cannot be built according to the statutes of the Torah." These and similar declarations he continues to make in the Knesset,

WHO IS A JEW?

Who is a Jew? Such a question seems superfluous. A Jew is a Jew! What could be simpler, clearer, and more logical? There are times, however, when even the simplest ceases to be simple and the clearest thing loses its clarity. Moments come when even the light of the mid-day sun becomes darkened by clouds. And even such a clear, simple logical matter as who is a Jew, in our times starts to become obscure and complicated.

This has been seen to for us by the Government of the Jewish State. The *chachamim* and *yod'eh binah* in Medinat Israel keep the Jewish people regularly supplied with problems. And so they have thrust at us yet another "complicated problem": Who is a Jew? In simpler words: To be a Jew must one really be a Jew, or can one be a full-fledged gentile and still "be a Jew"...

For generations we have known and from the day we became a nation, we not only knew *who* was a Jew, but also *what* a Jew was, what *zechusim* he carried with him, and what obligations he had. It was clear to all of us that every child born a Jew was a Jew. According to the Torah, every child born of a Jewish mother was also a Jew. A *ger tzedek* can also be accepted into *Klal Yisrael.* That means a non-Jew who accepts Judaism out of pure conviction in the Jewish faith. He is proselyted by circumcision, immersion in the mikvah, and by accepting the yoke of Torah and Mitzvos.

Certainly, a proper Jew is one who is a believer in the Creator of the universe and a *shomer Torah umitzvos.* The one who is not can be called *chote, poshea, avaryan,* even *mumar l'hachis,* but he does not shed his Jewishness.

That is how it was for generations. But the Jewish state, it seems, cannot accept the *pesak* of generations. The state which should have as its aim the strengthening of Yiddishkeit and guaranteeing the identity, content, and existence of the Jewish people, wishes, through its present leaders, to root out the Jewish foundations and break down the walls of the House of Israel. From now on a Jew need not be born a Jew, or become a proselyte, but any person — Jew or non-Jew — who declares himself a Jew to the state official (even when the official knows him to be a gentile) becomes officially recognized as a Jew. This ruling was announced by the Minister of

and holiness, can the coming generations be saved for Judaism, now and forever.

The principle of doing good has its corollary, turn from evil. Success in fighting for Torah and against its false counterparts is dependent upon the dictum, "Thou shalt burn the evil from out of thy midst." The secularists and sectaries must be fought; their hold upon Jewry must be loosed. They are a cancerous growth in the body of Judaism, and should be excised. That any should accept them as the actual leaders of Jewish life is a peril to the continued life of the faith and the people of Israel.

The people of Israel cannot persist unless it remain also the people of God.

What is the aim of Agudath Israel? To bring back the reign of Torah in Jewish life, to free the Torah from the freethinking and exilic thinking of its opponents. The young must be taught once more that our nation is not a nation except through Torah. The camp of Israel must again become the camp of the Divine Presence. To this end the Holy Ark and the Holy Scroll are to become again the focal point of Jewish living.

(May, 1944)

Israel, the actualities and content of Jewish life. In the name of "emancipation" and security, they intruded strange ideas and ideals into Judaism, with the result that large sectors of the people, particularly the youth, repudiated the basic truths of our existence as Jews — Torah, faith, belief. They rebuilt their lives on secular foundations — "Let us be like all the nations, O Israel!" Reformers, open or secretive, popular and social leaders, began to take ruling positions in the community. Their spreading influence virtually dissipated all that was spiritual, ethical, and Godly in Jewish life.

At that time, when such influences were annulling the divine unity of the people of Israel, and replacing the singleness of the people with heretical and divisive groups, there came the call of the true leaders of Israel to unite against the destructive forces assailing the souls of Jewry. There was to be one mighty worldwide organization — Agudath Israel.

It is well to recall the purpose of the Agudah.

We who are part of the organization did not create any new ideology or form of life. Sinai was our eternal inspiration; God's Torah was to serve us through all generations; the fountains of "living waters" were to sustain and nourish us in all places and in every circumstance. We Jews do not require un-Jewish cultures, which in many cases are but poor crumbs from the Jewish table.

Agudath Israel came into being to proclaim once more that our Torah and our faith are eternal, as attested through thousands of years while the people lived only through and because of the power of Torah over their lives. There can be no Jewish people without Jewish Law, without Judaism. Nor can there be any Judaism without Torah, without the verities and beauties of Judaic legislation and practice.

All the new forms and philosophies of Judaism are but substitutes, incapable of keeping Judaism alive. They dwindle away in the face of opposition or temptation. They regularly prove themselves unavailing and bankrupt. That admission comes from many of the sectarian leaders. Their temples and educational institutions are powerless to sustain future generations. The youth educated in the modern Torah-empty ways, develop no roots in the Jewish past or future.

Jews have their God, their Torah, their tradition. "Children are ye of the Lord your God." Jewish continuance is bound up with God and His Torah. Only with Torah and mitzvot, with faith

AGUDATH ISRAEL AND ITS AIMS

There are many matters readily understood, yet they must be mentioned again and again, because — as the author of the *Mesillat Yesharim* has stated — on account of their very simplicity and manifest truth they tend to be overlooked and forgotten. Hence the need for reiteration.

One of these important but self-expounding facts is Agudath Israel.

For there is hardly a Torah-true Jew with the slightest doubt or ambiguity concerning the intellectual supremacy, the soundness, or the importance of this movement.

At one time all our people constituted a single huge Agudath Israel. Jews of the whole world, no matter how widely scattered, had the same resources and unity; they would not yield to assimilation or commingling, but clung to the dictum, "Their laws are different from those of all the peoples." Jews lived in many lands, under various conditions, east, west, south, north — always retaining full consciousness of their essential unity as children of Israel. No boundary lines, neither the sea nor the desert, could deprive them of the feeling of cohesion and kinship to their own. Whether in Poland or in Africa, in Israel or Australia, they always thought of themselves as brothers. They maintained the same Sabbath and holiday observances, the same dietary laws, the same kind of synagogue and prayerbook, the unchanged family life and loyalty. The Torah was their constitution; the Shulhan Arukh regulated all phases of their lives; the individual and the group did not differ.

When a group did arise in the endeavor to break away from their duties to their people and their faith, they were presently completely lost to Judaism. There were Sadducees, Karaites, Samaritans, Sabbetarians, Frankists, and others; but hardly a trace of any of these remains.

Every Jew knew that Jews throughout the world formed a single nationality, with one Torah and one God.

But a century ago there began the defection of various groups of deniers and heretics. They gathered to form movements, fully organized. They systematized their denials and their heresies, and projected their new philosophies as a way of life for all Israel.

The rebellious ones set out to alter the entire countenance of

were expanded, and new ones established. The Beth Jacob schools provided tens of thousands of Jewish girls with a full religious education. Teachers' seminaries were brought into existence. Newspapers and other periodicals began publication, designed to implant the old loyalties in youthful hearts. Educational, economic, and spiritual leadership was assured to every community that could be reached.

There were advances in every need of the traditional Jewish communities, with encouragement and moral assistance from the world Agudah movement. The most significant achievement of the movement was the final liberation of normative Judaism from the clutches of those persons intent on altering the Jewish physiognomy, spirituality, and sanctities, in an effort to transmute the Jews into imitations of their non-Jewish environment.

The people were freed of the galut mentality and attempted leadership by men who were Jews only by birth and not by deed. Their profound feeling that a tradition sanctified by the ages must not be disrupted by such men was powerfully reinforced.

It must not be forgotten that such vast achievement, physical, financial, and spiritual, was not easy of attainment, particularly with the opposition encountered from all sides. Whatever has been accomplished is due to the stubborn efforts and sacred enthusiasm of Jewry's masses; the firmly maintained principles of the leaders; and the practical knowledge of scholars who passed all judgments on the basis of the established laws and traditions of their faith and their people.

Those of us who have remained faithful through all these years to our ancestral beliefs and observances will now look back gratefully to the year when the Agudah came into being, as they behold the unifying and creative results in the Jewish fold. Let us contemplate the present status of Judaism, following the European holocaust and the emergence of the State of Israel under largely secularist auspices. The peril remains. Now more than ever is it incumbent upon all loyal Jews, who wish to assure the existence of Judaism through future generations, to work with and through the Agudah for their time-honored sanctities.

It is becoming increasingly clear that every separatist movement in Jewry debilitates Torah Judaism. Now more than ever must pious Jews singlemindedly reinforce the authority of that traditionalism without which our people can have no assurance of continued existence.

Had not the Agudath Israel been created almost half a century ago, our increasingly difficult situation would have necessitated its creation in the present day.

(May, 1957)

3. Establishing that Torah is the basis holding Judaism together, the focal point of all Jewish life, like the tabernacle in ancient days. As all the tribes took their stand about the holy structure then, so must all Jews today, singly or collectively, look upon the ark of the Law as the center of their life and striving.

4. Reiterating the unique character of the chosen people, their faith and ways of life, to which all efforts to reconstruct Judaism after new fashions are alien; that in brief Judaism cannot perpetuate itself except on the belief that God, Torah, and Israel are one.

There was great need for creating the new organization, because the dangers besetting Judaism were immediate and pressing. Negators of tradition, proponents of foreign ideologies, were overwhelming the Jewish masses through the written and spoken word, through schools and houses of worship emulating the environment, through vast media of propaganda. Jewish youth not sufficiently educated and oriented were easy victims to the heresies.

The danger was all the greater because of the attractiveness of the slogans and fine phrases with which the deviationists were seeking to attract the uninformed. There was much talk about "folk, language, and land," "social justice," "equality for all" — all divested of their original Jewish content, utterly de-spiritualized. Further confusion was created when even some religious Jews were misled by "nationalist" secularists. Thus did the latter gain ingress into traditional Jewish circles, causing devout believers to fail to distinguish between truth and falsity.

Ways had to be devised wherewith to reestablish Jewish life upon its immemorial fundaments. This effort required the joint labors of all sentient and undeceived upholders of the ancient verities. And thus did the World Agudath Israel come into being.

The wisdom of the new project quickly became evident. The Agudah showed its mettle soon after World War I. Through its activities communities everywhere found themselves strengthened and aided by collective organization. Three congresses — in 1923, 1929, and 1937 — revealed the powerful hold of the Agudah upon religious Jewry. Virtually every outstanding Jew of learning and leadership — with only minor exceptions — took his place at its helm.

To comprehend the power and efficiency of the Agudah, one has only to note the upswing in Jewish loyalties during the years between both World Wars. From 1918 to 1939 the Nazis began their propaganda and maneuvers which were to bring about the destruction of millions of our people. To counter this almost fatal assault on Jewish continuance, remaining institutions of Jewish learning

REMEMBERING KATTOWITZ

As these lines were written, in 1957, it was forty-five years after the eventful meeting in Kattowitz, when an independent worldwide organization of religious Jewry was created. This was the Agudath Israel.

Three years before, distinguished orthodox leaders had gathered in Homburg to discuss the social, political, and spiritual status of world Judaism, and to arrange for the ultimate conference. Those who attended both gatherings comprised the elite of Torah Judaism. Among them were Rabbi Chaim Soloveitchik of Brisk, the Rebbe of Ger, Rabbi Eliezer Rabinowitz of Minsk, Rabbi Eliezer Gordon of Tels, Rabbi Chaim Ozer Grodzensky of Vilna, Rabbi Solomon Breuer of Frankfort, and Rabbi Isaac Halevi. Rabbi David Friedman of Karlin, and the Lubavitcher Rebbe sent their personal representatives. The orthodox organization of Galicia was represented by Rabbis Nahum Weidenfeld of Dombrowa and Rappoport of Tshartkov. The corresponding Hungarian group sent its president, Abraham Fraenkel. Chief movers of the organization were Rabbis Jacob Rosenheim and Isaac Halevi.

It was in June of 1912 that delegates arrived in Kattowitz from Poland, Russia, Lithuania, Eretz Israel, Germany, Rumania, Hungary, Great Britain, Austria, Galicia, Switzerland, France, Czechoslovakia, Belgium, Holland, Australia, Denmark, and the American nations. It was in 1923 that the first colossal congress (Knessiah Gedolah) of the Agudah took place in Vienna.

The congress delegations comprised hundreds of rabbis, yeshivah heads, and lay leaders of traditional Judaism. Their one and only thought was to strengthen Torah Judaism among the people of the Torah. Thousands of guests joined the deliberations. No more faithful and enthusiastic gathering of religious Jews had ever before taken place.

The discussions revolved about four outstanding problems.

1. The peril of the spread of freethinking among the Jews, under the spur of new secular movements. There was a tendency on their part to monopolize the right to speak for their fellows, including traditional and observant Jews.

2. The matter of uniting Torah Jews throughout the world, so that they might form a powerful organization capable of being heard as the true expression of the teachings first promulgated at Sinai.

There can be no Jewish Nation
Without the Torah.

(*Saadia Gaon*)

FOREWORD

ב"ה

The Jewish people is the people of the Torah.

In our Torah, transmitted by G'd to Moses on Mount Sinai, it is clearly asserted that Israel is the chosen and eternal people.

The Agudath Israel world movement, founded fifty years ago by the greatest Torah authorities of that generation, proclaimed as its primary purpose the strengthening of our belief in the Almighty, our statutes, and the Jewish traditional values — thus maintaining the uniqueness and originality of Israel as the people of the Torah.

For many years I have had the privilege of serving Agudath Israel. My writings have been based upon the ideals of this movement and the belief that G'd, Torah, and Israel are one. Although originally written in Yiddish, many of my articles have been translated and published in Hebrew and English.

The present volume is a collection of essays I deem of major importance. I consider it essential that several articles, on the fundamental principles of our Torah, be rendered into English for those most familiar with that language.

Before the Hitler holocaust in Europe, Agudath Israel was the movement which comprised the major part of orthodox Jewry. Whatever weakness now exists in orthodox Jewish life is due to the fact that Agudath Israel has not as yet been able to extend its full influence into all segments of religious Jewry.

I trust that the material in this book will help arouse orthodox Jewry to greater awareness and better understanding that the aims of the people of the Torah can yet be realized through the united efforts of all Torah Jews. This has always been the ideal and objective of Agudath Israel, and of the great religious authorities who founded the movement.

B. W. H.

New York 1961
(5721)

CONTENTS

Foreword	5
Remembering Kattowitz	7
Agudath Israel and Its Aims	10
Who Is A Jew?	13
We Are Indeed A Chosen People	18
Judaism and Secularism	24
We Are Not Assenters	29
An Alliance With Amalek	31
Salvation and Hope	34
Passover — Sefirah — Shavuot	37
Great In His Generation *(The Passing of the Brisker Rav)*	40
Moreinu Reb Yaakov Rosenheim *(On the Occasion of His 90th Birthday)*	45

Author:

RABBI BENJAMIN W. HENDLES

860 Eastern Parkway

Brooklyn 13, N. Y.

Printed in the United States of America by

BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.

BROOKLYN, N. Y.

עם התורה

THE PEOPLE OF THE TORAH

PROBLEMS OF TIME AND ETERNITY

SELECTED ESSAYS

by

RABBI BENJAMIN W. HENDLES

New York

1961